STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06565

ZIKHROYNES UN HEZSHBOYNES

Abba Gordin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אבא גאָרדין

זכרונות און חשבונות

(מעמואַרן פון דער רוסישער רעוואָלוציע 1919-1924)

צווייטער באַנד

בוכגעמיינשאַפט
ביי דער
יידישער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט
בוענאָס איירעס, 1957

מיין יישר־כוח די חברים פון דער בוענאָס
איירעסער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט
פאַרן מתעסק זיין זיך מיט מיין ווערק.

א ב א ג אָ ר ד י ן

דעם 19טן סעפטעמבער 1957.

אינהאַלט־פאַרצייכעניש

I אַ טאָג טויזנט יאָר — 5

II די מעשה אין שמואל א׳ — 6

III באַנדיטיזם — 7

IV די דיכטער — 8

1) גרעסער פון... — 8; 2) קאַפּע פון די פּאָעטן — 9; 3) קלאַנגען און ווערטער — 12.

V אין שפּיטאָל — 13

1) בענדזשעמין טאַקער — 13; 2) קוליעס — 14; 3) דער גענעראַל מאַנט יושר — 17.

VI דאָס הויז פון אַנאַרכיע — 21

באַזוכער נומער איינס — 23; באַזוכער נומער צוויי — 26; באַזוכער נומער דריי — 31; באַזוכער נומער פיר — 36; דער סערב — 41; צוויי באַזוכערס — פרייגט — 44.

VII די צוויי ווילעס — 57

1) באַקעטאָווס הויז — 57; 2) מאָראָזאָווס הויז — 62.

VIII די טעגלעכע צייטונג — „אַנאַרכיע" — 69

1) אַ פּאָר איינלייטנדיקע ווערטער — 69; 2) רעוואָלוציע ווי אַ שעפערישער פּראָצעס — 69; 3) צום פערטן צוזאַמענפאָר פון די סאָוויעטן — 71; 4) שיסערייען — 75! 5) ווידער שיסערייען — 76.

IX אַפּריל 12־13, 1918 — 79

1) מיין באַזוך אין מאָסקווער סאָוויעט — 79; 2) אַנטוואָפענונג — 83; 3) אַרעסטירט — 92; 4) אין קרעמל — 99; 5) אין וואַכטהויז ביי די לאַטישן — 104; 6) צווישן לעבן און טויט — 108; 7) איין נאַכט פון טויזנט — 114; 8) איך האָב זיך געראַטעוועט — 123; 9) איך קאָאָפּעריר ניט — 127; 10) זאַקס פירט מיך אָפּ — כאַדונאָוו דערשאָסן —133.

X מיינע אַרטיקלען — 137

1) נידערטרעכטיקע פּאַרלוימדערס — 137; 2) די אַנטוואָפענונג — 140 3) אַ פּאָגראָם — 143; 4) צום אָנדענק פון חבר כאָדונאָוו — 145; 5) דערקענען אָדער קאָנפראָנטירן — 147; 6) די רעאַקציע — 148; 7) די אָנדערקענונג פון דער סאָוויעטנמאַכט — 151; 8) צום ערשטן מיי — 154; 9) ערשטער מיי — 157; 10) אַמניסטיע — 162; 11) פרידן אָדער קריג — 164; 12) די לעקציע — 166 13) לעגינס רעדע — 169; 14) די גרויזאַמע שעה — 172; 15) אַנאַרכיע — פאַרבאָטן — 176.

XI איך מעג בענטשן גומל — 178

XII צוויי מאָל דערשיסן — 181

XIII דער האַרטער מענטש — 185

XIV דער סאָציאָטעכניקום און זיין הינטערגרונט — 192

מיר זוכן אַ מאָדוס וויווענדי — 192; 2) מיר דעבאַטירן אין 1909 — 195; 3) אונדזער חדר „עבריה" — 196; 4) „קאָסמיזם" —199; 5) „יונג־פּעדאַגאָגיק" — 202; 6) אַפּאָרמיזם — 204; 7) דער טרעבער

פון אַפּאָרמיזם — 206; 8) די פאַלשקייט פון די עקספּליקאַטיון — 207; 9) סאָציאָ־מאַגיק און סאָציאָ־טעכניק — 210; 10) „אַנאַרכיע פון גייסט" — 212; 11) „אַנאַרכיע אין פאָרשטעל", „אינטעראינדיווידואַ־ליזם אין קולטור" — 214; 12) אונדזער אַרעסט — 215.

XV לעגאַליזאַציע — ניט קאָלאַבאָראַציע — 225
1) די די דעקלאַראַציע — 225; 2) בלייכמאַן — 227; 3) די שליטע־לעך סוכאַרעווקע — 234; 4) די וואַלן אין מאָסקווער סאָוועט — 238; — 5) פּאָליטישער באַנדיטיזם... — 244); 6) קלאַסן און טיפּן — 250; 7) אַרעסט — 255; 8) אין געפענגעניש: א) דער קאָמענדאַנט זאַכאַרין — 259; ב) מאַראָזאָוו — 263; ג) קערענסקי — 266; ד) דע פראָפונדיס — 273; ה) מיינע דינע געלענקן — 275; ו) מאַקסימאַ־ליסטן — 277; ז) פיר מאָל שיר ניט דערשאָסן — 280; ח) פעטישיזם פון רעכט — 283; ט) מיינע הכנות — 283; 9) מיט וואָס פאַרנעמט איר זיך? — מיט גאָרניט — 293.

XVI אַלעקסיי א. באָראוואָי — 298

XVII דער פּאַסטעך — 302

XVIII אינטעראינדיווידואַליזם — 306

XIX אַנאַרכאָ־אוניווערסאַליסטן — 308

XX איך וועל אייך אַרעסטירן — 312

XXI די באַפרייטע — 316

XXII די שפּאַלטונג — 319

XXIII אינטעראינדיווידואַליסטן — 325
1) פּאַנאָפּטיקום — 325; 2) אַ מיתה משונה — 327; 3) אונדזער דירה און זשורנאַל — 330; 4) אַ פּראָגראַם: א) דער טרעגער — 336; ב) אַרבעטער־דעמאָקראַטיע — 339; ג) אוזורפּאַציע פון די אוזורפּאַטאָרן — 341; ד) עקרירמענט — 243.

XXIV ליעוו טשאַרני — 361

XXV אונדזער נעפּ — 369

XXVI דער צענזאָר — 371

XXVII אונדזער טעאַטער — 376

XXVIII די דעבאַטן מיט וועדענסקין — 381

XXIX עגאָטיקע — 386

XXX משהקע קומט און אַנטלויפט — 390
1) משהקע קומט — 390; 2) טראָצקי — 395; 3) משהקע אַנטלויפט... — 404.

XXXI סאָציאָלאָגישע עקאָנאָמיע — 409

XXXII בוכאַרינס הספד — 413

XXXIII מאַנאַרכיע און דיקטאַטור — 420

XXXIV געקליבן גראָשנס — פאַרברענט דאָלאַרן — 421

XXXV קום, לאָמיר ביידע אַנטלויפן — 425

XXXVI דאָס טראַגישע און דאָס קאָמישע — 428

XXXVII מיר פאַרלאָזן מאָסקווע — 438

XXXVIII אַ „רעוויזאָר" — 441

XXXIX אונטערוועגנס — 444

XL קיין סיביר — 449

XLI זכות אבות — 454

I

אַ טאָג — טויזנט יאָר

איך ליג אין בעט אויפן רוקן און איך קען זיך קיין ריר ניט טאָן. די הויט פון רוקן האָלט אין איין אָפּקריכן; זי שיילט זיך. מע דאַרף דעם רוקן וואַשן און איינרייבן מיט אַלקאָהאָל. די נאַניע טוט עס אַ טאָג איבער אַ טאָג; זי איז ווי אַ מאַמע צו מיר, ווי איך וואָלט זיין איר איינציק קינד. זי איז אַ פּשוטע פרוי פון דאָרף אַרויס. זי באַזיצט אָבער גאָלד אין האַרצן. זי פאַרמאָגט אַ סך, גאָר אַ סך, גוטסקייט. זי איז די פאַרקערפּערונג פון דעם דערהויבענעם און איינפאַכן, וואָס עס געפינט זיך אין דער פון טאָטערישע פלעקן ריינער רוסישער נשמה. איר פּנים — אַ פולע לבנה. זי איז אַלעמאָל אַ צופרידענע, אַ שיינענדיקע, אַ לויטערע, אַ דורכזיכטיקע, אַ באַלאַנסירטע, אַ רואיקע. זי טוט איר אַרבעט בשלימות מיט איר גאַנצן מהות. זי פאָדערט פון פאַציענט קיין זאַך ניט אויסער זיך בעסערן, און ווען ער טוט עס פון זיינעטוועגן און אירעטוועגן, קוועלט זי אָן מיט נחת. ער מאַכט זי, בפועל ממש, גליקלעך.

איך ליג. וויבאַלד די פיס באַוועגן זיך ניט, די הענט באַוועגן זיך נים, „זיי ליגן עפּעס ווי אין קימפּעט", באַוועגן זיך די מחשבות פאַר זיי אַלעמען, פאַרן גאַנצן גוף.

פאַרשיידענע געדאַנקען פאַלן מיר איין; זיי קומען אַרויף ווי פון זיך אַליין, אָן קיין באַזונדערער כוונה. איך האָב האָלט געדאַנקען אומדיסציפּלינירטע, געדאַנקען, וואָס ציען זיך, ווי וואָלקנס איבערן הימל, אָן קיין באַזונדערן באַשטימונגספּלאַץ, וואָס גייען אַרום פראַנק און פריי און ווייסן ניט פון קיין עול.

אין אַזאַ אימפּעטיקער צייט, ווען אַלץ אין לאַנד קאָכט און זידט, שוימט און בלעזלט זיך, ווען אַלץ שמעלצט און שמעלצט זיך איבער און גיסט זיך אָפּ אין אַ נייעם פורעם, אין אַזאַ פאַרעסקטעטער צייט צו זיין געצוואונגען, — צוליב עפּעס אַ וואונד, צוליב עפּעס אַ צעבראָכענעם ביין, אַ צעמזיקטן פוס, — צו טאָן בפועל ממש גאָרניט, צו ליגן און קוקן אויפן פולאָפּ — איז גיהנום, איז די גרעסטע אָפּקומעניש. עס הייבט דיך כמעט פון אָרט, עס שלעפּט דיך, ממש, פון בעט, און דו ליג אין געהאַקטע וואונדן — איז דען פאַראַן אַ גרעסערע אָפּקומעניש?!

מיך פאַרדריסט ביז צום וויינען, וואָס איך האָב זיך איינגעעקשנט און ניט געפאָלגט קאָמעראַד באַרמאַש, וועלכער האָט זיך געבעטן ביי מיר, איך זאָל אָוועקגיין פון דאָרטן. די אַרבעטער דערוואַרטן מיך אויף זייערע מיטינגען, — האָט ער מיט מיר איינגעטענהט.

ביי דעם רבונו של עולם איז טויזנט יאָר איין טאָג, „כי אלף שנים בעיניך כיום אתמול" (תהלים, צ' ד'). אין דער געשיכטע, אָבער, זיינען פאַראַן צייטן, ווען איין טאָג האָט די חשיבות־וואָג פון טויזנט יאָר. איצטער. אין אָט־דעם ווירבלווינט פון צעשטערונג און איבערבוי, צו „ליגן" פוסט און פאַס — איז דער גרעסטער פאַרברעכן קעגן זיך און קעגן דער רוסישער גרויסער רעוואָלוציע.

איך האָב זאָרגפעלטיק, מיט מסירת־נפש, באַאַרבעט דאָס באַוואוסטזיין־פעלד פון די מאָסקווער אַרבעטער. איך האָב פאַרזייט אַ היפשע צאָל אידייען; דער באָדן האָט די זריעה גערן אויפגענומען. די קערנדלעך האָבן זיך פיין צעוואַקסן. אַצינד איז געקומען די צייט פון שניט. די אַבסטראַקטע געדאַנקען נעמען זיך אַנקליידן אין רייפער תבואה. מע דאַרף זי שניידן און אָפפירן אין שייער פון טאָג־טעגלעכן לעבן.

אַ היפשע צאָל ווילעס פאַרנומען, אַ צאָל פאַבריקן און ווערקשטאַטן האָבן די אַרבעטער איבערגענומען; איצטער איז די צייט צו זען, אַז די פאַבריקן זאָלן זיך ניט אָפּשטעלן, אַז זיי זאָלן פונקציאָנירן ווי ס'באַדאַרף צו זיין און מאַכן אַ פאָר שריט פאָרויס, זיך פאַראייניקן אַזוי, אַז עס זאָלן געשאַפן ווערן אַרבעטער־טראַסטן און אַנדערע ענלעכע ווירטשאַפטלעכע אַסאָסיאַציעס.

אָט־די געדאַנקען זיינען צו ווייטיקדיק זיי פאַרצוזעצן און איך נעם זיי פאַרקירעווען אַנאַזיים.

II

די מעשה אין שמואל א'

איך נעם אַנאַליזירן מיין געשפיר־וועזן. טאַקע אויף טשיקאַוועס, עס איז אינטערעסאַנט צו וויסן ווי האָב איך געפילט, ווען איך בין געלעגן שווער פאַרוואונדעט, פאַרלירנדיק בלוט אין אַ מאָס, וואָס האָט באַדראָט מיין עצם לעבן, און דאָס באָמבאַרדירן און קנאַלן און קראַכן פון שווערער אַרטילעריע האָט אָפּגעהילכט מיט אַזאַ רעש און געפילדער ביז טויב צו ווערן. אדרבא, וואָס האָב איך געטראַכט דעמאָלט, געפינענדיק זיך אין אַזאַ דערליקאַטן צושטאַנד? איך האָב ניט געטראַכט וועגן מיין אייגענעם לעבן. מיין אייגן נפשל האָט מיך ניט אינטערעסירט. וואָס איך בין געוועזן נייגעריק, כמעט דאַרשטיק, צו וויסן, דערוויסן זיך, איז געוועזן ווער ס'זיגט. אָט־די פראַגע האָט געעקבערט מיר אין מוח. עס זיינען פאַראַן ביי דעם מענטשן טייערקייטן, וואָס ער שאַצט זיי העכער פון זיין אייגענעם לעבן. אַזוי איז אַ מוטער ווויליק זיך מקריב צו זיין פאַר איר קינד, און די מוטער מעג אַפילו געהערן צום קיניגרייך פון בהמות, חיות אָדער עופות.

ווען איך האָב, שוין דערוואַקסענערהייט, זיך פאַרגונען צו זיין קרי־

טיש און אָפּפרעגעריש אַפּילו צו די „הייליקע שריפטן“. פלעגט מיר שווער זיין אויפצונעמען די מעשה, וואָס האָט זיך מיר געבאָמבלט אין קאָפּ פון די גאָר פריע קינדעריאָרן און ניט געוואָלט אַרויס פון זכרון. די מעשה אין שמואל א׳ וועגן דעם כוהן עלי און זיינע צוויי זין, חפני און פנחס, און זיין שנור. דער קינסטלער מאָלט אַזוי, אַז דער אומגליקלעכער פאַקט, וואָס דער ארון איז געכאַפּט געוואָרן פון די פלישתים, האָט געווירקט אויפן כוהן עלי מער דערשיטערנדיק און דערדריקנדיק, ווי דאָס, וואָס זיינע ביידע זין זיינען דערהרגעט געוואָרן אין שלאַכט. איך האָב פיל מאָל ביי זיך געטראַכט, אַז דער שרייבער־דערציילער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס; ער האָט צופיל אידעאַליזירט דעם פּריסטער. ער האָט אים אָפּגעמאָלן אַזוי, אַז זיינע געפילן פון אַ פאָטער טרעטן אָפּ אויפן צווייטן פּלאַץ; דעם ערשטן פּאָרנעמט זיין איבערגעבנקייט צום ארון. ער איז קודם כל אַ גאָט־דינער און ערשט דערנאָך אַ טאַטע צו זיינע קינדער.

ליגנדיק איצטער אין בעט און איבערטראַכטנדיק און אונטערזוכנדיק מיינע רעפלעקסיעס און רעאַקציעס, האָב איך איינגעזען אַז דער קינסטלער, דער מחבר פון ספר שמואל, איז געווען גערעכט. „וואָס אַרט מיך ווייב, וואָס אַרט מיך קינד, — דער קייזער איז געפאַנגען“. דער ארון, די גייסטיקע פאַרבינדונג און פאַרקניפּונג, איז שטאַרקער פון די געוויינטלעכע פאַמיליע־צוגעבונדנקייטן.

עס פלעגן קומען צו מיר באַזוכערס, אַרבעטער פון די פאַבריקן, וואו איך פלעג אַזוי אָפט אויפטרעטן מיט פאָרטראָגן. זיי האָבן מיר איבערגע־געבן האַרציקע גערוסן פון אַלע פריינט און האָבן אויסגעדריקט אַלעמענס פאַרדראָס, וואָס איך ליג אַ צוגעשמידטער צום קראַנקנבעט. איך פעל זיי אויס; ניטאָ מיט וועמען זיך צו באַראָטן. זיי האָבן פיל פראַגן צו פרעגן.

פאַרשטייט זיך, אַז עס פלעגן קומען גאַנץ אָפט מיך באַזוכן אייגענע חברים און איבערגעבן וועגן דער אַרבעט פון דער מאָסקווער „פעדעראַציע פון אַנאַרכיסטישע גרופּן“, צו דער גרינדונג פון וועלכער איך האָב פיל צו־געטראָגן, הויפּטזעכלעך מיט דעם, וואָס איך האָב צו איר צוגעצויגן פאַר־שטייער פון גאָר אַ סך פאַבריקן און ווערקשטאָטן פון זאַמאָסקווערעטשיע.

III

באַנדיטיזם

מענטשן זיינען צעטומלט געוואָרן. זיי האָבן געזען מיט זייערע אויגן זאַכן און פּאַרלויפּענישן, וואָס זיי וואָלטן גאָר קיינמאָל ניט געגלייבט, אַז זיי זיינען בגדר פון מעגלעכקייט. אַן איבערקערעניש איז פאָרגעקומען. די סאָציאַלע לייטער שטייט אַן איבערגעקערטע. דער קאָפּ איז אין דר׳ערד און די פיס דריגען און בריקען זיך אַרום אין סאַמע הימל. איז דאָך עס אַן

אַבסאָלוטער אַבסורד, און דאָך איז עס אַ טאַטזאַך. לכן זעט מען דאָך באַשיינפּערלעך, אַז דער צוג פון דער געזעלשאַפטלעכער ווירקלעכקייט, פון סטאַטעטשנעס, אייגעפונדעוועטן סטאַטוס־קוואָ, איז אַראָפּ פון די רעלסן און האָט זיך עטלעכע מאָל איבערגעקוליעמט. אַלע סטאַנדאַרטן פון ריכטיקן אויפפיר זיינען צעשמעטערט און מע ווייסט מער ניט קלאָר, וואָס איז מותּר און וואָס איז אסור. איבערהויפּט זיינען מאָראַליש צעפלאָכטן געוואָרן די האַלבע אינטעליגענטן.

די געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג איז פאַר זיי געווען אַ פאַרמאַכט בוך. זיי האָבן גאָרניט געוואוסט וועגן דעם פאַרביטערטן געראַנגל, וואָס איז אָנגעגאַנגען שוין כמעט אַ הונדערט יאָר קעגן דער זעלבסטהערשונג, זינט דער פאַרשווערונג פון די דעצעמבריסטן אין 1825. ריידן אָפן, שרייבן וועגן דער אונטערערדישער באַוועגונג איז דאָך געווען שטרענג פאַרבאָטן, אַזוי אַז די פאַרמעגלעכע און די ברייטערע שיכטן פון פאָלק האָבן ניט געהאַט קיין אָנונג וועגן די טיפגייענדיקע צוגרייטונגען, וואָס זיינען אין משך פון יאָרן געמאַכט געוואָרן. זיי האָט זיך אויסגעוויזן, אַז פּלוצלונג האָבן זיך באַוויזן טשיקאַווע ברואים, ווי פון דר׳ערד אַרויסגעוואַקסן איבער נאַכט, און זיי, אַט־די ניט דערוואַרטע און ניט פאַרבעטענע, זיינען עס געוואָרן די כּל־ולכּס, די שאַלטערס און וואַלטערס פון „מוטער ראַסייע״. און אויב אַזוי, איז דאָך טאַקע די וועלט אינגאַנצן הפקר, און אין הפקר־וועלט מעג מען האַנדלען הפקרדיק. דאַרף מען כאַפּן, לאַפּן, ראַבירן, כּל־זמן עס לאָזט זיך.

באַנדיטיזם האָט זיך ווילד צעהוליעט.

IV

די דיכטער

1

גרעסער פון...

אַט־די אויסגעשפּאַנטקייט, דער פאַרלאַנג אַרויסצושפּרינגען פון אַלע האַלאַבליעס און פּטור ווערן פון אַלע צוימען און לייצעס האָט זיך גאָר ניכּרדיק געצייגט צווישן די דיכטער.

דער יונגער חבר טשיוואַלאָוו און נאָך עטלעכע יוגנטלעכע נעמען זיך צוזאַמען און עס שאַפט זיך אַ גרופּע מיטן גאָר טשיקאַוון נאָמען, כאָטש בלויז אַן איבערזעצונג פון לאַטייניש וואָרט־צונעמעניש „ניהיליסטן״, „ניטשעוואָקי״, „די גאָרנישטן״. זייער זשורנאַל, אין וועלכן עס דרוקן זיך זייערע סיי פּאָעטישע און סיי פּראָזאַישע שרייבעכצן, טראָגט אַ טשיקאַוון נאָמען

„א הונטס קעסטל". („סאַבאַטשי יאַשטשיק"). דער דיכטער סוויאַטאַגאָר שרייבט אַן אַ פּאָעמע מיטן נאָמען „דאָס פערד קריסטוס איז געשטאָרבן" („אומער קאָן כריסטאָס"). זיין גרופּע רופט ער אַן ביאָקאָסמיסטן. וויבאַלד עס קומען אויף נייע אָרגאַניזאַציעס, וועט ער זיך אויך שאַפן אַן אָרגאַניזאַציע. יענע מעגן און ער טאָר ניט?!

2

קאַפע פון די פּאָעטן

אַט איז מאַיאַקאָווסקי און די גאַנצע כאַליאַסטרע זיינע.

מע שרייבט און מע גוואַלדעוועט, און מע פאַרשטעלט זיך פאַר באַד־יונגען, גאַסן־יונגען. מע גייט אויפן אייגענעם שטייגער „אין פאָלק", אין גאַס, ממש. מע שרייבט נאַרישקייטן אויף די טראָטואַרן. הכלל, מע איז מבהיל דעם עולם. מע האַלט אין איין שרעקן און טעראָריזירן דעם פיליסטער.

מאָסקווע, אַמאָליקע יאָרן, איז געווען אַן אשה צנועה וחסודה, אַן איידל־געבוירענע און אַן אָנגעצויגענע פּריצטע, אַן אַלטע נגידה, אַביסל אַן אַראָפּ־געקומענע. אָבער נאָך אַלץ מיט גרויס האָנאָר, מיט שטאַט. און געוועדט האָט זי בנעימות.

און דאָ אַזאַ טומלדיקער שרייבערשער יאַריד. מע שרייבט גאָר אויף די פּאַרקאַנעס. אויף די צוימען.

און וואָס?

פּאָעזיע! לידער אויפגעהאָנגען אויף אַ פּלאַנקאָן.

און וואָס פאַר אַ מין לידער?!

מאָסקווע רויטלט זיך אין די באַקן, כלומרשט אַן אומשולדיק מיידל.

מאַיאַקאָווסקי מאָלט אויס זיין אייגענעם פּאָרטרעט און שטעלט זיך אַוועק מיט אים אויף „קוזנעצקי מאָסט" און באַט אים אָן צום פאַרקויף, רייסט אָפּ די פּאָלעס ביי די פאַרבייגייערס, און די קליידלעך ביי די פאַר־בייגייערינס.

קיינער קויפט ניט. אָבער אַלע ריידן וועגן מאַיאַקאָווסקיס הנהגות.

דער עיקר איז דאָך — מע זאָל ריידן. דאָס איז ער אויסן.

מען אינסצענירט אַ געשלעג אין אַ קאַפע. מען טרינקט זיך אָן און מע צעברעכט די שפּיגלען, די שויבן פון די פענצטער — אַ סקאַנדאַל.

און גאַנץ מאָסקווע... אַזוי רעדט זיך עס „גאַנץ", האַלט אין איין ריידן. זי איז מלא רוגזא:

— פּאָעטן מאַכן סקאַנדאַלן, כוליגאַנעווען! אַ שאַנדע, אַ חילול־השם פאַר דער ליטעראַטור, פאַר פּאָעזיע!

די פּאָעטן זיינען נישט אויסן דאָס סקאַנדאַלעווען. זיי ווילן מער ניט ווי בלויז ציען די אויפמערקזאַמקייט, שלעפּן מענטשן ביי די צינגער, עפּע־בען די מיילער און זאָל מען זיי, די פאַרשוויגענע דיכטער, אַרייננעמען אין

די פיסקעס. די בחורים זיינען וואוילע יונגעלייט. אַנדערע פון זיי באמת דיכ־טער. אַפּאַלאָן זייער נשמה שולדיק. און די סקאַנדאַלן? עס איז זייער נוסח. מע דאַרף זיין אַ יונג מיט ביינער, מיט פּלייצעס און מיט פויסטן.

מע שיכורט לשמה, לשם פּאָעזיע. מע „פאַרליבט" זיך לשמה, לשם פּאָע־זיע. דאָס פּאַך פּאָדערט עס. דער צעך פאַרלאַנגט עס. מע שלאָנדערט זיך אַרום מיט כל המינים מיידלעך, ווייבלעך, זונות — דער באַרוף פּאָדערט עס.

אָט לאָזט זיך אַרויס מאַיאַקאָווסקי פון זיין בית־המקדש, אָנגעטאָן אין אַ חושן ואפוד און ציץ ווי אַ כוהן־גדול און אַ גאַנצע חברותא ייִנגלעך נאָך אים.

איז ער טאַקע געווירט? ס'הייבט זיך ניט אָן. עס איז אַ העוויה אַזאַ, דעם עולם זאָל זיך אָפּשטעלן אין גאַס און אים אָנקוקן אין זיינע מאָדנע לבושים.

אַ יונגער פּאָעט. די באַקן, איינע שוואַרץ און איינע גרין, און ער לאָזט זיך אַזוי גיין איבער דער גאַס.

אַ צווייטער ליגט אַריין אַ לעפל אָנשטאָט אַ נאָזטיכעלע אין דער אויבערשטער קעשענע פון רעקל.

דער עולם שאָקלט מיט די קעפּ, צוקט מיט די אַקסלען:

— נעבעך פוטוריסטן.

זיי גאַרן קיינעם ניט אָפּ. מע ווייסט, אַז זיי מאַכן זיך משוגע; עס איז אַזאַ פאַרשטעלעניש.

און דער טעמפּל פון פּאָעזיע וואו געפינט ער זיך? ניט אויפן אָלימפּוס, ניט אויפן פּאַרנאַס.

עס איז פאַראַן אין מאָסקווע אַ געסעלע, הייסט עס „נאַסטאַסינסקי פּע־רעאולאָק". זיין אויפגאַבע איז צו פאַראייביקן „טווערסקאַיאַ" מיט „מאַלאַיאַ דמיטראָווקאַ".

אין יענעם געסעלע שטייט, ווי עמיצער האָט זי פאַרגעסן צו אונטער־צינדן, אַרונטערדרייסן, אָפּראַמען, — ס'איז שווער צו זאָגן וואָס, אַ מין גע־ביידע, וואָס עס איז יאָ אַ שטאַל און ניט קיין שטאַל. עס האָט ברעקעלעך פענצטערלעך צו דער גאַס, ווי שפּעלטעלעך.

מעגלעך אַז אָט־דער בנין האָט זיך פאַרוואַלגערט פון פּאַרצייטנס, נאָך פון פאַרן אָפּברען פון מאָסקווע, אין דער צייט פון נאַפּאָלעאָנס אינוואַזיע. אפשר איז ער דעמאָלט געווען אַ פערדשטאַל. ווער קען וויסן און פאַרויסזאָגן דעם שיקזאַל פון אַ געביידע, אַ פאַרזעעניש.

די טיר עפנט זיך צום געסל. נידעריק ווי אַ טיר אין אַ שטאַל דאַרף זיין. ניטאָ קיין ברעטער־דיל. דוכט זיך די ציגל האָבן זיך אויסגעלייגט ברוגזער־הייט, איינער צום אַנדערן מיט אַן אָנגעשטויסענער זייט: איך וויל מיט דיר זיך ניט חברן, זיך ניט שפּילן.

אַז איר עפנט די טיר, גיט אויף אייך אַ בלאָז צו אַ הויך מיט אַ זויער־קייט און פייכטקייט אַזוי ווי פון אַ קעלער אַרויס, וואו עס ליגן איבערגע־וואַקסענע און צוגעפוילטע קאַרטאָפל. פינצטער איז אינעווייניק אַזוי, אַז די־

שאַטנס, אַפּילו בייטאָג, קען מען שניידן מיט אַ מעסער און אַרויפנעמען אויף אַ גאָפּל.

די לופט איז קיל, קלעפּיק און קריכיק. זי רירט אייער געזיכט ווי מיט אַ לאַפּקע פון אַ זשאַבע, ווען זי האַלט אין מיטן שילטן זיך. עס כאַפּט אַן אַן עקל.

דאָס שטיקל חורבה האָט מען אויסגעשמירט פון אינעווייניק מיט סאַזשע — און עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז איר זייט אַריינגעפאַלן אין אַ פּעסל פּעך אָדער אין אַן אָפּטייל פון גיהנום, וואו עס שטייען די גרויסע קעסלען מיט סמאָלע און מ׳שרפט די רשעים. אַ שרעק פלעגט אָנכאַפּן, אַז מע האָט אַריבערגעטראָטן די שוועל, וואָס איז געווען אַזוי הויך, אַז מע האָט זי ניט געקענט אַריבערשפּרייזן, נאָר מ׳האָט זיך געדאַרפט אויף איר שטעלן און אַריינשפּרינגען אינעווייניק.

רויטע און גרינע פּאַסן שניידן איבער די שוואַרצע ווענט און פּולאָפּ.

פּסוקים־פּערזן זיינען אויף זיי אָנגעשריבן. איין פּסוק אומגעלומפּערטער פון אַנדערן. די אויפשריפטן דרייען זיך ווי שלאַנגען פון פייער אויף די ווענט און קריכן אַראָפּ צום דיל פון אויסגעטראָטענע ציגל.

אין די פּיס איז דאָ קאַלט אַפּילו אין מיטן זומער. מ׳דאַרף טראָגן וואַלענקעס.

דאָס אויג קען נישט פאַרטראָגן די ווילדקייטן פון די פאַרבן. עס שטעכט דער רויטער פּאַס. איר לייענט די שריפטן און אַ געלעכטער צעשפּאַרט אייך די זייטן, די אַקסלען צוקן און פרעגן:

האָט מען שוין אין גאַנץ מאָסקווע ניט געקענט געפינען קיין פּאַסיקערן טעמפּל פאַר די מוזעס?

מאַיאַקאָווסקי איז דאָ געווען דער כוהן־גדול. אַלע נאַכט פלעגט ער פּראַווען די עבודה. ער פלעגט זיך מתוודה זיין אויף זיינע זינד אין לידער און שיקן דעם עולם פון ציגנבעק צום עזאזל, צו אַלדי רוחות.

די איבעריקע כוהנים פּאַטען זיינען פון אים ניט אָפּגעשטאַנען אין צעדרייטקייט.

אויף דער לינקער וואַנט. אין ווינקל, וואָס איז געווען נאָך חושכדיקער פון דעם אַרום, ווי אַן אייל פון זכר לחורבן, איז געווען אָנגעשמירט אַ רויטער קויק.

זייט זיך ניט טועה. דאָס איז ניט סתם אַזוי זיך אַ קויק. עס איז דער ערדקויגל. און אָנגעשריבן שטייט דאָרט אַז גאָלדשמיט איז דער פּאָרזיצער פון גאַנצן ערדקיילעך. ניט מער און ניט ווייניקער. ער האָט דאָך ניט געקענט זיין דער קיניג איבער אַלע קיניגן, מחמת מע האָט געהאַלטן אין די סאַמע גערדיכטע פון דער רעוואָלוציע — און דער העכסטער ראַנג איז דעמאָלט געווען פּאָרזיצערײַ.

דער פלאַץ האָט געהייסן דער „קאַפע פון די פּאָעטן“
און אויך אַ שטאַל פאַר פּעגאַסן האָט מאָסקווע געהאַט.
און אַ קוזניצע אויך, וואו מ׳האָט געשמידט לידער ווי פּאָדקאָוועס.

בקיצור, זיי האָבן קיין בייז נישט געמיינט און אוודאי ניט געטאָן. זיי האָבן זיך מער ניט ווי נאַריש געמאַכט.

אָט שטייט אַ פּאָעטל אויף טווערסקאַיאַ אויף אַ גאַנעק, אויף די טרעפּ־לעך. אַרום אים אַן עולם ייִנגלעך.

אין גאַס אונטן שטייט אַ מיידל און מאָלט זיין פּאָרטרעט, דעם פּאָר־טרעט פון גרויסן דיכטער, וואָס האָט זיך נאַר־וואָס אַנטפּלעקט.

אַ פאַרבייגייער באַמערקט צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ:

— אַ שאָד, כ׳לעבן, וואָס זיי באַגראָבן אים ניט אויף־אַן־אָרט און שטעלן אים ניט אַ מאָנומענט.

3

קלאַנגען אָן ווערטער

אַנדערע פּאַרוואָרפן לחלוטין די ווערטער פון לשון און בלייבן ביי די הוילע קלאַנגען. זיי פלירטעווען מיטן רעיון, אַז פּאָעזיע, אויב זי וויל זיין באמת מוזיקאַליש, דאַרף אינגאַנצן ניט האָבן די ווערבאַליטעטן, וואָס זיינען לויט זייער מהות צו וואולגאַר־מיושבדיק, צו באַלעבאַטיש־פּראָזאַיש, צו קאָנ־ווענציאָנעל־אויסגעדראָשן. זיי האָבן פּאַרפּאַסט און פאַרעפנטלעכט אַ היפּשע צאָל לידער, וואָס זיינען באַשטאַנען פון בלויזע איינצלנע קלאַנגען און זייע־רע פאַרשמעלצונגען, כלומרשט מעלאָדישע צירופים, וואָס האָבן ניט קיין מיין און טייטש אין דער ריידשפּראַך.

עפּעס ענלעכעס געפינען מיר אין קינדער־לידלעך, פּזמונס אין צויבער־שפּרוכן, אין השבעות פון רוחות, אין אייניקע קמיעות, וואָס אַנטהאַלטן קלאַנגען־קאָמבינאַציעס, וועלכע פאַרמאָגן ניט קיין ווערבאַלן מיין איבער זיי אָדער הינטער זיי אָדער אין זיי.

אָט איז אַ מין געבעט אָנגעגעבן אין מחזור פון ראש השנה צו מוסף פון צווייטן טאָג, מע דאַרף עס זאָגן בשעת קדושה, ווען דער חזן זאָגט „איה...״ דאָס איז אַ סגולה, ווי דער מחזור פאַרזיכערט, צו איינע פון די דריי זאַכן אָדער צו אַלע דריי: רייכקייט, רוח־הקודש און גוטע, פרומע קינדער:

יפ, ענ, הת, הד, די, מי, הד, אמ, את, בנ, המ, שמ, את, שה, לב, הה, אב, לה, לך, אר, אמ.

עס איז ברוכוואַרג פון ווערבאַליטעטן, וואָס האָבן ניט קיין פּירוש המילות.

די עקספּערימענטן אין דער רוסישער פּאָעזיע האָבן זיך ניט איינגע־געבן. בלויז אַביסל שוים אויף די נייע שטרעמונגען פון פּאָעטישן שאַפן.

ווי ברוגז מיר זאָלן ניט זיין אויף אָט־דעם דעספּאָט, לשון, וואָס פאַר־פּייניקט אַלע אונדזערע מיידן, הרגשות, און פאַרגוואַלדיקט אַלע אונדזערע ווייבלעך, מחשבות, קענען מיר לעת עתה גאָרניט טאָן קעגן אים, בלויז בייגן דעם קאַרק, דולדן,ליידן און האָפן, אַז לעתיד־לבוא וועלן מיר זיך אפשר באַ־

פרייען פון אים, אַרויס פון לינגוויסטישער קנעכטשאַפט. דערווייל, ווי שלעכט דאָס לשון איז ניט, איז שטומקייט און הוילער געקלאַנג נאָך ווייניקער קאָנ־דוציוו צו פרייער אויסגעשפּראָכנקייט.

דאָס ריידן איז טאַקע בלויז זילבער און שווייגן איז טאַקע גאָלד... אָבער דאָס גאָלד בלייבט ליגן אומגערירט אין אייגענעם געוועלב; איז ניט עובר לסוחר, גייט ניט אין צווישנאינדיווידועלער צירקולאַציע, סיידן עס ווערט פאַרדעם צעשמאָלצן און צעמינצט, אָפּגעפּרעסט אין ווערטער־מטבעות.

V

אין שפּיטאָל

1

בענדזשעמין טאָקער

איך ליג און לייען טאָקערס בוך „אַנשטאָט אַ בוך” אין אַ רוסישער אי־בערזעצונג. דעמאָלט האָב איך נאָך קיין ענגליש ניט געלייענט.

זיינע געדאַנקען טשיקאַווע, אינטערעסאַנט, זיי שמעקן אָבער שטאַרק מיט פּראַקטישן אַמעריקאַניזם.

דער קלוגער צו־ניכטערער טאָקער האָט מיך ניט גענומען. יאָ, ער גע־הערט ניט צו די אויטאָפּיסטן, וואָס זעען בלויז דעם „צלם אלהים” אויפן מענטשנס פּנים און באַמערקן אינגאַנצן ניט דעם „קין צייכן”; יאָ, ער זעט די קעגנזייטיקע שטערעניש, וואָס מענטשן פּראַקטיצירן אַביסל מער ווי קעגנזייטיקע הילף, אָבער פאַר מיר איז ער צו טרוקן, צו אויסגערעכנט, צופיל תכלית.

דער גרעסטער חסרון פון זיין בוך, לויט מיין פאַרשטיין נאָך, איז דאָס, וואָס עס שטעלט ניט פאָר קיין סיסטעמאַטישע בוך־גאַנצקייט; עס האָט ניט קיין מוקדם ומאוחר, פאַרמאָגט ניט קיין אויסגעהאַלטענעם נאָכפאָלג און טעאָרעטישע אַרגומענטאַציע; עס איז אַ סעריע אַרטיקלען אין טאָוולען, אָן איינבינדער מאַכט ניט קיין בוך מיט זיין איינבונד. אויסער דעם איז טאָ־קער געוועזן פאַר מיר צו וואָכעדיק און פלאַטשיק. ער היט זיך פון האָבן וועל־כע־עס־איז מגע־ומשא מיט דער רעגירונג, ווי זי וואָלט ליידן פון אַ געפער־לעכער אַנשטעקנדיקער קראַנקהייט. איר רירט זיך בלויז צו און איר כאַפּט גלייך אויף דער שטעל די מסוכנדיקע מחלה, פון וועלכער איר וועט זיך שוין קיינמאָל ניט אויסהיילן.

אויך זיין פאַרשטעלונג וועגן דעם צוקינפטיקן געוואונטשטן איינשטעל איז קאַליר־אָרים, צו בלייך, עס פעלט שוואונג, אַרויספליגלונג; ער נעמט צו־פיל דעם היינטיקן מענטשן אין זיין סטאַטישקייט, ווי ער איז אין דער געגע־

בענער עפּאַכע, ניט צוגעבנדיק דינאַמישקייט, דעם וויכטיקן אומשטאַנד פון ווייטערער אַנטוויקלונג. נאָך אַלעמען איז דאָך אין דעם לעת־עתה דער מענטש בלויז אַ בינטל פון פּאָטענצן, וואָס האַלטן אין איין צעצווייגן זיך, צע־שפּרייטן זיך און פאַרטיפן זיך, דערהויפּט אין איין מיען זיך כסדר אַריבער־צושטייגן זיך אַליין, אַזוי צו זאָגן, זיך שטעלן אויף די אייגענע אַקסלען. אין זיין סכעמע פעלט דער אינערלעכער מענטש און זיין לעכצן נאָך דער פאַרווירקלעכונג פון דעם לכתחילה אומרעאַליזבאַרן. דאָס אינערלעכע גע־ווערקצייג, די פּסיכאָלאָגישע קאָנסטיטוציע פון מענטשן, וואָס איז לחלוטין ניט קאָנסטיטואירט, פּעסטגעשטעלט, נאָר האַלט אין איין איבערגיין פון אַ נידעריקער מדרגה צו אַ העכערער, אין וואַקסן אין אַ ווערטיקאַלער ריכטונג, שיינט אין זיין ווערק מיט איר אָפּוועזנהייט. אין פּשוטע ווערטער: ער שענקט גאָר וויניק טראַכטעניש און פאַרשפּירעניש דער פּראָבלעם פון אוי־סערלעכער ציוויליזאַציע און אינערלעכער קולטור פון יחיד־מענטש. עס פעלט אין אים דאָס „קאָסמישע באַוואוסטזיין", דאָס געוואויר ווערן, אַז די קאָסמישע יצירה האָט אַ תכלית, פאַרמאָגט אַ ציל און דאָס איז: קריסטאַלי־זירן דעם יחידס בחירה און אים דערהייבן צו אַזאַ הויך, אַז „מ ע נ ט ש נ ס ד י כ ט ו נ ג" וועגן גאָט זאָל ווערן „מענטשנס וואָרהייט"... וועגן מענטשן.

דאָס איז בנוגע די „עולמות העליונים". און וואָס איז שייך דעם „עולם התחתון" און די געווינטלעכע מענטשלעכע איינאָרדענונגען האַלט טאָקער, אַז אַלץ, וואָס איז פּריוואַט איינגעאָרדנט, איז בעסער פון דעם, וואָס איז איינגעשטעלט און אָנגעפירט מלוכהש. איך בין געווען גענויגט צו דעם אינ־טעראינדיווידועלן, אינטערפּריוואַטן, אָבער ווען עס וואָלט ניט געווען קיין אַנדער ברירה ווי בלויז אויסקלייבן צווישן דעם נאַקעטן פּריוואַטיזם און דעם גראָבן, האַרצלאָזן, מעכאַנישן שטאַטיזם — וואָלט איך זיך אָפּזאָגן אויסצו־קלייבן, וואָרעם לויט מיין פאַרשטאַנד נאָך טויגן זייביידע ניט.

איך האָב אָבער דאָך איבערגעלייענט טאָקערס דיקן בוך פון טאָוול צו טאָוול, אַ זאַך, וואָס איך וואָלט געזונטערהייט זיכער נישט באַוויזן צו טאָן; איך וואָלט פּשוט ניט געהאַט די געדולד דערפאַר. פאַר איינעם, וואָס איז ניט אַמעריקאַניש־געשעפטלעך געשטימט, איז עס אַ היפּש לאַנגווייליק ווערק.

2

ק ו ל י ע ס

אַז איך מעג שוין, לויט דעם דאָקטאָרס אינסטרוקציעס, און דער עיקרשט, קען שוין אַראָפּקריכן פון בעט, גיט מען מיר צוויי קוליעס, „על חשבון הגביר", אַ געשאַנק פון שפּיטאָל, וואָס גיט אונדז אַלץ פריי און קיין אָפּצאָל.

אַ זעלנער אַן אינוואַליד באַט זיך אַן צו ווערן מיין רבי אין הלכות גיין אויף קוליעס. און לאַכט ניט, „תורה היא וללמוד אנו צריכים" — מען דאַרף עס קענען און עס איז דאָ וואָס צו לערנען; ער לערנט מיט מיר דעם אלף־

בית; ער וויזט מיר, ווי זיי „אַנצוטאָן" און ווי זיי „עלעמענטאַר" אָנצוּ־ווענדן.

ווען איך מאַך אַ זויערע מינע, דערזעענדיק מיינע נייע הילצערנע פּאָר פּיס, לאַכט זיך מיין „לערער" גוטמוטיק און פּולברוסטיק פונאַנדער און ער זאָגט מיר מיט אַ טאָן פון אַ ווייסער: גוטער ברודער, אַז דו וועסט זיך אויס־לערנען זיי צו געברויכן ווי ס'באַדאַרף צו זיין און וועסט ווערן טאַקע געַ־שיקט, מעשה מומחה, אין זייער אַנווענדונג, וועסטו ערשט אויסגעפינען, אַז אין תוך גענומען איז גאָר ניט שלעכט צו גיין אויף קוליעס, מע דאַרף בלויז „אַריין אין געשמאַק" פון דער זאַך.

ער רעדט פון פּערזענלעכער דערפאַרונג; אים האָט מען אַ פוס אינגאַנצן אַראָפּגענומען. „איך גיי פיל שנעלער און זיכערער, סיי אין אַ שליאַבאַטע און סיי ווען עס איז גליטשיק, פון די צווייפיסיקע גייערס; אַלע מענטשן האָבן באַדאַרפט בעסער גיין אויף קוליעס ווי אויף זייערע פיס; עס גייט זיך אויף קוליעס פלינקער און געשמאַקער, אימפּעטיקער, קרעפטיקער. אויף קוליעס גייט מען ניט, פויזשעט מען ניט, שלעפּט מען זיך ניט פוסגייעריש טראַט ביי טראַט; אויף קוליעס שפּרינגט מען; מע גיט זיך אַ הוידע אַריבער מיטן גאַנצן קערפּער און אַזוי־אַרום קען מען לייכט אַריבעריאָגן דעם שנעלסטן גייער; קוליעס זיינען אַ ברכה, נישט קיין קללה. איך גיי יעדן טאָג אין מאַרק און קום צוריק און עס נעמט מיר ווייניקער צייט ווי מיינע חברים זעלנער. און ווען איך שפּאַציר מיר אַזוי איבער מאָסקווער בולוואַרן און איך זע אויף די פּנימער פון די פאַרבייגייערס און פאַרבייגייערינס אַן אויסדרוק פון רחמנות צו מיר, דעם נעבעכדיקן אינוואַליד, טראַכט איך: וואָס פאַר אַ נאַ־ראָנים איר זייט! איר ווייסט ניט, וואָס אייך פעלט! דער אמת איז, אַז איך האָב אויף זיי רחמנות. אַזוי איז עס, ברידערל, און, דו, זיי ניט נידערגעַ־שלאָגן, אַראָפּגעפאַלן ביי זיך; שטאָלציר מיט דיינע נייע הילצערנע פיס! זיי זיינען געטרייע און איבערגעגעבענע פריינט; אַפילו ווען עס קומט אַמאָל צו אַ געשלעג, קען איך דערלאַנגען מיט זיי געשמאַקע קלעפּ, אַזאַ יאָר אויף מיר!"

אַזוי זיינען מענטשן; ער האָט געגלייבט אין יעדן וואָרט, וואָס ער האָט געזאָגט; זיי זיינען אַנטשלאָסענע, פאַרשוואָרענע אָפּטימיסטן; פון אַ נויט־ווענדיקייט מאַכן זיי תמיד אַ טוגנט; דאָס זאָגן „גם־זו־לטובה", אַלץ איז צום גוטן, איז דיקטירט פון דער מענטשלעכער נאַטור.

הערנדיק מיין רבין ריידן מיט אַזאַ טיפער ערנסטקייט און איבערגעַ־צייגטקייט וועגן די מעלות פון די קוליעס, ווען ער האָט כמעט אויפגעזוכ־גען צו זיי אַ שבח־והודיה, האָב איך זיך דערמאָנט עפּעס פון דובנער, וואָס האָט אַ שייכות צום ענין.

ער באַהאַנדלט דאָס פאָלקס־ווערטל „שקר אין לו רגלים", וואָס איז באַזירט אויפן מאמר חז"ל „שקרא לא קאי". אַ ליגן האָט ניט אויף וואָס זיך צו האַלטן, ניט ער קען שטיין און ניט ער קען גיין. איז דאָך די קשיא: טאָ ווי אַזוי שפּאַרט ער אַן אומעטום? איז דער ענטפער פון דובנער מגיד: אַזוי

ווי דער שקר האָט ניט קיין פּיס, גייט ער אויף קוליעס און אַ קוליע איז אין געוויסע הינזיכטן בעסער פון אַ פוס; זי גייט איבער בירושה פון טאַטן צום זון...

לויט ווי מיין חבר האָט געדרשנט בשבח פון די קוליעס, האָט מען באַדאַרפט אַלע מענטשן אונטערהאַקן די פיס און לאָזן זיי גיין אויף קוליעס, וואָרעם די לעצטע יאָגן אַריבער די פיס הן אין שנעלקייט און הן אין זיכערקייט פון טראַט... ווער ווייסט: אפשר איז טאַקע דאָס קינסטלעכע, דאָס אינוועטיווע, דערפונדענע בעסער פון דעם נאַטירלעכן? און אויב עס איז ניט בעסער גלייך ביים אָנפאַנג, וועט עס ווערן אַזוי שפּעטער־צו, ווען עס וועט האָבן אדורכגעגאַנגען אַ סעריע פון אַמעליאָראַציעס־אויסבעסערונגען. און איז ניט דאָס אַרומגיין בכלל אַ דערפינדונג, אפשר די גרעסטע דערפינדונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין דעם קעניגרייך פון די בעלי־חיים? און אפשר אין דער ווייטער צוקונפט וועט מען מל־זיין די פיס און באַזאָרגן דעם מענטשן, דעם „גייער" מיט אַזעלכע פּראָטעזעס, וואָס וועלן זיין די לעגענדאַריש־באַרימטע זיבן־מייל־טראָט־שטיוול...

יעדנפאַלס איז גיין אַ גרויסע און קאָמפּליצירטע קונסט און עס איז גאַרניט לייכט זי צו באַהערשן. עס האָט גענומען לאַנג, ביז מיין רבי האָט דערקלערט מיט גרויס צופרידנקייט, אַז איך שנייד זיך אויף אַ גוטן קוליעס־שפּרייזער; ער וועט זיך ניט האָבן וואָס צו שעמען מיט זיין תלמיד.

פיל שפּעטער־צו, אַז עס איז אַריבער אַ גאַנץ יאָר, אַן אָנגעפּילטס מיט אַ היפּשער צאָל געשעענישן, און איך בין זיך געגנוג אָנגעגאַנגען אויף מיינע קוליעס, זיינען זיי מיר געוואָרן ליב און טייער, ווי זיי וואָלטן באמת געווען אַן אָרגאַנישער טייל פון מיר. און ווען איך האָב זיי שוין מער ניט באַדאַרפט, האָב איך זיי נאָך אַלץ געהאַלטן לעבן זיך נאָענט, מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. מיר איז געווען שווער זיך צו שיידן מיט זיי אויף אַלעמאָל; זיי האָבן מיר געדינט מיט אַזאַ אויסגעהאַלטענער געטריישאַפט, אויף וואָס בלויז הילצערנע באַדינער זיינען קאַפּאַבל, באַדינער וואָס זיינען ניט אונטערגעוואָרפן די מענטשלעכע טוישונגען פון שטימונגען און לוינעס. מיר פלעגט זיך אָפּט אויסדוכטן, אַז זיי באַזיצן אַ באַוואוסטזיין און אַ ווילן, וואָס זיי האָבן לגמרי מיר אָוועקגעשאָנקען במתנה גמורה, און וואוהין איך האָב לויט זייער ריכטיקער אויסרעכענונג פאַר מיין טובה וועגן ניט געדאַרפט גיין, אַהין פלעגן זיי מיך ניט פירן; זיי פלעגן מיר דעמאָלט מאַכן שטערענישן און שווערענישן און איך פלעג עס אָננעמען פאַר אַ וואָרענונג; איך האָב זיך גערעכנט ניט בלויז מיט זייער ווילן, נייערט מיט זייערע קאַפּריזן, וואָס האָבן תמיד אין זיך געהאַט מיין טובה, מיט דער צייט זענען זיי, אָט די צוויי הילצערנע מורה־דרכס מיינע, געוואָרן פולבאַרעכטיקטע מיטגלידער פון מיין קערפּערלעכער געמיינדע.

גייענדיק אויף די קוליעס, האָב איך זיך פיל מאָל פאַרטראַכט וועגן אָט־דער האַנדלונג מיינער. איך האָב זיך געפרעגט: וואָס אייגנטלעך טו איך, ווען איך גיי אויף קוליעס? אַ חיה, אַ בהמה איז אַ פירפיסיק באַשעפעניש;

האָט זיך דער מענטש דערטראַכט, אַז צום גיין איז געגוג צו האָבן צוויי פיס, אויב מע ציט אויס דעם גוף גלייך און מע לערנט זיך אויס אָנצוהאַלטן דעם נויטיקן גלייכגעוויכט; האָט מענטש זיך געקליגט און געטראַכט, אַז עס וואָלט געווען אַ גלייכער פּלאַן, ווען מען קען אויסנוצן די פאָדערשטע פיס וואָס זיינען געבליבן עפּעס ווי איבעריק. ניט לאַנג געחקירהט, האָט ער זיי פאַרוואַנדלט אין צוויי הענט, אין טורעס, אין אַרבעטער, אָנשטאָט גייער און קערפּער־טרעגער; איצטער, אַז עפּעס האָט פּאַסירט מיט מיינע צוויי פיס, פאַרלאָז איך זיי און קער זיך אום צו מיינע אַמאָליקע פיס, די הענט, איך געברויך זיי אַלס פיס; אָבער אַזוי ווי איך וויל ניט גיין מיט דעם קאָפּ אַראָפּ, גיב איך זיי שטעקנס אונטער די פּאַכוועס און זיי ווערן געגוג לאַנג צו דער־לאַנגען ביז צו דער ערד און איך פאַרשפּאַר זיך איבערצוקערן מיט דעם קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף.

3

דער גענעראַל מאַגט יושר

די ערשטע וואָך האָב איך אונטער דער השגחה פון מיין רבין, דעם אינ־וואַליד, זיך געאיבט אין גיין אויף דער פלאַך פון דיל; מיין וויטערדיקע אַדוואַנסירטע שטודיע האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט לערנען זיך גיין אויף שטיגן; דאָס האָט זיך מיר געגעבן פון אָנפאַנג זייער שווער, אָבער מיין רבי איז געווען אַ גוטער פּעדאַגאָג, אַ בעל־פּעולה; ער האָט מיך געלערנט דורך קאָנקרעטע ביישפּילן, לויט דער „אימיטאַטיווער מעטאָדע". ער האָט מיר באַוויזן, ווי קונציק ער איילט אַרויף און אַראָפּ די שטיגן פון שפּיטאָל, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ געביידע פון דריי שטאָק; ער האָט אַפילו גע־קאַנט איבערהיפּן אַ טרעפּל און זיך שטעלן גלייך אויפן צווייטן; אויך אָט־די תורה האָב איך זיך בהדרגה אויסגעלערנט; איך בין געווען אַ פלייסיקער שילער.

אַז איך האָב זיך שוין, ברוך־השם, אויסגעלערנט, אָן דעם רביס השגחה, אַליין אַרויפצוקריכן אויפן צווייטן שטאָק, האָב איך שטאָלצירט מיט מיין קענטעניש און איך פלעג זיך אַלץ מער און מער איבן; איך בין דאָרט גע־וואָרן אַן אָפּטער און, ווי איך האָב באַמערקט, אויך אַן אָנגעלייגטער גאַסט.

דער צווייטער שטאָק האָט באַלאַנגט צו די אָפיצערן. צווישן זיי האָט זיך געפונען אַ גענעראַל; זיי האָבן, הפּנים, געוואָלט אויסנוצן די טייערע געלעגנהייט פון מיין אָנוועזנהייט און כאַפּן מיט מיר, אונטער די גינציקע, אונדז ניוועלירנדיקע אומשטענדן פון פּאַציענטן, אַ האַרץ־צו־האַרץ־שמועס.

די אָפיצערן זיינען געווען דערשטוינט פון דער נייער אומגלויבלעך־אויטאָפּיסטישער אָרדענונג, וואָס ווערט אַריינגעפירט אין לאַנד, אָבער צו דער אייגענער צייט האָבן זיי געהאַט גרויס רעספּעקט פאַר אָט־די ראַדיקאַלן, וואָס וואַגן איינצופירן אַ נייעם איינשטעל, וואָס איז געבויט אויף יושר, הגם

זיי איז שווער געווען צו גלייבן, אַז ער קען טאַקע האָבן אַ לאַנג־דויערהאַפטן קיום; זיי איז בשום אופן ניט איינגעפאַלן, אַז הינטער אָט־די יחידים, וואָס זיינען באמת גרויסע אידעאַליסטן, אין פּערזענלעכן מיין, אַז הינטער אָט־די פּשוטע, באַאיווע אַרבעטער, פּויערים און זעלנער־מאַסן, נעמט זיך שוין אויס־בילדן אַן אויפקומענדיקער הערשער־קלאַס; זיי, אין זייער אומשולדיקער תמימות, האָבן באמת געגלייבט, אַז אין לאַנד איז עטאַבלירט אַ „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט" און אַז דער אַרבעטער־קלאַס אַלס אַזעלכער הערשט. און דאָס האָט ניט געקענט אַריינדרינקען אין זייערע קעפּ; זיי האָבן געפילט אַ טיפאייגעבאַקענע פאַראַכטונג צום גרויען, רויען, אומוויסנדיקן און אומ־געוואַשענעם המון־עם. איז ווי אַזוי וועט ער הערשן? און וואָס פאַר אַ טעם קען זיין הערשאַפט, מישטיינס געזאָגט, האָבן! אָבער אויסער דער אומגע־לומפּערטקייט און אַבסורדישקייט פון דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער לאַגע, מיט וועלכער זיי איז שווער געווען שלום צו מאַכן, איז צוגעקומען נאָך אַ שטערעניש, און דאָס איז זייער איבערצייגטקייט, אַז זיי ווערן פון די נייע באַלעבאַטים, די אַרבעטער און זעלנער, פּשוט באַוואולהט, שווער גע־קריוודעט. קעגן זיי ווערט באַגאַנגען אַן אומפאַרגעבלעך אומרעכט.

זיי האָבן זיך געוואָלט אַראָפּריידן פון האַרצן. און איצט האָבן זיי גע־קראָגן, ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן, אַ שעת הכושר: איינער פון די פּראָמי־נענטע רעוואָלוציאָנערן געפינט זיך צווישן זיי אין לאַזאַרעט.

זיי האָבן זיך אַלע אויסגעזעצט אַרום אַ לאַנגן טיש, אַלע ווי איינער — אָפיצערן, אַ פּאָר פּאָלקאָווניקעס און איין גענעראַל, וואָס האָט פאַרנומען דעם אויבנאָן, פּונקט אַנטקעגן מיר, וואָס האָב פאַרנומען דעם צווייטן עק פון טיש, דאָס הייסט דעם צווייטן אויבנאָן, דעם צד שכנגד.

דער גענעראַל, ווי דער רעפּרעזענטאַנט און שליח־ציבור פון דער גאַנ־צער חברותא פון אָפיצערן, האָט גענומען דאָס וואָרט; זיינע טענות זיינען געווען געווענדט צו די פירער, דעה־זאָגערס און פאַרזאָרגערס פון לאַנד, און מיך אַריינגערעכנט ווי איינעם פון זיי. פאַר די ווייס־גוואַרדייער איז געווען שווער זיך פונאַנדערצוקלייבן אין אונדזערע איבערלעבע סכסוכים און קריגע־רייען; אַלע, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דעם אָקטאָבער־איבערקער, האָבן, לויט זייער באַגרענעצטן פאַרשטיין, באַלאַנגט צו איין לאַגער, וואָס טראָגט די פולע אחריות פאַר אָט־דער גרויסער אונטערנעמונג.

דער גענעראַל האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך געווענדט צו מיר בזה הלשון:

„קאַמעראַד גאָרדין! איך בין אַ גענעראַל, אַ שלעגער, אַ קריגער; איך האָב זיך באַטייליקט אין צוויי מלחמות און אין פיל שלאַכטן; איך האָב זיך געשלאָגן אין דעם רוסיש־יאַפּאַנישן קריג; איך האָב זיך אויסגעצייכנט מיט מיין בראַווקייט און פאַרשטענדעניש פאַר סטראַטעגישע און טאַקטישע אַנ־געלעגנהייטן. קורץ, איך בין אַן עקספּערט, ווען עס האַנדלט זיך וועגן מלחמה־פירעריי; איך בין פיל מאָל דעקאָרירט געוואָרן; מיין ברוסט־קעסטל האָבן באַצירט פיל מעדאַלן; איך בין אַ פאַכמאַן אויף מיין געביט.

„אַבער אַלץ וואָס איך, אין מיין גאַנצער קענטעניש, קען טאָן, איז הרגע־נען מענטשן, ד. ה. שונאים פון אונדזער פאַטערלאַנד, אויפן פראָנט, און לערנען און פירן אַנדערע צו טאָן דאָס אייגענע, נעמלעך, מאָרדן מענטשן. איך ווייס און באַגרייף, ניט ווייניקער ווי ווער עס איז פון ראַדיקאַלן לאַגער אַז מלחמה איז אַ שרעקלעכע, אַ שווידערלעכע אונטערנעמונג; איך בין מיט אייך מסכים, אַז מלחמות דאַרפן אָפּגעשאַפט ווערן און פעלקער דאַרפן לעבן אין פרידן און האַרמאָניע צווישן זיך; אַבער ניט איך האָב די מלחמות אויס־געטראַכט; אויך מיליטאַריזם איז ניט אַ פּראָדוקט פון מיין דערפינדונג אָדער צוטראַכטעניש; מיך האָט מען דערצויגן אין אַ פּאַטריאָטישער סביבה; מיך האָט מען געלערנט, אַז די הייליקסטע פליכט ביי אַ מענטשן דאַרף זיין דאָס פאַרטיידיקן זיין פאַטערלאַנד און די שענסטע און דערהויבנסטע טוגנט איז בראַוווקייט, אומדערשראָקנקייט און גרייטקייט זיך אויפצואָפּפערן, מיט לייב און לעבן, אויפן מזבח פון דער נאַציאָנאַלער היים.

„איר לערנט, אַז מלחמות־פירן איז פאַרבאָטן, אַז מלחמה איז מערדעריי אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב; איך בין מיט אייך אין פולשטענדיקער איינשטי־מונג. אַבער וואָס בין איך שולדיק! מיך האָט מען אַנדערש געלערנט, אַנדערש דערצויגן, און מער: מיך האָט מען גערימט און געלויבט פאַר מיינע העלדנ־טאַטן אויפן שלאַכטפעלד; מען האָט מיר אָפּגעגעבן גרויס כבוד, זיך געצאַצ־קעט מיט מיר; היינט ווערט דאָס אַלץ פאַרוואָרפן, אָפּגעמעקט און איך בין צופרידן, וואָס דאָס איז אַזוי. אַבער פאַרוואָס זאָל איך און אַלע מיינע ברי־דער דאָ, — ער שפרייט אויס די אָרעמס, סימבאָליש אַרומנעמענדיק אַלע אָפיצערן הן די, וואָס זיצן, און הן די, וואָס זיינען געשטאַנען — זיין דאָס כפרה־הינדל און אָפּקומען פאַר די זינד פון דער געזעלשאַפט אַלס אַ גאַנצער?

„היינט שרייבט מען מיך אויס פון שפּיטאָל. וואוהין זאָל איך גיין? וואָס זאָל איך טאָן? איך בין אָן אַן אינדוסטריעלער פּראָפעסיע, איך קען גאַרניט טאָן; איך בין אַרויסגעשטויסן פון דער געזעלשאַפט; איך בלייב אָן חיונה־מיטלען. פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ גרויזאַמע שטראָף ווי פאַרהונ־גערט צו ווערן, מיר, וואָס האָט דאָס גאַנצע לעבן זיינס אָפּגעגעבן דעם דינסט פון פאַטערלאַנד, ווי מע האָט עס ביז איצט פאַרשטאַנען? איך און מיינס גלייכן זיינען דאָך אומגליקלעכע קרבנות פון אַ סאָציאַלן איינשטעל! מען קען אונדז ניט האַלטן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די פאַרברעכנס, וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרן פון פּאַטריאָטיזם און מיליטאַריזם.

„מע וואַרפט מיך אַרויס ווי אויף צוויי שפּענדלעך; פון היינט אָן בין איך געגליכן צו אַ היימלאָזן הונט. אָט אַזוי צאָלט מען מיר אָפּ פאַר מיינע פאַרדינסטן פאַרן פאָלק און היימלאַנד! וואו איז יושר? וואו איז גערעכטי־קייט? איר קעמפט דאָך פאַר יושר, פאַר גערעכטיקייט!"

ער האָט געענדיקט אויף אַ הויכער אָקטאַווע; ער האָט זיך פאַרנייגט און זיך אַנידערגעזעצט.

אַלעמענס אויגן זיינען געווען אָנגעשטעלט אויף מיר; מע האָט דער־וואַרט מיין ענטפער, אַלע געשפּאַנט, אומגעדולדיק און נייגעריק.

איך האָב די אָפיצערן, אָט די ווייסע גוואַרדייער, אָנגעקוקט און באַוואונדערט זייער טיפן גלויבן; זיי האָבן געגלייבט באמונה שלימה, אַז אַלץ, וואָס די באָלשעוויקעס זאָגן צו אין זייערע רעדעס און פלוג־בלעטלעך, איז אמת ויציב; זיי וועלן ניט לאָזן אָפדינגען איין יאָטאָ פון זייערע פאַרשפּרעכונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין „פּעריאָד פון אַגיטאַציע".

איך בין געבליבן זיצן און אָנגעהויבן אין אַ שוואַכער שטים:

„איך וועל אייך ענטפערן מיט אַ פּסוק פון יעוואַנגעליע: „פאַרוואָר, איך זאָג אייך, אַפילו אין ישראל האָב איך ניט געפונען אַזאַ גרויסע אמונה" (מתיא, ח. 10).

„הלואי וואָלט געווען אַזויפיל גלויבן אין דער סאָציאַלער־רעוואָלוציע ביים צענטראַל־קאָמיטעט פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי וויפיל גלויבן עס איז פאַראַן ביי אייך, אָפיצערן און גענעראַלן. עס וועלן נאָך זיין מלחמות און עס וועט געשאַפן ווערן אַ רויטע אַרמיי, און איר וועט נאָך דינען ביי די באָלשעוויקעס און לערנען די זעלנער ווי צו הרגענען מענטשן..."

זיי זיינען געבליבן זיצן פאַרבליפטע פון מיינע אפיקורסישע רייד. דאָס האָבן זיי גאָרניט דערוואַרט צו הערן פון אַ רעוואָלוציאָנער פון מיין רעפּוטאַציע און פּאָזיציע.

זיי האָבן מיך ניט פאַרשטאַנען און האָבן ניט געגלייבט זייערע אייגענע אויערן; זיי זיינען געבליבן זיצן פאַרחושטע, מיט אָפענע מיילער, אָן אותיות.

דער שמועס איז פאָרגעקומען אָנהייב מערץ 1918. עס זיינען אַוועק עטלעכע חדשים און איך האָב שוין געקענט אַרומגיין אויף קוליעס אין גאַס און איך האָב מיר געהונקען לענגוויז פון טווערסקאַיאַ. ערשט עס פאָרט פאַרביי אַ קאַרעטע, וועלכע שטעלט זיך אָפּ. אַ גענעראַל שטייגט־אַראָפּ, גייט צו צו מיר, כאַפּט מיר אָן ביי דער האַנט, דריקט זי האַרציק, פריינטלעך און זאָגט:

„קאַמעראַד גאַרדין! איר זייט געווען גערעכט! איך האָב געהאַט אַן אינטערוויו און איך האָב געקראָגן אַ וויכטיקן אַמט אַלס אינסטרוקטאָר אין דער רויטער אַרמיי. ווען איר האָט דאָס מיר פאַרויסגעזאָגט, האָב איך אייך ניט געגלייבט; איך האָב געמיינט איר שפּאַט אָפּ פון מיר".

איך האָב ערשט איצט, פון זיינע רייד און פון זיין שטים, דערקענט דעם פאַרצווייפלטן גענעראַל, וואָס האָט געמאַנט יושר פאַר זיך און די אָפיצערן...

בעת דער גענעראַל האָט זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן און האָט אויסגעלייגט זיינע טענות צום רוסישן ראַדיקאַליזם און פּאַציפיזם, האָב איך זיך דערמאָנט אין אַ פאַל פון אייגענער געבענטשטער תמימות. דאָס איז געווען דעם ערשטן מאַי 1917.

איך גיי אַרויס אין גאַס; מאָסקווע איז פאַרפּוצט; זי יום־טובט. דעמאָנסטראַציעס, אַרבעטער און אַרבעטאָרינס מאַרשירן, זיי טראָגן פאָנען. און אויף די פאָנען לאָזונגען. וואָס איז דאָרט אַלץ ניט געשטאַנען! — דער גאַנצער „פינף־בונד"! (זע „זכרונות און חשבונות" באַנד איינס, ז. 76־80).

עס מאַרשירן דיוויזיעס, יעדע מיט איר פאָן און אויפשריפט: די באַפרייאונג פון דער פרוי! די באַפרייאונג פון קינד! די באַפרייאונג פון די אונטער־דריקטע פעלקער! די באַפרייאונג פון אַרבעטערקלאַס! די באַפרייאונג פון מענטשן!

איך שטיי און קוק און טראַכט: דאָס, וועגן וואָס מיר האָבן געטרוימט — אָט ווערט עס פאַרווירקלעכט! עמך האָט עס שוין אויפגענומען. עס שרייט שוין אַראָפּ פון די פלאַטערנדיקע פאָנען.

מיין האַרץ האָט געקלאַפּט מיט פרייד און אין דער אייגענער צייט איז עס פאַרקלעמט פון צער: וואָס וועט טאָן דער אויפקומענדיקער דור? אויף וועלכע אידעאַלן וועט ער זיך אויפהאָדעווען, אַז אַלץ האָט אונדזער דור שוין פאַרנומען און גייט עס דורכפירן? וואו וועלן זיי נעמען טרוימען און באַשטרעבונגען? און אָן אידעאַלן גייט דאָך אַ יוגנט צום גרונט פון גייסטיקער דעגענעראַציע.

דאָס איז געווען אין מאַי 1917... און אין מאָנאַט יולי, בסך־הכל מיט צוויי חדשים שפּעטער, האָט מען שוין געשלאָגן און געממיתט יעדן איינעם, וואָס האָט אויסגערעדט אַ וואָרט קעגן קריג...

אַזוי אַז ניט בלויז אומשולדיקע גענעראַלן זיינען גלויבעריש נאַאיוו...

VI

דאָס הויז פון אַנאַרכיע

1

די סאָקאָלניקי־גרופּע, וואָס איז באַשטאַנען פון מעטאַליסטן, וועלכע האָבן געאַרבעט אין די שטאָלגיסערייען, וואָס האָבן זיך געפונען אין סאָקאָלניקי און מאַרינאַ ראָשטשאַ און וואָס איז געווען אָנגעשלאָסן אין דער מאָסקווער „פעדעראַציע פון אַנאַרכיסטישע גרופּן", האָט פאַרנומען דעם „סוחרים־קלוב", וואָס האָט זיך געפונען אויף מאַלאַיאַ דמיטראָווקאַ נומער 6. זי האָט דאָס הויז איבערגעגעבן אין רשות פון דער פעדעראַציע.

ווי נאָר איך האָב געמעגט און געקענט אַראָפּ פון בעט און באַוועגן זיך מיט דער הילף פון קוליעס, פלעגט קומען צו מיר יעדן אָוונט פאַטשע. דער געהילף פון מיליטערישן גובערנאַטאָר פון מאָסקווע און מאָסקווער קעגנט און מיך אַרומפירן איבער דער שטאָט אין זיין אויטאָמאָביל. מיך האָט כמעט אַלע מאָל באַגלייט אויף אָט־די אַרומפאָרענישן דער פליער חבר „קאַשצעי דער אומשטערבלעכער"; דאָס איז געווען זיין צונאָמעניש. איך פלעג פאָרן באַזוכן אַלע פלעצער, אין וועלכע איך בין אויפגעטראָטן פאַר די אַרבעטער. אַזוי האָב איך אַביסל באַפרידיקט מיין בענקעניש און געלינדערט די נאָגעניש, וואָס האָט מיך געפּייניקט, איבערלעבנדיק פונדאָסניי אין מיין געצוואונ־

גענער „גאַרניט־טואיקייט" די דערפאַרונגען פון מיין גאַר נאָענטער פאַרגאַנגענהייט, די חדשים פון אימפעטיקער טעטיקייט, — און זיך טרייסטן מיט דעם.

אָפּטיילונגען פון רויטע גוואַרדייער האָבן געהיט די שטאַט־גרעניצן און זיי פלעגן אָפּשטעלן יעדן אויטאָמאָביל, ניט דורכלאָזן קיין פאַרערס אָן ספּעציעלע דערלויבענישן. אונדזער אויטאָמאָביל פלעגט מען אויך גאַנץ אָפט אָפּשטעלן, דעמאָלט פלעגט פּאַטשע זיי דערקלערן, אַז דאָס איז מוראַלאָווס אויטאָמאָביל, אָדער אַז דער פאַרער איז גאַרדין. פלעגן מיר כאַפּן אַ פּריינטלעכן כאַטש קורצן שמועס מיט די גוואַרדייער, וואָס זייַנען געווען באַוואָפנטע אַרבעטער, ווערבירטע פון די פאַבריקן, — און פאָרן ווייטער.

אַז מע האָט מיר געלאָזט וויסן וועגן דעם נייעם לאָקאַל פון דער מאָסקווער פעדעראַציע און אַז מ׳וואָלט וועלן אַז איך זאָל זיין ביים ערשטן צונויפקום, וואָס וועט אָפּגעהאַלטן ווערן אין נייעם פּלאַץ, האָב איך עס מיטגעטיילט פּאַטשען און ער האָט מיך געבראַכט אַהין, מיך איבערגעלאָזן און צוגעזאָגט צו קומען שפּעטער און מיך ברענגען צוריק אין לאַזאַרעט.

פּאַטשע איז געווען אַ סימפּאַטיקער, שטאַרק אַנאַרכיסטיש געניגט, כאָטש פאַרמעל האָט ער באַלאַנגט צו דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. אַזעלכע „האַלבע אַנאַרכיסטן" האָבן זיך געפונען אין אַ היפּשער צאָל אין יענער צייט צווישן די באָלשעוויסטישע אַרבעטער־רייען.

די זיצונג איז געווען געווידמעט דער פראַגע פון באַנייען אונדזער וואָכנשריפט „אַנאַרכיע", וואָס איז פאַר דער גאַנצער צייט פון מיין זיין צוגעשמידט צום קראַנקנבעט ניט דערשינען.

איך האָב געמאַכט אַ פאַרשלאַג, אַז מיר זאָלן נעמען אַרויסגעבן אַ טעגלעכע צייטונג אונטער דעם זעלביקן נאָמען. באַרמאַש, איינער פון די אַקטיווסטע מיטגלידער, האָט געפרעגט: מי ומי ההולכים? ווער וועט זי רעדאַקטירן און ווער וועט שרייבן די לייטאַרטיקלען? אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די אונטערנעמונג וועט זיין איבער אונדזערע כוחות. איך האָב אים פאַרזיכערט, אַז מיר וועלן זיך ספּראַווען מיט דער אויפגאַבע און איך האָב זיך אונטערגענומען צו שרייבן לייטאַרטיקלען טאָג־איין טאָג־אויס. סיי די רעדאַקציע און סיי די עקספּעדיציע האָבן זיך געפונען אין דעם לאָקאַל פון דער פעדעראַציע, ד. ה. אין איבערגענומענעם „סוחרים־קלוב", וואָס מ׳האָט משנה־השם געווען און אים אַ נאָמען געגעבן „דאָם אַנאַרכיאַ" (דאָס הויז פון אַנאַרכיע).

מיר האָבן אויך אָרגאַניזירט פרייע קורסן אין אונדזער אודיטאָריום. אַלץ אין זעלביקן הויז. עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ שטאָב פון דער „שוואַרצער גוואַרדיע"; דער שעף פון שטאָב איז געווען דער חבר קאַידאַנאָווילאָוואַיסקי, אַ קאָזאַק כאַרונדזי, אַן אַלטער אַנאַרכיסט, געקומען צוריק פון עמיגראַציע.

אָט איז די ליסטע פון די לעקטאָרס, ווי זיי ווערן אָנגעגעבן אין דער מעלדונג, פאַרעפנטלעכט אין „אַנאַרכיע", דעם אָרגאַן פון דער פעדעראַציע:

„קאָמעראַד גאָרדין וועט געבן אַ סעריע לעקציעס אויף די פאָלגנדיקע טעמעס: „די עטישע יסודות פון אַנאַרכיזם", „דערציאונג און אַנאַרכיע", אויך „דער בונד פון די פינף באַליידיקטע".

קאָמעראַד ראַגדאַיעוו: „די געשיכטע פון אַנאַרכיזם אין רוסלאַנד און אין מערב־אייראָפּע"; „טעאָריע און פּראַקטיק", „די געשיכטע פון אינטער־נאַציאָנאַל" (ערשטן, צווייטן און דריטן).

א. א. סאָלאָנאָוויטש — „פּאָליטישע עקאָנאָמיע".

ליעוו טשאָרני — „די געשיכטע פון קולטור", „סאָציאַליזם און אַנאַר־כיע", „אַסאָציאַציאָנערער אַנאַרכיזם".

סערגיי דוואָומיאַנצעוו — „עטיודן פון דער פילאָזאָפיע פון אַנאַרכיזם", „די גרונטלאַגן פון אינדיווידואַליסטישן אַנאַרכיזם".

אַלעקסיי גאַן — „קונסט און דער פּראָלעטאַרישער טעאַטער".

די לעקציעס ווערן געגעבן צוויי מאָל אין דער וואָך, מאָנטיק און דאָ־נערשטיק, פון 6 ביז 8 אין אָוונט."

2

באַזוכער נומער איינס

איך האָב איצטער, אין מאָנאַט מערץ, צוויי דירות. ביי טאָג געפין איך זיך אין דעם „הויז פון אַנאַרכיע" („דאָם אַנאַרכיאי") און שלאָפן ברענגט מען מיך צוריק אין לאַזאַרעט. אין דעם „הויז פון אַנאַרכיע" האָב איך אַ חדר מיוחד, אַ קליין צימער, ד' אויף ד'. אין צימער שטייט אַ קליין טישל, וואָס בלויז עטלעכע מענטשן קענען זיצן אַרום אים, אויך אַ סאָפע, וואו איך קען זיך צושפּאַרן. דאָס צימער פאַרמאָגט איין פענצטער אין דער הויך פון דער וואַנט און עס גייט אַרויס אין הויף. ביים פענצטער שטייט אַן אויל־בירט־ביימל אַריינגעזעצט אין אַ היפשער קאַטקע. איך בין עס ניט מקנא, ווייל עס געניסט זייער ווייניק זונשיין און עס פאַרמאָגט ניט גענוג לעבנס־רוים...

ויהי היום, אַן אָפיצער מעלדעט זיך צום קאָמענדאַנט מיט דער בקשה: ער וויל זען דעם „פירער", „קאַווקאַז", אַ געוועזענער מעטאַליסט, געאַרבעט אין סאָקאָלניקי, און איז איצטער דער „קאָמענדאַנט" פון דעם „הויז פון אַנאַרכיע" און פון אַ רייע שכנישע הייזער, פירט אים אַריין צו מיר און גיט מיר אַ מאָדנעם וואונק אַזוי, אַז דער באַזוכער זאָל עס ניט באַמערקן.

איך בעט דעם אָפיצער זיצן, פרעג אים, מיט וואָס איך קען אים דינען. איך זאָג אים אויך, און ער זעט עס אַליין, אַז איך בין איצט שטאַרק פאַר־נומען: איך האַלט אין מיטן שרייבן אַ לייטאַרטיקל פאַר אונדזער צייטונג „אַנאַרכיע"; אויפן אַרטיקל וואַרט אַ חבר, וואָס איז געשיקט געוואָרן פון דער טיפּאָגראַפיע, וואו אונדזער צייטונג האָט זיך געדרוקט. אגב דאָס איז די אייגענע טיפּאָגראַפיע, וואו איך בין פאַרוואונדעט געוואָרן (זע „זכרונות און

חשבונות", באַנד איינס, ז. 188), זי האָט געהערט צו דעם מיליאָנער און אויטאָמאָבילן־מאַגנאַט ריאַבושינסקי. מיר האָבן די טיפּאָגראַפיע רעקוויזירט.

דערצו נאָך ווארט אויף מיר חבר ביעלאָוו. איך האָב דעמאָלט איבער־געזעצט קאַפּיטלעך פון אונדזער ווערק „די רעפּראָדוקטיווע אָדער די פּעדאַ־גאָגיק פון דעם יונגוואַרג". דאָס ווארט אונדזער באַטייט, אַז דאָס ווערק איז פאַרפאַסט געוואָרן פון ברודער וו. און מיר אין די יאָרן 1909־14, ווען מיר האָבן זיך פאַרנומען מיט טעאָרעטישער און פּראַקטישער פּעדאַגאָ־גיק. (אגב, דאָס ווערק געפינט זיך עד־היום אין כתב־יד אומפאַרעפנטלעכט אין יידיש). די איבערזעצונג האָב איך געמאַכט פון יידישן אָריגינאַל און איך האָב פאַרעפנטלעכט, קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל, אַ קיצור פון דעם ערשטן טייל פון ווערק „די קריטיק פון דער שולע" אין אונדזער צייטונג „אַנאַרכיע". די קאַפּיטלעך זיינען געווען אונטערגעשריבן מיטן פּסעוודאָנים „אחים" (ברי־דער).

אַזוי ווי איך האָב חושש געווען, טאָמער וועט ערגעץ אין אַ זאַץ זיך לאָזן פילן דער ווידערטעם און לשון־איינגעשטעמטקייט פון אַן איבערזע־צונג, פלעג איך, פאַרן אָפּשיקן דעם כתב־יד צום דרוק, אים פאַרלייענען פאַרן חבר ביעלאָוו, אַ געבוירענער רוס און אַן אויפגעהאָדוועטער אין מאָסקווע, וואו ער האָט אויך דורכגעמאַכט אַן אוניווערזיטעט.

ביעלאָוו איז געווען אַ בלינדער. זיין זעקראַפט האָט ער פאַרלאָרן פון אַ באָמבע־אויפרייס, אַן אומגליק, וואָס האָט פּאַסירט מיט אים אין 1905, בעת ער האָט צוגעגרייט פאַר די חברים־טעראָריסטן סיי אַנאַרכיסטן און סיי מאַק־סימאַליסטן, עטלעכע באָמבעס אין זיין לאַבאָראַטאָריע. ער איז געווען אַ דיפּלאָמירטער כעמיקער.

אַזוי ווי ביעלאָוו איז געווען אַ „יליד־מאָסקווע", האָב איך, אַן קווענק־לעניש, זיך פאַרלאָזן אויף זיין אויער, אַז ער וועט אויפכאַפּן יעדע לייכטע פּגימה אין לשון.

אַז ער האָט מיר געגעבן זיין הסכמה, האָב איך געוואוסט, אַז עס איז כשר למהדרין מן המהדרין, אַז דער שטרענגסטער סטיל־קפדן און מחמיר, דער זויבערסטער פּוריסט, וועט קיין שמץ־פּסול אין די איבערזעצטע קאַפּיט־לעך נישט געפינען, און זיי וועלן זיך לייענען גלאַט ווי אַן אָריגינאַל.

הכלל, איך זאָג דעם אַפּיצער, אַז איך בין שטאַרק פאַרנומען און אויב ער פאַרלאַנגט עפּעס פון מיר אָדער האָט עפּעס וואָס מיטצוטיילן, זאָל ער עס טאָן אָן שהיות און אָן לאַנגע פאַררעדעס, נייערט קומען גלייך „צום פּסוק".

דער אַפּיצער האָט געגומען שטאַמלען, זוכן ווערטער. הפנים, ער איז ניט אויסן געווען מיט זיין באַזוך קיין באַשטימטן וויכטיקן צוועק. מעגלעך, אַז ער איז געווען פּשוט נייגעריק „אַנצוקוקן אַ גדול" פון אָט־יענע משונהדיקע ברואים, וואָס רופן זיך „אַנאַרכיסטן", ביי דער אַרבעט. ווען ער איז משמש אין „לפני ולפנים". אָדער ער איז געווען גלאַט אַ שוטה אָדער גאָר צו קלוג־לוסטיק, און ער מאַכט זיך פאַר אַ נאַרעלע, אין נוסח פון „פּאַנינקע יאַ דורען". זיין באַזוך ווערט פאַרדעכטיקט. אַן אַפּיצער, און סתם אַפּיצער איז דאָך אַ

וייס־גוואַרדייער, זאָל זיך וואַגן אַריינצוקומען אין אַזאַ „געפערלעכן" פלאַץ ווי „דאָס הויז פון אַנאַרכיע", פון וועלכן די „בורזשויען" האָבן געווייכט, מורא געהאַט אַפילו פאַרבייגן אויפן טראָטואַר פאַר דער געביידע און פלעגן אַריבער אויף דער קעגנגעזעצטער זייט, וואָרעם ווער ווייסט, וועלכע „סאַטאַניסטישע" טועכצן ווערן דאָ געפּראַוועט, אין אָט־דער הויפּטקוואַרטיר פון די „סאָציאַלע שדים".

יעדנפאַלס, זיין האַנדלונג האָט אַרויסגערופן אַ באַרעכטיקטן חשד. ער האָט אַפילו ניט געקענט אָנגעבן אַ טעם פאַר זיין באַזוך, אָנצייגן אַ מאָטיוו וואָס זאָל זיך לייגן אויפן שכל, ווען אַפילו בדוחק גדול.

צוויי באַוואָפנטע קאַמעראַדן זיינען גלייך אַריין אין מיין צימער. זיי זיינען געווען באַוואָפנט, ווי אַלע קאַמעראַדן, וואָס האָבן געהערט צו דער „שוואַרצער גוואַרדיע", וואָס האָט זיך פאַרמירט צוזאַמען מיט דער „רויטער גוואַרדיע" פון די באָלשעוויקעס און האָט זיך געפונען אין אַ קאָנקורענץ און אָפּאָזיציע צו דער לעצטער. הגם אָט־די צוויי גוואַרדיעס האָבן אין יענע חדשים גאַנץ אָפט קאָאָפּערירט, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַרויס־טרעטן קעגן דער קאָנטררעוואָלוציע. אונטער רעוואָלוציע ווערט דאָ בפירוש פאַרשטאַנען די אָקטאָבער־איבערקערעניש און אירע דעראָבערונגען.

די חברים האָבן באַפוילן דעם אָפיצער אויפצוהייבן די הענט און זיי האַלטן איבערן קאָפּ. זיי האָבן אים באַזוכט, באַטאַפּט גאַנץ זאָרגפעלטיק, צו־גענומען ביי אים דאָס געווער, אַ רעוואָלווער. קיין זאַך, וואָס זאָל אים איב־קרימינירן, האָבן זיי נישט געפונען. בלויז זיין טשיקאַווער אוממאָטיווירטער באַזוך האָט גערעדט קעגן אים. מע האָט אים אַרויסגעפירט פון מיין צימער. ער האָט אויסגעזען צעשראָקן, נעבאַכדיק. און ער האָט זיכער געהאַט פאַר וואָס זיך צו שרעקן. זיין לאַגע איז געווען אַ מאָדנע און אַ קאָמפּליצירטע. וואָס זאָל מען טאָן מיט אים? אַרעסטירן? ווער האָט עס אַ רעכט צו האַלטן אַ מענטשן אַרעסטירט? די אַנאַרכיסטן זיינען ניט קיין באָלשעוויקעס, וואָס אַנדערקענען מאַכט, געריכטן, פאַרהערעניש, אויספאַרשענישן און געפענגע־נישן. איז וואָס זאָל מען פאַרט טאָן מיט אָט־דעם וייסן גוואַרדייער, דעם טשיקאַוון, אויף טויט איבערגעשראָקענעם, נפש?

האָט מען אים דערווייל פאַרשפאַרט אין איינעם פון די פיל גראַמע צימערן, וואָס דאָס הויפּטקוואַרטיר האָט פאַרמאָגט לרוב. און די חברים זיי־נען געקומען צו מיר מיט דער שאלה, איך זאָל פּסקענען. אייניקע חברים זיינען געווען גענייגט אים צו דערשיסן אויף־אָן־אָרט, ווי אַ קאָנטררעוואָלו־ציאָנער, אַ ווייסן גוואַרדייער, וואָס איז געקומען אויסקוקן אונדזער פלאַץ און לאָזן וויסן וואו מע באַדאַרף און דערנאָך מאַכן אַן איבערפאַל אויף אונדז, און אַזוי ווי האַלטן אַ מענטשן פאַרשפאַרט האָבן מיר נישט קיין רעכט, זאָל מען מיט אים אָפּעקן, און יוצא.

איך האָב געזאָגט די חברים, אַז אויב מיר האָבן ניט קיין רעכט צו פאַר־האַלטן דעם אָפיצער, וואָרעם ער איז דאָך אַ מענטש, אַן איינצלנער, אַז אומ־באַריבאַרע פאַרזעגלעכקייט. האָבן מיר נאָך פיל ווייניקער רעכט אים צו

דערשיסן אָן אַן אויספאָרש און אַ ריכטיקן באַווייז, אַז ער איז געקומען צו אונדז מיט קאָנטערעוואָלוציאָנערע געפערלעכע כוונות. לכן, האָב איך גע־פּסקנט, — כאָטש מיין פּסק־דין האָט ניט אויסגעזען צו זיין אין פולן הסכם מיט דעם ריין־אַנאַרכיסטישן ניט־געשריבענעם שולחן־ערוך — מען זאָל אים צייטווייליק האַלטן אונטער אַרעסט און אויסנוצן די צייט פאַר מאַכן אַנ־פראַגעס אין מאָסקווער סאָוויעט, צי ער ווייסט עפּעס וועגן אָט־דעם אַפּיצער, און מיר אַליין דאַרפן אים אויך גוט חוקר־ודורש זיין, אים נעמען אויף אַ שטרענגן פאַרהער, אויסגעפינען וואו ער האָט געוואוינט אין מאָסקווע און, זיך ניט שעמען, מאַכן אַ הויזזוכונג אויף זיין קוואַרטיר. און אויב עס וועט זיך אַרויסשטעלן אַז ער איז גלאַט אַן „אָפּגעריסענער נאַר", איז פאַר זיין טעות פון קומען צו אונדז אַן אַ רעקאָמענדאַציע און „אַן אַ פאַרוואָס און פאַרוועז" — קומט אים ניט קיין טויטשטראָף.

דער סוף איז געווען, אַז מ'האָט זיך דערקונדיקט, אַז ער איז אַ שוטה און מער גאָרניט — און מ'האָט אים באַפרייט אויפצומאָרגנס. אָבער איבער נאַכט האָט מען אים געהאַלטן פאַרשלאָסן און אונטער באַוואָפנטער שמירה און אים גוט אויסגעפרעגט און אויסגעטרייבערט, — דאָס זיינען אַלץ געווען פּראַקטיקעס, וואָס זיינען זיכער ניט כשר לויט דעם אַנאַרכיסטישן דין. אָבער עס איז קיין אַנדער ברירה ניט געווען, אונטער יענע אויסערגעוויינטלעכע אומשטענדן.

דער עפּיזאָד האָט באַוויזן קלאָר, אַז אונדזער „בעל־פּה־קאָדעקס" איז ניט גוט דורכגעטראַכט, אַז עפּעס, און מער ווי עפּעס, פעלט אין אים... אַמאָל מוז מען אַרעסטירן אַ מענטשן, אים אונטערזוכן, אויספרעגן, און משפּטן, דאָס הייסט אַרויסטראָגן אַ באַשלוס איבער אַ מענטשנס שיקזאַל. און עס איז גאָרניט אַזוי לייכט, ווי עס רעדט זיך, אָוועקצומאַכן, מבטל־מאַכן אָט־די אַלע דיסציפּלינאַרע, איזאָלירנדיקע און באַשטראָפנדיקע אינסטיטוציעס.

דער קאָדעקס מוז רעווידירט ווערן. וואָרעם איין זאַך איז קלאָר: ס'איז אַ קלענערע צרה צוצונעמען פון אַ מענטשן זיין פרייהייט אויף אַ שטיקל צייט, איידער אים דערשיסן אויפן פלאַץ אָן אויספרעגעניש און נאָכזוכע־נישן.

3

באַזוכער נומער צוויי

„קאַווקאַז", דער קאָמענדאַנט, אַ באַהאָנגענער מיט רעוואָלווערן און קוילן־לענטעס, קומט אַריין אין מיין צימערל און טיילט מיט:

— אַן אָפיצער; ער זאָגט, אַז ער איז אַ קוזין פון פּיאָטער קראָפּאָטקין, וויל זען די „פירער" פון אונדזער באַוועגונג. ער איז געקומען, לויט זיינע רייד, מיט זייער אַ וויכטיקן פאָרשלאָג.

איך ווער בייגעדיק, שטעל אַן מויל און אויערן. קראָפּאָטקינס אַ נאָענ־טער קרוב — זייער אינטערעסאַנט.

— פירט אים אַריין, כ׳בעט אייך, חבר.

— אָבער ער מוז האָבן ביי זיך געווער...

— עס מאַכט ניט אויס. איך בין ניט קיין שרעקעוודיקער. באַר אויב איר האָט אַ פאַרדאַכט, איז בלייבט אין מיין צימער, ביז איך וועל אייך געבן אַ וואונק, אַז אַלץ איז כשורה און איר קענט אונדז איבערלאָזן איינע אַליין.

דער אָפּיצער איז אַריין פאַמעלעך, אָבער מיט אַ זיכערן טראָט. אַ טונקל־הויטיקער. ער האָט זיכער געהאַט אין זיינע אָדערן אַ צומיש פון טאָטערישן בלוט. זיינע געזיכט־שטריכן שטרענגע, אָנגעצויגענע. זיינע אויגן שפּיזיקע, שטעכיקע. דאָס מויל פאַרשלאָסן שטייף. אַ באַוויז פון ווילנסקראַפט און איינגעשפּאַרטקייט. דער רוקן גלייך, אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע. זיין אויס־זען זאָגט עדות, אַז ער באַלאַנגט צו די קאַדרען־אָפיצערן.

ער האָט זיך העפלעך פאַרנייגט און אָנגערופן זיין נאָמען. איך גיב אים די האַנט און מיר צעוויטעוועון זיך האַרציק. איך בעט אים זיצן.

— אייער פאַמיליע־נאָמען איז קראָפּאָטקין. ווייסט איר וועגן פּיאָטער קראָפּאָטקין, דעם גרויסן לערער, דעם באַגרינדער פון אַנאַרכיזם־קאָמוניזם? האָט איר זיך פאַראינטערעסירט מיט זיינע ליטעראַרישע ווערק?

— געלייענט בלויז „די מעמואַרן פון אַ רעוואָלוציאָנער״.

— וואָס דענקט איר וועגן אים און זיין לערע און ווי באַציט זיך צו אים אייער פאַמיליע?

— מיר אַלע האַלטן אים פאַר אַ פאַררעטער.

— אַ פאַררעטער?! וואָס מיינט איר?

— ער האָט פאַרראַטן זיין אייגענעם שטאַנד, זיין פאַמיליע און אירע היסטאָרישע פירשטלעכע טראַדיציעס. איר ווייסט דאָך זיכער, אַז מיר ציען אונדזער אָפּשטאַם־ליניע אָן קיין איבעררייס פון די ערשטע פירשטן, די רוריקס.

איך גיב אַ וואונק „קאַווקאַזן״, אַז ער קען מיך איבערלאָזן אַליין. ווי־באַלד דער באַזוכער קומט אַרויס מיט דעם אמת, האָט דעם קוראַזש פון זיינע איבערצייגונגען און פאַרבאַהאַלט זיך ניט אונטער פאַלשע פּרעטענ־זיעס, וואָס עס וואָלט אים אָנגעקומען זייער לייכט, ווי אַ קרוב פון גרויסן קראָפּאָטקין, — וועט ער גיין מיטן גלייכן וועג און מ׳דאַרף זיך פון אים ניט היטן.

אַז מיר זיינען געבליבן אויג־אויף־אויג, פרעג איך אים:

— וועגן וואָס האָט איר געוואָלט מיט מיר זיך אַדורכריידן?

— עס איז אַ וויכטיקער ענין.

— זאָגט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך און איך וועל אייך אויסהערן מיט פולער אויפמערקזאַמקייט.

— מיר, אָפיצערן, זיינען אָרגאַניזירט אין אַן אַסאָציאַציע. איך בין

דער פרעזידענט פון דער אָרגאַניזאַציע. אַלע אָפּיצערן פּאָלגן מיך. וואָס איך וועל זיי הייסן, וועלן זיי טאָן. איר ווייסט דאָך אַליין: מיר זיינען מיליטערלייט; מיר אָנדערקענען אַ שטרענגע דיסציפּלין. אַ גרויסער טייל מיטגלידער פון אונדזער אַסאָציאַציע געפינט זיך אין מאָסקווע, אַ טייל איז אין אוקריינע. מיר האָבן אויך אָפּטיילונגען אין סיביר. איך און מיינע אָפּיצערן זיינען גרייט אינגאַנצן זיך איבערצוגעבן צו אייך. מיר וועלן זיך ניט מישן אין אייערע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אָנגעלעגנהייטן. איר וועט באַפעלן און מיר וועלן אויספירן. איר האָט אַ „שוואַרצע גוואַרדיע", די באָלשעוויקעס — אַ „רויטע גוואַרדיע". זיי נעמען שוין אָרגאַניזירן אַ רויטע אַרמיי. דער מיליטערישער ווערט סיי פון דער רויטער און סיי פון דער שוואַרצער גוואַרדיע איז ניט גרויס. אייער כוח ליגט אין די פיל אָנהענגער און סימפּאַטיקער, וואָס איר האָט צווישן די אַרבעטער־מאַסן און מאַטראָזן. אַלץ, וואָס איר דאַרפט טאָן, איז אַרויסקומען מיט אַ מאַניפעסט, אין וועלכן איר וועט דערקלערן אייער פּלאַן פאַר דער רעקאָנסטרוקציע פון דער עקאָנאָמיק און פּאָליטיק אין לאַנד. די מיליטערישע זייט וועלן מיר באַזאָרגן אונטער אייער אויפזיכט און אויף אייער פאַראַנטוואָרטלעכער פירונג. און מיר וועלן אַרונטערוואַרפן די באָלשעוויקעס. אונדז פאַרייניקט איין זאַך. דאָס איז אונדזער אַלגעמיינער האַס צו די באָלשעוויקעס.

— איר באַהויפּט, אַז איר האָט געהיימע אָפּיצערן־אָרגאַניזאַציעס. וואַרשיינלעך איז עס אַזוי. אָבער איר דאַרפט אונדז געבן באַווייזן, אַז אַזעלכע גוט־דיסציפּלינירטע אָרגאַניזאַציעס עקזיסטירן טאַקע. און דאָס אַליין איז ניט גענוג. מיר דאַרפן זיין זיכער, אַז איר שטייט אין זייער שפּיץ און אַז די אָפּיצערן וועלן אייך פּאָלגן. איר נעמט דאָך אונטער אַ ריזיקאַלע און זייער דעליקאַטע זאַך. איר ווילט ניט האָבן די באָלשעוויקעס. פאַרוואָס? ווייל זיי זיינען קעגן קאַפּיטאַל. אָבער מיר זיינען ניט נאָר קעגן קאַפּיטאַל, מיר זיינען אויך קעגן דעם שטאַט. דענקט איר, אַז די אָפּיצערן וועלן האָבן אַזוי פיל צוטרוי צו אייך, אַז זיי וועלן אייך געהאָרכן, ווען איר וועט זיי באַפעלן צו מאַרשירן אונטער אונדזער שוואַרצער פאָן, אונטער דער פּאָליטישער אָנפירערשאַפט פון די „שרעקלעכע" אַנאַרכיסטן, וועלכע זיי האָסן ניט ווייניקער מסתמא ווי זיי האָסן די באָלשעוויקעס און אַ היפּש ביסל מער? דערצו איז נאָך אַ פראַגע, צי איר האָט גענוג געווער. מיר פאַרמאָגן ניט, פאַרשטייט זיך, אַזויפיל געווער, אַז מיר זאָלן קענען דערמיט אויסשטאַטן אַ גאַנצע אַרמיי. מיר האָבן קוים אויף אויסקומעניש פאַר אונדזער „שוואַרצער גוואַרדיע", אַ היפּשע צאָל רעוואָלווערן, ניט קיין גרויסע צאָל ביקסן און גאָר אַ באַגרעניצטע צאָל קוילנוואַרפער און אַביסל האַנטגראַנאַטן.

— מיר האָבן געווער. מיר האָבן די באָלשעוויקעס אונדזער געווער אינגאַנצן ניט אָפּגעגעבן, ווי די פּונקטן פון פרידן־אָפּמאַך האָבן געפאָדערט. מיר האָבן אַפילו קאַנאָנען פאַרבאַהאַלטן אין שטאָלן. אַלע געפינען זיך אויף די שטאָט־גרעניצן פון מאָסקווע. אויסער דעם פאַרמאָגן מיר געהיימע אַרסענאַלן צעשאָטן איבערן גאַנצן לאַנד. מיר האָבן אַלץ, וואָס מע דאַרף, כדי אַראָפּ־

צואווארפן די באָלשעוויסטישע רעגירונג. וואָס אונדז פעלט איז אַ ראַדיקאַל־פּאָליטישע פירערשאַפט אַזוי, אַז די אַרבעטער־מאַסן אין די שטעט און די פּויערים אין די דערפער און די מאַטראָזן זאָלן זיך ניט שטעלן קעגן אונדז. מיט די באָלשעוויקעס אַליין וועלן מיר זיך לייכט אַן עצה־געבן. איר האָט די סימפּאַטיעס פון די נידעריקע שיכטן; וואָס אייך פעלט איז מיליטערישע מאַכט, און דאָס האָבן מיר. לכן דאַרפן מיר קומען צו אַ פאַרשטענדעניש, שליסן אַ בונד און צוזאַמען וועלן מיר באַזיגן די באָלשעוויקעס און ראַטעווען רוסלאַנד פון אַט־דער צרה און שאַנד.

— אָבער פאַרוואָס זאָלט איר וועלן, אין אַרנטלעכקייט און ערנסטקייט, זיך פאַראייניקן מיט אונדז קעגן די באָלשעוויקעס און ניט שטעלן זיך אויף דער זייט פון די באָלשעוויקעס און באַקעמפן אונדז?

— ווייל זיי זיינען פאַררעטער, אומפאַרשעמטע אָפענע פאַררעטער. זיי צעטרעטן די ערע און שטאָלץ פון רוסלאַנד אין שטויב: דעם 3טן מערץ האָבן זיי אונטערגעשריבן אַ שענדלעכן פרידנס־אָפּמאַך מיט די דייטשן און פאַר־שאַכערט אונדזער פאָטערלאַנד. איר וועט אַזאַ פאַרברעכן קיינמאָל ניט באַ־גיין. איר וועט זיך ניט פאַראייניקן מיט די פאַרפלוכטע הונען.

— אָבער אין פאַל מיר וואַרפן־אַראָפּ די באָלשעוויקעס און מיר אַנולירן דעם שענדלעכן אָפּמאַך, וועלן מיר דאָך זיין געצוואונגען פאָרצוזעצן דעם קריג. איז ווי אַזוי רעכנט איר זיך צו פאַרטיידיקן קעגן די אָנגרייפנדיקע דייטשע אַרמייען? מע דאַרף דאָך עס אויסרעכענען. מיר וועלן האָבן קעגן זיך ניט בלויז די באָלשעוויקעס, נאָר אויך די דייטשן.

— אונדזער פּלאַן איז צוריקציען זיך ביז דער וואָלגע, זיך פאַרפעסטיקן אויף איר צווייטן ברעג און ערשט פון דאָרטן אָנהויבן אונדזער אָפענסיווע און לסוף אָפּרייניקן דאָס לאַנד פון די דייטשוקעס. און אויב אָפילו זיי זאָלן פאַרנעמען די וואָלגע, קענען מיר זיך פאַרפעסטיקן הינטער די אוראַל־בערג און פונדאָרטן אָנפאַנגען אונדזער אָנגריף. רוסלאַנד פאַרמאָגט גענוג מענטשן־מאַטעריאַל און גענוג רוים. רוסלאַנד איז צו גרויס, אַז דער דייטשוק מיט זיין אויפגעבלאָזענעם אַפּעטיט אָבער שמאָלן העלדזל זאָל אונדז קענען אַראָפּ־שלינגען און ניט דערוואָרגן ווערן. אַט־די אַלע פּלענער האָט אונדזער שטאַב שוין אויסגעאַרבעט. אונדז פעלט, ווי איך האָב שוין געזאָגט, בלויז איין זאַך — פּאָליטישע פירערשאַפט. מיר זיינען מיליטערלייט, אָבער ניט קיין פּאָליטיקער.

איך בייט די ריכטונג פון שמועס; איך באַגרייף, אַז צווישן דעם ערשטן אָפיצער־באַזוכער און דעם צווייטן עקזיסטירט אַ פאַרבינדונג. דער ערשטער איז געווען די „פּראָבע", צום איינשטעלן און זען, וואָס עס וועט מיט אים פּאַסירן. און אויב ער וועט אַרויס אַ גאַנצער פון „לייבן־גרוב", וועט דער צווייטער גיין מיט מער זיכערקייט.

— האָט איר גאָר קיין מורא ניט געהאַט אַריינצוקומען צו אונדז. אין פאַל...

— איך האָב איינגעשטעלט מיט קיין קומען צו אייך און שטעל איין

נאָך מער מיט מיין אויפדעקן פאַר אייך אונדזערע אַלע געהיימענישן. אָבער אַ געפיל האָט מיר אונטערגעזאָגט, אַז מיין נאָמען „קראַפּאַטקין" וועט דינען ווי אַ מין טאַליסמאַן און דערהויפּט אייער אָרנטלעכקייט וועט מיר ביישטיין, אַז קיין אומגליק וועט ניט פּאַסירן. אין אַזעלכע גורלדיקע צייטן מוז מען איינשטעלן פיל, אויב מען וויל כאָטש עפּעס געווינען. און דאָס גייט אויך פאַר אייך. אונדזער פאַראייניקונג וואָלט מיינען אַ ריזיקע פאַר ביידע צדדים, אָבער אויב מיר וועלן ניט ריזיקירן, וועלן זיכער ביידע, סיי מיין אָרגאַניזאַציע און סיי אייערע, אומקומען פון דער בלוטיקער גרויזאַמער און פאַררעטערישער האַנט פון די באָלשעוויקעס.

— איר זייט גערעכט. אָבער איך אַליין, איר פאַרשטייט דאָך, קען אַזאַ זאַך ניט באַשליסן אויף מיין אייגענער אחריות. איך וועל האָבן אַ געהיימע באַראַטונג וועגן אייער פאַרשלאָג מיט אייניקע פּראָמינענטע קאַמעראַדן נאָך היינט אין אָוונט, און איר מיט אייערן אַ געטרייען אַדיוטאַנט קומט צו אונדז מאָרגן אָוונט. קומט אין ציווילע קליידער. איר וועט מאַכן אייער פאַרשלאָג אין דער אָנוועזנהייט פון עטלעכע אָפּגעקליבענע פאַרטרויענסווערטיקע קאַמעראַדן. און דעמאָלט וועלן מיר באַשליסן, צי מיר וועלן קענען קומען צו אַ פאַרשטענדעניש און אָפּמאַך מיט אייער אָרגאַניזאַציע צי ניט.

ער איז געקומען צו אונדזער זיצונג. מיר האָבן זיך „מתייחד" געווען אין ביבליאָטעק. די זיצונג איז געווען אַ העכסט־געהיימע. באַרמאַש האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט זיין פאַרשלאָג. ער און „קאַווקאַז", דער קאָמענדאַנט, האָבן זיך פריינוויליק אָנגעבאָטן צו גיין אויסגעפינען, צי זיי האָבן טאַקע אַ פאַרהוילענעם אַרסענאַל און אַן אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע און צי קראַפּאָטקין איז טאַקע זייער אָנדערקענטער פירער.

באַרמאַש האָט אָפּגעגעבן אַ פּאָזיטיוון באַריכט. ער האָט אויסגעפונען, אַז קראַפּאָטקין איז זייער פּאָפּולער צווישן די אָפיצערן און אַז זיי האָבן געהיימע סקלאַדן אָנגעפּאַקטע מיט געווער. קאַנאָנען און אויך טאַנקן. זיי האַלטן עס איז וואַגאָנעס, וואָס שטייען אויף זייטיקע רעלסן־ליניעס, פאַרשאָטענע מיט שניי.

מיר האָבן געהאַט נאָך אַ זיצונג מיט אים און זיין אַדיוטאַנט, וואָס איז אויך געווען פון אַ פירשטלעכער פאַמיליע. דוכט מיר אַ יוסופּאָוו. מיר האָבן אים לאַנג אויסגעפרעגט, לאַנג גערעדט וועגן אונדזערע אָנשויאונגען און פּלענער אין פאַל מיר נעמען איבער דעם רודער פון דער שיף־ראָססייע אין אונדזערע הענט.

ביים סאַמע סוף פון אונדזערע אויסגעצויגענע און פאַרמאַטערנדיקע אונטערהאַנדלונגען האָב איך צו אים פּלוצלונג, אינגאַנצן אומדערוואַרט, אַ זאָג געטאָן:

— הייסט עס, איר ווילט אויסקערן דעם שליטן אויף לינקס, כדי איר זאָלט אים דערנאָך קענען איבערקערן אויף רעכטס. איז דאָס אייער אפזיכט? זאָגט דעם ריינעם אמת!

ער איז געוואָרן רויטלעך אין געזיכט, האָט עפּעס גענומען שטאַמלען,

ער האָט אָבער ניט פאַרמאָגט געגוג פרעכהייט קאַטעגאָריש אָפּצוּוואַרפן מיין חשד און חשש.

מיר איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָס אייגנטלעך איז זייער כוונה: אַוועקגיין ווייט צו לינקס און דורכוואַרפן די באָלשעוויקעס אויף דעם איינציקן וועג, אויף וועלכן דאָס האָט געקענט געטאָן ווערן, און דערנאָך, נאָך דער ליקווי־דאַציע פון די באָלשעוויקעס, וועלן זיי קענען קירעווען אויף רעכטס ביזן פולן מאָנאַרכיזם, וואָס דאָס איז געווען זייער האַרצנס־באַגער.

מיר זיינען ניט גרייט געווען אייַנצוגיין אויף אַוואַנטורעס.

די זיצונג איז געשלאָסן געוואָרן אין אַ געדריקטער שטימונג. מיר האָבן זיך צעשיידט זייער העפלעך. דער אָפּיצער קראַפּאָטקין האָט מיר ניט געקענט קוקן גלייך אין די אויגן; ער האָט באַגריפן, אַז איך האָב געזען זיינע געדאַנ־קען ווי זיין שאַרבן וואָלט געווען אַ דורכזיכטיקער.

צוויי טעג שפּעטער האָבן מיר זיי צוגעשיקט אונדזער מינדלעכן נעגאַ־טיוון ענטפער דורך אַ פאַרטרוילעכן חבר.

איבער אַ יאָר שפּעטער איז דער אָפּיצער קראָפּאָטקין, וואָס האָט גע־שטאַמט פון די רוריקס, פאַרמשפט און דערשאָסן געוואָרן פון דעם „אויבער־הערשער פון רוסלאַנד‟, אַדמיראַל קאָלטשאַק, וואָס האָט אָרגאַניזירט אַ קאָנטערעוואָלוציאָנערע אַרמיי אין סיביר און האָט עטאַבלירט זיין רעזידענץ אין אָמסק; קאָלטשאַק האָט אים דערשאָסן אַלס פּרעטענדענט אויפן טראָן און מורד־במלכות. קאָלטשאַק האָט געהאַלטן פאַר דער ראָמאַנאָוו־דינאַסטיע.

קאָלטשאַק און זיין סיבירער אַרמיי זיינען צעשלאָגן געוואָרן אין נאָ־וועמבער 1919. ער איז גענומען געוואָרן געפאַנגען פון די באָלשעוויקעס און דערשאָסן געוואָרן אין 1920.

4

באַזוכערס נומער דריי

אַ לייכטער אָנקלאַפּ אין טיר. עס קומט אַריין אַ פּאָרל. ער — אַ הויכער, אַ ברייטער אין די פּלייצעס, שטאַרק, סאָליד געבויט. זי — אַ קליינע, אַ דאַרע, מיט פייער־ברענענדיקע, פונקענשפּריצנדיקע אויגן, מיט רויטע בע־קעלעך; אירע האָר — פלאַקס אָדער שטרוי. אַ בילד פון אַן אוקראַיִנער שיקסע, אָבער געווען איז זי דווקא, אויפצו־להכעיס די סימנים פון עטנאָגראַפּיע, אַ יידיש קינד.

זי גיט איר נאָמען: מאַרוסיאַ ניקיפעראָוואַ, אַ חברה פון אוקריינע. דאָס איז די מאַרוסיע, וואָס איז שפּעטער־צו באַקאַנט געוואָרן ווי די „שרעקלעכע‟ אַמאַזאָנקע אויפן ווייסן פערד, די אָנפירערן פון אַ היפּשן פאַרטיזאַנען־אָפּ־טייל אין אוקריינע, וואָס האָבן באַקעמפט דעניקינען (1872־1947), דעם גענעראַל, וואָס איז געווען דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון די ווייסע גוואַרדייער (אין די יאָרן 1919־1918).

ער רופט זיך אָן „בזשאָסטעק" און גיט מיר אַ שטאַרקן דרוק מיט דער האַנט, ווי אַן אַלטער פריינט.

— „בזשאָסטעק?" — פרעג איך אים איבער און קוק אים אָן. ער שמייכלט אַזש די אויגן צעטאַנצן זיך ביי אים אין קאָפּ — „בזשאָסטעק?" דער נאָמען איז מיר באַקאַנט, אָבער — אויף דער שטעל און צוליב דער אומגעבונג האָב איך זיך עפּעס ווי פאַרפּלאָנטערט אין נעפּלען פון געדעכע־נישן. — יאָ, בזשאָסטעק, זייט איר אפשר דער, וועמען איך האָב אַמאָל אַראָפּגעלאָזן אַ פּאָר פּעטש און אים צעדמט? איר האָט מיך גערופן „זשיד".

— יאָ, איך בין עס.

— געדענקט איר עס?

— אַוודאי געדענק איך עס. די פּאָר פּעטש האָבן פּאָר מיר פּיל אויפ־געטאָן. איר האָט איר מיר אַריינגעפּאַטשט דעם אַנאַרכיזם. איך האָב פון דעמאָלט אָן זיך פאַראינטערעסירט מיט דער סאָציאַלער פראַגע, ייד, גוי, רייך, אָרים, אונטערדריקטע פאָליאַקן.

— מע קען קיינמאָל ניט וויסן גענוי, וואָס ס׳וועלן זיין די פאָלגן פון אונדזוערער אַ טועכץ, — באַמערק איך.

— אייערע פּעטש זיינען מיר צוניץ־געקומען. צווישן מיר און אייך איז געשלאָסן געוואָרן אַ בלוטבונד. צום אָנפאַנג, בשעת מעשה, בין איך געווען געפערלעך אויפגעבראַכט. איך האָב געכאַפּט אַ שטיין און געוואָרפן אויף אייך און ניט געטראָפן; די הענט האָבן ביי מיר זיך געטרייסלט פון אויפ־רעגונג און איך האָב ניט געקענט זיך גוט צילעווען. אָבער מיט יאָרן שפּע־טער האָבן די פּעטש מיך געמאַכט דענקען. און איך בין אייך געווען דאַנק־באַר, זייער דאַנקבאַר, פאַר געבן מיר דעם ערשטן שטויס.

ער האָט מיר אַ צווייטן מאָל דערלאַנגט די האַנט און זי געדריקט מיט אמתער דאַנקבאַרקייט.

— מיר טוט גרויס הנאה וואָס מיינע פּעטש זיינען ניט אַוועק אין ני־וועץ, נייערט געטאָן שליחות, געגעבן אייך אַ קער צום ראַדיקאַליזם. מיר האָט מיין גאַנצן לעבן, פון דעמאָלט ביז אַט־דער מינוט, פאַרדראָסן, הלמאַי איך האָב אייך געפּאַטשט. איך האָב געטראַכט: פאַר רופן „זשיד" קומט ניט שלאָגן; איך האָב אייך געדאַרפט צוריקרופן: „ליאַך" אָדער „פאָליאַצי דאַ ליאַסו" („פאָליאַקן אין וואַלד אַריין"), אַן אָנצוהערעניש אויף די דורכגעפאַ־לענע אויפשטאַנדן (1863, 1861, 1848), ווען די פאָליאַקן, די אויפשטענד־לערס, זיינען דורכגעפאַלן און האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די וועלדער פון די רוסישע זיגרייכע חיילות). איך האָב פּיל מאָל געטראַכט אַריינצוגיין צו אייך אין שטוב און בעטן פאַרגעבונג, אָבער איך האָב זיך געשעמט עס צו טאָן. ערשט איצט דערוויס איך זיך, אַז איך האָב זיך אומזיסט מצער געווען. מיינע פּעטש און דאָס צעדמען אייך, און דער וויייטיק, וואָס איך האָב אייך פאַרשאַפט, האָבן זיך גערעכטפערטיקט מיט דעם, וואָס זיי האָבן געמאַכט אויף אייך, כאָטש אָן אַנעסטעטיק, אַן אָפּעראַציע, אַ גייסטיקע אָפּעראַציע...

און איר זייט געגעזן געוואָרן מאָראַליש, פּסיכאָלאָגיש. מיך פרייט באמת עס צו וויסן. און אַ יישר־כוח אייך פאַר קומען און מיר לאָזן עס וויסן.

די מעשה מיט די פּעטש איז אַזאַ:

געווען איז עס אין 1899, אין דער שטאָט אַסטראָוו. מיין פאָטער איז געווען דער מרא דאתרא, דער רב; זיין טאַטע איז געווען אַ קאַלבאַסניק. אויף זייער הויף פלעגט מען אָפּט סמאַליען חזירים און דער ביטערער רויך פלעגט פאַרבלאָנדזשען צו אונדז און מיר פלעגן פאַרהאַקן די פענצטער. מיר האָבן געוואוינט אין שכנות. בלויז אַ נידעריקער צוים האָט אָפּגעטיילט די צוויי הויפן.

בזשאַסטעק האָט געמוזט זיין מיט אַ יאָר דריי־פיר יינגער פון מיר. איך האָב שוין דעמאָלט געלערנט אין דער שטאָטישער ישיבה, בסך־הכל אַלט געווען אַ יאָר צוועלף. מיין רבי איז געווען ר׳ ניסן סטאַווסקער. ער איז גע־קומען פון סטאַווסק. דער סטאַווסקער רב איז געווען אַ גרויסער מוסרניק און ר׳ ניסן האָט זיך געהאַלטן פאַר זיינעם אַ תלמיד וותיק. די ישיבה־גע־ביידע, אַ צווייִשטאָקיקע מויער, איז געווען אויסגעבויט אויף דעם געלט־בייטראָג פון דער רייכער אלמנה בלאָמבערג. זי האָט געפירט גרויסע גע־שעפטן און איז געווען אַ גרויסע נדבנטע. מיין פאָטער פלעגט ביי איר אויף פסח צו די סדרים און די לעצטע טעג אַריינשטעלן אַרום אַ הונדערט פּופּציק זעלנער. פאַר סוכות־צייט פלעגט זי אויף איר הויף לאָזן אויפשטעלן פאַר די זעלנער ספּעציעלע סוכות זיי צו אַקאָמאָדירן.

די ישיבה האָט געהאַט צוויי כיתות. אין דער ערשטער כיתה איז דער רבי געווען ר׳ וואָלף־בער, אַן אַמשענאָווער חסיד. אַ שיינער ייד מיט אַ לאַנ־גער באָרד און אַ גרויסן ליכטיקן שטערן. זייער אַ קלוגער, אַ פריילעכער, ווי אַ חסיד דאַרף זיין. יעדן ערב ראש־חודש פלעגט ער זיך אָנשניאַשקען און קומען אין ישיבה ביגלופין. ער איז אַלע מאָל געגאַנגען מיט אַ גראָבן שטעקן און אים פלעגט נאָכגיין ר׳ אפרים, דער שמש פון דעם אמשענאָווער שטיבל. אַז ר׳ וואָלף־בער פלעגט ווערן אין כעס אויף אַ תלמיד, פלעגט ער געבן קלעפּ מיטן שטעקן און די גאַנצע כיתה בחורים פלעגט ציילן די קלעפּ אויפן קול מיטן נוסח פון דער עבודה: „אחת ואחת, אחת ושתים...״ ער איז גע־ווען אַ „יידישער גזלן״, די קלעפּ זיינען געווען מער שפּאַס און אַמוזירונג פאַר דער כיתה, ווי שרעק, ווייטאָק און דערנידערונג פאַרן געשלאָגענעם.

אין דער צווייטער כיתה איז דער רבי, ווי שוין געזאָגט, געווען ר׳ ניסן. אַ פאַרברענטער מתנגד, אַן אָפּגעהיטער מוסרניק, וואָס האָט זיך קיין ריר ניט געטאָן אָן דעם „מסילת ישרים״. ער האָט אויך געהאַלטן פון גאונס שיטה, אַזוי אַז ער איז געגאַנגען אין טלית און תפילין אַ גאַנצן טאָג. ער האָט געטראָגן אַ ברייט היטל מיט אַ הויכער דענקע, אַזוי אַז דער של ראש פלעגט ער, גייענדיק אין גאַס, פאַרבאַהאַלטן אין אים צוזאַמען מיט זיינע לאַנגע פּיאות, וואָס האָבן דערגרייכט ווייט איבער די אַקסלען. און ער האָט זיי געהאַלטן איבערגעבונדן איבערן קאָפּ. די רצועות און דעם קשר פון של ראש האָט ער פאַרבאַהאַלטן אונטער אַ טוך, מיט וועלכן ער האָט אַרומגע־

וויקלט דעם האַלדז סיי ווינטער און סיי זומער אין די גרעסטע היצן. מיטן של יד האָט ער קיין שווערקייטן ניט געהאַט. ער האָט געטראָגן אַ ברייטן שוואַרצן כאַלאַט מיט זייער ברייטע אַרבל, אין וועלכע ער האָט געקענט פאַר־שטעקן אַ גאַנצן טוץ של־ידס. זיין כאַלאַט האָט ער געלאָזט פאַר זיך נייען ספּעציעל מיט קעשענעס, וואָס זיינען געווען געשניטן באַלכסון, דיאַגאָנאַליש, כדי ניט עובר צו זיין, ווי ער האָט אונדז דערקלערט, אויפן לאוו פון „לא תלכו בחוקות הגוי" (ויקרא כ׳, כ"ג), ניט נאָכטאָן דעם גוי, ניט גיין אין גויישע פאַרדאַרבענע וועגן.

ר׳ ניסן איז געווען קליין, דאַר און בלייך, אָן אַ טראָפּן בלוט אין פּנים. די אויגן זיינען בײַ אים געווען רויט פון ניט דערשלאָפן. ער פלעגט אויפ־שטיין פרי צו עבודת הבורא. לעבן אים האָט געוווינט אַ שמיד און יענער פלעגט אויפשטיין פאַרטאָג, שמידן די סוסים פון די גוים־פּויערים, וואָס פלעגן אָנפאָרן פאַרטאָג פון די דערפער אין שטאָט מיט זייער תבואה, עופות אָדער געהילץ און אויך באַפּאַדקעווען די פערד פון די יידישע פורמאַנעס, וואָס בייטאָג האָבן ביי זיי די פערד געדאַרפט פאַרדינען אויף חיונה פאַר זיך און זייערע באַלעבאַטים מיט זייערע פאַמיליעס, און פרייע צייט האָבן זיי געקענט געניסן אין די גאַר פריע פאַרטאָגן.

איז ווי אַזוי האָט געקענט ר׳ ניסן זיך דערלויבן שלאָפן לענגער פון שמיד? ער האָט געלערנט אַ קל־וחומר: מה דאָך ער, דער שמיד, וואָס דינט צו בשר־ודמס, שטייט אויף אַזוי פרי, היינט ער, ר׳ ניסן, וואָס דינט דעם בורא־עולם, דאַרף דאָך אַוודאי אויפשטיין פרי. ער איז געווען כסדר אויפן פראָנט, געפירט מלחמות מיטן ימח־שמוניק, דעם יצר־הרע.

אונדז האָט ער געלערנט, אַז איידער מע רעדט אַרויס אַ וואָרט, דאַרף מען עס גוט באַטראַכטן, טאָמער איז מאָראַליש געזינטער עס אינגאַנצן ניט אַרויסברענגען אויף דער וועלט פאַרן מויל. קיין דברים בטלים האָט ער ניט גערעדט. ווען ער האָט געוואָלט, אַז מע זאָל צומאַכן אַ לופטשיק אָדער דאָס גאַנצע פענצטער אָדער פאַרקערט — עפענען איינס פון זיי אָדער עפענען די טיר, פלעגט ער אָנווייזן מיט דער האַנט און אַרויסברענגען דעם אומאַר־טיקולירטן „ממ..." דאָס אַלץ; און די בחורים האָבן שוין פאַרשטאַנען, וואָס ער פאַרלאַנגט.

אויב מען דאַרף זיין אָפּגעהיט מיט ווערטער, אַ פשיטא שוין מיט האַנד־לונגען. ער האָט אונדז געלערנט, אַז איידער מע טוט עפּעס, דאַרף מען זיך גוט איבערלייגן, לאַנג איבערטראַכטן, צי מע דאַרף עס טאַקע טאָן, צי בעס־ער ניט. „שבאל תעשה עדיף" (עירובין, ק.), אויף ניט האָט מען קיין חרטה ניט. בכן, אַז מיר האָבן געזען רבי ניסנען שטעלן קליינע טריטלעך, אַרומ־גיין פּאַוואָליע איבערן לאַנגן און ברייטן צימער פון דער ישיבה פון זיין אייגענער כיתה, אַהין און צוריק, די הענט אַריינגעלייגט אין די ברייטע אַרבל, האָבן מיר געוואוסט, אַז ער באַטראַכט עפּעס אַ וויכטיקע אַקציע.

פונקט דעם טאָג, ווען איך האָב, אויפן וועג גייענדיק אין ישיבה, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער זעלביקער גאַס, וואו מיר האָבן געוואוינט, צע־

דמט בזשאָסטעקן, איז ר׳ ניסן לאַנג אַרומגעגאַנגען איבערן חדר, טיף פאַר־זונקען אין מחשבות. האָבן מיר שוין געוואוסט, אַז עפּעס וויכטיקס גייט ער אונטערנעמען. און אַלע בחורים זיינען געווען געשפּאַנט. הקיצור, ער גייט צו צו מיין טיש און שטעלט זיך אָוועק פונקט לעבן מיין שכן, אַ בחור פון אַ יאָר 16־15. זיין טאַטע איז געווען אַ קלעזמער, געהאַט צוויי דערוואַקסענע בנים, וואָס האָבן פאַרקלונגען אַסטראַוו מיט זייער שם ווי גרויסע שלעגערס. קינדער פלעגן וועגן זיי דערציילן וואונדער־געשיכטעס, עלעהיי דער מדרש רבה וועגן דער גבורה פון יוספס ברידער, די העלדן, פאַר וועלכע ס׳גאַנצע לאַנד מצרים האָט געציטערט. בכלל זייער הנהגה, לויט די סטאַנדאַרטן פון יענעם גאָטספאַרכטיקן חסידישן שטעטל, איז געווען זייער אַ פּראָבלעמאַ־טישע. דער טאַטע, דער קלעזמער, האָט אָבער געוואָלט, אַז זיין בן־זקונים זאָל זיין אַ לערנער, אַ יוצא מן הכלל פון די ברידער, אַן אבן־טוב, וואָס זאָל שיינען פאַר אים און פאַר דער גאַנצער משפּחה. האָט ער זיך אויף אים גע־לאָזט היפּש קאָסטן. ער האָט אים געהאַלטן אין געהויבענע חדרים און איצט אין דער ישיבה, אין דער צווייטער כיתה. דאָס איז געווען אַ וויכטיקע דער־גרייכונג פאַר זיין שטאַנד און שטוביקער סביבה, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען.

דער בחור האָט זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט. לויט די גאָר שטרענגע פאָדערונגען פון ר׳ ניסן איז געווען זייער לייכט זיך צו פאַרזינדיקן. איז ער צוגעקומען צו אים, אָפּגעשטאַנען אַ פּאָר מינוט ניט אַרויסרײדנדיק קיין איינציק וואָרט. ניט אַרויסצייגנדיק קיין סימן פון כעס אָדער פאַרדרוס, האָט ר׳ ניסן אויפגעהויבן זיין רעכטע האַנט זייער מעטאָדיש, לאַנגזאַם און זי געוואָלט אַראָפּלאָזן אַזוי מעטאָדיש באַזאַכט ווי ער האָט זי אויפגעהויבן, אויף יענעמס באַק. דער בחור האָט אינסטינקטיוו, ווי אַ נאַטירלעכע קער־פּערלעכע רעאַקציע, געגעבן אַ דריי דעם קאָפּ אַנאַזייט. דער פּאַטש האָט די באַק ניט געטראָפן. ר׳ ניסנס האַנט האָט אַביסל צערודערט די לופט, דאָס אַלץ און ניט מער.

דאַ איז ר׳ ניסן געוואָרן אויסער זיך און איז אַרויס מיט לשון, אָבער אָן כעס, חס ושלום, נייערט מיט דעם זעלבן טאָן און דעם זעלביקן ניגון, מיט וועלכן ער האָט געזאָגט זיין וועכנטלעכן שיעור און געלייענט אַ פּרק אין „מסילת ישרים״:

— אויב דו ביסט ניט מקבל באהבה, וועט דאָך דיר די עבירה ניט פאַרגעבן ווערן, איז וואָס לוינט עס מיר דיך צו פּאַטשן?! וואָס בין איך דיינער אַ שלעגער, אַ פּאַטשער?! דו דאַרפסט מקבל־זיין די יסורים באהבה, אַניט וועל איך דיך באַין אופן ניט פּאַטשן, נישט אָנרירן אפילו, וואָרעם מיין פּאַטשן וועט דיר קיין פּעולה ניט טאָן, וועט גאָרניט מתקן־זיין. איך וויל דאָך דיין טובה, דו זאָלסט אָפּקומען פאַר דיין זינד אויף דער וועלט.

ר׳ ניסן האָט אַזוי לאַנג און איבערצייגנדיק גערעדט, ביז דער בחור האָט אָנגעשטעלט די באַק און זי געהאַלטן אין דער ריכטיקער פּאָזיציע. ר׳ ניסן האָט אים אַראָפּגעלאָזט דריי פּעטש. ער האָט אָפּגעטאָן זיין וויכטיקע

אַרבעט און איז אַוועק אַ צופרידענער: ער האָט אַרויסגענומען אַ פלעק פון אַ נשמה־מלבוש. ער האָט אַראָפּגעוואַשן אַן עבירה.

איך האָב די סצענקע באַאָבאַכט און געטראַכט: „צוליב וואָס האָב איך געשלאָגן בזשאָסטעקן, דעם שייגעץ? ער האָט מיך גערופן „זשיד“, האָב איך אים געדאַרפט דערקלערן, וואָס ס׳איז אַזוינס אַ ייד. מיין רבי וואָלט אים זיכער ניט געשלאָגן. ווייל ער, בזשאָסטעק, האָט דאָך די יסורים ניט מקבל באהבה געווען“.

די זאַך האָט מיר געקרענקט. איך האָב מיר מיין געאיילטע האַנדלונג זיך ניט געקענט פאַרגעבן. נאָך מער, איך האָב געטראַכט און זיך געפרעגט: איז ער דען שולדיק געווען? ווען דאָס שיקזאַל מאַכט אונדז בייטן זיך מיט די געבוירן־פּלעצער און איך ווער געבוירן ביים קאַלבאַסניק, רחמנא ליצלן, און ער ביי מיין טאַטן, הרב יהודה לייב, דעמאָלט וואָלטן מיר זיך געביטן מיט די ראָלעס; ער וואָלט געווען דער בן־הרב און איך דער שייגעץ; איך וואָלט אים רופן „זשיד“ און ער וואָלט מיך צעדמען כדבעי. איז וואָס איז ער נעבעך שולדיק, וואָס זיינע אור־אור־עלטערן זיינען ניט געשטאַנען אויפן באַרג סיני?

יאָרן האָט מיר געפלאַמט דאָס פּנים פון יענע פעטש, וואָס איך האָב געגעבן דעם שייגעץ בזשאָסטעק. ווער ווייסט, אפשר האָבן ניט מיינע פעטש באַאיינפלוסט בזשאָסטעקן און אים מחזיר־למוטב געווען; אפשר האָט עס אויפגעטאָן מיין ערגערן זיך איבער מיין פּאַטשן אים. ווער ווייסט ווי די קאָמוניקאַציע־וועגן פון נשמות ציען זיך, קרייציקן זיך איבער.

איך האָב בזשאָסטעקן דערציילט די גאַנצע מעשה און זיי, בזשאָסטעק און מאַרוסיע, האָבן באַוואונדערט דעם טשיקאַווען יידן, ר׳ ניסן, דעם נזיר מיטן שטאַרקן ווילן.

בזשאָסטעק און מאַרוסיע זיינען ביידע אומגעקומען אין אוקריינע פון די הענט פון די ווייסע גוואַרדייער. מע האָט זיי ביידן דערשאָסן.

5

באַזוכער נומער פיר

ליעוו טשאַרני איז געווען דער סעקרעטאַר פון דער „פעדעראַציע“. ער האָט זיך אַזוי אויסגעטויגט פאַר דעם אַמט ווי דער בריסקער רב פאַר אַן אַטאַמאַן ביי די דאָנער קאָזאַקן. פאַר יעדן אַמט אין יענער טומלדיקער צייט האָבן זיך געפאָדערט מענטשן מיט דיקע האַרטע הויטן. ליעוו איז געווען איידל, ראַפינירט און די זיידענע גוטסקייט און ווייכקייט אַליין.

ער קומט אַריין צו מיר אין צימערל.

— קאַמעראַד גאַרדין, עפּעס אַ מענטש איז געקומען. ער זעט אויס צו זיין אַ ייד. קומט מיט מיר, הערט אים אויס. איר וועט בעסער פאַרשטיין, וואָס ער וויל האָבן, — שמייכלט ליעוו „אויף גאַנץ איוואַנאָווסקי“.

ליעוו שפּרייזט פּאַרויס און איך הינק אים נאָך אויף מײַנע צוויי קוליעס.

יאָ, איך זע אַ מענטש שטייט ביים אַריינגאַנג פון גרויסן סעקרעטאַריאַט־צימער, טאַקע לעבן דער סאַמע טיר. ער איז אַ צעפּודזשעטער, אַ צעשראָקענער. ער שטייט און שטייט ניט איין, אַזוי אויפגעשרויפט איז ער. פּינקטלעכער: צוויי מענטשן שטייען, איינער עלטער אויף אַ סך יאָרן. זיי זיינען זייער ענלעך איינער צום צווייטן, לכן איז עס אַ טאַטע מיט אַ זון. ביידע רייך געקליידט, כמעט ווי פּראַנטיש אויסגעפּוצט. זיי שטייען און קוקן זיך דערשראָקן אַרום. זיי זיינען איבערגעוועלטיקט מיט פאַרוואונדערונג. הפּנים, קיין שום זאַך איז דאָ ניט אַזוי ווי זיי האָבן זיך עס פאַר דעם פאַרגעשטעלט. זיי זיינען אַדורך אַ שווער באַוואָפנטע וואַך מיט אַ סך אויספּרעגענישן און אָפּשטעלענישן ביים ערשטן פּראַנט־אַריינגאַנג און דורך די קאָרידאָרן. און דאָ אינעווייניק הערשט עפּעס אַזאַ פרידלעכע בנעימותדיקע אַטמאָספערע; זיי זעען פאַר זיך טשיקאַווע פרידלעך־העפלעכע מענטשן, עפּעס ווי גאָרניט קיין „שרעקלעכע אַנאַרכיסטן”. און דווקא אַט־די העפלעכקייט האָט זיי אויסגעזען פאַרדעכטיק, האָט זיי געשראָקן. דער שאַרפער קאָנטראַסט פון דער פאַרבאַטענער אַנגעשפּיזלטער אויסערלעכקייט און דער פריינטלעך־רואיקער צוגעלאַזנקייט פון דער אינערלעכקייט האָט געווירקט צעשרויפנדיק אויף זייערע אָנגעצויגענע נערוון.

דער עלטערער, מערק איך, מאַכט אַ גבורהדיקן אָנשטרענג זיך צו קאָנטראָלירן. בכלל האָבן די צוויי געמאַכט אויף מיר אַ טראַגיקאָמישן איינדרוק.

איך זעץ זיך ביי אַ טישל. לעבן מיר, אויף אַ צווייטן שטול, זיצט ליעוו און זיין פּנים שיינט מיט ריינער באַרעמהאַרציקייט, ווי עס וואָלט פּליסטערן: „קומט צו מיר אַלע, וואָס זיינען שווער באַלאָדן...” און ער איז גרייט איינצושליסן אין זיינע אָרעמס כאָטשבי די גאַנצע שמאַכטנדיקע מענטשהייט.

איך קוק אויף די טשיקאַווע אויסגעפּוצטע נפשות, וואָס שטייען נאָך אַלץ ביי דער טיר און וואָס זיינען דאָ אויסן פּלאַץ, אַזוינע פאַרבלאָנדזשעטע, פאַרלאָרענע.

צו אונדז פּלעגן קומען מיטגלידער פון דער גייסטיקער אַריסטאָקראַטיע, מענטשן, וואָס האָבן געלויכטן ווי שטערן אין הימל פון קונסט, וויסנשאַפט און ליטעראַטור, און „עמך”־מענטשן מכל המינים שהוא. און קומען פּלעגט מען מיט די טשיקאַווסטע בקשות, קלאַגעס און פּלענער.

„דאָס הויז פון אַנאַרכיע” איז געווען זייער פּאָפּולער צווישן די ברייטסטע שיכטן פון אַרבעטער־פאָלק. אין זייערע אויגן איז דאָס „הויז” געווען אַ פּלאַץ, וואו מען געפינט גערעכטיקייט צו יעדער צייט.

ווער עס האָט געהאַט אַ קריוודע, אַן אָנקלאָגע צו מאַכן, איז געקומען צו אונדז, ווי דאָ וואָלט געווען דער גרויסער טריבונאַל מיט די אויבער־ריכטער, וואָס גלייכן אויס די פאַרפּלאָנטערטסטע סכסוכים און טראָגן אַרויס די יושרדיקסטע פּסקים.

איך דערמאָן בלויז איין עפּיזאָד פון הונדערטער ענלעכע.

אינדערפרי. איך זיץ און וואַרף אַן אויג אין איילעניש מיין לייטאַרטיקל פאַר

„אַנאַרכיע״. דער חבר, וואָס איז געשיקט געוואָרן פון דער טיפּאָגראַפיע, שטייט לעבן מיר אָדער איבער מיר. ער דאַרף עס אויפשנעל ברענגען מיין אַרטיקל, וואָס דאַרף גיין צום זעצער און אין דרוק. אַ פּרוי קומט אַריין מיט אַ „גוט־מאָרגן, קאַמעראַד!״ לויט איר אויסזען, אַנטאָן, אויסשפּראַך און צו־זינג איז זי פון „עמך שבעמך״.

דער קאָמענדאַנט האָט זי אַריינבאַגלייט צו מיר מיט אַ ברייטן שמייכל און אַ פּאָר ווערטער ווי צוגעוואָרפן:

— זי זאָגט, זי איז געקומען זוכן יושר. און אויב דאָ וועט זי קיין יושר ניט געפינען, איז שוין טאַקע אַן עק צו דער וועלט און אַ שלעכטער סוף צו ראַסייע...

דער איינגעשטעלטער אַפּאַראַט פון געריכט, פון פּאָליציי איז געווען אינגאַנצן צעטרייסלט. דער גאַנצער שטייגער־לעבן האָט זיך שיער ניט אויפ־געלייזט. די רייכן האָבן געפּלאַצט אויפן פּעסל פון מענטשלעכן פּאַרקער און די קליאָפּקעס האַלטן ביים צעשיטן זיך. און מענטשן האָבן געזוכט אַן אָנלען, אַן אָנהאַלט אַן עפּעס סאָלידס, פּאַרפונדעוועטס. זיי האָבן געלעכצט נאָך סאַנקציעס, וואָס באַזירן זיך אויף ריינער מאָראַל.

אָט־די פּשוטע פרוי פון די נידעריקע שיכטן האָט געהערט, אַז דאָס „הויז פון אַנאַרכיע״ נעמט זיך אַן פאַר אַלע באַדרענגטע, באַוווּלהטע. איז זי געקומען אַהער, לויט דעם ראָט, וואָס עס האָבן איר געגעבן אירע שכנות.

אַז איך האָב זיך פאַנאַנדערגעפרעגט ביי איר וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, בין איך דערגאַנגען, נאָכן אַרויספישן עטלעכע פאַקטן פון אַ ים פון ריידעריי און מעשיות, אַז איר מאַן האָט האַלט דעם ביטערן טראָפּן און אַז ווען ער שיכורט זיך אַן, ברעכט ער איר די ביינער. זי האָט חתונה געהאַט מיט אים שוין איבער דרייסיק יאָר.

אַז איך האָב זי געפרעגט, פאַר וואָס איז זי איצטער געקומען זיך קלאָגן, וויבאַלד עס איז שוין אַן אַלטע געשיכטע מיט אַ גרויער באָרד און ביז איצט זיינען ביי איר די קלעפּ געווען רעכט און זיי האָבן געלעבט צוזאַמען, ווי גאָט האָט געבאָטן, האָט זי מיר געענטפערט, אַז ביז איצט האָט זי, נעבאָך, געמוזט ליידן און שווייגן. אין דער גאַנצער וועלט האָט געהערשט אומגע־רעכטיקייט און דאָס אייגענע איז געווען ביי איר אין שטוב. אָבער איצט, אַז עס איז געקומען די מלכות פון יושר און צדק, איז פאַרוואָס זאָל זי ליידן? איז זי טאַקע געקומען מאָנען, וואָס איר קומט אויף איר חלק גערעכטיקייט.

וואָס האָב איך געקענט טאָן? מיר האָבן געשיקט רופן איר מאַן און ער האָט געגעבן אַ צוזאָג אויף זיין ערנוואָרט, אַז ער וועט זי מער ניט שלאָגן. און זיי זיינען ביידע אַוועק צופרידענע אַהיים.

מיט הונדערטער אַזעלכע און ענלעכע פאַלן פלעגט מען קומען צו אונדז און מיר פלעגן מוזן אויסגלייכן אַלערליי ליטיגאַציעס, מיספאַרשטענדענישן. אַפילו אונטערגעוואָרפענע עופעלעך פלעגט מען ברענגען צו אונדז און מיר האָבן געדאַרפט זיי באַזאָרגן מיט אַן אַם אין אַן עופעלעך־הויז. טשיקאַווע איז דאָס, וואָס אונדזערע פּסקים האָט דער עולם אָנגענומען, ווי זיי וואָלטן

געווען „הלכה למשה מסיני". אין ס'רוב פאַלן פלעגט מען זיך באַגיין, פאַר־שטייט זיך, אָן מיר. געווען געגוג קאָמפּעטענטע קאַמעראַדן „דיינים", וואָס האָבן געפּסקנט די שאלות און די „דיני־תורות" על פּי „אַנאַרכיזם". בלויז „כל דבר הקשה" פלעגט אָנשפאַרן אַזש צו מיר.

אַזוי אַז איך האָב געקענט דערוואַרטן פון די צוויי מענער דאָס העכסט קאָמישע ביז צום העכסט טראַגישן.

מיט אַ וואונק האָב איך זיי צוגערופן נענטער צום טישל. אַז איך האָב געזען אַז דער עלטערער ווייסט ניט ווי אָנצופאַנגען, האָב איך מקיים געווען דעם „ואתה פתח לו". איך העלף אים אַרויס מיט אַן אָנפירנדיקער פראַגע.

נאָך אַ מינוט איבערלייגן זיך און מיען זיך מסתמא צו כאַפּן די צוגע־גרייטע טיראַדע, וואָס פון שרעק איז זי אים אַרויס פון קאָפּ און ער האָט זי ניט געקאָנט אַרויסברענגען, שטאַמלט ער אַרויס:

— איך בין אַ קאַפּיטאַליסט... — און דאָ בלייבט ער שטיין און קוקט אויף מיר, אַ יידל מיט קוליעס און אָנגעטאָן אין אַ לאַזאַרעט־כאַלאַט, און אויף ליעוון, און וויל זען, וואָס פאַר אַן איינדרוק זיין דערקלערן זיך פאַר אונדזער קלאַסן־פיינט האָט געמאַכט אויף אונדז און צי איז ער שוין נישט אַ פאַרמשפּטער אין אונדזערע אויגן און זיין חייב־מיתה־פּסק איז שוין אַ פאַרטיקער.

איך טראַכט און שמייכל:

— אין מאָסקווע, אין איצטיקן מאָמענט, איז יעדער איינער, וואָס טראָגט אַ קראַגן מיט אַ שניפּס, פאַררעכנט פאַר אַ „בורזשוק".

איך ווענד זיך צו אים:

— זאָגט מיר בעסער אייער נאָמען.

— מיין נאָמען איז ביידיטש.

— אויב אַזוי, זייט איר טאַקע אַ קאַפּיטאַליסט.

זיין נאָמען איז מיר געווען גוט באַקאַנט; ער איז געווען דער „קיניג פון ספּירט". איינער פון די רייכסטע יידן אין מאָסקווע.

— איז וואָס איז אייער פאַרלאַנג? איר זייט זיכער ניט געקומען זיך צו פאַרשרייבן אין דער „פעדעראַציע" ביי חבר ליעוו טשאַרני אַלס אַ מיט־גליד, — דערלויב איך זיך אַ שפּאַס צו טאָן.

ער ווערט רואיקער און זיכערער. ער באַגרייפט שוין, אַז פון דערשיסן אים האַלט עס זייער ווייט. עס שמייכלט אים, וואָס זיין נאָמען איז מיר געווען באַקאַנט און, אַ קשיא אויף אַ מעשה, אפשר איז „רבי מכבד עשירים" אויך גילטיק ביי די רביים פון אַנאַרכיזם.

— איך בין געקומען מאַכן אַן אָנפראַגע...

— אין וואָס באַשטייט זי?

— מיר זיינען געשעפטסלייט; אין פּאָליטישע אָנגעלעגנהייטן מישן מיר זיך ניט און איך פערזענלעך בין אַן איגנאָראַמוס אין די זאַכן. מיר ווייסן איין זאַך: אַז מע פאָדערט פון אונדז, גיבן מיר, צאָלן מיר. עס איז געווען דער צאַר — האָב איך געצאָלט; איז געקומען קערענסקי — האָב איך אים

געצאָלט; איז געקומען לעניז — צאָל איך אים און פרעג ניט קיין פראַגעס. ווען איר קומען — וועל איך אייך צאָלן.

איך טראַכט: טשיקאַווע כ׳לעבן. עס האַלט נאָך אַזוי ווייט פון „אונ־דזער קומען״, ווי ער רופט עס, און ער פאַרלויפט זיך שוין דעם וועג, גרייט צו דעם באָדן; אַט־דאָס מיינט אָריענטירן זיך אויף דער צוקונפט. איז דאָך טאַקע אמת, וואָס פרץ האָט געזאָגט אין אַ שפּאַס, אַז ווען אַ ייִד שטייט אונטער דער חופּה מיט זיין באַשערטער כלה, טראַכט ער שוין, וואו נעמט מען נדן פאַר די בתולות, די אייניקלעך...

— איז וואָס איז אייער אָנפראַגע?

— צי איר ווילט איך זאָל אייך צאָלן.

איך צוק מיט די אַקסלען; איך הויב ניט אָן צו פאַרשטיין, וואָס ער וויל און וועגן וואָס ער רעדט. ליעוו קוקט מיך אָן און טראַכט מסתמא דאָס אייגענע, וואָס איך: עפּעס איז דער מער מיט דעם „קאַפּיטאַליסט״. ער איז צעטומלט געוואָרן, אַ קרבן פון די איבערקערערישע געשעענישן.

— וואָס רעדט איר? וואָס מיינט איר? וואָס צאָלן, ווען צאָלן? ווער בעט ביי אייך איר זאָלט צאָלן? האָבן מיר פון אייך עפּעס געפאָדערט? מיר פאָדערן ניט פון קיינעם קיין שום אָפּצאָלונגען.

הכלל, עס שטעלט זיך אַרויס, אַז ער איז שוין גאָר ביים קלאָרן זיבען. ניט ווייט פון זיין וואוינונג געפינט זיך אַ גרופּע. זי רופט זיך „אומפּאַמע־לעכע סאָציאַליסטן״, די מיטגלידער אירע זאָגן אָבער, אַז זיי זיינען „אַנאַר־כיסטן״ און זיי געהערן צו דער פעדעראַציע; און זיי האָבן עס אַרויפגע־לייגט אויף אים אַ קאָנטריבוציע פון אַ גאָר היפּשער סומע געלט.

— איז אויב איר פאָדערט, וועל איך צאָלן; איך וויל אָבער וויסן, צי איר פאָדערט עס טאַקע. וואָרעם איך האָב געלייענט אין אייער אָרגאַן, אַז אויב מע קומט קאָנפיסקירן אָדער רעקווירירן אין נאָמען פון דער „פעדעראַ־ציע״, זאָל מען פאַרלאַנגען פון יענע לייט אַ מאַנדאַט געחתמעט מיט דריי אונטערשריפטן. דערפאַר בין איך געקומען אָנפרעגן. איר האָט אין דער צייַ־טונג געגעבן אייך אָנצורופן אויפן טעלעפאָן 11־12, האָב איך געטראַכט, איך וועל בעסער צוגיין אַליין און אייך פרעגן.

איך האָב אויסגעבטלט אַלע בייזע חלומות צו זיין קאַפּיטאַליסטישן קאָפּ און אים געזאָגט קלאָר און שאַרף, אַז מיר לייגן אויף קיינעם ניט אַרויף קיין קאָנטריבוציעס; און יענע חברה־לייט זאָל ער קיין גראָשן ניט געבן. מיר וועלן שוין זען, אַז זיי זאָלן ניט וואַגן געברויכן אונדזער נאָמען און באַ־אומרואיקן מענטשן.

ער האָט זיך פאַרנויגט, באַדאַנקט און איז אַוועק.

6

דער סערב

אַז מיר האָבן אויסגעפאָרשט די זאַך האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער גרויסער תכשיט, דער געלט־אַרויספּרעסער, וואָס האָט געברויכט דראָאונגען פאַר דעם צוועק און האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר געברויכן דעם נאָמען פון דער „מאָסקווער פעדעראַציע פון אַנאַרכיסטישע גרופּן", איז געווען אַ חברה־מאַן, וואָס זיין נאָמען וויל איך ניט געדענקען און דערמאָנען... מיר האָבן אים, אייגנטלעך, קיינמאָל ניט גערופן ביים נאָמען, נייערט באַצייכנט אים מיט דעם אָנרופעניש „סערב".

דער נפש האָט זיך איינמאָל אַריינגעשטעלט ביי אונדז אין דער „פעדעראַציע". דאָס איז געווען אין די גאָר פריע צייטן פון פאַר־אָקטאָבער און זיך פאָרגעשטעלט ווי אַ קאַמעראַד, אַן אַנאַרכיסט.

איך האָב אים אויפגענומען גאַנץ פריינטלעך, אָבער ניט פאַרגעסן דעם גוטן ראָט פון אונדזערע חז"ל: „כבדהו וחשדהו" (מסכת דרך ארץ, פרק ה'). מע וועט זען, ווער ער איז. אַ צווייטן מאָל איז ער געקומען מיט זיין פרוי און צוויי מיידעלעך. זי — אַ שיינהייט, די קינדערלעך — צוויי ליאַלקעס. איינמאָל איז זי געקומען אַליין מיט אירע קינדערלעך אין דער „פעדעראַציע". עס איז שוין געווען אָוונטצייט און וועטשערעצייט. מיר אַלע, אַ גאַנצע כאָפּטע אונדזערע, זיינען אַוועק עסן אין אַ וועגעטאַרישן רעסטאָראַן, אַן אָפּצווייג פון הויפּט־וועגעטאַריאַנער רעסטאָראַן, וואָס האָט געהערט צו דער „טאָלסטאָיאַנער געזעלשאַפט". אין יענע יאָרן בין איך געווען אַ שטרענגער וועגעטאַריאַנער. מיין וועגעטאַריערשאַפט האָב איך געבראָכן שפּעטער־צו, ווען דער מאַנגל אין שפּייז איז געווען אין מאָסקווע אַזוי גרויס, אַז מיר האָבן ניט געקענט זיין בנוגע עסנוואַרג אויסקלייבעריש; מיר האָבן געגעסן פערדישע פלייש און אויך הינטישע און קעצישע...

הכלל, איך האָב די „סערביכע' געבעטן זיין מיין גאַסט. איך האָב זי מכבד געווען מיט אַ זייער באַשיידענעם צמחים־מאָלצייט.

אינמיטן „מאָלצייט" איז זי געוואָרן זייער אויפגעלייגט און אפשר האָט איר געשמייכלט דער כבוד, וואָס איך האָב איר צוגעטיילט, מיט מיין פאַרבעטן זי עסן, און זי האָט מיר גענומען פאַנאַנדערלייגן אויף טעלערלעך איר מאַנס חפצים, און אַלץ לשבח; זיך גערימט מיט דעם, זיך געוואָרעמט אין דעם שיין פון זיינע „העלדישע", וואָוילונגערישע אויפטועכצן.

אַזוי ווי זיי זיינען געווען פּליטים פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און אירע קרבנות, סערבער, האָט מען אויף זיי געהאַט רחמנות, און וואו זיי זיינען געקומען, האָט מען זיי אויפגענומען זייער פריינטלעך מיט אַ גרייטקייט באַהילפיק צו זיין אין זייער עת־צרה. האָט ער גענאַרט די „בורזשויען" און זיך דערקלערט פאַר אַ סערבישן דאָקטאָר און ער האָט געהיילט קראַנקע און גענומען באַצאָלט דערפאַר. אין אַן אַנדער שטאָט האָט ער זיך דער־

קלערט פאַר אַ מאָלער־פּאָרטרעטיסט און אָנגענומען באַשטעלונגען אויף פּאָר־טרעטירונגען און געקראָגן פעטע אַוואַנסן פון רייכע מענער און פרויען. דער־נאָך אָפּגעצויגן מיט די קלינגערס. אַט־אַזוי זײַנען זיי דערפאָרן כמעט אין קאָמפאָרט ביז מאָסקווע.

פון איר אָפנהאַרציקייט אין דערציילן וועגן דעם מאַנס העלדנטאַטן האָב איך פאַרשטאַנען, אַז זי מיינט, ווי ס׳רוב פּיליסטערס, אַז די „פעדעראַציע" באַשטייט, אין תוך גענומען, פון אַ באַנדע רויבער און זשוליקעס, און איך בין עס דער „רבי" פון די פאַרשטעלטע גנבים און גזלנים.

מיר איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן פון בושה, אָבער אויך ליכטיק געוואָרן אין די אויגן; איצטער האָב איך שוין געוואוסט, מיט וועמען מיר האָבן דאָ צו טאָן און עס פרי און לייכט אויסגעפונען, וואָס פאַר אַ פאַר „חברים" דאָס שיקזאַל האָט אונדז צוגעשיקט ווי אַ געשאַנק אַזש פון סער־ביע, אַ מתנה פון מאַרסן אַליין בכבודו ובעצמו. איך האָב געלאָזט וויסן באַר־מאַשן, פּיראַן, אַרשינאַוון, וועך די „סערבער" זײַנען. מער האָבן זיי ביי אונדז קיין דריסת־הרגל ניט געהאַט. מע האָט זיי געלאָזט פילן, אַז מען וויל זיי ניט קענען און ניט וויסן און זייער פּוס זאָל זיך מער ניט ווייזן.

דער סערב האָט געהערט צו דעם טיפּ מענטשן, וואָס האָבן גערנער צו כאַפּן אַ צענערל דורך אַ שווינדל און אָפּנאַרערײַ, איידער צו פאַרדינען אַ הונדערטער אויף אַ כשרן וועג. דער סערב איז געווען אַ זעלטן־פּעאיקער מענטש. מיט אַלע מעלות: ער האָט אויסגעזען אומשולדיק, נאַאיוו; ער איז געווען בלאָנד, שיין און יונג; אַ הויכער, אַ שלאַנקער, אַ פיין־שמועסער; אַלע מאָל גרייט צו טאָן אַ געפעליקייט, איבערהויפּט, ווען ער האָט דערבײַ גע־קענט אַרויסווייזן זײַן געשיקטקייט. אויף אַלץ האָט ער זיך אויסגעטויגט. בלויז איין זאַך האָט ער ניט געקענט באַווייזן צו טאָן, און דאָס איז גיין אויף אַ גלייכן אָרנטלעכן וועג. ער האָט זיך געמוזט ספּאַטיקען. ער האָט געהאַט אַ קרימינעלן קנייטש ערגעץ אין מאַרך.

מיר האָבן געהאַלטן אויף אים אַן אויג און נאָכגעפאָלגט זײַנע אונטער־נעמונגען.

ער האָט אָרגאַניזירט אַ קינדער־קאָלאָניע ניט ווייט פון מאָסקווע; ער האָט אַראָפּגעבראַכט די בעסטע פּעדאַגאָגן, וואָס מאָסקווע האָט פאַרמאָגט, צו באַקוקן די קאָלאָניע. זיי זײַנען אַלע געווען באַגייסטערט פון זײַן אויפטו. די קאָלאָניע האָט געקענט דינען ווי אַ מוסטער פון אַזעלכע און ענלעכע אינסטיטוציעס. אָבער סוף כל סוף האָט מען אים פון דאָרטן אַרויסגעטריבן מיט חרפות און בייושים, און שיער אים ניט אַנגעקלאָגט אין קרימינאַל־געריכט. וואָס איז געשען? מע האָט אים געכאַפּט גגבענען קאַרטאָפל און פאַרקויפן אויפן שוואַרצן מאַרק.

ער האָט דערנאָך אָרגאַניזירט אַ בעקער־קאָאָפּעראַטיוו. ער האָט זיך גע־מיט פועלן ביי דער „פעדעראַציע", אַז זי זאָל נעמען דעם קאָאָפּעראַטיוו אונטער איר השגחה, פון וואָס מיר האָבן זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט. מיט אים האָבן מיר ניט געוואָלט האָבן קיין מגע־ומשא. אַלץ איז געגאַנגען כשורה.

ער האָט געטאָן וואונדערבאַרע אַרבעט. ער האָט זיך אָבער, לסוף, אויסגע־גליטשט. מע האָט אים געכאַפּט גנבענען אַ פּאָר לעבלעך ברויט... און מ׳האָט אים געגעבן דעם אומבכבודיקן מאַרשיר־צעטל.

ער האָט אָרגאַניזירט פאַר דעם מאָסקווער סאָוויעט־קונסטסעקציע אַ בילדער־גאַלעריע. אין יענער צייט, ווען פיל רייכע הייזער זיינען פאַרנומען געוואָרן פון פאַרשיידענע סאָוויעטישע אינסטיטוציעס זיינען אַ סך וויכטיקע מייסטערווערק, וואָס האָבן זיך געפונען אין די רעקווירירטע הייזער, פאַר־לאָרן געגאַנגען: זיי האָט מען אָדער פאַרברענט אויף באַהייצונג, אָדער, פּשוט, צעגנבעט, אָדער ניט ווייסנדיק זייער ווערט האָבן די אומשולדיקע אַר־בעטער זיי אַרויסגעוואָרפן אויף די שמעטניקעס. דער „סערב״ האָט צוזאַ־מענגעשטעלט איינע פון די רייכסטע און ווערטפולסטע גאַלערייעס פון אַט־די אָפּגעראַטעוועטע, אויפגעקליבענע קונסטווערק. ער האָט זיך אויסגע־צייכנט אין זיין אַרבעט. ער איז געווען ענערגיש, אויפטועריש, איבערגע־געבן. ער האָט אַרויסגעוויזן פאַרשטענדעניש און אַ געזונטן חוש פאַר קונסט. זיין אַרבעט איז הויך געשאַצט געוואָרן פון די בעסטע קונסטקענער.

אָבער לאַנג האָט ער ניט אויסגעהאַלטן. אמענדע האָט מען אים געכאַפּט ביי אַ גניבה. ער האָט צוגעלאַטכנט אַ באַגילטע ראַם... און מ׳האָט אים אַרויסגעטריבן...

אַזוי ווי מיט אונדז האָט ער ניט געקענט, וויפל ער האָט זיך ניט גע־פלייסט, האָבן קיין שום אַרבעטנדיקן קאָנטאַקט, האָט ער גרופּירט אַרום זיך עטלעכע פאַרשוינען זיינסגלייכן. איז אים איינגעפאַלן, אַז דאָס לייכטסטע מיטל ווי אַזוי אַרויסצוקריגן געלט פון די „אַנגעפּרעסענע בורזשויען״ איז צו שרייבן זיי בריוועלעך און אונטערשרייבן דעם נאָמען פון דעם סעקרעטאַר פון דער „פעדעראַציע״. האָט ער, דער שלימזל, פּונקט אָנגעטראָפן אויף דעם פּיפּיקן ביידיטשן און זיין „אַפּיערע״ איז אויפגעדעקט געוואָרן. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז פון אַנדערע „בורזשויען״ האָט ער שוין איינגעקאַסירט היפּשע סומעס. ער האָט געכאַפּט עטלעכע פּלאַטקעס און אַפילו אַ העכט, אָבער דאָס מאָל האָט ער געוואָלט אַרויפנעמען דעם לויתן אויף זיין ווענדקע — און ער איז דורכגעפאַלן.

אגב זשוליקעס און באַנדיטן האָבן געקענט זייער לייכט כאַפּן גאָלדענע פישעלעך אין די מוטנע אויפגערודערטע וואַסערן פון דער רעוואָלוציע און נוצן דאָס וואָרט „אַנאַרכיע״ אַלס נעץ אָדער ווענדקע פּשוט דערפאַר, וואָס דער בורזשואַזער טעמפּער עולם און אויך דאָס געמיטלעכע באַלעבאַטישע פּובליקום האָט באמת געגלייבט, אַז די גרעניצן צווישן אַנאַרכיזם און באַנ־דיטיזם שטייען אָפן.

אין די ערשטע חדשים פון דער פעברואַר־רעוואָלוציע האָט אַפילו אַ היפּשער טייל פון די אַרבעטער־מאַסן געטיילט אָט־דעם פאַראורטייל קעגן אונדז. אין דער הינזיכט פון אַראָפּנעמען ווי מיט דער האַנט אָט־די סטיגמאַ אָדער בלבול האָב איך, מיין וויניקייט אָדער, פּינקטלעכער, קלייניקייט, „אני הקטן״ אין בוכשטעבלעכן טייטש פון וואָרט, — פיל אויפגעטאָן.

די זאַך איז די: עס איז ניט פאַראַן אַזאַ חסרון, וואָס אונטער געוויסע אומשטאַנדן זאָל ער ניט אַריבער אין זיין קעגנזאַץ און ווערן אַ מעלה. אַז מע האָט געזען מיך אויפטרעטן און ריידן אין נאָמען פון „אַנאַרכיע" איז יעדן גלייך קלאָר געוואָרן, נאָך איידער איך האָב אַנטוויקלט מיין געדאַנק, אַז די באַשולדיקונג אין דעם, אַז אַנאַרכיסטן זיינען באַנדיטן, איז שקר וכזב, אַן אומגעלומפּערטע אויסטראַכטעניש. זיי האָבן געזען פאַר זיך אַ קליינגעוויקסיק מענטשעלע, אַ „קטונתי", אַ חלש, וועמען ס'לייכטסטע ווינטל קען אַוועקבלאָזן. איז ווי אַזוי שיקט זיך עס, אַז ער זאָל זיין אַ באַנדיט, וועמען דער נפש האָט קיין כוח ניט צו דערהרגענען אַ פליג!

אין אָנפאַנג פון דער רעוואָלוציע, בימי גוטשקאָוו און ליוואָוו, איז אָט־דער פאַרשפּרייטער בלבול געשטאַנען צווישן אונדז און דעם ברייטן אַרבעטער־עולם ווי אַ וואַנט, און מ'האָט אים געמוזט אומבאַדינגט באַזייטיקן און וואָס אַמגיכסטן. מיר איז דאָס שטיקל אַרבעט פון איינברעכן די דאָזיקע מחיצה־וואַנט אָנגעקומען זייער לייכט. מיין קערפּערלעכע קאָנסטיטוציע האָט עס געטאָן פאַר מיר, „לכך נוצרת", ווי איך וואָלט לכתחילה געבוירן געוואָרן דורכצופירן אָט־די שליחות...

7

צוויי באַזוכערס — פריינט

דער קאָמענדאַנט שטעקט אַריין אין טיר בלויז זיין פּנים און מויל. דער קערפּער און אַפילו דער קאָפּ בלייבן „ראשו ורובו", אויף יענער זייט, און טיילט מיר מיט:

— אַ יונגערמאַן מיט אַ שיין פריילין ווילן אייך זען. איך האָב זיי ניט געוואָלט אַריינלאָזן, אָבער זיי זיינען צוגעשטאַנען צו מיר, זיי זאָגן, אַז זיי קענען אייך זייער גוט.

— ווי איז זייער נאָמען? — פרעג איך, ניט אַרויסנעמענדיק די אויגן פון פּאַפּיר, וואָס איז געלעגן פאַר מיר.

— מאַסטאָווליאַנסקי. זיי זעען אויס ווי עכטע ווייסע גוואַרדייער.

— איך גיי מיט אייך, איך וויל זיי אָנקוקן; אויב דאָס זיינען די מאַסטאָווליאַנסקיס און ניט עמיצער אַנדערש, וואָס וויל זיך אַריינשמוגלען אונטער זייער נאָמען, וועל איך זיי אויפנעמען מיט פאַרגעניגן.

אומר ועושה. גענומען די פיס, די צוויי קוליעס, אין די הענט און אַוועקגעהונקען אַזש ביז צו דעם פאַדערשטן אַריינגאַנג.

איך האָב זיי פאַרבעטן אַריינקומען.

זיי האָבן זיך דערפרייט מיט מיר. זיי האָבן אָבער ניט געקענט פאַרבאַהאַלטן די סימנים פון באַוואונדערונג, וואָס זיינען געווען אָנגעשריבן איבער זייערע פּנימער מיט טויזנטער פראַגעצייכנס. איך, אַ הינקעדיקער, אויף קו־

ליעס, אין אַ לאַזאַרעט־כאַלאַט, אין אָט־דער אומגעבונג — עס איז אַלץ גע־וועזן אין דער בחינה פון חידוש שבחידוש.

דער קאָמענדאַנט האָט זיי אַנגעקוקט, אָפּגעמאָסטן עטלעכע מאָל פון קאָפּ ביז די פיס, מיט גרויס חשד. ער איז ניט געווען צופרידן פון מיין „יאַקשאַיען זיך", פראַטערנאַליזירן מיט אָט־די ברואים, וואָס, לויט זיין אור־טייל, זיינען זיכער געווען אויסגעשפּראָכענע קאָנטררעוואָלוציאָנערן, בור־זשויען אָפּגעגאָסענע פון גאָלד.

ער האָט געאורטיילט, און זיך ניט געקענט טועה־זיין, פון זייער אָנ־טועכץ און אויסזען. עשירות האָט אַראָפּגעשריען ניט אַזוי פון זייער קליי־דונג ווי פון זייערע מאַניערן, פון זייער האַלטן זיך, פון יעדן קער און ווענד פון זייערע קערפּערס, וואָס זיינען געווען אויסגעפּלעגט, אויסגעצערטלט. ער — אַ מאַמעס בנאָק, זי — אַ פאַרצויגן טעכטערל, אַ יפה־פיה, וואָס די ערד לאַסטשעט זיך צו אירע פיס און דאַנקט פאַר דער זכיה צו ווערן געטראָטן פון זיי.

— נאָך וואָס האָבן זיי געקענט קומען אַהער, אויב ניט ווי געשיקטע מרגלים אויסצוקוקן אונדזער „ציטאַדעל" און וועגן דעם געזעענעם און גע־הערטן צוטראָגן אין שטאַב פון די ווייסע גוואַרדייער? — האָט געפרעגט ביי מיר דער קאָמענדאַנט אויף שטום־לשון. די פראַגע זיינע איז געווען אויס־געקריצט אי אויף זיין פּנים, אי אין זיין שנעלן אַוועקגיין און ניט וועלן זיך באַקענען מיט זיי, און אי אין זיינע פאַראַכטלעכע שנאה־פולע בליקן, וואָס ער האָט זיי צוגעוואָרפן הינטערווילעכטס היפש פונדערווייטנס.

מיין אויפנעמען אָט־די „אויסקוקערס" אַזוי האַרציק ווי אַלטע גוטע פריינט איז אים געווען שטאַרק קשה. מיין האַנדלונג האָט זיכער געפאָדערט אַ דערקלערונג. אָט־דער פּסוק פון מיין הנהגה, וואָס איז בדרך כלל געשטאַ־נען הויך איבער קריטיק און פאַרוואורף אין אומפאַרזיכטיקייט, האָט ניט בלויז געזאָגט, נאָר ממש געשריען: „דרשני!"

ווער זיינען געווען אָט־די באַזוכער? ווי אַזוי האָב איך זיך מיט זיי באַ־קענט און אין וועלכער קאַפּאַציטעט מיינער?

האָכבערג, אַ שם־דבר אין מאָסקווע אַלס יידישיסט, שול־טוער און מחבר פון עטלעכע לערנביכלעך אַרויסגעגעבן אין קלאַצקינס פאַרלאַג, דערצו אַן אָנגעזעענער מיטגליד פון דער בכבודיקער „געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן יידן", האָט פון מיר, אַלס פּעדאַגאָג, געהאַלטן אַן עולם ומלואו. ער האָט באַזוכט אונדזער פרייע שולע אין סמאָרגאָן; זי האָט זיך געעפנט אין 1908 און זיך געשלאָסן אין 1914, ערב דעם אויסברוך פון דעם ערשטן וועלט־קריג. און האָט ניט געקענט פון איר גענוג זיך אָפּרימען. האָט ער מיך רעקאָמענדירט צו דעם רייכן באַנקיר מאָסטאָווליאַנסקי אַלס לערער פאַר זיין צעבאַלעוועטן מוזשינקע. ער האָט אים אויך אַריינגעגעבן אין נדן מיין יחוס, דעם לאָמזשער רבס זון, און אויך ניט פאַרשוויגן מיין פאַרפאַ־סערישקייט. הכלל, ער האָט מיך אָפּגעמאָלן ווי דעם אמתן „אבן־טוב", אַ זיידענער יונגערמאַן, אַ „מושלם בכל המעלות".

בין איך אָנגעקומען צו די מאָסטאָווליאַנסקיס אין הויז אַלס חצי־לערער און חצי־גואווערנאַנט. עס איז געווען פרילינגצייט, גאָר תחילת רעוואָלוציע. די מאָסטאָווליאַנסקיס האָבן זיך אַריבערגעצויגן אין זייער זומער־וואוינונג אין סאָקאָלניקי, ניט ווייט פון „קרייז" („קרוג"), אין דעם רייכסטן טייל פון אָט־דעם מאָסקווער פאַרשטעטל.

מאָסטאָווליאַנסקי איז געווען אַ רייכער פּוילישער ייד. ער האָט אָנגעשפּאַרט אַזש ביז מאָסקווע אין צייט פון קריג. געווען, מסתמא, אַן עושר אויך פאַר דער מלחמה און בשעת מלחמה איז זיין עשירות געוואקסן ווי אויף הייוון.

איך בין ניט געווען דער איינציקער לערער־גואווערנאַנט אין הויז. אויסער מיר זיינען געווען צוויי גואווערנאַנטנס, אַ פראַנצויזישע און אַן ענגלישע. די פראַנצויזקע איז געווען אַ קאַטויליקן, פרום ווי דער שוואַרץ יאָר; די ענגלישע איז געווען מער צו לייט ווי צו גאָט. די גואווערנאַנטנס האָט מען, פאַרשטייט זיך, געהאַלטן פאַר די טעכטער. די פראַנצויזן האָט בשום אופן ניט געקענט באַגרייפן און שלום־מאַכן מיט דעם געדאַנק, וואָס מע טרויט אַן די דערציאונג פון אַ קינד צו אַזאַ „גאָטלאָזן", אומטראַדיציאָנעלן מענטשן, אַ יידן, ווי איך בין. זי פלעגט עס אָפט פרעגן און ממש פּראָטעסטירן בקול רם.

איידער איך האָב אָנגענומען מיין „אַמט", האָב איך געוואָרנט מיינע באַלעבאַטים, אַז איך בין אַ וועגעטאַריער. אָבער דאָס איז פאַר זיי ניט געווען קיין גרויסע מניעה. זיי האָבן צוליב מיינעטוועגן געדונגען אַ ספּעציעלן קוכער, ער זאָל צוגרייטן פאַר מיר וועגעטאַריאַנישע מאכלים.

ווי שוין געזאָגט, האָר מאָסטאָווליאַנסקי איז געווען רייך ווי קורח און „וכל עדתו", און דאָס הויז איז געווען פול מיט שפע צום אַריבערגיסן זיך.

מיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין קנעלן מיטן „תכשיט", דעם בן־זקונים, אַ האַלבע שעה העברעאיש אין טאָג, ווייל מער האָט ער ניט געוואָלט. פאַרזוכט דאָס געבעק פון דער תורה אויפן שפּיץ־מעסער און גלייך זיך אָנגעזעטיקט. עס איז געווען שפּרינג־זינג־צייט. אַרום האָט אַלץ געבליט און אָנגעלאָקט מיט אַ שלל פון פאַרבן, און די יונגע אויגן פון מיין תלמיד האָבן געהאַט געגנוג וואָס צו זען אויסער די פאַרכמורעטע פּירקאַנטיקע אותיות. און צו וואָס זיך בלענדן די אויגן?! אייגנטלעך, פאַר דער גאַנצער צייט פון מיין לערנען אים האָבן מיר קיין ביכל ניט געעפנט. מיין תורה איז געווען אינגאַנצן בעל־פּה. איך פלעג אים דערציילן מעשיות אויף העברעאיש, און אויף אָט־דער לייכטער דיעטע האָב איך אים געהאָדעוועט. הקיצור מיר האָבן זיך ניט איבערגעהאָרעוועט. ווען אַ העברעאיש וואָרט איז אים פאַרגעקומען אומפאַרשטענדלעך האָבן מיר עס אים פאַרטייטשט אויף רוסיש. מיר האָבן זיך ניט געהאַלטן שטרענג ביי דער מעטאָדע פון עברית בעברית. דערצו — אָבער דאָס איז שוין געלעגן אויף דער פּעריפעריע פון מיינע לערערישע פליכטן — פלעג איך פאַרלייענען פאַר דער בגרות־טאָכטער; בסך־הכל איז זי אַלט געווען ח"י, אַכצן יאָר, סקיצן פון פּרצן, ווען זי האָט מיך געבעטן עס טאָן און

געווען אויפגעלייגט צו הערן דאָס פאַרלייענען. ווייטער די אייגענע מעשה: ווען זי האָט ניט פאַרשטאַנען אַ וואָרט צי אַ זאַץ, איז רוסיש געווען די טאָל־מעטשערין, וואָרעם די אומגאַנג־שפּראַך אין שטוב ביים יונגן דור איז געווען רוסיש; בלויז צו דער באָבען האָבן די קינדער גערעדט אַ צעדרוזגעטן יידיש. און צו יעדער גוואוערנאַנטן — אין איר לשון.

מיין תלמיד איז ביי דער באָבען געווען ממש דאָס אויג אין קאָפּ. זי האָט אים שטאַרק צעפּיעשטשעט. און דורך איר שתדלנות האָט ער געקענט אַלץ פּועלן ביים טאַטן און מאַמען. געווען אין הויז נאָך צוויי זין, דער עלטסטער אַ סטודענט אויף דעם יורידישן פאַקולטעט.

מאָסטאָוולי־אַנסקי האָט אויסער זיינע געלט־טראַנסאַקציעס, באַנקירעריי, אויך געהאט אַ שותפות־האַנט אין לאַמאַנאַסאָווס קאָנפעקטערייען, וואָס זיינען געווען באַקאַנט מיט זייערע אויסגעצייכנטע „איריסן" און פאַרשיידענע טשאָקאָלאַדן. דערפאַר טאַקע איז דאָס הויז און די קעשענעס פון מיין תלמיד געווען תמיד פול מיט נאַשוואַרג.

אין מאָסקווע איז שוין דעמאָלט געווען גאַנץ שווער צו קריגן ווייס ברויט און אַפילו שוואַרץ־ראַזשוועו־ברויט איז ניט לייכט געווען צו באַקומען. עס האָט געהערשט אַ האַלבער אָדער אַ דרייפערטלדיקער הונגער. אָבער פון אָט־דעם הויז איז דער הונגער־וואָלף געשטאַנען אויף מיילן אַוועק.

די באַדינערשאַפט איז געווען אַ רוסישע און גאָר אַ היפּשע אין צאָל. מע האָט געהאַלטן אויך קוטשערס און קאָניובעס. מע האָט געהאַלטן פערד, און מ'איז אַרומגעפאָרן, די עלטערע אין קאַרעטעס, די יונגוואַרג — רייטנדיק. עס איז געווען שוין איינמאָל „חי" געלעבט!

די לאַנגע טישן אויף דער גרויסער גלעזערנער וועראַנדע זיינען געשטאַנען געדעקטע פון גאַנץ פרי ביז נאָך האַלבער נאַכט. תמיד זיינען געקומען געסט, אַזוי אַז צום טיש עסן פלעגן גיין אַ מאָן פופצן, יונגוואַרג און מיטליאָריקע.

קוסעוויצקי האָט דיריגירט דעם סימפאָנישן אָרקעסטער אין „קרוג" און מאָסטאָוולי־אַנסקי האָט געהאט גאַנצע פופצן סעזאָן־בילעטן. נאָך די קאָנצערטן פלעגט מען פראַווען אַן אייגנאַרטיקע „מלווה־מלכה".

פאָטער און מוטער מאָסטאָוולי־אַנסקי האָבן פאַרבראַכט אין סאָקאָלניקי בלויז איין מאָנאַט, דערנאָך אַוועקגעפאָרן אין קאַווקאַז און קרים, און שפּעטער־צו געקומען צוריק.

ווען איך בין אָנגעקומען אויף מיין ליידיקגייערישער שטעלע, בין איך אַרומגעגאַנגען אין מיין אויסטערלישער הלבשה, פשוט גערעדט, קרוע־בלוא. און אַז איך האָב זיך באַוויזן אין אָט־דעם הולך מיינעם אין די אָוונטן אין סאָקאָלניקי, אין דער רייכער קעגנט, האָבן זיך די גבירישע זומערפייגעלעך, נישט ווייסנדיק ווער איך בין, אָבער דערשמעקנדיק אַ געפאַר, זיך אַזוי איבערגעשראָקן, אַז זיי האָבן געכאַפּט און געדונגען שומרים. קלאַנגען האָבן זיך צעטראָגן, אַז אין דער שכנשאַפט שלעפּן זיך אַרום באָסיאַקעס, פאַרדעכטיקע פאַרשוינען. חוץ דער שרעק, וואָס איך האָב אָנגעוואָרפן, האָב איך מיט מיין

אַרומגיין אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, פּשוט פאַרשוואַרצט דאָס פּנים דער מאָס־טאַווליאַנסקי־פאַמיליע, וואָס אַזאַ איינער האַלט זיך אויף ביי זיי אין הויז. איינטענהן מיט מיר וועגן מיינע מלבושים איז זיי ניט אָנגעשטאַנען. האָט מען מיר געגעבן בלויז לייכטע אָנצוהערענישן, אָבער איך האָב זיך געמאַכט כלא־ידע: איך בין צו טעמפּ צו כאַפּן אַ דינעם אָנוואונק; רמזים פאַרשטיי איך ניט. איז וואָס האָבן זיי, די מאָסטאַווליאַנסקיס, געקענט, נעבאַך, טאָן מיט מיר? האָט דער עלטערער זון, דער סטודענט, אין אַ שיינעם טאָג אַוועקגעפירט מיך אין שטאָט אין אַ קליידער־געשעפט, דאָרט מיך באַקליידט, געזאָגט אויף רוסיש „תתחדשו!" — און זיך אָנגעלאַכט פון דער „אַוואַנטורע" אַ פולן בויך. ער איז געווען היפּש פעטלעך, הגם אינגאַנצן אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק. שולדיק אין זיין בייכל זיינען געווען די געשמאַקע איריסן און באַטעמטע שאָקאָלאַדן און כל המינים געצוקערטע פּרוכטן.

אויף מיינע פּרימאַרגנדיקע שפּאַצירן האָב איך זיך זייער אָפט באַגעגנט מיט רפאל גאָצן, וויסאָצקיס איידעם. ער פלעגט מיר דערציילן וועגן זיינע צוויי זין, די גרינדער פון דער ס. ר. פּאַרטיי, איבערהויפּט וועגן אַבראַם גאָץ. ער האָט געהאַט וואָס צו דערציילן און מיט וואָס צו שטאָלצירן. פונוואַנעט ער האָט געוואוסט, אַז איך בין אויך געכאַפּט אין דער מעשה, ווייס איך ניט.

אין מיינע גאַר אָפטע אַרויסטרעטונגען, טאָקע אין יענעם געשעעניש־פולן זומער, אויף אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען האָב איך שטאַרק, און מיט גרויסן נוצן און דערפאָלג, עקספּלואַטירט דאָס מאָסטאַווליאַנסקי־הויז און זייער באַלעבאַטישן שטאָט. איך פלעג געבן בילדער פון דעם מותרות־לעבן פון די גאַר רייכע אין יענער צעמזיקטער און צעבלוטיקטער צייט. מיט דער הילף פון קאָנקרעטע שילדערונגען האָב איך אויפגעדעקט פאַר די אַרבעטער־צוהערער דעם אָפּגרונט, וואָס האָט געגעניצט צווישן רייך און אָרעם. פון איין זייט, נויט, האַלבער און גאַנצער הונגער, פון דער צווייטער זייט — אומבאַשרייבלעכער לוקסוס, איבערגעזעטיקטקייט, וואוילטאָג ביז צו אויסגעלאַסנקייט, שיער ניט דעגענעראַציע.

חברים פלעגן מיך זייער אָפט אָפּרופן אויפן טעלעפאָן און אויך אַריבערקומען מיך אַוועקנעמען צו מיטינגען. מיין אָפּטסטער אָפּרופער און אַוועקפירער איז געווען כאַדונאָוו (זע „זכרונות און חשבונות", באַנד 1, זז. 08־103); דער צווייטער אין ריי איז געווען פּיאַטער אַרשינאָוו. ניט זעלטן פלעגט דער באַלעבאָס ענטפערן דעם טעלעפאָן־קלונג, פאַרשרייבן דעם נאָמען פון רופער, דעם נומער וואוהין צו רופן צוריק. אים האָבן פאַראינטריגירט מיינע פּאָליטישע פאַרבינדונגען און אָנשויאונגען.

איינמאָל, זיצנדיק ביים טיש, וואָס האָט זיך געבראָכן אונטער דעם געוויכט פון דעם זילבער־געשיר און די געריכטן, צום אָונטמאָל, אויף דער וועראַנדע, וואָס איז געווען אָנגעפילט צו קאַפּאַציטעט מיט געסט־מיטעסערס, האָט ער מיך אַ פרעג געטאָן וועגן מיין פּאָליטישן קרעדאָ. אַז איך האָב אים געזאָגט, אַז לויט מיינע אָנזיכטן בין איך אַן אַנאַרכיסט, האָט ער זיך אַזוי פאַנאַנדערגעלאַכט, אַזש דער אָנגעשעפּטער לעפל מיט דער יויך איז אים

אַרויסגעפּאַלן פון דער האַנט, האָט פאַרגאָסן דאָס ווייסע טישטעך, באַשפּרינקלט זיין ווייסן זומער־אַנצוג און זיין טיש־שכנס אַנצוג. ער האָט ניט געגלויבט זיינע אויערן. די זאַך האָט אים אויסגעזען אַזוי רייך־פאַנטאַסטיש, אויסגעטראַכט, אַזוי קאָמיש. איך — דער לערער, דערציער פון זיין זון, איך, דער יידישער, רוסישער, העברעאישער שרייבער און בן־הרב — גאָר אַן אַנאַרכיסט!

וויפל איך האָב זיך ניט געמיט, איינגעטענהט מיט אים, אַז איך שפּאַס ניט, אַז איך מיין עס ערנסט, האָט ניט געהאָלפן. ער איז געווען זיכער, און מיט אים די גאַנצע סביבה, אין וועלכער ער, אַלס באַנקיר און גרויסער געשעפטסמאַן, האָט זיך געפונען, אַז אַנאַרכיסטן זיינען באַנדיטן. איך האָב אָט־די איבערצייגונג זיינע ניט געקענט אים אַרויסקלאַפּן פון קאָפּ. עס האָט ניט געהאָלפן מיין אָנווייזן אויף טאָלסטאָיען, אויפן „פּרינץ" פּיאָטער קראָפּאָטקין, אויף דעם באַרימטן געאָגראַף עליזע רעקליו, אין רוסלאַנד אפשר מער באַרימט ווי ערגעץ־אַנדערש־וואו, אַדאַנק דער דע־לוקס אויסגאַבע פון זיין געאָגראַפיע אין פאַרלאַג סיטין; ער איז געבליבן ביי דאָס זייניקע, אַז איך מאַך חוזק פון אים.

איינמאָל האָט ער און די מאַדאַם זיך באַראַטן מיט מיר וועגן קויפן אַ ווילע („אָסאָבניאַק"), אויף אַרבאַט, אין אַן אַריסטאָקראַטישער שכנשאַפט. דוכט מיר, אויף פּאָוואַרסקאַיאַ. זיי האָבן מיך געפירט אָנקוקן דאָס הויז, געפרעגט מיין עצה און אויך מבינות. אַז איך האָב גענומען אָפּריידן זיי פון דער קניה און מאָטיווירן עס מיטן זאָג: „מ י ר וועלן עס פון אייך צונעמען און איר פּטרט אומזיסט געלט און טרחה", האָבן זיי ווידער געלאַכט און געכאַטשעט, אַזוי זיכער זיינען זיי געווען אין דער שטאַנדהאַפטיקייט פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם און אין דער מויער־פעסטקייט פון קערענסקיס רעזשים. טעג נאָך דעם האָבן זיי נאָך אַלץ לוסטיק, שפּאַסיק און גוטמוטיק זיך רייצנדיק מיט מיר, ווידערהאָלט דעם פּירוואָרט, וואָס איך האָב געברויכט: „מיר"; „מיר וועלן עס פון אייך צונעמען".

איך האָב מיינע באַזוכער אַרומגעפירט איבער'ן גאַנצן „הויז פון אַנאַרכיע", וועגן וועלכן עס האָבן זיך געטראָגן איבער דער שטאָט אַזויפיל אויסטערלישע לעגענדעס; אַ גאַנצע „מיטאָלאָגיע" איז געשאַפן געוואָרן וועגן אים. די איבערגעשראָקענע בורזשואַזע אינטעליגענטלעך האָבן אַריבערגעשטיגן איינער דעם אַנדערן אין דער טשיקאַווקייט פון די אויסטראַכטענישן וועגן דעם הויז און די מעשים תעתועים, וואָס זיינע באַוואוינער טוען אָפּ. איך האָב זיי אַפילו באַוויזן אונדזער מיניאַטור־„אַרסענאַל" מיט די קוילנוואַרפערס, דער שטאָלץ פון אונדזער געווער־קאָלעקציע; אויך געוויזן דעם רייך־מעבלירטן, גרויסאַרטיק־באַליוסטרעוועטן רעדאַקציע־זאַל, וועלכן איך פּערזענלעך האָב קיינמאָל ניט געניצט. פאַר מיר און מיינע אַרטיקלען איז ניט געווען צו קליין מיין קליין צימערל.

זיי האָבן אַלץ באַקוקט, באַטאַפּט מיט די אויגן, און מסתמא טיף אין האַרצן געטראַכט, אַז די טאַרטור־קאַמערעס, וואו עס שטייען די גרויסע קעסלען, וואו עס פּרעגלען זיך די געפאַנגענע בורזשויען, וואָס זאָגן ניט אויס.

וואו זייער צירונג, גאָלד און בריליאַנטן געפינען זיך, האָב איך אין דעם „אינספּעקציע־טור״ דורכגעלאָזן מיט אַ כיוון.

בילבולים, אויסטראַכטעניש און דער גלויבן אין זיי גיט מענטשן אַ באַ־זונדערע באַפרידיקונג. עס ליגט אין דעם אַ שטיק תאווה; עס איז אַ געמיש פון אַן אייגנאַרטיקן סאַדיזם און אַן אייגנאַרטיקן מאַזאָכיזם. דערפאַר קומט אַן אַזוי שווער אויסצואוואָרצלען די פאַרשיידענע פאַרלוימדונגען. מענטשן האָבן הנאה פון גלייבן אין זיי. דעריבער איז אַזוי שווער אַרויסצורייסן די עלילת־דם־מעשיות, וואָס מע האָט אויסגעטראַכט אויף די אַמאָליקע יידן־קריסטן און דערנאָך האָבן עס די ניט־יידן־קריסטן אויסגעטראַכט אויף די יידן. בילבולים זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן וועגן אַלע סעקטעס, וואָס זייערע לערעס האָבן זיך אויסגעוויזן צו זיין אויפבערעכעריש, אומאָרטאָדאָקסיש און, ממילא, פאַרברעכעריש. געגוג אָנצואווייזן אויף די חסידים. וואָס האָבן די מתנגדים אויף זיי ניט אויסגעטראַכט!

איך האָב געשיקט מיט מיינע יונגע באַזוכערס האַרציקע גרוסן צו זייערע עלטערן. וואָס ס׳האָט, לסוף, פּאַסירט מיט אָט־דער פאַמיליע — ווייס איך ניט. דער פאָטער איז געשטאָרבן פון אַ האַרצאַטאַקע בעת אַ הויזזוכונג, דורכגע־פירט מיט דער גאַנצער שטרענגקייט פון דער טשעקאַ. דער עלטערער זון מיט די איבעריקע מיטגלידער פון דער פאַמיליע האָבן זיך געראַטעוועט פון די הענט פון די באָלשעוויקעס מיט זייער אָפּפאָרן קיין ריגאַ. צי האָט זיי שפּעטער ניט אומגעבראַכט היטלער?

ווי נאָר זיי זיינען אַרויס, איז דער קאָמענדאַנט אַריין צו מיר אין צי־מער מיט אַ „בתמיהא״ און טענות. ער איז נאָך אַלץ געווען אין קלעם פון דער אילוזיע, אַז דער דעצידירנדיקער צוזאַמענשטויס וועט פאָרקומען צווישן אונדז און דער ווייסער גוואַרדיע. ער האָט ניט באַגריפן, אַז ווען דאָס גע־פעכט, פאַרמעסט מיט די כוחות וועט פאָרקומען, וועט עס זיין צווישן די באָלשעוויקעס און די אַנאַרכיסטן, ד. ה. צווישן די, וואָס זיינען פאַר דער פאַרזעצונג פון דער רעוואָלוציע, און די, וואָס זיינען דערפאַר, אַז מע זאָל זי האַמעווען און טאַמעווען, איינצוימען און וויפל מעגלעך מינימאַליזירן, וויבאַלד זיי האָבן שוין זייערס דערגרייכט. די נייע קירך האָט טריאומפירט און זי וועט זיך אַ נעם טאָן צו די „הערעטיקער״, די צו־פרומע, און וועט זיי פאַרפאָלגן מיט דער אייגענער גרויזאַמקייט, מיט וועלכער זי רודפט די „אומ־גלויביקע״. דער קאָמענדאַנט איז געווען אַ גוטער אַרבעטער־רעוואָלוציאָנער. ער איז אָבער ניט געווען געשיקט אין פונאַנדערקלייבן זיך אין דעם פּלאָנטער פון דער „היסטאָרישער דיאַלעקטיק״. אים איז געווען שווער אויפצונעמען אַ סאָ־פיסטיצירטן געדאַנק. ער האָט נאָך אַלץ געטראַכט אין טערמינען פון ערב־אָקטאָבער, ווען דער אַלגעמיינער שונא איז געווען דער ווייסער גוואַרדייער, דער קאָדערן־אָפיצער, דער קאַפּיטאַליסטן־קלאַס און דער אַדלשטאַנד. ער האָט ניט אויפגענומען די טעמפּאָ־שנעלקייט פון דעם אויסוואַקסן און רייף־ווערן פון דעם נייעם הערשער־קלאַס.

ער האָט זיך נאָך אַלץ באַוואָרנט קעגן די ווייסע גוואַרדייער, האָט דערוואָרט אַן איבערפאַל פון זייער זייט און זיך געגרייט אָפּצושלאָגן זייער

אַנגריף. דערפאַר האָט ער געקוקט אַזוי קרום אויף מיין אַרומפירן איבערן גאַנצן „הויז" די אויסקוקערס. ער האָט שטאַרק חשק געהאַט זיי צו פאַר־האַלטן ביים אַרויסגיין. ער האָט עס אָבער ניט געוואַגט טאָן אָן מיין הסכם.

און די יונגע מאַסטאָווליאַנסקיס, ברודער און שוועסטער, זיינען אַריין אין „הויז פון אַנאַרכיע" בשלום און אַרויס בשלום. און האָבנדיק גוט אָפּגע־שניטן מיט זייער „אַוואַנטורע", האָבן זיי, מעגלעך, אין האַרצן געבענטשט גומל און שטאָלצירט און דערנאָך זיך באַרימט פאַר זייערע באַקאַנטע און פריינט מיט זייער בראַוויור און שרעקלאָזער געוואַגטקייט.

8

געדאַנקען

דער באַוואוסטער שרייבער מ. פּ. אַרציבאַשעוו (1878־1927), דער מחבר פון דער נאָוועלע „סאַנין", וואָס האָט בשעתה געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף דער רוסישער יוגנט, האָט פאַרעפנטלעכט אַן איבערגעזאַלצענעם און שאַרף־געפעפערטן אַרטיקל קעגן „דאָס הויז פון אַנאַרכיע". אויף דעם האָבן מיר אים געענטפערט מיט אַן „אָפענעם בריוו" אין אונדזער צייטונג „אַנאַרכיע". האָט ער אויף אונדזער „אָפענעם בריוו" געענטפערט מיט אַן אַרטיקל אין דער טעגלעכער צייטונג „סוואָבאָדאַ" (פרייהייט) נומער 42. אויף זיין ענטפער האָב איך רעאַגירט מיט אַן אַרטיקל אונטערן נאָמען „מחשבות" („מיסלי"). איך האָב אים אונטערגעשריבן מיטן פּסעוודאָנים „אחים" (ברידער). דעם אַרטיקל האָב איך אָפּגעדרוקט אויף די שפּאַלטן פון „אַנאַרכיע".

קיין איינעם פון די נומערן פון אונדזער טעגלעכער צייטונג „אַנאַרכיע" האָט זיך מיר ניט איינגעגעבן, מחמת זייער צאָל, אומפאַנג און וואָג, דורכ־צושמוגלען דורך דער רוסישער גרעניץ און אַריינברענגען אין די פאַראייניק־טע שטאַטן. איך האָב אָבער, צו מיין גרויסער פרייד, געפונען אַ צאָל פון זיי אין דער ביבליאָטעק אויף דער 42טער גאַס און 5טער עוועניו אין ניו־יאָרק. איך האָב געמאַכט פאָטאָקאָפּיעס פון מיינע לייטאַרטיקלען און אַרטיקלען און זיי איבערגעזעצט פאַר אָט־דעם באַנד „זכרונות און חשבונות".

מיר גיבן דאָ אונדזער אַרטיקל אין אַן איבערזעצונג:

מחשבות

(מכוח אַרציבאַשעווס אַרטיקל)

אין אַרציבאַשעווס אַרטיקל „אַן ענטפער אויף אַ בריוו פון די אַנאַר־כיסטן" לייענען מיר:

„דווקא צוליב מיין פרייהייט, פרייהייט פון מיין געדאַנק, האָב איך אַלעמאָל אויסגעמיטן אַ פּאַרטייאישן רופנאָמען און פּאַרטיי־דיסציפּלין. אָבער ווען די מיטגלידער פון דעם רעדאַקציע־קאָלעגיום וואָלטן מיך געקענט אַלס אַ שרייבער אַביסל בעסער, וואָלטן זיי געוואוסט, אַז פון אַלע אידייען־שטרע־מונגען פון אונדזער עפּאָכע איז דער אַנאַרכיזם אַמנאָענטסטן צו מיין גייסט. „אויף וויפל דער דרוק פון דעמאָקראַטישן קאָלעקטיוו און דער טוכלער

גערוך פון דער סאָציאַליסטישער קאַזאַרמע זיינען מיר דערווידער, אויף וויפל איך בין אַ טיפער אידייאישער שונא פון באָלשעוויזם, אויף אַזויפיל האָב איך באַגעגנט מיט אַ געפיל פון סימפּאַטיע די ערשטע טריט פון די אַנאַרכיסטישע אָרגאַניזאַציעס.

„צוליב זייערע אידייען האָב איך זיך לאַנג ניט באַשלאָסן צו ריידן וועגן יענע נעגאַטיווע זייטן פון זייער טעטיקייט, וועגן וועלכע איך רייד יאָ אין אַט־דעם אַרטיקל״ (אַרציבאַשעוו).

אַ קוש פון אַ שונא איז דערווידער, עס איז אָבער אַנגענעם דער ביס פון אַ פריינט. (משלי, כ״ז, ו׳).

„דער רוסישער אַנאַרכיזם האָט די זעלביקע טרויעריקע מערכה, וואָס קיין איינע פון אונדזערע פּאָליטישע פּאַרטייען האָט ניט אויסגעמיטן: דער טראַגישער אומאיינקלאַנג צווישן טעאָריע און פּראַקטיק, אידייע און אירע טרעגער — דאָס איז זייער אַלגעמיינער שיקזאַל.

„איך רייד ניט וועגן די אידייאישע פירער פון דער אַנאַרכיסטישער פּאַרטיי, וועלכע היטן אַפּילו אָפּ אין ריינקייט זייער סימבאָל פון גלויבן.

„אָבער אין אַט־דעם שלימזלדיקן יאָר פון רוסלאַנדס אומקום [1918] האָבן אַלע אירע פּאַרטייען, אייניקע פון זיי פירנדיק זייערע אַרמייען, גענומען פּאַר זייער ריכטשנור דעם כלל: וואָס מער אין צאָל און וואָס ביליקער אין פּרייז״ (אַרציבאַשעוו).

ניט אַזוי, גאָר ניט אַזוי. מיר יאָגן זיך ניט נאָך „פּאַרטייאישן פלייש״. מיר האָבן ניט קיין אורזאַך צוליב וואָס זיך צו יאָגן נאָך אים. „שטימען״ דאַרפן מיר ניט. מיר זיינען ניט קיין „דעמאָקראַטן״, קיין „מאַיאָריטעט״ באַדאַרפן מיר ניט. צוליב וואָס וואָלטן מיר זיך געקוואָפּעט אויף קוואַנטיטעט?! וואָס וואָלט זי אונדז געקענט געבן? באַשענקען אונדז מיט „פּאַרטפּעלן״? מיר וועלן זיי דאָך ניט נעמען; ג ע ב ן פּעטע שכירות און אַמטן? — מיר וועלן זיי דאָך ניט נעמען.

אויב אַנדערע פּאַרטייען, וואָס שטרעבן צו מאַכט, וואָס באַזירט זיך אין דער „ווילדער״ איירעפּע אויף גראָבער פיזישער קראַפט, וועלכע איז פאַרמאַסקירט און צוגעדעקט מיטן פייגנבלעטל פון „ווילן פון דער מערהייט״, יאָגן זיך נאָך קוואַנטיטעט, וואָרעם ביי דער גלייכער שטימען־אָפּגעבונג איז וויכטיק די פילצאָליקייט פון זייערע אַנהענגער, ווייל זיי באַטראַכטן דעם מענטשן ווי אַ מעכאַנישן איינס און זיי אָפּערירן מיט אַט־דעם איינס, צונויפלייגנדיק זיי אין אַ סומע, שאַפנדיק אויף אַזאַ שטייגער זייער פּאַרטייאַריטמעטיק, — האָבן מיר, וואָס קוקן אויף אַ מענטשן ווי אויף אַן איינצלנעם, ווי אויף אַ פּערזענלעכקייט, ווי אויף אַ פּסיכאָלאָגישער איינהייט, וואָס שליסט אויס דאָס דורכמאַכן איבער זיך פאַרשיידענע מאַטעמאַטישע אָפּעראַציעס, קיין מאָטיוו ניט צו יאָגן זיך נאָך צאָל־רייכטום.

מיר ווענדן שוין גאָר ניט אָן דעם כלל „וואָס מער אין צאָל״. מיר נוצן ניט אַט־דעם כלל, מחמת מיר האָבן ניט קיין סטימול צו טאָן עס.

ווי אַפּט ווענדט מען זיך צו אונדז מיט די ווערטער:

— מיר ווילן זיך פֿאַרשרייבן אין אייער פּאַרטיי.

און די, וואָס ווענדן זיך, קריגן דעם אומפֿאַרענדערלעכן קאַלטן ענט־פֿער:

— ערשטנס, האָבן מיר נישט קיין „פּאַרטיי"; צווייטנס, פֿאַרשרייבן מיר ניט.

— ווי אַזוי איז עס מעגלעך? — שרייט אויס מיט פֿאַרוואונדערונג דער, וואָס ווענדט זיך צו אונדז, און איז דעמאָראַליזירט פֿון די ווערבירונג־מעטאָדן פֿון „פּאַרטייאישע הענט".

ער קריגט פֿון אונדז אַן ענטפֿער. אָבער זעלטן איז ער מיטן ענטפֿער באַפֿרידיקט. אין ס'רוב פֿאַלן פֿאַרשטייט ער אונדז אינגאַנצן ניט. און אַזוי, ניט פֿאַרשטייענדיק, גייט ער אַוועק.

און די צייטונגס־רעפּאָרטערס, וואָס רופֿן זיך אַן זשורנאַליסטן און האָבן פּרעטענזיעס אויף געבילדעט־זיין, ווענדנדיק זיך צו אונדז נאָך אינפֿאָרמאַציע, שטעלן אונדז גאַנץ אָפֿט די פֿראַגע:

— וויפֿל חברים האָט איר, פּערציק טויזנט, פֿופֿציק?

מיר צוקן מיט די אַקסלען און ענטפֿערן:

— מיר ווייסן ניט וויפֿל מיר האָבן. ווער קען עס וויסן?

— זאָגט בערך! — בעטן זיי זיך צושטייענדיק.

— מיר ווייסן ניט.

— ווי קען עס זיין?!

זיי שטייען דרינגלעך צו.

זיי גלייבן אונדז ניט.

ווען דער מחבר פֿון דעמדאָזיקן אַרטיקל וואָלט געווען אַביסל בעסער באַקאַנט מיט דער סטרוקטור פֿון די אַנאַרכיסטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָלט ער באַגריפֿן ווי גוואַלדאָוונע־אומגערעכט ס'איז זיין פֿאַרוואורף. באַשולדיקט אונדז אין וואָס איר ווילט, אָבער ניט אין יאָגעניש נאָך „שטימען".

„דער טראַגישער אומאייבקלאַנג צווישן טעאָריע און פּראַקטיק, אידייע און אירע טרעגער".

באַמערקט זיך אָט־דער אומהסכם בלויז אין פּאָליטיק? און אין קונסט ווי האַלט עס? זיינען אַלע כוהנים פֿון שיינקייט שיין אין זייערע האַנדלונגען, אין זייער פּריוואַטן לעבן? זיינען אַלע כוהנים פֿון דאָס שיינע און אַפֿילו די כוהנים גדולים, וואָס זיינען משמש לפֿני ולפֿנים, אין דעם קדשי קדשים פֿון עסטעטיק־בית־המקדש, אַלע מאָל פֿיין, שיין, אויף דער הויך פֿון די פֿאָדערונגען פֿון דער שיינקייט־געטין?

איז דען דאַרפֿן אויך ניט פֿאַראַן אַן אָפּגרונט צווישן דער אידייע און איר טרעגער, צווישן שעפּער און זיין שאַפֿונג?

איז דען אַ דיכטער שטענדיק און אומעטום אַ דיכטער?

ניין, ניט אַזוי. ער איז אַ פּאָעט מינוטנווייז, ווען עס נידערט אַראָפּ אויף אים דער „הייליקער גייסט".

און אַן אַנאַרכיסט איז אויך ניט אַלעמאָל און אומעטום אַן אַנאַרכיסט. פאַרוואָס? איז עס אייך אומפאַרשטענדלעך?

איבערפּראַזירנדיק היינען וואָלטן מיר זאָגן: ווי קליין זעען מיר אויס, ווען מיר שטייען אויפן הויכן באַרג פון אַנאַרכיע.

אַנאַרכיע אין אונדזערע אויגן, אין אונדזערע געדאַנקען און געפילן איז פולשטענדיקע פרייהייט, צו וואָס עס האָבן געשטרעבט די בעסטע זין פון דער מענטשהייט אין אַלע צייטן. דאָס איז דער פייער־זייל, וואָס גייט פאַרויס פאַר אונדז דורכן מדבר פון אונדזער פאַרשקלאַפּט לעבן; ער ווייזט אונדז דעם וועג און דאָס פאַרשפּראָכענע לאַנד פון פרייהייט און ער איז אויפאַמאָל טאַקע אַליין אַט־דאָס פאַרשפּראָכענע לאַנד, ער איז די פרייהייט.

אַנאַרכיע איז אי אַ וועג און אי אַ באַשטימונגספּלאַץ. אַנאַרכיע איז שלימות. דער אידעאַל פון אונדזערע באַשטרעבונגען, זייער גרעניץ. מיר שטרעבן צו פּערפעקציע, אָבער מיר זיינען ניט פּערפעקט, וואָרעם מער ווי שטרעבן צו פּערפעקציע קען מען ניט. מער ווי דאָס קענען מיר ניט באַווייזן.

אונדזער מערכה — דאָס שטרעבן, ניט מער. מיר קענען ניט זאָגן צוזאַמען מיט משהן: „פּערפעקט זאָלסטו זיין מיט יהוה דיין אלהים״ (דברים, י״ח, י״ג). מיר זאָגן: „שטרעבט צו פּערפעקציע, וואָרעם דאָס שטרעבן צו פּערפעקציע איז אייער אידעאַל״.

ניין, ניט אונדזער יאָגן זיך נאָך פּילצאַליקייט ברענגט אונדז אָפּט בכשל צו ווערן, צו אונדזער באַדויערן, מיט מענטשן, וואָס קומען ניט נאָך די פאָדערונגען, וואָס אַנאַרכיע שטעלט צו אירע טרעגער און דינער. ניין, ניט דאָס, נייערט דאָס, וואָס מיר גייען צו צום מענטשן אינגאַנצן אַנדערש: פאַר אונדז איז מענטש אַ הייליקייט. פאַר אונדז איז מ ע נ ט ש אַן אומבאַגרירבאַרקייט. פאַר אונדז איז מ ע נ ט ש אַ באַשעפעניש, וואָס שטייט העכער פון אונדזער פאַרדאַמונג. פאַר אונדז איז מענטש — גאָט. מיר גלויבן אין מענטשן, און וויפל מאָל מענטשן זאָלן אונדז ניט אָפּנאַרן, קענען מיר נאָך אַלץ ניט אויפהערן צוליב דעם צו גלויבן אין מענטשן. און ווען מע זאָל אונדז אָפּנאַרן זיבעציק מאָל זיבן, וועלן מיר נאָך אַלץ גלויבן אין מענטשן, וואָרעם ניט־גלויבן אין מענטשן איז ערגער ווי ווערן אָפּגענאַרט פון מענטשן.

אונדזער גלויבן אין מענטשן איז ניט באַזירט אויף אַ מיסטישער גרונטלאַגע; עס האַלט זיך אויף אַ טיפער איבערצייגונג, אַז מענטשן זיינען גלייכווערטיק און עס זיינען ניט פאַראַן קיין אומפאַרדאָרבענע און קיין פאַרדאָרבענע מענטשן; עס זיינען ניט פאַראַן קיין ליכטיקע און קיין פינצטערע מענטשן; עס זיינען ניט פאַראַן קיין געבילדעטע און קיין אומגעבילדעטע מענטשן; עס זיינען ניט פאַראַן קיין זינדיקע און קיין טוגנטהאַפטע מענטשן. וואָס עס איז פאַראַן איז פאַרדאָרבנקייט און אומפאַרדאָרבנקייט, ליכט און פינצטערניש, זינד און טוגנט.

מאָראַליש זיינען מענטשן גלייך געניגט. אין דעם זיינען מיר מער ווי איבערצייגט. און ווען איינער פון די פינצטערע, ווילדע, רויע מענטשן וואָלט אויסגעוואַקסן, דערצויגן געוואָרן אין דער ליכטיקער סביבה, אַ דורכגענר־

מענער מיט עטישע פּרינציפּן און הנהגות, אַ סביבה, אין וועלכער, מיר זיי־נען מעגלעך, אויסגעוואַקסן, וואָלט ער אַרויסקומען אַ בעסערער מענטש פון אונדז, יעדנפאַלס ניט קיין ערגערער. אין דעם זיינען מיר איבערצייגט און מער ווי איבערצייגט. דאָס איז ביי אונדז אַ געפיל־זאַך, דאָס איז אַן אינער־לעכער אמת, וועלכן מיר שפּירן.

און אַזוי אויך פאַרקערט. מיר זיינען מער ווי איבערצייגט, אַז ווען איי־ניקע פון אונדזער חברותא, ווען מיר טאַקע, די וואוילדערצויגענע, וואָלטן אויסוואַקסן אין יענער קאַלטער ביז־צום־פאַרפראָרן־ווערן, ווילדער ביז צו בעסטיאַליטעט, חיה־רעהדיקער סביבה, אין וועלכער ס׳וואַקסן אויס ס׳רוב פון די פאַרברעכערס, וואָלטן מיר אַרויסקומען ערגער פון זיי, יעדנפאַלס ניט בעסער.

דעריבער, ווען מיר לייענען אַזעלכע ווערטער, וואָס אָטעמען מיט כעס און האַס, מיט גרימצאָרן און פאַראַכטונג צו דעם באַשאַפענעם בצלם אלהים, אָבער געפאַלענעם מענטשן, ווערט אונדז טרויעריק אויפן האַרצן און ביטער אין געמיט:

„און אָט אַ כאַפּטע רויבער און טויגעניכטסן, לויט זייער נאַטור, מיט נשמות פון וועלף און געהירנס פון חזירים“ (אַרציבאַשעוו)...

לייענענדיק אָט־דעם פאַסאַזש פילן מיר אַ ווייטיק, ווייטיק און אַ פאַר־דרוס אויפן שרייבער, דעם פאַלש־שילדערער פון דער מענטשלעכער נשמה. עס טוט אונדז וויי ביז צו טרערן, ביז צו פאַרדאַמען אים.

ניין, אַזוי שרייבן וועגן מענטשן טאָר מען ניט; אַזוי טראַכטן וועגן מענטשן טאָר מען ניט. וואָרעם דאָס אַליין איז שוין אַ פאַרברעכן. דאָס איז פאַרריסנקייט ביי־זיך, איבערנעמערישקייט, גאווה, די אנדערקענונג פון איי־גענער איבערשטייגעניש“.

ווייטער לייענען מיר אין דעם זעלביקן אַרטיקל:

„אין דעם אייגענעם נומער, אין וועלכן עס איז געווען אָפּגעדרוקט דער אָפענער בריוו פון דעם רעדאַקציע־קאָלעגיום, איז אויף דער ערשטער זייט געווען אָפּגעדרוקט מיט גרויסע בוכשטאַבן: „די לעצטע צייט באַמערקט מען אַ מיסברויכן מיט דעם נאָמען פון דער «פעדעראַציע פון אַנאַרכיסטישע גרופּן», אומבאַקאַנטע פּערזאָנען נעמען צו בייטעלעך, מאַכן דראַאונגען מיטן צוועק אַרויסצופּרעסן געלט, פירן דורך הויזזוכונגען, פאַרהאַפטונגען און א. וו., מיסברויכנדיק דעם נאָמען פון דער «פעדעראַציע».

„און דאַך, ביי די אַרעסטן ווייזט זיך אַרויס, אַז אָט די אומבאַקאַנטע פּערזאָנען האָבן ביי זיך דאָקומענטן געפעלשטע אָדער ריכטיקע פון דער פּאַרטיי.

„די גרויס פון בייז און שאָדן, וואָס ווערט דערמיט געטאָן דער אידייע פון אַנאַרכיזם, איז ניט אָפּצומעסטן, און דעריבער איז די פליכט פון דער «פעדעראַציע», קודם־כל, צו קעמפן מיט אַלע מיטלען קעגן די־דאָזיקע פאַר־ברעכערישע מיסברויכונגען, וואָס שעדיקן און שענדן די אידייע און די «פעדעראַציע».

„צום באַדויערן ווייזט די «פעדעראַציע» ניט אַרויס אין אַט־דעם קאַמף די מאָס ענערגיע, וואָס זי פאַרמאָגט פאַר אַנדערע פיל ווייניקער וויכטיקע זאַכן״ (אַרציבאַשעוו).

פרעגט זיך: וואָס אַזוינס קען די „פעדעראַציע״ טאָן און זי טוט ניט? קעמפן מיט די פאַרברעכער? ניין. לויט אונדזער באַנעם דאַרף מען באַקעמפן פאַרברעכן, מע דאַרף באַזייטיקן די סיבות, וואָס מאַכן מעגלעך אַזעלכע דער־שיינונגען... מע דאַרף איבערבויען אונדזער פאַרברעכערישע געזעלשאַפט, אוועקשטעלן זי אויף נייע יסודות. דעמאָלט וועט דער מענטש איבערגעבוירן ווערן, ריכטיקער, געבוירן ווערן. וואָרעם דער מענטש איז נאָך ניט פאַראַן. קיין אַנאַרכיסט איז נאָך ניט פאַראַן, — ער וועט ערשט זיין. ער גייט, ער קומט.

איר באַוואונדערט דאָס וואָס עס טוט זיך אָפּ. מיר וואונדערן זיך ניט. מיר באַוואונדערן ניט די צאָל פון רויבערייען, הריגות, געשלעגן. עס איז גאָר קיין וואונדער ניט. אין אונדזער געזעלשאַפט איז דאָס אַלץ אַזוי נאַטירלעך, ווי דאָס געזעץ פון קערפּערס פאַלן, וואָס הייסט גראַוויטאַציע.

און אויב צייטנווייז וואַרפן זיך ניט אַזוי אין די אויגן אַט־די רויבערייען און אַט־די הריגות, איז עס בלויז מחמת דעם, וואָס דעמאָלט קומען זיי פאָר אויף אַ מער אָרגאַניזירטן שטייגער און בעסער פאַרמאַסקירט. רויבעריי — דאָס איז די לופט, מיט וועלכער עס אָטעמט די היינטיקע געזעלשאַפט. מאָרד — דאָס איז דער פונדאַמענט, אויף וועלכן עס האַלט זיך דער גאַנצער בנין פון אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט.

די „פעדעראַציע״ קעמפט ניט! ניט ריכטיק. מיר טוען אַלץ, וואָס איז נאָר אין אונדזערע כוחות, און מער ווי דאָס, אָבער מיר זיינען אָנמעכטיק.

אַזוי ראַנגלט זיך אַ שטערן מיט דער פינצטערניש פון דער נאַכט און קען די פינצטערניש ניט בייקומען. עס וועט אויפשפּראַצן דער פרימאָרגן, דער טאָג וועט קומען, — און דער חושך וועט אַוועק. מיר זיינען איינזאַמע שטערן. די פינצטערניש וועט פאַרטרייבן דער אויפלויכט.

איר האַלט אונדז פאַר. אָבער אין וואָס באַשטייט אונדזער שולד? מיר קעמפן ניט קעגן די גנבים, די ראַבירער, וואָס מיסברויכן אונדזער נאָמען און שענדן און באַשמוצן אונדז? מיר קענען דאָך באמת ניט גיין שלאָגן זיך מיט אַ גנב, וואָס גנבעט אין אַ געזעלשאַפט, וואָס באַשטייט פון גנבים; מע קען דאָך ניט ראַנגלען זיך מיט קלייניקע לאַטכערער, וואָס כאַפּן־לאַפּן עפּעס, און לאָזן לעבן אין וואוילטאָק, אין לוקסוס יענע גנבים, וואָס גנבענען זיך אַן גרויסע ווילעס, יענע גנבים, וואָס האָבן אַוועקגעגנבעט ביי אונדז אונדזער קולטור אַפילו, אונדזער מאָלעריי, מוזיק און אויך דאָס וואָרט. אַלץ איז אַוועקגערויבט געוואָרן. אַלץ האָט מען צעשלעפּט.

מיר קעמפן, מיר קעמפן קעגן לאַטכעריי, קעגן רויבעריי. מיר גלויבן אָבער ניט אין היילן, דאָקטאָרעווען אונדזער היינטצייטיקע געזעלשאַפט.

מיר ווייסן, אַז זי קען ראַטעווען בלויז דער לאַנצעט פון כירורג. און מיר זיינען כירורגן״.

„אַנאַרכיע״.

VII

די צוויי ווילעס

1

באַקעטאָווס הויז

מיר האָבן פאַרנומען אַ היפשע צאָל ווילעס („אָסאָבניאַקעס").

איך וויל דערמאָנען בלויז צוויי פון זיי, באַקעטאָווס און מאַראָזאָווס ווילעס. ס׳רוב האָבן געהערט אין דער באַקעטאָוו־רובריקע. מאַראָזאָווס ווילע איז געווען דער אויסנאָם.

מיר האָבן רעקווירירט באַקעטאָווס הויז. אָט־די רעקוויזיציע, ווי ס׳רוב אַנדערע הייזער־רעקוויזיציעס, איז דורכגעפירט געוואָרן פון אונדז אויף אַ העכסט־פרידלעכן שטייגער.

מע האָט דערקלערט אין איינפאַכע, אָבער קלאָרע ווערטער, אַז פון די צוועלף אָדער פיל מער, צימערן, וואָס די פאַמיליע האָט ביז איצט פאַרנומען אָבער געהאַלטן אומגענוצט אין פוסטעווען, ווערט איר געגעבן צוויי אָדער דריי, נעמענדיק אין אַנבאַטראַכט די צאָל מיטגלידער פון דער פאַמיליע, און די איבעריקע צימערן נעמט איבער אַ גרופע אַרבעטער, וואָס אַרבעט אין אַ פאַבריק אין דער שכנשאַפט.

דאָס פאַרנעמען ס׳הויז איז געפייערט געוואָרן מיט אַ מיטינג און אַ רעדע.

אין באַקעטאָווס הויז האָב איך געהאַלטן די רעדע. איך געדענק דעם הויפט־געדאַנק, וואָס איך האָב אַרויסגעבראַכט אין מיין שמועס. דעם איי־גענעם רעיון האָב איך אַנטוויקלט אין מיינע אַרטיקלען אין „אַנאַרכיע", וואָס זיינען געגאַנגען אונטערן קעפּל „אומזיסטע קוואַרטירן פאַרן פאָלק".

די דעראָבערונגען פון דער רעוואָלוציע דאַרפן זיין קאָנקרעטע, ממשות־דיקע, אַזוי אַז דער ברייטער און פשוטער עולם זאָל זיי קענען לייכט אויפ־נעמען, פשוט, קענען אָנטאָפּן מיט די הענט. ערשט דעמאָלט וועט ער באַ־גרייפן קלאָר, וואָס ער קריגט. צייט איז אַ צו אַבסטראַקטער ענין, אַכט שעה אַרבעטן, אַפילו זעקס שעה — דאָס זיינען אַלץ אַזעלכע דערגרייכונגען, וואָס קענען זיך לייכט אַרויסגליטשן פון די הענט פון די אַרבעטער אין פאַל פון אַ מעכטיקן אָנגריף מצד די קאָנטררעוואָלוציאָנערן. די רעוואָלוציע־געווינסן דאַרפן זיך געפינען אין רוים. זיין קעגנשטענדלעכע זאַכן, רעאַלע אָב־יעקטן. יעדעס פאַרנומענע הויז דאַרף ווערן אַ פעסטונג, אַ פאַרפעסטיקטער, פאַרזיכערטער, פאַרפאַנצערטער פונקט פון דער רעוואָלוציע, פון וועלכן די אַרבעטער וועלן זיך ניט לאָזן אַרויסטרייבן אָן אַ געפעכט, אָן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד פון זייער זייט.

דער אייגנטימער פון דער פראַכטפולער ווילע, דער רייכער מאַן באַקע־

טאָוו, איז געווען אויפן מיטינג און האָט מיט געהעריקער אויפמערקזאַמקייט באַכגעפאָלגט מיין פאַרטראַג. אַז עס איז געקומען צו די „פראַגעס און ענטפערס", האָט ער צווישן אַנדערע אַריינגעשטעלט זיין פראַגע. ער האָט פּרובירט אָפּפרעגן אונדזער מאָראַליש רעכט צו פאַרנעמען זיין ווילע; ער האָט אויך אויסגעזעצט קעגן דעם דורכאויס־צעשטערערישן כאַראַקטער פון אונדזערע האַנדלונגען.

איך האָב אים געענטפערט אין אַן אויפקלערערישן טאָן. ווי איך וואָלט ענטפערן אַן אַנדער פראַגע־שטעלער, וואָס איז ניט קיין נוגע־בדבר. איך האָב אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מיר האַלטן, אַז די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם איז געבויט אויף אומרעכט; אַז אַ מענטש האָט ניט קיין מאָראַליש רעכט צו פאַרשקלאַפן זיין מיטמענטשן, הגם אַט־די פאַרשקלאַפונג ווערט אַנגערופן מיט אַ מילדן נאָמען סאַלאַריאַט, געדונגענשאַפט, און ווערט צוגעדעקט מיט אַ קלאַמפערשט פ ר י י ע ן אָפּמאַך. ווען מענטשן אַרבעטן צוזאַמען אַ לענגערע צייט, דאַרפן זיי ווערן שותפים, האָבן אַ חלק אין דער אונטערנעמונג, טיילן זיך מיט די פּראָפיטן און ליידן אין דער אייגענער פּראָפּאָרציע די פאַרלוסטן. מיר אַנדערקענען ניט די לוין־סיסטעם און, ממילא, פאַרדאַמען מיר די אַקומולאַציע פון רייכטימער, וואָס איז אַן אומגעזונטער פּועל־יוצא פון אַט־דעם אומראַציאָנאַלן און אומעטישן איינשטעל, אין די הענט פון אַ קליינעם מיעוט, ווען אַרום אים הערשט אַזאַ דערדריקנדיקע אָרימקייט. עס איז ניט רעכט און ניט נאָרמאַל, אַז אייניקע זאָלן האָבן צופיל, זאָלן זיין איבערגעפּאַשעט עקאָנאָמיש און די איבערוועגנדיקע מערהייט זאָל ניט האָבן גענוג צו באַפרידיקן אַפילו אירע עלעמענטאַרסטע באַדערפענישן.

און וואָס שייך דער טענה, אַז מיר בויען ניט, נאָר פאַרנעמען זיך מיט צעשטערן, איז דאָס זיין, באַקעטאַווס, סוביעקטיווער שטאַנדפּונקט — מיר צעשטערן ניט דאָס הויז פיזיש, מיט העק אין די הענט; מיר צעברעכן עס בלויז יורידיש. מיר נעגירן זיין אייגנטום־רעכט אויף דעם הויז, וואָרעם מיר האַלטן, אַז ער האָט עס געקויפט אָדער געבויט מיט די געלטער פון די אַרבעטער, וואָס האָבן על־פּי דין און על־פּי יושר געדאַרפט זיין זיינע שותפים. קיין זאַך ווערט דאָ ניט צעשעדיקט. עס איז בלויז אַ פאַל פון אַרבעטער־שותפים, וואָס קומען אָפּנעמען זייער חלק.

די ווילע ווערט אין אַ געוויסער יורידישער הינזיכט צעשטערט פאַר אים, זי ווערט אָבער אין דער זעלביקער שעה אויפגעבויט פאַר די אַרבעטער, וואָס ציען זיך אַהין אַריין.

פאַרשטייט זיך אַז דאָס הויז וועט מער ניט אויסקוקן ווי אַן אויסגעפּוצטע ליאַלקע. ווען אַרבעטער ציען זיך אַריין, קומען עטלעכע פאַמיליעס און זיי וועלן וו א ו י נ ע ן אין הויז, ניט ש פּ י ג ל ע ן זיך אין אים. וויבאַלד עס וועט ווערן אַן אַרבעטער־הויז, וועט עס אַליין אויך דאַרפן צוהאַרעווען. פאַרדעם האָבן אין הויז געוואוינט לײדיקגייער. איז דאָס הויז אויך געשטאַנען אַ „ליידיקס" אין זינען פון באַוואוינונג, באַהויזונג. עס איז ביי אים ניט אויסגעקומען אַפילו איין פּערזאָן אויף אַ צימער. איצטער וועט עס דאַרפן

צופראַצעוועט, אַקאָמאָדירן אין יעדן צימער אַ צוויי־דריי איינוואוינער. פאַר־שטייט זיך, אַז עס וועט מער ניט געהאַלטן ווערן אין אַזאַ קאָמפאָרט ווי מע האָט עס געהאַלטן פאַר דעם. עס וועט מער ניט האָבן די באַדינערשאַפט, וואָס עס האָט געהאַט; מע וועט עס אַזוי ניט פּילנעווען, וואַשן, רייניקן, פּוצן, צירן, דעקאָרירן ווי פריער. איצטער וועט עס ווערן אַ הויז אין פולן זינען, אַן אמתע וואוינונג.

אָבער דאָס מיינט, אַז עס וועט נעמען פונקציאָנירן ווי ס'באַדאַרף־צו־זיין, ווערן אַרבעטאַריש אַלס אַ דירה, אָבער דאָס מיינט בשום אופן ניט, אַז די אַרבעטער, וואָס וועלן עס באַוואוינען, גייען עס צעשטערן, חרוב מאַכן; פאַרקערט, זיי גייען עס מאַכן פאַר אַ הויז מיט הייזער צוגלייך; עס וועט קריגן זיין תיקון. פאַרשטייט זיך, אַז עס וועט אַוועק פון אים זיין גלאַנץ, זיין שיק, זיין פּוץ, אָבער דאָס איז דאָך ניט דאָס וועזנטלעכע; דער עיקר איז דאָך, אַז עס זאָל דינען זיין צוועק, באַשירמען מענטשן, שעלטערן זיי פון רעגן, פון ווינט, פון קעלט. און דאָס גייט עס טאָן פון היינט אָן בשלימות. אַזוי אַז צו אַ געוויסער מאָס און אין אַ געוויסער הינזיכט ווערט דאָס הויז אַלס הויז ערשט איצט באמת אויפגעריכט, וואָרעם פאַר דעם איז עס געווען עפּעס אַ שפּילצייג, אַ מין צאַצקע, ניט קיין פשוטע, געזונטע דירה.

איצט בנוגע דעם פּראָבלעם פון צעשטערונג און בויאונג אין אונדזער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט.

אַ פּאָר פּראָסטע אילוסטראַציעס וועלן מאַכן דעם ענין היפּש קלאָר.

ווען אייגער וויל בויען אַ פּאַלאַץ, מוז ער ניט דווקא פאַרדעם אָרונ־טערדרייסן זיין הויז, צו וועלכן ער איז צוגעוואוינט און וועלכעס ער האָט באַטראַכט פאַר זיין היים אין משך פון פיל יאָרן, בכדי צו געברויכן דאָס געהילץ, שטיינער, ציגל און ליים, וועלכע ער וואָלט אינקאָרפּאָרירן איבעראַ־נייס אין זיין גראַנדיעזן בנין, וואָס בויט זיך ערשט. דאָס איינשאַפן זיך שטיינער, ציגל, ברעטער, קלעצער, באַלקנס, שטאָל, אייזן, גלאָז, מיט איין וואָרט, בוי־מאַטעריאַל, וואָס איז נאָך ניט געברויכט געוואָרן אין קיין שום געביידע, איז ניט נאָר ניט קיין אויסנאַם־פאַל, נייערט דאָס איז טאַקע די געוויינטלעכע רעגל. נייע בנינים ווערן געבויט מיט נייע מאַטעריאַלן, וועלכע האָבן אויף זיך ניט געטראָגן קיין עול פון אַלטע געביידעס.

בנוגע דער פיזישער וועלט, וועלכע איז אַ גרויסע עושרטע, פאַרמאָגט אָן אַ שיעור אוצרות פון ענערגיע און שטאָפן, איז פולשטענדיק גערעכט דער עוואַנגעליום, ווען ער זאָגט:

„קיינער פאַרריכט ניט אָן אַלט מלבוש מיט אַ ניי שטיק צייג, ווייל די לאַטע רייסט זיך אָפּ פון דעם מלבוש און עס ווערט נאָך אַן ערגערער ריס. אויך גיסט מען ניט אַריין קיין בייעם ווייַן אין אַלטע לאָגלען: אַנישט פּלאַצן די לאָגלען, און דער ווייַן ווערט אויסגעגאָסן, און די לאָגלען גייען לאיבוד, נייערט נייעם ווייַן גיסט מען אַריין אין נייע לאָגלען, און ביידע זייַנען באַ־וואָרנט". (מתיא, ט׳, 16־17; מאַרקוס ב, 22־21).

נאָך אַ משל: אייגער וויל זיך מאַכן אַ טיש. איז ער אויף קיין פאַל

ניט מחויב גיין פאַנאַנדערנעמען דאָס בעט אָדער דעם ספרים־אַלמער, וועל־כע ער האָט, אגב, געקראָגן בירושה פון זיין זיידן. ער קען זיך פאַרגינען צו מאַכן אַ טיש, ווי ער האָט געמאַכט זיך זיינע שטולן, ד. ה. פון נייעם, נאָך קיינמאָל ניט געברויכטן האָלץ. ער גייט צו די ביימער.

דאָרטן ביי זיי לייט ער אָדער נעמט אויף ניט אָפּצוגעבן, גנבעט אָדער גזלט דאָס פּאַסיקע שטיקל האָלץ אָדער ברעט. די ביימער זיינען פאַר אים אַ זאַפּאַס פון רויען מאַטעריאַל. די פאָרם, וואָס דער בוים האָט, איז פאַר אים ניט קיין הייליקע זאַך, אַ דבר שבקדושה, וואָס מ׳דאַרף צען מאָל וואַשן די הענט איידער מ׳רירט זיך צו צו דעם. ער צווינגט אַרויף אויף דעם שטיק האָלץ אַ נייע פאָרם און אַ נייעם מוסטער, וואָס טויגן זיך פאַר אים אַמבעסטן. ער טוט עס אָן קיין שום געוויסן־פּלאָגעניש, אָן קווענקלעניש און חששים פון אַ מאָראַלישן כאַראַקטער. די אייגנשאַפטן פון בוים, די נאַטור פון האָלץ, ווערן גענומען אין אַנבאַטראַכט בלויז אויף וויפל זיי זיינען בכוח צו דינען, ווען מען צווינגט זיי דערצו, זיינע באַדערפעניש. די „פּערזענלעכקייט" פון בוים, פון אַט־דעם דיגניטאַר, חשובן באַלעבאָס, פון גרויסן וואַלד, דאָס זעלבסט־באַשטימונגס־רעכט פון שטיק האָלץ, פון אַט־דעם „בירגער" פון דער געהילץ־רעפּובליק, ווערן לחלוטין איגנאָרירט.

ווי געזאָגט, פאַרמאָגט דער טיש־מאַכער געווינג געהילץ און ער דאַרף זיך ניט פאַרנעמען מיט דער אומאַנגענעמער אַרבעט פון צעברעכן אַן אַלטן בכבודיקן שראַנק אָדער עפּעס אַן אַנדער שטיק מעבל, וואָס איז אָנגעפּראָפּט מיט טייערע זכרונות און האָט נאָך פון קדמונים אַ באַשטימטע פאָרם וואָס מ׳דאַרף ערשט נעמען איבערמאַכן, איבערברעכן.

בלויז אין פאַל, ווען ער וואָלט ניט פאַרמאָגן קיין האָלץ־מאַטעריאַל, און ער וואָלט עס אויך ניט קענען קריגן אויפן פרייען מאַרק, צוליב מאַנגל אין קויפקראַפט אָדער אין געהילץ, וואָלט ער געצוואונגען זיין צו צענעמען אַן אַלט שטיק מעבל און מיט צרות זען צונויפשטוקעווען פון דעם עפּעס אַ טיש.

און דאָס איז טאַקע דער פאַל אין געזעלשאַפט־בויערײַ. עס איז לחלוטין ניטאָ קיין פרייער מאַטעריאַל, ניטאָ וואו צו נעמען, ניטאָ וואו צו קויפן. עס איז „בדליכע". אַ שטענדיקע כראָנישע פאַרטריקעניש. עס איז גאָר ניט פאַראַן אַזאַ זאַך ווי רויער מענטשן־מאַטעריאַל. ד. ה. מענטשן, וואָס געהערן ניט און האָבן קיינמאָל ניט געהערט צו קיין שום געזעלשאַפטלעכער גרו־פּירונג, מענטשן, וואָס זיינען פריי און פראַנק, שטייען מחוץ פון יעדער חברה און מ׳קען זיי נעמען און קאָנסטיטואירן פון זיי אַן אינגאַנצן נייע געמיינדע. ווען מיר ווילן עפּעס מאַכן, עפּעס בויען, מוזן מיר בהכרח אוטיליזירן דעם אַלטן שוין געווינג גענוצטן און היפּש געברויכטן מאַטעריאַל. אויף אַזאַ שטייגער האָבן מיר אין סאָציאָלאָגיע אַ צווייפאַכיקע אויפגאַבע: צוערשט זיינען מיר געצוואונגען פאַנאַנדערצונעמען די אַלטע אינסטיטוציעס, צעגלידערן די שוין אַ רעכט ביסל צוגעלעגענע און פאַרשימלטע לעבנס־אַנשטאַלטן און דער־נאָך, פון דעם מאַטעריאַל, פון דער ברוכוואַרג, פון דער „פּרובנע", צוזאַמענ־

שטעלן „נייע", ריכטיקער „באַנייטע", אנשטאַלטן כלומרשט אויף „נייע" יסודות.

אַט־די אינסטיטוציעס, טאַקע דערפאַר, וואָס זיי זיינען באַוואַקסן מיט מאָך פון אַלטקייט און שוואַכקייט, דווקא דערפאַר, וואָס מ'האָט זיי שוין גע־דאַרפט האַלטן אין אַ מושב־זקנים, ווערן זיי פאַרהייליקט, טייער געהאַלטן. זיי ווערן אָפגעהיט ווי מקום־קדושט מיט גרויס פרומקייט און פאַנאַטיזם. פון וועמען? פון דידאַזיקע גרופּן אין דער געזעלשאַפט, וועמענס פאַרדינסטן ליגן אין דער גלאָריפיצירטער פאַרגאַנגענהייט, פון די יעניקע, וואָס זיינען געווען יונג, ווען די אינסטיטוציעס זיינען געווען יונג. זיי האָבן זיך צוזאַמען גע־עלטערט און זיי ווייסן און שפּירן, אַז ווען מ'וועט אָפּשאַפן די אינסטיטו־ציעס, וועט מען זיי אויך באַזייטיקן, משלח־זיין. און ווען זיי פאַרטיידיקן די אינסטיטוציעס, פאַרטיידיקן זיי זיך אַליין, זייערע לעבנס־געוואוינהייטן, זייער שטייגער, פּיר און שטאַט, זייערע פּאָזיציעס.

אַט־די מאָדנע לאַגע צווינגט דעם סאָציאַלן טוער אָנצוהייבן מיט צ ע־ש ט ע ר ו נ ג, מיט דעסטרוקציע, בכדי צו ענדיקן מיט בויאונג, מיט קאָנס־טרוקציע. אונדזערע צעשטערנדיקע אַקטיוויטעטן זיינען בלויז אַ נויטווענ־דיקע צוגרייטונגס־אַרבעט, אַ מין הכשרה. מחמת בלויז אויף דעם אופן קענען מיר זיך באַזאָרגן מיט דעם נייטיקן בוי־שטאָף. מיר מוזן אים אַרויסרייסן, כמעט ווי איבערגעוואַלד, פון אַלטע בנינים. אָט די פאַרשטענדעניש איז אויס־געדריקט אין פסוק:

„זע, איך האָב דיך געשטעלט היינטיקן טאָג
איבער די פעלקער און איבער די קיניגרייכן,
אויסצורייסן און איינצוּוואַרפן,
און אונטערצוברענגען און צו צעשטערן" (ירמיה, א' י')
און ערשט שפּעטער־צו, נאָך דער צעשטערונג,
„צו בויען און צו פלאַנצן" (דאָרט).

איך האָב געענדיקט. אַלע האָבן אַפּלאָדירט און באַקעטאָוו איז פון עולם אַפּלאָדירער ניט אָפּגעשטאַנען. ער האָט מיר באַדאַנקט פאַר מיין פאָרטראַג און אין צייכן פון דעם, אַז ער האָט עפּעס פון מיר געלערנט, איז ער אַוועק און האָט מיר געבראַכט אַ גוטן שטעקן. אַז איך האָב אים געזאָגט, אַז איך קען זיין שטעקן לעת־עתה ניט נוצן, האָט ער מיר געזאָגט, אַז דער שטעקן וועט מיר צוניצקומען אַביסל שפּעטער, ווען מיין פוס וועט ווערן קרעפּטיקער.

דעם שטעקן האָב איך געהיט, טייער געהאַלטן ווי אַ סואווועניר פון דעם פּאַציפישן כאַראַקטער פון אונדזערע רעקוויזיציעס־דורכפירונגען. פאַרלאָרן האָב איך אים פיל שפּעטער ערשט, אין יאַפּאַן. אַ שאָד!

מעגלעך, אַז ווען מע „אַגיטירט" ניט בלויז די אַרבעטער, נאָר אויך די בורזשואַזיע, וואָלט דער איבערגאַנג געקאָנט פאָרקומען מיט אַ סך ווייניקער אומזיסטע עקסצעסן, מיט אַ סך ווייניקער בלוט־פאַרגיסונג. וואָרעם אויך אַ „בורזשוי" איז אַ שטיקל מענטש... צו וועמען מ'קען ריידן ניט בלויז מיטן לשון פון געווער, נאָר אויך מיט אַ מענטשלעכער שפּראַך.

אף על פי שחטא מיטן גאָלדענעם עגל, איז ער נאָך אַלץ אַ מענטש... און אַ רוף צו מענטשלעכקייט און עטיק קען ניט בלייבן אינגאַנצן אָן אָפּהילך, ווי שוואַך ער זאָל ניט זיין.

אַ פּאָסטסקריפּטום

זיבן טעג נאָכאַנאַנד איז געשטאַנען אַן אויסגעצויגענער „ווײדל" פון מענטשן, ס'רוב פרויען. זיי האָבן דערוואַרט און געקראָגן די געשאַנקען, וואָס אונדזערע חברים האָבן אויסגעטיילט פון באַקעטאָווס קעלערן, שפּיזאַרניעס און קלייטלעך, וואָס זיינען געווען אָנגעפּאַקט מיט כל־טוב: וועש, קליידער, כל המיני שפּייזן, קאָנסערוון, געדויכערט פלייש און פיש, איינגעמאַכטס. דער באַלעבאָס און באַלעבאָסטע האָבן זיך פאַרזאָרגט, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך געריכט אויף אַ באַלאַגערונג, וואָס קען דויערן יאָרן און זיי האָבן זיך פאַר־זיכערט קעגן מאַנגל און הונגער־ליידן.

אַט־די פאַרטיילונג פון די זאַפּאַסן, וואָס האָבן זיך געפונען אין די ווי־לעס, האָט אויפגעטאָן צוויי זאַכן: ערשטנס האָט עס קאָנקרעט באַוויזן די אָרעמע באַבעס, וואָס זיינען אין דורכשניט געווען קאָנסערוואַטיוו געגוינגט און קעגן עקספּראָפּריאַציעס, וואָס האָבן אין זייערע אויגן אויסגעקוקט צו זיין איינפאַכע רויבערייען — אַז די רייכע האָבן פאַרברעכעריש זיך אָנגע־גרייט און פאַרבאַהאַלטן צופיל זאַכן, בעת דאָס פאָלק האָט געלעבט אין אומדערטרעגלעכער דחקות; זיי האָבן אָנגעקליבן פּראָדוקטן אין אַזעלכע קוואַנטיטעטן, וואָס זיי אַליין האָבן ניט געקענט פאַרברויכן. אַזוי אַז אין אַט־דעם אומגעזעצלעכן און אומיושרדיקן אָנזאַמל איז שיעור ניט געלעגן אַ ביזווייליקע אָפּזיכט צו פאַרשטאַרקן דעם מאַנגל צווישן דעם המון־עם, פאַר־הונגערן אים און אָנלערנען, ער זאָל ניט וואַגן זיך שטעלן קעגן די רייכע.

צווייטנס, אַט־די דיסטריבוציע האָט געמאַכט פּאָפּולער די פאַרנעמער פון די ווילעס. זיי האָבן געוויזן, אַז זיי טוען עס ניט אויס ענגע אייגננוציקע מאָטיוון, נאָר מיינען די טובה פון דער אָרעמשאַפט. זיי צו געבן אַלץ, וואָס זיי נעמען־צו פון די רייכע. אַזוי אַרום האָבן זיך די חברים אַרומגערינגלט מיט אַ סימפּאַטישער סביבה. זיי האָבן געוואונען דעם גוטן ווילן און גוטע צוזאָגונגען פון די איינוואוינער פון דער שכנשאַפט.

2

מאַראַזאָווס הויז

מאַראַזאָוו איז געווען אַ געלט־מאַגנאַט, אַ באַרימטער מאַנופאַקטוריסט, אַן אייגנטימער פון די גרעסטע טעקסטיל־פאַבריקן אין רוסלאַנד.

צווישן דער היפשער צאָל ווילעס, וואָס מיר האָבן פאַרנומען אין דעם

פעריאָד, ווען מיר האָבן דורכגעפירט אונדזער לאָזונג „אומזיסטע דירות פאַרן פאָלק" האָט זיך אויך געפונען מאַראַזאָווס רייך הויז.

דאָס הויז איז געווען שוין גאָרניט קיין פשוט הויז. עס איז געווען מער מוזיי ווי שטוב. אין הויז זיינען געווען באַזונדערע גרויסע ליכטיקע צימערן, וואָס זיינען געווען אָפּגעגעבן צו ספּעציעלע קאָלעקציעס פון קונסט־ווערק, אַזוי אַז זיי האָבן פאַרגעשטעלט מיט זיך אמתע גאַלעריייעס; דאָרט איז געווען איין גאַלעריייע פון זילבער־פיליגראַנען, אַן אַנדערע פון מיניאַטורן פון פראַנצויזישע מייסטערס, אַ דריטע געווידמעט רוסישן איקאָנעס־געמעל און נאָך און נאָך.

די שטוב גופא, דאָס הייסט די קיך, דער גרויסער עס־צימער, די עט־לעכע שלאָפצימערן, זיינען געווען דעקאָרירט און מעבלירט אין באַשטימטע סטילן פון געוויסע פעריאָדן אין דער געשיכטע פון קונסט. אין געסטצימער זיינען געשטאַנען אויף די שטיגן פון אַ צאָל טרעפּלעך גרעטכען און פויסט פון איין זייט און מעפיסטאָ פון דער צווייטער זייט אין האָלץ געשניצט אין פולער שטאַטור, אַ מייסטערווערק פון קאַנענקאָוו, דעם באַרימטן סקולפּטאָר, וואָס איז געווען, אגב, זייער סימפּאַטיש צו אונדז און איז געווען אַ גאָר אָפטער אָריינגייער אין „הויז פון אַנאַרכיע".

ווי שוין געזאָגט, איז דאָס הויז געווען דריי פערטל מוזיי און בלויז איין פערטל וואוינונג. מיר האָבן עס פאַרנומען ניט פאַר אַ דירה פאַר אַ צאָל אַר־בעטער, נאָר דערעיקרשט, כדי מע זאָל זיינע קונסט־אוצרות אין דער מהומה און בהלה־צייט ניט צעשלעפּן. די אַרבעטער, חברים, וואָס מיר האָבן דאָ באַזעצט, האָבן באַדאַרפט זיין מער היטער ווי באַוואוינער. אין דער דאָזיקער גרופּע פון חצי שומרים און חצי לאָקאַטאָרן האָבן מיר איינגעשלאָסן אַ חבר, אַ ייד פון פוילן. די פעברואַר־רעוואָלוציע האָט אים באַפרייט און אומגע־קערט פון סיביר, וואוהין ער איז פאַרשיקט געוואָרן. לויט די צאַרישע משפטים פון 1906־07 איז ער געווען אַ חייב־מיתה, נאָר אַדאַנק זיין מינדעריעריקייט בעתן פראַצעס האָט ער „אָפּגעשניטן נאָך מיט גליק", וואָס איז באַשטאַנען אין יאָרן תפיסה און לעבנלאַנג פאַרשיקט־זיין.

זיין נאָמען קען איך זיך ניט דערמאָנען פשוט דערפאַר, וואָס איך האָב אים ביים נאָמען קיינמאָל ניט גערופן, נייערט ביים צונאָמען „קורטשאַווי", דער געקרייזלטער. ער האָט געהאַט אַ שיינעם קאָפּ געקרייזלטע האָר. ער האָט געאַרבעט אויף דער פאַבריק פון מיכעלסאָן, געווען אַ מעטאַליסט. און כאָטש ער איז געווען אַ טיפּישער פּוילישער ייד מיט דעם פּנים פון אַ קאָצקער חסיד, וואָס איז נאָרוואָס אַרויס פון מקווה און איז זיך מכין מקבל צו זיין אויף זיך עול מלכות שמים, אַזוי פאַרדביקהט איז געווען זיין גאַנצער מהות, און דער־צו האָט ער נאָך גערעדט אַ זייער שלעכטן רוסיש און זיך געקריגט כסדר ניט נאָר מיט דער גראַמאַטיק, נאָר אַפילו מיט דעם פשוטן פירוש־המילות און אַפילו מיט דער פאָנעטיק פון רוסישן לשון איז ער געווען אויף שטעכמע־סערס, ניט קוקנדיק אויף די אַלע חסרונות, איז ער געווען זייער אָנגענומען ביי די אַרבעטער פון דער פאַבריק. זיי האָבן הויך געשעצט זיין בראַווקייט,

אַרנטלעכקייט, פּלייסיקייט אין דער אַרבעט און איבערגעבנקייט צו דער אָק־טאָבער־רעוואָלוציע.

די גרופּע, וואָס האָט זיך ספּעציעל פאַרמירט פאַר מאַראָזאָווס הויז, איז געווען גאַנץ גוט באַוואָפנט מיט רעוואָלווערן און עטלעכע ביקסן. און אָט־דעם „געקרייזלטן" האָבן מיר אָנפאַרטרוט דאָס היטן דאָס הויז פון דרויסנ־דיקע גנבים און אויך פון די שומרים גופא. דער נסיון איז דאָ געווען אַ גרוי־סער, ווי אין יענעם פאַבלהאַפטן תלמודישן גאָרטן מיט די טייערע פּירות, און אויך אויף די שומרים האָט מען געדאַרפט האַלטן אַ וואַכזאַם אויג. און בלויז צום געקרייזלטן האָבן מיר געהאַט פולן צוטרוי. ער איז געשטאַנען יעדע נאַכט, דורך דער גאַנצער נאַכט, אויף דער וואַך אַ באַוואָפנטער און האָט געהיט די קונסט־אוצרות פון אָט־דעם שטוביקן מוזיי.

איינמאָל קום איך אַהין צופאָרן שפּעט אין דער נאַכט, קרוב צו חצות. איך האָב געוואָלט זיך דערקונדיקן, צי די שמירה גייט אָן אָן אַ „פּשיעה", כאָטש אַלע איינדערפרי פלעגט קומען צו מיר דער „געקרייזלטער" און אָפּ־געבן אַ דעטאַליזירטן באַריכט וועגן אַלע פאַרקומענישן, אָבער זען מיט די אויגן איז ניט דאָס אייגענע, וואָס הערן מיט די אויערן.

איך האָב געפונען דעם „געקרייזלטן" און נאָך צוויי אַרבעטער אַרומ־גייענדיק אַרום דעם הויז באַוואָפנטע. זיי זיינען געגאַנגען מיט די ביקסן אין די הענט ווי, להבדיל, יידן מיט די תורות שמחת־תורה צו הקפות.

— וואו זיינען די איבעריקע פון דער גרופּע? — פרעג איך די צוויי אַר־בעטער־שומרים.

— זיי שלאָפן זיך אויס. אין אַ פּאָר שעה שפּעטער וועלן זיי איבערנע־מען די וואַך און מיר וועלן זיך לייגן שלאָפן.

איך בין אַריין שטילערהייט אין הויז, אַדורכגעגאַנגען אַלע דריי שלאָפ־צימערן און די קאָרידאָרן באַזאַכט, ווי אַ פאַרזיכטיקייט־מאָסרעגל, כדי ניט אויפצוּוועקן די שלאָפערס. ערשט קיין זכר און סימן פון זיי האָב איך אינ־ערגעץ ניט געקענט אַנטדעקן. איך האָב זיך ניט געפילט, געוואָרן פאַראינ־טריגירט און אויסגעגאַנגען אַלע צימערן אַהין און צוריק דורכן גאַנצן הויז — קיין דוך פון קיין לעבעדיקן נפש. איך בין דערשטוינט. איך פרעג זיך: וואו קענען זיי זיין?

איך גיי שוין אַרויס אַ פאַרחידושטער און פרעג דעם „קורטשאַוון":

— וואו זיינען די חברים? זיי זיינען דאָך ניט קיין רואה ואינו נראהס! אַזעלכע קונצנמאַכערס, שוואַרצמאַגיקערס, זיינען זיי דאָך ניט!

— זיי שלאָפן.

— וואו שלאָפן זיי אַז צו די בעטן אין אַלע דריי שלאָפצימערן האָט זיך קיינער ניט צוגערירט און אין גאַנצן הויז איז פון זיי קיין סימן ניט פאַראַן?

— וואָס מיינט איר? זיי וועלן שלאָפן אין די בעטן?! איך האָב זיי פאַרגעלייגט, זיי זאָלן זיך אויסבעטן אויפן דיל אין קאָרידאָר, האָבן זיי מיך

פאַרשלאָג אָפּגעוואָרפן. זיי האָבן מורא געהאַט, הפּנים, צו פאַרפּאַטשקען די טעפּיכער.

— איז וואו שלאָפן זיי?

— אויפן בוידעם. דאָרטן פילן זיי זיך ווי אין דער היים, באַקוועם.

די חברים־אַרבעטער האָבן בשום אופן ניט געקענט ביי זיך פועלן זיך לייגן שלאָפן אין יענע עלעגאַנטע בעטן מיט די טייערע צודעקעכצן, טייערע קאָלדרעס און זויבערן בעטגעוואַנט, ניט ווייל זיי האָבן, חלילה, געשאַנעוועט קאַפּיטאַליסטיש האָב און גוטס, נייערט דערפאַר, וואָס זיי האָבן ניט געקענט סובל־זיין דעם לוקסוס. אין יענע בעטן וואָלטן זיי ניט אַנטשלאָפן געוואָרן. זיי וואָלטן זיך געפילט אומהיימלעך. קאַפּיטאַליסטישע „רוחות", קאַשמאַרן וואָלטן זיי באַאומרואיקט.

ווען מע זאָל נעמען אַ רוסישן פּויערל און אים אַריינפירן אין אַ פראַנצויזישן רעסטאָראַן, וואָס איז באַשטימט פאַר אַן עפּיקוריאַנישער קליענטעל, און אים געבן עסן אַט־יענע „אויסגעקליגלטע" געריכטן, וואָס ס'האָבן צוגעגרייט די בעסטע שעפן, וועט ער אין זיי קיין טעם ניט פילן. זיין גומען, דערצויגן אויף קוואַס, באָרשטש, קאַרטאָפל און קאַשע, וועט קיין הנאה ניט האָבן פון יענע דעליקאַטעסן.

דאָס אייגענע בנוגע מלבושים. טוט אָן אַן אָרימען פּויערל, וואָס איז כמעט אָרגאַניש צענויפגעוואַקסן געוואָרן מיט זיין קאָזשוך און ליאַפּטעס, אַ טאָקסידאָ אָדער אַן אַנדער מאָדישן פראַנטישן אנצוג, און גיט אים נאָך דערצו אַ פּאָר זאָקן, לאַקירטע קאַמאַשן — און ער וועט זיך פילן אין זיי ווי אַ געפּענטעטער.

דעם גאַנצן וועג, פאָרנדיק צוריק אין שפּיטאָל, און די גאַנצע נאַכט, ליגנדיק אין בעט אין שפּיטאָל, האָב איך אַלץ געטראַכט וועגן זייער שלאָפן אויפן בוידעם, בעת צו זייער דיספּאָזיציע זיינען געשטאַנען רייכע שלאָפצימערן, פיינע בעטן מיט ווייכע קישנס, גוטע מאַטראַצן און קאָלדרעס.

אַט־די טשיקאַווע האַנדלונג זייערע האָט געפאָדערט אַ דערקלערונג.

נאָך לאַנגן טראַכטן און איבערטראַכטן אין משך פון עטלעכע טעג האָבן זיך מיינע רעיונות אויסגעקריסטאַליזירט בערך אין אַט־דער פאָרם:

סיי מאַרקס און סיי אַנדערע פּאָליטאַ־עקאָנאָמיסטן האָבן אינגאַנצן פאַרקוקט די אומגעהויער וויכטיקע ראָלע, וואָס די העכערע קלאַסן שפּילן אין דער קולטיווירונג פון די באַדערפעניש און אין דער אויסאַרבעטונג פון די מעטאָדן פון זייער באַפרידיקונג. אַן איניציאַטיווער קלאַס, וואָס איז אַנפירעריש אין פּראָדוקציע, מוז אויך פירן אין קאָנסומציע, הגם די פאָרמען פון פירערשאַפט זיינען פאַרשיידן אין אַט־די צוויי תחומים. די מאָדיפיקאַציע ווערט דיקטירט פון דעם עצם כאַראַקטער פון אַט־די צוויי העמיספערן פון דעם עקאָנאָמישן גלאָבוס.

פּראָגרעס שיקט פאָרויס אַ וואוקס פון הצטרכותן ביי די מאַסן. אונדזערע באַדערפענישן האָבן זייער אויסקוועלונג אין דער נאַטור, אין דער פיזיאָלאָגיע; זייער ווייטערדיקע אַנטוויקלונג, אָבער, איז שוין אַן ענין פאַר דער

סאָציאָלאָגישער נאַטור. זיי ווערן דערוועקט, דערמוטיקט און אונטערגעטריבן פון אימיטאַציע. באַדערפעניש באַוועגן זיך אומגעפער ווי מאַרשירנדיקע קאָלאָנעס. זיי האָבן אַ חלוץ און אַ מאסף, אַן אוואַנגאַרד און אַן אַריערגאַרד. אַן איניציאַטיווע מינדערהייט, אַ קליינער מיעוט, שפּילט די ראָלע פון דעם פירער, פון דעם אינאָוואַטאָר, דעם אויפטוער און איינפירער פון נייסן, פון נייע נוסחאות, סטילן, מאָדעס, שטייגערס, פאַסאָנען. די עובדה פון אַט־דער מינדערהייט באַשטייט אין דעם, וואָס זי רופט אַרויס קנאה, גלוסטעניש, אַ הונגער פאַר מותרות, אַ פאַרלאַנג פאַר לוקסוס־זאַכן. מחמת כמעט די גאַנצע טאָטאַליטעט פון אונדזער מאַטעריעלער ציוויליזאַציע קען באַטראַכט ווערן ווי אַ לוקסוס־זאַך, וואָס איז געוואָרן אין משך פון אַ לאַנגער צייט, אַדאַנק די פליסונגען פון דער פּיאָנערן־גרופּע, אַ נויטווענדיקייט, אַן אָנגענומענער סטאַנדאַרט פון לעבן. מהאי טעמא וואָלט דאָס געוואָלדעווען און פאָדערן גלייכהייט פאַר דער באַדערפעניש געדאַרפט פאַררעכנט ווערן פאַר עפּעס, וואָס קאָנפליקטירט מיט דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט, מחמת דער ציבור באַוועגט זיך קיינמאָל ניט פאָרויס מיט זיין רוב מנין, מיט דעם גאַנצן מאַסאַוון עולם, נייערט בלויז מיט קליינע אויסגעצייכנטע אָפּטיילונגען.

מאַרקס שרייבט: „צו אַנטדעקן די פאַרשיידנאַרטיקע געברויכונגען פון זאַכן איז אַן אַרבעט פאַר דער געשיכטע" (קאַרל מאַרקס, „קאַפּיטאַל", באַנד איינס, ז. 42 ענגלישע אויסגאַבע). די געשיכטע ווערט אָבער געמאַכט פון מענטשן. אַזוי אַז די געברויך־אַנטדעקונגען ווערן געמאַכט פון מענטשלעכע וועזנס. אַט־די אַנטדעקונגען פאָדערן אַנשטרענג אויך דעמאָלט, ווען, לפנים, ווערן זיי אויסגעפונען אַדאַנק אַ גליקלעכן צופאַל. ספּאָנטאַנע פאַרשונגס־אַרבעט, וואָס ווערט מאָטיווירט פון אַ נאָרמאַלער, טיפּאיינגעוואָרצלטער קוריאָזיטעט, גייט אַן פון קדמונים־אָן, פון אומגעדענקלעכע צייטן. לכן איז דער געברויך־ווערט אַלס אַזעלכער אַ פּראָדוקט פון פליס, אַ קינד פון מי.

מיט געברויך־ווערטן מוז מען, ראשית, עקספּערימענטירן. מע מוז זיי אויספּרובירן. די ערשטע געברויכערס־פּאַרזוכערס, די פּיאָנערן, ריזיקירן, מחמת זיי ווייסן ניט גענוי די רעזולטאַטן, וועלכע זיי קענען דערוואַרטן, די עקזאַקטע קאָנסעקווענצן, וואָס וועלן זיך באַקומען פון די אומאויסגעפאָרשטע קאָנסומציע־אַקטן. מיט איין וואָרט, געברויך־ווערטן ווערן פּראָדוצירט אַפילו דעמאָלט, ווען די פּראָדוקטן, וואָס אַנטהאַלטן אין זיך אַט־די געברויך־ווערטן, ווערן געפונען פאַרטיקע. מחמת די נוצלעכקייט פון די געברויך־ווערטן, די קעגנווערטיקע אַדאַפּטאַביליטעט, וואָס עקזיסטירט צווישן זיי און דעם מענטשלעכן אָרגאַניזם, מענטשלעכע באַדערפענישן, מוז אויסגעפונען ווערן אויף זיכער און ווערן גוט עטאַבלירט. אַט־די עקספּערימענט־אַרבעטן, אַזוי גוט ווי ענלעכע טואונגען, זיינען ניט און קענען ניט זיין, לויט זייער כאַראַקטער אַלס אויספּרוביר־פּלאַן, לאַבאָראַטאָרישע אויספאָרש־אונטערנעמונגען, — אַן ענין פאַר די ברייטע מאַסן.

יעדע אַנטדעקונג שיקט פאָרויס אַן אַנטדעקער אָדער אַ גרופּע אַנטדע־

קערס. אמאָל ווייסט מען יאָ זייערע נעמען; ס׳רוב בלייבן זיי אַנאָנים. אַזוי אַז די רידל־אַרבעט פון דער אַנטדעקונג און עטאַבלירונג פון גענברויכאַרטיקייט, גענברויכווערטפולקייט פון געוויסע פּראָדוקטן, כאָטש דאָס ווערט אויבן־אויפיק דורכגעפירט פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, ווערט זי, אָבער, באמת דורכגעזעצט פון אַ באַשטימטער פאַרגעשריטענער גרופּע, פון אַוואַנגאַרד, וואָס גייט פאָרויס און פירט הינטער זיך די גאַנצע אַרמיי פון גענברויכערס, וואָס פאָלגן נאָך, מער אָדער ווייניקער זיכער, מיט אַ מינימאַלער אויסגעזעצטקייט צו אומדערוואַרטע אומאַנגענעמלעכקייטן.

גענברויך־ווערטן טראָגן אויף זיך אומאָפּמעקבאַרע סימנים פון קלאַסן־צעטיילונג. זיי באַווייזן שפּורן פון סאָציאַלאָגישער קאָנסומירערישער פירער־שאַפט. דערפאַר זיינען זאַכן ניט גלאַט אַזוי נוצלעך, נייערט גענברויך־ווערט־פול, מחמת אַן עלעמענט פון ווערט, אַן עוואַלואַציע־עלעמענט איז פאַרבונדן מיט זייער ניצלעכקייט און גענברויכלעכקייט.

דער הערשנדיקער קלאַס איז געווען פאַרנומען דורך געבן דירעקט קאָנקרעטע ביישפּילן אין הייבן די נאָכפראַגע פאַר מאַטעריעלע גיטער. איצט טוט ער עס אומדירעקט, דורך דער פאַרמיטלונג פון צייטונגס־אַנאָנסן, פאַרקויף־קאַמפּאַניעס, פרייז צעטיילונג פון פּראָבע־עקזעמפּלאַרן, א.א.וו.

אונדזערע מאַטעריעלע באַדערפענישן ווערן געשטאַלטיקט, אויב ניט געשאַפן, פון די מאַנופאַקטוריסטן פון כל המינים מאַטעריעלע פּראָדוקטן, סחורות. אונדזערע גייסטיקע הצטרכותן ווערן קולטיווירט פון קינסטלערס, וויסנשאַפטלערס און עסטעטן, פיינשמעקערס. זיי אַרבעטן אין דער נאָענטסטער קאָאָפּעראַציע מיט דעם עקאָנאָמיש־ און פּאָליטיש־הערשנדיקן קלאַס. די געשמאַק־באַאַרבעטונג איז איינע פון די פונקציעס פון דער איניציאַטיווער עליטע. זיי זיינען פאַרנומען מיט מאָדעל־מאַכונג, מאָדעל־געברויכונג און ביישפּיל־ און מוסטער־געבונג. זיי ווירקן אויף די נידעריקע שיכטן דורך דעם, וואָס זיי וועקן און רייצן זייערע פאַרשלאָפענע אַפּעטיטן, פון איין זייט, און פאַרהאַלטן און צוימען איין די דאָזיקע צערייצטע, צעיאָגטע גלוסטעענישן, פון דער אַנדער זייט. זיי באַוועגן די מאַסן. זיי רודערן זיי אויף. זיי אירריטירן זיי און צו דער אייגענער צייט האַלטן זיי זיי אין אַ צושטאַנד פון וואַכזאַמקייט, אומצופרידנקייט, נערוועזיטעט, אויפגעשרויפטקייט, קנאה־פולקייט, גיריקייט און גייציקייט. אויף אַזאַ שטייגער ווערן די מאַסן געטריבן פאָרויס און בשעת מעשה צוריקגעהאַלטן. די העכערע קלאַסן האַלטן די נידעריקע שיכטן אין אַזאַ צושטאַנד: זיי איבערקאָנסומירן במחשבה, אין זייערע פאַרלאַנגען און באַשטרעבונגען, און אונטערקאָנסומירן, פאַרגלייכענישמעסיק, אין דער ווירקלעכקייט. אַזוי אַז אַן עודף ווערט כסדר אַקומולירט, אונטער נאָרמאַלע באַדינגונגען פון אַנטוויקלונג.

ווען מ׳וואָלט די מאַסן לאָזן פריי, וואָלטן זיי קיינמאָל ניט טאָן ניט דאָס איינע און ניט דאָס צווייטע, ד. ה. זיי וואָלטן קיינמאָל ניט אַנטוויקלען זייערע פאַרלאַנגען און וועלערס מיט אַזאַ שנעלן טעמפּאָ; און פון דער צווייטער זייט וואָלטן זיי קיינמאָל ניט זיין בכוח זיך צו באַהערשן, באַגעוועלטיקן

זייער יצר־הרע, זיך איינהאַלטן און ניט פאַרצערן דעם גאַנצן נאַציאָנאַלן רייכ־טום. איך מיין ניט צו זאָגן, אַז די העכערע קלאַסן באַזיצן אַ שטאַרקערע ווילנסקראַפט און קענען זיך בעסער קאָנטראָלירן. דאָס איז שוין גאָר און גאָר לאַו־דווקא. ריכטיקער איז פאַרקערט. אָבער זיי, די „אויסדערוויילטע", זיינען דאָך אַ מינדערהייט. זיי לאָזן זיך טאַקע וואוילגיין, זיינען אויסברענגעריש. זיי זיינען אָבער אויסגערעכנט און קאַרג אויף יענעמס חשבון. זיי זיינען זייער איינגעהאַלטן און שפּאָרזאַם אויפן חשבון פון די מאַסן. זייער אייגענע צע־לאָזנקייט, אויסברענגעריי, פאַרשווענדערישקייט, עקסטראַוואַגאַנץ איז ניט אַזוי שעדלעך מחמת דעם, וואָס זיי, די אויסברענגערס, הולטאַיעס, בעלי־תאוות, זיינען קליין אין צאָל. נאָך מער, וואָס צייטנווייז מאַכן זיי זיך מיט דעם אַפילו געזעלשאַפטלעך נוצלעך. זיי דערפילן די ראָלע פון געשמאַק־רייצערס, גלוסטעניש־וועקערס.

געברויך איז ניט קיין ספּעציאַליטעט, וואָס איז שייך זיין ברייטע באַזע, ער ווערט, אָבער, כמעט אַ באַרוף, אַ מומחהשאַפט, אַן עפּיקורייאישע דיס־ציפּלין, ווען ער דערהויבט זיך צו געשמאַק־קולטיווירונג, סיבאַריטיזם. עס פאַרשטייט זיך, אַז אַט־די הויכן ווערן פאַרדעם דעראָבערט, כדי דערנאָך אַפּצוגעבן, מחמת לוקסוס־זאַכן ווערן מיט דער צייט נויטווענדיקייטן.

אַ הערשנדיקער קלאַס פאַרנעמט אַ ספּעציעלע פּאָזיציע אין פּראָדוקציע און קאָנסומציע. אין פּראָדוקציע שפּילט ער זיין ראָלע אינדירעקט, אין קאָנ־סומציע — תמיד דירעקט. און גרויסע געפאַרן לויערן, דעריבער, אויף די הויכע קלאַסן. זיי זיינען אויסגעזעצט צו דער סכנה פון דעגענעראַציע. זיי טרעטן אויף אַ וואולקאַנישן באָדן. פוילע לאַפּאַרגס שפּאַס דאַרף מען איבער־קערן: עס איז ניט דער קאַפּיטאַליסט, וואָס קויפט דעם מאַגן פון דעם אַר־בעטער, נייערט ער איז דער, וואָס „פאַרקויפט" זיין מאַגן צום ברייטן עולם, צו די געברויכערס און פאַר דעם געלט, וואָס ער קריגט, אַזוי צו זאָגן, אין קאָמפּענסאַציע, צאָלט ער מיט זיין געזונט, כוח און ענערגיע. הערשנדיקע קלאַסן ווערן שנעל אָפּגענוצט, דעטעריאָרירן מיט איילעניש, געקוקט פון אַ היסטאָרישער פּערספּעקטיוו.

רוסאָ רופט זיך אומצוקערן צו דער נאַטור, טאָלסטאָיס אַרגומענט לטובת „פאַרפּשוטונג", פאַראיינפאַכונג פון לעבנסשטייגער, זיינען ניט מער ווי וואָ־רענונגען פון סאָציאַ־מעדיצינערס. זיי האָבן דערזען די אויסגעבורט פון לייב, דעם אויסרין פון קוראַזש, דעם אַראָפּזינק אין די מענלעכע טוגנטן, אין בראַוו־קייט, אויסהאַלט, געדולד, וואָס ווערן רעגיסטרירט אין די העכערע שיכטן פון דער געזעלשאַפט. דאָס פאַרהאַרטעוועט זיך, זיך צערן, א.א.וו., אַט די אַלע פּראַקטיקעס ווערן איינגעפירט מיט איין כוונה: צו זען אויפהויבן דעם געזונט־ניוואָ און שטאַרקייט־סטאַנדאַרט צווישן די „פאַרצויגענע", צעלאָזענע, שלאַבערדיקע קינדער פון די פירנדיקע קלאַסן. — — —

אַזוי אַז דאָס שלאָפן אויפן בוידעם און ווייכן פון די ווייכע בעטן איז דיקטירט געוואָרן פון אַן אינסטינקט, פון אַן איינגעבוירענעם פּחד פאַר־

מותרות, וואָס שוואַכן אָפּ סיי דעם גוף און סיי די נשמה און פירן צו אַ צעווייכונג און צעשלאַבערונג.

VIII

די טעגלעכע צייטונג — „אַנאַרכיע"

אָרגאַן פון דער מאָסקווער פעדעראַציע פון אַנאַרכיסטישע גרופּן.

1

אַ פּאָר איינלייטנדיקע ווערטער

די צייטונג האָט זיך פּאָר דער קורצער צייט פון איר עקזיסטענץ דער־וואָרבן אַ טיראַזש, וואָס האָט פלוקטואירט צווישן 50 און 75 טויזנט. זי איז געווען פּאָפּולער צווישן די אַרבעטער. זי האָט אויסגענומען ביים ראַדיקאַל־אַרבעטאַרישן עולם אין מאָסקווע און אויך אין דער פּראָווינץ. איר לייענער־פּובליקום האָט נומעראַליש איבערגעשטיגן די צאָל לייענער וואָס די „פּראַוו־דאַ", דער אָרגאַן פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, האָט פּאַרמאָגט אין יענער צייט. דאָס מיינט 1918, אין די חדשים מערץ־יוני.

איר פּאַרמאָט איז געווען אַ גרויסער. אַלע, וואָס האָבן זיך מתעסק גע־ווען אַרום איר: די זעצערס, דרוקערס, עקספּעדיטאָרן און אויך שרייבער־מיטאַרבעטער, האָבן געקראָגן באַצאָלט. זי איז אויסגעהאַלטן געוואָרן פי־נאַנציעל פון די לייענער. זי האָט אָבער אויך געקראָגן, פון צייט צו צייט, שטיצע אין דער פאָרם פון ביישטייערונגען פון די גרופּן, וואָס האָבן צוזאַ־מענגעשטעלט די „פעדעראַציע".

כדי זיך צו שאַפן אַ באַגריף וועגן דער צייטונג איז, פאַרשטייט זיך, דאָס בעסטע זי צו לייענען. לכן גיי איך געבן, אין איבערזעצונג פון רוסיש, אַ צאָל לייטאַרטיקלען ווי אויך מיינע אַרטיקלען, וואָס איך האָב אין איר פאַרעפנטלעכט.

אין די אַרטיקלען שפּיגלען זיך אָפּ אויף אַ געוויסן אופן אונדזערע אַק־טיוויטעטן, ווי אויך אונדזער באַציאונג צו דער באָלשעוויסטישער פּאָליטיק און אויך, טיילווייז, זייערע האַנדלונגען אין שייכות צו אונדז.

2

רעוואָלוציע ווי אַ שעפערישער פּראָצעס

רעוואָלוציע איז אַ סטיכישער פּראָצעס. „מע מאַכט" זי ניט, זי ווערט געבוירן. אַ רעוואָלוציע איז אַ נאַטירלעכע, אימאַנענטע דערשיינונג פון גע־זעלשאַפטלעכן לעבן.

אַ רעוואָלוציע איז אומבאַוואוסטזיניק. נאָר מיר באַמיען זיך אַריינצו־טראָגן אין אָט־דעם אומבאַוואוסטזיניקן פּראָצעס, וואָס שפּרודלט אַרויף פון די סאַמע טיפענישן פון שטייגער־לעבן, עלעהיי אַ קוואַל, באַוואוסטזיניקע עלעמענטן, האַנדלונגען. דער אונטערגרונט פון אַ רעוואָלוציע ליגט טיפער, איז פונדאַמענטאַלער פון באַוואוסטזיין; בלויז די אויסהעפּטונגען אויפן גרונטפאָן זיינען מער אָדער ווייניקער באַוואוסטזיניקע אַקטן, דעסטוועגן געצייכנט פון קאָלעקטיוון פאַרשטאַנד.

א ר ע וו אָ ל ו צ י ע א י ז ס אָ צ י אַ ל ע ש ע פ ע ר י ש ק י י ט.

די וועגן פון שעפערישקייט זיינען אומאויספאָרשבאַר און פאַרהוילן זייער־נען די דרכים פון אַ רעוואָלוציע.

זי אַנטוויקלט זיך לויט אירע, פון איר אַליין געשאַפענע, געזעצן.

אַלע אָנווייזונגען, אַז זי „זינדיקט״, צעשטערט, פאַרדאַרבט, צעטרייסלט, זיינען, אין בעסטן פאַל, לעכערלעך, אין געוויינטלעכן פאַל, איגנאָראַנטיש.

אַ רעוואָלוציע ווי אַן אַקט פון שעפערישקייט איז אַן אָפּנויג פון דער נאָרמע, פון דעם קאָנווענציאָנעלן, פון דעם אָנגענומענעם, שטייגערישן.

יעדן אָפּנויג קען מען באַהאַנדלען אויף צוויי אופנים: ווי אַ טעות, וואָס שטייט נידעריקער פון דעם ניוואָ פון דעם איינגעשטעלטן, אָדער ווי אַ נייע נאָרמע, אַ נייע רעגל, וואָס שטייט העכער פון דעם איינגעפירטן און גייט ערשט דינען ווי אַ ביישפּיל פאַר דער צוקונפט, ווי אַן אָנפאַנג פון אַ נייעם איינשטעל, ווי אַ שעפערישער צענטער, פון וואַנעט עס גייען זיך פאַנאַנדער ראַדיוסן אין אַלע זייטן פון לעבן און אויפפיר.

די געשיכטע פון ציוויליזאַציע באַשטייט פון צוויי עלעמענטן: אימיטאַציע און קרעאַטיוויקייט.

דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן, דער נאָרמירטער אויפפיר און סדר פון געזעלשאַפטלעכקייט, ווערט איינגעשטעלט שאַפנדיק — אין אַ רעוואָלוציאָנערן פעריאָד, און נאָכמאַכנדיק — אין דעם פאָסט־רעוואָלוציאָנערן פעריאָד.

יעדע שאַפונג אַנטהאַלט אין זיך אַן עלעמענט פון דעם אומדערוואַרטן, סורפּריזישן, נייעם.

שעפערישקייט איז אַ „נייע אַסאָציאַציע״. אַ רעוואָלוציע, וואָס מער רעוואָלוציאָנעריש זי איז, אַלץ שעפערישער איז זי, אַלץ מער אומדערוואַרטעניש ברענגט זי אַריין, און וואָס מער, אַלץ בעסער. נעבעכדיק און לעכערלעך זיינען די, וואָס וואַרטשען ווי אַלטע תרחס אויף דער רעוואָלוציע; וואָס קלאָגן זיך, אַז זי פירט זיך אויף געביטעריש, ניט רעכענענדיק זיך מיט זייערע פעסטגעשטעלטע געזעצן.

אָט־די נאַאיווע טעאָרעטיקער קנעלן מיט דער רעוואָלוציע, אָנשטאָט זיך צו לערנען ביי איר. וואָרעם קיינער איז ניט קליגער, קיינער איז קיין גרע־סערער לעבנס־חכם ווי אַ רעוואָלוציע.

ווער איז דער שעפער פון אַ רעוואָלוציע?
דאָס פאָלק גופא. עס שאַפט זי אוממיטלבאַר.
אַזוי שאַפט דאָס פאָלק זיינע אייביקע, גרויסע ווערטן.

אַזוי שאַפט עס זיינע מנהגים, שטייגערס; אַזוי שאַפט עס זיין מוזיק, זיין מאַלעריי; אַזוי שאַפט עס זיין לשון.

דאָס גאַנצע פאָלק, די נידעריקסטע שיכטן, באַטייליקן זיך אין לשון־שאַפונג. זיי שאַפן עס אומבאַוואוסטזיניק, און דאָס איז דער העכסטער שטאַפּל פון שעפערישקייט. קיין קאָנגרעסן פון געלערנטע לינגוויסטן־פילאָ־לאָגן קענען ניט באַשאַפן אַ לעבעדיקע, אַ רייכע, אַ פּילגראַנירטע, אַ ברייטע, ווי דער ים און אַ טיפע ווי דאָס געוויסן, — שפּראַך. זי צו באַשאַפן איז בכוח בלויז דאָס פאָלק.

דאָס אייגענע איז ריכטיק בנוגע דער געזעלשאַפט, בנוגע סאָציאַלער בוימייסטעריי. אַ רעוואָלוציע קען שאַפן און דאַרף שאַפן דאָס פאָלק אומ־מיטלבאַר, באַטייליקנדיק זיך אין איר דירעקט, אָבער בשום אופן ניט דורך דער פאַרמיטלונג פון דעפּוטאַטן, דעלעגאַטן, פירער, פאַרשטייער, מזלדיקע אָדער שלימזלדיקע פּאָליטיקאַנער, קלוגע אָדער נאַרישע פּאָליטיק־טרייבערס.

דאָס פאָלק שאַפט די רעוואָלוציע און וועט זי שאַפן, אָבער ניט די צו־זאַמענפאָרענישן פון די פּאָליטיקער און פאַרטיי־סטריאַפּטשעס.

אנדערקענענדיק אָט־דעם אמת, קענען מיר זיך ניט פאַרהאַלטן אַנדערש ווי בלויז מיט גרינגשעצונג צו די אַלע צוזאַמענקומענישן פון די פאַרשיידענע פּאַרטייען אָדער אפילו פון די סאָוויעטן.

דעריבער קוקן מיר פּעסימיסטיש, אין פּשט פון אָפּשאַצונג, באַשטימונג פון זיין רעוואָלוציאָנערער אָדער קאָנטררעוואָלוציאָנערער ווערטפולקייט, אויף דעם איצטיקן צוזאַמענפאָר.

דאָס רעוואָלוציאָנערע פאָלק טוט רעוואָלוציאָנערע אַרבעט, און די צו־זאַמענפאָרן ריידן.

דאָס רעוואָלוציאָנערע פאָלק וועט זאָגן זיין וואָרט און דער צוזאַמענ־פאָר וועט בלייבן ביים ריידן.

(„אַנאַרכיע", דעם 16טן מערץ, 1918)

3

צום פערטן צוזאַמענפאָר פון די סאָוויעטן

דער צוזאַמענפאָר איז צענויפגערופן, כדי צו לייזן אַ קאַרדינאַלע פראַגע פון דרויסנדיקער פּאָליטיק [דער שלום־אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד, וואָס איז אונטערגעשריבן געוואָרן דעם 3טן מערץ 1918], וואָס איז אָרגאַניש צענויפ־געקניפּט מיט דער אינעווייניקסטער פּאָליטיק. די פראַגע וועגן דער מלחמה איז אומאָפּרייסבאַר פאַרבונדן מיט דער פראַגע וועגן דער רעוואָלוציע. די פראַגע איז אַן עיקרדיקע, פון ערשטער וויכטיקייט.

די פאָלקס־קאָמיסאַרן, אָט־די בראַווע לייט, וואָס רעכענען זיך ניט אין זייערע דעקרעטן און צוואַנג־באַשלוסן ניט מיט די „בורזשואַזע פאַראורטיילן" און ניט מיט די אַנאַרכיסטישע „פאַנטאַזיעס", אויך זיי האָבן זיך דערשראָקן

פאַר דער ריזיקע און אימה פון לייזן אַזאַ קאַרדינאַלע פראַגע; זיי האָבן מורא געהאַט אַוועקצושטעלן דאָס פאָלק פאַר אַ „דורכגעזעצטן פאַקט" און זיי האָבן צוזאַמענגערופן אַן אויסעראָרדנטלעכן צוזאַמענפאָר, כדי קלאָר צו מאַכן די פּאָזיציעס, וואָס די סאָוויעטן „אויף די ערטער", ד. ה. אין דער פּראָווינץ, פאַרנעמען.

מע וויל דערהערן די שטים פון פאָלק, און אין איינקלאַנג מיט איר אָנגעמען דעם אָדער יענעם באַשלוס. אַזוי איז עס פאָרמאַל, טעאָרעטיש גענומען. אין דערווירקלעכקייט איז עס פונקט פאַרקערט. די פראַגע איז שוין אַ געלייזטע פון די גדולים אין די „היכּלע פענצטער".

וואָרעם ווער וועט עס וואַגן אַנטקעגנרייידן לענינען!

און דער גאַנצער צוזאַמענפאָר ווערט צונויפגערופן בלויז פאַר דעם, כדי פון אויבן, מיט דער הילף פון קאָנקנדיקע פראַזן וועגן דער שעדלעכקייט פון דער „רעוואָלוציאָנערער פראַזע", דורך דער פאַרמיטלונג פון היפּש ביליקע, דורכזיכטיקע סאָפיזמען און פאַרטאַטשנע געדאַנקען־בויעכצן ווי „אַטעם־אָפּכאַפּ" וכדומה, אַרויפצוצווינגען דעם אייגענעם ווילן, די אייגענע מיינונג אויפן צוזאַמענפאָר, ד. ה. אויף די פּראָווינציעלע סאָוויעטן, און דערנאָך אַרויסגעבן דעמדאָזיקן איבערגעוואַלט־אַרויפגעלאָדענעם ווילן ווי דעם פרייען ווילן און באַוואוסטזיין פון פאָלק, כדי צוצודעקן דעם ווילן פון די „אויבנשטייענדיקע", פון די פּאַרטיי־פירערס מיט אַן אויסגעדוכטן צושטים פון פאָלק. זיי ווילן שאַפן אַן אילוזיע, מיט דער הילף פון פּאַרלאַמענטאַרישע „געננג", וואָס זיינען מער אָדער ווייניקער אויסגעפּרובירט און זיינען באַקאַנט אַלע איינגעווייטע און איינגעאיבטע פּאַרטיי־טוערס, — אַ פּיקציע פון דער אויסערונג פון אַ פרייען קלאַסן־פאַרשטאַנד.

מיר ווייסן פון אָפּטישע אָפּנאַררייען. מיר ווייסן אויך פון געהער־אָפּנאַררייען; עס קלינגט קלאַמפּערשט אין די אויערן, כאָטש עס איז שטיל אַרום. שטימען לאָזן זיך יאַקבי הערן.

אָפּטישע אָפּנאַררייען ווייזט מען, אויף בילעטן, אין פאַרשיידענע אָפּטישע זאַלן, אין „קונסט־קאַמערן" און אַפילו אין די גאַסן און סקווערן.

אונדז, אַנאַרכיסטן, זיינען באַקאַנט אויך ווילן־אָפּנאַרעגישן. זיי באַווייזט מען, שוין אַ קיימא־לן פון עטלעכע יאָרהונדערטער אין פאַרשיידענע פּאַרלאַמענטן, אויף קאָנגרעסן און צוזאַמענפאָרן. זיי ווערן באַוויזן פון ספּעציאַליסטן פאָקוסניקעס, וואָס הייסן פּראָפעסיאָנעלע פּאָליטיקער, דורכגעטריבענע „יאַטן".

מע פאַלסיפיצירט, שפּיגלט אָפּ פאַלש, דעם ווילן פון פאָלק. די געשיכטע פון ס׳רוב פּאַרלאַמענט־באַשלוסן זאָגט עדות וועגן דעם. זייערע באַשלוסן האָבן קיינמאָל זיך ניט געפונען אין הסכם מיט דעם ווילן פון דער מערהייט פון פאָלק.

און אַ צוזאַמענפאָר פון די סאָוויעטן איז דאָך אַ קורצטערמיניקער פּאַרלאַמענט, וואָס ווערט צונויפגערופן פאַר עטלעכע זיצונגען, כדי אָנצונעמען אַ באַשלוס אָדער עטלעכע באַשלוסן.

אַ צוזאַמענפאַר פון די סאָוויעטן, — װעלן אונדז זאָגן די חברים, װאָס קומען פון רעכטס, — איז אַן אַרבעטער־פּאַרלאַמענט, אַ קלאַסן־פּאַרלאַמענט.
איז עס טאַקע אַזוי?

אמת, אויפן צוזאַמענפאַר זײַנען ניט פאַרטראַטן די לײַדיקגײערישע, די שטענדיק־„אַרבעטלאָזע" קלאַסן, די קאַפּיטאַליסטן און די פּריצים. און אויך אַפילו דער מיטלקלאַס פון סוחרים אין ניט אַגװעזנדיק, װאָרעם זיי זײַנען דאָך ניט פאַרטראַטן אין די סאָװיעטן, װאָס זײַנען סאָװיעטן פון די אַרבע־טער־ און פויערים־מאַסן.

אָבער פון דעם אַליין, װאָס דאָרטן זײַנען ניט פאַראַן קיין בורזשויען, פאָלגט נאָך ניט, אַז דער צוזאַמענפאַר איז אַן אַרבעטער־קלאַס־פּאַרלאַמענט, אַז ער איז, לויט זײַן צוזאַמענשטעל, בכוח אַרויסצואװײַזן אַ קלאַסן־װילן און באַװאוסטזײַן.

די זאַך איז די: אויך די סאָװיעטן זײַנען ניט ריין פון זינד אין אָט־דער היגזיכט. די סאָװיעטן זײַנען ניט קיין אַרבעטער־קלאַס־אַנשטאַלט, נייערט אַ פּאַרטיי־אײַנריכטונג. דאָרטן זײַנען פאַרטראַטן ניט קיין אַרבעטער, נייערט פּאַרטייען. און דאָס איז ניט דאָס אייגענע. אַ פּאַרטיי קען ניט פאַרבייטן אָדער צודעקן אַ קלאַס.

אין די סאָוויעטן שפּילן די ערשטע פידל ניט די אַרבעטער, נייערט די פּאַרטיי־טוערס, פּאַרטיי־מאַכערס. אַ סאָװיעט איז אייגנטלעך אַ סאָװיעט פון אַרבעט־פּאַרטיי־דעלעגאַטן.

אָט־דער דעפעקט אין דער סטרוקטור פון די סאָװיעטן דערקלערט די דאַזיקע, פון ערשטן בליק, מאָדנע דערשײַנונג, װאָס די סאָװיעטן זײַנען צײַטנװײַז געװען סאָװיעטן פון דעפּוטאַטן, װאָס זײַנען געװען קעגנער פון די אַרבעטער, זיי זײַנען אָפּט געגאַנגען, — אונדז איז עס גאַנץ פאַרשטענד־לעך, — להיפך צו די שטימונגען און באַשטרעבונגען פון די קעמפערישע רעװאָלוציאָנערע אַרבעטער־מאַסן.

דעריבער קען מען דעם צוזאַמענפאַר פון די סאָװיעטן בשום אופן ניט פאַררעכענען פאַר אַ ריינעם אַרבעטער־קלאַס־פּאַרלאַמענט, ניט קוקנדיק אויף דעם, װאָס אויך צו די פּראָפּעסיאָנעלע פאַראײַנען װערט געגעבן אַ צאָל פּלע־צער. מחמת מיט אָט־דעם אַקט װיל מען פאַרמאַסקירן, צוגלעטן זײַן פּאַרטיי־אישן כאַראַקטער, װאָס רײַסט שוין צופיל אויף די אויגן.

די באַשלוסן פון צוזאַמענפאַר, לכן, קען מען ניט אָננעמען פאַר באַ־שלוסן, אָנגענומענע פון אַרבעטער־קלאַס, נייערט בלויז פון אַ פּאַרטיי. צי דאָס איז איין פּאַרטיי אָדער צװיי פּאַרטייען, דאָס ענדערט ניט דעם מהות פון דער זאַך.

אויסער דעם: אַ פּאַרלאַמענט, אַ צוזאַמענפאַר און ענלעכע אַנשטאַלטן זײַנען כשרע קינדער פון ליגנערישן, פון פאַלשן, מיר װאָלטן זאָגן פון פאַר־ברעכערישן דעמאָקראַטיזם. זיי אַנטשפּרעכן ניט דער פּסיכאָלאָגיע פון די ברייטע פאָלקסמאַסן.

אַ פאָלקסמענטש קען אַרויסברענגען זײַן געדאַנק, באַגרינדן זײַן מיי־

נונג אמאל גאנץ לאגיש, קלוג, שארפזיניק, אבער דאס בלויז אין אן ענגן קרייז, ביי א שטארק באגרעניצטער צאל דערביייזייאיקע. אין זיין אייגענער היימלעכער אומגעבונג אויסערט ער זיך און איז אימשטאנד צו „באשטיין זיין שטעטל", באשיצן זיין פאזיציע.

נעמען אבער א פאלקסמענטשן און אים אוועקשטעלן אין מיטן פון א טויזנטקעפיקער פארזאמלונג, ווי א פארלאמענט, א צוזאמענפאר און דאס גלייכן, — מיינט צונעמען פון אים אי זיין ווילן, אי זיין געדאנק און אי זיין לשון.

יא, א פאלקסמענטש קען ריידן פריוואט, ער קען זיך אויסערן דורך דער פארמיטלונג פון זיין רייד־שפראך. ריידן אבער פאר אן עולם איז ניט א פע־איקייט, א געשאנק, וואס יעדער איינפאכער שטערבלעכער באזיצט. עס איז א באזונדער קונסט, וואס ניט יעדער פאלקסמענטש קען באהערשן.

אלס צוגאב, — די אלע פארזאמלונגען זיינען ארומגעצוימט מיט באזונדערע רעגלאמענטן, און כדי צו קענען זיך פאנאנדערקלייבן אין זיי, פאדערן זיך געוויסע טעכניש־פארלאמענטארישע קענטעניש און געאיבטקייטן, וואס ס'באזיצן, ווידער דאס אייגענע, בלויז די „אויסדערוויילטע", די פאליטיקער.

א פאלקסמענטש אויף אט־די פאלקס־פארזאמלונגען שטעלט פאר מיט זיך בלויז „ארעטאריש פלייש". ער שפילט דורכויס א פאסיווע ראלע.

עטליכע געשיקטע אנפירער צוויגען אויף אים ארויף זייער ווילן און טראגן עס אים אונטער, ווי עס וואלט געווען זיין אייגענער ווילן.

ארויסברענגען דעם ווילן פון פאלק אדער פון א קלאס דורך דער פארמיטלונג פון א צוזאמענפאר איז דאס אייגענע ווי נעמען א מענטשן, בינדן אים הענט און פיס און אויף אזא אופן געבן אים די מעגלעכקייט ארויסצוווייזן די געשיקטקייט און פלינקייט פון זיינע באוועגונגען.

א צוזאמענפאר איז אן אומגעהויער באשעפעניש, וואס האט א פיטשרמשינק קעפעלע און אן אומענדלעכע צאל הענט.

א צוזאמענפאר פארפיקסירט ניט דעם ווילן פון א פאלק אדער א קלאס, נייערט דעם ווילן פון א פארטיי, אין בעסטן פאל, דעם ווילן פון דעם דערפאלגרייכן פירער, אין ערגסטן פאל.

דער פערטער צוזאמענפאר פון די סאוויעטן מיט זיינע באשלוסן דריקט ניט אויס דעם ווילן פון ארבעטער־קלאס, נייערט דעם ווילן פון דער באלשעוויסטישער פארטיי, פינקטלעכער, דעם ווילן פון לענינען.

ער וועט קענען זאגן צום שלום —
דאס איז מיין ווילן!

(„אנארכיע", דעם 10טן מערץ, 1918)

4

שיסערייען

ווידער שיסערייען, ווידער בלוט, בלוט פון אומשולדיקע, אומגליקלעכע, נעבעכדיקע קרבנות פון דער פאַרברעכערישער געזעלשאַפט.

ווידער טויטשטראָף, און ניט אויפן פראָנט, נייערט אין היגטערלאַנד, אין דער רעזידענץ־שטאָט, — מאָסקווע.

מיר דרייען זיך אין אַ פאַרכישופטן קרייז פון בלוט און מערדערייען.

קאָרנילאָוו האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל וועגן טויטשטראָף, קערענסקי האָט אים גוטגעהייסן, אים פּולפאַרפעסטיקט.

מיר אַלע, איבערגעגעבענע צו דער רעוואָלוציע, צום אידעאַל פון מענטש־הייט־באַפרייאונג, האָבן זיך געשטעלט אַנטקעגן דעם ווילד־שרעקלעכן געזעץ.

אויף די באָלשעוויקעס האָבן באַקעמפט דאָס געזעץ.

מיר אַלע האָבן איינגעאָרדנט פּראָטעסט־מיטינגען, אַרויסגעטראָגן רע־זאָלוציעס, געשריבן פייערדיקע אַרטיקלען, אַרויסגעשטעלט דעם לאָזונג: „אָפּ־שאַף פון טויטשטראָף!"

עס זיינען אַוועק בלויז עטלעכע מאָנאַטן זינט די באָלשעוויקעס האָבן איבערגענומען די מאַכט, און זיי, וואָס האָבן אַזוי געשריען און געגוואַלדע־וועט קעגן טויטשטראָף, האָבן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל וועגן שיסן אויף טויט, אָן משפט און אָן אויספאָרש, אויפן אָרט פון פאַרברעכן.

דאָס געזעץ געהערט צו דער פּען פון דעם גרויסן שטאָטס־חכם לעאָן טראָצקי. ווען אַלע באָלשעוויסטישע דעקרעטן, מיט קליינע אויסנאַמען, בלייבן אויף די פּאַרקאַנס [וואו מע קלעפּט זיי אויס], און זיי גייען ניט אַריין אין לעבן, ווערן ניט אָפּגעהיט, בלייבן שטיקלעך פאַרשריבענע פּאַפּיר, איז אָט־דער אומזיניקער געזעץ פון דעם חסר־דעהשן געזעצגעבער יאָ געוואָרן אַ שטיק טויט־לעבן, ער ווערט יאָ דורכגעפירט.

די באָלשעוויקעס פאַרענטפערן זיך, אַז זיי דערשיסן בלויז באַנדיטן, רויבער, גזלנים.

האָט דען קאָרנילאָוו ניט געזאָגט דאָס אייגענע? האָט זיך קערענסקי ניט פאַרענטפערט מיט דיזעלביקע רייד? ער האָט געהייסן דערשיסן דעזערטירן, רוצחים, ראַבירער, אונטערצינדער און פרויען־פאַרגוואַלטיקער.

דעמאָלט האָט מען געשאָסן, אָבער דאָך נאָך אַ געריכט, לויט אַן אור־טייל, הגם אַ פעלד־מיליטעריש געריכט, אָבער דאָך כאָטש עפּעס אַ שטיקל געריכט.

איצטער שיסט מען אָן קיין געריכט, אָן קיין אונטערזוכונג, על־פּי אַ ווילדן אומגעצוימטן ווילקיר, לויט אַ קאַפּריז פון אַ שיכורן באַצירק־„פּריס־טאַוו", וואָס הייגט הייסט ער, אין נייעם הויכן סטיל, „קאָמיסאַר".

לויט וועמענס באַפעל שיסט מען? — לויט דעם באַפעל פון דער פּאַר־טיי, וואָס האָט געמאַכט איר פּאָליטישע קאַריערע אויף דעם געשריי און ליאַרם קעגן טויטשטראָף.

ווי שעמט איר זיך עס ניט, איר באָלשעוויקעס?!
ווערט כאָטש רויט, אויב מאַכט קען רויט ווערן פון בושה!
איר האָט זיך געשטעלט קעגן דעם הענקער קאָרנילאָוו און איצט פּילט איר אויס זיין ראָלע.
איר האָט פּראָטעסטירט קעגן טויטשטראָף און איצטער ברענגט איר טויט. איר זייט טויט און מאָרד!
איר האָט פּראָטעסטירט. אָבער דעמאָלט זייט איר געגאַנגען צו דער מאַכט, איר האָט געטרוימט וועגן די פּאָרטפעלן [מיניסטאָרישע], ווי וועגן עפּעס, וואָס איז שווער צו באַקומען, און איר האָט געוואָלט זיך איינשאַפן די סימפּאַטיעס פון די פאָלקסמאַסן; אַצינדערט דאַרפט איר עס מער ניט; איר האָט די מאַכט; אַלע פּאָרטפעלן זיינען אייערע; איר דאַרפט זיך ניט רעכענען מיט די פאָלקסמאַסן.
אפשר ניט אַזוי?
איר רופט זיי באַנדיטן, ראַבירער — און צעשיסט זיי. זיי זיינען אָבער ניט קיין באַנדיטן. זיי זיינען געוועזענע אַרבעטער, וואָס איצטער זיינען זיי אַרבעטלאָז און האָבן ניט וואָס צו עסן.
לייגט אַרויף אייער האַנט אויפן האַרצן: זייט איר ניט טיילווייז שול־דיק אין דעם וואוקס פון אַרבעטלאָזיקייט?
האָט איר ביי זיי ניט צוגענומען זייער שטיקל ברויט, זייער פאַרדינגסט און האָט זיי אַוועקגעשטעלט פאַר דער ברירה: ענטוועדער הונגערן אָדער אַליין נעמען?
אַצינד, נאָך דעם ווי זיי האָבן אייך געגעבן די פּאָרטפעלן, מיניסטער־רישע אַמטן, גיט איר זיי, אין אָפּצאָל, בלייענע קוילן!
זאָגט זיך אָפּ פון דידאַזיקע מאָסרעגלען, וואָס צו קיין גוטס וועלן זיי ניט פירן... רייסט ניט אויס די וואָרצלען פון דעם בוים, אין שאָטן פון וועלכן איר זיצט און די פרוכט פון וועלכן איר עסט אָט שוין איבער פיר מאָנאַטן.
זייט ניט קיין טויט, וואָרעם איר וועט שניידן אומקום.

(„אַנאַרכיע", דעם 24טן מערץ, 1918)

5

ווידער שיסערייען

ווידער שיסערייען. מע שיסט אומבאַוואָפנטע. ווידער מערדערייען. ווי־דער הריגות.
מע דערהרגעט מענטשן אויפן וועג צו דער געפענגעניש. מע דערשיסט אַזוי זיך פאַר פּאַרווײַלונג־וועגן, לשם זאַבאַווע, אויס אַ קרענקלעכן פאַרברע־כעריש־אַבנאָרמאַלן דראַנג אַרויסצואווייזן, אַז מע האָט די מעגלעכקייט זיך צו שאַפן מיטן לעבן, מיטן דאַזיין און ניט־זיין פון אַ מיטמענטשן.
מע שיסט אָן משפט און אָן אויספאָרש.

מע שיסט און קיינער קלאָגט ניט אָן.

מיט אונדזער לעבן און טויט טוען וואָס זיי ווילן. פונקט ווי די געטער, שיכורע מיליציאָנערן.

דאָס אַלץ ווערט געטאָן אין דעם „פרייסטן" לאַנד.

דאָס אַלץ ווערט געטאָן אונטער דער הערשאַפט פון אַ פּאַרטיי, וואָס האָט די חוצפה, די פאַרשייטקייט זיך אַ נאָמען צו געבן „קאָמוניסטישע".

ווער דאַרף אָט־די קרבנות?

וועלכער מולך?

דער מולך פון קאַפּיטאַל. פון הייליקן שטאַט־אייגנטום.

דער מולך פון מאַכט, פון דער פאַרברעכערישער מלוכה.

דער נייער טרעפּאָוו [דמיטרי טרעפּאָוו איז געווען אין 1905 דער גע־נעראַל־גובערנאַטאָר פון סאַנקט־פּעטערבורג מיט אויסעראָרדנטלעכער פול־מאַכט] חזרט איבער די אַלטע פראַזע, וואָס איז געוואָרן היסטאָריש: „ניט געזשאַלעוועט קיין קוילן", און האָט זי אָנגעקליידט אין דעם לבוש פון אַ גאַזעץ וועגן שיסעריי.

ביי אונדז עקזיסטירט אַן אייגנאַרטיקע פרייהייט; מיר פאַרמאָגן אַן אייגנאַרטיק לאַנד און אַן אייגנאַרטיקע פרייהייט:

יעדער שיכורער אָדער ניכטערער מיליציאָנער איז פריי און האָט דאָס רעכט צו דערשיסן וועמען ער וויל; שיסן אויף רעכטס און לינקס.

עס איז באמת אַ „סאָציאַליסטיש" פאָטערלאַנד.

אין אָט־דעם פאָטערלאַנד, אין דער רעזידענץ־שטאָט, שיסט מען אויף טויט אַרבעטער און אַרבעטלאָזע, וואָס דורך אַן אומגליקלעכן צופאַל פאַלן זיי אַריין אין די הענט פון דער מיליציע.

אויפן וועג צו דער געפענגעניש דערשיסט מען.

אַז מע פרעגט דעם מיליציאָנער: „פאַר וואָס?" — ענטפערט ער סטע־רעאָטיפּיש:

— ער האָט פּרובירט אַנטלויפן.

ווילדער ווילקיר. אייגנפאַכע חיה־רעהדיקייט!

די מאַכט ווייזט אַרויס אירע פאַרזעעניש־שטריכן, אירע אפשוילעכע פאַרמען.

אַ ביישפּיללאָזע מאָנסטראָזיטעט.

די האָר שטעלן זיך קאַפּויר פון די מעשים תעתועים!

אומגעהערטער באַרבאַריזם.

דאָס הרגענען מענטשן אין קריג איז בעסטיאַליש, אָבער פאַרשטענד־לעך.

דאָס הרגענען מענטשן אין בירגערקריג איז חיה־רעהש, אָבער עס האָט אַ פאַרענטפער, — זעלבסטשוץ.

אָבער הרגענען מענטשן אויס אייגנפאַכער ווילדקייט, מיט צעהוליעטע קוילן אין אַ פרידלעכער, עכט געוויינטלעכער אומגעבונג, מענטשן, וואָס אויף קיין פאַל קען מען ניט באַצייכענען ווי פערזענלעכע שונאים אָדער

שונאים פון דער געזעלשאַפט, ווי פאַרברעכערס, וואָרעם קיין אונטערזוכונג־קאָמיסיע האָט נאָך ניט אַרויסגעגעבן איר באַשלוס, אַפילו נאָך ניט פעסט־געשטעלט די אידענטיטעט פון די פערזאָנען, ניט דעם גראַד פון זייער שולד, מענטשן, וואָס שטייען בלויז אונטער אַ פאַרדאַכט; דערהרגענען מענטשן אויס אַ קאַפּריז, מחמת פאַרדאַרבענער כוואַטסקעריי, — ווי זאָל מען עס אַנרופן, ווי זאָל מען אַנרופן די מלוכהשע אָרדענונג, וואָס דערלאָזט עס, וואָס דערמוטיקט עס!

ניטאָ קיין ווערטער. ניטאָ קיין אַנרופעניש!

אַן אייגנאַרטיקער קאָמוניזם — אַלגעמיינקייט פון טויט.

גלייכהייט פאַרן טויט, פאַר דערשאָסן־ווערן.

קיינער פון אונדז קען ניט זיין זיכער, אַז מאָרגן וועט ער ניט פאַלן פון דער רצחנישער האַנט פון אַ שיכורן מיליציאָנער.

עס איז געגנוג מע זאָל פאַרהאַפּט ווערן צופעליק, און מען זאָל צופעליק, אַזוי זיך, דערשאָסן ווערן.

דאָס לעבן פון אַ מענטשן איז לחלוטין ווערטלאָז, פרייזלאָז!

אַ שרעק! אַ גרויל! אַ פּחד!

די פאַרגאַנגענהייט, — ניקאָלאַיעווּשטשינע, די צייטן פון פלעווע, פון סטאָליפּין, זעען אויס בלייך אין פאַרגלייך מיט דער קאָשמאַרישער קעגנוואָרט.

עס האָט טאַקע געלוינט אַראָפּצעוואָרפן ניקאָלאַיען מיט זיינע סאַטראַפּן, אַרונטערצוזעצן קערענסקין און דורכפירן די אָקטאָבער־איבערקערעניש, דורכגיין אַט־דעם לאַנגן דערנערוועג, כדי איבעראַנייס, צוליב עפּעס אַ שלימזל־דיקן שיקזאַל, זיך אומצוקערן צו דעם סאַמע אָנפאַנג, צו די צייטן פון „איוואַן דעם שרעקלעכן" [1530־84].

„לעאָן דער שרעקלעכער" גייט אין יענעמס פוסטריט.

אָבער ווי ווייט וועט ער עס אַזוי גיין?

הענקערס! טאַמעוועט זיך, אַניט וועט דער שטורעם פון פאָלקסצאָרן אייך אָפּווישן פון דעם פּנים פון דער ערד! און די לעטישע רעגימענטן וועלן ניט העלפן! און די קרעמל־וועגט וועלן ניט העלפן!

די געשיכטע האָט ניט גערן זיך איבערצוחזרן, און ווען זי חזרט זיך איבער, איז אויב דאָס ערשטע מאָל האָט זי געשפּילט אַ טראַגעדיע, שפּילט זי דאָס צווייטע מאָל אַ קאָמעדיע, — אַט־די ווערטער געהערן צו מאַרקסן.

„לעאָן דער שרעקלעכער", איר זייט דאָך אַ מאַרקסיסט.

איך האָב שטאַרק מורא, אַז איר וועט שפּילן אַ קאָמעדיע מיט אַ טראַגישן סוף. — — —

(„אַנאַרכיע").

אויף יעדן נומער פון „אַנאַרכיע", גלייך אונטערן קעפּל, איז געשטאַנען אָפּגעדרוקט מיט קידוש־לבנה־אותיות: „מיר פאָדערן דעם אָפּשאַף פון שיסן אומבאַוואָפנטע, ווער זיי זאָלן ניט זיין!"

IX

אַפּריל 12-13, 1918

1

מיין באַזוך אין מאָסקווער סאָוויעט

עס האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען איבער דער שטאָט, אַז מיר גייען פאַר־נעמען מאָסקווע, פאַרכאַפּן די מאַכט און אַראָפּזעצן פון טראָן לענינען, טאָן צו אים דאָס, וואָס ער האָט געטאָן צו אַלעקסאַנדער קערענסקין.

יעדן אָוונט פלעג איך פאָרן צוריק אין שפּיטאָל. איך בין נאָך אַלץ גע־ווען אַ היפּשער חולה; מיין פוס האָט געפאָדערט באַהאַנדלונג פון אַ דאָקטאָר און, הויפּטזעכלעך, פון אַ מאַסאַזשיסט. איך בין אָבער די נאַכט פון 12טן אַפּריל געבליבן נעכטיקן אין „הויז פון אַנאַרכיע" אויפן דריטן שטאָק אין אַ צימער. עס האָט זיך געפילט אַן אומרואיקייט, אַן אַנגעשטרענגטקייט אין דער לופט און איך האָב גערעכנט פאַר ראַטזאַם צו בלייבן מיט די קאַמע־ראַדן, ווייל ווער ווייסט וואָס עס קען פאַסירן.

כאַדונאָוו איז אַריין אין צימער נאָך אַ לייכטן אָנקלאַפּ, וואָס האָט מיך אויפגעוועקט. מיין שלאָף איז אַלעמאָל אַ גרינגער, פון קלענסטן שאָרך כאַפּ איך זיך אויף.

— זיי גייען אונדז אַנטוואָפענען היינט ביי דער נאַכט, — האָט כאַ־דונאָוו אַ זאָג געטאָן אָן הקדמות.

— פונוואַנענט ווייסט איר עס? — פרעג איך אַ היפּש ביסל פאַרוואונ־דערט און איבעראַשט פון אָט־דער ידיעה.

— מיינער אַ פריינט, אַ באָלשעוויק, דער פאָרזיצער פון פאַבריק־קאָ־מיטעט, האָט מיר אָנפאַרטרויט דאָס שטיקל נייס, בתנאַי, פאַרשטייט זיך, אַז איך זאָל עס האַלטן בסוד און מע זאָל ניט דערגיין דעם קוואַל פון מיין אינפאָרמאַציע.

— רעכנט איר, אַז ער איז ריכטיק אינפאָרמירט? הגם אויף זיי איז אַלץ צו גלויבן. — און דאָך האָב איך געצווייפלט אין דעם. סוף כל סוף וועט עס פאַסירן, אָבער דערווייל, האָב איך געטראַכט, איז עס נאָך צו פרי, עס איז צו ריזיקאַליש.

— איך גלייב, אַז יאָ. וויפל זיי פאַרהוילן ניט זייערע פּלענער, מוזן דאָך טראָפּנס אַרויסרינען פון זייערע געהיימע הערמעטיש־פאַרשלאָסענע סודות־פולע באַראַטונגען.

— אָט אַזוי האָבן זיי עס אָפּגעשאַפט, — האָב איך גערעדט סאַרקאַס־טיש, — די פּראַקטיק פון „דיפּלאָמאַטיע בסתר". אָבער, — האָב איך צו־געגעבן נאָך אַ קורצער פּויזע, — מע קען צו זיי גאָרניט האָבן, זיי זיינען דאָך דיאַלעקטיקער. זיי זיינען געטריי צו זייער טעזיס, אַז אַלץ גייט אַרו־

בער אין זיין ווידערשפרוך. זייערע פאָליטישע האַנדלונגען באַווייזן, אַז זיי זיינען דורכגעטריבענע דיאַלעקטיקער־סאָפיסטן.

נאָך אַ ווײַלע טראַכטן און איבערטראַכטן, גיב איך אַ זאָג:

— יעדנפאַלס, חבר כאַדונאָוו, לאָמיר צופאָרן צום מאָסקווער סאָוויעט.

— אין אַזאַ שפּעטער שעה! — קווענקלט זיך כאַדונאָוו.

— ווי שפּעט איז איצט?

— צוויי נאָך האַלבער נאַכט.

— מיר וועלן געפינען דאָרט ווען עס איז פון דעם עקזעקוטיוו אַלס דעזשורנעם; מעגלעך אַז מיר וועלן טרעפן דאָרטן טאָווארישטש ראַגאָוו, איינער פון די גאָר גרויסע מאַכערס, — ענטפער איך האַלב אין ערנסט און האַלב אין שפּאַס.

ראַגאָוו איז געווען אַ זון פון אַ שמש אין אַ קליין שטעטל אין דעם יידישן „וואוינונגס־רוים" אין צאַרישן רוסלאַנד. ער איז געווען אַ הויכער, אַ צעוואַקסענער, אַ באַוואַקסענער, אַ גאַנצער וואַלד און אין וואַלד איז געזעסן עפּעס אַ נסתר, אַ שבתי־צביניק, אַ פאַרשווערער.. ער איז געווען אַ באַלשעוויסטישער כל־ולך, מיט וועלכן דער סאָוויעט האָט פאַרשטעקט אַ היפּשע צאָל לעכער. זיין שטענדיקער מקום־מנוחה איז געווען אין מאָסקווער סאָוויעט, וואו ער האָט געטאָגט און גענעכטיקט.

— אויב יאָ אַזוי, לאָמיר זיך צואײַלן, — זאָגט כאַדונאָוו, — אין פאַל מיר דערשפּירן, אַז די סאָוויעט־לופט איז אָנגעזאַפּט מיט שוועבל, וועלן מיר גלייך לאָזן וויסן אַלע אונדזערע גרופּן צו זיין גרייט און צושיקן אַהער זייערע מער מיליטאַנטישע אָפּטיילונגען, אַזוי אַז זיי זאָלן אונדז ניט איבערפאַלן פלוצלונג און כאַפּן אונדז אין אָט־דעם שטיינערנעם זאַק מיט ליידיקע הענט.

כאַדונאָוו האָט גערעדט האַלב צו זיך אין פליסטערונג, אָבער מיט גרויס אַנטשלאָסנקייט.

— גוט, אָבער העלפט מיר, קאַמעראַד, אַריינקריכן מיט מײַנע אָרעמס אין פּעלצל. און, כ'בעט אייך, פרעגט אָן, צי עס איז געבליבן אַן אויטאָמאָביל אין גאַראַזש.

כאַדונאָוו איז אַרויס אויפשנעל פון צימער. אין אַ פּאָר מינוטן אַרום איז ער שוין געקומען מיט דער נויטיקער אינפאָרמאַציע.

— בלויז איין אויטאָמאָביל איז געבליבן און איין שאָפער, דער „סיבירער ריז", ווי איר האָט אים געזאָגט. איך האָב אים געזאָגט אין אייער נאָמען, אַז ער און דער אויטאָמאָביל זאָלן זיין גלייך גרייט.

כאַדונאָוו האָט זיך אַביסל פאַרקרימט, געמאַכט אַ זויערע מינע; אים איז דער גרויסער, ברייטער איבערגעוואַקסענער סיביריאַק מיט זיינע לאַנגע אָראַנגאוטאַנגישע הענט און בערישע פיס, מיט זיין דונערנדיקער, אָבער קאַריטלאָזער הילצערנער שטים געווען ניט צום האַרצן.

דער „סיבירער גיגאַנט" האָט זיך אַריינגעשטעלט אין צימער. ער איז געווען פאַרשלאָפן, פלעגמאַטיש.

— דער אויטאָמאָביל איז ביי דעם פראַנט־אַריינגאַנג. — די פּאָר אויס־

געצויגענע ווערטער האָבן גוואַלדאָוונע אויפגעטרייסלט די שלעפעריקע לופט פון דער נאָכחצותדיקער נאַכט.

מיר זיינען אַרויס.

כאַדונאָוו און דער סיביריאַק האָבן מיך אַרונטערגעטראָגן די שטיגן; קיין ווינדע איז אין דער געביידע ניט געווען, און מיך אַריינגעזעצט אין אויטאָ־מאָביל.

מאַלאַיאַ דמיטראָווקאַ איז בסך־הכל איין בלאָק פון „ליידנשאַפט־פּלאַץ" („סטראַסטנאַיאַ פּלאָשטשאַד"). מיר האָבן אים דורכגעשניטן און אַ פּאָר גע־טאָן אַרויפצו צו טווערסקאַיאַ און זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ מאַסיווער דריי־שטאָקיקער, ווי קאַזאַרמע אויסזעענדיקער, געביידע, וואָס איז געשטאַנען פאַרגאַפט, ווי דער סקאָבעליאָוו־מאָנומענט וואָלט זי פאַרהיפּנאָטיזירט.

וואַכלייט באַוואָפנטע מיט ביקסן און באַזאַרגטע מיט באַיאָנעטן, די לענדן שטייף־פאַרשנורעוועטע, באַהענטשקעטע, אין שטיוול מיט הויכע כאַ־ליעוועס, האָבן געשפּרייזט אַרויף און אַראָפּ פאַר דער געביידע, עפּעס ווי קנעטנדיק דעם האַרטן טראָטואַר.

כאַדונאָוו האָט באַוויזן זיינע „פּאַפּירן", וועלכע דער אויפזעער פון דער וואַך האָט צוגעטראָגן צום שיין פון אַ לאָמטערן. די פּאַפּירן אונטער דער מאַגישער ווירקונג פון ליכט האָבן געעפנט זייערע פליישיקע ליפּן, באַרוזש־טע מיט רויטער טינט, און האָבן פאַרזיכערט, אַז זייער אייגנטימער איז איינער פון די אויסדערוויילטע, שיער ניט אַ זון פון דעם נייעם מיטלשטאַנד, נעמלעך, — אַ מיטגליד פון דעם פּלענום פון ראַיאָנעם סאָוויעט, אַ דעלע־גאַט פון דער צווייטער קאָנפערענץ פון די פאַבריק־קאָמיטעטן פון דעם מאָס־קווער ראַיאָן און נאָך און נאָך און נאָך.

מיר זיינען אַריין אין דעם קאַרגלעך באַלויכטענעם, כמורנעם, מיט טונק־לע שמעקעדיקן, קאָרידאָר.

דאָ זיינען פיגורן באַוואָפנטע פון קאָפּ ביז די פיס געשטאַנען אויסגע־שטעלט איבער דער גאַנצער לענג פון קאָרידאָר און אויך אויף די ברייטע שטיגן, צוגעדעקטע מיט רויטע פּליושן, אָבער אויסגעריבענע אין היפשע פּלעצער, מיט פינקטלעך אָפּגעמאָסטענע אינטערוואַלן.

דער קאָמענדאַנט האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון אַ דיק־באַשאָטנטער באַ־העלטעניש. זיין רונד באַרדלאָז פנים האָט געוויזן סימנים פון פאַרשלאָפנקייט. אין אַ הייזעריקער שטים, הגם מיט אויסערגעוויינטלעכער העפלעכקייט, וואָס איז געווען אויסגערעכנט צוצודעקן אי זיין נייגעריקייט און אי זיינע חששים, האָט ער מיך געפרעגט:

— טאָוואַרישטש גאַרדין, אַזוי שפּעט אינדערנאַכט! וועמען ווילט איר זען?

— טאָוואַרישטש ראַגאָוו, — האָב איך אַרטיקולירט מיט אָנשטרענגונג.

— אָט האָט איר אייער אַריינלאָז־פּאַס.

ער האָט מיר דערלאַנגט אַ רויט קוויטל.

— גייט גלייך, דערנאָך פאַרנעמט זיך אויף רעכטס; אין דעם צימער, וואָס איז לעבן הויפּט אויפנאַם־זאַל וועט איר אים געפינען.

ער האָט פאַרענדיקט די ריכטונג־אינסטרוקציעס און איז פאַרשוואונדן הינטער אַ זייטיקער טיר, וואַרשיינלעך געלייגט זיך צוריק שלאָפן.

כאַדונאָוו האָט מיך געגומען אין זיינע שטאַרקע מוסקלהאַפטע אָרעמס און האָט מיך אַרויפגעטראָגן אויף די רחבותדיקע שטיגן מיט די רויט־פּליור־שענע טרעטערס. די באַגילטע באַליוסטראַדע איז געווען טונקל, מאַט, אין אייניקע ערטער אָפּגעשיילט, אָבער דאָך האָט זי נאָך עדות געזאָגט, הגם מיט אַ שטאַמלענדיקער צונג, וועגן דער גלאַררייכער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט, ווען דאָ גאָר ניט אַזוי לאַנג צוריק האָט זיך נאָך געפונען הן די וואוינונג און הן דער קאַבינעט און קאַנצעלאַריע פון דעם מאָסקווער גענעראַל־גובערנאַטאָר פירשט סערגיי, דער פעטער פון צאַר ניקאָלאַי דעם צווייטן.

ראַגאָוו איז געווען זייער פאַרחידושט צו זען מיך אַריינקומען אַזוי שפּעט. פּינקטלעכער וואָלט געווען, ווען מיר זאָגן, אַז ער האָט געמאַכט אַן אָנשטעל פון זיין פאַרחידושט. אָבער דאָס איז מיר קלאָר געוואָרן אַ סאַך שפּעטער.

— וואָס האָט אייך געבראַכט אַהער, טאָוואַרישטש גאַרדין? — ער האָט אַרויפגעצויבערט דעם זיסטן שמייכל אויף זיינע געדיכט באַוואָנצטע ליפּן. ער האָט אַריינגעשאָטן אַזויפיל ווייכקייט און פריינטלעכקייט אין זיין שטים, וויפל זי האָט נאָר געקענט פאַרטראָגן און ניט צעזעצט אָדער געשעדיקט ווערן עפּעס אויף אַן אַנדער אופן.

ראַגאָוו איז געווען אַ מענטש פון אַרום דרייסיק, הויכגעוויקסיק, מיט גרויסע טיפע, שוואַרצע פאַרטרוימטע אויגן אַריבערגעוועלבטע מיט דיקע ברעמען, וועלכע האָבן זיך געפּאַסט פאַר אַ פאַרצייטיקן יידישן מקובל. ער האָט געהאַט אַ לאַנגע שוואַרצע באָרד, אַן אויסערגעוויינטלעך געדיכטע; שוואַרצע ווי ראָבן פאַסמעס האָר האָבן זיך ספּיראַלעוועט אַרום זיין נאַקן און זיך אַראָפּגעלאָזט ביז צו זיינע אַקסלען. די האָר אויפן קאָפּ זיינען געווען טראַפּיש־לוקזוריענט צעוואַקסן. זיי זיינען אַראָפּגעפלאָסן ווי צוויי שוואַרצע לאַקיר־גלאַנציקע שטראָמען פון ביידע זייטן פון קאָפּ און ווערנדיק צוזאַמענגעגאָסן און אַנגעשוואָלן מיט דער כוואַליעדיקער שפע פון זייערע צופליסונגען — די וואָנצעס, האָבן זיי זיך לאַקנדיק אַראָפּגעשליידערט אין דעם שוואַרצן ים פון זיין באָרד; זיין פּנים איז געווען כמעט אינגאַנצן פאַרטונקט אונטער דעם שוימיקן שוואַרצן כוואַליעסשלאַג, בלויז אַן אָדלער־שנאָבלדיקע נאָז, ווי אַ בראַוווער פעלדזנשטיין, האָט געוואַגט זיך אויפצוהויבן איבער דער חושכדיקער אויבערפלאַך, און דאָס בלויז מיט זיין שאַרפן שפּיץ.

— עס טראָגן זיך אַרום מאָדנע קלאַנגען, — הויב איך אָן צו דערקלערן מיין וויזיט, זיך צוזעצנדיק צום טיש, — ראשית, אַז מיר, אַנאַרכיסטן, גייען פאַרנעמען מאָסקווע; צווייטנס, אַז איר זייט גרייט צו מאַכן אַן איבערפאַל אויף אונדז טאַקע היינט ביי דער נאַכט. וואָס איז שייך דער ערשטער העלפט פון די קלאַנגען, בין איך געקומען זאָגן, אַז מיר טראָגן זיך ניט אַרום מיט

אַזעלכע אַמביציעזע פּלענער; בנוגע דער צווייטער העלפט בין איך געקומען הערן, וואָס איר האָט צו זאָגן.

— איך בין דערשטוינט צו הערן, אַז איר גלייבט אין אַזעלכע נאַרישע אויסטראַכטענישן. אַט־די אַלע קלאַנגען פאַרשפּרייטן לײַדיקגייערישע צונג־דרעשערס און פּליסטערערס מיט בייזע כוונות. רכילות און אַלטפּרענקישע באַריידערײַ איז איצט אויסער דער מאָדע און זיי טראַכטן אויס פּאַר זייער אייגענער אַמוזירונג פּאָליטישע בבא־מעשׂיות; זיי טרייבן פּאָליטישע פּליאָט־קעס. איך קען אײַך פאַרזיכערן, אַז מאָרגן אינדערפרי וועט די גאַנצע געלע פּרעסע אַראָפּגעוואָלדעוועט ביז־הייזעריק־ווערן פון זייערע ערשטע זייטלעך, אַז די אַנאַרכיסטן האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן הײַנט־בײַדערנאַכט מיט די באָלשעוויקעס. זייער לעבן איז וויסט און לער און ווי אַ וויסטעניש שפּילן זיי זיך מיט מיראַזשן, מיט פאַטאַמאָרגאַנעס. זיי פּלעגן אַט־די אויסטערלישע צוטראַכטענישן ווי זייער איינציקע האָפענונג. זיי וואָלטן וועלן אַנטדעקן אין דעם פעלדזשטאַרקן רעוואָלוציאָנערן פּראָנט עפּעס אַ שפּעלטל, אַ שפּאַרונע. און דעמאָלט וואָלטן זיי אויסגענוצט די געלעגנהייט און זיך אַרײַנגעקוועטשט ווי אַ קלין אין אַט־דער עפענונג און אונדז צעשפּאָלטן. דאָס איז זייער אויס־געפּאַנטאַזירטע שטרוי, אַן וועלכן זיי, וואָס טרינקען זיך אויף אַן אמת, וואָלטן שטאַרק וועלן זיך אָנכאַפּן.

ראַגאָוו האָט גערעדט מיט אַ שטאַרקער שטים, דעקלאַמאַטאָריש, ווי ער וואָלט פון דער הויך פון אַ טריבונע גערעדט צו אַן עולם צוהערערס.

אַראָפּדריקנדיק זיין קול צו דעם געוויינטלעכן שמועס־טאָן, האָט ער צוגעגעבן:

— טאָוואַרישטש גאַרדין, פאַרט צוריק און לייגט זיך שלאָפן. איר זייט דאָך אַ קראַנקער מענטש און דאַרפט רוען. די רעוואָלוציע איז אײַך שולדיק אַ גרויסן חוב.

ער האָט מיך העפלעך צוגעפירט צו די שטיגן און העפלעך זיך צעזעגנט.

כאַדונאָוו האָט מיך ווידער געוואונען, ווי אַ טייערן, אָבער ניט לייכטן חפץ, אין זיינע אָרעמס און איז פאַמעלעך און פאַרזיכטיק אַראָפּ די טרעפּ, וואָס זיינען געווען זייער שפּאַרזאַם באַלויכטן אָבער דערפאַר זייער פּזרנות־דיק באַטיילט מיט שווערע אומהיימלעכע שלעכטס־טראַכטנדיקע שאָטנס.

2

אַנטוואָפענונג

קומענדיק צוריק, האָב איך זיך פאַרמאַסטן אַרויפצוהינקען, מיט דער הילף פון מיינע צוויי קוליעס, ביז צום דריטן שטאָק, וואו מיין הײַנט־בײַדער־נאַכטיקער שלאָפצימער האָט זיך געפונען. אָבער חבר כאַדונאָוו האָט גלייך

אויף דעם ערשטן שטיגן־דילכל מיך אָנגעיאָגט. איך בין געווען אויסגעשעפּט און קוים מיט צרות אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם.

ער האָט מיך מיט ליבשאַפט, ווי אַ מוטער איר קינד, אַריינגענומען אין זיינע אָרעמס און מיך אַרויפגעטראָגן, אָן צופיל אָנשטרענג, כאָטש איך בין ניט געווען לייכט ווי אַ פעדער.

איך האָב אויפגיך זיך אויסגעטאָן, זיך געלייגט אין בעט, פּרובירט, אָבער ניט געקענט, איינשלאָפן.

כאַדונאָוו איז געבליבן מיט מיר אין צימער. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ האַרטער באַנק, וואָס איז געשטאַנען ניט ווייט פון טיר.

דאָס געפיל פון איבערגעבנקייט צו אַ פריינט האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז ער זאָל מיך ניט איבערלאָזן איינעם אַליין אין אַזאַ מיט שיקזאַל־אָנגע־לאָדענער שעה.

ער האָט געהאַט ווייניק צוטרוי צו ראַגאָווס פאַרזיכערונגען. פחד־אָנ־וואַרפנדיקע פאַרויסשפּירונגען, פול מיט גיפט ווי שלאַנגען, האָבן זיך גע־פלאָכטן אַרום זיינע געדאַנקען.

אין מינוטן פון אינטואיציע־אויפבליצונגען האָט ער זיך פאַרטראַכט וועגן עוואַקואירן די הויפּט־קוואַרטיר גאַר־אינגאַנצן. ער איז אַפילו געגאַנגען נאָך ווייטער און געטראַכט, אַז עס וואָלט, אפשר, געווען אַ פּלאַן אָנצופאַנגען אַן אָנגריף אויף דער טשעקאַ אין ליוביאַנקע, אויף דעם קרעמל און אויף די סאָוויעטן. ער האָט מיר פאַרגעלייגט זיין פּלאַן, ער האָט אָבער גאַנץ גוט געוואוסט, אַז איך באַטראַכט זיינע פּלענער פאַר אַוואַנטוריסטישע, וואָס וואָלטן ברענגען צו אַ דורכפאַל און אַ צייטווייליקן זיג פון דער קאָנטררע־וואָלוציע. ער האָט געוואוסט, אַז איך האָב געהאַלטן, אַז ער, ווי אַן אַרבע־טער, מעג אַזוי טראַכטן און אַז ווען דאָס וואָלטן געטאָן די ברייטע אַרבעטער־מאַסן, ווען די איניציאַטיוו וואָלט געקומען פון זיי — וואָלט איך צו דעם צוגעשטאַנען. אָבער אויף זיך נעמען די אחריות פאַר אַזאַ געוואַגטן שריט — בשום אופן ניט! איך האָב אַלץ געוואַרט, אַז די רעוואָלוציאָנערע כוואַליעס, דעם פאָלקס מאַסן־אויפברויז, זאָל זיך הייבן און דעמאָלט פאַרפלייצן לענינען און זיין כנופיא. ער האָט געוואוסט וועגן דעם פאַרשלאַג פון די אָפּיצערן, וואָס איז אונדז געמאַכט געוואָרן דורך דעם אָפּיצער קראַפּאַטקין; ער האָט אויך געוואוסט וועגן דעם ענלעכן פאַרשלאַג, וואָס מיר האָבן באַקומען פון גענעראַל מוראַוויאָוו, וואָס האָט זיך אַביסל שפּעטער דערקלערט פאַר אַ לינקן ס. ר., אָבער מיט אַ וואָך צוריק אין ליבע צו אונדזערע אידייען און האָט אונדז פאַרגעלייגט, אַז מיר זאָלן נעמען אויף זיך די פּאָליטישע אָנפירער־שאַפט און מאַראַלישע אחריות און דאָס איבעריקע וועט ער טאָן מיט זיינע אָפּטיילונגען פון אַנאַרכיסטישע פּאַרטיזאַנער פון אוקריינע, בראַווע קעמ־פער, מאַטראָזן פון שוואַרצן ים־פלאָט; דאָס איבעריקע איז באַשטאַנען אין אַרומרינגלען דעם קרעמל און אַרעסטירן דעם „סאָוונאַרקאָם", דעם ראָט פון פאָלקס־קאָמיסאַרן מיט לענינען בראש.

כאַדונאָוו האָט וועגן דעם געוואוסט. ער האָט געוואוסט וועגן דעם גע־

מאַכטן פאַרשלאַג און מיין געגעבענעם ענטפער: איך וויל ניט האָבן צו טאָן מיט אַוואַנטוריסטן, מיט ווייסע גענעראַלן, וואָס ווילן קלאָמפערשט שפּילן אַ ראָלע פון גרויסע רעוואָלוציאָנערן. אַזאַ געוואַגטע אַקציע דאַרף קומען פון די ברייטסטע אַרבעטער־מאַסן און פון די מאַטראָזן, ניט פון אַ גענעראַל מיט אַ פּראָבלעמאַטישער רעפּוטאַציע.

מוראַוויאָוו האָט געשיקט צו מיר אַ זייער געהויבענעם עמיסאַר, חבר אַנדריי אַנדרייעוו, צו פירן מיט מיר די קאָנפידענציעלע אונטערהאַנדלונגען. איך האָב זיין פאַרשלאַג אַפילו ניט פאָרגעבראַכט פאַר דעם ראַט פון דער „פעדעראַציע״. איך האָב אים אָפּגעשליידערט ווי נאָר איך האָב אים געהערט, כאָטש געבראַכט האָט דעם אָנבאָט אַזאַ וואוילער חבר, אַן איבערגעגעבענער אַנאַרכיסט, זייער אַ פיינער ליריש־עסייאיסטישער שרייבער, אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „בורעוויעסטניק״, אונטער דער רעדאַקציע פון מיין ברוד־דער וו. גאָרדין, אויך אַ מיטאַרבעטער פון „אַנאַרכיע״, און מיט אַ סטאַזש פון היפּשע יאָרן קאַטאָרגע אונטער דעם צאַר [מוראַוויאָוו איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אויפן פראָנט בעת דער ליקווידאַציע פון די לינקע ס. ר., אין מאָנאַט יולי, 1918].

כאַדונאָוו האָט גוט געוואוסט וועגן דעם אַלעם, אָבער ער האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן; זיינע געדאַנקען און געפילן האָבן ווי קעגן זיין ווילן אויפגעשפּרודלט און געקומען צום אויסדרוק. ער האָט ווי געמוזט זיי אַרויס־ברענגען און מיטטיילן. און אויב ניט מיר, איז וועמען?

אַרום פיר אַזייגער האָב איך איינגעדרעמלט.

כאַדונאָוו האָט מיט קיין אויג ניט צוגעמאַכט אַ גאַנצע נאַכט. ער איז געלעגן אויסגעצויגן אויף דער האַרטער באַנק אַ וואַכער. עס האָט אין אים געזידט און געקאָכט און אים זעליש־שטורמיש געהויבן פון אָרט. ערשט אַ פּאָר מינוט פאַר זעקס האָט ער געכאַפּט אַ לייכטן דרעמל.

אַ קוים הערבאַרער אָנקלאַפּ אין טיר. כאַדונאָוו איז אויפגעשפּרונגען. דער אָנקלאַפּ אין טיר האָט אים, פּונקט ווי מיך, אויפגעוועקט. אונדזערע אויערן זיינען געווען אָנגעשפּיצט און העכסט וואַכזאַם. קלאַנגלאָז האָט ער געעפנט די טיר און האַלטנדיק זי אָפן אויף אַ שפּעלטל האָט ער, ווי איך, דערבליקט דעם קאָמענדאַנט „קאַווקאַזעץ״. ער איז געווען בלייך ווי קרייד, דאָס פּנים פאַרשטייפט. ווי נאָר ער האָט באַוויזן צו שטעלן אים די מיט פּחד אָנגעפילטע פראַגע, וואָס איז געווען אויסגעדריקט אין דעם סטערעאָטיפּישן נוסח: וואָס נייס?, האָט ער געקראָגן, אין אַ שעפּטשענדיקן פליסטער, אַן ענטפער, וואָס האָט באַשטעטיקט זיינע ערגסטע פאַרשפּירונגען. זיי האָבן געמיינט, אַז איך שלאָף און האָבן ניט געוואָלט מיך אויפוועקן מיט דער שלעכטער בשורה.

— מיר זיינען אַרומגערינגלט מיט שווערער אַרטילעריע, מיט לאַטישן; אומפאַרשעמטער פאַרראַט! — האָט געזאָגט „קאַווקאַזעץ״ און געביילט זיינע פויסטן. — די פאַרשאָלטענע „טאָוואַרישטשעס״, אָט־די אויסוואורפן, וואָס שטעלן זיך ניט אָפּ פאַר קיין שום געמיינקייט; די שמוציקסטע פאַררעטער!

ער האָט געקריצט מיט די ציין, ווי ער וואָלט געהאַט בדעה זיי צו צע־רייסן טאַקע מיט זיינע שטאַרקע ווייסע ציין.

— ער שלאָפט? — האָט ער אָנגעוויזן מיטן קאָפּ, וואָס ער האָט גע־האַלטן אַריינגערוקט דורך דער טיר אין דער ריכטונג פון מיין בעט.

איך בין געווען אויף און האָב געהערט זייער קורצן אויסטויש פון פראַ־געס און ענטפערס. איך האָב זיך אויפגעזעצט. איך בין געווען אַ פאַרווירט, אַ פאַרצאַרנט און אַ אויפגעבראַכט ביז גאַר. איך האָב אַ פרעג געטאָן:

— וואָס איז געשען?

— מיר זיינען באַלאַגערט, — האָט אָפּגעענטפערט דער קאָמענדאַנט.

— קאַמעראַד כאַדונאָוו וועט מיר העלפן זיך אָנטאָן, אַרויפשלעפּן אויף זיך מיין לאַזאַרעטישן כאַלאַט און איך וועל באַלד אַרונטערקומען. און איר, קאַמעראַד „קאַווקאַזעץ״, איילט אַרונטער און האַלט אַ וואַכזאַם אויג אויף אַלץ, וואָס קומט דאָרט פאָר, די הידרע פון פּראָוואָקאַציע זאָל ניט קענען אויפהייבן דעם קאָפּ.

דער קאָמענדאַנט איז אַרונטערגעלאָפן די שטיגן, פויקנדיק מיט די שטיוול אויף די טרעפּלעך.

איך בין שוין אָנגעטאָן אין מיין לאַזאַרעטן־מלבוש און אין פוטערנע שטיוועלעך, אַ מתנה פון חבר קאַזאַנצעוו. איצט האָט מיך כאַדונאָוו אַרונ־טערגעטראָגן די שטיגן. איך בין אַריין אויף די קוליעס אין מיין צימערל מיט דעם הויכן פאַרגראַטעוועטן פענצטער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אין הויף אַריין.

קאַווקאַזעץ האָט זיך אַריינגעוויכערט:

— זיי האָבן אונדז געכאַפּט ווי אַ מויז אין אַ פּאַסטקע, אין אַט־דעם ציגעלנעם־שטיינערנעם זאַק. עס האָט אָבער איין מעלה: אין פאַל פון אַ באַ־לאַגערונג וואָלטן מיר געקענט זיך לאַנג האַלטן און דערווייליע וואָלט אָנקומען הילף און פאַרשטאַרקונגען. די מאַטראָזן־אָפּטיילונגען, וואָס געפינען זיך אויף דער קורסקער ליניע אין וואַגאָנעס, האָבן צוגעזאָגט הילף. די אַוויאַטאָרס האָבן געשיקט זאָגן, אַז אין פאַל עפּעס קומט פאָר, וועלן זיי אונדז העלפן [דער שעף פון דעם לופטפלאָט איז געווען אַ קאַמעראַד, אַן עמיגראַנט, וואָס איז געקומען פון פראַנקרייך, ער האָט מיך באַזוכט איין מאָל אין „הויז פון אַנאַרכיע״ און האָט געגעבן אָנצוהערן, אַז מיר קענען רעכענען אויף דער שטיצע פון לופטפלאָט, וואָס איז דעמאָלט נאָך געווען אין די ווינדעלעך]. וואָס זאָלן מיר טאָן: זיך שטעלן אַנטקעגן אָדער זיך אונטערגעבן מיט חרפּה? — פרעגט ער.

— פון דער דילעמע: ענטוועדער זיך פאַרטיידיקן אָדער זיך אונטער־געבן איז דער ערשטער האָרן שוין אָן אָפּגעבראָכענער. בלייבט פאָר אונדז צו טאָן איין זאַך: ריידן צו די זעלנער און פּרובירן זיי אַריבערצוגעווינען אויף אונדזער זייט. אויב די שווערד פון וואָרט וועט זיך אַרויסווייזן צו זיין טעמפּ, וועלן מיר זיך מוזן אונטערגעבן. איר גייט און פאַרזאַמלט אַלע גוואַרדייער, חברים און סימפּאַטיקער, וואָס געפינען זיך אין דער געביידע, אין גרויסן

זאָל און גיט גוט אָכטונג. מיר זיינען ניט פאַרזיכערט קעגן אַ פּראָוואָקאַ־טאָריש־שמוציק שטיקל אַרבעט פון אַ טשעקאַ־אַגענט.

באַגלייט פון כאַדונאָוון האָב איך אָוועקגעקוליעט צו דעם „פּאַראַדנעם“ אַריינגאַנג. איך גיב אַ קוק — ערשט זעלנער פילן אָן די גאַסן, פּאַקן אָן אַט־דעם סקווער. אינפאַנטעריע, קאַוואַלעריע, אַרטילעריע, אויסגעשטעלט אין שערענגעס גרייט צו אַ שלאַכט.

אַ פּאָר חברים האָבן מיך אויפגעהויבן און אָוועקגעשטעלט אויף דעם דעכל פון אַן אויטאָמאָביל. איך בין געשטאַנען אָנגעלענט אויף מיינע קוליעס און גענומען ריידן.

— טאָוואַרישטשי! — האָב איך אויסגעשריען אויף דער העכסטער אָקטאַווע, ווענדנדיק זיך צו די זעלנער־רייען — ווער האָט אייך אָהערגעפירט און מיט וועלכן צוועק? וואָס האָט איר אין זינען צו טאָן? ווילט איר דער־טרינקען די רעוואָלוציע אין אייער אייגענעם בלוט און אין דעם בלוט פון אייערע אייגענע ברידער?

אַ שאָס האָט זיך דערהערט. אַ קויל האָט אַ זשום געטאָן איבער מיין קאָפּ, אויסמיידנדיק אים אויף אַ האָר.

אַ קאַוואַלעריע־אָפיציר איז צוגעריטן צום אויטאָמאָביל און מיט אַ פּאָר קרימט שמייכל און מיט שפּיזיקע אָפּשפּעטערישע בליקן אַריינגעשטאָכן אין מיר, האָט ער מיר צוגעשליידערט די פּאָר ווערטער, ניט אַראָפּקריכנדיק פון פערד:

— אייערע רייד זיינען אַרויסגעוואָרפן. מיר האָבן אַהערגעבראַכט אויס־שליסלעך לאַטישן; רוסיש איז פאַר זיי גריכיש; זיי פאַרשטייען ניט קיין איין וואָרט.

אַז איך האָב איינגעזען, אַז דאָס איינציקע געווער, וואָס איך האָב פּרו־בירט צו געברויכן, איז אַרויסגעפאַלן פון מיין האַנט, בין איך אַריין צוריק אין געביידע און אָוועקגעהונקען צו מיין צימער. איך האָב נאָך ניט באַוויזן מיך צוצוזעצן און מע האָט מיר שוין געלאָזט וויסן אַז טאָוואַרישטש פּאַפּאָוו וויל מיך זען.

עס איז אַריין אַ מענטש פון מיטעלן געוואוקס, היפּש ברייטלעך אין די פּלייצעס, אָנגעטאָן אין אַ מאַטראָזן־מונדיר. צוגייענדיק נאָענט צו מיר, האָט ער זיך פאַרגעשטעלט:

— איך בין קאַמעראַד פּאָפּאָוו און אָט איז מיין „מאַנדאַט“. — ער האָט מיר דערלאַנגט אַ אין פירן צענויפגעלייגט שטיקל פּאַפּיר.

איך האָב עס פאַנאַנדערגענומען און איבערגעלייענט איין מאָל און אַ צווייטן מאָל.

דאָס איז געווען אַ מאָגערע, האַרט־געשריבענער, כיטרע־פוקסיש פאַר־פאַסטער דאָקומענט, אונטערגעשריבן פון פעליקס ע. דזשערדזשינסקי. עס איז געווען אַ באַפעל אַרומצורינגלען די הויפּטקוואַרטיר ווי אויך אַלע אַנדערע קלובן פון די אַנאַרכיסטן און פאָדערן פון זיי אַן אומבאַדינגטן אָפּגעב פון געווער. אין פאַל די אַנאַרכיסטן גיבן ניט אָפּ דאָס געווער מיט גוטן, — אָב־

צוואווענדן באוואפנטע געוואלט־מאכט און ארעסטירן אלעמען ווי אויפ־שטענדלער.

— ווער זייט איר? — פרעג איך, מיינענדיק צו וועלכער רעוואלוציאָ־נערער ריכטונג ער געהערט.

ער האט פארשטאנען וואס איך פרעג.

— איך בין א לינקער סאציאליסט־רעוואלוציאנער.

ער האט מיר געענטפערט אין א טאן, וואס איז געווען אנגעלאדן מיט פארדרוס אויף מיר, וואס איך ווייס עס ניט. לויט זיין פארשטענדעניש און מיינונג וועגן זיין פאזיציע, האט זיין נאמען ניט נאר פארדינט, נאר האט טאקע שוין דערגרייכט א ברייטע פאפולאריטעט אין די ראדיקאלע קרייזן, און איך האב אים געדארפט קענען און וויסן ווער ער איז.

— פארשטייט איר ניט, איר לינקע סאציאליסטן־רעוואלוציאנערן, די נידערטרעכטיקייט און פוקסישע טאקטיק פון די באלשעוויקעס, וואס ליגט אין אויסנוצן אייך, ווי א שטעקן, צו שלאגן מיט אים אונדז, און נאכדעם, אז די בלוטיקע ארבעט וועט זיין דורכגעזעצט, וועלן זיי זיך א נעם טאן צו אייך, מיט זייער גאנצער רעזערווירטער ענערגיע, און צעברעכן און צע־דרוזגען אייך, מאכן פון אייך א תל! און זיי וועלן פארבלייבן די איינציקע הערשער. זייט איר אזוי קורצזיכטיק אין פאליטיק, אז איר זעט ניט ווייטער פון אייער נאז. די באלשעוויקעס, אט־די בעלי־תאווהדיקע מאכט־כאפערס, די מאלפעס, טוען נאך ביז צום לעצטן שטריך די גרויסע פראנצויזישע רעוואָ־לוציע פון 1789, און איר, אין א י י ע ר אפגרונטלאזער תמימות, וואס איז א פאר צו ז י י ע ר תהום־טיפער כיטרעקייט, ווערט אויסגענוצט פאר דער ראלע פון דאנטאנען (94־1759) קעגן העבערטן (94־1775) און די הע־בערטיסטן. זיי רייצן אייך אן און שיקן אייך באפאלן אונדז. און ווי נאר איר וועט בלייבן מיט זיי איינס אויף איינס, וועלן זיי זיך ארויפווארפן אויף אייך, צעבייסן און צערייסן אייך, אויפפרעסן אייך און אייערע פלייש און ביינער.

איך האב פארענדיקט מיין אביסל לענגלעכע טיראדע אויף א הויכער אקטאווע, אן אויפגעצארנטער, א צעפלאמטער, און איך האב צוגעגעבן אנ־קוקנדיק פאפאוון מיט רוגזא און פאראכטונג, נעמענדיק אים, אין דעם מאָ־מענט, כביכול, פאר דעם הויפט־פירער פון די לינקע ס. ר. און אויסגיסנדיק אויף אים מיין גרימצארן:

— אזא פשוטן באלשעוויסטישן צוג באנעמט איר ניט! זייט איר אזעל־כע טעמפע מוחות!

פאפאוו איז א ווילע געבליבן זיצן פארקלערט. ער האט מיר ארייגגע־קוקט אין די אויגן מיט אזא ארייגדרינגלעכקייט, ווי ער וואלט געהאט אין דעם אויגנבליק א גוט־מיינענדיקן פארלאנג ארייגצוקריכן דורך מיינע אויגנ־לעכער ווייט אין מיין שארבן און זיך דערקלייבן צום סאמע מוח, אזוי ארום דערטאפן מיין שכל און אפמעסטן זיין טיפקייט, און בזה־האופן אויסגעפינען די פארהוילענע כוונות, וואס שטעקן הינטער מיין היסטארישן אויספארש און

פֿאַרויסזאָג. ער האָט געשוויגן אַ פּאָר מינוט, דערנאָך האָט ער מיר געענט־פֿערט אין אַ הייזעריקער שטים:

— איך פֿאַרשטיי אייך ניט; די טאָוואַרישטשעס זאַק און אַלעקסנאַדראָ־וויטש, ביידע וויצע־פּרעזידענטן פֿון דער טשעקאַ און פּראָמינענטע מיטגלי־דער פֿון דער פּאַרטיי, האָבן גוטגעהייסן דידאָזיקע פֿאַראָרדענונג; אויך אונ־דזער צענטראַלקאָמיטעט האָט עס באַשטעטיקט. נאָך אַלעמען, איך בין בלויז דער אָרעם, ניט דער מאָרך. איך בין געקומען אויספֿירן אַ באַפֿעל און איר זייט מיך מכבד מיט אַ לעקציע וועגן דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע.

די לעצטע פּאָר ווערטער האָט ער אויסגעברומט אין אונטערטענער. ער האָט וואַרשיינלעך אַליין געשפּירט, אַז עס פּאַסט גאָר ניט דורכצוציען אַזאַ דעמאַרקאַציע־ליניע צווישן דעם לעגיסלאַטיוון אַריסטאָקראַטישן אָרגאַן, דעם מאַרך, און דעם דעמאָקראַטישן עקזעקוטיוו, דעם אָרעם, אַן אַקט פֿון סעפּ־פּאַראַציע, וואָס האָט געשמעקט מיט אומפּאַרצייַלעכער אָפּנויגלערײַ אין אַ צייט, ווען דער אַנגענומענער קרעדאָ זאָגט בפּירוש, אַז ווער עס איז געווען דער לעצטער, וועט ווערן דער ערשטער און געהירן און מוסקול דאַרפֿן זיך פֿאַרשמעלצן.

— טאָוואַרישטש פּאָפּאָוו, — האָב איך פּרובירט צו אַנטוויקלען ווײַ־טער מיין אַרגומענטאַציע און איך האָב באַטאָנט דאָס וואָרט „טאָוואַרישטש“ מיט אַן אָפּשפּעטערישן און סאַרקאַסטישן טאָן. ער האָט מיר אָבער איבער־געהאַקט גלייך ביי די ערשטע פּאָר ווערטער.

— עס איז ניטאָ קיין צייט, — האָט פּאָפּאָוו ארויסגעברומט, פֿאַרלירנ־דיק געדולד, — איך גיב אייך צען מינוט זיך צו איבערלייגן; דערנאָך קריגט איר צוואַנציק מינוט, אין משך פֿון וועלכע איר דאַרפֿט אָפּגעבן דאָס געווער, וואָס געפֿינט זיך אין אייער הויפּטקוואַרטיר, אָדער איך וועל זיין געצוואונ־גען צו האַנדלען לויט די פֿאַראָרדענונגען, וואָס איך האָב געקראָגן.

ער האָט ניט געוואָלט זיך אַריינלאָזן מיט מיר אין די הויכע דרכים פֿון היסטאָריאָסאָפֿיע. ער איז געווען ניט ערגער, ווי איך פֿאַרשטיי, פֿון די אַנ־דערע מיטגלידער פֿון די אַזוי גערופֿענע ראַדיקאַל־רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, וואָס זיינען אַלע געבויט ווי פּיראַמידן, האַלטן זיך אויף אַ יעראַרכיע, פֿאַר־מאָגן אַ שפּיץ, וועלכן עס פֿאַרנעמט דער אומפֿעלערהאַפֿטער, קיין מאָל קיין טעות־מאַכנדיקער צענטראַלקאָמיטעט. פּאָפּאָוו איז געווען געשולט און אויס־געדרעסירט ווי דער דורכשניטלעכער פּאַרטיי־זעלנער, וואָס רופֿט זיך מיטן גרויסן נאָמען „רעוואָלוציאָנער“, און איז באמת אַ דאָגמאַטיזירטער, מעכאַ־ניזירטער און דיסציפּלינירטער רוטיניאַר, אין קיין פֿאַל ניט מער אומאָפּ־הענגיק אין זיינע האַנדלונגען ווי אַ סאָלדאַט אין אַ קאָנסקריפּטיווער רעגו־לערער אַרמיי.

— געדענקט מיינע לעצטע ווערטער! איר גראָבט אַ גרוב פֿאַר אונדז, אָבער אָט־דער גרוב וועט גאַנץ גיך ווערן אַ קבר פֿאַר אייך, מיינענדיק אייער פּאַרטיי! — האָב איך אויסגעשריען פֿאַרצווייפֿלט, איינזעענדיק, אַז מיט מיין ריידן און אורטיילן וועל איך דאָ גאָרניט קענען אויפֿטאָן; די זעלנער זייבען

לאַטישן; זיי פאַרשטייען ניט קיין רוסיש, און פּאַפּאָוו, וואָס פאַרשטייט יאָ רוסיש, איז צו טעמפּ און צו געהאַרכזאַם צו זיינע פירער, אַז ער זאָל זיך קענען דערלויבן צו פאַרשטיין, וואָס עס רעדט צו אים אַ מענטש פון אַן אַנ־דער לאַגער.

— איך בין אונטער פאַראַרדענונגען; איך מוז אויספירן די באַפעלן פון זיי, וואָס שטייען איבער מיר אין אמת ווי אויך אין דער פּאַרטיי! — האָט פּאַפּאָוו אָפּגעענטפערט, זיך אַ קער טוענדיק צו די דערביי־שטייענדיקע קאַ־מעראַדן און פאַרבעטנדיק זיי, מיט הוילער פאַנטאָמימיק, זיי זאָלן אים באַ־הילפיק זיין און לייכטער מאַכן זיין לאַסט, ווי ער וואָלט אַן ווערטער גע־זאָגט: איר פאָלגט אייער פירער, פּונקט אַזוי בין איך מחויב צו פאָלגן מיינע פירערס און אויבערערס.

— אָט־דער טאָג, דער 13טער אַפּריל 1918, וועט אַריין אין דער גע־שיכטע. ער וועט באַשרייבן אונדז ווי מאַרטירער, די באָלשעוויקעס ווי אָפּ־נאַרער און פאַררעטער, און אייך, די „לינקע־סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן“ אין געגנדזנפּיסלעך, ווי שוטים, ווי פּתאים, וואָס האָבן געטאָן פאַר די באָל־שעוויקעס די שמוציקסטע אַרבעט און דערמיט זיך פאַרצויגן די פּעטליע אויף זייער אייגענעם האַלדז...

— איר גיט אָפּ דאָס געווער אָדער איך מוז גלייך אָנפאַנגען, — האָט פּאַפּאָוו זיך צעשריען אַן אָנגעצונדענער. מיינע לעצטע ווערטער האָבן אים ניט אַזוי באַליידיקט ווי וויי געטאָן. ער האָט בלינד־טאַפּנדיק דערפילט אין זיי אַ פאַרויסזאָג וועגן זיין אייגענעם אומקום, דערפילט, אָבער עס ניט פאַר־שטאַנען און געוואָלט זיך ניט ווילנדיק מאַכן פון דעם און עס פאַרשרייען.

— דער ערשטער און דריטער שטאָק איז פאַרנומען פון אונדז, אָבער אויפן צווייטן עטאַזש געפינט זיך אַ לאַזאַרעט, וואָס איז פול צו קאַפּאַציטעט מיט פאַרקריפּלטע אַרבעטער און פויערים, קרבנות פון דער מלחמה און פון בירגער־קריג, וואָס איז פאַרגעקומען אויף די גאַסן אין מאָסקווע. וועט איר וואַגן צו באָמבאַרדירן דאָס הויז? וועט איר באַגיין אַזאַ גרויזאַם אוממענטש־לעך פאַרברעכן, וואָס אפילו די דייטשן וואָלטן זיך ניט דערלויבט צו טאָן אין אַ פרעמדן דעראָבערטן לאַנד? וועט איר זיך דערוועגן טאָן עס אין סאַמע האַרץ פון מאָסקווע?! — איך בין געווען אויסער זיך מיט אַנטריסטונג.

— אויב איר, טאָוואַרישטש גאַרדין, האָט מיטלייד מיט די פאַרקריפּל־טע און איר זייט גערירט און דורכגענומען מיט מענטשנליבנדיקע געפילן, אויב איר זייט אַזוי גוטהאַרציק, אַ רך־לבֿ, איז פאַרוואָס הייסט איר ניט אָפּ־געבן דאָס געווער? אויב איר קענט זיין אַן אכזר, פאַרוואָס קענען מיר ניט?! — האָט ער פאַרענדיקט מיט אַן אָפּלאַכערישן טאָן.

— באַגרייפט איר ניט, אַז דאָס הויז איז אַ שפּיטאָל און די פאַן פון רויטן קרייץ פלאַטערט איבער אים? קענט איר זיין אַזוי ברוטאַל, ווי צו פּרובירן נעמען עס מיט שטורעם?

— קיין שום איינזעענישן און אַגיטאַציע־רעדעס קענען מיך ניט מאַכן אָפּגייגן אויף אַ האָר פון פּינקטלעך און גענוי דורכפירן די אינסטרוקציעס.

וואָס איך האָב געקראָגן; און דאָרט שטייט דייטלעך, צו געברויכן באַוואָפנטע מאַכט. און אויף וואָס האָבן מיר אַהער געבראַכט די שווערע אַרטילעריע?
— באַמערקט פּאַפּאָוו מיט אַ פאַרזוך זיך אַ וויצל צו טאָן.

— איך וועל צופאָרן אין מאָסקווער סאָוויעט און אויסגעפינען, וואָס דאָ טוט זיך. עס וועט מיר נעמען ניט מער פון אַ פערטל שעה.

— זייער גוט. דאָס געפעלט מיר. אָבער זאַמט זיך ניט. מיר קענען ניט האַלטן די זעלנער אומטעטיק צו לאַנג. מיר זיינען געקומען אַהער דורכצופירן אַ באַשטימטע אויפגאַבע און איר אונטערהאַלט אונדז מיט ריידערייַ און חקירות, — האָט פּאַפּאָוו אָפּגעענטפערט אין אַ שניידנדיקער שטים.

— זייט אַזוי גוט, — האָב איך זיך געווענדט צו כאַדונאָוון, — בעת דעם סיביריאַק צופאָרן מיטן אויטאָמאָביל צום הינטערשטן אַרויסגאַנג.

חבר כאַדונאָוו איז גלייך אַוועק אויספילן מיין בקשה.

איך האָב זיך געלאָזט שפּאַנען אויף די קוליעס איבערן קאָרידאָר צו דער הינטערשטער טיר. אויפן האַלבן וועג האָט מיך כאַדונאָוו אָפּגעשטעלט.

— ניטאָ צוליב וואָס צו פאָרן. דער אויסוואורף האָט אָפּגעגעבן אַ באַפעל צו באָמבאַרדירן די הויפּטקוואַרטיר.

אַ פאַרטויבנדיקער קנאַל פון אַ האַרמאַט־אויסשאָס האָט באַשטעטיקט כאַדונאָווס רייד. אַ צווייטער טראַך האָט נאָכגעפאָלגט. נאָך אַ קורצער פּויזע האָט זיך דערהערט אַ דונערנדיקער קראַך און די געביידע האָט אויפגעציטערט ביז צו איר פונדאַמענט. אַ שלל פון הוילנדיקע דונערן האָבן זיך ווי אַרויסגעריסן פון דער טיפעניש פון דער ערד און זיי האָבן זיך געקוילערט און געברומט אין די געדערים פון די קעלערן.

— מע האָט געוואָרפן אַ באָמבע! — האָט פּאַפּאָוו זיך צעגוואַלדעוועט, אַריינשטורעמענדיק אין קאָרידאָר וואו איך בין געשטאַנען.

— פאַרוואָס האָט איר אָנגעפאַנגען צו באָמבאַרדירן אָן אַ וואָרענונג און נאָך דעם ווי איר האָט צוגעזאָגט צו וואַרטן אַ פערטל שעה, ביז איך קום צוריק פון מאָסקווער סאָוויעט! אַ שאַנדע און אַ חרפּה! וואו איז אייער רעוואָלוציאָנעריש וואָרט און רעוואָלוציאָנעריש געוויסן!

— איינער פון אייערע האָט געוואָרפן אַ באָמבע, וואָס האָט עקספּלאָדירט אין מיטן פון אונדזער אַרטילעריע, און זיי האָבן אָנגעהויבן צו באָמבאַרדירן, ניט וואַרטנדיק אויף מיין באַפעל. אַזוי אויפגעקאָכט זיינען זיי געוואָרן. זיי האָבן דערזען דעם טויט פאַר די אויגן. זיי זיינען ווילד געוואָרן.

ריידנדיק האָט פּאַפּאָוו אַוועקגעקערט די אויגן, זיך אויסגעדרייט צו פאַרבאַהאַלטן דעם שעלמישן אויסדרוק אויף זיין פּנים, דעם כיטרען שמייכעלע און דאָס אויגנפינטלען. זיי האָבן אַלע קאָמבינירט אים צו פאַרמסרן ווי אַן אומפאַרשעמטן ליגנער.

אין דעם מאָמענט איז דער דורכגאַנג אָנגעפילט געוואָרן מיט אינוואַלידן. זיי האָבן זיך געלאָזט גיין. אייניקע אויף קוליעס, אַנדערע האָט מען געטראָגן אויף פעלדבעטלעך, אַנדערע האָבן פריינט געטראָגן אין די אָרעמס און אַנדערע האָבן געפּויזשעט, זיך געשאַרט אויף די בייכער. יללות און גע־

וואַלדן, האַרץ־ברעכנדיקע און אויערן־שפּאַלטנדיקע האָבן אַראָפּגעפּלייצט פון צווייטן שטאָק. די צום בעט־צוגעשמידטע חולאים האָבן אין פּאַניק געררופן נאָך הילף, זיך געבעטן, מע זאָל זיך דערבאַרימען איבער זייערע צעמזיקטע לעבנס, אָן וועלכע זיי האָבן זיך געקלאַמערט מיט די לעצטע כוחות, און האָבן באַשיצט זיי מיט דעם איינציקן געווער, וואָס זיי האָבן נאָך פאַרמאָגט, — זייערע הייזעריקע שטימען.

— שטעל אָפּ די באָמבאַרדירונג!... מיר גיבן אָפּ דאָס געווער! — האָב איך געשריען צו פּאָפּאָוון אַזוי הויך ווי מײַנע לונגען און מײַן וואָקאַלער אינסטרומענט האָבן דערלויבט. איך האָב זיך געפּלייסט אַריבערצושרײַען דעם קלאַנגען־אוראַגאַן, וואָס האָט געבושעוועט אין דער געביידע, געשמיסן אירע געוועלבן און אָפּגעהילכט אין די פּאַדוואַלן.

פּאָפּאָוו האָט אָוועקגעאײַלט צום פּאָדערשטן אַרײַנגאַנג.

איך בין אַרײַן אין מײַן צימער. אָן אויסגעשעפּטער בין איך שיער ניט אַנידערגעפאַלן אויף דער סאָפע. איך בין געווען דערשלאָגן פון די מעשים־תעתועים פון די „טאָוואַרישטשעס", ביי וועמען אַלץ איז רעכט, אַפילו באָמבאַרדירן אַ שפּיטאָל, וואָס איז אָנגעפּילט מיט פאַרוואונדעטע, וואָס געהערן צום אַרבעטער־קלאַס און וואָס האָבן מיט אַ קאַרגן האַלבן יאָר צוריק געקעמפט פאַר זיי אין די גאַסן מיט געווער אין די הענט, איינשטעלנדיק דאָס אייגענע לעבן און באַצאָלנדיק אַ פּרייז אין בלוט און קערפּער־גלידער...

3

אַרעסטירט

ווי נאָר דאָס געווער איז אָוועקגעגעבן געוואָרן, פאַרשריבן געוואָרן געטויטע, וויפל רעוואָלווערן, וויפל קוילנטאַשמעס, וויפל קוילנוואַרפערס און צוגענומען, אָפּגעטראָגן און אָפּגעפירט געוואָרן אויף אַ לאַסט־אויטאָ אין דער טשעקאַ אויף ליוביאַנקע, אַזוי גלייך האָט טאָוואַרישטש פּאָפּאָוו דערקלערט, אַז מיר אַלע, וואָס געפינען זיך אין דעם „הויז פון אַנאַרכיע", זײַנען אונטער אַרעסט; לאַסט־אויטאָמאָבילן שטייען צוגעגרייטע אָפּצופירן דעם גאַנצן היפּשן עולם און אויף מיר וואַרט אַן אויטאָמאָביל.

ער האָט פאַרשטיקט אַ ציניש געלעכטערל אויף מײַן חשבון, ווי איינער זאָגט: יאָ, איר ווייסט, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין פראַנקרייך בעת דער רעוואָלוציע; איר ווייסט וואָס עס וועט פאָרקומען; איר זאָגט נביאות, אָבער וואָס עס קומט פאָר איצט — ווייסט איר ניט, — ער האָט געהאַט אַרויפגעצויגן אויפן פּנים אַ שטאָל־אָפּגעגאָסענע האַרטקייט.

ער האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— קומט אַלע, אַלע! — זײַן שטים איז געווען הייזעריק, ווי אַ זויערע אוגערקע; זײַן מאַניער — אַרויסרופנדיק און וואויליוגעריש־גראָב. ער איז אומישנע חמיש, שטרענג און געביטעריש. ער האָט מיט זײַן האַלטן זיך גע־

וואָלט אַרויסוויזן זיין פּאַראַכט צו די באַזיגטע, הילפלאָזע קרבנות. זייער געוועזער פאַר שוץ און אָנגריף איז צוגענומען, און אַן געווער, מענטשן אַליין — וואָס פאַר אַ ווערט האָבן זיי אין אַזאַ טומלדיקער צייט! אין זייערע אויגן האָבן מיר פאַרלאָרן אונדזער עצם מהות.

— אונטער אַרעסט? — איך בין געווען דערשטוינט. — וואָס איז עס? אַ פרישער סורפּריז! — איך בין געווען אויפגעטרייסלט: עס איז גאָר קיין גרונט ניטאָ צו זייער פאַלשקייט און אָפּנאַרערישקייט, און דאָס נאָכדעם ווי מיר האָבן אָפּגעגעבן אונדזער געווער פרידלעך, אָן קיין שום ווידערשטאַנד! וואָס טוט זיך דאָ? די פאַראָרדענונג אונטערגעשריבן פון פ. ע. דזשערדזשינסקין איז דאָך קלאָר בנוגע דעם פּונקט.

— איך האָב נאָרוואָס געקראָגן אַ צווייטע פאַראָרדענונג, — האָט פּאַפּאָוו זיך קלאָמפּערשט פאַרענטפערט און האָט מיט אַלע כוחות זיך איינגעהאַלטן פון צעלאַכן זיך אין מיין פּנים פאַר מיין נאַאיוויטעט, וואָס כ׳האָב ניט פאַרדעכטיקט, אַז ער האָט געהאַט מיט זיך צוויי פאַראָרדענונגען. איינע, די „ווייכערע״, האָט ער געדאַרפט ווייזן צוערשט, כדי דעם שונא זאָל זיין לייכטער זיך צו אַנטשיידן אָפּצוגעבן דאָס געווער; דאָס איז געווען דער ערשטער צוג פון דעם שפּיל. איצטער קומט דער צווייטער. דאָס וועט ברענגען דעם פיינט צו אַ זיכערער נידערלאַגע און אינגאַנצן אָן ריזיקע פאַר דער טשעקאַ־חברותא.

איך וואָלט ניט וועלן, אַז דער לייענער זאָל בלייבן אונטערן פאַלשן איינדרוק, אַז מיינע רייד האָבן ניט געהאַט קיין שום ווירקונג אויף פּאָפּאָוון.

יאָ, זיי האָבן ניט געווירקט גלייך אויף דער שטעל, אַזוי אַז ער זאָל מעיז זיין אָפּצואווייכן פון די באַשלוסן פון זיין לינקער ס. ר. פּאַרטיי און פון די פאַראָרדענונגען פון דעם הויפּט פון טשעקאַ, דזשערדזשינסקי, ביי וועמען ער, ווי אַן אַגענט פון טשעקאַ, האָט געאַרבעט. דאָס ניט.

מיינע ווערטער האָבן אָבער געגעבערט אין זיין שטיינערנעם מוח און אים דורכגעלעכערט אין דער בחינה פון „אבנים שחקו מים״, אַ לערע איז געגליכן צו וואַסער און מענטשלעכע טעמפּקייט צו שטיינער. און דאָס וואַסער, טריפנדיק טראָפּן נאָך טראָפּן, עסט דורך אַ שטיין.

ער איז געוואָרן, מיט עטלעכע חדשים שפּעטער, אַן אַנאַרכיסט און אַלס אַזעלכער איז ער אַרעסטירט און דערשאָסן געוואָרן. פּאָפּאָוו, וואָס האָט געהאָלפן אַנטוואָפענען און דערנאָך אַרעסטירן די אַנאַרכיסטן, איז אומגעקומען ווי אַן אַנאַרכיסט! ווי אומגלויבלעך! עס דערמאָנט מיר די מעשה פון די „עשרה הרוגי מלכות״, דעם לעגענדאַרן עפּיזאָד וועגן דעם הענקער פון דעם מאַרטירער רבי חנינה בן תרדיון. ער האָט געזען די אָפּפער־גרייטקייט און שטאַנדהאַפטיקייט פון זיין קרבן און ער איז באַקערט געוואָרן צו דעם קדושס איבערצייגונגען און גלויבן: ער איז אַליין אַריינגעשפּרונגען אין פייער און איז פאַרברענט געוואָרן...

איך האָב זיך געלאָזט צו דער פאָדערשטער טיר.

— אָט דאָס מיינט קאַמעראַדעריי, — האָט כאַדונאָוו גערעדט ווי צו

זיך אַליין, — די זיסינקע ריידעלעך פון אַ מיטגליד פון מאָסקווער סאָוויעט־פּרעזידיום און זיין דעקלאַמירן, אַז צווישן אונדז עקזיסטירן די פּריינטלעכ־סטע באַציאונגען, האָבן נאָר־וואָס אָפּגעהילכט אין דער רואיקער נאַכט־לופט און מיר געפינען זיך שוין אין זייערע אָרעמס און ווערן שיער ניט דער־שטיקט אין זייערע האַריקע לאַפּעס. ביי אָרנטלעכע צוטרויפאַרדינערישע מענטשן האַלט זיך די האַנט פון דער האַנדלונג ביי דער סאַמע פּיענטע פון וואָרט...

— און דער פינאַל, אויב דאָס איז שוין דער פינאַל, דאָס אָפּפירן אונדז איז געפענגעניש — איז אַ געניאַלער איינפאַל. מע קען ניט לייקענען: די באָלשעוויקעס באַזיצן אַ געניוס פאַר פאַררעטערישקייט, — האָט באַמערקט „קאַווקאַזעץ“.

שטייענדיק אויפן טראָטואַר פאַרן קלוב האָב איך אַ צווייטן מאָל אָב־זערווירט דאָס שלאַכטפעלד. אַלע גאַסן, וואָס פירן צו מאַלאַיאַ דמיטראָווקאַ, זיינען געווען פאַרפּלייצט מיט זעלנער. דער ליידנשאַפט־פּלאַץ האָט אויסגע־זען ווי אַ שטורמישער ים פון חיילות.

איך מאַך אַ צווייטן פאַרזוך צו אַפּעלירן צו זייער רעוואָלוציאָנערן פאַר־שטאַנד און געוויסן: דאָס מאָל ווענד איך זיך צו די אָפיצערן, וואָס פאַר־שטייען רוסיש:

— אָפיצערן, ברידער, פאַרשטייט איר ניט, אַז איר ווערט אויסגענוצט פאַר אַ צוועק, וואָס גייט קעגן אייערע אייגענע אינטערעסן! וואָס טוט איר? ווילט איר שפּילן אונטער די באָלשעוויקעס די ראָלע, וואָס די קאָזאַקן האָבן געשפּילט אונטערן צאַר און ווערן פאַרהאַסט און פאַראַכט פון גאַנצן רוסישן פאָלק? — מיט די ווערטער האָב איך אָנגעהויבן מיין ווענדונג צו זיי, שטייענ־דיק לעבן אויטאָמאָביל וואָס האָט מיך געדאַרפט אָפּפירן... וואוהין? — דאָס האָב איך געגוי ניט געוואוסט; מסתמא אין טשעקאַ.

אַ לעטישער אָפיצער איז מיט איין שפּרונג שוין געשטאַנען לעבן מיר און האָט אַ פאַכע־געטאָן מיט זיין בלויזער שווערד איבער מיין קאָפּ. כאַדר־נאַוו האָט אַרויסגעשלאָגן פון זיין האַנט די שווערד; ער, אַן אויפגעקאָכטער, האָט אַרויסגעכאַפּט זיין רעוואָלווער און אים אָנגעשטעלט אויף מיר. פּאַפּאַוו האָט אים ראַפּטאָם אָפּגעשטעלט.

— זעט איר ניט, אַז ער איז אַ קריפּל? ער איז דאָך אַ פאַרוואונדעטער פון די יונקערס. זיין פוס איז דורכגעשאָסן. דאָס האָט פּאַסירט בשעתן פאַר־נעמען מאָסקווע, אין דעם ערשטן טאָג פון דער אָקטאָבער־איבערקערעניש. האָט איר גאָר קיין איינזעעניש ניט מיט אַן אינוואַליד פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע! — האָט זיך פּאַפּאָוו צעשריען, אַ טופּע טוענדיק מיט זיין הויך באַשטיוולטן פוס אויף די שטיינער פון דעם גאַס־זוים מיט אַזאַ קראַפט, אַז מ׳האָט געקאָנט גריילעך מיינען, אַז ער וויל אַרויסשלאָגן פון זיי פונקען.

מע האָט מיך אַריינגעזעצט אין אויטאָמאָביל. דער טרייבער האָט אַ בלאָז געטאָן דעם האָרן און דער אויטאָ האָט זיך אַ באַוועג געטאָן פון אָרט מיט גרויס אימפּעט.

לעטישע זעלנער מיט ביקסן, אויף וועלכע ס׳זיינען געווען אַרויפגעזעצט באַיאָנעטן און טשעקיסטן מיט רעוואָלווערן אין די הענט האָבן צוזאַמענגעשטעלט מיין באַגלייט־סוויטע. אייניקע זיינען געווען אויף פערד און האָבן געריטן פון ביידע זייטן אויטאָמאָביל; אַנדערע זיינען געפאָרן מיט מיר שטייענדיק אויף די אַרויפטרעט־ברעטער און אַנדערע האָבן זיך אַרויפגעליעפּעט אויף די אויטאָ־פליגלען.

די מאָסקווער גאַסן זיינען נאָך געווען שלעפעריק, נאָך ניט פונאַנדערגעטשוכעט. פאַרבייאיילנדיקע פרי־אויפשטייערס, צופוסגייערס, האָבן זיך אָפּגעשטעלט האַלב־דערשראָקענע. זיי האָבן געקוקט פאַרוואונדערט אויף דעם אויטאָ מיט זיין שרעק־אַנוואַרפנדיקער באַגלייטערשאַפט. זיי האָבן אויך פאַר איין אויגנבליק אָבזערווירט די באַוועגונגען פון דער אַרטילעריע, פון די האַרמאַטן, וואָס האָבן מיט אַ טראַסק זיך פאַרבייגעקאַלערט. זייערע גרויסע רעדער האָבן זיך אָפּגעשלאָגן מיט אַ רוישיקער געקלאַפּעריי אָן דעם צעפאָרענעם, דאָ און דאָרט אויסגעקאַלופּעטן, ברוק. די באַאָבאַכטער זיינען געשטאַנען אַ ווײַלע ווי פאַרגליווערט פון דערשטוינונג. דערנאָך, ווי זיך „באַרואיקט“ מיט דעם געדאַנק, אַז מסתמא גרייט מען זיך צו אַ געשלעג אין די גאַסן, האָבן זיי זיך געלאָזט גיין שנעל, רודערנדיק מיט זייערע הענט ווי מיט וויאָסלעס און צושאָקלענדיק מיט די קעפּ אויף אַזאַ טשיקאַווען אופן, ווי זיי וואָלטן זיך געהאַט געשאַפן די אילוזיע, אַז דאָס איז ניט קיין מענטשלעכער קאָפּ, נאָר עפּעס אַ רודער פון אַן אויסטערלישן שיפל. בשעת מעשה האָבן פאַניקישע געדאַנקען דורכגעשטראָמט דורך זייערע מוחות, געדאַנקען, וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויזן דורך זייער גאַנצן צעפּחדטן מהות, וואָס האָט זיך געשראָקן פאַרן אייגענעם שאָטן, וואָס האָט עפּעס ווי מורא געהאַט זיי צו באַגלייטן, אַזאַ פאַניק־שטימונג האָבן זיי פאַרשפּרייט אין זיך און אַרום זיך. זייערע טריט האָבן זיי פאַרשנעלערט, וועלנדיק אַנטלויפן וואָס ווייטער פון אָט־די סכנת־נפשותדיקע ערטער און חיות־ניט־זיכערע געשעענישן, וואָס האָגלען אָן אָן אויפהער אויף זיי, אומשולדיקע אומפּאָליטישע אומפּאַרטייאישע בירגער, זינט עס איז אַוועק דער „פאָטערל צאַר“ און עס זיינען געקומען די טאָוואַרישטשעס, די אומפאָטערלעכע גרויזאַמע צאַרעלעך...

דער פרימאָרגן איז געווען נעפלדיק, די לופט אומפריינטלעך קיל; וואָס נעענטער מיר זיינען צוגעקומען צו מאָסקווע־טייך, אַלץ פייכטער און האָספּולער זיינען געוואָרן די ווינטצוגן און אַלץ כמורנער געדיכטער איז געווען דער נעפּל.

דער אויטאָמאָביל איז געלאָפן פאַזע דער קרעמל־מויער־וואַנט. ער האָט זיך אדורכגעקוועטשט דורך אַ טויער און האָט זיך לסוף אָפּגעשטעלט פאַר אַן אַנגעכמאַרעט־אַנגעכמורעטער, אומגעלומפּערט־שטייענדיקער, שווערלייביקער געביידע.

אַרום אָט־דער געביידע, צעוואָרפן איבערן גאַנצן היפּש־ברייטן שטח, זיינען געשטאַנען קופּקעלעך מענטשן אַרומגערינגלט מיט טשעקאַ־אַגענטן.

דאָס זיינען געווען אַלע די, וואָס מע האָט פאַרהאַלטן אין אָט־דער פאַטאַלער נאַכט פון 12טן אַפּריל.

איך בין אַרויסגעשטיגן.

— איבער צוויי טויזנט אַרעסטירטע! — האָט כאַדונאָוו אַ שעפּטשע געטאָן צו מיר און האָט פאַרביילט זיינע פויסטן אין צאָרן; — דאָס איז אַ כוח, וואָס איז געווען גענוג מעכטיק צו פאַרנעמען די שטאָט, אנשטאָט צו קאַפּיטולירן אָן איין שאָס. אָט־דעם דינאַמישן ווילן צו פרייהייט אנשטאָט צו שטעלן אים אַנטקעגן דער מאַכט־תאווה פון די קאָמיסאַרן, האָבן מיר געלאָזט ליגן אומאויסגענוצט, אומאַקטיוו, ביז צום פאַרראָסט ווערן. און אָט איז דער פּועל־יוצא פון דעם אַלעם: מיר שטייען הילפלאָזע, אומבאַוואָפנטע קעגן דער טשעקאַ מיט אירע אויסגעשטרעקטע און אָנגעגליטע אייזערנע מולך־לאַפּעס.

כאַדונאָוו האָט זיך געפּרעגלט אויפן פייער פון זעלבסטפאַרוואורף און האָט געריכט די אָפּבריענדיקע דאַמף־שטראָמען פון באַשולדיקונגען צו זיין אייגענעם האַרצן.

— אַז מע האָט צו טאָן מיט אַוואַנטוריסטן, מוז מען האַנדלען אַוואַנטוריסטיש; דאָס איז אַן עלעמענטאַרע רעגל. איז פאַרוואָס האָבן מיר אַזוי ניט געהאַנדלט? — ער איז געווען מלא־חמה אויף זיך, אויף די אַרבעטער־חברים. איך בין געווען ריינגעוואַשן פון יעדן שפּרינקעלע באַשולדיקונג אין דעם בלוט פון מיינע וואונדן. די מילדערנדיקע אומשטענדן זיינען געווען מיין אינוואַלידישקייט.

דער עולם אַרעסטירטע, דערזעענדיק מיך אַן אַרעסטירטן צווישן זיי, האָט זיך דערפרייט, ווי אַ גאַלוואַנישער שטראָם וואָלט זיי אדורכגענומען. זיי האָבן אַרויסגעגעבן דריי יובל־אויפשאַלונגען. די גאָר נאָענטע פריינט, די מקורבים, זיינען צוגעקומען און געדריקט מיר די האַנט.

— אַזוי ווי איר זייט צווישן אונדז, פילן מיר זיך אַביסל זיכערער. מע האָט אונדז באַפאַלן אין מיטן דער נאַכט. דער איבערפאַל איז געווען לגמרי אומדערוואַרט.

אייניקע האָבן עס געזאָגט מיט ווערטער, אַנדערע בלויז מיט זייערע בליקן.

לאַסטאויטאָמאָבילן האָבן נאָך אַלץ געהאַלטן אין אָנקומען איינער נאָכן אַנדערן. אַלע זיינען געווען אָנגעפּילט מיט אַנאַרכיסטן, איבערגעשפּרינקלט דאָ און דאָרט מיט אַ פּאָר טראָפּנס באַנדיטן, פאַרברעכערס, וואָס מע האָט ספּעציעל פאַר דער געלעגנהייט אַרויסגענומען פון די געפּענגענישן, כדי מיט זיי צו באַזאַלצן און באַפּעפערן די אַנאַרכיסטן און אַזוי אַרום שאַפן אַן אויס־רייד פאַר דעם ביינאַכטיקן איבערפאַל און צוגעבן אַ האָר וואַרשיינלעכקייט צו דער באַהויפּטונג פון דער טשעקאַ און דער באַלשעוויסטישער פאַרטיי, אַז „מיר באַקעמפן ניט אונדזערע פּאָליטישע קעגנער; מיר רייניקן זיי בלויז אָפּ פון דעם פסולת, פון די אומגעוואונטשענע עלעמענטן, וואָס זיינען צוגע־שטאַנען צו זיי און האָבן מיסברויכט זייער נאָמען און באַפלעקט זייער פאָן״.

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף די שטיינערנע טרעפּלעך, וואָס האָבן אַרויפגעפירט צו דער מאַסיווער ברייטער מיט אייזן־באַשלאָגענער טיר, וואָס איז געווען פאַרשלאָסן און פאַרריגלט. פון דער הויכקייט האָב איך געזען דעם טייך און זאַמאָסקווערעטשיע, ליגנדיק אויף דער אַנדערער זייט פון טייך. עס האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ געמיש פון דורכפאָר־גאַסן און געסלעך באַזוימטע פון ביידע זייטן מיט הייזער, קראָמען און וואַרשטאַטן. גרויסע פאַרסאַזשעטע אומגעהויערס־פאַבריקן האָבן געטורעמט איבער זיי, ווי אין אַ וואַלד, ביימער איבער שוועמלעך. זייערע קוימענס, שטייפע, גיגאַנטישע פינגער, האָבן געטייטלט צום הימל מיט אַ מיסטעריעזן באַטייט און כאָטש זיי זיינען געווען אומבאַוועגלעך, האָבן זיי דאָך געהאַלטן אין איין ציכענען, מיט רויך־טינט, יעראָגליפן אויף דעם גרויען פאַרמעט פון פאַרוואָלקנטן הימל.

איך האָב געקוקט אויף דער פּאַנאָראַמע, געלייענט די פאַרשריבענע יריעה, דעשיפרירט דעם נסתרדיקן טעקסט און אים פאַרטייטשט אויף אונדזער סאָציאַל־פּאָליטישן לשון.

אָט־דער אַרויפהויב, וואָס איז באַשטיגן מיט דער דאָזיקער קרעמל־פעסטונג, האָט געוועלטיקט איבער דער שטאָט און איר באַפעלקערונג האָט ער שיער ניט צעטראָטן. דאָ איז דער טייך, וואָס האָט ווי מיט אַ שווערד פון מאַטאָוון שטאָל צעשניטן מאָסקווע אינצווייען. און אַדאַנק אָט־דער צעשניידונג און צעטיילונג און דער שנאה, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין שטענדיקן בלעזלען צווישן אָט־די צוויי העלפטן — איז דער קרעמל דערהויבן געוואָרן און דער צאַרטום האָט געדייט, פעט געוואָרן, פאַשענדיק זיך אויף דעם פלייש און קנאָכנמאַרך פון די, וואָס זיינען פאַרשניטן געוואָרן אויף די שלאַכט־פעלדער פון אַ בירגערקריג, וואָס האָט געבושעוועט אָן אויפהער, אָן איבעררייס צווישן די צוויי צדדים פון דער באַפעלקערונג: די האָרעפּאַשנע לייב־אייגענע און די הערשנדיקע איידל־לייט. זייער אַלגעמיינער שונא, דער צאַר, האָט פאַרשקלאַפט ביידן. ער האָט פאַר זייער ביידנס אונטעריאָכונג אויסגענוצט זייער קעגנזייטיקע האַס און געשלעג.

אונדזער אויפגאַבע איז אויסצוטריקענען אָט־דעם טייך פון בלוט און איבערוואַרפן אַ בריק איבערן גראָבן: צו צעשטערן דעם קרעמל, פאַרטרייבן פון דאָרט די נייע צאַרס, די זעלבסטבאַשטימטע „פּאָלקס־קאָמיסאַרן". פאָלקס־קאָמיסאַרן! — די בלוטיקע איראָניע וואָס ליגט אין אָט־דעם טיטל. ווער האָט זיי אויסגעקליבן? קרעמל־איינוואוינער און דאָס פאָלק! אַ שיינע פאָר קליידער, אַ ריכטיקע סמיכות הפרשיות. וואָס פאַר אַ פאָלק? אָ יאָ, עס איז אַ פאָלק פון דער רעגירונג, פאַר דער רעגירונג און דורך דער רעגירונג, מיט בייזמוטיקייט קעגן אַלעמען, מיט גוטסקייט — צו קיינעם ניט.

איך האָב אויפגעהויבן די אויגן און דערבליקט צווישן די ניי־געבראַכטע דעם מאַטראָז סקאָראָטין. אויך ער האָט מיך באַמערקט און מאַכנדיק מיט די הענט איז ער צוגעלאָפן צו מיר, מיך באַגריסן און איבערגעבן וויכטיקע אינפאָרמאַציע.

— קומענדיק צוריק פון אונדזער באַזוך אין „הויז פון אַנאַרכיע", האָבן מיר געפונען אונדזערע חברים־מאַטראָזן אַרומגערינגלט, אונדזערע צוגן צע־גומען און די באַזונדערע אָפּגעקייטלטע וואַגאָנעס צעוואָרפן איבער די לי־ניעס אַזוי, אַז די טשעקיסטן און לאַטישן האָבן געהאַט צו טאָן מיט יעדער קליינער אָפּטיילונג באַזונדער און זיי האָבן זיך לייכט געספּראַוועט; זיי האָבן אונדז אַלעמען גרופּנווייז אַנטוואָפנט.

— קאַמעראַד סקאַראַטין, פאַרלירט ניט קיין מוט. נאָך יולי קומט אָק־טאָבער. ער איז אונטערוועגנס, — האָב איך אים געטרייסט, — פון היינט אָן וועט אונדזער לאָזונג זיין: „צו אָקטאָבער!"

— מוראַוויאָווס פּאַרטיזאַנער האָבן געקראָגן די זעלביקע באַהאַנדלונג.

— קיין זאַך איז ניט אַזוי אומפאַרשעמט, אַזוי קופּערשטערנדיק ווי פאַר־רעטעריי! — האָב איך באַמערקט.

— ווער זיינען אָט־יענע פּאַרוואָונדעטע? — פרעגט מיך סקאַראַטין, אָנ־ווייזנדיק אויף אַ לאַסטאויטאָ, וואָס איז געווען אָנגעלאָדן מיט אין געאייל־פאַרבאַנדאַזשירטע קאַמעראַדן.

— זיי זיינען פון דער דאָן־גרופּע, — האָט כאַדונאָוו אים אינפאָרמירט.

— זיי זיינען די איינציקע, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַ ווידערשטאַנד; מע האָט זיי באַפאַלן פונקט 2 פאַרטאָג.

— בעת מיר האָבן געפירט פּריינטלעכע אונטערהאַנדלונגען אין מאָס־קווער סאָוויעט, זיינען די באָלשעוויקעס שוין געווען פאַרנומען מיט זייער בלוטיקער אַרבעט, — האָב איך זיך באַגעגנט מיט אָט־דער קורצער באַ־מערקונג.

נאָאומאָוו, דער סעקרעטאַר פון דער דאָן־גרופּע, איז צוגעקומען. זיין אָרעם פאַרבונדן מיט מאַרלע, וואָס איז געווען דורכגעזאַפּט מיט בלוט. אָבער זיין טראָט שטייף־קרעפטיק און זיכער; זיין האַלטן־זיך און גאַנג פול מיט ווערדע און זעלבסטבאַהערשונג.

— פאַרוואָס האָט איר זיך ניט געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט אונדז? — פרעג איך אים.

— מיר האָבן ניט געקענט קאָמוניקירן מיט אייך; זיי האָבן איבער־געשניטן די טעלעפאָן־דראָטן; מיר האָבן זיך געשלאָגן פון 2 נאָך האַלבער נאַכט, ביז אַ ווייַלע צוריק און מיר וואָלטן זיך ניט אונטערגעגעבן, נאָר זיי האָבן אונדז געזאָגט, אַז דאָס איז געווען אייער אויסגעשפּראָכענער פאַרלאַנג פון אונדז. מיר האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, ניט געגלויבט. בלויז נאָך דעם ווי איינער פון אונדז איז געקומען, ווי אַן אַנטרונענער פון „הויז פון אַנאַר־כיע", מיט די נייעס, אַז איר האָט אָפּגעגעבן דאָס געווער אָן אַ ווידערשטאַנד, האָבן מיר זיך אונטערגעגעבן אויף דעם באַדינג: ס'איז אונדז דערלויבט צו בלייבן אויף אונדזער קוואַרטיר פריי. זיי האָבן דעם באַדינג אָנגענומען, אָבער נאָך דעם ווי מיר האָבן אָפּגעגעבן אונדזער געווער, האָבן זיי זייער וואָרט געבראָכן און אונדז אַלעמען אַרעסטירט.

די שווערע טירן האָבן זיך געעפנט מיט אַ גרילצנדיקן סקריפּ־פּראָ־

טעסט, וואָס די זאָוויעסעס האָבן אַרויסגעבראַכט. גראָבע שטימען פון לאַ־טישן האָבן אויסגעשריען:

— אַלע גייט אַריין! אַלע טאָוואַרישטשעס אַריין!

4

אין קרעמל

אַלע האָבן אויסגעפּילט דעם באַפעל אָן צו זאָגן אַ וואָרט. דער לײַדי־קער גרויסער, לאַנגער, ברייטער, טונקעלער, קילער און אומגאַסטפריינט־לעכער זאַל האָט זיך אויגנבליקלעך אָנגעפילט. אויסער די עטלעכע פאַרבער־בערס מיט דעם קין־צייכן אויף זייערע שטערנס, וואָס מ׳האָט אָהער אַריינ־געבראַכט מיט אַ כּיוון, מיט אַ באַשטימטער אויסרעכענונג, איז צווישן עולם געווען נאָך אַ פּאָר העטעראָגענישע פּאַרשוינען, וואָס זיינען אַריינגעפאַלן אָהער צופעליק, כדי צוצוטראָגן דעם עלעמענט פון קאָמיזם, אָן וועלכן אַ טראַגיזם באַגייט זיך זייער זעלטן. אַ טשעקיסט, וואָס האָט געהאַט אַ כעס אויף אַן אומשולדיקן בירגער, אויף זיין שכן, און האָט געוואָלט מיט אים זיך אָפּרעכענען, האָט אים אָפּגעטאָן אַזאַ שפּיצל: אויסנוצנדיק דעם טומל און הו־האַ, האָט ער אים פאַרנומען צווישן דער מענגע. אָט־די פרעמדע עלע־מענטן האָט מען לייכט געקענט אונטערשיידן און אַרויסטיילן, וואָרעם זייער גאַנצער מהות האָט געליאַרעמט בקולי־קולות, אַז זיי געהערן ניט אָהער. באמת, בוימל פון וואַסער איז ניט געווען לייכטער צו דערקענען ווי אָט־די פאַראומגליקלעכטע יוצא־דופנס.

אַ מיטליעריקע דאַמע, אויסגעפּוצט אין עסיק און האָניק, האָט געהאַלטן אין איין ברעכן די הענט און כליפּען אויפן קול:

— ער האָט מיך פאַרשלעפּט אַהער מיט דער כּוונה פּטור צו ווערן פון מיר און בלייבן אַליין מיט מיין טעכטערל, אַ יונג־קינד, וואָס דאַרף נאָך וואַקסן, אַ „פּאַדראַסטאַק״. איר פאָטער, מיין מאַן, איז געהרגעט געוואָרן אין קריג, און איך, איר מוטער, בין איר איינציקע באַשיצערן און באַשירמערן. אויף אַזאַ געמיינעם וועג האָט ער מיך באַזייטיקט.

דעם „ער״, וועמען זי באַשולדיקט, האָט זי ניט געהאַלטן פאַר נייטיק אָנצורופן ביים נאָמען. וואָס איז אין אַ פּריוואַטן נאָמען? אַ טשעקיסט, דאָס איז אַלץ. דאָס איבעריקע מיינט גאָרניט.

אין אַ ווינקל האָט אַ באַשפּאַקולנטער בכבודיקער מאַן געטענהט צו אַ רעדל, וואָס האָט זיך פאַרמירט אַרום אים און וואָס האָט אים אָנגעקוקט און געפרעגט מיט זייערע בליקן, וואָס ער טוט דאָ.

— איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך געהער ניט צו אייער חברה. איר זייט אַנדערע באַשעפענישן. איר ליידט, איר קעמפט פאַר אַן אידעאַל. איך בין ניט קיין אידעאַליסט, אַפילו אויף אַ האָר ניט. איך פאַרנעם זיך מיט מיינע פּריוואַטע עסקים. איך מיש זיך ניט אין פרעמדע געשעפטן. פון מיינעטוועגן

קען אין רוסלאַנד הערשן אַ חזיר, אַבי עס זאָל זיין ברויט און פוטער. דאָס איז אַלץ, וואָס קימערט מיך.

אויף דעם בין־השמשותדיקן טונקעלן הינטערגרונט ווייזט זיך אַ פּאַט־ריאַרכישער ייד, מיט אַ לאַנגער שניי־ווייסער באָרד, וואָס האָט אָראָפּגעני־דערט טעראַסנווייז ביז צו זיינע לענדן. שטייף פּאַרדריקט אונטער דעם אָרעם האָט ער געהאַלטן אַ זעקל אויסגעהעפּט מיט פּירקאַנטיקע העברעאישע אותיות; וואָס ס׳איז געווען אין זעקל, איז ניט שווער געווען צו טרעפן — אַ טלית.

— איך האָב נאָך קיינמאָל אין מיין לעבן ניט איבערגעהיפּט קיין שחרית, און איך בין שוין אַ בן־ששים, אַדאַנק זיין ליבן נאָמען. נאָך אין מיין יוגנט האָב איך ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז איך מוז זיך שטעלן דאַוונען תפילת הבוקר מיט זונאויפגאַנג, ווי אין פּסוק שטייט: „יראוך עם שמש“ [תהלים עב, ה] — זיי וועלן זיך פאַרכטן פאַר דיר מיט דער זון. און איך וועל מיין דאַוונען נים פאַרשפּעטיקן פאַר קיין זאַך אין דער וועלט און פאַר דער גאַנצער וועלט. — דער ייד האָט זיך איינגעוויקלט אין טלית. ער האָט זיך גלייך אָריענטירט, ד. ה. געפונען די מזרח־זייט, און זיין פּנים האָט זיך צע־שיינט מיט גליקזעליקייט. ער האָט זיך אַ קער געטאָן אַהין און אָנגעהויבן דאַוונען פון אַ סידור מיט אַ טיפער כוונה. קיין תפילין האָט ער ניט געלייגט, ווייל דער 13טער אַפּריל איז אויסגעפאַלן שבת. דער אַנאַרכיסטישער רוסי־שער עולם האָט אים באַאַבאַכט מער מיט פאַרערונג געמישט מיט באַוואונ־דערונג, ווי מיט אָפּשפּעטעריי.

— ער האַנדלט לויט זיינע איבערצייגונגען. זאָל יעדער איינער פון אונדז זיין אַזוי אויסגעהאַלטן, — האָט אַ חבר אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג.

— פרומקייט איז נים קיין טייערע סחורה. וואָס קאָסט עס אים?! איצט באַשווינדלט ער גאָט און אַ פּאָר מינוט שפּעטער, אין זיין קראָם אויף מאַ־ראָסייקע, וועט ער אַרויסנאַרן פון זיינע קונדן, יידן און ניט־יידן, דעם לעצטן גראָשן. איך קען זיי, די היפּאָקריטן, — האָט באַמערקט אַן אַנדער חבר, וואָס איז געווען מער מיליטאַנטיש קעגן רעליגיע און איר ריטואַל.

פון פילקאָלירטן יוגנטלעכן רעשיקן עולם האָט זיך אַרויסגעטיילט אין פולן רעליעף סעריאָזשאַ פּאַפּאָוו, אַן איבערגעבענער, אויסגעהאַלטענער אָנ־הענגער פון טאָלסטאָיס שיטה. ער איז געווען אַ סטאַטוע פון שלווה. זיינע אויגן, קלאָרע, בלויע, האָבן געשיינט מיט גוטסקייט; זיינע האָר פון קאָפּ און באָרד, ווי פלאַקס, לאַנג און גוט, זאָרגפעלטיק צעקאַמט אַזוי, אַז מע האָט געקענט ציילן יעדעס הערעלע. זיין געזיכט איז געווען איין גליקזעליק שמייכל. קיינמאָל האָט נאָך כעס, עגמת־נפש, זאָרג, דאגות־פּרנסה, געלוסטונג געהאַט די חוצפה צו פאַראַקערן זיין באַוואוסטזיין־פעלד און פאַרזייען דאָרט זייערע זוימען. זיין פּנים איז געווען אַן אָפענע מגילה, וואָס איז פאַרשריבן ביזן סאַמע ראַנד מיט גוטע בשורות, גוטע וואונטשן, האַרציקע ברכות, אַזוי אַז דער עצם פאַרמעט איז דורכגענומען געוואָרן מיט טרייסט, באַרימהאַר־ציקייט און נשמה־זיסקייט. מיט אומקווענקלענדיקער איבערצייגטקייט האָט

ער אין אַ רואיקן טאָן פאָרגעזעצט דעם פאָרטראַג מכוח דער אומפּעולהדיקייט אָדער שעדלעכקייט פון „עוואַלדטאַט, אַ פאָרטראַג, וואָס ער האָט אָנגעפאַנ־גען לעצטע נאַכט אין איינעם פון די אַנאַרכיסטישע קלובן און וועלכן ער האָט ניט פאַרענדיקט מחמת דעם איבערפאַל פון די טשעקיסטן און לאַטישן. „בייז קען ניט דינען ווי אַ מיטל קעגן בייז"; ער האָט זיך אַריינגעטראַנ־שייעט אין אָט־דער אומבאַזיגבאַרער מאָראַלישער אַקסיאָמע.

אין ווייטסטן עק פון זאַל, ביי דער וואַנט, וואָס איז אַנטקעגנאיבער דער טיר, זיינען געווען אויסגעשטעלט טישן, ביי וועלכע עס זיינען געזעסן מיטגלידער פון טשעקאַ־פּרעזידיום.

טאָוואַרישטש פעליקס עדמונדאָוויטש דזשערדזשינסקי איז אַריין. ער איז געווען בלייך, וואַכזאַם און שטייף־אָנגעצויגן. ער גייט און קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטן — עפּעס אומדערוואַרטס זאָל ניט פּאַסירן: אַ קשיא אויף די אַנאַרכיסטן! אפשר וועט עמיצער אויסשיסן אין אים אָדער גאָר וואַרפן אַ באָמבע מיט דעם געדאַנק: „זאָל מיין זעל שטאַרבן מיט די פּליש־תים"... ער איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ כאָפּטע באַוואָפנטע לאַטישן. ער שפּרייזט גלייך צום גרויסן טיש ביי דער וואַנט. ער פאַרנעמט זיין פּלאַץ אויבנאָן, אויסטוישנדיק זיך מיט באַגריסונגען מיט טאָוואַרישטש זאַקס, דעם וויצע־פּרעזידענט פון טשעקאַ, וואָס האָט זיך געזעצט ביי זיין רעכטער האַנט.

אַצינד האָט טאָוואַרישטש פּיטערס, אַ טשעקאַ־קאָמיסאַר פון די גרויז־זאַמסטע, אַ לאַטיש, וואָס איז געזעסן ביי אַ צווייטן טיש, זיך אויפגעשטעלט און אויף דער העכסטער אָקטאַווע פון זיין שטאַרקער הילכיקער שטימע האָט ער אויסגערופן:

— געפינט זיך טאָוואַרישטש גאָרדין אין זאַל?

אַ גאַנצער כאָר שטימען, וואָס איז געקומען פון אַלע עקן זאַל, האָט אָפּגעענטפערט מיט אַ שאַלנדיקן „יאָ", און אַפּלאָדיסמענטן האָבן פאַרקלונ־גען דעם זאַל מיט אויסרופן: „לאַנג זאָל לעבן קאָמעראַד גאָרדין!"

— רואיק! קיין שום דעמאָנסטראַציעס זאָלן דאָ ניט געמאַכט ווערן. ווייסט איר, וואו איר געפינט זיך?! — די לאַטישן זיינען געלאָפן פון פּלאַץ צו פּלאַץ, און דראָענדיק מיט זייערע באַיאָנעטן האָבן זיי איינגענומען די אויסרופערס און אַפּלאָדירערס, שעפּטשענדיק דערביי דעם גייסטער־פאַר־שווערנדיקן שפּרוך: „טאָוואַריטשט דזשערדזשינסקי איז דאָ אין זאַל".

— איך קען דאָ לענגער ניט בלייבן. האָט רחמנות אויף אַן אומגליק־לעכער מוטער. ער, דער אַנטיקריסט, וויל פאַרגוואַלטיקן מיין אומשולדיק יונג קינד. איך האָב געוואַכט איבער איר טאָג און נאַכט! — דער פאַר־צווייפלטער מוטערס שטים האָט זיך אַריינגעשניטן אין סאַמע לייב פון דער נאַר־וואָס אַרויפגעצוואונגענער שטילקייט.

איצט האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן דיל מיט אַ זעץ, וואָס האָט אָפּגעהילכט און זיך אָנועקגעטראָגן אַרויף, אָפּקלאַפּנדיק זיך קעגן הויכן גע־וועלבטן סופיט פון זאַל. די אַקוסטיק איז געווען אַן אויסגעצייכנטע.

נאָכפאָלגנדיק איר, האָט אַ צווייטע שטים זיך צעקלונגען. עפּעס ווי

פון אַ נייגונג צו קאָנטראַסטן, איז דידאַזיקע שטים געווען אָנגעלאָדן מיט אויסערוועלטלעכער התלהבות און הימלישער שמחה. זי האָט געווענדט די אויפמערקזאַמקייט פון אַלע דערבייזייאיקע צו דער עקזיסטענץ פון אַ מאַכט וואָס ליגט אויסער דעם דערגרייך, געפינט זיך מחוץ דעם רשות און שליטה פון דער אַלמעכטיקער און אומעטומיקער טשעקאַ.

— שמע ישראל, ה׳ אלהינו, ה׳ אחד!...

— וואָס טוט זיך דאָ? איז עס אַ דולהויז מיט אַ סינאַגאָגע צוזאַמענגענומען? — האָט דזשערדזשינסקי אַ געשריי געטאָן מיט צאָרן.

ווען מע האָט אים דערקלערט, אַז עטלעכע פּערזאָנען זיינען פאַרהאַלטן געוואָרן צוזאַמען מיט די אַנאַרכיסטן דורך אַ מיספאַרשטענדעניש, האָט ער וואולקאַניש־פייערדיק אַרויסגעשפּיגן זיין באַפעל:

— ווערט פּאַרטיק מיט זיי צום סאַמע ערשטן!

אַלע די, וואָס האָבן באַלאַנגט צו אַט־דער פּאַראַכטלעכער אָבער מזלדיקער קאַטעגאָריע, האָט מען אָפּגעפּאַרטיקט אין גרויס געאייל. די מוטער איז אויפגעלעבט; אַ בילד פון פרייד געמישט מיט שרעק; ווי אַ פייל פון בויגן האָט זי אַרויסגעזשומט פון דאַנענט, געלאָפן ראַטעווען די ערע פון איר טעכטערל.

— איך זאָל נאָר ניט אָנקומען צו שפּעט!. עס נעמט דען לאַנג אָפּצורייסן אַזאַ צאַרט בלימל! — זיינען געווען אירע לעצטע ווערטער, וואָס האָבן זיך געצאַפּלט אין איר נאָכשליאַד אין דער אויפגערודערטער לופט.

דער שארית־הפליטה פון די על־פּי־טעות פאַרהאַלטענע איז איצט באַשטאַנען פון דעם פרומען אַלטמאָדישן יידן, וואָס איז שוין געווען היפּש ווייט פאַרפאָרן אין דאַוונען, געהאַלטן אין מוסף שמונה עשרה. זיין פּנים איז געווען מאַגנעטיש צוגעהעפט צו דער זייט, וואו דער בית־המקדש איז געשטאַנען; זיינע ליפּן האָבן זיך באַוועגט און אַ טיפער פליסטער האָט זיך דורך זיי אַדורכגעזייט. זיינע פיס זיינען געווען צוזאַמענגענומען און איינגעוואָרצלט, ביידע ווי איינע, ווי דער פאַל איז תמיד מיט ביימער אין באָדן; און הגם ער האָט געשאָקלט און אויפגעטרייסלט זיין קערפּער מיט אַ געוואַלדיקן קאָנוואולסיוון כוח, אַזוי ווי ער וואָלט געשמיסן געוואָרן פון אַן אינערלעכן פרומקייט־שטורעם, זיינען זיינע פיס געבליבן אומבאַוועגלעך, די גאַנצע צייט אויף איין אָרט, ניט געקוקט אויף די באַוועגונגען, אויפציטערנישן, די האַלבע קרייזן און פאַרנייגונגען וואָס אַנדערע גלידער פון זיין קערפּער האָבן דורכגעמאַכט.

די לאַטישן האָבן אויף קיין פאַל ניט געקענט פועלן ביי אים, אַז ער זאָל שטעלן פיס און צוקומען צום טיש, וואו די טשעקאַ־קאָמיסאַרן זיינען געזעסן. זיי האָבן אַפילו ניט געקענט אַרויסקריגן פון אים קיין שום ענטפער־רעאַקציע אויף זייערע צושטייערלעכע אָנפראַגעס. ער האָט געהאַלטן די אויגן אין סידור, האַלב פאַרזשמורעטע און האָט ממשיך־געווען מקריב־צו זיין דעם לעפצן־קרבן, מקיים־זייענדיק דעם „ונשלמה פרים שפתינו״ (הושע יד, ג). ער האָט געהאַלטן אין מיטן אַ שמועס־פּעטיציע, „פון זיין מויל אין גאָטס

אויערן", מיט דעם אל אלהי הרוחות לכל בשר (מיט דעם האַר פון אַלע גייס־טער און אַלדאָס לייב) און ער האָט לחלוטין איגנאָרירט די נעבעכדיקע שטערבלעכע קאָמיסאַרן פון דער שרעקלעכער — ניט פאַר אים — טשעקאַ. אומזיסט האָבן די לאַטישן אים געסטראַשעט מיט זייערע באַיאָנעטן און אים געשטורכעט אין די זייטן מיט די „פריקלאַדן". ער האָט זיך געמאַכט ניט ווויסנדיק פון זייערע רייד און זייערע טועכצן, און אפשר האָט ער זיך ניט געמאַכט, נאָר ער האָט באמת ניט געוואוסט; ער האָט בשעת מעשה זיך געפונען אין אַן אַנדער, אין אַ העכערער, וועלט, כאָטש זיין קערפּער איז געבליבן דאָ אונטן.

— וואַרפט אים אַרויס! — איז געווען דזשערדזשינסקיס באַפעל, — ער איז אַ פולשטענדיקער אידיאָט!

צוויי טשעקיסטן האָבן אים גלייך אַ נעם געטאָן, אים אָוועקגעשלעפּט און אים דורכגעשטופּט דורך דער טיר. אָבער ער איז געבליבן שטיין אויפן גאַנעק. זיין פּנים מיט אַנטשלאָסענער עקשנות געווענדט צו מזרח־זייט. ער האָט אויסגעשפּונען דעם ווידענעם פאָדים פון דער קודעליע פון תפילות און תחנונים און קיינער האָט אים ניט געקענט אָפּשטעלן, ביז ער וועט ניט פאַר־טיק ווערן מיט דער שפּינערײַ לויט די פאַרשריפטן פון קאַנאָן, דעם שולחן־ערוך, וואָס איז גילטיק פאַר אַלע צייטן און אַלע לענדער, בעת אָט־די טוי־טעניכטסן מיט זייערע „משפטים בל ידעום" זיינען געגליכן צו אַנלויפּנ־דיקע שוימענדיקע כוואַליעס, וואָס רוישן, פּילדערן איין אויגנבליק און אַ סעקונדע שפּעטער ליגן זיי שוין באַרואיקטע, אויסגעשפּילטע, אין קבר.

— זאָל טאָוואַרישטש גאָרדין צוקומען צום טיש, — האָט אַרויסגעדר־נערט אַ שטים, וואָס האָט, כביכול, ניט באַלאַנגט צו קיין שום קערפּער.

איך האָב זייער אומגערן צוגעהונקען.

דזשערדזשינסקי, געבנדיק אַ צייכן מיט דער האַנט, האָט צוגערופן דעם לאַטיש־קאָמיסאַר, פּיטערסן, און האָט אים געזאָגט ניט הויך אויפן קול, אָבער איך האָב עס געקענט הערן:

— שיקט אים אָפּ אויף דער הויפּטקוואַרטיר פון די לעטישע וואַכלייט.

— ער איז קראַנק און קען אַליין ניט בלייבן. איך בעט אַ דערלויבעניש צו זיין מיט אים, — האָט כאַדונאָוו זיך געווענדט צו זאַקסן, שטייענדיק ביים טיש.

זאַקס האָט זיך געווענדט צו דזשערדזשינסקין מיט די בליקן אַן ווער־טער, פרעגנדיק אים.

— ער קען גיין מיט אים, — האָט דזשערדזשינסקי ווי אַ ברום געטאָן.

דריי באַוואָפנטע לאַטישן האָבן מיך און כאַדונאָוון געדאַרפט אָפּפירן צו דעם פּלאַץ פון מיין פאַרקאַרצערונג.

ווי איך האָב גענומען אָוועקהינקען פון טיש, האָט דזשערדזשינסקי אַ זאָג געטאָן צו זאַקסן אין אַ האַלבן פליסטער:

— מען דאַרף באַפרייען סאָוויעטרוסלאַנד פון דעמדאָזיקן טיפּ און דער, וואָס באַגלייט אים, זאָל גיין מיט אים צום סאַמע ענד.

זאַקס האָט אָפּגעענטפערט מיט אַ קוים הערבאַרן:

— גוט!

דזשערדזשינסקי האָט זיך געלאָזן צום אַרויסגאַנג. נאָך אים האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַ גאַנצער שוואַרם פון טשעקיסטן אין לעדערנע קורטקעס.

דזשערדזשינסקי איז שוין געווען אַוועק, ווען איך האָב זיך אַרויסגע־קליבן פון זאַל.

די פאַרהאַלטענע אַנאַרכיסטן האָט מען אַריבערגעפירט אין אַ צווייטער צוויישטאָקיקער געביידע און מ׳האָט זיי פאַרשפאַרט אייניקע אין די קעלערן, אַנדערע אין קאַמערעס אויפן ערשטן שטאָק, בעת די קאָמיסאַרן זיינען גע־זעסן אויפן צווייטן שטאָק און זיך אָפּגעגעבן מיטן משפט איבער זיי.

אָט־די הויכקוואַליפיצירטע שלמהס האָבן אַרויסגעגעבן זייערע פּסקים, צוהערנדיק זיך צו זייער רעוואָלוציאָנערן געוויסן און פאַרלאָזנדיק זיך אויף זייער טשעקיסטישער אומפעלערהאַפטיקייט און אַלצווייסעניש.

די געביידע, וואוהין איך בין מיט שוועריקייט און כאַדונאָווס הילף, נאָך אַ היפשער ווילע, עטלעכע מאָל אָפּשטעלנדיק זיך אויפן וועג, אָנגעקומען, איז געווען אַ מאַסיוו־סאָלידע, אַ גרויע און אָן אַלטע. זי איז באַשטאַנען פון צוויי צימערן. איינער אַ ברייטער אָבער אַ בלינדער, דער צווייטער אַ שמאָ־לער, אַ לענגלעכער, באַזאָרגט מיטן איין פענצטער, וואָס איז געווען געדיכט באַגראַטעוועט. איןביידע צימערן האָט זיך געשפירט אַ פייכטע קילע טוכלע־קייט. דאָס מעבל איז באַשטאַנען פון לאַנגע, האַרטע, פּראָסטע בענק, וואָס זיינען ערטערווייז געווען צעפּאַסעוועט פון מעסער־איינשניטן, און פון צוויי טאַבורעטן.

5

אין וואַכטהויז ביי די לאַטישן

דער הויף האָט זיך געגומען צודעקן מיט אַ גרויער דיקער קאַלדרע פון געדיכטע שאָטנס. וואָס איז דער חידוש. ער שלאָפט דאָך איינדרויסן און מיטן אָנקום פון אָוונט קומט אַ בייסנדיקע קעלט.

צוויי טשעקיסטן קומען אַריין און מיט די אויגן, לויפנדיק און ניש־טערנדיק איבערן גאַנצן צימער, שטעלן זיי זיך אָפּ אויף מיר. איך בין גע־לעגן אויסגעצויגן, ווי קורץ איך בין, אויף אַ באַנק. כאַדונאָוו איז געזעסן לעבן מיר.

— ווער פון אייך איז טאָוואַרישטש כאַדונאָוו? — האָט געפרעגט דער יינגערער פון די צוויי מיט אַ קוויטשענדיקן קול. האָבנדיק באַקומען די נויטיקע ידיעות, האָט ער אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— קומט מיט מיר!

— איך קען ניט איבערלאָזן קאַמעראַד גאַרדין איינעם אַליין. ער איז

אַ קראַנקער מענטש, און מ׳דאַרף אים פילנעווען, — ענטפערט כאַדונאַוו און בלייבט זיצן.

— מע דאַרף אים פילנעווען, — האָט אָפּגעשפּאָט דער עלטערער, אויס־ציענדיק די ווערטער און מאַכנדיק שפּאַסיקע גרימאַסן מיט זיין געזיכט, — „בורזשואַזע פּאַראורטיילן״, קומט, אַז מע באַפעלט אייך. — זיינע טענער זיינען געווען האמעטנע, ווי אָנגעגאָסן מיט בליי פון שווערמוט.

— וועגן וועלכע „בורזשואַזע פּאַראורטיילן״ רעדט איר דאָ? טאָוואַ־רישטש גאַרדין איז געווען פאַרוואונדעט פון די יונקערס אין סאַמע ברען פון דעם אָקטאָבער־אויפשטאַנד. טאָוואַרישטש דזשערדזשינסקי אַליין האָט מיר בפירוש דערלויבט צו בלייבן מיט גאַרדינען און אַכטונג־געבן אויף אים, — האָט כאַדונאַוו רואיק געמיטלעך אַרגומענטירט.

— איר האָט אַ דערלויבעניש? צייגט עס מיר, — ענטפערט אָפּ דער טשעקיסט אין אַ שאַרף־שניידנדיקן טאָן.

— אַ מינדלעכע, — אינפאָרמירט אים כאַדונאַוו.

— וואָס טויגן די ריידערייען, דאָ איז ניט קיין קלוב צו דעבאַטירן. דאָ דאַרף מען פאָלגן, דאָס איז אַלץ, — האָבן ביידע טשעקיסטן אויף־אַמאָל אַרויסגעקנאַקט. — איר ווייסט דאָך, אַז מיר קענען אייך צווינגען פאָלגן; — זיי האָבן אַ וואונק געטאָן מיט די אויגן, ווי איינער זאָגט, איר ווייסט וואָס דאָס באַטייט.

— קאַמעראַד כאַדונאַוו, טוט וואָס מ׳הייסט אייך, — האָב איך זיך געבעטן ביי אים, — מיר זיינען לעמער, זיי זיינען וועלף. פאַר אָפּוועך דאַרף מען האָבן ביקסן, האַרמאַטן, און מיר זיינען אַנטוואָפנט. אַצינד שטעלט אייך פאַר אַז איר בלייבט מיט מיר, וואָס וואָלט איר געקענט אויפטאָן, ווען איר זייט אַ פאַרשפּאַרטער ווי איך אַליין. צו וואָס זיך נאַריש מאַכן, קרימען זיך. ווען מ׳מוז אַראָפּשלינגען אַ ביטערע פּיל. נעמט אים מיט אַ טרונק קאַלטן וואַסער אָדער קאַלטבלוטיקייט.

איך האָב זיך אויפגעזעצט, דערלאַנגט כאַדונאַוון די רעכטע האַנט:

— זייט געזונט, קאַמעראַד!

— איך פאַרבייג מיין ווילן פאַר אייערן, קאַמעראַד גאַרדין. איך האָף באַלד צוריקצוקומען. איך וועל איבעררעדן וועגן דעם מיט זאַקסן. זיי דאַרפן ניט אַריבערשטייגן זייער שעף אין שלעכטסקייט און גרויזאַמקייט, — האָט כאַדונאַוו מיר געענטפערט.

— אַ קרבן פון דער רעוואָלוציע, וואָס האָט זיי אַריינגעזעצט אין זאָטל אויפן הויכן פערד, און קיין שום איינזעעניש און קיין שום געפיל פון דאַנק־באַרקייט צו די וואָס האָבן מיט זייער אייגן בלוט געפאַרבט די פאָן רויט, — כאַדונאַוו האָט זיך באַקלאָגט אין אַ מורמל, ריידנדיק צו זיך אַליין, אָבער גענוג הויך אַז די טשעקיסטן זאָלן קענען הערן.

— איר טראַכט זיך בעסער איבער איידער איר רעדט. איר געפינט זיך איצט אין קרעמל, ניט אין אייער „הויז פון אַנאַרכיע״. איך האָב זיך גענוג אָנגעהערט אייערע קאָנטררעוואָלוציאָנערע רייד. איך פלעג אָפט באַזוכן

אייערע פאַרזאַמלונגען. איך בין אויך געווען פאַרשריבן אויף אייערע קורסן. עס איז געווען שוידערלעך. איר האָט באַרעדט און באַשמוצט, פאַרלוימדעט און באַשולדיקט די סאָוויעטישע מאַכט אין די ערגסטע פאַרברעכן; איר האָט געדעדט אויף די סאָוויעטן נאָך מער פון די מאָנאַרכיסטן. עס איז אַ זיכערע זאַך, איר, אַנאַרכיסטן, זייט אונדזערע ביטערסטע שונאים. עס איז אָדער מיר אָדער איר, און אַזוי ווי מיר האַלטן אייך אין אונדזערע הענט, מעגט איר שוין זיין זיכער, אַז קיין גאַנצע וועט איר פון אונדזער קלעם ניט אַרויס.
— קום!

אין טיפן שווייגן, ווי אויספירנדיק אַ פייערלעך רעליגיעזן ריטואַל, האָט כאַדרונגאָוו מיט מיר זיך צעקושט. אַ טרער האָט אַ פינקל געטאָן אין זיין אויג, אָבער ער האָט זיך גלייך דערמאָנט אַז ער געפינט זיך אין דער אָנוועזנהייט פון די „אויסוואורפן", ווי ער האָט געוויינטלעך זיי גערופן, האָט ער פאַרשטיקט דעם אויפברויז פון זיינע געפילן. ער האָט מורא געהאַט זיי זאָלן עס ניט אויסטייטשן ווי אַ צייכן פון שוואַכקייט און באַזאָרגטקייט. ער האָט מיט שטאָלץ פאַרריסן דעם קאָפּ, געזאָגט מיר „אַ גוטע נאַכט" און איז פאַרשוואונדן הינטער דער טיר.

איך האָב מיין ליבן חבר כאַדונאָוו באַגלייט ביזן סאַמע טיר. שטייענדיק אויפן שוועל, האָב איך געהאַט בדעה אים צוצוואַרפן דעם געוויינטלעכן געזעגענונגסווערטל: „אַ גוטן, מירן זיך זען". אָבער עפּעס אומפאַרשטענדלעכס האָט מיר געשטערט און ניט געלאָזן אַרויסברענגען אָט־די פּשוטע ווערטער.

— וואָס איז דער מער? — האָב איך געפּליסטערט צו זיך, — איך בין אַזוי אומעטיק, איך פיל זיך אַזוי שלעכט ווי איך וואָלט אים האָבן געזען צום לעצטן מאָל. איך האָב זיך אָבער געשטאַרקט אין אַ באַשלוס ניט צוצורערן זיך צו מיינע פאַרגעפילן.

אַ סטאַיע פאַרהונגערטע פּרעסערישע שאָטנס־וועלף האָבן אים, כביכול, אָפּגעוואַרט מיט אָפענע פּיסקעס, און ווי נאָר ער האָט זיך באַוויזן אַזוי האָבן זיי אים גלייך אַראָפּגעשלונגען. אָבער אַזוי ווי זיי זיינען געווען נאָך פאָרכטזאַמער און זול־וסובאַישער פון די טשעקיסטן, האָבן זיי די צוויי יונגע אַגענטן אויך אַריינגעכאַפּט אין זייערע מיילער און אומדערשראָקן זיי אַראָפּגעהלעיטניט צוזאַמען מיט כאַדונאָוון.

איך בין צוגעהונקען צוריק צו דער באַנק. איך האָב זיך אָוועקגעלייגט.

ניט ווילנדיק האָב איך גענומען באַטראַכטן דעם פאַרפּליאַמעוועטן פּאָרלאַפּ, אַזוי ווי ער וואָלט געווען אַ האַריזאַנט מיט אַן אויפשריפט פון מזלות, אין וועלכע איך וואָלט קענען לייענען מיין אומבאַקאַנטן גורל.
עס איז געוואָרן נאַכט.

די פינצטערניש האָט אויפגעזאַמלט אַלע אירע חושכדיקע רעזערוון. דאָ און דאָרט האָט אויפגעלויכטן אַ לאַמפּ. ער האָט אויסגעקאַלופּעט אַ לייקע אין דער חשכות וואָס האָט אים אַרומגענומען.

פונדערווייטנס, איבער דעם פאַרזונקענעם אין באַטריבטקייט אומהיים־

לעבן פלאַץ, איבער די דעכער פון די נידעריקע געביידעס האָט אַ קאָנסטע־לאַציע פון ליכטער זיך געגעבן אַ צונד אָן. די אילומינירטע שטחים זיינען געווען די גרויסע צימערן וואו די טשעקיסטישע שופטים האָבן זיך געפונען; די גרויע שוואַרצע פלעקן זיינען געווען די קאַמערעס און צעלן וואו מיינע פריינט זיינען געזעסן פאַרקאַרצערטע.

— זיי, די חברים, זיינען שולדיק אין איין פאַרברעכן. און דאָס איז זייער מענטשלעכע באַציאונג צו פּאָליטישע אוממענטשן, צו מאָראַלישע דע־גענעראַטן, וואָס זיינען ניט לאַנג צוריק געווען זייערע קאַמעראַדן און מיט־אַרבעטער און זיינען איצטער זייערע פאַרפאָלגער, פּראָקוראָרן און געפענגע־ניש־מייסטערס, — האָב איך געטראַכט.

— מוז געשיכטע אַלע מאָל געמאַכט ווערן פון טיראַנען און באַנדיטן, אינדיווידן וואָס האָבן צעטראָגן זייער געוויסן ביז צום לעצטן פאָדעם; און עס איז נאָך אַ האַרבע שאלה צי זיי האָבן גאָר־אינגאַנצן ווען עס איז געהאַט אַ געוויסן. אויב דאָס איז דער אומפאַרענדערלעכער פאַל, וויל איך ניט זיין פאַררעכנט צווישן די וואָס שניידן צו די מערכות פון די פעלקער. ביי מיר האָט דער גאַנצער קאָסמאָס גיט דעם ווערט פון איין טראָפּן מענטשלעך בלוט אומשולדיק פאַרגאָסן.

עס האָט זיך עפּעס ווי געטראַכט פון זיך אַליין, די רעדלעך האָבן זיך געדרייט אין מיין געהירן און געדאַנקעלעך האָבן זיך געמאַלן ווי פעפער אין אַ שטובּיקן האַנט־מילכל.

איך האָב אַרומגעבלאָנדזשעט מיט די בליקן איבער די צוויי טונקעלע צימערן פון דעם וואַכהויז און באַגעגנט די מער־ווי־אַביסל פאַרהאַרטעוועטע מאַסקעס־פּנימער פון מיינע היטער.

פלוצלונג גיט מיר אַ קלאַפּ אין קאָפּ:

— פאַרוואָס האַלטן זיי מיך דאָ אָפּגעזונדערט פון אַלע מיינע חברים?

— ווייל זיי האָבן מיך פאַרשריבן לשחיטה, לאלתר למיתה.

און האָב זיך געוואונדערט און זיך פאַרגעוואַרפן:

— ווי נאַריש! ווי אַזוי האָב איך עס פאַרדעם ניט פאַרשטאַנען, בעת כאַדונאָוו האָט עס יאָ געוואוסט, און אַזוי איז בפירוש געשטאַנען אָנגע־שריבן אויף זיין פּנים. דעריבער האָט ער זיך אַזוי אומגערן געשיידט מיט מיר און זיך צעקושט אַזוי צערטלעך. ער האָט געוואָלט טיילן די לעצטע שעהן פון מיין קורצן אָבער שטורעמדיקן לעבן. וואָס פאַר אַ האַרץ ער האָט און ווי נאַאיוו ער איז! דאַרף איך האָבן עמיצן ער זאָל מיך דערמוטיקן, שטאַרקן?! שטייענדיק צווישן לעבן און טויט, אויף דעם סאַמע ראַנד פון יום־המיתה בין איך אינגאַנצן אומצערודערט. איך ווייס אַפילו ניט צי איך דאַרף זיין פריילעך צי אומעטיק. אין דעם געהיימנישפולן דרייעק פון דאַזיין בין איך דען גיט דער שאַרפסטער ווינקל?!

6

צווישן לעבן און טויט

וואָס איז לעבן? ווען עמיצער וואָלט זיין אַזוי קלוג און גוט און לייזן די רעטעניש און זאָגן מיר גענוי וואָס איך באַזיץ בשעת איך לעב, דעמאָלט וואָלט איך זיין אימשטאַנד אָפּצומעסטן און אָפּצושאַצן דעם פאַרלוסט וואָס איך וועל באַלד ליידן. אונטער די אומשטענדן, איז עס עפּעס אַ מין ספּאָרט. איך האָב אַלע מאָל אויפגעפאַסט דאָס לעבן ווי אַ קונסטווערק און די געשעענישן און פאַרלויפענישן ווי פאַרוויקלונגען פון אַ פאַבולע אין אַ נאָ־ווועלע. ווי אָפט האָב איך פאַרגאָסן זודיקע טרערן בשעתן לייענען אַ טרויע־ריקע האַרצצעברעכנדיקע מעשה. מיין אויג האָט, אָבער, קיינמאָל ניט פאַר־זוכט דעם געזאַלצענעם טעם פון אַ טרער, ווען צרות, אומגליקן האָבן גע־קלאַפּט אין מיין טיר.

איך ווייס באמת ניט צי ז י י גייען מיר שענקען אַ מתנה פאַר וואָס איך וועל זיי שולדיק בלייבן אַ דאַנק, אָדער ז י י גייען מיך באַרויבן פון אַ געשאַנק, וואָס מיין מוטער האָט מיר געגעבן...

אונדזער לעבן איז אַ געריכט מיט אַ שאַרפן בייסנדיקן טעם, וואָס די נאַטור דערלאַנגט אונדז אויף אַ טעלער, וואָס ווערט לייכט צעבראָכן. איך פאַרמאָג ניט קיין העלדישקייט, עס איז בלויז דער קינסטלער וואָס באַהויפּט זיך אין מיין יעדער האַנדלונג. איך קוק אויף מיין אומגעבונג, אויף מיין אַרום ווי אויף אַ בינע אויף וועלכער מע גייט עפּעס אויפפירן, פאַרשטעלן. די געפענגעניש איז ניט קיין געפענגעניש, און דער תפיסה־וועכטער איז ניט קיין תפיסה־וועכטער, און איך, אַרעסטירטער, בין ניט קיין אַרעסטירטער. עס איז אַ פיקציע, אַ דורכאויסיקער אויסטראַכט. לעבן איז אַ שפּיל, און אַלץ וואָס דאָס לעבן אַנטהאַלט אין זיך איז ניט מער און ניט ווינציקער ווי אַ שפּילעריי, אַ פאַרשטעלעניש, אַ פאַרשלייערונג פון קאָלירן, טענער, ווער־טער און טועכצן.

דאָס בערך זיינען געווען די געדאַנקען וואָס האָבן געפּילגרימט דורך מיין מוח בשעת איך בין געלעגן אויף דער באַנק אין דעם טונקעלן צי־מער, דערוואַרטנדיק דעם מאָמענט פון מיין שיקזאַלס אויפדעק.

צוויי יונגע לעטישע אָפיצערן זיינען אַריינגעקומען. זייערע פּנימער בלייכע, אויסגעצויגענע און פאַרוואָלקנטע. זיי האָבן זיך אָוועקגעזעצט לעבן מיר אויף צוויי טאַבורעטן. זיי האָבן געשמועסט מיט מיר און פון צייט צו צייט זיך דערלויבט אַ זיפץ צו טאָן.

זיי האָבן אַרויסגעצייגט אַ שטאַרקע פאַראינטערעסירטקייט אין מיין אויפפאַסונג פון די סאָציאַלע פּראָבלעמען וואָס די רעוואָלוציע האָט אַנט־בלויזט ווי אויך אין דער באַוועגונג וואָס איך רעפּרעזענטיר.

איך בין געוואָרן אַנגרייפנדיק, און געזאָגט דאָס וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן ווען איך האָב צו זיי גערעדט אינדערפרי און ניט געהאַט די מעגלעכ־קייט צו אַנטוויקלען מיין געדאַנק.

— ווי אַזוי האָט איר זיך דערלויבט צו מאַכן אויף אונדז אַן איבער־פאַל און נעמען באַמבאַרדירן דאָס הויז, וואו מיר האָבן זיך געפונען, וואו מיר האָבן געהאַט אונדזער רעדאַקציע און קורסן וועגן סאָציאַלע פּראָבלעמען ווי אויך דעם שטאַב פון דער שוואַרצער גוואַרדיע? וועגן די פּראָסטע זעלנער רייד איך ניט. אויף זיי איז ניטאָ וואָס פאַראיבל צו האָבן. זיי טוען וואָס איר הייסט זיי. אָבער איר זייט דאָך אינטעליגענטן, איז ווי האָט איר גע־קענט זיך דערלויבן צו טאָן אַזאַ זאַך. מאַלע וואָס די באָלשעוויקעס האָבן אייך געהייסן. איר האָט דאָך אייער אייגענעם פאַרשטאַנד און געוויסן. איר זייט דאָך פאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן. איר געפינט זיך אין אַ פרעמדן לאַנד, דאַרפט איר דאָך פילן אַ טאָפּלטע אחריות פאַר אייערע האַנדלונגען, אַ היס־טאָרישע אחריות. איר דאַרפט דאָך באַגרייפן אַז אויב די באָלשעוויקעס וועט זיך איינגעבן, מיט אייער הילף, איינצושטעלן אַ טיראַנישן רעזשים אין ראַסייע גופא וועלן זיי אייך אויך ניט שאַנעווען, און זיי וועלן אייך און אייער לאַנד, וואָס איז אַזאַ נאָענטע שכנה און האָט זיך געפונען אין פאַר־יאָכונג ביי דעם צאַר, אַריינגעמען אין זייער קלעם, דעמאָלט וועט איר באַ־צאָלן טייער פאַר אייער האַנדלען אַזוי אומיושרדיק און אַזוי נאַריש. איר שטיצט און העלפט און פאַרפעסטיקט אַ טיראַניי, וועלכע וועט ביי אייך צונעמען אייער זעלבסטשטענדיקייט און וועט אייך צעטרעטן און צעשטויבן. איינס אַוועק, צווייטנס, איר דאַרפט דאָך באַגרייפן אַז אין דער רוסישער געשיכטע וועט מען אייך באַטראַכטן ווי פאַרקויפטע נשמות, וואָס האָבן זיך פאַרקויפט צו די באָלשעוויקעס צו טאָן פאַר זיי די שמוציקע אַרבעט, וואָס אַ רוס, אַ רוסישער זעלנער און פּאָליציייאַיסט, וואָלט עס קיינמאָל ניט גע־טאָן. איר זייט שכנים און אַ קליין פעלקל אין פאַרגלייך מיט דעם ריז, דאָס רוסישע פאָלק. עס וועט אייך אייערע שענדלעכע מעשים ניט פאַרגעבן. איר וועט אין זיינע אויגן פאַרלירן יעדע נאַציאָנאַלע ווערדע. עס וועט קוקן אויף אייך ווי אויף לאַקייען, משרתימלעך. אַ פאָלק, צו וועמען מע פאַרלירט דעם רעספּעקט, פאַרלירט מיט דער צייט אַלץ.

איך האָב גערעדט לאַנג און מיט צאָרן וועגן דער פאַרגוואַלדיקונג פון דעם גוף און דער נשמה פון רוסישן פאָלק, וואָס די באָלשעוויקעס פירן אדורך מיט דער הילף פון די געדונגענע לאַטישן, וואָס יעדער רוס שילט און פלוכט און באַשולדיקט אין אַלע זיינע צרות, אין דעם אַרויפזעצן אויפן טראָן נייע טיראַנען.

זיי האָבן זיך פאַרענטפערט.

— טראָצקי איז געקומען צו אונדז אין אונדזערע קאַזאַרמעס. ער האָט צוויי מאָל גערעדט צו אונדז, די אָפיצערנשאַפט. ער האָט אונדז געזאָגט, אַז עס האַנדלט זיך בלויז וועגן פאַרניכטן אַ נעסט פון באַנדיטיזם.

— בשעת אַ רעוואָלוציע הערט מען זיך ניט צו צו דעם וואָס עמיצער זאָגט. עס קומט דאָך פאַר אַ שטרייט פון מיינונגען און באַוועגונגען־ריכ־טונגען. מען דאַרף אַליין גיין און זען מיט די אייגענע אויגן און זיך ניט פאַרלאָזן אויף רייִדערייען און פאַרלוימדונגען. פאַרוואָס האָט איר ניט גע־

שיקט קיין דעלעגאַציע, קיין אונטערזוכונגס־קאָמיסיע? איר האָט געדאַרפט קומען צו אונדז, באַזוכן „דאָס הויז פון אַנאַרכיע" און אויסגעפינען וואָס דאָרט קומט פאָר און זיך באַקענען מיט אונדזערע מענטשן.

— איר זייט פולשטענדיק גערעכט. מיר האָבן געהאַנדלט ווי מענטשן אָן דערפאַרונג. מיר האָבן באַגאַנגען אַ גרויסן פעלער, אפשר אַ פאַטאַלן פעלער.

איך האָב שוין אויבן („דער סערב") אָנגעוויזן, אַז מיין קליין געוואוקס און דאָס וואָס מיין נשמה האָט זיך קוים מיט צרות געהאַלטן אין שוואַכן גוף האָט געטאָן פאַר דער ווינדיקאַציע פון אַנאַרכיזם מער ווי מיינע בעסטע אָראַטאָרישע מייסטערישקייטן. און אין דעם פאַל מיט די לעטישע אָפּיצערן איז מיין חסרון מיר ווידער צוניצגעקומען ביים אָראָפּנעמען דעם בילבול וואָס טראָצקי האָט אויף אונדז געמאַכט.

— וועלכע סיסטעם האָט איר בדעה איינצופירן אין רוסלאַנד? — האָבן זיי מיך געפרעגט.

זיי האָבן געוואָלט בייטן די טעמע פון געשפּרעך און אָוועקגיין וואָס גיכער פון מיין באַשולדיקן זיי. פאַר זייער שלעכטער האַנדלונג האָבן זיי קיין גענוגנדיקן פאַרענטפער ניט געקענט געפינען. זיי האָבן צוגעגעבן זייער אומפעאיקייט זיך פאַנאַנדערצוקלייבן אין די פאַרפּלאָנטערטקייטן פון אַ רע־וואָלוציע.

זיי האָבן זיך פאַראינטערעסירט הן מיט מיינע טעאָרעטישע באַנעמונ־גען און הן מיט מיינע פּראַקטישע פּלענער. פאַרשטייט זיך אַז איך בין געווען גרייט צו באַפרידיקן זייער נייגעריקייט. איך האָב זיי געגעבן אפשר מער ווי זיי זיינען געווען וויליק צו נעמען. „מער ווי די קאַלב וויל זויגן, וויל די קו איר געבן זויגן" (פסחים קי"ב). הכלל איך האָב זיך ניט געלאָזט בעטן און ניט געווען שפּאָרזאַם מיט רייד. איך האָב געהאַט אַ באַזונדער פאַראינ־טערעסירטקייט אין זייער אויפקלערונג, און אין מיין אַנטוויקלען מיינע טע־אָריעס. איך האָב געטראַכט אפשר וועל איך זיי באַאיינפלוסן און דאָס וועט מיך ראַטעווען פון זיכערן טויט. האָט דאָך שעהערעזאַד פאַררעדט די ציין פון דעם טיראַן, וואָס האָט איר געוואָלט לאָזן קעפּן. קען איך ניט שפּילן די אייגענע ראָלע, ניט מיט מעשיות־דערציילן, נייערט מיט טעאָרעטישע עקס־פּאָזיציעס?

— מיין פּלאַן איז געווען אַן איינפאַכער. די באָלשעוויקעס זיינען דאָך ניט קעגן קאַפּיטאַליזם, נייערט פראַ קאַפּיטאַליזם, נאָר אנשטאָט אַ פּאָליקאַ־פּיטאַליזם פירן זיי איין אַ מאָנאָקאַפּיטאַליזם וואָס זיי רופן סאָציאַליזם. זיי שאַפן איין גרויסע מלוכהשע מאָנאָפּאָליע. מיר זיינען פאַר דער ליקווידאַציע פון דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם, דאָס פּאַסירט ווען די אַרבעטער נעמען איבער די פאַבריקן, יעדע פאַבריק באַזונדער ווי זי שטייט און גייט. דערנאָך ערשט, אַביסל שפּעטער, פאַראייניקן זיך די פאַבריקן און שאַפן אַרבעטער־טראַסטן. אויספּאַלגן דעם באָלשעוויסטישן פּלאַן מיינט איינגאַנצן אָפּשוואַכן און מאַכן אָפּהענגיק דעם אַרבעטער־קלאַס. וואָרעם אויב דעם אַרבעטער איז

שווער זיך צו אָריענטירן אין דער קליינער אָדער מיטלמעסיקער פאַבריק. אַ פּשיטא שוין אַז ער וועט זיך איינאַנצן פאַרלירן ווען די פאַבריקן וועלן נאַציאָנאַליזירט אָדער סאָציאַליזירט, ווערן אומגעהויערלעך פאַרגרעסערט. דער מאַלט פאַרלירט ער זיך דאָך אינגאַנצן. און דאָס איז אייגנטלעך די כוונה פון נאַציאָנאַליזאַציע און סאָציאַליזאַציע, אָרויסצונעמען די אינדוסטריע פון רשות פון אַרבעטערטום, וואָס נעמט זיך שוין פאַנאַנדערקלייבן אין דעם. וואָס עס קומט פאָר און ווי אַזוי עס פונקציאָנירט די קליין־אומפאַנגלעכע אינ־דוסטריע, אויפהייבן זי אַזוי הויך אין אומפאַנג און קאָמפּליקאַציע, אַז דער אַרבעטער זאָל אַפילו ניט וואַגן טראַכטן וועגן איבערנעמען זי און פאַרוואַלטן מיט די אייגענע אַרבעטאַרישע כוחות. לכן בנוגע דער הויך־אַנטוויקלטער קאַפּיטאַליסטישער אינדוסטריע בין איך געווען פאַר איבערגעבן די אַרבעטער די איינצלנע פאַבריקן אין זייער קעגנוואַרטיקן אַרומנעם און זייערע קעגנ־וואַרטיקע מעטאָדן פון פונקציאָנירן און פאַרוואַלטן.

בנוגע דעם נידעריקן שיכט פון מיטלקלאַס וואָלט איך אים געלאָזט לעת־עתה אומבאַרירט. מיט דער צייט וואָלטן זיי שאַפן אַסאָציאַציעס פון בעלי־מלאכות, אָדער אַרטעלן, ווי מ׳רופט אין רוסיש אַט־די פּראָפעסיאָנעלע פאַכ־מענישע פאַראיינען.

די לאַנדווירטשאַפט און דאָס לאַנד איבערגעבן צו די פּויערים, וואָס ווערן ערדאַרבעטער אייגנטימער. זיי נעמען איבער די הויפן און גיטער פון די פּריצים. שפּעטער־צו וועלן זיי שאַפן קאָאָפּעראַטיוון אָדער אַסאָציאַציעס. אַזוי אַז די ווירטשאַפט וואָלט ניט צעפאַלן געוואָרן אונטער די הענט. די באָלשעוויקעס מיט זייער מעגאַלאָמאַניע, זייער וואַנזין פאַר גרויסקייט, גרוי־סע אינדוסטריעלע איינסן, האָבן מיט אַ כיוון רואינירט דעם בעל־מלאכה, דעם „קוסטאַר", אָפּזיכטלעך, כדי אים אַריינצונעמען אין זייערע קאָמיסאַ־רישע לאַפּעס.

די באָלשעוויקעס, ווי די מאַרקסיסטן בכלל, האָבן אונדז פונלאַנגאַן באַ־שולדיקט אַז מיר זיינען קליינבירגער און אין סימפּאַטיע מיט קליינבירגער־טום. אַט־דער קליינבירגערטום איז דער רוב מנין און רוב בנין פון דער גאַנצער מענטשהייט.

— אייער פּלאַן האָט גוטע פּונקטן און ער לייגט זיך אויפן שכל. מיר זיינען ניט קיין באָלשעוויקעס. מיר זיינען געווען קעגן צאַר. מיר זיינען פאַר אונדזער פּאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט און אַזוי ווי לענין האָט דער־קלערט אַז יעדעס פאָלק קען זיך זעלבסט־דעטערמינירן ביז צום אָפּטיילן זיך — האָט ער אונדז געוואונען אויף זיין זייט בלויז אין דעם פּונקט. מעג־לעך אַז ווען מיר קומען צוריק אין אונדזער הימלאַנד וועלן מיר פּרובירן איינפירן עפּעס ענלעכעס צו אייער פּלאַן. אָבער וואָס אונדז איז שווער צו באַנעמען אין אייער לערע איז דער פּרינציפּ וואָס פאָדערט דעם אָפּשאַף פון דעם שטאַט. מיינט איר אַז מע קען לאָזן די באַפעלקערונג אויף הפקר אָן קיין מלוכהשע אינסטיטוציעס און טאַקע גלייך, שוין, אין אונדזער צייט?

— דאָס האָט לענין אויסגעטראַכט. דאָס איז אַ טעאָרעטישער בילבול.

ער שרייבט אין זיין ווערק „דער שטאַט און די רעוואָלוציע״, אַז דער אונ־טערשייד צווישן אים און אונדז איז דאָס, וואָס מיר ווילן ליקווידירן דעם שטאַט גלייך און ער איילט זיך דערמיט ניט, ער לייגט עס אָפּ ביזן אָנקום פון צווייטן פּעריאָד פון קאָמוניזם, אַ מין צווייטן אָנקום פון אויסלייזער. דאָס זיינען אויסגעטראַכטע בבא־מעשיות. אַ רעגירונג איז ניט אַזאַ אינסטי־טוציע וואָס מ׳קען מיט איין מאָל מיט דער האַנט זי נעמען און אָפּשאַפן. דעם שטאַט דאַרף די באַפעלקערונג אַריבערוואַקסן. דאָס הייסט זיי דאַרפן צייגן אין זייער אויפפיר, אַז זיי נייטיקן זיך ניט מער אין זיינע פונקציעס, אַז זיי קענען זיך באַגיין אָן אים, אַז זיי קענען אויסקומען צווישן זיך אָן ליטיגאַציעס, אָן לאָדן זיך, אָן פּאָליצײ, אָן ריכטער, אָן געפענגענישן. דע־מאָלט, ווען פאַרברעכנס פון אַ קרימינעלן און ציוויל־קאָמערציעלן כאַראַקטער ווערן מער ניט באַגאַנגען, וועט דער ריכטער, דער פּראָקוראָר, דער געפענ־געניש־מייסטער בלייבן אָן אַ שטאָך אַרבעט. דאָס אייגענע גייט וועגן דער אַרמיי. אַז פעלקער וועלן זיך אופפירן ווי ציוויליזירטע קערפּערשאַפטן, וועלן אויפהערן צו ממיתן זיך, וועלן די אַרמייען אָפּגעשאַפן ווערן. די באַפעלקע־רונג דאַרף קאָנקרעט אין טאָגטעגלעכן לעבן צייגן אַז זי דאַרף מער ניט האָבן דעם שטאַט.

אין דעם איצטיקן אַנטוויקלונגס־פּעריאָד האַנדלט זיך עס ניט וועגן אָפּ־שאַפן דעם פּאָליצייאישן שטאַט נייערט וועגן ניט דערלאָזן דעם שטאַט צו פאַרכאַפּן דיווירטשאַפט, און אַז די שטאַט־פּאָליטיק זאָל פאַרגוואַלדיקן די עקאָנאָמיק פון לאַנד. אָט־דאָס שטייט אין אונדזער צייט אויף דער טאָג־אָרדענונג.

איך האָב געפירט ווייטער מיין געשפּרעך אין אַ רואיקן און פעסטן קול, מיט גרויס ערנסטקייט אַנטוויקלט מיינע טעאָריעס, און מיט בייסנדיקן סאַר־קאַזם קריטיקירט די דאָקטרינעס פון אונדזערע קעגנער, די שטאַט־סאָציאַ־ליסטן, מאַרקסיסטן.

דער ייִנגערער אָפיצער, בסך־הכל איז ער אַלט געווען מסתמא ניט מער ווי אַ יאָר צוואַנציק, אַמהעכסטן פינפאונצוואַנציק, האָט געוואָרפן אויף מיר די גאַנצע צייט בליקן פון אנדערקענונג און רחמנות. איך האָב דעם רחמנות־טייל אויפגענומען און באַגריפן זיין באַטייט, אָבער זיך געמאַכט אַז איך פאַרשטיי ניט וואָס עס דערוואַרט מיך נאָך אין אָט־דער נאַכט. איך האָב געטראַכט:

מיטלייד איז כמעט שטענדיק מער ווי לייד. איך האָב מיין גאַנצן לעבן פאַרבראַכט אין אָרעמקייט און קיינמאָל ניט אַ קלער געטאָן וועגן מיין צרה־דיקן מצב, אָבער ווען איך האָב דערזען אַ רעפּליקאַ פון מיין נויט און דחקות ביי מיין שכן, בין איך אויפגעציטערט געוואָרן, די סצענע האָט מיך אַ ברי־געטאָן ווי איך וואָלט זיך צוגערירט מיט דער נאַקעטער האַנט צו אַ גליענ־דיקער קויל.

די אָפיצערן האָבן זיך העפלעך צעוויטעט, זיך פאַרנייגט און מיך פאַר־לאָזן. די וואַכלייט האָבן ניט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס אַזויפיל רעספּעקט

און פריינטלעכקייט ווערט אַרויסגעוויזן צו אַן אָרימען, נעבעכדיקן אַרעס־טירטן קריפּל. ווײַלנדיק זיך אָפּלערנען פון זייערע אָפּיצערן, האָבן זיי אויסגעדריקט זייער בעסערע באַציאונג צו מיר מיט אַן אָנבאָט פון טיי מיט געהאַקטן צוקער, וואָס זיי האָבן באַוויזן צו קריגן אין אַ צייט ווען צוקער איז געווען שוין אַ יקר־המציאות אין מאָסקווער הייזער. איך האָב זיי באַדאַנקט, אָבער צוריקגעוויזן זייער אָנבאָט.

זיי האָבן באַמערקט, אַז איך האָב אַ גאַנצן טאָג גאָרניט געגעסן. אויף דעם האָב איך געענטפערט: דאָס דינט אַלס טעם, פאַרוואָס איך וויל ניט טרינקען.

איך האָב זיך שטאַרק מצער געווען וואָס איך האָב ניט פאַרעפנטלעכט קיין איינס פון מיינע ווערק.

— איך גיי באַלד שטאַרבן און קיינער וועט ניט וויסן פאַרוואָס אייגנטלעך איך האָב אָפּגעגעבן מיין לעבן, — האָט אין מיר געמורמלט אַ שטים.

— מיינע געדאַנקען געפינען זיך אין דער לופט, איך האָב זיי געזייט און געשפּרייט איבער דעם גאַנצן שטח פון מאָסקווע און אַרומגעגנט. איז דען פאַראַן אַ פּאַרק, אַ סקווער, אַ גאַסן־פּלאַץ, אַ בולוואַר וואו איך האָב ניט גערעדט צו די אַרבעטער פון דער שכנשאַפט? איז דען פאַראַן אַן אַרבעטער־קלוב, אין וועלכן איך האָב ניט געהאַלטן מיינעם אַ פאָרטראַג, אַנטוויקלט מיינע אַנשויאונגען, — האָט אָפּגעענטפערט אַ צווייטע שטים אין מיר.

— דו שטאַרבסט פאַר דער צייט, דו האָסט ניט דערפילט דיין שליחות

— האָט זיך אַריינגעמישט אַ דריטע שטים, וואָס האָט אַרויפגעקוועלט פון די סאַמע מעמקים פון מיין האַרצן.

— עס איז קיינמאָל ניט צו פרי ווי עס איז קיינמאָל ניט צו שפּעט אַוועקצוגיין, — האָט זיך אָפּגערופן גאָר אַן אַנדער קול, — נאָך אַלעמען, זייער אַ קליינע צאָל מענטשן פאַרשטייען די פּסיכאָלאָגיע פון דעם מאַרטירער. עס איז פאַראַן אַ גרויסער תענוג, אַ פאַרשיכורטקייט אין דער דערוואַרטונג פון טויט. יעדער מאַרטירער האַנדלט איין אַ מציאה אויף דער תליה, איך בין אויסגענחתט פון אַט־דער דערוואַרטעניש. וואָרעם, אין גרונט גענומען, ליבן מיר נאָך אַלץ דעם טויט, דאָס מקריב־זיין זיך אויף אַן אַלטאַר.

איך וואָלט אָבער ניט וועלן אויסזען אויפגערעגט, צעטראָגן. מע וואָלט עס געקאָנט שלעכט אויסטייטשן, דעריבער —

— באַרואיק זיך מיין האַרץ, שלאָג ניט צו שנעל און צו שטאַרק, בניחותא!

7

איין נאַכט פון טויזנט

צוויי אָפּיצערן, אַביסל יינגערע פון די פריערדיקע באַזוכערס, קומען אַריין. זיי פאַרנעמען זייערע פּלעצער אויף די זעלביקע טאַבורעטן לעבן דער לאַנגער באַנק אויף וועלכער איך בין געלעגן.

אין זייער געשפּרעך שטעלן זיי זיך אָפּ אויף דעם קלאַסנקאַמף וואָס קומט איצט פאָר, אין אַ פאַרשפּיצטער ביז בירגער־קריגערריי פאָרם, אין רוס־לאַנד, און, דערהויפּט, אויף דעם קלאַסנאָפּשאַף וואָס ווערט אַזוי פייערלעך צוגעזאָגט פון די באָלשעוויקעס און זייער פירער, לענין. זיי ווילן וויסן ווי פאַס איך אויף אַט־די דערשיינונג און וואָס טראַכט איך וועגן די באָלשע־וויסטישע הבטחות.

די אָריענטאַלישע שעהערעזאַד־לעגענדע, וואָס זאָגט אונדז אַז מע קען אויך אַ זיכערן טויט „אָפּשפּרעכן‟, פאַררײדן, קומט מיר ווידער שאַרף און פיינפול אויפן געדאַנק. איך אַנטוויקל מיין שטאַנדפּונקט גאַנץ ברייטלעך.

איך הייב אָן מיט אַ שפּאַס.

— הייסט עס אַז איר ווילט אַז אנשטאָט דער גריכישער „פּעריפּאַטע־טישער אַקאַדעמיע‟ (גייערישע, שפּאַצירערישע) זאָלן מיר דאָ עפענען אין רוסלאַנד אין קרעמל אַ „ליגנדיקע אַקאַדעמיע‟...

— אויב אייך איז עס שווער צו טאָן צוליב אייער געזונט־צושטאַנד, וועט איר אונדז אַנטשולדיקן, מיר האָבן ניט געמיינט אייך צו באַלעסטיקן.

— מיר איז עס ניט שווער, פאַרקערט, זייער אנגענעם צו טאָן. איך האָב געהאַלטן צענדליקער פאַרטראַגן אויף אַט־דער קאַרדינאַלער פראַגע סיי אין אַרבעטער־קלובן סיי אויף אונדזערע קורסן אין אונדזער „הויז פון אַנאַר־כיע‟.

מיין צוגאַנג צום קלאַסנקאַמף, ממילא צום „קלאַסנאָפּשאַף‟, איז אינ־גאַנצן אַן אַנדערער ווי לעניגס מאַרקסיסטישער, באָלשעוויסטישער.

דער קלאַסנקאַמף האָט דריי קערפּערס ניט צוויי. ער קומט פאָר אי האָ־ריזאָנטאַל און אי ווערטיקאַל. מיר דאַרפן באַגרייפן אַז עס זיינען פאַראַן סאָציאַלע פאָרמאַציעס וואָס זיינען, אַזוי צו זאָגן, אַנטיפּאַטיש סימביאָטיק, אי אַנטקעגנגעזעצט און אי צוזאַמענגעלעבט. היסטאָריש זיינען זיי סיטואירט אויף איין פלאַך, זיי לעבן מעשה שכנים, אין גאָרער נאָענטקייט, זיי געפֿי־נען זיך אין איין און דערזעלביקער עפּאָכע.

אַט־די צוויי אַגרעגאַטן, די בורזשואַזיע און דער פּראָלעטאַריאַט, מאַר־שירן דורך דאָס סאָציאַלע לעבן דערמאָנענדיק שטאַרק אַן יענער פּאָר, וואָס איז געוואָרן אַ בייוואָרט. זיי האָבן חתונה געזעצלעך. זיי געפינען זיך כסדר אונטער איין דאַך, אין איין שלאָפצימער. זיי האַלטן כסדר אין איין אַרומ־קריגן זיך, אָבער וועגן שיידן זיך, פאַנאַנדערגיין זיך טראַכטן זיי ניט. אַ גט — מ׳טאָר עס אויף די לעפּצן ניט אַרויפברענגען, עס איז טאַבו, ניט צו

דערמאָנען. זיי זיינען אויסגעבונדן איינער מיט דער אַנדערער אין דער סאַמע אַקציע פון אומאויפהערלעכן צוזאַמענשטויס. זיי שלאָגן זיך, זיי דראַפּען זיך, אָבער בלייבן לעבן און אַרבעטן צוזאַמען ווי אַ „באַשערטע פּאָר". זיי פונקציאָנירן בשותפות. זיי באַנעמען גאַנץ גוט אַז זיי קענען ניט אויסקומען איינער אָן דער אַנדערער. זיי זיינען ניט פעאיק אויסצופירן ביחידות זייערע אויפגאַבעס. וואָרעם זיי זיינען צוויי העלפטן פון איין גאַנצער זאַך. זיי זיי־נען קאָנטראַגענטן פון איינעם און דעם זעלביקן פּראָצעס.

עס זיינען אָבער אויך דאָ אַזעלכע סאָציאַלע קערפּערשאַפטן, וואָס באַ־טרעטן די געשיכטלעכע בינע אויף אַ שטייגער, וועלכער איז ענלעך צו דעם נאָכפאָלג פון די דורות. דער אַוואַנגאַרד פון איינעם און דער אַריערגאַרד פון צווייטן באַגעגענען זיך, מיט פיינטשאַפט און האַס, אויף די גרעניץ־ליניעס פון אַ געגעבענער עפּאָכע. דאָס הייסט, זיי פאַרנעמען, פאַרכאַפּן איבערגוואַלט איינער דעם צווייטנס אָרט.

איצט, נאָך אָט־דער קורצער איינלייטונג, לאָמיר פּרובירן זיך אַריינ־טראַכטן און אויפפאַסן די קלאַסנקאַמף־דערשיינונג. וואָס איז עס? איז עס אַ קריג וואָס קומט פאָר צווישן די וועלכע געפינען זיך אין צייט, אָדער עס איז אַ געראַנגל צווישן די וואָס געפינען זיך אין רוים, אין סוק־סעסיע אָדער אין קאָעקזיסטענץ?

בקיצור, איז דער קלאַסנקאַמף ענלעך צו דעם געשלעג וואָס קומט פאָר צווישן די געשלעכטער אָדער צו דעם געפעכט וואָס גייט אָן צווישן די על־טערס, אַלט און יונג, עלטערן און קינדער?

דער ענטפער צו דער פראַגע איז אַז דער קלאַסנקאַמף ווערט געפורעמט לויט ביידע מוסטערן אויפאַמאָל. ער קומט פאָר סיי אין סוקסעסיע און סיי אין קאָעקזיסטענץ. דער קלאַסנקאַמף וויקלט זיך פאַנאַנדער אין צוויי ריכ־טונגען, וואָס האָקן זיך איבער. ער געפינט זיך הן אין דער האָריזאָנטאַלער און הן אין דער ווערטיקאַלער פלאַך.

דאָס ריכטיקע בילד פון אָט־דעם קאַמף איז אַזאַ:

בשעת די מאַסן קעמפן האָריזאָנטאַל, פירן אָן די הערשער, די איצ־טיקע און די צוקונפטיקע, זייער קאַמף ווערטיקאַל. ביי זיי איז עס אַ ריי־סעריי איבער נוסחאות און מעטאָדן פון הערשאַפט און פאַר דעם אָביעקט, די באַהערשטע.

דער קאַמף ווערט געפירט און דערפירט ביז צו אַ דערפאָלגרייכן ענד, אויף אַ ווערטיקאַלן שטייגער, אָבער דאָס קען ניט געטאָן ווערן אָן דער די־רעקטער שטיצע און אומשפאָרזאַמער הילף מצד פון די אונטערדריקטע מאַסן, וואָס קעמפן אויף אַ האָריזאָנטאַלן אופן. מיט דעם דערקלערט זיך עס, וואָס די לעצטע אַקערן און פאַרזייען דאָס סאָציאַלע פעלד, טרינקען עס אָן מיט זייער שווייס און בלוט, אָבער ווען עס קומט צום שניידן זיינען אַלע מאָל דאָ אַנדערע בעלנים אויף דער תבואה. זיי קריגן קיינמאָל ניט אַריין די תבואה אין זייערע שייערן. מיט דעם דערקלערט זיך עס, וואָס די אונטער־דריקטע האַלטן כסדר אין איין פלאַנצן דעם בוים פון פרייהייט, פלעגן אים,

שניידן אַרום זיינע פּאַרטריקנטע צווייגן. באַגיסן אים. אָבער ווען עס קומט צו געניסן פון זיינע פרוכטן קומען אַנדערע, וואָס האָבן שאַרפערע ציין און שטאַרקערע אַפּעטיטן און קרעפּטיקערע הענט און זיי פאַרכאַפּן דאָס אויבס פון בוים און לאָזן די מאַסן ניט צו.

איבערחזרנדיק אונדזערע רייד, עס איז פאַראַן אַן אַנטאַגאַניזם, וואָס ווייזט זיך אַרויס אויף אַ ווערטיקאַלן שטייגער און עס איז פאַראַן אַן אַנטאַגאַניזם, וואָס ווירקט אויף אַ האָריזאָנטאַלן שטייגער. דער ווערטיקאַלער אַנטאַגאַניזם איז דער יעניקער וואָס האָט זיך באַהויפּט צווישן דער בורזשואַזיע און דעם אַדלשטאַנד, און באַהויפּט זיך, אין אונדזער צייט אין רוסלאַנד, צווישן דעם קאָמיסאַריאַט וואָס פוצט זיך אין די פעדערן פון פּראָלעטאַריאַט, ד. ה. צווישן צוויי הערשנדיקע קלאַסן, וואָס זיינען סיטואירט אין סוקסעסיע. דער האָריזאָנטאַלער אַנטאַגאַניזם איז דער וואָס באַהויפּט זיך צווישן די עקספּלואַטירער און די עקספּלואַטירטע, ד. ה. צווישן די אַרבעטער און דער בורזשואַזיע אין אונדזער צייט, צווישן די לייבאייגענע און די פּריצים אין אַ פריערדיקער עפּאָכע. די אַנפירער פון דעם ווערטיקאַלן קאַמף אוטיליזירן און ע ק ס פּ ל ו אַ ט י ר ן דעם האָריזאָנטאַלן קאַמף. דער ו ע ר ט י ק אַ ל ע ר אַנטאַגאַניזם נוצט אויס דעם האָריזאָנטאַלן אַנטאַגאַניזם. דאָס הייסט די צוקונפטיקע הערשער נוצן אויס די קאַמפּסלוסטיקייט, די אָפּפערוויליקייט פון די מאַסן.

— זייער קלאָר און אויגנאויפעפענענדיק. עס איז אַ טיפער אַנאַליז. עס וואָלט זיין אינטערעסאַנט צו לייענען אייערע ווערק, און זיך פאַרטיפן אין זיי, — האָט געזאָגט איינער פון די אָפיצערן, מוציא־זייענדיק דעם צוויטן.

— צום באַדויערן האָב איך נאָך ניט באַוויזן זיי אַרויסצוגעבן. איך בין געווען צופיל פאַרנומען מיט מינדלעכער פּראָפּאַגאַנדע און מיט אַרטיקלען־שרייבן אין אונדזער אָרגאַן „אַנאַרכיע".

— איר וועט עס נאָך באַווייזן צו טאָן, לאָמיר האָפן. אָבער אויב איר זייט ניט צו מיד וואָלטן מיר וועלן הערן אייער אויפפאַס פון דעם קלאַסנ־אָפּשאַף וואָס די באָלשעוויקעס פאַרזיכערן דורכצופירן. זיי באַהויפּטן אין אַלע זייערע אַרויסטרעטונגען ווי אויך אין זייערע שריפטן, אַז זיי גייען שאַפן אַ קלאַסנלאָזע געזעלשאַפט.

— איך בין קיינמאָל ניט מיד ווען עס קומט צו אויפקלערן, אויפדעקן און אַרונטעררייסן אַ פאַלשע לערע וואָס וועקט פאַלשע האָפענונגען מיט ניט אינגאַנצן אייגננוצלאָזע כוונות. די באָלשעוויקעס פאַרשפּרייטן סאָציאַלע אָבערגלויבערייען, מיט וועלכע זיי פאַרבלענדן די אויגן פון די מאַסן און אַפילו פון אַ טייל פון דער אינטעליגענציע. זיי טוען עס אָפּזיכטלעך.

— איר מיינט צו זאָגן אַז זיי זיינען סאָציאַלע שווינדלערס? — פרעגן ביידע אָפיצירן אויף־אַמאָל, אַ היפּש ביסל פאַרחידושט.

— ניין, ניט אַזוי איינפאַך. די זאַך איז פיל קאָמפּליצירטער פּסיכאָלאָגיש. זיי באַשווינדלען ז י ך ט עָ אַ ר ע ט י ש, כדי זיי זאָלן קענען אַן געוויסנפּלאָגעניש באַשווינדלען אַ נ ד ע ר ע סאָציאַל־פּאָליטיש פּראַקטיש.

זיי נעמען ז י ך אַרויס איין שכל־אויג אָבי יענעם, די מאַסן, אַרויסנעמען ביידע אויגן.

— אויב אייך איז ניט שווער, דערקלערט אונדז אייער קוק אויף אָט־דעם פונקט פון זייער פּראָגראַם. דאָס איז דאָך זייער הויפּט־פּרינציפּ.

— איך גיי עס טאָן מיט פאַרגעניגן, — זאָג איך און די ווייזע פון שעהערעזאַד שעפּטשעט מיר אין אויער: טו עס און דו וועסט זיך, אפשר, ראַטעווען ווי איך האָב זיך געראַטעוועט. אין דער לעגענדע וועגן מיר ליגט אַ פאַרהוילענער אמת, ניט בלויז צדקה ראַטעוועט פון טויט, אַמאָל קען עס טאָן אויך „תורה־זאָגן"... מעשיות דערציילן און אויך אויפקלערונג, טעאָרעטישע פאַרטיפונגען, ריכטיקע אויסטייטשונגען פון סאָציאַלע פּראָצעסן.

— מיר וועלן דאַרפן פאַר דעם צוועק אָנקומען צו היסטאָרישע פּאַראַלעלן און אַנאַלאָגיעס. לויט דעם מאַרקסיזם־באָלשעוויזם קומט אויס, אַז די איינציקע באמת ווירקזאַמע באַוועג־קראַפט פון געזעלשאַפטלעכן פאָרשריט, וואָס איז גילטיק פאַר אַלע פעלקער, וועלכע געפינען זיך אויף דער ציוויליזאַציע־קאַרטע און פאַר אַלע צייטן פון דער געשריבענער געשיכטע — איז דער קלאַסנקאַמף, וואָס ווערט אין געוויסע פעריאָדן פאַרשאַרפט און נעמט אָן די פאָרם פון אַ באַוואָפנטן בירגערקריג. דער „באַנקראָט" פון ליבעראַליזם, ד. ה. פון דער „דריטן־שטאַנד"־אידעאָלאָגיע מיט אירע בירגערקריגערישקייטן, מיט אירע קאַמף־מעטאָדן וואָס האָבן דערגרייכט זייער זעניט אין דער צעשטורעמטער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, — האָט דעם מאַרקסיזם־באָלשעוויזם גאָרניט געלערנט. פאַרוואָס? ווייל דער מאַרקסיזם־באָלשעוויזם רעדט זיך איין אַז זיין סאָציאַליזם־קאָמוניזם, זיין אידעאָלאָגיע איז געמאַכט פון גאָר אַן אַנדער שטאָף, מחמת די אַזוי גערופענע „ליבעראַלן", ד. ה. די אידעאָלאָגן פון דער בורזשואַזיע זיינען געווען צבועקעס, ליגנער, פאַרשטעלטע ברואים. זיי האָבן געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז זיי ווילן איינפירן סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען אין דער עקזיסטירנדיקער סיסטעם. בשעת באמת האָבן זיי גאָרניט בדעה געהאַט עס צו טאָן.

מאַרקסיזם־באָלשעוויזם איז גאָר אַן אַנדער זאַך. ער איז ערנסט. ער מיינט עס טאַקע אויפּאַנאמתן. ער גייט עס טאַקע טאָן — און טאַקע באַלד און שוין. מאַרקסיזם־באָלשעוויזם איז די אידעאָלאָגיע פון פּראָלעטאַריאַט. און דער פּראָלעטאַריאַט, דאָס מאָל אין זיין גאַנצער פּראָגרעסיווער גדלות און רעוואָלוציאָנערער פּראַכט, קומט אַרויף אויף דער סצענע. לכן: היט זיך!

עפּעס הפּנים ווי די אידעאָלאָגן פון די פאַרדעמדיקע קלאַסן, וואָס האָבן זיך געריסן צו דער מאַכט און האָבן געמייסטערעוועט די פאַרוויקלענישן פון עקאָנאָמישן פאַרקער און זיך געפּאַרעט אַרום די מיסטעריעס פון פּאָליטישן לעבן, זיינען געווען ווייניקער נאַאיוו און ווייניקער דרייסט צו באַהויפּטן אַז זיי גייען ווייזן ניסים ונפלאות, אַז זיי גייען אַלץ אָפּשאַפן, איבערשאַפן און באַשאַפן אינגאַנצן אַ נייעם געזעלשאַפטלעכן איינשטעל.

אַזעלכע פאַרשפּרעכונגען האָבן מיר שוין געהערט. אַזאַ באַרימערייַ און איינגעגלויבטקייט באַווייזט זיך שוין ניט דעם ערשטן מאָל אויף דער פּאַ־

ליטישער און אידעאָלאָגישער גאַס. די בורזשואַזע אידעאָלאָגן האָבן אויך געַ־טענהט, אַז זיי גייען איבערקערן די סאָציאַלע שיסל מיטן דעק אַרויף; אַז זיי גייען אָנהייבן דאָס סאָציאַלע לעבן פון סאַמע בראשית, און, זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אַז זיי זיינען עס די־יעניקע כל־יכולס ביי וועמען דער אײ־בערשטער האָט זיך געמעגט לערנען, וואָרעם זיי גייען באַשאַפן דעם סאָ־ציאַלן ריינעם „כי טוב". עפעס אַ קלייניקייט וואָס זיי גייען אויפטאָן! און טאַקע דווקא זיי, און ניט קיין אַנדערע. קיינער ניט פאַר זיי און קיינער ניט נאָך זיי, אויסשליסלעך זיי! ווייל זיי זיינען אָוועקגעשטעלט געוואָרן דורך דער היסטאָרישער פּראָווידענץ אין אַן אומגעוויינטלעך גינציקער לאַגע בכדי דורכצופירן אַט־די אויפגאַבע, שאַפן אַזאַ וואוילשטאַנד אַז „גאָט און לייט" וועלן זיך פרייען.

מעטאַפיזיק טוט דאָ אַפּ אַ שפּיצל דעם מאַרקסיזם־באָלשעוויזם, וועל־כער צייגט אַ פאַרעקשנטע אומווילִיקייט אָנצונעמען אַ קאָנטינואיטעט־שטאַנדפּונקט, אַנטוויקלען אַ ה י ס ט אָ ר י ז ם; ער וויל ניט תופס־זיין אַזאַ עלעמענטאַרע זאַך, אַז עס איז ניטאָ קיין אָנהייב און עס איז ניט פאַראַן קיין סוף, נייערט אַן ענדלאָזער מיטן. מיר און אונדזער עפּאָכע געפינען זיך אין שטראָם פון געשעעניש. כוואַליעס קומען, כוואַליעס גייען אַוועק. מיר גייען דורך אַ המשך. עס איז אַ געשיכטע וואָס ווערט פאַרעפנטלעכט אין פאָרזעַ־צונגען מיט לייכטע וואַריאַציעס ביי יעדן בייג און נייג פון אַ ציוויליזאַ־ציע־פעריאָד. די אויפטרייסלונגען, איבערבייטונגען פון די סיטואַציעס, דאָס איבערבלעטערן פון די קאַפּיטלעך רופן מיר אַן רעוואָלוציעס.

די צרה איז מיט די האָניק־זיסע באָלשעוויסטישע דיבורים, וואָס זיי לאָזן איבער אַ גאַל־ביטערן נאָכטעם. ווייל וויזיעס פון אַן עסכאַטאָלאָגישן כאַראַקטער, וועלכע זיינען אַזוי דערהויבנדיק אין רעליגיעזן פּראָפעטיזם, זיינען שעדלעך אין פּאָליטיק, דאָ איז ניט דער פּלאַץ דערפאַר.

דער אָפּשאַף פון קלאַסן, דאָס עטאַבלירן אַ קלאַסנלאָזע געזעלשאַפט — מיט די דאָזיקע פראַזן דאַרף מען זיין זייער פאָרזיכטיק. מען דאַרף וויסן געגוי וואָס ס'ווערט פאַרשטאַנען אונטערן וואָרט ק ל אַ ס.

ווען אין דעם טערמין ליגן מיר אַריין אַ ספּעציפיש היסטאָרישן תוך־אינהאַלט, וואָס איז באַהעפט מיט אַ געוויסער באַשטימטער גרופּירונג, דע־מאָלט דעפינירן מיר דאָס וואָרט קלאַס אין אַן ענגערן זינען. מיר נעמען אַריין אין דער באַשרייבונג ניט נאָר דעם ל אָ ג י ש ן ק ע ר נ ד ל נאָר אויך זיין ה י ס ט אָ ר י ש ן שאָלעכץ, זיין פאַרבייגייענדיקע פאָרם און פאַרשווינדנדיקע קאָלאָראַציע. בלויז אָנגעמענדיק אַזאַ באַצייכענונג קענען מיר זאָגן אַז די בורזשואַזיע און דער פּראָלעטאַריאַט זיינען די לעצטע אַנ־טאַגאָניסטישע קלאַסן־פאָרמאַציע, און נאָך זייער אַוועקגאַנג וועט געשאַפן ווערן אַ קלאַסנלאָזע געזעלשאַפט. אָבער אַפילו אין אַט־דעם פאַל איז די באַהויפּטונג ניט פּינקטלעך און אַפילו פאַרפירעריש. ווייל די בורזשואַזיע און דער פּראָלעטאַריאַט זיינען ניט די לעצטע, נייערט די א יי נ צ י ק ע קלאַסן־פאָרמאַציע. פאַר זיי זיינען קיין קלאַסן ניט געווען, נייערט שטאַנדן, קאַס־

טעס און אַנדערע דיפערענציאַנעלע פורעמונגען. נאָך דעם אַוועקגאַנג פון דער בורזשואַזיע און דעם פּראָלעטאַריאַט וועלן שוין מער ניט זיין קיין שום ק ל אַ ס ן, נייערט אַנדערע פאָרמאַציעס, וועלכע מ׳וועט באַצייכענען, אויב מ׳וועט וועלן זיין פּינקטלעך, מיט אַנדערע טערמינען. איידער אַט־די זיך־אַרומרייסנדיקע פּאָרל האָט זיך באַוויזן אויף דער בינע פון דער געשיכטע זיינען ניט געווען קיין שום ק ל אַ ס ן. אויב קיין קלאַסן זיינען ניט געווען פאַר זיי, וועלן קיין קלאַסן, עס איז דאָך זעלבסטפאַרשטענדלעך, ניט זיין נאָך זיי. עס זיינען געווען פאַרשיידענע גרופּירונגען, געוויסע געזעלשאַפט־לעכע פאָרמאַציעס, אָבער יענע סאָציאָלאָגישע קערפּערשאַפטן האָבן זיך אָנגערופן מיט אַנדערע נעמען. זיי זיינען באַצייכנט געוואָרן מיט אַנדערע אָנרופעניש, וואָס האָבן מער עקזאַקט באַשריבן זייער סאָציאַלן מהות און סטאַטוס און אויף אַ מער פּאַסיקן אופן אָנגעצייגט זייער דיפערענציאַנעלע כאַראַקטעריסטיק. און נייע פאָרמאַציעס וועלן אויפקומען נאָך דעם פאַרשווינדן פון דער קלאַסן־פאָרמאַציע.

דער עיקר טעות אין אַט־דער באַהויפּטונג, אַז די בורזשואַזיע און דער פּראָלעטאַריאַט זיינען די לעצטע אַ נ ט אַ ג אָ נ י ס ט י ש ע קלאַסן, ליגט אין דעם אַדיעקטיוו. די אַרבעט־געבערס און די אַרבעט־אויספירערס האָבן דעם אַ נ ט אַ ג אָ נ י ז ם ניט אָנגעהויבן און זיי גייען אים ניט ענדיקן. דער אַנטאַגאָניזם ווערט ניט באַזייטיקט פון די איבערבייטונגען אין פאַרמעס פון די פאַרהעלטענישן וואָס פלעכטן זיך צווישן די אויסטערלישע סאָציאָלאָגישע פאָרלעך, וועלכע קאָנפליקטירן און קאָלאַבאָרירן, שטויסן זיך צוזאַמען און קאָאָפּערירן.

יעדער איבערבייט פון אַ היסטאָרישן כאַראַקטער עלימינירט געוויסע קלאַסן און באַזייטיקט די פאָרמעס פון זייער הערשאַפט. ער שאַפט אָפּ די אופנים פון דער עקספּלואַטאַציע, ווי זי איז פּראַקטיצירט געוואָרן, און ברענגט אַריין נייע אופנים, וועלכע וועלן פּראַקטיצירט ווערן. דידאָזיקע ענדערונגען זיינען ניט קיין נייס אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. און דידאָזיקע שינויים ברענגען זיכער ניט קיין ישועות און נחמות. דאָס איז אייגנטלעך די רוטין־אַרבעט פון דער געשיכטע.

מאַרקס און ענגעלס געברויכן דווקא דעם טערמין „קלאַס" אין דעם ברייטן פּשט פון דיפערענציאַציע בכלל, ווי עס איז לייכט צו זען פון דעם גוט־באַקאַנטן זאַץ וואָס געפינט זיך גלייך אינאָנהייב פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט": „די געשיכטע פון דער ביזאַהער־עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפט איז די געשיכטע פון קלאַסנקאַמף". בכן רעדט זיך דאָ מכוח אַלערליי סאָציאַלע דיפערענציאַציעס. אין אַט־דעם טייטש פון וואָרט ק ל אַ ס קען מען ניט באַהויפּטן אַז מיט דעם צוזאַמענבראָך פון קאַפּיטאַליזם וועלן אויפהערן צו עקזיסטירן קלאַסן, ווייל דעמאָלט מיינט דאָך די באַהויפּטונג צו זאָגן, אַז עס וועלן אויפהערן צו עקזיסטירן דיפערענציאַציע־פאָרמאַציעס, אַז עס וועלן מער ניט זיין קיין גראַדאַציעס, קיין פּלאַסטן און שיכטן, קיין סטראַ־

טיפיקאַציעס. אַזאַ באַהויפּטונג איז פאַלש ווי עבודה־זרה; זי איז אַ גראָב שטיק סאָציאַלע אַבערגלויבעריי.

די הילכיקע קולות און די געוואַלד־געשרייען פון די קלאַסן־געפעכטן האָבן פאַרקלונגען די פאַלישן פון די טעמפּלען אין אַלטערטום. די קלאַסן און די מאַסן האָבן זיך געראַנגלט דורך דעם גאַנצן מיטלאַלטערטום, נאָך איידער דער פּראָלעטאַריאַט אין זיין מאָדערנער געשטאַלט איז געוואָרן אַ היסטאָרישער יש.

אָבער מאַרקס און זיין תלמיד, לענין, פאַרזיכערן, אַז אָט די פעכטערס און ראַנגלערס וועלן זיך אויסמאַטערן און פאַרשווינדן מיטן אָוועקגאַנג פון פּראָלעטאַריאַט, מיט זיין פאַרלאָזן די אַרענע. פאַרוואָס זאָלן זיך ניט געפינען קיין נייע שלעגערס, קיין נייע קעמפערס, טורנירערס?! בכלל אין דער מאַרקסיסטישער קאָנצעפּציע איז דער פּראָלעטאַריאַט אַ מיתה־משונהדיקער קלאַס. ער וועט באַגיין בקרוב־בימינו זעלבסטמאָרד, ער וועט זיך דאָס לעבן נעמען. לויט דער טעאָריע פון מאַרקסן קומט אויס, אַז דער פּראָלעטאַריאַט וועט אָפּשאַפן זיין אייגענע גדולה אַלס אַ קלאַס, מחמת דער אַרבעטער־קלאַס איז קלאָמפּערשט דער שלוס פון קלאַסן־עקזיסטענץ, קלאַסן־הערשאַפט און קלאַסן־אַנטאַגאַניזם.

מיט אַנדערע ווערטער, דער רעזערוואואַר איז אויסגעשעפּט... „די מורזשינקע אויסגעגעבן", די ל ע צ ט ע פאַרמאַציע — די טראַכט פון דער געשיכטע איז פאַרשלאָסן, מער וועט זי ניט קינדלען. די געשיכטע איז אַלט געוואָרן, אויסגעשעפּט געוואָרן.

פרעגט זיך: וואו איז אַהינגעקומען דער דיאַלעקטישער שטאַנדפּונקט? פאַרגעסן וועגן דעם ווי קיינמאָל ניט געווען. ווען דער מ אַ ר ק ס נ ט ו ם וויל, קריגט ער אַ קעצענעם זכרון, און געדענקט ניט וואָס דער מאַרקסיזם האָט געלערנט. דער שטערן וואָס פירט מאַרקסן דורך די פאַרווירענישן פון די אינטערקלאַסן־פאַרהעלטענישן איז אויסגעלאָשן געוואָרן פון די אָנקומענדיקע דעמאַגאָגיע־וואָלקנס און אַבערגלויבערישע כמאַרעס, וואָס זיינען געשפּונען פון עסכאַטאָלאָגישע וואונדער־טועכצן.

מיר דאַרפן איינמאָל פאַראַלעמאָל זיך גוט אַריינקריצן אין זינען, אַז ווי רעוואָלוציאָנער אונדזערע מעטאָדן און מאַסרעגלען זאָלן ניט זיין, וועלן מיר מער ניט קענען אויפטאָן ווי בלויז פאַרבייטן די אַלטע דיפערענציאַציעס אויף נייע.

אָבער די מאַרקסיסטן־באַלשעוויקעס מיט לענינען בראש שרייען אַראָפּ פון אַלע פּלאַטפאָרמעס און זייטלעך פון זייערע בראָשורן, שפּאַלטן פון זייערע צייטונגען און זשורנאַלן, אַז זיי האָבן אַ פּאַטענטירטע רפואה, אַ סגולה פאַר דער „קראַנקייט" וועלכע הייסט ס אָ צ י אַ ל ע ר ד י פ ע ר ע נ צ י אַ ל י ז ם.

זיי זיינען אָבער ניט די ערשטע שרייערס און טומלערס, כישוף־מעדיקערס. די קעמפערס פאַר דעם אָפּשאַף פון שקלאַפנטום האָבן אַרויסגעוויזן ניט ווייניקער פאַנאַטיזם און פּסעוודאָ־רעליגיאָזיטעט, ווי די הייטיקע באַל־

שעוויקעס. יענע האָבן אויך פאַרזיכערט אַז זייער אויפטו איז ניט קיין געוויינטלעך־היסטאָרישער פאַרויסשריט, נייערט ער באַטייט טאַקע דעם פולן אָפּשאַף פון דער הערשאַפט פון בייזוויליקייט און דעם אַריינפיר פון דעם הימל־קעניגרייך. זיי האָבן פאַרזיכערט און, נאַטירלעך, אַליין אויך געגלייבט אין דעם, אַז מיטן סוף פון שקלאַפעריי וועט קומען אַן ענד צו דער רשעות פון דער וועלט און עס הייבט זיך אָן אַ נייע עפּאָכע פון הוילער גוטסקייט.

די געשיכטע, פאַרשטייט זיך, האָט זיך אויסגעלאַכט פון אָט דעם סענטימענטאַלן פ ס ע ו ד אָ ־ מ ע ס י אָ נ י ז ם. די געשיכטע האָט געזען און געצייגט די כוונות פון אָט־די פאַלשע אויסלייזערס.

זייער טעזיס מכוח דעם ענדגילטיקן סוף פון סאָציאַלן אַ נ ט אַ ג אָ נ י ז ם און ק אַ פּ י ט אַ ל י ז ם האָבן זיי באַגרינדעט אויף אַ זייער פּרימיטיווער ד י ס ה י ס ט אָ ר י ש ע ר, ממילא אינגאַנצן אומוויסנשאַפטלעכער הנחה.

מיר האָבן ביז איצט שוין דורכגעמאַכט היפּש־באַלערנדיקע היסטאָרישע דערפאַרונגען. מיר טראָגן אויף אונדזערע פּלייצעס שוין גאָר ניט קיין לייכטן פּעקל פון אַנטוישונגען. איז עס ניט טשיקאַווע וואָס נאָך דעם אַלעמען קומט מען ווייטער צו אונדז מיט די זעלביקע טאַליסמאַנען, די זעלביקע זאַבאַבאָבעס, די זעלביקע סאָציאַלע וואונדער־מעשיות. מ׳פאַרזיכערט אונדז אַז אַלע סאָציאַלע צרות און פּורעניות וועלן אָפּגעשאַפט ווערן מיט איין מאַך פון מכשפס שטעקעלע וואָס הייסט מאַרקסיזם־באָלשעוויזם. און די באָלשעוויקעס, סיי די נאַאיווע און סיי די כיטראַקעס, באַגרינדן זייער טעזיס אויף דער שטאָל־און־אייזן־פעסטער גרונטלאַגע, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט איז דער ל ע צ ט ע ר קלאַס, דער נידעריקסטער סטראַטום. עפּעס ווי מיר וואָלטן הערן אָט־די חכמה צום ערשטן מאָל ווי זי קייקלט זיך אַראָפּ פון דער רוויטער פּלאַטפאָרמע... דער וואָס קומט צו אונדז, אין אונדזער דור, מיט אַזאַ אויסלייזונג־פּלאַן שטעלט זיך גלייך אונטער דער אָנקלאַגע און באַשולדיקונג, אַז ער איז ניט נאָר נ אַ א י ו, נייערט טאַקע שוין אַביסל צו כיטרעוואַטע־זשוליקעוואַטע... דאָס שמעקט כמעט מיט אידעאָלאָגישן שווינדל, מיט אינטעלעקטועלער אומאָרנטלעכקייט.

אָט די קלאַסן דרייקעפּ זיינען זיכער, אַז זיי זיינען לויטערע נשמות, וואָס קענען ניט זינדיקן. זיי ווייסן ניט דעם טעם פון זינד. אַלץ וואָס זיי טוען, ווען אויך דאָס שענדלעכסטע, דאָס נידערטרעכטיקסטע, ווערט געטאָן כלומרשט לשם מצווה.

מיט פלאַם און פלאַקער, מיט התלהבות און דביקות טוען זיי אָפּ די גרעסטע גרוילטאַטן און זיינען בשעת מעשה זיכער, אַז זיי קומט נאָך אַ יישר־כוח, אַ קלאַפּ אין דער פּלייצע: בראַוואָ! פאַר זייערע חפצות, אַז די געשיכטע וועט פאַר זיי זיך פאַרנייגן אין דאַנקבאַרקייט פאַר זייערע וואוילטאַטן און הומאַניטאַרע אויפטועכצן.

די בעסטע, דאָס הייסט די לעצטע אין אונדזער צייט, אילוסטראַציע פאַר אָט־דעם סאָרט אויפפיר ליפערן אונדז די באָלשעוויקעס. אָט־די חברה־

לייט באַגייען קיינמאָל ניט קיין פאַרברעכן, וואָרעם אַלץ וואָס זיי טוען איז טוגנט אַליין, און וואָס זיי זיינען, זיינען זיי, אָבער דער אויסלייזער פון דער שמאַכטנדיקער מענטשהייט זיינען זיי. זייער האַרצלאָזער, מערדערישער פאַ־נאַטיזם איז אַ רעזולטאַט פון אַט־דעם מעטאַפיזישן צוטריט צו סאָציאַלע דערשיינונגען. זייער באַרבאַריש־פּאָליטישע קנאות איז אַ פּועל־יוצא פון דער איבערטריבענער זיכערקייט אין זייער הייליקער מיסיע. זיי האָבן זיך איינ־געוואוינט צו קוקן אויף זיך ווי אויף העלדן און מאַרטירערס, וואָס טרעטן אויס דעם וועג, וועלכער פירט די מענטשהייט גלייך אין גן־עדן התחתון אַריין. זיי זיינען עס די אַפּאָסטאָלן פון דעם נייסטן טעסטאַמענט. זיי זאָגן עדות וועגן דעם, אַז משיח איז שוין געקומען און ער געפינט זיך אין מאָס־קווע, אין קרעמל.

אַט־די אַלע אַפּאָקאַליפּטישע וויזיעס ווערן גענערט פון איין קאַרדינאַ־לער מיסקאָנצעפּציע, וועלכע קען באַצייכנט ווערן מיטן טערמין קלאַסן־עגאָ־צענטרישער סוביעקטיוויזם. פּראָפעצייאונג, ריידן וועגן „אחרית הימים", איז אַמפּלאַץ אין עטישער רעליגיע. זי איז אָבער אינגאַנצן אויסן פּלאַץ אין פּ אָ ל י ט י ק. זינגען דאַרף אַ נאַכטיגאַל, קרייען מעג אַ האָן. אָבער אַ דבר־אחר קען זיך ניט צעזינגען און טאָר זיך ניט פונאַנדערקרייען. ווייל ער קען בלויז כריוקען. ער איז אַ שוויין. און ווען די חזירה פּ אָ ל י ט י ק נעמט נאָכמאַכן דעם נאַכטיגאַל, דעמאָלט מוז מען פאַרשטאָפּן דאָס מויל און אויערן. איך האָב געענדיקט און אָפּגעאָטעמט שווער.

די צוויי אָפיצערן האָבן מיך ניט אונטערבראָכן מיט קיין איין איינציק וואָרט. איך האָב געזען אַז מיינע רייד האָבן זיי באַווירקט, וואָס־וואָס, זיי, מיט זייערע אייגענע הענט, וועלן ביי זיך ניט קענען פועלן מיך דערשיסן אויפן סמך, וואָס איך בין אַ באַנדיט אָדער אַ קאָנטררעוואָלוציאָנער. לכן האָב איך מיט מיין ריידן מיין צוועק דערגרייכט, אויב אַפילו איך האָב זיי ניט געוואונען אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט אויף מיין זייט.

זיי האָבן מיר געדאַנקט פאַר מיין אויפקלערונגס־פאַרטראַג, וואָס איך האָב זיי געגעבן; געדריקט מיר די האַנט האַרציק. זיי האָבן מיך ווידער גע־פרעגט צי איך קען זיי געבן פון מיינע שריפטן צו לייענען. איך האָב זיי דערקלערט, אַז אַלץ וואָס איך האָב געזאָגט, האָב איך אויפגעשריבן; איך האָב עס אין כתב־יד, אָבער נאָך ניט פאַרעפנטלעכט.

דער יינגערער פון די צוויי האָט געבעטן איך זאָל אים געבן אַ מע־מענטאָ.

איך האָב זיך דערלויבט אַביסל „גאַלגן־הומאָר" און אים געפרעגט:

— איר מיינט אַ „מעמענטאָ מאָרי"? (געדענק, אַז דו דאַרפסט שטאַרבן). ער האָט זיך פאַררויטלט, אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געשטאַמלט:

— ווער ווייס צי מיר וועלן האָבן אַ געלעגנהייט צו זען אייך אַ צווייטן מאָל. מיר קלייבן זיך צו פאַרלאָזן מאָסקווע און, אפשר, אויך דאָס סאָוויעטי־לאַנד.

איך האָב ניט געהאַט וואָס אים צו געבן. האָב איך אים געגעבן אַ נאָזטיכל.

זיי האָבן מיר נאָכאַמאָל האַרציק באַדאַנקט, זיך טיף פאַרנייגט און זיך צוריקגעצויגן.

די לעטישע וואָכלייט זיינען נאָך מער געווען דערשטוינט פון דעם רעס־פעקט וואָס זייערע אָפיצערן צייגן אַרויס צו אַ צרהדיקן נעבעכדיקן בעל־מום. זיי האָבן געקוקט אויף מיר מיט דורכדרינגענדיקע, פאַרשעמישע אויגן און גאַרניט געזען אין מיר עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל אַרויסרופן ביי זיי דרך־ארץ צו מיר אָדער באַוואונדערונג, — גאַרניט.

8

איך האָב זיך געראַטעוועט

איך האָב זיך איצט אויפגעהויבן פון דער באַנק און אַוועקגעהונקען אויף די קוליעס צום פענצטער. אַרויסקוקנדיק האָב איך דערבליקט ניט מער ווי שאָטנס פון פיגורן וואָס באַוועגן זיך אין דעם הויז אַנטקעגנאיבער.

דאָרטן האָבן זיך געפונען מיינע פריינט און דאָרטן האָט זיך געפונען אַ טייל פון מיר, דער וויכטיקסטער טייל, דאָס האַרץ. אַ מענטש איז אַ צע־שפּאָלטענער, אַ צעריסענער, בלויז אַלע זיינע פריינט צוזאַמענגענומען מאַכן אים גאַנץ. אויף מיינע געטרייע קוליעס בין איך דערגאַנגען ביז צו דער טיר. איך האָב זי געעפנט און מיט גרויס שווערקייט האָב איך אַריבערגעשפּרייזט די שוועל און זיך איינגעקוקט אין סאַמע שוואַרצאַפּל פון דער שטילער נאַכט.

צעטומלטע, אָפּגעריסענע דרויב־קלאַנגען פון דער איינגעשלאָפענער שטאָט זיינען אָנגעקומען שווימענדיק, אַראָפּגעלאָזט זיך און זיך באַזעצט אין מיינע אויערן. איך האָב זייער געוויס אויפגענומען, כמעט געלאַשטשעט זיי מיט די ווערטער:

— מיינע טייערע לעצטע קלאַנגען.

דער זייגער אויפן גלאָקנטורעם פון וואַסילי דעם גליקזעליקן האָט אויס־געקלונגען זיינע פערטלשטונדן. זייערע טענער האָבן מיר שטאַרק הנאה גע־טאָן. איך האָב ניט־ווילנדיק געפליסטערט:

— פון דעם אויגנבליק צו דער אייביקייט איז בלויז איין שפּאַן. וואָרעם וואָס איז אייביקייט אויב ניט אַן אומענדלעכע צאָל אויגנבליקן. — און דער געדאַנק האָט מיך אַרויפגעפירט אויף דעם רעיון מכוח דער לענג פון לעבן. איך האָב געטראַכט, ריכטיקער, עס האָט זיך אין מיר געטראַכט:

— לעבן איז אַ דערפאַרונג, אַ נייע דערפאַרונג, אַן אַריבערגאַנג. אָבער צווישן לעבן לאַנג און לעבן בלויז אַ קורצע צייט איז אַ קליינער אונטער־שייד. עס איז אַ פראַגע בלויז פון אַ קוואַנטיטעט וואָס שטעלט זיך צוזאַמען פון איבערחזרונגען, עס איז נאָך אַמאָל אַן אויגנבליק לעבן און נאָך אַמאָל. קיין נייער עלעמענט, קיין סורפּריז קומט ניט צו. די אייגענע דערפאַרונג

אויסגעצויגן איבער טעג, נעכט, וואָכן, מאָנאַטן און יאָרן. אָבער די דערפאַ־רונג בלייבט די אייגענע און די יאָרן־קוואַנטיטעט גייט ניט אריבער אין אַן אַנדער קוואַליטעט. און קוואַנטיטעט אַליין האָט ניט קיין גרויסע חשיבות. עס איז אימיטאַציע, נאָך אַמאָל דאָס זעלביקע און נאָך אַמאָל דאָס אייגענע. לכן שטאַרבן פאַרניינט ניט דאָס לעבן. ווייל איינמאָל געלעבט — מיינט געלעבט. און דער טויט האָט אַ שליטה ניט איבער דער נייער דערפאַרונג וואָס הייסט „לעבן" נאָר בלויז איבער דער פאַרזעצונג פון לעבן, די אימיטאַ־ציע, וואָס איז סיי ווי סיי קיין סך ניט ווערט.

אַט אַזוי האָט אין מיר, אין קאָפּ ביי מיר, זיך געטראַכט. איך אַליין האָב בלויז נאָכגעפּאָלגט די געדאַנקען און ניט געווען זיכער צי זיי זאָגן טאַקע עפּעס, אָדער זיי זיינען בלויז „געטרייסט זיך מיט חלשות־טראָפּנס".

די וואַכלייט האָבן באַמערקט, אַז איך האָב אַריבערגעטראָטן די פאַרבאָ־טענע שוועל, זיי האָבן אָבער קיין האַרץ ניט געהאַט, איבערהויפּט נאָך אַז זיי האָבן געזען דאָס האַלטן זיך מיט אַזויפיל דרך־ארץ פון זייערע אדונים גדולים, די אָפיצערן, — מיך אָפּצושטעלן. אָבער מיין זאַמען זיך אין דרויסן האָט זיי געמאַכט נייגעריק און האָט אַרויסגערופן אין זיי חשדים. איינער פון זיי איז אַרויסגעקומען און מיך געפרעגט וואָס איך זוך און מיר געגעבן אָנצוהערן אַז זיי טראָגן אַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר מיר.

איך בין צוריקאַריינגעקומען אין צימער, צוגעקומען צו דער באַנק און זיך אָוועקגעלייגט, צוגעמאַכט די אויגן און זיך געפלייסט כאַפּן אַ דרעמל. אָבער שלאָף אין דער הינזיכט איז געגליכן צו כבוד, וואָס מער איר יאָגט זיך נאָך אים, אַלץ מער אַנטלויפט ער.

איך האָב געטראַכט:

זיי וועלן שוין מער קיין אָפיצערן ניט שיקן, זיי זיינען צו אינטעליגענט און איך צעווייך זיי מיט מיינע טעאָרעטישע רייד. זיי וועלן שיקן פּראָסטע גראָבע אַגענטן, וואָס קיין וואָרט־קויל קען זיי ניט נעמען.

עס האָט שוין געהאַלטן קרוב צו סוף נאַכט. קיין אָפיצערן האָבן זיך מער ניט געוויזן.

די עקזעקוציע וועט מסתמא שוין גאָר גיך פאָרקומען. די דאָזיקע זאַכן ווערן אָפּגעטאָן ביידערנאַכט. אַזוי אַז דער טויער זאָל ניט זען קלאָר, וואָס ער טוט, און ער וועט זיך ניט פאַרשעמען פאַר זיך אַליין און פאַרן הינגעריכטעטן.

מען האָט געביטן די וואַכלייט. זיי זיינען אַלע געווען אַזעלכע צערייצ־טע, צאַרנדיקע, פאַרכמורעטע. זיי האָבן געקוקט אויף מיר פון אונטער זייע־רע ברעמען. זייערע שטימען האָבן געזעגן, געווען הייזעריק און טעמפּ ווי האַלץ.

איך האָב זיך אויפגעהויבן צו זיין גרייט, צוגעקוליעט צום פענצטער און אַרויסגעקוקט, און אַזוי מיטן פּנים צום פענצטער געבליבן שטיין.

גערווישלאַז האָבן זיך געצויגן די קאַראַוואַנען פון נאַכט־קאַמעלן איבערן שפּורלאָזן מדבר פון חושך. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַז זיי טראָגן אויף זייערע האָרבן שווערע משאות פון שטיינקוילן. בלייכע פּאַסן האָבן זיך גע־

נומען שנורעוועז אין מזרח־זייט. עפּעס ווי אַ ליכט־אַאַזיס וואָלט זיך געפוּנען דאָ ערגעץ ניט ווייט. די פּאַסן נעמען ווערן באַפּורפּורט, דערנאָך הייבן זיי אָן שעמעוודיק צו גליען פון אונטער קופּעס גרויען אַש.

איך בין געשטאַנען ווי צוגעשמידט צום פענצטער. איך האָב דעם געפיל, אַז די לעצטע מינוטן פון מיין לעבן קומען צו צו מיר אויף די שפּיצפינגער, ווי זיי וואָלטן זיך ווען אַריינגנבענען אומבאַמערקטערהייט פון מיר און פון די שומרים.

וואָל פון אַ וואָלקן וואַקסט אויס אויפן שטערן פון הימל. מיט וואָס פאַר אַ צערטלעכקייט איך גלעט דעם זוים פון וואָלקן מיט מיינע בליקן. דער וואָלקן נעמט זיך רויטלען. די שוואַרצע נאַכט גוסט, שטאַרבט. דער דעמער פון טאָג ווערט געבוירן.

— דער טויט איז גאָרניט טראַגיש, — טראַכט איך.

די טיר האָט זיך געגעבן אַן עפן אויף. אַ כאַפּטע לאַטישן, ניט קיין זעלנער, נייערט טשעקאַ־אַגענטן, האָט אַריינגעשטורעמט.

איך באַאָבאַכט זיי און טראַכט:

— יענע זיינען געוועז צו מיליטעריש זעלבסטווערדיק, זיי זאָלן זיך דערלויבן אַראָפּצוזינקען צו דער נידערטרעכטיקער אַקציע פון היגריכטן אַן אינוואַליד, וואָס וואָלט גיין צו דעם עקזעקוציע־פּלאַץ אויף קוליעס...

אָט די זיינען הענקערס, זיי ווילן עס זיכער טאָן אַן אַ פינטל־טאָן מיט אַן אויג.

זיי האָבן אַזעלכע פּאַרפּעצטע כאַריעס און אויגן אַזעלכע מוטנע און ליפּן אַזוינע דיקע פליישענע אָנגעשטאָפּטע מיט ווילדער תאווה; און שטימעס, וואָס זיינען אַ זיווג פון אַ סקריפּנדיקן טויער מיט דעם כריוקען פון אַ דבר־אחר, ווען ער קראַצט זיך אָן אים און וויגט אים אַהין און אַהער.

— טו זיך אָן און מאַך זיך גרייט! — האָט דער עלטסטער פון זיי אַ ביל געטאָן.

— איך בין גרייט, — האָב איך געענטפערט אין אַ שטילער שטים מיט גלייכגילטיקייט.

— אין דרויסן איז קאַלט, — האָט ער אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער.

די פּנימער פון די אַרומיקע האָבן אַרויסגעוויזן אומצופרידנקייט מיט זיין לאַכן אַזוי אומגעלומפּערט ווילד. ער האָט פאַרשטיקט זיין ווילד כאַכאַטשען און האָט צוגעגעבן:

— דו קענסט זיך נאָך צוקילן...

איך האָב געטראַכט, ער מיינט צו זאָגן אַ חכמה. איך האָב אים באַאָבאַכט. זיין פּנים איז געווען אַ פּרצוף, וואָס האָט ניט געהאַט אויף זיך קיין צלם... האָרט, ברוטאַל גראָב זיינען געווען די שטריכן, ווי אַן אנגעשמירטע מאַסקע, אַן אויסגעשניצטע פון האָלץ. די אויגן — בלוט אָנגעגאָסן, די באַקן — זעקעלעך פון רויטע שמאַטעס.

— ער מוז זיין שיכור, — האָב איך אַ טראַכט געטאָן.

— לאָמיר גיין! — האָט ער אַ ברום געטאָן; עכאָס האָבן זיך צעשאָטן, אַנדערע האָבן זיך אָפּגעשלאָגן אָן די בעלקעס.

מיט גרויס אָנשטרענגונג האָב איך געשטעלט אַ פּאָר טריט אין דער ריכ־טונג פון דער טיר.

— וואָס טוט ער דאָ? ער באַלאַנגט אין אַ שפּיטאָל, — האָבן די וואַכ־לייט געצויגן מיט די אַקסלען און געקוקט אויף מיר מיט רחמנות־בליקן.

איך בין אַריבער די שוועל.

דער טאָג האָט גענומען איינבערעכן דאָס שעלכל פון דער נאַכט און זיך אַרויספּיקן. מיר האָט זיך געדוכט אַז איך הער ווי אַ האָן קרייט. אַ לייכט ווינטל ווי עס וואָלט זיך ערשט אָקאָרשט אויפגעכאַפּט פון שלאָף האָט אַ פלאַטער געטאָן מיט זיינע אומזיכטבאַרע פליגלען.

— אייל זיך צו, — האָט דער בייזער אַגענט אַ סקאַוואוטשע געטאָן, — עס נעמט שוין ווערן ליכטיק.

איך האָב געטראַכט:

— אַפילו ער האָט בושה פאַרן טאָג, פאַר דער שיין. אויך ער וויל אַז זיינע שענדלעכע מעשים זאָל צודעקן דער שלייער פון דער פינצטערניש.

— איך בין געווען זיכער, אַז ער פירט מיך דערשאָסן צו ווערן און איך גיי עס מיין לעצטן וועג. אָבער גאָר אָן מיין וויסן האָט מיין שיקזאַל אַנ־גענומען איינגאַנצן אַן אַנדער באַשלוס.

וואָס האָט פּאַסירט? ווער האָט אָפּגעשטעלט די מערדערישע האַנט פון דער טשעקאַ אין דער עלפטער שעה?

מיר האָבן געהאַט אַ גרויסע נאָכפאָלגערשאַפט צווישן די פּאָסט־ און טעלעגראַף־אַרבעטער און באַאַמטע. אין דעם פעריאָד פון ערב אָקטאָבער האָב איך גאַנץ אָפט געגעבן מיינע רעפעראַטן אין דער הויפּט־פּאָסט־געביידע אויף מיאַסניצקי. אַז איך פלעג קומען, האָט עס געמעגט זיין אין מיטן טאָג, פלעגט מען אָפּשטעלן די אַרבעט, צומאַכן די טירן, זיך צענויפזאַמלען אין גרויסן זאַל, — און איך האָב רעפערירט. פון אַלע מיינע פּאָרטראַגן זיינען מיר געבליבן אין זכרון מיינע פינף לעקציעס וועגן „פינפבונד"; יעדן באַ־איידיקטן געשאָנקען אַ לעקציע, און די „פּרוי" האָט געקראָגן די בעסטע לעק־ציע פון דעם פינפלינג. [אגב אויף דעם פּלאַץ וואו איך פלעג שטיין און ריידן האָט מען נאָכדעם אַוועקגעשטעלט אַ סטאַטוע פון לענינען].

איינע פון די אָנגעשטעלטע איז געווען אַ נאָענטע פריינדין פון קרופּ־סקאַיאַ, לענינס פרוי. וועגן מיין אַרעסט און געפינען זיך אין קרעמל האָט זי זיך דערוואוסט שפּעט ביי דער נאַכט דעם 13טן אַפּריל. האָט זי מיטגעטיילט וועגן דעם איר פריינדין. קרופּסקאַיאַ האָט איבערגערעדט מיט לענינען. לענין האָט נאָך פאַר קאַיאַר זיך געשטעלט אין קאָמוניקאַציע מיט דזשערדזשינסקין. דזשערדזשינסקי האָט גלייך קאָנטאַקטירט זאַקסן אויסצוגעפינען צי איך לעב נאָך, אויב יאָ איז פאַרפאַלן, מוז מען מיך באַפרייען, לויט דעם באַפעל פון לענינען, און זיך אַנטשולדיקן, געברויכנדיק די אויסגעדראָשענע פאָרמולע: „עס איז געווען אַ מיספאַרשטענדעניש".

די טויט־גזירה פון טשעקאַ האָט דער צדיק לענין מבטל געמאַכט.

אין דער אונטערשטער שורה האָט מיין שעהערעזאַד־טאַקטיק פיל אויפ־געטאָן, ווען ניט די טאַקטיק וואָלט אַרויס מיין נשמה איידער עס איז אָנ־געקומען די נחמה... אַזוי אַז מיין לעבן איז געראַטעוועט געוואָרן בנס. דער נס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די לעגענדאַרע שעהערעזאַד און דער גאַר ווירקלעכער לענין האָבן קאָאָפּערירט אין איין רעטונגס־אַקציע. — וועגן אַט־דעם אַלעם האָב איך זיך דערוואוסט אַ חודש שפּעטער.

9

איך קאָאָפּעריר ניט

מע האָט מיך געבראַכט אין דער אַנטקעגנדיקער געביידע אויפן צווייטן שטאָק, וואו די אויספאָרשערס, פאַר־הערערס און שופטים פון דער טשעקאַ האָבן זיך געפונען.

זאַקס, דער וויצע־פּרעזידענט פון דער אַלרוסלענדישער טשעקאַ, אַ מיט־גליד פון דער לינק־סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן־פּאַרטיי, האָט געהאַט זיין פּלאַץ אין צווייטן עק פון צימער. ער איז געזעסן ביים שרייבטיש, אויף וועלכן עס זיינען געווען אָנגעהויפט גאַנצע בערגלעך פּאַפּירן.

דערזעענדיק מיך אַריינהינקענדיק, האָט ער זיך אויפגעשטעלט און גע־לאָזט זיך גיין מיך באַגעגענען. ער איז געבליבן שטיין אין מיטן צימער. ער האָט אָפּגעוואַרט, אַז איך זאָל זיך דערקוליען צו אים. ווי נאָר איך בין צו־געקומען, האָט ער מיך באַגריסט מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ און מיט אַ ברייטן פריינטלעכן שמייכל צעגאָסן איבער זיין פּנים. ער האָט ניט געוואָגט מיר דערלאַנגען די האַנט. ער האָט געקענט זיין זיכער, אַז איך וואָלט זיך ניט צוגערירט צו דער בלוטיקער האַנט פון אַ בלוטיקן טשעקיסט. ער האָט מיך אָבער גענומען זייער העפלעך אונטערן אָרעם און געהאָלפן מיר צוקומען צום טיש אויף איין קוליע בעת ער האָט פאַרביטן די צווייטע.

— טאָוואַרישטש גאָרדין, זעצט זיך, כ'בעט אייך, — האָט זאַקס אַ זאָג געטאָן און צוגערוקט פאַר מיר אַ שטול. נאָך דעם ווי איך האָב זיך אָוועקגעזעצט האָט ער פאַרנומען זיין פּלאַץ.

קוקנדיק מיר גלייך אין די אויגן, האָט ער צוגעגעבן:

— מיר האָבן דאָ זייער פיל אַרבעט. פאַרשטייט זיך, עס איז ניט אייער שולד, אָבער אויך ניט אונדזער שולד. מע האָט אויף מיר אַרויפגעוואָרפן די גאַנצע משא. טאָוואַרישטש דזשערדזשינסקי ווייזט זיך ניט. טאָוואַרישטש אַלעקסאַנדראָוויטש איז אויך אָפּוועזנדיק [אַלעקסאַנדראָוויטש איז געווען דער צווייטער וויצע־פּרעזידענט. אַ פּאָר חדשים שפּעטער, אין יולי, בעת דער ליק־ווידאַציע פון די ס. ר. האָט אים דזשערדזשינסקי דערשאָסן מיט דער אייגענער האַנט. זאַקס איז דעמאָלט אַריבער צו די באָלשעוויקעס, פאַרלאָזן זיין פּאַרטיי, וואָס איז געשטעלט געוואָרן אויסערן געזעץ]. אַ באַרג מיט אַרבעט. עס אַר־

בעטן אונטער מיין אויפזיכט מסתמא אַ פּופּציק אונטערזוכערס און אויספֿאַר־שערס. מיר איילן זיך, מיר ווילן באַפֿרייען די אַרעסטירטע ווי אַמשנעלסטן. אָבער מ׳דאַרף דאָך פֿאָרט וויסן, ווער און וואָס, האַלטן קאָפּ און טאָן אַלץ מיט אַ חשבון. — ער האָט זיך איבערגעהאַקט, באַמערקנדיק אויף מיין פּנים צייכנס פֿון ווידערווילן און כמעט עקל צו זיינע רייד און זיינע טשעקיסטישע טועכצן.

— איר ווייסט, מסתמא, אַז בנוגע אייך פֿערזענלעך איז פֿאָרגעקומען אַ פֿאַר־דריסלעכע מיספֿאַרשטענדעניש. איך בין געווען אויסער זיך, ווען איך האָב זיך דערוואוסט וועגן דעם. אין אַלץ, וואָס מיר טוען, איז אַ מישמאַש. איין האַנט ווייסט ניט פֿון דער צווייטער. קיינער האָט ניט געגעבן קיין פֿאַראָר־דענונג אייך צו פֿאַרהאַלטן.

איך האָב געוואוסט, אַז קיין איין וואָרט אמת איז ניטאָ אין אַלץ, וואָס ער האָט נאַרוואָס געזאָגט.

— קיינער? — רוף איך זיך אָפּ פֿאַרחידושט, — מסתמא דזשער־דזשינסקי.

— עס קען ניט זיין. ער איז געווען אויפגעצאַרנט אויף פּאַפּאָוון, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז ער האָט אייך פֿאַרהאַלטן.

— אַזוי גאָר?! דאָס איז גוט צו וויסן. — איך מאַך זיך תמעוואַטע און גיב אַ פֿרעג: — צוליב וואָס האָט מען מיך געהאַלטן אין דעם וואַכהויז פֿון די לאַטישן, אָפּגעזונדערט פֿון אַלע קאַמעראַדן, אין פֿולשטענדיקער איזאָ־לאַציע?

— דאָס איז געטאָן געוואָרן, — האָט זאַקס אַרויסגעוויקלט פֿון זיין מויל אַ לאַנגע לענטע ליגנס, — כדי מען זאָל אייך ניט באַאומרואיקן. אייע־רע פֿריינט און קאַמעראַדן וואָלטן זיך געווענדט צו אייך מיט יעדער קליי־ניקייט. דעריבער האָט טאָוואַרישטש דזשערדזשינסקי געראָטן האַלטן אייך אָפּגעזונדערט, זיי זאָלן זיך ניט קענען פֿאַרבינדן מיט אייך. דאָס איז געטאָן געוואָרן מיט דער כוונה צו שאַנעווען אייער געזונט. טאָוואַרישטש דזשער־דזשינסקי האָט וועגן אייך אַ געהויבענע מיינונג. דאָס אייגענע טאָוואַרישטש לענין. ער האָט היינט אינדערפֿרי געקלונגען אַהער, געפֿרעגט, צי איר זייט שוין פֿריי. ער נעמט אַ גרויסן און וואַרימען אינטערעס אין אייך. מיר אַלע ווייסן פֿון אייערע גרויסע פֿאַרדינסטן פֿאַר דער אָקטאָבער־איבערקערעניש. — ער מאַכט אַ פּויזע, דאָן זעצט ער פֿאָר, — איך וואָלט ניט וועלן, אַז איר זאָלט מיינען, אַז איר זייט פֿאַררעכנט דאָ פֿאַר אַן אַרעסטירטן: איר זייט פֿריי און איר קענט פֿאַרלאָזן דעם פּלאַץ, ווען איר ווילט נאָר אַליין. מערער: מע האָט אייך געבראַכט אַהער ניט ווי אַן אַרעסטירטן, נאָר ווי איינעם, אין וועמענס ראָט און אָנווייז מיר וועלן זיך נייטיקן אין אונדזער אַרבעט אין אַ סך פֿאַרווירטע פֿאַלן, אין וועלכע אָן אייך וועט אונדז זיין שווער זיך פּונאַנ־דערצוקלייבן און אָננעמען באַשלוסן.

איך האָב זיך אומגעקוקט. איך זע אַ רייע טישן, ביי וועלכע עס זיצן אַזויפֿיל אויספֿאַרשערס. פֿון זיי האָבן זיך אויסגעטיילט שטאַרק ניכרדיק צוויי: פֿיטערס, דער לאַטיש, מיט דער שלאַנקייט פֿון זיין פֿיגור און יונגן

אכזריותדיק־בייזן פנים, און קסענאָפאָנטאָוו, מיט זיין גראָבן בויך, וואָס האָט זיך ניט געקענט פאַרבאַהאַלטן אונטערן טיש, און פעטן קאַרק און זיין אָנ־טועכץ. ער האָט געטראָגן אַ מאַטראָזן־מונדיר.

— וואָס טוען זיי? — פרעג איך, אָנווייזנדיק אויף די טישן און אויף די טשעקיסטן־אויספאַרשערס.

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט: די גאַנצע זאַך איז אַן אויפגעבלאָזע־נער פענכער. מע האָט עס גאָרניט באַדאַרפט. עס איז אַ מיספאַרשטענדעניש.

— אויב אַזוי, מאַכט אַ סוף צו דער מיספאַרשטענדעניש; זאָלן אַלע גיין אַהיים. צו וואָס פאַרזעצן אַ מיספאַרשטענדעניש, ווייבאַלד איר זייט שוין געקומען צו דער ריכטיקער פאַרשטענדעניש? — פרעג איך און מאַך זיך, אַז איך גלייב אים, וואָס ער זאָגט.

— זיכער, טאָוואַרישטש גאָרדין, איר זייט גערעכט... איר רויכערט?

— לייגט זאַקס מיר פאַר אַ פאַפּיראָס.

איך זאָג זיך אָפּ.

— אַ דאַנק, איך רויכער ניט.

זאַקס פאַרנוצט די פּאָר סעקונדעס פון איבעררייס אויף צו געפינען די פאַסיקע ווערטער פאַר דעם, וואָס ער גייט מיר זאָגן. ער ווייסט, אַז ער רירט אָן אַ דעליקאַטן קעגנשטאַנד און ער דאַרף עס אַרויסברענגען ווי געהעריק, אָן באַליידיקן און אָן נאָכגעבן, אָן אָפּטרעטן פון דעם צוגעטראַכטן ליגן־פאַרענטפער.

— די זאַך איז אומגעפער אַזוי: לכתחילה איז עס געווען אַ מיספאַר־שטענדעניש; דאָס האָט ניט געדאַרפט געטאָן ווערן, אָבער בדיעבד, אַז די זאַך איז שוין געטאָן געוואָרן, ווילן מיר זי אויסנוצן פאַר אונדזערביידנס טובה. מיר האָבן בדעה אָפּצורייניקן אייערע אָרגאַניזאַציעס פון די באַנדיטן, וואָס האָבן זיך צו אייך צוגעקלעפּט. זיי מיסברויכן זייער אָפּט מיט אייער נאָמען און לערע און טוען זאַכן, וואָס זייגען פאַר אייך זיכער ניט קיין כבוד. אַפילו אין אונדזערע רייען זייגען, אין פילע פאַלן, אַריינגעדרונגען באַנדיטן.

— איז פאַרוואָס הייבט איר ניט אָן פון זיך? — פרעג איך קורץ.

— מיר טוען עס טאָג־טעגלעך. מיר נעמען אָן דראַסטישע מיטלען קעגן זיי. אַז מיר געפינען זיי אויס, מאַכן מיר ניט קיין שהיות, מיר דערשיסן זיי. מיר צערעמאָניען זיך ניט מיט דידאָזיקע כוליגאַנישע און קרימינעלע עלע־מענטן. מיר ראָטן זיי אויס אָן דערבאַרימונג. אָבער איר פאַרמאָגט דאָך ניט קיין שטראָפונג־אַפּאַראַט, און מיר באָטן אייך אָן אונדזער הילף אין דעם פעלד פון אויסראָטונג און אויסיעטונג פון אָט־די שעדלעכע גיפטיקע גראָזן און געוויקסן.

— מיר זענען אייך דאַנקבאַר פאַר אייער ווילליקייט אונדז אַרויסצו־העלפן אין דער שווערער אויפגאַבע פון עלימינירן די פאַרברעכערישע עלע־מענטן. אָבער מיר קומט פאָר, אַז אַזוי ווי איר זייט אַ פריווילעגירטע קאַסטע מיט אַן אַ שיעור אָמטן, וואָס באַצאָלן זיך גאַנץ גוט, ציט איר צו צו זיך

און אָבסאָרבירט אַלע קרימינעלע־קאַריעריסטישע עלעמענטן אַזוי אַז פּאַר די אומפּריווילעגירטע פּאַרטייען איז גאָרניט געבליבן... אויסער דעם, ווען איר מיינט אויף אַן אמת דאָס, וואָס איר זאָגט, וואָלט דען אָט־די רייניקונג ניט געקענט געטאָן ווערן אויף אַ מער פּעולהדיקן און ווייניקער שענדלעכן וועג? בלויז אַן אידיאָט וועט אַראָפּטרייבן פון אַ פּריינטס שטערן אַ זלידנע פליג דורך אַ זעץ איבערן קאָפּ מיט אַ שווערן שטיין, וואָס איז נאָך דערצו אויך שפּיציק. מיר זיינען טאַקע נאַאיוו און צוטרוילעך, אָבער קיין אָפּגעריסענע נאַראָנים זיינען מיר דאָך ניט... דעריבער, אויב איר ווילט צוטראַכטן אַ תירוץ, טראַכט צו אַן אַנדערן, אַ בעסערן.

— צו וואָס זאָלן מיר זיך פאַרנעמען מיט קעגנזייטיקע באַשולדיקונגען. איך פאַרזיכער אייך, אַז אייערע קאַמעראַדן וועלן באַפרייט ווערן נאָך היינט, חוץ די געפאַנגענע באַנדיטן. איך בין זיכער, אַז איר וועט זיי ניט נעמען אונטער אייער שוץ. האָט איר געהערט וועגן דעם באַנדיט, וואָס רופט זיך „העלפאַנט"? ער פלעגט זיך נוהג זיין אַזוי: כדי זיך לייכטער צו מאַכן די אַרבעט אַראָפּצונעמען די גאָלדענע רינגעלעך, פלעגט ער אָפּהאַקן די פינ־גער און פאַרשפּאָרט זיך אַ סך אומזיסטע אַרבעט.

— יאָ, איך האָב געהערט פון אַזאַ איינעם, אָבער ער האָט דאָך גע־אַרבעט אין טשעקאַ, ביז מע האָט אים אויסגעפונען.

זאַקס כמורעט דעם שטערן.

— ער איז אונטער אַרעסט און קיין שום מחזקות וועט מען מיט אים ניט מאַכן. אין דעם קאָן איך אייך פאַרזיכערן.

— איך זע אַ צאָל אונדזערע קאַמעראַדן, וואָס זיינען אויסגעשטעלט אין הויף. וואָלט איר מיר דערלויבן פרעגן אייך, וואָס דאָס באַטייט?

— די יעניקע, וואָס מיר פאַרדעכטיקן, אַז זיי זיינען געווען פאַרמישט אין עקסן [עקספּראָפּריאַציעס] און ענלעכע באַנדיטישע פאַרברעכערישע טועכצן, שטעלן מיר אויס אין רייען אָפּצושיקן זיי אונטער אַ רייטנדיקער שמירה צו דער קרימינאַל־פּאָליציי פאַר אידענטיפיקאַציע, — קלערט מיר אויף טאָוואַרישטש זאַקס אין אַ רואיקן מינאָרנעם מאַנאָטאָן, וועלכער גייט גלייך אַריבער אין אַ וויברירנדיקער אויפגעלעבטער און קאַלירפולער מאָדו־לאַציע, אַנשלאָגנדיק אַ האָפערדיקן האַרציקן שליסל, בעת ער זעצט פאָר:

— זיי רופן אונדז „בלוטדאָרשטיקע טיגערס", ווען באמת זיינען מיר איבערגעלאָדענע, ווי כינעזישע קוליס, אינדרייען־געבויגענע אונטער די שווער־סטע משאות, פּעק־אייזלען פון דער רעוואָלוציע, אויף וועמענס רוקנס, איגנאָ־רירנדיק אונדזער טראָג־קאַפּאַציטעט, איז אָנגעלייגט אַ לאַסט פון אומגע־הויער שווערער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. וואָלט איר, טאָוואַרישטש גאָרדין, וועלן אַריינגיין אין אונדזער לאַגע, פּשוט אויס מיטלייד מיט אונדז, און זיין אַזוי גוט אונדז אָנווייזן די פּערזאָנען, וואָס איר קענט פּערזענלעך און איר זייט מאָראַליש אימשטאַנד צו גאַראַנטירן פאַר זייער געזעצלעכן אויפ־פיר אין דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט? מיט דעם וואָלט איר אונדז פאַר־שפּאָרט אַ סך אומזיסטע און אומנישטע אַרבעט און די קרבנות, וואָס דאָס

איז פיל וויכטיקער, וואָלט איר פאַרשפּאָרן די דערנידערונג פון שלעפּעניש פון איין פּאָליציי־סטאַנציע צו דער צווייטער.

— איך קען ניט אַלעמען פּערזענלעך און אויפן קוק, — האָב איך געענטפערט קורץ און שאַרף; און געטראַכט האָב איך: ווי געפעלט אייך די חוצפה פון דעם טשעקיסט צו וועלן מיך אַריינשלעפּן אין זייער בלוטיקער אַרבעט!

— אָבער די, וואָס איר קענט יאָ, — האָט זיך זאַקס איבערגעהאַקט, געשוויגן אַ ווײַלע, ווי ער וואָלט זיך ניט קענען באַשליסן וועלכע ווערטער צו געברויכן; ער האָט געמאַכט אַן אָנשטרענג און איז דרייסט אַרויסגעקומען, — אייער אָנווייז וואָלט מיינען, אַז מיר באַפרייען זיי גלייך אָן שום פּרעגעניש. איר זעט, איך וויל אייך באַגעגענען מער ווי אויפן האַלבן וועג; וואָלט איר ניט זיין וויליק צו מאַכן איין טראָט לטובת אייערע קאַמעראַדן? און דאַרף איך, זייער קאַט, ווי אייניקע פון זיי האָבן מיך שוין אָנגערופן, זיין זייער שתדלן און איינטענהן מיט אייך, זייער פריינד און לערער, איר זאָלט זיי טאָן אַ טובה?

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און געוואַרט אויף מיין ענטפער. דערנאָך האָט ער באַמערקט:

— איז ניט אונדזער לעבן פול מיט ווידערשפּרוכן און דיאַלעקטישע טשיקאַווע ראַלע־בייטענישן?

— איך קען באַין אופן ניט קאָאָפּערירן מיט אייך אין דערדאָזיקער אונטערנעמונג, — האָב איך געענטפערט אָן אָנגעשטויסענער.

איך האָב געכאַפּט אַ קוק דורכן פענצטער. איך זע, ווי קאַמעראַד כאַדונאָוו שטייט דאָרט. ער איז אין צענטער פון אַ רעדל חברים, וואָס איז אַרומגערינגלט פון אַן אָפּטיילונג טשעקאַ־אַגענטן אויף פערד, גרייט אַוועקצומאַרשירן.

„זאָל איך אָנווייזן אויף אים, אַרויסטיילן אים אַליין פון אַלע איבעריקע קאַמעראַדן, ווי אַן אויסנאַמפאַל, ווי מיין טייערסטן, העכסט־איבערגעבענעם פריינט? — איך שלאָג זיך מיט דער דעה.

„זיי דאַרפן האָבן זיין אידענטיפיקאַציע, די טשעקאַ־ליגנערס; ער איז דאָך אַ דירעקטאָר פון אַ פאַבריק. די אַרבעטער האָבן אים אויסגעקליבן, און פאַרדעם איז ער געוועזן אַ ראַטמאַן (גלאַסני) פון דער מאָסקווער דומע אויף דעם סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן צעטל. ער האָט זיך פון דעם כבוד אָפּגעזאָגט, כאָטש ער איז געוועזן אַן אויסגעקליבענער, און האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן אונדזערע רייען. זאָל איך אַריינוואַרפן אַ וואָרט פאַר אים? אָבער דורך מיין אַרויסטיילן אים וואָלט איך אומדירעקט וואַרפן אַ שוואַרצן שאָטן פון פאַרדאַכט אויף די איבעריקע קאַמעראַדן און דאָס טאָר איך ניט טאָן. חוץ דעם וואָלט איך זיך מיט אַט־דעם אַקט פאַראומרייניקן דורך קומען אין באַרירונג מיט דער אוממענטשלעכער בלוטיקער אַרבעט פון דער טשעקאַ. איך טאָר עס ניט טאָן".

אַ רחמנות, צעטרעטנדיק מיינע געפילן מיט דער האַרטער פאַרשטענ־

דעניש פון פליכט, ווי איך האָב עס אינטערפּרעטירט, האָב איך אָנאָסטעטי־זירט מיין ווייטיקדיק האַרץ און ניט אַרויסגערעדט דאָס וואָרט, וואָס איז מיר געלעגן אויף די ליפּן און זיי געבריט ווי אַ גליענדיקע קויל, אַ וואָרט, וואָס וואָלט געבראַכט באַפרייאונג צו מיין טייערסטן פריינט.

איך האָב אַוועקגעקערט מיינע אויגן פון פענצטער, ניט געקענט צוקוקן, ווי די שמוציקע הינט שלעפּן די יונגע אַדלערס פון רוסלאַנד.

קאַמעראַד נאַאומאָוו, דער סעקרעטאַר פון דער דאָן־גרופּע, איז אַריין.

נעמענדיק מיך אָן אַ זייט, האָט ער מיר גענומען פאַרציילן די גאַנצע דעטאַליזירטע געשיכטע פון זייער צוזאַמענשטויס מיט די טשעקיסטן.

— זיי זיינען טויגעניכטסן און טרוסן (פּחדנים)! בשעתן איבערפּאַל זיינען געווען אין קלוב בלויז מיר צוויי, איך און קאַמעראַד מיכאַילאָוו. מיר האָבן זיי נאָענט ניט צוגעלאָזן. מיר האָבן געשאָסן. זיי האָבן באַוויזן, וואָס פּאָר אַ שרעקעוודיקע האָזן זיי זיינען. פינף זייעריקע האָבן מיר פאַרוווּנדעט. די איבעריקע טשעקיסטן זיינען זיך צעלאָפן אין אומאָרדענונג. זיי האָבן צד־געבראַכט זייערע רעזערוון, אָבער צו אונדזער אַרויסהעלף איז צוגעקומען אַן אָפּטיילונג מאַטראָזן, וואָס האָבן קוואַרטירט ניט ווייט פון אונדזער קלוב, אין מאַנאָסטיר. אַז זיי האָבן דערהערט דעם טומל און די שיסעריי, זיינען זיי אַרויסגעלאָפן, כדי אויסצוגעפינען, וואָס ס'האָט פּאַסירט. זיי האָבן גלייך געמאַכט יד־אחת מיט אונדז. מיר האָבן גלייך גענומען אָפּיאָגן די טשעקיס־טישע הינט. די באַשיבוזשוקעס, די פאַרקויפטע נשמות, די פאַרשאָלטענע לאַטישן, האָבן זיך געפונען צווישן צוויי פייערן, זייער צוריקטרעט אָפּגע־שניטן, זייער פּאָזיציע אַן אומאייגהאַלטבאַרע. אָבער דאָ איז אָנגעקומען קאַ־מעראַד מישאַ, וועמען זיי האָבן גערן דורכגעלאָזן, און ער האָט אונדז גע־בראַכט די טרויעריקע ידיעה, אַז „דאָס הויז פון אַנאַרכיע" האָט זיך אונ־טערגעגעבן אָן איין שאָס און אַז די קאַפּיטולאַציע איז פאַרגעקומען אונטער אייער אויפזיכט. מיר זיינען געווען דערשטויגט און דערשלאָגן. אָבער מיר האָבן געטראַכט, אַז איר ווייסט בעסער, ווי מיר דאַרפן האַנדלען אונטער די געגעבענע אומשטענדן. האָבן מיר אייך נאָכגעטאָן, אַרויסגעשטעלט אַ ווייסן פלאַג און זיי אַריינגעלאָזן אין קלוב. די מאַטראָזן זיינען געווען אויסער זיך. זיי האָבן אונדז געמי־שברכט און געשאָלטן מיט טויטע קללות. האָט איר ווירקלעך געמוזט זיך אונטערגעבן? האָבן מיר ניט געהאַט גענוג כוח זיך צו שטעלן אַנטקעגן? אין שטאָט זיינען דאָ אַ היפּשע צאָל מאַטראָזן, זיי וואָלטן אַלע נעמען אונדזער זייט קעגן די פאַרהאַסטע טשקיסטן און לאַטישן.

ער האָט דריי מאָל אויסגעשפּיגן:

— מיר האָבן געקענט דערשטיקן אַט־די שטשורעס! אַט־די שטינק־חיהלעך! אַט־די טרוסן!

נאָך אַ קורצער פּויזע:

— איצט מוז איך גיין. וואו און ווען וועלן מיר אייך קענען זען?

— אין שפּיטאָל. איך בין נאָך אַלץ אונטער דאָקטאָר פראַנשטיינס אויפ־זיכט. מיין פוס איז נאָך גוט קראַנק. איך דאַרף נעמען מאַסאַזשן, אויך עלעק־

טראַ־טעראָפישע באַהאַנדלונג און בעדער. אָבער היינט אָונטצייט ווען מיר זיך טרעפן אויף קורסקער סטאַנציע אין „אונדזער" וואַגאָן.

ער איז אַוועק מיט אַ צוואוואנטש פון גיכער דערהאלונג. דערגאַנגען ביז דער טיר, זיך אומגעקערט, צוגעקומען און געזאָגט מיט פּאַרדראָס:

— קאַמעראַד גאַרדין, אייער פּוס איז שולדיק אין דעם, וואָס רוסלאַנד גליטשט זיך אַרויס פון אונדזערע הענט און פאַלט אַריין אין די לאַפּעס פון די טשעקיסטן... ווען ניט אייער קראַנק־זיין און ליגן אין שפּיטאָל אין אַזאַ צייט, ווען דאָס שיקזאַל פון רוסלאַנד איז געלעגן אויף די וואָגשאָלן, וואָלטן מיר ניט פאַרלאָרן אונדזער געפעכט מיט די באָלשעוויקעס, און רוסלאַנד וואָלט ניט פאַרלאָרן די רעוואָלוציע...

ער האָט אַוועקגעשפּרייזט מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, אָבער מיט שטייפע טריט, מיט טראַציקייט.

10

זאַקס פירט מיך אָפּ — כאַדונאָוו דערשאָסן

אַרום פינף אַזייגער נאָכמיטיק האָט זאַקס מיר געהאָלפן זיך אַריינזעצן אין זיין אויטאָמאָביל. ער איז געווען אַזוי פריינטלעך און צוזעריש, אַז עס איז שיעור ניט דערגאַנגען צו דער ליגיע פון לאַקייאישקייט.

אין אויטאָמאָביל זיינען געזעסן נאָך דריי טשעקאַ־קאָמיסאַרן. יעדער פון זיי האָט זיך געמיט דורך פאַרשיידענע ריידערייען און ווערטלעך זיך ריינוואַשן אין מיינע אויגן. הערנדיק זיי ריידן, וואָלט מען געקענט מיינען, אַז זיי זיינען גאָט די נשמה שולדיק. יעדער איינער פון זיי האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט צו „רעדנערן", מיט דער כוונה אויסצופרעסן די פאַלבן און קנייטשן פון דער פאַרווירטער סיטואַציע. זיי האָבן געגאָסן מיטן פולן מויל בוימל אויף די אויפגערודערטע עמאָציעס; זיי האָבן געשפּילט אויף אָט־דער איינער סטרונע און אַרויסגעבראַכט איין זיך איבערחזרנדיקע מעלאָדיע: מע טאָר דעם רעוואָלוציאָנערן פראָנט ניט ברעכן. דער דריי־לינג פון דער אָקטאָ־בער־איבערקערעניש, נעמלעך די אַנאַרכיסטן, די באָלשעוויקעס און די לינקע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, דאַרפן מיט אַלגעמיינע כוחות שלאָגן דעם אַל־געמיינעם שונא, די ווייסע גוואַרדיע, וואָס קריגט שטיצע פון דער רוסלענ־דישער און אויסלענדישער בורזשואַזיע. די צוויי, די באָלשעוויקעס און לינקע „עס־ער", ניט נאָר שלאָגן זיי צוזאַמען, נאָר זיי מאַרשירן אויך צוזאַמען, די עקסטרעמע אַנאַרכיסטן, וואָס קענען ניט מאַרשירן צוזאַמען, דאַרפן און קע־נען אָבער שלאָגן צוזאַמען. די אונטערנעמונג איז אַן אומגעהויער גרויסע און שווערע; שונאים איז דאָ אַ וועלט; איין ריכטונג וועט זיך ניט קענען אַן עצה געבן מיט אָט־דער אויפגאַבע צו שטירצן קאַפּיטאַל, אַנצוהאַלטן אַ פראָנט קעגן דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער בורזשואַזיע. בכן דאַרפן, מוזן, די דריי ריכטונגען, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, פאַר־

זעצן זייער קאָאָפּעראַציע אָן אַן איבעררייס, אָן אָפּשוואַכונג. מיספאַרשטענ־דענישן קומען פאָר צווישן די נאָענטסטע און בעסטע פריינט, אָבער נאָך יע־דער אויפגעלייזטער מיספאַרשטענדעניש דאַרף די פריינטשאַפט ווערן נאָך שטאַרקער, נאָך האַרציקער.

אין אָקטאָבער האָבן אַריינגעגאָסן זייער בלוט קאַמעראַדן פון אַט־די דריי אויבנדערמאָנטע באַוועגונגען. און אַזוי איז פאַרשניטן געוואָרן אַ בונד פון בלוט צווישן דעם דרייליגנג, אַ בונד, וואָס טאָר ניט אויפגעלייזט ווערן. מע מוז זיך האַלטן צוזאַמען, ווייל אין צעשיידקייט און צעקריגטקייט וועט דער שונא בייקומען אונדז, איינעם נאָכן אַנדערן.

דאָס איז אויגנשיינלעך און יעדער עכטער רעוואָלוציאָנער ווייסט עס, נאָך מער, ער פילט עס. מיר זיינען איין רעוואָלוציאָנערע משפחה; מיר זיינען אַקטיאַבריסטן. און אָקטאָבעריזם שטייט העכער איבער דער צעטיילטקייט פון די פאַרטייען. מע האָט געדאַרפט שאַפן אַן אָרגאַניזאַציע פון די אָקטאָבע־ריסטן, אין וועלכער עס זאָלן זיין פאַרטראָטן אַלע דריי באַוועגונגען, ווי גלייכבאַרעכטיקטע שותפים און אַט־די אָרגאַניזאַציע וועט עס דאַרפן האַלטן אַ וואַכזאַם אויג אויף אַלע פּאָליטישע גרויסצוגיקע האַנדלונגען און פאַראָר־דענונגען. אין אַזאַ אָרגאַניזאַציע וועלן אויך די עקסטרעמע אַנאַרכיסטן, וואָס ווילן פּרינציפּיעל זיך ניט באַטייליקן אין די סאָוויעטישע אינסטיטוציעס, מחמת דעם, וואָס זיי זיינען געוואָרן מלוכהשע, קענען נעמען אַן אַנטייל און שפּילן אַן אַנפירנדיקע ראָלע.

אַזאַ אָרגאַניזאַציע וואָלט האָבן די יוריסדיקציע אויסצוגלייכן סכסוכים, וועו זיי וואָלטן אויפקומען צווישן די דריי פאַרטייען. זיי האָבן זיך היפּש פאַרברייטערט וועגן אַט־דעם פּראָיעקט צו שאַפן אַ מין „אויבערפּאַרטיי", אַן אַנשטאַלט, וואָס זאָל שטיין ווי אַ מין אויבעראינסטיטוציע איבערן „ווציק" און איבערן „סאָוונאַרקאָם" און איבער די פאַרטייען.

זיי האָבן גערעדט פאַכמעניש, ווי יוריסטן, וואָס זיינען גוט באַקאַנט מיט קאָנסטיטוציאָנעלן רעכט, און באַגרייפן, ווי אַזוי אַזאַ אַנשטאַלט וואָלט גע־קענט קאָנסטרואירט ווערן און פונקציאָנירן ווי אַ מין אויפזעער איבער דער טעטיקייט פון דער רעגירונג.

איך האָב זיך צוגעהערט צו זייערע גלאַטע און כלומרשט לאָגישע רייד און געטראַכט: מעגלעך, אַז זיי אימפּראָוויזירן; מעגלעך, אַז זיי האָבן אויס־געהזרט די זאַצן; מסתמא האָבן זיי זיך צוזאַמענגערעדט צווישן זיך, ווי אַנ־צופירן דעם אָנגריף אויף מיר אַזוי קלוג און טאַקטיש, און פאַר דעם צוועק צוגעטראַכט אַזאַ אינטערעסאַנטן פּלאַן. עס איז אָבער אויך ניט אויסגעשלאָסן, אַז עמיצער האָט עס צוגעטראַכט און פאַרגעשלאָגן אין ערנסטקייט.

דער לעצטער איז אַרויס, מיט זיין קורצער רעדע, זאַקס.

— עס איז אַ פּאַרדריסלעכע זאַך. עס איז געווען געבויט אויף שפּינ־וועבס, אויסגעטראַכט בבא־מעשיות און גוזמאות. עס איז אַ פּועל־יוצא פון צופיל אָנגעצויגענע נערוון. וואָס איז שייך דער „באַנדיטן־פּאָביאַ", מוז איך זאָגן, אַז דאָס איז אינגאַנצן גרונטלאָז, עמיצער האָט עס אויסגעזויגן פון זיין

צעדרייטן פינגער. זייער ווייניק קרימינעלע עלעמענטן האָבן זיך געפונען צווישן אייערע קאַמעראַדן, נאָך אַלע אונטערזוכונגען און זיפּונגען. איך בין פול מיט דער האָפענונג, אַז איר וועט נעמען די צעטומלטע צייט, אין וועל־כער מיר לעבן און אַרבעטן, ווי אַ מילדערנדיקן אומשטאַנד, און איר וועט אויף אונדז קיין פאַריבל ניט האָבן און קיין כעס ניט טראָגן. און מער, איר וועט זען איינצוהאַלטן אייניקע פון אייערע צו היציקע, צו אימפּעטדיקע קאַ־מעראַדן, וועמענס אייפער שטייגט צייטנווייז אַריבער זייער פאַרשטענדעניש, — האָט ער זיך געטירקלט ממש ווי אַ טויב.

די טשעקאַ־קאָמיסאַרן האָבן איבערגעכאַפּט די מאָס. זיי האָבן זיך אי־בערגעפלייסט; זיי זיינען געווען אַזוי משרתדיק העפלעך, ווייך ווי צוצולייגן צו אַ געשוויר. זיי האָבן זיך אַזוי געמיט נושא־חן־זיין אין מיינע אויגן, אַז זייערע כוונות האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט ווי ביינער פון אַ זאַק.

אַט־די קריכערס און פחדנים האָבן זיך געשראָקן צו פאָרן אַליין אין שטאָט אַריין, אַ באַמבע זאָל זיי ניט טרעפן אויף זייער וועג אַהיים, אַרויס־פאַרנדיק פון קרעמל; דעריבער האָבן זיי מאַנעווורירט מיך אַריינצוקריגן אין זייער אויטאָמאָביל, ווי אַ שוץ קעגן אַן אַטענטאַט; און כדי צוצודעקן זייער כיטרן טריוק, האָבן זיי זיך צעפּאַנטאַנעוועט מיט ריידערייַ, זיך צעבלומט מיט מליצה, זיך צעשאָטן אין ראַקעטעס פון עלאָקווענץ און פּראָיעקטאַריי. אַלץ וואָס זיי האָבן געוואָלט, איז מיר פאַרבלענדן די אויגן, איך זאָל זיך ניט כאַפּן, וואָס פאַר אַ שרעקעוודיקע נפשות און צוטראַכטערישע ברואים זיי זיינען.

— קענט איר אונדז געבן אייער אַדרעס? — פרעגט זאַקס. — איך וועל זאָגן דעם שאָפער, אייך צוצוברענגען צו אייער פּלאַץ, — האָט זיך זאַקס קרומלעך צעשמייכלט.

מיר האָבן זיך איצטער געפונען אויף טווערסקאַיאַ, און זיי האָבן זיך געפילט זיכערער. מיין אומווילקע שמירה וועלן זיי שוין באַלד ניט דאַרפן.

— מיין אַדרעס? איך געפין זיך אין שפּיטאָל, אָבער לאָזט מיך אַראָפּ אויף דער קורסקער סטאַנציע, — האָב איך געענטפערט אין אַ שטילער שטים. ווי אַ דונער וואָלט זיי געטראָפן.

— וואָס איז דער מער? איר פאַרלאָזט מאָסקווע? — זאַקס איז געווען אַלאַרמירט, — וואוהין זאָלן מיר אייך ברענגען? — ער פרעגט איבער ווי ניט באַפרידיקט מיט מיין ערשטן ענטפער.

— צום קורסקער וואָקזאַל.

דער אויטאָמאָביל איז צוגעפאָרן צום פראָנט־אַריינגאַנג.

איך האָב אַרויסגעשטיגן מיט שווערקייט; זאַקס האָט מיר בלויז פון יוצא־וועגן צוגעהאָלפן. איך האָב אַוועקגעהונקען אויף די קוליעס ביז אין וואַרטזאַל אַריין. דאָרט האָט מיך גלייך אַרומגערינגלט אַ קרייז באַקאַנטע און פריינט, אַנגעשטעלטע אויף דער סטאַנציע.

איינער פון זיי איז גלייך אַוועק רופן קאַמעראַד קאַזימיר קאָוואַליעוויטש אָדער קאַמעראַד דוואָומיאַנצעוו. קאָוואַליעוויטש איז געווען דער פאָרזיצער

פון דעם אייזנבאַן־קאָמיטעט פון דער גאַנצער מאָסקווע־קורסק ליניע; דוואָר־מיאַנצעוו איז געווען דער רעדאַקטאָר פון דעם אָרגאַן פון דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון באַנאַרבעטער.

די באַגלייטע האָט זיך געפונען אינגאַנצן אין די הענט פון די אַרבעטער און זי איז געווען אַן אויסנאַם; אויף איר האָבן רעגולער קורסירט די צוגן. אויך דער קורסקער סטאַנציע־רעסטאָראַן־בופעט איז געווען באַרימט איבער גאַנץ מאָסקווע מיט זיינע גוטע מאכלים פאַר מעסיקע פּרייזן; און דאָ האָב איך זיך „אָפּגעפּאַסט" פון מיין צוויי־טאָגיקן תענית.

איינער פון די וואַגאָנען, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ זייטיקן רעלסן־פּאָס, האָט געדינט פאַר אונדז ווי אַ זאַמלפּונקט און אַ זיצונגפּלאַץ.

איידער איך האָב געעפנט די באַראַטונג, האָב איך אויסגעדריקט מיין פאַרוואונדערונג, וואָס כאַדונאָוו איז נישט פאַראַן צווישן די פאַרזאַמלטע. ער איז אַלעמאָל אַזוי פּינקטלעך.

— איך וועל אָפּרופן די טשעקאַ, — האָט קאָוואַליעוויטש זיך אָנגעבאָטן.

— עס לוינט ניט. זיי וועלן קיין ריכטיקע אינפאָרמאַציע ניט אַרויסגעבן.

— איך וועל טעלעפאָנירן מיין אָנפרעגע אין נאָמען פון אייזנבאַן־קאָמיטעט.

קאָוואַלעוויטש איז געקומען מיט אַ פּאָר מינוט שפּעטער מיט דעם רעזערווירטן ענטפער פון דער טשעקאַ.

— אויף וויפל זיי זיינען אינפאָרמירט, האָט מען אים היינט נאָכמיטיק אַרויסגעלאָזט.

— איך וועל פּרובירן טרעפן; הלוואַי זאָל איך ליגן זאָגן; די פּיראַטן האָבן אים פאַרטיק געמאַכט! — האָט „קאַווקאַזעץ" אַרויסגעגעבן זיין השערה אין אַ טרויעריקער שטים.

דאָס איז אומגלויבלעך; זיי וועלן ניט וואָגן באַגיין אַזאַ פאַרברעכן. ער איז אַן אַרבעטער, אַ דירעקטאָר פון אַ פאַבריק, אַ מיטגליד פון סאָוויעט אין זיין ראַיאָן. די טשעקאַ וועט ניט האָבן די פרעכהייט צו באַגיין אַן אָפענעם מאָרד פון אַ אין מאָסקווע פּאָפּולערן אַרבעטער. דאָס איז געווען די אַלגעמיינע מיינונג פון די פאַרזאַמלטע.

מע האָט אַלץ געהאָפט, אַז אָט־אָט און ער וועט אַריינקומען. ער איז אָבער ניט געקומען און די פראַגע „וואָס האָט פּאַסירט?" איז געהאַנגען ווי אַ כמאַרע איבער די קעפּ פון די פאַרזאַמלטע חברים.

צוויי טעג שפּעטער האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז כאַדונאָוו איז דערשאָסן געוואָרן.

דאָס איז די אָפיציעלע ווערסיע, וואָס די טשעקאַ האָט אַרויסגעגעבן:

כאַדונאָוו האָט געמאַכט אַ פּאַרזוך צו אַנטלויפן אויפן וועג צו דער קרימינעלער פּאָליציי־סטאַנציע. דער קאָנוואָי־מאַן האָט אים באַפוילן זיך אָפּצושטעלן; ער האָט ניט געפאָלגט און געלאָפן ווייטער. דער קאָנוואָיר האָט אויסגעשאָסן יאָגנדיק זיך נאָך אים און ער איז געפאַלן אַ טויטער.

טאָוואַרישטש סמידאָוויטש, דער דעמאָלטיקער פאָרזיצער פון מאָסקווער סאָוויעט האָט אויסגעדריקט זיין טיפן פאַרדראָס; מע האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ געמישטע קאָמיסיע פון אונדזערע קאַמעראַדן און זייערע, כדי אונטער דעם פאָרזיץ פון טאָוואַרישטש סמידאָוויטש, דער פאָרזיצער פון סאָוויעט, אונ־טערצוזוכן דעם פאַל און פעסטשטעלן די אומשטענדן, אונטער וועלכע כאַ־דוגאָוו איז דערשאָסן געוואָרן.

מע האָט גאָרניט מער אויסגעפונען ווי דעם בלויזן פאַקט, אַז מע האָט אים דערשאָסן. דאָס איבעריקע איז פאַרבליבן אַ געהיימעניש פון דער טשע־קאַ, אַ געהיימעניש, וואָס זי האָט באַין־אופן ניט געוואָלט אַרויסגעבן.

— טאָוואַרישטשי! עס איז אַ טיף פאַרדריסלעכע, אַ ווייטיקדיקע מיס־פאַרשטענדעניש; אונדז טוט עס באמת באַנג און לייד, — האָט דערקלערט סמידאָוויטש אין אַ מיט טרערן אַנגעוואייקטן קול, און אַ מאַך־טוענדיק מיט דער האַנט, ווי איינער זאָגט: פאַרפאַלן, קיין טויטן לעבעדיק קענען מיר ניט מאַכן. ער איז געפאַלן אַן אומזיסטער קרבן. אַ רעוואָלוציע קען פון אַזעלכע אומגליק־פאַלן זיך ניט אויסהיטן.

נאָך פיל זוכעניש האָט מען כאַדוגאָווס קערפּער געפונען אין אַ שטאַל אין עק שטאָט.

מע האָט אים באַערדיקט אָן פּאָמפּ און אָן קיין שום צערעמאָניעס, ניט קיין רעליגיעזע און ניט קיין וועלטלעכע. בלויז נאָענטע פריינט און חברים האָבן אים באַגלייט צו זיין פּלאַץ פון אייביקער רו. די עטלעכע ווערטער, וואָס זיינען געזאָגט געוואָרן ביים אָפענעם קבר, זיינען געווען זייער פשוטע:

ער איז געווען אַן אומדערשראָקענער קעמפער פאַר די רעכט פון די אַרבעטער. ער איז געפאַלן אַ קרבן פון דער קאָמיסאַרן־טיראַניי, דערשאָסן געוואָרן פון אַ טשעקיסט דעם 14טן אַפּריל 1918.

X

מיינע אַרטיקלען

מיינע אַרטיקלען אין „אַנאַרכיע״ וועגן דעם איבערפאַל און וועגן כאַדוגאָווס דערשיסונג. די צייטונג האָט גענומען ווידער דערשיינען נאָך אַן איבעררייס פון צען טעג בערך.

1

נידערטרעכטיקע פאַרלוימדערס

צווישן די אַנאַרכיסטן געפינען זיך פיל קרימינאַלן; זיי זיינען כמעט אַלע פאַרברעכערס — האַלטן אין איין טענהן אויף די שפאַלטן פון די בור־

זשואַזע צייטונגען די שמירערס און די באָלשעוויסטישע פּאַרקויפטע ביוראָ־קראַטישע פּעדערס.

מאַכט איז אַ געפערלעכע פּחדנטע; מאַכט איז אַן אומפאַרשעמטע שקרנ־טע. אַרעסטירט — עס וועט נאָך קומען די צייט, ווען מע וועט געהאָרכן מיין ראַט — הונדערט סאָוויעטישע ביוראָקראַטן און צווישן זיי וועלן זיך געפינען הונדערט פּופּציק קרימינעלע פאַרברעכער.

ווער פון זיי גנבעט ניט „אויף וואָס די וועלט שטייט"?

ווער פון זיי נעמט ניט קיין כאַבאַר? לגבי זיי ווערן בטל בתכלית הבי־טול ניקאָלאַיס כאַבאַרניקעס.

איר האָט אַרעסטירט די אַנאַרכיסטן, איר האָט פּאַגראָמירט די אַנאַר־כיסטן בלויז דערפאַר, וואָס איר זייט שרעקעוודיקע האָזן. איר האָט זיך פּאָר עפּעס דערשראָקן, אייער קרענקלעכער אויף טויט צעפּודזשעטער פאַנטאַזיע האָט זיך עפּעס אָפּגעדוכט; אייך האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די אַנאַרכיסטן פאַרקלערן עפּעס קעגן אייך.

האָט געענוג מוט און מענלעכקייט צו זאָגן כאָטש איינמאָל, פאַר דער גאַנצער צייט פון אייער געוועלטיקן, דעם אמת. זאָגט: מיר האָבן פּאָגראָ־מירט די „פעדעראַציע" דערפאַר, וואָס אונדז האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זיי, די אַנאַרכיסטן, ווילן אונדז אַראָפּוואַרפן, צונעמען ביי אונדז די פּאַרטפּעלן און די אַנגעשוואָלענע געהאַלטן.

ניין, איר זייט אויף דעם, אויף זאָגן דעם אמת, ניט פעאיק, איר, וואָס רופט אָן אייער פּאַרטיי־אָרגאַן מיטן הייליקן און גרויסן וואָרט „אמת („פּראַוו־דאַ").

אייער גאַנצע פּאָליטיק באַזירט זיך דאָך דורכאויס אויף שקר, אויף צו־זאָגעכצן, וואָס איר האָט גאָר קיינמאָל ניט געהאַט בדעה צו האַלטן.

און אַפּילו אונדז, אַ באַוועגונג, וואָס אין דער פּראַקטיק פון אָקטאָבער האָט זי זיך געפונען אין שבֿשאָפט מיט אייערער, האָט איר אָפּגענאַרט, שמו־ציק אָפּגענאַרט, פאַררעטעריש אָפּגענאַרט.

איר האָט אונדז אַרויסגעגעבן געווער, סאַנקציאָנירט אַלע דורכגעפירטע רעקוויזיציעס, געפירט אונטערהאַנדלונגען וועגן איינשטעלן אַ קאָנטאַקט, און הינטעראַרום צוגעגרייט אַ באַוואָפנטן איבערפאַל.

דאָס איז דאָך נידערטרעכטיק, דאָס איז דאָך קויטיק; אָנהאַלטן אַ צו־טרויען — און באַשווינדלען.

„אידייאישע אַנאַרכיסטן זיינען געווען בלויז פּערציק" — באַריכטעט די „אָכראַנקע" (צאַרישע געהיים־פּאָליציי).

און וויפל זיינען עס פאַראַן אידייאישע באָלשעוויקעס?

פּונקט אַזויפיל וויפיל צדיקים ס׳זיינען געווען אין סדום, דאָס הייסט קיין איינער ניט.

אין וואָס באַשטייט אייער אידעאַל? אוואו איז ער?

דערווייל איז אַלץ, וואָס מיר זעען, אַ גראָבע, ווילדע, ציניש מוטווילי־

קייט, געוואַלדטאַט, דאָס געברויכן אַלע סאָרטן כלי־זין: אַפּנאַר, ליגן, פאַר־לוימדונג און אָנגעדונגענע לאַטישן.

אוואו איז אייער אידעאַל?

לעת־עתה זעען מיר, אַז איר פאַרנעמט זייער גוט באַצאָלטע אַמטן; באַ־וואוינט זייער רייכע ווילעס. א.א.וו.

אוואו איז אייער אידעאַל?

די סאָציאַלע רעוואָלוציע — פון דעם איז דאָך געבליבן אַ פּוסט וואָרט; ס'איז נאָך פוסטער ווי דאָס וואָרט פ ר יי ה יי ט אויף אייערע ליגנערי־שע ליפּן.

אוואו איז דער אידעאַל? און וואו איז זעלבסט־אויפאָפּפערונג?

ווען דער דייטש האָט אָנגעגריפן, האָבן זיי געשלאָסן פרידן: אַ מורא האָט זיי אָנגעכאַפּט. זיי קענען נאָך פאַרלירן אין דעמדאָזיקן געפעכט זייער סאָוויעטנמאַכט. און מאַכט פאַר זיי — איז אַ בינשטאָק פול מיט האָניק און אָן בינען און אָן אַ ביס...

וואו איז אייער אידעאַל? וואָס האָט איר אויפגעטאָן פאַרן המון־עם פאַר דער גאַנצער צייט פון אייער הערשאַפט, איר אידעאַליסטן?! די פעלדער און וועלדער און גיטער האָבן די פּויערים אַוועקגענומען פון די גוטבאַזיצערס נאָך פריער, נאָך איידער איר האָט זיך באַזעצט אין די שלעסער, נאָך איידער איר האָט אָנגעהויבן צו קאָמיסאַרעווען.

הייזער האָט איר דעם המון־עם ניט געגעבן און טראַכט ניט צו געבן.

די פאַבריקן האָט איר ניט דערקלערט פאַר דעם אייגנטום פון דער אַר־בעטערשאַפט אָדער אַפילו פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניגן, נייערט פאַר דעם אייגנטום פון דער רוסלענדישער רעפּובליק, ד. ה. פאַר מלוכהשן אייגנ־טום, כדי אנשטאָט די בורזשויען זאָלט איר עקספּלואַטירן די אַרבעטער.

די בענק... זעט איר, דאָס יאָ, דאָס האָט איר גלייך געכאַפּט, כדי איר זאָלט האָבן מיט וואָס צו צאָלן אייערע ביוראָקראַטן. און פאַר די אַרבעטער איז ניט געווען קיין שכירות.

מיר זעען בלויז איין זאַך: איר האָט באַקעמפט דעם, וואָס איר זייט געווען זיכער, אַז ער איז אַזוי שוואַך, אַז איר וועט אים לייכט באַזיגן; אָן דער ריזיקע צו פאַרלירן דעם טראָן, — און דאָך גילטן פאַר אַ העלד — איז די געוואונטשטע זאַך! און מיט אַזעלכע הערא̈ישע אויפטועכצן האָט איר זיך כסדר אָפּגעגעבן.

איר האָט געפירט אַ קריג קעגן דער ראַדאַ [אוקריינישע רעגירונג], קעגן קאַלעדינען, קעגן רומעניע; איר האָט, אָבער, געמאַכט שלום מיט דייטשלאַנד און מיט דער ראַדאַ ווי נאָר זיי האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין שטאַרק. איר האָט אויך שלום געמאַכט מיט רומעניע, וואו איר האָט קלאָמפּערשט געוואָלט מאַכן אַ רעוואָלוציע; אָבער ווי נאָר איר האָט דערזען, אַז עס וועט ניט אָנ־קומען אַזוי לייכט ווי צו באַפאַלן מענטשן אין שלאָף און זיי אַנטוואָפענען, אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט שוועריקייטן, מיט קרבנות, האָט איר זיך פון דעם גלייך אָפּגעזאָגט.

די טשעקאַ באַהויפּט, אַז זי האָט געפונען פערציק „אידעאַליסטן־אַנאַר־ביסטן".

גלייבט מיר, אַז ווען מיר וואָלטן ביי אייך דורכגעפירט אַ רייניקונג, וואָלטן זיך קיין פערציק „באָלשעוויקעס־אידעאַליסטן" ניט געפונען.

פאַרגוואַלטיקערס, הענקערס ריידן וועגן אידעאַליסטישקייט!

די אָכראַנקע האָט זיך צערעדט וועגן אידייען און אידעאַלן; זי גיט עס ארויס דיפּלאָמעס אויף אידעאַליסטישקייט!

(„אַנאַרכיע", דעם 23טן אפּריל, 1918)

2

די אַנטוואָפענונג

(צו די אַרבעטער ־ באָלשעוויקעס)

דער טעלעגראַף ברענגט אונדז איין שלעכטע בשורה נאָך דער צווייטער. די „לעטישע שיסערס", די עכט־געטרייע אָדער די איינציק־געטרייע מי־ליטערלייט, זיינען באַפאַלן די קלובן פון די אַנאַרכיסטן אין פּעטראָגראַד און האָבן זיי טיילווייז אַנטוואָפנט.

מע פאַרפאָלגט סיסטעמאַטיש די אַנאַרכיסטן; מע דערלאַנגט איין קלאַפּ נאָך אַ צווייטן; די צייטונג דער „שטורעמאַנזאַגער" („בורעוויעסטניק") איז צוגעמאַכט.

אַ קלאַפּ נאָך אַ קלאַפּ.

ועמען שלאָגן די באָלשעוויקעס? ניט זיך אַליין?

ניט שוין־זשע בלויז אונדז, אַנאַרכיסטן, טוט וויי?

צי האַנדלען ניט אַזוי קליינע קינדער, ווען זיי שלאָגן זייער אייגן קעפּל אָן דער וואַנט פון קינדערצימער?

אַזוי טוען קינדער.

און די באָלשעוויקעס, אָט־די קליינע קינדער פון דער גרויסער רעוואָ־לוציע, שלאָגן די אַנאַרכיסטן, ד. ה. זיך אַליין.

פּסיכאָלאָגן, קינדערקענערס, לערנען אונדז, אַז אויף אַזאַ שטייגער, דורך אָט־די קלעפּ און מיט דער הילף פון געשפּירטן ווייטיק, לערנט זיך אויס דאָס קינד צו אָנדערקענען זיין אייגענעם „איך"; עס דערוויסט זיך דעם גרויסן פונדאַמענטאַלן אמת וועגן דער אינטעגראַציע פון זיין אייגענעם קערפּער: עס קלאַפּט דעם קאָפּ, אים טוט וויי; עס שטעקט אַריין די האַנט אין פייער, אים טוט וויי, פאָלגלעך איז עס אַ צוזאַמענגעם פון די אייגענע גלידער.

אויף אַזאַ אופן ווערט געבוירן ביים קינד דער באַגריף וועגן „איך" און „ניט־איך", אָן עיקרדיקער, ראַשיתדיקער באַנעם, אויף וועלכן עס האַלט זיך אונדזער גאַנצער וועלט־אויפפאַס.

ניט אַזוי מיט די באָלשעוויקעס? זיי שלאָגן יאַקבי אונדז; זיי דערלאַנגען קלעפּ אונדז, אָבער אין־דער־אמתן שלאָגן זיי זייער אייגענעם קאָפּ, וואָרעם

מיר, אַנאַרכיסטן, זיינען דער קאָפּ פון דער רעוואָלוציע, מיר זיינען דער קאַם פון דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע, דער שפּיץ פון דעם הויכן טורעם פון דער גרויסער רעוואָלוציע.

זיי וועלן באַלד נעמען פּילן דעם ווייטיק; די קלעפּ וועלן זיך באַלד אָ שאָט טאָן אויף זיי אַליין. ערשט דעמאָלט וועלן זיי נעמען דערקענען זייער אייגענעם „איך". דעמאָלט וועט זיי קלאָר ווערן, אַז זיי האָבן זיך אַליין גע־שלאָגן; אין די ווייטיקן וועט זיי אַנטפּלעקט ווערן דער אמת וועגן דער איג־טעגראַציע פון די גלידער פון רעוואָלוציאָנערן „איך"־קערפּער.

זיי אַנטוואָפענען די אַנאַרכיסטן, — זיי אַנטוואָפענען זיך אַליין. זיי אַנטוואָפענען די, וואָס האָבן פאַר זיי געקעמפט, די, וואָס זיינען מיט זיי געגאַנגען אויפן ווייסן פייער און דער ווייסער גוואַרדיע, די, וואָס האָבן מיט זיי ברוסט־צו־ברוסט זיך געשלאָגן פאַר איין זאַך, — די באַפרייאונג פון די אַרבעטער.

זיי אַנטוואָפענען די אַנאַרכיסטן.

און גלייכצייטיק באַוואָפענען זיי די אָפיצערן, די גענעראַלן, די יונקערס, די גאַנצע ווייסע גוואַרדיע.

זיי אַנטוואָפענען זייערע אייגענע, זייערע פריינט, און באַוואָפענען זיי־ערע פיינט, זייערע אַלטע פאַרשוואָרענע שונאים.

זיי פאַררופן אין דער רויטער אַרמיי אַלע גענעראַלן פון ניקאָלאַיען.

זיי זיינען דאָך די ספּעציאַליסטן פון קריג־פירעריי; זיי זיינען דאָך די קענערס פון דער קריג־קונסט.

אָבער אויף וואָס האָבן זיי אַנגעווענדט זייערע קענטעניש? — כּדי צו פאַרשקלאָפן דאָס פאָלק, צו שלאָגן דאָס פאָלק, און ווען דאָס פאָלק איז אויפ־געשטאַנען, האָט עס צום אַלעם־ערשטן באַזייטיקט זיי, געהייסן זיי זיך אָפּ־טראָגן.

און ווען זיי זיינען אַרויסגעטראָטן באַוואָפנטע קעגן פאָלק, זיי האָבן זיך אָרגאַניזירט אין קאַלעדינס און קאָרנילאָווס רעגימענטן און זיי האָבן זיך צו־זאַמענגעשטויסן מיטן פאָלק, האָבן זיי געליטן איין נידערלאַגע נאָך אַ צווייי־טער. דאָס פאָלק, וואָס איז ניט באַהאַוונט אין תּכסיסי־מלחמה, וואָס האָט ניט געענדיקט קיין מיליטערישע אַקאַדעמיעס, האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין שטאַרקער פון זיי.

ווער האָט געזיגט אין מאָסקווע, אין אָקטאָבער־אויפשטאַנד? דער ספּע־ציאַליסט, דער ווייסער פון קריג־פירעריי ברוסילאָוו [1853־1926], ריאַבצעוו, די גוט־אויסגעמושטירטע יונקערשאַפט, אָדער דאָס באַגייסטערטע פאָלק, וואָס איז געווען צעפלאַקערט מיט גלייבן אין זיין גערעכטיקייט, דאָס פּשוטע פאָלק?

דער זיג איז געווען אויף דער זייט פון פאָלק; געזיגט האָט דער גלויבן אין גערעכטיקייט, אין יושר. איין קערנדל פון גלויבן האָט צעשטופּט די שטיינערנע ווענט פון קרעמל.

זיי זיינען טאַקע די קענערס, אָבער זייערע קענטעניש האָבן זיי גע־

ברויכט קעגן אייך. זיי וועלן נאָך אייך שלאָגן מיט דעם געווער, וואָס איר האָט אָפּגענומען ביי אונדז.

איר אַנטוואָפּנט אייערע פריינט און באַוואָפנט אייערע פיינט.

פאַרטראַכט זיך, איר צעדולטע!

ערגעץ־וואו אין אַן אַלטן ספר שטייט געשריבן: [בבא קמא, נ:]

„עס איז געווען אַ בעל־גוף, אַן אייגנטימער פון אַ גרויסן הויף און אַ גרויסן הויז. אויפן הויף זיינען געווען אָנגעוואָרפן שטיינער. האָט ער זיך מיישב־געווען אָפּצורייניקן זיין הויף. האָט ער די שטיינער אַריבערגעוואָרפן איבערן פּאַרקן גלייך אין גאַס אַריין.

אַ קלוגער מאַן איז פאַרבייגעגאַנגען און געזען וואָס ער טוט. רופט ער זיך אָפּ צו אים:

— חסר־דעה איינער, וואָס טוסטו? דו וואַרפסט דאָך שטיינער פון אַ פרעמדן הויף אין דיין אייגענעם הויף אַריין.

דער בעל־גוף האָט זיך אויסגעלאַכט פון די רייד פון אָט־דעם קלוגן מאַן און געזאָגט צו אים:

— איך וואַרף אַרויס פון מ י י ן הויף אויף אַ פּלאַץ, וואָס איז ניט מיין.

און ער איז ווייטער אָנגעגאַנגען מיט דער אַרבעט פון שליידערן די שטיינער.

דער קלוגער מאַן איז אַוועק.

נאָכן פאַרלויף פון אַ געוויסער צייט האָט דער בעל־גוף זיך פאַרפּלאָנ־טערט אין שולדן, געוואָרן אַ יורד. זיין הויז און הויף האָבן די בעלי־חובות צוגענומען.

דער געוועזענער בעל־גוף, איצטער אַ פּאַראַרימטער, האָט זיך אַרומגע־בלאָנקעט איבער די גאַסן; ער האָט ניט געהאַט וואו דעם קאָפּ צוצושפּאַרן, און ער האָט זיך אָפּגעשלאָגן אָן יענע שטיינער, וואָס ער האָט אַליין אָנגע־וואָרפן אויפן גאַס. איצטער האָט ער זיך דערמאָנט די ווערטער פון דעם קלוגן מאַן, וואָס האָט אים געוואָרנט, און ערשט איצט האָט ער אויפגענומען זייער קלאָרן איינפאַכן מיין.

— יאָ, — האָט ער געזאָגט צו זיך, — איך האָב געשליידערט שטיינער פון אַ פ ר ע מ ד ן הויף אין מיין א יי ג ע נ ע ם הויף.

ער האָט עס איצט פאַרשטאַנען און צוגעגעבן. אָבער עס איז שוין גע־ווען צו שפּעט. ער האָט זיך אָפּגעקלאַפּט, צעבראָכן אַ פוס, און געפאַלן...“

הערן באַלשעוויקעס אָדער טאָוואַרישטשי (קאַמעראַדן) באַלשעוויקעס.

— איך ווייס שוין אַליין ניט ווי אייך אָנצורופן, — אָט־די דערציילונג איז אַן אַלטע, אָבער זי איז אייביק ניי.

איר וואַרפט אין אונדז שטיינער, אָבער געדענקט די וואָרענונג־ווערטער:
איר וועט איבער זיי געשטרויכלט ווערן, פאַלן און ברעכן האַלדז־און־נאַקן.
איר אַנטוואָפּנט אַנאַרכיסטן און באַוואָפּנט גענעראַלן.

איר אַנטוואָפּנט די שוואַרצע גוואַרדיע און באַוואָפּנט די ווייסע גוואַרדיע.

איר וואַרפט אַרויס שטיינער פון אַ פרעמדן הויף אין אייגער אייגענעם. דאָס מעשהלע איז שטענדיק ניי.

מיר ווענדן זיך מיט דידאַזיקע ווערטער ניט צו אייערע „פירערס״, ניט צו די פּאַרטפעל־טראָגערס; זיי זיינען באַרוישט פון ווייסן וויין פון מאַכט און זיי האָבן פאַרלאָרן זייערע קעפּ, שכל, האַרץ און געוויסן. נאָר בפירוש צו אייך, אַרבעטער: איר זייט דאָך נאָך ניט אַלע געוואָרן שטיקלעך ביוראָקראַטן; אייערע הענט האָבן דאָך נאָך מאַזאָליעס; איר שטייט דאָך נאָך ביי די וואַרשטאַטן; איר גלייבט דאָך נאָך אין רעוואָלוציע; איר זייט דאָך נאָך ניכטער, און איר ווייסט, וואָס ס׳איז „רעכטס״ און וואָס ס׳איז „לינקס״ — צו אייך ווענדן מיר זיך מיט דידאַזיקע ווערטער:

באַזינט אייך וואָס איר טוט!

(„אַנאַרכיע״, דעם 23טן אַפּריל, 1918)

3

אַ פּאָגראָם

דאָס אַלטע רוסלאַנד, דאָס זעלבסטהערשערישע, האָט געהאַט אַ גערעגטעניש אויף פּאָגראָמען: מ׳האָט געמאַכט פּאָגראָמען אויף סטודענטן, אויף דער אינטעליגענציע און, הויפּטזעכלעך, אויף יידן, די שוואַכסטע אין דער וועלט.

די פּאָגראָמען האָט געמאַכט ניט דער המון־עם, נייערט די רעגירונג. זי האָט אָרגאַניזירט די פּאָגראָמען מיט דער הילף פון אירע פּאָליציאַנטן, קאָזאַקן און אַמאָל אויך מיט דער הילף פון זעלנער, איבערגעטועטע און ניט איבערגעטועטע אין ציווילער קליידונג.

די מאַכט האָט געדאַרשט נאָך פּאָגראָמען. זי האָט זיי געמוזט האָבן. אָן זיי האָט זי זיך ניט געקענט באַגיין.

דורך די פּאָגראָמען האָט די רעגירונג דערגרייכט אַ טאָפּלטן צוועק: ערשטנס, האָט זי אָפּגעצויגן דעם פאָלקס אויפמערקזאַמקייט פון די אמתע שולדיקע אין זיין צרהדיקן אומגליקלעכן מצב; צווייטנס, האָט זי זיך אָפּגערעכנט מיט די געפערלעכע, אומרואיקע, אויפרודערנדיקע, בונטאַרישע עלעמענטן, וואָס געפינען זיך צווישן די מאַסן, וואָס האָבן זי באַקעמפט.

ביי אַ רעגירונג רעכטפאַרטיקט שטענדיק דער צוועק זיינע מיטלען. נאָך מער, ביי איר געפינען זיך אי דער צוועק און אי די מיטלען אויף איין פלאַך פון מאָראַלישן באַוואוסטזיין.

מאַכט איז העכער פון אַלץ און טייערער פון אַלץ. דאָס פאָלק עקזיסטירט בלויז פאַר דער רעגירונג און ניט די רעגירונג פאַרן פאָלק. מאַכט, אין איר פאָרם פון אַ זעלבסטהערשאַפט, איז אַ הייליקטום, איינע פון די אייגנ־

שאַפטן פון דער רוסישער נשמה, איינער פון די אַטריבוטן פון „נאַציאָנאַלן איך", איינער פון די שטריכן פון „נאַציאָנאַלן פנים". אַלץ, וואָס איז קעגן דער מאַכט, קעגן דעם עקזיסטירנדיקן מלוכהשן איינשטעל, איז פאַרברעכעריש, איז העלישע פאַרזינדיקונג און מ'דאַרף עס אַרויסרייסן מיט די וואָרצלען, — פאַרטיליקן.

אין אַט־דעם הייליקן קריג פאַר דער פאַרפעסטיקונג, ריכטיקער: פאַר דעם אָנהאַלט און אויפהאַלט פון מאַכט אין איר מוסטערהאַפטער פאָרם, אין איר זעלבסטהערשערישער געשטאַלטיקונג זיינען אַלע מיטלען קדוש־וטהור.

אַלע מיטלען, אַפילו פּאָגראָמען און שטראָף־עקספּעדיציעס, מחמת זיי זיינען דיקטירט פון אַ מוזאַך. פון אַן אייזערנער אומדערבאַרימלעכער נויטווענדיקייט, וואָס ווייסט נישט פון קיין שום סענטימענטאַליטעטן, און דאָס איז די רעטונג פון דעם פאָטערלאַנד.

אַט־דאָס איז בערך געווען דער געדאַנקענגאַנג פון דעם פּאָגראָם־אידעאָלאָג אין ניקאָלאַיס צייטן.

פאַר אונדזערע אויגן איז ווידער געמאַכט געוואָרן אַ פּאָגראָם. געמאַכט האָט אים די רעגירונג. זי האָט דערצו גענוצט ווי אַ בליינד געצייג דעם געדונגענעם באַנאַרישטן „לאַטיש־שיסער". דער פּאָגראָם איז דאָס מאָל געמאַכט געוואָרן אויף די אַנאַרכיסטן. מ'איז זיי באַפאַלן אין מיטן נאַכט און אָנגעהויבן צו פּאָגראָמירן.

צוליב וואָס, מיט וועלכן צוועק איז אַט־דער פּאָגראָם אויף די אַנאַרכיסטן געמאַכט געוואָרן?

מיט דעם זעלביקן צוועק, מיט וועלכן פּאָגראָמען זיינען געמאַכט געוואָרן אין רוסלאַנד אין יענע גוטע אַלטע צייטן, ווען ניקאָלאַי איז געזעסן אויפן טראָן.

ערשטנס דאַרף מען אָפּציען דעם פאָלקס אויפמערקזאַמקייט פון די ווירקלעכע שולדיקע אין זיינע ליידן און אומגליקן; אָפּציען פון די אמתע באַנדיטן, פון די אמתע שעדיקערס, פאַרדאַרבערס, דעמאָראַליזירערס, די משחיתים פון דער ריינער פאָלקס־נשמה; אָפּציען פון די מאַכט־באַטרונקענע קליינע און גרויסע טיראַנען, וואָס ספּעקולירן אויף פאַנאַנדערפאַל, אויפלייז פון אַלע צוזאַמענבונדנקייטן, אויף דער צעצונדנקייט פון די ווילדסטע אינסטינקטן; אָפּציען די אויפמערקזאַמקייט — פון די קאָרופּטירער פון פאָלקס קערפּער און זעל, פון אַט־די באַנדיטן, וואָס שיסן, דערהרגענען אָן משפט און אָן אויספאָרש.

„אַט זיינען די באַנדיטן, די פאַרברעכער!" — ליאַרעמען איבערן גאַנצן לאַנד די פאַרקויפטע שרייערס, וואָס האָבן געמאַכט זייער קאַריערע אויף דעם פאָלקס צרות, און אויף דעם פאָלקס נאַאיוון צוטרוי.

צווייטנס, אַזוי גיט מען זיך אַן עצה מיט דעם העכסט אומרואיקן עלעמענט, מיט דעם אייביקן אויפשטענדלער, וואָס לאָזט ניט די מאַכט־האָבערס רואיק שלאָפן אויף די דיוואַנען אין קרעמל.

און פאַר אַט־דעם צוועק זיינען אַלע מיטלען כשר וישר; מיט דעם ראַ־

טעוועט מען די מאַכט, די קדוש־וטהורדיקע מאַכט, דאָס „העכסטע פרייל־אַנד" אין דער וועלט, דאָס „סאָציאַליסטישע" פאָטערלאַנד.

אַלע מיטלען זיינען גוט; מע שטעלט זיך ניט אָפּ פאַר באָמבאַרדירן מיט האַרמאַטן „דאָס הויז פון אַנאַרכיע", אַ געביידע, אין וועלכער דער צווייטער שטאָק איז געווען פאַרנומען פון אַ לאַזאַרעט, וואו עס האָבן זיך געפונען עט־לעכע הונדערט פאַרוואונדעטע, צווישן זיי שווער פאַרוואונדעטע, און אויך אַזעלכע, וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייערע הענט און פיס, זייער לייב און לעבן פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

אַ לאַזאַרעט, קראַנקע, קרבנות־קאַליקעס פון דער אָקטאָבער־איבערקער־רעניש — דאָס זיינען אַלץ „קלייניקייטן"; די הויפּטזאַך איז צו ראַטעווען דעם קרעמל און זיינע איינוואוינערס, דערעיקרשט זיי זאָלן קענען רואיק שלאָפן ביינאַכט און נאָך רואיקער שרייבן ביי־טאָג זייערע דעקרעטן.

פאַר דעם גרויסן געהויבענעם צוועק איז אַ פּאָגראָם אויף די אַנאַרכיסטן זייער אַ גוט מיטל. עס קען גאָר קיין בעסערס ניט געבן.

פּאָגראָמען — דער אַלטער רעזשים איז אויפגעשטאַנען תחיית־המתים. אומזיסט האָט מען אים באַגראָבן, אומזיסט האָט מען אים געמאַכט אַ פּאָנע־כידע, אומזיסט האָבן געקלונגען די גלאָקן פון דער גרויסער רעוואָלוציע. אומזיסט.

ניקאָלאַי איז אין טאָבאָלסק. און ווער איז אין קרעמל? און דאָס רופט זיך אָן „די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט"!

ניין, הערשאַפטן, דאָס איז די דיקטאַטור פון ביוראָקראַט!

דאָס איז טיראַניי פון ערגסטן סאָרט!

דאָס איז די ווילדע מוטוויליקייט פון אַ ווילדן דעספּאָט.

אַ פּאָגראָם!

פּאָגראָמען מאַכן „שוואַרצע־מאַהניקעס"!

(„אַנאַרכיע", דעם 29טן אַפּריל, 1918)

4

צום אָנדענק פון חבר כאָדונאָוו

נאָך אַ קרבן, נאָך אַ מאָרד.

אַ נייער שטעכיקער דאָרן אין בלומען־קראַנץ פון אַנאַרכיזם.

דו ביסט דערהרגעט געוואָרן. דו ביסט דערשאָסן געוואָרן.

דו ביסט געפאַלן ניט פון דער האַנט פון ניקאָלאַיען, וואָס האָט דיך פיל מאָל אַרעסטירט, אָבער ניט דערמאָרדעט.

דו ביסט ניט געפאַלן פון דער האַנט פון קערענסקין.

דו ביסט געפאַלן פון דער האַנט פון אַ מיליציאָנער, מיט וועלכער עס האָט געפירט די פאַרברעכערישע האַנט פון פאַרברעכער טראָצקי.

דו ביסט געפאַלן. אַנידערגעוואָרפן געוואָרן פון דער באַלשעוויסטישער מאַכט, אונטער דער „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט“.

עס הערט זיך אַ בייז געלעכטערל פון דעם צאַנלאָזן מויל פון טייוול־הערשער.

דו, אַן אַרבעטער, וואָס האָסט אָפּגעגעבן, נישט שאַנעוועדיק, דיין גאַנצע יוגנט, אַ פאַרבראַכטע אין געפענגענישן ביי ניקאָלאַיען, אין אומדערמידלעכן אָנשטרענג פאַר דער באַפרייאונג פון די אַרבעטער, דיינע ברידער אין נויט און פּראַצע, דו ביסט געפאַלן, אַן אומשולדיקער, אַן אומפאַרגעבלעכער קרבן, פון דער גזלנישער האַנט פון דער רצחנישער מאַכט, וואָס האָט די פרעכהייט זיך אָנצורופן „אַרבעטער־ און פּויערים־מאַכט“.

וואָלטן די אַרבעטער, דיינע חברים, די, וואָס האָבן דיך אויסגעקליבן ווי זייער דעפּוטאַט אין סאָוויעט, די, וואָס האָבן דיך אויסגעקליבן אַלס פאַרזיצער פון אַרבעטער־קאָמיטעט פון דער טעלעפאָנען־פאַבריק, וואָלטן אָט־די אַרבעטער — דיך דערמאָרדעט?

דיך האָט דערמאָרדעט די מאַכט, וואָס האָט ניט קיין געוויסן, וואָס האָט ניט קיין האַרץ, האָט נישט קיין מאַרך — און געוועלטיקט בלויז מיטן כוח פון דעם באַיאָנעט.

פאַרוואָס האָט מען דיך דערהרגעט?

דערפאַר, וואָס דו ביסט געווען אַן ערלעכער איבערגעגעבענער האַרעפּאַשניק, אַ פלאַמפייערדיקער, אַ ריינער ווי קרישטאַל, רעוואָלוציאָנער.

דערפאַר, וואָס דו ביסט געווען אַן אַרבעטער און אַן אַנאַרכיסט און ניט קיין אינטעליגענט־קאַריעריסט.

דערפאַר, וואָס דו האָסט ניט פאַרראַטן די ליכטיקע געבאָטן פון דער גרויסער רעוואָלוציע.

דערפאַר, וואָס אין אָקטאָבער ביסטו געגאַנגען אונטער דעם קוילן־רעגן פון די יונקערס און באַשיצט, איינשטעלנדיק דאָס אייגענע לעבן, דעם מאָסקווער סאָוויעט.

אָט אַזוי באַדאַנקט עס דיר די מאַכט.

זי האָט דיר אָפּגעצאָלט מיט אַ בלייענער קויל.

דו ביסט דערשאָסן געוואָרן פון דער באַלשעוויסטישער מאַכט.

נאָך אַן אומשולדיקער קרבן.

נאָך אַ האַרץ, אַ לייבנהאַרץ פון אַן אמתן רעוואָלוציאָנער, האָט אויפגעהערט צו שלאָגן.

דאָס בלוט פון אַ רעוואָלוציאָנער, פון אַן אַרבעטער, פון אַ שמיד, וואָס האָט אַריינגעהאַמערט זיין גליק אין דעם גליק פון אַלע האַרעפּאַשניקעס, איז פאַרגאָסן געוואָרן פון דער מאַכט, וואָס זאָגט, אַז זי איז אַ רעוואָלוציאָנערע מאַכט.

אַרבעטער, עפנט אייערע אויגן! זעט, וואָס עס ווערט אָפּגעטאָן אין אייער נאָמען!

די בעסטע קעמפערס, אייערע טייערסטע ברידער, דערשיסט דער קאַט!

זאָל אָט־דער פרישער קרבן, אייערער אָן אַרבעטער, אייערער אַ חבר, אַ ברודער און פריינט, וועמען איר אַלע האָט געקענט, זאָל ער אייך עפענען די אויגן, — און דעמאָלט וועט דער קרבן ניט זיין קיין אומזיסטער.

און דעמאָלט וועט דערדאָזיקער קרבן זיין דער לעצטער קרבן.

פרידן צו דיין שטויב... אָבער ניט קיין פרידן האָסטו אונדז געבאָטן.

מיר גייען איבער די טויטע קערפּערס פון אונדזערע חברים אין לאַנד פון גליק, אין לאַנד פון אַנאַרכיע.

זיי טרעטן איבער אונדזערע טויטע קערפּערס צו זייערע באַגילדטע טראָנען.

אָבער דאָס אַלץ ביז אַ צייט, ביז אַ געוויסער שעה.

פרידן צו דיין שטויב, אָבער ניט קיין פרידן האָסטו אונדז געבאָטן, נייערט רעוואָלוציאָנערן קאַמף.

דיינע שטומע ליפּן, פאַרזיגלטע מיט דער חתימה פון אייביקער שטומ־קייט פון קאַלטן טויט, רופן, וועקן, רופן צום ענדגילטיקן קאַמף פאַר דער באַ־פרייאונג פון מענטש און אַרבעטער.

(„אַנאַרכיע“)

5

דערקענען אָדער קאָנפראָנטירן

מע רופט אַרויס בורזשויען, וואָס האָבן געליטן פון רויבערייען, זיי זאָלן דערקענען די ראַבירערס.

מיר גייען ניט אַריין אין דעם, אויף וויפל דאָס איז צוועקמעסיק, אויף וויפל אַזאַ מעטאָד איז שוואַנגער מיט מיספאַרשטענדעניש און טעותן.

אונדז אינטערעסירט דער ציניזם פון דידאָזיקע האַרן, וואָס נאָך נעכטן זיינען זיי געווען שקלאַפן און היינט האָבן זיי זיך אַזוי פאַרריסן.

אַ בורזשוי איז אַן אָפּשטויסנדיק באַשעפעניש, אָבער אַן אביון, וואָס איז פלוצלונג, אין איין שיינעם פרימאָרגן, געוואָרן אַ בורזשוי, איז נאָך אומדער־טרעגלעכער פון אים.

אַ צאַר, אַ געוועלטיקער, איז אַ ווילדע חיה, אָבער אַ קנעכט, אַ משרת, וואָס ווערט פלוצלונג אַ האַר, אַ הערשער, אַ צאַרל, איז ערגער פון אים, ער איז אַ פּאַרצוק־חיה.

„אונטער דריי ציטערט די ערד: אונטער אַ קנעכט, אַז ער נעמט קיניגן“ [משלי, ל, כא־כב].

און מיר געפינען זיך אין פּאָליטישן לעבן אין אָט־דער פאַזע.

דערקענען — זייער פיין.

לאָמיר צונויפרופן די בירגער... זיי זאָלן אייך אָנקוקן און דערקענען, זיי זאָלן דערקענען אייך, וואָס האָבן זיי באַראַבעוועט.

לאָמיר צונויפרופן די בירגער, די אַרבעטלאָזע, זיי זאָלן אייך אָנקוקן און

דערקענען, זיי זאָלן דערקענען אייך, וואָס האָבן ביי זיי צוגענומען דאָס לעצטע שטיקל ברויט, זייער לוין.

לאָמיר צונויפרופן אַלע אַרבעטער, זיי זאָלן אייך אָנקוקן און דערקענען, זיי זאָלן דערקענען אייך, וואָס האָבן זיי באַראַבעוועט, באַראַבעוועט זייער גרויסע רעוואָלוציע, באַראַבעוועט און געשענדעט דעם גרויסן איבערקער פון די אָקטאָבער־טעג, אייך, די, וואָס האָבן ביי זיי צוגענומען זייערע רעכט, זייערע נשמות, זייער באַגייסטערונג, זייער ענטוזיאַזם, זייער גלויבן און זייער צוטרוי.

לאָמיר צונויפרופן אַלעמען, אַלעמען, אַלע בירגער, זיי זאָלן אייך אָנ־קוקן און דערקענען, דערקענען אייך, די, וואָס האָבן צעשלעפּט און צעראַבירט אַלץ־מיט־אַן־אַנדער, צעראַבירט און אָפּגעגעבן דעם שונא גאַנצע געגנטן, גרוי־סע שטרעקעס לאַנד מיט אַ מיליאָנענדיקער באַפעלקערונג, אָפּגעגעבן — צו ווערן אויסגעראַטן, צו ווערן צעטראָטן, אָפּגעגעבן אויס אייגענער פּחדנות, שלאָבערדיקייט, אויס דער חיהשער מורא צו פאַרלירן גוטע וואַרימע זיצ־פּלעצער, צו פאַרלירן די מאַכט.

לאָמיר צענויפרופן אַלע עכטע רעוואָלוציאָנערן, זיי זאָלן אייך אָנקוקן און דערקענען, דערקענען אייך, וואָס ריידן וועגן רעוואָלוציע און שאַפן אַ קאָנטררעוואָלוציע, אייך, ביי וועמען רעוואָלוציע מיינט „פּאַרטפעלן״, און קאָנטררעוואָלוציע מיינט דער פאַרלוסט פון פּאַרטפעלן.

לאָמיר צענויפרופן — צו וואָס צענויפרופן, צו וואָס אייך אָנקוקן און דערקענען? — מיר אַלע קענען אייך, ראַבירערס פון דער גרויסער רעוואָ־לוציע!

די אונטערשטע שורה פון דעם בלבול, אַז צווישן אונדז האָבן זיך גע־פונען פאַרברעכערס, באַנדיטן.

נאָכן איבערפאַל דעם 12טן און 13טן אַפּריל האָבן זיי אונדז אַרעסטירט. פּראָמינענטע אַנאַרכיסטן האָט מען גלייך באַפרייט; 350 חברים האָט מען באַפרייט אַביסל שפּעטער; עס זיינען געבליבן זיצן אין געפענגעניש 50 חברים און זיי האָט מען אויך נאָך אַ הונגער־שטרייק באַפרייט. מע האָט קעגן זיי ניט געקענט פאַרפירן קיין פּראָצעס; אין קיין זאַך ניט געקענט באַ־שולדיקן. און די טשעקאַ האָט זיי סוף־כל־סוף אַרויסגעלאָזט פון אירע הענט.

(„אַנאַרכיע״)

6

די רעאַקציע

די רעאַקציע האָט ניט קיין מזל אין רוסלאַנד.

אייניקע, זייענדיק אָבערגלייבעריש, זייענדיק איבערצייגט, אַז נאָך יעדן צי פּאַרויס מוז קומען אַ שטופּ אויף צוריק; אַז נאָך יעדן „פּראָגרעס״ מוז קומען אַ „רעגרעס״, אַ רעאַקציע, — זיי האָבן פּרובירט שאַפן אַט־די רע־

אַקציע, אַרויסהעלפן אַט־דעם „גאַטירלעכן פּראָצעס", לויפן אים אַנטקעגן מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס און מיט אַ באַגריסנדיקן און פאַרבעטנדיקן „בואך לשלום!"

זיי האָבן זיך אָבער גרויזאַם אָפּגענאַרט. אויף דער שוועל, ביי דער סאַמע טיר, האָט זיי שוין אָפּגעוואָרט די אַנטוישונג. עס האָט זיך באַוויזן ניט קיין שטופּ אויף צוריק, נייערט אַן אומדערוואַרטער רוק פאָרויס.

אומאויספאַרשבאַר זיינען די וועגן פון אונדזער גרויסער רעוואָלוציע.

צופיל אומקולטורעל זיינען די רוסלענדישע פעלקער, אַז מ׳זאָל זיי קענען אָפּנאַרן, צום נאַר מאַכן אויף אַן איראָפּעאישן שטייגער; אַז מע זאָל זיי קענען אַריינגאַרן מיטן צוקערלעקעכל „דעמאָקראַטיזם", מיט די פּוסטע פּאָליטישע רעכט, מיט אַט־די גראַגערדיקע צאַצקעס, גלעקלדיקע שפּילגעצייג, מיט וועלכע מ׳קויפט אונטער די „איראָפּעאישע ווילדע", וואָס גיבן אַוועק פאַר אַט־די „שמאַכטעס", מחמת זייער ציוויליזאַציאָנערער פאַ־ליטישער תמימות, זייערע אמתע קאַסטבאַרקייטן, זייערע רייכטימער, זייער פרייהייט און לאַנד.

די רעאַקציע אין רוסלאַנד האָט געכאַפּט איין מפּלה נאָך אַ צווייטער; איר וועג איז אָנגעצייכנט — פון דורכפאַל צום דורכפאַל.

און ווער עס האָט איר דערלאַנגט אַ האַנט, ווער עס איז צו איר צוגע־שטאַנען, איז אַראָפּ צום דעק פון געזעלשאַפטלעכקייט.

ווי הויך־טראַגיש האָט פאַרענדיקט קאַלעדין, דער העלד פון דער רע־אַקציע־טראַגעדיע!

אָפּילו דער דאָן, אויף וועמען עס לייגן אַזויפיל האָפענונגען און דער־וואַרטונגען אַלע רעאַקציאָנערן, וואָס רייסן זיך אַהין, וואוהין זיי זיינען עולה־לרגל ווי קיין מעקאַ פון דער פינצטערער רעאַקציע, אויך אַט־דער דאָן האָט זיך צעלויכטן מיט דעם שיין פון פאָלקס־אויפשטאַנד.

דער „פרייער דאָן" האָט באַרעכטיקט זיין אַדיעקטיוו „פרייער", וואָס האָט פאַרדעם געקלונגען אין אונדזערע אויערן ווי אַן אָפּלאַכעניש, ווי אַ „לועג־לרש"־איראָניע.

דאָס קאָזאַקנטום, אויף וועלכן עס האָבן געלייגט אַלע זייערע נאַכהאַל־בערנאַכטיקע האָפענונגען אַלע פּאָליטיש־פינצטערע פאַרשווינען און פאַר־טייען, אָנהייבנדיק פון ניקאָלאַיען און איבערגייענדיק צו מיליוקאָוון און סאַ־ווינקאָוון און אויסלאָזנדיק מיט קאָרנילאָוון, אַלעקסייעוון, אַט־דאָס קאָזאַקנ־טום האָט זיך גאָר צעשטראַלט מיט דער רויטער זון און די שאָטנס לויפן פון אים פאַר מיילן.

קאָרנילאָוון האָבן דערהרגעט זיינע אייגענע טשעטשענצעס. ער איז פאַררעטעריש דערהרגעט געוואָרן.

וואָס פאַר אַ טיפּזיניקער, באַטייטנדיקער סימבאָל! וויפל קען מען לער־נען פון דעם!

קאָרנילאָוו, וואָס איז באַזונגען געוואָרן מיטן חושכדיקן וואָרט, מיטן חושכדיקן פערד פון דעם חושכדיקן און ווי נאַכט גרויסן פּאָעט!

קאָרנילאָוו, אַט־דער פעלדזנשטיין, פעסטונג־טורעם פון אַלע די, וואָס לעכצן נאָך „אָרדענונג" און דיסציפּלין, איז דערהרגעט געוואָרן פון זיינע אייגענע דיסציפּלינירטע זעלנער.

די רעאַקציע פאַרדאַט זיך אַליין, זי פאַלט פונאַנדער.

דוטאָוון האָט מען גענומען געפאַנגען; באַגאַיעווסקי איז דערהרגעט געוואָרן.

ווי עס איז צו זען, קען די הידרע פון רעאַקציע ניט אויפהייבן דעם קאָפּ, מחמת אַלע אירע זיבן קעפּ האָט זי אין אַן אָנפאַל פון שגעון זיך אַליין אָפּגעהאַקט.

אונדזער רעוואָלוציע האָט ניט קיין מורא פאַר דער אויסערלעכער אָפּע־נער רעאַקציע.

דערפאַר אָבער האָט זי מורא פאַר דער אינעווייניקסטער, פאַרמאַסקיר־טער רעאַקציע.

קאָרנילאָוו, קאַלעדין און די איבעריקע פינצטערע פירערס פון די חושכ־דיקע חיילות זיינען שוין מער ניטאָ, אָבער די רעוואָלוציע טריאומפירט ניט, בלאָזט ניט דעם האָרן פון זיג, צינדט ניט אָן קיין שייטערהויפנס פון חגא־פייערונגען.

די קאָנטררעוואָלוציע איז צעשלאָגן, זי לעבט אָבער, און נאָך ווי לעבט זי! זי האָט זיך אויסגעפלאָכטן אַ נעסט אין דער רעוואָלוציע גופא.

די רויטע פירערס נעמען טונקלען, זיי ווערן חושכדיקער מיט יעדן טאָג; די צונטער־רויטע קאָלירן פון די רויטע פאָנען נעמען אָפּבליאַקעווען, און אַט־אַט...

די קאָנטררעוואָלוציע, די רעאַקציע וואַקסט פון אינעווייניק; זי טויכט אַרויף פון די סאַמע טיפענישן פון דער רעוואָלוציע.

אין נעסט פון אָדלער איז געבוירן געוואָרן אַ קריכנדיקער שרץ. דאָס פייער און פלאַם ווערט פאַרביטן מיט איבערגעבערענטן אַש.

מיר האָבן עס שוין איינמאָל געזען, מיר האָבן עס שוין איינמאָל באַ־אָבאַכט, — די רעוואָלוציע ווערט פאַרראַטן.

דער גערטנער, וועמען עס איז אָנגעטרויט געוואָרן דאָס אָפּהיטן דעם גאָרטן, דאָס פלעגן זיינע פלאַנצונגען, האָט זיך צעפּאַכעט מיט אַ שאַרפעד, מיט אַ פאַרפירערישער שיין־גלאַנציקער האַק איבער דעם יונגן פרייהייטס־בוים.

אַזוי איז געווען מיט דער ס. ר.־פּאַרטיי. די רעאַקציע איז אַרויסגע־וואַקסן פון די סאַמע טיפענישן פון דערדאָזיקער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי.

אַלס שטיצפּונקט פון רעאַקציע האָט געדינט איר אויפגעקומענער — קערענסקי.

די מאַכט האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן איבער זיין שוואַך קעפּעלע און ער האָט אַלץ פאַרגעסן; פאַרגעסן די רעוואָלוציע, פאַרגעסן די פאָלקס־מאַסן, פאַרגעסן זיינע צוזאָגענישן.

ער האָט זיך געוואַקלט, ווי אַ באַרוישטער פון מאַכט־ווײַן, אויף רעכטס און אויף לינקס — און איז אַנידערגעפאַלן.

אַצינד שטייען מיר ווידער פאַר אַזאַ איבערהזרונג אין דער געשיכטע פון אונדזער רעוואָלוציע.

פון בוזעם אַרויס פון די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, די באָל־שעוויקעס, קוקט אויף אונדז דער גיפטיקער מוילביס פון דער גיפטיקער שלאַנג — די קאָנטררעוואָלוציע, וואָס די רעוואָלוציע אַליין האָט זי אָנ־געזויגן מיט דער מילך פון איר ברוסט.

דערוואַרט ניט קיין רעאַקציע פון דרויסן, זוכט זי אינעווייניק. וואָרעם איר נעסט האָט זי זיך אויפגעבויט אין דעם סאַמע געדיכטן וועלדל פון דער רעוואָלוציע.

דער ווײַן פון מאַכט איז שטאַרק און יעדער קאָפּ ווערט פון אים פאַר־שיכורט און נעמט זיך פאַרדרייען.

ווי דער פאַרצייטיקער ביבלישער גאָט, אַזוי האָט די געטין פון דער רעוואָלוציע פאַרפלאַנצט אין איר גן־עדן אין סאַמע מיטן צוויי ביימער, — דעם בוים פון פרייהייט און דעם בוים פון מאַכט, און זי האָט אָנגעזאָגט: פון אַלע ביימער פון גאָרטן מעגט איר עסן די פרוכט, אָבער פון בוים פון מאַכט זאָלט איר ניט עסן, וואָרעם אין דעם טאָג, ווען איר וועט פאַרזוכן זײַן פרוכט, וועט איר שטאַרבן און מ׳וועט אײַך אַרויסטרײַבן.

די ס. ר. האָבן ניט געפאָלגט; זיי האָבן געגעסן די פרוכט פון בוים פון מאַכט, — און זיי זײַנען געשטאָרבן פאַר דער רעוואָלוציע און מ׳האָט זיי אַרויסגעטריבן.

איצטער קומט די ריי פון די באָלשעוויקעס. זיי האָבן געריסן די פרוכט ניט פון בוים פון פרייהייט, נייערט פון בוים פון מאַכט.

אָט נעמען זיי שוין אָפּשטאַרבן פאַר דער רעוואָלוציע. זיי גוססן — און זיי וועלן אַרויסגעטריבן ווערן.

(„אַנאַרכיע״, דעם 25טן אַפּריל, 1918)

7

די אָנדערקענונג פון דער סאָוויעטנמאַכט

די פראַגע וועגן דער אָנדערקענונג פון דער סאָוויעטנמאַכט מצד די אַליאירטע איז נאָענט צו איר לייזונג אין אַ פּאָזיטיוון פּשט.

אָט־די לייזונג פון דער פראַגע צו גונסטן פון אָנדערקענונג מצד די אַליאירטע רויבער, די אימפּעריאַליסטן, שרעקט אָפּ און לאָקט אָן אייניקע קרייזן פון דער סאָוויעטנמאַכט.

ריכטיקער, שאָקירט.

אייניקע ווייזן אַרויס אַפילו אַ צעטומלטקייט; עס רופט אַרויס אַ טאָפּל־טע פאַרזיכטיקייט, אַ פאַרוואָרענונג און אַן אומצוטרויען.

ווי קענען קאַפּיטאַליסטישע און אימפּעריאַליסטישע אַליאירטע אָנדער־קענען די קאָמוניסטישע מאַכט, די סאָציאַליסטישע אַרבעטער־רעפּובליק?!

עס איז דאָך אומגלויבלעך!

אונדזערע אַליאירטע זיינען דאָך באַקאַנט מיט זייער פּיינטלעכקייט, אַפילו מיט זייער אַגרעסיווקייט קעגן די באַלשעוויקעס.

אַלעמען זיינען באקאנט זייערע שפּיצלעך און שפּילעריי מיט דער ראַדאַ.

אַלעמען איז דאָך באַוואוסט, אַז זיי האָבן געשטיצט קאָרנילאָוון. דער־נאָך קאַלעדינען, און איצט קומט זייער איינשטעלן פאַרבינדונגען, זייער די־פּלאָמאַטישער שפּיל מיט דער סיבירער רעגירונג.

אייגענע חידושן זיך; זיי קענען ניט באַגרייפן, וואָס דאָ קומט פאָר. אָבער עס איז ניטאָ וואָס זיך צו וואונדערן.

פאַרשטייט זיך, אַז מיט די באַלשעוויקעס רעוואָלוציאָנערן פון דער אָקטאָבער־איבערקערעניש, מיט יענע באַלשעוויקעס, וואָס האָבן געוואָלט אַרויסרופן אַן אַלוועלטלעכע סאָציאַלע רעוואָלוציע, וואָס האָבן געטראָגן שטאָלץ דעם פאַקל פון וועלט־אַנצונד, וואָלטן אונדזערע אַליאירטע אויף קיין פאַל זיך נישט איבערגעבעטן; זיי וואָלטן מיט זיי ניט אַריינגעטראָטן אין קיין שום פריינטלעך מלוכהשע באַציאונגען, נייערט זיי וואָלטן זיך גע־מיט מיט כל־הכוחות זיי אומצוברענגען, זיי דורכצואוואַרפן, זיי צו דיסקרע־דיטירן, צוליב מורא פאַר זייער אייגענער קאַפּיטאַליסטיש־אימפּעריאַליסטי־שער פעל, מורא האָבנדיק, אַז די פאַרפעסטיקונג, דער דערפאָלג פון די באַל־שעוויקעס אין רוסלאַנד זאָל ניט אַרויסרופן אַ פאַרלאַנג ביי זייערע אַרבע־טער נאָכצוטאָן די רוסישע רעוואָלוציאָנערן, זיך לאָזן גיין אין זייערע פוס־טריט צום אַלוועלטלעכן איבערקער.

קלאָר, אונדזערע פאַרבינדעטע זיינען געווען אויסגעשפּראָכענע שונאים פון די אָקטאָבער־באַלשעוויקעס, אָבער בלויז פון זיי, פון די אָקטאָבער־טעג־באַלשעוויקעס.

זינט אָקטאָבער זיינען שוין אַוועק זעקס מאָנאַטן.

פיל בלוט איז פאַרגאָסן געוואָרן; פיל נצחונות אָפּגעהאַלטן; פיל מפּלות געכאַפּט; פיל פראַזן זיינען געזאָגט געוואָרן און נאָך מערערע פראַזן זיינען צוריקגענומען געוואָרן.

די באַלשעוויקעס פון אַפּריל זיינען ניט די באַלשעוויקעס פון אָקטאָבער.

יענע האָבן געהאַט אַ נאָמען איבער גאַנץ אייראָפּע און אַמעריקע פאַר אַנאַרכיסטן, און אַט־די, די אַפּרילִיסטן פאַגראַמירן איצט די אַנאַרכיסטן, אַזוי אַז אַפילו קערענסקי אין אויסלאַנד איז זיי פשוט מקנא.

אַפּריל איז ניט אָקטאָבער; צווישן זיי ליגט אַ גרויסע דיסטאַנץ, צווישן זיי געניצט דער אָפּגרונט פון „אַטעם־אָפּכאַפּעניש״...

מיט די „אָקטאָבריסטן״ זיינען אונדזערע אַליאירטע געווען אויף שטעכ־מעסערס, אַזוי צו זאָגן, און מיט די „אַפּרילִיסטן״ קענען זיי זיין, און זיי וועלן זיין, ידידים, זאַ־פּאַני־בראַטס.

אַזוי ווי באַלשעוויקעס האָבן שלום געמאַכט מיטן דייטשישן קאַפּיטאַל,

וואָס איז פאַרטראָטן אין דער דייטשישער מלוכה, איז פאַרוואָס זאָלן זיי ניט שלום־מאַכן מיטן אינטערנאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל, וואָס איז פאַרטראָטן אין די מלוכות פון ענגלאַנד, פראַנקרייך, שפּאַניע און אַנדערע?!

ניט שוין־זשע דערפאַר, וואָס זיי זיינען געווען אונדזערע אַליאירטע, זיינען זיי ערגער, האָבן זיי ווייניקער שאַנסן צו געניסן גאַסט־פריינטלעכ־קייט?

עס איז לעכערלעך.

ווייטער: אויב די סאָוויעטנמאַכט בעט זיך איבער מיט דעם אויסלענ־דישן, אינטערנאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל צוליב דעם, וואָס זי נויטיקט זך אין אַן „אָטעם־אָפּכאַפּ“, („פּערעדישקאַ“), איז פאַרוואָס זאָל זי זיך ניט איבערבעטן מיטן אינערלעכן קאַפּיטאַל, מיטן אייגענעם קאַפּיטאַל?

ניט שוין־זשע דערפאַר, וואָס ער איז אַן אייגענער, איז ער ערגער?

ווער עס האָט געזאָגט דעם „אַלף“ פון אויסגלייכערייִ און איבערבע־טעניש, וועט אויך זאָגט „בית“.

אָט איז די צוקונפטיקע ריכטונגסליניע פון דער סאָוויעטנמאַכט.

אָט־דאָס איז איר פאַרויסאָנגעצייכנט.

אָט־דאָס איז די איינגעבויגענע פלאַך, איבער וועלכער די סאָוויעטנמאַכט וועט זיך אַראָפּקייקלען צום מינימאַליזם, צו דער בורזשואַזיע.

אָט־די טענדענץ פון צוריקציען זיך איז שוין קלאָר אָנגעשריבן איבערן גאַנצן מלוכהשן פראָנט.

אַלע דעראָבערונגען פון דער רעוואָלוציע זיינען געבליבן אויפן פּאַפּיר, אויסער עטלעכע — פעלענע, ניט פּאַפּירענע — פאַרטפּעלן, וואָס געפינען זיך אין די הענט פון די, וואָס זיינען געווען אין די אָקטאָבער־טעג רעוואָ־לוציאָנערן און זיינען איצטער — קאָמיסאַרן.

מיט אָט־די קאָמיסאַרן — פאַרוואָס זיך ניט איבערבעטן?! פאַרוואָס זאָל מען אַזאַ מאַכט ניט אָנדערקענען?!

ניט די אַליאירטע האָבן אָנדערקענט די סאָוויעטנמאַכט, נייערט פונקט פאַרקערט, — די סאָוויעטנמאַכט האָט אָנדערקענט און האָט איינגעבויגן איר קלאָמפּערשט רויטע פאָן פאַר דעם אַליאירטן קאַפּיטאַל און דערפאַר אָנדער־קענען די אַליאירטע די סאָוויעטנמאַכט.

אַלץ גייט צו בעסער אין אָט־דער בעסטער פון די רעפּובליקן; אינגיכן וועט די סאָוויעטנרעפּובליק זיך אונטערשיידן פון דער פראַנצויזישער אָדער אַמעריקאַנער רעפּובליק בלויז מיט איר נאָמען און אויך מיט דעם, וואָס דאָ דערשיסט מען פיף־פּאַף אָן אַ געריכט און אָן אַן אויספאָרש.

אָבער דאָס קען דען זיין אַ שטער?

וועלן דען די אַליאירטע ניט אָנדערקענען די סאָוויעטנמאַכט צוליב די שיסערייען, צוליב דעם ווילדן דעספּאָטיזם, וואָס הערשט דאָ?

און זיי האָבן זי טאַקע אָנדערקענט.

די סאָוויעטנמאַכט פאַרדינט כשר די אָנדערקענונג מצד די אַליאירטע — און זיי האָבן זי טאַקע אָנדערקענט.

(„אַנאַרכיע״, דעם 24טן אפּריל, 1918)

8

צום 1טן מיי

מע מאַכט פאַרבאַרייטונגען צו דער פייערלעכער, אומגעוויינטלעך־אויס־געפּראַנטעוועטער, אייינדרוקרייכער באַגעגעניש פון דעם 1טן מיי.

די זיצונגען זיינען געווידמעט דעם 1טן מיי.

קינסטלער ברעכן זיך זייערע שעפערישע קעפּ, ווי איינצואָרדענען דעם 1טן מיי, ווי צו דראַפּירן, ווי צו צעפּאַרבן און צעפּוצן די פאָנען, ווי איינ־צוריכטן די טריבונעס.

דער געדאַנק איז — צו ווייזן דעם המון־עם וואונדערס, פאַרחידושן דעם המון־עם.

דער געדאַנק איז — פאַרבלענדן די אויגן פון די פאָלקס־מאַסן מיט לוקסוס, מיט דעם רייץ און דער שאַרפקייט פון פאַרבן און טענער.

פרייט זיך איר פאָלקס־מאַסן און פייערט אייער יום־טוב!

טראַגט זיך ניט פון דעם, הערט זיך ניט פון דעם דער גערוך פון גע־מאַכטקייט, פון געקינצלטקייט? וואָלט ניט זיין שענער צו פייערן דעם יום־טוב אַביסל באַשיידענער און אַביסל האַרציקער־אינטימער?

בלאָזט ניט פון אָט־די גראַנדיעזע צוגרייטענישן און צוטראַכטענישן מיט אומעט, ווייטיק, האַרץ־קלעמעניש?

פּעטראָגראַד קאָנקורירט מיט מאָסקווע; זי וויל זי איבערשטייגן אין דער אויסגעצירטקייט, אויסגעשטראַצלטקייט פון דער מיי־פייערונג.

אָבער מאָסקווע וועט זיך ניט לאָזן פאַרשעמען; זי וועט באַשטיין איר שטעטל. הכלל אונדזערע מאָסקווער סאָוויעטישע קינסטלער רוען ניט, שטייען ניט אָפּ פון די פּעטראָגראַדער.

מע גרייט זיך.

זייט זיך משמח, איר פאָלקס־מאַסן, פייערט אייער יום־טוב!

עסן איז ניטאָ וואָס; קיין ברויט איז ניט פאַראַן; קאַרטאָפל איז אויך ניטאָ; זריעה צו פאַרזייען די פעלדער איז אויך ניטאָ.

דער המון־עם הונגערט, איז נאַקעט און הויל.

אַרבעטלאָזיקייט וואַקסט מיט יעדן טאָג, מיט יעדער שעה. צענדליקער טויזנטער אַרבעטער בלאָנקען זיך אַרום איבער די גאַסן ווי בלייכע שאָטנס אָן קיין אויסזיכט, אָן אַ שטאָך אַרבעט.

באַנדיטיזם וואַקסט, נעמט אָן לעגענדאַרישע פּראָפּאָרציעס. זייערע שמור־ציקע וואַסערן הייבן זיך אַלץ העכער און העכער און אָט־אָט וועלן זיי אונדז פאַרפלייצן.

די טיראַניי, דער דעספּאָטיזם, ווערט גרויזאַמער, חיה־רעהדיקער, וויל־דער מיט יעדן טאָג.

אַרעסטן, שיסערייען, קוילנוואַרפעריייען הערן זיך אין די גאַסן; פּאָגראָמען ווערן אַ געוויינטלעכע דערשיינונג, זייגען געוואָרן אונדזער טאָג־טעגלעך ברויט. דאָס לעבן פון אַ מענטשן איז ווערט ניט מער ווי די קויל, וואָס מ׳שיסט אין אים אַריין.

זייט זיך משמח, איר פאַלקסמאַסן, און פייערט אייער יום־טוב!

דער שונא גרייפט אָן פון אַלע זייטן. אָט־אָט און ער כאַפּט אונדז אַרום מיט אַן אייזערנעם רינג. דער דייטש דערנענטערט זיך צו קורסק. צו וואָראָניעזש; די פינלענדישע ווייסע גוואַרדיע באַדראָט כמעט פּעטראָגראַד; מע רייסט פון אונדז שטיקער, מע צערייסט אונדז אויף פּיצלעך...

זייט זיך משמח, איר פאַלקסמאַסן, פייערט אייער יום־טוב!

די באָלשעוויסטישע ביוראָקראַטן נעמען ביי אונדז צו אַלע דעראָבערונגען פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, פאַרנעמען איין פּאָזיציע נאָך דער אַנדערער; דאָס וואָרט „פרייהייט" איז געוואָרן צו שפּאָט; די סאָציאַלע רעוואָלוציע איז געוואָרן אַן אויסגעליידיקט וואָרט אָן קיין אינהאַלט; די אַרבעטאַרישע קאָמונע באַטייט: פּגר פאַר הונגער, ווי אַ הונט!

זייט זיך משמח, איר פאַלקסמאַסן, פייערט אייער יום־טוב!

אין אַלע ווינקעלעך פאַרראָט, אומעטום בגידה, כאַבאַר, גראָביונגישקייט, ווילדקייט, מוטוויליקייט פון די ביוראָקראַטן...

זייט זיך משמח, איר פאַלקסמאַסן, פייערט אייער יום־טוב!

דער 1טער מיי דאַרף דינען ווי אַ סימבאָל פון אויפוואַך, פון סאָלידאַריטעט פון אַלע האָרעפּאַשניקעס פון אַלע פעלקער, פון אינטערנאַציאָנאַל.

דער אינטערנאַציאָנאַל ליגט אין שטויב. דעם פינלענדישן פּראָלעטאַריאַט האָבן מיר איבערגעלאָזן אויף דעם באַראָט פון דער ווייסער גוואַרדיע און די דייטשע פאַרצוק־חיות; אוקריינע געלאָזן אויף דעם באַראָט פון דער ראַדאַ. מיר האָבן געוואָלט מיט אונדזער פאַקל אָנצינדן אַ פייער אין דער גאַנצער וועלט, — יעדנפאַלס אַזוי האָבן מיר געזאָגט, — און איצטער האָבן מיר אַליין פאַרלאָשן דעם פאַקל, — און חושך הערשט אַרום און אַרום.

זייט זיך משמח, איר פאַלקסמאַסן, פייערט אייער יום־טוב!

אָט־די פּוץ־צוגרייטונגען רופן אַרויס אומעטיקע, זייער אומעטיקע מחשבות.

ווען מ׳האָט גענומען בויען פאַר גאָט מירמלשטיינערנע טעמפּלען און זייער דעקאָרירונג האָט מען איבערגעגעבן צו די ראַפאַעלס, איז שוין דאָרט קיין גאָט ניט געווען.

ווען מען האָט גענומען אָפּגיסן גילדענע צלמים אויסגעפּלאַסטערטע מיט קאָסטבאַרע שטיינער, האָט מען שוין לאַנג אויפגעהערט צו גלייבן אין דער קרייציקונג.

ווען עס האָט געברענט דער אמתער פלאַמפייערדיקער גלויבן, האָט מען זיך ניט גענייטיקט אין אויגנאויפרייסנדיקע אויסערלעכע עפעקטן.

ווען די געטער זיינען געשטאָרבן, ווען דער גלויבן אין זיי איז אויסגע־גאַנגען, דעמאָלט האָבן די כומרים און גלחים גענומען אונטערטראָגן דעם עולם גאָלדענע איקאָנעס, אויסגעצירטע אין טייערע טענדעווערענדעס.

ווען עס איז געוואָרן פוסט און לער, האָבן די גלחים גענומען פוצן אָט די פוסטקייט און לערקייט, זי צודעקן מיט גלאַנץ און שיק.

אָ, איר כומרים פון דער רעוואָלוציע, איר זאָרגט צופיל וועגן אויסער־לעכן גלאַנץ, וועגן די באַגילטע ראַמען פון דעם פּאָרטרעט פון 1טן מיי.

אָ, גלחים פון דער רעוואָלוציע, אייער גאָט פון דער רעוואָלוציע איז פּאַראַרימט; ער איז אַן עני ואביון, דעריבער זאָרגט איר אַזוי וועגן זיינע מלבושים, וועגן זיינע טענדעווערענדעס.

איר ווילט פאַרבלענדן די אויגן פון די פאָלקסמאַסן מיט שיק, פּוץ, גלאַנץ און פייערווערק.

אָבער דאָס פאָלק איז ניט קיין קליין קינד, יעדנפאַלס איז עס ניט תמיד אַ קינד. עס זיינען פאַראַן צייטן, עפּאָכן, ווען עס איז אַ דערוואַקסענער און אַ גרויסער חכם.

די פאָלקסמאַסן וועלן אויפנעמען אָט־דעם יום־טוב מיט אַ גיפטיק־ביטערן שמייכל.

גלחים פון דער רעוואָלוציע! איר ווילט צודעקן אייער העסלעכע פוסט־קייט מיט שיינע פוצערייען, שמוקלערייען.

איר טראָגט אונטער די פאָלקסמאַסן אַ שיינעם איינבונד אנשטאָט אַ גוטן, קלוגן בוך.

די פאָלקסמאַסן וועלן פאָדערן דאָס בוך, וועלן עס עפענען און נעמען לייענען, וואָס איר האָט אָנגעשריבן אויף די זייטלעך פון דער גרויסער רע־וואָלוציע, און זיי וועלן איבערלייענען איין שרעקלעך וואָרט:

פאַרראַט!

זיי וועלן אויפגעציטערט ווערן און וועלן זיך אָפּקערן פון אייך, און וועלן אַריינוואַרפן אין פייער פון פלאַקערדיקן צאָרן אייער באַגילטן איינבונד.

איר ווילט וויזן, אַז „עמך" ווייסט ווי פריילעך צו זיין... ווי פראַווען אַ שמחהלע... אַ שמחהלע איז ניט דאָס אייגענע וואָס פרייד. פרייד צינדט זיך אָן און ברענט ווי אַ מיושבדיק פייער. איר ווילט אַ קאַרניוואַל.

הונגערט, פרירט און הוליעט!

דערמאָנט עס ניט רוים? דערמאָנט עס ניט די צייטן פון נעראָנען?

קנעכטשאָפט, נויט, אַ צרהדיקע מערכה גייט האַנט אין האַנט מיט שמחהלעך, מיט צעיאָכמערטע, אויפגעבלאָזענע, אויפגעשווימטע, צערעשטע, צעפילדערטע הוליאַנקעס.

אַנשטאָט דער שיינענדיקער און וואַרעמענדיקער זון פון דער רעוואָלו־ציע גיט איר בענגאַלישע פייערלעך. איר שיסט מיט ראַקעטן!

איר ווילט זיך צודעקן מיט אַ בלישטשענדיקער חגא און אונטער דעם צודעק אָפּטרעטן אויף די צווייטע און לעצטע פּאָזיציעס.

איר ווילט פאַרבלענדן די אויגן פון די פאָלקסמאַסן מיט דעם שרייען־

דיקן גלאַנץ, אָבער זיי וועלן פאַרזשמורען די אויגן אויף איין ווײַלע און זיי גלייך צוריק עפענען און דערזען דעם הוילן אָפּנאַר.

באַשיידן האָט דער פּראָלעטאַריאַט געפּייערט זיין אייביק יונגן יום־טוב און אַזוי דאַרף ער אים פייערן.

שיק, פּוץ, גלאַנץ, שמוק דאַרפט איר האָבן, איר, גלחים פון דער רע־וואָלוציע, איר כומרים פון דער רעוואָלוציע.

איר ווילט אָפּנאַרן די פאָלקסמאַסן.

זיי וועלן זיך ניט לאָזן אָפּנאַרן!

(„אַנאַרכיע", דעם 29טן אַפּריל, 1918)

9

1טער מיי

דער 1טער מיי לעבט, אָטעמט, וועקט, רופט. עס איז דאָך נאָך אַלץ פרילינג, אַנהייב, פריש... דער יום־טוב איז נאָך עד־היום יונג. דער ווינטער האָט אָט־אָט זיך אָפּגערוקט — און דער זומער ניט געקומען; אינמיטן פון צוויי צייטן — אַ בלוי־מילדער פּאַסעק; אַ קליאַדקע, אַ בריקל, וואָס פאַר־אייניקט אָט־די צוויי.

דאָס איז אין דער וועלט, וואו פון ווינטער ביזן פרילינג איז אַ „קאַצנ־שפּרונג". אין סאָציאַלן לעבן בייטן זיך די סעזאָנען ניט אַזוי גיך און ניט אַזוי רעגולער, ניט אַזוי מעטאָדיש און אויסגעהאַלטן ווי אין דער נאַטור.

דאָ, אין סאָציאַלן באַנעם, לויפט דער סוף פאַרן אַנהייב, אַמאָל, און דער חלום קומט פאַרן גיין שלאָפן.

אַפילו אין דער פּשוטער געאָגראַפישער וועלט איז דאָך אויך ניט פרי־לינג איבער דער גאָרער־גאַנצער ערד אויף איין מאָל. אין איין אָרט הייבט זיך דער פרילינג אָן שפּעטער, אין אַן אַנדערן — פריער; אין גאָר אַן אַנדערן איז ער אינגאַנצן ניט בנמצא. עס ברענט און שרפהט דאָרט כסדר. אַ יאָר פון גאָלע זומערס.

מיטן סאָציאַלן 1טן מיי איז דאָס אייגענע. אין אייניקע ערטער איז ער אַ פאַרגאַנגענהייט, בשעת אין אַנדערע איז ער אַ קעגנוואַרט־ און אַ צו־קונפט־זאַך.

אמתע יום־טובים, בכלל גערעדט, זיינען אינסטיטוציעס, וואָס ווערן ניט דערפונדן פונדאַסניי; זיי זיינען אַלט ווי די וועלט, כמעט ווי דער סדר־העולם און ווי דער שטיקל מענטש. מער ניט וואָס די „באַגרינדונג", דער אויסטייטש פון יום־טוב בייט זיך.

דער זעלביקער פרילינג־יום־טוב ווערט אינטערפּרעטירט אויף אַזוי פיל פאַרשיידענע אופנים. עס ווערט כמעט ווי אַ מין מן אין מדבר־לעבן; יעדער פילט אין אים זיין אייגענעם טעם, לייגט אַריין אין אים זיין אייגענעם געשמאַק.

דער ייד וויל זען אין פרילינג זיין באַפרייאונג, זיין פאָלקס תחית־המתים; דער קריסט וויל זען אין אים — דעם תחית־המתים־אויפשטיין פון איינצל־נעם מענטשן; דער פּראָלעטאַריער — דעם אויפשטייג און באַפרייאונג פון זיין קלאַס, דעם קלאַס פון די האָרעפּאַשניקעס, וואָס ווערן פאַרחושכט סיי ווינטער, סיי זומער, סיי פרילינג, סיי האַרבסט, הן ווען זיי פראַצעווען און הן ווען זיי גייען אַרום פוסט־און־פּאַס.

פאַרשטייט זיך, אַז דער ייד, ווי אַן עמא פזיזא ישראל, אַ פאָלק, וואָס איילט זיך כסדר, פאַרלויפט דעם וועג דעם גאַנג פון דער געשיכטע, ער פייערט דער ערשטער זיין פרילינג־יום־טוב. עס איז נאָך קאַלט, עס בלאָזן נאָך ווילדע, אַמאָל אויך בייסנדיקע, ווינטן, אָבער דער ייד, ער זעט שוין, ער שפּירט שוין דעם פרילינג. ער איז מקרב דעם קץ פון ווינטער. אים וואָלט זיך וועלן, אַז עס זאָל ווערן וואָס פריער פרילינג, אַז דער ווינטער זאָל אַוועק, זאָל פאַרטריבן ווערן, און ווי נאָר ער דערזעט דעם ערשטן שמייכל פון דער זון — פרייט ער זיך שוין. ער איז שוין אַ באַפרייטער, ער און די וועלט, אוודאי נאָרט ער זיך גאַנץ אָפט אָפּ, שוין אַביסל צו אָפט.

דער ייד פרילינגט צו פרי.

נאָך אים קומט דער קריסט, דער האַלבער ייד און האַלבער גוי. ער גייט דאָך ביים יידן אויפן שנירל. ער פרילינגט אויך צו פרי.

זוימען נעמען אויפשטיין תחית־המתים אַ סך שפּעטער. אין פרילינג איז די צייט, ווען מ׳לייגט זיי ערשט אינדערערד אַריין. נאָר, מילא, ער מוז דאָך נאָכלויפן דעם יידן און מאַכן פון דער יידישער טראַגעדיע אַ קאָמעדיע.

דער פּראָלעטאַריאַט קומט אָן מיט זיין פרילינג ערשט אין מיי.

מיט דעם ציגט ער אַרויס אַ רעכט ביסל חוש פאַר דערווירקלעכקייט. פאַרט אַ קאַפּיטשקע אַ רעאַליסטישער קלאַס. ער יאָגט ניט צו שנעל די סעזאָנען...

זכרונות וועגן מיי... 1906.

וואו?

קענסטו דאָס לאַנד וואו פּאָדיאָוועס בליען
און גאָלד־אָראַנזשיקע בערד צעשפּרייט גליען?
אַהין, אַהין וואָלטן מיר אַלע וועלן ציען.

איך דערמאָן זיך אַ שטעטל. ניט אַ סך גרעסער פון אַ טל־ומטר אין אַ פיין געדרוקטן סידור. אַ נאָמען האָט עס אַ גאָר דערהויבענעם: ווילקאָמיר, וויל, קום צו מיר. אָבער מערסטנס איז עס פאַרשלאָפן. ניטאָ וואָס צו טאָן, וואָס צו האָווען און שמאַיען. צווישן די יאַרידים ליגן אויסגעצויגן לאַנגע שטחים פון אָפּרו אין קראָם און אין קלייט. קיין פאַבריקן זיינען ניטאָ, קיין הויכע קוימענס זיינען ניט פאַראַן. קיין ריזיקע פּיפקעס ווערן ניט געברויכערט פון צווישן די וואָלקנס. ווילקאָמיר איז אַ שטעטל ווי אַלע שטעטלעך אין „וואוינונג־תחום“. אַ פאַרוואָגלט, פאַרוואָרלאָזט קינד. דער טאַטע דווינסק איז ווייט. די מאַמע קאָוונע איז נאָך אַביסל ווייטער. ווינטערצייט איז וויל־קאָמיר פאַרוויט אין שנייען. עס ליגט ערגעץ אַן אַ זייט ווייט פון אייזנבאַן.

אַהין דאַרף מען פאָרן ווי אין קדמונים, אין אַ בויד פון דווינסק אָדער פון קאָוונע. ניט איין אַגיטאַטאָר איז אַהער געקומען צופאָרן ווינטער אין רעכטן ברען און סמאַליע פון פראָסט־סעזאָן, זיצנדיק אויף דער קעלניע און אַריינ־פאַלנדיק אין דער ערשטער שטוב פון „מעלדן־זיך" צו אַ חבר — אַ האַלב טויטער, אַ פאַרפראָרענער. ער האָט דורכגעמאַכט אַ זאַווערוכע אויפן וועג, סיי פאָליטיש, סיי קלימאַטיש און סיי טעאָרעטיש...

אין פרילינג פלעגט דאָס שטעטל נעמען אויפלעבן, קומען צו זיך. אַ פאַרק ניט גרעסער פון אַ פאַרך איז דאָרטן געווען אויפן קאָפּ פון שטעטל. און אין פאַרק — בחורים און מיידלעך; און זיי זשומען ווי די בינען, גרייטן זיך צו בייסן דעם פאָליטישן שונא און געבן האָניק פון אויסלייזונג.

די נאַכט פון ערב 1טן מיי. מ'גייט די פאָנען, מ'נייט זיי אויס, דאָס טוען די חברטעס. פאַרשטייט זיך, אַז זיי זיינען געווען נייטאָרינס. און מיר — גרייטן צו די שטאַנגען פאַר די פאָנען און, איבערהויפּט, די פּראָקלאַ־מאַציע.

אַלע יאָר מוז דאָך אַ נייע פּראָקלאַמאַציע אָנגעשריבן ווערן דאָ אויפן אָרט, הגם זי שפּיגלט ניט אָפּ דאָס לעבן פון לאָקאַלן אַרבעטער, וואָס איז ניט שטאַרק נכרדיק געווען און ניט שטאַרק און ניט הויך אינדוסטריאַליזירט... איך געדענק אַ פּאָר פון זיי, איינער אַ שריפטזעצער, איינער אַ פּאַרקויפער אין אַ קראָם, די איבעריקע שניידערס, און איינער גאָר אַ סופר... און מיר האָבן אַפילו געוואָלט אָנפירן אַ שטרייק קעגן די סופרים־באַלעבאַטים און פאָדערן מער שכירות און וויניקער אַרבעטס־שעהן פאַר די געדונגענע סופ־רים־יינגלעך.

פונדעסטוועגן זיינען אַלע פאַרטייען געווען פאַרטראָטן דאָ אין שטעטל. קיין איינע האָט ניט געפעלט, אָנהייבנדיק פון „איסקראַ" און אויסלאָזנדיק מיט די פועלי־ציון און סיימאָווצעס. אַפילו מאַרקס ווערק „קאַפּיטאַל" אין פּיאָטר סטרואָוועס איבערזעצונג איז אויך געווען, און מער ווי איין עקזעמ־פּלאַר. איך פלעג אים שטודירן מיט גרויס התמדה מיט מיין אָפּאָנענט שמואלקע שטערן, וואָס איז געווען אַן עס־עסאָוועץ (מיינט ציוניסט סאָציאַ־ליסט). וואו איז ער איצט? [אומגעקומען פון די היטלעריסטן]. און דערנאָך גיין צו די שניידערקעס און קנעלן „קאַפּיטאַל" מיט זיי, און דווקא די סאַמע שווערסטע קאַפּיטלען וועגן דער טעאָריע פון ווערט, וועגן דעם „פעטישיזם פון סחורה". איך האָב זיי נעבעך געפּייניקט; זיי האָבן, אָבער, מקבל באהבה געווען די יסורים פון הערן, זיך צוהערן צו זאָכן, וועלכע זיי האָבן בשום אופן ניט געקענט משיג־זיין, ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז דאָס אַלץ פירט צו דער דערוואָרטער און געוואונטשטער רעוואָלוציע. און פאַר דער רעוואָלוציע זיי־נען זיי גרייט געווען צו טאָן אַלצדינג — אַפילו שלינגען שטיקער מאַרק־סיזם אומצעקייטערהייט. מיט צוויי בייטשן האָט זיי קאַפּיטאַל געשמיסן, דער באַלעבאָס מיט זיין קאַפּיטאַל און איך מיט מאַרקס „קאַפּיטאַל". און מאַרקס מיט זיין „קאַפּיטאַל" האָט זיי מער געמוטשעט ווי דער קאַפּיטאַליס־טישער קאַפּיטאַל, וואָס איז, אגב, געווען אין ווילקאָמיר ניט שטאַרק קאַפּי־

טאַליסטיש, אַ סך ווייניקער קאַפּיטאַליסטיש ווי דער „קאַפּיטאַל" מיט זײַנע שאַרפע חריפותדיקע טעאָריעס.

די נאַכט פון ערב מיי רוקט זיך און כמורעט זיך אָן.

אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן. איך האָב געמוזט אָנשרײַבן אַ פּראָקלאַמאַציע און זען ניט פאַרשעמען אונדזער גרופּע. מיר מוזן דאָך זײַן מיט לײַטן צוגלײַך. אמת, דער „צענטראַל־קאָמיטעט" האָט צוגעשיקט זײַן אויפרוף צום 1טן מיי, אָבער יענער אויפרוף איז געקומען פון אויבן, אָנגעשריבן מיט האַרטער „עברי", סײַ אין רוסיש און סײַ אין יידיש, אַ רעכט ביסל האָמעטנע... איך האָב באַדאַרפט עפּעס אָנשרײַבן, וואָס זאָל זײַן מער צוגעגנגלעדט, קירצער און נעענטער צו די לאָזונגען און האָבן אַ היפּשע צאָל אויסגעשרײַ־ צייכנס און דערהויפּט די „נידערס" און די „עס לעבעס". און איך האָב עס אָנגעשריבן.

דאָס „פאַרפאַסן" איז ניט געווען קיין באַזונדער שווערע אַרבעט. דער עיקר איז געווען צו האָבן עס העקטאָגראַפירט. אויפן בוידעם האָבן מיר זיך זאַלבעדריט מתבודד געווען. עס אָנגעשריבן מיט אַ קלאָרער האַנטשריפט און מיט דער פאַסיקער טינט, און דערנאָך געצויגן פון דעם זשעלאַטין... און דערנאָך אָפּגעוואַשן דעם זשעלאַטין און ווייטער געשריבן און ווידער געצויגן די בויגנס און זיי געטריקנט. אַז מ'וואָלט אונדז כאַפּן, וואָלטן מיר געווען געקראָגן פאַר דעם „פאַרברעכן" אַ פּאָר יאָר סיבירער טייגע.

וואָס האַרבער די שטראָף, אַלץ טײַערער און אָנגעלייגטער איז בײַ אונדז געווען די הייליקע אַרבעט, די גרויסע מצווה צו טאָן צו־להכעיס די זשאַנדאַרן. דעם „נידער מיט דער זעלבסטהערשונג!" האָב איך געשריבן און געציקלט יעדן אות און בייג און נייג פון בוכשטאַב מיט ניט ווייניקער כוונות און האַרצפלאַטערניש ווי דער פרימסטער סופר סת"ם, ווען ער שרײַבט אַ ספר־תורה און קומט צום פסוק „שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד".

אויף מאָרגן איז שוין די פּראָקלאַמאַציע געגאַנגען פון האַנט צו האַנט, פון אויגן צו אויגן. הענט און אויגן האָבן זי געגלעט, ליפּן האָבן אירע ווערטער געשעפּטשעט און אירע לאָזונגען אַרויסגעשריען, געשאָלט זיי אין די אויערן פון די „מאַסן", וואָס האָבן זיך צענויפגעקליבן אין וואַלד, דורכרײַסנדיק זיך דורך עטלעכע ראַגאַטקעס פון פּאָליציאַנטן און זשאַנדאַרמען.

אַן אַנדער בילד־דערמאָנעניש שווימט אַרויף אויף דער אויבערפלאַך פון זכרון.

1917. מאָסקווע. דער 1טער מיי. עס מאַרשירן קאָלאָנעס פּראָלעטאַריער, אמתע אויסגעקאָכטע אין קעסל פון אינדוסטריאַליזם; אייזערנע רייען, שטאָלענע קאָהאָרטעס. עס פלאַטערן פאָנען, הונדערטער, טויזנטער. הונדערטער טויזנטער אַרבעטער דעמאָנסטרירן זייער כוח. ניטאָ קיין זעלבסטהערשונג, ניטאָ קיין זשאַנדאַרמען. דער 1טער מיי איז דער אָנדערקענטער יום־טוב פון דער גאַנצער אימפּעריע.

איך גיי צווישן עולם. אַ ים פּנימער. וואָס לײַכטן — ווי אַ זון וואָלט זיך אין זיי געבאָדן. און אויגן, אויגן! אומעטום אויגן, וואָס ברענען, ווי אַ

זונאויפגאַנג וואָלט פון זיי אַרויפגעטויכט. איך גיי, איך הער זיך צו צום פּיספּאַל, צום שווערן טראָט פון די באַשטיוולטע און באַקאַמאַשנטע רגלים. עס פּילט זיך אַ זיכערקייט. זיי טאַפּן אַן דעם באָדן. זיי גייען שטייף, טרעטן האַרט, ריטמיש, סאָלידאַריש. איך הייב די אויגן צו די פּאַנען; איך לייען די אויפשריפטן — איך גלייב ניט מיינע אויגן. צי איז עס ניט אַ חלום? איז עס וואָר, כאָטש זיכער ניט קיין וואָכעדיקס? און הינטער די פּאַנען — ניט איינצלנע בעלי־חלומות, מענטשן מיט גביאישן עקסטאַז און פּראַפּעטישער עקזאַלטאַציע, נייערט טאַקע שווערע הונדערטער טויזנטער אַרבעטערמאַסן, מיט מאַזאָליעדיקע הענט, מיט געזונטער אַנגעגאָסענער מיט יוגנט־זאַפט מוס־קולאַטור, מיט אַן איי־זערנעם ווילן און אַ שטאָלענער אַנטשלאָסנקייט! דאָס אַלץ איז געשען אַזוי פּלוצלונג, אַזוי אומדערוואַרט. ווי מיר וואָלטן געוואָרן נען אַ סאָציאַלן ערשטן געווינס!

איז עס מעגלעך? קען עס זיין, אַז אַ גרויסע מאַסע זאָל דורכגעדרונגען ווערן, דורכגענומען ווערן פון איין ווילן צו פאַרוואַנדלען אָט־די הויכע אי־דעאַלן אין שטיקער פון רעאַליטעט?

זיינען טאַקע געשען וואונדער? געשעען טאַקע וואונדער? יאָ, זיי גע־שעען! דו זעסט דאָך מיט דיינע אייגענע אויגן, דו, ווייניק־גלייביקער! לייען ווייס אויף רויט, אָדער רויט אויף שוואַרץ. טרוימען אויסגעשטראַלטע ווי שטערן אין די פינצטערע נעכט פון נויט און פּיין זיינען אויף דער ממשות־דיקער ערד אַראָפּגעפאַלן — און אָט זיינען זיי, נעם טאַפּ זיי אָן. זיי זיינען ווירקלעך, ניט קיין אילוזיעס.

איך לייען די לאָזונגען־אויפשריפטן. דער לייענער שלאָגט אָפּ דעם צווייפלער. דער ענטוזיאַסט פאַרמאַכט דאָס מויל דעם חקרן־גריבלער אין מיר.

אָבער דאָס אַלץ איז אין פרילינג געווען. פרילינג איז שיין, פּוצט זיך מיט בלומען און געבליִעכץ. פרילינג איז שיין — אָבער ניט רייך. דער האַרבסט ברענגט די פּרוכט. ער האַלט די פּרי אין האַנט. אָבער די פּרי קען ניט קומען סיידן די בלום און בליִעכץ פאַלט אַראָפּ, ווערט פאַרוועלקט און פאַרטראָגן פון ווינט. און ווי שיין דער פרילינג זאָל ניט זיין, איז ער מער ניט ווי דער אָנהייב פון פסוק. עס איז קאָליר און גלאַנץ, זונג, שפּרונג און שוואונג, אָבער אָן תכלית... דער תכלית איילט זיך ניט, ער קומט שפּעטער. דער האַרבסט איז ניט שטאָלץ מיט זיינע פאַרבן, נאָר מיט זיינע פולע הענט מיט מתנות. האַרבסט זאָגט ניט צו, נייערט צאָלט במזומנים. דערפאַר איז ער פיל קאַרגער, ניט אַזאַ נדבן, ניט אַזוי אָפנהעגטיק, ניט אַזוי פּזרנותדיק, עס איז ניט מער דופט און לופט, — נייערט ממשותדיקע אויבס. עס איז זויער, זיס, אַביסל ביטערלעך, אַביסל ווייניק. עס מאַכט די ציין איילק, אָבער עס איז פּרוכט, ניט קיין אויגן־מאָלצייט, נייערט טאַקע נערונג צו דערהאַלטן דעם גוף און נשמה. עס רעדט צום גומען און דערנאָך צום מאָגן.

פון קאַקעטקע מיי, פון דער יפהפיה פרילינג איז מען געקומען צו דער אשת־חיל, צו דער באַלעבאָסטע — אָקטאָבער. דאָס איז אַלץ געווען אין 1917. אָבער אַצינד האַלטן מיר ביי מיי 1918.

אַמניסטיע

דעם ערשטן מיי האָט אונדזער סאָציאַליסטישע רעגירונג געפייערט איר מלוכהשע חגא.

אַ נויטווענדיקער אַטריבוט פון די צאַרישע „קאַזיאָנע" גרויסע חגאות איז אַלע מאָל געווען דאָס שענקען אין די דאָזיקע פייערלעכע טעג פאַרשיידענע פרייקייטן.

אין אַ וויכטיקן יום־טוב פאָדערט זיך אַ מאַניפעסט.

אַ מאַניפעסט שענקט דערלייכטערונגען און באַגנעדיקט די פאַרמשפטע, די פאַרהאַלטענע. עס ווערט געגעבן אַ טיילווייזע אַמניסטיע.

ביי אונדז איז אויך אַזוי געווען.

צום ערשטן מיי האָט די באָלשעוויסטישע מאַכט, די „פעטראָגראַדער אַרבעטער־קאָמונע", צוגעגרייט איר אַמניסטיע.

„אין באַצייכענונג פון גרויסן אינטערנאַציאָנאַלן יום־טוב פון דער פראָלעטאַרישער רעוואָלוציע האָט דער סאָוועט פון דער פעטראָגראַדער אַרבעטער־קאָמונע, אין איינקלאַנג מיט דעם רעוואָלוציאָנערן רעכט־באַוואוסטזיין פון די האַרעפּאַשנע מאַסן פון דער רעפּובליק, באַשלאָסן צו דערלייכטערן די שווערקייט פון געפּענגעניש באַשטראָפונג פאַר די פּערזאָנען, וואָס זיינען באַגאַנגען פאַרברעכנס" (דעקרעט וועגן אַמניסטיע).

אַזוי האָט זיך געפּירט, אַזוי פּירט זיך עס. „כטוב לב המלך ביין" [מגילת אסתר א׳, י׳], אַז דעם צאַרס האַרץ איז ווייך געוואָרן אונטער דער ווירקונג פון וויין, פון פייערונג, האָט ער געשאָנקען באַגנעדיקונגען.

און די באָלשעוויסטישע מאַכט „בשעת הדווה" פון דער גרויסער רויטער חגא, אין טאָג פון „קאָראָנאַציע" פון איר דיקטאַטור, צעטיילט געשאָנקען. באַטיילט דאָס פאָלק ברייטהאַרציג מיט מתנות כיד המלך, מיט מחילה, סליחה וכפרה, פאַרגעבעניש פון זינד און פאַרברעכנס.

דער דעקרעט וועגן דער אַמניסטיע אַנטהאַלט צען פּונקטן. לויט אים זיינען באַפרייט געוואָרן צוויי הונדערט מענטשן, צווישן זיי סוכאָמליבאָוו, פורישקעוויטש און אַנדערע זייער גלייכנס.

אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט פאַרדינט פורישקעוויטשעס בריוו, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט נאָך זיין באַפרייאונג אין די „אָוונט פייערלעך" („וועטשערניע אָגאָנקי"). ער אַנטהאַלט זיין קרעדאָ. ער ברענגט אַרויס אין קורצן זיין פּאָליטישן „אומצעטרייסלבאַרן" באַנעם און אויך זיין אָפּשאַץ פון דער סאָוויעטנמאַכט.

„אָפּזיצנדיק אין סאָליטאַרער פאַרשפאַרונג אין דעם טרובעצקאָי באַסטיאָן פון דער פּיאָטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג און נאָך איר ליקווידירונג אין די „קרעסטי" (קרייצן) אַ האַלב יאָר, בין איך געבליבן דער זעלביקער, וואָס איך בין געווען. איך האָב זיך ניט געענדערט אויף אַ האָר און יעדער איינער, וואָס האָט בייגעוואוינט מיין פּראָצעס אין רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל און

האָט געהערט מיין רעדע, וואָס איז געווען אַ דורכאויסיקע פּאַרטיידיקונג פון דעם מאַנאַרכיע־פּרינציפּ, וועט פאַרשטיין, אַז די הויך פון די געפענגעניש־ווענט האָט ניט געקענט האָבן קיין ווירקונג אויף מיינע איבערצייגונגען, אויף דער קראַפט פון גייסט און ווילן פון ב. מ. פּורישקעוויטש. איך האָב אַרויס־געזאָגט און זאָג אַרויס מיינע פּאָליטישע איבערצייגונגען אָפן, בקול רם, איב־גאַנצן ניט רעכענענדיק זיך, צי דאָס איז געפערלעך צי ניט, צי דאָס לוינט זיך צי ניט. איך זע אין דעם מיין פליכט און ניט קיין פאַרדינסט. איך וועל זאָגן אין קורצן: — איך בין ניט רוזסקי, ניט גוטשקאָוו, ניט שולגין, איך זאָל בריקען דעם געוועזענעם צאַר, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון טראָן. דאָס איז איינס אַוועק. איך האָב צו שטאַרק ליב ראַסייע און פיל זיך באַליידיקט פאַר איר, אַז איך זאָל אויפריכטן מיין וואָרשטאַנד אויף די גנאָדן פון די דייטשן, וואָס האָבן אונדז צעפרעסן מיט דער הורעריי פון רוסישן וואָרט און פאַלשע צוזאָגענישן, האָבן אָבער ניט געקענט אונדז בייקומען מיטן כוח פון זייער געווער אויפן שלאַכטפעלד. דאָס איז דאָס צווייטע. און איך, ווייניקער ווי ווער עס איז אַן אַנדערער, בין קאַפּאַבל צו ווערן אַן „אַפּאָלאָגעט" פון דער סאָוויעטנמאַכט, וועלכע פאַרוואַנדלט ראַסייע אין אַ דייטשער קאָלאָניע. דאָס איז דאָס דריטע. איין זאַך איז ריכטיק און איך האָב עס געזאָגט און איך חזר עס איבער: די סאָוויעטנמאַכט איז אַ פעסטע מאַכט. אוי ווי, ניט אָבער פון דער זייט, פון וועלכער איך וואָלט וועלן זען אַ פעסטע מאַכט איבער ראַסייע. אויסער דעם, די פּחדנישע אינטעליגענציע איז איינע פון די הויפּט־שולדיקע אין אונדזער שאַנד און אין דער אומפעאיקייט פון דער רוסישער געזעלשאַפט אַרויסצורופן אַ שטאַרקע מאַכט מיט מלוכהשן פאַרנעם".

מיר קענען אים נאָכזאָגן: „די סאָוויעטישע מאַכט איז אַ פעסטע מאַכט", אַ מאַכט ווי יעדע אַנדערע מאַכט.

אָט־די מאַכט האָט באַפרייט די פּורישקעוויטשעס, סוכאָמלינאָווס און האַלט אין אירע געפענגענישן די אַנאַרכיסטן.

די פעסטע מאַכט שפּירט, אַז פּורישקעוויטש איז פאַרט אַ נאָענטער, אַ ביין פון ביין און לייב פון לייב! ער אַנדערקענט דאָך מאַכט, און די אַנאַר־כיסטן זיינען קעגן מאַכט, זיי אַנדערקענען ניט קיין שום מאַכט.

עס איז שוין דער דריטער טאָג, ווי עס האָבן דערקלערט אַ הונגער־שטרייק די אַרבעטער אַנאַרכיסטן, וואָס מע האָט אַרעסטירט דעם 12טן אַפּריל.

די „מאָסקווער פעדעראַציע פון די אַנאַרכיסטישע גרופּן" פאָדערט פון דער סאָוויעטישער מאַכט ענטוועדער די באַפרייאונג אָדער אַ באַשולדיקונגס־אַקט פון די אַרעסטירטע.

די אַרעסטירטע האָבן דערלאַנגט אין דער אַלרוסלענדישער אויסעראָר־דענטלעכער אויספאָרש־קאָמיסיע וועגן די ענינים פון די אַנאַרכיסטן די פאָלגנדיקע דערקלערונג:

„מיר, אַנאַרכיסטן, וואָס מע האָט אַרעסטירט ביים אַנטוואָפענען די אַנאַרכיסטן דעם 12טן אַפּריל פון דעם יאָר [1918] און וואָס געפינען זיך איצט אין דער בוטירקי געפענגעניש, פאָדערן אַן אומגעזאָמטע באַפרייאונג

פון אַלע די וואָס זיינען אונטערגעשריבן [25 נעמען], ווי אַזעלכע וואָס האָבן ניט קיין שום שייכות מיט קיין קרימינעלע פאַרברעכנס; אויב ניט וועלן מיר פאַרזעצן אונדזער הונגערשטרייק".

וואָס איז דאָ פאַראַן צו ריידן וועגן אָט דער „אַרבעטער־ און פויערים־רעגירונג", וועגן אָט־דער סאָוויעטנמאַכט, וואָס באַפרייט די סוכאָמלינאָווס, די פורישקעוויטשעס און אַרעסטירט און האַלט פאַרשפּאַרט אין אירע תפיסות און טרייבט צו אַ הונגערשטרייק די אַנאַרכיסטן!

ניטאָ קיין ווערטער! ווערטער זיינען איבעריק.

אַזאַ מאַכט רעדט פאַר זיך.

אַפילו אַ בלינדער קען אָנטאַפּן איר „פּאָליטיק". די פּאָליטישע ליניע, וואָס זי ציט און בייגט.

אָט־דער אומוויכטיקער כמעט צופעליקער אַקט וואַרפט אַ באַזונדער ליכט אויף אונדזער „פעסטער מאַכט".

אַרבעטער, געדענקט, אין אייער נאָמען אַרעסטירט מען אַרבעטער־אַנאַרכיסטן און מע באַפרייט די פורישקעוויטשעס!

(„אַנאַרכיע", דעם 3טן מיי, 1918)

11

פרידן אָדער קריג

וואָס פאַר אַ מאָדנע סיטואַציע! דוכט זיך, אַז זי האָט ניט איר גלייכן אין דער געשיכטע פון צווישן־מלוכהשע פאַרהעלטענישן.

דאָס אוממעגלעכע איז געוואָרן מעגלעך. אַ שלום אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד איז אונטערגעשריבן און ראַטיפיצירט געוואָרן [דעם 3טן מערץ 1918]. דער דייטשער געזאַנדטער גראַף מירבאַך געפינט זיך אין מאָסקווע.

די טעג האָט ער איבערגעגעבן טאָוואַרישטש סווערדלאָוו [דער ערשטער פּרעזידענט פון דער „סאָוויעטישער סאָציאַליסטישער פעדעראַטיווער רעפּובליק"] זיינע באַפולמעכטיקונג־פּאַפּירן. עס איז עטאַבלירט אַ דירעקטע קאָמוניקאַציע־ליניע פון טעלעגראַף און טעלעפאָן צווישן מאָסקווע און בערלין. הייסט עס, ס'איז שלום אויף דער וועלט, אַלץ איז ווי ס'באַדאַרף צו זיין, גאַנץ לייטיש.

אין דער ווירקלעכקייט איז עפּעס ניט אַזוי.

פעטראָגראַד איז באַדראָט; אַן אולטימאַטום איז געגעבן דעם פּאָרט אינאָ.

די קרים־געגנט איז פאַרנומען; סעוואַסטאָפּאָל איז באַדראָט; קורסק איז באַדראָט. דראָאונגען מיט סטראַשונקעס.

וואָס איז עס פאַר אַ לאַגע?

איז עס ניט אַ פרידלעכער קריג? דעראָבערונגען ווערן געמאַכט אויף אַ

פרידלעכן שטייגער; אַ פּאַרלוסט פון רעוואָלוציאָנערע שטעט און געגנטן — אַט־וואָס עס ברענגט מיט זיך דער צרהדיקער פרידן.

דער שלום איז געמאַכט בלויז פון איין זייט, פון אונדזער זייט. מיר טאָרן ניט, האָבן ניט קיין רעכט אָנצוגיין מיטן קריג, אַרויסצואווייזן אַ ווי־דערשטאַנד צו די געוואַלט־טוערס, אָבער זיי, די דייטשע באַנדעס, מעגן אָנגרייפן. מיט דעם ברעכן זיי ניט דעם שלום און פאַרלעצן ניט די שלום־באַדינגונגען.

דערביי קלעקט זיי נאָך געגנוג פרעכהייט אונדז צו פאַרזיכערן אין זייער פריינטשאַפט, אין זייער ערנסטן פאַרלאַנג צו פאַרקניפּן מיט אונדז פריינט־שאַפטלעכע פאַרהעלטענישן.

דעם יאַפּאַנישן געזאַנדטן האָט טאַוואַרישטש טשיטשערין (1872־1936) [דער פאָלקס־קאָמיסאַר פאַר אויסערלעכע אָנגעלעגנהייטן] ניט אויפגענומען; ער האָט אים געזאָגט, אַז די פאַרהאַנדלונגען וועט מען קענען פירן ערשט נאָך דעם ווי דער דעסאַנט וועט פאַרלאָזן וולאַדיוואָסטאָק.

און גראַף מירבאַכן?

יעדער טאָג ברענגט נייע ידיעות וועגן דעם פאַרכאַפּ פון נייע סטראַ־טעגישע און פּאָליטישע פּונקטן.

מען קען כמעט זאָגן, אַז אין אַט־דעם טשיקאַוון רעטענישפּולן שלימזל־דיקן שלום האָבן מיר פאַרלאָרן מער ווי אין דער מלחמה .

די לאַגע דאַרף מען איינמאָל־פאַר־אַלעמאָל קלאָר מאַכן.

אויב שלום — זאָל זיין שלום; אויב מלחמה — זאָל זיין מלחמה.

מע קען ניט פאַראייניקן דאָס אומפאַראייגבאַרע; מע קען ניט זאָגן „ניין" און „יאָ" אין איין און דער זעלביקער צייט.

דייטשלאַנד פירט אַן קעגן אונדז אָפן אַ קריג, און דער שלום איז ניט פאַרשטערט!

ווען וועט ער זיך רעכענען פאַרשטערט און אַנולירט?

נאָכן פרידלעכן פאַרנעם פון מאָסקווע?

און וואָס איז דער גורל פון פּעטראָגראַד, פון אַט־דער בראַווער שטאָט פון בראַוון אויפשטאַנד?

זיין גורל איז עפּעס ווי איינגעהילט אין אַן אומדורכדרינגלעכער גע־היימעניש. מע איז זיך משער, אַז די דייטשן און די ריגער ווייסע גוואַרדייער וועלן ניט גיין ווייטער ווי צו דער פעסטגעשטעלטער פינלענדישער גרעניץ.

אונדזער קלוגע סאָוויעטישע דיפּלאָמאַטיע טראַכט און גראַף מירבאַך לאַכט.

וואָס איז עס פאַר אַ שלום! די ערגסטע מלחמה איז בעסער פון אים.

איינמאָל פאַר אַלע מאָל מוז די לאַגע קלאָר געמאַכט ווערן!

אַזאַ מיליטערישער פרידן איז שוין מער נ י ט קיין אומגליק, נייערט ערגער פון אַן אומגליק. באמת, וואָס שפּילן מיר, — אַ טראַגעדיע, אַ קאָ־מעדיע אָדער אַ פאַרס?!

אַ שלום־אָפּמאַך איז שוין לאַנג געשלאָסן, און די דייטשן רוקן זיך צו

אַלץ נעענטער און נעענטער; אַלץ שטייפער און פעסטער נעמען זיי אונדז אַרום.

מיר קענען ניט האַלטן מלחמה; ניטאָ קיין כוחות; מיר נייטיקן זיך אין אַן אָטעם־אָפּכאַפּ" — האָט מען געהאַלטן אין איין טענהן אויף דעם צוזאַמענפאָר פון די סאָוויעטן. בכן, וואו האַלט עס? ווען מיר אָפּגעבן די דייטשן גאַנץ רוסלאַנד, וולאַדיוואָסטאָק אַריינגערעכנט?

מע דאַרף מאַכן אַ סוף צום אָנגריף.
מע דאַרף מאַכן אַ סוף צו די שטענדיקע באַדראָאונגען.
שלום! שלום! — און קיין שלום איז ניט פאַראַן!
צו וואָלוול גיבן מיר אַוועק אונדזער פרייהייט, גלאַט בחצי־חנם.
אַ שענדלעכער פרידן... יאָ, עס איז באמת אַ חרפה און אַ שאַנד!

(„אַנאַרכיע", דעם 3טן מיי, 1918)

12

די לעקציע

די דייטשע אָנפירערס פון דער אויסערנפּאָליטיק האָבן נאָך ביים אָנפאַנג פון קריג דערקלערט, אַז פאַר זיי זיינען צווישן־מלוכהשע אָפּמאַכן בלויז „שטיקלעך פּאַפּיר".

ציניש, אָבער שטאַרק געזאָגט און געזאָגט דעם אמת.

ביי דער טריאומפירנדיקער, זיגבאַקרוינטער גערמאַניע, וואָס טרעט איבער די טויטע קערפּערס פון אירע שונאים, וואָס וואַשט אירע פיס מיטן רויטן בלוט פון דער וועלט־רעוואָלוציע, וואָס פאַר אַ ווערדע קענען האָבן אַ פּאָר „שטיקלעך פּאַפּיר", וואָס הייסן אין הויכן סטיל, אויף דעם מליצה־לשון פון דיפּלאָמאַטן־„קאָנטראַקטן", פרידנס־אָפּמאַכן!

וואָס פאַר אַ באַטייט האָבן אָט־די דיפּלאָמאַטישע פּאַפּירלעך, וואָס זיינען אויסגעבעטלט געוואָרן, אויסגעקלאַנטשעט געוואָרן ביי איר, דער גרויסער, יובלדיקער, פאַרשיכורטער פון בלוט ביז קאָפּ־פאַרלירן, זיגערן, ביי איר, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט און אויסגעצויגן, זיך פאַרצווייפאַכט און פאַרדרייפאַכט פון די אָנגעראַבעוועטע און אָנגעגזלטע לענדער!

וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט עפּעס אַ שטיקל פרידנס־אָפּמאַך, וואָס איז געשלאָסן מיט עפּעס אַן אומגליקלעך פאָלק, מיט עפּעס אַ נעבעכדיקער, הילפלאָזער רעגירונג!

אַלץ, וואָס עס בלייבט צו טאָן, איז נעמען דאָס שטיקל פּאַפּיר, צערייסן עס אויף פּיצפּיצעלעך און צעווייען עס אויפן דיפּלאָמאַטישן גרינג־פליגלדיקן ווינט — ניט מער. און איין שטיקל וועט דאָס צווייטע ניט געפינען.

דער אָפּמאַך איז געווען אונטערגעשריבן, ווען מע האָט אים באַדאַרפט האָבן; מע וועט אים צערייסן און פאַרנישטן, ווען מע וועט אים מער ניט דאַרפן.

אַן איבעריקע זאַך איז איבעריק צו האַלטן און היטן.

ער איז געווען דיקטירט פון אינטערעסן, פון די גרויסע אינטערעסן פון דעם גרעסטן פאַנג און אַראָפּשלונג פון פעלקער. ווען מיט דער פעדער האָט געפירט אייגננוץ, תכלית, האָט מען אים צוגעגרייט, אָנגעשריבן און אונ־טערגעשריבן.

און ווען די אינטערעסן פון דער מלוכה דיקטירן, אַז מע זאָל צונישט־מאַכן אָט־דעם אָפּמאַך, ווערט ער פאַרנישט אָן איינזעעניש, וואָרעם אַ גע־וויסן האָבן קיינמאָל ניט געהאַט קיין שום מלוכות, קיין שום רעגירונגען, קיין שום מאַכט, קיין שום הערשערס.

אין די לעצטע טעג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער פרידנסאָפּמאַך, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן צווישן דער פאַרברעכערישער ראַדאַ און דער רצחני־שער גערמאַניע, איז בלויז אַ שטיקל פּאַפּיר, אַ פאַרשמירטס מיט עפּעס אַזעל־כע קאַראַקולקעס, האטשערקעס און פאַמעלעס, וואָס פון שטאַנדפּונקט פון „הויכער פּאָליטיק" דאַרף מען האָבן אויף כפּרות.

דער פרידנסאָפּמאַך האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין איבעריק און אַ שטער; די זעלבסטשטענדיקייט פון אוקריינע האָט זיך געשטעלט אין וועג דעם דייטשן העכערן קאָמאַנדירונג־שטאַב. און זיי, וואָס האָבן צו זייער דיספּאָזיציע מי־ליטערישע קראַפט פאַרן אָנפירן פון אַ קריגס־פּאָליטיק — האָבן אים אַרויס־געוואָרפן.

די ראַדאַ איז אַרעסטירט. אין אוקריינע געפינט זיך בערך אַ האַלבער מיליאָן דייטש מיליטער.

די חיילות זיינען קלאָמפּערשט געקומען אַרויסצוהעלפן דער ראַדאַ. זיי זיינען געקומען לעשן דאָס פייער פון דער רעוואָלוציע, ראַטעווען די פּריצישע נחלאות און איינשטעלן אָרדענונג, פאַרפעסטיקן די ראַדאַ און איינפירן „אומ־אָפּהענגיקייט".

אָבער אַזוי ווי זיי זיינען שוין געקומען און געפינען זיך אויף דער או־קריינישער טעריטאָריע, וואָס איז סיי ווי געווען כמעט אינגאַנצן אין זייערע הענט, זיינען זיי געוואָרן אירע באַלעבאַטים.

די פאַרברעכערישע, פאַררעטערישע ראַדאַ באַפּרידיקט זיי ניט מער.

זי איז צופיל רעוואָלוציאָנער, לויט די השגות פון דייטש־עסטרייכישן שטאַב, און דערצו, און דאָס איז דער עיקר, — זי נעמט צו ערנסט איר זעלבסטשטענדיקייט.

נישט־שוין־זשע איז גערמאַניע געקומען קיין אוקריינע בכדי דאָרט איינ־צופירן עפּעס אַ מין „זעלבסטשטענדיקייט"?

זי איז געקומען נעמען ברויט, רוישטאָף; זי טראָגט אויף די שפּיצן פון די באַיאָנעטן פאַרשקלאָפונג און ניט אויטאָנאָמיע.

אַזוי ווי די ראַדאַ שטערט איר אין דערגרייך פון אירע הויכע צילן, האָט זי איר פּשוט און פּראָסט געגעבן אַ מאַרשיר־צעטל, — צעטריבן.

דאָס פאַנאַנדערטרייבן איז פאַרגעקומען פונקט ערב דעם אָנפאַנג פון די שלום־פאַרהאַנדלונגען צווישן גרויסרוסלאַנד און קליינרוסלאַנד.

פאַרשטייט זיך, אַז אַט־דער צוזאַמענפאַל איז ניט בלויז אַ פּוסטער שפּיל פון צופאַל: עס איז ניט אַ סטיכישער צוזאַמענטרעף פון אומשטאַנדן.

עס איז געווען אַ צייט, ווען דייטשלאַנד און עסטרייך האָבן דווקא יאָ געוואָלט, אַז די סאָוויעטן־מאַכט זאָל שליסן שלום מיט דער ראַדאַ.

דעמאָלט זיינען זיי באַשטאַנען אין פרידנסאָפּמאַך, וואָס זיי האָבן אונטערגעשריבן מיט די באָלשעוויקעס, אויף אַן איבערבעטן זיך מיט דער ראַדאַ.

איצטער איז אַזאַ אָפּמאַך איבעריק, אַפילו שעדלעך. עס איז אין זייערע אינטערעסן ניט צו דערלאָזן, אַז עס זאָל קומען צו אַ שלום צווישן די צוויי, און זיי האָבן צעטריבן די ראַדאַ, ווען איר פרידנס־דעלעגאַציע איז שוין געווען אין קורסק.

הויכע דיפּלאָמאַטיע, הויכע פּאָליטיק ווייסט איין זאַך — און דאָס איז מלוכהשער נוצן, מלוכה־תכלית, און מער דאַרף זי ניט און וויל ניט וויסן.

דער איבעררייס מיט דער ראַדאַ איז אַזוי נאַטירלעך, אַזוי נאָרמאַל. ער איז אינגאַנצן „אין אָרדענונג פון מלוכה־אַנגעלעגנהייטן“. די געשיכטע פון צווישנמלוכהשע פאַרהעלטעניש ווייסט פון אַ סך אַזוינע און ענלעכע פאַלן. צוויי קרובישע שבטים, וואָס זיינען צעקריגט צווישן זיך, האָבן זיך געווענדט צו אַ דריטן, אַ שטאַרק מעכטיק פאָלק, אַז עס זאָל צווישן זיי משפטן, זיי אויסגלייכן. וואָס האָט זיך צום שלוס פון דעם באַקומען? די פאַרשקלאַפונג פון איינעם פון די צדדים, פון דעם צד, וואָס האָט זיך געווענדט צו אים נאָך הילף, אָדער אַפילו פוןביידע צדדים.

די ראַדאַ און איר פינאַל שטעלן צו אַן איבעריקן פאַקט, אַן איבעריקןביישפּיל צו דער אונטערשטיצונג פון דער רעגל פון צווישנפעלקערלעכער פּאָליטיק.

דייטשלאַנד האָט געגעבן אוקריינע אַ לעקציע.

וועט אָט־די לעקציע אויך אונדז צוניץ קומען?

צי וועט אָט־דער אַקט עפענען די באָלשעוויקעס די אויגן, וואָס זיינען בלינד געוואָרן פון מאַכט, און צי וועלן זיי, לסוף, באַגרייפן, וואָס פאַר אַ וועדט עס האָט פאַר דייטשלאַנד, אָט־די גרעסטע פאַרברעכערין צווישן די פאַרברעכערישע מדינות, דערדאַזיקער שלימזלדיקער, צרהדיקער ברעסט־ליטאָווסקער פרידנסאָפּמאַך?!

צי וועלן זיי לסוף פאַרשטיין, אויב זיי זיינען נאָך בכלל פעאיק צו פאַרשטיין, אַז גאַנץ גיך, אַז באַלד וועט קומען די ריי פון אונדזער שטיקל פּאַפּיר: אַז נאָך קליינרוסלאַנד, אויב מיר וועלן איר ניט קומען צו הילף, וועט גיין גרויסרוסלאַנד, צוזאַמען מיט אונדזער גרויסער אומפּרעצידענטירטער רעוואָלוציע, צו דער עקידה אויף דעם שוואַרצן אַלטאַר פון דער פינצטערער רעאַקציע אין נאָמען פון טייוול, וואָס הייסט „אָרדענונג“.

וועלן זיי עס כאָטש איצטער פאַרשטיין?

נאָך מער וואָס דער דייטשער מלאך־השלום, מירבאַך, ברענגט אונדז זיכער ניט קיין פרידן, נייערט אַ שווערד און אינטריגעס. ער זיצט דען אין

מאָסקווע גלאָט אַזוי זיך אָן אַ שטאָך אַרבעט? ער וועבט שפּינוועבס צו כאַפּן פּאָליטישע פליגן.

מע דאַרף דאָך זיין גאַאיוו, אויב ניט נאָך מער, צו גלייבן אין דער ערנסט־קייט פון זיינע פּאַרזיכערונגען, אַז דייטשלאַנד וועט זיך ניט מישן אין אונ־דזערע אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן.

וועלן די געשעענישן אין אוקריינע עפענען די אויגן פון די בלינדע באָל־שעוויסטישע פירערס?

ניין, זיי וועלן ניט עפענען.

וואָרעם זיי זיינען בלינד־געבוירן.

אוקריינע — דאָס איז אַ לעקציע פאַר אונדז. די געשעענישן אין אוק־ריינע — איז אַ וואָרענונג געגעבן אונדז.

(„אַנאַרכיע", דעם 9טן מיי, 1918)

13

לעגינס רעדע

לעגינס רעדע באַצייכנט אַ ווענדפּונקט אין דער אינערלעכער פּאָליטיק. מיט דער רעדע ווערט פּראָקלאַמירט אַ צווייטער „אָטעם־אָפּכאַפּ", דער צוויי־טער „אָטעם־אָפּכאַפּ" דערגאַנצט דעם ערשטן.

צום אָנהייב האָט מען דערקלערט אָן „אָטעם־אָפּכאַפּ" אויפן אויסער־לעכן פראָנט, — אין גערעַנגל מיטן אויסערלעכן פיינט, מיטן אימפּעריאַ־ליזם. איצטער דערקלערט מען אַ צווייטן „אָטעם־אָפּכאַפּ" אויפן אינערלעכן פראָנט, אין קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע, קעגן קאַפּיטאַליזם.

דער אמת איז אַז די באַגריפן פון אויסערלעכן און אינערלעכן פראָנט זיינען שטאַרק מטושטש.

דער אוקריינישער פראָנט, דער קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע פון אוק־ריינע, האָט זיך צו איין צייט גערעכנט פאַר אַן אינערלעכן פראָנט, פאַר אַ „בירגער־קריג"; איצטער אָבער, נאָכן אונטערשרייבן דעם באַרימטן שלום־אָפּמאַך, רעכנט זיך עס ווי אַן אמתע מלחמה, אַ מלחמה צווישן צוויי רע־פּובליקעס.

די אייגענע בורזשואַזיע, די פרעמדע בורזשואַזיע, — די קאָנצעפּטן זיי־נען זייער אומבאַשטימט, עלאַסטיש.

געשעענישן און אונדזער באַציאונג צו זיי פאָדערן אויסגעהאַלטנקייט, קאָנסעקווענטקייט.

אַז מע מאַכט שלום מיט דער בורזשואַזיע „ערגעץ וואו" אין איין פּלאַץ, קומט אויס צו מאַכן שלום מיט איר אומעטום, אין אַלע פּלעצער.

דער ערשטער זינדפאַל פון באָלשעוויזם איז ברעסט; נאָך אים קומט קורסק, און דערנאָך שוין מאָסקווע...

דער דאָן רעכנט זיך היינט פאַר אַן אייגענער געגנט; די דאָנער בור־

זשוואַזיע — אַן אייגענע. הייסט עס, אַז קעגן איר דאַרף מען קעמפן, באַך קעמפן זי ווי אַ שונא. מאָרגן אָבער קען שוין דער דאָן ווערן אַן „אויטאָנאָמי־שע געגנט", און די דאָנער בורזשואַזיע וועט ווערן אַ „פּרעמדע", דער דאָ־נער קאַפּיטאַליזם וועט הייסן אַ צווישנפעלקערישער און מיט אים וועט מען ניט ווילנדיק דאַרפן מאַכן שלום.

עס איז קלאָר, אַז די לאַגע און איר באַצייכענונג זיינען היפּש נעפּל־האַפט. פון דעם צעטומלטן פאַרכישופטן קרייז פון דעם סאָציאַליסטישן מכשף לעגין זיינען פאַראַן צוויי אויסוועגן. ענטוועדער־אָדער. ענטוועדער, בכלל, איבעררייסן מיטן קאַפּיטאַליזם, ראַנגלען זיך אויף לעבן און טויט, אָנשטרענ־גען די לעצטע כוחות, שטעלן אין קאָן דאָס לעצטע וואָס מיר פאַרמאָגן, אָדער גאָר אינגאַנצן זיך צוריקציען, שלום־מאַכן, ליקווידירן דעם ליגנערישן סאָ־ציאַליזם, קאַפּיטולירן פאַר יעדן און איטלעכן קאַפּיטאַליזם.

צוויי וועגן, אייגנער — דער וועג פון לעבן, פון קאַמף, פון בראַווקייט, פון דרייסטקייט, זעלבסטאויפאָפּערונג, ריזיקירן; דער צווייטער וועג איז דער וועג פון טויט, פון מידקייט, שלאָבערדיקייט, פחדנות, וואָס דערקלערט זיך תמיד פאַרן שכל־הישר, פעל־ציטערניש, וואָס מאַכט דעם אָנשטעל פון גע־זונטן פאַרשטאַנד, פּראַקטישקייט, אורטייל־ניכטערקייט, בקיצור, „אָטעם־אָפּכאַפּ".

וועלכן וועג האָט געקענט אויסקלייבן די סאָוויעטישע מאַכט? וועלכן וועג האָט געדאַרפט אויסקלייבן דער „ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן"?

קלאָר, אַז דעם צווייטן וועג, דעם וועג פון אָפּרו, פון וועגעטירונג.

מאַכט אַלס אַזעלכע איז שרעקעוודיק, עגאָאיסטיש, פאַרליבט אין זיך; זי איז דער הויפּט־תכלית און דאָס גאַנצע גוטס. זי איז דער צענטער פון וואוילשטאַנד, אַזוי גרויסט זי זיך, חנפט זיך מיט דעם מויל פון אירע טרע־גערס.

די באָלשעוויסטישע מאַכט האָט ניט געקענט אַנדערש לייזן די פראַגע: וואָס ווייטער זיך האַלטן פון ריזיקע, וואָס ווייטער פון דעם פּראָבלעמאַטישן, פון מסופקדיקע העראָאישע אונטערנעמונגען, וואָרעם אין געפעכט קען מען דאָך פאַרלירן די מאַכט.

און די מאַכט האָט זיך געלאָזן אויפן וועג פון קאָמפּראָמיסן און איבער־בעטעניש.

מאַטיוון, טעמים צו באַווייזן, אַז איר אויפפיר־ליניע איז אַ ריכטיקע, אַ גערעכטע, אַ יושרדיקע זיינען געווען אַ סך.

וואָס דען, זיי וועלן אויספעלן!

ווען איז מאַכט ניט געווען גערעכט? זי איז דאָך געוואוינט צו זיין תמיד גערעכט. ניקאָלאַי איז שטענדיק געווען גערעכט; נאָך אים איז מיליוקאָוו גע־ווען גערעכט; נאָך אים איז קערענסקי געווען גערעכט, און איצטער איז לע־נין כסדר גערעכט.

ניטאָ קיין קרעפטן, ניטאָ קיין מעגלעכקייט, — מע דאַרף וואַרטן אויף דער רעוואָלוציע אין די מערב־לענדער — דאָס זיינען די הויפּט־מאָטיוון.

און דערוויילע אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

אָבער אויב אַזוי, וואָלט דען ניט גלייכער געווען, ווען מ׳וואַרט־צו מיט אָקטאָבער? צו וואָס האָט מען געדאַרפט מאַכן אַ תל פון דער אַרמיי מיט דער פאָדערונג פון איינפּירן וואָלן אין איר?!

איז דאָס אַלץ פאַרדעם ניט קלאָר געווען? די קעגנער האָבן דאָך גע־שריען אין איין קול, אַז רוסלאַנד איז אַן אָפּגעשטאַנען לאַנד; אַז מאַכן אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד איז אוממעגלעך; אַז מע דאַרף צוואַרטן.

דער עיקרשט: מע דאַרף וואַרטן.

פאַרוואָס האָט מען זיי דעמאָלט גערופן קאָנטררעוואָלוציאָנערן?!

און אויב זיי זיינען דעמאָלט געווען קאָנטררעוואָלוציאָנערן, ווי זאָל מען איצט אָנרופן לענינען עט קאָמפּאַניע?

זיי זינגען דאָך איצט דאָס אייגענע לידל; זיי דערלאַנגען דאָך צום טיש דעם זעלביקן באָרשטש בלויז אַריינגעגאָסן אין אַ רויט שיסעלע.

אָבער דעמאָלט האָט מען ניט געטאָרט וואַרטן, ווייל עס האָט זיך גע־גלוסט נעמען די „פּאָרטפעלן", די מיניסטערישע שטעלעס וואָס פריער און מע האָט ניט געקענט וואַרטן; דעמאָלט האָט מען געשפּילט „וואַ־באַנק".

אָבער איצטער זיינען זיי פלוצלונג געוואָרן פאַרזיכטיק, גענומען זיך אַרומקוקן, גענומען שפּרייזן פּאַוואָלינקע, פּאַוואָלינקע, — מע קען נאָך אויס־גיסן דעם מאַכט־ווייַן, מ׳קען נאָך, חס־ושלום, צעברעכן דאָס הייליקע געפעס פון קאָמיסאַרנהערשאַפט.

דאָס געפעס איז הייליק און טייער, עס איז „פּראָלעטאַריש", „סאָציאַ־ליסטיש", „פעדעראַטיוו" און „סאָוויעטיש".

מיט אַזאַ שטימונג, מיט אַזאַ איינגעוויגטקייט פון ווילן און שכל, ביי אַזאַ געמיט־אונטערדריקטקייט, צעווייכטקייט, צעקראָכנקייט, וואָלט מען גע־קענט דורכפירן די אָקטאָבער־איבערקערעניש?

זיכער ניט!

אָבער די איבערקערעניש האָבן דאָך געמאַכט ניט קיין געוועלטיקער, נייערט רעוואָלוציאָנערן, קעמפערס.

מאַכט קען ניט זיין קיין קעמפערין, מחמת לויט איר עצם מהות נאָך איז זי אַן אויפהיטערין, קאָנסערוואַטיוו, פאַרנומען מיט אייגענעם זעלבסט־שוץ.

און די מאַכטהאָבערס האָבן אויסגעקליבן דעם צווייטן וועג, דעם וועג פון אויסגלייכעניש־דורכקומעניש מיט דער בורזשואַזיע, — און האָבן גע־מאַכט שלום מיט איר, זיך אָפּגעזאָגט פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, וואָס האָט זיי געדינט בלויז ווי אַ געלונגענער מאַנעווער, אַ גוט מיטל כדי צו דערגרייכן זייער ציל — זעלבסטבאַהויפּטונג און זעלבסטפעסטשטעלונג.

די ל ע נ י נ י ס ט ן, פריידיקנדיק די סאָציאַלע רעוואָלוציע, האָבן פאַרנומען אַן אומקאָמפּראָמיסלעכע פּאָזיציע אין באַצוג צו דער בורזשואַזיע, כל־זמן זיי זיינען געגאַנגען צו זייער דערהויבענעם ציל, צו דעם פונדער־וויטנס אַנלאָקנדיקן פינטל — צו מאַכט. האָבנדיק אָבער דערגרייכט דעם

לאַנגדערוואַרטן, הייסגעגאַרטן ציל, פאַרוואַרפן זיי אַלעס, וואָס האָט זיי פאַר דעם געדינט ווי אַ הילפסמיטל און איצטער איז עס אַן איבעריקע לאַסט, אַ באַלאַסט.

דאָ פאַנגט זיך אַן דער זעלבסטאָפּזאָג. אָבער דאָס ווערט געטאָן פּאַמעלעך, בהדרגה, פאַרזיכטיק, אַרומקוקנדיק זיך אויף אַלע זייטן, כדי מיט אַן אומאויסגערעכנטער, צו־אימפּעטדיקער באַוועגונג ניט אויפצורייסן די אויגן פון אָפּגענאַרטן, באַשווינדלטן פּראָלעטאַריאַט.

אַ טראָט נאָך אַ טראָט, שטופּנווייז, לאַנגזאַם ציען זיי זיך צוריק, שאַשטיל, כדי ניט אויפצואוועקן קיין אויפמערקזאַמקייט.

„זיכער, די לאַקייען פון דער בורזשואַזיע — איבערהויפּט פון קליינעם געוואוקס, די מענשעוויקעס און די רעכטע ס. ר. — וועלן חוזק פון אונדזער צוגעבן, אַז מיר מאַכן אַ טראָט צוריק" (לענין).

זיי וועלן שוין גאַרניט חוזק. זיי וועלן זיך פרייען, וואָס איר קערט זיך לסוף אום אַהיים, וואָס אייער „סאָציאַליסטישע" טבע האָט געזיגט, וואָס איר האָט אָפּגעוואָרפן די טאַקטיק, וועלכע איר האָט אַנטליען ביי די אַנאַרכיסטן, אַ טאַקטיק, וואָס פּאַסט ניט פאַר אייך, קליידט אייך ניט.

אויב זיי וועלן „כיכיקען", וועט עס זיין ניט אויפן חשבון פון אייער מאַכן אַ טראָט צוריק צו זיי, — איר זייט ביין פון זייער ביין און לייב פון זייער לייב; איז וואוהין זאָלט איר גיין, אויב ניט צו זיי אין זייער לאַגער אַריין? — זיי לאַכן פון אייך, וואָס איר האָט געמאַכט אַ טראָט פאָרויס אין אָקטאָבער.

אָבער אין דעם וועלן זיי זיין אומגערעכט. איר האָט עס דען געטאָן אומזיסט? איר האָט אייערס געקראָגן. געקראָגן די פּאָרטפעלן, — און מער דאַרפט איר דאָך ניט. דאָס איבעריקע וועט שוין אַליין צוקומען ווי אַ הוספה אָדער ביילאַגע.

(„אַנאַרכיע")

14

די גרויזאַמע שעה

די רעוואָלוציע איז אין געפאַר.

פון קליינראַסייע ביז גרויסראַסייע איז בלויז איין שפּרייז און נאָך ווינציקער.

יאָ, צו וואָס דאַרף מען אָט־די קינסטלעכע, פאַר אַן אויפשטאַנד, פאַר אַ רעוואָלוציע, צעטיילונגען און איבערצוימונגען!

ווען דאָס פאָלק האָט דערוואָרט זיין פרימאָרגן פון באַפרייאונג, זיין גרויסן אויפלייכט, זיין ליכטיקן באַפרייאונגסטאָג, האָט עס דאָך ניט געשניטן רוסלאַנד אויף פּאַסן.

דאָס גאַנצע לאַנד האָט זיך באַלויכטן מיט בלענדנדיקן און וואַרעמענדיקן ליכט פון דער גרויסע סאָציאַלער רעוואָלוציע.

אַצינד, ווען די חושך־דינערס, די דייטשן, לעשן, שטיקן די רעוואָלוציע, וועלן זיי זיך דען אָפּשטעלן פאַר די קינסטלעך אויפגעשטעלטע איבערצוימונגען?

זיי האַסן די רעוואָלוציע אומעטום. און וואוהין זייער שוואַרצע האַנט וועט קענען דערגרייכן, דאָרט וועלן זיי זי ווערגן.

נעכטן אין פינלאַנד, היינט אין אוקריינע, און מאָרגן...

דער מאָרגן איז פאַרהילט אין פינצטערניש; כמאַרע־וואָלקנס באַלאַגערן אונדזער צפונדיקן הימל. עס בלאָזט מיט קעלט און אימה.

אין אוקריינע זיינען די פריצישע פּריווילעגיעס רעסטאַווירט; מע נעמט צו דאָס לאַנד פון די פּויערים.

די בורזשואַזיע איז צוריק אויפגעריכט מיט אַלע אירע פאַרהייליקטע רעכט. זייער פּריוואַט־אייגנטום איז דערקלערט צו זיין אומבאַרירבאַר.

אין אוקריינע איז שוין פאַראַן אַ העטמאַן. די גוטבאַזיצערס האָבן אים אויסגעקליבן. ער האָט אומבאַגרענעצטע באַפולמעכטיקונגען. ער איז דערקלערט פאַר אַ דיקטאַטאָר.

אין אוקריינע הערשט די דיקטאַטור פון די פּריצים און פון די דייטשע גענעראַלן.

דאָס, וואָס איז היינט אין אוקריינע, קען מאָרגן זיין ביי אונדז.

וואָס טויג דאָס מאַכן זיך ניט־זעענדיק. מע דאַרף אַ קוק טאָן דערווירקלעכקייט, דער ריכטיקער לאַגע, אין די אויגן.

ביי אונדז עקזיסטירט כמעט דער אייגענער צוזאַמענהאַנג פון כוחות, ווי אין אוקריינע.

אויך ביי אונדז דערוואַרט מען מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס די ראַטעווערס פון קאַפּיטאַליסטישן אייגנטום, פון גיטער, פון רייכטום און רעסטאַווראַטאָרס פון גזלניש־רצחנישן איינשטעל; עס דערוואַרטן זיי, ניט מאַכנדיג קיין סוד פון דעם, די גרויסע בורזשואַזיע און די מיטעלע; עס דערוואַרטן זיי די פּריצים, וועמען די פּויערים האָבן אַרויסגעטריבן פון זייערע גיטער; עס וואַרט אויף זיי די ווייסע גוואַרדיע, וואָס דרעמלט ניט.

מע דערוואַרט זיי, מע וועט זיי גיין אַנטקעגן.

נאָך מער: אין האַרצן פון גרויסראַסייע, אין מאָסקווע, געפינט זיך מירבאַך און ער איז ווייט פון צו זיין אומבאַטייליקט אין די פאַרלאָפּענע געשעענישן. ער איז שוין גאָרניט פּאַסיוו. געברויכנדיק אַ ביבלישן אויסדרוק „האורב יושב בחדר”, דער לויערער געפינט זיך איינוויייניק אין צימער.

מיר זיינען פּאַקטיש אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן; אונדז קלעמט אַרום אַן אייזערנער רינג. אויף דער גרעניץ פון פינלאַנד שטייען די פינישע ווייסע גוואַרדייערס און די דייטשע חיילות.

מע באַדראָט פּעטראָגראַד. און אויב די דייטשן גרייפן ניט אָן, איז עס ניט דערפאַר, וואָס זיי ווילן ניט, ווי עס פאַרזיכערט לאַקרעצדיק מירבאַך,

נאָר דערפאַר וואָס זיי האָבן נאָך ניט פאַרענדיקט זייער שטיקל אַרבעט אין אוקריינע. דייטשלאַנד פאַרשטייט גאַנץ גוט, אַז מיטן שונא איז לייכטער זיך אָן עצה געבן טייל נאָך טייל, פונאַנדערקאַטעוועדיק זיין לאַנד אויף קאַנטן, געגנטן. מלחמה האַלטנדיק מיט איין טייל, פאַרזיכערן זיי דעם צווייטן טייל אין זייער אומפאַרלעצלעכער פריינטשאַפט. ווען פינלאַנד איז געווען איבערגאַנצן דעראָבערט, ערשט דעמאָלט האָבן זיי זיך אַ נעם געטאָן פאַר דער ראַדאַ; און ווען זיי וועלן פאַרטיק ווערן מיט דער ראַדאַ, וועלן זיי זיך אַ נעם טאָן צו אונדזערע ביינער, צו אונדזער פרייהייט.

ווער עס זאָגט דאָס פאַרקערטע, ליגנערט; ווער עס גלייבט אין דעם פאַרקערטן, מאַכט אַ ביטערן טעות און אים דערוואַרט אַ שרעקלעכע אַנטוישונג.

עס שלאָגט די גורלדיקע שעה, די סאַמע געפערלעכסטע שעה, די העכסט היסטאָרישע שעה פאַר דער גאַנצער צייט פון דער רעוואָלוציע.

ניט קאָרנילאָוו גייט אויף אונז, נייערט ווילהעלם מיט זיינע חיילות.

אַרבעטער און פויערים, בלויז אַ נס קען ראַטעווען די רעוואָלוציע; בלויז אַ גרויסע באַגייסטערונג, אַ גרויסער אויפשטייג פון דעם פאָלקס כוחות, אַ גרויסער קרבנות־גרייטער אָנשטרענג.

שטייט אויף כל־זמן עס איז ניט שפּעט. שטעלט זיך איין פאַר דער רעוואָלוציע. די רעאַקציע קריכט צו אַלץ נעענטער. אָט קומט זי צו. אַז זי וועט צוקומען, וועט קומען אַ סוף צו אַלץ, צו אַלע אייערע האָפענונגען און באַשטרעבונגען, צו אייער פרייהייט.

וואָרעם אויב אין אוקריינע האָבן זיי באַשטימט אַ העטמאַן, וועלן זיי אין גרויסראַסייע אַוועקזעצן...

און אַלע אונדזערע קרבנות, די שרעקנעס פון די אויפגעהאַנגענע, פאַרצוקטע, פאַרחושכטע אויף קאַטאָרגע, פאַרשמאַכטע אין די געפענגענישן, אין די פעסטונגען און קאַזעמאַטן, אין די תפיסה־קעלערן, — וועלן זיין אומזיסט, וועלן גיין אין ניוועץ.

און די גרויסע היסטאָרישע טראַגעדיע, די טראַגעדיע פון אונדזער באַפרייאונגס־באַוועגונג, וועט זיך ענדיקן מיט אַ קלאַסישן פינאַל, מיט דעם טויט פון פרייהייט.

און יענער טאָג וועט זיין אַ שוידערלעכע קאָשמאַרן־נאַכט פון פאַרשקלאַפעריי, פון פינצטערניש אָן איין האָפענונגס־שטערן.

אָבער דאָס וועט ניט פּאַסירן!

אַלע, אַלע פאַר דער פאַרטיידיקונג פון פרייהייט, פון אונדזערע מענטשלעכע רעכט!

רוסלאַנד דאַרף זיך איבעראַנייס אָנצינדן מיטן פלאַם־פייער פון אויפשטאַנד.

אַ סוף צו פחדנות, אַנטמוטיקונג!

אַוועק פונדאַנעט איר ענגהאַרציקע קליין־נשמהדיקע פחדנים מיט אייער שענדלעכן רויבערישן מערדערישן קאָנטררעוואָלוציאָנערן פרידן!

ווי איר האָט פאַר דעם געשריען, „נידער מיט דעם קריג!" דאַרפט איר איצטער אַ געשריי טאָן אויף גאַנץ רוסלאַנד, אויף דער גאַנצער וועלט: „ני־דער מיט דעם שלום! נידער מיט דעם שלום געשלאָסן מיט דייטשלאַנד, די רויבער פון דער רעוואָלוציע".

נידער מיט דעם קאָנטעררעוואָלוציאָנערן שלום!
עס לעבט די רעוואָלוציע!

(„אַנאַרכיע", דעם 10טן מיי, 1918)

איך האָב איבערגעזעצט די עטלעכע לייטאַרטיקלען און אַרטיקלען, וואָס זיינען געשריבן און פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין 1918, כדי אויפצוכאַפּן אַט־יענע שטימונגען, פון וועלכע איך בין געווען באַהערשט, און זיי איבערגעגעבן אין זייער פרישקייט צום לייענער אין יאָר 1956. אויפלעבן זיי און איבער־געבן אין זייער לעבעוודיקער צאַפּלדיקייט האָב איך אַנדערש ניט געקענט. אַ שאָד, וואָס אַזוי ווייניק פון זיי האָט זיך מיר איינגעגעבן צו קריגן, און דאָס בילד פון מיינע איבערלעבונגען און רעאַגירונגען איז ניט אַרויס אַזוי אויסגערונדיקט ווי איך וואָלט וועלן.

אונטערפירנדיק דעם סך־הכל: לענין האָט באַזירט זיין סטראַטעגיע אויף דער פאַלשער הנחה, אַז דייטשלאַנד גייט זיגן און אַז דער דייטשער פּראָ־לעטאַריאַט וועט מאַכן אַ רעוואָלוציע. נאָך אַ זיג מאַכט מען ניט קיין דער־פאָלגרייכע רעוואָלוציע. דעם חשבון פון דייטשלאַנדס זיג האָט ער געמאַכט אָן די אמתע באַלעבאַטים, די אַליאירטע.

די רוסישע רעוואָלוציע, אַלס אַ באַפרייאונגס־באַוועגונג איז דערשטיקט געוואָרן, אָבער רוסלאַנד אַלס אַן אימפּעריע האָט זיך געראַטעוועט. ווי אַזוי? דווקא דורך די אַליאירטע, וואָס האָבן באַזיגט דייטשלאַנד און ממילא איז דער ברעסט־ליטאָווסקער שלום־אָפּמאַך פאַרוואָרפן געוואָרן.

רוסלאַנד איז טאַקע באַזיגט געוואָרן אין קריג פון דייטשלאַנד, אָבער דאָס האָט ניט געמיינט, אַז דייטשלאַנד קומט אַרויס אַ זיגערן. זי האָט באַ־וויזן צו צעשלאָגן רוסלאַנד, אָבער ניט די איבעריקע אַליאירטע, צו וועמען „די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון אַמעריקע" זיינען צוגעשטאַנען.

לויט דעם ברעסט־ליטאָווסקער שלום־אָפּמאַך האָט רוסלאַנד אָפּגעגעבן צו דייטשלאַנד, ד. ה. „צו די צענטראַלע מאַכטן": פינלאַנד, פּוילן, עסטאָניע, קורלאַנד, ליטע, אוקריינע און בעסאַראַביע. דערצו איז געקומען אַרדאַהאַן, קאַרס און באַטום — צו טערקיי.

דעם 11טן נאָוועמבער 1918, אונטער די באַדינגונגען פון וואָפנשטיל־שטאַנד צווישן דייטשלאַנד און די אַליאירטע, איז דער ברעסט־ליטאָווסקער אָפּמאַך אַנולירט געוואָרן. מיט צוויי טעג שפּעטער האָט אויך סאָוויעט־רוס־לאַנד מבטל־געמאַכט דעם שענדלעכן אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד.

15

אַנאַרכיע — פּאַרבאָטן

עס איז יוני 1918.

אויף פיל פאַבריקן שטרייקן די אַרבעטער. אין מאָסקווע הערשט אַזוי גוט ווי אַ הונגער. די אַטמאָספער איז אָנגעלאָדן מיט אומרו. די טעגלעכע צייטונג „אַנאַרכיע" האָט דער מאָסקווער סאָוויעט אָפּגעשטעלט צוליב מיינע אויפרייצנדיקע אַרטיקלען. פאַרשטייט זיך, אַז דער אָפּשטעל איז בלויז אַ „צייטווייליקער", ביז מאָסקווע וועט זיך אַביסל באַרואיקן, און אויך מעגלעך אַז דער אָפּשטעל איז גאָר אַ מיספאַרשטענדעניש.

מע האָט מיך אויפגעפאָדערט צו קומען אין דער פּרעסקאָמיסיע און אויסלייגן מיינע טענות לטובת דער צייטונג. און אויב מיינע טענות וועלן זיין גוט־באַגרינדעט, וואָגיק, ד. ה. אויב זיי וועלן נושא־חן זיין ביי די אדונים, וועט מען אונדז דערלויבן פאַרזעצן דאָס אַרויסגעבן דעם אָרגאַן פון דער „מאָסקווער פעדעראַציע".

איך בין געקומען און געזאָגט מיינע עטלעכע ווערטער און אויך געענטפערט אויף דער קאַרדינאַלער פראַגע, וואָס עס האָט מיר געשטעלט דער פאַרזיצער פון דער קאָמיסיע.

מיין רעדע איז געווען אַ קורצע, שוין גאָר אַ קורצע:

„איך האַלט פאַר נידעריקער פון מיין ווערדע אַלס אַ רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין דעם אָקטאָבער־איבערקער, און אויך נידעריקער פון אייער ווערדע, מיטגלידער פון „פּרעסקאָמיסיע פון מאָסקווער סאָוויעט", צו דערקלערן אייך, אַז מיר, רעוואָלוציאָנערן פון דער אָקטאָבער־איבערקערעניש, זיינען פולשטענדיק באַרעכטיקט צו געניסן פרייהייט פון מינדלעכן און שריפטלעכן וואָרט אין רוסלאַנד אין דעם נאָך־אָקטאָבער פעריאָד.

„מיר זיינען אויסגעשפּראָכענע קעגנערס פון דעם רעזשים, וואָס איר האָט איינגעשטעלט און האַלט אים אָן מיט געוואַלט־מיטלען, וואָס איר ווענדט אָן קעגן אונדז רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן געקעמפט שולטער־צו־שולטער מיט אייך אין די אָקטאָבער־טעג.

„מיר זיינען, איך חזר איבער, ק ע ג נ ע ר ס פון דער סאָוויעטנמאַכט, אָבער, איך אונטערשטרייך עס שאַרף און שטאַרק, בשום אופן ניט קיין פיינט. צום באַדויערן, ווי איך זע, ציט איר ניט דורך קיין אָפּגרעניצונג־ליניע צווישן די צוויי; איר באַגרייפט ניט דעם אונטערשייד פון דער באַציאונג צו אייך פון אַ קעגנער און אַ פיינט.

„איר באַהאַנדלט אונדז, ווי מיר וואָלטן געווען אייערע פיינט. מיר זיינען אָבער ניט קיין פיינט, נייערט קעגנערס. דאָס מיינט, מיר טוען אַלץ, וואָס נאָר מיר קענען, כדי צו שטופּן אייך גיין אויף לינקס, ניט לאָזן אייך גיין אויף רעכטס און אָוועקגיין פון די אָקטאָבערצוזאָגונגען און באַשטרעבונגען. מיר זיינען מיט אונדזער שאַרפער אַרונטעררייסנדיקער קריטיק פון אייערע האַנדלונגען ניט אויסן אייך אַראָפּצושטירצן און פאַרנעמען אייער פּלאַץ. מיר

זיינען אויסן איין צוועק און דאָס איז אויפקלערן די אַרבעטער־מאַסן, אַז זיי זאָלן אויסאיבן אַ שטאַרקן דרוק אויף אייך און צווינגען אייך מקיים־צו־זיין די הבטחות, וואָס אָקטאָבער האָט געגעבן.

„איינס אַוועק.

„און וואָס איר פרעגט מיך, אין וועלכן טאָן איך וועל שרייבן מיינע לייטאַרטיקלען, אויף דעם קען איך אייך ענטפערן קורץ: איך וועל ניט שרייבן אונטער קיינעמס דיקטאַט; איך שרייב ווי איך פאַרשטיי און פיל. עס איז אַ זאַך פון מיין אָפּשאַץ פון דער פּאָליטישער לאַגע אין רוסלאַנד און אין אויס־לאַנד און עס איז אַ פראַגע פון מיין געוויסן אַלס אַ רעוואָלוציאָנער און שרייבער. דער טאָן ווענדט זיך אָן מיין שטימונג. איך קען בנוגע אָט־דער זייער דעליקאַטער אָנגעלעגנהייט ניט געבן קיין שום פאַרשפּרעכונגען, וואָס וואָלטן מיך פאַרענגען און באַגרעניצן.

„בנוגע אונדזערע אָנשויאונגען וועלן מיר ניט איינגיין אויף קיין שום קאָמפּראָמיסן. מיר דינען די אינטערעסן פון אַרבעטער־קלאַס און מיר זיינען פאַר דער פאַרטיפונג און אויסברייטערונג פון די דערגרייכונגען פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע".

איך ענדיק מיט איבערחזרן, כאָטש ניט וואָרט ביי וואָרט, וואָס איך האָב געזאָגט אין אָנפאַנג: עס וואָלט זיין אַ חרפה און אַ שאַנדע אי פאַר מיר און אי פאַר אייך, אַז איך זאָל דאַרפן אייך אויפווייזן, אַז מיר האָבן אַ רעכט צו געניסן דאָס פולע רעכט פון פרייהייט פון דער רעוואָלוציאָנערער פּרעסע.

איך האָב געענדיקט. מע האָט מיך געבעטן אַרויסגיין — און וואַרטן אין אַ צווייטן צימער.

צען מינוט שפּעטער האָט מען מיר געלאָזט וויסן, אַז דער באַשלוס פון דער קאָמיסיע איז — צו פאַרבאָטן די ציייטונג.

איך בין אַוועק. מיך האָט עס שטאַרק פאַרדראָסן, אָבער ניט צופיל גע־קרענקט. איך האָב באַגריפן, אַז ווען איך וואָלט אַפילו איצטער באַוויזן אָפּ־צושרייען די גזירה, וואָלט די ציייטונג סיי ווי געהאַט כרת־ימים; מע וואָלט זי פאַרבאָטן מיט אַ חודש אָדער צוויי שפּעטער. די צענזור־שרויפן זיינען מיט יעדן טאָג געוואָרן שטייפער. זיי האָבן ניט געקענט דולדן אונדזער פּאָליטישע ווירקונג אויף די מאַסן און זיי האָבן ניט געקענט אונדז מוחל־זיין, וואָס אונ־דזער ציייטונג האָט אַ גרויסע צירקולאַציע צווישן די אַרבעטער.

מיר זיינען געווען געצוואונגען, בלית ברירה, אָפּצוטרעטן צו די צוגע־גרייטע צווייטע פּאָזיציעס: אַריבערגיין צו אויפקלערערישער טעאָרעטישער פּאָלעמיק מיטן מאַרקסיזם. ווייל פּאָליטיש, אין דער קעגנוואַרט, האָבן מיר פאַרשפּילט; אין האַרבערע ווערטער: מיר זיינען אָנטוואָפנט. און אונטער די באָלשעוויקעס האָט געגילט בלויז דער אַרגומענט פון געווער, ניט דאָס גע־ווער פון אַרגומענט.

און וויבאַלד מיר האָבן פאַרלאָרן אונדזער געפעכט מיט די באָלשעווי־קעס סיי אין פּעטראָגראַד און סיי אין מאָסקווע, האָבן מיר פאַרלאָרן אין גאַנץ רוסלאַנד. די פּראָווינץ, ווי שטאַרק אונדזערע חברים זאָלן ניט זיין אין איי־

ניקע שטעט אָדער אַפילו געגנטן, ווי דהיינו אין אוקריינע, וועט די סיטואַ־ציע ניט קענען ראַטעווען. די איניציאַטיוו האָט געדאַרפט קומען פון דער מעטראָפּאָליע, ניט ערגעץ פון אַ העק. און די גרויסע אימיטאַציע־צענטערס, צו וועלכע מע קוקט אַרויף און וועלכע מע טוט נאָך, געפינען זיך אין די הענט פון די באָלשעוויקעס, און מיר זיינען אין זיי פאַרדרענגט און פאַר־פאָלגט.

אַלץ וואָס מיר וועלן קענען טאָן פון היינט־אָן און ווייטער איז פירן אַ טעאָרעטישע פּאָלעמיק; אין פּאָליטישן קאַמף האָבן מיר געליטן אַזאַ נידער־לאַגע, אַז מיר וועלן צו אונדזערע פריערדיקע כוחות מער ניט קענען קומען.

דאָס איז אָבער ניט געווען די אַלגעמיינע אָנגענומענע מיינונג. אַ טייל חברים האָבן געהאַלטן, אַז מיר דאַרפן נעמען אַרבעטן אונטערערדיש, אָדער אָוועקפאָרן קיין אוקריינע און פּרובירן זיך דאָרטן פּאַרפּעסטיקן. שפּעטער־צו האָט זיך געשאַפן אַן אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע. אַפילו אַ צאָל נומערן פון „אַנאַרכיע" האָט זי באַוויזן אַרויסצוגעבן אומלעגאַל. איך האָב זיך אין איר ניט באַטייליקט.

אונטערערדישע אַרבעט קען ניט געטאָן ווערן לחצאין, הייסט עס, אַז מע וועט זיך דאַרפן אָפּגעבן מיט טעראָר. מע קען זיך ניט באַגענוגענען מיט ריידן און שרייבן. און אויף אָנווענדן טעראָר קעגן די סאָוויעטן, — אויף דעם האָב איך ניט געקענט איינגיין. מיין שטאַנדפּונקט איז געווען קלאָר פאָרמולירט: איך בין אַ קעגנער, אָבער ניט קיין פיינט.

XI

איך מעג בענטשן גומל

1918, מאָנאַט יולי. די ליקווידאַציע פון די לינקע ס. ר. מאַריאַ ספּי־רידאָנאָוואַ איז אַרעסטירט.

מע לאָזט מיר וויסן פון דער טראַמוואַיען־הויפּט־סטאַנציע, וואָס האָט זיך געפונען אויף דעם „מיידן־פעלד" (דיעוויטשע פּאָלע), וואו ס'זיינען אויך געווען די רעמאָנט־װערקשטאַטן, אַז אַ מיטגליד פון „ווציק" (ראשי תיבות פון „אַלרוסלענדישן צענטראַלן עקזעקוטיוו קאָמיטעט" פון די סאָוויעטן) וועט היינט דאָרט ריידן און פאַרגלעטן די מעשה פון אַרעסט, און מע בעט מיך קומען און אים אָפּאָנירן.

איך לאָז זיך ניט בעטן. איך קום. ער, דער מיטגליד פון „ווציק", האַלט אינמיטן ריידן. ער שיט פּעך און שוועבל אויף די לינקע סאָציאַליסטן־רעוואָ־לוציאָנערן. ווי נאָר ער ענדיקט, נעם איך דאָס וואָרט. איך אַנטוויקל מיין גע־דאַנק וועגן דעם, אַז די באָלשעוויקעס האָבן ניט קיין רעכט צו אַרעסטירן די, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין אָקטאָבער־איבערקער. איך גיב אַ שאַרפע־פאַרניכטנדיקע קריטיק פון דעם באָלשעוויסטישן רעזשים, וואָס האָט באַראַ־

בעוועט די אַרבעטער, צוגענומען ביי זיי די פּאָזיציעס, וואָס זיי האָבן דער־אָבערט אין אָקטאָבער.

די אויערן פון ווציק־מיטגליד ווערן „אָפּגעבריט“ פון מיינע חירוף־וגידוף־רייד, און איבערהויפּט נאָך, אַז ער זעט, אַז מיין „לעסטערונג“ נעמט שטאַרק אויס ביי די אַרבעטער און זיי ווערן גאַרניט מיד מיר צו אַפּלאָדירן. זיי מאַכן מיר שיעור ניט קיין אָוואַציע. ווערט ער אַן אויפגעקאָכטער אויף מיר, דעם קאָנטררעוואָלוציאָנער, וואָס פאַרדאַרבט די אַרבעטער, און ציט אָפּ, פאַרלאָזט דעם זאַל דעמאָנסטראַטיוו.

ניט ווייט פון דער סטאַנציע איז דאָ אַ קאַזאַרמע, וואו עס האַלט זיך אויף אַ רעגימענט פון די „לעטישע שיסערס“ („לאַטישעסקיע סטרעלקי“), די געדונגענע חיילות, אויף וועלכע די סאָוויעטנמאַכט אין יענער צייט האָט זיך הויפּטזעכלעך געשטיצט. זי האָט די רוסן ניט געקענט טרויען.

איך שטיי און רייד היפּש היציק וועגן דער רעוואָלוציע און וועגן דער רעאַקציע, וואָס רוקט זיך אויף אונז פון אַלע זייטן און פון סאַמע מיטן. מיט יעדן טאָג ווערט ערגער, ווי עס איז צו זען פון דעם, וואָס מע ליקווידירט איין רעוואָלוציאָנערע ריכטונג נאָך דער אַנדערער.

ערשט די טיר עפנט זיך און דורך דער טיר רוקט זיך אַריין אַ זעלנער מיט אַ ביקס אויפן אַקסל. ער בלייבט שטיין צוגעפּרעסט צו דער וואַנט ביי דער סאַמע טיר.

לכתחילה מיין איך, אַז ער איז צופעליק פאַרבייגעגאַנגען און ער האָט געזען, אַז ס'קומט פאָר אַ מיטינג און אַ רעדנער שטייט און רעדט, האָט ער זיך פאַראינטערעסירט, „זיין נשמה איז אויך ניט קיין ראָזשינקע“, און איז אַריין אין זאַל הערן אַ „רעוואָלוציאָנעריש וואָרט“. מיין מיינען ווערט פאַר־פעסטיקט פון דעם, וואָס דער זעלנער לאָזט פון מיר קיין אויג ניט אַראָפּ. ער הערט מיטביידע חושים הן מיט די אויערן און הן מיט די אויגן. אַזוי ווי ער איז ניט קיין רוס, און רוסיש איז ניט זיין מוטערשפּראַך, פאַרלאָזט ער זיך ניט אויפן אויער אַליין; ער וויל אַז זיין אויג זאָל אויך „צולייגן אַ האַנט“ צום געהער־אָנשטרענג.

אַביסל שפּעטער קומט צו אַ צווייטער זעלנער. דער ערשטער מאַכט איין טראָט ווייטער אין דער ריכטונג פון דער טריבונע. איך מיין נאָך אַלץ אַז איך צי צו צוהערערס; אַז דער צווייטער האָט זיך פאַרקוקט אויפן ערשטן און ער איז אויך געקומען זיך קוויקן מיט מיינע רייד, כאָפּן כאָטשבי אַ קרושל פון דעם ענטוזיאַזם, וואָס שפּרייט זיך אויס אין זאַל. איך גיי אָן מיט מיין ריידן און קריטיקירן די באָלשעוויקעס און זייערע ליקווידאַטאָרישע האַנד־לונגען. איך ווער נאָך הייסער, היציקער, שאַרפער. פונקט ווי איך, אַזוי נעמט אויך דער עולם אויף די אַריינגעקומענע זעלנער ווי באַנעפּידאַ צוהערערס; אַי וואָס זייערע ווינטאָווקעס, וואָס זיי האַלטן אויף די אַקסלען? נו, זיינען זיי דאָך זעלנער, זיי גייען מסתמא פון קאַראַאול.

עס נעמט אפשר ניט מער פון צען מינוט און אין דער גאַנצער לענג פון דער וואַנט, פון דער טיר ביז נאָענט צו דער טריבונע, שטייט אויסגעצויגן

אַ שרענגע סאָלדאַטן מיט ביקסן אויף זייערע אַקסלען. איך באַגרייף שוין, אַז דאָס זיינען נישט קיין אומשולדיקע צוהערערס; אַז זיי זיינען אַריין מיט אַ געפּערלעכער כוונה. אין אַט־דעם מאָמענט, ווען נעמט מיר קלאָר ווערן די לאַגע, טיילט זיך איין זעלנער אָפּ פון דער וואַנט און לאָזט זיך גיין צו דער טריבונע; ער שטייט שוין מיט איין פוס אויפן ערשטן טרעפּל.

דער פאָרזיצער האָט אויגנבליקלעך אָפּגעשאַצט די סיטואַציע. ער רופט אויס מיט אַ שטאַרקער שטים, וואָס צעהילכט זיך איבערן זאַל:

— בלייבט אַלע אויף די ערטער! מיר וועלן טאַוואַרישטש גאַרדין ניט אַרויסגעבן!

צוויי מיטגלידער פון אַרבעטער־קאָמיטעט גיבן מיך אַ נעם אונטער די אָרעמס, פירן מיך אין גיכן אָפּ אין אַן אינעווייניקסטן צימער, פאַרשליסן די טיר, שטעלן אַ באַוואָפנטע וואַך ביי איר פון אינעווייניק און פון דרויסן.

דער עולם איז אויסער זיך. עס הערן זיך שטימען:

— אַזוי אומפאַרשעמט זיך אַריינצורייסן אין אַן אַרבעטער־פאַרזאַמלונג מיט מיליטער!

אין צימער זיינען מיר געזעסן אַ היפּשע גרופּע, דער גאַנצער אַרבעטער־קאָמיטעט, אַלע באַוואָפנטע, האָט מיך געהיט. דער גאַנצער עולם אין זאַל איז געבליבן גרייט מיך צו באַשיצן אין פאַל די לאַטישן וועלן אויפרייסן די טיר. זיי זיינען אַנטשלאָסן ניט לאָזן מיך אַריינפאַלן אין די לאַפּעס פון אַט־די געדונגענע הענקערס.

אַ טייל פון עולם איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען ערשט נאָכדעם ווי די לאַטישן האָבן איינציקווייז זיך אַרויסגערוקט פון זאַל.

מיר זיינען אָפּגעזעסן ביז פאַרטאָג פאַרשפּאַרטע. מע האָט אָפּגעקאָכט וואַסער און געטרונקען דעם קיפּיאַטאָק און פאַרביסן מיט שוואַרצן ברויט. צווישן איין זופּ און אַ צווייטן האָבן מיינע באַשיצערס און באַשירמערס גע־האַלטן אין איין טענהן: „אין אַלץ זיינען שולדיק די זשידעס און די לאַטישן" („עטאָ וסיאָ זשידי דאַ לאַטישי").

אַז איך האָב די אַרבעטער אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז מע קען אַזוי ניט זאָגן, ווייל איך בין דאָך אויך אַ ייד, האָבן זיי מיר געענטפערט: „דו ביסט גאַרדין!" דאָס הייסט: איך בין אַ סדרה פאַר זיך.

פרי־פאַרטאָג זיינען אייניקע פון קאָמיטעט אַרויס און באַקוקט די געגנט אַרום, צי קיין לאַטישן און טשעקיסטן שטעקן ניט ערגעץ אין לויער און וואַרטן מיך אָפּ. אַז זיי האָבן איינגעזען, אַז דער וועג איז פריי, האָבן זיי אויף שנעל אַרויסגענומען אַ טראַמוויי־וואַגאָן, מיך אַריינגעזעצט אינעווייניק, האַלטנדיק מיך אונטער אַ גוט־באַוואָפנטער שמירה, געיאָגט דעם טראַם־וויי־וואַגאָן אַזוי שנעל ווי מעגלעך, ניט מאַכנדיק קיין אָפּשטעל, און מיך געבראַכט בשלום צו מיין וואוינונג לעבן די ניקיטסקי טויערן.

מיר האָבן זיך האַרציק־פריינטלעך געזעגנט און געדריקט זיך די הענט. זיי האָבן נאָך אַלץ געהאַלטן אין איבערחזרן זייער פּזמון, אַז אין אַלע אומ־גליקן פון דער רעאַקציע זיינען שולדיק די יידן און די לאַטישן.

איך האָב געמעגט בענטשן גומל, די אַרבעטער האָבן מיך גערצטעוועט פון דערשאָסן ווערן דורך אַ „מיספאַרשטענדעניש"...

XII
צוויי מאָל דערשיסן

1918. געוואוינט האָב איך דעמאָלט לעבן די „ניקיטסקי־טויערן", אין אַ רייך, שיין מעבלירט הויז. דער אייגנטימער איז געווען אַן ענגלענדער. דאָס הויז איז רעקוויזירט געוואָרן און אַהין האָט זיך אַריינגעצויגן אַן אַר־בעטער, וואָס איז פאַר דער צייט אַרויף אַ פּאָר טרעפּלעך העכער און איז גע־וואָרן אַ קאָמיסאַר, ניט פון די „גרויסע בערן".

ווי קום איך אַהין?

באַרמאַש האָט מיר איבערגעגעבן, אַז אין דעמדאָזיקן הויז קען איך קריגן אַ צימער. דער קאָמיסאַר, אַ געוועזענער אַרבעטער, איז זייגער אַ פריינט, און מיך קען ער אויך זייער גוט. ער האָט מיך פיל מאָל געהערט ריידן.

מער ווי איין צימער, אייגנטלעך אַ שלאָפצימער, האָב איך ניט פאַר־נומען. אָבער דער צימער איז געווען אַ גראַמער, מיט גרויסע פענצטער פול מיט ליכט. און דאָ, אין מיין צימער, איז געווען די „רעדאַקציע", איידער מע האָט צוגעמאַכט די צייטונג „אַנאַרכיע", נאָך אונדזער אַנטוואָפענונג. אַהער פלעגט קומען באַרמאַש, אַטאַבעקיאַן און אַנדערע מיטאַרבעטער, פריינט און חברים.

מאָנאַט אויגוסט. די צייטונג איז שוין לאַנג געווען געשלאָסן. קיין זי־צונגען קומען שוין ביי מיר ניט פאָר. אין שטאָט האָט זיך שטאַרק גערודערט. עס איז געווען עפּעס אַ חגא. די כומרים האָבן אויפגערודערט דעם קירכן־עולם. זיי האָבן צוגעגרייט אַן אימפּאָזאַנטע פּראָצעסיע. זיי האָבן מאַרשירט מיט כאָרוגוויעס, קירכן־פאָנען מיט בילדער פון הייליקע און אויך מיט פרוד־מע אויפשריפטן.

די סאָוויעטנמאַכט אין מאָסקווע איז געוואָרן נערוועז. האָט דערוואַרט דאָס ערגסטע און האָט אַרויסגעגעבן אַ דראַקאָנישן דעקרעט: יעדער איינ־וואוינער מוז זיין רעגיסטרירט אין פּאָליציי־באַצירק פון זיין וואוינפּלאַץ, און ווער עס וואוינט אָן רעגיסטראַציע, אָן אָנגעבן זיין נאָמען, אַדרעס און באַ־שעפטיקונג, וועט דערשאָסן ווערן; אויך ביי וועמען מע וועט געפינען גע־ווער — וועט דערשאָסן ווערן.

אין יענער צייט, אונטער דעם טראָצקי־רעזשים, האָט מען כסדר גע־שאָסן; פאַר יעדער קלייניקייט, ווי ברענגען שפּייז קיין מאָסקווע אין זעקלעך, האָט מען, לויט דעם ווילד־באַרבאַרישן באַפעל פון „לעאָן דעם שרעקלעכן" קעגן די זעקל־לייט („מיעשאָטשניקי") — דערשאָסן.

איך האָב, נאַטירלעך, זיך געמאַכט ניט־וויסנדיק פון דעם דעקרעט. איך

האָב געטראַכט: די טשעקאַ ווייסט דאָך, וואו איך געפינען זיך, איז צו וואָס דאַרף איך זיך מעלדן אין פּאָליציי־באַצירק, כדי אינצוווייען זאָל זיין שטאַר־קער? אין זעלביקן הויז געפינט זיך אַ קאָמיסאַר. וועט דען די טשעקאַ אים ניט אויסנוצן און ניט קריגן פון אים קיין ידיעות וועגן מיר און וועגן מיין וואוינען ביי אים, — דאָס איז דאָך אַן אוממעגלעכקייט.

עס איז אַן איבעריקע זאַך און אַ נאַריש העסלעכע פּראָצעדור און איך האָב זיך ניט געמעלדעט אין פּאָליציי, אָדער, ווי מע רופט עס איצט, מיליציע. נעמען בייטן דען אַנשטאַלטן?

די טשעקאַ, הפנים, איז ניט געווען באַפרידיקט מיט דער מאַגערער אינ־פאָרמאַציע, וואָס זי האָט געקענט קריגן פון דעם שטיקל קאָמיסאַר, וואָס איז אַ גאַנצן טאָג ניט געווען אין הויז; אגב: מיין צימער האָט געהאַט זיין איי־גענעם אַריינגאַנג און ער האָט ניט געקענט נאָכשפּירן געגוג און באמת וויסן, וואָס עס טוט זיך ביי מיר, ווער ס'קומט און ווער ס'גייט אַוועק און ווען.

האָט מען געדאַרפט צוטראַכטן עפּעס אַ פאַרטל, וואָס זאָל געבן אַ גלאַטן אויסרייד פאַר מאַכן אַ זוכונג אין מיין צימער און עס זאָל ניט אויס־זען אַז מע האָט מיך און מיינע חברים אין זינען. וועט די טשעקאַ זיך ניט געבן קיין עצה, ווען זי האָט אַזויפיל מיטלען צו איר דינסט?

האָט מען אויסגעטראַכט אַז דער קאָמוניסט־קאָמיסאַר האָט באַגנבעט. דאָס האָט געמיינט אַזוי: ער האָט געהאַט אַ רעכט צו פאַרנעמען דאָס הויז פאַר זיך ווי אַ דירה און אַרויסזעצן דעם אייגנטימער. אָבער ער האָט ניט געהאַט קיין רעכט, אָן ספּעציעלער דערלויבעניש פון דער סאָוויעטנמאַכט, זיך אָנצואייגענען די זאַכן, וואָס האָבן זיך געפונען אין הויז, איבערהויפּט האָט ער ניט געטאָרט נוצן די וועש, ליילעכער, האַנטעכער, טישטעכער, מיט וואָס אַלע שראַנק־שופלאַדן זיינען געווען אָנגעשטאָפּט אַזוי, אַז עס איז גע־ווען זיי שווער צו עפענען.

בקיצור, דער קאָמיסאַר האָט זיך אויפצופלייסן באַגנבעט און די טשע־קאַ האָט אים קלאָמפּערשט אַרעסטירט. די טשעקאַ האָט אויסגענוצט די גע־לעגנהייט פון דער „אומגעהערטער" גניבה, האָט אָפּגעחתמעט דאָס גאַנצע הויז און האָט אַוועקגעשטעלט אַ וואַך סיי ביי דער טיר פון פאָרנט און סיי ביי דער טיר פון הינטן, ד. ה. אין קיך.

איצטער האָב איך זיך געפונען אונטער אַן אייגנאַרטיקן שטובאַרעסט. איך בין פריי צו גיין און קומען. מ'האָט געקענט צו מיר קומען און אַוועק־גיין אומגעשטערט; מ'האָט בלויז באַאָבאַכט, און פאַרשטייט זיך, אַז מע האָט געלאָזט וועגן אַלע באַזוכערס און זייערע טועכצן וויסן אין טשעקאַ.

מיר האָבן זיך מיט קיין אונטערערדישער אַרבעט ניט פאַרנומען. איך האָב שאַרף קריטיקירט די סאָוויעטישע מאַכט, דערהויפּט די מאַרקסיסטישע לערע פון די באָלשעוויקעס. אָבער דאָס איז געטאָן געוואָרן אָפן. אין קיין פאַרשווערונגען קעגן די סאָוויעטן האָבן מיר מיט קיין האַנט ניט אַריינגע־שטעקט, אַפילו מיט קיין פינגער אויך ניט. מיך האָט ניט צופיל געקימערט,

וואָס איך בין געבליבן זיצן אין „גלעזערנעם הויז״; זאָלן זיי קוקן און זיך אויסקוקן די אויגן. ווען איך צי זיך אַרויס, וואָלט איך ערשט דעמאָלט אויפ־געוועקט אַן אומזיסטן חשד קעגן זיך. האָט מען מיך באַוואַכט פון אַלע זייטן, מיך געהאַלטן אונטער אַ שטרענגער שמירה. דער תירוץ־אויסרייד איז גע־ווען זייער אַ קאָמישער און אַ צו דינער. זאָל זיין, אַז דער קאָמיסאַר האָט צוגעלאַטכנט עטלעכע ליילעכער, קישנס, בעטגעוואַנט. נו, איז וואָס? מה רעש? ערשטנס האָט ער זיי דאָך ניט צוגענומען; זיי זיינען דאָך געבליבן אין הויז; ער האָט זיי בלויז אַריבערגעלייגט פון אַ שופלאָד אין זיינעם אַ קעסטל, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך, און ער האָט זיי געברויכט, ווי ער האָט געברויכט און גענוצט אַלץ, וואָס האָט זיך געפונען אין הויז. צווייטנס, זאָל זיין, אַז ער האָט יאָ אַרויסגענומען לייַלעכער און טישטעכער און זיי אַוועקגעגעבן זיינעם אַ שוואָגער, וואָס האָט געוואוינט ערגעץ אַנ־דערשוואו, ווי דער פּאַרצייל איז געגאַנגען, איז וואָס איז דער געפּילדער? דאַרף מען צוליב דעם אַרומרינגלען דאָס הויז מיט באַוואָפנטע שומרים?

אָבער אויך אויף אָט־דעם מאַנעווער פון דער טשעקאַ האָב איך ניט רעאַגירט. איך האָב זיך געמאַכט, אַז איך נעם בתמימות אָן די ווערסיע וועגן דער גניבה. זיי ווילן שפּיאָנירן און מאַכן דערביי אַן אָנשטעל, אַז זיי שפּיאָ־נירן ניט; מיר זיינען דאָך עפּעס טאָוואַרישטשעס, און די מאַכט איז אַ „סאָ־וויעטישע״. איז ווי פּאַסט עס, אַז זי זאָל זיך אָפּגעבן גאָר מיט אַזעלכע טועכצן, מיט וועלכע די פּאַראַכטע „אָכראַנקע״ האָט זיך אָפּגעגעבן אונטער דעם צאַרישן רעזשים?! איך האָב גערעכנט, אַז דאָס איז נאָך אויך גוט: „דער קאָזאַק שעמט זיך״. דאָס איז אַ מדרגה; איז לאָמיר אָנהאַלטן די פּיק־ציע און מיטשפּילן; דאָס וועט האָבן אויף זיי אַן איינטאָמענדיקע ווירקונג. — — —

ביי טאָג איז צו מיר געקומען חבר סאָבעליאָוו, גלייך פון וואָקזאַל. ער האָט מיר געבראַכט אַ גרוס פון ברודער וו. גאָרדין, מיט וועמען ער איז גע־ווען גאָר שטאַרק באַפריינדעט, איינער פון זיינע איבערגעגעבנסטע חסידים. ער איז אַריין צו מיר מיט אַ פּאַרטפעל, וואָס איז געווען אָן אָנגעשטאָפּטער. ער האָט מיר געזאָגט, אַז אַזוי ווי אין שטאָט איז אומרואיק וויל ער מיטן פּאָרטפעל, אין וועלכן עס ליגן קלענערע באַמבעס, זיך ניט אַרומטראָגן. לכן וועט ער זיי אָפּשטאָטן ביי מיר. אין אַ פּאָר טעג אַרום פאָרט ער צוריק קיין פּעטראָגראַד, וועט ער זיי אָפּנעמען. איך האָב געוואוסט, אַז מיין פּלאַץ איז געוויס דער אומזיכערסטער אין שטאָט, אָבער לאָזן אים אַרומגיין אין גאַס מיט באָמבעס — מיינט אים אַרויסטראָגן אַ טויט־אורטייל, ווייטער, איך גופא — קען אַמאָל אָפּשניידן פון אַזאַ מעשה טרוקן. לכן האָב איך אים, פאַרשטייט זיך, אויפגענומען זייער פריינטלעך און אויך זיין פּקדון האָב איך אָנגענומען צו היטן ווי אַ שומר־חינם, אָבער מיט דער אָפּגעהיטקייט פון אַ שומר־שכר. איך האָב פון דעם פּקדון ניט געמאַכט קיין איבעריקן ווזן. איך האָב די באָמבעס אַוועקגעלייגט אויף צייטווייליקער גניזה אין דער קליידער־שאַפע, וואָס איז געשטאַנען אין מיין צימער, און טאַקע אין אונ־

טערשטן שופלאָד. און זאָל זיין וואָס עס וועט זיין. עס זיינען פאַראַן מאָ־מענטן, ווען מע מוז ווערן אַ פאַטאַליסט.

דעם זעלביקן פאַרנאַכט איז געקומען אַ טשעקאַ־קאָמיסאַר, גאָר אַ יונגער אונטערזוכער־אויספאָרשער, אַן אויסגעפּוצטער, אַ נייער, נאָרוואָס „פון דער נאָדל". ער איז געקומען, קלאָמפּערשט, זוכן ביי דעם גנבֿ־קאָמיסאַר, און נע־מען אינווענטאַר פון דעם גאַנצן אייגנטום, וואָס האָט זיך געפונען אין הויז. איך בין געווען זיכער, אַז איינער פון די באַוואָפנטע שומרים, וואָס פלעגן זיך בייטן צוויי מאָל אַ טאָג, האָט איבערגעגעבן אין טשעקאַ אַז צו מיר איז אַריין אַ חבר מיט אַ פולן פּאָרטפעל און איז אַרויס מיט אַ ליידיקן; דעריי־בער האָט מען גלייך געשיקט דעם אונטערזוכער. אויסער דעם האָב איך דאָך געוואוסט, אַז די אויפגעבלאָזענע מעשה מיט דער גניבה איז דאָך אויסגע־טראַכט געוואָרן צוליב מיינעטוועגן, מע זאָל קענען מאַכן אַ זוכונג ביי מיר אין צימער. זיי שפּילן אַ קאָמעדיע, לאָמיר מיטשפּילן אויפּצופּלייסנס — און זען, מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן.

אַ לייכטער קלאַפּ אין טיר.

איך עפן.

— קען מען אַריין?

— זיכער. קומט אַריין. אדרבה ואדרבה.

דער יונגער קאָמיסאַר שטעלט זיך פאָר. ער איז זייער העפלעך. ער פרעגט מיך, צי איך וועל אים דערלויבן אַ קוק טאָן אין שאַפע, און ער דערציילט מיר פונדאַסניי די גאַנצע מעשה מיט דעם קאָמיסאַר און דעם סקאַנדאַל מיט די וועש, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. ער באַטאָנט שטאַרק, אַז ער איז ניט געקומען מאַכן קיין הויזזוכונג ביי מיר, חס־ושלום. איך זאָל אַזאַ טראַכטעניש אויפן געדאַנק ניט אַרויפלאָזן. זיי זוכן וועש און פאַרציי־כענען אַלץ וואָס געפינט זיך אין הויז לויט דער ליסטע, וואָס דער אַרויס־געזעצטער אייגנטימער האָט זיי צוגעשטעלט.

איך ענטפער העפלעך און קלאָמפּערשט גלייכגילטיק. אָבער דאָס האַרץ האָט אַ טיאָכקעַ געטאָן.

— זיכער קענט איר אַ קוק טאָן אין שאַפע און אין די שופלאָדן.

ער רופט אַריין די צוויי אַגענטן, וואָס זיינען געקומען מיט אים. ער הייסט זיי אַ קוק טאָן אין שאַפע און פאַרצייכענען אַלץ, וואָס זיי וועלן דאָרט געפינען. אויך אַ קוק טאָן אין די שופלאָדן.

זיי דאַרפן לאַנג ניט זוכן.

ווי נאָר זיי האָבן געעפנט דעם אונטערשטן שופלאָד אַזוי האָבן זיי דערזען, ווי דריי באָמבעס ליגן זיך צוגעטוליעט איינע צו דער אַנדערער און איינע געראָטן אין דער אַנדערער, ווי איין מאַמע וואָלט זיי געהאַט.

איך שטיי דערביי און באַאָבאַכט די פּנימער פון דעם יונגינקן קאָמי־סאַר און די צוויי אַגענטן. ער ווייזט ניט אַרויס קיין צייכן פון איבעררא־שונג אָדער באַוואונדערונג; פאַרקערט, ער איז עפּעס ווי אַנטוישט, וואָס ער

האָט ניט געפונען מער ווי דאָס. ער האָט זיך געריכט אויף מער און האָט זיך אָפּגענאַרט אין זיינע דערוואַרטונגען.

ער הייסט די אַגענטן אַריינלייגן די באָמבעס אין זיין פּאָרטפעל און אַז דער אַגענט פרעגט:

— פראָטאָקאָלירן?

ענפערט ער מיט אַ שטייפן קול גאַנץ רואיק:

— ניין.

ער מאַכט זיך ווי ער וואָלט איגנאָרירט די גאַנצע זאַך. ווי קיין זאַך איז דאָ ניט געשען.

די זאַך איז דאָך שוין אָפּגעטאָן. איך קען עס ערגער ניט מאַכן. און בעסער אויך ניט. מעג איך זיך פאַר די זעלביקע הוצאות אַ ווייצל טאָן. פאַר־לירן וועל איך דערביי גאָרניט.

די גמרא (פּסחים ע״ה ע״א) זאָגט: „ואהבת לרעך כמוך״ (ויקרא, י״ט, י״ח) (האָב ליב דיין מיטמענטשן ווי זיך אַליין), ברור לו מיתה יפה, — קלייב אויס פאַר אים אַ שיינעם טויט. און זיך האָט דאָך דער מענטש זיכער ליב, איז אַז עס קומט צום שטאַרבן, דאַרף מען זען שטאַרבן שיין, זיך ניט שרעקן, יעדנפאַלס ניט אַרויסווייזן דעם פּחדן, דאָס קליינע נפשל, וואָס גע־פינט זיך אין אונדז.

גיב איך אַ זאָג, ווי מאַכנדיק פון גאַנצן ענין אַ שפּאַס:

— איצט וועט איר מיך דערשיסן צוויי מאָל, איין מאָל פאַר וואוינען אין הויז אָן רעגיסטרירט זיין און אַ צווייטן מאָל פאַר האָבן געווער.

דער יונגער קאָמיסאַר האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק.

ער האָט זיך העפלעך פאַרנייגט און איז אַרויס פון צימער.

XIII
דער האַרטער מענטש

נאָך דעם ווי מע האָט ביי אונדז צוגענומען אונדזער הויפּט־קוואַרטיר, האָבן מיר, דאָס הייסט די „מאָסקווער פעדעראַציע״, זיך אַריינגעקליבן אין אַ גאַר אויסטערלישן פּלאַץ, — אַ מין נידעריקע, חושכדיקע חורבה מיט קליי־ניגקע פענצטערלעך, דורך וועלכע קיין ליכט האָט ניט געקענט זיך דורכ־שטופּן, אַזוי פאַרקויטיקט און פאַרשמירט זיינען זיי געווען. ווי אַזאַ פאַרזעעניש פון אַ געביידע האָט געהאַט די חוצפּה צו שטיין אין סאַמע צענ־טער פון מאָסקווע, אין אַ געסל, וואָס האָט זיך אָפּגעצווייגט פון טווערסקאַיאַ און האָט געהייסן „באַסטאַסינסקי פּערעאולאָק״, איז געווען און איז געבליבן פאַר מיר אַ רעטעניש.

פאַר אונדז איז דאָרט געווען דער „קאַפע פון פּאָעטן״, (זע „מאָסקווער פּאָעטן״), דאָס הויפּט־קוואַרטיר פון די פוטוריסטן און אימאַזשיסטן. דער גרונט־טאָן פון די ווענט און פּולאָפּ איז געווען סאַזשע־שוואַרץ. איבערגע־

צויגן זיינען זיי געווען מיט מיתה־משונהדיקע קאַלירן, וואָס האָבן געפּייניקט די אויגן און קוקנדיק אויף זיי האָט דער קאָפּ אַזש אַנגעהויבן ווי צו טאָן. דאָרט, אויף די ווענט און דעם פּולאָפּ, וואָס איז ממש געלעגן אויף דער נאָז, זיינען געווען טשיקאַווע באַרימערישע אויפשריפטן.

דער גאַנצער בנין איז געשטאַנען ווי אויף הינערשע פיסלעך. די טיר איז געווען אַזוי נידעריק, אַז אַפילו איך האָב געמוזט איינבייגן דעם קאָפּ, ער זאָל זיך ניט אָפּשלאָגן אָן פּריטאָלאָק.

אין זעלביקן פאַרוואָרלאָזטן צעקריפּלטן אויך־מיר־בנין, מיט איין טיר אַביסל ווייטער און מער צום הויף, האָט זיך געפונען אַ מין ווערקשטאָט פון אַ לאָטוטניק און דאָרט האָט אויך געוואוינט זיין פאַמיליע, אַ יונגע פרוי און אַן עופעלע, וואָס האָט זיך ערשט גענומען לערנען אַרומפּוזשען אויף אַלע פיר. ער איז געווען אַ יונגערמאַן ניט קיין רוס, טאַקע בפירוש אַ טאָטער. ער האָט קוים פאַרשטאַנען וואָס מ'רעדט צו אים אויף רוסיש. אין אָט־דער וואוי־נונג פון דעם „פאַרדינער", דעם לאָטוטניק, האָט געהערשט אַ דלות פון אַזאַ אינטענסיוויטעט, וואָס מ'האָט עס גאַרניט געזען אַפילו אין די פאַרוואָרפּנ־סטע דערפלעך. ער איז געווען אַן אויסגעדאַרטער, דאָס פנים פאַרחושכט. די באַקן איינגעפאַלן. ער האָט כסדר געהוסט אַזוי הילכיק, אַז מיר, זיצנדיק אין דער „פעדעראַציע", האָבן געהערט אים זעגן די לופט און די זעגעכץ און שפּענדלעך זיינען אַריינגעפאַלן צו אונדז אַדורכגייענדיק דאָס דינע מחיצה־ווענטל. וואָס איז דער וואונדער? די דירה איז געווען אַ פייכטע, אַ ווילגאָטנע, אויפגעבויט, ריכטיקער אויפגעליעפּעט פון נאַסן ליים.

דער פאַרוואַלטער פון דעם פעדעראַציע־פאַרלאַג איז דעמאָלט געווען קרופּענין, אַ חבר פון אוקריינע. ער האָט גערעדט אַ גוטן רוסיש. בלויז מיט אַן אוקריינישן אַקצענט און חן. „גערעדט" מיין איך פּריוואַט. ער איז גאָר ניט געווען קיין רעדנער, גאָט באַהיט. זיין בילדונג? — פאַרשטאַנען אַ לייכט־פּאָפּולער געשריבענע בראשור. ער איז געווען מער אַ געפיל־אַנאַרכיסט ווי אַ קאָפּ־אַנאַרכיסט. ער איז אָבער דאָך געווען ניט קיין פייער־שלינגער, אַ גאַנץ מיושבדיקער, געהאַלטן זיך נאָענט צו דער ליניע פון שכל־הישר. געהאַט הינטער זיך יאָרן פון זיצן אין געפענגענישן אונטער דעם אַלטן רעזשים. דאָרט, אין דער תפיסה, האָט ער דורכגעמאַכט אַ „פּאָליטישע שול" און דאָרט האָט ער אויך געקראָגן די „פּראָלעטאַרישע קרענק", די ד ע ר.

ווינטער 1918.

אָט־די צייטן זיינען אין מאָסקווע געווען שווערע. עס איז פשוט ניט געווען וואָס צו עסן; וועגן פעטס איז גאָר אָפּגערעדט, עס איז ניט געווען בנמצא אָדער יקרותדיק מיט גאָלד צוגלייך און זיין אָרגאַניזם האָט געפאָ־דערט גוטע נערונג. פלעגט אים ממש אויסגיין דאָס חיות נאָך אַ שטיקל אוקריינישער „סאַלאָ" (חזיר־שמאַלץ). אַז חברים פלעגן קומען פון אוקריינע איינקויפן ביכער, פלעגן זיי פאַר אים ברענגען סאַלאָ, און ער פלעגט אויף אַ פּאָר טעג אָפּלעבן. פאַר זיינע לונגען איז דער פּלאַץ אין נאַסטאַסינסקי געווען סם־המוות: אָן זונשיין, פייכטע פאַרשטיקטע לופט. ער איז אָבער גע־

ווען דער אמתער סטאַיק. קיינמאָל קיין וואָרט ניט געזאָגט וועגן זיין געזונט־צושטאַנד. בלויז זיין אָפּט הוסטן און די איינגעפּאַלענע ברוסט און באַקן האָבן אים פאַרמסרט.

איך בין געווען אין דער „פעדעראַציע"; מסתמא געהאט אַ זיצונג, און זיך פאַרזעסן ביז שפּעט. דערנאָך אַוועק צופוס צו זיך. דער וועג איז געווען אַ לאַנגער. מע האָט געדאַרפט אדורכגיין גאַנץ דאָלגאָרוקאָווסקאַיאַ, פאַר־ביי בוטירקע און אַ היפּש ביסל ווייטער. די נאַכט איז געווען אַ קאַלטע; עס האָט געשנייט און געדרייט. עס איז געווען גליטשיק. די טראַטואַרן האָט מען ניט גערייניקט. אויפן וועג בין איך עטלעכע מאָל אַנידערגעפאַלן. קוים מיט צרות זיך אויפגעהויבן, זיך פאַרשטעקט ערגעץ הינטער אַ טויער, אָפּ־געכאַפּט דעם אָטעם און זיך געלאָזט ווייטער גיין אַנטקעגן דעם שניידנדיקן ווינט און פאַרבלענדנדיקן שניי. וואו אַריינצוגיין און זיך אָנוואַרימען און זיך אָפּרוען איז ניט געווען. אויפן וועג זיינען געווען עטלעכע טיי־הייזער, „טשאַי־ניעס". אָבער זיי זיינען געווען פינצטער און פאַרזיגלט. די רעגירונג האָט זיי געשלאָסן, ווי „פּלעצער פון ספּעקולאַציע". וואָס איך האָב דעמאָלט געטראַכט גייענדיק, פרירנדיק און פאַלנדיק פון די פיס וועגן אונדזערע „פּאַזשאַנדקעס", קענט איר זיך פאָרשטעלן. נים קיין טיי־צימער, ניט קיין קאַפע־הייזער, ניט קיין רעסטאָראַן אויף אַ שטח פון מיילן. איך האָב קוים אַ לעבעדיקער, אַ פאַרפראָרענער, אַ צעביילטער זיך דערשלעפּט „אַהיים". די „היים" — אַ צימער, וואָס איך און וו. גאָרדין, וואָס איז אָנגעקומען קיין מאָסקווע נאָכן חורבן פון דער פּעטראָגראַדער פעדעראַציע און נאָכן פאַרבאָטן דעם „בורע־ווייעסטניק" (שטורעם־אַנזאָגער), האָבן פאַרנומען בשותפות. עס איז געווען אָן ענגער שלאָפצימער, אין וועלכן ביי די צוויי אַנטקעגנאיבערדיקע ווענט זיינען געשטאַנען צוויי סאָפעס. די דירה האָט געהערט צו אַ חבר, אַן איבער־געבענער עספּעראַנטיסט. דאָס הויז האָט אים איבערגעלאָזט זיין פּעטער, וואָס איז אַנטלאָפן אין אַ שכניש לאַנד. די דירה האָט געהאט איין מעלה, וואָס האָט אַריבערגעוואויגן אַלע חסרונות, און דאָס איז געווען, וואָס זי האָט פאַר־מאָגט פּשוטע קאַכליע־אויוונס, וואָס מ'האָט געהייצט מיט בעריאָזע־האָלץ. און האָלץ האָט דער פּעטער צוגעגרייט פאַר זיך אַ גאַנצן שטעלכל און ער האָט דערלויבט עס צו געברויכן. אַזוי אַז אין מאָסקווער פאַרפראָרענעם מדבר האָבן מיר געקראָגן, — אַדאַנק דעם וואוילן חבר, וואָס האָט אגב מורא גע־האַט צו זיין אַליין אין הויז, מע זאָל אים ניט אַריינזעצן קיין מיטוואוינער, סאָלידיפיצירן אָדער קאָמפּאַקטירן (אופּלאָטניאַט), — אַ וואַרימען אַאַזיס און געבענטשט אונדזער מערכה...

אויף מאָרגן אינדערפרי, עס האָט קוים געשאַריעט אויף טאָג, די טעג זיינען געווען קורצע, מ'האָט געהאַלטן ביי דעם לעצטן חודש פון יאָר 1918,— ערשט מע קלאַפּט אין דער הינטערשטער טיר פון קיך. דעם פּאַראַדנעם אַריינ־גאַנג האָבן מיר געהאַלטן פאַרשפּאַרט, כדי צו שפּאָרן הייצונג, וואָס ווייני־קער אַריינגאַנגען, אַלץ ווייניקער ווינט און קעלט וועט אַריין.

אונדזער אַדרעס האָט קיינער ניט געוואוסט אויסער קרופּעניבען, צו וועמען איך האָב געהאַט דעם פולסטן צוטרויען.

איך עפן די טיר און ס'קומט אַריין קרופּעניק. איך האָב גלייך פאַרשטאַנען, אַז עפּעס אַ צרה איז שוין געשען. אַניט וואָלט ער ניט געקומען אַזוי פרי און זיך ניט געשלעפּט אַזאַ וויַיטן מהלך. דערצו האָט ער אויסגעזען אַזוי, אַז ס'איז געווען אַ שרעק צו קוקן אויף אים.

אין קורצע ווערטער האָט ער מיר איבערגעגעבן, וואָס ער האָט געוואוסט:

ער איז אַוועק פון דער „פעדעראַציע" אַביסל שפּעטער פון מיר. ער האָט זאָרגפעליק צוגעשלאָסן די טיר, אַוועק אויף זיין קוואַרטיר, ווי ער האָט עס געטאָן יעדע נאַכט. אַז ער איז היינט אינדערפרי ווידער געקומען אין „פעדעראַציע" האָט ער געפונען דעם שלאָס אַ צעבראָכענעם, די טיר גאָסטיעזש אָפן, די ביכער צעוואָרפן איבערן דיל; פון דער שכנישער דירה האָט זיך געטראָגן אַ יללה, ווי מע באַוויינט אַ טויטן. אויפן שניי, אין הויף און פאָרן הויז, שליאָדן פון בלוט. אין אַ ווינקל פון הויף הינטערן טויער ליגט דער לאָטוטניק אַ טויטער, אַ שלייף דורכגעשאָסן. עס איז געווען אַן איבערפאַל און אַ הויזזוכונג פון דער טשעקאַ. זי האָט דערשאָסן דעם אָרימען שוסטערל. מער ווייסט ער ניט. די אורזאַך פון איבערפאַל ווייסט ער ניט; ער איז געקומען מיר עס מיטטיילן און פרעגן וואָס צו טאָן.

— וואָס קען איך טאָן? איך וועל גיין אין מאָסקווער סאָוויעט, זען קאַמעניעוון, דעם פאָרזיצער, זיך באַקלאָגן. מער ווי זיך באַקלאָגן און כלאָפּאָטשען קען איך ניט און קיינער פון אונדז קען מער ניט.

אין אַ פאָר שעה שפּעטער בין איך שוין אין מאָסקווער סאָוויעט. איך זיץ אין גרויסן אָפּוואַרטצימער. איך פלעג קיינמאָל אַהין ניט גיין אָן אַ בוך. ס'רוב פלעג איך אַרומטראָגן אין קעשענע פאָר אַזעלכע וואַרטעניש־פאַלן אַ באַנד פון רוסאָ אין פראַנצויזיש, זיין „סאָציאַלער קאָנטראַקט", ווי אויך אַנדערע עסייען, דהיינו „די אַנטשטייאונג פון אומגלייכקייט", „די שעדלעכקייט פון קונסט און ציוויליזאַציע", אַלץ אַריינגעפּאַקט אין איין באַנד, געדרוקט מיט קליינע אותיות אין געדיכטע שורות. דאָס מיינט, אַז מיינע אויגן האָבן נאָך גוט געדינט. דאָס פאַרטיפן זיך אין לייענען פלעגט אַוועקנעמען דעם לאַנגווייל פון וואַרטן ביז דער „אדון־הגדול" וועט דיך אויפנעמען.

דאָס מאָל בין איך געווען מזלדיק. דער שררה איז גראָד ניט געווען פאַרנומען מיט זיצונגען און באַראַטונגען, וואָס פלעגן זיך ציען במשך פון שעהן. איך בין געווען דער ערשטער, וואָס האָט זוכה געווען צו קריגן אַן אוידיענץ.

קאַמעניעוו איז געווען פון מיטעלן געוואוקס, אָבער אַ היפּש ברייטלעכער, אַ בלאָנדער, מיט אַ גוט־צוגעזעענעם בערדל; ער איז תמיד געווען אָנגעטאָן נעט, דערנעבנטערנדיק זיך אין זיין קליידונג צו דער פאַרבאַטענער ליניע פון פראַנטעריי, אָבער קיינמאָל ניט צוקומענדיק דערצו. ער האָט אַלע מאָל אין זיין אנצוג איבערגעלאָזן אַ זכר לרעוואָלוציאָנערישקייט. ער האָט פאַרמאָגט אַ פּאָר קלוגע, דורכנעמענדיקע, אָבער צוגלייך שמייכלענדיקע אויגן. מיר איז אַלע מאָל שווער געווען צו אַסאָציאירן אָט־דעם גוט־אויסגע־

פלעגטן וואויל־מאַניערישן באַלעבאַטישן מענטשן מיט דער מוסטער־געשטאַלט, וואָס איך האָב געטראָגן אין מיין פאַרשטעלונג פון דעם שטרענגן, האַרטן, געפיללאָזן מיליטאַנטישן פוריטאַנישן באָלשעוויק. ער איז געווען צו אויסגעאיידלט, צו ראַפינירט סיי אין זיין שטים, סיי אין זיין האַלטן זיך צו קענען גילטן פאַר אַ פּראָטאָטיפּ פון אַ הונדערט־פּראָצענטיקן באָלשעוויק. ער איז שיעור ניט געווען בורזשואַז אין זיין אויסזען. דאָס פּנים האָט געשייבט. דער שטערן אַ הויכער און אַן אויפגעלויכטענער.

היינט איז ער געווען גוט אויפגעלייגט.

איך האָב פאַר אים אויסגעגאָסן מיין ביטער געמיט, דערציילט וועגן אומגליקלעכן לאָטוטניק, אונדזער נעבעכדיקן אומשולדיקן שכן.

ער האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען אַריבערצוגיין דירעקט צו טאָוואַרישטש דזשערדזשינסקין און אויסגעפינען, וואָס איז דאָרטן געשען. ער אַליין קען גאָרניט טאָן, וויבאַלד ער ווייסט ניט וואָס און ווען.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אין דעם פּרט איז ער גערעכט.

איך האָב אָבער פיינפול באַמערקט, אַז דער פאַקט, וואָס מע האָט דערהרגעט אַן אַ פאַרוואָס און אַן אַ פאַרוואָן אַן אומשולדיקן מענטשן און דערצו נאָך אַן עני ואביון, פאַר וועמען די סאָוויעטנמאַכט דאַרף זיך איינשטעלן פייל און בויגן, האָט אויף אים ניט געמאַכט קיין איינדרוק. יעדנפאַלס פיל ווייניקער ווי איך האָב זיך פאַרגעשטעלט, אַז דער מאָרד פון אַ פון שולד ריינעם קרבן דאַרף מאַכן אויף אַ פאַרשטייער פון די, וואָס פאַרטרעטן עפנטלעך די אינטערעסן פון דער אָרימשאַפט.

ער האָט עס ניט אַרויסגעזאָגט, פאַרשטייט זיך, אין ווערטער, אָבער זיין גאַנץ באַנעמען זיך, זיין באַציען זיך צו אָט־דער טראַגעדיע פון אַן אָרימער פאַמיליע פון דריי, וואָס איז געבליבן אַ פאַמיליע פון צוויי און אַן אַ מפרנס, אַן אַ ברויטגעבער, האָט ווי געזאָגט שווייגנדיק: אַן עסק אַ מענטש! מיט וואָס גאָרדין קומט מיר דולן מיין שטאָטסמענישן קאָפּ אין אַזאַ צייט, עפּעס מיט אַ לאָטוטניק, וואָס מע האָט דערשאָסן! אויך מיר אַ פאַרלויפעניש אין מאָסקווע!

ער האָט מיר אויך געזאָגט, אַז ווען איך וועל קריגן די פולע אינפאָרמאַציע פון דזשערדזשינסקין, זאָל איך קומען צו אים צוריק און דעמאָלט וועט ער אַליין אויך אָנפרעגן און אויסגעפינען, און דעמאָלט וועט ער זען, וואָס ער קען טאָן.

ער האָט עס אָבער געזאָגט ווי פון־יוצא־וועגן, כדי זיך אָפּצוטשעפּען פון מיר.

כך הווה. איך בין אַוועק צו טאָוואַרישטש דזשערדזשינסקין אין טשעקאַ אויף ליוביאַנקע.

דזשערדזשינסקי האָט מיך אויפגענומען ווי נאָר איך האָב זיך געמעלדעט; הפּנים ער האָט דערוואַרט מיין באַזוך און גערעכנט, אַז ער וועט מיך דערווייל נעמען אויף אַ פאַרהער וויבאַלד אין קריך אין לייבס פּיסק.

דער מאָרד פון אָרימען שוסטער אויף די גערעכטיקייט־וואַגשאָלן פון

דער טשעקאַ האָט געוואויגן לייכטער פון אַ פעדער. אויף מיינע טענות און מענות האָט ער קאַלט, זייער קאַלט, רעאַגירט. ער האָט מיר געגעבן זיין ווער־סיע וועגן דעם געשעענעם. עס איז געמאַכט געוואָרן אַן „עקס" (עקספּראָ־פּריאַציע). זוכט מען די עקספּראָפּריאַטאָרס. איז מען געקומען אין דער „פּע־דעראַציע", ווייל עמיצער האָט דערטראָגן, אַז זיי באַהאַלטן זיך אויס דאָרטן מיט זייער רויב. אָבער קיינער איז דאָרט ניט געווען. האָט מען געמאַכט אַ זוכונג. האָט מען קיין געלט ניט געפונען. דער שכן האָט זיך דערשראָקן. ניט וויסנדיק וואָס דאָ קומט פאָר, האָט ער גענומען לויפן, אַנטלויפן. מע האָט צו אים געשריען „סטאָי!" (שטיי). ער האָט ניט געפאָלגט. האָט מען אויסגע־שאָסן און אים געטראָפן. אין דער פינצטער האָט מען ניט געוואוסט, ווער דאָס איז. מע האָט געמיינט, אַז עס איז געווען איינער פון די עקספּראָפּריאַ־טאָרס.

וועגן אומשולדיקן מאָרד, וועגן קאָמפּענסירן די אלמנה, וועגן באַשטראָפן דעם מערדער־שיסער, האָט ער ניט געוואָלט אַפילו הערן. ווי איינער זאָגט, „פּוסטע זאַכן!" וואָס אים האָט אינטערעסירט איז די עקספּראָפּריאַציע, וואָס איז געווען אויף אַ סומע פון אַ מיליאָן רובל, ד. ה. לויט דעם „שוואַרצן מאַרק" אַ האַלבער מיליאָן דאָלער. לויט די דעמאָלטיקע השגות איז עס געווען איינער פון די גאָר גרויסע „עקסן", וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן, ניט קלענער פון באַרימטן „עקס", וואָס די מאַקסימאַליסטן האָבן דורכגעפירט אין פּעטראָגראַד אין „דענעזשני פּערעאולאָק" נאָך אונטער דעם צאַר.

איך האָב דזשערדזשינסקין דערקלערט ווי נאַריש די טשעקיסטן האָבן געהאַנדלט. לאָמיר צוגעבן, אַז די אַנאַרכיסטן האָבן געמאַכט דעם „עקס", איז ווי האָט גאָר די טשעקאָ געקענט חושד זיין, אַז די „עקסיסטן" זיינען אַזעלכע נאַראָנים, אַז זיי וועלן אַליין קריכן אין פאַסטקע אריין! זיך גיין פאַרבאַ־האַלטן מיט דעם געלט אין דער חורבה פון דער „פעדעראַציע", וואו מ'וועט זיי זיכער זוכן און געפינען!

האָט ער מיר געענטפערט, אַז עמיצער האָט זיי פאַרפירט, אָנגעגעבן אַ פאַלשן שליאַד, און בכלל, אַז מען ווייסט ניט גענוי וואו צו זוכן, זוכט מען אומעטום.

אָבער דער מעשה וועגן דעם דערהרגעטן לאַטוטניק האָט ער ניט גע־וואָלט שענקען קיין שום אויפמערקזאַמקייט. אַזעלכע קלייניקייטן ווי פאַר־גיסן אומשולדיק בלוט האָבן אים ניט אינטערעסירט און אויף זייער באַ־טראַכטונג וואָלט ער ניט פטרן אַפילו איין מינוט פון זיין קאָסטבאַרער צייט.

ער האָט מיר אָפן געזאָגט:

— איך האָב וויכטיקערע זאַכן מיט וואָס זיך אָפּצוגעבן. אין אַזאַ צייט וועל איך גיין אויספאָרשן די איינצלהייטן פון דעם מאָרד פון אַ לאַטוטניק?!

אַז איך האָב געזען, אַז ביי דזשערדזשינסקין וועל איך גאָר ניט פועלן, בין איך געקומען צוריק אין מאָסקווער סאָוויעט צו קאַמעניעוון.

די ערשטע פראַגע, וואָס ער האָט מיך געפרעגט, איז געווען:

— וואָס פאַר אַן איינדרוק האָט אויף אייך, טאָוואַרישטש גאָרדין, געמאַכט טאָוואַרישטש פעליקס עדמונדאָוויטש דזשערדזשינסקי?

איך האָב געענטפערט:

— איידער איך האָב אים געקענט פערזענלעך, האָב איך וועגן אים געשריבן, אַז ער איז אַ קאַניבאַל, וואָס עסט מענטשנפלייש צו פרישטיק, מיטיק און וועטשערע; איצטער, אַז איך האָב זיך באַקענט מיט אים, האָב איך אויף מיין שרייבן קיין חרטה ניט. אָט־דאָס איז ער, אַ מענטשנפרעסער!

— אויף אַזאַ פאָסטן דאַרף מען דאָך האָבן אַ האַרטן מענטשן, — האָט מיר קאַמעניעוו געענטפערט און מיט דער פראַזע אַלץ פאַרענטפערט.

אויף אַלע מיינע קלאָגעס האָט קאַמעניעוו געהאַט איין ענטפער:

— אַנדערע מלוכות האָבן אַ גוט־פונקציאָנירנדיקן אַפּאַראַט. זיי וואָלטן ווייסן גענוי, וואו איר וואוינט, וואָס איר טוט יעדע שעה אין טאָג, ווען איר זעט, מיט וועמען איר פאַרקערט. ביי אונדז איז קיין זאַך ניט איינגעאָרדנט ווי געהעריק. מע מאַכט אַן „עקס", טאַפּן מיר אַ וואַנט. מיר ווייסן ניט גענוי, וואָס איר טוט, מיט וועמען איר האַלט אַן פאַרבינדונגען. מיט איין וואָרט, מיר בלאָנדזשען. טאָוואַרישטש גאָרדין, איר דאַרפט אונדז אַנטשולדיקן.

איך בין אַוועק פון קאַמעניעוון אַן אַנטוישטער. איך האָב געטראַכט:

— ווי טיף דער מענטש איז שוין פאַרזונקען אין דעמאָראַליזאַציע. ווי שנעל זיין גאַנצע פּסיכאָלאָגיע האָט זיך געביטן. ע ר קלאָגט זיך פאַר מיר און דריקט אויס זיין פאַרדרוס, הלמאַי די סאָוויעטנמאַכט האָט ניט קיין גוט־לובריצירטע מאַשין פון שפּיאָנירונג. ווען זיי וועלן זיך איינאָרדענען ווי געהעריק, וועלן זיי מיר נאָכשפּירן גאַנצע פירונצוואַנציק שעה אין מעת־לעת. אים טוט שטאַרק באַנג, וואָס זייער מלוכה האָט נאָך ניט דערגרייכט קיין שלימות אין דעם פּרט פון שפּיאָנאַזש. און ער באַגרייפט ניט, וואָס פאַר אַ שוידערלעכן איינדרוק זיינע ווערטער האָבן אויף מיר געמאַכט. און דאָס איז דאָך געווען סוף 1918, ערשט ניט מער ווי אַ יאָר נאָך זייער זיין ביים רודער פון דער מלוכה־שיף. וואָס וועט פון די „פאַרשווינען" ווערן, ווען זיי וועלן אַזוי אָנגיין עטלעכע יאָר מיט זייער אַרבעט, וואָס מאַכט זיי אומ־מענטשלעך? נעכטן; זיינען זיי געווען רעוואָלוציאָנערן, ביי וועמען אַ שפּיאָן איז געווען פאַררעכנט פאַר דער עקלהאַפטסטער בריאה, און איצט קלאָגט ער אויף דעם, וואָס ער האָט ניט גענוג שפּיאָנען.

אָט צו וואָס זיי האָבן זיך דערקייקלט אין אַזאַ קורצער צייט.

[עטלעכע יאָר שפּעטער. דזשערדזשינסקי (1877־1926) איז געשטיגן גאַנץ אימפּעטיק אויפן יעראַרכיע־לייטער פון קאָמיסאַרנטום. אין 1919 איז ער געוואָרן דער קאָמיסאַר פון אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן און די טשעקאַ איז געוואָרן ג.פּ.או. (1922), ראשי־תיבות, וואָס באַדייטן מלוכהשע פּאָליטישע פאַרוואַלטונג. ער איז געוואָרן דער קאָמיסאַר פון טראַנספּאָרט אין 1921 און ער האָט רעאָרגאַניזירט די אייזנבאַנען. אין 1924 איז ער דערהויבן געוואָרן צום פאָרזיץ פון אויבערשטן עקאָנאָמישן ראַט. עס איז 1926,

דזשערדזשינסקי איז געקומען צו פארן פון אן אינספעקציע־טור איבערן לאנד. עס איז געווען א ספעציעלע און זייער א שטורמישע זיצונג־בעראטונג. עס האבן זיך באטייליקט די קעפ פון דער סאוויעטנמאכט. קאמעניעוו האט זיך מיט דזשערדזשינסקין שטארק צעווערטלט. א ווארט פאר א ווארט, קאמע־ניעוו איז ארויס פון די כלים און האט דזשערדזשינסקין אנגערופן „קאט!" (פאלאטש!). דזשערדזשינסקי האט זיך עס שטארק גענומען צום הארצן. ער איז אוועק פון דער זיצונג צו זיך אויף דער קווארטיר. די זעלבע נאכט גע־קראגן א הארץ־אטאקע און געשטארבן.

אז איך האב זיך דערוואוסט וועגן דעם, האב איך ניט ווילנדיק איבער־געחזרט קאמעניעווס ווערטער:

„אויף אזא פאסטן דארף מען דאך האבן א שטארקן מענטשן!"

אט־דא האבן מיר א גוטע אילוסטראציע פון סעמאנטיק: כל־זמן ער האט געשניטן מענטשן ווי אין קרויט, אבער דידאזיקע מענטשן זיינען געווען פרעמדע, פיינטלעכע עלעמענטן, איז ער געווען דער מאן מיט דעם שטארקן ווילן און פארהארטעוועטן, פארפאנצערטן שטאלענעם כאראקטער. אבער אז ער האט געהאט העזה צו פארטשעפן זיך מיט קאמעניעוון, אנרירן „זיין קרוין" — איז ער געווארן דער הענקער, און קאמעניעוו האט אים אנגערופן מיטן ריכטיקן נאמען: „קאט!" „תליון!"

דאס איז ער טאקע געווען, ווי עס זאגט עדות זיין מאמע, וואס ער האט ליב געהאט איבערצוחזרן זייער אפט; ער האט זיך בארימט מיט זיין אויפ־טורישקייט און מיט זיין איגנארירן דעם באגריף פון אומשולדיקייט: „קודם כל ארעסטיר איך א טויזנט מענטשן און צווישן טויזנט מענטשן וועלן, נאך א זארגפעלטיקן אונטערזוך, זיך תמיד געפינען עטלעכע שולדיקע"...]

XIV

דער סאציאטעכניקום און זיין הינטערגרונט

1

מיר זוכן א מאדוס וויוועגדי

די „פעדעראציע" האט אויסגעהויכט איר לעצטן אטעם. נאך אט־דעם „שטיקל פאגראם" פון דער טשעקא האבן חברים אויפגעהערט צו קומען אין דער קווארטיר אויף נאסטאסינסקי. קרופעניק איז געבליבן זיצן טאג־איין טאג־אויס כמעט אן באזוכערס. הונגעריק איז ער געווען, קראנק איז ער גע־ווען. איז ער גאר אפגעפארן קיין אוקריינע. ער האט לאנג ניט געצויגן. זיין קראנקייט איז אים דערגאנגען די יארן און האט געמאכט א קורצן סוף צו זיין לעבן א פאר יאר שפעטער. — — —

דער ברודער, וו. גאַרדין, ווי שוין דערמאָנט, איז נאָך דער רואינירונג פון פעטראָגראַדער פעדעראַציע און דעם פאַרבאָט פון „בורעוועסטניק" געקומען מיט אַ גרופּע חברים קיין מאָסקווע. צווישן די איבערגעקומענע האָט וו. סאָבעליאָוו פאַרנומען אַ גאַר בכבודיקן פּלאַץ.

מיר האָבן זיך געבראָכן דעם קאָפּ וועגן שאַפן אַ מ אָ ד ו ס ו י ו ע נ ד י מיט דער סאָוויעטנמאַכט, ניט דערגייענדיק אין די געמאַכטע קאָנצעסיעס ביז צום „אויסבייטן דאָס רענדל", ביז צו מיטאַרבעטערשאַפט מיט די באָלשעוויקעס. אַ זאַך, וואָס אַ היפּשע צאָל אינטעליגענטן־אַנאַרכיסטן האָבן געטאָן, זיך אַ נאָמען געבנדיק אַנאַרכאָ־באָלשעוויקעס אָדער אַנאַרכיסטן־לעגיניסטן, צווישן זיי ראשצין, גאָוואָמירסקי, סאַנדאָמירסקי און אַנדערע. די אַנאַרכאָ־באָלשעוויסטישע מגיפה האָט דערהויפּט געבושעוועט צווישן די אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטן.

אונדז האָט פאַרנומען די פּראָבלעם וועגן אַ מאָדוס, וועגן שאַפן אַ וועלכע ניט איז מעגלעכקייט, און זאָל זיין אַפילו אַ צייטווייליקע, אַ חיי־שעה־דיקע, אָנצוגיין מיט אַנאַרכיסטישער פּראָפּאַגאַנדע און ניט קומען צו אַ צוזאַמענבוטשקען זיך מיט די שטערנס מיט דער סאָוויעטנמאַכט, ד. ה. מיט דער טשעקאָ. וואָרעם אָט־די צוזאַמענשטויסן האָבן געמיינט פּשוטע אומברענגונג פון די חברים, אַ מאַרטיראָלאָגיע, וואָס איז אין דער געגעבענער צייט געווען אינגאַנצן פּרוכטלאָז, לויט מיין פאַרשטיין נאָך. מע קען ניט באַקעמפן און באַזיגן פון לינקס אַ נייעם אויפקומענדיקן קלאַס. ער איז נאָך צו יונג־קרעפטיק, צו ברוטאַל און צופּיל איינגעגלייבט אין זיינע כוחות הן פיזישע און הן מאָראַלישע. ער שעכט און בלייבט ביי זיך גערעכט. מע דאַרף וואַרטן, ער זאָל רייף ווערן. כאָטש אַ האַר צעווייכט ווערן. אין דעם געגעבענעם מאָמענט, ווען ער גייט צו זיין טריאומף, צו פאַרנעמען אַ הערשנדיקע פּאָזיציע, איז ער גרייט להרוג ולאבד, צו פאַרנישטן אַלץ, וואָס שטעלט זיך אים אין וועג. און מ׳מוז אים לאָזן אַ געוויסע צייט לויפן.

איז וואָס טוט מען?

וואָלין איז מיט אַ קורצער צייט צוריק דורכגעפאָרן מאָסקווע אויפן וועג קיין אוקריינע צי פון אוקריינע קיין פּעטראָגראַד און צוריק. אויסערלעך האָט ער זיך איבערגעשטאַלטיקט. געווען אַנגעטאָן אין אַ שינעל. ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן אַן אָפּטיילונג אַנאַרכיסטן־פּאַרטיזאַנעס אין אוקריינע. ער איז געווען זייער עקזאַלטירט, הויך באַגייסטערט און געשפּרודלט מיט אומאויסגענוצטער ענערגיע. ער האָט אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק פון אייגעם, וואָס גרייט זיך ערשט צו אַ דעצידירנדיקן כוחות־פּאַרמעסט מיט דער סאָוויעטנמאַכט, בעת מיר האָבן שוין געהאַלטן נאָך אַ שווערער נידערלאַגע.

ער האָט נאָך באַוויזן צו געפינען דעם קוואַרטיר, ריכטיקער די שטאָל, אויף נאַסטאַסינסקי און האַלטן דאָרט אַ רעפעראַט צי צוויי. ער האָט געהאַט אַ פּלאַן: ער האָט עס גערופן „סינטעטישער אַנאַרכיזם". ער האָט, ווי אים האָט זיך אויסגעדוכט און פון וואָס ער איז געווען שטאַרק באַגייסטערט, גע־

פונען דעם ריכטיקן וועג, ווי צו פֿאַראייניקן די צוויי ריכטונגען אין אַנאַר־כיזם, די אינדיווידואַליסטישע און קאָמוניסטישע.

מיר, די ברידער אבא און וו. גאָרדין, האָבן געהאַלטן, אַז דאָס אָוועק־שטעלן אָט־די פֿראַגע ביי די פּאָר אונדז געגעבענע, צרהדיקע אומשטענדן איז ניט אַמפּלאָץ און ניט אין צייט. אין דער מאָסקווער „פֿעדעראַציע" האָבן זיך באַטייליקט אַנאַרכיסטן פֿון פֿאַרשיידענע טעאָרעטישע ריכטונגען, כל זמן זיי האָבן זיך געקענט אייניקן וועגן פֿראַגן פֿון טאַקטיק און אין אָפּשאָץ פֿון פּאָליטישן מאָמענט. מע האָט ביי קיינעם ניט געפֿרעגט קיין אידעאָלאָגישן פּאַס, ד. ה. צו וועלכער שולע אין אַנאַרכיזם ער באַלאַנגט, אויב ער איז נאָר געווען אַ רעוואָלוציאָנער און אַ מיליטאַנטישער אַנאַרכיסט, און דאָך צעפּאַלט זי אויף שטיקער אונטער די קלעפּ פֿון דער טשעקאַ; — איז וואָס פֿאַר אַ נוצן קענען מיר דערוואַרטן פֿאַר דער באַוועגונג און פֿאַר אַנאַרכיסטישער פּראָ־פּאַגאַנדע־טעטיקייט פֿון שאַפֿן אַ כלומרשטע ריכטונג, באמת אַ פּוסט וואָרט, ווי סינטעטישער אַנאַרכיזם? די פֿראַגע איז ביי אונדז ניט געשטאַנען אַנאַר־כאָ־אינדיווידואַליזם ווערזוס אַנאַרכאָ־קאָמוניזם, נייערט בפּירוש: אַנאַרכיזם פֿון אַלע מינים און אַלע שאַטירונגען ווערזוס באָלשעוויזם.

בכן האָט די מאָסקווער אַנאַרכיסטישע אינטעליגענציע אויפֿגענומען וואָלינען מיט אַ שמייכל פֿון קאָנדעסענציע און אַ קוק פֿון אויבן אַראָפּ: ער באַגרייפֿט ניט די פּראָבלעמען, וואָס פּייניקן אונדז. אפֿשר האָט זיין געדאַנק אַ זינען און געפֿינט אָן אָפּקלאַנג אין אוקריינע, אָבער דאָ, אין מאָסקווע, האָט עס ניט קיין פּראַקטישע אָנווענדונג, און קיין טעאָרעטישן האַפֿט האָט דאָך עס זיכער ניט. איז אויף וואָס דאַרף מען עס?!

וו. גאָרדין האָט באַצייכנט זיין באַנעם ווי „פּאַנאַנאַרכיזם". ער האָט אַרויסגעגעבן, נאָך זייענדיק אין פּעטראָגראַד, אַ „מאַניפֿעסט פֿון די פּאַנ־אַנאַרכיסטן" (צוערשט פֿאַרעפֿנטלעכט פֿון מיר אין מאָסקווע). אין „מאַני־פֿעסט" פֿאַרנעמט די אידייע פֿון פֿינפֿבונד (זע באַנד 1 „זכרונות און חשבו־נות", ז. 76) אַ צענטראַלן פּלאַץ, דעם אויבנאַן. אַנאַרכיזם אויף אַלע גע־ביטן ניט בלויז אין עקאָנאָמיק און פּאָליטיק, נאָר אויך אין קונסט, אין דער וויסנשאַפֿט און אין דער פֿילאָזאָפֿיע. ער האָט פֿאַרגעלייגט צו גרינדן אַן אינסטיטוציע, וואָס זאָל הייסן „סאָציאָטעכניקום", אייגנטלעך וועט עס זיין אַן אייגנאַרטיקע גרופּע אָדער קאָמונע. עס וועט פֿאָדערן אָדער זיך נעמען „עקסטראַטעריטאָריעלע רעכט", ד. ה. וועט זען, אַז די עקזיסטירנדיקע מאַכט זאָל זיך ניט מישן אין אירע אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן. אירע מיטגלידער וועלן זיין לאָיאַל, אויף וויפֿל עס האַנדלט זיך וועגן ניט פֿאַרלעצן די געזעצן פֿונעם לאַנד, אין וועלכן דער סאָציאָטעכניקום געפֿינט זיך. אין געגעבענעם פֿאַל סאָוויעטרוסלאַנד. דער סאָציאָטעכניקום וועט זיך דערפֿאַר האַלטן אומ־אַגרעסיוו, אומאָפּענסיוו בנוגע די סאָוויעטישע אינסטיטוציעס.

איך בין צוגעשטאַנען צום סאָציאָטעכניקום, וועמעס טיילווייזע אידעאָ־לאָגישע באַזע האָט געהאַט שטיצפּונקטן אין אונדזערע, דעם ברודערס און מיינע, באַנעמונגען. איך האָב זיך געפֿילט מיד און דערשלאָגן און האָב זיך

געניטיקט אין אַ פּעריאָד פון אָפּרו אָדער „אָטעם־אָפּכאַפּ“, כּדי זיך גוט מיישבֿ־זיין, ווי זיך צו רעאַריענטירן טאַקטיש־פּאָליטיש. עס איז געווען אַ מוז־זאַך צו מאַכן אַ פּאָר טריט אויף צוריקוויילעכטס.

2

מיר דעביוטירן אין 1909

מיר, מיינענדיק וו. און אבא גאָרדין, האָבן אָנגעפאַנגען שרייבן אין יאָר 1909. מיר האָבן זיך דעמאָלט געפונען אין סמאַרגאָן, וואו מיר האָבן געהאַט אַ פרייע שולע אונטערן נאָמען „עבריה“. מיר האָבן אונדזערע ווערק, די ביכורים, פאַרפאַסט צוזאַמען אין פולער קאָלאַבאָראַציע. מיר האָבן פאַרפאַסט צוזאַמען, דאָס הייסט, מיר פלעגן זיך בייטן, וואָס איז שייך דעם האַלטן די פען און אָנצייכענען די בוכשטאַבן, די ווערטער. די זאַצן זיינען געווען אַ בשותפותדיקע אַרבעט, אַזוי אויך, פאַר דעם, די אַנטוויקלונג פון די געדאַנקען.

מיט וואָס האָבן מיר דעביוטירט?

מיט אַ חיבור אין רוסיש אונטערן נאָמען „אַ סיסטעם פון מאַטעריעלער און רעלאַטיווער נאַטורמעסיקייט“. דער הויפּטגעדאַנק פון אָט־דער שריפט איז דער: כּדי צו לערנען אַ קינד, דאַרף מען שאַפן אַן אומגעבונג און די באַציאונגען צו דער דאָזיקער אומגעבונג וועלן אַרויסרופן קודם־כּל אַ באַדערפעניש אין די קענגנשטאַנדן, וואָס מע לערנט. עס איז ניט גענוג צו לערנען פּ ס י כ אָ ל אָ ג י ש, אַ פּונקט, אויף וועלכן פּעסטאַלאָצי (1746־1827) האָט אָנגעוויזן. מע דאַרף לערנען ס אָ צ י אָ ל אָ ג י ש נעמענדיק אין אַנבאַטראַכט די פאַרהעלטענישן, וואָס באַשאַפן זיך צווישן לערער און תּלמיד. ביישפּיל: כּדי צו לערנען קינדער אַריטמעטיק, דאַרף מען שאַפן אַ קלאָמפּערשטן מאַרק, אַ מקח־וממכּר־סבֿיבֿה, וואו אָט־די קענטענישן ווערן אַ נויטיקייט און וואו זיי האָבן זיך ציוויליזאַציאָנעל אַנטוויקלט. אַזוי אויך לערנען שרייבן: מע דאַרף שאַפן אַ קינסטלעכן מרחק, ווייל שרייבן ווערט געברויכט אין דער נאַטירלעכער סבֿיבֿה אַלס אַ קאָמוניקאַציע־מיטל דורך דער דיסטאַנץ, און דאָרט עס אָנווענדן. פּשוטער: קינסטלעך שאַפן אַ שטומע און טויבע סבֿיבֿה און אין יענער סבֿיבֿה געברויכן קאָרעספּאָנדענץ ווי אַ מיטל צו קאָמוניקירן זיך צווישן לערער און קלאַס און צווישן די תּלמידים. מ׳דאַרף שאַפן אַ כּמו פּאָסט. מיט איין וואָרט: מע טאָר ניט לערנען אין אַ חלל; די שולע דאַרף ווערן אַ מיניאַטור־סבֿיבֿה. אַ פרעמד לשון דאַרף געלערנט ווערן דורך אימפּערעאַטיוון. דער לערער באַפעלט — און דער תּלמיד פירט דורך זיין באַפעל, ד.ה. מע דאַרף זיך באַגענוגענען מיטן פאָדערן צו פאַרשטיין דאָס וואָרט.

לערנען לייענען דאַרף מען ניט דורך דעם איבערגעקליגלטן דייטשן מעטאָד פון אַנאַליזירן און סינטעזירן קלאַנגען, נייערט דורך שאַפן אַ שריפט־

זעצעריי און דרוקעריי און געבן די קינדער ווערטער אויפצוזעצן און נאָך אַ קורצער צייט וועלן זיי אַליין באַגרייפן, אַז די אייגענע קלאַנגען און זייערע צייכנס חזרן זיך כסדר איבער אין די פאַרשיידענע ווערטער.

אַ פּאָר חדשים שפּעטער, סוף יאָר 1909, איז דערשינען אונדזער אַר־בעט, אין רוסיש, וואָס אַנטוויקלט אונדזער מעטאָד פון לייענען און שרייבן, וואָס מיר האָבן באַצייכנט ווי דער „אימיטאַטיוו־ראַציאָנעלער מעטאָד".

אין זעלביקן יאָר האָבן מיר אויך פאַרעפנטלעכט אַ בראָשור אין העב־רעאיש מיטן נאָמען „אַן אָפענער בריוו צו די יידישע פּעדאַגאָגן" („מכתב גלוי אל מוקירי החינוך הלאומי"). אין דער בראָשור דערקלערן מיר אונדזער מעטאָד פון לערנען און אַנטוויקלען די אידייע פון שאַפן אַ טעאַטראַלן קינ־דערגאָרטן, „גן תיאטרוני". וויבאַלד מיר לערנען מיט דער הילף פון אימ־פּעראַטיוון און ניט פון סובסטאַנטיוון ווי די „עברית בעברית" האָט געטאָן, הייסט עס, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט האַנדלונג; לכן דאַרף מען אָנפאַנגען מיט אַ קינדער־דראַמע און ניט מיט דערציילונגען, ווי עס איז אָנגענומען אין די שולן.

3

אונדזער חדר „עבריה"

די שולע „עבריה" האָבן מיר געעפנט אין 1908 און געשלאָסן אין 1914, אַ פּאָר חדשים פאַרן אויסברוך פון דעם ערשטן וועלט־קריג.

אין 1914 איז דערשינען אונדזער בראָשור „מסדרת הילדים", אַ קינ־דער־שריפטזעצעריי. אונדזער שפּילבוך „אלפון משחק" איז דערשינען אין 1913 אין פאַרלאַג „ספרות", וואַרשע. דער פאַרלעגער איז געווען ליאַכאָ־ווער, וואָס איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן אין ארץ ישראל ווי אַן אָנגעזעע־נער קריטיקער און ליטעראַטור־פאָרשער.

אין 1913, לכבוד דער פינפיאָריקער עקזיסטענץ פון אונדזער שולע „עבריה", האָבן מיר אַרויסגעגעבן אַ העפט אונטערן נאָמען „אונדזער חדר". איך וועל ברענגען אַ פּאָר אויסצוגן:

„פינף יאָר זיינען אַריבער, זינט מיר האָבן געעפנט אונדזער חדר און געגרינדעט אונדזער גן־תיאטרוני.

„אַ סך האָבן זיך פאַרהאַלטן צו אים סקעפּטיש; טייל זיינען געווען זי־כער, אַז אַזאַ חדר קען בכלל ניט עקזיסטירן און בפרט נאָך אין דער פּראָ־ווינץ; אייניקע האָבן אַפילו געשטערט, געלייגט אָפּטמאָל שטרויכל־שטיינער אויף דעם וועג פון זיין אַנטוויקלונג... נאָר ניט קוקנדיק אויף דעם אַלעם, איז ער זיך געגאַנגען זיין וועג, פאַרפאָלגט קשה־עורפדיק זיין ריכטונג, וועלכע פירט צום שאַפן פון אַ פרייער שולע, אַ שולע מיט אַן אָריגינעל־פּעדאַגאָגי־שער טעכניק...

„אַ שולע ביי אַן אונטערדריקטער נאַציע ווי די יידישע דאַרף זיין און

מוז זיין אַ פרייע: אָן שטראָפן, אָן באַלן, אָן שטרענגער דיסציפּלין... די יידישע שולע מוז זיין פריי, ווייל דאָס גאַנצע יידישע לעבן איז, פון אינעווייניק, פריי. כדי צו זיין אַ ייד, מוז מען האָבן אַ שטאַרקן רצון, אַ וועלער, דעריבער דאַרף מען דעם רצון פון יידישן קינד ניט ברעכן. דאָס יידישע קינד דאַרף ניט מ ו ז ן לערנען, נאָר וועלן לערנען, ניט מיראה נאָר מאהבה; די גאַנצע צוגעבונדנקייט פון יידן צום יידישן פאָלק איז דאָך לויטער אהבה. אין איר ליגט דער גאַנצער כוח און סוד פון אונדזער נאַציאָנאַלן קיום. די יראה, דער קולאַק, איז ניט פאַר אונדז, נאָר קעגן אונדז... אום אַ ייד צו זיין, מוז מען אַ קעמפער זיין, אַ גרויסער צו־להכעיסניק, צו־להכעיס טאָן דער גויישקער רשעות־וועלט, כל הירא ורך הלבב גייט אַוועק פון מלחמה־פעלד...

„די קאַזאַרמע־שולע און דער קאַזאַרמע־חדר, די קינדער־גיהנומס, וואו די יונגע נשמות ווערן ניט געלייטערט, נאָר געפּייניקט — קאָנען עס ניט באַווייזן. נאָר ליבע שאַפט ליבע... איר קוקט ניט אויף זייער שולע, אויף דער גויישקער שולע! זי שטייט אויף דער פּיקע און גאַגייקע, אויפן „על חרבך"... אונדזער שולע, אָן אונטערדריקטע שולע, האַלט זיך נאָר אויף איבערציייגונג און ליבע — און נאָר ליבע שאַפט ליבע!..."

ווענן דעם קאַמף פון די יידישיסטן און העברעאיסטן לייענען מיר אין דער דאָזיקער בראָשור:

„דער ווילדער העברעאיש־יידיש אַנטאַגאָניזם, וועלכן עס האָבן אויסגעטראַכט האַלב־אַסימילירטע העברעאיסטן און האַלב־אַסימילירטע יידישיסטן, באַטראַכטן מיר אַלס מעשה־שטן, אַ רוסיפיקאַציע־אַנשטעל, אַ גוט מיטל צו פאַרשטאַרקן די הערשנדיקע שולע, שפּראַך און קולטור".

„די דראַמאַטישע מעטאָדע... אין „גן־תיאטרוני" ווערט געלערנט ניט דורך דערציילונגען, נאָר דורך קינדער־דראַמעלעך; דאָס דראַמעלע פאַרשטייט דאָס קינד ריכטיק, עס זעט עס מיט די אויגן, שפּילט עס, לעבט עס איבער. יעדעס וואָרט, יעדער אויסדרוק ווערט פאַרבונדן מיט אַ שטיק נשמה. אונדזער שטרעבונגס־פּונקט — דער קינדער־טעאַטער.

„מסדרת־הילדים" (די קינדער־שריפטזעצעריי). דאָס לייענען איז ביי אונדז אַ שפּיל, אַ שפּיל־אַרבעט. אויף דריי זאַכן שטייט אונדזער לייענען: שפּיל, אַרבעט און באַוועגונג... דאָס גאַנצע לייענען ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ שפּיל, אין שפּיל־באַוועגונגען... אַ ר ב ע ט — איז דאָס זעצן. אַלץ, וואָס עס ווערט געלייענט, זעצט דאָס קינד פאַר דעם מיט באַוועגלעכע גאַנצע זאַצן, דערנאָך מיט באַוועגלעכע גאַנצע ווערטער, דערנאָך באַוועגלעכע זילבן און, צום סוף, מיט באַוועגלעכע בוכשטאַבן און נקודות. די אַלטע „זיץ־מעטאָדע", וואָס האָט פאַרמשפּט דאָס קינד צום זיצן תמיד אויף איין אָרט צוגעשמידט צום טיש אָדער צו דער באַנק, ווי אַ קאַטאָרזשניק צו דער טאַטשקע, האָט אונדזערע קינדער פאַר־דער־צייט אַלט געמאַכט, קראַנק געמאַכט: דאָס קינד האָט האַלט זיך צו באַוועגן און צו אַרבעטן, טאָן עפּעס. דאָס אַרבעטן איז זיין לעבן, אַ באַדערפעניש פון זיין קערפּער; דאָס יונגע בלוט קען ניט רוען, דאָס יונגע קינד קען ניט איינזיצן. אין אונדזער קינדער־שריפטזעצעריי לערנט זיך

אויס דאָס קינד לייענען אַרבעטנדיק־זעצנדיק. ווער ס׳האָט ניט געזען דעם אינטערעס, דאָס אַריינגעטאָן־זיין פון די קינדער בשעתן זעצן, האָט ניט געזען קיין אינטערעסאַנטע קינדער־שפּיל־אַרבעט. די קינדער האָבן ליב דאָס זעצן מיט זייערע ביידע יצרס: מיטן יצר־טוב פון בויען און יצר־הרע פון צעשטערן; זיי זעצן און צעוואַרפן און זעצן איבעראַנייס. אונדזער שטרעבונגס־פונקט — די „קינדער־דרוקעריי״, דאָס קינד זאָל זיין זאַץ אָפּדרוקן מיט אַ האַנט־פּרעס.

„ד ע ר ח ד ר א ו ן ז י י נ ע „ק אַ ז י אָ נ ע״ ר ע פ אָ ר מ אַ־ ט אָ ר ן. זיי האָבן געזען, אַז דער חדר האָט חסרונות; זיי האָבן, אָבער, ניט געוואוסט אין וואָס זיי באַשטייען און, ממילא, ניט געקענט וויסן, ווי אַזוי זיי צו פאַרריכטן. און ווי דער שטייגער איז פון אַלע עמי־הארצים, האָבן זיי זיך אָנגעכאַפּט אָן חיצוניות, אָן דער אויסערלעכער זייט. זיי האָבן געזען דאָס אויסערלעכע פון דער הערשנדיקער שולע פון דער הערשנדיקער נאַציע און האָבן געמיינט, אַז דערינען שטעקט די גאַנצע פּעדאַגאָגישע חכמה, קודם כל, אָרדענונג, אַרעסטאַנטן־דיסציפּלין... עקזאַמענעס... און די איבעריקע אַנ־שיקענישן: „אוראָקן־מאַכן, אויסווייניק לערנען, דאָס אַריינעסן זיך אין די עצמות פון קינד דורך פּראַגעס און קאַטעכיזאַציעס״, טעמעס־ביכלעך, פּלע־נער און נאָך און נאָך — דאָס האָבן זיי איינגעפירט...

„אויף זיי און זייער גלייכן האָבן אונדזערע חכמים געזאָגט: כמתוקנים שבהם לא עשיתם כמקולקלים שבהם עשיתם [סנהדרין ל״ט]: דאָס גוטע וואָס ביי זיי, האָט איר ניט נאָכגעטאָן, דאָס שלעכטע, וואָס ביי זיי, האָט איר גע־בראַכט צו אונדז... די שיינקייט פון יפתן אין די געצעלטן פון שם... דעם מיליטאַריסטישן גייסט, דעם „רוהיג אונד אָרדנונג״ אין דער יידישער שול און אין גאַנצן יידישן לעבן... אָבער דער פרייער אַאימפּעריומיסטישער [אַנ־שטאָט „אַנאַרכיסטישער״, וואָס דער צענזאָר וואָלט ניט דורכלאָזן], אינדי־ווידועלער יידישער „מי־שמך״־גייסט וועט עס בשום־אופן ניט דערלאָזן, דאָס קען צו אים ניט צושטיין״.

אין דער אייגענער צייט האָבן מיר פאַרפאַסט אונדזער ווערק „די פּעדאַ־גאָגיק פון דער יוגנט״, צוויי טיילן. זיי ליגן עד היום אין כתב־יד. אויף וויפל איך געדענק, האָט פּריינט ש. ניגער געפירט אונטערהאַנדלונגען, ווען ער איז געווען אין פּעטראָגראַד, וועגן אַרויסגעבן עס. אָבער צוליב אונדזער באַשטייין אויף דער פאָנעטישער אויסלייגעכץ, אין וועלכער עס איז געשריבן געוואָרן, איז דער שידוך זיך פונאַנדערגעגאַנגען. ש. ניגער האָט אין זיין בריוו גע־שריבן און געראַטן זיך ניט איינצוקשנען: „וואָס איז נוגע דער פאָרם און בעיקר אָרפאָגראַפיע, וועלכע איז אחרי־ככלות־הכל מער ניט ווי אַ קליפּה״. אין רוסיש איז דערשינען דער ערשטער טייל פון „יונג־פּעדאַגאָגיק״ אין מאָס־קווע, אין 1918, אין דער דרוקעריי פון „פּאַטשין״. דער זעצער און דרוקער איז געווען דר. אטאבעקיאַן. (זע „זכרונות און חשבונות״, באַנד איינס, ז״ז 13־208).

4

„קאָסמיזם"

אין 1909 האָבן מיר אויך אַרויסגעגעבן אַ בראָשור אין יידיש אונטערן נאָמען „ספר אל הגולה" (אַ מגילה צו די יידן אין גלות).

אַן איבערבליק־קריטיק וועגן דער בראָשור האָט משה שאַליט פּאַרעפנט־לעכט אין ווילנער „הזמן" (ד' חשון התר"ע) אונטערן קעפּל „הד העבר" (אַן אָפּקלאַנג פון דער פאַרגאַנגענהייט).

דער ערשטער קאַפּיטל פון דער בראָשור גיט אַ שאַרפע קריטיק פון ביאַ־ליקס „דאָס לעצטע וואָרט". מיר רופן אים אַן פאַלשער נביא פאַר זיינע פעסימיסטישע רייד.

און גאָט האָט מיר געזאָגט אַזוי...
איך לאָז אַרויס אַ זון פון רעכט
און וועל די וועלט מיט ליכט באַגיסן —
נאָר איר אַליין וועט בלייבן קנעכט,
און וועט קיין טראָפּן ליכט געניסן.
(ח. נ. ביאַליק „דאָס לעצטע וואָרט")

פאַלשע נביאות! ס'איז מקויים געוואָרן און אייערע נביאים וועלן פלוי־דערן אָן טעם, אָן ראַם, זיין פאַלש, זאָגן פאַרויס שקרים; זיי זאָגן: „אַזוי האָט גאָט געזאָגט" און גאָט האָט ניט געזאָגט. [יחזקאל כ״ב, כ״ט].

אַ גאָט, וואָס קאָן אַרויסלאָזן אַ זון פאַר דער גאַנצער וועלט און פאַר אונדז, אייביק זונדורשטיקע, „קיין טראָפּן" — איז קיין גאָט ניט, איז אַ „פאַרגעטערטער קולאַק" און זיין זון איז ניט קיין „זון פון רעכט", נאָר אַ זון פון גאָלד...

„דאָס איז „דאָס לעצטע וואָרט" וועגן „די לעצטע טעג" פון אונדזער גאונישן נאַציאָנאַלן מקונן און דאָך — פאַלשן נביא. ס'איז מקויים געוואָרן: „גאָט האָט אייך אָנגעטרונקען מיט אַ תרדמה־גייסט און האָט אייערע אויגן צוגעמאַכט; אייערע נביאים און אייערע קעפּ, די פאַרויסזעער, האָט ער פאַר־בלענדט". [ישעיה כ״ט, י.].

„פון וואַנען וואַקסט אָט־דער גרויסער שוואַרצער יאוש, פון וועלכער מכה זויגט ער, פון וועלכן מוטנעם קוואַל שעפּט ער זיין חיות? פון די פאַלקס־צרות, פון די געבערענטע ליידן? ניין! ווייניק עקידות האָבן מיר גע־בונדן, ווייניק מזבחות האָבן מיר געבויט — אַזאַ טויט־וואָרט האָבן מיר ביז היינט ניט געהערט. ווייסט איר פון וואַנענט דער יאוש וואַקסט? אויסגע־גאַנגען איז דער פונק פון אמונה אין האַרצן, ניטאָ מער דער גלויבן אין די גייסטיקע כוחות פון פאַלק... ניטאָ מער דער גלויבן אין פאַלקס עולם־הבא... זיי מיינען דורכאויס, אַז דער פראָגרעס פון דער מענטשהייט איז קעגן אונדז".

דאָס צווייטע קאַפּיטל ווייזט־אָן אויף דער נויטיקייט פון אַן אידעאַל פאַרן יידישן פאַלק ווי אַ פאַלק אַן אונטערדריקטס.

דאָס דריטע קאַפּיטל גיט אַ כאַראַקטעריסטיק פון דעם אידעאַל, ווייזט־אָן, וואָס ער דאַרף זיין און וואָס ער טאָר ניט זיין.

„דעם אידעאַל דאַרפן מיר נעמען פון פאָלקס־לעבן. אַ פאָלקס־אידעאַל מוז אַרויסוואַקסן מעשה־אבר פון פאָלקס־לעבן, פון יום־טובדיקן, פון שבת־קודש־דיקן און וואָכעדיקן, פון די ליידן און פריידן, פון פיין און שיין פון פאָלק. דער אידעאַל מוז זיין אָנגעטרונקען מיט די הייליקע „צוויי־טויזנט־יאָריקע טרערן". ער טאָר ניט לאָזן אָן אַ תירוץ דעם גרויסן „פאַרוואָס און פאַר וועןן?" ער דאַרף געבן אַ טעם, אַ זינען צו דער גאַנצער יידישער גלות־געשיכטע, אַ טעם, אַ זינען צו די „ימים בלום און טייכן טרערן"; ער מוז מחייה־המתים זיין אָט־די אַלע קדושים, די שרעגנעס דורות, וואָס האָבן ווי טויבן אויס־געשטרעקט זייער האַלדז צום חלף... ער מוז צוזאַמענבינדן דעם גרויסן צרה־דיקן עבר מיטן גרויסן צרהדיקן הווה און בויען אויף זיי אַ נייעם בית־המקדש פאַר דער באַנייטער מענטשהייט.

„מיר וועלן אים נעמען פו ןעבר און פון חווה. אָבער פון וועלכן עבר?... מיר האָבן אָבער אויך אַ נביאים־עבר (ניט קיין מלכים־עבר, נאָר אַ נביאים־עבר!); פון יענעם עבר האָבן מיר איבערגענומען אַ גרויסע ירושה: דעם הייסן־פייערדיקן ברען נאָך דעם אמת, יושר און צדק; דעם אש־תמיד, וואָס גליט אין אונדזערע ביינער; דעם כלות־הנפש נאָך אַלמענטשלעכע סאָציאַלע אי־דעאַלן; דאָס אויסגיין, דאָס חלשן נאָך דער גאָלדענער צייט, ווען „זיי וועלן איבערשמידן זייערע שווערדן אויף אַקעראייזנס און זייערע שפּיזן — אויף גאָרטן־מעסערס", נאָך דער צייט, ווען דער וואָלף וועט וואוינען מיטן שעפּס — דאָס איז אונדזער שטאָלץ, דאָס איז אונדזער קרוין, דאָס איז אונדזער אָטעם... אָט־דער נביאים־אידעאַל דאַרף זיין די נשמה שבנשמה פון פאָלקס־אידעאַל. דער אידעאַל דאַרף זיין אַן אַלוועלטלעכער... פאַר דער גאַנצער שמאַכטנדיקער מענשהייט; נישט קיין קליינלעך עגאָאיסטישער, נישט קיין לינדזן־אידעאַל, קיין סיר־הבשר־אידעאַל, זכר־לטיט־טעריטאָריע־אידעאַל, נאָר אַ ברייטער אַלמענטשלעכער, ווי דער משיח־אידעאַל. דער יידישער פאָלקס־אידעאַל קאָן ניט זיין קיין ניט אַלמענטשלעכער... די כנסת־ישראל, דער פּראָ־לעטאַריער צווישן די אומות, קען ניט נגאל ווערן, סיידן באַפרייענדיק די גאַנצע נאַציאָנאַל־אונטערדריקטע מענטשהייט... דאָס פייער פון אונדזער גיהנום וועט אַנדערש ניט פאַרלאָשן ווערן, סיידן מיר וועלן דעם גיהנום גופא פאַרקערן אין אַ גן־עדן פאַר אונדז און פאַר דער גאַנצער מענטשהייט..."

דאָס פערטע קאַפּיטל הייסט „קאָסמיזם". און דאָס איז דער אידעאַל פון יידנשאַפט, ווי מיר האָבן עס אויפגעפאַסט.

וואָס באַדייט קאָסמיזם? דער אָפּשאַף פון נאַציאָנאַל אייגנטום אויף טע־ריטאָריעס; דער טעריטאָריאַליזם וועט אריבערגיין אין קאָסמיזם. „קאָסמיזם הייסט אינטערנאַציאָנאַליזירן די חברהשאַפט־באַזיסן".

„נאָך אונדזער אַלגעמיינער דעפיניציע איז טעריטאָריע אַ סך־הכל פון פּריוואַט־לאַנד, אַלץ וואָס אויף אים און אין אים, וואָס שטעלט פאָר מיט זיך נאַציאָנאַל־פּריוואַט־אייגנטום און דינט אַלס מאַטעריעלער באַזיס פון חברהשן

לעבן". „דער קאָסמאָפּאָליטיזם אַזוי ווי דער נאַציאָנאַליזם זענען איינזייטיק: דער ערשטער באַגרינדעט זיך אויף דער אינטעגראַציע, דער צווייטער — אויף דער דיפערענציאַציע". „אַ קאָסמיסט הייסט דער, וועמ עס איז ניט מודה [אָנ־דערקענט ניט] אין רעכט פון נאַציאָנאַל אייגנטום אויף טעריטאָריע".

„אין קאָסמיזם ווערט אויסגעדריקט די אידייע פון דער פּאַראַייניקונג פון אַלע איטעריטאָריאַליער אין איין אַלוועלטלעכער אָרגאַניזאַציע. די קעגנ־ווערטיקע קריגערייען־רייסערייען צווישן זיי באַטראַכטן מיר פאַר אַ בלוטיקן, ביטערן טעות, פאַר אַ נאַציאָנאַליסטישער בלינדקייט און באַגרענעצטקייט, און, בעיקר, פאַר אַ פאַרבלענדעניש־מאַנעווער פון די טעריטאָריאַליסטן, וואָס האַלטן פון אַלטן כּלל: צעשייד און הערש! פריער אָדער שפּעטער מוז אָבער דער סעפּאַראַטיסטישער, שאָוויניסטישער עגאָאיזם־בעלם אָראָפּפאַלן פון די אויגן און די אינטערעסן־סאָלידאַריטעט פון אַלע איטעריטאָריאַליער וועט ווערן קלאָר ווי דער טאָג, אַזוי אויך די אוטאָפּיסטישקייט פון יעדן פאַרזוך צו אינ־דיווידועל־נאַציאָנאַלער באַפרייאונג. ניט יעדערער פאַר־זיך און יעדערער אַנט־קעגן אַלע איבעריקע, נאָר יעדער איינציקער איטעריטאָריאַלער — מיט אַלע און פאַר אַלע. ביי דעם הײַנטיקן טעריטאָריאַליסטישן סדר איז דעם איטערי־טאָריאַליער [אונטערדריקט פאָלק, וואָס האָט ניט גענוג טעריטאָריע אָדער האָט אינגאַנצן ניט קיין טעריטאָריע] אוממעגלעך זיך צו דערשלאָגן צו זעלבסטשטענדיקייט; זיך באַפרייען מיינט אונטערדריקן אַנדערע שוואַכערע פון אים. און ווען עס איז אפשר יאָ מעגלעך פאַר איין איטעריטאָריאַליער, וואָס געפינט זיך צופעליקערווייז אין אַ גינציקער יוצא־מן־הכלל־לאַגע, — לייזט עס אָבער ניט די אַלגעמיינע איטעריטאָריעלע פראַגע. דער קאָסמיזם איז דער איינשטעל, אונטער וועלכן עס זיינען נישט פאַראַן קיין טעריטאָריעלע רעכט און פּריווילעגיעס. אַלע נאַציעס אָן אויסנאַם ווערן קאָנסטרואירט לויט דעם געמיינדע־פּרינציפּ. יעדע נאַציע אָן קיין אונטערשייד שאַפט אַן איטעריטאָ־ריעלע נאַציאָנאַלע פאַראייניקונג, וואָס נעמט אַרום אַלע אירע מיטגלידער. קיין שום אומה האָט ניט קיין רשות צו פאַרוואַלטן מיט דער צווייטער. קיין שום לשון, קיין שום שולע געניסט ניט קיין באַזונדערע פּריווילעגיעס. יעדעס נאַציאָנאַלע לשון צירקולירט צווישן די מיטגלידער פון דער געגעבענער נאַ־ציע און בלויז אין אירע ריין־נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס. אין די אַלמענטש־הייטלעכע אנשטאַלטן, ווי פּאָסט, טעלעגראַף א.א.וו. — ווערט געברויכט אַן אַלגעמיינע אינטערנאַציאָנאַלע שפּראַך. אויך אין פּריוואַטן פאַרקער צווישן די מיטגלידער פון צוויי נאַציעס — אַן אַלגעמיינע שפּראַך. דאָס בייאַנאַנד־לעבן פון די נאַציעס שטעלט אין געפאַר בלויז דעם באַרבאַרישן סעפּאַראַטיס־טישן שאָוויניזם, אָבער באין־אופן ניט די פרייע אַנטוויקלונג פון דער נאַ־ציאָנאַל־פּסיכאָלאָגיע, פון דער קאָלעקטיוו־אינדיווידואַליטעט, וואָס ווערט דורכדעם באַרייכערט, באַפרוכפּערט און פאַרפילפאַלטיקט.

דער אידעאַל פון אייביקן שלום, אין וואָס עס שפּילט זיך די טעריטאָ־ריאַליסטן־גרופּע און זייערע אידעאָלאָגן, איז אין תוך גענומען אַן „אידעאַל" צו גרינדן אַ טעריטאָריאַליסטן־סינדיקאַט, כּדי צו פאַרזיכערן זייער הערשאַפט

איבער דער גרופּע איטעריטאָריאַליער, מיט דעם, וואָס זיי וועלן ניט דאַרפן מורא האָבן פאַר אַ מלחמה צווישן זיך, אַ געשעעניש, וואָס איז אָפּט פאַרבונדן מיט דעם אָנווער פון אַ שטיק טעריטאָריע און אַ באַדרענגטן איטעריטאָריאַליער. נאָכמער, ריכטיקער, דער „אידעאַל" פון אייביקן שלום מיינט אָפּט דאָס פאַרגרינגערן דעם אַריינכאַפּ פון נייע טעריטאָריעס, דאָס פאַרשנעלערן דעם איטעריטאָריאַליזאַציע־פּראָצעס, דאָס צעטיילן צווישן זיך לענדער און פעלקער אויף אַזאַ „פרידלעכן" אופן, אַז עס זאָל דעם גרויס־טעריטאָריאַליסט אַפילו קיין טראָפּן בלוט ניט קאָסטן („אונדזערע חיבורים").

5

„יונג־פּעדאַגאָגיק"

אין 1912 האָב איך און דער ברודער וואָלף פאַרפאַסט אַ ווערק אונטערן נאָמען „יונג־פּעדאַגאָגיק". איך וועל אָנווייזן אין וואָס ס'באַשטייט דער הויפּט־געדאַנק פון ווערק.

מיר אָנדערקענען די נויטווענדיקייט פון דערציאונג, מיינענדיק אונטער דעם וואָרט די צופּאַסונג פון אויפוואַקסנדיקן דור צו אונדזער מאַטעריעלער, קאָנקרעטער סביבה, צו אונדזער ציוויליזאַציע. מיר פאַרניינען אָבער דאָס רעכט פון בילדונג. מיר פאַרניינען דאָס רעכט פון עלטערן דור אַרויפצוצווינגען זיין קולטור, זיינע ווערטן, זיינע לערעס, טעאָריעס אויף דעם יונגן דור. דאָס ווערק שטייט אויפן שטאַנדפּונקט פון אַ גענעראַציעס־קאַמף. דורך דער געשיכטע גייט אַן אַ קולטור־קאַמף צווישן די אַלטע און די יונגע.

מיר וועלן ברענגען אַ לענגלעכן אויסצוג פון סוף ערשטן טייל און אַן אויסצוג פון סוף צווייטן טייל.

„א ו י ט אָ ר י ט ע ט אַ ז אַ צ י ע"

„חנוך לנער על פי דרכו, גם כי יזקין לא יסור ממנה" (משלי כ"ב, ו') (געוואוין אַ ייִנגל לויט זיין וועג, ווען ער וועט אַפילו אַלט ווערן, וועט ער זיך נישט אָפּקערן פון אים) — דאָס איז דער גרונטפּרינציפּ פון דער בילדונגס־שולע, וועלכן עס האָבן תופס־געווען די אַלטע. אַלע רעליגיעזע שיטות־גרינדערס האָבן דאָס געוואוסט און עס מיסברויכט. זיי האָבן געוואוסט, אַז וואָס עס ווערט אָנגעשריבן אויף דער יוגנט־טאָבעלע ווערט ס'רוב נישט אָפּגעמעקט אין משך פון גאַנצן לעבן. זייער ווייניק מענטשן, בלויז יחידי־סגולה, זיינען בכוח אַרויסצורייסן דאָס, וואָס איז אין זיי איינגעפּלאַנצט געוואָרן פון דער יוגנט, וואָרעם די דאָזיקע אָפּעראַציע איז צוזאַמענגעבונדן מיט אַזעלכע אומאָנגענעמע געפילן, וואָס זיינען געוויינלעכן דעם געווייסנטלעכן מענטשן, דעם אָדם רגיל, אויף אַזוי פיל, אַז ער זאָל קיינמאָל גאָרנישט מעיז זיין צו טראַכטן מכוח ענלעכע אונטערנעמונגען. אין דער יוגנט ווערט אַלדאָס אינטעלעקטועלע עמאָציאָנעל, עס פאַרוועבט זיך מיטן געמיט, מיטן געפיל,

עס ווערט אַרומגעזוימט מיטן יוגנט־אַרעאַל, עס ווערט סוביעקטיוויזירט, פאַר־איכט, — און אָפּזאָגן זיך פון דעם, מיינט זיך נישט שאַנעווען, מיינט אויס־רייסן אַ שטיק הארץ, אויסמעקן אַ גאַנצע פּאָעטישע פרשה פון דיין לעבן. דאָס צו טאָן זיינען פעאיק בלויז די, וואָס האָבן דעם אמת ליבער פון זיך. דעריבער זאָגט אַ ווערטל, אַז פאַרלערנען איז שווערער ווי לערנען.

אין דער יוגנט איז דער שכל, אַזוי צו זאָגן, ווייך, נישט ווידערשטאַנד־פעאיק. די גאַנצע בילדונגס־סיסטעם שיקט פאָרויס אַט־דעם טעזיס וועגן סו־געסטיוויקייט. די פונקציע פון דער בילדונגס־שולע, פון דער היינטצייטיקער שולע איז צוצוקלעפּן די אַלט־קולטור דעם יונגן דור, און דאָס דערגרייכט זי אַדאַנק דער באַאיינפלוסבאַרקייט פון דער יונגוואַרג, אַדאַנק דעם וואָס די יונגע גענעראַציע שטעלט פאַר אַ לפי ערך אומווידערשטענדלעכע סביבה. שמיד דאָס אייזן כל זמן עס איז הייס. שמיד דעם ייגגן דור, כל זמן ער איז יונג און „ווייך“, נאָכגיביק. בייג דאָס יונגע ביימעלע, עס לאָזט זיך לייכט בייגן. אין דעם פּרט איז די בילדונגס־שולע געגליכן צו דער אַרבעט פון פּלאַסטינקעס־מאַכן. זי שרייבט אַריין, זי קריצט אויס אויף די ווייכע, יונגע וואַקסענע וואַלצעס, לאָזט זיי דערנאָך זיך אָפּקילן און פאַרהאַרטעווען, און די אויפשריפטן ווערן אומאָפּווישבאַר. און איר הערט ווי עס זינגט אַרויס פון אירע תלמידים דאָס אַלטע שולע־ליד אַ לעבן לאַנג. זיי זענען טאַקע נישט מער ווי שולע־גראַמאָפאָנען: עס רעדט פון זיי אַרויס דאָס אַריינגערעדטע; עס זינגט פון זיי אַרויס דאָס אַריינגעזונגענע, דער שולע־גלגול.

אין אַט־דעם אָרגאַניזירטן, גייסטיקן צוואַנג באַשטייט דער הויפּט־אונ־טערשייד צווישן אַגיטאַציע און בילדונגס־דערציאונג: אַגיטאַציע, מעג עס אַפילו זיין נישט קיין צופעליקע, נייערט סיסטעמאַטישע, אָרגאַניזירטע, רע־פרעזענטירטע אין אַן אַנשטאַלט, — בלייבט זי דאָך לויט איר מהות פריי, וואָרעם דער אַגיטירטער און דער אַגיטאַטאָר שטייען איינער כנגד דעם אַנ־דערן אַלס גלייכבאַרעכטיקטע פּערזאָנען. די בילדונגס־שולע איז אָבער אַ גייס־טיקע פאַרגוואַלטיקונג מחמת דעם וואָס זי רעכנט תמיד אויס אויף דער ניט־ווערבאַרקייט פון יוגנט־שכל, אויף זיין לייכטער באַאיינפלוסבאַרקייט. אַזוי־אַרום איז די שולע אַ היפּנאָטיזאַציע־שטיבל אויפן גאַנצן לעבן צו טראַכטן און טאָן וואָס מען האָט אים באַפוילן, אַריינגעלייגט אין אים אין זיין יוגנט.

ה ע ר אַ נ ט י ז אַ צ י ע. די אידייען־געשיכטע פון דער מענטשהייט איז דער געראַנגל פון די צוויי גענעראַציעס, די יונג־גענעראַציע און אַלט־גענעראַציע. די שולע איז דער פּלאַץ, וואו די יונגוואַרג ווערט הערטאַנטיזירט, פאַרזקנט איבערגעוואַלד. די אַלטוואַרג, זייענדיק אָמבעסטן צוגעפּאַסט צו די אַלטע שוין־עקזיסטירנדיקע פאָרמען, איז פאַראינטערעסירט אין זייער אויפ־האַלט, אין זייער קאָנסערווירונג, אין זייער אומאויפהערלעכן המשך. די יוגנט, פאַרקערט, דווקא דאָס שאַפן פון נייע פאָרמען שטעלט פאַר פאַר זיי די ליניע פון קלענערן ווידערשטאַנד, זיי קענען עס באַווייזן מיט אַ קלענערן כוחות־אָנשטרענג, מחמת צו דעם זיינען זיי באַרופן פסיכאָלאָגיש און סאָציאַל; פסי־כאָלאָגיש אַדאַנק דער אָפּוועזנהייט פון „אָפּערצעפּטיווע קאָנסערוואַטיווע

מאָסן״, סאָציאַל — מחמת דער פאַרנומענקייט פון די אַלטע פּאָזיציעס און לעַבנס־פּאָרמען. די יונגוואַרג פירט אַ האַרטנעקיקן קאַמף קעגן קאָנסערווירונג, קאָנסערוואַטיזם איז זייער ערגסטער שונא. די אַלטוואַרג אויס פּחד פאַר דאָס נייע, וואָס האָט בדעה זיי צו פאַרדרענגען פון דער אידייען־אַרענע אַזוי ווי אויך פון לעבענס־אַרענע, לעבט אין הוילער שרעקעניש ווי סאָלניעס פאַר דער יונגוואַרג, וואָס קומט און קלאַפּט אין טיר, — האָט געשאַפן די בילדונגס־שולע, וואָס איז אַן אויטאָריטעטאָזאַציע־ און הערשאַפטיזאַציע־אַנשטאַלט, וואָס פאַרזיכערט און באַוואָרנט די הערשאַפט פון אַלטן דור. זי העלפט שאַפן און אָנהאַלטן דעם קולטורעלן הערשאַאַרכאַט. די בילדונגס־שולע איז דער פּלאַץ וואו די אַלטוואַרג פאַרגוואַלדיקט די יונגוואַרג.

6

אַפאָרמיזם

אַ פ אָ ר מ י ז ם. אונטער דערציאונג פאַרשטייען מיר די צופּאַסונג פון דעם אויפוואַקסנדיקן דור צו דער פיזישער און סאָציאַלער סביבה. אונטער בילדונג פאַרשטייען מיר דעם איבערגעב פון גייסט־פּראָדוקטן, פון קולטורע־לע ווערטן. אַפאָרמיזם מיינט דאָס פאַרניינען פון ב י ל ד ו נ ג, די אנדער־קענונג, אַז ב י ל ד ו נ ג איז שעדלעך, זי פאַרהאַלט די אַנטוויקלונג פון מענטשלעכן פאַרשטאַנד, שטעלט אין געפאַר דעם גייסטיקן, אינטעלעקטועלן און עמאָציאָנעלן פּראָגרעס פון דער מענטשהייט. אַפאָרמיזם באַטייט אַ קעג־נערשאַפט צו דער פאָרמירונג פון דעם יונגן דור, דורך דער ספּעציעלער פאָר־מיר־אינסטיטוציע, וואָס ווערט אָנגערופן שולע, לויט דעם מוסטער פון דעם אַלט־דור אין דעם לעצטנס גוסט, שטייגער, אין לעצטנס אידעאָלאָגיע און — אינטערעסן. בילדן הייסט איבערגעבן די לערנונגען — דעם סך־הכל פון וויסן, וואָס דער לעצטער אַלטער דור האָט געשאַפן, — צו דעם אונטער־וואַקסנדיקן דור, און דורך דעם שטערן אים אין זיין שאַפן ז י י ן וויסן, דערגרייכן זיין אייגענע אַנטוויקלונג, זיין אייגענעם אָריגינעלן לעבנסבאַנעם און וועלטאויפפאַס. זיינע אייגענע אמתן און שקרים, זיינע אייגענע ריכטי־קייטן און זיינע אייגענע פאַרגרייזונגען, זיין אייגענעם וועג און אומוועג. וואָרעם דער יונגער דור האָט מער שאַנסן צו געפינען דעם נייעם אמת איי־דער דער אַלט־דור. די בילדונגס־שולע זעט, אָבער, איר אויפגאַבע אין אַרויפ־צווינגען איבערגעוואַלד דווקא דעם אַלטן אמת, דעם אמונה־אמת אָדער דעם וויסנשאַפט־אמת, דעם אמת פון אַלט־דור — אויף דעם יונג־דור.

וויל מען דערציען אַ פרייען דור פון פריי־דענקערס, פריי פון טראַדי־ציעס און פון פאָרויסאָנגענומענקייטן, דאַרף מען אויף אים נישט אַרויפלייגן נישט דעם יאָך פון דער קירכן־אמונה און נישט דעם יאָך פון אוניווערסי־טעט־וויסנשאַפט, נייערט לאָזן אים טראַכטן פראַנק און פריי!

מען דאַרף געבן דעם יונגן דור דאָס רעכט צו טראַכטן.

דער יונג־דור, וואָס איז באַרופן צו שאַפן נייע פאָרמען, טאָר נישט פאַרמירט ווערן לויט די שוין־לאַנג אָפּגעגאַסענע, אָפּגעפּורעמטע אַלטע דענ־קונג־שאַבלאָנען.

דער גרויסער באַפרייער פון דער מחשבה — טאָר נישט פאַרשפּאַרט ווערן אין דער תפיסה פון אַנדערקענטקייט.

דער טרעגער פון אַפּאַרמיזם איז די יונגוואַרג, דער יונג־דור. אַלע שולע־רעפאָרמאַטאָרן קלאָגן זיך אין איין קול אויף דער פּאַמעלעכקייט פון דער רעפאָרם פון דער שולע. אָט־די פאַרשלעפּעניש איז גאַנץ נאַטירלעך. די רע־פאָרמאַטאָרן ווענדן זיך מיט זייערע פּלענער צו כלל־טוערס, צו עלטערן, צו לערערס, ווענדן זיך אָבער נישט צו דעם, צו וועמען זיי האָבן זיך באַדאַרפט ווענדן, צו דעם וואָס איז בלוטיק פאַראינטערעסירט אין דער רעפאָרם — צו דעם יונג־דור, צו דער זיך לערנענדיקער יונגוואַרג. די רעפאָרם־באַוועגונג געפינט זיך אויף דער ערשטער סטאַדיע פון אַלע סאָציאַלע באַוועגונגען. די סטאַדיע פון אוטאָפּיזם, פילאַנטראָפּיזם, אויף דער סטאַדיע פון רחמנות־וועקן ביי די, וואָס האָבן די דעה און די מאַכט אַלץ צו אונטערנעמען. איבערלעבנ־דיק איין אַנטוישונג נאָך דער אַנדערער טרעט זי, די רעפאָרם־באַוועגונג, אַריין אין דער צווייטער סטאַדיע, זי ווענדט זיך צום בעל־דבר אַליין, צו דעם וואָס איז פאַראינטערעסירט אין דער זאַך, ער זאָל נעמען זיין גורל אין זיין האַנט.

אַפּאַרמיזם ווענדט זיך דירעקט צום יונג־דור און פּראָקלאַמירט דעם יונג־דור ווי דעם טרעגער פון אַפּאַרמיזם. פאַרשטייט זיך, אַז מיר וואַרפן נישט אָפּ די סימפּאַטיע און מיטהילף פון אַלע פּראָגרעסיווע עלעמענטן פון דער מענטש־הייט, פון אַלע די וועמען די צוקונפט, דער פאָרשריט פון קולטור־אַנטוויק־לונג איז טייער און נאָענט. איבערהויפּט רעכענען מיר אויף דער מיטאַרבעט פון די פיר באַליידיקטע אין אונדזער געזעלשאַפט, אַרבעטער, פרוי, איטערי־טאַריאַליערס (אונטערדריקטע פעלקער, וואָס באַזיצן נישט קיין טעריטאָריעס אָדער זייער ווייניק לאַנד) און יחיד. אָט־די זיינען צוגאָב־כוחות; בראש, וראשון גייט אָבער די יונגוואַרג אַליין, אונטער דער פאָן פון אַ פּ אָ ר מ י ז ם, שאַפנדיק אַן אַלוועלטלעכע יונגוואַרג־אָרגאַניזאַציע, וואָס וועט אויסאַרבעטן דעם פּראַקטישן פּלאַן און די קאַמף־טאַקטיק.

די יונגוואַרג טיילט דעם גורל פון אַלע באַליידיקטע איידער זיי דער־וואַקסן צו דער אַנדערקענונג און פאַרשטייאונג פון זייערע אינטערעסן, צו דער באַגרייפונג פון זייער לאַגע אַלס באַליידיקטע; זיי זענען היטערס פון פרעמדע גאָרטנס, נאָר נישט פון אייגענעם גאָרטן. זיי זיינען שמירעכץ אויף די רעדער, וועלכע פאָרן זיי אָפּט אַריבער מיט גרויס גאווה. זיי גיבן דעם לייבנטייל פון די קרבנות פאַר אַלע באַפרייאונגס־באַוועגונגען, זיי קעמפן פאַר דער באַפרייאונג פון אַלעמען אויסער זיך אַליין.

מיט דער באַזייטיקונג פון דער בילדונגס־שולע, די קינסטלעכע איבער־געוואַלט־איבערוועגונג פון דער קאָנסערוואַציע, וועט פאַרקומען אַ ריטמישער פאַרויסגאַנג פון קולטור. אַ רוק פאָרויס פון יונג־דור, אַן אָפּשטעל ווען ער

זוערט אַלט, אַ נייער רוק פאַרויס פון נייעם יונג־דור און אַ נייער אָפּרו. אַ שטופּ פאָרויס און אַן אָפּוואַרט, אַ שטילשטאַנד און ווידער אַ צי פאָרויס און אַזוי אָן אַ סוף. אַזוי אַרום וואַלטן די קולטורן און ציוויליזאַציעס נישט קומען צו אַ צוזאַמענברוך, ווי דער פאַל איז שוין געווען עטלעכע מאָל אין דער געשיכטע, זיי וואַלטן זיך נישט אָפּשטעלן און פונאַנדערפאַלן. דאָס קולטור־שיפל וואַלט כסדר שווימען, געטראָגן פון דעם שטראָם פון דורות אין ים פון אומאויפהערלעכן שאַפן, שווימען תמיד אַהין אין ווייטן, ווייטן בלוי. און עס וואַלט זיין אַ שטענדיקע איבערגאַנגס־צייט, אַן אייביקע גייסטיקע אַנאַרכיע.

7

דער טרעגער פון אַפאָרמיזם

אין 1913 איז דערשינען אונדזער ווערק „דער יונג־מענטש אָדער דער פינפבונד״, אַ דראַמאַטישער שיר, טריאומפעדיע אין פינף אַקטן, 192 זז.

אַט־דאָס ווערק, וואָס איז געשריבן אין אַ פּערזנפאָרם, דריקט אויס אין בילדער די אידייע פון פינפבונד און, דערהויפּט, דעם אידעאַל פון פרייען אומאָפּשטעלבאַרן קולטור־שאַפן דורך דעם „יונג־מענטש״, ד.ה., דורך דעם פון טראַדיציע־פרייען יונג־דור.

„די קולטור־געשיכטע און בעיקר דאָס איבערוואַנדערן פון די קולטור־צענטערס קען אַנדערש ניט דערקלערט ווערן ווי נאָר דורך דעם געזעץ פון קאָנסערוואַציע. די קולטור־מאַסע וואַקסט אין קוב, די באַוועגונגס־קראַפט — בלויז אין קוואַדראַט, אַזוי אַז מיט דער אַנזאַמלונג פון דער קולטור־מאַסע פאַרקלענערט זיך איר באַוועגונג־פעאיקייט ביז זי דערגרייכט דעם שטיל־שטאַנד־מצב. די מאַסע וואַקסט אויפן חשבון פון אָרגאַניזאַציע, דער רויער מאַטעריאַל אויפן חשבון פון באַאַרבעטונג; דער דאָגמאַטיזם, פאָרמאַליזם, שאַבלאָניזם און אויטאָריטעטיזם אונטערדריקן און פאַרשקלאַפן דעם פרייען שאַפונגס־גייסט, דעם איבעראַנדערשונגס־טרייב; די „אַפּערצעפּטיווע מאַסן״, די תושבים־אידייען לאָזן ניט אַריין קיין עמיגראַנטן־אידייען; דער פּרינציפּ פון אינערטישקייט קריגט די אויבערהאַנט איבער דעם פּרינציפּ פון וואַריאַ־ביליטעט. און די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער קולטור טראָגט זיך אי־בער צו די אַזוי גערופענע באַרבאַרן, ד.ה. צו אַן אומקולטורעל פאָלק, אַ פאָלק מיט זייער אַ נידעריקן קולטור־ניוואָ, אָדער, להיפך, צו אַן איבערקולטור־פאָלק, אַ פאָלק, וואָס ליידט, פונקט פאַרקערט, פון קולטור־היפּערטראָפיע. אַדאַנק זיין אָפּגעשטאַנענקייט און דעם פאַקט, וואָס זיין אַלטע קולטור גע־פינט זיך אין אַ צו שרייענדיקער סתירה מיט דער אַרומיקער סביבה, איז ער געניייגט אַריבערצושפּרינגען פון קאָנסערוויטעט — צו נאָוויטעט; פון מנהג־נאָכטואונג צו מאָדע־נאָכטואונג... די אייראָפּעאישע אתה בחרתנו־טעאָריע פון מיטלמאָסיקן גאַרטל [דער געדאַנק, אַז די אייראָפּעאישע קולטור וועט זיין דויערהאַפט, ווייל אירע איינוואוינער געפינען זיך אין דער מיטלמאָסיקער

זאַנע, וואו ס'איז ניט צו קאַלט, ניט צו הייס, אַ טעאָריע, וואָס באַקל האָט אַנטוויקלט], איז פאַלש. דער אַרויסשפּראָץ פון קולטור קען דערקלערט ווערן געאָגראַפיש, העטעראָנאָמיש. דאָס אַפּשטיין, הינטערשטעליק בלייבן, דאָס איבערטראָגן זיך ווערט אָבער באַדינגט דורך דער באַשאַפנקייט פון גייסט און קולטור, פעלקער־פּסיכאָלאָגיש, אויטאָנאָמיש. דער קאָנסערוואַציע־אָנ־שטאָלט איז די בילדונגס־שולע, וואָס פירט דעם יונג־דור אויף דעם פון־קדמונים אויסגעטראָטענעם מחשבה־וועג. אָן איר וואָלט דער יונג־דור, בלייבנ־דיק גייסטיק פריי, בלייבנדיק מיט זיינע געדאַנקען און צווייפלען, זיין זוכן און געפינען, — אָנהייבן די גייסט־קולטור פונדאָסניי, דורכלייגן אַ נייעם וועג אין דעם אומענדלעכן „נאָך־ניט־דערקענטן". אייראָפּע שטייט, לכן, פאַר אַ דילעמע: ענטוועדער אָננעמען דעם אַ פּ אָ ר מ י ז ם, דעם פּרינציפּ פון אומבילדונג, די גייסטיקע באַפרייאונג פון יונג־דור, דאָס ניט פאַרזעצן די אַלטע גייסט־קולטור, דאָס אַרויסנעמען די רעליגיע און די וויסנשאַפט פון דער שולע, אָדער נאָך אַ געוויסן צייט־פאַרלויף אומפאַרמיידלעך אונטערגיין, קאָנסערווירט ווערן ווי אַזיע.

די יונג־פּעדאַגאָגיק באַוואָרנט דעם פּערפּעטום מאָביל פון גייסט, דאָס אייביקע פאַרויסגיין.

דער טרעגער פון אידעאַל פון אַפּאַרמיזם, פון דער צופּאַסונגס־שול־אי־דייע איז דער יונג־דור, די יונגוואַרג ווי אַן אָרגאַניזירטע גאַנצקייט. די איינ־צלנע ספּאָראַדישע צוזאַמענשטויסן צווישן עלטערן און קינדער, תּלמידים און לערער, אַלטע און יונגע, מיט איין וואָרט דער קולטור־קאַמף פון די גענעראַ־ציעס, ווערט אָננעמען דעם כאַראַקטער פון פּלאַנמעסיקייט, סיסטעמאַטישקייט און מענטשהייטלעכקייט — אונטער דעם צייכן פון אַ פּ אָ ר מ י ז ם.

ד י פ ר יי ע ש ו ל ע א ו ן ד י צ ו פ אַ ס ו נ ג ־ ש ו ל ע. די פרייע שולע איז מער ניט ווי אַ פאָדערונג פון שטאַנדפּונקט פון איינצלנעם, פון אַ אי מ פּ ע ר י ו מ י ז ם [אַנאַרכיזם], וואָס נעגירט געוואַלדטאַט, אָבער ניט באַאיינפלוסונג; אדרבה ער רעקאָמענדירט צו פאַרבייטן געוואַלד־טאַט מיט גייסטיקער השפעה. די צופּאַסונג־שולע איז אָבער דער שטאַנד־פּונקט פון דער יונגוואַרג, איז יונג־דור־אידעאָלאָגיע, אַ פּ אָ ר מ י ז ם, וואָס נעגירט פאַר דעם יונג־דור אויך די גייסטיקע השפעה אין דער געשטאַלט פון דער בילדונגס־שולע, באַטראַכט זי ווי אַן אָרגאַניזירטע גייסטיקע געוואַלד־טאַט". („אונדזערע חיבורים").

8

די פאַלשקייט פון די עקספּליקאַציון

ה י ס ט אָ ר י ש ק יי ט. אָנווענדנדיק דעם פּרינציפּ פון עוואָלוציע אויף די גייסט־פּראָדוקטן, אָננעמענדיק, אַז זיי אַנטוויקלען זיך, מוזן מיר אויך אָננעמען, אַז זיי פאַלן פונאַנדער: עוואָלוציע און דיסאָלוציע. די וויסנ־

שאַפט איז, היוצא, די מאָדערנע רעליגיע און רעליגיע איז אַן אַלטע וויסנ־
שאַפט. רעליגיע איז אַן אָפּגעשלאָגענע וויסנשאַפט, ד. ה. אַ וועלט־דערקלע־
רונגס־סיסטעם, וואָס האָט שוין אָפּגעלעבט איר צייט, אָפּגעטאָן איר אַנדער־
שונג־שליחות, איר אידעאַליזירונג־טואיקייט. די וויסנשאַפט איז אַ וועלט־
דערקלערונגס־סיסטעם, וואָס שטייט אָפּגעשלאָגן צו ווערן. נאָר ניט קוקנדיק
אויף דעם זיינען מיר גענייגט זי צו האַלטן לעת־עתה פאַר אמת. מחמת מיר
האָבן ניט, דערווייל, קיין בעסערע; מיר דאַרפן אָבער וויסן, אַז מיר נעמען
זי אַן מער ניט ווי אַ ריין אוטיליטאַריסטישע אַרבעט־היפּאָטעזע, וואָס ווערט
באַרעכטיקט דורך די קאָנקרעט־מאַטעריעלע רעזולטאַטן, וואָרעם דער קריטע־
ריום, דער אָפּשאַץ־מאָסשטאָב פון יעדער אידייע, איז ניט איר אַבסטראַקטע
אמתדיקייט, נייערט די פּאָטענציעלע און אַקטועלע פעאיקייט צו ענדערן די
מאַטעריעס, וואָס געפינען זיך אין איר. פאָלגלעך דאַרפן מיר איבערגעבן דעם
יונג־דור ניט אונדזערע אַרבעט־היפּאָטעזעס, ניט די שוין אָפּגעשלאָגענע (פע־
טישיזם, טעאיזם א.א.וו.) און ניט די צו אָפּשלאָגונג־שטייענדיקע (וויסנשאַפט
א.א.וו.), נייערט זייערע רעזולטאַטן: די קונסט, אומנותן, די פּערפעקטירונ־
גען פון דער מאַטעריע, פון דער מ אַ ט ע ר י ע ל ע ר קולטור.

ד י פ אַ ל ש ק י י ט פ ו ן ד י ע ק ס פּ ל י ק אַ צ י ע. די גאַנ־
צע סיסטעמאָלאָגיע, ד.ה. אַלע שיטות צום וועלט־פאַרשטיין, וואָס די מענטש־
הייט האָט געשאַפן, באַזירט זיך אויף ניהיל־זוכעריי, אויף איין טראַכטנס־
טעות, דענקענס־אילוזיע, וועלכע באַשטייט אין פאָרויסשיקן, זוכן און וועלן
געפינען דאָס, וואָס איז במציאות ניט פאַראַן. מע קען עס באַצייכענען מיט
אָט־די ווערטער: אַנטראָפּאָמאָרפיזאַציע פון דער דרויסן־וועלט און די סוב־
יעקטיוויזאַציע פון דער אינערלעכער וועלט, בשעת זי ווערט באַטראַכט ווי אַן
אָביעקט. אַלע דידאָזיקע וועלט־ראַציאָנאַליזירנדיקע אילוזיעס: וויטאַליטעט
פון די אָביעקטן אין פעטישיזם, זייער פּסיכיטעט אין אַנימיזם א.א.וו. פּאָלי־
טעאיטעט און מאָנאָטעאיטעט אין רעליגיע, פּאַנטעאיטעט, דעאיטעט, פּאָלי־
טעט און מאָניטעט, (וועלכע דאַרפן, מיט מער פּינקטלעכקייט, אָנגערופן ווערן:
פּאַנאַטאָריטעט, נאַטוריטעט, פּאָליגאַטאָריטעט און מאָנאַגאַטאָריטעט) אין דער
וויסנשאַפט, — קענען איינגעטיילט ווערן אין צוויי קאַטעגאָריעס: די ט ע־
ל ע אָ ל אָ ג י ע ־ פ י ק צ י ע און די ק אַ ו ז אַ ל י ט ע ט ־ פ י ק־
צ י ע. דער פעטישיזם שטייט אונטערן צייכן פון טעלעאָלאָגיע־פאַנטאָם: יע־
דער קעגנשטאַנד מיט זיין הנהגה זוכט תכליתים, וואָס ער שטעלט זיך; „ער
וויל“; געברויכנדיק אַ וויסנשאַפט־לשון: ער ווערט געטריבן דורך דעם פאָר־
שטעל פון פּאָסטצעדענטן, דורך די דערוואַרטע, קומענדיקע רעזולטאַטן. לויט
דער וויסנשאַפט איז יעדער קעגנשטאַנד קאַוזאַליש, „ער מוז“; יעדע דערשיי־
נונג איז געטריבן דורך די אַנטעצעדענטן (אייגנטלעכע רעליגיע איז אַ גע־
מיש פון צוועקמעסיקייט און אורזאַכמעסיקייט). די טעלעאָלאָגיע איז פיק־
טיוו, אַן אילוזיע פון אַ דערקלערונג, וואָס דערקלערט גאָרניט: יעדער צוועק
פּאָסטולאַטירט אַ פאָרעמדיקן צוועק, און אַזוי אָן אַ סוף. דער מענטשלעכער
שכל האָט זיך ניט באַרואיקט, ביז ער האָט רעדוצירט דעם צוועק צו אַ ניט־

צוועק, צו אַ זעלבסטצוועק, די טעלעאָלאָגיע צו אויטאָ־טעלעאָלאָגיע. איבער־צייגנדיק זיך, אַז צום סוף מוז מען אומפאַרמיידלעך קומ'ען צום זעלבסטצוועק, ד.ה. צום ניט־צוועק, צו דער נעגאַציע פון צוועק, האָט מען אַראָפּגעוואָרפן, כדי צו פאַרשפּאָרן אומפּראָדוקטיווע אומענדלעכע ספּעקולאַטיווע אַרבעט, — די אומצוועקבאַרע, פאַרמיטלדיקע צוועק־רינגעלעך און מ'האָט דירעקט פאַר־בונדן דעם ערשטן רינג מיטן לעצטן. וועלט — זעלבסטצוועק. קאַוזאַליטעט איז אַן ענלעך ווערטער־ און געדאַנקען־שפּיל. דער זעלביקער פאַרשטאַנד־אָפּנאַר, וואָס האַלט זיך אויף אַן אינטעלעקטועלן האָקוס־פּאָקוס, אויף דער פאַרלענגערונג פון דער דערשיינונגען־קייט דורך די פאַרמיטלדיקע קאַוזאַ־רינגען. אַזוי אַז דעם שכל־בליק איז שווער צו כאַפּן ביידע עקן אין איין צייט־מאָמענט. איין סיבה שיקט פאָרויס אַ פאַרדעמדיקע; יעדע קאַוזאַ פּאָסטולאַ־טירט אַ פּרעקאַוזאַ. דער הויכאַנטוויקלטער מענטשלעכער שכל באַרואיקט זיך ניט, ביז ער דערגייט צו דער קאַוזאַ סואי, און דערגרייכנדיק אָט־דעם רעיון, מאַכן מיר דאָ די זעלביקע אָפּעראַציע ווי מיט טעלעאָלאָגיע, מיר וואַרפן אַראָפּ די פאַרפירערישע מיטלרינגען און שטעלן זיך באַלד ביי דער זעלבסט־אורזאַך, ביי דער ניט־סיבה, קאַוזאַ — קאַוזאַ סואי.

די דעגענעראַציע פון דער עקספּליקאַטיוויטעט. באַטראַכטנדיק די סיס־טעמאָלאָגיע, זעען מיר, אַז די ביז־איצט עקזיסטירנדיקע אוניווערסאַל־סיס־טעמען זיינען דערקלערנשאַפטן, עקספּליקאַטיוון. זיי פּאָסטולירן, אַז בכלל בעט זיך אַ דערקלערונג און אַז עס איז פאַראַן אַזאַ „מהות" ווי אַ דערקלערונג און, בפרט, אַז זיי האָבן די דערקלערונג. דער בעסטער, העכסטער עקספּלי־קאַטיוו, „דערקלערער", איז פעטישיזם, די קרוין פון דער אָביעקטאָ־ראַציאָנאַ־ליזאַציע, דאָס צושרייבן צו קעגנשטאַנדן דעם אויפפּיר פון אַ וועזן, אַ בעל־שכל, — די ריינע טעלעאָלאָגיע. דער גאַנג פון פעטישיזם ביז צו דער היינט־צייטיקער וויסנשאַפט אילוסטרירט איין אויסגעבורט פון דער עקספּליקאַטי־וויטעט. אַנימיזם איז אין אַ געוויסער בחינה אַן אָפּזאָג פון דער זאַכן־דער־קלערבאַרקייט: די הנהגות פון קעגנשטאַנד ווערן דערקלערבאַר נאָר אַדאַנק זיין פּסיכע אָדער גייסט, וואָס עקזיסטירט א י ן א י ם ווי עפּעס זעלבסט־שטענדיקס, און שפּעטער־צו א ו י ס ע ר א י ם. אין פּאָליטעאיזם זיינען שוין גאַנצע גרופּן פון קעגנשטאַנדן און דערשיינונגען פאַראייניקט אונטער דערקלערונגס־וועזנס, וואָס הייסן געטער: די עקספּליקאַטיוויטעט האָט זיך, על כן, אָפּגעשיידט פון די קעגנשטאַנדן און האָט זיך באַזעצט אין ספּעציעל דערצו באַשטימטע וועזנס, און פאַלגלעך, די קעגנשטאַנדן אַליין פאַר־זיך האָבן פאַרלאָרן פיל אין זייער ראַציאָנעלקייט, דערקלערבאַרקייט. מאָנאָטע־איזם — די וועלט איז אַראָפּגעדריקט צו דער מדרגה פון אומשכלדיקייט און אומדערקלערבאַרקייט. איר שכלדיקייט און דערקלערבאַרקייט איז אַנטראָפּאָ־מאָרפיצירט אין איין מהות וואָס הייסט גאָט.

די וויסנשאַפט האָט געמאַכט נאָך אַ טראָט אין דער ריכטונג פון דע־עקספּליקאַטיוויזאַציע, זי האָט צוגענומען פון דעם וועלט־אינטערפּרעטאַטאָר־וועזן זיין פרייען ווילן און פאַרשטאַנד. אנשטאָט גאָט — נאַטורא. די אינ־

טערפּרעטאַציע־טעטיקייט איז אָבער פאַרשטאַנדס־אָפּנאַר, אַ שכל־אילוזיע. יעדע אינטערפּרעטאַציע פאָדערט אַ פאַסט־אינטערפּרעטאַציע; יעדע דערקלערונג פאַרלאַנגט אַ נאָך־דערקלערונג, און עס איז אין לדבר סוף. פאָלגלעך איז די באַשטרעב־גרענעץ די זעלבסט־דערקלערונג, ד.ה. די ניט־דערקלערונג, דאָס אָננעמען דעם לעצטן רינג פון די דערקלערונגס־אילוזיעס פאַר אַ טאַטזאַך, פאַר עפּעס, וואָס פאָדערט ניט קיין דערקלערונג. דאָס אַרויסגעבן די דערקלערונגס־אילוזיע פאַר אַ פאַקט. מאַכן מיר די אויבנאָנגעוויזענע אָפּעראַציע, די פאַרקירצונג און פאַראיינפאַכונג פון דער פאָרמולע און מיר באַקומען איין רעזולטאַט: א׳ איז א׳, אַ טאַטזאַך איז אַ טאַטזאַך.

די אילוזיע פון באַשאַף און אַרויסקום. צוויי פיקס־אידייען גייען־נאָך דעם שוואַכן מענטשלעכן פאַרשטאַנד. אין פעריאָד פון רעליגיע — באַשאַפונג; אין פעריאָד פון דער וויסנשאַפט — אַנטשטייאונג. די ערשטע איז אַ טעכניקאַלישע השגה, די צווייטע איז אַ ביאָלאָגישער באַגריף. ביידע וואָלטן וועלן רעדוצירן די טאַטזאַך צו גאָרניט, דאָס דאַזיין צו ניטזיין, די צאָל צו נול, דעם „יש" צום „אין", און דאָס האָבן זיי ניט געקאָנט, ניט געוואָלט און ניט געטאָרט טאָן. רעליגיע האָט אָנגענומען דעם באַשאַף ווי אַ „יש מאין" און האָט איבערגעלאָזן דעם גרעסטן „יש", ד.ה. גאָט אומבאַשאַפן, פאָלגלעך צוריקגעפירט דאָס שאַפן צו זעלבסטבאַשאַפן, ד.ה. צו ניט־שאַפן. די וויסנשאַפט נעמט אָן די עוואָלוציע, די אַנטשטייאונג, דעם אַרויסקום פון עפּעס שוין אַרויסגעקומענס און אַנטשטאַנענס; זי וויל רעדוצירן עס צו ניהיל און טאָר עס ניט טאָן. וואָרעם, לויט איר נאָך, לויט איר סיסטעם, קען זיך ניט באַקומען קיין „עפּעס" פון „גאָרנישט". ווי מיר זעען לאָזט רעליגיע, סוף כל סוף, עפּעס ניט באַשאַפנס און נאָך אַזאַ „עפּעס", וואָס איז בכוח צו שאַפן וועלטן, און די וויסנשאַפט לאָזט איבער עפּעס ניט־אַנטשטאַנענס און נאָך אַזאַ „עפּעס", וואָס פּאָטענציאַנעל און עמבריאָנעל איז אין אים געלעגן דער גאַנצער קאָסמאָס: הצד השווה שבהם, אַז זייער „עפּעס" איז אַן אילוזאָרישער, אַן אויסגעטראַכטער. נאָר גראָד אין אָט־דער זיך־אַליין אָפּנאַרנדיקער אויסגעטראַכטקייט געפינט דאָס נאַאיווע דענקען זיין באַפרידיקונג, וואָרעם וואָלטן די „עפּעסן" געווען רעאַליטעטן, וואָלט דאָך אַפילו דאָס נאַאיווע דענקען ווידער געפאָדערט פאַר זיי אַ „באַשאַפונג אָדער אַן אַנטשטייאונג". („אונדזערע חיבורים", 1912, ווילנע).

9

סאָציאָ־מאַגיק און סאָציאָ־טעכניק

מיר האָבן געאַרבעט צוזאַמען און אונטערגעשריבן אונדזערע חיבורים „ברידער גאָרדין" אין משך פון זעקס יאָר.

דער אויסברוך פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָט געפונען דעם ברודער אין פּעטראָגראַד און מיך אין מאָסקווע. מיר זיינען זיך פונאַנדערגע־

פאַרן נאָך מיט אַ יאָר פאַרדעם. אונטער דער צייט האָבן אונדזערע אַנשוי־אונגען געגומען דיוועגירן, זיך פונאַנדערגיין. אָבער מיר האָבן אָט־דעם פונאַנדערגאַנג ניט געשאָנקען קיין אויפמערקזאַמקייט. און ווען דער ברודער האָט געשריבן אין „בורעוויעסטניק", האָט ער אונטערגעשריבן זיינע אַרטיקלען „ברידער גאַרדין", דאָס אייגענע האָב איך געטאָן אין „אַנאַרכיע". אַזוי אַז דער עולם־לייענער האָט ניט געקענט וויסן, ווער פון אונדז ס'שרייבט די אַרטיקלען. צווישן זיך האָבן מיר געהאַט אַ סימן; דער ברודער פלעגט אונטערשרייבן „ברידער גאַרדין" און איך פלעג אונטערשרייבן „בר. גאַרדין" און ווערק וואָס זיינען באמת געשריבן געוואָרן פוןביידע פלעגן מיר אונטערשרייבן „בר. וו. און א. גאַרדין".

דער ברודער וו. גאַרדין האָט אָנגעשריבן אַ „מאַניפעסט פון די פאַנ־אַנאַרכיסטן". פאַנאַנאַרכיזם מיינט אַל־אַנאַרכיזם. אַנאַרכיזם אין אַלע תחומים פון מענטשלעכן שאַפן. דער מאַניפעסט איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „בורעוויעסטניק".

זיין ווערק „סאָציאָ־מאַגיק און סאָציאָ־טעכניק" האָט אַן אונטערקעפּל „קריסטנטום און מאַרקסיזם". דאָס איז אַ היסטאָריאָזאָפישע אָפּהאַנדלונג, געבויט אויף פּאַראַלעלן. אין דעמדאָזיקן בוך ווערט דאָס וואָרט „לעניניזם" צום ערשטן מאָל געברויכט. ער פאַרגלייכט לענינען צו סט. פּוילוסן, דזשערדזשינסקיס טשעקאָ צו טאָרקוועמאַדאָס אינקוויזיציע. סאָציאַליזם איז אַ מין מאַזאָאיזם, מאַרקסיזם איז קריסטנטום. דידאָזיקע אַלע שיטות זיינען רעליגיעז־מאַגישע. זיי פאַרפירן די מאַסן. זיי קענען זייערע צוזאָגונגען ניט האַלטן, און אַזוי ווי די אָרדענונגען, וואָס זיי פּרובירן איינפירן, גיבן ניט די דערוואַרטע רעזולטאַטן, לאָזן זיי זיך אויפן וועג פון פאַרפאָלגונגען. אנשטאָט צו עקספּערימענטירן פאַרן פאַרזוכן צו רעאַליזירן זייערע אידייען, פּראָפּאַגאַנדירן זיי, אַגיטירן זיי, און דער פּועל־יוצא איז אַלע מאָל אַ קאָלאָסאַלער דורכפאַל און אַן אַנטוישונג.

דער סאָציאָטעכניקום איז אַ מין שטאַטישע קאָמונע מיט עקסטראַטעריטאָריעלע רעכט. די מיטגלידער שטייען אויסער דער יורידיקציע פון דער סאָוויעטרעגירונג. זיי טאָרן אָבער ניט אָנפירן קיין אַקטיוויטעט אָדער אַפילו פּראָפּאַגאַנדע קעגן אירע אינסטיטוציעס.

ווי איך האָב שוין אויבן געזאָגט, האָבן מיר, צום אָנהייב, גאָרניט באַמערקט ווי ווייט אונדזערע געדאַנקען, וואָס האָבן געהאַט לכתחילה אַ גאָר ברייטע און טיפע אַלגעמיינפּרינציפּיעלע באַזע, האָבן אָנגעפאַנגען זיך פונאַנדערצוגיין, זיך פאַרקירעווען אין פאַרשיידענע ריכטונגען און אָפּנייגונגען.

אָבער דאָס האָט זיך גענומען וואָס ווייטער אַלץ מער אַרויסווייזן און ווערן בולט. דער ברודער איז געוואָרן געגייגט אַלץ מער זיך צו איזאָלירן, פאַרשליסן זיך אין ד' אמות, אָוועקגיין פון דער גאַנצער אומגעבונג. ער האָט געשאַפן אַ נייעם לשון, וואָס ער האָט גערופן אָאָ. זיין גרופּע אָנהענגערס אין סאָציאָטעכניקום, שוין נאָך מיין אָוועקגיין, האָט געברויכט צווישן זיך אָט־דעם לשון. איך האָב זיך ניט באַקאַנט מיט דערדאָזיקער דערפונדענער שפּראַך.

דעם ברודערס דעוויז איז געווען: „ניטאָ קיין גאָט, ניטאָ קיין נאַטור". דאָס הייסט: אַלץ דאַרף דערפונדן ווערן. די מיטגלידער האָבן זיך גערופן „דער־פינדערס" און דער סאַציאַטעכניקום האָט אויך געהייסן „אַל־דערפינדונגס־הויז". עס איז אַרויס אַ גראַמאַטיק און אַ ווערטערבוך, וואָס איז דערשינען מיט אַ דערלויבעניש פון דעם צענזאָר און סטאַלינס הסכם.

איינמאָל זייענדיק אין טשעקאַ האָב איך באַמערקט, ווי אייניקע אַגענטן זיצן און שטודירן די אַאַ שפּראַך. די טשעקאַ האָט געוואָלט זיין זיכער, אַז אונטער דעם צודעק פון אומבאַקאַנטן לשון זאָלן די מיטגלידער, די „דער־פינדערס", זיך ניט פאַרנעמען מיט פאַרשווערונגען קעגן דער רעגירונג.

10

מיין ווערק: „אַנאַרכיע פון גייסט"

סוף 1918 און אָנהייב 1919, אין סאָוויעט־רוסלאַנד האָט עקזיסטירט דעמאָלט אַ שטרענגע צענזור. קיין טיפּאָגראַף האָט ניט געהאַט קיין רעכט אָנצונעמען אַ בוך צום זעצן אָן אַ דערלויבעניש פון צענזאָר. אונטער דעם צאַרס רעזשים איז בנוגע די ענינים געווען פיל פרייער. דער זעצער האָט געזעצט און דער דרוקער האָט געדרוקט אָן קיין פּרעלימינאַרער דערלויבע־ניש. דער דרוקער האָט אָבער נאָכן אָפּדרוקן דאָס בוך צוגעשיקט עס אין עט־לעכע עקזעמפּליאַרן צום צענזאָר און אויב יענער האָט גאָרניט געהאַט וואָס אויסצוזעצן אין משך פון דריי טעג, איז פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז דער דרו־קער האָט אַ רעכט אַרויסצוגעבן דאָס געדרוקטע ווערק צום מחבר אָדער צו זיין פאַרלעגער.

אונטער די סאָוויעטן איז די צענזור געוואָרן גאָר האַרב. האָב איך אָנ־געשריבן אַ בייסיקן בריוו צו קאַמעניעוון. ער איז דעמאָלט געווען איינער פון די הויפּטזיילן פון דעם סאָוויעט־רעזשים: דער פאָרזיצער פון מאָסקווער סאָוויעט, אַ מיטגליד פון פּרעזידיום פון דעם צ.ק. פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און דער הויפּט פון סט"אָ, דער ראָט פון אַרבעט און שוץ („סאָ־וויעט טרודאַ אי אָבאָראָני"). ער איז אויך געווען דער ממלא־מקום פון לע־נינען, וואָס האָט קאַמעניעוון באַטראַכט ווי דאָס בעסטע פערדל, וואָס ער האָט פאַרמאָגט.

איך געדענק ניט גענוי ווערטערלעך דעם בריוו, וואָס איך האָב געשריבן צו אים אין מיין קאַפּאַציטעט ווי דער טעכניק פון אויסערלעכע אָנגעלעגנ־הייטן אין סאַציאַטעכניקום. איך געדענק אָבער גוט דעם אינהאַלט פון דעם עפּיסטל: עס איז אַ חרפּה און אַ שאַנד, אַז די ווערק פון אַ רעוואָלוציאָנער, אַן אינוואַליד פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, זאָלן ניט קענען דערשיינען אין סאָוויעטרוסלאַנד צוליב די צענזור־האַרבקייטן.

איך האָב פון אים גלייך באַקומען אַן ענטפער מיט אַ דערלויבעניש אַרויסצוגעבן אַלע מיינע ווערק אָן קיין שטער. און אין בריוו באַטאָנט ער,

אַז די צענזור עקזיסטירט צייטווייליק און בלויז פאַר קאָנטערעוואָלוציאָ־נערן, בשום אופן ניט פאַר אויסגעשפּראָכענע אָקטאָבער־רעוואָלוציאָנערן.

1919. אין סאָציאָטעכניקום זיינען דערשינען מיינע צוויי ווערק: „אַנאַר־כיע פון גייסט" („אַנאַרכיאַ דוכאַ") און „אַנאַרכיע אין טרוים" („אַנאַרכיאַ וו'מעטשטיע").

„אַנאַרכיע פון גייסט, יעוואַנגעליום פון אומזינען אין צוועלף לידער", אַנטהאַלט צוועלף ווערסיפיצירטע פּאָעמעס, וואָס פאַרנעמען 159 זז. געזעצט ווי געוויינטלעכע פּראָזע אין פולע לאַנגע שורות. דאָס איז געטאָן געוואָרן צוליב צוויי טעמים: ערשטנס, דאָס דרוקן זאָל קאָסטן וואָלוועלער; צווייטנס, פּשוט דערפאַר, וואָס אַז דער לייענער וויל, קען ער לייענען דאָס אייגענע ליד מיטן זעלביקן אָנשטרענג און פילן אין אים דעם זעלביקן געשמאַק ווי ווען עס וואָלט געזעצט זיין אין קורצע גראַם־געשטעלטע שורות. דער סקע־לעט פון דער פּאָעמע איז ביאָגראַפיע, אַ יוגנטלעכע ליבע און אַן אַרעסט און זיצן אין תפיסה *) ווי אַ פּאָליטישער פאַרברעכער אין יאָר 1906. אָבער אויף דעם גאָר מאָגערן טרוקן־ביינערדיקן סקעלעט איז אַרויפגעצויגן גאַנץ נעט אַ הויט און פלייש פון אידעאָלאָגישע פאַרטראַכטונגען, דענקערישע גע־וואַגטקייטן, וואָס ברענגען אַרויס פילאָזאָפישע רעיונות וועגן דער פאַרגענג־לעכקייט פון מענטשלעכע אמתן, אָדער ה י ס ט אָ ר י ש ק יי ט פון אונ־דזערע וויסנשאַפטלעכע באַנעמונגען. דאָס ווערק איז אָנגעשריבן געוואָרן אין 1916, אין יעקאַטערינאָסלאַוו.

אָט איז דער נאָמען פון פאַרלאַג, ווי ער ווערט אָנגעגעבן אויפן שער־בלאַט, און מיר איבערזעצן אים פּינקטלעך: „אַן אויסגאַבע פון ערשטן צענ־טראַלן סאָציאָטעכניקום, צייטווייליקער טעכניקום פון פּראָפּאַגאַנדע און אַגי־טאַציע, מאָסקווע 1919". דער טעכניקום איז אַ צייטווייליקער, ווייל אויף פּראָפּאַגאַנדע האָט דער „סאָציאָטעכניקום" געקוקט קרום און זי בראַנדמאַר־קירט ווי מאַגיק.

אויף דער צווייטער זייט פון שער־בלאַט, אונטן, שטייט בפירוש: „עס ווערט געדרוקט מיט דער דערלויבעניש פון אָפּטייל פון פאַרלעגעריי און ביכער־האַנדלונג, מאָסקווער קאָמיסיע פון פּרעסע־ און ביכער־אָנגעלעגנ־הייטן". דאָס בוך איז געזעצט און געדרוקט אין אַ פּריוואַטער דרוקעריי, אין דער טיפּאָליטאָגראַפיע פון י. ווערנער, דער איבערנעמער פון אָ. פאַלק, מאָסקווע, סריעטענקאַ. אַזוי אַז פּריוואַטע דרוקערייען האָבן נאָך עקזיס־טירט אין 1919. אויף דער פערטער זייט, ביים סאַמע מאַרגין, לייענען מיר: „צוליבן מאַנגל אין פּאַפּיר ווערן די לידער, וואָס זיינען געשריבן אין פּיר־שורהדיקע פערזן, געזעצט און געדרוקט אין דער פאָרם פון פּראָזע.

אויף דער דריטער זייט, מיט גרויסע ווערטער, שטייט:

„אַ בוך פאַר דער רעטונג פון דער זעל און קערפּער, פון הימל און ערד,

---

*) אין דער זעלביקער תפיסה, אויף וועלכער איך האָב אָנגעפירט אין 1905 אַן אי־בערפאַל, זי גענומען מיט שטורעם און באַפרייט אַלע אַרעסטירטע.

און פון מענטש און מענטשהייט, און פון די זעקס טעג פון צייט, און פון די פינף חושים, און פון די פיר זייטן פון לעבן, און פון די דריי דימענזיעס פון רוים, און פון די צוויי וועלטן און פון איין אומזינען".

דאָס איז די אָרדענונג פון די פּאָעמעס: דו לעבסט; דו באַדסט זיך; איך ברען; צו דיר; איך בין פאַרליבט; איך דערקלער זיך אין ליבע; ערשטער קוש; ח"י—18; אַרעסט; ביי זיי; מאַטעמאַטיק; מיט דיר.

„זי" דינט אַלס דער סימבאָל אָדער פּערסאָניפיקאַציע פון אַנאַרכיע. „זיי" — די געזעלשאַפט מיט אירע צוואַנג־געזעצלעכע איינאָרדענונגען, די שטאַטסלייט.

11

„אַנאַרכיע אין פאַרשטעל" — „אינטעראינדיווידואַליזם אין קולטור"

אַנאַרכיע אין פאַרשטעל (אַנאַרכיאַ וו מעטשטיע) שילדערט דאָס אידעאַל־לאַנד וואָס די פינפבונדלינגס דערגרייכן. איך האָב עס אינגאַנצן איבערגעאַרבעט אין יידיש און עס פאַרעפנטלעכט אין די „יידישע שריפטן" (1943־1946) אין פאַרזעצונגען אונטערן נאָמען „אַרויס פון גן־עדן", אַ מיסטעריע אין בילדער, אונטערגעשריבן איז עס פ. מעלער, מעלער איז מיין מוטערס מיידל־נאָמען. עס ווערט געשילדערט בלויז איין טאָג אין דעם נייעם לאַנד. איך טראָג זיך אַרום מיטן געדאַנק צוצושרייבן די איבעריקע פיר טעג, וואָס וועלן ווייזן די אויפטואונגען פון די איבעריקע מיטגלידער פון פינפבונד. דער ערשטער טאָג ווייזט בלויז, וואָס ס'איז אויפגעטאָן געוואָרן אויפן געביט פון „אַרבעט"; דער ערשטער טאָג איז דעם אַרבעטערס טאָג און זיין באַרג. דאָס ניי־פאַרשפּראָכענע לאַנד שטייט אויף פינף בערג און איז באַשאַפן אין פינף טעג, לויט דער ווערסיע פון „יונג־מענטש"; דאָס ווערק האָב איך אָנגעשריבן אין 1918.

אין 1919 האָב איך אָנגעשריבן אַ חיבור, וועלכן איך האָב אָנגערופן „אינטעראינדיווידואַליזם אין קולטור" און אַ סעריע לידער אונטערן נאָמען „לא תרצח" („ניע אובי דוכאַ!"), „דערמאָרד ניט דעם גייסט!" אין אָט־די צוויי ווערק, וואָס האָבן זייערע וואָרצלען אין „יונג מענטש", ווערט אַנטוויקלט דער געדאַנק, אַז מע טאָר ניט לערנען קיינעם, מע טאָר ניט אַרויפצווינגען, אַפילו ווען דער צוואַנג איז בלויז אַ פּסיכאָלאָגישער, קיין לערע אויף אַ צווייטן. ווייל אין עצם פּראָצעס פון קנעלן מיט יענעם ליגט געוואַלדטאַט. און יעדער לערער איז פון שטאַנדפּונקט פון העכער מאָראַל, וואָס פילנעוועט די אינטעגריטעט פון יחיד, זיין פּסיכאָלאָגיע, זיינע באַנעמונגען, — אַ גייסטיקער רוצח. דאָס ווערק איז זייער דרייסט און אַרכי־אַנאַרכיסטיש־אינדיווידואַליסטיש־פּערסאָנאַליסטיש אין זיין אידעאַלער אויסזיכט.

עס איז אַנגעשריבן געוואָרן ווי אַ פאַרביטערטע רעאַקציע קעגן דער גייסטיקער פאַרגוואַלדיקונג פון די מוחות, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן פּראַקטיצירט דורך זייער גוט־אָרגאַניזירטן פּראָפּאַגאַנדע־ און אַגיטאַציע־אַפּאַראַט. דאָ אין אַמעריקע רופט מען אָן זייער טעטיקייט מיטן נאָמען „מוח־וואַשעניש".

דאָס ווערק באַהויפּט מיטן פולן טאָן די אויטאָנאָמיע פון דער פּערזענ־לעכקייט אויפן געביט פון דענקען און שאַפן אינטעלעקטועלע ווערטן. עס באַקעמפט זייער שטאַרק די אידייע פון רעפּרעזענטאַנץ אין קולטור. היפשע טיילן פון ווערק זענען געווען פאַרעפנטלעכט אין מאָסקווע אין 1921 אין רוסיש, אין ענגליש אין „קלאַריאַן", אַ מאַנאַטשריפט, וואָס איך האָב רע־דאַקטירט אין די יאָרן 1932־33, אין די „פּראָבלעמען", אַ פּערטליאָריקע שריפט אין ענגליש, רעדאַקטירט פון מיר אין די יאָרן 1948־50. פון „קלאַ־ריאַן" און די „פּראָבלעמען" האָבן די אַרטיקלען איבערגעוואַנדערט אין „לען־ד'האַר" און „ל'אוניק" אין אַ פראַנצויזישער איבערזעצונג, וואָס ס'האָט גע־מאַכט ע. אַרמאַנד. איך האָב דאָס ווערק איבערגעזעצט, אַביסל איבערגעאַר־בעט, אין יידיש אַזוי, אַז פאַר דעם אָריגינאַטאָר פון דעם ניט־לערנען־אידעאַל ווערט דערקלערט ירמיה דער נביא; אַ וואונק אויף דעם געפינט זיך שוין אין „יונג־מענטש" ז. 33: ירמיה (שטייט אויף): „ולא ילמדו עוד איש את רעהו ואיש את אחיו" [ירמיהו ל"א, ל"ג]. אין יידיש זיינען דערשינען קאַ־פּיטלעך פון ווערק אין די ליטעראַרישע העפטן (1948־49) און אין „פע־דער" 1953.

12

לעאָנטעווסקי געסל און אונדזער אַרעסט

1919, דעם 29טן סעפּטעמבער.

אַ באָמבע איז געוואָרפן געוואָרן. (זע „זכרונות און חשבונות", באַנד איינס, זז. 237־46). עס טראָגן זיך קלאַנגען, אַז דאָס איז געווען די אַרבעט פון אַן אַנאַרכיסט. די אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישע גרופּן האָבן צוגעשיקט זייע־רע פּראָטעסט־רעזאָלוציעס און זיך אָפּגעגרענעצט פון דער דאָזיקער פאַר־ברעכערישער אַקציע, ווי זיי האָבן באַצייכנט דעם אַקט פון טעראָר. זייערע רעזאָלוציעס זיינען געווען פאַרעפנטלעכט אין „איזוועסטיאַ", די אָפיציעלע רעגירונגס־גאַזעטע.

„דער אַקט איז פאַרמשפּט געוואָרן פון אַלע אַנאַרכיסטישע אָרגאַניזאַ־ציעס, וואָס האָבן עפנטלעך אַרויסגעזאָגט זייער מיינונג". (מאַקסימאָוו: „די גילאָטינע ביי דער אַרבעט", ז. 510, ענגליש).

דער „סאָציאָטעכניקום" האָט געשוויגן, ווי אַנגענומען אַ פול מויל מיט וואַסער. דאָס אייגענע האָבן געטאָן די גרופּן, וואָס האָבן געהערט צו דער

„פעדעראַציע״, וואָס האָט מיט אַ שטיקל צייט צוריק זיך אויפגעלייזט. אונ־דזער שווייגעניש איז געווען באַטייטפול.

איך קום צו נאָענט צו אונדזער פּלאַץ אויף בלאַגאָוויעשטשענסקי. די קוואַרטיר איז באַשטאַנען פון אַ קיך, אַ טונקעלן קליינעם צימער און אַן אוי־דיטאָריום אין די אונטן, וואָס האָט געקענט אַקאָמאָדירן אַ 60־50 צוהערערס און האָט אויך געדינט ווי אַן עסצימער בייטאָג. איך מערק, אַז עפּעס איז צו שטיל אַרום אונדזער לאָקאַל; מע זעט קיינעם ניט אַריינגיין אָדער אַרויס־גיין. די זאַך ווערט מיר פאַרדעכטיק, דאָך טרעט איך אַריין. ערשט די טשע־קיסטן האָבן דאָ אַ לויערפּלאַץ. זיי האָבן טאַקע געוואַרט אויף מיר און זיינען געווען זיכער, אַז איך וועל אַ שעה פריער אָדער שפּעטער אַריינקומען. זיי האָבן מיך גלייך אַרעסטירט און אָפּגעפירט אויף ליוביאַנקע, וואו איך האָב געפונען אַלע אַקטיווע מיטגלידער פון „סאָציאַטעכניקום״ און אַ היפּשע צאָל אַנאַרכיסטן, חברים, פריינט, באַקאַנטע. די אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטן האָבן גע־שיינט מיט זייער אָפּוועזנקייט. מיר זיינען געווען אַלע צוזאַמען אַ פּאַרטיע פון אַ זעכציק מאַן.

איך האָב זיך צעשמועסט מיטן ברודער, וו. גאָרדין, געוואָלט אויסגע־פינען די דעטאַלן פון איבערפּאַל און אַרעסט. אונטער אַזעלכע אומשטענדן האָבן מיר גערעדט עברית אין דער ספרדישער הברה און זיינען געווען זי־כער, אַז די וואַכלייט, די טשעקיסטן, פאַרשטייען ניט אַ וואָרט, וואָס מיר ריידן. ער האָט מיר געגעבן די פולע אינפאָרמאַציע, וואָס איז אין איר גאַנ־צער פולקייט באַשטאַנען אין אַ פּאָר ווערטער. ער האָט ניט געהאַט וואָס איבערצוגעבן; זיי זענען אַריין אין „סאָציאַטעכניקום״ מיט אַ פּאָר שעה צוריק און ווען זיי האָבן געפונען, האָבן זיי פאַרנומען און אָפּגעפירט.

די אורזאַך פון אַרעסט איז אונדז געווען קלאָר. מיר האָבן דערוואַרט, אַז עפּעס אַזעלכעס וועט פּאַסירן. די טשעקאַ וועט אונדז ניט פאַרגעבן אונדזער מאַכנדיק זיך ניט־ווּיסן וועגן דעם אויפרייס און ניט צושיקן קיין אָפּגרענע־צונג־דעקלאַראַציע פון דער גרופּע אָדער פּערזאָן, וואָס האָבן באַגאַנגען דעם טעראָריסטישן אַקט.

דער אמת איז אַז מיר, איך און דער ברודער וו., האָבן טאַקע ניט גע־וואוסט, ווער עס האָט עס געטאָן. צווישן זיך האָבן מיר איבערגערעדט, אַז דער איינציקער, וואָס וואָלט עס געקענט טאָן, לויט אונדזער אָפּשאַץ, איז וואַסיע סאָבעליאַוו, אָבער ער האָט זיך געפונען, לויט די ידיעות, וואָס מיר האָבן געהאַט, אין אוקריינע. לכן האָבן מיר שטאַרק געצווייפלט, צי די באַמ־בע האָט געוואָרפן אַן אַנאַרכיסט.

ביי דער צייט, ד.ה. אין די שפּעטע חדשים פון 1919, נאָך דעם ווי די „פעדעראַציע״ איז אויפגעלייזט געוואָרן און אונדזער טעגלעכע צייטונג „אַנאַרכיע״ איז שוין איבער אַ יאָר געווען פאַרמאַכט, האָט זיך פאָרמירט אַן אונטערערדישע אַנאַרכיסטיש־טעראָריסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט באַ־נייט דאָס אַרויסגעבן, פון צייט צו צייט, „אַנאַרכיע״ אומלעגאַל. איינער פון די הויפּט־מיטאַרבעטער איז געווען קאָוואַלעוויטש.

ווי שוין אויבן אָנגעוויזן, בין איך געווען קעגן אָט־דער טאַקטיק. איך און אייניקע פון מיינע נאָכפאָלגער האָבן געהאַלפן גרינדן דעם „סאָציאַטעכ־ניקום", די איניציאַטיוו האָט געהערט צום ברודער וו., ווי אַן אַנטרינונגס־פּלאַץ, אַן אויסבאַהאַלט־אָרט, וואו מיר וועלן קענען איבערוואַרטן, ביז די לאַגע וועט קלערער ווערן און מיר וועלן זיך דערקונדיקן, צי מ'וועט קענען בלייבן אין סאָוועטרוסלאַנד אָדער מע וועט מוזן עמיגרירן, פּשוט, אַנטלויפן. דער „סאָציאַטעכניקום" האָט באַטייט פאַר מיר אַ פאַרשליסן זיך אין די איי־גענע ד' אמות, אָדער ריכטיקער זיך אַריינגראָבן אין אַ טראַנשייע, וואָס מיינט זיך אָפּזאָגן פון אונדזער פאַרדעמדיקער גרויסצוגיקער פּראָפּאַגאַנדע. פאַר קיין דירת־קבע האָב איך דעם „סאָציאַטעכניקום" ניט געהאַלטן, טראַכטנ־דיק, אַז די באָלשעוויקעס וועלן אונדז ניט לאָזן פריי אָטעמען אַפילו אין אונדזער שטאַרק באַגרענעצטן שטח, אַפילו ווען מיר וועלן פּראַקטיצירן דעם סוד־הצימצום צו דער גרעסטער מדרגה. און אונדזער אַרעסט האָט באַשטעטיקט מיינע חששים. דאָך האָב איך געטראַכט, אַז מע דאַרף ניט זיין צו האַסטיק; מע דאַרף אויספּרובירן אַלע מעגלעכקייטן, אַזוי אַז די אוממעגלעכ־קייט אָנצוגיין מיט אונדזער אַנאַרכיסטישער פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט זאָל ווערן פעסטגעשטעלט פּראַקטיש ניט איבערלאָזנדיק קיין צווייפל. אַניט וועלן מיר זיך ערגערן, זייענדיק אין עמיגראַציע, וואָס איז אַ ביטערער ביסן, הלמאַי מיר זיינען געווען צו אייליק אין אַנטלויפן און מיר וועלן חרטה האָבן אויף אונדזער האַנדלונג און זיך פאַרוואַרפן, אַז ניט אַלע געלעגנהייטן האָבן מיר אויסגענוצט און ניט אַלע מיטלען פון איינגיין אויף קאָמפּראָמיסן מיט די באָלשעוויקעס האָבן מיר אויסגעפּרובירט. מיר מוזן דורכפאַלן, אין אונדזערע פאַרזוכן צו קומען מיט דעם סאָוויעטן־רעזשים צו אַ פאַרשטענדעניש, הונ־דערט־פּראָצענט און ערשט דעמאָלט וועלן מיר אַוועק פון רוסלאַנד מיט אַ רואיקן געוויסן.

זיצנדיק אַזוי פאַרזונקען אין מחשבות, האָב איך באַמערקט, ווי די ווירט־שאַפטלעכע פאַרוואַלטערן פון „סאָציאַטעכניקום", חברה זינע, רייסט זיך צום פענצטער אין אַ קאַמערע פון טשעקאַ פונקט אַנטקעגנאיבער. זי האָט וואַר־שיינלעך געוואָלט עפּעס מיטטיילן, אָדער פרעגן, אַריבערשרייענדיק צו אונדז איבערן הויף, אָדער זי האָט באַצוועקט בלויז דאָס אַריינשטעלן זיך אין פענצ־טער אַזוי, אַז מיר זאָלן זי באַמערקן און זיך דערוויסן, אַז אויך זי איז אַרעס־טירט און געפינט זיך אין ליוביאַנקע־תפיסה. איך זע, ווי די וואַכלייט שלעפּן זי און שטופּן זי אַוועק פון פענצטער. זי ראַנגלט זיך קעגן זיי מיט אַלע כוחות.

די סצענע האָט מיך אויפגעקאָכט. ניט טראַכטנדיק וועגן די קאָנסעק־ווענצן פון מיין האַנדלונג, לויף איך צו צום פענצטער און אַלס פּראָטעסט קעגן דער ברוטאַליטעט, וואָס די טשעקיסטן ווייזן אַרויס צו אונדזער חברה, ברעך איך אויס עטלעכע שויבן, געברויכנדיק פאַר דער אַקציע דעם „באַ־רימטן" שטעקן, וואָס באַקעטאָוו האָט מיר געגעבן.

עס ווערט אַ גערודער אין אונדזער קאַמערע און אין הויף. דער בריאַזג פון צעבראָכן גלאָז צעטראָגט זיך איבערן הויף.

דער סעקרעטאַר פון מאָסקווער טשעקאַ, אַ געוועזענער אַרבעטער, אַ ייִד פון מינסק, לויפט אַרויס צו די וואַכלייט אין הויף און שרייט:

— שיסט ניט! (ניע סטרעליאַיטע!)

אַ טשעקיסט לויפט אַריין אין אונדזער קאַמערע אַ צערודערטער, אַן אויפגעשרויפטער. ער איז מלא רציחה. ער שרייט אויפן קויל:

— ווער האָט עס געטאָן?

— איך האָב עס געטאָן, — ענטפער איך דער ערשטער. נאָך מיר רופט זיך אָפּ דער ברודער:

— איך האָב עס געטאָן.

גלייך נאָך אים, כמעט ווי אויפאַמאָל מיט אים, שרייען אַלע חברים, וואָס האָבן זיך געפונען אין קאַמערע מיט מיר:

— מיר האָבן עס געטאָן.

דער טשעקיסט פאַרשטייט, אַז אַזוי ווי איך בין געווען דער ערשטער זיך אָפּצורופן, בין איך דער „פאַרברעכער", און דער בעסטער באַווייז איז געווען דער שטעקן, וואָס איך האָב געהאַלטן אין האַנט.

ער האָט מיך אָוועקגעפירט און גלייך פאַרשפּאַרט אין אַ קאַרצער, וואָס איז געווען ניט ווייניקער ווי אַן אייזערנע שטייג. איך האָב אָבער ניט גע־האַט גענוג צייט זיך אַרומצוקוקן ווי געהעריק און זען, וואו איך געפין זיך און זיך נעמען אַריענטירן אין נייעם טשיקאַוון פלאַץ, וואָרעם דער זעלביקער טשעקיסט לויפט צו צום קאַרצער־שטייג, שליסט אָפּ די טיר אין געאייל, פירט מיך אַרויס הענדום־פּענדום און ברענגט מיך צוריק אין קאַמערע.

אַז איך האָב אַ פאַרוואונדערטער געפרעגט דעם ברודער דעם באַטייט פון אָט־דער טשיקאַווער האַנדלונג פון דעם טשעקיסט, האָט ער דערציילט, אַז גלייך נאָך דעם ווי דער טשעקיסט האָט מיך אָוועקגעפירט און פאַרשלאָסן אין קאַרצער, איז ער געקומען און געפרעגט ווער ס'איז א. גאַרדין; קאַמע־ראַד דזשערדזשינסקי רופט אים אויף אַ שמועס. האָבן אַלע חברים אים געזאָגט:

— איר האָט דאָך אים אָפּגעפירט אין קאַרצער!... — און האָבן אויס־געבראָכן אין אַ געלעכטער.

דערפאַר איז ער עס אַוועקגעלאָפן אויף שנעל און מיך געבראַכט צוריק.

עס זיינען אַוועק אַ היפּש ביסל שעהן. מע איז שוין פאַרפאָרן ווייט אין דער נאַכט; עס האַלט שוין ביי חצות; מע נעמט שוין טראַכטן וועגן געלע־גערס אויף איבערצושלאָפן די נאַכט. קיין נאַרעס זיינען אין קאַמערע ניט געווען. בלויז עטלעכע לאַנגע בענק האָבן זיך געפונען. עס איז געווען פלאַץ בדוחק גדול פאַר אַלעמען צו זיצן, אָבער ניט אויסציען זיך און שלאָפן. מילא וועט מען די נאַכט ווי ניט ווי איבערקומען, כאַפּן אַ דרעמל זיצנדיק אין ענגשאַפט.

אַ טשעקיסט, דאָס מאָל אַ רואיקער, אַ העפלעכער, קומט אַריין, גייט צו צו מיר און זאָגט:

— טאָוואַרישטש גאָרדין, טאָוואַרישטש דזשערדזשינסקי וויל מיט אייך האָבן אַ שמועס.

— טאָוואַרישטש דזשערדזשינסקי וו י ל האָבן אַ שמועס מיט מיר, ניט איך מיט אים; אין אַזאַ פאַל דאַרף ער קומען צו מיר און ניט איך זאָל גיין צו אים.

דער אַגענט האָט מיך אויסגעהערט. ער האָט גאָרניט געענטפערט. ער איז גלייך אַוועק אַהין, פונוואַנענט ער איז געקומען.

אין אַ מינוט פופצן אַרום, ערשט איך זע: דזשערדזשינסקי קומט אַריין. הפּנים ער האָט אויסגעטייטשט מיין ענטפער ווי אַן אַרויספאָדערונג, ווי אייי־נער וואָלט זאָגן: אַז דו ביסט שוין יאָ אַזאַ גרויסער העלד, איז ווייז דיין העלדישקייט און קום אַריין צו אונדז אין קאַמערע, אין „לייבנגרוב", וואו עס האָבן זיך געפונען אַ זעכציק פאַרהאַפטע אַנאַרכיסטן.

דער אמת איז, אַז קיין גרויסע ריזיקע פון זיין זייט איז עס ניט געווען. מיר זיינען אַלע געווען אַרעסטירטע און פאַרשטייט זיך, אַז מע האָט אונדז אַלעמען גוט באַטאַפּט און באַזוכט און אויב מיר האָבן געהאַט געווער, האָט מען עס ביי אונדז צוגענומען. און אויב זיי האָבן מיין שטעקן ביי מיר צו־גענומען ערשט נאָך מיין צעברעכן די שויבן, איז דאָס לאָזן ביי מיר אַזאַ געווער געווען ווי אַ קאָנצעסיע צו מיין סטאַטוס ווי אַן אינוואַליד און דער שטעקן איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ חצי־קוליע.

דזשערדזשינסקי איז ניט געקומען אַליין. אים האָבן באַגלייט און פאַר־אויסגעגאַנגען אַ גאַנצע כאָפּטע לייב־גוואַרדיסטן. ער איז פאַקטיש געווען אַרומגענומען מיט אַן אייזערנעם רינג.

ער איז צוגעקומען צו מיר און אַ זאָג געטאָן:

— טאָוואַרישטש גאָרדין, קומט מיט מיר, איך וויל מיט אייך וועגן עפּעס איבעררײדן.

עס האָט שוין געמוזט זיין אַ סמיטשעק נאָך האַלבער נאַכט.

איך גיב זיך אַ צי אויס אויף דער באַנק און ענטפער:

— איך וויל איצט שלאָפן, ניט שמועסן. עס איז שפּעט אין דער נאַכט.

— איך מאַך אַ קורצע פויזע און גיב צו — וואָס זייט איר געקומען צו אונדז, אומבאַוואָפנטע, אַ באַוואָפנטער און אין באַגלייט פון אַ גאַנצער באַנ־דע באַוואָפנטע טשעקיסטן!

ער האָט זיך אַביסל פאַררויטלט. ער האָט באַגריפן, אַז ער האָט אַרויס־געוויזן, ווי ווייניק בראַווקייט ער פאַרמאָגט און ווי ניט ריכטיק ער האָט אָפּגעשאַצט די סיטואַציע. ער האָט אַ ברום געטאָן מיט כעס:

— נעם אים! („בערי יעוואָ!").

דער ברום איז געווען געווענדט צו אַ געזונטן אָנגעפרעסענעם טשעקיסט מיט פאַרגאָסענע מיט פעטס קליינע אויגן פון אַ מויז, מיט אַ פּנים — אַ שרעק אַ קוק צו טאָן. דאָס איז געווען דער „טויט־קאָמיסאַר" איוואַנאָוו, דער טשעקאַס מלאך־המוות („קאָמיסאַר סמערטי"). ער פלעגט עס דורכפירן אַ היפּש־ביסל הענקער־אַרבעט. ער איז כמעט שטענדיק געווען שיכור ווי לוט.

דזשערדזשינסקי האָט אַרויסגעברומט די צוויי קורצע ווערטער און האָט זיך גלייך צוריקגעצויגן מיט זיין גאַנצער סוויטע, ווי ער וואָלט ניט וועלן זען, ווי יענער איז זיך מיט מיר מתעסק.

דער „טויט־קאָמיסאַר" איוואַנאָוו האָט מיך אַ נעם געטאָן און מיך אַוועקגעטראָגן ווי מע טראָגט אַן עופעלע; ביי אים האָט מיין געוויכט קיין באַטרעף ניט געהאַט.

ער האָט מיך דורכגעטראָגן דורך עטלעכע טירן און קאָרידאָרן און מיך אַראָפּגעלאָזט בשלום, מיך אַוועקגעשטעלט אויףביידע פיס, אויפן דיל אין דזשערדזשינסקיס קאַבינעט.

דער צימער איז געווען אַ גרויסער, אַ געראַמער. ער האָט, הפנים, אויך געדינט פאַר זיצונגען פון טשעקאַ־פּרעזידיום.

שפּעטער צו האָט מען אים אויסגעבויט אַ ספּעציעלן קאַבינעט, גאָר ניט קיין געראַמען, אָבער ער איז געווען אינגאַנצן פון גלאָז און אַריינגעשטעלט אין סאַמע מיטן פון אַן אַנדער צימער, וואָס איז געווען גרויס ווי אַ פעלד. עס איז געווען אַ טשיקאַווע שטיקל „אַרכיטעקטור". דזשערדזשינסקי האָט פאַר מיר באַצייכנט זיין אויסטערלישן קאַבינעט מיט די ווערטער: „דאָס איז מ י י ן פילאָזאָפיע". דאָס איז געווען מיט אַ יאָר צוויי שפּעטער.

דערווייל האָט נאָך דזשערדזשינסקי ניט אַנטוויקלט קיין באַזונדער „סטיל" אין בויעכץ; אַלץ האָט זיך נאָך געפונען אין אַ פּרימיטיוון צושטאַנד...

איך האָב זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול אין עק צימער.

דזשערדזשינסקי האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין זיצפּלאַץ ביים טיש, צוגעקומען צו מיר גאָר נאָענט און זיך אַ בייזער־געטאָן מיט די ווערטער, וואָס ער האָט געשליידערט אין מיר ווי שטיינער פון פאַרוואורף און פאַרדאַמונג:

— אין אַזאַ צייט, ווען דעניקין שטייט ביי אָריאָל און מיר זיינען אַרומגערינגלט מיט שונאים פון אַלע זייטן און דורכגעשנירלט מיט זיי פון אינעווייניק; וואו אַ קער, דאָרט אַ שפּיאָן איז פאַרשטעקט, אַ ווייסגוואַרדייער, און פּלוצלונג האָט מען געוואָרפן אַ באָמבע אין אונדזערער אַ פּרידלעכער פאַרזאַמלונג, און איך קום און בעט אייך גיין מיט מיר זיך דורכשמועסן, ענטפערט איר מיר, איר ווילט שלאָפן... דאָס איז דאָך גאָר קיין שפּאַס ניט; אַלע דעראָבערונגען פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע שטייען בפועל ממש אין קאָן.

— איך בין אַ קראַנקער מענטש. אַזוי שפּעט זיצן און ריידן איז פאַר מיר ניט לייכט. ווייטער: אויב בלויז צו שמועסן מיט מיר, איז אויף וואָס האָט מען מיך אַרעסטירט. מע כאַפּט ניט קיין מענטשן און מ'וואַרפט זיי אַריין אין געפענגעניש, כדי צו האָבן מיט זיי אויף אַזאַ אופן אַ קאָנווערזאַציע. הייסט דאָך עס, אַז איר ווילט מיך נעמען אויף אַ פאַרהער און שפּעט ביי־דער־נאַכט, ווען עס איז שווער צו האַלטן קאָפּ און אויפזאַמלען די געדאַנקען. איז צו וואָס אָט־די שיינריידעריי „אַ שמועס". רופט אָן אַ זאַך ביי

דעם ריכטיקן נאָמען. און וואָס האָט די גאַנצע זאַך מיט מיר פּערזענלעך צו טאָן? דאָס אייגענע גייט פּאַר מיין ברודער און די איבעריקע חברים פון סאָציאַטעכניקום; איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז קיינער פון אונדז און אונדזע־ריקע האָט די באָמבע ניט געוואָרפן. איז וואָס פאַר אַ זינען האָט עס אונדז צו אַרעסטירן! גלאַט שלעפּן מענטשן אין טשעקאַ, ניט רעכענענדיק זיך מיט קיינעם, שולדיק צי אומשולדיק!

איך האָב גערעדט צו אים מיט ניט ווייניקער כעס און אויפגעבייזערט־קייט ווי ער צו מיר.

— אין אַזעלכע צייטן קומט מיר אויס צו אַרבעטן גאַנצע נעכט, ניט צומאַכן מיט קיין אויג. און, גלייבט מיר, איך בין אויך ניט קיין געזונטער. איך האָב געפּטרט מיין געזונט אין צאַרס געפענגענישן. איך הוסט. — ער האָט זיך טאַקע שטאַרק פאַרהוסט און ער האָט געמוזט אָפּוואַרטן אַ ווייל, ביז ער האָט געקענט פאָרזעצן; — איך ווייס, אַז איר האָט די באָמבע ניט געוואָרפן, אָבער אַן אַנאַרכיסט האָט עס געטאָן און איינער פון אייערע גאָר נאָענטע פריינט...

איך האָק אים איבער:

— פונוואַנעט נעמט איר עס? איך בין זיך משער, אַז דאָס איז אַ קאָ־דעטישע באָמבע [ק. ד. באַטייט „קאָנסטיטוציאָנעלע דעמאָקראַטן"]; איר האָט דאָך מיט אַ קורצער צייט צוריק דערשאָסן דעם גאַנצן צענטראַל־קאָ־מיטעט פון דער פּאַרטיי.

— זיי ווייסן עס ניט; מיר נעמען צו די פּעקלעך, וואָס קומען אָן פּאַר זיי, ווי קיין זאַך האָט ניט פּאַסירט, — ענטפערט מיר דזשערדזשינסקי.

ער מאַכט זיך תמעוואַטע אָדער ער איז אַ תם אין געוויסע היגזיכטן. איך ענטפער:

— מיינט איר, אַז איר נאַרט אָפּ זייערע פריינט און נאָענטע? אַז איך ווייס עס, ווועלן זייערע מקורבים עס ניט וויסן? הימל און ערד האָבן גע־שוואָרן, אַז קיין סודות זאָלן ניט זיין.

— איז פאַרוואָס שיקן זיי כסדר פּעקלעך, אַז זיי ווייסן, אַז זיי לעבן ניט?

— אָט דאָס, וואָס זיי מאַכן זיך ניט־וויסנדיק, ווייזט, אַז עפּעס איז דאָ אין דעם. זיי ווילן ניט, אַז איר זאָלט וויסן, אַז זיי ווייסן, און איר וועט פאַרדעכטיקן זיי אין וואַרפן די באָמבע ווי אַן אַקט פון נקמה. דעריבער מאַכן זיי זיך כלאָ־ידע. זיי ווילן אייך איבערכיטרעווען.

— די באָמבע האָט געוואָרפן אַן אַנאַרכיסט, און אייערער אַ גאָר נאָענ־טער מענטש און, נאַטירלעך, איז דער חשד געפאַלן אויך אויף אייך, אַז איר האָט געהאַט אַ שייכות צו דעם, מעגלעך ניט קיין דירעקטע.

— איך רעכן, אַז איר זייט זיך טועה. פונוואַנעט נעמט איר עס, אַז אַן אַנאַרכיסט האָט געוואָרפן די באָמבע? האָט איר באַווייזן?

— אָט איז אַ בריוו, נעמט, לייענט אים.

ער דערלאַנגט מיר אַ בריוו. איך לייען אים און ס׳ווערט מיר פינצטער־

אין די אויגן. איך אייל מיט די בליקן צו דער אונטערשריפט: באראַן...
באראַן האָט אונטערגעשריבן דעם בריוו. ער שרייבט אים צו חברים; ער
דערציילט, ווער עס האָט געוואָרפן די באָמבע; ער באַשרייבט איינצלהייטן.
ער גיט אָן נעמען. איך בין אויסער זיך.

— ווי קומט דער בריוו צו אייך?

— דעם בריוו האָט געהאַט ביי זיך אַן אַנאַרכיסטקע, אַריבערשמוגלענ־
דיק די גרענעץ צווישן רוסלאַנד און אוקריינע. אויף דער גרענעץ האָבן מיר
זי פאַרהאַלטן און געפונען ביי איר דעם בריוו.

— אויב דאָס איז די מעשה, — זאָג איך, — בין איך זיכער, אַז דער
בריוו איז אַ געפעלשטער. קענט איר באַראַנס האַנטשריפט? ווי איז עס מעג־
לעך צו גלייבן, אַז אַ געניטער קאָנספּיראַטאָר זאָל שרייבן וועגן אַזעלכע גע־
היימע אונטערערדישע טועכצן אַזוי אָפן אין אַ בריוו, ניט געברויכנדיק אַפילו
קיין שיפער און שיקן אים דורך אַ שליחטע, וואָס דאַרף זיך דורכגנבענען אַ
גרענעץ? דאָס איז אומגלייבלעך. איך קען מיר בשום אופן ניט פאָרשטעלן,
אַז אַזאַ רעוואָלוציאָנער ווי באַראַן איז וועט באַגיין אַזאַ נאַרישקייט, זיין
אַזוי אומפאָרזיכטיק. די באָמבע האָט געוואָרפן אַ קאָדעט. דעם בריוו האָט
מען געפעלשט און מ'האָט עס אַזוי אַראַנזשירט, אַז ער זאָל אַריינפאַלן צו
אייך אין די הענט און אייך פאַרווירן, אַראָפּשלאָגן פון ריכטיקן שפור.

איך טראַכט, אַז דער בריוו איז אַ פאַלסיפיקאַציע פון דער טשעקאַ און
זי וויל אים געברויכן, כדי אַרויסצוקריגן אָדער קאָנפעסיעס אָדער נייטיקע
אינפאָרמאַציע; וויבאַלד די פאַרשווערונג איז אינגאַנצן אַן אויפגעדעקטע,
איז דאָך ניטאָ וואָס צו האַלטן זי בסוד. אָבער איך מאַך זיך, אַז איך פאַר־
דעכטיק די קאָדעטן.

— מיר וועלן עס אונטערזוכן. וואָס איז שייך אייך און אייער גרופּע,
איז ביי אונדז די פראַגע, פאַרוואָס איר האָט ניט פּראָטעסטירט קעגן אָט־
דעם מערדער־אַקט; אייער שוויגן האָט געוואָרפן אויף אייך אַ שאָטן פון אַ
שווערן פאַרדאַכט, און איך האָב געוואָלט הערן, וואָס איר האָט צו זאָגן
וועגן דעם.

— ווי אַזוי קענען מיר מיט אַ ריינעם געוויסן פּראָטעסטירן! איר ווילט,
מיר זאָלן פירן אַ צווייאיקע בוכהאַלטעריע. אַז איר שיסט די חברים, זאָלן
מיר שווייגן; איר מעגט טאָן אַלץ. אַז זיי שיסן צוריק, — זאָלן מיר שרייען.
שווייגן מיר איןביידע פאַלן. מיר זיינען אָבער איבערצייגט, אַז צווישן אונדז
האָט ניט געטאָרט קומען צו דעם, אַז מיר זאָלן באַקעמפן איינע די אַנדערע
מיט געווער אין די הענט. דאָס האָט מען ניט געטאָרט דערלאָזן אויף קיין
פאַל. אָבער איר טראָגט אין דעם אַ גרעסערע שולד ווי די טעראָריסטן. איר
האָט אָנגעפאַנגען מיט אַרעסטן און שיסערייען פון אַנאַרכיסטן. די איניציאַ־
טיוו איז געווען אייערע.

אַ טשעקאַ־אַגענט האָט מיך אָפּגעפירט צוריק אין קאַמערע.

קיינער פון די חברים איז ניט געשלאָפן. זיי זיינען געווען נייגעריק צו
הערן, וואָס ס'איז פאָרגעקומען צווישן מיר און דזשערדזשינסקין און וואָס

פאַר אַ מין שמועס עס איז געווען. אַז איך האָב זיי איבערגעגעבן וועגן דעם בריוו, האָבן אַלע געצוקט מיט די אַקסלען און אַלע האָבן געהאַט איין וואָרט: עס איז אומגלייבלעך!

אויף מאָרגן נאָך פאַר מיטיקצייט האָט דזשערדזשינסקי געשיקט אַן אַגענט אַרויסצורופן מיך און דעם ברודער.

ער איז געווען אין זיין קאַבינעט. ער האָט אויסגעקוקט מיד, צעבראָכן, פאַרזאָרגט; ער איז געווען בלייך, אָן אַ טראָפן בלוט אין פּנים; די באַקן איינגעפאַלן; דער הוסט האָט אים געשטיקט; די נייס פון בירגער־קריג־פראָנט זיינען געווען גאָרניט קיין פרייליכע.

ער האָט אונדז געבעטן זיצן. מיר האָבן פאַרנומען אונדזערע פּלעצער פוןביידע זייטן, רעכטס און לינקס.

דזשערדזשינסקי האָט זיך שטאַרק באַקלאָגט אויף זיין מערכה; ער האָט געטענהט, אַז קיינער וויל ניט טאָן די שמוציקע אַרבעט צו באַקעמפן די קאָנטררעוואָלוציאָנערן. זיי ווילן אַלע האָבן זויבערע הענטעלעך („ביעלאָ־רוטשקי“), ווי איר, ברידער גאָרדין; מאַכן רעוואָלוציעס — יאָ, אָבער זיך באַשפּרינקלען מיט בלוט, מיט בלאָטע, מיט שטויב, — דאָס ניט. זיין רע־וואָלוציאָנערן און בלייבן מאָראַליסטן... האָט מען אויף מיר אַרויפגעוואָרפן אָט־דעם גאַנצן באַרג מיט בלאָטע. איך וויל דען דאָ, — ער ווייזט מיט דער האַנט אויף דעם קאַבינעט און גיט מיט איר אַ שאַר, ווי אַריינגעמענדיק דעם גאַנצן קוואַדראַט פון געביידעס, וואָס מע האָט געזען דורך די פענצטער און האָבן איינגעשלאָסן דעם היפּשן הויף אויף ליוביאַנקע נומער 13 — זיצן! איך וואָלט בעסער זיין אין דאָרף און אין פרילינג פלאַנצן בלומען, ביימער...

דער ברודער, וו. גאָרדין, האַקט אים איבער:

— איר רעדט דאָך שוין גאָר ווי דער צאַר. ער האָט אויך געזאָגט: „איך האָב ליב בלומען“ („ליובליו צוויעטי“).

דזשערדזשינסקי לאָזט דורך די בייסנדיקע באַמערקונג מיט אירע שלעכ־טע אָנווינקענישן. ער זעצט פאָר:

— איר מיינט, אַז איך ווייס ווייניקער פון אייך, אַז מענטשן דאַרפן פרייהייט; איך ווייס עס גאַנץ גוט, ניט ערגער פון אייך, פרייהייט־קעמפער, און איך האָב מיין לעבן און געזונט אַוועקגעגעבן אין אָט־דעם קאַמף פאַר פרייהייט; אָבער איך ווייס נאָך עפּעס און דאָס גיי איך אייך זאָגן: איך בין איבערצייגט, אַז כדי מע זאָל האָבן פרייהייט אין רוסלאַנד, דאַרף מען אויפ־בויען צען מאָל אַזוי פיל געפענגענישן ווי מיר האָבן...

ער מאַכט אַ קורצע פּויזע און קערט זיך אום צו זיין פריערדיקער טעמע:

— איך וויל דאָ ניט זיצן, אָבער די רעוואָלוציע מוז מען פאַרטיידיקן. אָט־די אחריותדיקע אַרבעט וויל קיינער ניט טאָן. אַלע ווילן ריינע, שיינע פּאָסטנס. מוז דאָך עס עמיצער טאָן. איז אָט־די אַרבעט געפאַלן אויף מיר. דאָס איז מיין שיקזאַל.

אין אַ פּאָר שעה שפּעטער האָט מען מיך און דעם ברודער באַפרייט.

מיר האָבן זיך אָבער אַנטזאָגט אַוועקצוגייִן, ביז מע וועט ניט באַפרייען אונדזערע חברים פון „סאָציאַטעכניקום".

אַביסל שפּעטער האָט מען אונדז אַלעמען אַרויסגעלאָזן.

[די פּראַקטיק פון דער טשעקאַ, אין די שפּעטערע יאָרן, איז געווען אַזאַ: לכתחילה פאַרשיקט מען דעם „קאָנטעררעוואָלוציאָנער" אויף צוויי־דריי יאָר; אַז די דריי יאָר ענדיקן זיך און מע דאַרף דעם קרבן באַפרייען, פרעגט מען אים, צי ער וויל זיך מודה־זיין אין זיין פאַרברעכן קעגן די סאָוויעטן און צי ער וויל תשובה טאָן, דאָס הייסט חרטה האָבן אויף זיין פּאָליטישער פאַר־גאַנגענהייט און געבן אַ צוזאָג, אַז אין דער צוקונפט וועט ער אָננעמען דעם באָלשעוויזם. אויב ער זאָגט זיך אָפּ, גיט מען אים נאָך אַ צוויי־דריי יאָר, און די פּראָצעדור חזרט זיך איבער.

אַהרן באַראָן איז געווען פאַרשיקט אין סיביר אונטער דעם צאַרס רע־זשים. פון סיביר האָט זיך אים איינגעגעבן צו אַנטלויפן. אין די פאַראייניק־טע שטאַטן איז ער געווען אַקטיוו אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. אין 1917 האָט ער זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד. ער איז געקומען העלפן „בויען דעם סאָציאַליזם". אין אוקריינע איז ער געווען איינער פון די פּאָפּולערסטע שריי־בערס און לעקטאָרס. אין 1920 איז ער אַרעסטירט געוואָרן אין כאַרקאָוו, אויפן „אַנאַרכיסטן־קאָנגרעס", וואָס איז צעטריפגערופן געוואָרן אָפן און די רעגירונג האָט געוואוסט וועגן דעם. זינט דעמאָלט האָט מען אים געהאַלטן פאַרשפּאַרט אין פאַרשיידענע געפענגענישן אין מאָסקווע, אָריאָל, כאַרקאָוו און אַנדערע תפיסות. אין אָריאָלער תפיסה האָט מען אויסגעשאָסן אין אים בעת ער איז געלעגן אין בעט; די קויל האָט אים אָבער ניט געטראָפן. פאַר דער צייט האָט ער דערקלערט אַ פּאָר מאָל הונגער־שטרייקן, וואָס צוזאַמען באַטרעפן זיי איבער פופציק טעג. פאַר צוויי יאָר איז ער געווען פאַרשיקט אויף די „סאָלאָוועצקי אינדזלען". פון דאָרטן האָט מען אים געטריבן פער „עטאַפּ" [דאָס הייסט, געשלעפּט זיך פון תפיסה צו תפיסה, אָפּט צופוס] קיין נאָוואָ־ניקאָלאַיעוו אין דער איבערשיק־געפענגעניש, און פון דאָרט קיין אַלטאַי, סיביר. אין 1937 האָט מען אים דערשאָסן.

זיין פרוי, פאַניע באַראָן, איז דערשאָסן געוואָרן אין מאָסקווער טשעקאַ אין 1921].

XV
לעגאַליזאַציע — ניט קאַפּיטולאַציע

1
די דעקלאַראַציע

עס איז מיר און דעם ברודער קלאָר געוואָרן, אַז אונדזערע אָנשויאונ־גען, — הגם זיי האָבן די זעלביקע וואָרצלען און ציען זייער זאַפט־יניקה פון דעם זעלביקן באָדן, כמעט פון די אייגענע פילאָזאָפישע גרונט־הנחות, — אין זייערע פאַרצווייגונגען זיינען זיך ווייט פונאַנדערגעגאַנגען פאַר דער צייט פון אונדזער זיין אַקטיוו אי פּאָליטיש און אי ליטעראַריש, און דער „סאָציאָ־טעכניקום" איז געווען אַן אַבאָרטיווער פאַרזוך אונדז ביידן איינצושפּאַנען איבעראַנייס אין איין אָרגאַניזאַציאָנעלן און אידעאָלאָגישן וואָגן. און מיר האָבן זיך צעשיידט און מער קיינמאָל זיך אידעאָלאָגיש און ליטעראַריש ניט צוזאַמענגעקומען.

וו .גאָרדין איז געבליבן פאָרצוזעצן די אַרבעט פון „סאָציאָטעכניקום", דער איניציאַטאָר פון וועלכן ער איז געווען, און איך מיט אייניקע פריינט זיינען אַוועק און זיך אָנגעשלאָסן אָן „פאַרבאַנד פון מאָסקווער אַנאַרכיסטן". אַט־דער נייער פאַרבאַנד האָט זיך ערשט איצט געהאַלטן ביים גרינדן. פאַר אים האָט עקזיסטירט דער „פאַרבאַנד פון מאָסקווער אַנאַרכיסטן־קאָמוניסטן־סינדיקאַליסטן". ער איז געווען אַ שטיקל יורש פון דער מאָסקווער פעדע־ראַציע פון אַנאַרכיסטישע גרופּן. ער האָט זיך אָבער גאַנץ גיך אויפגעלייזט נאָך עטלעכע אינערלעכע שפּאַלטונגען. דער נאָר־וואָס געגרינדעטער „פאַר־באַנד" האָט אַריינגענומען אַנאַרכיסטן פון פאַרשיידענע ריכטונגען לאַוו דווקא קאָמוניסטן און סינדיקאַליסטן.

דער ערשטער פאַרטראַג, וואָס איך האָב געהאַלטן אויף דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון „פאַרבאַנד", איז געווען געשאַנקען אַן אויסשליסלעך קול־טור־פּראָבלעם. מיין טעמע איז געווען „אינטעראינדיווידואַליזם אין קולטור".

וואָס איך און נאָך אייניקע קאַמעראַדן האָבן געוואָלט, איז זען צו לע־גאַליזירן דעם „פאַרבאַנד" אַזוי, אַז דאָס ביסל אַרבעט, וואָס מיר גייען טאָן, זאָל קענען געטאָן ווערן אָפן, אָן קומען צו אַ צוזאַמענשטויס מיט דער סאָ־וויעטן־מאַכט, ווייל פון די צוזאַמענשטויסן וועט קיין שום נוצן פאַר אונדזער אויפקלערונגס־אַרבעט ניט אַרויסקומען. מיר וועלן מקריב זיין אַ צאָל קאַמע־ראַדן און דאָס אַלץ.

מיט אַט־דער כוונה האָב איך אָנגעשריבן אַ דעקלאַראַציע און אָנגעגעבן קלאָר אונדזער שטעלונג אַזוי, אַז עס זאָל קענען געשלאָסן ווערן אַ מינדלע־כער אָפּמאַך צווישן אונדז און דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און מיר זאָלן וויסן גענוי דעם תחום, אין די גרענעצן פון וועלכע מיר קענען אומגעשטערט

פון דער טשעקאַ אַנגייון מיט אונדזער אַנאַרכיסטישער אויפקלערונגס־פּראָפּאַ־גאַנדע. איך האָב געהאַלטן אין איבערחזרן צו אונדזערע קאַמעראַדן דאָס רו־סישע שפּריכוואָרטל: „נאָך אַ געשלעג מאַכט מען ניט מיט די פויסטן“.

דעם 24טן דעצעמבער 1919 האָבן מיר צונויפגערופן אַ מיטינג פון די פּראָמינענטע מיטגלידער פון „פאַרבאַנד“ און איך האָב פאַר זיי פאָרגעלייענט די דעקלאַראַציע. מ'האָט פאָרגעלייגט געוויסע אומוויכטיקע ענדערונגען, ווי דער שטייגער איז אין אַזעלכע פאַלן. איך האָב זיי גערן אָנגענומען און אַלץ איז געגאַנגען כשורה, ווי מיר האָט זיך אויסגעוויזן.

אָבער דאָ האָט נאָוואָמירסקי אָנגעוויזן, אַז אין דער דעקלאַראַציע פעלן צוויי פּונקטן, — וועגן דער טשעקאַ און וועגן דער באַשפּייזונג פון דער גע־זעלשאַפט. איך האָב געוואוסט, אַז די דאָזיקע צוויי פּונקטן זיינען ממש די־באַמיט און איך האָב זיך ניט געוואָלט צורירן צו זיי; דערפאַר האָב איך זיי מיט אַ כיוון אויסגעלאָזן, איינפאַך פאַרשוויגן, ווייל זאָגן עפּעס וועגן זיי, האָט געמוזט מיינען געבן אַ פאַרנישטנדיקע קריטיק און דאָס האָבן מיר זיך ניט געקענט דערלויבן, אויב מיר האָבן געוואָלט אַרויסקריגן אַ הכשר אויף אונדזער אַקטיוויטעט; און אויב ניט דערגרייכן דעם דאָזיקן צוועק, איז אויף וועלכע צרות דאַרף מען בכלל האָבן אַ נייע דעקלאַראַציע? איך האָב פּרובירט אָפּריידן נאָוואָמירסקין פון פאָדערן אַט־די דורכגעלאָזטע פּונקטן. ער איז אָבער באַשטאַנען אויף דאָס זייניקע. אַז די פּונקטן איז די דעקלאַראַציע ניט קיין פולע, האָט ער אויסגעזעצט, און לאָגיש איז ער געווען פולשטענדיק גערעכט, אָבער פּאָליטיש, אונטער די אומשטענדן, איז ער געווען, אין ניט קיין קלענערער מאָס, אומגערעכט. צופיל אַמפּערן זיך מיט אים האָב איך ניט געקענט, ווייל מיר האָבן ניט געקענט זיין הונדערט פּראָצענטיק זיכער, אַז מיינע אַרגומענטן וועט מען ניט אָפּטראָגן אין טשעקאַ און זיי וועלן אינ־וואַלידירן די דעקלאַראַציע, וויפל פאַרשוויגענישן זי זאָל ניט אַנטהאַלטן. לכן בין איך איינגעגאַנגען אויף דעם, אַז נאָוואָמירסקי זאָל אָנשרייבן די צוויי פּונקטן אַזוי, אַז דער אַנאַרכיסטישער שעפּס זאָל בלייבן גאַנץ און דער טשעקיסטישער וואָלף זאָל זיין זאַט. ער האָט זיך אונטערגענומען צו באַ־ווייזן אַט־די קונץ. ער איז אַוועק אין אַ חדר מיוחד, האָט זיך דאָרט פאַר־זאַמט אַ גוטע שעה און מיר האָבן געוואַרט אויף די רעזולטאַטן. ער האָט פאָרמולירט די צוויי פּונקטן, וואָס האָבן געפעלט.

די דעקלאַראַציע איז, נאָך די קאָרעקציעס, ענדערונגען און צושרייבונ־גען, אַרויס אַ געלאַטעטע און געשטוקעוועטע; זי איז אַרויסגעקומען אַ מין אַמאַלגאַם, ניט אינגאַנצן אַהער און ניט אינגאַנצן אַהין.

אָבער איין פּונקט אין דער דעקלאַראַציע, אויף וועלכן איך האָב געלייגט די האַפענונג פון לעגאַליזאַציע, האָט זיך געלייענט קלאָר און דייטלעך: דער קאַפּיטאַליזם וועט פאַרנישט ווערן פון סאָציאַליזם און דער סאָציאַליסטישער איינשטעל וועט באַזיגט און באַזייטיקט ווערן פון אַנאַרכיזם אַזוי, אַז דאָ ווערט אַריינגעפירט אַ נייטיקער היסטאָרישער נאָכפאָלג, אַ גראַדאַציע פון איבערגאַנגען פון איין סיסטעם צו אַ צווייטן. היוצא, אַז מיר באַאַפּזיכטיקן

ניט צו פאַרנעמען רוסלאַנד גלייך איצט, גלייך אַריינרייסן זיך אין דעם שפּור וואָס בלייבט פון קאַפּיטאַליזם, נייערט מיר האָבן בדעה צו וואַרטן, ביז דער סאָציאַליסטישער איינשטעל וועט ווערן עטאַבלירט, ווערן אַ היס־טאָרישע טאַטזאַך, און ערשט דעמאָלט וועלן מיר זיך פאַרמעסטן אויף אים מיט אונדזערע כוחות און זען אים באַזייטיקן און איינפירן אַן אַנאַרכיסטישן סדר. אַט־דער פּונקט, די אַנדערקענונג פון אַ פעסטגעשטעלטער סוקסעסיע פון געזעלשאַפטלעכע סיסטעמען, אַמווייניקסטן פאַר רוסלאַנד, אין אַ געווי־סער אָרדענונג, האָט עס אונדז געדאַרפט דערלאַנגען די געוואונטשענע לע־גאַליזאַציע.

איך האָב איבערגענומען די אָפּטיילונג פון פּראָפּאַגאַנדע. דער „פּאַר־באַנד" האָט געגנומען אָטעמען און איז געוואָרן אַ לעבעדיק וועזן, אַ סאָציאַל־„פּאָליטישע" באַשעפעניש. איך האָב צוריק אויפגעשטעלט די קאָמוניקאַציע־ליניעס מיט די אַרבעטער אויף די פאַבריקן אין אייניקע ראַיאָנען.

פאָסט־סקריפּטום. שוועך צו פאַרשטיין די מענטשלעכע פּסיכאָלאָגיע. נאָוואָמירסקי, וואָס האָט אויסגעזעצט קעגן דער דעקלאַראַציע, וואָס איך האָב אָנגעשריבן אויפן גרונט פון דעם, וואָס זי איז געווען, לויט זיין באַנעם, צופיל נאָכגיביק בנוגע דעם קאָמוניסטישן רעזשים, איז אין אַ פּאָר חדשים שפּעטער אַריין אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ער איז אַפילו געוואָרן איינער פון די רעדאַקטאָרן פון דעם אָרגאַן „דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל" פון דער רוסישער אָפּטיילונג. שוועך, זייער שוועך צו באַגרייפן, וואָס ס'קומט פאָר אין דער זעל פון אַ ראַדיקאַלן מענטשן אין צייטן פון גאָר גרויסע איבער־קערענישן.

ער איז דאָרטן לאַנג ניט געווען. ער האָט ניט געקענט אָננעמען דעם נעפּ, איז געווען קעגן לעניננס זיגזאַגעווען און מאַנעווורירן. סוף כל סוף איז ער ליקווידירט געוואָרן. אָבער דאָס איז געשען מיט אַ סך יאָרן שפּעטער.

2

בלייכמאַן

אָנפאַנג 1920. וועגן בלייכמאַנען האָב איך פיל געהערט. ער איז געווען טעטיק אין פּעטראָגראַד. איך גלייב ניט אַז ער האָט געהאַלטן אַ פען אין האַנט. ער האָט בלויז גערעדט און איז געווען פּאָפּולער אין פּעטראָגראַד צווישן די אַרבעטער און אויך צווישן די מאַטראָזן. ער איז געווען אַ מיט־גליד פון פּעטראָגראַדער סאָוויעט.

ער איז געווען דער איינציקער „אַנאַרכיסט", וואָס האָט גערעדט מיט היץ, מיט האַרץ וועגן דער פיזישער אויסראָטונג פון דער בורזשואַזיע. מיר האָבן געהאַלטן פון דער עקספּראָפּריאַציע פון די עקספּראָפּריאַטאָרס, ד.ה. פון קאָנפיסקאַציע פון זייערע קאַפּיטאַליסטישע גיטער. איך פלעג אָפט זאָגן, אַז דער בורזשוי איז אַנדערש פון חזיר. ער איז כשר; וואָס עס מאַכט אים טריף

זיינען דווקא זיינע האָר, זיין רייכטום. לכן דאַרף מען אים אָפּוואַשן פון זיין טומאה, פון קאַפּיטאַל, און ער וועט זיין אַ מענטש מיט מענטשן צוגלייך. איך בין ניט אַריינגעגאַנגען אין דעם, צי מע קען אים גלייך אַריינגעמען אין דער אנשטענדיקער נייער געזעלשאַפט און לאָזן אים געניסן אַלע רעכט צוגלייך מיט אַלע אַרבעטער. אָבער צו אים אַלס מענטש, האָב איך אַלע מאָל באַטאָנט, האָבן מיר גאָרניט; מיר פירן ניט קיין קאַמף קעגן דעם קאַפּיטאַליסט בלשון יחיד, אַלס מענטש, און אויך ניט בלשון רבים, קעגן זיין קלאַס, אויף וויפל דער קלאַס באַשטייט פון מענטשלעכע וועזנס. מיר באַקעמפן די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם, דעם קאַפּיטאַליסטישן איינשטעל, וואָס דערלויבט צו האַלטן מענטשן געדונגענע אַ לעבן לאַנג.

אָבער... דאָ קומט אַ גרויסער אָבער. דער קאַפּיטאַליסט פאַרטיידיקט דאָך זיין קאַפּיטאַל. מיט גוטן גיט ער ניט אַוועק זיינע אָנגעראַבירטע רייכטימער. דאַרף מען זיי דאָך צונעמען פון אים ביד חזקה, איבערגעוואַלד און מיטן שטאַרקן שטעקן אין האַנט. דאָס מיינט צו זאָגן, אַז ניט ווילנדיק קומט צו אַ צוזאַמענשטויס מיטן קאַפּיטאַליסט אין סאַמע פּראָצעס פון צונעמען ביי אים זיין רויב. אָבער ווי נאָר אָט־דער מאָמענט גייט אַריבער און דער קאַפּיטאַליסט רעזיגנירט, מאַכט שלום מיט זיין גורל, איז ניט אַקטיוו אין קיין שום פאַרשווערונגען, נעמט ניט קיין אַנטייל אין קיין מאַכינאַציעס, וואָס באַצוועקן די רעסטאַווראַציע פון אַלטן רעזשים, — טשעפּעט מען אים ניט. הגם מעגלעך, אַז מע דאַרף נאָך אַלץ האַלטן אים אויפן אויג, זען וואָס ער טוט, ווי ער פירט זיך אויף, ווייל אינגאַנצן טרויען אים קען מען ניט.

גאָר אַן אַנדער צוגאַנג צו דעם פּראָבלעם פון עטאַבלירן אַ מאָדוס פון פאַרהעלטענישן צווישן דעם רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־קלאַס און דער געוועזענער בורזשואַזיע האָט געהאַט בלייכמאַן. ער פלעגט אַרויסטרעטן אויף אַרבעטער־ און מאַטראָזן־פאַרזאַמלונגען און פאָדערן די ליקווידאַציע פון דער בורזשואַזיע אין פיזישן פשט פון וואָרט, מאַכן פון איר אַ תל, אָפּמעקן זי פון פנים פון דער ערד. אַז ער פלעגט ריידן אויף אָט־דער טעמע, פלעגט ער זיך אָזש פאַרכליאָבעווען פון נחת: „אויפשניידן זייערע בייכער! האַקן קעפּ!" — זיינען געווען זיינע ליבלינג־לאָזונגען. ער איז געווען אַ מין גלגול פון סטענקאַ ראַזין, אָדער אַ פאַרקערפּערונג פון אַנדרייעווס העלד סאַוואַ, וואָס זיין אידעאַל איז געווען „דער נאַקעטער מענטש אויף דער נאַקעטער ערד".

צי ער האָט בלויז גערעדט אַזוי קאַניבאַלמעסיק, צי ער האָט באמת געוואָלט, אַז די אַרבעטער זאָלן אָננעמען און דורכפירן זיין פאַרשלאָג פון דער גרויסער הריגה פון דער בורזשואַזיע מיט זייערע ווייבער און קינדער — דאָס ווייס איך ניט. איך האָב אים בלויז איינמאָל געזען און בלויז איינמאָל געהערט אים ריידן. און איינמאָל איז כמעט ווי קיינמאָל; שווער אַרויסצוגעבן אַ ווערדיקט אויף דעם סמך. זינאָוויעוו, דער שעף פון דער „פּעטראָגראַדער קאָמונע", האָט וועגן אים געזאָגט: „קיינער קען ניט אַריבערבלייכמאַנען בלייכמאַנען", מיינענדיק אים אַריבערשטייגן אין זיין שנאה צו די קאַפּיטאַליסטן און זיינע ווילדע פּלענער ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון זיי, זיין פאַרשלאָגן אַ מאַסן־שחיטה.

אויסער אָט־דעם מאָדנעם פּרעדיקט זיינעם, פון וועלכן אונדז פלעגט דורכגיין אַ סקרוך איבערן לייב, האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט נאָך אַן אי־דעאָלאָגישן קנייטש. ער איז געווען איינער פון די גאָר ווייניקע אַנאַרכיסטן, וואָס האָבן אַפילו נאָך אין 1919 ־ 1917 געטיילט מאַכאַיסקיס נעגאַטיווע באַציאונג צו דער „אינטעליגענציאַ" ווי צו אַ באַשטימטן קלאַס מענטשן פון מוח־אַרבעטער, וואָס צווישן זיי און דעם פּראָלעטאַריאַט, די פּשוטע פיזישע הענט־אַרבעטער, עקזיסטירט אַ תהום און אַן אַנטאַגאָניזם פון אינטערעסן. אין 1905 און 1906 איז זייער צאָל געווען אַ ניכרדיקע. א. וואָלסקי איז דער פּסעוודאָנים, אונטער וועלכן איוואַן (יאַן וואַצלאַוו) קאָנסטאַנטינאָוויטש מאַ־כאַיסקי (1926 ־ 1867) האָט פאַרעפנטלעכט זיינע העפטן, וואָס זיינען געווען גערדרוקטע רעפּעראַטן, וואָס ער האָט געהאַלטן אין די יאָרן 1899־1898.

מאַכאַיסקי איז אָפּגעזעסן פינף יאָר אין געפענגעניש. דערנאָך פאַרשיקט געוואָרן אין בילויסקי. פון פאַרשיקונג איז ער צוריקגעקומען אין 1900. אין 1903 איז ער ווידער אַרעסטירט געוואָרן. ער איז אָבער אַנטלאָפן אין 1904 קיין זשענעווע. נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע איז ער געקומען פון דער שווייץ. ער האָט זיך באַזעצט אין מאָסקווע. ער איז מער ניט געווען פּאָלי־טיש אַקטיוו, דאָך האָט ער אַרויסגעגעבן אַ פּעריאָדישע שריפט אונטערן נאָמען „אַרבעטער־רעוואָלוציע", וועלכע האָט ניט געמאַכט קיין רושם, ניט געפונען קיין אָפּהילך צווישן די אַרבעטער בכלל און אונדזערע חברים אַר־בעטער בפרט.

מאַכאַיסקי האָט באַקעמפט דעם „אינטעלעקטועלן אַרבעטער"; ער האָט אים געשילדערט ווי דעם שונא פון פּשוטן פיזישן אַרבעטער. אָט וואָס מיר לייענען אין זיינע העפטן:

די פּראָדוקטיוויטעט פון אַרבעט ווערט גרעסער אין פּראָפּאָרציע בהסכם דערמיט ווי די סודות פון דער נאַטור ווערן אַנטדעקט צו דער מענטשהייט און אויף אַזאַ אופן ברייטערן זיי אויס דעם מענטשנס הערשאַפט איבער איר. זיין הערשאַפט האָט דער מענטש צו פאַרדאַנקען זיין מענטשלעכן אָרגאַן, זיין געהירן־אַקטיוויטעט. צו געברויכן דעם מענטשלעכן אָרגאַן איז באַפולמעכ־טיקט געוואָרן אַ פּריווילעגירטע ערבלעכע אויסדערוויילטע מינדערהייט. אַלע איבעריקע פון די מיליאָנען מענטשן זיינען באַרויבט פון אָט־דער מעגלעכ־קייט צו האַלטן אַקטיוו דעם דאָזיקן אָרגאַן און זיי זיינען פאַרמשפּט צו די־נען דער מענטשלעכער געזעלשאַפט בלויז מיט די מאַניפּולאַציעס פון זייערע אַנימאַלע אָרגאַנען, — מיט דער פיזישער קראַפט פון די מוסקולן און דער עכסט עלעמענטאַרער זייט פון זייער נערוון־סיסטעם, וואָס פאָדערט זיך פאַר האַנט־אַרבעט, די אַרבעט פון שקלאַפן. און מהאי טעמא באַזיצן די קינדער און קינדס־קינדער פון דער פּריווילעגירטער מינאָריטעט, אַלע זייערע מיט־גלידער, ספּעציעלע טאַלאַנטן און פעאיקייטן. מחמת דער מענטשלעכער פאַר־שטאַנד אין דעם געגעבענעם פאַל האָט פאַר זיין עובדא ניט נאָר צו פאַרשן די נ אַ ט ו ר, נייערט אויך אויסצואיבן הערשאַפט איבער די שקלאַפן. אָט־די הערשאַפט שאַפט אַן אָנווענדונגספערע פאַר דער געהירן־אַקטיוויטעט

פון די נאָכפאָלגנדיקע דורות פון דער געבילדעטער געזעלשאַפט". (א. וואָל־סקי „דער געהירן־אַרבעטער", צווייטער טייל, „וויסנשאַפטלעכער סאָציאַ־ליזם", ז. 77, זשענעווע, 1905, אין רוסיש).

„די עקספּראָפּריאַציע פון דעם קאַפּיטאַליסטן־קלאַס איז ניט דאָס איי־גענע, וואָס די עקספּראָפּריאַציע פון דער גאַנצער בורזשואַזער געזעלשאַפט. דורך דער בלויזער באַזייטיקונג פון די פּריוואַטע אונטערנעמער הערן ניט אויף די אַרבעטער פון אונדזער צייט, די היינטצייטיקע שקלאַפן, צו זיין שקלאַפן, וואָס זיינען פאַרמשפּט אויף קאַטאָרגע במשך פון זייער גאַנצן לעבן; פאָלגלעך קומט אויס, אַז דער נאַציאָנאַלער פּראָפיט, וואָס זיי שאַפן, וועט ניט פאַרשווינדן, נייערט וועט בלויז טראַנספערירט צו דער דעמאָקראַטי־שער שטאַטלעכער געזעלשאַפט אַלס אַ פאָנד פאַר דער פּאַראַזיטישער עקזיס־טענץ פון אַלע ראַבירער, דעם סך־הכל פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעל־שאַפט. די לעצטע, נאָך דעם ווי די קאַפּיטאַליסטן זענען עלימינירט געוואָרן, בלייבט ווי פאַר דעם די זעלביקע הערשנדיקע געזעלשאַפט. דער געבילדעטער הערשער, די חברותא פון די מפונקים, בלייבן די באַזיצער פון דעם נאַציאָ־נאַלן פּראָפיט, וועלכער ווערט צעטיילט אין דער פאָרם פון גאַנץ היפּשע האָ־נאָראַריומס צו די געהירן־אַרבעטער און אַדאַנק דער אינסטיטוציע פון פאַ־מיליע־אייגנטום און דעם פאַמיליע־לעבנסשטייגער ווערט ער פּרעזערווירט און רעפּראָדוצירט אין די רייען פון זייער נאָכקומענשאַפט" (דער זעלביקער מחבר, „סאָציאַלע וויסנשאַפט ווי אַ רעליגיע", ז. 3, זשענעווע, 1905, רוסיש).

וואָס מאַכאַיסקי האָט געטאָן איז געווען דאָס: ער האָט רעדוצירט צו אַן אַבסורד סיי מאַרקסן און סיי באַקונינען. באַקונין האָט עטלעכע שאַרפע אַרויסזאָגעכצן קעגן דער הערשאַפט פון דער אינטעליגענציע.

אָט וואָס ער שרייבט:

„וואָס איך פריידיק, איז, צו אַ געוויסער מאָס אַן א ו י פ ש ט א נ ד פ ו ן ל ע ב ן ק ע ג ן ד ע ר ו י ס נ ש אַ פ ט, אָדער גיכער קעגן דער וויסנשאַפט־רעגירונג... עס וואָלט זיין בעסער פאַר זיי [די מאַסן] זיך איינגאַנצן אָפּצוזאָגן פון דער וויסנשאַפט איידער צו דערלאָזן, אַז די געלערנ־טע זאָלן רעגירן... אַזאַ רעגירונג וואָלט אומבאַדינגט געמוזט זיין אַריסטאָ־קראַטיש, מחמת די עקזיסטירנדיקע וויסנשאַפטלעכע אַנשטאַלטן זיינען וועזנטלעך אַריסטאָקראַטיש, אַן אַריסטאָקראַטיע פון געלערזאַמקייט". („גאָט און דער שטאַט", אַ מוטער־ערד אויסגאַבע, ז. 59 און 63, ענגליש. עס איז אויך פאַראַן אַ יידישע איבערזעצונג).

„דער קלאַמפּערשטער פאָלקס־שטאַט וועט זיין ניט קיין אַנדער זאַך ווי בלויז אַ העכסט־דעספּאָטישע הערשאַפט, וואָס וועט ווערן דורכגעפירט פון אַ נייער און אין צאָל היפּש קליינער אַריסטאָקראַטיע פון אמתע אָדער פאַל־שע געלערנטע. דאָס פאָלק איז אומוויסנדיק און דעריבער וועט עס גאָרניט האָבן צו טאָן מיט דער אַדמיניסטראַציע; עס וועט זיין לחלוטין איינגעשלאָסן צווישן דער רעגימענטירטער טשערעדע". (מיכאַאיל באַקונין, „שטאַטיזם און אַנאַרכיע", ז. 234, 2טע רוס. אויפלאַגע, מאָסקווע 1922).

מאַכאַיסקי האָט געלערנט, אַז דער „וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליזם" און די סאָציאַליסטישע אָדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע באַוועגונג איז בלויז אַ שפּיצל פון דער אינטעליגענץ צו פאַרדולן די מוחות פון די פּראָלעטאַריער און זיי אָפּשווינדלען פון קאָפּ ביז די פיס. וואָרעם ער האָט באַהויפּט, אַז די אינטעליגענץ איז אַ פּאַראַזיטישער קלאַס, וואָס עקספּלואַטירט דעם האַנט־אַרבעטערטום, דעם פּראָלעטאַריאַט, און לעבט אויפן חשבון פון „נאַציאָנאַלן פּראָפיט", ניט אויפן אייגענעם חשבון. ווי שוין געזאָגט, אַט־די פיינטשאַפט צו דער אינטעליגענץ, אונטער דער השפעה פון מאַכאַיסקיס לערע, איז געווען פאַרשפּרייט צווישן די אַנאַרכיסטן אין רוסלאַנד אין 1905־06.

„די שקלאַפערייַ פון דער מאַיאָריטעט, וואָס איז פאַרמשפּט נאָך פון־פאַרן־געבוירן־ווערן צו אַ לעבן פון שווערער אַרבעט, איז נייטיק פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפט און ניט בלויז פאַר עטלעכע פּלוטאָקראַטן; ניט בלויז פאַר אַ הייפעלע קאַפּיטאַליסטן, נייערט פאַר די פּריווילעגירטע קלאַסן; ניט בלויז פאַר די באַזיצערס פון לאַנד, פאַבריקן, וואַרשטאַטן, נייערט אויך פאַר די באַזיצערס פון קולטור און ציוויליזאַציע, פאַר דער גאַנצער געבילדעטער געזעלשאַפט, פאַר דער אַרמיי פון די געהירן־אַרבעטער. די סאַמע פּאַראַזיטישע עקזיסטענץ פון דער איצטיקער פּריווילעגירטער געבילדעטער געזעלשאַפט, די הערשערס, באַלעבאַטים און באַזיצערס פון דעם וואַקסנדיקן רייכטום פון נאַטור און ציוויליזאַציע, איז באַדינגט דורך דער שקלאַפערייַ פון דער מאַיאָריטעט, וועלכע איז פאַראורטיילט צו אַ לעבן פון שווערער קאַטאָרזשנער אַרבעט". (א. וואָלסקי, „דער באַנקראָט פון סאָציאַליזם פון XIX יאָרהונדערט", ז. 27, 1908, רוסיש).

„דער געזונטער סאָציאַלער כוח איז די געבילדעטע געזעלשאַפט אין איר גייסטער געשטאַלטיקונג, די וואַקסנדיקע אַרמיי פון די געהירן־אַרבעטער, די אינטעליגענץ, וועלכע זאַפּט אַריין מיט דעם פאַרשריט פון ציוויליזאַציע די מיטלקלאַסן פון דער געזעלשאַפט, די אייגנטימער פון קליין־קאַפּיטאַל; אַן אַרמיי פון פּריווילעגירטע שכיר־יומס פון קאַפּיטאַל און פון דעם קאַפּיטאַליסטישן שטאַט. זיי זייַנען אַנטאַגאָניסטיש צו די לעצטע אין זייער אַקט פון פאַרקויפן זייער קענטעניש און דעריבער באַווייזן זיי זיך אין געוויסע מאָמענטן פון אַט־דעם קאָנפליקט אַלס אַ טייל פון דער אַנטיקאַפּיטאַליסטישער פּראָלעטאַרישער אַרמיי, אַלס אַ סאָציאַליסטישער סקוואַדראָן; דער קאָנסומענט פון דעם נאַציאָנאַלן פּראָפיט און צו דער אייגענער צייט דער באַזיצער פון דער טאָטאַליטעט פון ציוויליזאַציע פאַרטיידיקט, פּונקט ווי אַלע אַנדערע קלאַסן פון אייגנטימערס, זייערע נחלאות, דעם רעזולטאַט פון דורות־לאַנגער רויבערייַ — קעגן די אַטאַקעס פון די הענט־אַרבעטער. אין איינקלאַנג מיט די אינטערעסן און פּלענער פון אַט־דעם נייעם באַלעבאָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן די פאָרמולע פון סאָציאַליזם פון לעצטן יאָרהונדערט" (דער אייגענער מחבר. „דער געהירן־אַרבעטער", ערשטער טייל, „די עוואָלוציע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע", ז. VI, נייע רוסישע אויפלאַגע, זשענעווע, 1905).

איך דערמאָן זיך אַז אויף די „פּרעטשיסטענסקי קורסן" (זע „זכרונות

און חשבונות", 1טער באַנד, זז. 89־88), וואו מיר פלעגן האָבן אונדזערע גאָר פריע פאַרזאַמלונגען יעדן זונטיק, האָבן זיך די אַרבעטער געפרעגט, וואָס ס'דאַרף זיין אונדזער באַציאונג צו דער אינטעליגענץ און צי זיינען ניט די אינטעליגענטן אַ שעדלעכער עלעמענט אין דער פּראָלעטאַריש־אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. דאָס מיינט, אַז אויך אין אָנהייב פון 1917 זיינען נאָך ניט געווען אינגאַנצן פאַרווישט די מאכאיסקי־שפורן און די אָפּהילכונגען פון זיינע פאַרטראַגן האָבן זיך נאָך געטראָגן אין דער לופט.

איך געדענק וואָס איך האָב געענטפערט:

די בורזשואַזיע איז ניט בלויז רייכער, נאָר אויך געבילדעטער פון דעם אַרבעטערקלאַס און דאָך געברויכט זי אין איר פּאָליטישער אַקטיוויטעט אינטעליגענטן. ווער איז דער באַלעבנדיקער גייסט פון דער קאַדעטישער (קאָנסטיטוציאָנעלע דעמאָקראַטן) פּאַרטיי? פּאַוועל מיליוקאָוו (1859־1943), אַ פּראָפעסאָר פון געשיכטע, און צענדליקער אַנדערע אינטעלעקטואַלן. און אויב די בורזשואַזיע קען זיך ניט באַגיין אָן דער אינטעליגענץ, אַ פּשיטא שוין דער פּראָלעטאַריאַט אונטער די געגעבענע אומשטענדן פון זיין הינטערשטעליקייט. אונדזער אידעאַל איז, אַז אַלע זאָלן זיין געבילדעט און געלערנט, אָבער לעת עתה האַלט עס נאָך ווייט פון האָבן עס רעאַליזירט.

די פראַגע אין אונדזערע רייען איז קיינמאָל מער נישט אויפגעהויבן געוואָרן. מיין ענטפער איז אָנגענומען געוואָרן ווי ענדגילטיק.

אַז איך האָב זיך גענומען פונאַנדערפרעגן ביי די קאַמעראַדן, וואָס זיי ווייסן וועגן בלייכמאַנען, האָבן זיי מיר געזאָגט, אַז ער איז געקומען פון לאָנדאָן, וואו ער האָט געאַרבעט ווי אַ שניידער. און אַז ער אַליין שטאַמט גאָר פון כלי־קודש; זיין פאָטער איז געווען ערגעץ אין אַ קליין שטעטל אַ דיין אָדער אפשר גאָר אַ שוחט, און רעכט אויך אַ רב. קיין גענויערע אינפאָרמאַציע האָב איך וועגן אים ניט געקאָנט באַקומען.

הכלל, אין איין כמורנעם אָוונט האָט בלייכמאַן זיך באַוויזן אין מאָסקווע און האָט געבעטן דעם „פאַרבאַנד פון מאָסקווער אַנאַרכיסטן" מע זאָל אים געבן אַ געלעגנהייט צו האַלטן אַ פאָרטראַג אין פאַרבאַנדס אוידיטאָריום אויף טווערסקאַיאַ 19. איך פלעג דאָרט געבן אַ פאָרטראַג איינמאָל אַ וואָך, יעדן דאָנערשטיק, דוכט מיר. איך האָב געהאַלטן דעמאָלט אין שרייבן מיין ווערק „אינטעראינדיווידואַליזם" און איך פלעג ריידן אויף סאָציאַל־פּאָליטישע און עקאָנאָמישע טעמעס.

די אָנפירערס פון „פאַרבאַנד" האָבן געהערט פון בלייכמאַנען, פון זיינע בלוטדורשטיקע אַרויסטרעטונגען אין פעטראָגראַדער סאָוויעט און אויף אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען, און זיי האָבן ניט דערוואַרט צו האָבן פיל נחת פון זיין אויפטרעט מיט אַ „פאָרטראַג". אָבער מיר זיינען געווען גענוג טאָלעראַנט אים אָפּצוגעבן אַן אָוונט, דוכט מיר, אַ מאָנטיק־צו־נאַכט.

איך און חבר באַרמאַש האָבן בייגעוואוינט דעם צונויפקום. מיר זיינען איינפאַך געווען נייגעריק צו הערן, וואָס וועט ער זאָגן פאַר אַן ענגן קרייז

צוהערערס, וואו אַ שרייענדיקער אויפרוף צו אַ בלוטבאַד צווישן דער בורזשואַזיע איז זיכער אויסן פלאַץ.

בלייכמאַן איז נאַטירלעך געבליבן בלייכמאַן. זיין אַזויגערופענער אין הויכן סטיל „פאַרטראַג" איז געווען אַ שטראָם פון ריידערייען. ער האָט גערעדט מיט גרויס פאַרביטערונג קעגן דעם, וואָס אַ גאָלדענע געלעגנהייט איז דורכגעלאָזן געוואָרן, אָבער עס איז נאָך ניט שפּעט זי צו כאַפּן; זי האָט זיך נאָך ניט אינגאַנצן אַרויסגעגליטשט פון די הענט, — מע קען נאָך אויך איצט עקסטערמינירן דעם קאַפּיטאַליסטן־קלאַס. ער האָט באַשולדיקט די באָלשעוויקעס און די טשעקאַ, אַז זיי האָבן געהאַנדלט צו צירלעך־מאַנירלעך מיט אַט־די פיינט פון דער מענטשהייט, די בורזשואַזיע. זיי שאַנעווען די קאַפּיטאַליסטן, די פּריצים און די ביוראָקראַטן פון אַלטן רעזשים, וואָס ווען זיי וועלן ניט פאַרנישט ווערן ביז צום לעצטן מיטגליד זייערן אין איינפאַכן באַטייט פון וואָרט, וועט די רעוואָלוציע דורכפאַלן און דער פּראָלעטאַריאַט וועט ניט באַפרייט ווערן, ווייל זיי וועלן אים מיט זייערע כיטרע וועגן צוריק אַריינקריגן אין זייערע הענט און אים צוריק צושמידן צו די טאַטשקעס און אים צווינגען אַרבעטן פאַר זיי. עס איז אָדער דער פּראָלעטאַריאַט אָדער די בורזשואַזיע, ביידע קענען אין רוסלאַנד, אין דער וועלט, ניט עקזיסטירן. דער אומקום פון דער בורזשואַזיע איז דער פאַרבאַדינג פאַר דעם אויפקום פון פּראָלעטאַריאַט. מע טאָר ניט איבערלאָזן קיין איין לעבעדיקן בורזשוי, פּריץ אָדער באַאַמטן. דער הייליקער געבאָט פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע איז אויסצומאָרדן די פּאַראַזיטישע קלאַסן, אויסצוהרגענען די בורזשויען, זייערע ווייבער און קינדער, אַז קיין געדעכעניש זאָל פון זיי ניט בלייבן.

צו מיר האָט זיין ריידן געקלונגען ווי אַ ווילדער אָפּהילך פון דעם „לא תחיה כל נשמה" (דברים כ׳, ט"ז), פון דעם אָנזאָג פון דעם פאַרצייטיקן אכזריותדיקן דעראָבערער...

אָבער ביז אַהער האָבן מיר פון זיינע רייד קיין סורפּריז ניט געקראָגן. דאָס האָבן מיר דערוואַרט און דאָס האָבן מיר באַקומען. דאָס אומדערוואַרטע איז געקומען ווי אַ קלימאַקס נאָענט צום סוף פון זיין „פאַרטראַג". זיינע עפּיטעטן, וואָס ער האָט געברויכט פאַר די צוויי גדולים פון אַנאַרכיזם, דעם טיטאַן־בונטאַר מ. באַקונין און דעם בנעימותדיקן געלערנטן פּ. קראָפּאָטקין, האָבן זיך איינגעשניטן ביי מיר אין זכרון; זיי האָבן געהאַט דעם עפעקט פון אַן אריינברען מיט אַן אָנגעגליטן אייזן. ער איז, צום סוף, צוגעקומען צו דער טעמע „עכטער אַנאַרכיזם ווערסוס דעם געפעלשטן און פאַרוואָסערטן". און ער האָט אויסגעשריען: „עטאָט נעגאָדאַי, באַקונין! עטאָט מערזאַוויץ קראָפּאָטקין!" (אָט־דער טויגעניכטס באַקונין! אָט־דער שטיק שמוץ קראָפּאָטקין!).

מיר האָבן אים אויסגעהערט. קיינער האָט אים ניט איבערגעהאַקט. קיינער האָט אים ניט געשטערט, הגם די ווערטער־זידלערייען האָבן אַ ברי גערטאָן אַמפּיינלעכסטן די אויערן פון די צוהערערס. מיין רעאַקציע האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ צוק מיט די אַקסלען. באַרמאַש איז געבליבן זיצן ווי פאַרגליווערט.

איך דערצייל דעם טשיקאַוון עפּיזאָד בכדי צו ווייזן, צו וואָס פאַר אַ מדרגה פון האַס צו דער אינטעליגענץ בלייכמאַן איז דערגאַנגען און וואָס פאַר אַ מאָס טאָלעראַנץ מיר האָבן אַנגעווענדט צו אים.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע און לעצטע מאָל, וואָס איך האָב אים געזען און געהערט. איך געדענק זיין פּנים. עס איז געווען ווי פאַרשטיינערט; תהומטיפע שנאה איז געווען אַריינגעקריצט אין יעדן שטריך פון זיין פּנים. די אויגן האָבן געשאָסן פייַלן, די ליפּן זיינען געווען פאַרביסן, ער האָט זיך געהאַלטן מיט אַן אַרויספאָדער. אויף אונדז אַלעמען האָט ער געקוקט פון אויבן אַראָפּ. ער האָט זיך באַטראַכט פאַר דעם איינציקן עכטן אַנאַרכיסט. מיר זיינען אַלע געווען פאַלסיפיצירערס, פאַרדאַרבערס פון דער אויטענטישער אַנאַרכיסטישער לערע, וואָס לויט זיין איבערצייגונג האָט געפאָדערט די פולשטענדיקע אויסראָטונג פון די פּריצים, בורזשויען, באַאַמטע און אינטעלעקטואַלן.

לא תחיה כל נשמה.

ער איז געשטאָרבן אין זעלביקן יאָר, סוף 1920.

3

די שליטעלעך — סוכאַרעווקע

לענין, וולאַדימיר איליטש אוליאַנאָוו, האָט געהאַלטן אַ רעדע פאַר אַן אַרבעטער־עולם. ער איז געווען אַ קאַפּעטשקע קוסאָקע, ריכטיקער וואָלט זיין, ווען איך זאָג, אַז ער האָט געהאַלטן אין זשמורן מיט אַן אויג. אין די שטריכן פון זיין פּנים איז געווען מער פון אַ שמץ טאָטערישקייט, מאָנגאָלישקייט. מסתמא איז דעם טאַטנס צד געווען פאַרפאַרבט אַביסל מיט טאָטעריש בלוט, אַ ירושה פון די צייטן, ווען די מאָנגאָלן זיינען אַריינגעדרונגען אין ראַסייע און אונטעראָכט דאָס רוסישע פאָלק (1242) און געמישט די ראַסן־יוצרות, ווי דער שטייגער איז פון אַריינדרינגערס און דעראָבערערס.

לענין האָט גערעדט פאַר דעם ניט צו גרויסן אַרבעטער־פּובליקום אין אַ זייער איינפאַכער שפּראַך, פול מיט פאָלקסטימלעכע אידיאָמאַטישע אויסדרוקן. ער האָט דערצו נאָך געהאַט אַ שטאַרקן חוש פאַר הומאָר.

ווען לענין האָט גערעדט, איז ער אַרומגעגאַנגען אַהין־אַהער איבער דער טריבונע. ער איז ניט איינגעשטאַנען אויף איין אָרט.

איר האָט מסתמא געזען אַ מתנגד שטיין שמונה־עשרה. ער איז צוגעגאַגלט צום באָדן ביז צו אומבאַוועגלעכקייט, אויסער די פאַר בייגונגען און בייגונגען, וואָס ער דאַרף מאַכן על־פּי־דין. אָט־אַזוי פלעגט טראָצקי שטיין בשעתן ריידן. ער איז געווען שטייף, אַנגעצויגן, ער האָט זיך געהיט ער זאָל חס־ושלום ניט זשעסטיקולירן. ער האָט זיך מסתמא געשראָקן אַרויסצואווייזן דעם יידן, וואָס אין אים, און אַ ייד מוז דאָך ריידן מיט די הענט און מיט די פינגער.

לעניין, שפּאַצירנדיק איבער דער טריבונע, האָט דערמאָנט אַ לייב, שפּרייזנדיק אַראָפּ און אַרויף אין אַ שטייג. ער האָט ניט געפאָכעט מיט די אָרעמס, נאָר געהויבן איין האַנט נאָך דער אַנדערער. איינע אַרויסגענומען פון דער הויזנקעשענע און זי אויפגעהויבן אינדערהויך איבערן קאָפּ און די צווייטע געהאַט טיף פאַרשטעקט אין דער הויזנקעשענע און אַזוי כסדר האָט ער זיי געהאַלטן אין בייטן.

דער הויפּטגעדאַנק, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט אין זיין רעדע איז געווען:

— איר פאַרלאַנגט פון אונדז מיר זאָלן ניט מאַכן קיין טעותן. דעם פאַרלאַנג אייערן קענען מיר ניט נאָכקומען. מיר פירן דורך אַן אונטערנעמונג, וואָס קיינער פאַר אונדז האָט ניט געוואָגט זיך צו נעמען דערפאַר. מיר שאַפן אָפּ איין אָרדענונג און פירן איין אַ נייע, אַן אומאויסגעפּרובירטע, אַן אומפּראַקטיצירטע. קענט איר זיך פאָרשטעלן, אַז אַ שילער אַן אָנפאַנגער זאָל שרייבן דיקטאַנט צום ערשטן מאָל און ניט מאַכן קיין גרייזן! מיר מוזן גרייזן און אויף די גרייזן לערנען מיר זיך.

אויף דעם האָב איך געענטפערט האַלטנדיק זיך ביי דעם זעלבן ביישפּיל.

— יאָ, זיכער, אַ קינד, שרייבנדיק דיקטאַנט, וועט מאַכן גרייזן און מע קען גאָרניט האָבן קעגן אים דערפאַר. אָבער ווי איז דער דין, ווען אין מיטן דיקטאַנט גיט דער שילער אַ כאַפּ דעם העפט און נעמט אים רייסן, פליקן, איין זייטל נאָכן אַנדערן! אַז דער לערער נעמט שרייען: וואָס טוסטו?! ענטפערט ער מיט אַן אומשולדיק שמייכעלע: וואָס פאַרלאַנגט איר פון מיר, איך זאָל שרייבן דיקטאַנט אָן גרייזן?! איך מוז דאָך מאַכן גרייזן וויבאַלד איך בין אַן אָנפאַנגער... יאָ, גרייזן מוז מען מאַכן... אָבער צו וואָס רייסן דעם העפט?

די באָלשעוויקעס האָבן געריסן דיווירטשאַפט אויף שטיקער און, פאַרשטייט זיך, אַז עס זיינען געפאַלן פון איר שטיקער. דער תירוץ איז געווען, אַז זיי מאַכן טעותן און מע מוז זיי פאַרגעבן. מיט אָט דעם פאַרענטפער האָט מען געוואָלט באַרואיקן די נאַאיווע, די ניט סאָפיסטיקירטע אַרבעטער. באמת איז געווען אַ מעטאָד אין דער דאָזיקער „משוגעת" פון רייסן די העפטן פון דער עקאָנאָמיק. די כוונה איז געווען צו רואינירן די ווירטשאַפט אַזוי, אַז דאָס פאָלק זאָל פאַרהונגערט און פאַרחלשט ווערן, די מאַטראָזן זאָלן צעשטויבט ווערן, די אַרבעטער, איבערהויפּט פון פעטראָגראַד און אַ טייל פון מאָסקווע, זאָלן זיך צעלויפן און צעזייט ווערן איבער די דערפער. מיט איין וואָרט, רוסלאַנד זאָל אויסגיין פון אירע עקאָנאָמישע כוחות און דאָס פאָלק זאָל פאַרשוואַכט ווערן, בלייבן ליגן שיער ניט אין אָנמאַכט. ערשט דעמאָלט וועט זיך עס באַרואיקן און זיי, די נייע הערשערס, וועלן אים קענען באַצווינגען, איינשפּאַנען אין זייער רייטוואָגן.

ווען די הויכע אינדוסטריע האָט געהונקען אויף ביידע פיס מחמת דעם בירגער־קריג, וואָס האָט געבושעוועט אין לאַנד, האָבן די באָלשעוויקעס בשעת־מעשה ליקווידירט אַלע אַרטעלן פון די בעלי־מלאכות, פון די „קוסטאַרן", וואָס זיינען געווען אין יענער צייט די איינציקע, וועלכע האָבן גע־

קענט אָנבאַטן די פּראָדוקטן, אין וועלכע די באַפעלקערונג האָט זיך גענייטיקט. אָבער דידאָזיקע אַרטעלן פון האַנטווערקערס זיינען געווען זאַלץ אין די אויגן און פעפער אין דער נאָז פון די באַלשעוויקעס, וואָרעם זיי זיינען געווען אומאָפּהענגיק פון דער רעגירונג. און אַלץ מוז ליגן אונטער איר קנאַפּל. די סאָוויעטנמאַכט האָט באַקעמפט מיט דער שטרענגסטער אַנטשלאָסנקייט און האַרבקייט די קאָאָפּעראַטיוון, האָבן זיי געמעגט זיין בעקער־קאָאָפּעראַטיוון, וואָס האָבן זיך געמיט מיט כל־הכוחות צו לינדערן דעם מאַנגל אין ברויט. די באַלשעוויקעס האָבן געוואוסט איין זאַך: כל־זמן עס שפּרודלט נאָך ענערגיע אין רוסלענדישן אָרגאַניזם, וועלן זיי זייער ממשלה ניט קענען פאַרפעסטיקן. אַזאַ פאָלק פון אויפשטענדלערס, געבוירענע בונטאַרן מיט די טראַדיציעס פון סטענקאַ ראַזין און עמעליאַן פּוגאַטשאָוו, אַזאַ פאָלק, וואָס האָט געגעבן דער וועלט דריי פּראָמינענטע אַנאַרכיסטן ווי באַקונין, קראָפּאָטקין און טאָלסטאָי, אויב מ׳וויל אים אַרויפטאָן אַ נייעם כאָמעט און עס מאַכן גיין אין שפּאַן, מוז מען אים פאַר דעם גוט איינברעכן, דערפירן צו אַ צושטאַנד פון גרויס חולשה אַזוי, אַז עס זאָל קענען קוים זשיפען. און זיי האָבן סיסטעמאַטיש חרוב גע־מאַכט די עקאָנאָמיק פון לאַנד, פאַרשטאָפּט די קוואַלן פון חיונה.

לענין האָט געזאָגט: די מאַכט האָט זיך געוואַלגערט אין גאַס, קיינער האָט זי ניט געוואָלט אויפהייבן, האָט ער זי אויפגעהויבן. אָבער די ווירט־שאַפט האָט זיך שוין גאָרניט געוואַלגערט אין גאַס. האָט מען, כדי זי צו באַהערשן, געדאַרפט פאַר דעם צעברעכן און צעמזיקן, אַזוי אַז זי זאָל זיך מעגן וואַלגערן אין די גאַסן.

דאָס צעשטערן איז די באַלשעוויקעס ניט אָנגעקומען צו שווער. מיט דער דאָזיקער אויפגאַבע האָבן זיי זיך לייכט פאַרהעלטענישמעסיק געספּראַ־וועט. שטעלט זיך פאָר אַ שטאָט ווי מאָסקווע מיט איר קאָלאָסאַלער באַפעל־קערונג און עס איז ניט געווען וואו צו קויפן עסנוואַרג, וואו „איינצוהאַנד־לען" אַ שטיקל ברויט, אַ גלאָז מילך. איר האָט ניט געקענט אַריין אין אַ רעסטאָראַן און אָפּעסן אַ מאָלצייט. אַלץ איז געווען פאַרזיגלט און פאַרריגלט. אָפילו די טיי־הייזער, די באַרימטע מאָסקווער „טשאַינע", האָט מען פאַר־מאַכט, פאַרבאָטן. די קלענסטע קרעמלעך האָט די רעגירונג צוגעמאַכט. דער אויסרייד איז געווען: ספּעקולאַציע איז שטרענג פאַרבאָטן. און ספּעקולירן האָט געמיינט פאַרקויפן אַ בייגל, אַ בולקע, אַ שנירל פון אַ שוך.

חדשים פריער איידער די רעגירונג אָדער די מוניציפּאַליטעט, אָדער די „מאָסקווער קאָמונע" האָט גענומען עפענען אירע שטאָטישע אָדער מלוכה־שע רעסטאָראַנען און קראָמען, האָט מען אַלע עסצימערן, קיכן און געשעפטן צוגעמאַכט.

אין מאָסקווע האָט געגילט אַ ווערטל: קיין אָרנטלעכע מענטשן זיינען מער ניט פאַראַן, וואָרעם זיי זיינען אַלע אויסגעשטאָרבן. עס זיינען געבליבן לעבן די שווינדלערס, די זשוליקעס, די מאַרוויכערס.

מע האָט געמוזט אָנקומען צום שוואַרצן מאַרק. מיר אַלע האָבן געלעבט אַדאַנק סוכאַרעווקע, דעם אומלעגאַלן שוואַרצמאַרק־פּלאַץ. דאָ האָט איר גע־

קענט קויפן אַ לאַבן ראַזעווע ברויט, אַביסל קאַרטאָפל וכדומה קאָנטראַבאַנ־דע. און אַז איר האָט שוין איינגעהאַנדלט באיסור די פאַרבאָטענע סחורה, דאָס ביסל „מחיה" זיך צו דערהאַלטן ביי דער נשמה, איז ווי איז עס געקו־מען אַזש פון סוכאַרעווקע צו אייך אין הויז? די טראַמוואַיען זיינען דאָך ניט געגאַנגען; דינגען אַ פורמאַן, אַן איזוואָזשטשיק, וואָלט באַטרעפן אַ פאַר־מעגן. קיין טראַנספאָרטמיטלען האָבן זיך אין פריוואַטע הענט ניט געפונען. בלויז די קאָמיסאַרן האָבן געהאַט אין וואָס אַרומצופאָרן איבער די גאַסן. איז „ווי קומט די קאַץ איבערן וואַסער"?

נויט ברעכט אייזן. האָט מען זיך געקליגלט. מיר אַלע האָבן זיך איינ־געשאַפט קליינטשיקע שליטעלעך און אויף דידאָזיקע שליטעלעך פלעגן מיר פירן אונדזער איינגעקויפטן פּראָוויאַנט צו זיך אַהיים.

יעדער איינער פון אונדז איז געגאַנגען און געשלעפּט אויף אַ שטריקל הינטער זיך אַ שליטעלע. אַזוי פלעג איך שלעפּן מיינע קניות פון מאַרק, אויפן וועג פלעג איך באַגעגענען זייער אינטערעסאַנטע פערזאָנען, צווישן זיי מיין חבר אַלעקסאַנדער סטרואווע, דעם דיכטער־דעקלאַמאַטאָר, און דעם וועלטבאַרימטן אי. פּ. פּאַוולאָוו.

סוכאַרעווקע איז געווען אַ שוואַרצער מאַרק. זייער אָפט פלעגן דאָרט פאַרקומען איבערפאַלן פון טשעקאַ־אַגענטן, וואָס פלעגן פאַרנעמען די סוחרים מיט זייערע סחורות און זיי אָפּפירן אויף ליוביאַנקע. אָבער איין מינוט נאָך דעם איבערפאַל איז דער מאַרק געווען געפּאַקט מיט מענטשן, קויפערס און פאַרקויפערס. און געקויפט און פאַרקויפט האָט מען דאָרטן אַלץ — פון אַ קנעפּל ביז אַמעריקאַנער דאָלאַרן און גאָלדשטיק־אימפּעריאַלן.

איך האָב איינגעהאַנדלט אַ לאַבן ברויט, וועלכעס איז געווען געמישט מיט קלייען, אַביסל זעגעכץ, אַביסל זאַמד און וועגן שטויב און בלאָטע איז דאָך אָפּגערעדט. דאָס ברויט איז דאָך געלעגן אויפן שניי צוגעדעקט מיט אַ זעקל. דאָס ברויט האָט דער פויער געדאַרפט אַריינשמוגלען אין שטאָט ווי קאָנטראַבאַנדע דורך אַ גרענעץ. די זעקטרעגערס, ד.ה. די, וואָס האָבן אַריינ־געפירט ברויט אין זעקלעך און דערהאַלטן מאָסקווע ביים לעבן, ווייל אָן זיי וואָלט אַ היפּשער טייל פון דער באַפעלקערונג בוכשטעבלעך אויסגע־שטאָרבן, זיי, אַז מע האָט זיי געכאַפּט אין די באַנען, אויף די וועגן, וואו טראָצקי האָט אַוועקגעשטעלט „פאַרצוימענדיקע מיליציע" אָדער מיליטער־אָפּטיילונגען", אָט־די „מיעשאָטשניקעס" האָט מען אָן צערעמאָניעס דער־שאָסן, לויט דעם דעקרעט, וואָס טראָצקי האָט אַרויסגעגעבן.

אויף סוכאַרעווקע פלעגט מען אויך פאַרקויפן מילך. דאָרפסמיידלעך אָדער באַבעס פלעגן ברענגען מילך אין קאַנען. די מילך איז געווען אַ צעמיש פון מילך און פאַרקאַלכטן וואַסער. די פויערטעס האָבן זיך געקליגלט צו פאַר־קויפן מער מילך, ווי די אייטערס פון זייערע פאַרמאָגערטע קי האָבן געקענט געבן. האָבן זיי „געכעמיקעוועט"; כדי צו פאַרווירן דעם קויפער, פלעגן זיי אין דעם געמיש אַריינטריפן צעשמאָלצענע פוטער און אַזוי שאַפן דעם אויסזען

פון ראַיעלער פעטער מילך. מיט דעם געטראַנק האָבן מוטערס געשפּייזט זייערע קינדער אין דער מעטראָפּאָליע.

די נאָכפראַגע איז געווען מאַקסימאַל, דער אָנבאָט מינימאַל. איז וואָס איז דער וואונדער, וואָס דער פאַרקויפער האָט זיך דערלויבט צו פאַלסיפי־צירן די אָנגעבאָטענע פּראָדוקטן?

איינמאָל, שלעפנדיק מיין שליטעלע פון אָכאָטנע באַרג אַרויף צו טווער־סקאַיאַ גאַס, זע איך אַ רעדל מענער און פרויען. און איידער איך באַוויז צו פרעגן, וואָס ס'איז געשען, לאָזן זיך הערן אויסרופן: „קינדער אין גיהנום" (וו פעקליע). איך קום צו נעענטער, ערשט צוויי קינדער פון אַ יאָר זיבן און אַכט ליגן איינגעקאָרטשעטע אויף דעם וואַרעמען אַש אין אַן אויוועלע אונ־טער אַן אַספאַלט־קעסל. דאָ האָבן זיי עס גענעכטיקט און זיך געראַטעוועט פון פאַרפראָרן צו ווערן. דאָס זיינען געווען יתומים פון דער מחנה היימלאָזע, וואָס זיינען אָנגעקומען פון די אויף טויט פאַרהונגערטע געגנטן, וואָס אַרום דער וואָלגע; זיי זיינען געבליבן אַליין, אָן עלטערן און אָן קרובים; זייערע גאַנצע משפחות זיינען פאַרשניטן געוואָרן פון הונגער.

4

די וואַלן אין מאָסקווער סאָוויעט

די „מאָסקווער פעדעראַציע פון אַנאַרכיסטישע גרופּן", ווי דערקלערט אין ערשטן באַנד „זכרונות און חשבונות (זז. 35־132), איז געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט פון באָיקאָטירן די סאָוויעטן און ממילא אויך די וואַלן. מיר זיינען געווען אויסגעשפּראָכן קעגן קאַרעלינען, וואָס איז אַריין אין „ווציק", אויך שטאַרק קעגן אַלעקסאַנדער גע פאַר דעם זעלביקן פאַרברעך. מיר האָבן זיי באַטראַכט פאַר קאָלאַבאָריסטן, מיטלויפערס. מיר האָבן באַהויפּטעט, אַז מיר שלאָגן דעם זעלביקן שונא, די ווייסע גוואַרדייערס, די קאָנטררעוואָלו־ציע, אָבער מיר מאַרשירן באַזונדער און מיר ווילן ניט האָבן קיין מגע־ומשא עפנטלעך מיט קיין איינעם פון די סאָוויעטישע אַנשטאַלטן, ווייל זיי זיינען מלוכהש־פּאַרטייאישע אינסטיטוציעס.

אונדזער אָפּזאָגן זיך פון האָבן צו טאָן מיט די פּאָליטישע מאַכינאַציעס און מאַנעוורעס האָבן מיר אויסגעדריקט זייער לאַקאָניש, קורץ און שאַרף. אין אונדזער צייטונג „אַנאַרכיע" איז געווען פאַרעפנטלעכט אַן אָפיציעלע באַקאַנטמאַכונג וואָס האָט זיך געלייענט:

„דער ראַט פון דער מאָסקווער פעדעראַציע פון אַנאַרכיסטישע גרופּן לאָזט וויסן דעם פּרעזידיום פון דעם אויסעראָרדנטלעכן קאָנגרעס פון די סאָוויעטן פון די אַרבעטער, זעלנער, פּויערים און קאָזאַקן־דעפּוטאַטן מכוח דעם, אַז זי זאָגט זיך אָפּ פון באַטייליקן זיך אין צענטראַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט אויפן יסוד פון פּרינציפּיעלע איינזעעניש". דאָס איז געווען אין 1918.

אין דער „דעקלאַראַציע", וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן לשם לעגאַ־

ליזאַציע, האָבן מיר געמאַכט אַ טריט פון דערנענטערונג און אַראָפּגענומען דעם באָיקאָט. מיר האָבן דערקלערט, אַז פון היינט אָן גייען מיר זיך באַטיי־ליקן אין די וואַלן פון מאָסקווער סאָוויעט און אויך אין די קאָנגרעסן פון די אַלרוסישע סאָוויעטן.

דריי אַרבעטער־קאָמיטעטן פון דריי פאַבריקן האָבן זיך פּאַראייניקט און אַרויסגעשטעלט מיין קאַנדידאַטור אַלס דעפּוטאַט פון מאָסקווער סאָוויעט. די איניציאַטיוו איז געקומען פון די אַרבעטער. איך האָב וועגן דעם ניט געוואוסט ביז אַ צוויי טעג פאַר די וואַלן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אָפּן אין אַן אַרבע־טער־קלוב פון יענעם ראַיאָן, וואו די פאַבריקן האָבן זיך געפונען.

אין לאַנד און אין שטאָט האָט געהערשט אַ שרעקלעכער כאַאָס. אין די אַפּטייקן איז ניט געווען צו קריגן קיין מעדיקאַמענטן, צי אָן רעצעפּטן, צי מיט רעצעפּטן פון דאָקטוירים. די בעסטע און גרעסטע שפּיטאָלן האָבן אַפילו ניט געהאט קיין יאָד.

ס׳איז מקוים געוואָרן אין מאָסקווע דאָס, וואָס ס׳שטייט אין חומש וועגן מצרים: „אין בית, אשר אין שם מת“ (שמות י״ב, ל), — עס איז ניט געווען קיין הויז, וואו עס איז ניט געווען קיין טויטער, מענטשן זיינען געפאַלן ווי די פליגן פון אַ טיפוס־עפּידעמיע, וואָס האָט געבושעוועט. עס איז ניט געווען ניט קיין וואַסער און ניט קיין פייער, קיין באַהייצונג אין די הייזער, און, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז עס איז געווען אַ גרויסער דוחק אין זייף. דער ווינטער, ווי געוויינטלעך אין מאָסקווע, איז אַ שווערער, און דאָס מאָל איז ער נאָך געווען מער אומרחמנותדיק, ווי ער וואָלט געוואויר זיין פון דעם סאָציאַל־פּאָליטישן קריזיס און וועלן צוגעבן אויך זיין חלק, כדי צו מאַכן די שלעכטע לאַגע נאָך פיל ערגער. כדי צו קריגן אַן עמער וואַסער, פלעגט מען מוזן אָנקומען צו די גנאָדן פון די פּלומפּן, וואָס מאָסקווער איינ־וואוינערס האָבן שוין לאַנג געהאַט פאַרגעסן וועגן זייער עקזיסטענץ, ערגעץ וואו אויף אַ פּלעצל, וואו עטלעכע גאַסן לויפן זיך צוזאַמען. מע האָט גע־דאַרפט אָפּשטיין שעהן און וואַרטן אויף דער ריי, דערנאָך פּאָמפּען דאָס וואַ־סער אין אַן עמער, מער ווי איין עמער האָט מען ניט דערלויבט אָנצופּאָמ־פּען. דערנאָך אַרויפשלעפּן דעם עמער וואַסער אויפן דריטן, פערטן שטאָק. אַזוי אַז וועגן וואַשן זיך, באָדן זיך — איז ניט געווען וואָס צו ריידן. אַזאַ לוקסוס! ווער האָט זיך עס געקענט דערלויבן! די קערפּערס אומגעוואַשן. די מגפה צעהוליעט, דער מלאך־המות גייט איבער די גאַסן ווי איבער אַ לאָנקע מיט אַ קאָסע און קאָסעט לעבנס, ווי מענטשן וואָלטן געווען גראָז און מ׳קען פון זיי מאַכן היי. וועגן אַדעקוואַטער מעדיצינישער הילף איז אָפּגערעדט. די שפּיטאָלן זיינען איבערגעפּאַקט און נעמען מער קיין פּאַציענטן ניט אָן. ניטאָ קיין פּלעצער. עס האַנדלט זיך ניט וועגן בעטלעך; מע האָט די חולאים געלייגט אויפן דיל אונטערגעבעט מיט אַביסל שטרוי. אָבער אויך אויף די דילן איז שוין קיין וואַקאַנטער פּלאַץ ניט געווען.

עס איז ניט געווען קיין קוילן, ממילא האָט מען ניט געקענט האַלטן וואַרעם די הייזער, וואָס האָבן געהאט „צענטראַלע באַהייצונג“. איז וואָס

האָבן מיר פאַרט געטאָן? אויף אַלץ געפינט מען אַן ענטפער: מע האָט זיך אַן עצה געגעבן. מע האָט געלאָזט מאַכן איוווּעלעך פון בלעך. זיי האָבן געהאַט די פיגור פון דאקסע־הינט, מ׳פלעגט זיי איינהייצן מיט פּאַפּיר, מיט שפּענד־לעך; אויב דער מזל האָט צוגעשפּילט האָט מען דאָס ערגעץ איינגעקויפט ביי אַ „ספּעקוליאַנט" אויפן שוואַרצן מאַרק, אָדער מע האָט געבראָכן דאָס מעבל פון הויז און געשפּאָלטן אויף שפּענדלעך. דאָס איוווּעלע פלעגט זייער שנעל ווערן אָנגעגליט, רויט. און אין צימער, מער ווי איין צימער האָט קיי־נער ניט געהאַט, איז געוואָרן אויגנבליקלעך הייס, ניט צו דערליידן, צוליב דעם שאַרפן איבערגאַנג פון קעלט צו היץ. אָבער דער רויך, מחמת וואו פּייער, דאָרט איז רויך, האָט ניט געהאַט קיין אַרויסגאַנג. האָט מען געעפנט אַ לופטשיק אים אַרויסצולאָזן, פלעגט טאַקע דער רויך אַרויסגיין, אָבער דערווייל פלעגט אַריינקומען די קעלט. האָט דאָך ווידער ניט געטויגט. האָט מען זיך געקליגט „מעכאַניש" און מען האָט אויפן איוווּעלע אַרויפגעטאָן אַזעלכע בלעכענע רערן און זיי צוגעפירט צום לופטשיק אין פענצטער אַזוי אַז דעם רויך האָט מען אָפּגעלייט און קאַלטע לופט איז אַריין אין אַ מיני־מאַלער מאָס. פלעגן אָבער אַט־די טשיקאַווע הארובעס זיך אָנגעמען מיט סאַ־זשע און פּייכטער לופט פון דרויסן און זיי פלעגן טריפן מיט שוואַרצן טוי אָדער שפּריי און אין די צימערן האָט זיך געטאָן חושך, דער שמוץ איז גע־ווען אומצובאַשרייבן. אויסערדעם פלעגט אין אַ מינוט שפּעטער, נאָכן האָבן אָנגעהייצט דעם צימער ווי אַ באָד, קאַלט ווערן, כאָטש טרייב בערן. אַט־אַזוי האָט מען זיך געוואָרפן פון די טראָפּישע לענדער גלייך אין פאַרפראָ־רענעם סיביר...

קאָמעניעוו האָט געהאַלטן אין איין צוזאָגן, אַז אין נאָך אַ פּאָר טעג וועט די באַפעלקערונג פון מאָסקווע באַזאָרגט ווערן מיט גענוג ברויט, קאַר־טאָפל און פלייש. אָבער ביים צוזאָגן איז געבליבן.

עסן איז ניט געווען וואָס. די „מאָסקווער קאָמונע", אויף פּראָסט לשון, די מוניציפּאַליטעט, האָט געטיילט „וואָבלע" (טאַראַקאַנעס), אַזאַ מין פאַר־דאַרטער און פאַרקוואַרטער הערינג, וואָס מ׳האָט אין מויל ניט געקענט נע־מען, און פאַרפראָרענע עפּל. די אַרבעטער האָבן זיך געוויצלט: מיר לעבן אין דעם אמתן גן־עדן, מיר עסן עפּל און גייען אַרום נאַקעט. עס איז פּשוט ניט געווען וואָס אָנצוטאָן; אַלע האָבן געטראָגן זייערע אַלטע שמאַטעס נאָך פון פאַר־דער־מלחמה.

די לאַגע איז געווען אַזאַ, אַז עס איז געווען ממש מעשה נסים, וואָס ניט אַלע, — וועגן די קאָמיסאַרן, וואָס זיינען געווען באַזאָרגט, רעדט מען ניט — זיינען קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. איבערהויפּט איז דער מצב געווען שווידערלעך אויפן געביט פון סאַניטאַציע.

אַז די דריי ווערקשטאַט־קאָמיטעטן, וואָס זיינען באַשטאַנען פון פּראָ־לעטאַריערס, מעטאַל־אַרבעטער, האָבן אַרויסגעשטעלט מיין קאַנדידאַטור, איז ווער איז „געלאָפן" קעגן מיר, ד.ה. וועמען האָבן די באָלשעוויקעס אַרויסגע־שטעלט ווי מיין קאָנקורענט? ניט קיין קלענערע פיגור ווי דר. סעמאַשקאָ,

דער פאָלקסקאָמיסאַר פון געזונטהייט און היגיענע. און אין אַזאַ שרעקלעכער צייט איז אים געלעגן אין זינען צו פאַרהיטן דעם פּאָליטישן געזונט־צושטאַנד פון מאָסקווער סאָוויעט, וועלכן איך האָב געשטעלט אין געפאַר אין פאַל איך קום אַהין אַריין. און ער האָט זיך געזאָרגט וועגן דעם מער ווי וועגן דעם פיזיאָלאָגישן געזונט־צושטאַנד פון דער באַפעלקערונג. פּאָליטיק איבער אַלץ!

אין יענער צייט זיינען אַלעקסאַנדער בערקמאַן און עמאַ גאָלדמאַן געווען אין מאָסקווע.

רוף איך זיך אָפּ צו עמאַן און בערקמאַנען, ווען איך האָב זיי באַזוכט אין זייער האָטעל־צימער:

— די באָלשעוויקעס זאָגן דאָך אייך און פאַרזיכערן אַלעמען, אַז די אַר־בעטערס, אַלע ווי איין מענטש, זיינען פאַר זיי. קעגנערס האָבן זיי בלויז צווישן דער בורזשואַזיע און די קליינבירגערס. איז אויב איר ווילט זיך דער־קונדיקן אויף וויפל דאָס איז אמת, איז פּאַרט מיט מיר היינט אָוונט צו אַ וואַלפאַרזאַמלונג; איך בין אַ קאַנדידאַט אין מאָסקווער סאָוויעט, און סע־מאַשקאָ איז מיין קאָנקורענט, וועט איר זען, פאַר וועמען די אַרבעטער וועלן שטימען.

כך הווה. זיי זיינען געקומען און זיך אָוועקגעזעצט אויבן אויף דער גאַ־לעריע, זיך פאַרשטעקט אין אַ ווינקל.

סעמאַשקאָ האָט גערעדט דער ערשטער. איך האָב גערעדט דער צוויי־טער. אַלץ, וואָס איך האָב געזאָגט, געדענק איך ניט. איך האָב שטאַרק באַ־טאָנט די פאָדערונג פון אָפּגעבן צוריק די פאַבריקן צו די אַרבעטער, וואָס האָבן זיי פאַרנומען פון די קאַפּיטאַליסטן. און דאָ זיינען מיר נאַטירלעך גע־קומען צו דעם פּונקט, וואָס די באָלשעוויקעס שטעלן אַרויס, אַז די אַרבעטער זיינען דערצו נאָך ניט "דערוואַקסן". זיי וועלן ניט קאָנען אָנגיין מיט דער אַר־בעט אָוועקצושטעלן די אינדוסטריע אויף איר געהעריקער הויך.

איך האָב אַנטוויקלט דעם געדאַנק וועגן דער מאָס פון דערוואַקסנקייט פון די האָרעפּאַשנע מאַסן אין רוסלאַנד, ווי זי איז באַשטימט געוואָרן פון פאַרשיידענע פּערזאָנען, פאַרטרעטנדיק פאַרשיידענע ריכטונגען, גייענדיק פון עקסטרעם רעכטס צו עקסטרעם לינקס.

דער צאַר איז געווען זיכער אַז די פאָלקסמאַסן זיינען דערוואַקסן בלויז צו אַ זעלבסטהערשנדיקער מאָנאַרכיע. קיין איין טראָט ניט ווייטער. אין זיין נאַאיווקייט און איינגעגלייבטקייט אין דער ריכטיקייט פון זיין אָפּשאַץ האָט ער באַהויפּט גאַנץ ערנסט, אַז דאָס פאָלק, די פּויערים־מאַסן און די אַרבע־טער, האָבן אים ליב; והראיה, זיי רופן אים מיטן לאַשטשענדיקן נאָמען „צאַר פאָטערל" (צאַר באַטיושקאַ).

אַלעקסאַנדער גוטשקאָוו (1861־1936), דער געוועזענער קריגסמיניס־טער אין פירשט לוואָווס קאַבינעט, דער פירער פון די אָקטאַבריסטן, אַ מאָנאַרכיסטישע פּאַרטיי, וואָס איז באַשטאַנען פון גוטבאַזיצער און הויך־קאַ־פּיטאַל־מאַגנאַטן, האָט געגלייבט באמונה שלמה, אַז דאָס פאָלק איז דער־

וואַקסן צו אַ „פּאַראַנטוואָרטלעכער רעגירונג“, ד. ה. צו אַ זעלבסטהערשונג מיט לייכטע באַגרענעצונגען אין דער פאָרם פון אַ „דומע“.

פּ. מיליוקאָוו (1943־1859), דער פירער און טעאָרעטיקער פון די קאַ־דעטן, האָט געגלייבט באמונה שלמה אַן צולאָזן אַ שאָטן פון צווייפל, אַז דאָס רוסישע פאָלק איז דערוואַקסן צו האָבן ניט מער ווי אַ „פּאַרלאַמענטאַ־רישע מאָנאַרכיע“ נוסח ענגלאַנד; דער קיניג קיניגט, אָבער ער רעגירט ניט.

וויקטאָר מ. טשערנאָוו, דער פירער און גרויסער טעאָרעטיקער פון די רעכטע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, דער געוועזענער פּאַרזיצער פון דער „קאָנסטיטואירנדיקער פאַרזאַמלונג“, זי זאָל האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן, איז געווען זיכער, אַז די רוסישע אַרבעטער זיינען שוין דערוואַקסן צו אַ ליבע־ראַלער רעפּובליק.

לענין דענקט, אַז איר זייט דערוואַקסן צו אַ „דיקטאַטור פון קאָמיסאַרן“; אַז זיי דאַרפן פאַר אייך אַלץ טאָן; אַז איר אַליין מיט די אייגענע כוחות קענט זיך מיט דער ווירטשאַפט ניט ספּראַווען.

ווען האָט זיך דער צאַר, ניקאָלאַי דער צווייטער, דערוואוסט אַז ער האָט זיך טועה געווען אין דעם אָפּמעסט פון דעם פאָלקס דערוואַקסנקייט? — ווען ער האָט זיך געפונען אין טאָבאָלסק, וואוהין מע האָט אים פאַרשיקט.

[לויט לעניס באַפעל האָט מען הינגעריכט אים און זי און זייערע קינ־דער, דעם זון און די טאָכטער, אין יעקאַטערינענבורג דעם 16טן יולי 1918.]

פאַרשיקט לעניגען אין טאָבאָלסק, וועט ער וויסן, צו וואָס איר זייט דערוואַקסן. מיט אַנדערע ווערטער: מיר וויסן ניט, צו וואָס איר זייט דער־וואַקסן. איר דאַרפט באַווייזן אייער דערוואַקסנקייט און אַנטוויקלונג מיט אַקטן, מיט זעלבסטשטענדיקער אַקטיוויטעט, מיט צוריקבאַקומען פון די קאָ־מיסאַרן די פאַבריקן, צוריקקריגן די הייזער, אין וועלכע איר וואוינט, און זיי אַליין פאַרוואַלטן, — דעמאָלט וועט איר ווייזן, אַז איר קענט אַליין באַשטיין אייער שטעטל און איר נייטיקט זיך ניט אין די אַפּעקונעס אָדער אַמען, וואָס ווילן אייך דווקא נאָך אַלץ געבן זייגן. אַז מ׳לערנט זיך אויס צו שטיין און גיין אויף די אייגענע פיס, דאַרף מען ניט האָבן קיין ניאַנעס, וואָס זאָלן אייך ניאַנטשען און אַרומטראָגן אויף די הענט.

אַז איך האָב געענדיקט, האָט סעמאַשקאָ זיך אויפגעהויבן און אָנגעפאַנ־גען מיר ענטפערן. ער איז געווען אויסער זיך: ס׳טייטש, ווי אַזוי האָב איך עס געזאָגט, אַז מע זאָל לעניגען שיקן אַהין, וואוהין מע האָט אָפּגעשיקט דעם צאַר! ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט שאַרפע אויסדרוקן קעגן מיר.

דער עולם האָט גענומען טומלען. ער האָט אים ניט געוואָלט לאָזן ריידן. אַז ער האָט געזען, אַז ער האַלט שמאָל, האָט ער צו אים אַפּעלירט אין נאָ־מען פון פרייהייט פון וואָרט. ער האָט זיך ביי אים געבעטן, מע זאָל אים לאָזן ריידן.

איך האָב געבעטן דאָס וואָרט. איך האָב קודם כל באַרואיקט דעם עולם. איך האָב אים אויך דערקלערט, אַז טאָוואַרישטש סעמאַשקאָ, דער פאַרשטייער פון דער אויבערמאַכט אין רוסלאַנד, אַ מיטגליד פון סאָוונאַרקאָם, דער

פאָלקס־קאָמיסאַר, פאַרשטייט ניט ריכטיק דעם פּשט פון „פרייהייט פון וואָרט". דאָס באַטייט אַזוי, אַז די ר ע ג י ר ו נ ג האָט ניט קיין רעכט צו פאַרווערן אַ רעדנער צו זאָגן, וואָס ער טראַכט, אַז דאָס איז ריכטיק. אויב דאָס פּובליקום וויל אים אויסהערן; דאָס מיינט אָבער באַין אופן ניט, אַז מע האָט אַ רעכט אַ פּובליקום פון צוהערערס צו צווינגען אויסהערן אַ רעדנער, וועמען ער וויל ניט הערן. אויב עס עקזיסטירט פרייהייט פון וואָרט, עקזיסטירט אויך צו דער אייגענער צייט פרייהייט צו הערן דאָס וואָרט אָדער ניט צו הערן; אָט־די פרייהייט געניסט דער עולם. אָבער דאָך, כאָטש סעמאַשקאָ איז ניט גערעכט און דער עולם האָט אַ ר ע כ ט אים ניט צו לאָזן ריידן, מיינט עס אָבער ניט, אַז דער עולם דאַרף דווקא געברויכן דאָס רעכט. אדרבה, זאָל ער ריידן און זאָגן וואָס ער וויל. איך וועל אים קיין ענטפער ניט בלייבן שולדיק.

איך האָב קוים מיט צרות געפּועלט ביי די אַרבעטער זיי זאָלן סעמאַשקאָן אויסהערן.

ער האָט גערעדט. מע האָט אים מער ניט פאַרשריען. אָבער אַזוי ווי ער האָט געכאַפּט אַ פּסק, האָט ער זיך איצט קאָנטראָלירט, זיך מער ניט געוואָרפן מיט זלזולים און דראָאונגען אויפן חשבון פון די אַנוועזנדיקע.

איך האָב אים געענטפערט און ווידער דערקלערט מיין אויפפאַס פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע ווי אַן אַרבעטער־רעוואָלוציע און אויב אַזוי דאַרפן די אַרבעטער דירעקט איבערנעמען די פאַבריקן און זיי פאַרוואַלטן און ניט צולאָזן די קאָמיסאַרן זיך אַריינצומישן אין די אַרבעטאַרישע אַנגעלעגנהייטן. די קאָמיסאַרן שאַפן אַ נייעם הערשנדיקן קלאַס, אַ קלאַס, וואָס וויל פאַרנעמען די פּאָזיציעס פון דער באַזייטיקטער בורזשואַזיע.

און אָט איז שוין געקומען צום שטימען. אַלע הענט האָבן זיך אויפגעהייבן פאַר מיר. פאַר סעמאַשקאָן — דריי. דער פאַרזיצער, אַ באָלשעוויק, איינער פון די דריי, וואָס האָבן געשטימט פאַר סעמאַשקאָן, געברויכט אַ פאָרטל. ער זאָגט: עס איז צו טומלדיק; מע קען ניט ציילן ריכטיק די אויפגעהויבענע הענט. איז וואָס זאָל מען טאָן? ער האָט אַ פאַרשלאָג:

— אַלע די, וואָס זיינען פאַר טאָוואַרישטש גאָרדין, זאָלן אַוועק צו דער רעכטער זייט פון זאַל; אַלע, וואָס זיינען פאַר סעמאַשקאָן — צו דער לינקער.

דער גאַנצער עולם איז אַוועק צו רעכטס; צו לינקס זיינען אַוועק צוויי, צוויי טשעקיסטן, וואָס זיינען געקומען מיט סעמאַשקאָן אים אָפּצוהיטן. זיי האָבן אויף דער פאַבריק קיינמאָל ניט געאַרבעט און זיי האָבן קיין שום רעכט ניט געהאַט צו שטימען.

סעמאַשקאָ זעט די טרויעריקע רעזולטאַטן און ער שרייט און קאָכט זיך:

— מיר וועלן אים אין סאָוויעט ניט אַריינלאָזן.

דער עולם פייפט אים דעמאָנסטראַטיוו אויס. עס הערן זיך אויסגעשרייען:

— מיר קענען אויסקלייבן וועמען מיר ווילן; קיינער קען אויף אונדז קיין קאַנדידאַט, וועמען מיר ווילן ניט, ניט אַרויפצווינגען.

דער מיטינג איז געשלאָסן. דער קאָמיטעט האָט אויסגעשטעלט די נייע־טיקע פּאַפּירן, האָט אָנגעגעבן, אַז איך בין אויסגעקליבן געוואָרן איינשטימיק און האָט זיי מיר איבערגעגעבן. מיר האָבן זיך צעזעגנט מיט האַרציקע האַנט־דריקערייען.

מיר, איך, עמאַ גאָלדמאַן און אַלעקסאַנדער בערקמאַן, פאָרן צוריק און שמועסן צווישן זיך. עמאַ צערעדט זיך און חזרט־איבער די טעזיס וועגן דעצענטראַליזאַציע ווערסוס צענטראַליזאַציע, וואָס די קאָמוניסטן האָבן איינגעפירט, און זי אונטערפירט שיער ניט די גאַנצע צייט אין מאָנאָפּאָליזירט דעם גאַנצן שמועס. בערקמאַן האָקט זי איבער מיט כעס:

— הער זיך בעסער צו, וואָס ער האָט צו זאָגן וועגן דעם, וואָס דאָ אין לאַנד קומט פאָר.

אויף מאָרגן בין איך אַוועק אין דער וואָל־קאָמיסיע פון מאָסקווער סאָוויעט. דאָרטן האָב איך געפונען ראַגאָזין און אַנדערע שטאָטישע טוערס. אַז איך האָב דערלאַנגט מיינע פּאַפּירן און געבעטן, מע זאָל מיר געבן מיין קאַרטל ווי אַ מיטגליד פון סאָוויעט, האָט מיר ראַגאָזו אָפּגעענטפערט:

— מיר וועלן עס אייך ניט געבן, — האָט ער אַ ברום געטאָן מיט צאָרן.

— וואָס מיינט איר „ניט געבן"? איך בין איינשטימיק אויסדערוויילט געוואָרן פון דריי מעטאַל־זאַוואָדן.

— איז וואָס? מיר רעכענען זיך ניט מיט קיין שום פאָרמאַליטעטן.

איך בין אַוועק. איך האָב פאַר דעם געוואוסט, אַז די „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט" איז אַ קאַמופלאַזש צו פאַרבלענדן די אויגן פון די אומשולדיקע; אַז באמת עקזיסטירט די דיקטאַטור פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און אַז אין דער פּאַרטיי געהערט די דיקטאַטור צום צענטראַל־קאָמיטעט, צום צעקאַ; צום צעקאַ קומט צו די טשעקאַ, און אַט־די צוויי רעגירן רוסלאַנד.

5

פּאָליטישער באַנדיטיזם...

איך און בערקמאַן זיינען אַוועק צוצוקוקן זיך צום יום־טוב פון אינטערנאַציאָנאַל. עמאַ האָט זיך ניט געפילט ווי אַמבעסטן, האָט זי ניט געוואָלט גיין און איך האָב געניצט איר אריינגאַנג־קאַרטע. דאָס איז געווען די פייערונג פון ערשטן יאָר עקזיסטענץ פון „דריטן אינטערנאַציאָנאַל".

אַרומגייענדיק איבערן זאַל, גיב איך אַ זאָג אין אַ שפּאַס צו בערקמאַנען:

— אַך, ווען מיר זיינען יינגער! מיט איין באָמבע האָט מען דאָ געקענט אָפּראַמען אַ היפּשע צאָל טיראַנען און טיראַנעלעך. דאָ וועלן היינט זיין די פּני פון „באָלשעוויזיע".

ווי איך האָב עס אַרויסגערעדט, און גערעדט האָב איך ניט גאַנץ שטיל, ווייל איך האָב דאָך די רייד אַרויסגעבראַכט גלאַט אַזוי זיך ווי אַ שפּאַס, וואָס האָט צו דער ערנסטער ווירקלעכקייט גאָר קיין שייכות ניט געהאַט — אַזוי האָבן זיך אַרום אונדז געגומען דרייען טשעקיסטן. זיי האָבן זיך גע־דרייט אַהער און אַהין, אַרויף און אַראָפּ. זיי האָבן גענומען דעם קאַטאָוועס אַ האַר ערנסט. איך האָב זיכער קיין בייז ניט געמיינט; איך בין געווען אויס־געשפּראָכן קעגן ביידע עקסטרעמען, — קעגן קאָלאַבאָראַציע מיט דער קאָ־מוניסטישער דיקטאַטור און קעגן אונטערערדישער אַרבעט, קעגן באַקעמפן זי מיט געווער אין די הענט. איך בין געשטאַנען שטאָל און אייזן פאַר לע־גאַלער פּאָליטישער אויפקלערונגס־אַרבעט און קריטיק. אויב די מעגלעכקייט וועט זיך אַרויסווייזן צו זיין אילוזאָריש, דעמאָלט דאַרף מען פאַרלאָזן דאָס לאַנד, עמיגרירן, אָבער ניט בלייבן און זיך פאַרנעמען מיט טעראָריסטישע אַקטן. בערקמאַן איז געקומען קיין רוסלאַנד ווי אַן אַרויסגעשיקטער פון די פאַראייניקטע שטאַטן און ער האָט זיך באַטראַכט ווי אַ באַזוכער און אַ באַ־אָבאַכטער. פון טעראָריסטישע גדאַנקען איז ער געווען אַזוי ווייט ווי איך.

גר. זינאָוויעוו (1883־1936), וועלכער איז געווען דער פאָרזיצער פון „דריטן אינטערנאַציאָנאַל", איז געווען דער הויפּטרעדנער.

אויסגעזען האָט ער — אַ שרעק צו קוקן. ער איז אַזוי צעוואקסן גע־וואָרן אין דער ברייט און גרעב, פאַרגאָסן געוואָרן מיט פעטס, זיך אָנגע־אַרבעט אַ בויך פון אַ שוואַנגערנדיקער פרוי אין די לעצטע חדשים. די נאָז איז אים ממש געלעגן אויפן בויך. אין אַזאַ קורצער צייט, — ווען האָט ער באַוויזן אַזוי מאוימדיק זיך אָנצושטאָפּן! און ער געפינט זיך דאָך אין פּע־טראָגראַד, אין דער פאַרהונגערטסטער שטאָט אין גאַנצן לאַנד! אַהין איז געווען זייער שווער צוצופירן שפייז. עס ליגט אַזוי ווייט פון אַלע ווייצ־שייערן, וואָס ראַסייע פאַרמאָגט, און אַ גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג איז זיך פּשוט צעלאָפן וואו די אויגן קוקן. אין פּעטראָגראַד זיינען געשטאַ־נען גאַנצע בלאָקן הייזער מיט די רייכסטע מעבל — און געפּוסטעוועט; די איינוואוינערס האָבן ניט געוואָלט אויסגיין פון הונגער. מעבל, רייכטום, צי־רונג, קליידער קען מען ניט עסן. דער מאָגן האָט געמאָנט און מע האָט אים געמוזט מודה זיין כאָטשבי במקצת. איז מען געלאָפן און זיך געראַטעוועט, ווער אין אויסלאַנד, ווער אין די דערפער, ווער אין אַנדערע געגנטן, אין שטעט און שטעטלעך.

גריגאָרי זינאָוויעוו, וועמען דער ברייטער עולם האָט גערופן „גרישקאַ וואָר" (גרישקאַ גנב), דברט.

אין וואָס באַשטייט זיין הויפּט־טעזיס?

זייער טשיקאַווע. ער אַנטוויקלט דעם אַנאַרכיסטישן עקסטרעמען גע־דאַנק, אַז יעדע רעגירונג, יעדע פאָרם פון מאַכט האַלט זיך, אין תוך גענו־מען, אויף געוואַלדטאַט. אָבער אנשטאָט צו ציען פון דער הנחה די אַנאַר־כיסטישע מסקנה, אַז לכן דאַרף מען אָפּשאַפן די רעגירונגען, באַזייטיקן יעדע פאָרם פון מאַכט־אויסאיבונג איבער די בירגער, קומט ער צו דיאַמעטראַל־

קעגנגעזעצטן שלום. ער בייגט דעם דישל פון טעזיס אויף קאַפּויר און ער־פירט אויס מיט טריאומף אין זיין קוויטשעדיק־גרילצנדיקן קול, אַז דערי־בער געברויכן זיי געוואַלדטאַט און שאַפן אַזוי אַרום אַ שטאַרקע גבורהדיקע מאַכט. דאָס אייגענע האָט ער באַהויפּט וועגן געזעץ, וועגן געריכט. זיי זיינען אַלע אינסטרומענטן פון קלאַסן־אונטערדריקונג. דעריבער נוצן זיי זיי אין אַט־דעם גייסט. זיי טוען עס אָפּן און זאָגן עס אָפּן אַרויס. צו וואָס די פייגן־בלעטלעך!

איך בין אַוועק פון זאַל אין מיין צימער און אַנגעשריבן דעם עסיי „פּאָליטישער באַנדיטיזם“, וואָס מיר גיבן דאָ.

פּאָליטישער באַנדיטיזם

„עקסטרעם־עטישע השגות, ראַדיקאַל־מאָראַלע פּאָדערונגען, זיינען אַ ברכה, אָבער בלויז אין זייער תחום. ווען זיי ווערן אויפגענומען פון די פּאָ־ליטישע באַוועגונגען און איבערגעפלאַנצט אויף אַ נייעם באָדן, — ווערן זיי אַ קללה.

פאַרוואָס? מחמת דעם, וואָס די פּאָליטישע באַוועגונגען ג ע ב ר ו י כ ן ניט די עטישע קאָנצעפּציעס, נאָר מ י ס ב ר ו י כ ן זיי. און אַט־דער מ י ס־ב ר ו י ך פאַרוואַנדלט זיי אין זייער אייגענער פאַרלייקענונג, פאַרניינונג און אָפּפרעג. די דאָזיקע מעטאַמאָרפאָזע קומט פאָר דורך אַ „דיאַלעקטישן פּראָצעס“, וועלכער אָפּערירט דאָ אויף אַ טשיקאַוון אופן.

לאָמיר נעמען, אַלס ביישפּיל, די צוויי דערהויבענע מאָראַלע פאָרמו־לעס: „אייגנטום איז גנבה“, „מאַכט איז געוואַלדטאַט“. „אייגנטום איז גנבה“... אַט־דער שפּרוך, ווען ער ווערט אָנגעווענדט און באַהאַנדלט ריין־עטיש, וואָלט פירן צום אָפּוואַרף פון דער אינסטיטוציע פון פּריוואַט־אייגנ־טום, צום אָפּשאַף פון אינדיווידועלן גוט־באַזיץ, וועלכער איז אומפּאַסיק פאַר דער ראַפינירטער מאָראַלישער פּערזענלעכקייט.

דער אייגענער זאַץ, ווען ער ווערט אָנגעווענדט פּ אָ ל י ט י ש, וואָלט מיינען דעם סאַמע היפּוך פון זיין עטישן אינהאַלט. מיט פּשוטע ווערטער: דער שפּרוך וואָלט באמת פּריידיקן אָפּענע גנבה, וועלכע וועט אומבאַדינגט ברענגען מיט זיך דאָס רעכט אויף פּריוואַט־אייגנטום. ווייל וואָס איז אַזוינס, נאָך אַלעמען, פּריוואַטער גוט־באַזיץ, אויב ניט איינע פון די פאָרמען פון רויב, אַן אויסדרוק פון גנבה־גזלה, וועלכע ווערט פּראַקטיצירט אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב?

„אייגנטום איז גנבה“, ווען מ׳לייענט עס גלייך, אין אַ מוסרדיקער שטי־מונג און צדקותדיקער אינטאָנירונג, איז עס עקסטרעמע עטיק. אָבער ווען מ׳לייענט עס אויף צוריק, וואויליונגעריש, מיינט עס, אַז „גנבה איז אייגנ־טום“, און דאָס איז טאַקע די פּ אָ ל י ט י ש ע ווערסיע פון דעם זעלביקן שפּרוך; און עס באַדייט דעמאָלט, אנשטאָט אַ פאַרדאַמונג פון אייגנטום, אַ רעכטפאַרטיקונג פון גנבה.

אָט־די אויף־צוריק־לייענעכץ מוז ניט געטאָן ווערן פיזיקאַליש, בפועל

ממש מיטן מויל, אויפן קול. מען קען עס טאָן שטילערהייט, אָדער גאָר במחשבה.

די פאָרמולע פאַרמאָגט אַ טאָפּלטן פּשט: איין מיין נעגירט אייגנטום דערפאַר, וואָס ער איז ניט פריי פון דעם פּסול פון גנבה, — דער צווייטער מיין אַקצעפּטירט גנבה דערפאַר, ווייל, נאָך אַ גרינטלעכן, דורכנעמענדיקן אַנאַליז, אַנטהאַלט זי די עלעמענטן פון אייגנטום. אויף אַזאַ שטייגער באַ־געגענען זיך צוויי עקסטרעמען, צדקות מיט רשעות. דער ב אַ נ ד י ט און דער ע ט י ש ע ר קאָמוניסט ווענדןביידע אָן די זעלביקע פאָרמולע. און ווען מיר הערן די פאָרמולע מפורש אַרויסגערעדט און פּראָקלאַמירט, בלייבן מיר שטיין אין אַ פאַרלעגנהייט: מיר ווייסן ניט ווער ס׳איז דער דעקלאַ־ראַנט, צי ער איז אַן ע ט י ש ע ר אייגנטום־קעגנער אָדער איבערגעקערט — אַ ב אַ נ ד י ט י ש ע ר אייגנטום־אַנהענגער.

„דערהרגענען אַ לעבעדיקע באַשעפעניש איז אַן אַקט פון מאָרד״ וואָלט, אויף דעם זעלביקן אופן, צולאָזן צוויי אינטערפּרעטאַציעס. איינע וואָלט גורס־זיין די פאַרדאַמונג פון זאָאָפאַגיע (בעלי־חיים־עסונג), די צווייטע וואָלט מיינען אַ רעקאָמענדירונג פון אַנטראָפּאָפאַגיע (מענטשן־פרעסעריי). דער זאָג וואָלט קענען דינען אַלס אַ באַגעגעניש־פּונקט פאַרביידן, אי דעם וועגעטאַ־ריאַנער, אי דעם קאַניבאַל. „קוילען אַן עוף איז גלייך ווי קוילען אַ מענטשן״ קען מיינען די פאָדערונג זיך אָפּצוזאָגן פון הרגענען יעדע לעבעדיקע באַשע־פעניש, ווייל זי איז דאָך אַ „שטיקל מענטש״, און קען אויך מיינען די אַנ־דערקענונג פון מענטשן־מאָרד אַלס איינע פון די וואַריאַיטעטן פון לעבנס־פאַרניכטונג, וועלכע ווערן פּראַקטיצירט אין אונדזער געזעלשאַפט. דאָס וואָלט מיינען געבן אַ הכשר אויף הרגענען מענטשן, ווייל זיי זיינען דאָך בלויז עופות, וועלכע גייען אַרום אויף צוויי פיס...

און דאָ, אין אָט־דער פאַרווירעניש און צונויפפאַל פון די גרענעץ־לי־ניעס, ליגט דער הונט באַגראָבן. דאָ געפינט זיך דער ביטערער וואָרצל, פון וועלכן עס וואַקסט אַרויס פאַרפּירעריי, אָפּנאַרעריי. אַלע עטישע הויכקליג־גענדיקע לאָזונגען זיינען קלינגלעך מיט צוויי שאַרפן...

דאָס אייגענע איז ריכטיק בנוגע דער צווייטער פאָרמולע „מאַכט איז געוואַלדטאַט״, אָדער „רעכט איז מאַכט״. די דאָזיקע סענטענצן זיינען ע ט י ש, ווען מ׳לייענט זיי פון רעכטס אויף לינקס. זיי ווערן פּ אָ ל י ט י ש ווען מ׳לייענט זיי, אין געדאַנק, פון ל י נ ק ס אויף ר ע כ ט ס. דער ער־שטער נוסח איז אַ נעגאַציע פון אויטאָריטעט. מעג זיך מ אַ כ ט זיין אַזוי מילד, אַזוי איידל, אַזוי ווייניק אינטרוסיוו ווי מ׳קען זיך עס נאָר פאָרשטעלן, מעג זי זיין אַרומגעצוימט מיט פילע גאַראַנטיעס — מוז זי פאַרמשפּט און אָפּגעשאַפט ווערן דערפאַר וואָס, אין תוך גענומען, מוז זי אַלע מאָל זיין און בלייבן צוואַנג, פויסט, געוואַלדטאַט, ביד־חזקה. און הויכע מאָראַליטעט מוז זי פאַרדאַמען. ווייל מאָראַל איז באַזירט אויף איבערצייגונג, אויף פרייוויליי־קייט, אויפן הקול קול יעקב, ניט הידים ידי עשו, אויפן וואָרט, ניט אויפן שטעקן און שטראָף.

דער צווייטער נוסח פון דער אייגענער פאָרמולע, וועלכע בלייבט בוכ־שטעבלעך ניט געענדערט אויף איין האָר, וואָלט שוין האָבן אַ פּ אָ ל י־ט י ש ן מיין און כוונה. און דורך אָט־דעם מיין וואָלט די פאָרמולע ג ע־ש ל יי ע ר ט ווערן אַזוי, אַז זי וואָלט, ווי־פון־זיך־זיך־אַליין, אַריבערגיין אין איר קעגנזאַץ. עס וואָלט הייסן דעמאָלט, אַז „צוואַנג איז מאַכט", און דאָס וואָלט זיין אַ גלאָריפיקאַציע פון געוואַלדטאַט, פון ברוטאַלן, אַפּענעם דעס־פּאָטיזם, אַ רעכטפאַרטיקונג פון טיראַניי, כל־זמן עס טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּל פון מאַכט, פון אויטאָריטעט. הגם דער טיראַן איז אַן אוזורפּאַטאָר, אַ מאַכט־פאַרכאַפּער, און זיין רעזשים איז עטאַבלירט דורך מעשים־תעתועים, דורך הריגות, רציחות, טעראָר, פאַרראַט, שפּיאָנעריי, אָבער וויבאַלד ער „טראָגט דעם ספּאָדעק" פון מאַכט, בלייבט ער גערעכט. ווייל מאַכט, נאָך אַלעמען, איז דאָך צוואַנג און קען אַנדערש ניט זיין אונטער קיין שום אומ־שטענדן.

און, טיפער פאַרשטאַנען, איז דאָ אַלע מאָל אַ חשד, אַז די עטישע פאָר־דאָמונג פון מאַכט, וואָס דער שפּרוך אַנטהאַלט, איז בלויז אַ פאַרשטעלטע צוגרייטונג פון באָדן, אַן אַנגעגרייטע אַפּאָלאָגיע, אַ פאָרענטפער, מיט וואָס די אָנקומענדיקע א ו ז ו ר פּ אַ צ י ע און ב אַ נ ד י ט י ז ם פאַרזאָרגן זיך למפרע. אויף אַזאַ קלוגן אופן, דורך דער כיטרער מאַנעוורע, שלאָגן זיי אָפּ אין־פאָרויס די צוקונפטיקע אויסזעצונגען, וועלכע וועלן געמאַכט ווערן קעגן דעם בלוט־ברוטאַלן רעזשים. „מאַכט איז צוואַנג" מיינט דאָ: עס איז ניטאָ וואָס אויפגערעגט צו ווערן, עס איז ניטאָ וואָס אויפצוהייבן אַ „ויצעקו" קעגן דעם רשעות־רעזשים, ווייל, מ׳ווייסט דאָך, אַז מאַכט מוז תמיד זיין צוואַנג און ניט עפּעס בעסערס. און צי די נעגל פון דער חיה־רעה, פון דורס, זייבען מאַניקורט לויט אַ כאַרטע פון פרייהייטן, צי ניט, וואָס איז די נפקא מינה, אַ חיה, אַ פאַרצוקער מוז דאָך בלייבן וואָס ער איז.

היוצא, אַז דער מאָראַלער שפּרוך אַליין געפינט זיך אין סכנה פון ווערן איבערגעדרייט. און אָט־די איבערדרייעניש קומט פאָר אויף אַ נאַטירלעכן אופן און עס זעט אויס אַזוי אומשולדיק — אַז עס איז ניטאָ כמעט דער פונקט און מאָמענט, אויף וועלכן מ׳קען אָנווייזן אַלס די יעניקע, וואו אָט די איבערקרימעניש פאַסירט. דאָס אַלץ איז בלויז אַ פּועל־יוצא פון דעם, וואָס „קוואַנטיטעט" גייט אַריבער אין נידעריקער „קוואַליטעט". די איבער־קערעניש איז אַ רעזולטאַט פון דעם אויפוואוקס פון דער צאָל נאָכפאָלגער פון דער דערהויבענער לערע, וועלכע ליגט פאַרוויקלט אין דעם שאָלעכץ פון דער פאָרמולע. מיט פראָסטע ווערטער, די פאַרזעעניש איז חס־ושלום ניט קיין דורכפאַל פון דער דאָקטרינע, נאָר, פאַרקערט, אַ דערפאָלג.

כל־זמן אַ קליינע צאָל מענטשן אָנדערקענען די לערע, ווערט זי, נאַטיר־לעך, געהאַלטן אין די ד׳ אמות פון מאָראַל, פון זעלבסט־פאַרפולקומענונג. און אויף דער שטופע פון אַנטוויקלונג ווערט די לערע בלויז ג ע ב ר ו י כ ט. אָבער ווי נאָר די ווייניקע חסידים פאַרשפּרייטן זייערע איבערצייגונגען און קריגן טאָקע אַריין די שווערע טויזנטער, און די וו יי נ י ק ע ווערן פ י ל ע,

דעמאָלט פּאַסירט עפּעס אַזוינס, וואָס עס מוז פּאַסירן. די פאָרמולע גייט אַריבער די פאַרבאָטענע ליניע, וועלכע טיילט אָפּ אינדיווידועלן עטישן אויפ־פיר פון פּאָליטישער מאַסן־הנהגה. און אויף דער דאָזיקער שטופע פון אַנט־וויקלונג ווערט שוין די פאָרמולע ניט גע ברויכט, נאָר מיס־ברויכט.

די מאָראַלישע הויך, אויף וועלכער עס זײַנען געשטאַנען די עטלעכע אויסנאַם־פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן געשאַפן אַט־דעם עטישן שפּרונג, וואָס איז געווען אַן אויסדרוק פון זייער פייַנפילנדיקן געוויסן, איז צו הויך אַן אַלטיטוד פאַר דעם פּשוטן בשר־ודם, פאַר דעם מאַסן־גאַסן־מענטשן מיט זײַן נידעריקן ניוואָ פון מאָראַלער קולטור. און דער עטישער שפּרונג ווערט פאַרשטאַנען און אויפגענומען פון די פּילע בלויז אין זײַן צווייטן אויס־טײַטש, אין זײַן איבערגעקערטן נוסח. דאָס הייסט, ער ווערט פון אַן עטי־שער ליזונג אַ פּאָליטישער לאָזונג. או דאָ ווערט ער גלייך פאַרוואַנדלט אין זײַן קעגנזאַץ. ראַדיקאַל־עטישע לערן, ווען זיי ווערן אוטיליזירט פאַר פּאָליטישע צוועקן, שאַפן זיי אַ סובטילע פאָרם פון היפּאָ־קריסטטווע. אַט־דער סאָרט צבועיאַטסטווע איז ניט ווי דער געוויינלעכער מין, וועלכער באַנוגנט זיך מיט פריידיקן איין זאַך און טאָן עפּעס אַנדערש. דאָ ווערט געפּריידיקט און געטאָן איין און די זעלביקע זאַך, נאָר דאָס פריידיקן אַליין ווערט מגולגל אין עפּעס אַזוינס, וואָס איז דער סאַמע היפּוך פון דער ערשטער כוונה.

„רעכט איז מאַכט, מאַכט איז צוואַנג" — מיינט עטיש פונאַנדער־שיפרירט אַ פאָדערונג אָפּצושאַפן אַלע יורידישע נאָרמען און געזעצן און אײַנפירן אויף זייער פּלאַץ אַ דראַנג נאָך גערעכטיקייט, וועלכע טראָגט זיך אין די בלויע הימלען פון יושר און צדק העט־ווייט־הויך איבער די וואָלקנס און געוויטערס פון יוריספּרודענץ מיט אירע כמאַרעס פון סטראַשונקעס און שטראָפן.

דער זעלביקער זאַץ פּאָליטיש אויסגעטייטשט, מיינט צו לאָזן הערן, אַז עס לוינט זיך ניט „צו צערעמאָניען", נאָר מ'דאַרף אָנווענדן גע־וואַלדטאַטן, „שניידן ווי אין קרויט", האַקן קעפּ, שיסן וואו און ווען מ'קען נאָר טרעפן, טעראָריזירן די באַפעלקערונג, זײַן פרעך, אומפאַרשעמט, זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּשטעלן, ווייל עס וועט סאַנקציאָנירט ווערן און אידעב־טיפיצירט ווערן מיט רעכט. וואָרעם וואָס איז אַזוינס רעכט? עס איז דאָך בלויז מאַכט, און מאַכט איז געוואַלדטאַט.

איבערזאָגנדיק עס מיט פּשוטע זאַצן:

דער עטיקער טענהט, אַז „רעכט איז מאַכט", דערפאַר דאַרפן יו־רידישע נאָרמען אָפּגעשאַפט ווערן.

דער פּאָליטיקער זאָגט דאָס אייגענע, „רעכט איז מאַכט" און ער מיינט דערביי, אַז מ'דאַרף אָנווענדן וואָס מער מאַכט און בדיעבד וועט עס זײַן רעכט.

דער עטיקער טענהט, אַז מאַכט איז צוואַנג, דערפאַר דאַרף מען אָפּשאַפן מאַכט.

דער פּ אָ ל י ט י ק ע ר זאָגט דאָס אייגענע, אַז מאַכט איז צוואַנג און ער מיינט דערביי, אַז מ'דאַרף געברויכן צ ו אַ נ ג און דאָס וועט זיין מ אַ כ ט.

מיט אָט־דער צווייזייטיקייט פון די עקסטרעמע עטישע פאָרמולעס דערקלערט זיך די דעמאָראַליזאַציע, וועלכע עס באַקומט זיך, ווען כלומרשט־ר אַ ד י ק אַ ל ע ע ט י ק ע ר ווערן ר אַ ד י ק אַ ל ע פּ אָ ל י ט י ק ע ר. אַנשטאָט מ אָ ר אַ ל י ס ט ן אַרודעוווען באמת ב אַ נ ד י ט ן. ע ט י ש ע ר ר אַ ד י ק אַ ל י ז ם גייט זייער גרינג אַריבער אין פּ אָ ל י ט י ש ן ב אַ נ־ד י ט י ז ם... און דאָס האָט אייגנטלעך פּאַסירט אין ראַטנפאַרבאַנד".

6

קלאַסן און טיפּן

30טער מערץ 1920. מיר זיינען זיך צענויפגעקומען אויף דער קוואַרטיר פון „פאַרבאַנד פון מאָסקווער אַנאַרכיסטן". איך האָב געהאַלטן אַ לעקציע, אין וועלכער איך האָב אַנטוויקלט מיין שטאַנדפּונקט וועגן „קלאַסן און טיפּן".

איך וועל עס איבערגעבן אין אַ קאָנדענסירטער פאָרם.

מיר פירן דאָ אַריין אַ נייעם טערמין און דאָס איז „טיפּ". וואָס איז אַ „טיפּ"? וואָס איז דער אונטערשייד, וואָס ליגט צווישן אַ „קלאַס" און אַ „טיפּ"?

איך וועל אָנהייבן מיט דער באַשרייבונג און כאַראַקטעריזירונג פון „שטאַנד"; פון אים וועלן מיר איבערגיין צום „קלאַס" און צום „טיפּ".

אַ שטאַנד — אַלץ איז אין דער פאַרגאַנגענהייט. אין דער לאַנגער פּיל־רינגלדיקער קייט פון די אָבות, אין דעם אַקט פון באַלאַנגען צו אַ קאָרפּאָ־ראַציע פון איידלטום. דאָס אַריינגיין און אַרויסגיין, אַריינטרעטן און אַרויס־טרעטן פון „שטאַנד" איז ניט קיין ענין פאַר דעם פּערזענלעכן אָנשטרענג און באַמי. אַ שטאַנד האַלט אַן אָפּגעצייכנטע פּאָזיציע. ער פאַרנעמט אַ ספּע־ציעלן פּלאַץ אין דער געמיינשאַפט. דער מעמד איז פאַרזיכערט און פאַר־טיפיצירט דורך לעגאַליסטישע פּריווילעגיעס. די זכיות זיינען ניט געגעבן געוואָרן צו קיין אינדיווידועלע פּערזאָנען, צו קיין יחידים פון דעם העכערן שיכט. אָט־די פּריווילעגיעס באַלאַנגען צו דער געגעבענער קאָרפּאָראַציע, צו דער טאָטאַליטעט פון אירע מיטגלידער, ווען זיי ווערן גענומען צוזאַמען אַלס אַ גאַנצע קערפּערשאַפט. דער איינצלנער מיטגליד נוצט, געברויכט די גע־געבענע פּריווילעגיעס. ער איז אָבער ניט זייער אייגנטימער. ער האָט ניט קיין רעכט זיי צו „פאַרפרעמדן", זיי אַוועקשענקען, אַוועקגעבן אומזיסט אָדער פאַרקויפן, איבערגעבן פאַר אַ באַשטימטער קאָמפּענסאַציע. דער טיטל, דער גערב, באַלאַנגט צו דער קערפּערשאַפט. ספּעציעלע רעכט און באַזונדערע זכיות ג ע נ י ס ט דער מיטגליד פון דער איידלטום־קאָרפּאָראַציע. אָבער די דאָזיקע רעכט און פּרעראָגאַטיוון זיינען ניט זיינע אין זינען פון אייגנ־

טום. די זכיות באַלאַנגען צו דעם שטאַנד אַלס אַ גאַנצן. איידלטימלעכקייט איז ניט קיין פּריוואַטע אָנגעלעגנהייט. דעריבער קען מען ניט איבערגעבן קיין טיטולן דורך אַן אָפּמאַך אָדער דורך אַ שטר־מכירה; דער איבערגעב ווערט רעגולירט דורך דעם געזעץ און מנהג און ניט דורך דעם ווילן פון אָפּשטאַרבנדיקן איינצלנעם מיטגליד. דער טראַנספערענץ־אַקט איז דאָ, אין דער ראַטאַציע פון די דורות, קוים שייך. וואָס מיר זעען איז אָט־דאָס: אַ באַשטימטע סומע פון זכיות בייט אירע אוזופרוקטאַרן, אירע „גענוסערס“. די כאַרטיעס, די זכיות־כתבים, געהערן אונטער דעם פעאָדאַלן רעזשים צו דער קאָרפּאָראַציע. דער סימן מובהק פון פעאָדאַליזם איז די אָפּוועזנהייט פון פּריוואַטן אייגנטום־רעכט אויף לאַנד; אַלץ קאָנצענטרירט זיך אַרום „פּרייהאַלטעריי“, „אינהאָבעריי“.

דער שטאַנד, דער איידלטום, קען מען זאָגן, ווייסט קוים פון אַזאַ זאַך ווי באַקומען ירושה; איבערגעבן אַ הערצאָגטום איז ניט פאַרערבלעך, מחמת ער איז איינס. ער איז שטאַנדהאַפטיק, איינסיק, כמעט אומצעטיילבאַר, אומ־אויפהערלעך. ער האָט בלויז זיינע האַלטערס, זיינע טרעגערס. אַזוי אַרום איז ניט דער טיטל אַ הוספה, אַ צוגאָב צו דעם מענטשן, נייערט, פאַרקערט, די איינצלנע פּערזאָן, דער מיטגליד פון דער געגעבענער קאָרפּאָראַציע, איז בלויז אַ צולייג, אַ צוטשעפּ צו דעם טיטל.

דער קאַפּיטאַליסטן־קלאַס. דאָ באַגעגענען מיר זיך מיט אינגאַנצן פאַרשיידענע פאַרהעלטענישן, וואָס וועבן זיך צווישן דער טאָטאַ־ליטעט און דעם איינצלנעם. אונטער דעם פעאָדאַליזם איז דער שטאַנד גע־ווען די קאָנקרעטע רעאַליטעט; דער יחיד, דער איינצלנער, איז געווען, איז אַ געוויסן פּרט, בלויז אַן אַבסטראַקציע, אַ טראַנזיטאַרישער, פאַרבייגייענ־דיקער, פאַראיבערגייענדיקער געברויכער פון די קאָרפּאָראַציאָנעלע גיטער. אונטער קאַפּיטאַליזם איז פּונקט פאַרקערט. דער קלאַס אַלס אַזעלכעס פאַר־מאָגט קוים אַן אייגענע עקזיסטענץ. מיר זעען דאָ אַ צאָל יחידים, וואָס באַ־זיצן זייערע רעכט און טוען מיט זייער רייכטום, וואָס זיי ווילן נאָר אַליין.

אונטער דעם אַזויגערופענעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם זיינען די פאַר־לאַנגען און די קאַפּריזן פון די אינדיווידן אַ געזעץ פאַר זיי און זייערע נחלאות; די נכסים, גיטער, זיינען ז יי ע ר ע כמעט אין פולן פּשט פון וואָרט. זיי זיינען א יי ג נ ט י מ ע ר. און באמת פאָדערט זיך אַ היפּש ביסל ספּעקו־לאַטיווע באַמיאונג, בכדי צו אַנטדעקן די עקזיסטענץ פון אַן איינהייט, פון אַ קלאַסן־אַגרעגאַט אין אָט־די אינדיווידן, סעפּאַראַטע, צעזייטע און צע־שפּרייטע איבער אַלע שבעה ימים פון פּראָדוקציע און האַנדל, וואָס האָבן ניט צווישן זיך קיין שום אַלגעמיינקייט, וועלכע זיינען אַפילו ניט אָראַנ־זשירט לויט אַ שטרענגן יעראַרכיע־פּלאַן און וועלכע זיינען אומאָפּהענגיק איינער פון אַנדערן אין זייערע האַנדלונגען, אונטערהאַנדלונגען און טראַנז־אַקציעס.

אַ קלאַס איז אַ צאָל אינדיווידן, אַן אָרדן, וואָס האָט אַריינגעטאָן אַלע זיינע זכיות אין איינצלנע פּערזאָנען, אין אינדיווידועלע באַזיצטימער. דעם

טיטל „קאַפּיטאַליסט“ קען יעדער רייכער מאַן לייכט אָװעקװאַרפן, אָדער דורך דעם, װאָס ער פירט שלעכט זיינע געשעפטן, אָדער דורך דעם, װאָס ער פירט זיך אויף שלעכט, דורך ליידיקגייעריי און הולטייעריי. ער איז אַלע מאָל ביכולת צו פאַרלירן זיין מעמד, זיין „ערן־טיטל“ אַלס מיטגליד פון אַ העכערן קלאַס. אַ לאָרד קען עס ניט באַװייזן אָן אַן אַקט פון פּאַרלאַמענט. דער איידלטום אַלס אַן איינהייט, אָדער דער קיניג אַלס זיין אויבערפּאַר־שטייער, מוז פון אים צונעמען זיין טיטל. װי איינער קען ניט פאַרלאָזן זיין ראַסע, אַראָפּװאַרפן זיין הויט, זיך שיידן מיט זיין אָפּשטאַם, פונקט אַזוי, מיסן אויסנאַם פון פאַלן פון „בלוט־קאָרופּציע“, קען ער ניט פּטור װערן פון זיין איידלגעבוירנקייט. ער קען ניט אָפּגטן זיין אייגענעם שטאַנד, מחמת דער שטאַנד אַלס אַזעלכער איז אַ קאָנקרעטע גאַנצקייט, בשעת דער אינ־דיװיד איז בלויז אַן עפּעמערע „פּיקציע“, װעלכע איז היינט דאַ און מאָרגן ניטאָ. אין אַ קלאַס איז פונקט פאַרקערט. ער, דער יחיד, איז דער „יש“, בשעת זיין קלאַס איז כמעט ניט מער װי אַ װיסנשאַפטלעך־פּאָליטישע „פיק־ציע“. אַלץ װענדט זיך אין אים, אין זיין װילן, זיינע טאַוגנען, זיין אויפפיר, און זייער װינציק, אויב בכלל עפּעס, אין דער סאָציאַלער קערפּערשאַפט, װאָס הייסט קלאַס.

איצט װעלן מיר װידער פרעגן, װאָס איז אַזוינס אַ „טיפּ“?

דער „טיפּ“ האָט זיך געשיידט מיט דער השגה פון געבורט. ער האָט קיין שייכות ניט צו אָפּשטאַם. זיינע פּרעראָגאַטיװן, זיינע פּריװילעגיעס טראָגט ער מיט זיך. זיינע „גיטער“ זיינען ניט אָביעקטאָפּיצירט. זיי זיינען ניט דעפּערסאָנאַליזירט. זיי זיינען ניט אָפּגעשיידט פון אים.

בכדי צו באַשרייבן װי געהעריק די פּאָזיציע און כאַראַקער פון אַ סאָ־ציאָלאָגישער איינהייט דאַרפן מיר זי באַטראַכטן פון צװיי פונקטן: 1. די פאַרהעלטענישן, װאָס עקזיסטירן צװישן די מיטגלידער פון דער געגעבענער פאָרמאַציע גענומען אין איין איינצייטיקער פלאַך; 2. די פאַרהעלטענישן, װאָס װערן געשפּונען צװישן די דורות, די פאָרויסגייערס און נאָכגייערס. מיט אַנדערע װערטער, די קאָנטאַקטן װאָס װערן עטאַבלירט צװישן די גע־נעראַציעס. דער מאָדוס פון די דאָזיקע צװייפאַכיקע רעלאַציעס װעט װאַרפן ליכט אויף דעם עצם מהות פון דעם געגעבענעם אָרגאַנאַט.

איצט, װען מיר אונטערזוכן דעם „טיפּ“ פון אָט־דעם װינקל, באַאָבאַכטן מיר צוערשט, אַז ער איז געבויט יעראַרכיש. ער װייזט אַרויס אַ פונקציאָני־רונג, צו אַ געװיסער מאָס, פון אַ סאָציאַלן מעכאַניזם, װעלכער אָפּערירט אויף דעם יסוד פון אַרבעט־צעטיילונג, װאָס װערט אָנגעװענדט צו זיינע קאָנסטיטואירנדיקע טיילן. ער פאַרטראָגט ניט קיין שום אומאָרדענונג, װאָס װערט פאַראורזאַכט פון פּאַראַלעליזם אָדער דופּליקאַציע. בקיצור, ער דער־לויבט ניט קיין קאָנקורענץ אין זיינע אייגענע רייען.

װאו געפינען מיר אָט־דעם „טיפּ“ אַלס אַ הערשנדיקע גרופּע? דערװייל בלויז אין רוסלאַנד. באַלשעװיזם, סאָציאַלאָגיש אויפגעפאַסט, איז די אידעאָ־לאָגיע און באַװעגונג פון דעם אויפקומענדיקן „טיפּ“.

דער טערמין „קלאַס“, אין ענגן פשט פון וואָרט, וואָלט זיך ניט איינגאַנצן פּאַסן אַלס אַ באַצייכענונג פון דעם נייעם מין הערשערס, וואָס זייַנען אויפגעקומען אין דעם גן־עדן פון די סאָוויעטן. בלויז אומאָפּהענגיקע איינסן זייַנען קאַפּאַבל צו קאָנקורירן, ריוואַליזירן איינער מיט דעם אַנדערן. די „טיפּן“־פאָרמאַציע איז שטייף צענויפגעקנאָטן, סיסטעמאַטיש צענויפגעבונדן. די עלעמענטן, וואָס גייען אַריין אין אָט־דעם קערפּערשאַפט־געבוי זייַנען שטרענג דיסציפּלינירט, אַרבעטן לויט אַן אין פאָרויס דורכגעטראַכטן פּלאַן. אַ „טיפּ“ איז, אַזוי צו זאָגן, „אָרגאַניש“ געבויט. דאָס מיינט צו באַהויפּטן, אַז דער „טיפּ“ פירט איין און האַלט אָן אַ שטרענג מעטאָדישע קאָאָרדינאַציע צווישן זייַנע מיטגלידער, וואָס זייַנען אויסגעשטעלט אין רוים, אין קאָעקזיסטענץ, אין מיט־פונקציאָנירונג. אָבער די פאַרבינדונג, וואָס גיט זיך אָפּ מיטן נאָכפאָלג פון די דורות, איז אינגאַנצן אָפּוועזנדיק, אויף וויפל עס איז שייך דעם יחיד. קיין שום באַוואָרעניש איז ניט געמאַכט פאַר דעם המשך איבער די ביאָלאָגישע ליניעס פון אָפּשטאַם. דער זון, אין פאַל ער באַלאַנגט צו דעם זעלביקן „טיפּ“ ווי זיין פאָטער, דאַרף רעאַליזירן זיין אַפּיליאַציע ניט אַלס רעזולטאַט פון בלוט־פאַרוואַנדשאַפט, נייערט אויף דעם סמך פון פערזענלעכע פאַרדינסטן. ער וועט דאַרפן עטאַבלירן זיין ראַנג אין דעם „טיפּ“ לויט זייַנע קוואַליפיקאַציעס. אויב זיין פאָטער העלפט אים ניט צו, אָדער דער „אַלטער“ איז שוין אויפן עולם־האמת.

דער אינדיווידועלער מיטגליד פון דעם „טיפּ“ אַלס אַזעלכער, ריידנדיק סאָציאָלאָגיש, פּאָליטיש־עקאָנאָמיש, האָט ניט קיין נאָכקומענשאַפט. קרובה־שאַפט האָט גאָרניט צו טאָן מיטן „טיפּ“. בשעת דער קלאַס, אין די גבולים פון דער פאַמיליע, איז געקייטלט דורך ירושה־רינגלעך, דורך דער „שלשלת־היוחסין“, אין דעם עקאָנאָמישן טייטש פון וואָרט, אַן איבערגעב הין פון עשירות און הן פון דלות.

פון דער צווייטער זייט איז אַ קלאַס אינגאַנצן פריי פון דעם יעראַרכיע־פּרינציפּ. זייַנע יחידים זייַנען ניט אַריינגעמויערט אין אַ גוט־קאָנסטרוקטירטן בנין. אַ קלאַס באַשטייט פון עלעמענטן, וואָס באַקעמפן איינער דעם אַנדערן. וואָס איז שייך די רוים־דימענזיעס פון אַ קלאַס קען מען זאָגן, אַז זיי גלאַנצן מיט זייער ניט־בנמצאדיקייט. אין קאָמפּענסאַציע פאַר אָט־דעם חסרון ווייזט דער קלאַס אַרויס אַ שטאַרקע טענדענץ צו אַ צענויפקלעפּונג אין צייט. אין דעם איבערגאַנג פון דור צו דור פילט מען דעם קלאַפּנדיקן פּולס פון אַ קלאַס. דאָס איז זיין שטאַרקער פּונקט. דער זון גייט אין די פוס־טריט פון זיין טאַטן, וועמענס שפּורן זייַנען קענטיק אויף די גאָלדענע זאמדן פון עקאָנאָמישן וועג.

דער „טיפּ“ איז אַנדערש. דער איינציקער מיטגליד זייַנער איז סיי קאָרפּאָראַציאָנעל און סיי אינדיווידואַליסטיש: סאָציאַל־קאָרפּאָראַציאָנעל בנוגע קאָעקזיסטענץ, אינדיווידואַליסטיש־פּערזענלעך בנוגע נאָכפאָלגערשאַפט. אַ מיטגליד פון אַ קלאַס איז פּ אַ ר ט י ק ו ל אַ ר י ס ט י ש בנוגע זיין קאָעקזיסטענץ, אין דער שייכות צו די איבעריקע מיטגלידער, זייַנע צייט־חברים,

ער איז „פּאַמיליאַריסטיש“ אין באַצוג צו די יעניקע, וואָס פאָלגן אים נאָך ביאָלאָגיש דורך אָפּשטאַם. אַ מיטגליד פון אַ „טיפּ“ איז יעראַר־כיש בנוגע די יעניקע, וואָס עקזיסטירן מיט אים אין זעלביקן צייט־אָפּ־שניט, און ער שטייט אינגאַנצן אַליין, פּאַרטיקולאַריסטיש, אין באַציאונג צו די יעניקע, וואָס וועלן אים נאָכפאָלגן ביאָלאָגיש דורך אָפּשטאַם.

באַמיענדיק זיך צו זיין פּיל־מעגלעך עקזאַקט אין מיינע אויסדרוקן האָב איך ניט געוואָלט געברויכן דעם טערמין „קלאַס“, בכדי צו באַצייכענען מיט אים די נייע אויפקומענדיקע סאָציאַלע פאָרמאַציע, וועלכע לאָזט זיך אַנטאָפּן אין סאָוויעטרוסלאַנד. איך האָב אַריינגעפירט, געווען געצוואונגען עס צו טאָן, אַ נייעם טערמין — „טיפּ“.

אָבער עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז סיי אין טאָגטעגלעכן שמועס און סיי אין אַ וויסנשאַפטלעכער אָפּהאַנדלונג קען מען מיט גרויס באַקוועמ־לעכקייט געברויכן דעם טערמין קלאַס און באַצייכענען מיט אים יעדע סאָ־ציאַלע דיפערענציאַציע. הגם דער נייער טערמין „טיפּ“ גיט אַ מער באַקווע־מע פּינקטלעכקייט אַפילו דעמאָלט, ווען מ׳וואָלט אים נעמען אַלס באַשריי־בער פון דער סאָציאַלער סטראַטיפיקאַציע בכלל. ווייל דער חילוק, וואָס ווערט אויסגעדריקט אין דער פונדאַמענטאַלער פונאַנדערשפּאַלטונג פון דער געזעל־שאַפט און איר צעפאַלן־ווערן אויף צוויי הויפּט־טיפּן, אָרגאַניזירערס און אָרגאַניזירטע, ליגט זייער טיף איינגעגראָבן אין דעם באָדן פון סאָציאָלאָגיע, און מ׳קען אים נאָכשפּירן דורך דער גאַנצער לענג און ברייט פון דער סאָ־ציאַלער סטרוקטור ביז צו די סאַמע אָנפאַנגערישע גראַדאַציעס.

דאָס וואָרט „קלאַס“ האָט צוויי טייטשן, אַן ענגערן און אַ ברייטערן. דער ענגערער טייטש ווייזט אָן אויף דעם אונטערשייד צווישן קלאַס, קאַסטע און שטאַנד. דער ברייטערער טייטש נעמט זיי אַלעמען אַריין און באַצייכנט זיי מיט איין טערמין, איז כולל אַלע צעטיילונגען פון דער געזעלשאַפט אויף העכערע און נידעריקערע שיכטן און פּלאַסטן. אַ קלאַס אין ענגן טייטש פון וואָרט באַצייכנט אַן אָרדן פון אינדיווידן, וואָס פאַרנעמען אַ באַזונדער פּאָ־זיציע אין דער פּראָדוקציע פון סחורות און אין דער דיסטריבוציע פון פּראָ־דוקטן, אַ פּאָזיציע וואָס האַלט זיך אויף פּאַקטישע פּאַרהעלטענישן אָן אונטערשייד פון יורידישע. דער ברייטער טייטש פון דעם וואָרט „קלאַס“ נעמט אַרום יעדע איינטיילונג אין דער געזעלשאַפט, וואָס פירט צו קנאה־שנאה, האַס און צוזאַמענשטויסן, אויף איין זייט, און צו בשותּפותדי־קער מיטאַרבעטונג, קאָלאַבאָראַציע, אויף דער צווייטער זייט.

דאָס אייגענע דאַרף געזאָגט ווערן בנוגע דעם טערמין „טיפּ“. ער האָט צוויי פּשטים, אַן ענגן און אַ ברייטן. דעם ענגן טייטש האָבן מיר אַרויסגע־בראַכט אין אַט־דעם פאַרטראַג, אין ברייטן פּשט באַצייכנט דער „טיפּ“ יעדע יעראַרכיזאַציע, יעדע צעשפּאַלטונג, וואו עס מערקט זיך אין אַ פירער־שאַפט און אַ נאָכפאָלגערשאַפט.

און מ׳מעג געברויכן דעם טערמין „טיפּ“ אין ברייטן מיין פון וואָרט.

נאָך מער וואָס לויט אונדזער פאַרשטייַן נאָך איז דער אָרגאַניזאַטאָרישער פּרינציפּ דער הויפּט־גורם און הויפּט־אויפטוער אין אַלע סאָציאַלע סטראַטי־פיקאַציעס הן אין דער פאַרגאַנגענהייט, הן אין דער קעגנוואַרט און הן, פאַר אַ היפּשן פּעריאָד, אין דער צוקונפט. אַמאָל מאַניפעסטירט ער זיך אָפן, אַמאָל איז ער פאַרהוילן. אָבער ער איז תמיד דאָ און לאָזט זיך פילן אַלס דער ווירקזאַמסטער כוח סיי אין דער סטרוקטור־אויפריכטונג און סיי אין דער פונקציעס־אויספילונג פון דעם סאָציאַלן אָרגאַניזם אָדער מעכאַניזם.

7

אַרעסט

נאָך דער לעקציע זייַנען געווען פראַגן, ווי דער שטייגער איז. נאָכדעם האָבן מיר ערשט געהאַט אַ זיצונג.

בקיצור, איך בין אַרויסגעקומען שפּעט נאָך האַלבער נאַכט. ווי נאָר איך בין אַרויס און זיך געלאָזט גיין אויף טווערסקאַיאַ, ערשט אַ כאַפּטע טשע־קיסטן מיט אַלעקסאַנדערן בראש ריגגלען מיך אַרום.

ער ווענדט זיך צו מיר מיט די פּאָר ווערטער:

— טאָוואַרישטש גאָרדין, איר זייט אַרעסטירט.

— האָט איר אַ צייגעניש פאַר מייַן אַרעסט?

— אַז מע פאַרהאַלט אויף דער גאַס, דאַרף מען ניט קיין צייגעניש. ס'איז מעגלעך, אַז דער אַרעסט איז אַ מיספאַרשטענדעניש. קומט אין טשע־קאַ און דאָרט וועלן מיר זען.

אגב, ליוביאַנקע 13 איז ניט ווייט פון טווערסקאַיאַ 19, וואו איך האָב געהאַלטן די לעקציע. אַזוי אַז מיר האָבן געקענט צוגיין צופוס.

אויפן וועג האָט זיך דער טשעקיסט אַלעקסאַנדער צעשמועסט. איך האָב אים געקענט. ער האָט מיך שוין עטלעכע מאָל געהאַט אַרעסטירט אין זאַ־מאָסקווערעטשיע און אַלע מאָל נאָך אַ פּאַרטראַג אין אַן אַרבעטער־קלוב, און אַלע מאָל האָט ער צו מיר קיין איבעריקע הצלחה ניט געהאַט. יעדעס מאָל האָט מען מיך אויף דער שטעל באַפרייט נאָך אַן אָנפרעג אין טשעקאַ אָדער אין מאָסקווער סאָוויעט. אַלעקסאַנדער איז געווען אַ יונגער טשעקיסט פול מיט אייפער. ער האָט געמוזט זייַן ניט עלטער פון אַ יאָר ניינצן, העכסטנס צוואַנציק. ער האָט גערעדט מיט בראַוואַדע, זיך איבערגענומען מיט זייַן אויפטוערישקייט, מיט דעם, וואָס מע טרויט אים אָן צו כאַפּן היפּשע העכט. ער דערציילט מיט אַ טאָן פון באַרימערייַ:

— איך קלינג אָן. אַ מאַנספאַרשוין עפנט. איך גיי אַרייַן. איך גיב אַ פרעג, צי איך קען זען דעם בירגער וויקטאָר מיכאַילאָוויטש טשערנאָוו. ער ענטפערט מיר זייער העפלעך: „זייט אַזוי גוט און וואַרט צו איין מינוט, ער גייט גלייך אַרייַן; ער איז אַרויס קויפן אַ פּעקל פּאַפּיראָסן". ער איז צוגע־גאַנגען צום קליידער־הענגער, אַראָפּגענומען אַ שיינעם פוטער, אים אָנגעטאָן

און שטייענדיק אין טיר האָט ער מיך נאָכאַמאָל פאַרזיכערט, אַז וויקטאָר מיכאַילאָוויטש קומט שוין אַריין. ער איז אַוועק און איך, נאַר, האָב געוואַרט. און דער מאַנסביל, וואָס האָט גערעדט צו מיר, איז געווען טאַקע טשערנאָוו אַליין. אַז מע האָט מיר באַוויזן שפּעטער אין טשעקאַ זיין פאָטאָגראַפיע, האָב איך אים דערקענט. צווישן מיר און אייך, טאָוואַרישטש גאַרדין, וואָלט אַזאַ זאַך ניט געקענט פּאַסירן. ווייל איך קען אייך פּערזענלעך זייער גוט, פיל מאָל אייך באַגעגנט, פיל מאָל געהערט אייך ריידן.

מיר קומען אַריין אין טשעקאַ. עס איז שוין אַרום צוויי נאָך האַלבער נאַכט. איך בין זייער מיד אי פון דער לעקציע און די פראַגן און ענטפערס, אי פון דער מארודנער פאַרצויגענער זיצונג און באַראַטונג.

מען פירט מיך אַריין אין קאַבינעט פון פרוי ראַסלאַוועץ. זי האָט גע־האַט די אויסצייכענונג צו זיין די ערשטע פרוי ווי אַ קאָמיסאַרן־אויספאָר־שערן אין טשעקאַ. [פיל שפּעטער איז געווען נאָך אייניע, לעבעדעוואַ]. ראַס־לאַוועץ איז געווען אַ טאָכטער פון אַ פּראָפעסאָר פון פּסיכיאַטריע. זי איז געווען אַ גרויסע מרשעת, אַ סאַדיסטן. [ווי לאַנג זי האָט זיך געהאַלטן אין טשעקאַ, ווייס איך ניט. שפּעטער־צו האָט מען פון איר ניט געהערט].

זי איז געווען אַ פרוי אין אָנפאַנג פון די מיטעלע יאָרן. זי איז געזעסן ביים גרויסן שרייבטיש. דער צימער איז געווען אַ היפּשער און אַ גאַנץ באַ־קוועמער. ביי דער זייט איז געשטאַנען אַ סאָפע. דער צימער איז געווען מעבלירט, אַזוי ווי צו וואוינען אין אים און ניט ווי אַ פאַרהער־פּלאַץ.

זי האָט מיר געגעבן אַ וואונק, ריכטיקער: מיט אַ מאַך פון דער האַנט מיר אָנגעוויזן אויף אַ שטול לעבן טיש און שווייגנדיק געבעטן זיך אַנידער־זעצן. איך זעץ זיך צו און וואַרף זשעדנע אויגן אויף דער סאָפע, צו וועלכער מיין מידקייט און די שפּעטע שעה האָבן מיך געצויגן ווי מיט מאַגנעטן.

— ווי איז אייער נאָמען? — פרעגט זי און שטעלט אויף מיר אַן אַ פּאָר אויגן ווי זי וואָלט באמת ניט וויסן, ווער איך בין.

— איר ווייסט גאַנץ גוט מיין נאָמען. צו וואָס פרעגט איר מיך אַזאַ איבעריקע פראַגע? — ענטפער איך מיט אַ פרעגענעש אויף אַ פראַגע.

— ווי איז אייער נאָמען? — חזרט זי איבער די פראַגע.

— מאַכט זיך ניט נאַריש! — ענטפער איך מיט כעס, הייב זיך אויף פון שטול, גיי צו צו דער סאָפע, צי זיך אויס און מאַך צו די אויגן.

איך בין לאַנג ניט געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן. איך האָב געוואָלט זען, וואָס זי גייט טאָן.

ערשט זי האָט גענומען אַ שטיקל קאַלירט פּאַפּירל און האָט עפּעס אָנגעטינטלט.

דאָס האָט מיך פאַראינטריגירט. איך האָב געוואָלט זען, וואָס זי האָט דאָרט אָנגעשריבן. איך גיי צו צום טיש. איר שרייבעכץ האָט זי פאַרשטעלט מיט דער האַנט, אַז איך זאָל עס ניט קענען איבערלייענען. איך זע, אַז דאָס איז אַן אָפּגעדרוקטער פאָרמולאַר מיט רובריקעס. אַ פּלאַץ פאַר דעם דאַטום,

וואָס זי האָט אויסגעפילט. מיר האָט זיך איינגעגעבן צו דערבליקן צוויי בוכ־שטאַבן. איך פרעג זי:

— וואָס באַטייטן די צוויי אותיות?

— קאָנטערעוואָלוציע.

איך ווער אַן אויפגעציטערטער פון באַליידיקונג.

אָט־די לילית האָט די פרעכהייט צו באַצייכענען מיך, אַן אינוואַליד פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, אַלס אַ קאָנטערעוואָלוציאָנער!

איצט נעמט זי צו איר האַנט און לאָזט מיר איבערליייענען דאָס צע־טעלע. עס שטייט בפירוש: „אַרעסטירט. פאַרברעכן: דעמאַגאָגיע". איך קען עס ניט פאַרשווייגן און איך קום אַרויס מיט לשון:

— די באָלשעוויקעס זיינען ניט קיין דעמאַגאָגן? וואָס איז זייער גאַנ־צע פּראָפּאַגאַנדע, אויב ניט אומפאַרציילעכע דעמאַגאָגיע, דעמאַגאָגיע פון ערגסטן סאָרט!

זי האָט ניט רעאַגירט מיט קיין איינציקן וואָרט.

זי האָט אַ קלונג געטאָן. אַ טשעקיסט, אַ הויכער ווי אַ דעמב, האָט זיך אַריינגעשטעלט. ער איז געווען באַהאַנגען מיט צוויי רעוואָלווערן, אַ נאַגאַן און אַ קאָלט. זי האָט אים דערלאַנגט דאָס פּאַפּירל און אַ שעפּטשע געטאָן:

— פירט אים אָפּ אין בוטירקע!

איך בין געווען שלעפעריק. דער גאַנצער ענין האָט מיר אויסגעזען מער קאָמיש ווי טראַגיש. איך קען זיך אינערלעך קוים איינהאַלטן פון לאַכן.

עפּעס אַ ווייבל, וואָס האָט ניט געהאַט קיין חלק און אַרב אין דער רע־וואָלוציע, וואָס איז געקומען אויף אַלעם פאַרטיקן כאַפּן אַ שטעלע ביי די נייע אדונים, האָט די חוצפה צו באַצייכענען מיך, וואָס האָט שיער ניט באַ־צאָלט מיטן לעבן פאַר דער אָקטאָבער־איבערקערעניש, אַלס קאָנטערעוואָ־לוציאָנער; און זיי, די באָלשעוויקעס, ערשטראַנגיקע דעמאַגאָגן, אַרעסטירן מיך פאַר דעמאַגאָגיע... און ווען וואָס האַנדלט זיך דאָ באמת? די זאַך איז גאַנץ טשיקאַווע. איך בין אויסגעקליבן געוואָרן פון די אַרבעטער אַלס דע־פּוטאַט פון מאָסקווער סאָוויעט. זיי ווילן מיך ניט האָבן אין סאָוויעט, וואו איך וואָלט קריגן אַ טריבונע, פון וועלכער צו רעדן צו די אַרבעטער־דעפּו־טאַטן, וואָס קומען פון אַלע ראַיאָנען פון שטאָט. האָבן זיי באַשלאָסן, אַז דאָס בעסטע אונטער די אומשטענדן איז מיך אָפּצושיקן אין געפענגעניש אָן אַ פאַרהער. ווייל וואָס איז דאָ פאַראַן צו פאַרהערן און אונטערזוכן! און אַזוי ווי דזשערדזשינסקי האָט זיך, פשוט, געשעמט מיר צו קוקן אין די אויגן, האָט מען דאָס שטיקל שמוציקע אַרבעט געלאָזט אָפּטאָן אַ פרוי, וואָס האָט צו דער רעוואָלוציע קיין שום שייכות ניט געהאַט. הכלל, מע שיקט מיך אָפּ אין בוטירקע און דאָרטן וועט מען מיך האַלטן איינגעזייערט אָדער פאַררוקט אויף טשאָלנט...

דער אַגענט האָט מיך אויף אַ געוויינטלעכער וואַכעדיקער ברישקע פון אַ געדונגענעם פריוואַטן איזוואָזטשיק אָפּגעפירט קיין בוטירקע.

מע האָט געעפנט אַ טירל אין אַ מאַסיוון, שווערן און זייער הויכן טויער.

מיר זיינען אַריין. דאָ האָט מען מיך זייער זאָרגפעלטיק, „גרינטלעך" אונ־טערזוכט, באַקוקט און באַטאַפּט פון אַלע זייטן. וואָס ער האָט געפונען, האָט דער באַטאַפּער צוגענומען. ער האָט זיך געהאַלטן שטרענג, אָבער ניט גראָב.
מע האָט מיך אַריינגעפירט אין קאַנצעלאַריע.

אַ מאַן אין די סוף צוואַנציקער אָדער אָנהייב דרייסיקער יאָרן, ריין אָפּ־געגאָלט, נעט אָנגעטאָן, — זיין אנצוק האָט געהאַט אַלע סימנים פון אויס־לענדישן געוואַנט און אויסלענדישן גענייי און שניט, — האָט גענומען אַ בוך און האָט דאָרט אַריינגעשריבן מיין נאָמען. ער האָט עס געטאָן אומגערן, ווי געצוואונגען און ווי די אַרבעט וואָלט אים געווען שטאַרק דערווידער. ער איז געווען נאָך מער שלעפעריק פון מיר. הפנים מע האָט אים נאָרוואָס אויפגעוועקט, כדי ער זאָל דערפילן זיין פליכט פון אַ „פאַרשרייבער".

ער האָט פרובירט פאַרבינדן מיט מיר אַ שמועס. ער איז געווען אוי־סערגעוויינטלעך העפלעך. זיינע מאַניערן זייער ראַפינירט. ער האָט אַרויס־געוויזן פיל סימפּאַטיע צו מיר אַלס אַרעסטירטן. ער האָט גערעדט אַ גוטן גראַמאַטיקאַלישן רוסיש אָבער מיט אַ נכרדיקן אויסלענדישן אַקצענט.

איך בין געווען זייער פאַרחידושט. דער גאַנצער נפש האָט מיר אויס־געזען יוצא־דופנדיק. ער איז געווען עפעס אַ שטיק שעטנז אויף דעם בוטיר־קע־לבוש. ער איז געווען אויסן פלאַץ, ווי אַ רב אין אַ קאַטעדראַלע.

— ווער זייט איר? וואָס טוט איר דאָ? — פרעג איך אים און איך בין כולי חידוש.

— ווער איך בין? — פרעגט ער אַליין, — איך בין אַן אַרעסטירטער, ווי איר, ווי טויזנט אַנדערע. מע האָט מיך אַרעסטירט אין פּעטראָגראַד. איך בין געווען דער סעקרעטאַר פון דעם אַמעריקאַנער געזאַנדטן. מע האָט אונדז אַלעמען פאַרהאַפט. זיץ איך דאָ שוין אַ היפּשע צאָל מאָנאַטן.

— ווי לאַנג וועט איר עס אַזוי זיצן?

— ווער ווייסט! עס איז אומבאַשטימט. עס ווענדט זיך אָן דער אינ־טערנאַציאָנאַלער פּאָליטישער לאַגע. קעגן מיר פּערזענלעך איז קיין באַשול־דיקונג ניט געמאַכט געוואָרן. מיין פאַרברעכן איז דער, וואָס די פּאַראייי־ניקטע שטאַטן זיינען ניט אין פריינטלעכע באַציאונגען מיט די סאָוויעטן.

— טשיקאַווע, כ'לעבן.

מיר האָבן זיך פריינטלעך צעווויטעוועט. זיך צוגעוואונטשן אַ „גוטע נאַכט" און מען האָט מיך אָפּגעפירט אין אַ צעל.

8

אין געפענגעניש

א.

דער קאָמענדאַנט זאַכאַרין

בוטירקע איז געווען אַ שם דבר אין רוסלאַנד. די געביידע איז באַשטאַנען פון עטלעכע שטאָק. מע איז אַרויף און אַראָפּ אויף ברייטע אייזערנע שטיגן. געווען ברייטע גרויסע קאָרידאָרן און פון אַלע זייטן צימערן, קאַמערעס און צעלן, אַן אומזיסטע אכסניה. קיין דירה־געלט האָט מען ניט געצאָלט.

מע האָט מיך אַריינגעפירט און איבערגעלאָזן אין אַ פינצטערן צימער. מיין באַגלייטער־אַריינפירער איז, אָן אויסריידן אַ וואָרט, אַוועק, ניט פאַרשליסנדיק הינטער זיך די טיר.

דער צימער אין „האָטעל" איז מיר ניט געפעלן. די לופט איז געווען פאַרשטיקט. ביי דער וואַנט זע איך שטיין אַ בעטל אָן אַ סיעניק און אָן אַ קאָלדרע. אַ פּאַראַשקע באַצירט דאָס ווינקל ניט ווייט פון דער טיר. דאָס אַלץ איז געווען אומהיימלעך. אַ מידער, אָן אויפגערודערטער בין איך געווען, איז וואָס זאָל איך דאָ טאָן? האָב איך אויסגעבראָכן עטלעכע שויבן. איז טאַקע אַריין פרישע לופט. אָבער אין אַ ווײַלע אַרום איז געוואָרן קאַלט, די לופט רוי, דורכנעמענדיק מיט אַ פייכטקייט. מיין קראַנקער פוס האָט גענומען רעאַגירן מיט אַ נאַגנדיקן ווייטיק. וואָס זאָל איך איצטער טאָן? איך האָב נאָך ערגער געמאַכט. האָב איך בגניבה, שטילערהייט, גייענדיק אויף די שפּיצפינגערס, זיך אַרויסגעצויגן פון דעם צימער און זיך אַריינגעפּעקלט אין אַ דערבייאיקן צימער, וואָס איז געווען אי גרעסער און אי לופטיקער.

איך האָב זיך אַרומגעקוקט, אַ קוק געטאָן אויפן פענצטער מיט די גראַטעס, אויף דער שווערער דעמבענער טיר, וואָס איז געווען באַשמידט מיט אַ דיקן בלעך פון אינעווייניק; איך האָב פאַררעגיסטרירט די גאַנצע ד׳ אויף ד׳ אומגעבונג. אין געהירן האָבן זיך גענומען וויקלען סצענעס און בילדער פון פאַרלויפענישן זינט דעם 27־28טן אָקטאָבער (7טן נאָוועמבער, לויטן נייעם סטיל) ביזקל היינט. איז דאָס דער פינאַל?! מע האַלט מיך איזאָלירט. פאַרשפּאַרט אין אַ מויערנער שטייג, ווי איך וואָלט געווען אַ ווילדע חיה. איך בין אַ געפאַנגענער פאַר די אייבוואויגער פון סאָוויעטישן גן־עדן. איך באַדראַ די רואיקייט און דעם וואוילזיין פון דער „מאָסקווער קאָמונע"!

איז עס ביט קאָמיש ביז צום לאַכן און פון לאַכן אַריבערגיין צום וויינען!

איך האָב זיך באמת פונאַנדערגעלאַכט אויפן קול. איך האָב געטראַכט:

— פאַר אַן איבערבייט פון דער רוטין פון לעבן איז אינטערעסאַנט צו־זיצן אַ קורצע ווײַלע אין אַ געפענגעניש. עס איז אַ באַרייכערנדיקע דערפאַ־רונג. און אונטער וועלכן רעזשים זיץ איך עס? אונטער דעם סאָוויעטישן. און איך מי זיך עס צו געפינען אַ וועג ווי צו מאַכן שלום און לעגאַליזירן אונדזער אַרבעט.

עס איז פאַראַן פיל קאָמישס אין לעבן, מע זעט עס אָבער ניט צוליבן טראַגיזם, וואָס פאַרשטעלט עס און מחמת דער ערנסטקייט, מיט וועלכער מענטש נעמט זיך און זיינע האַנדלונגען.

און איז ניט אונדזער וועלטל אַ געפענגעניש און מיר פאַרמשפּטע אויף אַ לעבנלאַנגן טערמין, צוגעשמידטע צו דער ערד, פון וועלכער מיר קענען זיך ניט אָפּרייסן, קענען ניט אַרויס? זיינען מיר ניט קיין געשמידטע אין קייטן פון אינסטינקטן און געלוסטענישן? אָפילו אונדזערע געדאַנקען זיינען גע־שמידט אין קייטן פון אַנגענומענקייטן, פון טראַדיציעס, פון דענקונגס־שטיי־גערס, טראַכטנס־הירגלים.

ניט ווילנדיק האָב איך זיך דערמאָנט און זיך שיער ניט פאַרבענקט נאָך מיין תפיסה אין ווילקאָמיר. זי איז געווען אַ געזונטע הילצערנע געביידע. און איך בין געווען בסך־הכל אַכצן יאָר אַלט. און איצטער בין איך שוין איינאונדרייסיק יאָר אַלט. טאַקע אַלט. אגב האָב איך קיינמאָל ניט געטראַכט אַריבערצוטרעטן די שוועל פון שלושים; איך בין אַלע מאָל געווען קראַנק און שוואַך. איך דערמאָן זיך, אַז אַריינפאַלנדיק אין תפיסה אין אַ סאָליטאַרער צעל, האָב איך זיך געפילט דעמאָלט זייער גוט. און גאָר קיין חידוש ניט. איך בין אַהין געקומען נאָכן פאַרברענגען אַ פאָר טעג אין אַן איבערשיק־געפענגעניש, וואָס איז אַ וואָרער גיהנום. דער שמוץ, די אָפּגעלאָזנקייט איז געווען גאָר ניט צו פאַרטראָגן. איך בין דעמאָלט געווען אַכצן יאָר אַלט, אָבער אויפן אויסזען האָט מען מיר מער ווי פערצן ניט געקענט געבן. און מע האָט מיך אַרויסגענומען פון איבערשיק־געפענגעניש און געבראַכט צום איספּראַווניק אויף אַ פאַרהער. ער האָט פשוט רחמנות געהאַט אויף דעם יידישן נאַאיוון יינגל, וואָס איז דאַ אַריינגעפאַלן. ער האָט מיך געוואָלט באַפרייען, געהאַלטן פאַר מיר אַ גאַנצע רעדע, געגעבן אַן אָנצוהערעניש, אַז שלעכטע מענטשן מישן זיך אין זאַכן, וואָס איז ניט זייער עסק. זיי פאַר־פירן די אומשולדיקע יוגנט, מיך אַריינגערעכנט. ער האָט פאַרענדיקט זיין לאַנגע טיראַדע מיט די ווערטער אין דער פאָרם פון אַ פרעגעניש: האָסטו באַנומען וואָס איך רייד צו דיר? און איך האָב אָפּגעענטפערט:

— באַין אופן ניט, אייער הויכאיידל־געבוירנקייט.

און ער האָט ווידער גערעדט; געגעבן מיר אינסטרוקציעס, ווי אַ טאַטע צו אַ זון, ווי איך זאָל זיך אויסהיטן פון די שלעכטע מענטשן און זייערע שעדלעכע שרייבעכצן. צום סוף האָט ער מיר ווידער געשטעלט די אייגענע פראַגע און איך האָב אים געגעבן דעם סטערעאָטיפּישן ענטפער.

ער האָט אַזוי גערעדט איבער אַ שעה צייט. צום סוף האָט ער זיך ערשט געכאַפּט, אַז איך מאַך פון אים חוזק. זיין גרימצאָרן האָט זיך צעפלאַ־

קערט און ער האָט באַפוילן מיך אָפּשיקן אין געפּענגעניש אונטער אַ שווע־רער וואַך. דאָס איז געווען בימי ניקאָלאַי דעם צווייטן. און איצט איז ווידער בימי נ י ק אָ ל אַ י לענין. די געשיכטע חזרט זיך איבער.

דאָס מאָל פאַל איך אַריין אין געפּענגעניש גלייך פון דער פריי, אָן אַן איבערגאַנג. און די זאַך זעט מיר אויס מאָדנער. איז דאָך טאַקע ריכטיק דאָס באַוואוסטע ווערטל, אַז אַ מענטש ווייסט פון וואַנעט ער גייט אַרויס, ער ווייסט אָבער ניט וואוהין ער וועט אָנקומען. איך בין געגאַנגען אין מאָס־קווער סאָוויעט און בין אָנגעקומען אין בוטירקע!

וואָס וועל איך דאָ טאָן? מיט וואָס זיך פאַרנעמען? איך האַלט אין מיטן אַרבעטן אויף מיין ווערק „אינטעראינדיווידואַליזם". איך שטיי פונקט ביים אָנפאַנג פון קאַפּיטל וועגן „פרייהייט דע יורע און דע פאַקטא" (זע „זכרונות און חשבונות", ערשטער באַנד, זז. 424־407). איך וועל עס דאָ פאַרזעצן און אַזוי ווי איך וועל זיין פאַרנומען, וועט מיר דאָס זיצן ניט זיין אַזוי לאַנגווייליק. איך וועל בעטן פּאַפּיר און טינט.

אין קאָפּ האָבן זיך גלייך גענומען שפּינען געדאַנקען און זיך אויס־שטעלן אין זאַצן, די זאַצן — אין שורות. מערקווערטיק: דאָס וואַך־זיין אַ גאַנצע נאַכט פּלעגט מיך אין יענע יאָרן סטימולירן מיטן אָנקום פון פאַר־טאָג, ווי עס וואָלט געווען עפּעס אַ שטאַרקער געטראַנק. אַ משמור פּלעגט מיר פאַרשאַרפן די חושים, אויפוועקן די געדאַנקען און אַקטיוויזירן זיי.

איך טראַכט און אין געהירן שרייב איך אָן דאָס געטראַכטע הגם סטע־נאָגראַפיש. אין דענקען גייט עס צו פיל שנעלער ווי אין ריידן און אַ פשיטא שוין ווי אין שרייבן, הגם מיר טראַכטן מיט דער הילף פון ווערטער, אָבער מיר היפּן איבער די אומנייטיקע עקזילאַרישע ווערטער. מיר גייען פון גע־דאַנק צו געדאַנק דורך אַן אָנוואַינק, וואָס הענגט עפּעס ווי אַ בריק איבער אַ תהום.

איך בין איצטער אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין דער טעמע „יורידישע און פּאַקטישע פרייהייט". איך ליג טאַקע אויפן האַרטן בעטל. אָבער איך פיל ניט די האַרטקייט. איך בין ניט מער אין געפּענגעניש, איך פאַרגעס אָן דער סביבה. דער גאַנצער אַרום האָט זיך אָפּגערוקט, ריכטיקער: ער איז געקו־מען צו דער מדרגה פון ביטול־היש. איך אַליין בין אויך ניט בנמצא. ביי מיר איז פונקט פאַרקערט ווי ביי דעקאַרטן. ער האָט געזאָגט: „קאָגיטאָ ערגאָ סום", איך דענק שמע מינה, אַז איך בין פאַראַן. איך זאָג: איך דענק, פאָלגלעך עקזיסטיר איך ניט ווי אַ פשוטער בשר ודם. איך בין בלויז אַ טראַכטעניש־פּראָצעס און מער קיין זאַך ניט.

די טעמע אינטריגירט מיך. דער קלאַסישער אַנאַרכיזם האָט געלייגט אַזויפיל געוויכט אויף פרייהייט אין פשט פון אָפּשאַף פון געשריבענעם גע־זעץ. איך רוף עס: „דער נעגאַטיווער יורידישער פעטישיזם".

איך זע ניט און הער ניט, ווי די טיר גיט זיך אַן עפן אויף און אַ פי־גור פון אַ מענטשן גייט אַריין אין צימער. איך דערהער אַ שטים:

— טאָוואַרישטש גאָרדין! — זי טריפט מיט האָניק פון פריינטשאַפט ווי ביי אַ באַגעגעניש מיט אַן אַלטן פריינט.

איך כאַפּ זיך אויף פון מיינע געדאַנקען, איך קוק אַן דעם אַריינדרינג־לער און איך דערקען אים נישט פון ערשטן בליק.

— טאָוואַרישטש גאָרדין, — חזרט ער איבער מיין נאָמען אין אַ הע־כערן און פריינטלעכערן טאָן.

ער שטרעקט צו מיר אויס די האַנט.

ערשט איצט דערקען איך אים.

— איך בין געקומען אינדערפרי, האָט מען מיר איבערגעגעבן, אַז מע האָט געבראַכט שפּעט ביי דער נאַכט אַ פּאָליטישן און אַז די ערשטע זאַך, וואָס ער האָט געטאָן אין געפענגעניש, איז אויסצוברעכן די שויבן. האָב איך זיך גלייך געכאַפּט, אַז דאָס מוז זיין איר, טאָוואַרישטש גאָרדין. איך געדענק, ווי איר האָט צעבראָכן די שויבן אין טשעקאַ אויף ליוביאַנקע, און מיר, וואָס איז געווען דעמאָלט דער קאָמענדאַנט פון ליוביאַנקער הויפּט־קוואַרטיר, האָט זאַקס געהייסן דעם שויבנברעכער פאַרשפּאַרן אין קאַרצער, און ווי נאָר דזשערדזשינסקי האָט זיך דערוואוסט, אַז דאָס זייט איר, האָט ער מיך געשיקט אייך אַרויסנעמען פון קאַרצער און זיך אַנטשולדיקן. גע־דענקט איר מיך? מיין נאָמען איז זאַכאַרין. איך בין געווען אַ קאָנדוקטאָר פון אַ טראַמוויי. איר פלעגט קומען צו אונדז אין פּאַרק אויף דיעוויטשע פּאָליע און איר האָט מיך געמאַכט פאַר אַ רעוואָלוציאָנער...

ער מאַכט אַ פּויזע, ער באַטראַכט די צעל. — געפעלט אייך דער צי־מער? אויב ניט, וועל איך אייך געבן אַן אַנדערן. איר דאַרפט מסתמא פּאַפּיר, טינט, איך וועל עס אייך אַרויפשיקן. — ער מאַכט נאָכאַמאָל אַ פּויזע, דער־נאָך זאָגט ער מיר אין אַן אונטערטאָן: — אַ גאַנצן טאָג וועט אייער צימער זיין אָפן, איר קענט אַריין און אַרויס פריי, באַזוכן פריינט אויפן זעלביקן שטאָק. בלויז אויף דער נאַכט, נאָכן איבערצייל (פּאָווערקע), וועט מען אייער צימער פאַרשליסן. אויפן זעלביקן שטאָק געפינען זיך רעכטע ס. ר. און מאַקסימאַליסטן. איר וועט דאָ האָבן מיט וועמען צו שמועסן.

ער האָט מיר געגעבן די נומערן פון זייערע צעלן און איז אַוועק.

מיר האָט די לאַגע דערמאָנט אויסזען נאָך טשיקאַווער. איך בין אין תפיסה פאַר קאָנטערדרעוואָלוציע; דער קאָמענדאַנט פון געפענגעניש רופט מיך ניט אַנדערש ווי „טאָוואַרישטש" און פאַרזיכערט מיך, אַז איך, אַ קאָנ־טערדרעוואָלוציאָנער, האָב אים געמאַכט פאַר אַ רעוואָלוציאָנער; אונטער דער ווירקונג פון מיינע אויפטרעטונגען איז ער צוגעשטאַנען צו די קעמפער פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. ווי לאַנג צוריק איז עס געווען? צוויי יאָר מיט אַ סמיטשעק. זאַכן ווערן אַזוי גיך ניט פאַרגעסן. פּסיכאָלאָגישע קנופּן און שלייפן ווערן אַזוי שנעל ניט אויפגעבונדן. די אָקטאָבער־איבערקערע־ניש איז געווען אַ ריזיקאַלע אונטערנעמונג. איך האָב דאָס זאַכאַרינען, דעם שטילן באַשיידענעם קאָנדוקטאָר, באַוואויגן ער זאָל זיך אַנשליסן אַן דעם לינק־רעוואָלוציאָנערן לאַגער. ער האָט מיר געפאָלגט און ער האָט מצליח

געוועזן. אים האָט די רעוואָלוציע „פּאָליובעט". ער איז דערהויבן געוואָרן. ער איז געוועזן אַן איינפאַכער אַרבעטער און איצט איז ער דער קאָמענדאַנט פון אַזאַ גרויס געפענגעניש. דאַרף ער דען ניט זיין מיר דאַנקבאַר! ווען ניט איך, וואָלט פון אים גאָרניט געוואָרן... ער וואָלט געבליבן אַן אָרנטלעכער האָרעפּאַשניק און ניט קיין „גרויסער מאַן"... און איך? איך בין גאָר אין געפענגעניש און געפין זיך אונטער זיין השגחה. ער איז מיין אויפזעער, מיין באַלעבאָס. ער האָט מיך געפּאָלגט, איז ער באַגליקט געוואָרן, און איך, דער בעל־יועץ, האָב זיך אַליין קיין גוטע עצה ניט געקענט געבן. געדרייט דאָס רעדל און זיך פאַרדרייט אין די פלעקלעך פון רעוואָלוציע־ראָד.

אָבער דאָס אַלץ איז ניט פאַר זיין קאָפּ. דאָס איז אַ קריג פון אינטעליגענטן צווישן זיך. גרויסע מוחות. לענין — גאָרדין, מאַריאַ ספּירידאָנאָווגאַ — טראָצקי — ניט פאַר אים צו באַגרייפן איבער וואָס מע אַמפּערט זיך און מע קען ניט דורכקומען. דאָס זיינען קאַפּריזן פון גייסטיקע פּריצים, אינטעלעקטועלע אַריסטאָקראַטן. מיט אים האָט עס גאָרנישט וואָס צו טאָן.

ב.

קאַמעראַד מאָראָזאָוו — דער אָפּטימיסט

איך האָב אָפּגעוואַרט אַ שעה צוויי און איך האָב זיך אַרויסגעלאָזט זוכן דעם נומער, וואָס דער קאָמענדאַנט זאַכאַרין האָט מיר געגעבן.

איך האָב אָנגעקלאַפּט.

— איר קענט אַריין, — האָט געענטפערט אַ זייער אנגענעמע שטים.

איך בין אַריין און זיך פאָרגעשטעלט.

— מיין נאָמען איז גאָרדין.

— איך האָב געוואוסט, אַז מע האָט אייך געבראַכט שפּעט ביי דער נאַכט. מיין נאָמען איז מאָראָזאָוו. — ער גיט מיר די האַנט און בעט מיך זיצן.

איך זעץ זיך און קוק זיך אַרום. דער צימער איז אַ ליכטיקער, אַ געראַמער. ער האָט לייכט געקענט אַקאָמאָדירן פינף אַרעסטירטע און ניט אין איבעריקער ענגשאַפט. עס האָט אויך געהאַט געוויסע באַקוועמלעכקייטן. הפנים, אַז מאָראָזאָוו פילט זיך ווי איינער, וואָס געפינט זיך דאָ ניט צופעליק און צייטווייליק. ער וואוינט דאָ ניט ווי אין אַ סוכה. עס איז זיין דירת־קבע. ער איז אַ תושב אין בוטירקע.

מאָראָזאָווס פּנים אַ ליכטיקס; די אויגן גוטהאַרציקע. אַלץ אין אים האָט זיך געלויכטן מיט לעבנסלוסט. ער מאַכט אויף מיר ניט דעם איינדרוק פון אַ פאַרכמורעטן, דערשלאָגענעם אַרעסטירטן. ער זעט אויס פיל יינגער פון זיינע יאָרן. ער האָט אַן אולטראַאָפּטימיסטישע דיספּאָזיציע. ער איז באַריידעוודיק און גאָר אַ פיינער קאָנווערסאַציאָנאַליסט.

מאָראָזאָוו איז אין דעם פּרט ניט קיין אויסנאַם. איך האָב געקענט עט־

לעכע קאַמעראַדן, וואָס האָבן דורכגעמאַכט לאַנגע טערמינען אין געפענגע־נישן און זיי האָבן אויסגעזעצן פריש און יונג. איך דערמאָן זיך אָן מעדיג־צעוון, אַ קאַמעראַד, אַ קאָאָפּעראַטאָר, וואָס איז אָפּגעזעסן אין פּעטראָפּאַוו־לאָווסקער פעסטונג איבער דרייסיק יאָר און די רעוואָלוציע האָט אים באַ־פרייט. ער איז אַלט געווען אַ יאָר זעכציק, ווען ער איז אַרויס פון תפיסה. ער האָט געשפּרודלט מיט יוגנטלעכער ענערגיע און האָט פאַרמאָגט אין זיך אַ סך פייערדיקן ענטוזיאַזם. ווען ער האָט גערעדט, האָט ער אונדז, פיל ייִנ־גערע פון אים חברים, מיטגעריסן מיט זיין באַגייסטערונג און פּאַטאָס. ווי עס ווייזט אויס ווערט דער פאַרלוסט פון כוחות, וואָס ס'פאַראורזאַכט דאָס זיין אָן פרישער לופט און אָן געניגנדיקער באַוועגונג, קאָמפּענסירט דורך דעם אָפּשפּאָר פון ענערגיע, וואָס דער געצוואונגענער צוריקהאַלט פון גע־שלעכטלעכן פאַרקער ברענגט אַריין, אַזוי אַז דער באַלאַנץ־בויגן ווערט אויס־געגליכן, די מינוסן ווערן דערפילט דורך די פּלוסן.

ער האָט מיר געזאָגט, אַז איך וועל ביי אים זיין אַן אַנגעלייגטער גאַסט און איך קען אים באַזוכן ווען איך וויל נאָר אַליין. זיין צימער איז געווען אַ מין בוטירקע־קלוב, אַ זאַמלפּונקט פאַר די „פּני" פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע. מאַראַזאָוו איז געווען אַ מיטגליד פון דעם צ.ק. פון דער ס. ר. פּאַרטיי. אין 1905 האָט ער גענומען אַן אָנטייל אין דעם באַוואָפנטן אויפ־שטאַנד אין מאָסקווע. זייענדיק אין געפענגעניש האָט ער אָנגעהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט די טואונגען פון דער פּאַרטיי, געשטאַנען אין פאַרבינדונגען מיט זיינע חברים און געהאָלפן באַשטימען די פּאָליטישע ליניע זייערע. אין אָט־דער תפיסה האָט ער פאַרבראַכט צוועלף יאָר אונטער דעם צאַר. ער האָט אָנגעהאַלטן אַ הונגער־שטרייק, וואָס האָט געדויערט איבער צוואַנציק טאָג. אין אָט־דעם צימער איז ער געזעסן צוזאַמען מיט דזשערדזשינסקין, אַזוי אַז זיי זיינען געווען צעל־חברים. דזשערדזשינסקי האָט אים שוין איינמאָל אַרויסגעלאָזט אויף אַ גאַנצער וואָך אויף זיין רעוואָלוציאָנערן ערנוואָרט. ער האָט אים איצט אויך אָנגעבאָטן די אייגענע פּריווילעגיע, אָבער מאַראַזאָוו וויל פון אים מער קיין טובות ניט. ער פאַראַכט אים. מאַראַזאָוו האָט מיר געזאָגט, אַז דזשערדזשינסקי ווערט פאַרדאַרבענער און פאַרהאַרטעוועטער מיט יעדן טאָג.

עס קומען אַהער אין צימער אויך אַנדערע חברים אַרעסטירטע, צווישן זיי דער פירער און טעאָרעטיקער פון די מאַקסימאַליסטן. די ס. ר. זיינען גוט פאַרטראָטן אין בוטירקע. זיי האָבן דאָ פּאָליטישע עמיגראַנטן, וואָס האָבן זיך נאָכן אויסברוך פון דער פעברואַר־רעוואָלוציע צוריקגעקערט פון פראַנק־רייך. איינער פון זיי איז אַן עלעקטראָ־אינזשעניער. אַז מיר האָבן זיך צע־שמועסט, האָט ער מיר פאַרגעלייגט אַן עלעקטריש אייוועלע און אַזאַ מין „מאַכערייקע", וואָס מאַכט אויפקאָכן וואַסער אויגנבליקלעך. מיר האָבן גע־האַט אַ היפּשע צאָל מעשענע קריגן פאַר געזאָטענעם וואַסער. אַלץ, וואָס מע האָט געדאַרפט טאָן אויפצוקאָכן דאָס וואַסער, איז אַריינטאָן די דראָטן אין וואַסער — און עס נעמט גלייך זידן און קאָכן. דער קאָמענדאַנט ווייסט

וועגן דעם, אַז די פּאָליטישע אַרעסטירטע געברויכן עלעקטריציטעט פאַר קיך־צוועקן, אָבער ער מאַכט זיך ניט וויסנדיק, אַזוי אַז איך קען נוצן דאָס אייוועלע און דעם עלעקטרישן אַפּאַראַט אָפן, אָבער איך זאָל ניט אויפרייסן די אויגן, כלומרשט האַלטן עס פאַרשטעקט, פאַרבאַהאַלטן אונטערן בעטל, פון יוצא־וועגן.

איך באַזוך מאַראַזאָוון טאָג־טעגלעך. דער דורכפאַל פון די ס. ר. אין דער רוסישער רעוואָלוציע איז פאַר מיר אַ רעטעניש און איך וויל פון אים דערגיין די לייזונג.

איך טענה זיך אויס מיט אים.

— איר האָט געהאַט אַזעלכע גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער רעוואָלוציע, איר האָט געהאַט אַזאַ גרויסע נאָכפאָלגערשאַפט; איר האָט געהאַט די גאַנצע פּויערים־באַפעלקערונג פון לאַנד אויף אייער זייט, — ווי אַזוי האָט איר עס דערלאָזן, אַז די באָלשעוויקעס זאָלן אייך איבערקליגלען, אייך באַזייטיקן און שיער ניט ליקווידירן אינגאַנצן? — פרעג איך אים.

זיין ענטפער איז געווען אַן איינפאַכער און אפשר אַ ריכטיקער.

— די בעסטע מענטשן אונדזערע זיינען אומגעקומען. זיי זיינען געווען טעראָריסטן און האָבן באַצאָלט מיט זייערע לעבנס פאַר דער עלימינירונג פון עטלעכע צאַרישע סאַטראַפּן. אַזוי האָבן מיר פאַרלוירן די סאַזאָנאָווס, די קאַלייעווס, די גערשוניס און צענדליקער און הונדערטער אַנדערע. געבליבן זיינען ביי אונדז מענטשן ווי שטערנאָוו און זיינס גלייכן, ווילנלאָזע טעאָרעטיקער. ווי אַזוי האָט ער עס גאָר געקענט דערלאָזן, אַז קערענסקי, וואָס איז גאָר געווען אַ „טרודאָוויק" (אַן „אַרבעטאַריסט"), ניט קיין ס. ר., זאָל פירן די גרענדע און אים פאַרשאָטענען! קערענסקי האָט זיך צופעליק געפונען אין דער דומע בשעת דעם אויסברוך פון דער רעוואָלוציע. טשערנאָוו איז אין אַלץ שולדיק. ער האָט ניט אַרויסגעוויזן אין די דעציזירנדיקע מאָמענטן גענוג אַנטשלאָסנקייט, באַשטימטקייט פון ציל און ריכטונג. ער האָט זיך געלאָזט פירן פון דעם פראַזעאָלאָג און היסטעריקער קערענסקי. אונדזער פּאַרטיי האָט ניט געהאַט די נייטיקע פירערשאַפט. אנשטאָט פירערס האָבן מיר געהאַט צעקראָכענע אידעאָלאָגן, באַנקקוועטשער, בוכווערעם.

איך בין ניט איבערצייגט, אַז ער איז געווען אינגאַנצן גערעכט, ווען ער האָט צוגעשריבן זייער דורכפאַל צו דעם, וואָס ביי זיי, אין דער העכסטער אינסטאַנץ פון דער פּאַרטיי, איז פאַרגעקומען אַן „אַנטינאַטירלעכע" סעלעקציע, ד. ה. די בעסטע זיינען פאַרטיליקט געוואָרן און געבליבן זיינען די ערגסטע, די שוואַכסטע. אָבער דאָס איז זיכער ריכטיק, אַז טעראָר פאַרניצט קודם כל די אייגענע מיטגלידער, פאַרשניידט זיי אין פראַצעס פון געראַנגל. עפּעס ענלעכעס האָט פּאַסירט מיט די אַנאַרכיסטן אין אייראָפּע. די כאַראַקטערפולע, די ווילנסקרעפטיקע חברים האָבן זיך אויפגעבראַכט פאַר קרבנות און געבליבן זיינען די שוואַכלינגס.

אָבער מאַראַזאָוו איז געווען אומדערבאַרעמלעך אין זיין באַשולדיקן טשערנאָוון אין רוקנביינלאָזיקייט, וואָס ער האָט דעמאָנסטרירט מיט זיין

צולאָזן קערענסקין צום עמוד און אים דערלויבן שפּילן די ראָל פון אַ מין שליח־ציבור פון דער ס. ר. פּאַרטיי און פון דער פּויערים־באַפעלקערונג. אַ פאַרברעכן וואָס ער, מאַראַזאָוו, האָט אים ניט געקענט פאַרגעבן. אַ פירער פון אַזאַ גרויסער פּאַרטיי ווי די ס. ר. זאָל זיך איינשרומפּן, זיך איינקאָר־טשען און אָפּטרעטן זיין פּלאַץ צו עפּעס אַ שרייער, אַ טומלער!

— ווער איז קערענסקי? — האָט ער אויסגערופן מיט גרימצאָרן, — אַ שפּענדל, וואָס די כוואַליעס פון דער רעוואָלוציע האָבן געטראָגן אויף זייער רוקן, און ער האָט זיך איינגערעדט, אַז ער איז עס דער שטורעם, וואָס מאַכט זידן און קאָכן די טיפענישן פון ים.

איך האָב זיך מיט אים וועגן קערענסקין שטאַרק געאַמפּערט. זיך גע־דונגען. איך האָב ניט געקענט אָננעמען זיין הונדערטפּראָצענטיקע ביטול־באַציאונג צו דעם, וואָס איז בשום אופן ניט געווען בכוח זיך צו שטעלן קעגן דעם ווייטערדיקן גאַנג פון דער רעוואָלוציע, האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין ווידערשפּרוכן און איז געפאַלן אַ קרבן פון אַ שיקזאַלהאַפטער, היסטאָרי־שער טראַגיק, ווי ער וואָלט געווען אַ העלד פון אַ קלאַסישער גריכישער דראַמע.

ג.

אַלעקסאַנדער פיאָדאָראָוויטש קערענסקי

ער איז זיבן חדשים געשטאַנען ביים רודער פון דער „צייטווייליקער רעגירונג". אין מערץ 1917 איז ער געווען יוסטיץ־מיניסטער און אין צוויי חדשים שפּעטער איז ער געוואָרן קריגסמיניסטער, פאַרבייטנדיק גוטש־קאָוון, און צום סוף, אין מאָנאַט יולי, האָט ער איבערגענומען דעם אַמט פון פירשט געאָרגי יעווגעניעוויטש לוואָוו (1925־1861), וואָס האָט רעזיג־נירט, און ער איז געוואָרן דער פּרעמיער.

די „צייטווייליקע רעגירונג" איז אַרויסגעוואַקסן פון דער פערטער דומע, וואָס איז כמעט אינגאַנצן באַשטאַנען פון גוטבאַזיצערס, אויסגעדינטע מילי־טערלייט און פון קלעריקאַלן, מיט אַ בלוטסטראָפּן פון ראַדיקאַלן. די באמת רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען האָבן באָיקאָטירט די וואַלן צו דער דומע. פאָלג־לעך, ווען די „צייטווייליקע רעגירונג" האָט זיך פאָרמירט, זיינען אַהין אַריין די העכסטמעסיקע, אויב ניט אינגאַנצן רעאַקציאָנערע, עלעמענטן. דער פאָר־אויסמאַרש פון דער רעוואָלוציע האָט דידאָזיקע עלעמענטן ביסלעכווייז, מאָ־נאַט נאָך מאָנאַט, עלימינירט און פאַרביטן מיט מער ראַדיקאַל־געשטימטע פּערזאָנען.

דער מאַן קערענסקי האָט זיך אָנגעצונדן ווי אַ מעטעאָר אויפן רעוואָ־לוציאָנערן רויטן פּאָליטישן הימל און איז ווי אַ מעטעאָר פאַרגאַנגען.

מ'האָט צו אים שטאַרקע טענות.

איבערהויפּט „ברוגזן זיך" אויף אים די זשורנאַליסטן: ס'טייטש, אַ

מענטש האָט געקענט „ראַטעווען" רוסלאַנד און מיט רוסלאַנד און אין רוס־לאַנד די „דעמאָקראַטיע", און ער האָט עס ניט געטאָן.

און פאַרוואָס האָט ער עס ניט געטאָן? ווייל ער האָט זיך ניט געכאַפּט פאַרן פּשוטן שכל, האָט ניט באַגריפן, אַז מיטן וואָרט פון געזעץ, פון באַ־פעל, דאַרף קומען דער גראָבער סענקעוואַטער שטעקן; אַז מע פאָלגט ניט אַ רעגירונג, דאַרף זי צווינגען איר צו פאָלגן אָן קיין שום מחזקות און אָן שאַנעווען פּערזאָנען.

ניט קיין אוביעזשדאַרמען, נאָר זשאַנדאַרמען, גוטשקאָווס שיינער אויס־דרוק... ניט קיין איבערצייגער, נאָר שמייסער, קלעפּגעבערס, שלעגערס, דאַרף אַן עכטע רעגירונג האָבן צו איר דיספּאָזיציע.

ער האָט זיך ניט געדאַרפט אָפּשטעלן אַפילו פאַר אַ דיקטאַטור, אַבי צו ראַטעווען די דעמאָקראַטיע, די „פרייהייט".

דאָס זיינען די אויסזעצונגען, וואָס ווערן געמאַכט קעגן קערענסקין.

די טענות זיינען צו נאַיוו אַפילו פאַר דורך־און־דורך פענשטופּער און טינטשלינגער.

צווישן אונדז ריידנדיק, ווען קערענסקי וואָלט אַפילו געהאַט זיבן קעפּ אויף זיך און יעדער קאָפּ אַ טורעם פון שטאָל און אייזן, וואָלט ער גאַרניט געקענט אויפטאָן און וואָלט געמוזט אַוועק, און אפשר, ווען ער עקשנט זיך שטאַרק איין, — מיט גרעסערע בזיונות און מיט אַ שווערערן נאָכגערוך איבערגעלאָזן נאָך זיך.

פאַרוואָס איז מיליוקאָוו אַוועק?

ווייל ס'האָט אים געפעלט ווילנסקראַפט?

דעם ערשטן מאַי 1917 האָט ער געשיקט אַ נאָטע צו די אַליאירטע רע־גירונגען, אין וועלכער ער האָט פאַרשפּראָכן, אין נאָמען פון דער ציטווייַ־ליקער רעגירונג, פאָרצוזעצן די מלחמה קעגן דייטשלאַנד, עסטרייך און טער־קיי ביז צו אַ זיגרייכן סוף און ער האָט אָנגעוואונקען וועגן אַנעקסאַציעס און קאָנטריבוציעס. אים האָט זיך געוואָלט קריגן די דאַרדאַנעלן לויט דעם אָפּ־מאַך צווישן צאַרס רוסלאַנד און דער אַנטאַנט. עס האָט אויסגעבראָכן אַ שטורעם, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין ריזיקע דעמאָנסטראַציעס פון אַר־בעטער און זעלנער אין פּעטראָגראַד און אין מאָסקווע. וואָרעם זיין נאָטע איז געווען אין אַ שרייענדיקער סתירה צו דער דעקלאַראַציע פון פּעטראָ־גראַדער סאָוויעט, אַז מיר שטייען פאַר אַ שלום אָן קאָנטריבוציעס און אָן אַנעקסאַציעס פון פרעמדע לענדער. און מיליוקאָוו איז געווען געצוואונגען צו רעזיגנירן פון זיין אַמט אַלס מיניסטער פון אויסערלעכע ענינים.

דער אַרויפקום פון קערענסקין אויף דער גרויסער פּאָליטישער אַרענע איז צוזאַמענגעפאַלן מיטן ערשטן פּעריאָד פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

די באַגייסטערונג און די ראָמאַנטיק הן פון די מאַסן און הן פון דער אינטעליגענץ און אַפילו פון די באַלעבאַטישע קרייזן איז געווען אין לשער.

מ'האָט אונטער דעם אויפברויז פון די געפילן, בשעת חדווה, באַפרייט פון די געפּענגעגעגישן ניט בלויז פּאָליטישע, וואָס עס איז געווען גאַנץ נאַטיר־

לעד, נאר מע האט באפרייט פון די תפיסות אפילו פארברעכער, פשוטע גנבים און באנדיטן. דער געדאנק איז געווען דערביי, אז אויך די איינפאכע פארברעכער זיינען באמת געווען אומשולדיק; זיי זיינען געווען קרבנות פון צארישן רעזשים.

אזא לייטערונג און דערהויבונג־כוואליע האט זיך צעגאסן איבער דעם גאנצן לאנד.

אלע האבן געפילט, אז א נײַ לעבן פאנגט זיך אן פאר א הונדערט און פופציק מיליאן מענטשן. וואס איז געווען, ווערט אפגעווישט פון טאפל.

די שווערסטע טיראניי איז געבראכן און אפגעמעקט אזוי, אז קיין זכר וועט פון איר ניט בלייבן אויסער דעם תחום פון רעקארדירטער געשיכטע. אזוי האט זיך דעמאלט אויסגעדוכט; אזוי האבן עס געזען כמעט אלע, אן אונטערשייד פון קלאסן און שיכטן, מיט דעם אויסנאם פון א הייפל אלט־נוסחדיקע מאנארכיסטן.

פון די דעקאבריסטן אן (1825) האט דאס רוסישע פאלק אדער די רו־סישע אינטעליגענץ געקעמפט מיט אזא אומבאשרייבלעכער מסירת־נפש, מיט אזא אומאויסשעפבארן אנשטרענג קעגן דער זעלבסטהערשונג! און פלוצלונג, דורך איין נאכט, ווי א נס וואלט געשען, פטור געווארן פון צאר און זיינע סאטראפן; און דאס אלץ אן בלוטפארגיסונג.

א נײַ לעבן, נײַע מענטשן, נײַע אינסטיטוציעס האבן זיך באוויזן ווי פון דער ערד ארויסגעוואקסן.

פאליטישע עמיגראנטן, וואס האבן זיך געפונען אין פארשיידענע לענ־דער, פארן צוריק, פארבעטענע. די רעגירונג דעקט די רייזע־קאסטן.

און ווי האט מען די צוריקגעקומענע באגעגנט און אויפגענומען!
ווי לאנג האט אבער געקענט אנהאלטן אזא אידיליע?

ווי לאנג האט געקענט געדויערן אזא יום־טובדיקע, טאנצנדיקע, מלא־שמחהדיקע שטימונג?

וואו זיינען די עקאנאמישע סתירות, וואס האבן עקזיסטירט פאר דעם, אבער וועלכע א רעוואלוציע אנטבלויזט און פארשארפט?

וואו די פארטייאישע סכסוכים און ריוואליטעט, דאס געיעג נאך מאכט?

וואו די קעגנאנאנדערס פון פאליטישן לעבן? וואו דער צוזאמענשטויס פון סאציאלע כוחות?! און וואס טוט מען מיט דער געפערלעכער ירושה, וואס דער צאר האט איבערגעלאזן? וואס טוט מען מיט דער מלחמה?, ווי ענדיקט מען זי? ווי טשעפעט מען זיך אפ פון אט־דער בלוטיקער אנשי־קעניש?

מיליוקאוו האט געוואלט, אז רוסלאנד זאל קריגן די דארדאנעלן און קאנסטאנטינאפאל, א היסטארישער אימפעריאליסטישער באגער פון אלע רוסלענדישע הערשער.

מיליוקאוו איז געווען פאר פארזעצן די מלחמה, דערפירן זי צום זיג; זי האט דאך שוין געהאלטן ביים אנהייב פון סוף; און עס האט זיך געפא־

דערט נאָך איין אָנשטרענג. מיליוקאָווס מיינונג איז ניט געווען קיין דעת־יחיד; דער גאַנצער קאַבינעט איז געווען מיט אים אין פולן הסכם.

וואָרעם וואָס איז געלעגן אין דעם, וואָס די געהאַרכזאַמע פערטע דומע האָט זיך צעבריקעט, האָט זיך צעבונטעוועט? וואָס האָט זי געטריבן צו נע־מען ריידן „על נבתקה" און אַזוי פאַררייסן מעיז־פּנים־זיין?

די טויטשרעק טאָמער פאַסירט, אַז שטורמער, דער פּרעמיער, דער דייטשוק, און אַלעקסאַנדראַ, די רוסישע קעניגין פון דייטשן אָפּשטאַם, וועלן חס־ושלום פאַרראַטן און שלום־מאַכן מיט ווילהעלמען און בזה האופן מאַכע פאַרשפּילן די צוגעזאָגטע און אַזוי לאַנג געגאַרטע דאַרדאַנעלן, אָט־דער פּחד האָט געמאַכט ראַדיזאַנקאָן, דעם פאַרזיצער פון דער דומע, אַ רייכער גוטבאַזיצער, עפענען דאָס מויל. דאָס האָט געצוואונגען פורישקעוויטשן און אַנדערע תכשיטים, געבראַטענע מאָנאַרכיסטן, אַרויסצוקומען מיט לשון.

לכן האָט דער „אויפשטאַנד" פון דער דומע באַטייט די פאָדערונג און פאַרזיכערונג, אַז דעם קריג וועט מען פאַרזעצן אומגעאַכט אויף דער אומגעהויער גרויסער צאָל קרבנות, וואָס אָט־דער מולך פרעסט אויף.

ווי האָט זיך געהאַלטן דער זעלנער, די אַרמיי אַלס אַ גרויע מאַסע פון איבערגעטאָנענע פּויערים, אויסער דעם דינעם שיכט פון אָפיצערן און גע־נעראַלן? פאַרוואָס איז זי אַזוי גערן צוגעשטאַנען און נאָכגעפאָלגט די רע־וואָלוציאָנערן פון דער פערטער דומע?

די זעלנער האָבן דערבײַ געהאַט לגמרי אַנדערע מחשבות.

דער זעלנער האָט ניט געוואָלט מער אַנגיין מיט דער מלחמה. ער האָט געזען באַשיינפערלעך, אַז זי איז פאַרשפּילט און פאַרלאָרן, פאַרקויפט און אָוועקגעשאָנקען.

וואָס האָט נעבעך קערענסקי געקענט טאָן מיט אָט־דער סתירה, מיט דעמדאָזיקן שרייענדיקן ווידערשפּרוך, וואָס איז געווען פאַרוועבט אין סאַמע געוואָנט פון דער רעוואָלוציע אין איר ערשטער סטאַדיע?

מיליוקאָוו, דער אויסערן־מיניסטער, און גוטשקאָוו, דער קריגס־מיניס־טער, האָבן זיך אײַנגעעקשנט און פאַרגליווערט געוואָרן אויף דעם לאָזונג: „קריג ביז זיג!"

וואָס איז געווען מיליוקאָווס סוף אַלס אויסערן־מיניסטער אין דעם קאַ־בינעט פון דער צײַטווייליקער רעגירונג?

ער האָט עס אויסגעדריקט אין אַ פראַזע, וואָס איז געוואָרן היסטאָריש, כאָטש גראַמאַטיקאַליש גרייזיק:

— נאָס אושלי!

פּשוט גערעדט: מ'האָט אונדז משלח געווען; מ'האָט אונדז פאַרטריבן.

איז וואָס האָט קערענסקי געקענט טאָן? ער האָט געקענט געברויכן דעם אויסדרוק פון נביא: „וואָס נאָך איז געווען צו טאָן פאַר מיין ווייַנגאָרטן און איך האָב אים ניט געטאָן?" (ישעיה ה', ד').

האָט ער איבערפאָרמולירט דעם לאָזונג: „קריג ביזן דעמאָקראַטישן פרידן".

וואו נעמט מען אָבער דעם פרידן, דעם דעמאָקראַטישן שלום אָן לאַנד־פאַרנעמונגען און אָן שאָדנבאַצאָלונגען? ווילהעלם האָט אַזאַ שלום ניט געוואָלט און די „אַנטאַנט" האָבן עס אויך ניט געוואָלט.

ביידע צדדים האָבן געפירט דעם קריג ביז זיג און פאַרנישטונג פון שונא.

איז ווי אַזוי האָט קערענסקי זיך געקענט אַרויספּלאָנטערן פון דעמדאָזיקן קנויל?

איבערהאַקן אַט־דעם קנויל? ניט בלויז אַלעקסאַנדער קערענסקי, נאָר אַפילו אַלעקסאַנדער מוקדון וואָלט עס ניט קענען באַוויזן.

שליסן אַ סעפּאַראַטן שלום? איינרייסן מיט די „אַליאַירטע" און מאַכן שלום? אויף וועלכע באַדינגונגען?

און רייסן מיט דער „אַנטאַנט" — גיי פּאַלג מיך אַ גאַנג!

אַלע זיינען געווען קעגן אַזאַ ריזיקאַלישן טראַט און די רעפּובליק איז נאָך געווען אַזוי יונג! נאָר־וואָס פון מאָנאַרכיסטישן איי זיך אַרויסגעפּיקט, און גיי פאַרפיר אַ מחלוקת מיט די „פאַראייניקטע מאַכטן".

קערענסקי, ווי די איבעריקע פון זיין פּאָליטישער געזינונג, איז געווען פאַר אַ דעמאָקראַטיע, דאָס מיינט דאָך פאַר אַ קאָאַליציע־רעגירונג פון איין אָדער אַן אַנדערן צוזאַמענשטעל. קיין קאָאַליציע אָן די קאַדעטן האָט ער זיך ניט געקענט פאָרשטעלן. און די קאַדעטן מיט מיליוקאָוון בראש זיינען געווען אויסגעשפּראָכן קעגן אַזאַ שלום. לויט זייער אויפפאַס איז די רעוואָלוציע געמאַכט געוואָרן בלויז צוליב איין הויפּט־זאַך און דאָס: אָנצוגיין ווייטער מיט דער מלחמה און זיגן, אַ זאַך, וואָס דער צאַר האָט ניט געקענט באַוויזן, און דערפאַר איז זיין רעזשים איינגעבראָכן.

קערענסקיס לאַגע איז נאָך פאַרשווערט געוואָרן פון דעם, וואָס ער האָט פּאָליטיש געדאַרפט קעמפן אויף צוויי פראָנטן. ער האָט געהאַט צוויי אָפּאָזיציעס.

בעת מיר האָבן אים שאַרף אַטאַקירט פון לינקס, האָבן אים די רעאַקציאָנערן מיט ניט ווייניקער שאַרפקייט אָנגעגריפן פון רעכטס. אַפילו אין די אויגן פון די קאַדעטן איז ער געווען אַ דאָרן.

באַגיין זיך אָן די קאַדעטן? איז וואו וואָלט זיין די „דעמאָקראַטיע"? דעמאָקראַטיע ווערט דאָך אויפגעפאַסט ווי אָן אָנפיר בשותפות מיט דעם מלוכה־אַפּאַראַט, ווי אַ מיטאַרבעטונג פון פאַרשיידענע קלאַסן; איז וויבאַלד ער, קערענסקי, ווי ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, פאַרטרעט דעם פּראָלעטאַריאַט און דאָס פּויערטום, דאַרף דאָך עמיצער פאַרטרעטן די בורזשואַזיע און דאָס קליינבירגערטום! און ווער איז פּאַסיקער צו טאָן עס ווי די קאַדעטן?!

עס איז ניט ריכטיק צו באַהויפּטן, אַז אַלץ, וואָס קערענסקין האָט אויסגעפעלט, איז ווילן און דערהויפּט אכזריות.

אים האָבן געפעלט אויך אַ סך אַנדערע זאַכן און דערהויפּט טאַקע די אָביעקטיווע באַדינגונגען.

דאָס ערגסטע אין זיין לאַגע איז געווען דאָס, וואָס ער האָט ניט געהאַט אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן, אויף וועמען זיך אָנצולענען.

אמת, ער איז געווען אין די ערשטע פּאָר חדשים פון דער רעוואָלוציע כמעט ווי פאַרגעטערט פון אַ גרויסן טייל פון דער באַפעלקערונג. מע האָט אַרומגעטראָגן זיין פּאָרטרעט אין די גאַסן מיט רעליגיעזן עקסטאַז בעת דע־מאָנסטראַציעס.

אָבער באַגייסטערונג קילט זיך בטבע אָפּ. ווי לאַנג קען עס אָנהאַלטן!

אויף וועמען האָט ער געקענט זיך אָנשפּאַרן און וויסן מיט זיכערקייט, אַז ער שפּאַרט זיך ניט אָן אויף אַ צעבראָכענעם שטעקן!

ווער וואָלט קומען צו זיין הילף אין אַן עת צרה?

די עת־צרה איז געווען די גאַנצע צייט פון אָנפאַנג פון דער רעוואָלוציע.

די פּויערים זיינען געווען צעברוגזט מיט אים פאַר זיין ניט דערלאָזן צו פאַרכאַפּן די פּריצישע גיטער און נחלאות.

ווייטער: בשעת אַ רעוואָלוציע, אין סאַמע ברען אירן, מוזן די פּויערים, הגם זיי זיינען דער רוב מנין און רוב בנין פון רוסישן פאָלק, שפּילן אַן אונ־טערגעאָרדנטע ראָלע מחמת דעם, וואָס זייער פּאָליטישע חשיבות ווערט צע־קרושלט אונטערן שווערן האַמער פון שטח, איבער וועלכן זיי זיינען צע־שפּרייט.

בשעת אַ רעוואָלוציע ווערן די קאָמוניקאַציע־ליניעס צעריסן און ממילא ווערט דער מרחק פאַרהעלטענישמעסיק נאָך לענגער, אויסגעצויגענער, די ישובים פון די פּויערים נאָך דיסטאַנצירטער און אָפּגעטיילטער איינער פון אַנדערן, און אָט־די צעוואָרפנקייט, צעזייטקייט זייערע דערשטיקט יעדע פּאָ־ליטישע וויכטיקע אַקציע אין וואָרצל. די פּויערים־איניציאַטיווע ווערט רע־דוצירט באַענט צו נול.

אַ רעוואָלוציע איז בעיקר אַ פּאָליטישע דערשיינונג און די גרויסע שטעט שפּילן אין איר די הויפּטראָלע. די זאַך איז אַזוי.

צייט און אָרט זיינען בשעת אַ רעוואָלוציע טייערער פון גאָלד; עס פּאָ־דערט זיך אַ גרויסע מדרגה פון כוחות־קאָנצענטראַציע.

וואָס פּאַריז איז געווען פאַר דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, דאָס זיי־נען פּעטראָגראַד און מאָסקווע געווען פאַר דער רוסישער.

און אין דעם, טאַקע אין דעם, וואָס זייער אָנהענגערשאַפט האָבן די ס. ר. געהאַט אין די דערפער, איז געלעגן די שוואַכקייט פון די ס. ר.־פּאַר־טייען סיי רעכטע און סיי לינקע.

און קערענסקי האָט זיך נאָך געפונען אין אַן ערגערער לאַגע. ניט נאָר קיין קלאַס האָט ער ניט געהאַט, אַ קלאַס, אויף וועמען ער וואָלט קענען זיך פאַרלאָזן; ער האָט אַפילו קיין פּאַרטיי ניט געהאַט הינטער זיך. ער איז גע־ווען אַ חצי ס.ר. און חצי „טרודאָוויק", אַ מיטגליד פון אַ מעסיקער „אַרבעט־גרופּירונג".

מען זאָגט: ער האָט געדאַרפט דערקלערן אַ מיליטערישע דיקטאַטור.

אַ געוועזענער ס.ר.ישער טעראָריסט, אַביסל אַן אַוואַנטיוריסט, דער באַ־

קאנטער סאָווינקאָוו, איז געווען איינער פון יענע, וואָס האָט דער ערשטער אויפגעהויבן די פראַגע וועגן אַ דיקטאַטור; ער האָט זי געוואָלט עטאַבלירן און מסתמא געהאַט אין זינען זיך אַלס דיקטאַטאָר [די באָלשעוויקעס האָבן שפּעטער־צו דורך אַן אַגענט־פּראָוואָקאַטאָר אים אַריינגעשמוגלט, קלאָמ־פּערשט, אין סאָוויעט־רוסלאַנד, האָבן אים אַרעסטירט און פאַרשפּאַרט אין בוטירקע און דאָ אים געפּטרט און זיין טויט דערקלערט פאַר אַן אַקט פון זעלבסטמאָרד].

דיקטאַטור — אין נאָמען פון וואָס? אין נאָמען פון פרייהייט וואָלט געווען אַ צו גרילצנדיקער דיסאָנאַנס. און קיינער וואָלט עס ניט אויפגענומען. וועלכע דיקטאַטור? אַ דעמאָקראַטישע? דאָס איז אַ פייערדיק וואַסער אָדער אַ וואַסערדיק פייער, אַ מין וואַרעמער פראָסט, אַ שאַרפע קאָנטראַדיקציע אין טערמינען.

ס׳איז גרינגער צו מאַכן אַן אויוון פון פּוטער און באַקן אין אים פּוסטע „פּאַרטיפּעטע“ טעאָריעס, איידער דורכצוזעצן אַזאַ מין מאָדנע אונטערנעמונג אין דער ערשטער פאַזע פון אַ רעוואָלוציע, ווען די מאַסן זיינען נאָך געווען פול מיט דרייסט און אויפברויז.

דיקטאַטור פון אַ קלאַס? פון וועלכן קלאַס? פון פּראָלעטאַריאַט? — וואָלט דאָך עס געווען באָלשעוויזם, קעגן וואָס קערענסקי האָט געקעמפט!

אויסער דעם האָט דאָך דער באָלשעוויזם, אין דער פּערזאָן פון לענינען, געגרייט זיך צו דעם, באַאַרבעט די מוחות, געשאַפן אַ טעאָריע, וואָס פאַר־ניינט לחלוטין די דעמאָקראַטיע און שיער ניט דעם שטאַט. לענין האָט דאָך רעקרוטירט און טרענירט קאַדרען פון „פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן“, פון וועמען מיליוקאָוו פלעגט חוזק־מאַכן...

ווייטער: באָלשעוויזם שטיצט זיך אויף אַ נייעם אויפקומענדיקן קלאַס; באָלשעוויזם פאַרזיסט צו אַ געוויסער מאָס אָדער, לכל הפחות פאַררעדט, די ביטערקייט פון דער דיקטאַטור מיט דעם סאַכאַרין פון אַ סאָציאַלן גן־עדן, וואָס ער גייט איינפירן בעגלא ובזמן קריב, היינט־מאָרגן, ניט אָפּגעלייגט אין דער לאַנגער באַנק.

וועלכע דיקטאַטור האָט קערענסקי געקענט דערקלערן אַלס אַ קעגן־כוח צו ווידערשטיין דעם אָנגריף פון די באָלשעוויקעס און לענינען?

אַ מיליטערישע און אַ פּערזענלעכע. אָבער צו דעם האָט זיך געפאָדערט, אַז ער זאָל אַליין זיין אַ גענעראַל און האָבן הינטער זיך אַ לאָיאַלע אַרמיי, אָדער קריגן אַ גענעראַל, אויף וועמען ער זאָל זיך קענען פאַרלאָזן... ניט מורא האָבן, אַז יענער וועט פאַרקירעווען צוריק אין צאַרסקאָיע סעלאָ, אין צאַרס פּאַלאַץ, און וועט אים, קערענסקין, דעם ערשטן אַריבערטראַנספּאָרטירן אַהין, פון וואַנעט קיינער קומט ניט צוריק.

אַ פּערזענלעכע דיקטאַטור!

אַפילו לענין האָט עס ניט געוואָגט צו טאָן און וואָלט עס באַין אופן ניט געקענט דורכפירן. פאַר יאָרן האָבן מיר געהאַט אין סאָוויעט־רוסלאַנד אַ „דיקטאַטור פון אַ פּאַרטיי“, פון דער עליטע פון דער פּאַרטיי, אָבער ניט

קיין איין־פּערזאָן־דיקטאַטור. דאָס האָט בלויז באַוויזן צו טאָן דער אינטריגאַנט און רוצח סטאַלין.

נאַפּאָלעאָן (1769־1821) איז געווען אַ זעלנער און זייער אַ באַגאַבטער מיליטערמאַן. דורך זיין אַרמיי איז ער געקומען צום טראָן — און קיינער איז אים זיין סוף ניט מקנא. קראָמוועל (1599־1658) האָט טאַקע אָנגעהויבן זיין קאַריערע דורך באַשאַפן אַן אַרמיי, „די אייזערנע זייטן“, און האָט גוט צעבראָכן די זייטן פון די „קאַוואַלערן“.

די צוויי זיינען געווען מיליטערישע טאַלאַנטן און אפשר זשעניען.

קערענסקי האָט אָבער אָנגעהויבן זיין קאַריערע מיט רעדעס אין דער דומע.

ווען קערענסקי איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער „צייטווייליקער רעגירונג“, האָבן מיר אים באַקעמפט, אַרויסגעטראָגן קעגן אים רעזאָלוציעס אויף ריזיקע מאַסן־פאַרזאַמלונגען; מיר האָבן אים באַקעמפט ווי איינעם, וואָס האָט זיך אַוועקגעשטעלט קעגן אַ מעכטיקן שטראָם און האָט געמיינט, אַז ער וועט אים אָפּשטעלן, בעת מיר זיינען געווען זיכער, אַז ער וועט אים און צענדליקער ווי ער אָפּשווענקען.

און ער איז אָפּגעשווענקט געוואָרן. ער האָט זיך פאַרמאָסטן קעגן אַ סטיכישער קראַפט, וואָס קיין כוח אין דער סאָציאַלער וועלט האָט ניט געקענט אָפּשטעלן.

ד.

דע פּראָפונדיס

די געפענגעניש אין יענער צייט איז געווען מערקווערטיק מיט דעם, וואָס זי האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ קווערשניט פון דער גאַנצער רוסלענדישער פּאָליטישער געזעלשאַפט. אַלע פּאַרטייען זיינען דאָ, אין בוטירקע, אין אַט־דער מיניאַטור־געזעלשאַפט, געווען גאַנץ גוט פאַרטראָטן. דאָ זיינען געווען כומרים, גלחים, פאַרשטייערס פון די פאַרשיידענע סעקטאַנטן און אויך אַטעאיסטן. צאַלרייכער פון אַלע איבעריקע פּאַרטייען זיינען געווען די ס. ר. רעכטע און לינקע. עס האָבן ניט געפעלט קיין קאָמוניסטן, וואָס האָבן זיך פאַרזינדיקט; אין מערסטע פאַלן זיינען דאָס געווען איינפאַכע פאַרברעכער; מע האָט זיי געכאַפּט ביי גניבות אָדער אַנדערע שווינדלערייען, אָדער געלט־אויספּרעסונגען אָדער כאַבאַר־נעמעריי, אָדער זשוליקעריי, הולטאַיסטווע, מיסברויכונגען מיט זייער פּריווילעגירטער פּאָזיציע. די געפענגעניש־אַדמיניסטראַציע האָט זיך פאַרהאַלטן צו זיי זייער שטרענג, פיל האַרבער ווי צו אונדז, מיטגלידער פון די אָפּאָזיציע־ריכטונגען.

זיצנדיק אין געפענגעניש און קומענדיק אין באַרירונג, הויפּטזעכלעך אויף די שפּאַציר־גאַנגען, מיט פאַרטרעטער פון אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען, האָב איך געמאַכט אָט־די אָבזערוואַציע.

די געבילדעטסטע און צירלעך־מאַנירלעכסטע צווישן אַלע אַרעסטירטע זיינען געווען, אָן קיין צווייפל, די קאַדעטן, די מיטגלידער פון דער ליבע־ראַלער פּאַרטיי. נאָך זיי זיינען געקומען די רעכטע ס. ר., זיי זיינען געווען גאַנץ באַלעבאַטיש אַנגעצויגן ביי זיך, אויב ניט פּאַרריסן. אַ טייל פון זיי האָט געקראָגן הויכע בילדונג, אַלגעמיינע צי פּראָפעסיאָנעלע. נאָך זיי קומען די לינקע ס.ר.; די לעצטע און אַרעמסטע אין פיל הינזיכטן הן בנוגע פאַרמע־לער בילדונג, הן בנוגע האַלטן־זיך, זיינען געווען די אַנאַרכיסטן.

הפנים וואָס נידעריקער דער מענטש איז סיטואירט, וואָס נידעריקער ער שטייט אויף דער סאָציאַלער לייטער, אַלץ העכער שטרעבט ער, מיט אַלץ מער אימפּעט רייסט ער זיך אַרויפצו צו דער זון פון יושר; וואָס טיפער דער וואָרצל פון דער מענטשלעכער פלאַנץ איז פאַרזונקען אין באָדן פון נויט, אַלץ העכער קלעטערט דער צווייג און שטאַם אין די הימלען פון אידעאַל. ווי עס ווייזט אויס איז עס אַ פאַל פון אַ רוף דע־פּראָפונדיס, ממעמקים קראתיך, פון דער טיפעניש פון ליידן, פאַרטריבנקייט, פאַראַרעמטקייט, באַ־עוולהטקייט עקאָנאָמיש, עדוקאַטיוו און פּאָליטיש, שרייט די מענטשלעכע נשמה און פאַררייסט דעם קאָפּ און די אויגן און פלייסט זיך צו דערזען דעם שטערן פון אויסלייזונג, וואָס פינקלט אין דער קעגנגעזעצטער טיף, וואָס מיינט הויך. נידער און הויך באַלאַנסירן זיך אויס קעגנזייטיק מיט זייערע חשבונות.

אַלע זונטיק פלעגט די קאָמענדאַטור, פּשוטער: טאָוואַרישטש זאַכאַרין, מיר געבן אַ דערלויבעניש צו באַזוכן אויף אַ פּאָר שעה די אַלגעמיינע אַנאַר־כיסטישע קאַמערע, וואו כמעט אַלע חברים זיינען געזעסן צוזאַמען. עס זיינען געווען אויך סאָליטאַריסטן (אַדינאַטשקע), אָבער זייער ווייניק אין צאָל. אויף די עטלעכע שעה זונטיק פלעגט מען אַריינלאָזן אויך די אַליין־צעל־זיצערס.

וואָס האָב איך דאָרט געטאָן זונטיק? איך פלעג האַלטן אַ פאַרטראַג וועגן דעם מהות פון אַנאַרכיזם, פינקטלעכער וועגן א י נ ט ע ר א י נ ד י ווי־ד ו אַ ל י ז ם. איך האָב זיך הויפּטזעכלעך אָפּגעגעבן מיט דער פראַגע וועגן דער קלאַסן־סטרוקטור און „טיפן“־געבוי פון דער ציוויליזירטער געזעלשאַפט. איך האָב אייגנטלעך פאַרגעלייענט קאַפּיטלעך פון מיין בוך „אינטעראינדי־ווידואַליזם“, וואָס איך האָב אין יענע יאָרן געהאַלטן אין פאַרענדיקן.

און דאָ האָב איך ווידער באַמערקט עפּעס, וואָס האָט מיך ניט שאָקירט, אָבער דאָך געמאַכט זיך פאַרטראַכטן און איבערטראַכטן.

ס׳רוב פון די אַרעסטירטע, די מערסטע פון זיי, האָט מען „צוזאַמענגע־טריבן“ פון דער פּראָווינץ, פון פאַרשיידענע שטעט און געגנטן פון די „ראַ־סייעס“. זיי האָבן געהאַט אַ קנאַפּע טעאָרעטישע פאַרשטענדעניש פון אַנאַר־כיזם און דאָך זיינען זיי געווען אַזוי איבערגעבן דעם אידעאַל און לערע, אַז זיי וואָלטן גיין פאַר אים אין פייער און אין וואַסער, זיך מוסר־נפש זיין, אין איינפאַכן פשט פון וואָרט. ווי עס זעט אויס האָבן די צוויי זאַכן, אינטעלעק־טועלער באַנעם פון אַן ענין און עמאָציאָנעלע ליידנשאַפטלעכע פאַראינטע־רעסירטקייט אין אים, נישט קיין אומבאַדינגלעכע פאַרבינדונג. אַמאָל אפשר

גאַר פאַרקערט: די אינטעלעקטועלע טיפּע אויפפאַסונג קען זיין אַ שטער. עס איז שווער צו גיין אויף קידוש־השם פאַר אַ קאַפּזאַך. בפרט נאָך מער צוליב דעם, וואָס אַ דאָקטרינע לאָזט זיך טייטשן, בייגן, קנעטן און צופּאַסן צו די אומשטענדן און, ממילא, גיט זי אַ מעגלעכקייט צו געפינען אַן אויסרייד זיך אַרויסצומאַכן פון אַ נסיון.

איינער קען זיין שטאַרק פאַרליבט אין אַ פרוי און דאָך ניט זיין באַ־האוונט טעאָרעטיש אין סעקסאָלאָגיע און עראָטאָלאָגיע. דאָס אייגענע איז ריכטיק בנוגע אַן אידעאַל.

איך האָב איינמאָל געפרעגט מיין פריינט און חבר אַלעקסיי אַלעקסיי־איטש באָראָוואָי, ווי אַזוי ער איז געקומען צו דער אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטי־שער באַזיונג. און ער האָט מיר געענטפערט בזה הלשון:

„עס איז געווען אַ שיינער טאָג. די ערד און די לופט זיינען געווען פאַר־פלייצט מיט ליכט און איך האָב שפּאַצירט אַליין אין וואַלד צווישן די ביי־מער. געווען איז עס אין מיינע עמיגראַציע־יאָרן אין פראַנקרייך, ווען איך בין אַנטלאָפן פון צאַר און זיין בילדונגס־מיניסטער קאַסאָ, אונטער וועמענס השגחה איך האָב געלערנט די יוגנט, געווען פּראָפעסאָר אין מאָסקווער אוני־ווערסיטעט. ערשט דעמאָלט, שפּאַצירנדיק אין זונשיין, האָב איך תופס געווען, אַז די אַנאַרכיסטן זיינען גערעכט און ניט די שטאַט־סאָציאַליסטן".

אויב צו אים, אַ פּראָפעסאָר פון עקאָנאָמישער און פּאָליטישער וויסנ־שאַפט, האָט זיך „אַנאַרכיע" אַנטפּלעקט אין דעם שיין פון דער זון און אין דער גרינקייט פון די פעלדער און דער באַוועגלעכקייט־לעבעדיקייט פון די ביימער, מעג זי זיך דאָך באַווייזן אין איר גאָר פּשוטער נאַקעטער געשטאַלט צו פּשוטע מענטשן. זיי קענען זיך באַגיין אָן גריכישער טערמינאָלאָגיע און אָן וויסנשאַפטלעכן זשאַרגאָן און דאָך באַנעמען אַנאַרכיזם אויף זייער איי־גענעם שטייגער.

די זאַך איז אַלף־ביתיש. זיי האָבן געגאַרט נאָך פרייהייט. איינמאָל פּטור געוואָרן פון צאַרישן יאָך, האָבן זיי ניט געוואָלט אַרויפנעמען אויף זייערע אַקסלען אַ נייעם עול פון קאָמיסאַרן.

צו זאָגן דעם אמת, זיי האָבן זיך געחידושט, וואָס וועגן אַזאַ פּשוטן ענין ווי אַנאַרכיזם קען מען אַזוי פיל ריידן און שרייבן. זיי זיינען געווען געניייגט צו נעמען דאָס רוסיש ווערטל פּשוטו כמשמעו: אויף וואָס טויג די פיזיק, נעם עס אַן פאַרן עק און צי עס אַרויס!

ה.

מיינע דינע געלענקן

די לינקע ס. ר. האָבן געהאַט די „פּריווילעגיע" אַרומצוטראָגן דעם גרויסן קעסל מיט געקעכטס, וואָס מ'האָט צוגעגרייט פאַר אונדז אין געפענגעניש־קיך. זיי זיינען געווען די דיסטריבוטירער. פאַרשטייט זיך, אַז זיי זיינען גע־ווען באַגלייט פון באַוואָפנטע שומרים.

די שפּייז אין בוטירקע, נעמענדיק אין באַטראַכט די לאַגע אין לאַנד און דעם צרהדיקן פּראָוויזיע־מצב אין שטאַט, איז ניט געווען איבעריקס שלעכט; מ׳האָט זי בשעת הדחק, און קיין אַנדער ברירה האָבן מיר דאָך ניט געהאַט, געקענט עסן און שיער ניט הנאה האָבן פון די „מאכלים״... פיל פון אונדז פלעגן קריגן צוגעשיקט פּעקלעך. אָבער זיי אַליין האָבן אונדז ביים לעבן ניט געקענט דערהאַלטן. אונדזער הויפּט־מחיה איז געקומען פון דער בוטירקע־קיך.

די ס. ר. פלעגן אַרומטראָגן דעם קעסל צו צעבער, ווייל ער איז געווען אַ הילצערנער גרויסער בית־קיבול אָנגעפילט מיט זופּ אָדער מיט קאַשע. מיט אַ גרויסן קאָכלעפל פלעגט מען אָנשעפּן און אויסטיילן אונדז די פּאָרציעס אין די שיסעלעך, וואָס מיר האָבן געהאַט יעדער איינער אין זיין צעל.

בקיצור, איינמאָל האָבן אָט־די דיסטריבוטאָרס אויסגענוצט זייער שלי־חות צו גיין אין קיך און פון קיך, האָבן אַנטוואָפנט זייערע שמירה־לייט און האָבן אַפּגעצויגן.

פון דער פּליטה־מעשה איז זאַכאַרין געוואָרן צערודערט. די ערשטע זאַך, וואָס ער האָט געטאָן, איז צונעמען ביי אונדז אונדזערע זכיות פון אַרומצו־גיין פריי איבערן קאָרידאָר אַ גאַנצן טאָג. איך האָב אָבער ניט געוואָלט אָנ־נעמען די נייע גזירה, די באַגרענעצונג פון אונדזער באַוועגונגס־רעכט, און איך בין אַוועק אויף אַ באַזוך צו פריינט מאַראַזאָוו און זיך דאָרט פאַרזעסן.

דערווייל איז אָנגעקומען עפּעס אַן אָנשיקעניש, אַן אינספּעקטאָר פון די תפיסות.

זאַכאַרין, ווייסנדיק אַז איך בין ביי מאַראַזאָוון, האָט געשיקט אַ שליסל־טראָגער, אַ שומר, מיר זאָגן, אַז איך זאָל גיין צוריק אין מיין צימער, וואָס מע גייט האַלטן פאַרשלאָסן פון היינט אָן אי בייטאָג און אי ביי דער נאַכט. מיינער האָט זיך ניט געאיילט; געבליבן זיצן און באַשמועסן און באַטראַכטן די עטאַפּן פון דער רוסישער באַפרייאונגס־באַוועגונג. אונדזער פּריווילעגיע פון ניט זיין הינטער שלאָס בייטאָג איז ניט געווען קיין סאַנקציאָנירטע פריי־הייט, נייערט בלויז אַ מנהג. איך האָב געהאַלטן, אַז אַ מנהג ברעכט אַ דין.

דער סוף איז געווען, אַז זאַכאַרין, מיט אַ גאַנצער קאַפּעטע וואַכלייט און שליסללייט זיינען אַריין אין „מאַראַזאָווס קלוב״ און האָבן מיך איבערגע־וואַלד אַוועקגעפירט און געבראַכט אין מיין צימער. איך האָב פּראָטעסטירט אויף די גאָר הויכע טענער. זאַכאַרין האָט אויך געוואַלדעוועט. איך האָב ניט געלאָזן פאַרשליסן די טיר; איך האָב געדראָט, אַז איך וועל אַלץ צע־ברעכן און צעשטעכן, וואָס נאָר עס געפינט זיך אין מיין צעל. זאַכאַרין איז אַרויס פון די כלים און געהייסן ברענגען הענטקייטן און מיך שמידן. מע האָט געבראַכט די נאַרוטשניקעס. מע האָט זיי מיר אָנגעטאָן, אָבער מיינע געלענקן זיינען געווען צו דין און ווי איך האָב אַ שאָקל געטאָן מיט די הענט, אַזוי זיינען די קייטן אַראָפּגעפאַלן. די שומרים און אויך זאַכאַרין, אין מיטן פון זיין צאָרענען, האָבן זיך פונאַנדערגעלאַכט. קריגן קייטן, וואָס זאָלן זיך פּאַסן פאַר מיינע הענטלעך, איז ניט געווען וואו. מע האָט זיי באַדאַרפט ספּעציעל אויסשמידן פאַר מיר. און דאָס איז געווען „פּאַלג מיך אַ גאַנג״;

געווען פאַרבונדן מיט צופיל שווערקייטן און הוצאות. און דערווייל איז דער כעס איבערגעגאַנגען אי ביי זאַכאַרינען און אי ביי מיר.

אַז מיר האָבן זיך ביידע באַרואיקט און זאַכאַרין האָט אָוועקגעשיקט די שמירה און מיין צימער איז דערווייל געבליבן אומפאַרשלאָסן, האָט ער זיך צוגעזעצט און אַרומגעקוקט זיך, וואָס עס טוט זיך ביי מיר אין צימער. ער האָט מיך געמאַכט אויפמערקזאַם, אַז עס איז ניט דערלויבט צו געברויכן דאָס עלעקטרישע אייוועלע. ער וועט עס ניט קאָנפיסקירן, אָבער אָפן זאָל איך עס ניט האַלטן. ווייל פון צייט צו צייט גייט דורך אַן אינספּעקציע־קאָמיסיע געשיקט פון טשעקאַ. ער האָט דערזען, אַז אויפן פענצטער ביי מיר איז געלעגן אַ גאַנצער פונט פּוטער, וואָס די חברים פון דער פּריי האָבן צו־געשיקט פאַר מיר. זינאַאידאַ סטעפּאַנאָוונאַ וואָראָנינאַ פלעגט קומען יעדן צווייטן טאָג און איבערגעבן אין קאַנטאָר פון געפענגעניש אַ פּעקל עסנ־וואַרג פאַר מיר.

ער רופט זיך אָפּ:

— אַפילו ביי לעניגען קען מען עס ניט געפינען...

— איז וואָס באַווייזט עס? — האָב איך זיך אָפּגערופן, — אַז ער האָט ניט גענוג פּריינט צווישן די פּויערים, אַניט וואָלטן זיי אים צוגעשיקט אַ מתנה פּוטער.

אַ פּ אָ ס ט ־ ס ק ר י פּ ט ו ם. אַז מאַראַזאָוו האָט זיך איבערצייגט, אַז די ס.ר.־פּאַרטיי איז פאַרלאָרן און מיט איר צוזאַמען איז רוסלאַנד קאַ־פּוט, האָט ער, אַט־דער לעבנסלוסטיקער אָפּטימיסט, זיך איבערגעשניטן דעם האַלדז מיט אַ ראַזיר־מעסערל און איז געשטאָרבן.

ו.

די מאַקסימאַליסטן

די מאַקסימאַליסטן האָבן געהאַט אַ קליינע קאַמערע פאַר זיך. קיין גרוי־סע צאָל זייערע איז אין געפענגעניש ניט געווען. איך האָב זיך מיט זיי פאַראינטערעסירט. ערשטנס דערפאַר, וואָס זיי האַלטן זיך ווי זיי וואָלטן געווען שוועסטערקינדער אָדער ערשטע קוזינען פון די אַנאַרכיסטן; צווייטנס, זיי איז מיר געווען לייכט צו באַאָבאַכטן און מאַכן פון זיי אַ סטודיע אַדאַנק זייער קליינער כמות. בסך־הכל פינף פאַרשוינען. צוויי פון זייעריקע זיינען געווען איינפאַכע בעקער, דער דריטער איז אויך געווען אַן אַרבעטער, אָבער ער האָט געהאַט אַן עמיגראַנטן־סטאַזש, געווען אין אַמעריקע; ער איז געווען אַן אַנגעלייענטער און אַ מענטש, וואָס האָט געזען די וועלט, דורכגערייזט דעם ים אַהין און צוריק. דער פערטער איז געווען אַ האַלבער אינטעליגענט. ער איז געווען אַ שטיקל שרייבער. ער האָט אָנגעשריבן אַ פּאָר אַרטיקלען פון דעם מין, וואָס ענדיקן זיך אַלעמאָל מיט אַ „נידער מיט" און אַן „עס לעבע". דער פינפטער איז געווען דער טעאָרעטיקער און דער מחבר פון אַ ביכל,

וואָס דערקלערט טעאָרעטיש דעם מהות פון מאַקסימאַליזם. ער האָט אָנגע־שריבן די געשיכטע פון מאַקסימאַליזם. ער פלעגט מיט די איבעריקע זיך ניט חברן, כאָטש ער איז געזעסן מיט זיי אין איין קאַמערע.

די צוויי בעקערס האָבן געטראָגן לאַנגע מוזשיצקע בלאָנדע בערד, וואָס האָבן זיך געצייגט צום רויטלעכן קאָליר. זיי זיינען געווען ברייט, שיער ניט תחום־שבתדיק אין די אַקסלען. זיי האָבן שווער געטראָטן אין זייערע הויכע שטיוול. גערעדט האָבן זיי הויך, זייער רוסיש לשון האַלב פויעריש־דאָרפיש, האַלב־שטאָטיש־אַרבעטאַריש. זיי זיינען געקומען אַזש פון סאַמאַרע.

מיט דעם אַרבעטער־בעקער, וואָס איז געווען אין עמיגראַציע, פלעג איך זייער אָפט אַרומגיין אויף „פּראָגולקע", שפּאַצירגאַנג.

די מאַקסימאַליסטן האָבן מיך אינטריגירט: איך האָב אין זיי געזען די מאָוימדיקע גבורה פון אַן אידייע, וואָס איז שטאַרקער פון דערווירקלעכקייט. ווי העגל פלעגט זיך אויסדריקן: אַ כפּרה די פאַקטן, אויב זיי זיינען ניט אין הסכם מיט מיינע טעאָריעס.

טעאָרעטיש איז ביי זיי איינער פון די הויפּט־עיקרים אין פּראָגראַם דאָס אָפּשאַפן די קלאַסן און איינפירן גלייכהייט. און אין דער זעלבער צייט פּראַקטיש האָבן זיי, אין זייער קליינער גרופּע, וואָס האָט זיך געפונען אין איין קאַמערע, געהאַט דריי קלאַסן אויסגעבולטע. און יעדער קלאַס האָט זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט און זיך באַצויגן אַביסל אַנטאַגאָניסטיש הן לגבי די העכערע און הן לגבי די נידעריקערע.

די צוויי פּראָסטע פויעריש־אויסקוקנדיקע בעקערס האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען אָפּגעשיידט פון די איבעריקע מיט אַ מחיצה פון פאַרדאַכט, מיס־טרויען און גלאַט אַנטאַגאָניזם.

דער אַרבעטער, וואָס אין געווען אין אַמעריקע, האָט געקוקט אויף די גרויע רויע פויערים פון אויבנאַראָפּ. ער האָט זיך מיט זיי ניט געחברט; ער האָט געטורעמט איבער זיי. וועגן האַלבן אינטעליגענט איז דאָך גאָר אָפּ־גערעדט. ער האָט אין זייער זייט ניט געוואָלט קוקן. ער איז אַרומגעגאַנגען אין זייער קעגנוואַרט אַמאָל ווי אויף שטאָלצעס, אַמאָל אָנגעבלאָזן ווי אַ פּאַווע מיט אירע קאָלירפולע פּעדערן און אויסגעשפּרייטן פּילפּאַרביקן עק. ער האָט בשום אופן, אויף קיין איין מינוט, ניט געקענט פאַרגעסן, אַז ער קען האַלטן אַ פּען אין האַנט און זיי בלויז אַ לאָפּעטע און אַ פאַמעלע. און וועגן אמתן אינטעליגענט, וואָס האָט אָנגעשריבן אַ ביכל, אין וועלכן ער „באַגרינדעט" קלאָמפּערשט די טעאָריע פון מאַקסימאַליזם, וואָס איז געווען אַ לינקער אָפּצווייג פון ס.ר.יזם, איז דאָך שוין גאָר אָפּגערעדט; ער האָט זיך געהאַלטן אויף אַ ווייטער דיסטאַנץ פון זיי אַלעמען. ער — אַ קאַנאָנעץ־גראַנאַט צווישן שרעטלעך.

איך האָב זיך צוגעקוקט צו אָט־דעם פּינפּלינג און ביי זיך געטראַכט: אַזוי בלינד מאַכן אַ מענטשן, ווי אַן אַנגענומענע דאָגמע מאַכט דעם דאָג־מאַטיקער בלינד צו זיין אַרום, צו דער ווירקלעכקייט אין אים און אַרום אים, — דאָס קען קיינער ניט באַווייזן.

און מיינע אָבזערוואַציע־באַמערקונגען זיינען חל אויף אַלע פּאָליטישע ראַדיקאַל־רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען אין רוסלאַנד. זיי זיינען אַלע געווען געבויט אויף אַ צענטראַליסטישן יעראַרכיע־פּרינציפּ. אויף דעם העכסטן שטאַפּל זיינען געשטאַנען די צענטראַל־קאָמיטעט־מיטגלידער, די „צעקאַני־קעס״, ווי מ׳האָט זיי גערופן ביי די ראשי־תיבות. אונטער זיי, מיט אַ טרעפּל נידעריקער, זיינען געשטאַנען די ראַיאָן־קאָמיטעט־מענטשן, שטאָט־קאָמיטעט־מענטשן און אַזוי ווייטער אַראָפּ און אַראָפּ, ביז עס איז דערגאַנגען צו דער גרויער רויער מאַסע פון פשוטע מיטגלידער. יעדער האָט זיך געריסן אַרויף, צום שפּיץ, זיך געוואָלט אויסצייכענען, ניט זיין, גאָט באַהיט, גלייך צו אַלע־מען. די סאַמע סטרוקטור פון די פּאַרטייען, דער עצם געבוי זייערער, האָט געטראָגן אין זיך די זוימען פון אַ נייער אַריסטאָקראַטיע. און ווען איינע פון די אַזוי טראַסנוויז געבויטע פּאַרטייען האָט זיך דערשלאָגן צו מאַכט, גע־וואָרן אידענטיפיצירט מיט דער רעגירונג אין לאַנד, האָט זי בלויז געדאַרפט צוגעבן דעם טש. און עס איז געוואָרן טשעקאַ, — און דער דעספּאָטיזם איז געווען פּערפעקט. ער איז אָנגעקומען אַ פּרעפּאַבריצירטער.

איצטער, אַז מיר נעמען דעם צווייטן עקסטרעם, דעם אַנאַרכיסטישן, וואָס איז ניט גורס קיין פעסטגעשטעלטע אָרגאַניזאַציע, וואָס ער דערלויבט ניט קיין אָרגאַנישן געבוי מיט אַ קאָפּ און אַ געהירן און אין געהירן אַ מאַרך, דעמאָלט באַקומט זיך אַזאַ לאַגע: די גלידער, די מיטגלידער, זיינען ניט קאָ־אָרדינירט ווי געהעריק; עס פעלט זיי דיסציפּלין, צוזאַמענגענומענקייט, סיס־טעמאַטישקייט. זיי זיינען אייגנטלעך אַן אַמאָרפישע מאַסע, וואָס קען ניט רירן מיט קיין אבר. אַזוי אַז עס איז שווער דורכצופירן אויף אַ פּלאַ־נירטן וועג וועלכע־עס־איז אונטערנעמונג אין אַ געגנט באַשטימטן אָרט און אין אַ פּינקטלעך פעסטגעשטעלטער צייט. ווי לויז און פרייהייטלעך די מאָס־קווער „פעדעראַציע פון אַנאַרכיסטישע גרופּן״ איז ניט געווען, איז זי נאָך אַלץ געווען אַ דאָרן אין אַנדערע אַנאַרכיסטישע אויגן, איבערהויפּט ביי די פּעטראָגראַדער חברים, וואָס זיינען געווען מער בונטאַריש־ברויזנדיק און שוימענדיק, און זיי האָבן אונדז, די „פּירערס״ פון דער „פעדעראַציע״, באַ־טיטלט ווי „די מאָסקווער גענעראַלן״. מיר זיינען שוין איינמאָל „גענעראַלן״, מישטיינס געזאָגט; יעדע גרופּע האָט געטאָן, וואָס זי האָט געוואָלט און ווי אַזוי זי האָט געוואָלט און ווען זי האָט געוואָלט. זיי האָבן בלויז אָנגעהאַלטן אַ קאָנטאַקט צווישן זיך דורך אָפּטע אַלגעמיינע באַראַטונגען. דאָס אייגענע איז ריכטיק בנוגע יעדן מיטגליד אין דער גרופּע. זיי זיינען געווען אויטאָנאָמישע פּערזאָנען. און דאָס האָט ניט געאַרבעט ווי באַדאַרף צו זיין. מע האָט אונדז אַזוי לייכט אַנטוואָפנט און צעבראָכן.

הפּנים אַז עס דאַרף געפונען ווערן אַ מיטן צווישן דידאַזיקע צוויי עקי־קייטן. אָבער דאָס געפינען אַ מיטן גיט ניט קיין לייזונג פון דעם פּראָבלעם; אַלץ, וואָס עס לייגט פאָר, איז איינגיין אויף אַ פּשרה. פּשרה־מאַכעריי אַנט־שיידט ניט ענדגילטיק קיין פּראָבלעמען.

עס ווערט אין אָט־דעם קאָמפּראָמיס אָנגערירט אַ קאַרדינאַלער פּונקט

פון אונדזער געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענלעבן. וואו עס איז פאַראַן אַן אָרגאַניזאַציע, דאָרט איז שוין פאַראַן אַ מין סקעלעט פון אַן אָרגאַניזם מיט אַ צענטראַלן נערוון־סיסטעם, מיט אַ מאַרך. מיר געברויכן ביאָלאָגישע אַנאַלאָגיעס. מוז מען קומען צו זעלבסטאָרגאַניזאַציע און אין אַט־דעם דערגרייך ליגט די לייזונג פון דעם פּראָבלעם, די אויסמיידונג פון דער צעשפּאַלטונג אויף די פילע אָרגאַניזירטע און די ווייניקע אָרגאַניזירערס. אָבער אויטאָ־אָרגאַניזאַציע פאָדערט פאַר איר פאַרווירקלעכונג אַ הויכן ניוואָ פון סאָציאַלער קולטור, אַ הויכע שטופע פון אַנטוויקלונג פון די מיטגלידער, פון די באַשטאַנדטיילן, און אַ גאַר הויכע מאָראַלישע טרענירונג פון די „לייטנדיקע גייסטער" געפּאָרט מיט אַ הויכער אינטעלעקטועלער קוואַליפיצירונג. אַזאַ ראַפינירטע, מ׳קען זאָגן פּערפעקטע „אַנפירערשאַפט" איז ניט לייכט צו געפינען. עס דערמאָנט אָן דעם תלמודישן זאָג: „כמדומין אתם ששררה אני נותן לכם, עבדות אני נותן לכם" (הוריות י): (איר מיינט דאָך, איך גיב אייך הערשאַפט, איך גיב אייך שקלאַפעריי). דאָס מיינט, אַז די פירער וועלן זיין די שקלאַפן פון די געפירטע. אַן אידענטישן מאמר געפינען מיר אין יעוואַנגעליום: „די פירשטן פון די געצנדינער הערשן איבער זיי און זייערע גרויסע געוועלטיקן איבער זיי. ניט אַזוי זאָל עס אָבער זיין צווישן אייך: נייערט ווער עס וויל גרויס ווערן צווישן אייך, זאָל זיין אייער באַדינער, און ווער עס וויל זיין ערשט צווישן אייך, זאָל זיין אייער קנעכט" (מתיא כ׳, 27־25).

די אונטערשטע שורה: אין רוסלאַנד האָט אין די פּאָליטישע פּאַרטייען געהערשט אַן אַריסטאָקראַטיע און אין אונדזערע אַנאַרכיסטישע רייען האָט געהערשט אַ כאַאָטישקייט, אַ צעשוואומענקייט.

ז.

פיר מאָל שיער ניט דערשאָסן

בשעת אַ שפּאַצירונג (פּראָגולקע) האָט מען מיר אָנגעוויזן אויף איינעם, וואָס האָט געהאַט אַ יונג פּנים. די האָר אָבער זיינען ביי אים געווען ווייס ווי שניי. דער מענטש איז געווען אַן אָפיצער אין דער צאַרישער אַרמיי, איז געווען פאַרמישט מיט דער ווייסער גוואַרדיע און איז אַרעסטירט און פאַרמשפּט געוואָרן.

ער איז דורך איין נאַכט גרוי געוואָרן. ער האָט געקענט אויף זיך זאָגן „הרי אני כבן שבעים שנה". ער האָט אין איין נאַכט דורכגעלעבט מער ווי אַן אַנדערער אין זיין גאַנץ לעבן פון אַ זיבעציקיאָריקער דוראַציע.

וואָס האָט פּאַסירט? אַט־וואָס:

דזשערדזשינסקין האָט לעניך באַפוילן אָפּצושאַפן טויטשטראָף, ד. ה. אויפהערן צו שטעלן מענטשן צום „וועגנטל", ווי דאָס אומברענגען דורך שיסן האָט געהייסן אין יענע טומלדיקע צייטן, און איינמאָל פאַר אַלע מאָל וויזן דער פאַרשאָלטענער בורזשואַזיע, אַז דער סאָוויעטנרעזשים איז פּראָגרעסיוו, הומאַניטאַריש.

לעבינס פּאָליטיק האָט זיך אַלע מאָל אויסגעצייכנט מיט אַ זיגזאַגיש־קייט: אַ צוג אַהער, אַ צוג אַהין, פּאָרויס און גלייך צוריק. ער האָט כסדר מאַנעווורירט. הכלל, עס האָט זיך געהאַנדלט, און גאַנץ ערנסט, וועגן באַגרענעצן די יוריסדיקציע פון דער טשעקאַ, אַרומשערן איר די פליגלען און מאַניוקירן די נעגל.

לענין האָט געהאַט בדעה צו באַגרענעצן די רעכט פון דער טשעקאַ, איינצוימען אירע אַפּעטיטן און פאַרשמעלערן איר קאָמפּעטענץ־ספער אַזוי, אַז מער פון אַן אויספאַרש־קאָמיסיע זאָל פון איר ניט בלייבן און איינגאַנצן צונעמען ביי איר אירע געריכטלעכע פּרעראָגאַטיוון; זי זאָל דאַרפן צושטעלן אירע אונטערזוך־מאַטעריאַלן צו די ריכטער פון רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל און זיי זאָלן משפטן און זען, צי די באַשולדיקטע און אַרעסטירטע זיינען טאַקע באמת שולדיק, און די טשעקאַ־קאָמיסאַרן זאָלן ניט האָבן צו טאָן מיט קיין שום פּסקים.

דער אַפּעטיט ביי לענינען צו „ליבעראַלעווען“ איז גאַנץ גיך פאַרגאַנגען. די טשעקאַ האָט געטאָן איין קלייניקייט. ווען לענין איז געפאָרן אין סאָקאָלניקי, האָבן אַ פּאָר טשעקאַ־אַגענטן זיך פאַרשטעלט פאַר איינפאַכע באַנדיטן און האָבן אָפּגעשטעלט זיין אויטאָמאָביל, אים געצוואונגען אַרויס־שטייגן און אים געלאָזן גיין צופוס אין אַרבעטער־קלוב „דער דריטער אינ־טערנאַציאָנאַל“, וואו ער האָט עס באַדאַרפט האַלטן אַ פאָרטראַג. ער האָט זיך אַזוי איבערגעשראָקן, אַז ער האָט אויף מאָרגן באַשלאָסן אומצוקערן צו דער טשעקאַ אַלע אירע פּרעראָגאַטיוון און פולמעכטיקייט. די רעסטאַווראַציע איז פאָרגעקומען דעם 24טן מאַי 1920.

מיר האַלטן אָבער אין יאַנואַר דעם 14טן; אויף מאָרגן האָט עס באַדאַרפט אַרויס דער דעקרעט וועגן אָפּשאַף פון טויטשטראָף. אין יענער פּאַטאַלער נאַכט האָט די טשעקאַ מיט אירע מלאכי חבלה געאַרבעט „אויף טיש און אויף בענק“. דזשערדזשינסקי האָט געהייסן אין איין נאַכט אָפּרייניקן פון די געפענגענישן אַלע די, וואָס מ׳האָט געדאַרפט ליקווידירן; טאָן עס איידער דאָס ליבעראַלע געזעץ ווערט פּראָמולגירט און טרעט אַריין אין קראַפט.

אָט וואָס דער אַפּיצער האָט מיר דערציילט אין פאַרזעצונגען אויף אונ־דזערע שפּאַצירגאַנגען.

אין בוטירקע איז אָנגעקומען דער לאַסטאויטאָ פון טשעקאַ מיט אַגענטן, וואָס האָבן אים געדאַרפט אויף גיך אָנלאָדן צו קאַפּאַציטעט, אויפשנעל אָפּ־פאָרן מיט אים צוריק אויף ליוביאַנקעס הויף, אים אויסלאָדן און אויסשיסן די געבראַכטע אַרעסטאַנטן. דער הויף פון טשעקאַ אויף ליוביאַנקע איז געווען אַ גאָר גרויסער; פון אַלע זייטן איז ער געווען אַרומגערינגלט מיט געביי־דעס, אין וועלכע די טשעקאַ האָט זיך איינגעאָרדנט און וועלכע האָבן פאַר דער רעוואָלוציע באַלאַנגט צו אַן אַסעקוראַנץ־געזעלשאַפט. דער לאַסטאויטאָ האָט באַדאַרפט אויפשנעל זיך אָפּפאַרטיקן און פאָרן צוריק קיין בוטירקע זיך

אַנגרוזעווען און דורכגיין עטלעכע מאָל דורך דער נאַכט די פּראָצעדור פון אַנלאָדן און אויסלאָדן און ווידער אָנלאָדן און ווידער אויסלאָדן.

דער שליסלמאַן האָט אָפּגעשלאָסן די צעל, האָט אויפגעוועקט דעם ווייסן גוואַרדייער, אים באַפוילן זיך אָנטאָן, מיטנעמען מיט זיך זיינע זאַכן, אַרויס אין קאָרידאָר און זיך שטעלן ביי דער טיר פון זיין צעל. דאָס „מיטנעמען די זאַכן" איז געווען דער אָנגענומענער נוסח פון דער טויטפאָרמולע אין תפיסה־אידיאָם. ווען אַן אַרעסטירטער האָט געהערט, אַז ער דאַרף זיך אָנטאָן און מיטנעמען מיט זיך זיינע זאַכן, האָט ער שוין געוואוסט, אַז זיינע מינוטן זיינען געציילטע.

דער אָפיצער איז געווען פאַרשלאָפן און ער האָט זיך ניט געאיילט אויסצופאָלגן דעם באַפעל. ער האָט זיך אָנגעטאָן, האָט כלומרשט גענומען צענויפקלייבן אַלע זיינע זאַכן און זיי צענויפבינדן אין איין פעקל. ער איז אָבער געבליבן אין צעל. ער איז ניט אַרויס זיך שטעלן פאַר דער טיר אין קאָרידאָר. ער איז געשטאַנען אין אַנגסטן־שרעק אין זיין צעל, טאַקע ביי דער טיר, אָבער פון אינעווייניק. ער איז געשטאַנען אין שפּאַנונג און געוואַרט, מע זאָל אים קומען נעמען. ערשט ער הערט ווי דער מאָטאָר פון לאַסט־אויטאָ האָט זיך צעכריפּעט און צעהוסט, דערנאָך צעברומט. דאָס מיינט, אַז דער אויטאָ איז שוין אַן אָנגעלאָדענער און איז גרייט אָפּצופאָרן מיט זיין משא.

דער אָפיצער האָט ראַפּטאָם זיך אויסגעטאָן, צעבונדן זיינע זאַכן, זיי צעוואָרפן איבער דער צעל, צוריק אַריינגעקראָכן אין בעט, זיך צוגעדעקט מיט דער קאָלדרע איבערן קאָפּ און זיך געמאַכט, אַז ער שלאָפט. דאָס האַרץ איז אים שיער ניט אַרויסגעשפּרונגען פון ברוסטקעסטל. ער האָט זיך גע־פרייט, וואָס ער איז ניצול געוואָרן דערוויייל און ער איז געווען אין הוילער שרעק, אַז מע וועט אים באַלד קומען נעמען.

ס'איז אַוועק אַ דריי פערטל שעה, — ערשט מע וועקט אים און מ'גיט אים דעם פאַרדעמדיקן באַפעל אין די זעלביקע ווערטער. ער טוט דאָס איי־גענע, ציט אַרויף אויף זיך זיינע מלבושים, קלייבט צענויף זיינע צעוואָר־פענע זאַכן, בלייבט אָבער אינעווייניק ביי דער טיר. אין פאַל מע וועט קומען אים רופן — איז ער גרייט.

ווייטער די אייגענע מעשה: אין איילעניש, אין דער סומאַטאָכע האָט מען פאַרנומען אַלעמען פון קאָרידאָר און אַן אים, וואָס איז ניט געווען אויף די אויגן פון די פאַרעסקטע שליסללייט און אַגענטן, האָט מען פאַרגעסן.

ער הערט דעם מאָטאָר זעגן מיטן האַרצן. ער וואַרפט אַראָפּ זיין מונ־דיר און קריכט אַריין אין בעט.

פיר מאָל האָט זיך די אייגענע פּראָצעדור איבערגעחזרט. איין מאָל האָט דער שליסלמאַן שוין האַלב געעפנט זיין טיר, אָבער מע האָט אים מיט אַמאָל אַוועקגערופן.

עס האָט גענומען טאָגן. דער לאַסטאויטאָ איז שוין מער ניט געקומען. דער אָפיצער איז געבליבן לעבן. ער איז אָבער דורך יענער נאַכט גרוי גע־וואָרן ווי אַ טויב. ער איז פיר מאָל געשטאָרבן, פיר מאָל איבערגעלעבט טויט־שרעק.

ווי לאַנג ער איז געבליבן לעבן ווייס איך ניט.

אין יענער פּאַטאַלער נאַכט האָט מען אין מאָסקווע דערשאָסן 150 אַרעסטירטע, אין פּעטראָגראַד — 400 און לויט דער זעלבער פּראָפּאָרציע אין אַלע שטעט און שטעטלעך פון רוסלאַנד, וואו די טשעקאַ האָט געבאַלע־באַטעוועט.

ח.

פעטישיזם פון רעכט

ליידיק אין געפענגעניש בין איך ניט געזעסן. איך האָב אַביסל געשריבן, פיל מער געלייענט. איך פלעג אַרויפקריכן אויף דער שוועל פון דעם האַלב־פאַרמויערטן און אינגאַנצן פאַרגראַטעוועטן פענצטער און דאָרט, ביים שיין, וואָס האָט זיך אַריינגעגנבעט, האָב איך געלייענט אין פראַנצויזיש דאָס קלאַסישע ווערק „דער גייסט פון געזעצן L'Esprit des Lois (1748) פון מאָנטעסקיו (1689־1755). בוטירקע האָט פאַרמאָגט אַ רייכע ביבליאָטעק אין רוסיש, פראַנצויזיש, דייטש און ענגליש. מיך האָט שטאַרק אינטערע־סירט דאָס פּראָבלעם פון רעכט, די פילאָזאָפיע פון יוריספּרודענץ, וואָרעם אין דער רעכטלערע ליגט דער תמצית פון דער אַנאַרכיסטישער געזעלשאַפט־באַנעמונג.

און דאָ, אין בוטירקע, האָב איך אָנגעשריבן דעם קאַפּיטל „פרייהייט — יורידישע און פאַקטישע" (זע „זכרונות און חשבונות", באַנד ו, זז. 424־407); איך האָב אויך באַוויזן אָנצושרייבן אַ קאַפּיטל וועגן רעכט, ווי איך האָב עס אויפגעפאַסט. איך האָב עס באַטיטלט „פעטישיזם פון רעכט"; דאָס איז אַריין אין מיין ווערק „אינטעראינדיווידואַליזם", אין דער אָפּטיילונג „געוואַלד־טאַט" („באַסיליע"). צוויי ברוכשטיק פון דערדאָזיקער אָפּטיילונג האָב איך איבערגעאַרבעט אין יידיש און פאַרעפנטלעכט אין די „יידישע שריפטן" 1946, ד.ה. מיט זעקסאונצוואַנציק יאָר שפּעטער.

ט.

מיינע הכנות

די רעוואָלוציאָנערן אין רוסלאַנד זיינען געוועזן געוואוינט צו פאַרוואַנד־לען זייערע תפיסות און פאַרשיקונגס־פּלעצער אין אוניווערסיטעטן און סטור־דיעס. אין מיין ווילקאָמירער געפענגעניש האָב איך שטודירט דאָס ווערק פון עסטרייכישן סאָציאָלאָג לודוויג גומפּלאָוויטש „איין אַבריס פאָן סאָציאָלאָ־גיע"; איך האָב אויך שטודירט מאַטעמאַטיק.

די התבודדות, וואָס סאָליטאַרישע פאַרשפּאַרונג אין אַ תפיסה גיט דעם

אַרעסטאַנט, איז גאַנץ גינציק צו חקירהן און פאַרטיפן זיך אין אַ וויסנשאַפט־לעכן קעגנשטאַנד.

אָבער אויסער פּראָפעסיאָנעלער ליטעראַרישער אַרבעט און נאָכדענקע־ניש האָב איך זיך אויך פאַרנומען אין די פרייע שעהן מיט אָפּטאָן צו־להכעיסן דער אַדמיניסטראַציע לשם פּראָטעסט.

עס האָט מיר גענומען אַ היפּש ביסל צייט, איך האָב אָבער פאָרט באַ־הערשט די אומנות פון „שלאָסעריי" אין אַ נעגאַטיוון פּשט. איך האָב זיך אויסגעלערנט אַרויסצודרייען אַלע שרויפן פון מאַסיוון שלאָס, וואָס איז גע־האנגען אַזוי זיכער איינגעגלייבט אין זיך, ביי זיך פאַררייסן און אַרויספאַ־דערנדיק, אויף דער טיר פון מיין צעל. סוף כל סוף האָב איך דערגרייכט אַזאַ געשיקטקייט, ווען די שרויפן זיינען פון אַרויסדרייען און אַריינדרייען זיי עטלעכע מאָל געוואָרן פיל לויזער, אַז איך האָב געקענט, אָן פטרן פיל צייט אויף דער אָפּעראַציע, איינגאַנצן אַראָפּנעמען דעם שלאָס און דערנאָך אים אנטאָן צוריק ווי קיינמאָל גאָרניט. און אָט־די השלמה פלעג איך אויסנוצן פאַר פאַרשיידענע שפּיצלעך, וואָס איך פלעג אָפּטאָן שפּעט ביי דער נאָכט. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב באַדאַרפט זיין זייער פאָרזיכטיק, אַז די וואַכ־לייט זאָלן ניט דערהערן קיין פוסטריט און אויך ניט ווערן פאַרדעכטיק מכוח מיינע פאַני־בראַט־באַציאונגען מיטן שלאָס.

איינמאָל, אַזייגער 2־3 נאָך האַלבער נאָכט, האָב איך געבעטן מיין טאַ־וואַרישטש שלאָס צו זיין אַזויפיל גוט, באַמיען זיין עלטער און אַראָפּקריכן פון טיר. איך בין אַרויס בגניבה, שטילינקערהייט, אין קאָרידאָר און איך האָב אָפּגעדרייט אַ וואַסער־קראַן, וואָס איז דאָרט געשטאַנען מוכן ומזומן צו דינען בשעת אַ שריפה־פאַל. איך האָב געלאָזט גיין דאָס וואַסער, און זיך גלייך אַריינגעשלייכט אין מיין צעל צוריק, אָנגעטאָן דעם שלאָס, און זיך געלייגט אין בעט, ווי קיין זאַך וואָלט ניט פּאַסירט. עס האָט גענומען אפשר אַ האַלבע שעה ווי דאָס וואַסער האָט פאַרפלייצט דעם קאָרידאָר און האָט גענומען אַראָפּפליוכן פון די שטיגן מיט רעש און געפילדער. די שומרים האָבן גענו־מען לויפן איבער די קאָרידאָרן, כדי אויסצוגעפינען, פון וואַנעט דאָס וואַסער האָט זיך גענומען. מע האָט פאַרדרייט דעם קראַן און מע האָט זיך גענומען אויסווישן די דילן. מיר האָט די אומאָרדענונג פאַרשאַפט גרויס נחת־רוח. איך האָב צעשטערט כאָטשבי אויף אַ שעה צייט דעם פאַרגליווערטן, מאָ־נאָטאָנעם געפענגעניש־רעגלאַמענט, וואָס האָט געשטיקט מיט זיין רוטין.

ווער ס'האָט אָפּגעדרייט דעם קראַן אינמיטן דער נאָכט — דאָס איז געבליבן אַ רעטעניש פאַר דער בוטירקער אַדמיניסטראַציע. איר איז קיינ־מאָל ניט איינגעפאַלן, אַז אַן אַרעסטאַנט קאָן געפינען אַ וועג, ווי אַזוי, זייענ־דיק גוט פאַרשלאָסן, דאָך צו קענען אַרויסגיין פון צעל און אַריינקומען צוריק.

נאָך אַ שטיקל אומנות אָדער פּראַקטישע תורה האָב איך זיך אויסגע־לערנט. די טירן אין אונדזערע צעלן זיינען געווען אין תוך גענומען פשוטע דעמבענע טירן, גאַנץ גראָבלעכע, אָבער טירן כמו שנאמר, געמאַכט פון האָלץ. אלא וואָס האָט זיי געמאַכט אויסזען אַזוי שרעק־אַנוואַרפנדיק מיט זייער

אומצוטרעטלעכקייט און אומבאַזיגבאַרקייט? זיי האָבן געטראָגן אויף זיך אינעווייניק אַ פּאַנצער. זיי זיינען געווען באַשמידט מיט אַ דיקער בלעך, וואָס איז געווען שטייף צוגעשרויפט. איך האָב תּופס געווען, אַז זיי וועלן נאָכגעבן דער זעלביקער באַהאַנדלונג, וועלכע איך האָב געברויכט אויפן שלאָס. דאָס הייסט, אַז אויב מיר וועט זיך איינגעבן אַפּצודרייען די שרויפן, וועל איך קענען אַראָפּציען פון זיי זייער מאַוימדיקן לבוש, וועט זייער פּחד־פּחדים־דיקע גבורה זיך אָפּטאָן פון זיי און איך וועל האָבן צו טאָן מיט איינפאַכע באַלעבאַטישע טירן, מיט וועלכע מע קען אָן שוועריקייטן קומען צו אַ פאַרשטענדעניש.

איך האָב זיך די גאַנצע צייט געגרייט צו אַ הונגערשטרייק און צו מאַכן אַ היפּשן גערודער אין בוטירקע מיט דער פאָדערונג, אַז די טשעקאַ זאָל באַפרייען אַלע די, קעגן וועמען זי וויל ניט און קען ניט, מחמת זי האָט ניט קיין דאָטן פאַר אַ באַשולדיקונג, פאַרפירן אַ פּראָצעס און אָרגאַנזשירן אַ משפּט. די פאָדערונג וועט זיין ענטוועדער באַפרייאונג אָדער באַשולדיקונג, ניט גלאַט אַזוי האַלטן אין געפענגעניש. אין בוטירקע און אין טאַגאַנקע, די שוועסטער־תּפיסה, זיינען „געזעסן" פיל הונדערטער אַרעסטירטע, וואָס מע האָט געהאַלטן אויף אָן „אַדמיניסטראַטיוון שטייגער", אַ טערמין, וואָס דער צאַרישער רעזשים האָט זייער אָפט געברויכט. אונטער אָט־דעם מאָדוס האָבן מענטשן געקענט אָפּזיצן יאָרן, ניט וויסנדיק פאַרוואָס מע האַלט זיי פאַרשפּאַרט און ווען ס'וועט זיך ענדיקן זייער שטראָף־טערמין. אַלץ איז געווען אומבאַשטימט. די אַרעסטירטע זיינען געזעסן אין דער בחינה פון „פאַרגעסענע מענטשן", „שכחה" אין פעלד פון מענטשלעכער תּבואה...

אגב איז זינע, די, וואָס האָט מיר געראַטעוועט דאָס לעבן מיטן אַריינגעבן מיך אין שפּיטאָל (זע „זכרונות און חשבונות", באַנד איינס, זז. 188-89), געווען ביי קאָמעניעוון און האָט אים מיטגעטיילט, אַז איך בין אַרעסטירט. ער האָט אָבער געהאַט די ציניש‎ע פרעכהייט איר צו ענטפערן:

— זאָל ער זיצן...

ווי לאַנג זאָל איך זיצן? „חכמים נתנו שיעורים לדבריהם" — חכמים גיבן אַ באַשטימטע מאָס צו זייערע באַשלוסן, אָבער דאָס איז ניט געזאָגט געוואָרן וועגן די טשעקאַ־חכמים. ביי זיי איז דער ענין „זיצן" געווען אומבאַשטימט; אַז מ'איז אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט, האָט מען געקענט פאַרפוילט ווערן אין תּפיסה. וואָרעם זיי האָבן זיך גאָר ווינציק געקימערט וועגן די, וואָס זיי האָבן שוין אין זייערע לאַפּעס; זיי האָבן געהאַלטן זייער אויפמערקזאַמקייט קאָנצענטרירט אויף די, וואָס זיינען נאָך אַרומגעגאַנגען פראַנק און פריי. זיי האָט געערגערט, באַרויבט זיי דעם שלאָף, דער פאַקט, וואָס אין רוסלאַנד געפינען זיך נאָך אַזוי פיל ניט־אַרעסטירטע.

מיר האָבן זיך גענומען צענויפריידן מיט פאַרשיידענע קאַמערעס; די זאַך איז געגאַנגען אויף אַ לאַד. מיר וועלן דערקלערן אַ הונגערשטרייק און אָרגאַניזירן אַ רייאָט.

אין וואָס וועט באַשטיין מיין אַרבעט? איך וועל אַראָפּנעמען דעם בלעכ־

פאַנצער פון דער טיר, אַרויסזעצן פון איר דאָס מיטלברעטל, זיך זאַפּאַסע־ווען מיט אַ צאָל טשייניקעס אָדער מעשענע קריג, אין וועלכע מיר פלעגן קאָכן וואַסער, און אָט־די טשייניקעס וועל איך שליידערן אין די פענצטער פון קאָרידאָר, צעברעכן די שויבן. די קאָרידאָר־פענצטער גייען אַרויס צו דער גאַס. זיי זיינען טאַקע אָפּגעטיילט פון גאַס מיט אַ הויכער מויערוואַנט, אָבער דאָס צעבראָכענע גלאָז וועט טיילווייז דערגרייכן דעם טראָטואַר, וואָס פאַר דער געפענגעניש. פוסגייערס גייען דאָ פאַרביי גאַנץ אָפט אַזוי, אַז עס וועט ניט נעמען לאַנג און עס וועט זיך פאַרשפרייטן אַ קלאַנג איבער דער גאַנצער שטאָט, אַז אין בוטירקע קומען פאָר אומרוען, אַז מען ברעכט דאָרט די שויבן.

צו יענער צייט האָט מען דערוואַרט דאָס אָנקומען פון דער בריטישער דעלעגאַציע. זי איז באַשטאַנען פון פּראָמינענטע פירער פון דער בריטישער אַרבעטערשאַפט, אַזעלכע ווי אַרטור הענדערסאָן (1935־1863), ראַמזיי מאַק־דאָנאַלד (1937־1866), סידני וועב (1948־1859) און אַנדערע. מע האָט אויך גערעדט, אַז בערטראַנד ראַסל, דער ראַדיקאַל פילאָזאָף און מאַטעמאַטיקער, קומט מיט זיי.

איך האָב באַשלאָסן, אַז מע דאַרף דעם רייאַט אָנפאַנגען פּונקט דעמאָלט, ווען די אורחים חשובים קומען אָן. און דאָס וועט געבן דער אויסלענדישער דעלעגאַציע צו פאַרשטיין, אַז דער פּראָקלאַמירטער סאָוויעטישער גן־עדן איז היפּש גיהנומדיק.

עפענען די טיר פון מיין צעל האָב איך סיי ווי געקענט און דאָס מיינט אַרויסגיין אין קאָרידאָר. אָבער דאָס איז דאָך אַ שטיל שטיק אַרבעט; דאָס ווערט אָפּגעטאָן בלאָ־יודעים און וועט קיין פּוראַר ניט אַרויסרופן און קען ניט דינען ווי אַ סיגנאַל אָנצוהייבן דעם רייאַט. איך האָב זיך באַדאַרפט אַנט־פּלעקן מיט אַ רעשיק־פּאַרטויבנדיקן טומל־פּראָטעסט אין דער בחינה פון „בקולות וברקים עליהם נגלית״. לכן מוז איך כאָטשבי מיט די לעצטע כוחות אַרויסברעכן מיין טיר און די קלעפּ וועלן זיך צעטראָגן איבער דער גאַנצער געביידע פון בוטירקע. דעם בלעכענעם צודעק וועל איך אַראָפּנעמען. אָבער אויך אָן אַ בלעך איז די טיר קרעפּטיק, סאָליד און מיט די פּויסטן וועל איך אין מיין געראַנגל מיט איר גאָרניט קענען אויפטאָן. איך דאַרף אַריינשמוג־לען אַ פאַליענע האָלץ פון דעם געהילץ, וואָס ליגט אין הויף. און אַז איך וועל זיך צעפּאַכען מיט אָט־דעם שטיק־האָלץ, געברויכן עס ווי אַ האַמער, וועל איך אפשר קענען עפּעס אויפטאָן אין זינען פון צעשטערונג. איך וועל בייקומען די טיר לויט דעם אויסדרוק „מהרסיך ומחריביך ממך יצאו״ (ישעיה מ״ט, י״ז), מיט האָלץ וועל איך שלאָגן און דורכברעכן האָלץ, די „צעשטערער און פאַרדאַרבער דאַרפן זיין אייגענע״.

אָבער ווי אַזוי שמוגלט מען אַריין אַזאַ גרויס שטיק האָלץ אונטער די אויגן פון די וואַכלייט? איך קען צוטראַכטן, אַז איך דאַרף עס האָבן אונטער־צושפּאַרן מיין בעטל וואָס פאַלט איין און עס אַריינטראָגן צוריקקערנדיק זיך פון שפּאַצירגאַנג. אָבער די פראַגע איז, צי דער תירוץ וועט גילטן, הגם די וואַכלייט האָבן פיינט זיך איינצורייסן מיט די פּאָליטישע.

אָבער אַז „דאָברי מזל" שפּילט צו, איז דאָך ניט שייך, דאַרף מען ניט קיין חכמות.

מיר זיינען אין הויף. עס איז אונדזער האַלבע שעה שפּאַציר. פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ קנאַל, איינער, אַ צווייטער. וואָס האָט פּאַסירט? מיר אַרעסטירטע האָבן זיך צעניפּגעדרענגט צוזאַמען, ווי מיר וואָלטן געטריבן געוואָרן פון אַ טשערעדע־אינסטינקט, ווי שעפּסן טוען, ווען זיי ווערן פאַר־כאַפּט פון אַ שטורעם אין פעלד.

— עפּעס קומט פאָר אין שטאָט! — איז דורכגעגאַנגען אַ מורמל פון מויל צו מויל.

דער קאָמענדאַנט, אַ צעשראָקענער, אַ פאַרלאָרענער, האָט זיך באַוויזן. ער איז געקומען איינער אַליין, אָן אַ באַגלייטונג פון באַוואָפנטע שומרים. זיין פּנים — אַ פינצטערע כמאַרע. ער האָט געמאַכט אַן אומגעלונגענעם פּאַרזוך צו פאַרהוילן זיין צעשראָקנקייט.

— איך בעט אייך, זייט אַזוי גוט און גייט אַריין צוריק אין אייערע צעלן און קאַמערעס. איר קענט לענגער אין הויף ניט בלייבן, טוט מיר אַ געפעליקייט און גייט אַריין.

אויף די פּאָליטישע האָט זיין פריינטלעכער טאָן און זיין בעטן ביי זיי אַ טובה, אנשטאָט צו באַפעלן ווי אַ מאַכטהאָבער, געמאַכט אַן אומגעוויינט־לעך גוטן רושם.

אַלע זיינען אין פולער אומגעשטערטער אָרדענונג אַריין צוריק אין די קאָרידאָרן און פון די קאָרידאָרן זיך געלאָזן גיין צו זייערע באַשטימטע פאַר־האַפטונגס־פּלעצער.

פיל שפּעטער האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז די פּולווער־קעלערן אויף כאָדינקע האָבן עקספּלאָדירט; צי דורך אַ צופאַל צי דורך אַן אַקט פון סאַ־באָטאַזש — דאָס איז מיר עד־היום ניט קלאָר.

די פּאַניק, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די וואַכלייט, איז געווען אומבאַ־שרייבלעך.

איך האָב אויסגענוצט דעם גערודער און פאַרווירעניש פאַר מיין צוועק: איך האָב כמעט אומבאַמערקט אַריינגעטראָגן דאָס גראָבע שייטל האָלץ. אין דער אַרבעט האָט מיר געהאָלפן דער „אַמעריקאַנער" מאַקסימאַליסט. ער האָט עס צוגעטראָגן כמעט ביז דער טיר פון מיין צעל.

אַלע צוגרייטונגען פאַרענדיקט אין אַ מזלדיקער שעה, האָב איך דער־קלערט אַ הונגערשטרייק. ביסלעכווייז האָט דערדאָזיקער שטרייק גענומען זיך שפּרייטן איבער דער געפענגעניש. די ערשטע צוצושטיין איז געווען, זעלבסט־פאַרשטענדלעך, די אַנאַרכיסטישע קאַמערע. מיר האָבן געהאַט אַזוי אָפּגע־רעדט צווישן זיך; דערנאָך האָבן גענומען זיך אַריינגיסן אין פּראָטעסטירנדיקן הונגער־שטראָם סתם אַרעסטירטע; אַפילו די קרימינעלע אָפּטיילונג איז מיט־געריסן געוואָרן. די איינציקע, וואָס האָבן זיך צוריקגעהאַלטן, זיינען געווען די ס. ר.

איך האָב זיי געפרעגט די אורזאַך פון זייער אָפּשטיין פון אַלעמען, פון

זייער פורש־זיין פון ציבור; די אַרעסטירטע אין אַ געפענגעניש פאַרמירן דאָך אַן אמתן ציבור מיט אַ געפיל פון אַ געוויסער סאָלידאַריטעט.

זייער ענטפער איז געווען, אַז זיי האָבן ניט געקראָגן קיין אינסטרוקציעס פון די העכערע פאַרטיי־אינסטאַנצן. זיי וואַרטן אויף אַ באַשלוס; מע באַהאַנדלט ערשט די פראַגע אין דעם מאָסקווער שטאַטקאָמיטעט.

אַפילו אין תפיסה זיינען זיי ניט געווען פריי צו האַנדלען לויט זייער פאַרשטאַנד נאָך. זיי האָבן אַרויפגעקוקט צו זייערע מנהיגים און דערוואַרט צו קריגן פון זיי אָנווייזונגען ווי זיך אויפצופירן. זיי האָבן ניט געהאַט גענוג זעלבסטשטענדיקייט צו מאַכן איין טראַט אויף אייגענער אחריות. זיי האָבן געמוזט באַקומען אַ באַפעל אָדער, לכל הפחות, אַ היתר, אַן אַנמוטיקונג פון אויבן.

אַז איך האָב מיט אייניקע פון זיי גענומען אייגטענהן, אַז זייערע אונטערערדישע פירער, וואָס געפינען זיך אין באַהעלטעניש אויף דער פריי, קענען זיי דאָך ניט געבן די פּאָסיקע דירעקטיוון, מחמת זיי ווייסן ניט די שטימונגען, וואָס הערשן אין געפענגעניש אין דעם געגעבענעם מאָמענט און אַז זיי לאָזן דורך צוליב זייער אומאַנטשלאָסנקייט אַ גינציקע געלעגנהייט, אַ טייערן שעת־הכושר. די גאַנצע געפענגעניש איז ווי אַ פעסל פּולווער, אַזאַ געשפּאַנטע שטימונג פון אַרויספאָדער האָבן מיר געשאַפן. איין שוועבעלע וועט עס אונטערצינדן און אויפרייסן, האָבן מיינע רייד געקלאַפּט זיך אין פאַרשלאָסענע טירן, טויבע אויערן. זיי האָבן זיך געהאַלטן ביי דאָס זייעריקע. זיי קענען גאַרניט טאָן אָן אַ פאַראָרדענונג פון צ. ק. אָדער שטאַטקאָמיטעט.

איך האָב חושד געווען אַז זייער פאַרריסנקייט לאָזט זיי ניט נאָכפאָלגן די „אומפאַראַנטוואָרטלעכע" אַנאַרכיסטן. די זאַך, וואָס די אַנאַרכיסטן האָבן די איניציאַטיוו, איז זיי מכל וכל ניט אָנגעשטאַנען. האָב איך אַ טראַכט געטאָן:

— מילא, מירן זיך באַגיין אָן זיי. אַז זיי ווילן ניט צושטיין, דאַרף מען ניט.

אויפן צווייטן טאָג האָבן גענומען צושטיין צום הונגערשטרייק און פּראָטעסט גאַנצע קאָמערעס און פיל סאָליטאַריסטן. די צאָל איז געשטיגן. אויפן דריטן טאָג האָבן שוין טויזנט אַרעסטירטע זיך אָפּגעזאָגט פון זייערע פּאַרציעס שפּייז.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן און דער באַשלוס האָט זיך איבערגעגעבן פון איינעם צום צווייטן, אַז דער רייאָט זאָל זיך אָנפאַנגען אויפן פערטאָן טאָג נאָך מיטאָגצייט. ער האָט קלאַמפּערשט אויפגעשטורעמט סטיכיש. דער סיגנאַל איז געווען מיין אויפברעכן די טיר. זי האָט אויסגעהאַלטן אַ היפּשע צאָל בוכצעס, אָבער זי האָט זיך אונטערגעגעבן. איך בין אַרויס אין קאָרידאָר און גענומען שליידערן די מעשענע טשייניקעס אין די פענצטער. איך האָב ניט איבערגעלאָזן קיין איין גאַנצע שויב.

די אַדמיניסטראַציע פון געפענגעניש האָט זיך אינגאַנצן פאַרלוירן. זי

האָט ניט געוואוסט ווי צו רעאַגירן. אַזאַ מאָסע פּראָטעסטירער! מע ברעכט די שויבן! מע זעצט אין די טירן!

ווי איך בין געוואויר־געוואָרן שפּעטער מיט אַ פּאָר שעה, איז זיגאַ, מיין מלאך־הגואל, אַוועק אין צ.ק. פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס איז געווען דער אמתער באַלעבאָס פון לאַנד און קיין זאַך איז ניט געטאָן געוואָרן אָן איר הסכם און אָנווייזונג, וואו זי האָט געזאָגט אָט־די עטלעכע ווערטער צום הויפּטסעקרעטאַר:

— איר ווייסט דאָך, אַז קאַמעראַד גאָרדין איז אַ קראַנקער, אַן אינוואַ־ליד פון דער אָקטאָבער־איבערקערעניש. ער הונגערט שוין דעם פערטן טאָג. ער וועט לאַנג ניט אויסהאַלטן. צו וואָס זאָלט איר נעמען אויף אייער גע־וויסן אַזאַ מאַרטירעריי־קרבן?!

זי האָט אויך גערעדט מיט קאָמעניעוון וועגן מיין הונגערשטרייק, וואָס וועט זיך, זיכער, ענדיקן פאַר מיר מיט אַ פּאַטאַליטעט. אויב איך וועל ניט באַפרייט ווערן און דער תענית וועט ניט אָפּגעשטעלט ווערן תיכף, גלייך, היינט, וואָרעם נאָך אַ טאָג וועל איך ניט קענען אויסהאַלטן.

דאָס מאָל האָט ער ניט געזאָגט „זאָל ער זיצן...“ גייערט ער האָט גע־ענטפערט: „איך וועל זען, וואָס מע קען טאָן...“ — — —

אַ שליסלמאַן איז צוגעקומען צו מיר; איך האָב נאָך געהאַלטן אין אַרומ־שפּאַנען איבערן קאָרידאָר. וואָס מער צו וואַרפן אין די פענצטער האָב איך שוין ניט געהאַט. מיין גאַנצע אַמוניציע איז געווען לגמרי אויסגעשעפּט, די קריג אַלע אויסגענוצט. זיי זיינען שוין געלעגן צעמזיקטע צווישן דער מויער־וואַנט, וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם געפענגעניש־הויף, און דער וואַנט פון דער תפיסה; קיין גאַנצע שויבן האָב איך אויך ניט געזען אַרום זיך. בין איך געבליבן אָן אַ שטאָך אַרבעט.

— קומט מיט מיר אין קאָמענדאַנטור פון בוטירקע.

בין איך אַוועק מיט מיין באַוואָפנטן שומר.

וואו איך בין דורכגעגאַנגען, זיינען אַלע געלאָפן אָדער צו די פענצטער אָדער צו די אַרויסקוק־אויגלעך, וואָס אין די טירן. זיי האָבן געוואָלט כאַפּן אַ בליק אויפן „העלד“, וואָס האָט אויסגעבראָכן מיט זיין גבורה אַ באַשמיד־טע טיר אין בוטירקע; זינט בוטירקע איז בוטירקע, איז אַזאַ זאַך ניט געהערט געוואָרן. זיי האָבן זיך פאַרגעשטעלט, מן הסתם, אַז זיי וועלן דערזען אַ זעקס־פוסיקן גיבור. ווי אַנטוישט און פאַרוואונדערט זיינען זיי געוואָרן, ווען זיי האָב דערבליקט אַ שוואַכן נפש, דערצו אַ הינקעדיקן און אויפן קוק קען אים דוכט זיך אַ בלאָז פון ווינט אַוועקטראָגן.

— איז עס טאַקע ער? — האָט אייגער צום אַנדערן געפּליסטערט.

זיי האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ מיט גרויס באַדויערונג. זיי זיינען גע־ווען זיכער, אַז מע פירט מיך צום דערשיסן.

איך גופא בין געווען גרייט אויף דאָס ערגסטע. און איך האָב זיך ניט געקימערט. איך האָב דערוואַרט דאָס ערגסטע; אָבער דאָס ערגסטע האָב איך זיך פאַרגעשטעלט איז דאָס אַריבערפירן מיך אין אַן אַנדער געפענגעניש מיט

אַ שטרענגערער דיסציפּלין, וואו איך וועל קיינעם ניט קענען און מיך וועט קיינער ניט קענען. וועגן דעם, אַז מע פירט מיך אפשר צו מיין הינריכטונג, האָב איך אַ טראַכט געטאָן, אָבער איך האָב דעם געדאַנק גלייך געפּסלט ווי אַ פאַלשן.

איך האָב געפילט אינטואיטיוו, אַז ביי די פירערס פון די באָלשעוויקעס, די הערשער פון לאַנד, איז דאָס געוויסן ניט אינגאַנצן פאַרהאַרטעוועט. חוץ דעם וועלן זיי ניט וואַגן מיך צו דערשיסן און מאַכן פאַר אַ טאָפּלטן קדוש. עס איז ערשט געווען מאַנאַט מאַי 1920; מיר, כאָטש אַנטוואָפנטע און צעבראָכענע, האָבן דאָך נאָך פאַרגעשטעלט אַ כוח, וועלכן מע האָט ניט געקענט אינגאַנצן איגנאָרירן, אַראָפּוואַרפן אָדער אַראָפּבלאָזן פון די פּאָליטישע וואָגשאָלן, ווען מע האָט געטראַכט וועגן דער מעגלעכקייט פון נעמען נקמה...

דאָ איז צוגעקומען אויך אַ פּסיכאָלאָגישער מאָמענט. אַ צאָל פון די פירער, ווי קאַמעניעוו און אַנדערע פּני, וואָס זיינער איצטער געווען די באַלעבאַטים פון לאַנד, זיינען געווען קעגן דער אָקטאָבער־איבערקערעניש; זיי האָבן מורא געהאַט איינצושטעלן. לעניין האָט זיי מיט געוואַלט אַריבערגעשלעפּט איבער דעם רוביקאָן און זיי אַוועקגעשטעלט פאַר אַ דורכגעפירטער זאַך. אַזוי אַז זיי האָבן זיך געפילט ווי בעלי־חובות צו די, וואָס האָבן ריזיקירט מיט זייער לעבן און האָבן זיך דירעקט באַטייליקט אין דער איבערקערעניש; און איצט האַלטן זיי די מאַכט אין זייערע הענט, כאָטש זיי האָבן גאָרניט איינגעשטעלט אין קאָן. דעם סאָציאַל־פּאָליטישן און עקאָנאָמישן געפינס האָב זיי געבראַכט די היצקעפּ, די בראַווע קעמפערס. איך בין געווען כמעט ווי זיכער, אַז ביים דערשיסן האַלט עס ניט.

אָט־די געדאַנקען זיינען מיר דורכגעגאַנגען דורכן קאָפּ אויפן וועג צו דער קאָמענדאַנטור.

מען דאַרף נאָך צוגעבן, אַז דאָס איז געווען אין דעם חודש ווען טויט־שטראָף איז געווען אָפּגעשאַפט. ערשט מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער איז זי צוריק איינגעפירט געוואָרן. אָבער דאָ, אַנדערש גערעדט, איז דאָך געווען אַ פאַל פון כמעט אַן אויפשטאַנד אַזוי, אַז שיסן אונטער די אומשטענדן האָט מען זיך לייכט געקאָנט מתיר־מאַכן...

איך קום אַריין.

דער קאָמיסאַר, וואָס איז געקומען פון טשעקאָ, האָט געהייסן טאָוואַרישטש דאַווידאָוו. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ זעלנער־שינעל. ער האָט זיך געווענדט צו מיר אין אַן ערנסטן און פייערלעכן טאָן:

— טאָוואַרישטש גאָרדין, לויט דער רעזאָלוציע פון צ. ק. פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און לויט דעם באַשלוס פון דעם פּרעזידיום פון דער מאָסקווער טשעקאָ בין איך געקומען אייך באַפרייען. אָבער, טאָוואַרישטש גאָרדין, צו וואָס האָט איר געדאַרפט דערקלערן דעם הונגערשטרייק און אויפרודערן די גאַנצע געפענגעניש! מיר, באָלשעוויקעס, טוען דאָס בעסטע אונטער די אומשטענדן. מיר קעמפן פאַר די אַרבעטער און די פּויערים קעגן די

גוטבאַזיצער און די קאַפּיטאַליסטן און זייערע אַרויסהעלפער, די ווייסע גוואַרדייער, נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע, און איר, אַ קעמפער פון די אָקטאָבער־טעג, אנשטאָט צו העלפן אונדז אין אונדזער שווערער אַרבעט, שטערט איר אונדז גאָר; איר לייגט שטיינער אויף אונדזער שווערן וועג.

ער האָט גערעדט אַ היפּשע ווײַלע אָבער אַלץ אין אָט־דעם גייסט.

איך וועל דאָך אים קיין ענטפער ניט בלייבן שולדיק. נעם איך אים אָנט־וויקלען מיין שטאַנדפּונקט און אָפּשאַץ פון דער פּאָליטישער סיטואַציע. איך באַווייז אים, אַז לענין איז אַבסאָלוט אומגערעכט; אַז זיינע דעקרעטן און געזעצן טויגן ניט פאַר די אַרבעטער אין די שטעט און ניט פאַר די פּויערים אין די דערפער.

ער האָט מיך אויסגעהערט מיט געשפּאַנטער אויפמערקזאַמקייט. ער האָט מיר ניט איבערגעהאַקט מיט קיין איין איינציק וואָרט. אַז איך האָב געענדיקט מיין היפּש לאַנגע רעדע, האָט ער מיר געענטפערט ריידנדיק צו מיר גאָר אינטים־פריינטלעך אויף „דו“:

— טאָוואַרישטש גאַרדין, אויב דו ביסט קליגער פון לענינען, איז פאַר־וואָס האָסטו אים ניט אַרעסטירט, נאָר ער האָט דיך אַרעסטירט?!

קעגן אַזאַ פּראַגמאַטישן גראָב־פּראַקטישן צוגאַנג צו סאָציאַלע פּראָבלע־מען וואָס האָב איך געהאַט איינצואווענדן! איך בין געווען איבערוועל־טיקט פון דער דירעקטקייט און אויסגעשפּראָכנקייט פון זיין ענטפער, וואָס מיינט, אַז ווען איך, גאַרדין, אַרעסטיר לענינען, וואָלט ער מיך געפאָלגט. ער געהאָרכט די, וואָס האָבן די מאַכט צו באַפעלן. און דער באַגריף פון גע־רעכט און אומגערעכט סיי מאָראַליש און סיי אינטעלעקטועל עקזיסטירט ביי אים ניט. ער פאַרבייט אים מיט דער קאָנצעפּציע פון קראַפט. ווער עס איז שטאַרק, דער איז קלוג און דער איז אויך גערעכט.

אין דעם מאָמענט האָב איך ערשט גענומען אויפפאַסן די מענטאַליטעט פון אַלע די, וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו די באָלשעוויקעס נאָך זייער פאָ־ליטישן און מיליטערישן זיג, און אויך פון אַ גרויסן טייל פון די, וואָס האָבן געהערט צו דער פאַרטיי פון ערשטן טאָג פון זייער שפּאַלטן זיך אויף מענ־שעוויקעס און באָלשעוויקעס.

[היפּש שפּעטער. איך זיץ אין קאַמעניעווס קאַבינעט אין מאָסקווער סאָוויעט. איך גיב אַ שאַרפע פאַרנישטנדיקע קריטיק פון אַלע קאָמוניסטישע פאַראָרדענונגען הן אויפן געביט פון פּאָליטיק און הן אויפן געביט פון עקאָ־נאָמיק.

קאַמעניעוו גיט מיר אַ צוויאַיקן ענטפער. ערשטנס זאָגט ער מיר, אַז, ס׳איז ניט קיין וואונדער, וואָס איך גיב אַ בעסערן אַנאַליז פון זייערע טועכצן ווי זיי אַליין קענען עס באַווייזן. איך טו דאָך קיין זאַך ניט ווי בלויז באַ־אָבאַכטן און אונטערוואַרפן דאָס באַאָבאַכטעטע אונטער אַ שטרענגער קרי־טיק, בעת זיי זיינען פאַרנומען ניט מיט טעאָרעטישע אויספאָרשונגען פון זייערע מעשים, נייערט מיט דעם סאַמע דורכזעץ פון די מעשים; אַזוי אַז בנוגע דעם אויספאַס, וואָס דאָ קומט פאָר, בין איך אין אַ גינציקערער פאָ־

זיציע. פֿאַרשטייט זיך, אַז איך בין בכוח אויפֿצונעמען די זאַכן בעסער פֿון זיי, וואָס זייַנען פֿאַרשלונגען אין טאָן זאַכן ניט אין באַטראַכטן זיי און רעפֿלעקטירן וועגן זיי. צווייטנס: זיגערס משפּט מען ניט; וויבאַלד זיי, די באַלשעוויקעס, האָבן געזיגט, מיינט עס, אַז זיי זייַנען גערעכט.

איך האָב אים געענטפֿערט:

— זיכער קען איך אייך ניט רופֿן אין געריכט און אָנקלאָגן און פֿאַרמשפּטן יורידיש. אָבער די געשיכטע משפּט זיגערס. און זי וועט אייך משפּטן און פֿאַרדאַמען אייך און אייער זיג.

אַט־אַזאַ אינגאַנצן אַן אַנטיאידעאַליסטישע גראַבאוטיליטאַרע באַהאַנדלונג פֿון פּראָבלעמען האָט זיך געשאַפֿן ביי די באַלשעוויקעס. אַלץ האָט זיך געוואויגן אויף די וואָגשאָלן פֿון דערפֿאָלג. גערעכט איז תמיד געווען דער, ווער עס האָט אויסגעפֿירט, אַרויסגעקומען פֿון געפֿעכט אַ זיגער. טריאומף האָט געמיינט אַלץ. ביי אַזאַ געזינונג קען איך מיר פֿאַרשטעלן, ווי קאַמעניעוו האָט געפֿילט, ווען ער האָט געזען, אַז זיין אָפּאָנענט, סטאַלין, זיגט. ער האָט געמוזט קומען צום שלוס, אַז וויבאַלד ער פֿאַרלירט דעם געראַנגל, איז עס אַ באַווייז, אַז ער איז אומגערעכט און דער זיגער און זיין משפּט איז גערעכט].

ניט בערטראַנד ראַסל, ניט די דעלעגאַציע פֿון די בריטישע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען האָבן גאָר געאַנט, אַז זיי, אָן זייער וויסן, זייַנען געווען אַ היפּשער גורם אין מיין באַפֿרייאונג פֿון בוטירקע נאָך צוויי חדשים זיצן און פֿיר טעג הונגערשטרייק.

אָבער למען האמת דאַרף איך זאָגן, אַז איידער איך בין אַרויס אויף אַ געפֿעכט מיט דער דעמבעגנער טיר, האָב איך זיך געשטאַרקט מיט טרינקען וואַסער פֿאַרזיסט מיט אַ סך מאַנטשקע, מעלצוקער. אַניט וואָלט איך זי ניט געקענט באַזיגן, זייענדיק אָפּגעשוואַכט פֿון תענית.

מיט מיר אויפֿאַמאָל האָט מען באַפֿרייט נאָך עטלעכע חברים אַנאַרכיסטן.

דעם רייאַט האָבן די טשעקאַ־אַגענטן לייכט אונטערדריקט. דער הונגערשטרייק האָט זיך ליקווידירט כמעט אויטאָמאַטיש, ווי נאָר דער איניציאַטאָר איז מער ניט געווען אין תפֿיסה. אַזוי איז אין אַלע אונטערנעמונגען. דער לאָקאָמאָטיוו אַליין איז ניט דער גאַנצער צוג, אָבער די וואַגאָנען אַליין באַוועגן זיך ניט. ווי נאָר דער לאָקאָמאָטיוו ווערט אָפּגעקייטלט, בלייבן די וואַגאָנען שטיין און רירן זיך ניט פֿון אָרט.

[ווען איך בין געווען פֿאַרשפּאַרט אין בוטירקע האָט די טשעקאַ אין מיין אָפּוועזנהייט געמאַכט אַ הויזזוכונג אויף מיין קוואַרטיר, ד. ה. אין מיין צימער. זי האָט ניט גערירט קיין איינעם פֿון מיינע כתבים. אַז איך בין אַרויס פֿון געפֿענגעניש האָב איך געפֿונען אין מיין צימער יעדע זאַך אויף איר אָרט.

זי האָט בלויז צוגענומען מיין פּאָעמע „בוים און טייך", אַ פּאָעמע, וואָס איך האָב געשאַפֿן אין מאָהיליאָוו אויפֿן דניעפּער אין יאָר 1915, ווינטערצייט. זי האָט צוגענומען דעם כתב־יד, מיינענדיק, אַז עס איז געשריבן אין אַ שיפֿער און עס אַנטהאַלט געהיימענישן פֿון פֿאַרשווערונגען קעגן די סאָ־

וויעטן. די טשעקיסטן איז ניט איינגעפאַלן, אַז איך שרייב אַן אַנדער לשון אויסער רוסיש.

אַז איך בין געקומען צוריק פון געפענגעניש נאָך אַ טערמין פון צוויי חדשים, האָב איך זיך ניט געכאַפּט, אַז דער מאַנוסקריפּט פעלט מיר. ערשטנס בין איך דעמאָלט געווען פאַרנומען מיטן פאַרענדיקן מיין רוסיש ווערק „אינ־טעראינדיווידואַליזם" און איך האָב געהאַט ניט קיין צייט און ניט קיין קאָפּ פאַר אַנדערע פאַרפאַסונגען. צווייטנס, אין טומלעניש האָב איך גאַר אינ־גאַנצן פאַרגעסן, אַז דער כתב־יד געפינט זיך אין מיין באַזיץ. ווען איך האָב זיך דערמאָנט וועגן דעם און איך האָב עס גענומען זוכן און ניט געפונען צווישן מיינע שרייבערייען, האָב איך לכתחילה געמיינט, אַז די פּאָעמע גע־פינט זיך אין רשות פון האַכבערגן. דאָס הויז זיינס האָב איך באַזוכט טאָג טעגלעך בעתן אַלטן רעזשים און אַ קורצע צייט אויך בימי קערענסקי. אַז האַכ־בערג האָט מיר, נאָך אַן אַנפראַגע, געזאָגט, אַז ער האָט ניט די פּאָעמע, ערשט דעמאָלט איז מיר איינגעפאַלן, אַז די טשעקאַ־אַגענטן האָבן זי צוגע־נומען, מיינענדיק אַז דאָס איז אַן אינקרימינירנדיקער דאָקומענט. אָבער ווען איך האָב זיך געכאַפּט וועגן דעם, אַז דער כתב־יד איז ניטאָ — איז שוין געווען עטלעכע יאָרן זינט די זוכונג איז געמאַכט געוואָרן און איך האָב ניט גערעכנט, אַז די טשעקאַ האָט נאָך מיין שאַפונג. די יאָרן זיינען דאָך געווען אַזעלכע טומלדיקע. איך האָב געטראַכט, אַז זי אַליין ווייסט שוין ניט, וואו דאָס איז אַהינגעקומען. און קיין צו גרויסן חשק גיין צו איר און מאַכן אַנ־פראַגעס האָב איך ניט געהאַט.

דעם אינהאַלט פון דער פּאָעמע געדענק איך. דאָס איז געווען אַ באַ־שרייבונג פון אַ בוים, וואָס האָט זיך לאַנג געשפּיגלט אין אַ טייכל און ער האָט זיך איינמאָל איינגעבויגן אים אַ קוש צו טאָן און נאָכדעם האָט ער שוין מער ניט געקענט זיך אויסגלייכן. אין האַרבסט, ווען דאָס טייכל איז געוואָרן אַ גאַנצער צעפּלייצטער טייך, האָט עס מיט דער הילף פון שטורעם־ווינט אויסגעריסן דעם בוים און האָט אים אַוועקגעטראָגן אויף זיין רוקן...]

9

מיט וואָס פאַרנעמט איר זיך? — מיט גאָרניט

איך בין געקומען צוריק אויף טווערסקאַיאַ 19. דער „קלוב" איז גע־בליבן, דער רעסטאָראַן האָט פונקציאָנירט, אָבער דער „פאַרבאַנד פון מאָס־קווער אַנאַרכיסטן" האָט זיך כמעט ווי אויפגעלייזט. מע האָט זיך געקריגט; מע האָט זיך געשליידערט מיט קעגנזייטיקע באַשולדיקונגען. אייניקע האָבן געצויגן אַהער, אַנדערע אַהין. עס איז אויך ניט געווען קיין קלאָרע פּאָזיציע בנוגע דעם סאָוויעטישן איינשטעל און וועגן די מיטלען, מיט וועלכע מע זאָל אים באַקעמפן, — צי מיט דינאַמיט, צי מיטן דינאַמיטישן וואָרט, און זען האַלטן זיך לעגאַל.

זעענדיק, אַז פון „פאַרבאַנד״ איז אויך גאָרניט אַרויסגעקומען, אַז ער גוססט און ער וועט באַלד אויסגיין, האָב איך באַשלאָסן פּרובירן גרינדן אַ נייע גרופּע, וואָס זאָל האָבן אַ באַשטימטן קוק אויף די אַקטועלע פּראָגעס פון דער צייט און מאַכן אַ סוף צו דער צעשוואומענקייט און אַפּאַטיע. מיין צוזאַמענשטויס מיט דער מאַכט בעת די וואַלן אין מאָסקווער סאָוויעט און מיין אַפּזיצן צוויי חדשים אין בוטירקע האָבן מיך נאָך ניט ענדגילטיק איבערצייגט, אַז מיר וועלן בשום אופן ניט קענען אָנגיין מיט אונדזער אַרבעט כאָטשבי נאָך עטלעכע יאָר.

נאָך אַלעמען, האָב איך געטראַכט, האָב איך זיך דאָך אויסגעדריקט צו שאַרף: אַ קליינינקייט: ראַטן די אַרבעטער צו באַזייטיקן לעניגען און אים באַהאַנדלען ווי דעם צאַר. אַזוי אַז צו אַ געוויסער מאָס קען מען זיי, די מאַכטהאָבערס, דן־זיין לכף זכות. און מע דאַרף דאָך פּרובירן דורכפירן דעם פּלאַן פון לעגאַליזאַציע, קריגן אַ מעגלעכקייט אָנצוגיין מיט אַנאַרכיסטישער אויפקלערנדיקער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס וועט באַשטיין הויפּטזעכלעך אין אַ טעאָרעטישן אַנטימאַרקסיזם אָן צוזאַמענשטויסן מיט דעם צערבער פון די סאָוויעטן, דער טשעקאַ. יעדנפאַלס דאַרף מען פּרובירן עס נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל. מע מוז עס טאָן, ווייל דאָס איז דער איינציקער וועג, ווי אַזוי צו ראַטעווען די אייגענע חברים, זיי ניט לאָזן אומקומען אין די קעלערן פון טשעקאַ. ענטוועדער לעגאַליזירן זיך אָדער עמיגרירן; ווי די זאַך שטייט איצט, דאָס געפינען זיך אין אַן אומלעגאַלן הפקר־צושטאַנד, מיינט פּאַר אַ היפּשער צאָל קאַמעראַדן אַ זיכערער מאַרטירערטויט.

אָבער גלייך זיך אַריינוואַרפן אין דער אַרבעט האָב איך ניט געקענט; איך בין געווען צופיל אויסגעמאַטערט.

איך האָב זיך מיישב געווען מיט אַ דאָקטאָר. ער האָט מיך אונטערזוכט און האָט מיר געזאָגט, אַז מיין האַרץ איז אָנגעגריפן, געגניוער: אויסגעבריי־טערט, און ער וואָלט מיר ראַטן זיך אָפּרוען אַ פּאָר וואָכן אָדער אַ פּאָר מאָנאַטן, וואָס וואָלט זיין פיל בעסער.

האָב איך אַ קלער געטאָן וועגן אַ וואַקאַציע אין איינער פון די פיל „זדראַוניצעס״, גענעזונגס־פּלעצער, וואָס האָבן זיך געפונען אין „זילבער־נעם וואַלד״ אויפן ברעג פון טייך „מאָסקוואַ״.

אין סאָוויעטרוסלאַנד אין יענער צייט האָט שוין אַלץ געהערט צו דער רעגירונג און אַן אַ דערלויבעניש פון דער כל־יכולדיקער און אומעטומיקער ממשלה האָט מען זיך ניט געקענט אַ ריר־טאָן. אַפילו ניט אַרויספאָרן פון שטאָט. לכן, אויב מע דאַרף קריגן אַ געפעליקייט פון דער אַלמאַכט, איז צו וועמען זיך ווענדן מיט דער בקשה, אויב ניט צו דעם „אַלגנעדיקן לויטערן אדון הגדול״, צו קאַמעניעוון?! ער, דעם אמת זאָגנדיק, האָט געמאַכט גיכער דעם איינדרוק פון אַן אייראָפּעאישן, אַביסל אויסגעפּוצטן, מיניסטער איי־דער פון אַ באַלשעוויסטישן סאַטראַפּ.

אַז איך דערמאָן שוין קאַמעניעוון און איך האָב אים שוין עטלעכע מאָל דערמאָנט, און מיר וועט נאָך עטלעכע מאָל אויסקומען צו דערמאָנען אים,

דאַרף איך זאָגן, אַז ער איז געווען אַ גאָר שטאַרקער רעדנער, הגם אים האָט געפעלט, לויט מיין געשמאַק נאָך, עלעגאַנץ, שאַרפקייט, שלאָגווערטלעכקייט, וואָס זיין שוואָגער טראָצקי האָט פאַרמאָגט אין גאָר אַ היפּשער מאָס, און, דער עיקר: הומאָר. ער איז געווען אַביסל האַמעטנע, שווער, צו ערנסט אי־בערגעלאָדן אין זיין ריידן. אָבער ער איז געווען אַ רעדנער אַ בעל־כוח.

ער איז אויך געווען אַ ליטעראַרישער פיינשמעקער. ער האָט הנאה גע־האַט פון פּאָעזיע. דאָס אַלץ אין דער בחינה פון אַ לייענער. אַלס אַ שרייבער איז ער געווען דער מחבר פון אַ צאָל פּאָליטישע אַרטיקלען. ער האָט גע־שריבן אַ גוטן רוסיש פון דעם באָלשעוויסטישן נוסח. אַזוי אַז צו דער שריי־בערישער כנופיה האָט ער געהאַט מער ווי אַ לעפּלעכע באַציאונג. גאָר ניט מעשה פאַרשטיינערטער באָלשעוויק, כאָטש זיין פּאָליטישער פּסעוודאָנים האָט באַטייט „שטיינעריש". מע האָט אויף אים געקענט זאָגן, אויב מע האָט ניט קיין מורא צו געברויכן אַן אַרכאַישן אויסדרוק, אַז ער איז געווען אַ „מוקיר רבנן", אויב אונטערן וואָרט „רבנן" פאַרשטייט מען „ליטעראַטן".

איז זינאַ אַוועק צו אים, צו קאַמעניעוון, אין מאָסקווער סאָוויעט און האָט אים געגעבן אַ באַשרייבונג פון מיין געזונט־צושטאַנד לויט דעם דיאַ־גנאָז פון אַ דאָקטאָר, אַ האַרץ־ספּעציאַליסט, און לויט מיין אייגענעם פילן־זיך ווייט פון „בקו־הבריאות". האָט איר דער פאָרזיצער פון מאָסקווער סאָ־וויעט און פאָרזיצער פון נאָך גאָר וויכטיקע פּאָליטישע אַנשטאַלטן, לעאָ קאַ־מעניעוו, געגעבן דאָס נייטיקע פּאַפּירל, אַזאַ צושריפט אונטערגעשריבן מיט זיין וואונדער־אויפטוענדיקן נאָמען, וואָס איז אין יענער צייט געווען שיער ניט אַזאַ בעל־פּעולה ווי דער שם־המפורש לויט אַ מיסטישן אויפפאַס.

מיט דעמדאָזיקן פּאַפּירל בין איך אַוועק אַ זיכערער, ווי אַ ייד אין משיחס צייטן גייענדיק אויף דער באַרימטער לעגענדאַרישער פּאַפּירענער בריק, אין דעם „קאָמיסאַריאַט פון געזונט", אין דעם דעפּאַרטאַמענט, וואָס האָט צו טאָן מיט די קוראָרטן, אָפּרו־פּלעצער, דערהאָלונג־מקומות און גע־נעזונג־הייזער וכדומה מלוכהשע אַנשטאַלטן.

איך בין אַריין, פאַרנומען מיין שטיי־פּלאַץ אין אַ ריי אָדער אַ ווידל (כוואָסט). אין מאָסקווע זיינען דעמאָלט אויף אַלץ געווען „ווידלעך", און טאָקע לאַנגע, אין וועלכע מע האָט געדאַרפט געדולדיק אָפּשטיין שעהן און שעהן, ביז עס איז געקומען צו אייך, צו אייער ריי. עס איז געווען אַ ווידל אויף זאַלץ, אויף שוועבעלעך, אויף צוקער, אויף אייער, אויף פּוטער; דאָס זיינען געווען אַרטיקלען, וועלכע עס איז שווער געווען צו קריגן אָדער מע האָט זיי אינגאַנצן ניט געקענט קריגן, ווי לאַנג מען זאָל ניט האָבן אָפּגע־שטאַנען אין די לאַנגע וואַרטעניש־שרענגעס. פאַר די מלוכהשע קראָמען אָדער „קאָאָפּעראַטיווע מאַגאַזינען", ווי מ'האָט זיי גערופן, פלעגט מען זען ווידלעך, וואָס האָבן זיך געצויגן „ממצרים ועד הנה ושם נאמר", אויף גאַנצע לאַנגע בלאָקס. אַנדערע פרויען פלעגן זיך פּעדערן און פאַרנעמען זייערע פּלעצער נאָך פון פאַר חצות. און זיי פלעגן אַזוי אָפּשטיין אַ גאַנצע נאַכט און דערנאָך דעם גאַנצן טאָג, און סוף כל סוף פלעגט מער ווי איינע פון זיי

אוועקגיין אַהיים מיט אַנגעשוואָלענע פיס און אַ ווייטאָקדיק האַרץ, אָן אויס־געשעפּטע און מיט „פולן ליידיקן״. אין מאָסקווע איז געגאַנגען דער וויץ, אַז דאָ, שטייענדיק אין ריי פאַר די קראָמען, האָבן די פרויען זייערע קינדער, טעכטערלעך, וועמען זיי גיבן איבער בירושה זייערע פלעצער, און יענע, דער צווייטער דור, שטייען נאָך אַפּ יאָרן און קריגן נאָך אַלץ גאָרניט. אַ רמז, אַז איידער אַ מלוכהשע קראָם וועט אַריינקריגן עפּנוואָרג צום פאַרקויפן צום ברייטן עולם, וועט נעמען דורות.

אָבער איך שטיי דאָ אין אַן אַנדער מין ווײדל. ערשטנס שטייען מיר ניט אינדרויסן, נייערט אין אַ גרויסן לאַנגן זאַל, און דער ווײדל דרייט זיך אין רינגען, אַ רינג אין אַ רינג, אַ קרייז אין אַ קרייז. אָבער דאָס איז גאָר ניט; דער עיקר איז, וואָס ער שמעלצט ממש ווי שניי אויף דער זון. די זון אין דעם געגעבענעם פאַל איז אָבוכאָוו; דער שניי זיינען די מענטשן, וואָס ווילן אָפּפאָרן אין די „זדראַוואָניצעס״, קורערטער און ענלעכע פלעצער.

אָבוכאָוו איז אַ דר. מעדיצין. אויסקוקן קוקט ער אויס ווי אַ פאַס, ניט קיין פעסל. דער בויך ביי אים איז אַזוי צעוואַקסן, אַז מ׳זאָל עס גאָר ניט זען, פאַר אונדז קיינעם ניט געדאַכט. אַזאַ צעוואַקסנקייט און אַנגעשטאָפּט־קייט האָט ניט געקענט קומען פון איבערעסן זיך, אין יענע האַלבע אָדער גאַנצע הונגעריאָרן, ווען אַפילו הויכע באַאַמטע, אויב זיי זיינען ניט גע־שטאַנען ממש ביי דער שיסל, ד. ה. אין פּראָוויזיע־אָפּטייל פון דער מאָס־קווער קאָמונע, האָבן ניט געהאַט צו עסן צו זאַט. מיט אים איז עס זיכער געווען אַ דריזן־אומרעגולערקייט. על כל פנים, עס האָט אויסגעזען, ווי אַלץ אין אים איז אַ מין ביילאַגע, אַן אומוויכטיקער צוגאָב צום בויך, אַזוי דער קאָפּ, אַזוי די דינע פיסלעך און די קורצע הענט.

אָבוכאָוו איז געזעסן מיט די אויגן אין די פּאַפּירן אָדער פּאַפּירלעך, וואָס זיינען געלעגן פאַר אים אויפן טיש. ווער עס איז צוגעקומען האָט דערלאַנגט אַ שטיק אָדער אַ שטיקל פּאַפּיר אָדער עטלעכע פּאַפּירן. אַלץ, וואָס אָבוכאָוו האָט געדאַרפט טאָן, איז צולייגן זיין אונטערשריפט, אַרויפ־דריקן אַ שטעמפּל און אַוועקגעבן דאָס פּאַפּירל דעם, וואָס האָט עס דער־לאַנגט אָדער עס אָפּרוקן אַן אַ זייט אומבאַשטעמפּלט און אומבאַ„אונטער־שריפטלט״, וואָס האָט באַטייט אָפּגעזאָגט אין גנאַד פון פאָרן זיך אָפּרוען, געזונט־ווערן, קריגן וואַקאַציע אויף אַלעם פאַרטיקן „על חשבון הגביר״, ד. ה. אויף דער רעכענונג פון דער סאָוויעטישער מאַכט. „אויף אַלעם פאַר־טיקן״ האָט באַטייט ניט איך ווייס וואָס, נייערט אַ בעטל צו שלאָפן אין אַן אַלגעמיינער קאַמערע אונטער דער אויפזיכט פון דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער, און קריגן דריי נישטקשהדיקע מאָלצייטן. דאָס אַלץ בחנם.

אָבוכאָוו האָט קיינעם ניט אָנגעקוקט. פאַר אים זיינען דאָ ניט געשטאַ־נען קיין מענטשן; פּאַפּירלעך האָבן זיך גערוקט, פּאַפּירלעך, וואָס זיינען גע־קומען פון פאַרשיידענע קאָמיטעטן און פאַרוואַלטונגען.

ער האָט קיין מענטשן ניט געזען, קיין פנימער אוודאי ניט; ער האָט

פאַר יעדן איינעם, וואָס איז געווען דער צולייג אָדער באַגלייטער פון פּאַ־פּירל, געהאַט איין סטערעאָטיפּישע פראַגע:

— מיט וואָס באַשעפטיקט איר זיך? (ווי טשעם זאַנימאַיעטעס?).

אַז איך בין צוגעקומען צו זיין טיש און הינטער מיר איז שוין געווען אַ ווײַדל אויסגעוואַקסן אַזוי לאַנג ווי דער יידישער גלות, האָב איך געקראָגן פון אים די זעלביקע, שוין טויזנט מאָל איבערגעחזרטע פראַגע:

— מיט וואָס באַשעפטיקט איר זיך?

אָבער מיין ענטפער איז געווען שוין גאָר ניט קיין סטערעאָטיפּישער. איך האָב געהאַט די חוצפה אים צו ענטפערן אויפן קול:

— מיט גאָרניט. אויף רוסיש „ניטשיעם".

ווי אַ באָמבע וואָלט אויפגעריסן, ווי אַן ערדציטערניש וואָלט אויפגע־טרייסלט דעם זאַל; וויפל מענטשן עס זיינען ניט געווען אין אָנגעפּילטן צי־מער האָבן זיך אַ קער געטאָן צו מיר מיט אָפענע מיילער, מיט פראַגע־צייכנס אויף די פּנימער, מיט אויסגעגלאָצטע אויגן פול מיט דערשטוינונג.

אַבוכאַוו אַליין האָט זיך אַזוי צעפּודזשעט, אַז ער איז שיער ניט אַראָפּ־געפאַלן פון זיין ברייטן שטול.

היתכן?! ס'טייטש אין סאָוועטרוסלאַנד, וואו ווער עס אַרבעט ניט, עסט ניט, זאָל אַ מענטש וואַגן צו זאָגן בפני כל עם ועדה, אַז ער טוט גאָרניט, אַז ער איז אַ ליידיקגייער! אַבוכאָוו האָט אויף מיר אָנגעשטעלט צוויי וויל־דע, שיער ניט אינגאַנצן אַרויסגעקראָכענע פון די אָרביטן, אויגן, ווי ער וואָלט פאַר זיך דערזען אַ באַשעפעניש, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון ערגעץ אַן אַנדער פּלאַנעט און געטראָפן גלייך צו אים אין זאַל פאַזע זיין שרייבטיש.

דערזעענדיק און, דערהויפּט, דערשפּירנדיק, וואָס פאַר אַן אויפרודער מיין צווייזילביקער ענטפער האָט דאָ אָנגעמאַכט, וואָס פאַר אַ פּאַניק מיין באַהויפּטונג אָדער קאָנפעסיע האָט אָנגעוואָרפן אויף אַלע אָנוועזנדיקע, אָבער־כאָוון אַריינגערעכנט, האָב איך אַ טראַכט געטאָן, אַז ראַטעווען די סיטואַציע און אומקערן אַלץ צוריק צום גלייכגעוויכט קען בלויז קאָמעניעוו, ווען איך לאָז אים נעמען דברן גלייך פון פּאַפּירל אַרויס.

אומר ועושה. געטראַכט און געטאָן. איך דערלאַנג אַבוכאָוון די קמיע מיטן שם־המפורש.

אַבוכאָוו האָט זיך גלייך באַרואיקט. די סאָוויעטישע וועלט שטייט גע־גרונטפעסטיקט אויף אירע זיילן. ער האָט קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט. מיר אונטערגערוקט אַ שטול, מיט אַ וואונק געבעטן זיך צוזעצן. גלייך אויסגע־מאַכט עפּעס אַן אַנדער פּאַפּירל, וואו אַלץ איז געווען אָנגעוויזן שוואַרץ אויף ווייס, ווען און ווי אַזוי צו פאָרן אין דער „זדראַווניצע" און ווי לאַנג איך קען דאָרט ווײַלן אויף „קאַזיאָנע קעסט". בקיצור, איך געהער אין דער ער־שטער העכסטער קאַטעגאָריע.

איך בין טאַקע גלייך אויפצומאָרגנס אָפּגעפאָרן.

XVI

אַלעקסיי א. באראוואָי

צו מיין גרויסן און זייער אנגענעמען סורפּריז האָב איך אין דערהאָ־לונגספּלאַץ דערזען אַלעקסיי אַלעקסייאיטש באראוואָי. ער איז שוין דאָ איבער אַ וואָך. און מיין בעטל האָט זיך טאַקע געפונען אין זעלביקן צימער ניט ווייט פון זיינעם. הייסט עס, איך האָב שוין מיט וועמען צו פאַרברענגען די טעג אין שמועסן און מיר וועט ניט זיין לאַנגווייליק די פיר וואָכן, וואָס איך דאַרף דאָ פאַרווײלן אָדער אָפּקומען.

באראוואָי איז געווען עלטער פון מיר מיט עלף יאָר. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1876. ער האָט געשטאַמט פון אַ פּריצישער פאַמיליע.

אין 1906 איז אין מאָסקווע דערשינען זיין ווערק „געזעלשאַפטלעכע אידעאַלן פון דער היינטצייטיקער געזעלשאַפט".

אין 1907 איז דערשינען זיין ווערק „אַ רעוואָלוציאָנערע וועלטאָנשוי־אונג".

אין 1908 איז אַרויס זיין ווערק „אַ קורס פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע".

אין 1910 זיינען דערשינען זיינע צוויי בענד „די געשיכטע פון פּער־זענלעכער פרייהייט אין פראַנקרייך".

אין 1911 האָט ער אַרויסגעגעבן „אַן ענטפער רעצענזענטן", אין וועלכן ער ענטפערט זיינע קריטיקער.

ער האָט געגעבן לעקציעס אין מאָסקווער אוניווערסיטעט, וואו אויך קאָסאָ איז דעמאָלט געווען פּראָפעסאָר. דער לעצטער איז שפּעטער־צו גע־וואָרן מיניסטער פון בילדונג. קאָסאָ איז געווען אַ רעאַקציאָנער, אָבער מיט באראוואָיען איז ער געווען זייער גוט באַפריינדעט, מער ווי סתם קאָלעגן. זיי פלעגן צוזאַמען גיין עסן מיטאָג־צייט, פריינטלעך זיך אַמפּערן וועגן פּאָ־ליטישע אָנגעלעגנהייטן. באראוואָי איז געווען אַן עקסטרעמער ראַדיקאַל און קאָסאָ אַן אויסגעשפּראָכענער מאָנאַרכיסט. ווען מיט באראוואָיען האָט גע־האַלטן פּאָליטיש זייער שמאָל, האָט אים קאָסאָ געגעבן אַן אָנצוהערעניש, אַז עס וואָלט זיין פאַר אים פיל געזינטער, ווען ער ציט אָפּ באַצייטנס, וואָרעם עס איז שוין אונטערגעשריבן אַ פאַראָרדענונג אים צו אַרעסטירן. באראוואָי האָט געמאַכט אַ „ויברח".

אונטער דעם נייעם רעזשים האָט ער צוריק באַקומען זיין שטעלע אַלס פּראָפעסאָר. ער האָט געגעבן זיינע לעקציעס אויף די „העכערע פרויען־קורסן", אַ פרויען אוניווערסיטעט, וואָס האָט זיך געפונען אויף דעם „מיידן־פעלד" אין מאָסקווע. ער האָט אַ קורצע צייט רעדאַקטירט אַ טעגלעכע צייטונג מיטן נאָמען „פרייהייט" („סוואָבאָדאַ"), אין וועלכער עס האָט זיך באַטייליקט איליאַ ערנבורג. וועמען באראוואָי האָט געקענט אין פּאַריזער עמיגראַנטישע קרייזן אַלס אַן אַנאַרכיסטיש־געשטימטן זשורנאַליסט.

ער האָט אויך אַ היפּשע צייט רעדאַקטירט אַן אַנאַרכיסטישע פּערטליאָ־

ריקע שריפט, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ הויכן קולטורעלן וויסנשאַפטלעכן ניוואָ.

באַראוואַי איז געווען אַ רייכבאַגאַבטער רעדנער, אַ וואָרטמייסטער, אָבער ער האָט געהערט צו דעם מין אַראַטאָרס און לעקטאָרס, וואָס לערנען אויס זייערע רעדעס אויף אויסווייניק און שטודירן איין אַפילו זייערע זשעסטן פאַר אַ שפּיגל. מיר איז אויסגעקומען צו זיין עטלעכע מאָל דער פאָרזיצער, ווען ער האָט געהאַלטן זיינע פאָרעם־שיינע און אינהאַלטסרייכע פאָרטראַגן. ער האָט געהאַט אַלס לעקטאָר אַ סך מעלות: אַ גוטע שטימע, הילכיק און אנגענעם, אַ שאַרפע דיקציע און, דערהויפּט טאַקע, אַ סך וויסן. ער האָט אָבער געהאַט איין חסרון און אָט־דער חסרון האָט זיך בולט אַרויס־געוויזן ווען עס פלעגט קומען צו ענטפערן פראַגעס, וואו עס פאָדערט זיך אימפּראָוויזירונג, קענען ריידן עקספּראָמט. דאָ פלעגט ער זיין כמעט ווי אומבאַהאָלפן. אין אַזעלכע פאַלן פלעג איך, אַלס פאָרזיצער, אים קומען צו הילף. זיינע פאָרטראַגן זיינען געווען גרינטלעכע, דאָך פאָפּולערע, סאָציאַל־וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונגען.

וועגן רוסישן מענטשן, גענומען אַלס אַ יחיד, האָט ער ניט געהאַט קיין געהויבענע מיינונג; יעדנפאַלס פלעגט ער אים מאַכן מיט בלאָטע צוגלייך, ווען ער האָט גערעדט עפנטלעך און טאַקע פאַר אַ גרויסן עולם. ווען ער האָט גערעדט, איז דער אוידיטאָריום פון פאָליטעכנישן מוזיי געווען געפּאַקט צו קאַפּאַציטעט און נאָך מיט אַ קויב.

ער פלעגט אָפט דערלויבן זיך אַזאַ פאַסאַזש:

— וואָס? איר רעדט וועגן אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע, אַיאָ? איר גייט זי טאַקע מאַכן, אַזוי פאַרזיכערט איר זיך און אַלעמען. אָבער ווען איך שטעל אייך דאָ אַוועק אַ פעסל „וואָדקע" (בראָנפן), וועט איר זיך אַלע, אָן אויס־נאַם, אָנשיכורן און פאַרגעסן וועגן אַלץ־מיטאַנאַנדער. שיכורים קענען ניט מאַכן קיין רעוואָלוציעס!

אַמאָל האָט ער זיך צעשריען אויפן גאַנצן זאַל, טאַקע ווען איך בין געווען דער פאָרזיצער:

— אַ רוסישער מענטש, וואָס איז ער? אַן אויסוואורף, אַ פוילענצער, אַ טויגעניכטס.

איך פלעג זיך כמעט ווי פאַרשעמען.

איינמאָל, ווען איך בין געווען ביי אים אין שטוב, געקומען איבעררײדן וועגן עפּעס אַן ענין, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט דעם פאַרלאַג פון דער „פעדעראַציע", רופט ער זיך אָפּ צו מיר:

— אבא, דער זון פון לייב, וואָס איז דער מער מיט אייך? וואָס רימט איר אַזוי די רוסן, ווען איר רעדט צו זיי? גלייבט איר טאַקע אין אייערע רייד, אין די קאָמפּלימענטן, וואָס איר גיט זיי? ווייסט איר דען ניט, אַז זיי זיינען אויסוואורפן, שיכורים, טויגעניכטסן און פאַרדאַרבענע ברואים, פאַר־שטאָפּטע מוחות? פאַרוואָס קומט זיי איר זאָלט זיי רימען?! ווען איך רייד, זאָג איך זיי דעם אמת, ווער און וואָס זיי זיינען.

איך ענטפער אים:

— זאָגט מיר, אַלעקסיי אַלעקסייאיטש, וואָס איז דער אונטערשייד צווישן קרושעוואַנען [אַ שונא־ישראל, דער רעדאַקטאָר פון „קיעווליאַנין"‚ דער העצער צו פּאָגראָמען, אַן אָנפירער פון די שווארצע מאהניקעס אין די צייטן פון צאר] און דעם נביא ישעיהו? ביידע האָבן געזאָגט וועגן יידן די זעלביקע זאַך. ישעיה האָט געזאָגט, אַז ווען אַ ייד גיט אייך וויין, איז ער געמישט מיט וואַסער, אַז ער גיט אייך זילבער, איז עס געמישט מיט פסולת. און קרושעוואַן האָט געזאָגט דאָס אייגענע: אַז די יידן זיינען שווינדלער, זשוליקעס. דער אונטערשייד איז דער: דו, ישעיה, ביסט אַן אייגענער, מעגסט רייד וואָס דו ווילסט, דו, קרושעוואַן, ביסט דאָך אַ פרעמדער, איז וואָס בילסטו אויף אונדז! ווען איר זידלט די רוסן, וועט איר ביי זיי ווערן אַ נביא, אַ שטראָפער; ווען איך רייד אַזוי ווי איר, וואָלט איך געווען פאַררעכנט ביי זיי פאַר אַ קרושעוואַן...

מיר זיינען געווען פריינט, אָבער דאָ, אין געגעזונגספלאַץ, זיינען מיר געוואָרן גאָר שטאַרקע ידידים.

ער האָט ניט געהאַלטן פון טראַצקין און פון די איבעריקע קאָמוניסטישע גדולים. ער פלעגט אָפּחוזקן פון זייער שלעכטן עמיגראַנטישן אָנגעבלאָזענעם און אָנגעבלעזלטן רוסיש און ווייניק קענטעניש, פאַרשטענדעניש.

רוף איך זיך איינמאָל אָפּ צו אים:

— אַלעקסיי אַלעקסייאיטש, אויב די זאַך איז ווי איר שילדערט עס, אַז קיין בילדונג האָבן זיי ניט, פאַרשטיין פאַרשטייען זיי גאָרניט, פרעמדע זיינען זיי, אַנגעפאַרענע, אָנגעלאָפענע פון אַלע עקן, רוסישריידן זיי אַ שלעכטן, און איר זייט דאָך אַן איינגעוואָרצלטער רוס, אַ גרויסער רעדנער, אַ מאַן מיט אַ סך בילדונג און דערצו אַ ראַדיקאַל, — איז פאַרוואָס דערלאָזט איר, אַז פרעמדע אומוויסנדיקע ברואים זאָלן קומען און באַלעבאַטעווען דאָ, ביי אייך אין לאַנד און אונטער אייער נאָז? קענט איר זיי ניט ווייזן, ווער ס'האָט דאָ די דעה! אַז זיי מאַכן דעם חשבון אָן דעם אמתן באַלעבאָס, דער רוסישער ראַדיקאַלער אינטעליגענציע!

ער איז קיין ענטפער ניט געבליבן שולדיק. ער האָט מיר אָנגעוויזן אויף זיינע פּערזענלעכע פאַמיליען־אָנגעלעגנהייטן.

— איך האָב גענוג... איך קען זיך ניט פאַרנעמען מיט אָנפירן מיט די מאַסן.

זיינע רייד האָבן מיך אַריינגעפירט צו ווייט און צו טיף אין זיין אינטימען לעבן. דאָס, וואָס ער האָט מיר פאַרטרויט, וואָלט זיך אָנשרייבן ווי אַ זייער פּיקאַנט־אינטערעסאַנטער קאַפּיטל. אָבער איך קווענקל זיך עס איבערצוגעבן ברבים. איך צווייפל, צי איך האָב אַ רעכט צו טאָן עס; צי ער וואָלט וועלן, איך זאָל עס מפרסם־זיין. איז וועל איך עס בעסער פאַרשווייגן. אויף ניט, האָט מען קיין חרטה ניט.

— יאָ, אים האָט געפעלט דער טעמפּעראַמענט פון אַ באַקונין, די אַמביציעזקייט, דער ענטוזיאַזם, די התלהבות, וואָס טרייבן אַ מענטשן צו שווע־

רע אחריותפולע אונטערנעמונגען. ער איז ניט געווען קיין קעמפער, וואָס איז גרייט איינצושטעלן דאָס לעבן אויף אַן אַקטיוון מיליטאַנטישן דרך.

[פאַר מיין אַנטלויפן, סוף 1924, פון סאָוויעטרוסלאַנד, האָב איך אים צופעליק באַגעגנט אויף דעם אַלעקסאַנדראָווסקי וואָקזאַל, אין בופעט. איך בין דאָרט געווען מיטן ברודער, וו. גאָרדין. עס איז געווען אַ גוטער פּלאַץ איבערצורייד[ן] וועגן פאַרשיידענע ענינים און זיין זיכער, אַז אַגענטן הערן ניט אונטער. דער הו־האַ, טומל און געפילדער איז געווען דאָרטן צו גרויס, אַז אַ זייטיקער זאָל קענען הערן וואָס מע רעדט צווישן זיך.

איך האָב מיט אים גענומען איינטענהן:

— אַלעקסיי אַלעקסייאיטש, עס דערנענטערט זיך דער סוף פון אַלע סופן פאַר אונדז, אַנאַרכיסטן, דאָ אין לאַנד. איך האַלט ערב אַפּציען. מע טאָר דאָ מער ניט בלייבן. עס איז צו געפערלעך.

— וואוהין וועל איך פאָרן? וואָס וועל איך טאָן אין עמיגראַציע?

— אַלעקסיי אַלעקסייאיטש, מע טאָר דאָ מער ניט בלייבן; עס איז אַן אַקט פון זעלבסטמאָרד.

ער האָט זיך פאַרטראַכט און מיך אַ פרעג־געטאָן:

— וואָס וועט איר טאָן אין עמיגראַציע? וואוהין פאָרט איר? וואָס קען איך טאָן אין עמיגראַציע?

— איר וועט טאָן וואָס אַלע פּאָליטישע עמיגראַנטן טוען און האָבן געטאָן; וואָס האָט קראָפּאָטקין געטאָן? איך אַנטלויף קיין אַמעריקע.

— קראָפּאָטקין איז אַן אויסנאַמספאַל... די לאַגע דאָ איז ניט אַזוי געפערלעך ווי איר שטעלט זי פאָר. איך בין דאָך ניט אַקטיוו.

ער האָט געוואָלט, איך האָב אויך געוואָלט, אַז מיין אָפּשאַץ פון דעם מצב זאָל זיין אַ פאַלשער. איך בין אָבער געווען מער ווי איבערצייגט, איך האָב ממש געשפּירט, אַז דער פּראָגנאָז מיינער איז שוין גאָר אַ ריכטיקער און דאָס בלייבן אין רוסלאַנד וועט זיך ענדיקן קאַטאַסטראָפאַל פאַר אַלע אונדזערע חברים.

— אַלעקסיי אַלעקסייאיטש, איך זאָג אייך נאָך אַמאָל, מע טאָר אין רוסלאַנד לענגער ניט בלייבן; עס איז אַ געפאַר. דער איינציקער אויסוועג איז עמיגרירן, אַנטלויפן און וואָס פריער אַלץ בעסער.

ער האָט מיין וואָרענונג ניט גענומען אין אַכט. ווען איך האָב מיט אים גערעדט, האָט ער געהאַלטן עפּעס אַן אומוויכטיקע קאַנצעלאַרישע שטעלע אין אַ סאָוויעטישער אינסטיטוציע. ער איז ניט געווען אַקטיוו. ער האָט אָבער קיין סוד ניט געמאַכט פון זיינע איבערצייגונגען און האָט ניט געקענט און ניט געוואָלט מאַכן. ער איז געווען גוט באַקאַנט אַלס אַנאַרכיסט.

מע האָט אים פאַרשיקט אין וויאַטקע און אין 1936 איז ער דאָרט געשטאָרבן.

איך האָב פיל נאָכגעטראַכט וועגן דעם, פאַרוואָס אַזאַ מענטשן ווי באָראָוויען איז געווען אַזוי שווער פּסיכאָלאָגיש עוקר צו זיין, צו פאַרלאָזן זיין

היימלאַנד. איז באמת פאַראַן אַזאַ מיסטישע שנור, וואָס האַלט אָן איינ־געבאָרענעם צוגענאָפּלט צו זיין פאָטערלאַנד? ווער ווייסט].

XVII

דער פאַסטעך־שייגעץ. (דער עגאָצענטריקער)

„רועה עדריו נער
מה טוב מנת חלקו ומה־נעמה!
בין מכלאות צאונו מנהל ילך
הלוך ורץ ושב, בעניו יגל,
פניו ולבו תואמים ישישו;
בין צאלים ישכב והוא בוטח,
דל הוא ואך שמח..."

(משה חיים לוצטו, „מגדל עוז".)

די „זדראַווניצע" איז געווען פאַרשטעקט אין „זילבערנעם וואַלד".

איך האָב זיך אַרומגעבלאָנקעט איינער אַליין איבערן וואַלד. איך האָב אַלע מאָל האַלט געהאַט זיך מתיחד צו זיין מיט דער נאַטור, רעכט אין אַ פעלד, רעכט אויף אַ לאָנקע, אָבער אַמבעסטן אין אַ געדיכטן וואַלד, וואו עס זיינען אויסגעשפּרייט ליכט־ און שאָטן־נעצן. איבערהויפּט האָב איך ליב געהאַט גיין קלייבן יאַגאָדעס, פּאָזשימקעס אָדער טשערניצעס און שוועמלעך, דאָס רייצט מיך אויף אַלע מאָל אַזוי אנגענעם. מעגלעך, אַז אין דעם שטעקט אַ שטיק אַטאַוויזם. אונדזער זעל און קערפּער דערמאָנען זיך יענע גאָר־פאַר־צייטישע עפּאָכעס, ווען מיר, מענטשנקינדער, האָבן געוואוינט אין די וועל־דער, געקלעטערט אויף די ביימער און זיך גענערט מיט יאַגאָדעס און רויע שוואָמען.

ליגנדיק אונטער אַ בכבודיקן בוים, האָב איך זיך פאַרטיפט אין באַ־טראַכטן אַ שיינעם ברוינעם „באַראַוויק", וואָס האָט קוים אַרויסגעשטעקט פון פּליושענעם מאָך פונקט צופוסנס פון אַ ריזיקן סאָסנע־בוים, וואָס האָט ממש אונטערגעשפּאַרט דעם לויטערן הימל.

אומדערוואַרט און אומבאַמערקט פון פריער קומט אויף מיר אָן אַ קליי־נע טשערעדע פון אַ 15 קי. זיי געפינען זיך, ווי איך זע, אונטער דער השגחה און אָנפירערשאַפט פון אַ שייגעץ, וואָס איז אַלט אַ יאָר זעכצן־זיבעצן. ער איז עס, הפנים, דער דאָרפספאַסטעך.

זינט מיינע פריע חדר־יאָרן בין איך ניט גלייכגילטיק צו פאַסטעכער. איך פיל צו זיי אַ ליבשאַפט־צוגעבונדנקייט און האָב פאַר זיי אָפּשיי פון כמעט אַ רעליגיעזן כאַראַקטער. איבערהויפּט נאָך אַ פאַסטעך אין לאַפּטשעס, מיט אַ לאַנגער בייטש אין דער האַנט, מיט וועלכער ער קנאַלט, און טראָגט

אַ האָרן וואָס איז אויף אַ שנירל אַרומגעבונדן אַרום זיין האַלדז, און ביי דער זייט טראָגט ער אַ טאַש, אין וועלכער ער האַלט עסנוואַרג, וואָס דאַרף אים קלעקן אויף אַ גאַנצן טאָג פון קאַיאַר ביז בין־השמשות.

עפּעס אַ קלייניקייט אַ פּאַסטעך! יעקב אבינו איז געווען אַ פּאַסטעך; משה רבנו איז געווען אַ פּאַסטעך, און דער עיקר דוד, דער פּאַסטעך־יונג, וואָס האָט מיט אַ שטיינדל דערהרגעט דעם לעסטערער פון די יידישע רע־גימענטן, גלית, און איז נאָך פיל צרות, וואָגלענישן, רדיפות אַליין געוואָרן קיניג פון יהודה און ישראל.

איך שאַר זיך צו צום פּאַסטעך־שייגעץ, צעשמועס זיך מיט אים גע־מיטלעך, דערצייל אים, אַז איך קום אַזש פון מאָסקווע און דאָ געפין איך זיך אין דעם דערהאַלונגספּלאַץ. איך דערצייל אים וועגן מיין הינקעדיקן פוס. מיין כוונה איז צו געפינען לייטזעליקייט אין זיינע אויגן, ווערן מיט אים באַפריינדעט, גלייך דערנאָך היימיש אַזוי אַז ער זאָל זיך פאַר מיר פונאַנ־דערעפענען און מיר דערציילן וועגן זיין לעבן.

ער לאָזט מיר לאַנג ניט וואַרטן אויף זיינע פּערזענלעכע אויפדעקונגען. ער שטאַמט פון אַ דערבייאיקן דאָרף אָדער דערפל. זיין לעבנס־באַשרייבונג איז ניט קיין לאַנגע און ניט קיין אויסטערלישע. ער האָט ניט קיין קעניג־לעכע אָדער געטלעך־גוזעצגעבערישע אַמביציעס. ער איז דער צופרידענער מענטש, וואָס קיין זאַך פעלט אים ניט.

ער רעדט רואיק מיט פולער שלווה:

— איך בין אַ פּאַסטעך־יונג דאָ אין דאָרף, — ער ווייזט אָן מיט דער האַנט די ריכטונג, אין וועלכער דאָס דערבייאיקע דאָרף געפינט זיך. — אַ פּאַסטעך איז די בעסטע און די געהויבנסטע טוואונג. אַ שפּאַס אַ פּאַסטעך! די פּויערים טרויען אים אָן דאָס טייערסטע, וואָס זיי פאַרמאָגן. אָן אַ קו — איז אַ פּויער אומגליקלעך. ער האָט ניט וואָס צו געבן די קינדער צו עסן. אָן אַ קו איז ניטאָ קיין אמתע פּויערישע באַלעבאַטישקייט. און אַז איך וויל, קען איך די פּויערים אַנטאָן אָן אַ שיעור שאָדן און צרות. איך קען געבן אַ קו אַזאַ גראָז אַ שטשיפּע צו טאָן און זי וועט אויפהערן זיך מעלקן, אָדער איך קען מאַכן, אַז די מילך זאָל ווערן ביטער און מ׳זאָל זי אין מויל ניט קענען נעמען. דעריבער האַלטן זיי מיך אין דאָרף ווי אַן אבן־טוב. זיי ווייסן ניט, וואָס צו טאָן מיט מיר. זיי לייגן מיך שלאָפן אויפן בעסטן פּלאַץ אויפן אויוון, די באַבעס קעכלען מיך. זיי גיבן מיר עסן פון דאָס בעסטע און דאָס פרישסטע.

ער האָט גערעדט מיט טיפער איבערצייגונג און באַגייסטערונג וועגן דער גאָר געהויבענער פּאָזיציע, וואָס אַ פּאַסטעך פאַרנעמט אין דאָרף. דאָס גאַנצע וואוילזיין פון גאַנצן דאָרף, קינד און קייט, אַלט און יונג, הענגט אָפּ פון אים. אַז ער וויל, אַז ער זאָל ווערן אין כעס, קען ער זיי אומגליקלעך מאַכן.

ער האָט באַמערקט, אַז זיינע רייד עפּעס ווי איבערצייגן מיך ניט אַזוי, אַז איך זאָל זיך באַציען צו אים מיט גרעסערן רעספּעקט. ער וואָלט וועלן,

אַז זיינע רייד זאָלן טיף אַריינזינקען אין מיין באַוואוסטזיין און איך זאָל נעמען תופס־זיין זיין גדלות. ער ווייסט אָבער ניט, ווי צו דערגרייכן אָט־דעם געגאַרטן רעזולטאַט, האַלט ער אין איין איבערחזרן די זעלביקע רייד.

איך האַק אים איבער און גיב אים אַ פרעג:

— האָסטו געהערט וועגן אַ מאַן וואָס הייסט לענין?

— ניין, איך האָב ניט געהערט. איז ער אַ פּאַסטעך דאָ אין אַ ווייטערן דאָרף?

— זיכער אַ פּאַסטעך, אָבער פון אַ גרויסער טשערעדע, אַ סך גרעסער פון דיינער.

— טאַקע? אַ גרויסע טשערעדע?! — ער רעדט אַרויס די ווערטער מיט קנאה.

— האָסטו געהערט וועגן דער רעוואָלוציע?

— רעוואָלוציע?! ניין, גאָרניט געהערט. איך ווייס ניט וואָס דאָס איז.

— ווייסטו אַז עס איז ניטאָ קיין צאַר?

— יאָ, די פּויערים זאָגן, אַז קיין צאַר איז ניטאָ, — ער האָט אַ זיפץ געטאָן גלאַט אַזוי זיך פון יוצא־וועגן. ער האָט ניט געוואוסט גענוי, צי עס איז אַן אונטערשייד, צי עס איז יאָ פאַראַן אַ צאַר, צי עס איז ניט פאַראַן קיין צאַר. וואָס איז דער חילוק? די קי דאַרף מען פּאַשען, זיי טרייבן אין פעלד, אין וואַלד און פון פעלד און פון וואַלד, יעדן טאָג, און קיין זאַך האָט זיך ניט געענדערט אין זיין וועלטל פון קי און גראָז.

איך בין געווען איבערראַשט פון דער גאַנצקייט, זעלבסטגענוגנדיקייט פון אָט־דעם עגאָצענטרישן פּאַסטעכל. הפּנים, יעדער איינער פון אונדז מיינט, אַז מיט אים הייבט זיך אָן זיין וועלטל און מיט אים ענדיקט עס זיך און ער איז עס דער „ממלא כל עלמין וסובב כל עלמין", ער אַליין פּילט אָן זיין וועלטל און ער רינגלט עס אַרום פון אַלע זייטן.

עפּעס אַ קלייניקייט אַ פּאַסטעך ביי בהמות, אַ פּאַסטעך אין דאָרף!
עפּעס אַ קלייניקייט אַ פּאַסטעך ביי מענטשן, אַ פּאַסטעך אין שטאָט!
דאָס איז געווען אין יוני 1920.

מיט צוויי און דרייסיק יאָר שפּעטער, אין 1952, שוין אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע.

זומער. הייס. שטיקנדיק. איך בין אין קוני־איילאַנד לשם אָטעם־אָפּכאַפּונג און אָפּפרישונג. איך זעץ זיך צו אויף אַ באַנק קאָנפראָנטירנדיק דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן. לעבן מיר זעצט זיך צו אַ מאַן מיט אַ לאַנגער רויטלעכער באָרד און היפּשע פּאות.

פאַרשטייט איך דאָך, אַז ער איז אַ גרינער, אַ ניט־לאַנג־צוריק אַריבערגעקומענער, און אַז ער געהערט צו די כלי־קודש, צו וועלכע איך, ווי אַ בן הרב, האָב אַן אַמביוואַלענטישן געפיל, אי אַ שוואַכקייט און אַ שטיקל אַנטאַגאָניזם.

איך גיב אים אַ פרעג בנעימותדיק:

— פון וואַנעט זייט איר, רבי?

— פון קוטנע.

— ווי לאַנג אין אונדזער מדינה?

— פיר חדשים.

— וואָס טוט איר דאָ, רבי?

— אַ ראש־ישיבה פון די ליובאַוויטשער.

— אַזוי גאָר! איך האָב גלייך באַמערקט, אַז איר זייט דאָ אַ נייער מענטש.

— און ווער זייט איר? — פרעגט ער מיך מיט פולשטענדיקער גלייכגילטיקייט, בלויז פון יוצא־ווערן. וויבאַלד איך האָב אים אויסגעפרעגט, טוט ער מיר אַ טובה און צאָלט מיר מיט דער אייגענער מטבע פון קלאָמפּערשטער נייגעריקייט.

דער יצר־הרע פון באַרימעריי, פון איבערנעמען זיך, דערוועקט זיך אין מיר און איך וויל אים ווייזן, אַז איך בין אויך ניט אַבי ווער, אַ „גראַשן אַ טוץ".

— מיין נאָמען איז אבא גאָרדין. אַ זון פון רבי יהודה לייב גאָרדין.

— אַזוי גאָר, דעם לאָמזשער גאונס זון?! האָט איר געמעגט טראָגן אַ היטל.

כדרך הטבע זומערצייט בין איך געגאַנגען בגילוי ראש.

איך וויל אָפּווישן די אומאַנגענעמלעכקייט, וואָס נעמט זיך שאַפן צווישן אונדז פון זיין אַנמערק־אָנצוהערעניש, אַז מיט מיין הילך פאַרשעם איך מיין טאַטן. און איך גיב אים אַ פרעג:

— רבי, איר קומט פון קוטנע, קענט איר אפשר טרונקן?

— דעם שרייבערל? ער איז דאָך אַן אייניקל פון גאון רבי שיעלע קוטנער! אַז אַך און ווי וואָס ס'איז פון רבי שיעלעס אַן אייניקל געוואָרן!

— וואָס איז, רבי! ער איז אַן אָנגעזעענער שרייבער...

— אַ שרייבער?! וואָס שרייבט ער? מעשיות... זיין זיידע איז דאָך געווען אַ גאון! אַ קאָפּמענטש!

— ער איז אַ גאַנץ וויכטיקער שרייבער, — דינג איך זיך מיטן ליובאַוויטשער ראש־הישיבה.

— איך ווייס וועגן די שרייבער, —— מאַכט ער מיט דער האַנט מיט ביטול, — איך ווייס פון גאָרקין, פון טאָלסטאָיען. אָבער וואָס קומט אַרויס פון זייערע שרייבערייען? ווער לייענט זיי? — ער פרעגט און ענטפערט זיך אַליין, — דינסטמיידלעך.

— רבי, אַ מיליאָן דינסטמיידלעך, אַז זיי לייענען אַ בוך, איז עס אַ גרויסער ענין.

— וואָס ענין, ווען ענין, מעשה־פאַרציילעכצן, עס איז ניט קיין קאָפּזאַך. צו אונדזער לערנען דאַרף מען דאָך צולייגן קאָפּ און דאָס, אָט־די שרייבעכצן, — ער רעדט מיט פאַראַכטונג, כמעט מיט עקל, — וואָס פאַר אַ ווערדע האָט עס! איז עס אַ תוספות, איז עס אַ מהר"שא?! מיר זיינען פאַר־

נומען מיט שאַרפע מוח־זאַכן, און זיי שרייבן בבא־מעשיות פאַר דינסט־מיידלעך...

נאָך אַ פאַסטעכל באַגעגנט אין מענטשן־וואַלד.

XVIII

אינטעראינדיווידואַליזם

איך בין געווען פאַרנומען מיטן פאַרפאַסן, ריכטיקער: צופירן צום שלוס, מיין ווערק „אינטעראינדיווידואַליזם". בוטירקע האָט ניט איבערגעריסן מיין אַרבעט. ווי שוין דערמאָנט האָב איך אין געפענגעניש אָנגעשריבן צוויי היפּשע וואָגיקע קאַפּיטלעך.

אינטעראינדיווידואַליזם אין באַצוג צו סאָציאַליזם איז בערך ווי אינטערנאַציאָנאַליזם איז אין באַצוג צום קאָסמאָפּאָליטיזם. עס איז געמאַכט געוואָרן אַ שפּרונג פון נאַציאָנאַלן שאָוויניזם גלייך אין קאָסמאָפּאָליטיזם אַריין. אַ צווישנסטאַדיע, אַ גרויסע פּרוכטבאַרע מעגלעכקייט איז פאַרזען געוואָרן און דאָס איז אינטערנאַציאָנאַליזם, אַ פרידלעכע רעגולירונג און טאַקע אַ פאַראייניקונג פון די אינטערעסן פון פאַרשיידענע נאַציעס. בנוגע דער געזעלשאַפטלעכער פראַגע איז געמאַכט געוואָרן דער אייגענער ווילדער שפּרונג. אויב אינדיווידואַליזם־עגאָאיזם טויג ניט, ער האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין פעלערהאַפט אין פיל הינזיכטן, מיינט עס נאָך ווייט ניט, אַז מע דאַרף מאַכן אַ שפּרונג צום סאָציאַליזם, צו אַן איינהייטלעכער געזעלשאַפטלעכקייט מיטן פאַלשן אַנלאָקנדיקן צוזאָג פון קלאַסנאָפּשאַף. עס איז פאַראַן אַ מיטעלער שטאַפּל און דאָס איז אינטעראינדיווידואַליזם, אַ פאַראייניקונג פון אינדיווידן, אַ פאָרם פון שותפות אין וועלכער די יחידים שותפים פאַרלירן ניט זייער עקאָנאָמישע אידענטיטעט.

קאָסמאָפּאָליטיזם קען מען פאַררעכענען פאַרן סוף פסוק, פאַר דעם ענדציל פון אינטערנאַציאָנאַליזם, וואָס איז אייגנטלעך, פּאָליטיש גענומען, אַ פּאָליאַטיוו. אינטעראינדיווידואַליזם איז ניט קיין פּאַליאַטיוו. ער גיט אַן ענדגילטיקע לייזונג פון דעם פּראָבלעם ווי צו רעגולירן די שייכותן פון יחיד צום יחיד און פון יחיד צום ציבור. ער באַהויפּט, אַז דער ציבור ווי אַ סאָציאַלער אַגרעגאַט, וואָס אנדערקענט ניט זיינע יחידים, דאַרף זיך אויפלייזן. סאָציאַליזם, וואָס שטיצט זיך אינגאַנצן אויף געזעלשאַפטלעכקייט, אַנטהאַלט אין זיך אַנאַכראָניסטישע עלעמענטן; ער רעגיסטרירט אַ צוריקפאַל צו אַ פאַרקלונגענער פאַרגאַנגענהייט, צו יענער צייט, ווען די יחידים האָבן זיך נאָך ניט אויסגעקריסטאַליזירט.

מיין ווערק „אינטעראינדיווידואַליזם" בייטיקט זיך אין אַ צוגאָב־ווערק מיטן נאָמען אינטעראינדיווידאָלאָגיע. דער הויפּט־טעות איז געמאַכט געוואָרן פון אויגוסט קאָנטן (1798־1857), וואָס איז געווען אין זיינע יונגע יאָרן אַ

תלמיד פון סען־סימאָן (1825־1760). עס זיינען פאַראַן פאַרהעלטעניש און דערשיינונגען, וואָס זיינען דורכאויס געזעלשאַפטלעכע. אָבער עס זיינען פאַראַן שייכותן, וואָס זיינען בעיקר אינטעראינדיווידועלע, ווען דער יחיד טרעט אַריין אין דירעקטע אָדער אינדירעקטע פאַרבינדונגען מיט אַ צווייטן יחיד. מאָדערנע עקאָנאָמיק שטייט אויסשליסלעך אונטערן צייכן פון דאָס אינטעראינדיווידועלע. סאָציאַליזם איז אַ פּרימיטיוו. אַנטוויקלטע מענטשן זיינען ניט אַזוי סאָציאַלע וועזנס, ווי אינטעראינדיווידועל־געשטימטע און קאָנדיצירטע מהותן. מיר זיינען פּערזענלעכקייטן, אָבער דאָס מיינט ניט, אַז מיר קענען עקזיסטירן איינער אַליין און מיר זיינען אין אַלע הינזיכטן זעלבסטבאַגעניגנדיקע אויטאַרקישע איינצלנע. דאָס זיכער ניט. אָבער דאָס מיינט באַין אופן ניט, אַז מיר מוזן אָנקומען צו דער גענעראַליזאַציע, וואָס מע רופט „געזעלשאַפט", און וואָס, ווען מע זאָל וועלן, קען עס גילטן פילאָלאָגיש פאַר אַן „אינטעראינדיווידואַל", באַשטייענדיק פון „געזעל" און דעם סופיקס „שאַפט", אַ פאַראייניקונג פון געזעלן אויף אַ גרעסערן מאסשטאַב.

בּאַראוואַי איז געווען, ווי פריער דערמאָנט, אַן אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסט. איך האָב מיט אים פיל געשמועסט און פּאָלעמיזירט. איך האָב געטענהט, אַז אַנאַרכאָ־סינדיקאַליזם איז פּויפּסטלעכער פון פּויפּסט, איז מער היסטאָריש־מאַטעריאַליסטיש ווי מאַרקסיזם. סינדיקאַליזם פאַרלאָזט זיך אינגאַנצן אויף דער עקאָנאָמישער באַזע און אויף עקאָנאָמישע דעראָבערונגען. ער איגנאָרירט פּאָליטיק. דאָס איז אַ פאַטאַלער טעות. אין דער געזעלשאַפט הערשט, פּרעדאָמינירט ה ע ר ש אַ פ ט, ד. ה. פּאָליטישע מאַכט, ניט די ווירטשאַפטלעכע כוחות, וואָס זיינען אונטערגעוואָרפן אונטער דער העגעמאָניע פון פּאָליטיק.

מאַרקס, וואָס האָט געגעבן אַן עקאָנאָמישע אינטערפּרעטאַציע פון געשיכטע, האָט דאָך אנערקענט, אַז קודם כל דאַרף מען דעראָבערן די מאַכט און מיט איר הילף אַריינטראָגן די נייטיקע שינויים אין דער ווירטשאַפטלעכער סטרוקטור.

שטעלט אייך פאָר, אַז מיר וועלן פאַרנעמען אַלע פאַבריקן און ווערקשטאַטן פון רוסלאַנד (אין מאָסקווע האָבן מיר עס געטאָן צו אַ גרויסער מאָס) און די באָלשעוויסטישע מאַכט וועט שיקן קעגן אונדז אַ מיליטערישע אָדער פּאָליציייאישע אָפּטיילונג, וועלן זיי דען ניט קענען צונעמען ביי אונדז אַלע אונדזערע ריין־עקאָנאָמישע דעראָבערונגען?!

בלויז אונטער דעם קאַפּיטאַליזם און איינגעפירטער דעמאָקראַטיע, ליבעראַליזם, האָט אויסגעזען, אַז דער עקאָנאָמישער פאַקטאָר ווערט פּרעדאָמינירנדיק. וואָילשטאַנד פאַר זיך מיינט ווייניק, האָט אַ קליינעם באַטרעף אין אַ געזעלשאַפט, וואָס ווערט פאַרוואַלט פּאָליטיש, און אַנדערש קען זי ניט פאַרוואַלט ווערן. די פראַגע איז: פאַר וועמען? וואָוילשטאַנד פאַר וועמען? רעזשימען, וואָס זיינען געווען שעדלעך פאַר דער איבערוועגנדיקער מערהייט, האָבן עקזיסטירט און געדייט, ווייל זיי זיינען געווען גוט און גינציק פאַר אַ געוויסער דאָמינירנדיקער פּאָליטישער גרופּע, און זי איז געווען דער „רוב בנין" כאָטש ניט דער „רוב מנין".

רייכקייט איז אַ וויכטיקער ענין, אָבער ניט ווען זי שטייט איין אין אַ פרעמדער אכסניה, ווען זי געפינט זיך אין אַ פרעמדער קעשענע. דער הערשער האָט שטענדיק געוואָלט, אַז די רייכטימער זאָלן זיך געפינען ביי אים און ביי זיינע פריינט און מקורבים, ביי זיינע מענטשן, ניט ביי זיינע קעגנער. מ'האָט געפירט מלחמות, מע האָט רואינירט לענדער ווירטשאַפטלעך, אויב נאָר פון אָט־די רואינירונגען און חורבנות־אָנטאָן האָט דער הערשער אָדער די הערשערס אַריינגעקראָגן אַ היפש ביסל אין יד אַריין, אָדער עקאָנאָמיש אָדער פּאָליטיש, אָדערביידע זאַכן צוזאַמען.

XIX

אַנאַרכאָ־אוניווערסאַליסטן

ווען איך האָב זיך גענומען פילן בעסער, האָב איך פאַרלאָזן דעם גענעזונגספּלאַץ, געקומען צוריק קיין מאָסקווע, זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן אַ ביכל. איך האָב עס באַטיטלט „אַנאַרכאָ־אוניווערסאַליזם"; די שיטה וואָלט געווען קלערער, ווען איך רוף עס „אינטעראינדיווידואַליזם". די בראָשור האָב איך אָפּגעשיקט אין „גאָסאיזדאַט" (מלוכהשער פאַרלאַג).

אַוועק אַביסל צייט און איך קריג ניט קיין ענטפער. בין איך אַוועק מאַכן אָן אָנפראַגע, פאַרוואָס איך קריג ניט קיין דערלויבעניש פון „צענזאָר" אָדער, ווי די קאָמוניסטן האָבן אים „טיטולירט", רעצענזענט.

טאָוואַרישטש מעשטשעריאַקאָוו, דער שעף פון גאָסאיזדאַט, לאָזט מיר וויסן, אַז דער גאָסאיזדאַט האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן די בראָשור און זי געפינט זיך אין דער דריטער ריי.

— וואָס באַטייט עס? — פרעג איך אים פאַרוואונדערט. מיר חידושט, וואָס די רעגירונג וויל אָננעמען מיין העפט. נאָך אַלעמען איז דאָך עס שטאַרק אַנטימאַרקסיסטיש.

מעשטשעריאַקאָוו קלערט מיר אויף:

— די דריטע ריי מיינט, אַז די בראָשור וועט דערשיינען נאָך דעם בירגערקריג.

— פאַרוואָס עפּעס אַזוי שפּעט?

— איך ווייס ניט. גייט אַריין אין דעם דעפּאַרטאַמענט פון די רעצענזענטן; דאָרט וועט איר אויסגעפינען.

טו איך ווי ער ראָט מיר. אַ ברירה האָב איך.

דעם ערשטן מענטש, וואָס איך באַגעגן, בעט איך מיר ווייזן די אויפגעשריבענע מיינונג וועגן מיין ביכל.

טוט ער מיר די געפעליקייט. ער עפנט אויף אַ גרויסן פּאַליאָ פונקט אויף דעם זייטל, וואו דער אָפּשאַץ איז אָנגעשריבן שוואַרץ אויף ווייס. ער לייענט אינטאָנירנדיק שיער ניט ווי אַ דיאַקאָן אין צערקווע אַזוי סאָנאָריש און מאָנאָטאָניש:

„אַזוי ווי די בראַשור איז אַ קאָנטערערעוואָלוציאָנערע און ווען דידאַזיקע שריפט פאַלט אַריין אין די הענט פון די אַרבעטער, וואָלט זי קענען אַנטאָן פיל שאָדן דער סאָוויעט־רעגירונג״...

איך האָק אים איבער מיט כעס:

— ווער איז דער איגנאָראַמוס, וואָס האָט אָנגעשריבן אַזאַ אידיאָטישע רעצענזיע?

ענטפערט מיר דער מענטש געלאַסן:

— איך בין עס.

בלייב איך פאַר אַ ווײַלע אָן אותיות. איך האָב ניט געהאַט בדעה ווע־מען עס איז צו באַליידיקן. פרעג איך אים:

— ווי איז אייער נאָמען?

— אַנטאָנאָוו.

ער איז געווען בוכאַרינס שוואָגער, אַ גאַנץ געבילדעטער קאָמוניסט.

איך האָב זיך מיט אים צעשמועסט און אַנטוויקלט מיין טעאָריע וועגן דעם נייעם „טיפּ״, וואָס טויכט אויף נאָך דעם פאַרזינק פון דעם קאַפּיטאַ־ליסטן־קלאַס.

אָבער ער איז געבליבן ביי דאָס זייניקע, אַז די טעאָריע איז ניט שלעכט, אָבער די אַרבעטער־מאַסן טאָרן וועגן דעם ניט וויסן און דעריבער קען מען מיין בראָשור איצט, ווען די פּייערס פון בירגערקריג זיינען נאָך ניט אויס־געלאָשן, ניט פאַרעפנטלעכן.

איז וואָס איז מיר געבליבן צו טאָן?

האָב איך אַרויסגענומען די בראָשור שוין אָן אָפּגעדרוקטע און אים גע־שאָנקען אַן עקזעמפּליאַר. דר. אַטאַבעקיאַן („זכרונות און חשבונות״, באַנד איינס, זז. 13־208) האָט עס אָפּגעדרוקט אין זיין קליינער דרוקעריי מיטן נאָמען „פּאַטשין״.

אַנטאָנאָוו האָט צוגענומען די מתנה אָן זאָגן אַ דאַנק. אַ שלעכטע מינע אין אַ שלעכטן שפּיל.

אַצינד האָב איך קאָנדענסירט די בראָשור און רעדוצירט זי צו פיר קליי־ניקע זייטעלעך און איר אַ נאָמען געגעבן „די גרונט־פּרינציפּן פון אַנאַרכאָ־אוניווערסאַליזם״. איך האָב זיך גענומען אָרגאַניזירן אַ גרופּע אויפן יסוד פון דידאָזיקע פּרינציפּן. ניט נאָר האָט חבר אַסקאַראָוו אונטערגעשריבן מיין פּרינציפּן־דערקלערונג, וואָס האָט אויסגעדריקט דעם תמצית פון אינטעראַיוו־דיווידואַליזם, נאָר אויך קאַרעלין (1863־1926), אַן אַלטער אַנאַרכיסט־קאָ־מוניסט. מיר האָבן גענומען ווערבירן חברים. דאָס איז אייגנטלעך געווען גאָר ניט שווער צו טאָן. אַ טייל קאַמעראַדן, וואָס האָבן באַלאַנגט פריער צו דער „פעדעראַציע״ און דערנאָך צום „פאַרבאַנד״, האָבן זיך אָנגעשלאָסן. ווי עס ווייזט אויס האָבן זיי געפילט, אַז עפּעס דאַרף געטאָן ווערן אין דער ריכטונג פון שאַפן אַ מ אָ ד ו ס װ י װ ע נ ד י מיט דער באָלשעוויסטישער מאַכט.

איך בין אַוועק צו קאָמעניעוון און גערעדט מיט אים מכוח אונדזער פאַרלאַנג זיך צו לעגאַליזירן.

זיין ענטפער איז געווען קורץ און שאַרף.

— אויב איר וועט ניט מאַכן קיין עקספּראָפּריאַציעס און איר וועט ניט אָנווענדן קיין טעראָר, וועט איר זיין לעגאַל און איר וועט קענען אָנגיין אומ־געשטערט מיט אייער פּראָפּאַגאַנדע.

דאָס איז געווען גלאַט גערעדט. ער האָט געמאַכט די זאַך אויסזען זייער פּשוט און לייכט־דערגרייכבאַר.

די זאַך איז די, וואָס די באָלשעוויקעס זיינען ניט געווען סטאַטיש אין די פאָדערונגען, וואָס זיי האָבן געשטעלט זייערע קעגנער. ווען עס איז גע־קומען צו מאַכן שלום און דערלויבן אָנגיין מיט פרידלעכער אַגיטאַציע און מיט וויסנשאַפטלעך־אויסגעדריקטער קריטיק פון זייערע טעאָריעס און פּראַק־טיק, זיי האָבן כסדר געביטן זייערע באַדינגונגען; זיי האָבן זיך כסדר גע־דונגען און געבעטן אַ העכערן פּרייז.

איך האָב דאָס גאַנץ גוט געוואוסט. אָבער עס האָט זיך געהאַנדלט אייגנטלעך וועגן ר אַ ט ע ו ו ע ן אַ פאַרלאָרענע סיטואַציע און געווינען צייט פאַר דעם אַרויספירן אַ צאָל פון אונדזערע חברים פון דעם גיהנום־פייער פון דער טשעקאַ און נעמען גרייטן זיך צו פאַרלאָזן סאָוויעטרוסלאַנד און אַרויספירן אַ פּאָר צענדליק קאַמעראַדן קיין אויסלאַנד. אייגנטלעך איז עס ניט געווען אַ פראַגע פון ראַטעווען אַ סיטואַציע, נייערט פון ראַטעווען די לעבנס פון די חברים, וועמען עס האָט געדראָט אַ געפאַר פון פאַרטיליקונג, דערשאָסן צו ווערן פון דער טשעקאַ אָדער פאַרהינעט ווערן אין אירע קע־לערן און תפיסה־הייזער. אַזוי אַז ל ע ג אַ ל י ז אַ צ י ע אַפילו פאַר אַ קור־צער צייט וואָלט אויך געווען אַ גרויסער געווינס.

ווי שוין עטלעכע מאָל אָנגעוויזן, האָבן זיך געפונען חברים, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז איך בין פּראָסט און פּשוט אַראָפּ פון דרך־הישר, געוואָרן צו מעסיק; אַז אָט־אָט וועל איך זיך אויסגלייטשן און אַריינפאַלן צווישן די קאָ־לאַבאָריסטן. אָט־די עקסטרעמיסטן זיינען אָנגעגאַנגען מיט זייער „אונטער־ערדישער אַרבעט", וואָס איז אייגנטלעך קיין אַרבעט אין פולן פּשט פון וואָרט ניט געווען, וואָרעם זיי האָבן אַבסאָלוט ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט עפּעס צו טאָן. זייער אָרגאַניזאַציע איז פון לאַנג ליקווידירט געוואָרן און די רעשטלעך פון איר זיינען שוין אויך עטלעכע מאָל צעשמעטערט געוואָרן; זיי האָבן צו זיך ניט געקענט קומען. חוץ דעם זיינען זיי געווען דורכגעפּעדעמט מיט אַגענטן־פּראָוואָקאַטאָרן. אַזוי אַז איידער זיי האָבן אַ טראַכט געטאָן צו אונטערנעמען עפּעס, האָט שוין די טשעקאַ געוואוסט וועגן דעם, וואָרעם די איניציאַטיוו און די פּלאַנירונג און אָנריידעריי צו טאָן עס איז געקומען פון דער טשעקאַ, דורך אירע אַגענטן פּראָוואָקאַטאָרן.

דאָ איז ווידער פּאַסיק צו שטעלן די פראַגע מכוח אַ שטרענגער דיס־ציפּלינירטער אָרגאַניזאַציע מיט באַשטימטע מיטגלידער, „נומערירטע", באַ־זאָרגטע מיט מיטגלידערשאַפט־קאַרטלעך אָדער ביכלעך; און אַפילו מיט דער אינסטיטוציע פון קאַנדידאַטן, וועלכע מע איז בודק בשבע בדיקות אין אַ משך פון אַ יאָר צייט איידער מע נעמט זיי אַריין ווי פולבאַרעכטיקטע מיט־גלידער. ווי פּאַסט עס פאַר אונדז? מע האָט עס געמוזט טאָן, בעל כרחך,

ניט מע האָט עס ג ע וו אָ ל ט טאָן; מע האָט עס געמוזט טאָן ווי כאָטש עפּעס אַ פּאָרזיכטיקייט־מיטל קעגן דעם לייכטן אַריינדרינג פון פּראָוואָקאַ־טאָרן־טשעקיסטן. אָן דעם איז מען דאָך געווען ווי אַ גאָרטן אָן אַ צוים, וואו־הין דברים אחרים קענען לייכט אַריינקריכן און צעראָיען די בייטן, אַזוי אַז אַ דיסציפּלין און אַ שטרענגער רעגלאַמענט איז פּשוט אַרויסגעצוואונגען גע־וואָרן פון דרויסן, אונטער דעם דרוק פון די אומשטענדן.

עס איז געווען אַ היפּשע צאָל חברים, וואָס האָבן תּופס־געווען, אַז אין דער געגעבענער לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפן, גענומען הן אָביעקטיוו און הן סוביעקטיוו, איז ניט פאַראַן קיין מעגלעכקייט אָנצוגיין מיט אונטער־ערדישער אַרבעט אויף וועלכן עס איז, אַפילו מינימאַלסטן, מאסשטאַב, און דער אומבאַשטימטער סטאַטוס זייערער, ניט אונטערערדיש פאַרבאַהאַלטן און ניט אָפן לעגאַליזירט, גיט דער טשעקאַ אַ פרייע האַנט צו טאָן מיט זיי וואָס זי וויל, זיי צו אַרעסטירן און ליקווידירן ביי יעדער צייט אונטער דעם קלענסטן אויסרייד־צוטשעפּ. זיי האָבן באַגריפן, אַז זייער געפינען זיך אין אַ צווישנצושטאַנד ווערט אומברחמנותדיק עקספּלואַטירט פון די אייפערדיקע טשעקאַ־אַגענטן, וואָס טראַכטן אויס אויף זיי, אַז זיי זיינען אונטערערדישע אַנאַרכיסטן־טעראָריסטן און, פאָלגלעך, דאַרף מען זיי אַריינוואַרפן אין די תפיסות אָדער פאַרשיקן אין די וויטע קאַלטע מקומות. צווישן אָט־די חברים האָט זיך מיר איינגעגעבן צו רעקרוטירן אַ צאָל מיטגלידער.

מיר האָבן אונדזער גרופּע אַ נאָמען געגעבן „אַנאַרכאָ־אוניווערסאַליסטן“, כדי צו האָבן אַן אָפּטייל־צייכן און נאָמען אַזוי, אַז מע זאָל אויף אונדז ניט קענען אַרויפוואַרפן די אחריות פאַר די טועכצן פון יענע גרופּעס, וואָס זיינען אָרגאַניזאַציאָנעל געווען לויז און די פּראָוואָקאַטאָרן האָבן דאָרט „אָפּערירט“ גאַנץ פריי.

מיר האָבן זיך געמוזט היטן, און שטאַרק היטן, ווייל די טשעקאַ האָט אויף אונדז געלויערט. דער ענין „לעגאַליזאַציע פון אַנאַרכיסטן“ איז איר גאָרניט געווען צום האַרצן און זי האָט געוואָלט דורכוואַרפן אונדזער פּלאַן אום יעדן קאָסט, און צונישטמאַכן אַלע אונדזערע באַמיאונגען. מיר האָבן גע־מוזט זיין אָפּגעהיט אויף יעדן טריט און שריט, זיך באַוואָרענען קעגן פּראָ־וואָקאַציע. מיר האָבן רעגיסטרירט יעדן קאַנדידאַט אויף מיטגלידערשאַפט און יעדן מיטגליד געגעבן אַ נומערירט מיטגלידערשאַפט־ביכעלע, אין וועלכן עס זיינען געווען אָפּגעדרוקט אונדזערע „גרונטפּרינציפּן“ — אונטער וועלכע דער מיטגליד האָט געדאַרפט זיך אונטערשרייבן און שריפטלעך באַצייכענען זיין פולן הסכם מיט יעדן פּונקט זייערן. ווען אַ מיטגליד האָט פאַרבראָכן קעגן איינעם פון די גרונטפּרינציפּן, איז ער אויטאָמאַטיש אויסגעשלאָסן געוואָרן, אַזוי אַז אויב ער האָט געהאַנדלט אין קעגנזאַץ צו אונדזער לעגאַליסטישער טאַקטיק, דהיינו זיך באַטייליקט אין אַן „עקס“ (עקספּראָפּריאַציע) אָדער אין אַ טעראָריסטישן אַקט קעגן אַ סאָוויעטישן פירער אָדער באַאַמטן, האָט מען אונדז, די גאַנצע ריכטונג אונדזערע, ניט געקאָנט האַלטן פאַראַנטוואָרטלעך.

מיר האָבן געמוזט זיין זהיר וזהיר, וואָרעם די לאַגע איז געווען אַ פרע־

קאַרישע, אַ וואַקלדיקע. מיר זײַנען געגאַנגען אויף אַ דינעם אײַז און זיך געהאַלטן אויף אַ דינער ליניע, וואָס מיר האָבן אָנגעצייכנט צווישן די צוויי עקסטרעמען „אונטערערדישקייט" און „קאָלאַבאָראַציע". מיר האָבן געמוזט זײַן וואַך און אָפּגעהיט אויף אַ האָר. וואָרעם די קאָמוניסטישע פּירערשאַפט האָט זיך וואָס ווײַטער אַלץ מער גענייגט צום אָננעמען דאָס יעוואַנגעלישע ווערטל „ווער עס איז ניט מיט מיר, איז קעגן מיר" (מתיא, י"ב 30), און מיר האָבן זיך געפּלייסט שאַפן אַ צווישן־פּאָזיציע און זיך פעסט, שטאַנדהאַפטיק אָוועקשטעלן אויף איר, און זיך ניט לאָזן בייגן־בייגן, דאָס הייסט ניט זײַן מיט זיי אין פּשט פון מיטאַרבעט און אויך ניט קעגן זיי, אין פּשט פון באַ־קעמפן זיי מיט געווער אין די הענט, נייערט אָנגיין מיט אַנאַרכיסטישער אויפקלערונגס־אַרבעט.

אין די געפענגענישן האָבן זיך געפונען אַ היפּשע צאָל אַנאַרכיסטן סיי פון מאָסקווע, סיי פון אַנדערע שטעט, פון קורסק, בריאַנסק א.אז.וו.

איך האָב געוואָלט פועלן ביי דער טשעקאַ אַז אויב זיי, די אַרעסטירטע, וועלן אָננעמען אונדזער פּרינציפּן־דעקלאַראַציע און זי אונטערשרייבן אין פאַר־לער ערנסטקייט, זאָלן זיי באַפרייט ווערן, וואָרעם די אונטערשריפט איז דאָך אַ צוזאָג פון צושטיין צו אונדזער ריכטונג און זיך פאַרפּליכטן צו אַרבעטן לעגאַל.

מיט דעם צוועק בין איך אַוועק צו דזשערדזשינסקין און עס פועלן ביי אים. קאַמעניעווס צושטים האָב איך געהאַט און אויך אַ האַלב־באַשטימטן צוזאָג פון דעם צ. ק. פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

XX

איך וועל אײַך אַרעסטירן...

איך קום אַריין אין טשעקאַ. עס איז אויגוסט 1920. איך גיי, ד. ה. הינק שוין לאַנג, כמעט אַ יאָר, אָן מיינע קוליעס, בלויז מיט אַ שטעקן אין האַנט. דער שטעקן אַ גראָבער, אַ סאָלידער. איך קום מיט אַ שתדלנות צו דזשער־דזשינסקין.

ער איז אָן אויפגערעגטער, אָן אויפגעקאַכטער, גאָרניט קיין צייט אַרויס־צוקריגן פון אים אַ טובהלע, אַ קאָנצעסיע פאַר אָן אַרעסטירטן חבר, אַ מדת־הרחמים אנשטאָט דעם מידת־הדין. און דער מידת־הדין פון טשעקאַ איז גע־ווען שוין גאָר ניט דין, נאָר גראָב, ווי אַ קלאָץ, ווי אַ דאָיבניע, מיט וועלכער צו פּלעטן קעפּ. בקיצור „להרג ולאבד את כל..."

הכלל, די פּוילישע יוכע האָט זיך צעקאָכט אין אים (ער איז געווען אַ פּאָליאַק, כאָטש געבוירן אין ווילנע) אַזוי, אַז אנשטאָט איך זאָל אויספועלן ביי אים, אַז מ'זאָל די חברים באַפרייען, שרייט ער גאָר צו מיר:

— איך וועל אײַך אַרעסטירן!

ווער איך אַרויספאָדערנדיק און טראַציק און שריי צוריק:

— איר האָט ניט קיין רעכט מיך צו אַרעסטירן.

— וואָס מיינט איר „איך האָב ניט קיין רעכט"? אָט נעם איך און אַרעס־טיר אייך... איר געפינט זיך דאָך אין דער געביידע פון דער טשעקאַ, אין מיין רשות. — ער בייט דעם טאָן, ער ווערט פאַראינטריגירט פון מיין באַ־הויפּטונג. ער נעמט ווי אָנטאַפּן, אַז עפּעס אַ מיין ליגט אין מיינע רייד, וועלכן ער האָט ניט אויפגעכאַפּט און וואָלט וועלן אויפכאַפּן אויס איינפּאַ־כער מענטשלעכער נייגעריקייט.

— איך האָב ניט געזאָגט, אַז איר ק ע נ ט ניט, איך האָב געזאָגט, אַז איר האָט קיין ר ע כ ט ניט. קענען קענט איר עס טאָן. זיכער קענט איר מיך אַרעסטירן, אָבער ווען איר טוט עס, האַנדלט איר א ו מ ר ע כ ט ל ע ך.

— וואָס מיינט איר? איר רעדט ווי איר וואָלט מיר וועלן פאַרגעבן אַ רעטעניש.

— מיינע רייד זיינען איינפאַכע און מיך וואונדערט, וואָס איר נעמט ניט אויף דעם אונטערשייד צווישן קענען און מעגן טאָן לויטן געזעץ אָדער לויט דעם באַגריף פון רעכט און אומרעכט.

— איך רעכן, אַז איר סאָפיסטיצירט און אָפּערירט מיט בורזשואַזע אָדער קליינבירגערלעכע באַגריפן, וואָס זיינען פאַר אונדז טאַבו.

— איך וועל אייך געבן אַן אילוסטראַציע, וועט מיין געדאַנק אייך ווערן קלאָר.

— טוט עס, ווייל איך הייב ניט אָן צו פאַרשטיין אייער „פּלפּוליסטיק", וואָס איר באַהויפּט, אַז עס איז זייער איינפאַך.

— לעניִן איז מיט אַ פּאָר חדשים צוריק, אין מאָנאַט מאַי, געפאָרן קיין סאָקאָלניקי ריידן אין אַרבעטער־קלוב „דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל"; אַ שייקע באַנדיטן האָבן אָפּגעשטעלט זיין אויטאָמאָביל, אים געהייסן אַרויס־גיין, אים באַזוכט און באַטאַפּט, צוגענומען ביי אים דעם אויטאָמאָביל און אים געלאָזן גיין צופוס צום מיטינג. אַז זיי האָבן עס געטאָן, ווייזט דאָך עס באַשיינפּערלעך, אַז זיי האָבן עס ג ע ק ע נ ט טאָן; ג ע ק ע נ ט האָבן זיי טאַקע בשעת מעשה דורכפירן אָט־די אַקציע זייערע, אָבער קיין רעכט צו טאָן עס האָבן זיי ניט געהאַט, זיי האָבן געהאַנדלט אומגעזעצלעך, פאַרברעכעריש.

ווען איך האָב גערעדט וועגן אָט־דעם לעניִן־עפּיזאָד, איז דזשערדזשינ־סקי געזעסן ווי אויף שפּילען. ער האָט זיך געהויבן פון אָרט און זיך צוריק געזעצט. די מעשה איז אים ניט געווען אַנגענעם. ער האָט געוואָלט די זאַך זאָל פאַרגעסן ווערן, מע זאָל אין דעם זיך ניט גריבלען.

ער האָט מיך געשפּיזלט מיט די אויגן זיך צו דערקונדיקן, צי איך ווייס, טאַקע, אַז די אַרבעט איז אָפּגעטאָן געוואָרן ניט אַן זיין ווּיסן און פּלאַנעווען.

— איך פאַרשטיי נאָך אַלץ ניט, וואָס איר רעדט; אייער אילוסטראַציע פּאַסט זיך דאָ ווי אַ טאַרבע פלעקער... די באַנדיטן האָבן געהאַנדלט קעגן געזעץ, איך, ווען איך אַרעסטיר אייך, טו איך עס לויטן געזעץ. דאָס געזעץ איז אויף מיין זייט. איך קען אַפילו באַהויפּטן מער; ניט נאָר קען איך און

מעג, ניט נאָר איז מיר דערלויבט אייך צו אַרעסטירן, נאָר עס איז מיין פליכט צו טאָן עס.

— עס זיינען פאַראַן פאַלן, ווען דאָס געזעץ איז אומגעזעצלעך, איז אומרעכטלעך; עס שטויסט זיך צוזאַמען מיט אונדזערע באַגריפן פון רעכט און אומרעכט.

— איך פאַרשטיי איצטער נאָך ווייניקער וואָס איר רעדט. עס איז קאַזואיסטיק, האַרשפּאַלטעריי.

— איך וועל עס קלאָר מאַכן. זאָגט מיר, ווער האָט אייך דאָ אַוועקגעזעצט און געמאַכט אייך פאַר דעם פּרעזידענט פון דער טשעקאַ?

— לעניו, מיט אונטערשרייבן אַ דעקרעט אַרויסגעגעבן פון סאָווּנאַרקאָם.

— איך מיין ניט דאָס. דאָס איז דאָך בלויז פאָרמעל, דער לעצטער אַקט, אָבער אין תוך אַריינגעקוקט, ווי אַזוי איז דער סאָווּנאַרקאָם אַנטשטאַנען? אין דער אמתן האָב איך אייך דאָ אַוועקגעזעצט, ד. ה. די זיגערישע אָקטאָבער־רעוואָלוציע, אין וועלכער איך האָב גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל; זי האָט לעניגען אַוועקגעזעצט אין סאָווּנאַרקאָם און אייך דאָ. אַ רעוואָלוציע שאַפט אָפּ אַלטע געזעצן און שאַפט איין נייע; זי פירט איין אַ נייעם סאָציאַל־פּאָליטישן איינשטעל. לכן, אַלע די, וואָס זיינען געווען קעגן דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, האָבן זיי געמעגט האָבן די גרעסטע פאַרדינסטן פאַר דער פעברואַרער רעוואָלוציע, פאַר דעם אומשטירץ פון דער זעלבסטהערשונג, ווערן פאַררעכנט פאַר קאָנטררעוואָלוציאָנערן, און זייערע פאַרדעמדיקע פאַרדינסטן ווי וואַגיק און וויכטיק זיי זאָלן ניט האָבן געווען, קענען זיי ניט בייטשטיין, וואָרעם זיי ווערן אַנולירט דורך זייערע לעצטע קאָנטררעוואָלוציאָנערע, ד. ה. אַנטי־אָקטאָבערישע האַנדלונגען. זיי האָבן געקעמפט קעגן דער אָקטאָבער־איבערקערעניש און זיי האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אויף איין ברעטל מיט אַלע שונאים פון פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום. רעוואָלוציע עפנט אַ נייע קאָנטאָ אין בוך פון פּאָליטיק; זי קערט איבער אַ בלאַט אין דער געשיכטע.

איר, אָבער, האָט קיין צווייטע רעוואָלוציע ניט געמאַכט, אַ רעוואָלוציע, קעגן וועלכער איך האָב פאַרנומען אַ פּאָזיציע פון אַ קעגנער. איר געפינט זיך דאָ אין כוח פון דער אָקטאָבער־איבערקערעניש, אין וועלכער מיר האָבן צוזאַמען זיך באַטייליקט. היוצא: איך קען אויף קיין פאַל ניט באַצייכנט ווערן ווי אַ קאָנטררעוואָלוציאָנער. אלא וואָס, פאַרוואָס ווילט איר, און האַלט אַפילו פאַר אייער פליכט מיך אַרעסטירן? ווייל איר זייט ניט איינשטימיק מיט אייניקע פון מיינע אויפפאַסונגען פון אַ סאָציאַל־פּאָליטישן כאַראַקטער. אָבער אויב אַזוי, אויב איר וועט זיך דערלויבן צו אַרעסטירן פערזאָנען בלויז דערפאַר, וואָס איר זייט מיט זיי ניט שווה בשווה בנוגע פּאָליטישע באַנעמונגען און אַנשויאונגען — איז דאָך אין לדבר סוף, איר וועט דאָך קיינמאָל ניט וויסן, וואו זיך אָפּצושטעלן, ווען ניט צו אַרעסטירן. וואָרעם איר, באָלשעוויקעס, צווישן זיך וועט איר דען אַלע מאָל אין אַלץ, אין אַלע פּלענער און פּראָיעקטן, אין אַלע פּאָליטישע אונטערנעמונגען און אויפגאַבעס תמיד זיין איינשטימיק? און אויב איר אַרעסטירט אָקטאָבער־רעוואָלוציאָנערן

פאַר זייערע געדאַנקען און פאָרשלאָגן בנוגע דער ווייטערער רעוואָלוציאָנער טעטיקייט, וועט איר מאָרגן אָדער איבערמאָרגן דאַרפן אַרעסטירן קאָמעניעוון, טראָצקין און, לסוף, אַפילו לענינען. מיט איין וואָרט, אַרעסטירן איינער דעם אַנדערן. וואָרעם וואו איז די דעמאַרקאַציע־ליניע, וועלכע איר וועט קענען אַנצייכענען און לאָגיש אויסגעהאַלטן און אידעאָלאָגיש גוט דורכגעטראַכט זיך ביי איר אָפּשטעלן אין אייערע אַרעסטן?

איר טאָרט די אָקטאָבער־רעוואָלוציע־ליניע ניט איבערטרעטן, וואָרעם אויב איר וועט די ליניע ניט איינהאַלטן, און איר האַלט דאָך זי ניט אָן, איר גייט דאָך זי אַריבער, זייט איר פאַרלאָרענע: איר וועט איינער דעם אַנדערן אַרעסטירן און פון אַרעסטירן איבערגיין צו דערשיסן, און איר וועט זיך אַליין אומברענגען. איר וועט אויסהרגענען אַלע רעוואָלוציאָנערן, טאַקע אייערע חברים. אַלטע איבערגעבענע באָלשעוויקעס.

— אייער טעזיס איז פאַר מיר צו פילאָזאָפיש. עס איז ניט פאַר מיין קאָפּ. גייט רעדט צו לענינען. איך בין ניט קיין אידעאָלאָג. איך בין אַ פשוטער סאָלדאַט פון דער רעוואָלוציע. וואָס לענין הייסט, טו איך. איך פאָלג אויס זיינע באַפעלן.

מיינע ווערטער זיינען אים אָבער יאָ אַריין אין נאָז און ער האָט מיך דאָס מאָל ניט אַרעסטירט. אַז ער האָט זיך באַרואיקט און מיין געדאַנקען־עקספּאָזע האָט דערצו היפּש צוגעטראָגן, האָט ער זיך גענומען צוקוקן צו מיין „וואַזשנעם" שטעקן, וואָס איז געווען היפּש דיקלעך, און ער האָט געקענט אַנטהאַלטן אין זיך, לויט זיין גרעב, געהיימענישן פון אַ געפערלעכן כאַראַקטער.

איך זע, אַז מיין שטעקן, וואָס איך האָב די גאַנצע צייט פון אונדזער שמועס געהאַלטן אין האַנט, דענערווירט אים און איך דערקלער אים:

— דער שטעקן איז באַקעטאַווס. דאָס איז אַלץ, וואָס איך האָב זיך אָנגעאייגנט פון אונדזערע אַלע רעקוויזיציעס און „פאַרכאַפּונגען" פאַר דער גאַנצער צייט זינט אָקטאָבער.

מיין דערקלערונג האָט אים ניט צופרידנגעשטעלט. ער האָט אַרויסגענומען דעם שטעקן פון מיין האַנט. אים באַקוקט פון אַלע זייטן און באַהאַנדלט אים זייער פאַרזיכטיק. ער איז נאָך אַלץ געווען מיט דער פאַרדעכטיקונג־מיינונג, אַז עפּעס אַ קונצשטיק ליגט אין אָט־דעם שטעקן ווי להבדיל אין משהס מטה, וואָס מיט אים האָט משה באַוויזן וואונדער אין לאַנד מצרים, און אַז איבעררעאַשנדיקער סורפּריז קען נאָך פון אים, פון זיינע אינגעווייד, אַרויסשפּרינגען.

ער האָט ערשט זיך געפילט אינגאַנצן זיכער פון אָט־דעם משחית, ווען ער האָט אים אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל פון קאַבינעט.

איך האָב באַגריפן, וואָס עס האָט אים גערופעט און איך האָב גערעדט צו אים קלאָרע דיבורים:

— איך האַלט, אַז מיין לעבן איז ווערטפולער פון אייערן און איך וועל ניט באַצאָלן מיט מיינעם פאַר אייערן. אַזוי אַז פון מיר און מיינע שטעקנס דאַרפט איר ניט דערוואַרטן קיין אומאַנגענעמלעכקייטן.

באַקעטאָוון איז געווען שווער אויפצונעמען און זיין איינשטימיק מיט מיין שטאַנדפונקט. דזשערדזשינסקין איז אויך ניט געווען לייכט תופס צו זיין מיין באַנעם פון זיין באַגרענעצטער יוריסדיקציע, זיין ניט־שליטה־האָבן איבער מיר און אַנדערע מיינסגלייכן, אַקטאָבער־רעוואָלוציאָנערן.

דאָך האָב איךביידן עפּעס יאָ אַריינגעקלאַפּט אין קאָפּ.

דזשערדזשינסקי האָט מיך אַרומגעפירט איבער די צימערן פון דער טשעקאַ אויף ליוביאַנקע און מיר „אַלץ", וואָס איז געלעגן אָפן אויף דער אויבערפלאַך, באַוויזן.

— איר טענהט, אַז מיר, טשעקיסטן, זיינען בלוטדורשטיק, אַז מיר זייַנען רוצחים. אדרבה, קוקט און זאָגט מיר: וואָס זעט איר דאָ? בלויז רייען פון שרייב־מאַשינקעס און ביי זיי מיידלעך, וואָס שרייבן אויף זיי.

— יאָ, איר זייט גערעכט. פון קלאַפּן אויף די מאַשינקעס וועט קיינער ניט שטאַרבן, אָבער אויב זיי קלאַפּן אויס טויט־אורטיילן און אונטן אין די קעלערן זיצן די מלאכי־חבלה, וואָס זיינען גרייט אויסצופירן אָט־די אורטיילן, דעמאָלט קען זיך בלוט גיסן ווי וואַסער טאַקע פון אָט־די אומשעדלעכע מאַשינקעס און פון די פינגער פון אָט־די אומשולדיקע מיידלעך. איר האָט מיר באַוויזן דעם פּאַסאַד פון אייער אינסטיטוציע, אָבער וואָס עס טוט זיך אינעווייניק, וועט איר מיר ניט באַווייזן. אַ ציפערבלאַט אַליין איז ניט דער זייגער.

דזשערדזשינסקי האָט גאָרניט געענטפערט. מיר זיינען צוריקגעקומען אין זיין קאַבינעט; ער האָט מיר דערלאַנגט דעם פחד־אָנוואַרפנדיקן שטעקן, מיך צוגעפירט צו דער טיר, אַ צוואָוואָרף־געטאָן מיר די פריער געברויכטע ווערטער: „איך בין ניט קיין פילאָזאָף, גייט רעדט צו לענינען" — אָבער דאָ, שטייענדיק ביי דער טיר, האָט ער מיר בפירוש צוגעזאָגט, אַז אַלע די, וואָס וועלן אונטערשרייבן „די גרונט־פּרינציפּן פון די אַנאַרכאָ־אוניווערסאַליסטן", וועלן באַפרייט ווערן פון די געפענגענישן, אַזוי אַז איך האָב דאָך אויסגעפירט מיין שליחות.

XXI

די באַפרייטע

צו די אַרעסטירטע אַנאַרכיסטן אין די געפענגענישן איז דערגאַנגען די „גוטע בשורה", אַז אויב זיי וועלן אונטערשרייבן די „גרונטפּרינציפּן פון די אַנאַרכאָ־אוניווערסאַליסטן" וועלן זיי באַפרייט ווערן. און פיל האָבן עס געטאָן, זיך אָנגעשלאָסן אָן אונדזער ריכטונג גרופּנווייז און אויך איינציקווייז. מיר האָבן זיי ניט געקענט גוט אונטערזוכן, חוקר ודורש זיין. איידער מיר נעמען זיי אַריין, ווייל מיר האָבן דאָך ניט געהאַט קיין צוטריט צו זיי אין די תפיסות. די אונטערהאַנדלונגען מיט די אַרעסטירטע האָבן זיך געמוזט גויטוועג־

דיקערווייז פירן שריפטלעך. אָן דער פאַרמיטלונג פון די טשעקאַ־פאַרהערער און אויספאָרשער האָט מען דאָך עס ניט געקענט דורכפירן, איז אַזוי ווי זיי האָבן געהאַלטן אַלע שנירלעך פון דער אונטערנעמונג אין זייערע הענט. האָבן זיי אונדז באַאַרבעט ווי געהעריק, דאָס הייסט זיי האָבן צו אונדז, אונטער דעם צודעק פון אַרעסטירטע אַנאַרכיסטן, וואָס ווערן באַפרייט אַדאַנק דער אָנדערקענונג פון די „גרונטפרינציפן״, אַריינגעשמוגלט זייערע עטלעכע אַגענטן־פּראָוואָקאַטאָרן.

איינער פון זיי איז געווען דער לומפּ שטיינער (קאַמענעי).

ווי נאָר מען האָט אים באַפרייט, איז ער געקומען צו אונדז אין קלוב אויף טווערסקאַיאַ 19. ער האָט זיך מיט מיר צערעדט גאָר וועגן פילאָזאָפיע, זיך געמאַכט פאַר אַ גאַנצן אינטעלעקטואַל. ער האָט זיך צעדברט וועגן קאַנטן און געזאָגט זאַכן, וואָס „ניט געשטויגן און ניט געפלויגן״. איך האָב אים גלייך גענומען אונטער אַ פאַרדאַכט. אָבער איך האָב קיינעם וועגן דעם גאָרניט געזאָגט. איך האָב ניט געהאַט קיין רעכט צו זאָגן, וואָרעם איך האָב ניט געהאַט קיין באַווייזן אויסער דעם, וואָס ער הייבט ניט אָן צו וויסן „מאי דקאמרו רביצין״ אין פילאָזאָפיע און רעדט וועגן קאַנטיזם מיט דעם אויטאָריטעט פון אַ מומחה, אַ קאַנטיאַנער. אָבער זיך פּוסט באַרימען מיט באַהאַוונט־זיין אין פילאָזאָפיע ווייזט נאָך ניט, אַז יענער, דער באַרימער, איז אַ פּראָוואָקאַטאָר.

איך האָב אים אָבער געהאַלטן אויפן אויג.

די לאַגע אין מאָסקווע בנוגע שפּייז איז געווען אַ קאַטאַסטראָפאַלע. ווי קאַמעניעוו האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ שמועס מיט מיר:

— אַן אומגליק דאָס איז! איך דאַרף נאָכלויפן יעדן פּראַכט־וואַגאָן מיט מעל, וואָס גייט אַזש פון סיביר, און היטן אים פון אַ בייזן ווינט, פון אַ שניי, פון אַ זאַווערוכע.

אָבער ווי שלעכט עס איז ניט געווען מיט שפּייז, איז מיט קליידונג געווען נאָך ערגער. מ׳האָט ניט געקענט קריגן קיין מלבוש.

איך אַליין בין אומגעגאַנגען אָפּגעריסן־אָפּגעשליסן. אָבער דאָס האָט מיך ניט געקימערט און קיין שאָדן מיר ניט געטאָן. מיין הילך האָט בלויז באַוויזן באַשיינפּערלעך, אַז איך האָב זיך ניט איינגעקויפט קיין לייטזעליקייט אין די אויגן פון די אויפגעקומענע שררות. איך האָב אָבער בפועל ממש ניט געקענט צוזען, ווי די חברים, וואָס האָבן געאַרבעט ביי אונדז אין קלוב און אין רעסטאָראַן, גייען אַרום קרועה־בלואה.

קעגן יעדער צרה האָב איך געהאַט איין מיטל, גיין צום „מלך חסד״ פון מאָסקווע, צו קאַמעניעוון, און קריגן ביי אים אַ צושריפט אַדרעסירט צום קליידונגס־אָפּטייל פון דער מאָסקווער קאָמונע.

איך קום צו קאַמעניעוון און זאָג צו אים בזה הלשון:

— טאָוואַרישטש קאַמעניעוו, זאָגט מיר וועלכע פאָרמאַליטעטן איך דאַרף דורכמאַכן, כדי איך זאָל קריגן אַן אנצוק.

איך זאָג עס שיער ניט נאָכמאַכנדיק דעם נוסח פון פרק (אבות, ב׳ א):

„וועלכער איז דער ריכטיקער וועג, וועלכן אַ מענטש דאַרף זיך אויסקלייבן״? (איזו היא דרך ישרה שיבור לו האדם?).

ער ענטפערט מיר:

— דורך קיין שום פאַרמאַליטעטן וועט איר עס ניט קריגן, אָבער, כ׳בעט אייך, גיט אַ קוק אויף מיר; איר זעט, אַז קיין פאַרמאַליטעטן און איך בין באַקליידט, — ריידנדיק האָט ער זיך אַ דריי געטאָן צו דעמאָנסטרירן זיין שיינעם אנצוק, וואָס האָט אים געקליידט, געלעגן גוט, ווי אַן אנצוק, וואָס איז געמאַכט לויט אַ באַשטעלונג און גענייט נאָך אַ מאָס־אַראָפּנעמען.

— איז וואָס זאָל איך פאַרט טאָן? — פרעג איך ווייטער איינגעקשנט.

— פאַר וויפל מענטשן דאַרפט איר אנצוקן?

— פאַר מיר פערזענלעך וואָלט איך אייך ניט באַאומרואיקט. עס איז פאַר די אַרבעטער, וואָס זיינען באַשעפטיקט ביי אונדז אין קלוב און אין רעסטאָראַן, בערך דרייצן אַנצוקן.

— איך גיב אייך אַ צושריפט.

ער האָט עס געטאָן רגע כמימרא. גלייך אויפן אָרט. איך האָב אים באַדאַנקט, גענומען דאָס פּאַפּירל אין דער פולער האָפענונג, אַז זיין צושריפט, אויסגעמאַכט אינגאַנצן אין זיין אייגענער האַנט און אונטערגעשריבן, וועט זיכער ווייזן וואונדער, אויפעפענען לכל הפחות איין קליידערשראַנק אין דער „מאָסקווער קאָמונע״.

איך האָב אָבער געשיקט אין „מאָסקווער קאָמונע״ איין חבר און דערנאָך אַ צווייטן און אַ דריטן און יעדער פון זיי האָט געפּטערט אַ טאָג און איז געקומען צוריק מיט ליידיקן, בלויז מיט דער צושריפט, וואָס האָט ניט געהאָט די דערוואַרטע ווירקונג אויף די פאַרהאַרטעוועטע מלביש־ערומימס, די ביוראָקראַטן פון דעם קליידער־דעפּאַרטאַמענט. דער תירוץ איז געווען איינער און אַ שטאַרקער ווי אייזן. — „בדליכא שאני! אָדער בדליכא כולא עלמא לא פליגי״. מיר האָבן ניט קיין אַנצוקן פאַר קיינעם, ווען אַפילו לענין אַליין קומט בעטן!

אַלע פאַרזוכן זיינען דורכגעפאַלן, אַלע וועגן און הינטערוועגן האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין פאַרשנייט, ניט דורכצופאָרן, ניט דורכצורייטן און ניט דורכצוגיין. אַזוי איז אַוועק אַ וואָך אָן קיין רעזולטאַטן.

די קומענדיקע וואָך, פונקט מאַנטיק, אַ טאָג ניט קיין מזלדיקער, ער האָט ניט דעם „כי טוב״. רופט זיך אָפּ צו מיר שטיינער, אַז ער איז ווילּיק צו גיין און זען, צי ער וועט קענען קריגן פאַר אונדז מלבושים.

איך האָב זיך אָנגעכאַפּט אָן זיין פאָרשלאַג. איך האָב געוואָלט זען זיין „טריפהנע״ בריהשקייט. איך האָב אים געגעבן די צושריפט. ער איז אַוועק. עס האָט אים לאַנג ניט גענומען. ער האָט געבראַכט מיט זיך דרייצן אַנצוקן. איך האָב פאַר זיך קיין מלבוש ניט גענומען. איך האָב געהאַלטן, אַז זיי זיינען „אסור בהנאה״. מיר האָבן די קליידונג צעטיילט צווישן די אַרבעטער. איצטער בין איך געווען פולשטענדיק איבערצייגט, אַז שטיינער איז אַ פּראָוואָקאַטאָר. קיין באַווייזן, מיט וועלכע איך זאָל קענען איבערצייגן אַ זייטיקן,

אַז איך בין גערעכט אין מיין באַשולדיקונג, האָב איך ניט געהאַט, אָבער פאַר מיר און מיין זעקסטן חוש איז דאָס, וואָס ער האָט געקראָגן אַזוי לייכט די אנצוקן, אַ זאַך, וואָס קיינער האָט ניט געקענט באַווייזן וויפל ער האָט זיך ניט געמיט, געווען געווען געווען איבערגעבונג. איך האָב געוואוסט, מיט וועמען איך האָב דאָ צו טאָן. איך האָב זיך אָבער געמאַכט „כלא־ידע".

XXII

די שפּאַלטונג

דאָס יאָר 1920, מיט זיינע צרות, פּורעניות דערשלעפּט זיך שיער ניט ביזן סוף. מע גרייט זיך צום אַכטן אַלרוסישן צוזאַמענפאָר פון די סאָוויעטן. איך האָב באַדאַרפט אָנשרייבן אַ דעקלאַראַציע פון די אַנאַרכיסטן־אוניווער־סאַליסטן צום אַכטן קאָנגרעס און ווערן געשיקט אַלס דעלעגאַט און אַזוי אַרום וואָלט אונדזער ל ע ג אַ ל י ז אַ צ י ע ווערן סאַנקציאָנירט און אויף אַן אַלרוסלענדישן מאַסשטאַב.

אין מאָסקווער סאָוויעט, וואָס האָט זיינע פּלענאַרע זיצונגען אָפּט דורך דעם יאָר און איז אַן אנשטאַלט, וואָס האָט צו זאָגן איבער די אָנגעלעגנהייטן אין שטאָט גופא, אין דער רעזידענצשטאָט, האָבן די באָלשעוויקעס מיך ניט געוואָלט האָבן, ווי „גוט און פרום" איך און מיינע „דעקלאַראַציעס" זאָלן ניט זיין. אַנדערש איז געווען זייער באַציאונג צו מיין ווערן אַ דעלעגאַט פון אַלרוסלענדישן צוזאַמענפאָר. דאָס איז אַ פאַרבייגייענדיקע דערשיינונג. עס נעמט אַ וואָך. מע האַלט אַ צאָל רעפעראַטן און באַריכטן. די דעלעגאַטן הערן אויס די רעדנער, פילן זיך אָן די אויערן. די מיילער עפענען זיי ניט. זיי האָבן מורא אַ פּיפּס צו טאָן, זיי זאָלן ניט „זינדיקן מיט די לעפצן". אַלץ, וואָס זיי טוען, איז מאַכן אָוואַציעס פאַר לענינען און טראָצקין, דעם פירער פון וועלט־פּראָלעטאַריאַט און דעם פירער פון דער רויטער אַרמיי; זיי פּאַטשן קיכעלעך די רעדנער, זיי שרייען „לאַנג לעבן זאָל די וועלט־רעוואָלוציע!" ביז צום הייזעריק ווערן — און גאָר. זיי צעפּאָרן זיך. וואָסער שאָדן וואָלט איך דאָ, אויפן קאָנגרעס, געקאָנט אָנטאָן, ווען איך זאָל אַפילו האָבן די בייזסטע און „קאָנטררעוואָלוציאָנערסטע" כוונות! איך וועל דאָך צום וואָרט קיינמאָל ניט קומען. איז וועמען קען עס אַרן, ווען איך וועל זיין אַ שטומער עדות, פאַרנעמען אַ פּלאַץ אויף אַ ווייכן ברייטן, מיט רויטן פּליוש באַדעקטן, אַביסל צוגעגילטן שטול אין „גרויסן טעאַטער", אין „אָפּערע הויז"! דאָס איז די געביידע, וואו די זיצונגען פון די קאָנגרעסן פלעגן פאָרקומען.

איך האָב באַדאַרפט אָנשרייבן די „דעקלאַראַציע" און איך האָב זי אָנ־געשריבן.

דערווייל איז וולאַדימיר באַרמאַש געקומען צוריק פון דאָרף. אין פרי־לינג פלעגט ער יעדן יאָר אַוועק אין דאָרף אַכטונג געבן און טאַקע אַליין

אַרבעטן אין די פעלדער, אין די גערטנער, אַקערן, זייען, אַריינגעמען די תבואה אין שייער. ער האָט פאַרמאָגט אַ היפּשע נחלה. אין 1918 אין פרי־לינג, ווען אַרבעט אין דער באַוועגונג, אין דער „פעדעראַציע" איז געווען איבערן קאָפּ, די אָנהענגערשאַפט איז געוואַקסן ווי אויף הייוון, דער סעקרע־טאַר פון דער פעדעראַציע איז געווען ליעוו טשאַרני (טורטשאַנינאָוו) און ער האָט זיך גאַרניט אויסגעטייגט פאַרן אַמט, בעת איך בין געווען קראַנק, האָב איך זיך געבעטן ביי קאַמעראַד באַרמאַש, ער זאָל בלייבן אין שטאָט און אַרויס־העלפן אין דער אַרבעט: די כוואַליעס הייבן זיך און זיי ווילן אונדז פאַר־פלייצן. ער האָט זיך ניט געלאָזט איבעררײדן. די פעלדער ציען אים ווי אַ מאַגנעט. ער מוז אַלץ איבערלאָזן און אַוועק. אַזוי איז אויך געווען אין 1919 און אין 1920. פרילינג און זומער איז באַרמאַש געווען אויף זיין גוט.

היי־יאָר איז ער געקומען שפּעט, תחילת ווינטער. ער האָט געפונען אַ „דעקלאַראַציע", וואָס רעדט ניט דעם אַלטן לשון, איז ניט פאַרפּאַסט אין סקאַרבאָוון נוסח.

— איך וועל דאַרפן גיין צוריק אין „חדר", — איז געווען זיין אָנמער־קונג, ווען ער האָט זיך באַקענט מיטן גאָרדיניסטישן „דאָקומענט". די זאַך איז אים געווען שטאַרק דערווידער.

אַסקאַראָוו האָט צוגעשטימט צו די טעזיסן פון דער דעקלאַראַציע, אָבער זיין צושטימונג איז געווען ניט מיטן גאַנצן קאָפּ און ניט מיטן גאַנצן האַרצן.

אַסקאַראָוו איז געווען אַ פּאָליטישער עמיגראַנט, וואָס די רעוואָלוציע האָט געבראַכט „אַהיים". ער האָט געשריבן און גערעדט אַ גוטן רוסיש. לויטן אָפּשטאַם איז ער געווען אַ לאַטיש. ער האָט געבראַכט מיט זיך אַ ווייבל אַ פראַנצויזין פון פּאַריז. קיין קינדער האָבן זיי ניט געהאַט. זי האָט זיך היפּש אָנגעליטן אין מאָסקווע און איז אַוועקגעפאָרן צוריק קיין פראַנקרייך.

אויף מיר האָט אַסקאַראָוו געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ פלעגמאַטיק. ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן גיין רעדן אויף אַן אַרבעטער־מיטינג, פלעגט ער געפינען צענדליקער תירוצים און אויב ניט געפונען, פלעגט ער זיי אויס־גראָבן פון אונטער דער ערד, פאַרוואָס ער קען ניט גיין און דאַרף ניט גיין. די פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט האָט ער איינגאַנצן איבערגעלאָזן פאַר מיר, ווען אַפילו מיר איז אויסגעקומען אויפצוטרעטן אין עטלעכע פלעצער אין איין אָוונט.

ער האָט זיך זייער גוט אויסגעטויגט פאַר אינערלעכער קאַבינעט־אָרגאַ־ניזאַציע־אַרבעט, פאַר אָנהאַלטן פאַרבינדונגען מיט גרופּן אויסער דער שטאָט און אויך אין דער שטאָט, אין די ראַיאָנען.

ער איז געווען אַ בלאָנדער, אַ שיינער, מיט לאַנגע וואָנצעס און לאַנגע האָר. ער האָט פאַרמאָגט אַ הויכן ליכטיקן שטערן און צוויי קלוגע אויגן.

איך האָב געהאַט אַ זיצונג, אויף וועלכער איך האָב פאַרגעלייענט די „דעקלאַראַציע" פאַר גוטהייסונג. באַרמאַש, אַסקאַראָוו און כמעט אַלע פון די באַפרייטע, וואָס האָבן אין געפענגעניש אונטערגעשריבן „די גרונטפּרינ־ציפּן", האָבן זיך צעבונטעוועט קעגן מיין „דעקלאַראַציע צום אַכטן צוזאַמענ־

פאַר פון די סאָוויעטן". אמת, זיי האָבן טאַקע אָנגענומען די גרונטפּרינציפּן, כּדי זיך צו ראַטעווען פון דער טשעקאַ און אַרויס פון געפענגעניש, אָבער איינשטימיק מיט די טעזיסן זיינען זיי ניט געווען. דערצו האָבן זיי עטלעכע טשעקאַ־אַגענטן, וואָס האָבן זיך פאַרשטעלט פאַר קאַמעראַדן, איבערהויפּט שטיינער, אונטערגעבורעט און געהעצט. וואָס זיי, מיט זייער פּראָוואָקאַטאַרישער העצעריי זיינען אויסן געווען, איז געווען פּשוט צו זייען וואָס מער ווינט און שניידן וואָס מער טומל, ברענגען צו אַ צאַנקעריי און אַ שפּאַלטונג און אויב מעגלעך איינגאַנצן ליקווידירן דעם ענין „לעגאַליזאַציע".

איך און מיינע נאָכפאָלגערס, זעענדיק, וואָס דאָ קומט פאָר, האָבן דעמאָנסטראַטיוו פאַרלאָזן די זיצונג. דעמאָלט האָבן זיי אונדז, מיך און מיינע נאָכפאָלגער, אויסגעשלאָסן. זיי האָבן אָבער אָנגעהאַלטן דעם נאָמען „אַנאַרכאָ־אוניווערסאַליסטן" און אַפילו געברויכט די מיטגלידערשאַפט־ביכלעך, אין וועלכע די „גרונטפּרינציפּן" זיינען געווען אָפּגעדרוקט. צו דער זיצונג און צום אָפּוואַרפן מיין דעקלאַראַציע האָבן זיי צוגעצויגן אויך סתם חברים, וואָס זיינען געווען וויליק זיך צו באַטייליקן אין אַט־דעם שטורעם־סקאַנדאַל אין אַ גלאָז וואַסער, און אויך קאַנדידאַטן, וועמען זיי האָבן אויפגעשנעל און אָן דער ריכטיקער אויטאָריזאַציע אַרויסגעגעבן מיטגלידערשאַפט־ביכלעך.

אַט די „היסטאָרישע" זיצונג איז פאָרגעקומען דעם 28טן דעצעמבער 1920.

בשעת מעשה האָט מיר די זאַך שטאַרק פאַרדראָסן. אָבער נאָך פיל מער געחידושט. איך האָב ניט געקענט באַגרייפן, וואָס ס'איז געווען דער מער מיט אַסקאַראָוון: ווי אַזוי באַמערקט ער ניט אַז פּראָוואָקאַטאָרן, מיט שטיינערן בראש, האָבן אַ האַנט אין דער מחלוקת, און נאָך מער, ווי אַזוי נעמט ער אויף זיך, אונטער אַזעלכע אומשטענדן, די שווערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון ווערן דער אָנפירער פון דער גרופּע! ער וועט דאָך דאַרפן רעכטפאַרטיקן דעם נאָמען אַנאַרכאָ־אוניווערסאַליזם! אַ נאָמען איז דאָך צו עפּעס מחייב! און דאָס וועט אים שוין גאָר לייכט ניט אָנקומען.

ער וועט דאָך זיין אינטעלעקטועל פאַרפליכט אָנצושרייבן עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל אויסזען ווי אַ באַגרינדונג פון די פּרינציפּן, וואָס גיבן אים אַ רעכט זיך אָנצורופן אַנדערש ווי די איבעריקע אַנאַרכיסטן.

מיך האָט אויך שטאַרק געחידושט אויף באַרמאַשן, וואָס איז געווען שוין גאָר ניט קיין נאַר, אַז ער זאָל זיך ניט כאַפּן, אַז די מחלוקת איז באמת אַ „שדים־טאַנץ"; אַז די טייוואָלים דרייען און קרוטשען דאָ. מיין פאַרענטפער פאַר אים איז געווען, אַז ער אַריענטירט זיך ניט, ער קלייבט זיך ניט פונאַנדער אין דעם נאָכפאָלג פון די געשעענישן, ווייל ער איז נאַרוואָס געקומען פון דאָרף; ער זעט ניט, אַז די „באַפרייטע" שטימען קעגן דער דעקלאַראַציע און אַז צווישן אַט־די „ באַפרייטע", אונטער די אומשטענדן, וואָס די טשעקאַ האָט געהאַט אַ האַנט אין די פאַרהאַנדלונגען, האָבן דאָך געמוזט זיין אַריינגעשמוגלטע אַגענטן־פּראָוואָקאַטאָרן.

איז מילא ער, באַרמאַש, ווייסט ניט די דעטאַלן פון דער גאַנצער זאַך.

אָבער אַסקאַראָוו איז דאָך געווען באַקאַנט מיט יעדער איינצלהייט פון דער באַפרייאונגס־אַקציע. און איך האָב גערעדט מיט אים וועגן דעם און אים פאַרויסגעוואָרנט און אים געזאָגט, אַז פון די „באַפרייטע" קענען מיר דער־וואַרטן צרות, ווייל צווישן זיי וועלן זיכער זיין פּראָוואָקאַטאָרן. איך האָב גע־טראַכט, אַז מעגלעך ער פאַרשטייט, וואָס דאָ קומט פאָר, ער ווייסט ווער עס האָט פאַרקאָכט די קאַשע, ער איז אָבער אַזוי איינגעגלייבט אין זיך, אַז ער רעכנט, אַז ער וועט זיי איבערקליגלען.

איך בין אָבער געווען זיכער, אַז ער באַזיצט ניט דעם מאָראַלישן כוח, אַז ער זאָל קענען איינהאַלטן אונדזערע היצקעפּ, וואָס זיינען פרייער פון ווינט און לינקער פון שכל הישר, אין די ראַמען פון סטאַטעטשניקייט און געזעצלעכקייט, דערהויפּט נאָך, אַז צווישן זיי אַרבעטן צוגעשיקטע פּראָוואָ־קאַטאָרן. אַסקאַראָוו איז אין יענער נאַכט און אין זיין ווייטערדיקער טעטי־קייט, וואָס האָט אגב ניט לאַנג געדויערט, ווי דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון די אַנאַרכיסטן־אוניווערסאַליסטן, געווען און געבליבן פאַר מיר אַ פּולשטענ־דיקע רעטעניש. ער האָט גוט געוואוסט די כוונה פון דער „דעקלאַראַציע" און ער האָט באַגריפן, אַז דער דאָקומענט איז דיקטירט געוואָרן פון אַ בויטווענ־דיקייט צו ראַטעווען אַ צאָל חברים פון אַ זיכערן טויט אין די קעלערן פון טשעקאַ.

די באָלשעוויקעס האָבן געגעבן זייער דערקלערונג פון אָט־דעם ריס, וואָס איז פאָרגעקומען אין אונדזערע רייען.

אָט־וואָס זיי האָבן געשריבן אין „וויעסטניק אַגיטאַציי אי פּראָפּאַגאַנדי" („דער מאָניטאָר פון אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע", נומערן 12־11 מאַי 25, 1921):

„אָבער אויך אין אָט־דער גרופּע [אַנאַרכאָ־אוניווערסאַליסטן], ווי נאָר די פּויערים־באַוועגונג און דער קראָנשטאַדטער אויפשטאַנד איז אויסגעבראָכן, האָבן יענע עלעמענטן געקראָגן די אויבערהאַנט, און זיי האָבן אָפּגעוואָרפן דעם אויבן־אָנגעצייכנטן באַנעם... אָט־דער עלעמענט האָט באַטראַכט די אָפענע דעקלאַראַציע פון דער גרופּע פאַר אַן אומווירדיקן קאָמפּראָמיס מיט דער סאָוויעטרעגירונג, און דעריבער האָט דערדאָזיקער דאָמינירנדיקער עלע־מענט אויסגעשלאָסן יענע, וואָס האָבן זיך יאָ געהאַלטן ביי די „גרונטפּרינ־ציפּן" פון דערדאָזיקער גרופּע, די מערהייט פון וועלכע האָט זיך אַ קער גע־טאָן אין דער ריכטונג פון אַן אַקטיוון אַנאַרכיזם־קאָמוניזם פון דער אויבנ־באַשריבענער אָריענטאַציע".

אָט־די דערקלערונג שטימט ניט מיט די דאַטן פון די געשעענישן. דער אויפשטאַנד אין קראָנשטאַדט איז פאָרגעקומען ערשט אין מערץ 1921, בעת די שפּאַלטונג אין אונדזערע רייען איז פאָרגעקומען סוף 1920. און זיכער האָט די מחלוקת גאָרניט געהאַט צו טאָן מיט פּויערים־עלעמענטן. עס איז געווען אַ שטיקל אַרבעט, וואָס די אַגענטן־פּראָוואָקאַטאָרן האָבן אָפּגעטאָן. זיי האָבן זיך איינגעאַנצן אַרויסגעגעבן מיט דעם, וואָס זיי האָבן געמאַכט אַן אומ־זיסטן טומל וועגן דעם פּונקט אין אונדזער פּראָגראַם, וואָס שטעלט אַוועק

די דורכפירונג פון אוזורפּאַציע פון די אוזורפּאַטאָרן צוגלייך מיט דער עקס־פּראָפּריאַציע פון די עקספּראָפּריאַטאָרן. זיי האָבן אים אויסגעטייטשט אַזוי, אַז ער מיינט, אַז מיר האָבן בדעה צו פאַרכאַפּן די מאַכט און באַזייטיקן די קאָמוניסטן. אייגנטלעך, ווי אינסטרוקטירטע פּראָוואָקאַטאָרן, האָבן זיי גע־אַרבעט אויף ביידע זייטן: זיי האָבן אונדזער גרופּע באַשולדיקט אי אין אַפּאָר־טוניזם און אי אין אַוואַנטיוריזם.

אמת, אונדזערע „גרונטפּרינציפּן" ווי אויך דאָס ביכל „אַנאַרכיזם־אוני־ווערסאַליזם" איז ניט געווען לייכט אַראָפּצושלינגען פאַר אַ קאַמעראַד, וואָס האָט זיך פּאָליטיש און אידעאָלאָגיש דערצויגן אויף אַנאַרכאָ־פּאָלקיזם אָדער אַנאַרכאָ־סינדיקאַליזם. אָבער אָן די פּראָוואָקאַטאָרן וואָלט צו קיין שפּאַלטונג באין אופן ניט קומען; האָבן דאָך אַסקאַראָוו און אַנדערע אונטערגעשריבן אונדזער „פּראָיעקט־פּראָגראַם" און קיינער האָט זיי דאָך דערצו ניט גע־צוואונגען.

נאָך אין זעלביקן אָוונט האָב איך געפונען פאַר נייטיק אַרייַנצושיקן אַ דערקלערונג וועגן אָט־דעם טייל פון אונדזער באַנעמען די רעוואָלוציאָנע־רע טאַקטיק, ביי וועלכער אַנאַרכיסטן, לויט אונדזער אויפפאַס, דאַרפן זיך האַלטן.

איך און די, וואָס האָבן געהאַלטן מיט מיר, דאָס הייסט די, וואָס האָבן גענומען דעם ענין לעגאַליזאַציע ערנסט, תופס־זייענדיק, אַז עס האַנדלט זיך וועגן פּיקוח־נפש אין מערצאָל, וואָס מעג דוחה־זיין מער ווי איין אַנאַרכיס־טיש־פּראָגראַמאַטישן שבת (שבת קלב), זיינען אַוועק און זיך קאָנסטיטואירט אין אַ באַזונדער גרופּע. כדי מע זאָל אונדז קענען אָן שוועריקייטן אידענטי־פיצירן און ניט צעמישן מיט דער אַסקאַראָוו־גרופּע, וואָס זיינען געבליבן ביי אונדזער נאָמען „אַנאַרכאָ־אוניווערסאַליסטן", האָבן מיר צו אונדזער נאָ־מען צוגעשטעלט „אינטעראינדיווידואַליסטן", ווי מיר האָבן לכתחילה גע־דאַרפט זיך אָנרופן. אַלע אונדזערע פעריאַדישע אויסגאַבן זיינען געווען אי־ניציאַלט מיט דריי רוסישע בוכשטאַבן אַ. או. אי., אַנאַרכאָ־אוניווערסאַליסטן־אינטעראינדיווידואַליסטן.

די סעקרעטאַרן פון דער גרופּע איז געווען זינאַאידאַ סטעפּאַנאָוונאַ וואָראָנינאַ. דער פאַרוואַלטער איז געווען קאַמעראַד טראַשינסקי.

די אַסקאַראָוו־גרופּע האָט אַרויסגעגעבן אַ צווייוואָכן־שריפט מיטן נאָ־מען „אוניווערסאַל". דער ערשטער נומער איז דערשינען אין פעברואַר־מערץ 1921. אַסקאַראָוו איז געווען דער סעקרעטאַר פון דער גרופּע און אויך דער רעדאַקטאָר פון זשורנאַל. ער האָט עס געדאַרפט אָנשרייבן די פּראָגראַם פאַר דער גרופּע.

אונדזער צייטשריפט, אַ חודש־זשורנאַל, וואָס איז דערשינען אָנפאַנג אַפּריל 1921, האָט געהייסן „אַנאַרכאָ־אוניווערסאַליזם־אינטעראינדיווידואַ־ליזם".

אָט־די צוויי זשורנאַלן האָבן געפירט צווישן זיך אַ שטאַרקע, אַ היפּש ביסל צו שאַרפע פּאָלעמיק. ביידע צדדים זיינען געווען פאַרביטערט. אונדזער

צד פאַר זייער געברויכן אונדזער נאָמען אָן טעאָרעטישער רעכטפאַרטיקונג און אויך פאַר פאַרנעמען דעם לאָקאַל; דער צווייטער צד האָט געמוזט אונדז אָנגרייפן און אַנווייזן, אין וואָס זיי קענען מיט אונדז ניט איינשטימען. די שפּאַלטונג האָט פאַרלאַנגט אַ ראַציאָנעלע באַגרינדונג־אַפּאָלאָגיע.

אין דער היץ פון דער פּאָלעמיק האָבן מיר שאַרף קריטיקירט די טעאָרעטיזירונגען פון אַסקאַראָוון אויף דער טעמע „אַנאַרכאָ־אוניווערסאַליזם". מיר האָבן צענומען גלידערווייז זיין „דעקלאַראַציע", אַנאַליזירט די טעזיסן און באַוויזן ווי ווידערשפּרעכלעך זיי זיינען. די פּאָלעמישע אַרטיקלען זיינען געגאַנגען אונטער צוויי קעפּלעך: „צו דער פאַרטיידיקונג פון אַנאַרכאָ־אוניווערסאַליזם" און „די טעאָרעטישע קונצשטיק פון דער אַלרוסלענדישער סעקציע פון די אַנאַרכיסטן־אוניווערסאַליסטן". זיי זיינען געווען פאַרעפנטלעכט אין אונדזער חודש־שריפט.

אַסקאַראָוו איז געווען אַן אינטעליגענטער קאַמעראַד, אַן אַנאַרכיסט־סינדיקאַליסט, און דאָ האָט ער געדאַרפט זיך אונטערנעמען צו באַגרינדן אַ באַזונדער שולע, ריכטונג אָדער אָפּנייג פון קלאַסישן אַנאַרכיזם, און ער איז ניט געווען בכוח עס צו טאָן. אַזוי אַז זיין טעאָרעטיזירן איז געווען העכסט אומבאַהאָלפן. ער איז, אמת, געווען אַ גאַנץ פּעאיקער זשורנאַליסט. ער האָט אָבער פּרובירט זיך אַריבערצושטייגן, אָדער זיך שטעלן אויף די אייגענע פליצעס, אַבי אויסקוקן מיט אַ פּאַר קעפּ העכער פון דער אייגענער שטאַטור, און אין דעם איז ער געווען פאַרמשפּט דורכצופאַלן, און זיין דורכפאַל איז געווען אַ טעאָרעטישער, צום אָנפאַנג און אַ פּאָליטישער, צום סוף.

[די אַגענטן־פּראָוואָקאַטאָרן, וואָס האָבן געדרייט און געקרוטשעט, געאַרבעט מעשים, כדי אַרויסצורופן די שפּאַלטונג, האָבן זיך מיט דער שפּאַלטונג אַליין ניט באַגענוגנט. דאָס איז בלויז געווען ביי זיי דער ערשטער צוג. דערנאָך האָבן זיי אַריינגעשלעפּט אייניקע פון אַסקאַראָווס גרופּע אין אַן עקספּראָפּריאַציע און עלף פון זיי זיינען דערשאָסן געוואָרן.

דעם 1טן נאָוועמבער 1921 איז די גאַנצע גרופּע ליקווידירט געוואָרן. אַסקאַראָוו איז אַרעסטירט און פאַרשיקט געוואָרן. ער האָט עטלעכע מאָל דערקלערט הונגערשטרייקס. עס האָט אָבער ניט געהאָלפן. ער איז אומגעקומען, געפאַלן אַן אומשולדיקער קרבן פון אַ טשעקאַ־פּראָוואָקאַציע.

באַרמאַש איז אַרעסטירט געוואָרן נאָך מיט פינף חדשים פריער. ער האָט קאָנפליקטירט מיטן אַרטיקן סאָוויעט בנוגע אַגראַר־איינאָרדענונגען. ער איז געווען קעגן דעם סאָווכאָז און מע האָט אים אַרעסטירט און אַריינגעזעצט אין טאַגאַנקע געפענגעניש און דערנאָך פאַרשיקט.

מע האָט די אַסקאַראָוו־גרופּע באַשולדיקט אין באַנדיטיזם, אין דרוקן פאַלש געלט, בלבולים, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין גרונט, אָבער פאַר די אויסטראַכטונגען האָט די טשעקאַ געהאַט די דעפּאָזיציעס און עדות־זאָגעניש פון אירע אַגענטן, וואָס זיינען קלאָמפּערשט געווען מיטגלידער פון די אַנאַרכיסטן־אוניווערסאַליסטן.]

XXIII

אינטעראינדיווידואַליסטן

1

פּאַנאָפּטיקום

אונדזער גרופּע, אַנאַרכאָ־אוניווערסאַליסטן־אינטעראינדיווידואַליסטן, איז געבליבן „אויפן וואַסער", אָן אַ לאָקאַל און אָן קיין פינאַנציעלע מיטלען, מיט וואָס אָנצוגיין מיט אונדזערע אַקטיוויטעטן.

די ערשטע זאַך, וואָס מיר האָבן געמוזט טאָן, כדי זיך צו באַוואָרענען קעגן פּראָוואָקאַציע, איז לאָזן וויסן אונדזערע מיטגלידער, זיי זאָלן זיך איי־בעררעגיסטרירן, וואָרעם אונדזערע מיטגלידער־ביכלעך האָט באַזיצט די אַס־קאַראָור־גרופּע און מיר האָבן ניט געוואָלט זיך אידענטיפיצירן מיט זיי און זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זייערע טועכצן און טוערס, צו וועלכע מיר האָבן געהאַט גאָר ווייניק צוטרוי. מיר זיינען געווען זיכער, אַז פריער אָדער שפּע־טער וועט שטיינער, דער וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער שפּאַלטונג, עפּעס אָפּטאָן און אַריינשלעפּן אין דעם די אַסקאַראָוו־גרופּע, וואָס האַנדלען ווי בלינדע מענטשן. זיי זעען ניט, וואָס אַרום זיי און אין זייער נאָמען, ממש אונטער זייער נאָז, קומט פאָר.

אונדזער רעגיסטראַר איז געווען דער חבר טראָשינסקי.

די צווייטע אויפגאַבע איז געווען צו קריגן אַ לאָקאַל, אַ פּלאַץ, וואו מיר זאָלן קענען האָבן אונדזערע פאַרזאַמלונגען און אויך האַלטן פאָרטראַגן, מינד־לעך פאַרשפּרייטן אונדזער לערע.

דער אויסוואַל פון די חברים, אויף דער איניציאַטיוו אין דעם פּרט פון חבר טראָשינסקי, איז געפאַלן אויף אַ הויז אין מיטן טווערסקאַיאַ, נומער 58. דאָס איינשטאָקיקע הויז מיט איינגעהויקערטע אויבנשטיבלעך, איז געשטאַ־נען מיט די פענצטער און פונפאַרנט־אַריינגאַנג צום גאַס. די אויבנשטיבלעך זיינען געווען אַזוי פאַרשטעקט, אַז מ'האָט זיי גאָרניט אַרויסגעזען; זיי זיינען אָבער געווען באַוואוינט פון עטלעכע משפּחות. מיר האָבן וועגן דעם גאָרניט געוואוסט. די אויבנשטיבלעך האָבן געשפּילט אין רואה ואינו נראה. דאָס הויז איז געווען פאַרכמורעט, האָט אויסגעזען היפּש חורבהדיק, אָפּגעלאָזן. די פענצטער, הגם גרויסע און אין אַ היפּשער צאָל אין דער גאַנצער לענג פון דער וואַנט, זיינען געווען געדיכט־פאַרשטויבט. ביי דער נאַכט איז אין זיי קיין זכר פון ליכט ניט געווען. בקיצור דאָס הויז, ווי אַ סך ניט־וואוינונגס־הייזער אין יענער צייט, איז געווען פאַרחתמעט, אויף דער טיר אַ זיגל פון איינער פון די פילצאַליקע סאָוועטישע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן אַלע פאַר־מאָגט איניציאַל־נעמען, ווי דער שטייגער איז דעמאָלט געווען.

הכלל, פאַר דעם, אונטער דעם אַלטן רעזשים, איז דאָ געווען אַ פּאַנאָפּ־

טיקום. איך האָב דעם פּלאַץ, נאָך בימי ניקאָלאַי, עטלעכע מאָל באַזוכט און באַצאָלט איינטריט־געלט. דאָ האָט מען באַוויזן טשיקאַווע זאַכן. ווי דער נאָמען „פּאַנאָפּטיקום" האָט צוגעזאָגט, און ניט אָפּגענאַרט, בפירוש מיינענ־דיק „אַלצאָנקוקפּלאַץ". דאָ איז אַפילו געווען אַ טאָרטור־צימער מיט אַלע מכשירים, וואָס די אינקוויזיטאָרן פון אַלע צייטן האָבן געברויכט און וועלכע זיי געברויכן אויך אין אונדזער צייט, נאָר אין אַ מער ראַפינירטער און מער פּעולהדיקער פאָרם.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָ האָט ניט געטאָרט אויספעלן קאַפּיטאַן אַלפרעד דרייפוס (1935־1859), און עמיל זאָלאַ (1902־1840), וואָס איז אויך אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, איז געווען ביי זיין זייט. דאָ זיינען אויך געווען פיגורן פון פאַרשיידענע שבטים, שטאַמען און ראַסן, אַ מין קאָלעקציע צו שטודירן אַנטראָפּאָלאָגיע.

אויך די ענגלישע קעניגן זייַנען געווען גוט פאַרטראַטן. דעם אויבנאַן צווישן זיי האָט פאַרנומען די קעניגן וויקטאָריאַ. אָבער דעם אויבנאַן פון אַלע אויבנאַנען האָט פאַרנומען קלעאָפּאַטראַ מיטן לעגענדאַרן שלענגל אויף איר ברוסט. זי איז געלעגן און געאָטעמט.

אַ היפּשער טייל פיגורן זיינען געווען געמאַכט פון גיפּס, אָבער די מער מיוחסדיקע ווי קלעאָפּאַטראַ און אַנדערע זיינען געווען אויסגעקנאָטן פון וואַקס, צוגעמישט מיט פאַראַפין.

וויבאַלד מע וויל קריגן אַ הויז, דאַרף מען דאָך אָנקומען צום וואוינונגס־אָפּטייל פון „מאָסקווער קאָמונע". די „מאָסקווער קאָמונע" געפינט זיך אונ־טער דער יוריסדיקציע פון מאָסקווער סאָוויעט. הייסט עס דאָך, אַז מען דאַרף גיין צו קאָמעניעוון און קריגן ביי אים אַ צושריפט אָדער אַ רעזאָלוציע. אָן אים קען עס ניט געטאָן ווערן.

בין איך אַוועק צו קאָמעניעוון און איבערגערעדט מיט אים מכוח דעם, אַז מיר נייטיקן זיך אין אַ קלוב און מיר האָבן געוואָרפן אַן אויג אויף אַ הויז.

די בורזשואַז־ליבעראַלע רעגירונגען גיבן „פרייהייט פון פאַרזאַמלונג" בלויז יורידיש, בעת די סאָוויעטן דאַרפן עס געבן פאַקטיש, ד. ה. באַזאָרגן מיט לאָקאַלן וואו אָפּצוהאַלטן די פאַרזאַמלונגען.

האָט מיר קאָמעניעוו גלייך געגעבן זיין שריפטלעכן הסכם בצורת רע־זאָלוציע, כתוב וחתום מיטן שטעמפּל פון מאָסקווער סאָוויעט־פּרעזידיום. וואָ־רעם אין דער קאָנסטיטוציע איז געשטאַנען בפירוש, אַז די רעגירונג איז מחויב צו געבן יעדער אָפּאָזיציאָנעלער פּאַרטיי אַ פּלאַץ, וואו צו האַלטן אירע פאַרזאַמלונגען און אירע פאַרטראַגן, אַ לאָקאַל, וואו אָנצוגיין מיט אירע אַק־טיוויטעטן פון פּראָפּאַגאַנדע. האָט זיך אָבער שפּעטער אַרויסגעשטעלט, אַז די דאָזיקע רעזאָלוציע אַליין איז נאָך ניט גענוג. מחמת דאָס הויז, וואָס מיר האָבן געוואָלט פאַרנעמען, איז ניט געווען סתם אַ וואוינונג, נייערט אַן אַמו־זירונגס־פּלאַץ. לכן געפינט זיך די געביידע אין רשות פון טעאַטער־פאַרוואַל־טונג, וואָס איז אַ טייל פון קאָמיסאַריאַט פון בילדונג. דער שעף פון דעמדאָ־זיקן אָפּטייל איז אין יענער צייט געווען דער באַרימטער שוישפּילער און

טעאַטער־דירעקטאָר מייערהאָלד. ביך איך אַוועק צו אים. ער האָט עס באַ־דאַרפט באַפרייען די געביידע, ד. ה. געבן אַ צושריפט מכוח דעם, אַז דער מאָסקווער טעאַטעראַפּטייל קען זיך באַגיין אָן דעמדאָזיקן בנין, אַז ער, אַט־די גרויסע שטאַל, וועט אים ניט אויספעלן. אַזאַ מין קוויטל־פאָרמולאַר האָב איך אָנגעשריבן און געבראַכט צו מייערהאָלדן. ער האָט עס אָן קווענק־לעכישן אונטערגעשריבן. דער טעאַטעראָפּטייל האָט געהאַט געניג רעקווי־זירטע גוטע געביידעס און די דאָזיקע טראַנטע פון אַ הויז האָט ער געקענט מנדב־זיין. איך האָב אים קאָמפּלימענטירט פאַר זיין „חתימה טובה" מיטן וואָרט „גראַמאַטען". אין פשוטן טייטש פון וואָרט מיינט עס ניט מער ווי דאָס, אַז ער איז ניט קיין אַנאַלפאַבעט, אָבער אין העברעין מיין איז עס גאָר אַ געהויבענער שבח. ער איז געווען אַ דראַמאַטורג אויסער שווישפּילער, און מיין אנדערקענונג פון זיין שרייבערישן טאַלאַנט האָט אים געשמייכלט.

איז מיין טייל אַרבעט אין דער דערוווערבונג פון דעם הויז שוין געווען אָפּגעטאָן; זיינען אַלע שטערונגען, פאָרמעלע ביוראָקראַטישע שטרויכלונג־שטיינער שוין געווען באַזייטיקט, און מיר האָבן געקענט פאָדערן פון וואוי־נונג־אָפּטייל, ער זאָל זיך מטריח זיין און אַראָפּנעמען דעם זיגל פון דעם הויז און עס אונדז איבערגעבן פאַר אַריינציען זיך און פאַרנעמען. האָט זיך ערשט אַרויסגעשטעלט אַ נייער מכשול. דאָס הויז איז ניט געווען „זעלבסטשטענ־דיק", איז ניט געווען קיין אָפּזונדערלינג, „אָסאָבניאַק" אויף רוסיש; עס איז געווען אָנגעשלאָסן אָן אַ הויף. די הייזער פון הויף האָבן געהאַט אַ הויזונג־קאָ־מיטעט, און דער קאָמיטעט האָט געהאַט, ווי דער שטייגער איז געווען אין סאָוויעטרוסלאַנד אין יענער צייט, אַ פאָרזיצער. און דער פאָרזיצער, דער האַר פון די האַרן, האָט אונדז ניט געוואָלט האָבן פאַר קיין שכנים. „ער וויל ניט האָבן קיין אַנאַרכיסטן", האָט ער געטענהט. ער האָט געמוזט האָבן זיינע טעמים דערפאַר. יעדנפאַלס האָט ער אויף אונדז געוואָרפן אָן אומחן. ער האָט זיך איינגעשפּאַרט און ניט געוואָלט אונדז צולאָזן מיר זאָלן איבערנעמען דאָס הויז. חבר טראַשינסקי האָט זיך געמיט מיט כל הכוחות. ער האָט אים אָבער ניט געקענט ניט איבעררעדן און ניט איינברעכן.

2

דער גוי כאַפּט אַ מיתה משונה

איז וואָס טוט גאָט, ריכטיקער, די געטין פון אַנאַרכיע?

איינמאָל, ווען מע איז געקומען אַראָפּנעמען די זיגלען, איז ער אַרויס־געלאָפן מלא־רציחה מיט שימפּערייען און זידלערייען אויפן חשבון פון די אַנאַרכיסטן־באַנדיטן, וועלכע מע האָט געדאַרפט אויסשיסן איינעם נאָך איי־נעם. ער האָט זיך אויפגעקאָכט און איז אַנידערגעפאַלן אויפן טראָטואַר אין שגיי און איז מער ניט אויפגעשטאַנען. ער איז געשטאָרבן פון אַ האַרצשלאַג. איך בין דערביי ניט געווען. מיט דער טעכנישער זייט פון אַראָפּנעמען די זיגלען

האָט געהאַט צו טאָן דער פאַרוואַלטער. איך האָב זיך דערוווּסט וועגן דעם טויט־פאַל פיל שפּעטער, ערשט ווען חבר טראַשינסקי האָט עס מיר איבערגעגעבן מיט אַלע איינצלהייטן. דער פאַרזיצער האָט געגוואַלדעוועט: „איבער מיין טויטן קערפּער וועלן אָט־די אַנאַרכיסטן־כוליגאַנעס אַריינטרעטן אין הויז״, און זיין פּנים האָט זיך אָנגעגאָסן מיט רציחה־בלוט. פּונקט ווען ער, דער הויז־קאָמי־טעט־פאַרזיצער, האָט געלעסטערט די „געטין אַנאַרכיע״, איז ער געשלאָגן גע־וואָרן פון איר מעכטיקער האַנט. עס האָט בפועל ממש אויסגעזען ווי זי, די אַל קנאַ־ונוקמניצע, האָט אים באַשטראָפט אויף אָן אָרט, און ער האָט אויס־געהויכט זיין נשמה מיט אַ זידלוואָרט אויף דער קאָנטאָ פון אירע „דינער״... די האָט עס אים ניט געקענט פאַרגעבן... און ער האָט געכאַפּט זיין פּאַרדינטן, הגם צו שטרענגן, פּסק. איך שטעל מיר פאָר, אַז פּרודאָן און באַקונין האָבן געבעטן זי זיך זעצן אויפן שטול פון רחמים און ניט פון האַרבן דין, אָבער זייערע תפילות האָט זי ניט אָנגענומען.

ווען חבר טראַשינסקי האָט מיר דערציילט וועגן דעם טראַגישן פאַל, וואָס האָט פּאַסירט מיטן ווילדן „אַנאַרכיסטן־פּרעסער״, האָט זיך אין מיין געדעכעניש עפּעס אַ צונד־געטאָן און איך האָב זיך דערמאָנט טשיקאַווע זאַכן, וואָס זענען אויס פיל אויסטערלישער ווי די איבערגעוואַלדיקע באַזייטיקונג פון דעם אַנאַרכיע־פיינט, בעת ער איז אַרויס לעסטערן.

די מעשה האָט אַ שייכות צו מיין פאָטער, הרב יהודה לייב גאָרדין. ער איז אָנגעקומען אין אויגוסטאָוו, סואוואַלקער גובערניע, פאַר אַ מרא דאתרא, און זיך אַוועקגעזעצט אויפן „כסא־הרבנות״. ביים פאָטער איז עס געווען די צווייטע שטעלע. ער איז געווען דעמאָלט גאַנץ יונג. עס איז אַ קיימא לן פון איבער זעכציק יאָר צוריק.

דער רב, וואָס איז געווען פאַרן פאָטער, האָט געהייסן ר׳ כתריאל. דעם צווייטן נאָמען געדענק איך ניט. אַלץ, וואָס איך געדענק איז, אַז ער איז גע־ווען אַ גאָר גרויסער בקי, אַן ערודיט, אין דער תלמודישער ליטעראַטור און וועגן זיין חיבור האָט מען זיך געוויצלט און געזאָגט, אַז ער איז „פול מיט אויגן ווי דער מלך־המוות״ (עבודה זרה כ:). דער אָנווייז פון אַ רעפערענץ אין העברעאיש איז „עין״, זע, קוק איין, „עין״ אויף העברעאיש איז אַן אויג. ר׳ כתריאלס ספר איז געווען פול מיט ציטאַטן, ממילא פול מיט „עינס״...

אין אויגוסטאָוו איז געווען אַ רייכע און אַ פאַרצווייגטע משפחה מיטן נאָמען קייגאַנעס. זי איז געשטאַנען אין קרובהשאַפט־פאַרבינדונג מיט ר׳ כתריאלן. זייענדיק פאַרוואַנדטע פון פאַרדעמדיקן רב, זיינען זיי עפּעס ווי אויטאָמאַטיש געוואָרן קעגנער פון דעם נאָכפאָלגנדיקן רב. ר׳ כתריאל איז אַוועק פון אויגוסטאָוו מחמת אַ מחלוקת, אַן אָפּטע דערשיינונג אין אונדזערע „געבענטשטע״ און גוזמאדיק אידעאַליזירטע שטעטלעך, וואו מע האָט זיך געקריגט און געריסן צוליב יעדער קלייניקייט איבער אַ רב, אַ חזן, אַ שוחט. דאָס לעבן איז געווען צו מאָנאָטאָן און גרוי און אַ קריגערייַ אין דער קהילה האָט אַריינגעטראָגן אַן איבערבייט און אַ צעשטרייאונגס־עלעמענט, אַזוי אַז מע האָט זיך גערן געקריגט.

ר׳ כתריאלס צד האָט געהאַט פאַר זיך אַ קלויז. אין קלויז איז געווען אַ ספּעציעלער מגיד, וואָס האָט דאָרט געפירט די גרענדע, און ער איז עס געווען דער הויפּט פון די אינטריגאַנטן.

ויהי היום, ער האַלט אַ דרשה, אין וועלכער ער מאַכט ניט קיין פאַרשטעלטע אינסינואַציעס קעגן פּאָטער. ער ענדיקט די דרשה, גייט אַוועק אַהיים — און שטאַרבט פון אַ האַרצאַטאַקע. זיין טויט האָט אַרויסגערופן אַן אויפרודער אין שטעטל. דאָס איז געווען דער ערשטער דונערשלאַג. אָבער די באַשטראָפנדיקע האַנט פון דער השגחה עליונה האָט זיך דאָ ניט אָפּגעשטעלט.

די קיינאַנעס, די גרעסטע גבירים פון שטעטל, האָבן גענומען גיין באַרג אַראָפּ, פון עשירות צו דלות און ווייטער — צום אומקום. אין שטעטל האָט מען גענומען ריידן גאַנץ ערנסט וועגן דעם, אַז דער רב מוז זיין אַ גרויסער צדיק, און ווער עס פאַרטשעפּעט זיך מיט אים, שניידט טרוקן ניט אָפּ, ער קריגט זיין עונש מן השמים.

מאָסקווע האָט וועגן דער שטראָף, וואָס דער אַנאַרכיסטן־האָסער האָט געקראָגן, ניט געוואוסט, און די באַשטראָפנדיקע האַנט האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער ערשטער הינריכטונג און צו דער טשעקאַ איז זי ניט דערגאַנגען, באַטש פון טווערסקאַיאַ צו ליוביאַנקע איז ניט קיין מהלך־רב.

די געשיכטע מיטן גוי דעם „שונא־אַנאַרכיע״, וואָס האָט איינגענומען אַ מיתה־משונה און איבער זיין טויטן קערפּער, ווי ער האָט זיך אַליין אויסגעלייגט און פאַרויסגעזאָגט, האָבן מיר אַריבערגעשפּרייזט און אַריין אין קלוב פון די אַנאַרכיסטן־אוניווערסאַליסטן־אינטעראינדיווידואַליסטן, — האָט שיער ניט אַ ריר געטאָן אַ סטרונקע פון אבערגלויבעריי אין מיר. מיר זיינען אַרומגערינגלט מיט מיסטעריעס און די געהיימענישפולסטע מיסטעריע איז דער טויט. און דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב געזען אַ בר־מינן, איז טאַקע געווען אָט־יענער מגיד, וועמען גאָט האָט געשטראָפט, לויט די קליינשטעטלשע אבערגלויבערייען פון אויגוסטאָווער תושבים, פאַר זיינע רייד אין זיין דרשה. דער מגיד איז געלעגן אויפן דיל איבערגעדעקט מיט אַ גרויער קאָלדרע און ליכט האָבן געברענט צוקאָפּנס. איך בין געשטאַנען לעבן אים, איך, אַ דריי־יאָריק ייִנגעלע, און זיך געוואונדערט איבער דעם סוד פון טויט, מיט וועלכן איך בין געקומען פּנים אל פּנים. איך האָב די מיסטעריע דעמאָלט אַזוי ווייניק פאַרשטאַנען, ווי איך פאַרשטיי זי הייַנט צו טאָג. סיידן איך וויל זיך מאַכן אַ גרינג האַרץ און זאָגן, אַז עס זיינען בכלל קיין מיסטעריעס ניט פאַראַן. דער קרוג גייט צום קוואַל ביז ער ווערט צעבראָכן. די מענטשלעכע מאַשין, ווי יעדע מאַשין און יעדע כלי, אַרבעט, ביז זי אַרבעט זיך אויס — און עס ווערט מיט איר טאַקע אויס. איז וואָס איז עס פאַרט אָט־דער פּראָצעס, וואָס מיר רופן אָפּנוץ? וואָס איז אַזוינס אומקום, צעשטערונג, פונאַנדערפאַל? מיר ווייסן אַלץ, כל זמן מיר נעמען זאַכן ווי זיי שטייען און גייען, און פרעגן ניט קיין פראַגעס און ווילן ניט ווי ס ן. ווילן מיר אָבער באמת וויסן און אפילו וויסן אונדזער וויסעניש, דעמאָלט כאַפּן מיר זיך, אַז צווישן ז י י ן און ווי ס ן ליגט אַ תהום, איבער וועלכן קיין פאַרשטאַנד קען קיין בריק ניט

אויפהענגען. עקזיסטענץ, דאַזיין איז איין זאַך און מיט וויסעניש איז עס ניט „קיין פּאָר קליידער".

און ווי ראַציאָנאַליסטיש, ניכטער פּיקחדיק מיר זאָלן ניט זיין אויף דער אויבערפלאַך פון אונדזער שכל, איז ערגעץ פאַרשטעקט אין דער טיף, פאַרבאַהאַלטן בחדרי־חדרים, זיצט דער אבערגלויבער און מיר קענען אים איינגאַנצן ניט אַרויסוואַרפן און מיר ווילן עס גאָרניט, ווארעם ווען מע איז שוין דער אמתער בעל־השכל, בלייבט מען ערשט אָן פאַרשטאַנד.

3

אונדזער דירה — אונדזער זשורנאַל

מיר האָבן שוין אונדזער „שטענדיקע" דירה. טיף אין האַרצן האָב איך געוואוסט, אַז וואָס־וואָס, אָבער קיין שטאַנדהאַפטיקייט האָט זי ניט. אונטער דעם סאָוויעט־רעזשים איז אונדזער קיום אַ צייטווייליקער. אָבער אַזוי איז דאָך אונדזער גאַנץ מענטשלעך לעבן אונטער דער נאַטורס רעזשים. לכן איז עס חיי שעה, אָבער די שעה קען דויערן עטלעכע יאָר. האָבן מיר זיך איינגעשאַפט אַביסל מעבל, דאָס סאַמע מינימאַל־נויטווענדיקסטע: בענק און אַ פּאָר טישן. מיר האָבן אויך פאַרבעטן אַ סטאָליאַר, וואָס האָט ווי ניט ווי צענויפגעקלאַפּט אַ שטיקל בינע.

שטיין אויפן דיל, „אויף איין ברעטל מיטן עולם צוהערער", איז אַ זאַך, וואָס אין רוסלאַנד זיינען די רעדנער ניט גורס. עס איז „צו דעמאָקראַטיש". אַ רעדנער דאַרף אַראָפּריידן פון דער הויך פון באַרג צום פּובליקום, וואָס שטייט נעשה־ונשמעדיק אונטערן באַרג.

דאָס הויז, וואָס מיר האָבן פאַרנומען, האָט דורכגעמאַכט אַ לאַנגע ריי גלגולים, ביז עס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּאַנאָפּטיקום — אונטערן צאַר ניקאָלאַי דעם צווייטן, און אונטער די סאָוויעטן — אין דעם קלוב פון אַנאַרכיסטן־אוניווערסאַליסטן־אינטעראינדיווידואַליסטן. לכתחילה איז עס געווען אַ פּריוויש רייך הויז. דאָ האָט אויך געוואוינט דער באַרימטער רוסישער קאָמפּאָזיטאָר און פּיאַניסט אַלעקסאַנדער ניקאָלאַיעוויטש סקריאַבין (1872־1915).

אין אָנדענק פון אָט־דעם זכות, וואָס דאָס הויז האָט געהאַט און מיט וואָס עס האָט זיך גרויס געהאַלטן, איז אין עס־צימער אויפן סופיט געווען אָנגעשריבן אין נאָטן אויסגעשטעלט אין אַ קרייז אַ פראַגמענט פון סקריאַבינס אַ מעלאָדיע.

סקריאַבין איז געווען אַ מערקווערטיקער מאַן. ער איז געווען אַ טעאָסאָף פון סאָפּיע בלאַוואַטצקיס (1831־1891) חדר. ער איז געווען שעפעריש־אויפברעכעריש אין מוזיק. ער האָט דערפונדן דאָס, וואָס ער האָט גערופן די מיסטישע סטרונע. ער איז געווען איינער פון די פאָרויסגייער, וואָס האָבן איינגעפירט די אַטאָנאַליטעט. זיין מוזיק צייכנט זיך אויס מיט גרויסער ריטמי־

שער קאָמפּליצירטקייט. זיינע מעלאָדיעס האָבן, זיך אַזוי אויסצודריקן, אַ הימלישן שוואונג. ער איז דער שאַפער פון דער „פּאָעמע פון עקסטאַז“. זיין ניגון פאַר לערמאָנטאָווס תפילה האָט מען געזונגען איבער גאַנץ רוסלאַנד.

טשיקאָווע איז, וואָס ער האָט געהאַט אַן אינסטינקטיווע שרעק פאַר אַ בריטווע. ער איז טאַקע געשטאָרבן פון אַ בלוט־פאַרגיפטיקונג, וואָס ער האָט געקראָגן נאָכן אָפּראַזירן זיך אין אַ שערערהויז.

דאָס הויז איז נעבעך אַראָפּגעזונקען, געהאַט אַ שרעקלעכע ירידה, ווען עס איז געוואָרן אַ וואַלוועלער פּאַנאָפּטיקום. אָבער דער זכות פון סקריאַבינען איז אים בייגעשטאַנען און עס האָט געקראָגן אַ תיקון און נתעלה געוואָרן צו דער מדרגה פון אַן אווידיטאָריום פאַר אַנטימאַרקסיסטישע לעקציעס.

מיר האָבן זיך אַהער אַריינגעצויגן און געקראָגן, ווי שוין אויבן געזאָגט, פרייהייט פון וואָרט ניט בלויז רעכטלעך, נייערט טאַקע טאַטזעכלעך, „ככתוב“, ווי עס שטייט בפירוש אין דער קאָנסטיטוציע פון סאָוויעטרוסלאַנדס ערשטן נוסח. דאָרט ווערט בפירוש געזאָגט, אַז די סאָוויעטן זיינען זיך מתחייב דורכצופירן אָט־די פרייהייטן ניט אויבערפלעכלעך פאַסאַדיש, נאָר טאַקע גרינטלעך. געבן די בירגער, אויך פון דער אָפּאָזיציע, אַ מעגלעכקייט צו געניסן אין דער ווירקלעכקייט אָט־די אַלע פרייהייטן פון וואָרט, פאַרזאַמלונג און פּרעסע. און די באָלשעוויקעס האָבן עס אַריינגעשריבן אין דער קאָנסטיטוציע, זייענדיק אין יענער צייט גאַנץ ערנסט און טיף איבערצייגט, אַז זיי גייען עס דורכפירן און אַריבערשטייגן אַפילו בנוגע פרייהייט די פוסטע פאַלשע בורזשואַזע דעמאָקראַטיע. און צום אָנפאַנג האָבן זיי עס פּרובירט טאַקע טאָן. נאָר זיי האָבן באַלד חרטה געקראָגן און אויסגעקערט דעם דישל אין דער קעגנגעזעצטער ריכטונג.

איך שטרייך עס אונטער, כדי דער לייענער זאָל באַגרייפן, אַז די „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט“ האָט לחלוטין ניט געמיינט דאָס, אין וואָס זי האָט זיך שפּעטער אויסגעאָסן. לכתחילה איז זי ניט געווען געקערט מיטן שפּיץ קעגן די גאַראַנטיעס און פרייהייטן, וואָס אַ ליבעראַלע רעגירונג שענקט; פאַרקערט, זי איז געגאַנגען פיל ווייטער פון איר. אַן אויסנאַם איז געמאַכט געוואָרן פאַר אויסגעשפּראָכענע אַקטיוויסטן קאָנטררעוואָלוציאָנערן. אַפילו די בורזשואַזע פּרעסע האָט אַ היפּש שטיקל צייט עקזיסטירט אומגעשטערט. אַזוי אַז די „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט“ האָט אונדז פון אָנפאַנג ניט אויסגעזען צו זיין סטראַשידלעדיק, דאָס, וואָס זי איז נאָכדעם געוואָרן. אונדז און קיינעם, די באָלשעוויקעס אַריינגערעכנט, איז דעמאָלט ניט איינגעפאַלן, אַז דאָס מיינט טאָטאַליטאַריזם. זיי און מיר זיינען געווען זיכער, אַז דאָס מיינט באין־אופן ניט די עלימינירונג פון יעטוועדער אָפּאָזיציע. אָט־די אויסטייטשונג פון דער דיקטאַטור ווי אַ רעזשים, וואָס דולדעט ניט קיין פּאָליטישע קעגנערשאַפט, איז אַנגענומען געוואָרן גראַדועל און נאָך אַ פאַרלויף פון עטלעכע יאָר פון בירגערקריג און פרידן, לויט דעם שפּרוך פון תלמוד (נידה י"ג): „אַזוי איז דער אויפפיר פון יצר־הרע: היינט הייסט ער דעם מענטשן טאָן דאָס, מאָרגן עפּעס אַנדערש און צום סוף הייסט ער אים דינען עבודה־

זרה און דער מענטש פאָלגט אים״. אָדער ווי דאָס פאָלקסווערטל זאָגט, גיב דעם טייוול איין פינגער, וועט ער אַריינשלעפּן די גאַנצע האַנט. און נאָכדעם איז עס אַוועק נאָך ווייטער, אַז אַפילו אין דער פּאַרטיי טאָר ניט עקזיסטירן קיין פאַרשיידנקייט פון מיינונגען; אַלץ ווערט דיקטירט פון אויבן, פון דעם מיטן שמן־המשחה פון מאַרקסיזם זעלבסטגעזאַלבטן ״פירער״, וואָס עלימי־נירט זיינע קאָנקורענטן אָדער ריוואַלירער.

יעדן זונטיק האָב איך געהאַלטן אַ פּאַרטראַג און טעאָרעטיש גערעדט ״על נתקה״ קעגן מאַרקסיזם, אָבער איך האָב אינגאַנצן זיך איינגעהאַלטן פון קריטיקירן דירעקט די אַזויגערופענע סאָוויעטנמאַכט און איר אינערלעכע און אויסערלעכע פּאָליטיק, אַזוי ווי איך האָב באַקעמפט זייער שאַרף די גרונט־פּרינציפּן פון מאַרקסיזם, אויף וועלכע דער גאַנצער איינשטעל האָט זיך גע־האַלטן, ניט איבערלאָזנדיק כמעט קיין איינציקן פּונקט, איז אויסגעקומען, אַז אינדירעקט קריטיקיר איך די סאָוויעטן.

עס פלעגט, די ערשטע צייט, פּאַסירן, אַז פון צווישן עולם פלעגט זיך איינער אַרויסרוקן מיט אַן אַרויספאָדערנדיקער פראַגע בנוגע דער סאָוויעטי־שער פירעכץ אין לאַנד און מיר פּאַרוואַרפן, הלמאי איך מאַך אַ שוויַיג וועגן דעם. אין אַזעלכע פאַלן האָב איך זיך ניט געצערעמאָניעט און געפרעגט דעם פרעגער, זייענדיק איבערצייגט, אַז ער איז אַן אַגענט פון טשעקאַ, געשיקט אַהער מיך צו פּראָוואָצירן און אַרויסקריגן פון מיר אַ פּאָר ווערטער, וואָס ער וועט איבערגעבן און מיך אינקרימינירן, — וויפל ער קריגט באַצאָלט אין טשעקאַ אויף ליוביאַנקע פאַר קומען צו מיינע פּאַרטראַגן און דערנאָכדעם, נאָכן פּאַרטראַג, מיך פרעגן אָט־די אַנגעצויגענע פראַגן. מיין זיכערקייט האָט זיך גענומען פון דעם, וואָס איך האָב גאַנץ גוט געוואוסט, אַז סתם אַ בירגער וואָלט ניט געוואַגט אַרויסצוקומען מיט אַזוינע ״פּעפּערדיקע״ רייד.

דער איינטריט צו די לעקציעס איז ניט געווען פריי. אַן עולם פלעגט קומען גאָר אַ היפּשער. דאָס איז געווען כמעט דער איינציקער פּלאַץ, וואו מ׳האָט געקענט הערן אַ וואָרט פון קריטיק מכוח די דאָגמעס פון דעם הערשנ־דיקן גלויבן אין רוסלאַנד, נעמלעך ״מאַרקסנטום״.

ניט ווייט פון אונדז, אויף מאַלאַיאַ־דמיטראָווקאַ, האָט זיך געפונען דער סווערדלאָווער אוניווערסיטעט, ד. ה. די פּאַרטייאישע היכשול פון קאָמוניזם. און סטודענטן, וואָס פלעגן באַזוכן מיינע פּאַרטראַגן, פלעגט מען פאַר דעם חטא אויסשליסן פון אוניווערסיטעט. זיי פלעגן זיך איבערטאָן, כמעט זיך פאַרגרימירן און פּאַרט קומען הערן מיינע לעקציעס, וואָס זיינען באמת געווען קאַפּיטלעך פון מיין ווערק ״אינטעראינדיווידואַליזם״.

פון פרייהייט פון מינדלעכן וואָרט האָבן מיר נאַטירלעך געוואָלט אַרי־בער צו פרייהייט פון שריפטלעכן, ריכטיקער, געדרוקטן וואָרט. האָב איך זיך געווענדט צו קאָמעניעוון, געקראָגן זיין שריפטלעכע הסכמה. מיט זיין צו־שריפט־דערלויבעניש בין איך אַוועק אין דרוק־ און פּרעס־אָפּטייל פון ״גאָס־איזדאַט״. איך האָב לייכט געקראָגן אַ דערלויבעניש אַרויסצוגעבן אַ חודש־זשורנאַל. אָט־די דערלויבעניש האָט, לויט דעם סאָוויעטישן דין, באַטייט, אַז

די רעגירונג גיט אונדז פּאַפּיר און דרוקמעגלעכקייטן. די הוצאות דעקט דער מלוכה־פאַרלאַג. די אייגענע פּריווילעגיע האָט געקראָגן די אָסקאַראָוו־גרופּע. אין סאָוויעטרוסלאַנד אין יענער צייט האָט אַ דערלויבעניש באַטייט דאָס געבן די מ י ט ל ע ן, וואָס מאַכן מעגלעך דאָס דערשיינען פון אַ זשורנאַל.

אין אונדזער זשורנאַל האָב איך אָנגעפאַנגען צו פאַרעפנטלעכן די ער־שטע קאַפּיטלעך פון מיין שוין עטלעכע מאָל דערמאָנטן ווערק „אינטעראינ־דיווידואַליזם", ווי אויך די ערשטע קאַפּיטלעך פון מיין ווערק, וואָס איך האָב געהאַט פאַרפאַסט נאָך אין 1919, אונטערן נאָמען „אינטעראינדיווידואַליזם אין קולטור". אין דידאַזיקע קאַפּיטלעך האָב איך אַריינגעפלאָכטן פּאָעמעס און פּיוטים פון מיין בוך, וואָס האָט געהייסן „מאָרד ניט דעם גייסט"! און איז באַשטאַנען פון לירישע און האַלב־עפּישע שאַפונגען, וואָס דריקן אויס אָט־דעם געדאַנק: לערנען יענעם, אַרויפדריקן אויף אַ מיטמענטשן אַ שטאַנד־פּונקט, אַן אָנשויאונג, ווען אַפילו דאָס ווערט געטאָן פון לערער־אינסטרוק־טאָר, פּרעדיקער אָדער פּראָפּאַגאַנדיסט מיט די מאַטעריעל־אומאייגננוצלעכ־סטע אַפּזיכטן, איז אַן אַקט פון שפיכת־דמים אין הויך־ און ריין־גייסטיקן פּשט פון וואָרט „דמים". ווייל יעדער מענטש אין זיין בחינה פון אַ פּערזענ־לעכקייט האָט אַ רעכט צו זיין אייגענעם באַנעם פון זאַכן, דערשיינונגען און פּראָצעסן.

איך וועל ציטירן אַ פּאַסאַזש פון „יונגמענטש" (דערשינען אין 1913):

„דער יונג־מענטש:
אומענדלעך גראַמט דעם יצירה־כפירה גראַם.
עס'י געקומען פון אויטאַריטעטאַקראַטיע דער תיו,
איינפאַרביקייט, איינטאָניקייט, איינמאָסיקייט לעצט־סוף.
עס'י דער אַלף פון דער אייביק מלכות־יצירה
אַן אויפהער שפּילט ד'כאַמעליאָן־הימל־פאַרבן־לירע;
און צו כל־אדם איז אויף גאונות רשות געגעבן,
און יעדערער זאָל בליצן־שפּריצן, גינגאָלד וועבן" (ז. 32).

דאָרט האָב איך אויך פאַרעפנטלעכט אַ צאָל לידער אונטער דעם פּסעוו־דאָנים „דארינגאל", וואָס אַנטהאַלט די אותיות גאָרדין און א. ל. באַטייט־דיק אבא לוואָוויטש (בן לייב), אויך פינף פּאָעמעס אונטערן נאָמען עגאָאי־אַדעס, פון וואָרט „עגאָ".

אין פערטן נומער פון אונדזער חודש־שריפט (דעם 26טן יולי 1921) האָב איך פאַרעפנטלעכט אונטער דעם פּסעוודאָנים א. פּעטראָוו אַ גאָר קורץ אַר־טיקל מיטן נאָמען „הונגער". איך בין געווען דער ערשטער צו מאַכן דעם פאָרשלאַג, אַז מע זאָל קאָנפיסקירן די רייכטימער פון דער קירך און קויפן ברויט פאַר די הונגעריקע אויף דעם „חשבון הגביר". די רוסישע צערקווע האָט פאַרמאָגט זייער פיל אַנטיקן.

די רעגירונג האָט עס שפּעטער דורכגעפירט אַזוי אומגעלומפּערט, אַז אַ גרויסן טייל פון די דימענטן האָט מען צעגנבעט. די סאָוויעטישע ביוראָקראַ־

טיע מיט די כומרים האָבן געמאַכט יד־אחת און האָבן אונטערגערוקט געשליפענע גלעזלעך אנשטאָט די טייערע שטיינער.

אַט ווי דער אַרטיקל ענדיקט זיך:

„די רוסישע געשיכטע ווייסט פון פאַלן אין קריזיס־צייטן, ווען מ׳האָט איבערגעשמאָלצן קירכנגלאָקן אין קאַנאָנען, כדי צו האָבן מיט וואָס צו פאַרטרייבן דעם אָנגרייפנדיקן אַריינדרינגנדיקן שונא.

„קען מען דען ניט אין דער קעגנוואַרטיקער צייט איבערשמעלצן די גאָלדענע צלמים אין האַרמאַטן, פון וועלכע צו שיסן אין גרויזאַמסטן שונא, הונגער; מיט אַנדערע ווערטער, פאַרוואָס זאָל מען ניט איבערשמעלצן דאָס קירכנגאָלד אין ברויט פאַר די הונגעריקע!

„קען מען דען ניט פאַרגרעסערן מיט די קאָסטבאַרע קירכלעכע אַנטיקן דעם גאָלדפאָנד, כדי צו קויפן שפייז פאַר די, וואָס גייען אויס פון הונגער?

„די צלמים און אַנדערע הייליקע זאַכן וואָלטן דאָך אין דעם געפונען זייער בעסטע, זייער פאַסיקסטע, זייער העכסט־„קריסטלעכע" אָנווענדונג.

„סיי דער קרייץ און סיי די מאַדאָנעס און סיי די קריסטוסן וואָלטן דאָך געדן געגאַנגען געקרייציקט צו ווערן, כדי אויסצולייזן פון זינד, פון הונגער־זינד, דאָס שמאַכטנדיקע פאָלק..."

יאָ, די סאָוויעטישע רעגירונג האָט אונדז געגעבן, אין הסכם מיט דער קאָנסטיטוציע, אַ פלאַץ, וואו צו דרוקן אונדזער זשורנאַל און אויך פּאַפּיר, אויף וואָס צו דרוקן אים. דאָס פּאַפּיר איז געווען אַ שטרויענס, אַזוי אַז איצט, נאָך דעם פאַרלויף פון 34 יאָר, צעפאַלט עס ווי נאָר מ׳רירט זיך צו צו דעם. אָבער זי האָט אונדז געגעבן וואָס זי האָט פאַרמאָגט. קיין בעסער פּאַפּיר האָט זי אַליין ניט געהאַט. ווייטער, די זעצער אין דער דרוקעריי זיינען געווען הונגעריקע און זיי האָבן געהאַט ניט קיין חשק און ניט קיין כוח צו אַרבעטן. עס זיינען געווען פאַלן, ווען זיי פלעגן אַנידערפאַלן ביי די מאַשינען און אויסגיין פשוט פון אויסגעשעפּטקייט. איז וואָס האָבן מיר געטאָן? פלעגן מיר זיי דאַרפן צוצאָלן, כדי זיי זאָלן קענען קויפן עפּעס צום עסן און האָבן ענערגיע צו זעצן די חודש־שריפט. וואו נעמט מען אָבער די מיטלען צוצוצאָלן? מיר זיינען דאָך אַלע געווען אויף גרויסע צרות פינאַנציעלע!

האָט קלעאָפּאַטראַ, צעזאַר און אַנטאָני, אַט די טשיקאַווע „טראַיקע", זיך איינגעשפּאַנט אין אונדזער פינאַנציעלן וואָגן און אים אַרויסגעשלעפּט פון דעם זומפּ פון דלות.

וואָס באַטייט עס אין פּראָסטער „עברי"? פשוט, מע האָט די פיגורן צעשמעטערט און דעם וואַקס און פּאַראַפין פאַרקויפט אויפן שוואַרצן מאַרק, און פאַר דעם געלט איינגעקויפט, אויפן שוואַרצן מאַרק, מעל, האָניק און אַנדערע פּראָדוקטן און זיי געבראַכט אין דרוקעריי, זיי איבערגעגעבן דעם אַרבעטער־ווערקשטאַט־קאָמיטעט, און ער האָט די שפּייזן צעטיילט צווישן די אַרבעטער. אַט אַזוי פלעגט אַרויס אַ נומער נאָך אַ נומער. מיר האָבן געמוזט אונטערפּאַשען די פאַרהונגערטע פערדלעך און פאָרן פון חודש צו חודש.

דאָס ברעכן די פיגורן האָט אויסגעזען זייער געהיימעניששפול. דאָס פלעגט

געטאָן ווערן ביי דער נאַכט אין האַלב־פינצטערניש. וואָרעם נאָך אַלעמען איז דידאַזיקע געצנבערעכערישע אַרבעט ניט געווען אינגאַנצן כשר. מיר האָבן געמאַכט אַ תל פון מלוכהשן אייגנטום. הגם די סאָוויעטן האָבן עס גערעכנט אויף אַ כפרה. דער ווערט פון וואַקס איז געווען ווייניקער פון קאָסט פון דער ברעכעריי־אַרבעט, ווען מע וואָלט געדאַרפט באַצאָלן די „איקאָנאָקלאַסטן". פאַר אונדז קבצנים איז עס געווען אַ שטיקל עסק, ווייל די אַרבעט איז דאָך געטאָן געוואָרן פון חברים, פריי.

אין מיר, ווען איך פלעג זיך צוקוקן צו דידאָזיקע סצענקעס, פלעגט זיך צעפלאַקערן דער ענטוזיאַזם פון אברהם אבינו, דער געצנברעכער, ווי ער ווערט געמאָלן אין די לעגענדעס. אָבער צו דער אייגענער צייט פלעגן מיר די צעמזיקטע פיגורן נאָכגיין ווי שאָטנס אין מיין געדאַנק. נאָך אַלעמען האָבן זיי אויסגעזען פיל לעבעדיקער ווי די געצן, וואָס אברהם אבינו האָט גע־בראָכן. זיי האָבן פאַרמאָגט מעכאַניזמען, וואָס האָבן זיי געמאַכט באַוועגן אַמאָל מיט אַ האַנט אָדער אַ פוס. קלעאָפּאַטראַ האָט אַפילו ריטמיש גע־אָטעמט, איז ווי אַזוי קען מען עס זיין אַזאַ רוצח־נפש און זי דערמאָרדן און רייסן פון איר שטיקער, זי דן־זיין בריסוק־איברים! פלעג איך זיך פילן עפּעס ווי ניט־מיטאַלעמען און די אַרבעט איז געטאָן געוואָרן אָן מיר. די גרעסטע מערדערן איז געווען זינאַ; טראַשינסקי איז געווען איר געהילף בעת די הריגות. אַמאָל פלעגן צו די מאָרדאַקציעס צולייגן אַ האַנט אויך אַנדערע חברים, ווי טעריאַכין, בורוכין, ל. סערגייעוו.

בלויז פינף נומערן זיינען דערשינען, בסך־הכל צווייספּאַלטיקע 336 זייטלעך, בערך 60 שורות צו אַ זייטל. די חודש־שריפט האָט ניט נושא־חן געווען און דער „גאָסאיזדאַט", אָפּטייל פון דער פרעסע און פעריאָדישע אויס־גאַבן, האָט זיך אַנטזאָגט צו געבן אַ דערלויבעניש אויף ווייטער. דער ער־שטער נומער איז דערשינען אין אַפּריל, דער לעצטער אין אויגוסט. אַזוי אַז אונדזער חודש־שריפט האָט געהאַט כרת־ימים. קיין אומדערוואַרטעניש איז עס ניט געווען. איך האָב געוואוסט, אַז דער לעבנסשפּאַן פון דער שריפט וועט זיין אַ קורצער. דאָס, וואָס זי האָט אויסגעהאַלטן שיער ניט כמעט אַ האַלב יאָר, איז אויך געווען אַ נס און אַ וואונדער.

פאַר דעם אָפּשטעל פון דער שריפט האָט דער גאָסאיזדאַט געהאַט אַ תירוץ, וואָס האָט אַנטהאַלטן אין זיך אַ טראָפּן אמת: מאַנגל אין פּאַפּיר. אין דער פּראָווינץ איז דער דוחק דערגאַנגען דערצו, אַז די רעגירונגס־דעקרעטן האָט מען דאָרט געדרוקט אויף ברוינעם איינוויקל־פּאַפּיר. די לאַגע אין לאַנד איז אין פיל הן עקאָנאָמישע און הן פּאָליטישע הינזיכטן געוואָרן ערגער און ערגער. דער צוזאַמענבראָך פון דער אַלטער ווירטשאַפט און דער אויסשעפּ פון די פאַרדעמדיקע זאַפּאַסן זיינען געווען מאוימדיק, קאַטאַסטראָפיש.

4

צו דער באַגרינדונג פון אַ פּראָגראַם

א.

דער טרעגער

מיר האָבן געגומען באַגרייפן, אַז די טעאָריע פון אַנאַרכיזם איז זייער שפּאָרזאַם באַאַרבעט. אינגאַנצן ניט דורכגעטראַכט איז דער פּלאַן ווי איינצופירן „אַנאַרכיע״ אין לעבן.

מהאי טעמא, מחמת דעם, וואָס אַט־דער גויטוועגדיקער פּלאַן האָט לחלוטין ניט געקראָגן קיין באַפרידיקנדיקע באַאַרבעטונג, זיינען אין אונדזערע רייען געווען חברים ווי אַנדריי אַנדרייעוו. ער האָט געוואָלט פאַרדעקן דעם פעלער, די פלאָנלאָזיקייט, האָט ער באַהויפּט, אַז אונדזער אויפגאַבע איז בלויז אַ צעשטערערישע ניט קיין אויפבויערישע. ער האָט פון אַ נויטווענדיקייט געמאַכט אַ טוגנט דורך אַ פּשטל. אַנדריי אַנדרייעוו האָט, כדי צו דערקלערן זיין טעזיס און איר געבן די מראה פון אַ דאָקטרינע, געברויכט די פאָלגנדיקע, פון ליטעראַטור אַנטליענע, אַנאַלאָגיע: אַ קריטיקער איז ניט קיין קינסטלער־שאַפער. זיין אויפגאַבע איז ניט אָנצושרייבן אַ ראָמאַן, אַ נאָוועלע, אַ געדיכט, אַ דראַמע; זיין אַרבעט באַשטייט אין אָנווייזן די פעלערן פון די ווערק, וואָס אַנדערע האָבן אָנגעשריבן. קיינער פרעגט ניט דעם קריטיקער, צי ער אַליין וואָלט געקענט בעסער אָנשרייבן; קיינער פאָדערט ניט פון אים, אַז ער זאָל זיך אָנועקזעצן און פאַרפאַסן אַ ווערק, וואָס זאָל אַריבערשטייגן מיט זיינע מעלות דאָס ווערק, וואָס ער האָט נאַרוואָס צעגומען, קריטיקירט און אָפילו פאַרבראַקירט. די אייגענע ראָלע פון אַ קריטיקער פון דער געזעלשאַפט, פון דעם איינשטעל, וואָס איז עטאַבלירט אין דער געזעלשאַפט, דאַרף שפּילן דער אַנאַרכיסט. זיין עובדה איז צו קריטיקירן, אַרונטעררייסן דעם אַלטן סדר און ניט זיך פאַרנעמען מיט דעם עטאַבלירן אַ נייעם סדר.

[אַנדריי אַנדרייעוו איז אַרעסטירט געוואָרן אין 1921, פאַרשיקט געוואָרן אין נאָוואָסיבירסק. ער האָט דערקלערט עטלעכע מאָל הונגערשטרייקס; ער האָט אין מאָנאַט יוני 1933 געדראָט, אַז ער וועט באַגיין אַ כאַראַקירי, ווי ער דריקט זיך אויס: „אויב די „אייראָפּעישע״ [הונגערשטרייקס] אַרגומענטן באַזיצן ניט גענוג איבערצייגנדיקע קראַפט, וועט איר [די טשעקאָ] אונדז צווינגען אָנצונעמען „אַזיאַטישע״ מעטאָדן — כאַראַקירי״. ער איז מסתמא ליקווידירט געוואָרן אין 1937].

נאָך ערגער האָלט עס מיט דעם פּראָבלעם פון טרעגער. ער איז אינגאַנצן ניט ריכטיק אָנגעוויזן.

דער אַנאַרכיזם, נאָכטועגדיק דעם סאָציאַליזם, האָט פּרובירט צושטיין

צום אינדוסטריעלן אַרבעטער און קריגן אים פאַר אַן אַנהענגער. אָבער די דאָזיקע צושטייעניש האָט ניט קיין יסוד און ניט קיין זינען.

ווען מע וויל אַרונטערדרייסן אַ באַשטימטן סאָציאַלן איינשטעל, דאַרף מען צום־אַלעם־ערשטן אויסגעפינען, אויף וועמענס קאָלאַבאָראַציע דער איינשטעל האַלט זיך, פשוט אויסגעפינען, ווער עס זיינען די שותפים, וואָס האַלטן אויף אָט־די סאָציאַלע פירמע. און ווען דאָס ווערט קלאָר, ווענדט מען זיך צום פאַרטיילטן, געקריוודעטן שותף און מ׳עפנט אים די אויגן אויף דער עוולה, וואָס ווערט באַגאַנגען קעגן אים, וואָס טוט אַריין אין געשעפט מער ווי זיין פאַרטניאָר און נעמט אַרויס ווייניקער. אַזוי אַז די שותפות נעמט צעפאַלן ווערן, די שותפים האַלטן ביים פונאַנדערגיין זיך און דער איינשטעל קען מער ניט פונקציאָנירן, ער מוז איינברעכן. ווייל בלויז מיטאַרבעטערשאַפט האָט אים אויפגעהאַלטן.

קאַפּיטאַליזם האַלט זיך אויף די צוויי: אַרבעטער און אַרבעטגעבער. ווייל מען די סיסטעם פאַראַליזירן, דאַרף מען אַרויסרופן אַ מחלוקת צווישן דידאָזיקע צוויי קאָנטער־אַגענטן, און דער אונטערגאַנג פון קאַפּיטאַליזם איז פאַרזיכערט. אַ סיסטעם מוז אויפגעריסן ווערן פון אינעווייניק.

דאָס אייגענע בנוגע דעם שטאַט. מע דאַרף זען, אויף וועלכע צוויי אָדער דריי שותפים ער האַלט זיך און אַריינטרייבן צווישן זיי אַ קלין, אַריינוואַרפן דעם „צאַנקעריי־עפל". דער אינדוסטריעלער אַרבעטער אַלס אַזעלכער, וואָס האָט צו טאָן מערסטנס מיט דערווירטשאַפט, איז דאָ אַ קנאַפּער דעה־זאָגער און האָט ניט קיין דירעקטע אינעווייניקסטע ספּעציעלע פאַרבינדונג מיט דער רעגירונג.

דער „סאָציאַלער שקלאַף", די פּאָליציי, די זעלנער, די אָרעמע נידעריקע קאַדרען פון דעם באַאַמטנטום, ווען מ׳ווענדט זיך צו זיי און מ׳אָרגאַניזירט זיי אין אַ מיליטאַנטישער גרופּע, אָט־זיי וואָלטן געקענט היפּש צעטרייסלען און אַפילו איינוואַרפן די מלוכהשע געביידע אין איר היינטיקן אַרכיטעקטאָנישן געבוי־נוסח.

דער טרעגער פון דער אידייע פון בייקומען מאַכט, וואָס איז אייגנטלעך סאָציאַלער קאַפּיטאַל, איז דער סאָציאַלער פּאַריער, בלשון רבים, דער „סאָציאַלער פּראָלעטאַריאַט", די נידעריקע ראַנגען פון די פונקציאָנערן, מחמת דער שטאַט איז די פאַבריק, אויף וועלכער זיי זיינען באַשעפטיקט. די באַפעלקערונג — דאָס זיינען די קליענטן; די שטייער־צאָלערס זיינען די קוי־פערס פון די סאָציאַלע גיטער. די איינוואוינערשאַפט, דאָס בירגערטום — דאָס זיינען די געברויכערס. אויב זיי זיינען פאַראינטערעסירט אין אָפּשאַף פון „סאָציאַל־קאַפּיטאַליזם", פון מאַכט, איז זייער פאַראינטערעסירטקייט אַן אויבערפלעכלעכע, ניט קיין ספּעציפישע, אַן אינדירעקטע, אויף וויפל זיי זיינען בכלל פאַראינטערעסירט אין פּראָגרעס, אין דעם אויפהייב פון „סאָציאַל־פּראָדוקטיוויקייט".

דער קלאַסישער אַנאַרכיזם האָט ניט אָנגעוויזן אויף זיין טרעגער. ווער איז לויט זיין באַנעם דער טרעגער, דער דורכפירער פון אַנאַרכיזם הן דער

צעשטערער פון דעם אַרכיסטישן איינשטעל און הן דער אויפבויער פון דעם אַנאַרכיסטישן סדר? יעדער מיטגליד פון דעם סאָציאַלן אַגרעגאַט, פון דער געזעלשאַפט. דאָס איז דאָס אייגענע ווי צו זאָגן, אַז דער טרעגער פון סאָציאַליזם איז יעדער מיטגליד פון דערווירטשאַפט. כל־זמן סאָציאַליזם איז געשטאַנען אויף דעמדאָזיקן שטאַנדפּונקט, איז ער געווען „אוטאָפּיסטיש“. זיין ניט וויסן ווי אויפצוזוכן דעם טרעגער, האָט באַוויזן, אַז ער האָט די סאָציאַלע פּראָבלעם ניט דורכגעטראַכט ווי געהעריק, אַז ער האָט זי ניט דורכגעאַנאַליזירט ווי ס׳באַדאַרף־צו־זיין. אַניט וואָלט ער דאָך זייער לייכט אויסגעפונען דעם העכסט־פּאַראינטערעסירטן קאָנטינגענט, דאָס הייסט, ער וואָלט אָנגעוויזן דעם טרעגער. דער קלאַסישער אַנאַרכיזם, ווי אַן „אוטאָפּיסטישער“, ווענדט זיך צו דעם שטאָף פון דער „סאָציאַלער פּראָדוקציע“, צו די מיטגלידער פון דער געמיינזאַמקייט, פון דער קהלונג, וואָס זיינען איינצייטיק אי דער שטאָף און אי די געברויכערס פון די סאָציאַלע גיטער. אַלע מיטגלידער פון דער געמיינזאַמקייט גענומען צוזאַמען, שטעלן צונויף, פאָרמירן די „סאָציאַלע נאַטור“, מיט וועלכער דער ציוויליזירטער געזעלשאַפט קומט אויס, אַזוי זיך אויסצודריקן, צו קעמפן. זיי שטעלן אָבער אויך צונויף די קאַדרען פון די געברויכערס פון די „סאָציאַל־פּראָדוקטן“, אַזוי אַז זיי דערפילן עטלעכע ראָלעס אין איין און דערזעלביקער צייט.

דערוואַרטן אַז דער געברויכער זאָל זיך צעבונטעווען קעגן דעם שטאַט, איז מער ווי נאַאיוו. די זאַך איז די, וואָס דווקא ער איז פּאַראינטערעסירט אין דעם אויפהאַלט פון שטאַט, אין אָפּהיט פון מאַכט, מחמת אַדאַנק דעם, וואָס די קהלונג באַזירט זיך אויף מאַכט, אויף קוואַליפיצירטער מאַכט, קומט אים אויס צו צאָלן וויניקער פאַר די סאָציאַלע גיטער. דאָס הייסט ער באַקומט די סאָציאַלע גיטער פאַר וועלוועלערע פּרייזן, ווי ער וואָלט זיי געקאָנט קריגן, איינהאַנדלען, ווען עס וואָלט ניט געווען קיין מאַכט. ער, דער קאָנסומענט, אין זיין בחינה פון אַ קאָנסומענט, איז פּאַראינטערעסירט, אַז מאַכט זאָל עקזיסטירן. מחמת ווען ער אַליין וואָלט זיך געדאַרפט מטריח־זיין און פאָרמירן זיין קאָלעקטיווקייט און אַליין דורכפירן דעם אויסטויש פון האַנדלונגען, ניט אָנקומענדיק צו דער הילף פון די פאַרמיטלער, וואָס שטייען צווישן אים און זיינע מיטמענטשן, וואָלט אים אַלץ געקאָסט פיל טייערער.

אַליין אָרגאַניזירן זיין קהל־פאַרבאַנד איז פאַלג מיך אַ גאַנג!

דעם טרעגער פון אַנאַרכיזם דאַרף מען זוכן דאָרט, וואו דער קלאַסישער אַנאַרכיזם האָט געזען זיין שונא. ער געפינט זיך צווישן די קהלונג־פונקציאָנערן, די „סאָציאַלע אַרבעטער“.

ווי לייזט טאָלסטאָי דאָס פּראָבלעם פון דער ווירטשאַפט? ווער געפעלט אים מער פון אַלעמען? וועמען אידעאַליזירט ער? — דעם פּויער, דעם, וואָס אַרבעט פאַר זיך און האָט כמעט קיין שייכות ניט צו קאַפּיטאַל. דעם אַרבעטער פאַרהאַסט ער, מחמת ער האַלט אים פאַר אַ שותף אין זינד פון קאַפּיטאַליזם, און אין טאָלסטאָיס אויגן איז ער אַ פאַרלוירענער. זיין אויסלייזונג קען ער געפינען אין זיין פאַרלאָזן די פאַבריק און קומען צוריק אין דאָרף.

פונקט אַזוי כמעט לייזט דער קלאַסישער אַנאַרכיזם די פראַגע פון קהלונג, קאָלעקטיוואונג. זיין אידעאַלער מענטש איז דער „סאָציאַלער פויער", וואָס וואוינט ערגעץ אין אַ העק און פאַראַכט די גרויסע שטאָט מיט אירע אנשטאַלטן. נאָר בעת טאָלסטאָי איז הכנעהדיק פרידלעך, איז דער קלאַסי־שער אַנאַרכיזם מיליטאַנטיש, בונטאַריש, אָבער דער מהות ביי ביידן איז דער אייגענער. זיי האָבן דעם אייגענעם צוגאַנג צו די פראַגן פון צוזאַמענ־לעבן־בויעריי.

נעמענדיק אַט־די אַלע שוואַכע פונקטן פון אַנאַרכיזם אין אַבּסטראַקט און האַבנדיק הינטער זיך אַ טרויעריקע לעקציע פון דעם דורכפאַל פון אַלע אונדזערע באַמיאונגען צו איבערגעשטאַלטיקן דאָס לעבן אין רוסלאַנד לויט אונדזערע באַנעמונגען, האָבן מיר מיט באַדויערונג באַגריפן, אַז ווי עס ווייזט אויס האַלט עס נאָך זייער ווייט פון דעם אַז מיר, אַנאַרכיסטן, זאָלן זיין בכוח, מסוגל און צוגעגרייט איבערצונעמען די איינאָרדענונג פון דעם געזעל־שאַפטלעכן לעבן הן אויפן געביט פון עקאָנאָמיק און הן אויפן געביט פון פּאָליטיק גלייך נאָך דעם נידערשטורץ פון קאַפּיטאַליזם. לכן האָב מיר ווייַ־טיקדיק תופס געווען, אַז מיר דאַרפן אָפּטרעטן אויף „היסטאָרישע" פּאָ־זיציעס.

ב.

איבערגאַנגסצייט, אַרבעטער־דעמאָקראַטיע

מע מוז אנדערקענען די ריכטיקייט פון דער טעזיס, אויף וועלכער לענין, ווי אַ פּראַקטישער פּאָליטאָלאָג, האָט געשטעלט אַזוי שווער דעם טראָפּ. עס מוז זיך אַריינשטופן אַן איבערגאַנגס־צייט צווישן איין סאָציאַלן איינשטעל און אַ צווייטן, אַ דעמערונג־צייט, ווען די נאַכט פון קאַפּיטאַליזם טרעפט אָפּ, אָבער דער טאָג פון דעם נייעם סדר איז נאָך ניט אָנגעקומען. מע קען ניט אַרויס פון איין אָרדענונג, איבערהויפּט נאָך ווען דער אַרויסגאַנג קומט ניט פאַר פרידלעך, נאָר איז פאַרבונדן מיט אַ געפעכט מיטן שונא אויף באַריקאַדן אָדער אין אַ פאַרצויגענעם בירגערקריג, — און אַריינשפּרינגען און בלייבן שטיין שטאַנדהאַפט אויף ביידע פיס גלייך אין אַ צווייטער אָרדענונג.

וועגן דער „דיקטאַטור פון די אונטערדריקטע" לייענען מיר אין מיין בראָשור „אַנאַרכאָ־אוניווערסאַליזם", „צו דער באַגרינדונג פון אַ פּראָגראַם" (זז. 29־28) דאָס פאָלגנדיקע:

„אין דעם פּעריאָד פון איבערגאַנג־צושטאַנד פון קאַפּיטאַליזם־עטאַטיזם צום אַנאַרכיזם־אוניווערסאַליזם אנדערקענען מיר די „דיקטאַטור" ד. ה. די אויסשליסלעכקייט, אַבסאָלוטישקייט פון די אונטערדריקטע, וואָס קעמפן פאַר זייער באַפרייאונג. אין קאַמפּפעריאָד קען ניט זיין קיין רייד וועגן געמישטע אַלגעמיינע אַלפאָלקישע אינסטיטוציעס פון אָנפירונג און פאַרוואַלטונג. עס קען ניט זיין קיין רייד וועגן לאָזן די אונטערדריקער, די פאַרגוואַלטיקער,

פאַראַזיטן, עקספּלואַטאַטאָרן זיך באַטייליקן אין אָנפירונג און פאַרוואַלטונג צוגלייך מיט די אונטערדריקטע. פאַר זייערטוועגן, פאַר די פאַרגוואַלטיקער און עקספּלואַטאַטאָרן, מוז עקזיסטירן מאַכט, דאָס הייסט אויף זיי מוז אַרויפגעצוואונגען ווערן דער ווילן פון די געוועזענע אונטערדריקטע. די פּאַראַזיטישע און פאַרגוואַלטיקערישע עלעמענטן דאַרפן באַרויבט ווערן פון זייערע אַלע פּאָליטישע רעכט און עקאָנאָמישע פּריווילעגיעס. זיי מוז מען האַלטן פּאָליטיש איזאָלירט, אויסגעשלאָסן, אַנאַטעמיזירט. אין די אָנפיר־אינסטיטוציעס וועלן אָנטיילנעמען אַלע, מיט דער אויסנאַם פון די, וואָס זיינען אויסגעשפּראָכענע און בראַנדמאַרקירטע פּאָלקס־פיינט, עקספּלואַטאַטאָרן און פאַרגוואַלטיקער פון די אונטערדריקטע.

„די באַהויפּטונג, וואָס זאָגט, אַז עס איז גענוג צו עקספּראָפּריאירן אָדער אוזורפּירן די העכערע קלאַסן און גלייך נאָך דעם אַקט פון עקספּראָפּריאַציע און אוזורפּאַציע דאַרף מען זיי רעכענען פאַר פּאָליטיש גלייכבאַרעכטיקטע מיט די געוועזענע אונטערדריקטע — האַלט ניט אויס קיין קריטיק, איז אומפּראַקטיש. די זאַך איז די, וואָס אַן אונטערדריקער, ווען ער איז שוין אַפילו עקאָנאָמיש עקספּראָפּריאירט און פּאָליטיש אוזורפּירט, הערט ער נאָך אַלץ ניט אויף צו זיין אַן אונטערדריקער פּסיכאָלאָגיש־אידעאָלאָגיש. מע דאַרף וואַרטן אַ היפּשע ווײַלע, ביז עס קומט פאַר אים די צייט פון רעזיגנאַציע, פון זיך אונטערגעבן און שלום־מאַכן מיט זיין נייעם צושטאַנד. און דאָס איז אַ פּאַמעלעכער פּראָצעס פון זעלבסט־איבערדערציאונג, איבערברעכונג.

„דער פאַרגוואַלטיקער קוקט אויף דעם אַקט פון אוזורפּאַציע פון די אוזורפּאַטאָרן און עקספּראָפּריאַציע פון די עקספּראָפּריאַטאָרן ווי אויף אַ גראָבער אומגעזעצלעכער פאַרברעכערישער אַקציע. במשך דער גאַנצער צייט פון קאַמף אין דעם איבערגאַנגס־פּעריאָד פאַרלירט ער ניט די האָפענונג צוריקצוקומען צו זיין גדולה און פּאָזיציע. נאָך מער, וואָס געוויינטלעך, כדרך העולם, באַגענוגנט ער זיך ניט מיט פּאַסיווע האָפענונגען. ער דערוואַרט ניט די רעסטאַוראַציע מיט פאַרלייגטע הענט אויפן בוזעם. ער איז אַקטיוו, ער נעמט אָן אַלע מיטלען, כדי צו דערנענטערן דעם מאָמענט פון דעם צוריקקער פון דעם אַלטן רעזשים. אין דער איבערגאַנגסצייט איז ניט מעגלעך זיך צו באַגיין אָן אַ דיקטאַטור פון די אונטערדריקטע".

אויב אַזוי איז וואָס איז אונדזער אויסזעצונג קעגן דער „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט", ווי זי ווערט פּראַקטיצירט אין סאָוויעטרוסלאַנד? (מע דאַרף האָבן אין זינען, אַז וועגן דעם האָבן מיר געשריבן און געהאַלטן פאָרטראַגן אין מאָסקווע אין משך פון די יאָרן 20־1919).

אונדזער אויסזעצונג איז אַט־וועלכע: אין אַטהענס האָט עקזיסטירט אַ דירעקטע דעמאָקראַטיע פאַר אירע בירגער, ד. ה. יעדער בירגער האָט זיך באַטייליקט אין געזעצגעבערישער טעטיקייט, אָבער צו דער אייגענער צייט האָט דאָרט עקזיסטירט שקלאַפעריי. די שקלאַפן האָבן ניט גענאָסן פון קיין איינעם פון די פּאָליטישע רעכט. אַזוי אַז פּאַראַלעל מיט דער דעמאָקראַטיע האָט עקזיסטירט אַ „דיקטאַטור פון העלענער בירגערטום". און איינע האָט דערגאַנצט די צווייטע.

אין איבערגאַנגסצייט פון קאַפּיטאַליזם קען מען ניט דערלויבן דעם פאַר־ביטערטן שונא, דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, צו באַנוצן זיך מיט די גאַראַנ־טיעס און פּריווילעגיעס, וואָס אַ דעמאָקראַטישער רעזשים גיט זיינע בירגער. אַט־דער קלאַס פון שונאים קען ניט געניסן קיין פולע רעכט צוגלייך מיט די אַרבעטער. אָבער דאָס אויסשליסן דעם שונא־קלאַס פון באַטייליקונג אין גע־זעצגעבונג און פאַרוואַלטונג טאָר ניט ברענגען מיט זיך דעם אָפּשאַף פון דעמאָקראַטישע איינריכטונגען אויך פאַר דער אַרבעטערשאַפט.

איך האָב געטענהט, אַז די סאָוויעטן זיינען אפשר געוועזן נייטיק אין דעם גאָר ערשטן פּעריאָד פון דער איבערקערעניש. דעמאָלט האָט מען גע־דאַרפט שאַפן אַ מין פּאַראַלעליזם, קעגן וועלכן די בורזשואַזע זשורנאַליסטן און פּאָליטיקער זיינען אַזוי שאַרף אַרויסגעטראָטן; מע האָט געמוזט גרינדן אַן אינסטיטוציע, וואו זיך צו פאַרפעסטיקן קעגן דער האַלב־בורזשואַזער צייט־ווייליקער רעגירונג, וואָס האָט אַליין באמת ניט פאַרמאָגט קיין עכטע דע־מאָקראַטישע אינסטיטוציעס און ניט אַנגעווענדט קיין עכטע דעמאָקראַטישע מעטאָדן. אָבער איצטער, אַז דער נייער רעזשים איז שוין עטאַבלירט, זיינען די סאָוויעטן אַן איבעריקער, אַן אומגעלומפּערטער אנשטאַלט, וואָס האַלט זיך אויף אַ בלויזער טראַדיציע. ריכטיקער, ער דינט ווי אַ שירמע צו פאַר־באַהאַלטן הינטער איר די ווילקירלעכקייט, די יורידישע באַדנלאָזיקייט פון דער רעגירונג.

עס דאַרפן פונקציאָנירן אמתע אַרבעטער־דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס; עס דאַרף עקזיסטירן אַן אַרבעטער־לעגיסלאַטור; עס דאַרפן זיין ראַיעלע, די־רעקטע, געהיימע וואַלן, צו וועלכע די בורזשואַזע עלעמענטן און די פעאָדאַלע רעשטלעך טאָרן ניט צוגעלאָזן ווערן. אָבער דער דעמאָקראַטישער אַפּאַראַט דאַרף אַרבעטן ווי געהעריק, זיכער ניט ערגער ווי ביי לייטן, נאָר נאָך בעסער. די פּאָליטישע טעטיקייט פון דער רעגירונג דאַרף ווערן איינגעטיילט אויף די דריי הויפּט־חלקים: לעגיסלאַטור, עקזעקוטיוו און יוסטיץ. דעמאָקראַטיע דאַרף ניט געמינערט ווערן, גייערט, פאַרקערט, געהעכערט ווערן אונטער דער „דיקטאַטור פון די אונטערדריקטע".

ג.

אוזורפּאַציע פון די אוזורפּאַטאָרן

איך וועל ברענגען נאָך אַן אויסצוג פון מיין בראָשור „אַנאַרכאָ־אוני־ווערסאַליזם", געשריבן אין 1920:

„ביי אונדז איז די אוזורפּאַציע פון די אוזורפּאַטאָרן אַ פּונקט פון דער טאַקטיק, אַ מיטל צום דערגרייכן דעם ציל, אַ מעטאָד פאַר דער פאַרווירק־לעכונג פון אידעאַל.

— אָבער דאָ איז דאָך פאַראַן אַ ווידערשפּרוך — וועלן אויסזעצן די אַנאַרכאָ־פּאָלקיסטן.

— יאָ, אַ ווידערשפּרוך, — ענטפערן מיר, — אָבער אַזאַ ווידערשפּרוך געפינט זיך אין יעדער טאַקטיק און גאַנץ נאַטירלעך אויך אין דער טאַקטיק פון אַנאַרכיזם. וואָרעם טאַקטיק, לויט איר עצם מהות, איז ווידערשפּרעכלעך, קאָנטראַדיקטאָריש, ווען מע שטעלט זי אַוועק צוזאַמען מיטן אידעאַל און מע פאַרגלייכט זי מיט אים. זי איז גאָרניט קאָנטראַדיקטאָריש, אויב מע האַלט אין קאָפּ, אַז זי איז דער מדבר, דורך וועלכן מע גייט אין צוגעזאָגטן לאַנד פון אידעאַל.

אוזורפּאַציע פון די אוזורפּאַטאָרן, דאָס פאַרנעמען די פּאָליטישע אינס־טיטוציעס, איז אַ סתירה צום אידעאַל פון אַנאַרכיזם, אָבער אויך די עקס־פּראָפּריאַציע פון די עקספּראָפּריאַטאָרן, דאָס פאַרכאַפּן די פאַבריקן, איז אויך אַ ווידערשפּרוך צום אידעאַל פון ברידערלעכן, פרייען צוזאַמענלעבן פון אַלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט. יעדער גוואַלטזאַמער איבערקער, וואָס נעמט נאָך אַמאָל אָן אַ בלוטפאַרגיסנדיקן כאַראַקטער, שטייט זיכער אין ווי־דערשפּרוך צו די פרייהייטלעכע, טיף־מענטשלעכע גרונט־יסודות פון אַנאַר־כיזם, וואָס דעקלאַרירט די סאָוועריניטעט, די אומבאַרירבאַרקייט, פון דער פּערזענלעכקייט.

מיט וואָס פאַרענטפערן די אַנאַרכיסטן אַט־דעם ווידערשפּרוך? מיט דעם, וואָס אַ בורזשוי אין דער בחינה פון זיין בורזשואַזקייט איז ניט קיין פּער־זענלעכקייט. אויב אַזוי, אויב מע מעג אַנווענדן קעגן זיי אומאָרגאַניזירטע גוואַלדטאַט, איז פאַרוואָס זאָל מען ניט טאָרן לאָזן אין גאַנג קעגן זיי דעם פּאָליטישן אַפּאַראַט, געברויכן אָרגאַניזירטע גוואַלדטאַט? מאַכט מוז אין צייט פון איבערגאַנג געברויכט ווערן קעגן די הערשנדיקע פאַרגוואַלטיקער און פּאַראַזיטירנדיקע עקספּלואַטאַטאָרן.

אַט־דער געדאַנק איז אַזוי קלאָר, אַז עס וואָלט ניט געלוינט, כדי עס צו באַווייזן, אַזוי לאַנג זיך צו פאַרשפּרייטן אויף דער טעמע, ווען דאָס אָפּ־זאָגן זיך פון מאַכט־פאַרכאַפּ וואָלט ניט געווען אַן איינגעוואָרצלטער פּאַרזען אין דער טאַקטיק פון די פּאָלקיסטישע אַנאַרכיסטן און אַנאַרכאָ־סינדיקאַ־ליסטן". (זז. 28־27).

אויב דער דאָזיקער פּרוּווער פון מאַכט־פאַרנעם שטיצט זיך אויף דעם געדאַנק, וואָס מאַכט פאַרדאַרבט דעם מאַכטגעברויכער און דעריבער טאָר מען זיך מיט מאַכט ניט באַנוצן, אויב דאָס איז דער טעם פון איסור, דאַרף מען באַגרייפן, אַז סתם גוואַלדטאַטן, אָן וועלכע קיין רעוואָלוציע קען זיך ניט באַגיין, אָן מאַכטגעברויכונג, פאַרדאַרבט ניט ווייניקער דעם גוואַלד־טוער.

מע קען, אויב מע וויל זיין קלאָמפּערשט שטרענג עטיש אויסגעהאַלטן, זיך איינגאַנצן אָפּזאָגן פון אַט־דער גרויזאַמער טאַקטיק און זיך דערקלערן פאַר אַ פרידלעכן אַנאַרכיסט ווי טאָלסטאָי. אָבער אויך דעמאָלט וועט די זאַך ניט זיין אַזוי פּשוט, ווייל פּאַסיווער קאַמף, פּאַסיווער ווידערשטאַנד אַנטהאַלט אויך גוואַלדטאַטלעכע עלעמענטן, הגם זיי זיינען פאַרהוילן, ליגן ניט אויף דער אויבערפלאַך.

אָבער אַז מע אַנדערקענט געוואַלטזאַמע איבערקערענישן, קען מען ניט זיין אַ רעוואָלוציאָנער אויף דער העלפט, ביז עס קומט אָן דער מאָמענט פון פאַרכאַפּן די מאַכט, און אַז עס האַלט שוין ביי דעם קולמינאַציע־פּונקט זיך צוריקציען פון צוזאַמענשטויס־פעלד. אויב זיך צוריקציען אין אַזאַ שפּעטער שעה, איז בעסער ניט אָנהייבן, ניט באַטייליקן זיך אין קיין שטרייטן, אין קיין געפעכטן. מיט אַנדערע ווערטער: זיין אַקטיוו אין ערשטן פעריאָד פון דער רעוואָלוציע און אין צווייטן פעריאָד לאָזן די סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן אונדז אויסשיסן ווי מיר וואָלטן געווען הפקר, — האָט ניט קיין באַרעכטיקונג.

ד.

עקרירמענט .

אין אָנפאַנג איז דאָס „זיינענדיקע" געווען צוזאַמענגעגאָסן מיט דאָס „דאַרף־זיינענדיקע". עס איז ניט געווען קיין געוואוירעניש פון אַ פונאַנדערשייד. עס איז ניט געווען קיין באַאורטיילונג פון מעשים, פאַלגליך האָט ניט געקענט זיין ניט קיין גוטהייסונג און ניט קיין פסלונג. אייגנטלעך אַלדאָס עקזיסטירנדיקע איז געווען פאַררעכנט פאַר באַדאַרפזיינענדיקע. דאָס דאָזיין, דער קיום גופא, איז געווען די נאָרם. ריכטיקער, עס איז ניט געווען קיין השגה וועגן דער פאַראַנעניש פון אַ נאָרם. און ווען זי האָט גענומען אויפקומען, איז זי אַרויסגעשפּרונגען פון דעם שוים פון די לעבנס־כוואַליעס. עס איז ניט געווען קיין באַוואוסטזיניק־פעסטגעשטעלטע, אויפגעפאַסטע נאָרם. וואָס עס איז יאָ געווען, איז בלויז פאַקטישער אויפפיר, אַ גרויסע צאָל האַנדלונגען, אַקציעס. אַזוי ווי עס איז ניט געווען קיין נאָרמאַליסטיק, הייסט עס, אַז עס איז ניט געווען קיין ר ע כ ט און אומרעכט, קיין באַגריף וועגן עטיק און געזעץ, וועגן מעגן און ניט־מעגן, טאָרן און ניט־טאָרן. עס איז געווען דאָס רעאַלע, טאַטזאַכלעכע געמיינזאַמקייט־לעבן, דאָס מיינט אַ בינטל פאַרהעלטענישן און צוזאַמענפאַרהעלטענישן, אַ כסדרדיקע ריי פון מעשים. און אויב מ'קען זיך מעטאַפאָריש אויסדריקן, איז יעדער זיך־אויפפירנדיקער סובּיעקט געווען, כביכול, אַ געזעצגעבער. דער האַנדלענדיקער און דער נאָרמירנדיקער זיינען געווען איין פּערזאָן. אַלדאָס מעגלעכע, אַלדאָס ווירקלעכע, אַל־דאָס רעאַליזירטע איז געווען, איז געוואָרן גלייך אַן אַפּערירנדיקע נאָרם. וואָס עס איז נאָר געווען מעגלעך, האָט מען ג ע מ ע ג ט. הנהגה האָט געטראָגן אין זיך גופא איר רעכטקייט, איר געזעצלעכקייט, איר לעגיטימלעכקייט.

ווער האָט דעמאָלט געשאַפן רעכט? אַלע די, וואָס האָבן געלעבט און זיך אויפגעפירט, אַלע אָן אויסנאָם. דאָס פאַקטישע איז געווען דאָס נאָרמאַלע און דאָס נאָרמאַלע איז, ממילא, געווען נאָרמאַטיוו. דאָס איז די סטאַדיע, ווען רעכט און סאָציאַלע ווירקלעכקייט זיינען אין פולער איינהייט.

אַ טראָט ווייטער און עס פאָרמירט זיך דער מנהג. אַ מנהג איז שוין

באמת ניט קיין געוויינטלעכער, פשוטער אויפפיר, נייערט אַ זיך ווידער־האַלנדיקער אויפפיר, אַ האַנדלונג וואָס מע האָט גערן כסדר איבערגעחזרט. אַט־די איבערחזרונג, ניט איינמאַליקייט, שאַפט די זיטלעכקייט, דעם שטייגער, וואָס איז דער יסוד פון רעכט. בזה האופן באַגרייפן מיר, אַז עלעמענטאַריש רעכט האָט זיך באַקומען פון איבערחזרונג פון אַקטועלקייטן, פון דורכגעזעצטע האַנדלונגען. אַט־די מעשים האָבן זיך צוזאַמענגעלייגט און זיך אָפּגעלייגט אין זכרון, אין דעם נערוון־סיסטעם פון אַ געוויסער געמיינזאַמקייט און זיי האָבן פאַרמירט אַ סאָציאַל־שטייגערישע סטרוקטור.

אַזוי איז מען זיך נוהג; אַזוי פירט זיך דער עולם; היוצא: עס איז גוט אַזוי, עס איז רעכט. די אייגנשאַפט פון מנהג באַשטייט אין דעם, וואָס עס איז ניט קיין אינדיווידואַליסטישע זאַך, עס איז געמיינזאַמקייטלעך, דורכויס ציבורדיק. עס האָט צו טאָן מיט קהל. אַ מנהג איז אַ סאָציאַלע געוואוינהייט. עס איז אַן הרגל, וואָס ס׳האָט זיך אַנגעאייגנט ניט איין פערזאָן, נייערט אַ גאַנצער קאָלעקטיוו.

מע דאַרף האַלטן אין זינען, אַז ביי די פרימיטיווע מענטשן איז בכלל ניט געווען קיין זאַך, וואָס איז געווען אינדיווידועל. זיי האָט פשוט געפעלט דאָס באַוואוסטזיין פון אינדיווידואַליטעט. זייערע אַלע האַנדלונגען זיינען געווען משפחהשע, קלאַנישע, האָרדישע, שבטישע. פון דעם פאָלגט, אַז יעדער אויפפיר איז געווען אַן אָנגענומענער, אַן אַלגעמיינער. די סאָציאַלע נאַטור איז געווען אַ קבצנטע, אָרעם און באַגרענעצט. עס האָט גאָר ניט געקענט זיין קיין רייד מכוח אינדיווידועלע טועכצן, אינדיווידועלקייט איז אַ לוקסוס־זאַך. עס איז אַלע מאָל אַ פּראָדוקט פון שפע.

אַלע באַציאונגען זיינען געווען אָפּגעשטעמפּלט מיטן חותם פון שטאַם, פון ציבור. אַזוי ווי עס זיינען ניט פאַראַן קיין אינדיווידועלע אינסטינקטן אָדער חושים, נאָר ביי אַלע מיטגלידער פון דער זעלביקער גאַטונג די אייגענע, אַזוי זיינען ניט געווען ביי די פרימיטיווע מענטשן קיין פערזענלעכע האַנדלונגען. ניט ער, דער יחיד, האָט געהאַנדלט, נייערט דער שטאַם, די פאַמיליע, בקיצור, דער סאָציאַלער אַגרעגאַט. אַ שטאַם־געוואוינהייט איז אַ שטייגער. אַ שטייגער איז אַ צאָל מנהגים, אַ צוזאַמענגעם פון זיטן.

אָפּנייגונגען פון דער עטאַבלירטער איינגעשטייגערטער סאָציאַלער ווירקלעכקייט זיינען געווען אוממעגלעך. מער ווי אויף קאַפּירן זיך אַליין האָבן די כוחות ניט געקלעקט. דאָס לעבן איז געווען אַן עני ואביון. עס האָט זיך ניט געקענט פאַרגינען קיין מותרות. מאָדיפיקאַציעס, וואַריאַציעס, פאַרשיידנאַרטיקייטן זיינען ניט געווען פאַר זיין „קבצנישער קעשענע״. אַלץ איז געווען אָפּגעגאָסן אין אַן אַלגעמיינעם פורעם.

עס זיינען אויך ניט געווען קיין בייטראַלע האַנדלונגען, קיין אינדיפערענטע אַקציעס, אַקטן, וואָס זיינען ניט געווען אונטערגעוואָרפן אונטער דעם איינגעשטעלטן — יעדער טראָט, יעדער באַוועג האָט געהאַט זיין אויסרעכענונג. יעדער אָפּנייג פון קלאַנישן לעבן איז געווען סכנת־נפשות, חייב־מיתה אין איינפאַכן פשט: מ׳קען זיך אַראָפּשלאָגן פון וועג און פאַרבלאָנדזשען און

קיינמאָל צוריק ניט קומען: שונאים וועלן באַפאַלן, אַ חיה־רעה וועט פאַר־צוקן.

וואָס איז דען אַ וועג, אויב ניט אַן איבערחזרונג פון דעם דורכגיין. די ווידערהאָלונג שאַפט דעם דרך, דעם אויסגעטראָטענעם שליאַך, דעם שטעג, דעם שליאַד. עס איז אַדורכגעגאַנגען איינער, נאָך אים אַנדערע עטלעכע מאָל, און אָט ליגט שוין דער וועג אַ דורכגעלייגטער. ווער האָט אים פּלאַ־נירט? ווער האָט אים אָנגעצייכנט? קיינער ניט. די דורכגייערס, גייענדיק, האָבן ניט געהאַט די כוונה אויסצוטרעטן אַ וועג פאַר די נאָכקומענדיקע. זיי זיינען געגאַנגען, ווייל זיי האָבן באַדאַרפט ערגעץ צוגיין, אָנקומען, און גייענ־דיק, שפּרייזנדיק האָבן זיי, ווי פון זיך אַליין, איבערגעלאָזן זייערע שפּורן; און אַזוי אַרום האָט זיך אָנגעצייכנט אַ גייעניש־אַנווייז, אַ שטעגווייזעריי, אַ נאָרם פאַר אַלע די, וואָס וועלן גיין נאָך זיי. אַ מנהג איז אַ שטעג פון געמיינזאַמקייט־פאַרקער.

אויף וואָס האַלט ער זיך? אויף אַן עקאָנאָמיע פון כוחות, אויף איינ־שפּאַרעניש, אויף דעם אומווילן צו זוכן, בלאָנדזשען. ער האַלט זיך אויף דער אויסרעכענונג, אויף דער פאַרשטענדעניש, אַז גיין אויף אַ פאַרטיקן שליאַד איז לייכטער ווי אַליין אויסצוטרעטן אַ שפּור. איינער איז שוין אַדורכגעגאַנגען, זעען מיר זיינע שליאַדן, גייען מיר אין זיינע פוסטריט. ײַך האָט פאַרלייכטערט דעם דורכגאַנג.

אַ מנהג איז אַ געמיינזאַמקייטלעך פאַרקערמיטל. עס איז אַ געצייג פאַר דער עטאַבלירונג פון פאַרהעלטעניש. מנהגים באַשטימען ניט בלויז די באַ־ציאונגען פון מענטש צו מענטש, נייערט אויך פון מענטשן צו דער וועלט. פון אָנפאַנג איז דאָך די וועלט באַטראַכט געוואָרן ווי אַ מין געזעלשאַפט. די באַציאונגען פון מענטשן צו דער וועלט זיינען געווען סאָציאַלע.

אַ מנהג, וואָס איז אַ ציבור־הרגל, איז אַ מין קינסטלעכער אינסטינקט. אַן אינסטינקט איז אַ מין גאַטונגס־שכל, אַ גאַטונגס־געשפּיר. וואָס נידעריי־קער עס זיינען די שטיגן פון ביאָלאָגישער אַנטוויקלונג, אַלץ מער אינסטינקטן, אַלץ מער אַלגעמיינעדיקס, אַלץ ווינציקער פאַרשיידנאַרטלעכקייט.

אינסטינקטן זיינען די אַרטעריעס פון „סאָציאַלן אָרגאַניזם“. זיי זיינען די וואַסער־וועגן, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן פון אונדז פאַר אונדז און וועלכע מיר נעמען אָן ווי עפּעס וואָס איז געגעבן געוואָרן פון דער נאַטור גופא. נאָכן אינסטינקט פאָלגט דער מנהג. ער שעפּט פון דעם אייגענעם קוואַל — פון לעבן, פון דאַזיין; ער נעמט זיך פון דער עקאָנאָמיע פון קרעפטן. עס איז לייכטער נאָכצוטאָן איידער יעדעס מאָל נאָכצוטראַכטן ווי צו טאָן אָדער צו טאָן אָדער ניט צו טאָן. אַ מנהג איז שבטישע אויטאָ־אימיטאַציע, זעלבסט־נאָכטועריי.

אין מנהג האָט זיך דאָס באַדאַרפזיינענדיקע נאָך ניט אָפּגעטיילט פון דעם זייענדיקן. פאַרקערט, עס האָט זיך דערנענטערט, זיך צוגעטוליעט, זיך אַריינגעגעסן. דאָס זייענדיקע איז געוואָרן נאָך שטאַרקער. עס רעפלעקטירט זיך אין זיך אַליין. דאָ איז שוין פאַראַן פאַרהוילענערהייט דאָס ערשטע פּינטל

פון פונאַנדערגאַנג. דער אַוועקגאַנג פאַנגט זיך אָן מיט אַ דערנענטער. די אַדעקוואַטקייט איז פאַרלעצט. עס איז שוין מער ניט דאָס איינפאַך־זייענדיקע, נייערט אַן איבערחזרעכץ, אַן איבערטועניש. די נאָרם פליסט טאַקע אַרויס פון דעם פאַקטישן, אָבער ניט פון דעם איינפאַך פאַקטישן, נייערט פון דעם קאָמפּליצירטן, איבערגעחזרטן.

אין אויפפיר באַמערקן זיך קניפּלעך, פאַרבינדנדיקע צענטערס. עס איז פאָרגעקומען אַן אָפּקלייב פון האַנדלונגען. עס זיינען פאַרבליבן די, וואָס זיינען ווערט מע זאָל זיי איבערחזרן, וועמען עס איז כדאַי נאָכצוטאָן. אין סאַמע מיטן פון אויפפיר האָבן זיך געגומען פאָרמירן דיפערענציאַציעס. עס איז אַנטשטאַנען אַן „אַריסטאָקראַטיע״. אַלע געוויינטלעכע האַנדלונגען זיינען אומוויכטיק; בלויז די זיטן, די מנהגים זיינען וויכטיק.

אָבער דאָס איז שוין אַ זאַך פון אַ ווייטערער אַנטוויקלונג. לכתחילה איז יעדע האַנדלונג געווען מנהגדיק, שטייגעריש. די סאָציאַלע באַוועגונג, ד. ה. אונדזער אויפפיר, איז דיקטירט געוואָרן פון אינסטינקטן, כמעט. ער איז געווען אויסשליסלעך מעשה־מנהג. אַלע האָבן זיך אויפגעפירט אַזוי ווי זיי האָבן זיך אויפגעפירט. יעדער אַקט איז געווען אַ שבטישע האַנדלונג. ער איז געווען אָפּגעטונקט אין טראַדיציע, איז געווען פאַרהייליקט. ער האָט צו טאָן מיט די הנהגות פון די אבות, פון די זעליקע אורעלטערן. אַפילו גייע אויפּברעכערישע אויפטואונגען זיינען געקומען פאַרשלייערטע אין הייליקע אימיטאַציעס.

דער מנהג האָט זיך פאָרמירט און זיך אַנטפּלעקט דעמאָלט, ווען אַרום איז שוין געווען אָנגעוואַקסן אַ פּיליקייט פון אומוויכטיקע האַנדלונגען, דעמאָלט, ווען עס איז מעגלעך געוואָרן פאַרן מענטשן זיך אויפצופירן ווי אים געלוסט זיך אין דעם געגעבענעם מאָמענט, דעמאָלט, ווען עס איז שוין פאַראַן אַ פאַרשיידנאַרטיקייט, אַ וואַריאירטקייט פון מענטשלעכע טועכצן, דעמאָלט ערשט האָט מען געברויכט פאַר מער וויכטיקע אָנגעלעגנהייטן דעם סטאַמפּ פון דער געמיינזאַמקייט.

אַזוי אַרום האָבן מיר מנהגים פון צוויי מינים: דעם מנהג, וואָס אַנטעדאַטירט די פּריוואַטע ווילפּולע האַנדלונג, און דעם אַנדערן סאָרט מנהג, וואָס קומט ערשט נאָכדעם. לכתחילה איז דער גאַנצער סך־הכל פון אויפפיר איין שטיק מנהג, דורכויס זיטלעך.

אָט יענער מנהג, וועגן וועלכן עס טראַקטירן די יוריספּרודענטן ווי סאַוויגני (1774־1833), פּוכטע און אַנדערע איז דער שפּעטערדיקער, דער „קינסטלעכער״ מנהג, וואָס קומט אויף, ווען אַרום זיינען שוין פאַראַן במציאות איינמאַליקע, קאַפּריציעזע, צופעליקע האַנדלונגען.

דער איינצלנער האַנדלונגס־אַקט איז יינגער פון נאַטירלעכן אורשפּרינגלעכן מנהג. אָנפאַנגלעך איז דער גאַנצער אויפפיר באַשטאַנען בלויז פון זיטלעכקייטן, פון מנהגים, וואָס האָבן זיך אַרויסגעאַרבעט פון די אינסטינקטן, וואָס זיינען אָרגאַניש אורשפּרינגלעכע גאַטונגס־מנהגים.

דאָס אַקטועל־פּראַקטישע איז לכתחילה געווען נאָרמאַטיוו, ווייל עס איז

געווען דאָס איינציקע מעגלעכע. אַזוי אַז עס איז געווען די אַבסאָלוטע נאָרם, דאָס ווירקלעכע, וואָס דערלאָזט ניט קיין שום אָפּנייג. ווי אונדזער דענקען באַזירט זיך אויף פּאָסטולאַטן, אויף אַקסיאָמעס, ד. ה. אויף אַזעלכע באַהויפּטונגען, וואָס פּאָדערן ניט קיין באַווייזונגען, וואָרעם זייער באַוויזנקייט טראָגן זיי אין זיך. זיי אָפּערירן מיט דער קאַטעגאָריע פון דידאָזיקע אורטיילן, וואָס האָבן זייער פאַרבינדלעכקייט, אַרויסגעצוואונגענקייט אין דעם „מע קען אַנדערש ניט דענקען"; עס איז געצוואונגענע זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. פּונקט אַזוי אויך אונדזערע האַנדלונגען. דער ראשיתדיקער הכשר פון יעדן סאָציאַלן אויפפיר איז די אוממעגלעכקייט צו האַנדלען אַנדערש. די ראשיתדיקע הנהגה איז אַפּאָדיקטיש. ערשט שפּעטער־צו שאַפט זיך אַ מעגלעכקייט צו האַנדלען אַנדערש. דער האַנדלונגס־אַקט ווערט, אַזוי צו זאָגן, „אַסערטאָריש", פאַקטיש.

עס נעמט זיך אויסקריסטאַליזירן דאָס באַוואוסטזיין פון דער דיפערענציאַציע, פון חילוק צווישן דעם זייענדיקן און באַדאַרפזייענדיקן. דערנאָך קומט דאָס קריטישע פאַרהאַלטן זיך צום זייענדיקן. עס טויכט אויף אַ פּאַרלאַנג צו פאַרויסגיין און אַליין נעמען שאַפן דאָס זייענדיקע. האַבנדיק די קעגנוואַרטיקע און די עברדיקע הנהגה נעמט זיך שאַפן דער פאַרשטעל פון אַ מעגלעכער צוקונפטיקער הנהגה, די פרייע קאָנסטרוקציע פון אויפפיר. אין מויל פון דער האַנדלונג ווערט עפּעס ווי אַריינגעלייגט אַ צוימל: האַנדל אין דער צוקונפט אַזוי ווי ד ו האָסט געהאַנדלט אין דער פאַרגאַנגענהייט, ווי אַ נ ד ע ר ע האָבן געהאַנדלט. אָט־די פאָדערונג שיקט פאָרויס די מעגלעכקייט צו האַנדלען אַנדערש, אָבער אויך צוגלייך די אומפאַרלאַנגלעכקייט פון דעמדאָזיקן א נ ד ע ר ש און די באַקוועמלעכקייט און גינציקייט פון האַנדלען אַזוי. אָט־דער א ז ו י איז אַן אָפּשפּיגל, אַ קאָפּיע פון דעם, וואָס איז געווען.

די פאַרגאַנגענקייט באַשטימט די אַנקומענקייט. עס אַנטשטייט אַ רעגולירטקייט, אַ פאָרויסזע־מעגלעכקייט. אַזאַ מין נאָרמירונג איז דאָס אייגענע וואָס נאָרמאַליזירונג; זי האָט איר באַרעכטיקונג אין דער מענטשלעכער נאַטור, אין מענטשנס פיזיאָלאָגיע און פסיכאָלאָגיע.

אָט־דער פאַרשריפט־געבאָט אויפצופירן זיך ווי איינער האָט זיך אויפגעפירט איז לכתחילה געווען אַ שטיק פאַקטישקייט און כמעט אַן אַנדערש־אוממעגלעכקייט. נאָך מער וואָס אין דער אַרומיקער וועלט־סביבה פירט זיך אַלץ, ווי עס האָט זיך געפירט פון־קדמונים־אָן. די זון האָט איר שטייגער, אירע הרגלים. דער ים איז תמיד געטריי צו זיך אַליין, ער בלייבט כסדר וואָס ער איז. ער רעאַליזירט אַ דויערהאַפטיקייט, אַ שטענדיקע פאַרזעצונג פון זיין אידענטישקייט. דער קעגנשטאַנד איז גלייך צו זיין אייגענעם קעגנשטאַנד. דער מענטש בלייבט מענטש; פאַר אַ היפשער צייט פון זיין לעבן איז ער גלייך צו זיך אַליין, ער איז קערפּערלעך סטאַטיש.

לסוף קלייבט זיך אָן אַ היפּשע צאָל מנהגים. און עס איז ניט לייכט צו זיין באַהאַוונט אין זיי אַלע. דער קענער פון די מנהגים איז דער עלטסטער

אין דער פאַמיליע, אין האָרדע אָדער אין שטאַם. ער געדענקט, ווי מע האָט זיך אויפגעפירט אין ענלעכע פאַלן. דאָס געוויינטלעכע לעבן איז געוואָרן, פון איין זייט, כמעט ווי מעכאַניזירט, און עס פאַרלאַנגט גאָרניט פאַר זיין דורכזעץ קיין ספּעציעלע אָנווייזונגען און הדרכות. פון דער צווייטער זייט איז עס געוואָרן פריי, אַזוי אַז עס טראַכט ניט זיך אונטערצוואוואַרפן אונטער קיין דירעקטיוון. אָבער פאַר אויסערגעוויינטלעכע פאַלן שטעלט זיך אַרויס דער אויסערגעוויינטלעכער מאַן, וואָס היט־אָפּ די מנהגים פון פאַרגעסונג און פאַרשוועכונג. די ווירקלעכקייט איז געוואָרן צו שפּילעוודיק, צו שטיפעריש, מע זאָל זי קענען לאָזן אָן אַ צוימל. דער מנהג רעגולירט געוויסע האַנדלונגען, ער לאָזט זיי ניט זיך איינשטעלן בלויז לויט דעם צעשפּיל פון די פּאַקטישע כוחות און געלעגנהייטן.

די מנהגים ווערן פאַרגעסן; זיי רוקן זיך אָפּ וואָס ווייטער אַלץ מער פון טאָג־טעגלעכן אויפפיר. די האַנדלונגען באַפרייען זיך וואָס ווייטער אַלץ מער. ניט־ווילנדיק מוז מען אָנקומען צו קינסטלעכע מאַסרעגלען כדי זיי אויפצוהיטן. מע לייגט זיי אַריין אין מינדלעכן וואָרט. זיי ווערן פאַרפיקסירט אין שפּריכווערטלעך, אין פאָרמולעס, פּזמונים, זאָגעכצן, מסורה.

די נאָרם האָט זיך אָפּגעטיילט פון אויפפיר, זי האָט איבערגעריסן איר אוממיטלבאַרע פאַרבינדונג מיט דער פאַקטישער האַנדלונג און זי האָט זיך באַזעצט אין וואָרט, זי איז אַריין אין אַ פאָלקסווערטל. די נאָרם געפינט איר שמירה אין לשון, אין אַ לידל. דעם אָנזאָג, דעם פאַרזאָג לערנט מען זיך אויס אויסווייניק אַזוי ווי מען אייגנט זיך אָן די ריידשפּראַך פון אייגענעם שטאַם.

אָבער דאָס מינדלעכע וואָרט ווייזט זיך אַרויס צו זיין „עפּעמעריש". עס איז צו אומשטאַנדהאַפטיק. דעם אוצר פון מנהגים, פון נאָרמען גיט מען איבער אויף שמירה צו דעם שריפטלעכן וואָרט, וואָס ווערט אַריינגעקריצט אין שטיין; אַריינגעקריצט אין דויערהאַפטיקן מאַטעריאַל.

דער צענגעבאָט איז אויסגעהאַקט אין צוויי לוחות. די רוימער האָבן די געבאָטן אַרויפגעשריבן אויף טאָוולען, צוועלף אין צאָל. אַזוי אַרום ווערט דאָס געזעץ געבוירן. עס דערווייטערט זיך פון פליסיקן אויפפיר און ציט זיך אַריין אין דער שריפט, אין דעם קאָדעקס.

די נאָרם נעמט באַהערשן דעם אויפפיר. זי האָט די גאַנצע דעה איבער אים. און אויב צום אָנפאַנג איז דאָס פאַקטישע געוועזן דאָס אַנדערש־אוממעגלעכע, איז עס איצטער אונטער דער הערשאַפט פון דער נאָרם דאָס אַנדערש־אומדערלויבטע. דאָס נאָרמאַטיווע שטרעבט צו ווערן דאָס פאַקטישע און זיך באַהויפּטן ווי דאָס „אַנדערש טאָר מען ניט", אַנדערש איז אומגעזעצלעך. דאָס „אַנדערש טאָר מען ניט", ווערט דאָס „אַנדערש קען מען ניט", אין סאָציאַל־יורידישן פשט.

די נאָרם ווערט דער כל־זולך פון דער הנהגה. זי רעגולירט טועכצן. זי שטעלט אָפּ אַנדערע און דערמוטיקט אייניקע. דאָס נאָרמאַטיווע ווערט אַדע־

קוואַט מיט דעםווירקלעכן, וואָס ווערט אַ דאָס דאַרפֿזייענדיקע פֿון שטאַנד־פּונקט פֿון געזעץ, און עס באַלעבאַטעוועט איבער דעם „איז׳טום“.

די אָפּגייונגען פֿון ריכטיקער הנהגה זיינען פֿריער באַשטראָפֿט געוואָרן אין לעבן מיט ליידן, מיט דעם ניט דערגרייכן דעם געשטעלטן ציל, מיט פֿאַרלוסטן, מיט ערגערניש, וואָס איז געקומען ווי אַ נאַטירלעכע רעאַקציע. איצט טוט דאָס אַלץ די נאָרם. זי שאַפֿט אַ שטראָפֿונגס־סיסטעם. זי ברענגט אַריין עונשים, קנסים. זי שאַפֿט זיך אַ גאַראַנטיע פֿאַר איר אָפּהיט. זי שאַפֿט אַ גאַנצע ריי פּועל־יוצאס, וואָס שלעפּן זיך נאָך אַ געוויסער האַנדלונג, וואָס איז ניט נושא־חן אין אירע אויגן... זי שאַפֿט אַ סביבה פֿון טועכצן. זי גיט דירעקטיוון ניט בלויז צו דער ערשטער האַנדלונג, נייערט אויך צו אַ שרענגע נאָכפֿאָלגנדיקע. זי שאַפֿט אַ ווירקלעכקייט, געוויסע דורכפֿאַלן, וואָס ווערן ווירקזאַם דורך דעם כוח פֿון איר באַפֿעלערישקייט.

עס האָט זיך געעפֿנט אַן אָפּגרונט צווישן דער נאָרם און די איינצלנע פּריוואַטע האַנדלונגען. דאָס אַנדערש־אוממעגלעכע איז געוואָרן מעגלעך. די נאָרם „ציטערט פֿאַר איר פּעל“, זי איז ניט זיכער מיט איר ווירקעוודיקייט, מיט איר השפּעה אויפֿן אויפֿפֿיר, און זי האָט זיך גענומען פֿאַרזיכערן, אויפֿשטעלן ראַגאַטקעס. זי שאַפֿט אַ געקינסטלטע רעאַקציע, ווײַלע די הנהגה, וואָס ווערט פֿון איר קאַנדיציאָנירט, איז דאָך אויך ניט קיין נאַטירלעכע. דאָס פּראַקטישע און נאָרמאַטיווע האָבן זיך געביטן מיט זייערע פּאָזיציעס. די נאָרם, דער נאָרמירטער אויפֿפֿיר, איז מער אוממעגלעך ווי דער אומנאָרמירטער נאַטירלעכער אויפֿפֿיר. עס ווערט מעגלעך בלויז מחמת אויסגעאיבטער געוואַלדטאַט, אויסגעאיבטן שווערן דרוק, וואָס באַשטייט פֿון שרעקעניש און דראָונגען. יעדע פֿאַרבאַטענע האַנדלונג ווערט אַן אוממעגלעכקייט דורך דעם, וואָס זי ווערט באַשטראָפֿט מיט מער אכזריות און פּלאַנמעסיקייט, צילבאַוואוסטקייט, ווי די ניט ריכטיקע האַנדלונג ווערט באַשטראָפֿט אויף אַ נאַטירלעכן אופֿן פֿון דער בלינדער ווירקלעכקייט — נאַטור.

דאָס פּאַקטישע האָט זיך איצט פֿאַרקערפּערט אין דאָס נאָרמאַטיווע, אַזוי אַז מע זעט זי כמעט ווי ניט אַרויס פֿון דער נאָרמאַטיווקייט.

פֿון אָנפֿאַנג איז דער ספּעציאַליסט פֿון דער מנהגישער נאָרם געווען דער, וואָס האָט פֿאַרמאָגט אַ פֿענאָמענאַלן זכרון. ער האָט באַוויזן איינצוהאַלטן, און ניט לאָזן עס אויסרינען, אַלץ, וואָס מע האָט אָנגעזאַמלט אין משך פֿון פֿיל דורות. שפּעטער־צו פֿאַרנעמט זיין פּלאַץ דער, וואָס ניט נאָר געדענקט ער ווערטער, נאָר קען, הויפּטזעכלעך, איבערלייגן פֿאַרשריפֿטן אין וואוילקלאַנג פֿון ווערטער.

ביים איבערלייג רונדיקט ער אויס דעם יורידישן אָנזאָג. ער טיילט אָפּ דעם טפל פֿון עיקר, די שאַלעכץ פֿון דעם תמציתדיקן קערנדל. ער דאַרף כמעט קענען אַבסטראַקט דענקען.

די נאָרם פֿאַרלויפֿט פֿון פֿאַרנט דעם וועג די געשעעניש, זי אַנטיציפּירט די פֿאַסירונגען, פֿאַרויסזעענדיק פֿאַרדעם וואָס וועט אויפֿקומען נאָכדעם, רעגולירט זי דעם אויפֿפֿיר.

דאָ ציגט זיך שוין דער מומחה, דער יוריספּרודענט, וואָס פאָרמולירט געזעצן. ער שאַפט אַ פאַרזיכערטקייט, אין דער צוקונפט, פון דער איבערחזרונג פון האַנדלונגען לויט אַן אויסגעאַרבעטן רעגלאַמענט. עס ווערט אויסגעאַרבעט אַ יורידישע סיסטעם, וואו עס פאָדערט זיך אויסגעהאַלטנקייט, אַ פילאָזאָפישער בליק, וואָס קען אַדורכנעמען אַ גאַנצע שיטה פון מענטשלעכן אויפפיר.

די נאָרם אוזורפירט דאָס פאַקטישע.

קיין קאָליזיעס האָבן ניט געקענט פאָרקומען צווישן דער נאָרם און דעם זיך־אויפפירנדיקן סוביעקט כל זמן דער נאָרמירנדיקער און דער זיך־אויפפירנדיקער זיינען געווען איין פערזאָן, כל זמן הנהגה איז געווען סינאָנימיש מיט געזעצלעכקייט. אויף דערדאָזיקער שטופע פון אַנטוויקלונג האָבן אַלע מענטשן, וואָס האָבן רעאַליזירט זייערע צוזאַמענפאַרהעלטענישן, גלייכצייטיק געשאַפן נאָרמעס, געווען געזעצגעבעריש. אַזוי לאַנג ווי די נאָרם איז געווען אַריינגעלייבט אין דער סאָציאַלער ווירקלעכקייט, האָט זי ניט געקענט זיך איינשאַפן מומחים, וואָס גיבן זיך פאַכמעניש אָפּ מיט נאָרמשאַפונג.

אָבער ווען די נאָרם איז געוואָרן זעלבסטשטענדיק, האָט זיך אויטאָנאָמיזירט, האָט זי זיך פאַרפעסטיקט אין איר אייגענעם תחום און דאָ איז פאָרגעקומען די שפּאַלטונג צווישן דעם נאָרמירער און דעם נאָרמירטן, צווישן דעם געזעצשאַפער־באַפעלער און דעם געזעצאויספאָלגער, דעם באַפעלטן. דער זיך־אויפפירנדיקער, בלשון רבים, האָט מער ניט קיין טייל אין דער נאָרמירונג־אַרבעט. צווישן דעם זיך אויפפירנדיקן סוביעקט און דער נאָרם, דעם געזעץ, שאַפט זיך אַ דיסטאַנץ. אין דערדאָזיקער דיסטאַנץ שטעלט זיך אַריין די געזעצגעבערישע פערזאָן, אין איינצאָל אָדער מערצאָל.

די נאָרם הייבט איצט אָן צו שאַפן און פאַרשאַפן זיך מיט דעם פאַקטישן. זי דיקטירט און פאָרמירט דעם אויפפיר. זי דאָמינירט איבער דעם ווירקלעכן. איר הערשאַפט איבער דער ווירקלעכקייט איז פאַרקערפּערט אין דעם נאָרמירנדיקן סוביעקט, וועלכער קריגט שררות, געוועלטיקונג איבער די איבעריקע מענטשן. אָט־די טאָטזאַך פון געוועלטיקערײַ שטעלט שוין אַוועק די נאָרם אין אַזאַ לאַגע, וואו זי אַליין ווערט אומנאָרמיש, אומנאָרמאַל. אויף דערדאָזיקער סטאַדיע פון אַנטוויקלונג ווערט די נאָרם גופא אַ שטיק אומנאָרמאַלקייט. זי געפינט זיך אין ווידערשפּרוך מיט דעם דאַרפזייענדיקן. דער הערשנדיקער נאָרמירער פירט אַראָפּ די נאָרם פון אירע רעלסן. ער איז גורם צו אַ צוזאַמענברוך פון דעמדאָזיקן באַוועגער פון אינטעראינדיווידועלע פאַרהעלטענישן. דער געזעצגעבערישער אנשטאַלט געפינט זיך אין אַ שטענדיקער סתירה צו דער ממשותדיקער ווירקלעכקייט, צו רעכט אין העכערן באַטייט פון וואָרט. דאָרט, וואו מיר געפינען אַזאַ קעגנאַנאַנד, אַזאַ איבערגאַנג אין אַ קעגנגעזעצטקייט, קען מען מער ניט ריידן וועגן אַ נאָרם, ווי אַ נאָרמאַלע רעגולאַציע. די נאָרם ווערט אַן אַנאָמאַליע; דאָס געזעץ גייט אַריבער אין אומגעזעצלעכקייט.

דער אַנטאַגאָניזם צווישן דעם געזעצגעבערישן סוביעקט, אין איינצאָל

אָדער מערצאָל, און דעם זיך־אויפפירנדיקן סוביעקט, בלשון יחיד און רבים, נעמט זיך שרייענדיק אַרויסאויסערן. די נאָרם איז מער ניט אויסגערעכנט אויף דער צילמעסיקייט פון דער האַנדלונג, וועז געאורטיילט פון שטאַנדפּונקט פון דעם זיך־אויפפירנדיקן סוביעקט, נייערט אַרויסגייענדיק פון די אינטע־רעסן פון געזעצגעבער, אינטערעסן, וואָס גייען להיפוך צו די באַשטרעבונגען פון די ניט־געזעצגעברישע עלעמענטן פון דעם חברהשן אַגרעגאַט. דער נאָרמירער נעמט פאַרדאַרבן, פראָסטיטואירן די גאַנצע הנהגה. דעם ריכטיקן אויפפיר פאַרדאַמט ער, דעם אומריכטיקן דערקלערט ער פאַר אַ טוגנט.

עס ברעכט אויס אַ קאַמף צווישן דעם נאָרמירער און די נאָרמירטע. עס ווערט אָנגעצייכנט אַ גאַנצער תחום פון פאַרברעכנס קעגן נאָרמעס, וואָס רעגולירן בלויז די שייכותן פון די נאָרמירטע צו דעם נאָרמירער, פון די אונ־טערטאַנען, די אויספאַלגער און די באַפעלער. עס ווערט אַנטוויקלט אַ קאָ־דעקס וואָס אַנטהאַלט אַ באַזונדער רובריק פון „פּאָליטישע פאַרברעכנס", וואָס זיינען גאָר קיין פאַרברעכנס ניט, נייערט בלויז באַזונדערע אַקציעס פון דעם געראַנגל, וואָס די נאָרמירטע פירן אָן קעגן די נאָרמירער. אַזוי גייט רעכט אַריבער אין זיין קעגנזאַץ. דער נאָרמירער שטייט אַ באַוואָפנטער מיט דער בולאַווע פון געזעץ קעגן די אומבאַוואָפנטע נאָרמירטע.

ווען אַט־די סיטואַציע איז געוואָרן צו שרייענדיק, האָט מען גענומען זי דעמפן, אַננעמען מיטלען און וויי צו פאַרשלומען אַט־די צוויי אַנטאַגאָניסטן.

עס איז געשאַפן געוואָרן אַ לערע וועגן דעמאָקראַטיע, וועגן פאַרשטייע־ריי. רעפרעזענטיזם דאָס איז די לעבעדיקע זעל פון דעמאָקראַטיע. דאָ איז ניט אַזוי וויכטיק די אַלגעמיינע מיטאַרבעטונג פון די קלאַסן ווי די מיטאַר־בעטונג פון דעם נאָרמירער מיט דעם נאָרמירטן, פון דעם פאַרשריפטלער מיט דעם זיך־אויפפירנדיקן. דאָ ווערט געשאַפן די אילוזיע פון דעם באַטייליקן זיך פון דעם זיך אויפפירנדיקן סוביעקט אין אַקט פון פאַרשריפט־שאַפעריי.

עס איז געשאַפן געוואָרן אַ וואַלן־אינסטיטוציע און דערנאָך אַ פאַרלאַ־מענט. וואָס איז אַזוינס אַ פאַרלאַמענט? געזעצגעבונג. נאָרמען־שאַפונג איז לאָקאַליזירט, ספעציאַליזירט, קאָנצענטרירט אין איין פלאַץ. אָבער אויך פריער איז אַט־די טעטיקייט געווען צענטראַליזירט. לאָמיר זאָגן, אין קעניגס הויף, אין ראַט פון מיניסטאָרן, אָדער אין וועלכן־עס־איז אַנדערן שטאַנדן־אַנשטאַלט. דאָ אָבער, אין פאַרלאַמענט, באַטייליקן זיך אין דער לעגיסלאַ־טור־טעטיקייט די פאַרשטייער פון די פאָלקסמאַסן, די פאַרשטייער פון די סוביעקטן, וואָס פירן זיך אויף, וואָס האַנדלען.

אַזוי אַרום פּרובירט מען איינצושטעלן אַ פאַרבינדונג צווישן דעם זיך אויפפירנדיקן סוביעקט און דעם פאַרשריפטלער, פאַרשטייענדיק אונטער די ווערטער גאַנצע גרופן. די פאַרבינדונג ווערט איינגעשטעלט אינדירעקט דורך די וואַלן.

אין פאַרלאַמענט קומט די געזעצשאַפונג, געזעצגעבונג פאַר שריפטלעך, אָבער די באַראַטונג קומט פאַר מינדלעך. פאַרשטייער פון אַלע עקן פון לאַנד קלייבן זיך צענויף אין איין לאָקאַל און זיי באַאורטיילן צוזאַמען די געזעצ־

פראָיעקטן, וואָס ווען זיי ווערן אָנגענומען, ווערן זיי פּובליצירט און צעטראָגן איבערן גאַנצן לאַנד.

דער געזעץ, נאָך דעם ווי ער איז פּובליצירט, טרעט ער אַריין אין קראַפט.

פּאַרלאַמענט ווערטערלעך באַטייט מן הסתם אַ רייד־פּלאַץ, ווי מע האָט אים באַצייכנט אויסלאַכעריש, אַ „קיבעצאַרניע". רעכט ווערט געשאַפן מינד־לעך, דאָס הייסט, ווערט אַרומגערעדט, באַאורטיילט מינדלעך, און דערנאָך נעמט עס אָן אַ שריפטלעכע פאָרם. מינדלעכע רייד צוזאַמען מיט דער שריפט באַטייליקן זיך קאָאָפּערירנדיק אין דער דורכפירונג פון דערדאָזיקער אַרבעט.

רייד, געשפּרעך אָפּערירט אין אַ באַגרענעצטן רוים. אונדזער לשון איז געשאַפן ווי אַ פּאַרקער־געצייג אין אַ נאָענטער דיסטאַנץ. כדי די נאָרמעס זאָלן קענען געשאַפן ווערן מינדלעך מוזן זיי האָבן אַ ספּעציעלע „דירה", זיי מוזן זיך געפינען אין אַן אָרט, אַ באַגרענעצטן אָרט. אַ גרופּע פון פּערזאָ־נען, פון דעפּוטאַטן האָבן זייערע סעסיעס אין אַ באַשטימטן פּלאַץ. זייער אַרבעט ווערט אָפּגעטאָן בשעת די זיצונגען. זיי האָבן זיצונגען, באַראַטונגען, טוישן זיך אויס מיט זייערע מיינונגען; דאָס אַלץ קומט פאָר אין אַ לאָקאַל, אין אַ זאַל. אַנדערש קען עס ניט זיין, וויבאַלד מע געברויכט אַ רייד־שפּראַך. די געשפּרעכן ווערן ניט געפירט בלחש, נאָר בקול רם. דאָ מאַכן זיך אַקטיוו־בוצלעך די רעדנער.

די גאַנצע אַרבעט ווערט געטאָן אין קאָלאַבאָראַציע צווישן מינדלעכן און שריפטלעכן וואָרט. דאָס וואָרט האָט דערווייטערט, אָפּגעשיידט די נאָרם פון אויפפיר, דעם נאָרמירער פון דעם זיך אויפפירנדיקן סוביעקט. דאָס וואָרט פאַנגט איצטער אָן אַרבעטן אין דער פאַרקערטער ריכטונג, עס ווערט אַ כוח, וואָס פאַרבינדט דעם זיך־אויפפירנדיקן מיט דעם נאָרמירער. אָבער דאָס מינדלעכע וואָרט און זיין פּאָליטישער אנשטאַלט, פּאַרלאַמענט, איז ניט בכוח אויסצופילן אָט־די אויפגאַבע, סיידן עס קומט אָן צו דער הילף פון פאַר־שטייערי, רעפּרעזענטאַנץ.

דאָס מינדלעכע וואָרט געפינט זיך אין מיטן, עס איז אַוועק פון אויפ־פיר, אָבער ניט לגמרי, עס איז צו שטייף פאַרבונדן מיטן ריידער. די סטאַדיע פון מינדלעכן וואָרט איז ניט פאַרענדיקט, איר פאָרם איז ניט פולקומען. דער אַוועקגאַנג אין דעמדאָזיקן פּעריאָד איז ניט געבראַכט צום גמר.

כדי מע זאָל פולשטענדיק לייזן די פּראָבלעם פון צענויפגיסן דעם זיך־אויפפירנדיקן סוביעקט מיט דעם נאָרמירער, אַזוי אַז דאָ זאָל ניט זיין קיין קעגנזאַץ, פאָדערט זיך ווי אַ פאַרבאַדינג אַ לחלוטינדיקער אַוועקגאַנג.

דעם ווייטסטן פּונקט פון אַוועקגאַנג דערגרייכט די נאָרם, ווען זי גיט זיך איבערצוגאַנצן איבער צום שריפטלעכן וואָרט.

און אָט־די סטאַדיע איז די גרעסטע פאַר אַ קעגנגעזעצטער אַקציע.

ווען די נאָרם דערגרייכט אָט־דעם שפּיץ, ערשט דעמאָלט באַקומט זי די מעגלעכקייט צו מאַכן אַן „השיבנו נאָזאָד", זיך אומקערן צו דעם זיך־אויפ־פירנדיקן סוביעקט.

ווען די נאָרם נעמט געשאַפן ווערן שריפטלעך, דעמאָלט קענען מיר אָט־

די שאַפונג פאַרבינדן מיט יעדן זיך־אויפפירנדיקן. אמת, זי וועט ניט אַרויס־פליסן דירעקט פון סאַמע אויפפיר, זי איז שוין צופיל אַנטוויקלט אַז זי זאָל זיך קענען אַריינלייגן צוריק אין הנהגה־וויגעלע און פאַרוויגט ווערן פון איינצלנעם אויפפיר־אַקט. זי קען זיך אָבער פאַרבינדן מיט דעם זיך אויפ־פירנדיקן סוביעקט, זי קען אַרויספליסן פון זיינע אינטערעסן, זי קען זיך געפינען אונטער דעם איינפלוס פון זיינע פאַרלאַנגען, באַשטרעבונגען, באַ־דערפענישן, מיט דעם אַלגעמיינעם טאָן פון זיין הנהגה.

יעדער זיך אויפפירנדיקער סוביעקט קען זאָגן שריפטלעך ווי ער האָט בדעה זיך אויפצופירן, זיך נוהג זיין און וואָס איז דער אידעאַל פון געזעל־שאַפטלעכן אויפפיר. וואָס איז דאָס באַדאַרפזייענדיקע וואָס ער, דער זיך־אויפפירנדיקער סוביעקט, וואָלט וועלן, אַז עס זאָל פאַרלייבט ווערן אין דאָסווירקלעכע, דאָס זייענדיקע.

מיר דאַרפן אָנקומען צו דער שריפט. די שריפט האָט זיך אינגאַנצן אָביעקטיוויזירט, אָפּגעשיידט זיך פון מענטשן, האָט גובר געווען דעם פאַר־ביילויפנדיקן מאָמענט און איז געוואָרן עפּעס סטאַבילס, באַשטענדיקס, און אויף אַזאַ שטייגער האָט זי באַגוועלטיקט דעם זכרון און דעם טויש פון דורות. אַדאַנק אָט־דער אייגנשאַפט אירער האָט זי געגעבן אַ מעגלעכקייט דעם נאָרמירער אינגאַנצן זיך אָפּצוזונדערן פון דעם זיך־אויפפירנדיקן. ערשטנס, דערגרייכט זי עס מיט דעם, וואָס זי פאַרלאַנגט אַ הויכע ספּעציאַ־ליטעט פאַרן פאַרשרייבן און דערנאָך פאַר אינטערפּרעטירן, מסדר־זיין און סיסטעמאַטיזירן די נאָרמעס; ווייטער: מיט דעם, וואָס ווערנדיק אָביעקטי־וויזירט קען זי פאַרבאַהאַלטן דעם פאַקט, אַז אַן אינטערעס־פאַרבינדונג עק־זיסטירט צווישן דעם נאָרמירער און דער נאָרם אין קעגנזאַץ צום נאָרמירטן. ווען דאָס ווערט געטאָן מינדלעך, וואָלט זיך עס געוואָרפן אין די אויגן. דע־ריבער, כל זמן דאָס רעכט, די נאָרם איז געווען אויסגעדריקט מינדלעך, האָט דער נאָרמירער ניט געקענט אַזוי מיסברויכן מיט זיין לאַגע, וואָרעם זיין מיסברויכונג איז געווען שווער צו פאַרמאַסקירן.

אָבער אַלס קאָמפּענסאַציע קען אָט־די שריפט, ווען זי ווערט אויסגע־נוצט ווי געהעריק, אונז, פון דער צווייטער זייט, ברענגען צוריק צו דעם פולן סינטעז פון דעם זיך־אויפפירנדיקן סוביעקט און דעם נאָרמירער.

מיט דער הילף פון דעם־אַ אויפטו וועט דאָס גאַנצע לאַנד פאַרוואַנדלט ווערן אין איין גרויסן פאַרלאַמענט, אין אַ שרייב־לעגיסלאַטור־הויז, אין אַן עקרירמענט, וואָס גיט די מעגלעכקייט צונויפצוזאַמלען דאָס גאַנצע פאָלק אין איין פלאַץ אין פיגוראַטיוון פשט פון וואָרט. דער עקרירמענט שאַפט אָפּ רוים און דיסטאַנץ, ער דערנענטערט די ווייטע און שטעלט זיך ניט אָפּ פאַר שוועריקייטן, פאַר וועלכע דאָס רייד־וואָרט האָט געמוזט קאַפּיטולירן.

אינדעראמתן ווערט דאָס שוין פּראַקטיצירט נאָר בלויז אין אַן אָנפאַנג־לעכער פאָרם. מע דאַרף אויסבעסערן די מעטאָדן און אַנטוויקלען די טענדענץ ווייטער און ווייטער.

וו אַ ל ן. אין די וואַלן נעמט אַן אָנטייל, לאָמיר זאָגן, דאָס גאַנצע

פאַלק. דאָס איז דאָס פּאָזיטיווע. וואָרעם אויף אַזאַ אופן ווערט דאָך אַנדער־קענט, אַז דאָס פאָלק אין זיין קאָנקרעטער פאָרם, ניט בלויז ווי אַ יורידישע פיקציע, טרעט אַרויס און באַהויפּט זיך ווי דער העכסטער אוממיטלבאַרער מאַכטאָרגאַן.

מע קלייבט אויס אַ דעפּוטאַט. דאָס אויסקלייבן אַ דעפּוטאַט — דאָס טויג שוין ניט. צו דעפּוטאַטעריי און צום פּאַרלאַמענט דאַרף נעמען אַ סוף, אָבער די וואַלן־אַקציע דעמאָנסטרירט דאָס דירעקטע באַטייליקן זיך פון די אָרגאַניזירטע, פון די זיך־אויפפירנדיקע סוביעקטן, אין געוויסע פּאָליטישע צוגרייטונגס־אַקטן בנוגע געזעצשאַפונג. די וואַלן זיינען ווייט פון צו זיין פּערפעקט. זיי זיינען טעכניש ניט גוט איינגעאָרדנט. אָבער מיר האָבן דאָ פּאָרט אַ טאַטזאַך פון אוממיטלבאַרער טעטיקייט אין תחום פון פּאָליטיק.

אָט־די טאַטזאַך, דידאַזיקע איינצלהייט, דאַרף מען אַנטוויקלען, פאַר־וואַנדלען אין אַ סיסטעם, נאָך מער, וואָס מיר האָבן דאָך אויך דירעקטע וואַלן. וואָס לאָזן זיי אונדז הערן? אַז דאָס מיטלבאַרע טויג ניט. פאָלגלעך טויג ניט דאָס מיטלבאַרע אויך אין לעגיסלאַטור.

וויבאַלד וואַלן זיינען מעגלעך, די אוממיטלבאַרע זיך באַטייליקונג אין אַן אַקציע, וואָס גיט עמיצן די מעגלעכקייט זיך צו באַטייליקן אוממיטלבאַר אין דער שאַפונג פון אַ צאָל נאָרמעס פאַר אונדזער פּאָליטישן אויפפיר, איז דאָך שוין מעגלעך, בכלל, זיך באַטייליקן אוממיטלבאַר אויך אין לייטונג.

ווייטער: מיר פאָרמאָגן אַ פּ ר ע ס ע. וואָס איז אַזוינס אַ פּרעסע? דאָס איז אַן עקרירמענט, אַ שרייבאַרניע, נאָר ער איז אַן אומרעגלאַמענטיר־טער, אַן אומסאַנקציאָנירטער, ניט קיין אויטענטישער עקרירמענט. אין דער פּרעסע זאָגט מען זיך אַרויס וועגן אַלע פּאָליטישע פראַגן, מע זאָגט זיך אַרויס אַזוי, אַז אַלע זאָלן הערן. אַפילו די רעדעס פון די דעפּוטאַטן ווערן אַ קנין הכלל אַדאַנק דעם, וואָס זיי זיינען אַריבער פון דעם בעל־פּה צו דעם שבכתב.

די פּרעסע באַשפּרעכט, באַאורטיילט די געזעצן, די פּראָיעקטן, אַלע פּאָ־ליטישע טועכצן בקול רם, אַז אַלע זאָלן קענען הערן. יעדער האָט אַ רעכט אַרויסצוזאָגן זיין מיינונג. דער האַנדלענדיקער, דער זיך־אויפפירנדיקער סוב־יעקט, באַטראַכט און אונטערזוכט די נאָרם, די פּאָליטישע מאָסרעגל.

עס עקזיסטירן פּאַרטייען, פאַרבאַנדן, פּאַראייניקטע גרופּירונגען. זיי עקזיסטירן אויך אויסערן פּאַרלאַמענט. זייערע קאָמיטעטן צייכענען אָן די ליניע פון אויפפיר פאַר זייערע פּאַרלאַמענטאַריער. יעדע פּאַרטיי האָט איר אָרגאַן, וואו פּאָליטישע פראַגן ווערן באַלויכטן פון אַ באַשטימטן שטאַנד־פּונקט.

די פּאַרטיי, די פּאַראיינען דריקן אויף דער פּאָליטיק מיט זייער גאַנצן כוח, מיט דעם גאַנצן געוויכט פון דער קוואַליטעט און קוואַנטיטעט פון זייע־רע מיטגלידער, און ניט בלויז דורך זייערע דעפּוטאַטן.

נעמט אַנקעטעס, וואָס זיינען זייער פאַרשפּרייט, רעזאָלוציעס וואָס מע טראָגט אַרויס אויף פאַרזאַמלונגען.

אַלע די זיינען התחלות פון ווילנס־אַרויסברענג פון די בירגער. גאַנץ אָפט גייט אַט־דער ווילנס־אויסדרוק כנגד דער אָפיציעלער געזעצגעבונג.

ווי ווייניק די אָפיציעלע געזעצגעבונג רעכט זיך מיט די וויסנס־אַרויס־ווייזונגען, מיט אַט־דער עכטער געזעצגעבונג!

אַנקעטעס, רעזאָלוציעס, די געזעלשאַפטלעכע מיינונג, די פּרעסע, ווען מע רייניקט זי אָפּ פון בורזשואַזן פּאַרקויפּערישן שמוץ, זיינען אַרויסשפּראָ־צונגען פון אַ נייעם פּאָליטישן איינשטעל.

איך זאָג ניט, אַז דער אַריבערגאַנג צום נייעם סדר וועט פּאַרקומען פּיינ־לאָז, אָן געוואַלדטעטיקן איבערקער.

אַן איבערקער איז אומפאַרמיידלעך, נויטווענדיק. איך ווייז אָבער אָן אויף די אַרויסשפּראָצונגען פון אוממיטלבאַרער געזעצגעבונג. אַט־די פאָרמען האַלטן ערשט אין געבוירן און די צוקונפט געהערט צו זיי.

און לסוף וועט זיך די נאָרם אומקערן צום אויפּפיר. און דער נאָרמגעבער וועט זיך אידענטיפיצירן מיט דעם, וואָס פירט זיך אויף, וואָס האַנדלט, און אַזוי אַרום וועלן מיר פּטור ווערן פון דעם אַנטאַגאָניזם, וואָס צעעסט דאָס גאַנצע געזעלשאַפטלעכקייט.

אַן אוממיטלבאַרע לייזונג פון פּראָגן.

אַ סוף וועט נעמען צום דואַליזם, וואָס פאַרדאַרבט דאָס צוזאַמענלעבן, וואָס צעשפּאַלט עס אויף צוויי טיילן, אויף אַ קוואַנטיטאַטיוו־קאָלאָסאַלן טייל וואָס באַשטייט פון אַלע די, וואָס פירן זיך אויף, און אויף אַ קליין חלקל קוואַנטיטאַטיוו, וואָס באַשטייט פון די פאַרשריפטלער, נאָרמירער.

מיר זיינען ניט אימשטאַנד צענויפצונעמען דאָס גאַנצע פאָלק פיזיש אין איין פּלאַץ, וואָרעם דער שטח, וואָס וואָלט זיך פאָדערן פאַר אַט־דער צונויפ־זאַמלונג, וואָלט אַריבעריאָגן אונדזערע געזע־ און געהער־פעאיקייטן. מיר וואָלטן איינער דעם אַנדערן ניט געקענט זען אָדער הערן. און בכלל איז עס אוממעגלעך.

צענויפזאַמלען דאָס גאַנצע פאָלק פאַר אַ זיצונג איז אַן אומזין. עס וואָלט ניט קלעקן פאַר דעם ניט קיין וואוינונגען, ניט קיין שפּייז־זאַפּאַסן און עס וואָלט ניט זיין קיין פּלאַץ פאַר אויפשטעלן געצעלטן. ווייטער: דאָס וואָלט דאָך גורם זיין אַן אָפּשטעל פון עקאָנאָמישער טעטיקייט איבערן גאַנצן לאַנד, וואָס איז אי אוממעגלעך און אי ניט ווינטשנסווערט. דער אַרבעטער וואָלט פאַרלאָזן זיין וואַרשטאַט, דער אַקערער זיין אַקעראייזן, דער לערער די שולע; ווייטער: דער אויסוואַל פון פּלאַץ וואָלט פאַרשטעלן אַ שוועריקייט, וואָס פאַר איינעם איז נאָענט, איז פאַרן צווייטן וייט, און די נסיעה וואָלט נעמען צופיל צייט. [געשריבן אין 1920].

פאַרצייטנס האָט מען עס געטאָן; מע פלעגט אויפקלייבן דאָס גאַנצע פאָלק פאַר צעמענטירונגס־צוועקן, כדי עס זאָל זיך טרעפן, צוזאַמען איבער־לעבן געוויסע מאָמענטן, געשעענישן, כדי עס זאָל זיך באַטייליקן אין זיי אוממיטלבאַר.

תורת־משה פאָדערט, אַז דריי מאָל אַ יאָר זאָל די גאַנצע מאַנצבילשע

באַפעלקערונג עולה רגל זיין צו יענעם פלאַץ, וואָס יהוה וועט אויסקלייבן, ד. ה. אין דער רעזידענצשטאָט, אין צענטער. דער געזעצגעבער האָט געוואָלט דורך אָט־דעם מיטל האַלטן צוגעבונדן די פּראָווינצן צו דער מעטראָפּאָליס. ער פאָדערט זיי זאָלן פּילגרימירן (שמות כ״ג, י״ז): „דריי מאָל אין יאָר זאָלן אַלע דיינע מאַנספּאַרשוינען זיך ווייזן פאַר דעם האַר, גאָט". מיט דעם אייגענעם צוועק עטאַבלירט ער יום־טובים. ער נעמט אַוועק פון דער אַרבעט, ער פאַרבאָט דעם פאָלק צו אַרבעטן, אַלץ מיט דער כוונה, עס צו פּאַראייניקן, צוזאַמענענעמען, אַריינגיסן עס אין איין שמחה־שטראָם, אַריינאַרבעטן עס אין איין שטימונג־אויפוויקל, צענויפקלייבן עס אין איין פּלאַץ פאַר גאָטעסדינסט.

אויף וויפל אָט־די פּילגרימעריי האָט געווירקט אויך פּאָליטיש איז צו זען פון דעם, אַז נאָך דער צעשפּאַלטונג אויף די צוויי הייזער, צוויי דינאַס־טיעס, מלכות יהודה און מלכות ישראל, האָבן די נייע קעניגן פון ישראל פאַרבאָטן דאָס עולה־רגל־זיין; זיי האָבן מורא געהאַט, דאָס פּילגרימירן זאָל ניט ברענגען צו אַן אַנשלוס מיט יהודה.

„און ירבעם האָט געזאָגט ביי זיך אין הארצן: אַצינד וועט די מלוכה זיך אומקערן צו דעם הויז פון דוד; אויב דאָסדאָזיקע פאָלק וועט אַרויפגיין צו מאַכן שלאַכטאָפּפער אין דעם הויז פון יהוה אין ירושלים, וועט דאָס האַרץ פון דעמדאָזיקן פאָלק זיך אומקערן צו זייער האַר... און זיי וועלן מיך הרגענען און וועלן זיך אומקערן צו רחבעם דעם מלך פון יהודה.

„האָט דער מלך זיך באַקלערט און האָט געמאַכט צוויי גילדערנע קעל־בער; און ער האָט צו זיי געזאָגט: גענוג אייך אַרויפגיין קיין ירושלים! אָט זיינען דיינע געטער, ישראל, וואָס האָבן דיך אויפגעבראַכט פון לאַנד מצרים. און ער האָט איינס אַוועקגעשטעלט אין בית־אל און איינס האָט ער אַוועק־געשטעלט אין דן". (מלכים א׳, י״ב, כ״ו־כ״ט).

דעם אייגענעם תכלית האָבן געדינט די אָלימפּישע שפּילן ביי די גריכן און דער צירק און טעאַטער ביי די רוימער. זיי פלעגן זיך צוזאַמענקומען און קומען אין באַרירונג איינע מיט די אַנדערע, און דאָס האָט זיי געגעבן אַ מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען אַ געפיל פון אייניקונג און גאַנצקייט.

אַזאַ וויכטיקע ראָל האָבן אויסגעפּילט די שפּילן, פאַרווײלונגען און קאַרניוואַלן אין דער פאַרצייטיקער וועלט. ירושלים איז געווען דער צענטער, וואָרעם דאָרט איז געשטאַנען דער טעמפּל, וואוהין אַלע זיינען זיך צענויפגע־קומען, זיך באַגעגנט, זיך דערנענטערט איינער צום אַנדערן, אָנטליען איינער פון אַנדערן געוואוינהייטן, זיטן, מנהגים, דרכים, פאָרמען פון אויסדרוק און אָנטועכץ א.א.וו.

מעקקאַ האָט ביי די אַראַבער געשפּילט די אייגענע ראָל. דער פרידנס־חודש, ווען אַלע צאַנקערייען צווישן די שבטים און משפחות דאַרפן אָפּגע־שטעלט ווערן, איז איינגעפירט געוואָרן מיט דער אייגענער כוונה צו צוזאַ־מענקניפּן די אָפּגעזונדערטע טיילן פון פאָלק, געבן זיי אַ מעגלעכקייט צו קומען אין דירעקטער באַרירונג אויף איין פּלאַץ און זיך צוזאַמענהאַלטן.

פון דעם אַלעם איז צו זען, אַז די פאַרצייטיקע פּאָליטישע וועלט האָט

געשאַצט זייער הויך די אוממיטלבאַרע דערגענטערונג פון די פאָלקסמאַסן, זייער צוזאַמענקונפט אין איין פלאַץ, וויסנדיק אַז אויף אַזאַ שטייגער איז מעגלעך זיי צוזאַמענצוקנעטן אין אַן איינהייט און גאַנצקייט.

די פאַרצייטיקע וועלט איז געווען אַ מאַטעריאַליסטישע וועלט; די מענטשן האָבן געטראַכט אין טערמינען פון פיזיאָלאָגיע. דעריבער זיינען זייערע מאסרעגלען אויך פיזיאָלאָגישע. מאַכן פון פאָלק איין קערפּערשאַפט האָט באַטייט ברענגען עס אין איין פּלאַץ און אַזוי אַרום רעאַליזירן און דעמאָנסטרירן זיין גאַנצקייט.

דערצו דאַרף מען האָבן אין זינען אַז די באַפעלקערונג איז ניט געווען צו צאָלרייך. זי האָט זיך צענויפגעקליבן אין ירושלים אין דער צייט פון די דריי הויפּט־יום־טובים, ווען זי האָט געהאַט אירע פייערטעג, ריכטיקער זי האָט עטאַבלירט די פייערטעג, כדי צו פאַראייניקן און האַלטן צוזאַמען דאָס פאָלק. אַרבעט האָט זי צעטיילט. אַרבעט איז געווען אַ פּרימיטיווע אונטערנעמונג, אַרבעט האָט זי צעשפּרייט, האָט געגעבן יעדן איינעם צו פאַרנעמען זיין פּלאַץ, זיך פאַרען אַרום זיין שטיקל נחלה, זיין ווייגאַרטן. אויב זיי האָבן ניט געקענט אַרבעטן צוזאַמען בציבור, האָבן זיי אָבער געקענט נ י ט־ אַ ר ב ע ט ן בציבור, פייערן יום־טובים.

מיר האָבן געוואָלט קלאָר מאַכן, אַז די פאַרצייטיקע וועלט האָט געוואוסט דעם סוד, אַז אוממיטלבאַרער קאָנטאַקט באַזיצט אַ ס אָ צ י אָ ל י־ ז י ר נ ד י ק ע אייגנשאַפט.

די נייע וועלט קען זיך מיט דעם מיטל פון אוממיטלבאַרן קאָנטאַקט און קאָנצענטרירונג פון פאָלק אין איין פלאַץ ניט באַנוצן. די באַפעלקערונג איז צו גרויס נומעריש. און נייע וועגן, נייע מיטלען, זיינען צוגעטראַכט געוואָרן כדי צו שאַפן, צו רעאַליזירן די איינהייט פון פאָלק. מע שאַפט די איינהייט מיט דער הילף פון אַן אידעאָלאָגיע; אנשטאַט פיזיאָלאָגיע ווערט געברויכט פּסיכאָלאָגיע. מע פאַרבינדט דאָס פאָלק קולטורעל, פּסיכאָלאָגיש.

אנשטאַט אוממיטלבאַרן פיזיאָלאָגישן באַריר קומט אַ לאָגישער, אַ פּסיכאָלאָגישער „באַריר".

ווי רעאַליזירט מען די איינהייט אונדזער פּאָליטיק? ניט אויף אַ זייער געראָטענעם שטייגער. זי געפינט זיך אויף דער גרענעצליניע פון צוויי וועלטן, צוויי מעטאָדן פון צעמענטירונג, צוויי שיטות פון אינטעראינדיווידואַליזאַציע. זי געברויכט דעם פאַרצייטיקן וועג פון אוממיטלבאַרן פיזיאָלאָגישן קאָנטאַקט. אָבער אַזוי ווי געברויכן אים, ווי מ'האָט געטאָן פאַרצייטנס, קאָן זי ניט צוליב טעכנישע שוועריקייטן, גיט זי זיך אַ קער אַנאַזייט, גייט איין אויף אַ קאָמפּראָמיס; זי שאַפט רעפּרעזענטאַנץ־אנשטאַלטן; די פאַרשטייער קומען אין אוממיטלבאַרן באַריר איינער מיטן אַנדערן. זיי זיינען פאַראייניקט לאָקאַליש אין איין פאַרלאַמענט, אין איין קאָנגרעס, אין איין צוזאַמענפאָר.

די איבעריקע מיטגלידער פון סאָציאַלן אָרגאַנאַט זיינען אינגאַנצן ניט פאַרבונדן אָדער פאַרקניפּט אידעאָלאָגיש. אָבער די פאַרבינדונג איז ניט אַר־

גאַניזירט, ניט סיסטעמאַטיזירט, ניט דערהויבן געוואָרן צו אַן עיקרדיקן פּאָליטישן מעטאָד פאַר דער רעגולירונג פון פאַרהעלטענישן.

אַן קיין צווייפל, אַז די לאַגע קען אַזוי לאַנג ניט בלייבן. קעגן רעפּרע־זענטאַנץ, דעפּוטאַטעריי, קעגן אַט דעם מיטל פון געמיינזאַמונג, געמיינזאַמ־קייט־שאַפונג איז אַנגעשריבן אַ גאַנצע ליטעראַטור. מע האָט אַנטבלויזט אַלע פעלערן, אַלע מיסברויכונגען פון דעמדאָזיקן סיסטעם, דאָס זאָגט אונדז, אַז די צענטריפוגאַלע כוחות וועלן גובר זיין די צענטריפּעטאַלע און עס וועט קומען צו דעם פונאַנדערפאַל פון דער געזעלשאַפט. נאָך מער וואָס מיט דעם צואוואוקס פון דער באַפעלקערונג רוקט זיך אָפּ דער רעפּרעזענטאַנט פון דעם רעפּרעזענטירטן אַלץ ווייטער און ווייטער.

כדי צו פאַרפעסטיקן דאָס געמיינזאַמקייט־לעבן דאַרף מען געברויכן דעם אַלטן אויסגעפּרובירטן מיטל פון אוממיטלבאַרן קאָנטאַקט. מע דאַרף אויפקלייבן דאָס גאַנצע פאָלק, די גאַנצע מענטשהייט אין איין לאָקאַל, אין איין צענטראַלן־פונקט. אָבער אַזוי ווי פיזיאָלאָגיש קען עס ניט געטאָן ווערן, דאַרף עס געטאָן ווערן אַבסטראַקט, גייסטיק, פּסיכאָלאָגיש. מיר דאַרפן אויפ־קלייבן צוזאַמען די מענטשהייט ניט פיזיאָלאָגיש קאָנקרעט, נייערט גייסטיק אַבסטראַקט.

מיר דאַרפן צוזאַמענעמען, מיט דער כוונה פון צונויפהאַלטונג און דערוייטערונג פון ווידערשפּרוכן און צוזאַמענשטויסונגען, וואָס אַנטשטייען אויף דעם באָדן פון לייטונג און פאַרוואַלטונג, — ניט די מענטשן, ניט די פיזיאָלאָגישע סוביעקטן, נייערט די פּסיכאָלאָגישע. מיר דאַרפן צוזאַמענע־מען זייערע מיינונגען, זייערע באַשלוסן, זייערע ווילנסאויסערונגען.

אַזוי אַרום קערן מיר זיך אום צום אויסגעפּרובירטן מעטאָד־מיטל, אָבער גענומען אין אַ נייער פאָרם, אין אַ היינטצייטיקער געשטאַלט און מיט אַ קול־טורעלן ליכט באַלויכטן.

דער אוממיטלבאַרער באַריר פון דער מענטשהייט קומט פאַר קולטורעל, אויסטוישנדיק זיך מיט געדאַנקען, מיר פאַרבינדן זיך לאָגיש פּסיכאָלאָגיש; מיר שאַפן אַלגעמיין מענטשלעכע ווערטן און קומען אין אוממיטלבאַרן קאָנ־טאַקט גייסטיק.

דאָס אייגענע דאַרף פאָרקומען אין פּאָליטישן לעבן. די אוממיטלבאַרע באַטייליקונג דאַרף אָננעמען די פאָרם פון אַ שריפטלעכן פאַרלאַמענט, פון אַן עקרירמענט.

די עלעמענטן, די באַזונדערע אָפּגעטיילטע פאַקטן וואָס מיר געפינען אין דער היינטצייטיקער געזעלשאַפט, דאַרף מען פאַראַלגעמיינערן, סיסטע־מאַטיזירן. דער פּלעביסציט, רעפערענדום, אַנקעטעס דאַרפן צוזאַמענגענומען ווערן אַזוי אַז זיי זאָלן שאַפן אַ שטענדיקן אָרגאַן, וואָס זאָל דינען ווי אַ שטענדיקער אַנשטאַלט, וואוהין גייסטיק קומט זיך צוזאַמען די גאַנצע מענטש־הייט. דעם פּלאַץ פון די נאַציאָנאַלע אָפּגעזונדערטע פאַרלאַמענטן וועט פאַר־נעמען דער עקרירמענט, וואָס וועט זיין אוניווערסאַל, האָבנדיק זיינע אָפּטיי־לונגען איבעראַל און אומעטום.

אין גרויען אַלטערטום האָבן די פאַרוואַלטונגס־געווערקצייג געהערט צו דעם, וואָס האָט „געאַרבעט״, ד. ה. האָט זיך אויפגעפירט, געלעבט אין דער געמיינזאַמקייט.

קיין פאַרוואַלטונגס־אַנשטאַלטן האָבן ניט עקזיסטירט; אָנפירערשאַפט איז ניט געווען לאָקאַליזירט, ניט געווען ספּעציאַליזירט; זי איז געווען צע־שפּרייט איבערן גאַנצן שטח, לעבנסרוים, וואָס ס׳האָט פאַרנומען אַ באַשטימ׳טע פאַמיליע, שטאַם. קיין באַזונדערע ספּעציעלע רעגירונגס־איינריכטונגען זיינען ניט געווען און מע האָט זיי ניט געדאַרפט האָבן.

און די פאַרוואַלטונגס־געצייג זיינען געווען פּרימיטיוו.

די פאַרוואַלטונגס־געצייג האָבן באַלאַנגט אין יענעם פּעריאָד צו דעם שטאַם, צו דער משפחה, הויזגעזינט, האָרדע, וואָרעם זי אַלס אַ גאַנצע האָט אויסגעאַרבעט, האָט געשאַפן אירע הנהגות, אירע מנהגים. דער גאַנצער אויפפיר איז געווען אַ שטייגערישער און דעמאָלט זיינען די מנהגים, די זיטן, די שטייגערס גאָר ניט געווען קיין פאַרוואַלטונגס־געצייג, נייערט אַרויסהילף־מיטלען פאַר דעם אויפפיר, פאַר דער האַנדלונג.

מער ווי דאָס. דאָס איז כמעט ווי גאָרניט געווען קיין געצייג. ביזן אויפ־קום פון מנהג איז געווען בלויז אַן אינסטינקט. דער מנהג איז אַ פּרימיטיוו געצייג ניט פון פאַרוואַלטונג, נייערט פון האַנדלונג, ער איז אַזוי פּשוט, אַז ער באַשטייט פון זעלביקן שטאָף ווי דער אויפפיר, ווי אַן אַקט פון הנהגה, ער איז אַזוי צו זאָגן אַ האַנדלונגס־אַקט, וואָס האָט זיך אָפּגעגאָסן אין דעם פורעם פון זכרון און ער האָט געדינט ווי אַן אַרויסהעלף־מיטל, ווען עס איז געקומען צום דורכזעצן אַן ענלעכן אַקט פון האַנדלונג. אַן אָנגעאייגנטע גע־וואוינהייט איז אַ הילפסמיטל פון אויפפיר.

עס איז דאָך ניט דער מנהג, די האַנדלונג, די שוין דורכגעזעצטע, וואָס אַרבעט, ווירקט; זי איז דאָך שוין ניטאָ; וואָס ס׳איז געבליבן איז אַ זכר, אַ געדעכעניש, אַ שפּור אין זכרון, אַ באַוואוסטזיין וועגן עפּעס, וואָס איז געטאָן געוואָרן. אָט־דאָס באַוואוסטזיין וועגן דאָס דורכגעזעצטע ווערט אַ פּסיכאָ־לאָגיש־סאָציאָלאָגיש געווערקצייג פון אויפפיר.

ווען דער מנהג גייט אַריבער אין אַ נאָרם, די נאָרם ווערט פּערפעקטירט, פאַרפולקומענט, גייט אַריבער אין אַן אָנזאָג מינדלעך אָדער שריפטלעך, אין אַ געבאָט, דעמאָלט דערווייטערט זי זיך פון אויפפיר, זי טיילט זיך אַרויס אין אַ באַזונדער צווייג פון טעטיקייט; זי ווערט ניט געשאַפן פון דעם, וואָס פירט זיך אַליין אויף און גיט אַ ביישפּיל מיט זיין האַנדלונג, נייערט פון אַ ספּעציאַליסט, פון אַ מומחה, אַ כוהן, אַ געזעצגעבער, אַ לעגיסט, אַ גלאָסאַ־טאָר, אַ הויפּט פון דער פאַמיליע. דעמאָלט ווערט די נאָרם, וואָס איז געווען אַן אויפפיר־געצייג, אַן אַרויסהעלפערן פון האַנדלונגען, פון טועכצן, אַן אַרויס־העלפערן אין דערגרייכן צוועקמעסיקייט — אַ פאַרוואַלטונגס־געצייג. וואָרעם דער אויפפיר, די סאָציאָלאָגישע הנהגה, געמיינזאַמקייטלעכע „אַרבעט״, טואיקייט, פונקציאָנירונג, גייט אַריבער אין פאַרוואַלטונג, אין אָנפירונג, אין סאָציאָלאָגישער אַרבעט, אין סאָציאַל־„פּראָדוקציע״.

צום אָנפאַנג נעמט די נאָרם אַרום יעדן אויפפיר, יעדע האַנדלונג, זי דינט אים ווי אַ דערלייכטערונגס־מיטל, זי פירט דעם האַנדלענדיקן סוביעקט אויפן וועג פון כוחות־איינשפּאָר, פון אַ מינימאַלער פאַרשווענדונג און מאַקסימאַלער דערגרייכונג.

נאָכדעם אָבער, ווען זי הערט אויף צו זיין אַן אויפפיר־נאָרם, נייערט ווערט אַ פאַרוואַלטונגס־נאָרם, גייט זי אַריבער אין איר קעגנזאַץ; זי פירט דעם האַנדלענדיקן סוביעקט אויפן וועג פון מאַקסימאַלער פאַרשווענדונג און מינימאַלער דערגרייכונג פאַר זיך, וואָרעם דער גרעסטער טייל פון די דער־גרייכונגען פאַלט אַריין אין די הענט פון די פאַרוואַלטער, פירער, באַהער־שער פון די געזוערקצייג; די פאַרשריפטלער פון נאָרמען, געזעצגעבער. זיי אַלע געהערן צו די אָרגאַניזאַטאָרן.

די פאַרוואַלטונגס־געצייג באַלאַנגען צו דעם פאַרוואַלטער; מיט זייער הילף „אַרבעט" ער, אָפּערירט ער; ער באַאַרבעט מענטשן, ער אָרגאַניזירט זיי.

עס קומט אויף אַ קלאַס פון פאַרוואַלטער, פירער, הערשער, באַהערשער פון די פאַרוואַלטונגס־געצייג. נאָך אַ טראַט, און עס ווערט געשאַפן אַ ספּע־ציעלער אנשטאַלט, וואו עס ווערט אויסגעאַרבעט, פאַבריצירט די פאַרוואַל־טונגס־ווערקצייג, דאָס הייסט עס ווערט געשאַפן אַ לעגיסלאַטור.

עס ווערט געשאַפן אַ גאַנצע נעץ פון פאַרוואַלטונגס־אינסטיטוציעס. סאָציאַלאָגישע פּראָדוקציע גייט אַריבער צו אינדוסטריע, צו דער מאַשינען־פּראָדוקציע. פאַר אונדזערע אויגן באַוויייזט זיך פּאָליטיק, נאָרמירטע פאַר־וואַלטונג.

די אַדמיניסטראַציע ריכטעט זיך לויט די נאָרמעס, וואָס ווערן אויסגע־אַרבעט אין די געזעצגעבערישע אנשטאַלטן.

די, וואָס אַרבעטן אויס די פאַרוואַלטונגס־נאָרמען, זיינען אַליין גאָרניט קיין פאַרוואַלטער. און דאָ ווי אומעטום צייגט זיך אַרויס אַ צעטיילונג אויף אַרבעטער און אויף אַפּראָפּריאירער אין זכות פון זייער אָרגאַניזאַציאָנעלן איבערשטייג.

נאָרמען ווערן אויסגעאַרבעט; אייניקע שאַפן די מאַשינען, אַנדערע שאַפן זיך זיי איין און לאָזן זיי גיין אַ גאַנג.

עס פירן ניט די געזעצגעבער, דאָס הייסט דער פירער באַטייליקט זיך ניט אין דער אויסאַרבעטונג פון דער נאָרם, זי גייט אַריין אין קראַפט, זי ווערט אָנגעווענדט אין לייטונג ערשט נאָכדעם ווי דער פירער האָט זי גוטגע־הייסן; ער באַשטעטיקט זי מיט זיין אונטערשריפט.

עס דערגייט צו דעם, אַז אַלץ ווערט ספּעציאַליזירט צו די קלענסטע איינצלהייטן. און דער פּאַקטישער געזעצגעבער איז ניט דער יורידישער גע־זעצגעבער, וואָרעם דער לעצטער איז בלויז אַ מומחה.

דעמאָלט קומט די צייט אומצושטירצן דעם „פונקציאָנירנדיקן" געזעצ־געבער; עס שאַפט זיך אַ לערע מכוח דעמאָקראַטיע.

אָבער דאָ שטעלט מען זיך ניט אָפּ. מע וועט זיך ניט אָפּשטעלן ביז דער נאָרמירער וועט זיך ניט צוזאַמענבאַהעפטן אין איין פּערזאָן מיט דעם האַנד־

לענדיקן סוביעקט און די פּאַרוואַלטונגס־געצייג וועלן ווערן אַ קנין הכלל, הגם זייער אויסאַרבעטונג וועט ווערן אַלץ מער קוואַליפיצירט און ספּעציאַליזירט. זיי וועלן באַלאַנגען צו אַלע האַנדלענדיקע סוביעקטן, צו אַלע מיטגלידער פון דער געמיינזאַמקייט. די פּאַרוואַלטונגס־געצייג דאַרפן ווערן אוניווערסאַליזירט און אינטעראינדיווידואַליזירט.

פון דעם געזאָגטן פאַלגט ניט, אַז די אויסאַרבעטונג פון אַט־די פּאַרוואַלטונגס־געצייג, אַן אַרבעט וואָס פאָדערט אַ טיפן באַנעם פון דער געמיינזאַמקייט־איינאָרדענונג, דאַרף ווערן צוגענגלעך צו אַלעמען און אַז אַלע דאַרפן ווערן גרויסע יוריסטן. דאָס ניט. פון דעם פאַלגט ניט, אַז אַלע דאַרפן ווערן פּאַרוואַלטער; פון דעם פאַלגט, אַז די געמיינזאַמקייט אין דער געשטאַלט פון אַלע אירע מיטגלידער דאַרף אַט די פאַרשריפטן, די נאָרמעס קאָנטראָלירן און סאַנקציאָנירן, און דאָס קען געטאָן ווערן דורך דעם אַנשטאַלט, וואָס מיר רופן עקרירמענט.

XXIV

ליעוו טשאַרני — דער שוואַרצער לייב (1875-1921)

פּאַוול דמיטראָוויטש טורטשאַנינאָוו, אָדער דער רוסישער ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער

איך האָב אָנגעשריבן דאָס קאַפּל — און דאָס איז גענוג, איבערגענוג.

עס קוקן אויף מיר זיינע טיפע שוואַרצע אויגן, טיף אין טרויער, עפּעס אַ מין וועלטשמערץ האָט אין זיי זיך געטובלט און געטונקט.

אויגן זיינען עדות, פענצטער פון דער נשמה.

און די אויגן פון ליעוו טשאַרני זיינען געווען אַ גאַנצע מגלת־יוחסין פאַר זיין גייסטיקן לעבן.

אַזעלכע אויגן קען מען טרעפן אין פּאָרטרעטן, געמעלן פון אַרטיסטן בקדושה וטהרה, ווען זיי האָבן געוואָלט פאַראייביקן אַ געטלעך־הייליקע פאַרזענלעכקייט; אין אַ גאַלעריע פון איקאָנעס קענט איר זיי באַגעגענען.

אָט קוקן אויף מיר זיינע אויגן — און זיי שטראַלן אַרויס ליכט, קלוגשאַפט און איינגעגלויבטקייט אין מענטשן און אין זיין גרויסער צוקונפט, און זיי וואַרפן באותה שעה טיפע שאָטנס פון האַרצגעבראָכנקייט און אומעט און פאַרדרוס איבער דעם מענטשלעכן טרויעריקן שיקזאַל אין היינטיקן טאָג.

איך ווייס ניט, צי איר וועט מסכים זיין מיט מיר, אָבער מיין באַאָבאַכטן אַ מענטשן הייבט זיך אָן און ענדיקט זיך מיטן אויספאָרש און אויסמעסט און אָפּשאַץ פון די אויגן; דאָס איבעריקע גיט זיך צו, לייגט זיך ביי, בכדי צו פאַרגאַנצן דאָס בילד, אָבער בעצם איז עס לאו דווקא.

און ווען איך רייד אַרויס דעם נאָמען ליעוו טשאַרני, זע איך קודם־כל

זיינע צוויי אויגן, און אין זיינע אויגן זע איך אים. יאָ, בפועל־ממש אין זיי־נע אויגן.

נאָך אַלע דעות איז ער געווען אומגעוויינלעך שיין, אין די יונגע יאָרן איז ער געווען אומווידערשטעגדלעך. אַ הויכע שלאַנקע פיגור. אַ טיפער ברו־נעט, כמעט אויסגעזען ווי אַ ייד.

ווען איך האָב אים געקענט, איז ער שוין געווען אַביסל איינגעהויקערט אין רוקן. דער קאָפּ האָט געכאַפּט זיך גרויען און איך האָב זיך געוויצלט:

איאָ, „שוואַרצער לייב״? איר זייט געוואָרן אַ „גרויער לייב״.

אָבער אויך דעמאָלט האָט ער נאָך איינגעהאַלטן אַלע סימנים פון זיין אַמאָליקער שיינקייט, און אפשר פאַרקערט, שענער געוואָרן, גייסטיקער אויסגעזען.

ווען אים זיינען דאָ אָן אַ שיער לעגענדעס־אויסטראַכטענישן.

„די לעצטע נייס״ אין פּאַריז, רעדאַקטירט פון מיליוקאָוו, האָט אַמאָל אָפּגעדרוקט אונדזערע ביאָגראַפיעס. „אונדזערע״ מיינט דאָ ליעוו טשאַרניס, מיינע און פון נאָך אַ חבר. כדרך־הטבע זיינען זיי פול מיט פאַנטאַזיע־שטאָף.

ווען אים דערציילן זיי ליבע־מעשיות, וועגן אַ קאַווקאַזער פּרינצעסן, וואָס האָט זיך פאַרליבט אין אים. נאָך אַנדערער ניט־געשטויגענער און ניט־געפלויגענער מאַטעריאַל, וואָס וועבט זיך אויף דער קאַנווע פון סעקסוע־לער פאַרקאָכעניש, געפינט זיך דאָרט.

אָבער איין זאַך קען מען אַרויסלערנען פון אָט דער שרייבעכץ:

ליעוו טשאַרני איז געווען צו שיין, אַז זיין ביאָגראַפיע זאָל ניט „באַ־פּוצט״ און באַשמירט ווערן מיט ווילדע אויסגעטראַכטע „ציגיינערישע״ אָדער קאַווקאַזישע ראָמאַנסן.

אַ שמייכל האָט אַלעמאָל געשוועבט אויף זיינע אָפּגעטאַקטע ליפּן. און דער שמייכל איז געווען עפּעס אַ מין אַלץ־פאַרגעבן, און אַן אַוועקמאַך פון די הבלי־עולם־הזה.

דער שמייכל פלעגט עפּעס ווי זאָגן — עס אַרט מיך יאָ אַביסל, אָבער עס אַרט מיך פאָרט ניט, ווייל בעצם בין איך ניט פון דער וועלט אָדער פון דער אָרדענונג, וואָס הערשט דאָ.

און אַ גרויסע גוטסקייט און באַרעמהאַרציקייט איז געווען אויסגעגאָסן אויף זיין געזיכט און אַריינגעקריצט אין יעדן שטריך פון זיין פיזיאָגנאָמיע און אין יעדן ריר פון זיינע גלידער, און אַ ליבשאַפט צו אַלץ, וואָס לעבט און אָטעמט און באַוועגט זיך: אמתע ליבע, ניט קיין טעאָרעטישע און אויסגע־מאַטערטע, צו אַלע, וואָס זיינען באַשאַפן געוואָרן אין דער געשטאַלט פון אַ לעבעדיק ווזען — דאָס איז געווען דער עצם שטאָף, פון וועלכע עס איז גע־וועבט געוואָרן זיין נשמה.

אַלע ווייסן עס, און ניטשע האָט עס אַרויסגעזאָגט שאַרף, ווי זיין שטיי־גער איז געווען:

מיר האָבן האָלט „דעם ווייטן״ און פיינט „דעם נאָענטן״.

אָדער ווי דאָסטאָיעווסקי האָט געשילדערט:

די ליבשאַפט צו דער מענטשהייט, געגומען אַבסטראַקט, ציט פונקט־אין־פונקט מיט דער פיינטשאַפט צום מענטשן, צום לעבעדיקן מענטשן מיט זיינע שוואַכקייטן, חסרונות און פאַרדאַרבנקייטן.

און דאָס איז נאַטירלעך. מענטשן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט קריטיקירן געזעלשאַפטלעכע סדרים, אינסטיטוציעס, מוזן אַנטוויקלען אין זיך אַ מין שנאה, אַ פאַרנישטונגס־גיפט, וואָס פאַרסמט קודם־כל זיי אַליין און שפּרייט זיך ווי אַ שווערער וואָלקן אַרום זיי, אין זייערע ד׳ אמות.

ווען די וועלט געפעלט ניט, די אָרדענונג געפעלט ניט — און מ׳דאַרף זיי באַקעמפן, מוז מען באַקעמפן די מענטשן, די קלאַסן, די סאָציאַלע גרופּן, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט די סאָציאַלע אַנשטאַלטן, אויף וועלכע איר פירט אַן אייער אַטאַקע.

ליעוו טשאַרני איז אויך אין דעם געווען אַ גליקלעכער אויסנאַם. ער האָט זיך ניט געקענט „קריגן", ער האָט ניט געקענט מעיז זיין.

אמת, אין שרייבן, אין זיינע ווערק, קענט איר געפינען שורות פון אַראָפּ־רייסן אַמאָל אַן אויטאָריטעט און מבטל זיין גאַנצע הונדערט־פּראָצענט. ער האָט עס קיינמאָל אָבער ניט געטאָן אין ריידן.

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן ווי ער פלעגט מיך אָפּאַנירן:

„חבר גאָרדין האָט געזאָגט..." און זיין שטימע בעט אויס זיידנס און סאַמעט, און זיין שמייכל איז איין האַרציקייט און איינשטימיקייט.

ער האָט ניט געקענט עפּעס אַנטקעגן זאָגן, פשוט צוליב זיין גוטסקייט.

ער איז געווען די אמתע פאַרקערפּערונג פון טאָלסטאָיס סיסטעם, אָדער פון עוואַנגעליום ווי אויסגעטייטשט פון טאָלסטאָיען אַלס אַלץ־פאַרגעבן, אַלץ מוחל זיין, ווייל, אין תוך קוקנדיק, איז ניטאָ קיין זינד און עס איז ניטאָ וואָס צו פאַרגעבן.

נאַטירלעך, איך מיין עס ניט צוצושרייבן צו זיין וועלט־אַנקוק.

אין זיינע ווערק איז ער אַ רעאַליסט, און אַפילו, אויב איר ווילט, אַ מאַטעריאַליסט. אָבער ער אַלס אַ פּערזאָן איז געווען דער היפוך פון דעם אַלעמען. ער איז געווען אינגאַנצן אַ שטיק רוחניות, וואָס עפּעס על־פּי אַ גראָבן און אומפאַרגעבלעכן טעות האָט ער זיך אַנגעטאָן אין פלייש און בלוט און אָנגענומען די צורה פון אַ היוכן שיינעם מאַן, וועלכער, אויסזעענדיק ווי אַ ייד, צוליב זיין ברונעטישקייט, איז געווען, לויט אָפּשטאַמונג, אַ ריינער סלאַוו.

און די ראַם, אין וועלכער זיין פאָרטרעט איז געווען אַריינגעפּאַסט — אַן אַלטע מוטער, וואָס האָט אים האַלט געהאַט ווי אַ גינציקע מוטער קען, און האָט זיך געניאַנטשעט מיט אים ווי מיט אַ קליין קינד.

און ער אין איר אַנוועזנהייט איז געווען פול ביזן קאָפּ מיט כבוד אם.

זי, די מוטער, ווען איר פלעגט זי באַגעגענען, האָט ניט אויפגעהערט צו טראָגן זיין נאָמען אויף אירע האַלב־פאַרשרומפּענע ליפּן: פּאַוול, מיין פּאַוול... און דאָס איינז־ליביקע וואָרט איז געווען אַ גאַנצער הימל פול מיט שטערן פון ליבע, מוטערליבע.

און אַ שוועסטער ייִנגער פון אים, מיט אַ קליין קינד אויף די אָרעמס.

די שוועסטער, אַ באַגאַבטע געבילדעטע פרוי, אָבער אויף יענער זייט פון געזונטן פאַרשטאַנד. זי האָט, פשוט, אַריבערגעטראָטן די גרענעץ פון מענטשלעכן טראַכטן, און זיך געלאָזט גיין און אַראָפּ פון וועג, ווי פאַרבלאָנדזשעט.

און ליעוו האָט פיגורירט אַלס ברויטגעבער און די גאַנצע משא איז געלעגן אויף זיינע פּלייצעס. און ער האָט עס געטראָגן מיט זיין שמייכל. קיינמאָל זיך ניט באַקלאָגט, קיינמאָל פון אים אַ וואָרט ניט געהערט.

ער האָט געהונגערט און זיי אָוועקגעגעבן דעם לעצטן ביסן פון מויל.

ווען ער האָט געהאַט אַ פרייע מינוט, האָט ער זיך געשפּילט מיט דעם קליינעם עופעלע, וואָס ניט אַלעמאָל איז עס געווען שטיל. ווי אַלע קינדער פלעגט עס וויינען, שרייען, גוואַלדעווען, אַז מ׳האָט געמוזט פון שטוב אַנטלויפן. אָבער ליעוו איז געזעסן פול מיט סבלנות און אַריינגעקוקט אין אַ בוך, ווי ניט זיינע אויערן מיינט מען עס.

אונדזער ערשטע באַקאַנטשאַפט איז געשלאָסן געוואָרן אין שאָטן פון דענקמאָל פון גאַגאָלן, ביים אַריינגאַנג אין פּרעטשיסטענסקי בולוואַר.

ליעוו איז געווען נאָך פריש פון עמיגראַציע, פון פּאַריז. דאָרטן איז ער געווען אַ שאָפער. אַרומגעפאָרן און אַרומגעפירט פּאַסאַזשירן איבער פּאַריזער פריילעכע גאַסן. און ווי ער האָט שמייכלענדיק צוגעגעבן: גוט פאַרדינט.

געקומען צוריק, האָט ער געפונען אַ נייע רוסלאַנד און אַ ניי לעבן. און פּאַס זיך צו צוריק. אָפּגעריסן איז אָפּגעריסן, און דאָס לעבן הייבט זיך אָן פונדאָסניי.

מיר האָבן געהאַט בדעה אים איינצולאָדן אַלס סעקרעטאַר פון דער פעדעראַציע, און ער איז באמת געווען זייער אַ פּאַסיקע פיגור פאַר דעם, אָבער נאָר אין אָנהייב.

אין וואָס איז באַשטאַנען די אַרבעט פון סעקרעטאַר אין יענער צייט? צו שרייבן בריוו, צו האָבן אָן אויג אויפן פאַרלאַג. און דאָס איז געווען ווי אָנגעמאָסטן פאַר ליעוו טשאַרני.

אָבער די צייט האָט זיך גערוקט און די פעדעראַציע איז אויסגעוואַקסן, געוואָרן אַ קראַפט, מיט וועלכער מ׳האָט זיך געמוזט רעכענען. און דאַן — האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אונדזער אויסקלייב איז געווען אַ פעטאַלער.

ליעוו טשאַרני איז געווען דער מענטש פון בוך, פון געשריבענעם און געדרוקטן וואָרט.

ער האָט געלעבט אין ספר — און דאָס לעבן, ווען עס האָט געברויזט און געקאָכט, ווי דער לעבנס־ים וואָלט וועלן אַ צווייטן לעבנס־ים געבוירן, איז געווען אים פרעמד. ער האָט עס אַלץ תופס געווען אַלס טעאָרעטיקער, אַלס אַ סכעמע, אָבער ניט אַלס שטיקער און שטיקלעך פון לעבן, וואו ניט טעאָריעס, נאָר לעבעדיקע ברואים לעבן, האַנדלען און פירן זיך אויף, האָבנדיק אין זינען ממשותדיקע תכליתים.

און אַפילו אין אונדזער אייגענער חברשער סביבה האָבן זיך געשאַפן

לעגענדעס וועגן ליעוו טשאַרנין. לעגענדעס, וואָס האָבן אפשר געליטן פון הגזמה, זיינען זיי אָבער געווען דער אָפשפיגל פון ליעווס כאַראַקטער אין זיין באַציאונג צו מענטשן און אוממענטשן.

אין יענער צייט פון נאָך־אָקטאָבער איז אַרויפגעשוואומען באַנדיטיזם און האָט אָנגענומען מבהילדיקע פאַרמעס. אַלע ווייסן, אַז עס איז פאַראַנען אַן אונטערוועלט. ווען די דעכער קריכן צום הימל, לאָזן זיך אַראָפּ די קעלערן צום אָפּגרונט. מענטשן ווי זיי זיינען — זיינען פאַרשיידן.

אַ געזעלשאַפט האָט יחידים צדיקים און יחידים פאַרברעכער. די לעצ־טע זיינען די קרבנות פון דעם לעבן, דעם בעל־מום.

אַ צעהרגעט לעבן שאַפט צעבראָכענע, צעדרייטע נשמות, פאַרברעכע־רישע נאַטורן און אומפאַרטרעגלעכע אומשטענדן, וועלכע טרייבן דעם מענטשן צום פאַרברעכן.

ווען אַלץ גייט כשורה, פאַרבאַהאַלט אונדזער געזעלשאַפט די פלעקן פון איר צעקנייטשטן פנים אונטער אַ דיקן שלייער, באַדעקט זיי מיט פודרע, פאַרפאַרבט, פאַרשמירט זיי — און מאַכט זיך ניט־וויסנדיק פון דעם אַלעם. און דער עיקר, האַלט אויך אַ גאַנצע אַרמיי פון מענטשן, וואָס זיינען גרייט און פירן טאָקע אַן אַ מלחמה מיט דעם „אינעווייניקסטן" שונא, דעם פאַר־ברעכער, דעם קרימינאַל, וועמענס זינד באַשטייט ס'רוב אין דעם, וואָס ער קען ניט זיין קיין גזלן על־פי־דין, לויטן געזעץ נאָך; קען ניט זיין קיין גנב לויטן געזעץ נאָך. ד. ה. איז ניט בכוח אַרויסצוגעבן אַ געזעץ, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו זיינע פאַרברעכערישע נטיות; מיט דעם טיפּ „פאַרברעכער" האַלט די „אָרנטלעכע" געזעלשאַפט כסדר אין איין קעמפן.

אין אָנהייב פון דער רעוואָלוציע איז די באַגייסטערונג פאַר די נייע פאַרמען פון לעבן געווען אַזוי גרויס, אַז אַפילו די „ריטער פון דער שוואַר־צער נאַכט" (אַ „בורעוויעסטניק"־אויסדרוק) זיינען געוואָרען בעלי־תשובות, בענומען גלויבן אין די גרויסע מעגלעכקייטן, וועלכע האָבן זיך געעפנט אין רוסלאַנד און צוגעזאָגט צו נעמען פירן אַן אַנשטענדיקן און פראָדוקטיוון אָרט לעבן.

די באַגייסטערונג איז אָפּגעקילט געוואָרן, די הויכע שטימונג איז אַראָפּגעפאַלן מיט דעם ערשטן שוים פון די רעוואָלוציאָנערע פּראָזן, וועלכע זיינען ווייט געווען פון גרויסע אויפטועניש.

ווייטער: דער בראָך פון די אַלטע פאַרמעס פון לעבן האָט געמוזט באַ־טייטן אַ פאַרערגערונג פון די באַדינגונגען אין צוויי הינזיכטן: עס איז שווע־רער געוואָרן צו „מאַכן אַ לעבן" אָרנטלעך און עס איז גרינגער געוואָרן צו „מאַכן אַ לעבן", און מער, אָנקלייבן רייכטימער דורך „מאַכן יענעם אַ טויט", דורך ראַבירן וכדומה מעשים תעתועים.

וואָס עס זאָל ניט זיין די סיבה פון באַנדיטיזם, אָבער דאָס איז אַ פאַקט, אַז די כוואַליעס פון פאַרברעכן האָבן זיך געהויבן אַזוי הויך, אַז עס האָט זיך אָפּגעדוכט, אַז זיי וועלן פאַרפלייצן ווי אַ מבול דאָס גאַנצע בירגערלע־כע לעבן.

אַ דערשיינונג וואָס איז אַזוי ווייניק אויסגעפּאָרשט און באַלויכטן געוואָרן פון פאַרשיידענע טעאָרעטיקער פון רעוואָלוציע.

דאָס נייע לעבן איז געווען ניט אָרגאַניזירט; דאָס אַלטע לעבן צעבראָכן און צעשטאָכן, און אין מיטן האָט זיך אַריינגעכאַפּט דער באַנדיט, ניט דער אַלטער פּראָפעסיאָנעלער, נאָר דער נייער, וואָס איז צוגעצויגן געוואָרן דורך דער גרינגקייט פון באַגיין אַ פאַרברעכן און אָפּקומען מיט גאָרניט.

און עס איז כמעט געוואָרן אַ „מאָדע" אין יענע חדשים פון ווינטער „אַראָפּצונעמען פעלצלעך".

קאַוואַליערן פלעגן באַגלייטן פריילינס, אויב יענע האָבן געהאַט פעלצלעך אויף די פּלייצעס, באַגלייטן זיי זייער העפלעך ביזן הויז, וואו זיי האָבן געוואוינט, אָדער וואוהין זיי זיינען געגאַנגען, און דאַן, האָבנדיק געבראַכט זיי צו אָן אָרט, וואו דער פעלץ איז ניט נייטיק מער, ד. ה. מ'קען זיך ניט צוקילן אָן אים, פלעגן זיי עס, דאָס פעלצל, אַראָפּנעמען אַזוי עלעגאַנטיש, ווי אַ קאַוואַליער העלפט זיך אויסטאָן דער „דאַמע פון זיין האַרצן"...

עס איז געווען אַ פעלצלעך־מגפה. נאָך־פינצטער־ווערן פלעגן די פעלצן מורא האָבן זיך צו באַווייזן אין די גאַסן.

אָבער דאָס אַלץ דערצייל איך דאָ דרך־אגב. איך וויל אָפּכאַראַקטעריזירן ליעוון און זיין מלמד־זכות זיין אויף מענטשן אָן אויסנאַם, אָן קאַטעגאָריעס.

ווען די פראַגע וועגן די פעלצלעך איז באַשמועסט געוואָרן אין דער פעדעראַציע, און ליעוו איז געווען דערביי — אגב, איז ער ס'רוב אַרומגעגאַנגען אין די קאַלטע חדשים פון מאָסקווער ווינטער אין אַ זעלנערישן שינעל — האָט ער מיט גרויס תמימות באַמערקט:

— וואָס איז דער וואונדער, מענטשן קענען דאָך ניט אַרומגיין אין האַרבסט־מאַנטלען אין אַזעלכע פרעסט.

— ליעוו, — ווענדט־איין דער דערציילער, — זיי נעמען אַראָפּ די פעלצן און טוען זיי אַליין ניט אָן, נאָר פאַרקויפן זיי אויף סוכאַרעווקע.

— מ'קען זיך דאָך ניט באַגיין ביי היינטיקע צייטן אינגאַנצן אָן געלט — פאַרענטפערט זיי ווייטער ליעוו טשאַרני, וועלכער האָט זיך בשום אופן ניט געקענט פאַרשלומען מיטן געדאַנק, אַז עס זיינען דאָ פאַרברעכער און פאַרברעכן.

— ליעוו — טענהט ווייטער דער פאַרעקשנטער חבר — וואָס טוען זיי דען מיטן געלט? זיי פאַרשפּילן עס אין קאָרטן.

— אַ מענטש קען ניט זיין אַלעמאָל ערנסט, ער מוז זיך צייטנווייז פאַרווײלן — געפינט ווייטער אַ זכות ליעוו טשאַרני. און דאָס אַלץ מיט היילי־קער נאַאיוויטעט פון אַ קינד.

בכלל האָט ליעוו ניט געקענט זאָגן אַ שלעכט וואָרט, אַ באַשולדיקונג וועגן אַ מענטשן.

די חברים, קומענדיק צו מיר אין שפּיטאָל, האָבן ניט אויפגעהערט צו דערציילן און אָפּמאָלן ליעווס באַציאונג צו די „פעלצלעך־כאַפּערס".

באַזוכנדיק מיך, האָב איך אים געפרעגט:

— טייערער ליעוו, איז טאַקע אמת די מעשה מיט די פּעלצלעך?

און איך האָב אים איבערדערציילט די גאַנצע זאַך אות־באות אין זיין לשון.

ער האָט אַראָפּגעלאָזט זיינע טיפע אויגן און זיך טיף פאַרטראַכט.

איך בין זיכער געווען, אַז דאָס איז אמת, ווייל דאָס איז געווען אַ שטיק פון זיין מהות.

ער האָט מסתמא געטראַכט:

הגם מיר זיינען אַנאַרכיסטן, זיינען מיר אָבער „מאָדנע" מענטשן.

און ער איז געווען גערעכט.

ער האָט פאַרגעשטעלט דעם צוקונפט־מענטש מיט זיין געפינען זיך אויף יענער זייט פון טוגנט און פאַרברעכן. פאַר ליעוון זיינען די תחומים געווען אָפּגעמעקט; די צוויי קאַטעגאָריעס האָבן פאַר אים ניט עקזיסטירט.

ווי אַ גאָט קען ניט זינדיקן, אַזוי האָט אַ מענטש ניט געקענט זיין אַ בעל־עבירה אין זיין פּילן, אַזוי גוט ווי אין פאַרשטיין.

אַלע זיינען ביי אים אַלעמאָל געווען גערעכט, אַפילו זיינע קעגנער.

ער איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענער כנגד פון קאָמוניזם בכלל און פון מלוכהשן קאָמוניזם בפרט. און פונדעסטוועגן האָט ער ניט אָנגעשריבן קיין איין אַרטיקל קעגן די באָלשעוויקעס. פאַרקערט, לייענענדיק מיינע לייט־אַר־טיקלען אָפּגעדרוקטערהייט, פלעגט ער מיר אָפט שמייכלענדיק זאָגן:

— דענקט איר ניט, חבר גאָרדין, אַז איר זייט אַביסל צו־שאַרף קעגן זיי? פאַרט חברים און רעוואָלוציאָנערן.

אַז די באָלשעוויקעס האָבן אים אַריינגעזעצט און אָפּגעהאַלטן אַ קאָרג יאָר אין תפיסה, איז ער אַרויס פון דאָרטן מיט אַ ניי דערפונדענעם שפּיל פאַר קינדער, וואָס ער האָט אויסגעטראַכט און קאָנסטרוקטירט דאָרטן זיצנדיק.

איך האָב ליעוו טשאָרנין פיל מאָל געוואָרנט און איינגעטענהט מיט אים, אַז ער זאָל זיך היטן.

— ליעוו, די גוטע צייטן זיינען אַוועק; איר זייט אַרומגערינגלט מיט פּערזאָנען, וואָס ווילן אייך אַריינשלעפּן אין אַ צרה.

ליעווס ענטפער איז געווען זיין שמייכל, זיין גוטמוטיקער שמייכל.

איך האָב אים דערהויפּט געוואָרנט קעגן דעם חברה־מאַן שטיינער (קאַ־מענני). איך האָב אים געזאָגט, אַז איך האָב אויף שטיינערן אַ חשד, און איך נאַר זיך ניט אָפּ אין מיינע חשדים.

— קאַמעראַד גאָרדין, ער איז אַ וואוילער מענטש, ער העלפט מיר אַרויס; ער וועט פאַר מיר טאָן זייער פיל.

איין דאגה האָט ניט פאַרלאָזן ליעוון: וואו נעמט מען געלטמיטלען צו פאַרעפנטלעכן זיינע חיבורים. דער געדאַנק האָט אים ניט געלאָזן צורו. ווייל זיין ווערק „סאָציאָמעטריע" איז געווען אָפּגעדרוקט אין 1906, און ער איז נאָך דעמאָלט געווען זייער יונג, אינגאַנצן איינאונדרייסיק יאָר. און די לעצטע חיבורים זיינע, וועלכע זיינען געווען רייפער און דורכגעטראַכטער, זיינען ניט געדרוקט געווען.

שטיינער האָט אים צוגעזאָגט באַהילפיק צו זיין אין דעם, צו לייזן זיין הויפּטפּראָבלעם. און ליעוו האָט אים געגלייבט. ער האָט אַלעמען געגלייבט. ער האָט זיך גאָרניט געקענט פאָרשטעלן, אַז אַ מענטש, וואָס שפּילט די ראָלע פון אַ פריינט, זאָל גאָר זאָגן ליגן, אָפּנאַרן, פּראָוואָצירן נידערטרעכטיק.

אין 1921 האָט די טשעקאַ אַרעסטירט ליעוון צום צווייטן מאָל.

דערוויסנדיק זיך וועגן זיין אַרעסט בין איך אַוועק צו דזשערדזשינסקין און אים געפרעגט:

— ס'טייטש, וואָס האַלט איר אַזאַ מענטשן אין געפענגעניש? ווייסט איר דען ניט, אַז ער איז צופיל טעאָרעטיקער צו זיין פּראַקטיש־פּאָליטיש טעטיק? ווילט איר קרייציקן קריסטוסן אַ צווייטן מאָל?

האָט דזשערדזשינסקי געענטפערט: מיר ווייסן; מיר האַלטן אים דערפאַר, ווייל ער איז אַרומגערינגלט מיט מענטשן, וועלכע מיר האַלטן פאַר שעדלעך.

נאָך אַזאַ ענטפער האָב איך מער גאָרניט געזאָגט; איך בין געווען זיכער, אַז מ'וועט אים האַלטן אין געפענגעניש אַ קורצע צייט — און אים אַרויסלאָזן.

אַזוי, הפּנים, האָבן אַלע געטראַכט. ווייל ק יי נ ע ר האָט זיך פאַר ליעוון ניט איינגעשטעלט. קיינער, מיין איך, פון די לעגאַל־זשיפנדיקע גרופּן, ווי דער סאָציאָטעכניקום, סינדיקאַליסטישער פאַרבאַנד. איך בין זיך משער, אַז ווען מע כלאָפּאָטשעט שטאַרק, קלאַפּט אָפּ די שוועלן פון מאָסקווער סאָוויעט, פון צ.ק. פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָט מען די גזירה געקענט אָפּשרייען.

ליעוו איז געפאַלן אַ קרבן פון פּראָוואָקאַטאָר שטיינער. ער האָט אים אונטערגעוואָרפן אַ ליטאָגראַפישן שטיין. בעת אַ הויזזוכונג האָט מען דעם שטיין געפונען. דאָס האָט געגעבן דער טשעקאַ דעם יסוד פאַר דער באַשולדיקונג, אַז ליעוו און זיינע פריינט האָבן זיך פאַרנומען מיט דרוקן פאַלש געלט אָדער האָבן געמאַכט הכנות דערצו.

חברים, וואָס זיינען געזעסן מיט אים אין איין קעלער אויף ליוביאַנקע, האָבן מיר איבערגעגעבן וועגן זיינע לעצטע מינוטן.

אַ טשעקיסט האָט אים געהייסן זיך אַנטאָן און נעמען זיין פּעקל. ער האָט געוואוסט, וואוהין מ'פירט אים. ער האָט זיך צעקושט מיט אַלע חברים, זיך געזעגנט מיט אַלעמען, וואָס זיינען געזעסן אין קעלער, און רואיק, שטיל, מיט זיין דורכזיכטיקן שמייכל אויף די ליפּן געזאָגט צום הענקער:

— טאָוואַרישטש, קום.

און פירנדיק אים איבער די קעלערן, אַראָפּגייענדיק אַ טרעפּ, האָט דער „טאָוואַרישטש" אויף אים אויסגעשאָסן אין דער פּאַטילניצע און האָט אַ סוף געמאַכט צום לעבן פון יענעם, וואָס האָט געלעבט ווי אַ צדיק און געשטאָרבן ווי אַ קדוש.

אייביקן לויב און גרינעם אָנדענק צום „שוואַרצן לייב" (ליעוו טשאָרני).

ליעווס הינריכטונג איז געווען אַ מין „וכל העם ישמעו ויראו" (דברים

י״ז, י״ג), זאָלן די אינטעליגענטן־אַנאַרכיסטן הערן און ציטערן און באַגרייפן, אַז ווער זיי זאָלן ניט זיין, וועט די טשעקאַ זיי ניט שאַנעווען.

XXV

אונדזער נעפּ (נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק)

מערץ 1921. „נעפּ" ווערט פּראָקלאַמירט. לענין האָט עס גערופן אַן אָטעם־אָפּכאַפּ, אָבער דאָך האָט ער געזאָגט: „עס איז אויף לאַנג און ערנסט". ער האָט חוזק געמאַכט פון די אַלטע באָלשעוויקעס, האָט זיי גערופן „אַלטע שוטים".

ווי פריער געזאָגט, און אַפילו אַרומגערעדט באריכות, מיר האָבן זיך באַזעצט אין אַ הויז אויף טווערסקאַיאַ 59. די געבײַדע איז געווען אַ היפּשע, די צימערן גערוימע. די מעבלירונג שרעקלעך אָרעמאַנסקע.

אַ מענטש מיטן נאָמען גאָראַכאָוער באַווייזט זיך אויף דער סצענע. ער באַזוכט אונדזער קלוב. ער קומט צו מיינע פּאַרטראַגן. איז ער פּאַראינטערעסירט אין אונדזער אידייענגאַנג? ניין. וואָס טוט ער ביי אונדז אין קלוב? צוליב וואָס שטאָט ער אונדז אָפּ זיינע וויזיטן? ער האָט אַ מיין דערביי, און מורא האָבן צו שטיין אין אונדזערע ד׳ אמות — דאָס ניט, ער איז ניט קיין שרעקעוודיקער. אַנאַרכיסטן זיינען טאַקע געפערלעכע מענטשן, אָבער אין אַ צייט, ווען אַלץ איז געפערלעך, ווען מע קען ניט שטעלן אַ טראָט און ניט אַרויסטרעטן אויף אַן עקספּלאָדירנדיקער סכנה, איז אויס סכנת נפשות. ניטאָ זיך וואָס צו שרעקן פאַר קיין זאַך און קיינעם.

דעם איינדרוק, וואָס ער האָט געמאַכט אויף מיר, איז פון אַ מעקלער, אַ דרייקאָפּ. ער איז אונטערנעמעריש, האָט איינפאַלן. זיינע איינפאַלן אָדער קאָמערציעלע אינטואיציעס, זיינע דרייסטע ספּעקולאַטיווע אידייען, פאַרקויפט ער. זיינע אויגן אין קאָפּ האָבן געברענט ווי פאַקלען. זייער פייער האָט זיך געוואָרפן, ווי אין אַ ווינט, אַהין און אַהער.

פאַרוואָס קומט ער פאַרט אין קלוב? מע דאַרף אומעטום אַריינשטעלן דעם „שמעקער"; עפּעס וועט ער דערשנאַפּן. אים איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק: אין אָט־דעם קלוב האָט מען געקענט עפענען אַ קינאָמאַטאָגראַף. דער פּלאַץ איז אין צענטער פון שטאָט. מענטשן גייען פאַרביי אַ סך. אַפילו צו די לעקציעס קומט אַ גרויסער עולם, אַ פּשיטאַ שוין צו זען בילדער. ער האָט אַ באַקאַנטן, ער הייסט ביסטריצקי. אָט־דער ביסטריצקי האָט אַ ברודער אין בערלין; ער איז דער שעף פון אַ פילמען־געזעלשאַפט. ער האָט אויך אַ באַקאַנטן מיט אַן „אַפּותיקאַ". הכלל ער וועט זיי צוזאַמענפאַרן און זאָלבעדריט וועלן זיי עפּעס אויפטאָן.

וואָס דאַרף מען אויפטאָן? צוערשט רעמאָנטירן, אַרויסהאַקן אַ וואַנט און אויסברייטערן דעם שטח פון דעם אודיטאָריום און מאַכן אים אויסזען לייטיש, אויסשטעלן רייען מיט גוטע שטולן. אַי וואָס דער פּלאַץ געהערט

דאַך צו די אַנאַרכיסטן — וועט ער זיי איבעררײדן. מע וועט שוין דורכקומען.

גאַראַכאַווער איז געווען אַ מין מאָסקווער מנחם־מענדל. זיין גרויסער קאָפּ איז געווען אַרויפגעזעצט אויף אַביסל צוגעהויקערטע פּלייצעס. צום קאָפּ איז צוגעטשעפּעט אַ קליינוויקסיקער גוף. דער מאַן מיט די מזומנים, מיט די „קלינגערס“, וואָס האָבן ניט געטאָרט קלינגען, האָט געהייסן כאַכלאָוו. ער איז אַ סאָלידער גרויסרוס אָן פאַנטאַזיעס, אָבער מיט די „קלינגערס“. ווי גרויס ער איז, אַזוי אַנגעשטאָפּט איז ער מיט געלט. אַ וואָרט ביי אים איז אַ רענדל. שווער אויפן טראָט. פאַרזיכטיק מיט יעדער באַוועגונג, מיט יעדן אָטעמצוג. געלט איז לייכט צו פאַרלירן, איבערהויפּט אין אַזאַ צייט, ווען מע מוז עס האַלטן פאַרבאַהאַלטן שיער ניט פון זיך אַליין.

ביסטריצקי פאַרנעמט דעם מיטן אין געוואוקס און אין האַלטן זיך, צווישן טראָפּיש־היציקן גאַראַכאַווערן און צפונדיקן אַרקטיש־פאַרפראָרענעם כאַכלאָוו. ביסטריצקי איז קלענער פון זעקספוסיקן קאַצאַפּ, אָבער פיל העכער פון גאַ־ראַכאַווערן. אַט־די טריאָ גיט זיך אַ שטעל־אַריין.

גאַראַכאַווער איז דער ריידער. דער פּלאַן איז: זיי וועלן איבערבויען דעם פּלאַץ; זיי וועלן אים אויספּוצן, אויספאַרבן ווי געהעריק און אויסמעבלירן; זיי וועלן דאָ עפענען אַ קינאָמאַטאָגראַף; זיי קענען קיין דערלויבעניש ניט קריגן, אָבער מיר קענען עס לייכט באַקומען. זיי וועלן אונדז אָפּגעבן 85% פון ריינעם איינליי, דאָס וואָס די רעגירונג נעמט. אונדז וועט דער סאָוויעט זיכער געבן אַ קאָנצעסיע, אַזוי אַז אַ טייל פונעם געלט וועט בלייבן ביי אונדז אויף אונדזערע באַדערפעניש. אַ וואָס די לעקציעס? איך וועל זיי דאַרפן האַלטן זונטיק בייטאָג אנשטאָט וואָס ביי דער נאַכט. אָבער דערפאַר וועלן מיר האָבן אַ פאַרגרעסערטן אודיטאָריום.

מיין ענטפער איז געווען: איך וועל זיך מיישב זיין מיט די חברים און מיט קאַמעניעוון, דעם באַלעבאָס פון שטאָט.

אונדזער חשבון איז געווען דער: די געלטער פון קינאָ וועלן גיין אויף אַרויסצוגעבן מיין ווערק „אינטעראינדיווידואַליזם“. ווי נאָר דאָס בוך וועט אַרויס, וועט דער מאָסקווער סאָוויעט צומאַכן דעם קינאָ, וועלן מיר בלייבן ביי אַ גוט אויסגעמעבלירטן קלוב. ווילאַנג וועט דער קלוב עקזיסטירן? דעם קינאָס לעבנס־שפּאַן ציילט זיך אין חדשים, דעם קלובס — אין יאָרן, און וויבאַלד אין יאָרן — איז עס שוין אָן ענין צו נעמען ערנסט.

בין איך אַוועק צו קאַמעניעוון, אים איבערגעגעבן דעם פאָרשלאָג פון די „בורזשויען“.

— אויף וואָס דאַרפט איר האָבן דעם קינאָ?

— איך וועל אַרויסגעבן מיין ווערק „אינטעראינדיווידואַליזם“.

— און אַז איר וועט שוין האָבן אַרויסגעגעבן דאָס ווערק, וואָס נאָכדעם?

דידאַזיקע פראַגע איז געבליבן הענגען מיט אַ „תיקו“. אָבער איך האָב געלאָזן פילן אַז אַט־דאָס בוך איז מיין הויפּטווערק און נאָך אים קען קומען אַ מבול אויף אַלע מיינע שרייבעכצן, ווייל אין אים זע איך מיין לעבנס־אויפ־גאַבע: דאָס אַוועקשטעלן אַנאַרכיזם אויף רעאַליסטישע רעלסן און צו אים

צוקייטלען אַ היסטאָרישן לאַקאָמאָטיוו. און ווען איך פיר דאָס דורך, וועל איך רעכענען, אַז איך האָב דורכגעזעצט מיין שליחות.

קאָמעניעוו איז געווען גוט אויפגעלייגט און אין אַ גנעדנדיקער שטי־מונג בנוגע מיר. ער האָט אונטערגעשריבן אַ פּאַפּירל.

אונדזער קינאָ איז באַפרייט געוואָרן פון אַלע מינים שטייערס אויסער דעם „הונגער־אָפּצאָל״, וואָס איך האָב אַליין צוגעגעבן, אַז דאָס ווילן מיר צאָלן.

XXVI

דער צענזאָר

איך האָב אַריינגעגעבן דעם כתב־יד פון מיין ווערק „אינטעראינדיווי־דואַליזם״ אין „גאָסאיזדאַט״, וואו עס דאַרף דורכגיין דורך דער צענזור און קריגן אַ וויזע אַריינצוקומען אין דער ביכער־רעפּובליק, דערזען די שיין פון דער וועלט פון געדרוקטן וואָרט. עס גייט אַוועק אַ חודש, צוויי, אין קול ואין עונה. איך הער גאָרניט פון „גאָסאיזדאַט״, פון די משגיחים אויף ביכער־כשרות. בין איך אַוועק אין דעם צענזור־אָפּטייל פון „גאָסאיזדאַט״, וואָס האָט זיך געפונען לעבן ניקיטסקי טויערן.

אַנשטאָט לעבעדעוו פּאָליאַנסקין, וועמען איך האָב זיך געגרייט באַגע־גענען מיט אַ בייזערדיקער רעדע און אויסטענהריי, געפין איז גאָר איינעם, וועמען איך הייב ניט אָן צו וויסן און קענען: אַ נאַר־וואָס אויסגעבאַקענער רויטער פּראָפעסאָר, וואָס איז נאָך צו אַלע צרות איינער פון אחינו בני ישראל און דווקא אָן אוקריינישער.

— וואָס איז דער מער מיט מיין ווערק, וואָס איך האָב ביז איצט ניט געקראָגן קיין דערלויבעניש עס צו לאָזן דרוקן?

— מ׳קען עס ניט דערלויבן: עס איז אַ קאָנטררעוואָלוציאָנער ווערק.

— אַזוי גאָר?! — איך בין אויסער זיך.

און איך נעם אויסלייגן מיינע טענות. קודם־כל איז דאָס בוך אָנגעשריבן טרוקן, אָן אַ טראָפּן פּראָפּאַגאַנדע, אין אַ וויסנשאַפטלעכער טערמינאָלאָגיע. עס איז ווייט איבער די קעפּ פון די אַרבעטער און רויטע אַרמייער. דאָס בוך קען פאַרשטיין בלויז דער, וואָס איז גוט באַהאַוונט אין מאַרקסיזם; בלויז אַ גוט־געשולטער מאַרקסיסט וועט באַנעמען מיינע סובטילע אויסזעצונגען און שאַרפזיניקע קריטיק. פאַר אַ דורכשניטלעכן לייענער איז עס אַ בוך, וואָס איז פאַרזיגלט מיט זיבן זיגלען. מיין ווערק וואָלט אָן קיין צענזור־שוועריקייטן געקענט דערשיינען אונטער דעם צאַרס רעזשים.

— ער איז געווען אַ נאַר; מיר האָבן דאָך אים אַראָפּגעוואָרפן. מיר זייַ־נען קליגער פון אים און וועלן ניט דערלויבן אונטערגראָבן די יסודות פון אונדזער בנין און זאָל עס אַפילו זיין מיט אַ וויסנשאַפטלעכן רידל.

— וויבאַלד איר זייט קליגער פון צאַר, און קליגער מיינט דאָך ביי אייך

ערגער, שטרענגער, מער קולטורלאָזיק, האָב איך דאָ ניט וואָס צו טאָן און מײַנע רייד מיט אייך זיינען אַרויסגעוואָרפן.

פון דער צענזור אָן אויפגעצאַרנטער בין איך אַוועק אין צ.ק. פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דאָרט האָב איך געטראָפן פּרעאָבראַזשענסקין. ער איז דעמאָלט געווען דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון צ.ק. איך האָב אים איי־בערגעגעבן די רייד פון צענזאָר, וואָס האָט, הפנים, מער אייפער ווי שכל.

ער האָט מיר אויף דער שטעל געגעבן אַ רעזאָלוציע פון צ.ק. אַ בפירוש־דיקע דערלויבעניש צו דרוקן מיין ווערק. מיט דעם וואונדער־אויפטועודיקן פּאַפּירל־טאַליסמאַן בין איך געקומען צוריק צום צענזאָר, וואָס האָט געהאלטן, אַז די קאָמוניסטן זיינען קליגער פון צאַר...

ער האָט געטאַפּט דאָס פּאַפּירל, אַריינגעשטאָכן אין אים זיינע באַפּענס־נעטע קוקערס, עס איבערגעלייענט עטלעכע מאָל, זיך גוט צוגעקוקט צו דער אונטערשריפט, צום שטעמפּל פון צ.ק. — און האָט ניט געגלייבט זיינע אויגן.

ער האָט זיך גלייך געשטעלט אין טעלעפאָן־פאַרבינדונג מיט פּרעאָבראַ־זשענסקין. פּרעאָבראַזשענסקי איז באַשטאַנען אויף דאָס זייניקע, באַשטעטיקט מינדלעך, אַז דער צ.ק. דערלויבט דאָס בוך צו דערשיינען.

קעגן צ.ק., די העכסטע אינסטאַנציע אין סאָוויעטרוסלאַנד, העכער פון הייליקן סינאָד אין אַלטן רוסלאַנד, קען זיך דען שטעלן אַ רויט פּראָפעסאָרל? דער צענזאָר האָט בעל־כרחו נאָכגעגעבן. ער האָט אָבער, איידער ער האָט געגעבן זיין הכשר, אַרויסגעריסן אָן אבר מן החי פון מאַנוסקריפּט, ער האָט אויסגעמעקט צוועלף שורות פון דעם טעקסט.

מיט וואָס האָבן אים די עטלעכע שורות אַזוי דענערווירט, אַז ער האָט זיך געמוזט אָן זיי נוקם־זיין און זיי פאַראורטיילן צום אָפּמעק? זיי האָבן געגעבן דאָס ריכטיקע בילד פון דעם, וואָס עס קומט פאָר אין די רייען פון דער סאָוויעטישער באַאַמטנשאַפט און פירערשאַפט.

איך מאַך קלאָר, אַז קאַפּיטאַליזם האָט דעמאָראַליזירט די מענטשן מיט דער קאָנקורענץ וואָס האָט געבושעוועט אין תחום פון דער ווירטשאַפט. אָבער קאָנקורענץ קומט־פאָר צווישן צוויי צדדים, וואָס זיינעןביידע אומאָפּהענגיק. אונטער סאָציאַליזם קומט פאָר דיזעלביקע קנאה־שנאה, נאָר אַצינד זיינען ביידע צדדים יעראַרכיזירט, ד.ה. אויסגעשטעלט אויף טרעפּלעך פון דער סאָציאַלער סטרוקטור, איינער איבער דעם אַנדערן. אין קאָנקורענץ אונטער קאַ־פּיטאַליזם קומט דער קאַמף פאָר האָריזאָנטאַל; איצטער, אונטער סאָציאַליזם, וועט ער פאָרקומען ווערטיקאַל, די נידעריקערע פאַרמוסרן, גראָבן אונטער די, וואָס שטייען העכער פון זיי, און טוען אַלץ אין דער וועלט זיי אַרונטערצו־שטירצן און פאַרנעמען זייערע פּלעצער. אַזוי אַז דאָ אונטער סאָציאַליזם, וואָס האַלט אָן אַ יעראַרכיע, נעמען אָן די רייסערייען, צאַנקערייען נאָך אַ מער אָפּשטויסנדיקע און דעמאָראַליזירנדיקע פאָרם ווי אונטער קאַפּיטאַליזם. דאָ קומט פאָר אַ קאַמף פון יעראַרכיזאַטאָרן צווישן זיך. די סאָוויעטישע ווירק־לעכקייט האָט באַשטעטיקט מיין טעזיס מיט טאָגטעגלעכע פאַרקומעניש. די פירער און פירערלעך, די ביוראָקראַטן און ביוראָקראַטעלעך, האָבן זיך כסדר

געריסן ביי די נעזער. און מיינע עטלעכע פאראגראפן האבן געטראפן פונקט אין פינטל אריין.

איך האב קוים מיט צרות ארויסגעריסן מיין ארעם שעפסעלע, מיין כתב־יד, פון צווישן די ציין פון פארצוקער, דעם חיה־רעה־צענזאר.

איך גיי, איך לויף, איצטער פון צענזאר מיט מיין מאנוסקריפט, וואס טריפט בלוט, אין מיינע הענט — גלייך אין טיפאגראפיע.

אבער ביים ארויסגאנג פון געביידע האט מיך אפגעשטעלט א באקאנ־טער, משה טייטש, דער דיכטער. איך האב אים גוט געדענקט נאך פון די סמארגאנער יארן.

איך זע, ער איז פארדאגהט און פאראומערט, ווי א חושך־בארג וואלט זיך ארויפגעווארפן אויף זיינע אקסלען און אויף זיין געמיט.

ער הייבט אן דעם שמועס גאנץ טשיקאווע, מיט א מאדנעם ארויספאר.

— אמאל האב איך געמיינט, אז איר, ברידער גארדין, זייט גאר משוגע.

איך האק אים איבער.

— וואס עפעס משוגע? וועגן וואס רעדט איר?

— פאר דער פאנעטישער אויסלייגעכץ, וואס איר האט אייגעפירט, אבער איצטער זע איך, אז איר זייט געווען גערעכט.

„איצטער" האט ביי משה טייטשן געמיינט נאך דעם ווי די באלשעווי־קעס האבן געענדערט די רוסישע ארטאגראפיע און האבן משלח געווען א פאר שטומע אותיות. אגב האבן זיי געהאט ווייניק וואס צו ענדערן, מחמת די רוסישע אויסלייגעכץ איז כמעט געווען פאנעטיש בלויז מיט דער אויס־נאם פון דעם „יאט" און די צוויי פארמען פון „אי". בעת די יידישע אויס־לייגעכץ איז געווען א שוידערלעכע, אנגעשטאפט מיט שטומע בוכשטאבן. די יידישע נים־איבערטראכטערישע שרייבער האבן געמיינט, אז יידיש מוז נאכפאלגן די אלטע אפגעלעבטע דייטשע ארטאגראפיע און טאר חס־ושלום פון איר ניט אפטרעטן אויף א האר.

— טאקע, כ׳לעבן, — זאג איך, — מ׳האט באדארפט מאכן א גאנצע איבערקערעניש אין רוסלאנד. כדי איר זאלט נעמען באגרייפן, אז פון דער זינד פון ארויסווארפן א פאר שטומע אותיות פון שרייבעכץ וועלן קיין קליי־נע שרייבער־קינדער ניט שטארבן...

איך האק איבער דעם שמועס וועגן יידיש. און גיב אים א פרעג:

— איז וואס זייט איר אזוי פארצערט?

— ער לאזט ניט דורך מיין ביכל לידער.

— פארוואס? איר זייט דאך א קאמוניסט, א יעווסעק, א כשרער...

— עס שטייט אין א ליד „דער שאס פון רויטן ארמייער" און דער צענ־זאר זאגט, אז מיר געווינען מיט אונדזערע אידייען און ניט דורך די ארמייען און שיסערייען.

— גיט מיר אייער ביכל און קומט מיט מיר; איך וועל אייך קריגן די דערלויבעניש און מיר וועלן צערייסן דעם גזר־דין.

מיר זיינען צוגעגאנגען צום צענזאר. איך האב אים דערקלערט, ווער

משה טייטש איז. דער צענזאָר איז געווען אַן אוקריינער ייד און ווינציק וואָס געוואוסט וועגן דער יידישער ליטעראַטור. אָבער קיין עם־הארץ איז ער גראָד ניט געווען. באַזוכט אַ חדר עטלעכע יאָר, געקענט אַביסל העברעאיש. איך זאָג צו אים:

— משה טייטש איז אַ ליטוואַק און איר זייט אַן אוקריינער ייד. איר לייענט „דער שאָס פון רויטן אַרמייער" און משה טייטש לייענט „דער סאָס פון רויטן אַרמייער". דאָס איז פון פסוק „שש אנוכי על אמרותיך" (תהלים קי"ט, קס"ב), דאָס מיינט שיסן מיט אידייען; דאָס מיינט פרייען זיך מיט דער לערע; דער רויטער אַרמייער פרייט זיך מיטן קאָמוניזם...

דער צענזאָר, דער קפדן, האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט און איך האָב אַרויס־געקראָגן פאַר טייטשס ביכל אַ דערלויבעניש. און טייטש איז געווען גליק־לעך, איבערגליקלעך.

צי די יידישע ליטעראַטור האָט פיל געוואונען פון דעם, ווייס איך ניט. מיט לידער איז אַ צרה: עס איז זייער לייכט צו שרייבן לידער שלעכט אָדער מיטלמעסיק און זייער שווער, כמעט אוממעגלעך, צו שרייבן זיי גוט. לכן לאָזן זיך די שרייבער אויף דער ליניע פון קלענערן ווידערשטאַנד...

די מעשה מיט דער נייער אויסלייגעכץ, וואָס טייטש האָט דערמאָנט, איז אַזאַ: מיר האָבן אָנגעשריבן אַ קליין בראָשורל מיטן נאָמען „די יידישע גראַמאַטיק"; אויך אָנגעשריבן אַן אַרטיקל „די יידישע אָרטאָגראַפיע". דאָס אַרטיקל האָב איך געגעבן ליטווינען פאַר זיין שריפט „לעבן און וויסנשאַפט". ער האָט מורא געהאַט צו פאַרעפנטלעכן די זאַך. עס איז געווען צו נאָוואַ־טאָריש. האָבן מיר אין 1911 גענומען אַרויסגעבן אַ חודש־שריפט (מיר האָבן זי גערופן „חודשניק") אונטערן נאָמען „יונגער ייד" און אין אים איז געווען פאַרעפנטלעכט דערדאָזיקער אַרטיקל און דער גאַנצער זשורנאַל איז געווען אויפגעזעצט פאָנעטיש.

איך בין געווען אין וואַרשע אין 1912 און איך האָב געהאַט מיט זיך אַ פראָספעקט וועגן זשורנאַל, אויך געזעצט פאָנעטיש, און איך האָב אים באַ־וויזן י. ל. פרצן. ער האָט גענומען די פען און אַריינגעשטעלט די ה'ען, וואו זיי האָבן געפעלט, דהיינו אין וואָרט „לערער" און עס איז געוואָרן „לעהרער" „זען" איז געוואָרן „זעהען". איך האָב געזאָגט פרצן, אַז איך ווייס, אַז די דייטשן געברויכן דאָ ה'ען, אָבער איך זע ניט איין, צו וואָס מיר דאַרפן עס. מיר פאַרשווערקן דאָס אויסלייגן פאַר די פאָלקסמאַסן.

אגב האָט מיר פרץ דעמאָלט אַרויסגעזאָגט זייער אַ פעסימיסטישן גע־דאַנק וועגן יידיש און דעם יידישן לייענער. דער „פראָספעקט" האָט געגעבן דעם אינהאַלט־פאַרצייכעניש פון זשורנאַל, וואָס איז באַשטאַנען פון ערנסטע אָפּהאַנדלונגען וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וועגן פעדאַגאָגיק און אַנדערע ענינים. פרץ האָט איבערגעלייענט דעם פראָספעקט און רופט זיך אָפּ צו מיר:

— איר קענט דאָך אַן אייראָפּעאישע שפּראַך; איז שרייבט אין אַן איי־ראָפּעאישער שפּראַך. מיר האָבן זיי [דעם יידיש לייענער־פּובליקום] אויס־געלערנט לייענען אַ סקיצע; דאָס איז אַלץ; מער וועט איר זיי קיינמאָל ניט אויסלערנען.

דאָס אַרויסגעבן דעם זשורנאַל איז אונדז אָנגעקומען גאָר ניט לייכט. פּשוט די זעצערס אין ווילנע האָבן זיך אַנטזאָגט צו זעצן אים. זיי האָבן גע־טענהט, אַז די שרייבער זיינען אַזעלכע גראָבע יונגען, אַז זיי ווייסן אַפילו ניט, ווי אויסלייגן ר י כ ט י ק די איינפאַכסטע יידישע ווערטער. בין איך ספּעציעל געקומען צו פאָרן קיין ווילנע, געוואוינט האָבן מיר דעמאָלט אין סמאַרגאָן, און אַוועק אין טיפּאָגראַפיע, צענויפגערופן די בחור־הזעצערס. כמעט פאַררופן אַן אַסיפה, און זיי באַוויזן, אַז איך רייד און שרייב העברע־איש, רייד און שרייב רוסיש, רייד און קען שרייבן דייטש. לכן ווייס איך, ווי, לויט דער דייטשער אָרטאָגראַפיע, די ווערטער ווערן אויסגעלייגט, אָבער מיר שרייבן „גרייזיק" מיט אַ כוונה, ווייל מיר האַלטן, אַז די אַלטע דייטשע אויסלייגעכץ טויג ניט און מע דאַרף איינפירן אַ נייעם אויסלייג. זיי האָבן מיר נאָכגעגעבן און אויפגעזעצט די אַרטיקלען און זיי אָפּגעדרוקט אַזוי, אַז דער ערשטער נומער „יונגער ייד" איז אַרויס. אָבער אַז ער איז אַרויס, האָט „גאַנץ ווילנע" אַזוי געלאַכט פון זשורנאַל און פון פאַרלעגער, מיינער אַ פריינט און אַליין אַ פּרעסעמענטש, אַז ער האָט זיך געשעמט צו ווייזן זיך מיט דער אויסגאַבע און ער האָט זי פאַרקויפט אין מאַקלאַטור. דאָס איז גע־ווען דער סוף פון אָט־דעם עקספּערימענט. אַ היפּשע צייט שפּעטער איז אַרויס אין ווילנע דער פּנקס אונטער ש. ניגערס רעדאַקציע און באַראָכאָוו האָט אין אים געהאַט אַן אַרטיקל וועגן דער פאָנעטישער אָרטאָגראַפיע און זיין אַר־טיקל איז טאַקע געווען אָפּגעדרוקט אין אָט־דעם אויסלייג. ער האָט געמיינט, אַז ער איז געווען דער מחדש פון דער זאַך. אַז ער האָט זיך דערוואוסט שפּעטער־צו, אַז פאַר אים האָבן מיר עס שוין געטאָן אין עטלעכע בראָשורן, האָט ער אונדז אָנגעשריבן אַ בריוו און זיך אַנטשולדיקט, וואָס ער האָט גע־מאַכט דעם אָנשטעל פון אַ נאָוואַטאָר, בשעת מיר האָבן אים שוין לאַנג אַנ־טיציפּירט.

דאָס איז בקיצור די היסטאָריע פון דער נייער אויסלייגעכץ, וואָס האָט אין יענער צייט אויסגעזען זייער אויפברעכעריש.

מיט דעם בוך „אינטעראינדיווידואַליזם" האָב איך געהאַט, נאָך אַלע דערלויבענישן, „צו זינגען און צו זאָגן". עס האָט געדאַרפט דורכגיין אַ צווייי־טע צענזור אין די גאַליס, און ניט נאָר איינע, נאָר צוויי, אַ מיליטערישע אויך. דאָס מאָל איז דער ציווילער צענזאָר געווען לעבעדעוו פּאַליאַנסקי. אַז איך האָב זיך געקלאָגט, הלמאַי זיי פאַרהאַלטן די גאַליס אויף גאַנצע חדשים, האָט ער מיר געענטפערט בזה הלשון:

— טאָוואַרישטש גאַרדין, וואָס האָט איר זיך צו קלאָגן. מיר געפינען זיך אין אַ פּעריאָד פון אַ בירגערקריג. מיר מוזן זיין פאָרזיכטיק. אַפילו לע־נינס רעדעס און אַרטיקלען צענזורירן מיר! מיר לאָזן זיי ניט דורך ווי ער האָט זיי געהאַלטן אָדער אָנגעשריבן און ער דולדעט עס, און איר קלאָגט זיך. וואָס ווילט איר, מיר זאָלן אייך באַהאַנדלען בעסער ווי לעניגען?!

וואָס האָב איך געקענט ענטפערן? איך האָב געשוויגן, בלויז געצויגן מיט די אַקסלען און געטראַכט: די גאָלדענע רעגל קען גענוסחט ווערן אויך

פאַרקערט: וואָס דו טוסט צו יענעם, ווערסטו לסוף טאָן צו זיך אַליין.

אַז איך בין דורך די שבעה מדורי גיהנום פון ציווילן צענזאָר, וואָס איז כאָטש געווען אַן אינטעליגענטער מענטש און האָט אַביסל פאַרשטאַנען וועגן וואָס עס האַנדלט זיך אין מיין ווערק, האָב איך נאָך געדאַרפט דורכשטופן זיך מיט מיין ווערק דורך אַ מיליטערישן קאָרדאָן.

די מיליטערישע צענזור איז געווען גלאַט אַ חוזק. איך האָב ניט געקענט באַגרייפן, אויף וועלכע כפרות מע האָט עס באַדאַרפט. דער מיליטערישער צענזאָר איז געווען אַ „פּראָסטער חי וקיים". אַ זעלנער, וואָס האָט ניט געקענט אַ שייטל הויכגראַדיק־אַקאַדעמיש רוסיש־עברי. ער האָט אויסגעזען אַזוי מגושמדיק, ממש אַ שטיק פליש. ער האָט געקוקט אין די גאַליס ווי ערב יום־כיפור אַ האָן אין „בני אדם". פאַר אים איז דער וויסנשאַפטלעכער לשון געווען גריכיש. לעבעדעוו פּאָליאַנסקי האָט אים געגעבן אַ וואונק — האָט ער אונטערגעשריבן, אַז עס איז כשר צום דרוקן. ווען ניט די רעזאָלוציע פון צ. ק. — צו וועלכער איך בין אַלע מאָל צוריק צוגעפאַלן ווי צו אַ רעטונגס־מיטל, און וועלכע דער צ. ק. האָט יעדעס מאָל געדאַרפט פונדאַסניי באַשטעטיקן, — וואָלט דאָס ווערק קיינמאָל ניט דורכגעפּיזשעט דורך די דראַטנצוימען פון דער צענזור.

הכלל, מיין ווערק „אינטעראינדיווידואַליזם" איז, סוף כל סוף, דערשינען אין 1922. און ווי נאָר עס איז אַרויס פון דרוק אַזוי האָט מען גלייך אויסגעפונען, אַז אין אונדזער קלוב טאָר קיין קינאָ ניט פונקציאָנירן. ער איז אַ שריפה־סכנה. און צוגעמאַכט האָט אים דער פייער־דעפּאַרטאַמענט, ניט די טשעקאַ. דאָס בוך איז געווען צו שאַרף אַנטי־מאַרקסיסטיש און אַ פייער איז אויפגעגאַנגען פון יעדן זייטל. די מאַרקסיסטישע תורה האָט געברענט... ביי וועמען מען האָט געפונען דאָס בוך, דעם האָט מען אַריינגעוואָרפן אין תפיסה. אָבער דעם מחבר האָט מען ניט אַרעסטירט און דעם קלוב האָט מען ניט פאַרמאַכט. און פון קינאָ זיינען מיר פּטור געוואָרן.

האָבן מיר איצטער געהאַט פריי אַלע אָוונטן, האָבן מיר זיי אויסגענוצט פאַר פאַרלעזונגען, דעקלאַמאַציעס, קאָנצערטן און אויך פאַר טעאַטראַלישע פאַרשטעלונגען.

XXVII

אונדזער טעאַטער

אויסער די לעקציעס, וואָס זיינען איצט פאָרגעקומען צוויי מאָל אַ וואָך, אין די אָוונטן, אויסער די פאַרלעזונגען, דעקלאַמאַציעס און קאָנצערטן, אויסער דעם אַלעמען, האָבן מיר געשאַפן אַ טעאַטער.

זינע איז געווען די דירעקטאָרן און רעזשיסאָרן.

איך האָב אָנגעשריבן עטלעכע הומאָרעסקעס. איינע האָט געטראָגן דעם לאַנגן נאָמען „אַז אַ קאָפּ קען מען לעבן, אַז אַ קעשענע קען מען ניט לעבן".

אויף דער בינע ווייזט זיך אַ פאַרשוין וואָס איז גרעבער ווי העכער; ער איז טאַקע רונדיק ווי אַ פאַס. ער איז אָנגעטאָן אין אַן אַנצוג, וואָס באַשטייט דורכויס פון קעשענעס. און וואָס ער זעט נאָר, גיט ער אַ נעם און אַ שטופּ אַרייַן אין זיין גרויסער קעשענע. געזען די זון — אַרייַנגעפּאַקט צו זיך אין קעשענע; די טייכן, די טאָלן, די פעלדער, וועלדער — אַלץ צו זיך אין קעשענע. קיין קאָפּ אויף די אַקסלען האָט ער ניט געהאַט, בלויז לאַנגע הענט און פיס און אומעטום קעשענעס. ער האָט געדיקטאַטורעוועט איבער דער גאַנצער באַפעלקערונג. אין לאַנד איז געוועזן קאַלט און פינצטער; די מענטשן זיינען פאַרפראָרן געוואָרן, ווארעם דאָס געהילץ און די שטיינקוילן זיינען געלעגן ביי אים אין די קעשענעס. ער האָט אַלץ מאָנאָפּאָליזירט; ער איז אַזוי אָנגעגאַנגען מיט זיין קעשענע־טיראַניי, ביז עס איז געבאָרן געוואָרן אַ קינד מיט אַ קלאָרן קאָפּ. עס איז אויסגעוואַקסן אין אונטערערדישער באַהעלטעניש אַ בראַוער קעמפער. ער האָט אָרגאַניזירט אַ גרופּע רעוואָלוציאָנערן און זיי זיינען באַפאַלן דעם קעשענע־טיראַן מיט לאַנגע שאַרפע מעסערס. זיי האָבן דעם דיקטאַטאָר גאָרניט געטאָן, בלויז אָפּגעשניטן זיין גרויסע קעשענע. פון אָט־דער „אַמפּוטאַציע" ליגט ער אַ מסוכן קראַנקער אין בעט און זיינע גוואַלדן פאַרטויבן די אויערן. נאַטירלעך רופט מען אַ דאָקטאָר, וואָס איז פאַרגרימירט ווי פּאַוול מיליוקאָוו, דער פירער פון דער ק. ד. פּאַרטיי. ער קלאַפּט אים אויס דעם בויך, הערט אויס דאָס האַרץ און זאָגט דעם פּאַציענט אָפּ דאָס לעבן. ער מוז שטאַרבן, ווייל אָן אַ קאָפּ קען מען לעבן, אָן אַ האַרץ קען מען זיך אוודאי באַגיין, אָבער אָן אַ קעשענע קען מען ניט לעבן.

מע האָט עס אויפגעפירט פיל מאָל און יעדעס מאָל איז געקומען אַ גרויסער עולם, וואָס האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון דער סאַטירע.

איך האָב אויך אָנגעשריבן אַ קורצע פּיעסע, וואָס האָט געהייסן „די שיינע חווה". איך האָב אויסגענוצט אַ פאָלקסטימלעכע לעגענדע, וואָס באַמבערג האָט באַאַרבעט.

פאַר אָט־דער אויפפירונג האָבן מיר אייַנגעלאַדן שוישפּילער־פּראָפעסיאָנאַלן.

די ערשטע סצענע. עס ווייזט זיך אַ יונג פּאָרפאָלק. זיי ווערן פאַרגעשטעלט ווי אַלטמאָדישע רוסישע פּריצים. זיי האָבן אַלץ, וואָס דאָס האַרץ געלוסט, אָבער ניט קיין קינדער. ער שטעלט זיך אויף די קני אין איין ווינקל, זי אין אַ צווייטן און זיי מאָדליען זיך. מיט התלהבות און זודיקע טרערן בעטן זיי אַ קינד.

ביי דער נאַכט אין חלום קומט צו אים אַ זקן, וואָס איז אַ האַלבער מכשף און אַ האַלבער אָראַקל. ער זאָגט צו דעם מאַן אַ מיידעלע, זייער אַ גרויסע שיינהייט.

דער מאַן איז אין זיבעטן הימל פון גליק; אַ שיין קינד איז דאָך בעסער פון אַ מיאוס קינד.

דער זקן וואָרנט אים אָבער און זאָגט אים, אַז איר שיינקייט וועט זיין פאַר די עלטערן אַן אומגליק, די גרעסטע צרה.

— דו וועסט צוליב איר פאַרלירן דיין פאַרמעגן; אַלץ וועט גיין קאַפּוט; דו וועסט זיך צאַצקען מיט איר, שפּיגלען זיך אין איר און פאַרנאַכלעסיקן אַלע דיינע געשעפטן. דו וועסט בדיל הדל ווערן. ביסטו וויליק?

— וויליק! — ענטפערט דער מאַן.

דאָס קינד ווערט געבאָרן. עס איז אַ שיינהייט. דאָס עופעלע־מיידעלע שיינט אַרויס פון וויגעלע. דער טאַטע און די מאַמע זיינען גאַנצע טעג פאַרנומען מיטן קינד, וואַשן עס, באָדן עס, וויקלען עס.

דער עקאָנאָם קומט אָפּגעבן אַ באַריכט. דער טאַטע וויל אים ניט הערן, ער פירט אים אין קינדס צימער, ווייזט אים ווי שיין עס איז און ווי אויסגעפּוצט עס איז אָנגעטאָן, אינגאַנצן אין רויטן, די העמדעלעך, די קליידעלעך, די שיכעלעך, די זעקעלעך — אַלץ רויט.

די פאַבריקן שטעלן זיך ביי אים אָפּ; ער אַליין טוט גאָרניט, נאָר צאַצקעט זיך מיטן קינד און רעדט וועגן זיין שיינקייט. דאָס אייגענע טוען אַלע, וואָס קומען עס אָנקוקן. זיינע באַנקן מאַכן זיך צו, זיינע פעלדער זיינען ניט פאַרזייט, קיינער וויל ניט אַרבעטן — אַלע שמעלצן זיך פון נחת פון דעם מיידעלעס שיינקייט.

עס דערגייט צו דעם, אַז אין זייער הויז איז שוין ניטאָ קיין ברויט און זייער טאָכטער איז שוין אַ דערוואַקסענע בתולה. באַשליסט זי אַוועקצוגיין אין דער וועלט און זען, וואָס זי קען טאָן פאַר זיך און פאַר די עלטערן, וועמען זי האָט פולשטענדיק רואינירט.

אין דער לעצטער נאַכט פאַר איר פאַרלאָזן אירע עלטערנס הויז ווייזט זיך צו איר אין חלום דער זעלביקער זקן, וואָס האָט זיך באַוויזן צו איר פאָטער. ער לאָזט איר איבער אונטערן קישן צוקאָפּנס צוויי פלעשעלעך מיט וואונדער־טוענדיקע בשמים. אַז זי וועט אַ שמעק טאָן פון איין פלעשעלע, וועט זי ווערן אַ מיאוסקייט, אַ פאַרזעעניש, אַן אמתע מכשפה; אַז זי וועט אַ שמעק טאָן פון צווייטן פלעשעלע בשמים, וועט זי צוריק קריגן איר שיינקייט.

זי וואַכט אויף, נעמט די צוויי פלעשעלעך און לאָזט זיך גיין וואַנדערן איבער דער וועלט.

זי קומט נאָענט צו אַ גרויסער שטאָט. זי שטעלט זיך אויף אַ באַרג אַזוי, אַז די שטאָטלייט זאָלן זי קענען זען. אַלע גרויסע לייט פון שטאָט קומען אַרויס זי באַגעגענען. מע פאַרבעט זי אין שטאָט. מע מאַכט פאַר איר כבוד־וועגן אַ גרויסן באַנקעט. דאָרט דערקלערט זיך איר אין ליבע אַ קאַוואַליער, וואָס זעט אויס ווי מיליוקאָוו. זי באַשטימט מיט אים אַ ראַנדעוואו אויף צומאָרגנס פאַרטאָג אויפן ראַנד פון וואַלד.

ער קומט, ער דערזעט זי. אַ שרעק כאַפּט אים אָן. אַזאַ פאַרזעעניש, אַ מעדוזע, די האָר ווי שלאַנגען, דאָס מויל צעקרימט, די אויגן רויט ווי בלוט. ער דערבליקט זי — און ער שטעלט פּיס, מאַכט פּליטה.

זי בעט זיך ביי אים:

— קום צו מיר, מיין געליבטער.

ער רעדט צו זיך:

— וואָס איז מיט מיר געווען נעכטן? וואו זיינען געווען מיינע אויגן?!

עס איז דאָך אַ שרעק. אָט־די מכשפה איז מיין געליבטע?!

די סצענע חזרט זיך איבער אין אַ צווייטער שטאָט און אין אַ דריטער. דער צווייטער קאַוואַליער איז טשערנאָוו, דער דריטער איז מאַרטאָוו. יעדער טרייסלט זיך אָפּ פון איר. יעדער גיט זיין פּאַסיקן מאַנאָלאָג, אין וועלכן ער ברענגט אַרויס אין אַ מליצה־לשון זיין פּאַרטיי־אָנשויאונג.

אין דער פערטער שטאָט איז דער קאַוואַליער אַן אַנאַרכיסט, וואָס פאַר־שטעלט זיך פאַר אַ גזלן.

ווען ער דערזעט זי ווי אַ מיאוסקייט, ווערט ער ניט נתפּעל. ער פאַר־שטייט, אַז זי וויל אים בלויז אויספּרובירן, און זי פאַרשטעלט זיך ווי ער אַליין איז אַ פאַרשטעלטער. זיי האָבן חתונה און די חתונה ווערט געפּראַ־וועט כיד המלך; דאָס גאַנצע לאַנד איז באַקליידט, באַשוכט און מע סעודה־וועט זיבן טעג נאָכאַנאַנד.

מיר האָבן אויך אויפגעפירט „די איבעריען־קאַפּליצע" אָדער „הייזער". אנשטאָט מענטשן טרעטן אויף אויף דער בינע בנינים, וואָס אין זיי שפּיגלען זיך אָפּ מענטשלעכע פאַרהעלטעגישן. די פּאַלאַצן זיינען אונטערבאַוואוינט, די אָרעמע הייזער איבערבאַוואוינט, שמוציק, קראַנק, ווילגאַטש־אויפגעפרעסן און אַזוי כסדר. די מיוחסטעס, גאָטסהייזער, שטייען איינגאַנצן ליידיק. רופט דער קעלער, וואָס אויף פּריעסנע, (פּריעסנע איז אַ מאָסקווער געגנט פון אַר־בעטער), אַ מיטינג פון אַלע איבערגעפּראַצעוועטע באַוולהטע הייזער און מע באַשליסט צו רעקווייזירן די ליידיקע קירכעס און קאָמפּאַקטירן די אונטער־באַוואוינטע הייזער.

מירן געבן אַן אויסצוג פון דעם מיטינג. איך האָב די דראַמע איבער־געזעצט אין פרייען פערז פון רוסיש אין יידיש.

ק ע ל ע ר : לויט מיין פאַרשטיין נאָך, דאַרף מען אויסנוצן די קירכעס.
אין דירות פּילט זיך אַזאַ דוחק. און דאָ פּוסטעווען גראַמיקע געביידעס.
עס וואוינט מיקלאָמפּערשט דאָרטן דער, וואָס דאַרף קיין וואוינונג.
גענוג געשפּילט זיך מעשה קליינע קינדער אין די געצן־ליאַלקעס.
פאַר צוועקן פון געבעט, פאַר אַלטע אבערגלויבערס און פרומאַקעס.
מיר וועלן איבערלאָזן אַ פּאָר קאַטעדראַלן... בלויז פון יוצא־וועגן.
ניטאָ, אין אונדזער צייט, קיין סך בעלנים אויף צו קליאַנטשען, בעטשען...

פּ אַ ב ר י ק : אַז פון די פּריצים האָט מען צוגענומען די פּאַלאַצן,
דאַרף מען אויך צונעמען דעם פּאַלאַץ פון דעם העכסטן פּריץ.
ב י ב ל י אָ ט ע ק : פאַרברעכט איר ניט מיט אָט־דעם פאַרשלאַג
אַנטקעגן פולער פרייהייט פון געוויסן?
כ אַ ל ו פּ ע : איך האָב שטאַרק מורא, פּיל פון די דאָרפישע חברות
וועט אָפּשרעקן און אָפּפרעמדן אָט־דער געוואַגטער פאַרשלאַג.
ק ע ל ע ר : געוויסן איז געוויס אַ יום־טובדיקער ענין.
דאָ האַנדלט זיך בלויז וועגן וואָכעדיקע דירות.

איר מעגט עס וויסן, ביבליאָטעק־חברה;
וואָס אָנבאַלאַנגט די דאָרפישע כאַלופּעס און מאַזאַנקעס.
זיי וועלן זיך, צום אָנהייב, אפשר ברוגזן, דערנאָך זיך איבערבעטן.
זיי וועלן זיך דעם פעלץ־קאָזשוך ניט רייסן פאַר די טעמפּלען,
וואָס האָבן זיי גענוג פאַרשאָטנט און געקריוודעט.

ו א ר ש ט אַ ט : גאַנץ קלאָר און קלוג געענטפערט.

ק ע ל ע ר : דעם פאָרשלאַג נעמען מיר צום אָפּשטים.

ש ט י מ ע ן : דערקלערט דעם פאָרשלאַג בעסער.
די זאַך איז ניט פאַרשטענדלעך.

ק ע ל ע ר : מ׳דאַרף אויסנוצן די קירכעס, קאַטעדראַלן
פאַר שולן נידעריקע, מיטעלע און הויכע,
אַהין די לערן־אינסטיטוציעס גלייך אַריבערציען.
פון די געביידעס אויסגעליידיקטע מיר׳ן מאַכן דירות.
אַזוי אַרום דערלייכטערן דעם הויזונג־קריזיס.

פ אַ ב ר י ק : איצט שטימען.

ק ע ל ע ר : ווער איז פאַר דעם פאָרשלאַג?

אַ ל ע : מיר אַלע.

ק ע ל ע ר : ווער קעגן?

אַ ל ע : ניטאָ קיין קעגנער.

ק ע ל ע ר : און ווער האָט זיך צוריקגעהאַלטן?

אַ ל ע : די הברטע כאַלופּע.

כ אַ ל ו פּ ע : אויך איך בין פאַר דעם פאָרשלאַג.

ק ע ל ע ר : דער פאָרשלאַג איינשטימיק אָנגענומען.

ב י ב ל י אָ ט ע ק : דאָס וואָרט כ׳וואָלט וועלן.

ק ע ל ע ר : ס׳איז אייער וואָרט, חברה.

ב י ב ל י אָ ט ע ק : מיר דוכט, מען האָט געדאַרפט אַפּריער אויסהערן די מיינונג פון פאַרשטייערס פון אַלע קירכעס, מאָנאַסטירן.

ק ע ל ע ר : (האַקט איבער אינמיטן אירע רייד)
דעבאַטע איז געשלאָסן.
די פראַגע שוין באַשלאָסן.
צו וואָס אומזיסט „מטריח־זיין" די קירכעס?!

פ אַ ב ר י ק : מיר דאַרפן זייער וואוינונג, ניט זייער מיינונג.

ק ע ל ע ר : וואָס מע דאַרף יאָ טאָן, איז אַרויסרופן די פאַרשטייערן
פון אַלע קירכעס, די איבעריקע־קאַפּליצע; איר לאָזן וויסן
דעם היינטיקן באַשלוס. אַזוי אַז זיי זאָלן מאַכן
די נייטיקע הכנות צום איבערגעבן די געביידעס
ווי אויך צוזאַמענשטעלן אַ־דעם צעטל
פון די געבעט־הייזער, זיי וואָלטן גריילעך וועלן
זיי זאָלן בלייבן פאַר רעליגיעזע צוועקן פון עבודה.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

XXVIII

די דעבאַטן

אַצינד, אַז מיר זיינען פּטור געוואָרן פון אונדזער „געפּ“, ד. ה. קינאָ, האָבן מיר באמת פרייער אָפּגעאָטעמט. בנוגע דעם קינאָמאַטאָגראַף מיט זיינע ביליקע פילמען, וואָס אין רוסיש האָט מען גערופן „שלעגלערס“ („באָיעווי־קי“), האָב איך זיך אויסגעדריקט אַפּאָלאָגעטיש: „מיט דעם חושך פון דער נאַכט קויפן מיר אַ שטערן, וואָס וואַכט“...

איך ווייס ניט, ווען דאָס איז איינגעפאַלן, — אין יענע יאָרן איז עס ניט געווען חוץ לשיטה צו פירן וויכוחים מיט די פאָרשטייערס פון דער קירך, — אָבער מיר האָבן איינגעאָרדנט ביי אונדז אין קלוב אַ סעריע דעבאַטן צווישן מיר און ווערענסקין, אַרכימאַנדריט אַלעקסאַנדער קרוטיצקי, דעם הויפּטפירער פון דער „לעבעדיקער קירך“, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן פון דער אָרטאָדאָקסישער קירך און זיך אָפּגעזאָגט פון פּאַטריאַרך טיכאָן און די קלעריקאַלן, וואָס האָבן געהאַלטן מיט אים. די לעצטע האָט די סאָוועטנ־מאַכט גרויזאַם פאַרפאָלגט, ווייל זיי זיינען געווען מאָנאַרכיסטיש געשטימט. זיי האָבן אָנגעהאַלטן די טראַדיציע פון הייליקן סינאָד פון פּאָביעדאָנאָסצעווס צייטן.

מיר איז אויסגעקומען עטלעכע מאָל אַרויסצוטרעטן קעגן די כומרים עפּנטלעך.

איינמאָל איז עס געווען אין פּאָליטעכנישן מוזיי, וואו ס׳האָט אין דער דעבאַטע זיך באַטייליקט אויך לונאַטשאַרסקי (זע מיין בוך „עסייען“, זז. 211־216), פּאַססע, טרעגובאָוו און אַנדערע.

טיכאָן איז געווען פאַררעכנט ביי די רעכטגלייביקע פאַר אַ גרויסן צדיק. קיין רעדנער איז ער ניט געווען; אין קיין איינער פון די דעבאַטן האָט ער זיך ניט באַטייליקט. ער האָט פאַרנומען אַ צו הויכן שטאַפּל, דעם העכסטן, אין דער קירך־יעראַרכיע. ער איז דאָך געווען אייגנטלעך דער „פּויפּסט“ פון אַלע רעכט־גלייביקע, ד. ה. דער קיניג און געוועלטיקער איבער זייערע נשמות, און אַזוי האָט ער זיך פאַרגעשטעלט פאַרן רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל בשעת זיין משפּט, און ער וואָלט זיך ניט אַראָפּגעלאָזן צו אונדז און פירן מיט אונדז, „אומגלייביקע“, דעבאַטן. אָבער ער האָט געשיקט זיינעם אַ פאַרטרעטער זיך צו באַטייליקן אין דער דיסקוסיע.

אַז טרעגובאָוו, דער באַקאַנטער טאָלסטאָיאַנער, האָט אין לעקטאָרן־ציי־מער, איידער די דעבאַטע האָט זיך אָנגעפאַנגען, מיך פאַרגעשטעלט פאַרן דיגניטאַר פון דער קירך, די רעכטע האַנט פון טיכאָנען, האָט יענער צו מיר אַ זאָג געטאָן מיט ביטול:

— און פון וואַנעט ווייסט איר, טאָוואַרישטש גאָרדין, עפּעס צו זאָגן וועגן רעליגיע? איז עס ניט פון די פאַר לעקציעס, וואָס איר האָט געקראָגן יינגלווייז אין גימנאַזיע?!

ווי האָט אים גאָר געקענט איינפאַלן, אַז ער רעדט מיט אַ בן־הרב און שיער־שיער אַליין ניט קיין רבֿ!

אנשטאָט אים געבן אַן ענטפער, גיב איך אים אַ ציטיר־אָפּ די ערשטע פסוקים פון ספר בראשית אין גריכיש און גלייך אין העברעאיש און איך בעט אים נאָכזאָגן און ווייטער זאָגן אויף אויסווייניק.

ער האָט זיך פאַרשעמט און איז רויט געוואָרן. עפּעס אַזעלכעס האָט ער ניט דערוואַרט פון אַן אַנאַרכיסט...

אַ צווייטן מאָל האָב איך זיך באַטייליקט אין אַ סימפּאָזיום וועגן רע־ליגיע, אין וועלכן אויך לונאַטשאַרסקי האָט גענומען אַן אָנטייל. דער פאָר־זיצער איז געווען איינער פון די ברידער דוראָוו, וואָס זיינען געווען באקאַנט ווי חיות־דרעסירער און זיינען אַרומגעפאָרן מיט זייער צירק איבער גאַנץ רוסלאַנד און אַנדערע לענדער אין אייראָפּע און האָבן געהאַט אַ נאָמען פאַר ראַדיקאַלן. איך האָב גערעדט דעמאָלט זייער שאַרף קעגן דער קירך, דער אַלטער און דער נייער, דער קאָמוניסטישער. און אַזוי ווי מיין „דרוש" איז ניט געפעלן געוואָרן און אָפּשטעלן מיך האָט מען ניט געקענט, דער עולם צוהערערס איז געווען מיט מיר, האָט מען אויסגעלאָשן די עלעקטרישע באַ־לייכטונג און איך האָב פאַרגעזעצט מיין רעדע אין האַלבן חושך.

אַ דריטן מאָל בין איך געווען איינגעלאַדן צו אַ דעבאַטע, אין וועלכער איך האָב געהאַט קעגן זיך עלף כומרים.

איינער פון די כומרים האָט דערמאָנט לענינען און אים באַצייכנט ווי אַ זשעני, האָב איך אים געפרעגט, וויפל כומרים די טשעקאָ האָט אויסגע־שאָסן, ביז זיי האָבן גענומען באַגרייפן, אַז לענין איז אַ געניוס.

און נאָך האָב איך זיי געפרעגט: ווער זיינען זיי, בהמות אָדער די זון. לכתחילה האָבן זיי ניט באַגריפן, וואָס איך מיין דערמיט און זיי האָבן גע־שטוינט וואָס פאַר אַ טשיקאַווע פרעגעניש דאָס איז פון מיין זייט. איך האָב זיי אָבער גלייך דערקלערט, וואוהין איך צילעווע. איך האָב זיך געשטיצט אויפן פסוק אין תהלים (ק"ד, י"ט): „ידע שמש מבואו", די זון ווייסט, ווען זי דאַרף פאַרגיין; זי וואַרט ניט; אַז עס קומט איר צייט, מאַכט זי ניט קיין מחזקות. זי פאַרגייט אין פלאַמען, שיין, מיט גרויסע זעלבסטווערדע. בהמות אָבער דאַרף מען טרייבן פון פעלד אין שטאַל אַריין. און איך האָב געוואָלט וויסן, צו וואָס זיי זיינען געגליכן, — צי זיי וועלן אַליין אַראָפּ פון דער סצענע, צי מע וועט זיי דאַרפן טרייבן אין שטאַל אַריין ווי בהמות, וואָס באַגרייפן ניט, אַז זייער צייט איז שוין אַריבער.

מיט וועדענסקין זיינען די דעבאַטן ביי אונדז אין קלוב אָנגעגאַנגען אַ פּאָר חדשים נאָכאַנאַנד, יעדן זונטיק אין אָוונט. איך בין געווען דער „מתחיל בדבר", איך פלעג לייענען מיין פאָרטראַג און ער פלעגט ענטפערן און דע־מאָלט ערשט האָט זיך דער וויכוח צעפלאַקערט. איינמאָל האָט מיין פאָר־טראַג געטראָגן דעם הילול־השם־נאָמען „גאָט און כלבֿ" (באָג אי פּיאָס). מיין געדאַנק איז געווען, אַז עס איז ניט געווען דער בעל־חי, וואָס איז ניט פאַר־געטערט געוואָרן אין פאַרשיידענע צייטן ביי פאַרשיידענע פעלקערשאַפטן

און שטאַמען. בקיצור איך האָב געזעדט פון טהעריזאַטריאַ און באַוויזן, אַז אַלץ, וואָס מענטשן האָבן געהאַלטן פאַר נוצלעך אין זייער לעבן, האָבן זיי עס באַטראַכט ווי געטלעך.

ווערענסקי פלעגט געבן זיין קאָנטער־רעפּעראַט. ער איז געווען גאָר אַ גרויסער רעטאָריקער. ער האָט געהאַט אַן אנגענעמע אַפּהילכיקע רעזאָנאַנץ־שטים. געווען הויכגעוויקסיק. ער פלעגט קומען אָנגעטאָן אין זיינע בגדי־כהונה, אין זיינע טענדעווערענדעס, און דערצו מיט אַ גאָלדענעם צלם אויפן בוזעם. ער האָט געצויגן אַ גרויסן עולם, איבערהויפט פרויען. ער האָט גע־רעדט מיט גרויס פּאַטאָס אין אַ הויכלירישן פּאָעטישן סטיל. זיינער אַ פּאַר־טראַג איז געווען ממש אַ סימפּאָניע. ווי אַ רעדנער האָט ער געהאַט אַלע מעלות; ניט געווען זיינסגלייכן אין רוסלאַנד. אָבער אַלס דעבאַטאַנט האָט ער געהאַט אַ גאָר גרויסן חסרון. ער האָט ניט געקענט ריידן עלאָקווענט־שיין אָדער שאַרפזיניק־עקספּראָמט, ניט צוגעגרייטערהייט.

דער איינדרוק ביים עולם איז תמיד געווען, אַז איך געווין די דעבאַטן און ער האָט עס מיר צוגעגעבן. די זאַך איז געווען פשוט. איך פלעג אָנפאַנ־גען זייער שוואַך, פלעגמאַטיש, זיך ניט אָנגעשטרענגט. איך האָב געהאַלטן אומבאַרירט אַלע מיינע רעזערוון, וועלכע איך האָב אַריינגעוואָרפן אין גע־פעכט, ווען עס האָט געהאַלטן ביים שלוס, ווען איך האָב געקראָגן דאָס לעצ־טע וואָרט. ביי אים איז אויסגעקומען פאַרקערט. זיין פּאָרטראַג איז געווען אַ מייסטערווערק פון שטאַנדפּונקט פון אָראַטאָרישער קונסט. אָבער מיט יעדן מאָל אַרויסטרעטן אין דעם וויכוח איז ער געוואָרן אַלץ שוואַכער און שוואַ־כער, ווייל זיין ערשטער אויפטריט איז געווען אומאַיבערטרעפלעך. ביי מיר איז די זאַך געגאַנגען להיפוך, איך פלעג ווערן שטאַרקער און שטאַרקער, צוקריגן קרעפטיקייט, כוחות אין משך פון דער דעבאַטע. אַזוי, אַז אי דאָס אויער און אי דאָס אויג האָבן געוויזן, אַז ווערענסקי איז צעשלאָגן געוואָרן און זיינע טעזיסן זיינען אָפּגעשלאָגן געוואָרן.

אַז ער פלעגט ענדיקן זיין קאָנטער־פּאָרטראַג פלעגט אַ טייל פון זיינע נשים צדקניות פאַרלאָזן דעם זאַל. זייערע פרומע אויערן האָבן ניט געקענט פאַרטראָגן מיין חירוף וגידוף, מיינע לעסטערנדיקע רייד.

אַז איך און ער פלעגן בלייבן ביחידות, נאָך דער דעבאַטע, אין אַ צווייטן צימער, פלעגט ער מיך פרעגן וואו איך נעם מיינע ציורים, פאַבלען און אַלע־גאָריעס, מיט וועלכע איך אילוסטריר מיינע געדאַנקען. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך געברויך יידישן פאָלקלאָר. ער האָט באַוואונדערט די רייכקייט, די וויציקע שאַרפזיניקייט און לעבנס־קלוגשאַפט, וואָס דער יידישער פאָלקלאָר באַזיצט.

ווערענסקי האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט ליבערשט צו דעבאַטירן מיט מיר איידער מיט לונאַטשאַרסקין, ווייל דער בילדונגס־קאָמיסאַר שטעלט דעם טראָפּ אין זיין דיסקוטירן אויף דער סאָציאַל־פּאָליטישער און עקאָנאָמישער זייט פון דעם פּראָבלעם פון דער קירך און ניט אויף דער מעטאַפיזיש־טעאָ־לאָגישער. ער וואַרפט אויף די גייסטלעכע דאָס, וואָס די קירך האָט אָנגעקליבן

פיל רייכטימער; דאָס, וואָס די דיגניטאַרן פון דער קירך האָבן געקראָגן גרויסע געהאַלטן, אַזוי אַז עס באַקומט זיך ניט קיין דעבאַטע אויף אַן אנשטענדיקן פילאָזאָפישן ניוואָ, נייערט אַ באַשולדיקונגס־אַקט דורכגעפלאָכטן מיט זידלערייען און באַליידיקונגען, אויפרייצונגען, אויפהעצונגען פון דעם המון קעגן די כומרים, ווי שונאים, ראַבירערס און פלינדערערס, וואָס מיסברויכן די אומוויסנהייט פון די פּאַלקסמאַסן און לייזיקן זיי אויס די קעשענעס, בעת זיי גלאָצן מיט די אויגן און ריידן וועגן הימלישע זאַכן. בעת איך האַלט זיך ביי דער טעמע, ביי די שייכותן פון גאָט און מענטש, ג ל ו י ב ן אין אַן אויסערלעכן אָביעקט און ז ע ל ב ס ט ג ל ו י ב ן אין אַן א י ד, אַנדערקען דעם ריינעם מאָניזם, וואָס איז קעגן דער שפּאַלטונג, דעם דואַליזם פון גאָט און מענטש. מיט מיר, האָט ער געזאָגט, האָט ער הנאה צו אַמפּערן זיך, צו מתווכח־זיין זיך, ווייל עס איז אַ געפעכט, אַ ריין אינטעלעקטועלער.

ווערדענסקין איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק. אַזוי ווי אונדזערע דעבאַטן זיינען אַזאַ גרויסער דערפאָלג אין מאָסקווע, — דער אודיטאָריום איז געווען געפּאַקט און מ׳פלעגט מוזן צומאַכן די טירן אַ פּאָר שעה איידער די דעבאַטע האָט זיך אָנגעפאַנגען, — וואָלט זיין אַ פּלאַן, אַז מיר זאָלן זיך אַרויסלאָזן איבערן לאַנד, ד. ה. אַראַנזשירן צו אַ פּאָר דעבאַטן אין די גרויסע שטעט.

ער האָט אויך געוואָלט, און מיר עס פאַרגעשלאָגן עטלעכע מאָל, אַז מיר זאָלן אַרויסגעבן אין אַ בוך־פאָרם אַ סעריע פון אונדזערע וויכוחים. איך האָב זיך געקווענקלט. ער האָט זיינע פאַרטראַגן געהאַט אָנגעשריבענע וואָרט ביי וואָרט, איך האָב געהאַט פאַרצייכנט בלויז ראשי־פּרקים פאַר זיך אַליין צו געדענקען, וואָס איך דאַרף זאָגן. איצט וואָלט איך זיך געדאַרפט אַוועקזעצן און זיי אָנשרייבן, דאָס דאַרף נעמען צייט. אַזוי אַז איך האָב עס אַלע מאָל אָפּגעלייגט אויף שפּעטער — און דער שפּעטער איז ניט געקומען.

בכלל האָב איך מיינע רעדעס ניט אַרויסגעגעבן; אַן אויסנאַם איז בלויז „די שטאַט פון די הינקענדיקע" („כראַמאַווקאַ"), „פרייהייט פון וואָרט און פרייהייט פון טאַט" און נאָך אייניקע, וואָס זיינען אַרויס אין אַ בוך־פאָרם אונטערן נאָמען „רעדעס פון אַן אַנאַרכיסט". אין בוך איז אויך אַריין וו. גאָרדינס אַ פאַרטראַג אונטערן נאָמען „עס איז ניטאָ קיין גאָט און עס איז ניטאָ קיין נאַטור", אַ פאַרטראַג, וואָס ער האָט געהאַלטן אין פּעטראָגראַד אין אַ דעבאַטע מיט דעם באַרימטן אַרכיעפּיסקאָפּ פון פּעטראָגראַד.

אָבער לאָמיר זיך אומקערן צום פּלאַן פון „גאַסטראָלירן" אין פאַרשיידענע שטעט.

כדי עס דורכצופירן, האָט מען געדאַרפט קריגן אַ דערלויבעניש. די דערלויבעניש נאָמינאַל, לפנים וועגן, וואָלט געקומען פון דער טשעקאַ, אָבער ווירקלעך מוז מען עס קריגן פון דעם צ. ק. פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. האָב איך זיך געווענדט שריפטליך צום נייעם הייליקן סינאָד, וואָס איז גלייכצייטיק אויך געווען דער סענאַט, און אָנגעגעבן אַז דער צוועק פון מיין דעבאַטירן איז אַן אויפקלערערישער, אַן קיין פאַרהוילענע פּאָליטישע כוונות. איך האָב גלייך געקראָגן אַן ענטפער, אַז מע וועט מיין פאַרשלאָג אויפנעמען אויף אַ באַראַטונג און דעמאָלט וועל איך קריגן אַ תשובה.

זיי האָבן געדאַרפט נעמען עטלעכע זאַכן אין אַנבאַטראַכט. בעת איך וועל דעבאַטירן וועגן גאָט, צי וועל איך בעת מעשה ניט געבן בוקצעס צי שטורכעס אויך דעם שטאַט! „גאָט און שטאַט" זײַנען דאָך עפּעס מחותנים. באַקוניז האָט זיי אַפילו משדך געווען אין אַ ספּעציעל ביכל. ווײַטער: טאָמער איז די גאַנצע זאַך אַ קאַמופלאַזש: פאַרנדיק איבער די שטעט — צי וועל איך ניט פּרובירן עפּעס אָרגאַניזירן, טאָן אַנטיסאָוויעטישע אַרבעט? ניט אַלץ, וואָס איז דערלויבט אין מאָסקווע, קען מען דערלויבן אין דער פּראָווינץ. דאָרטן ווערן טעטיקייטן אויפגענומען און אָפּגעשאַצט לויט אַן אַנדער קריטעריום: דריטנס, צי וועל איך ניט בזה האופן קריגן צוריק מײַן פּאָפּולאַריטעט, בשעת איצטער ליג איך דאָך אײַנגעלייגט און אַרומגעלייגט מיט אַ קעמפּאָר־ציכל. און בנוגע די דעבאַטן גופא דאַרף מען דאָך אויך וויסן, לויט וועלכע ליניעס פירן זיי זיך, צי זײַנען זיי טאַקע אינגאַנצן כשר. האַלטן זיך ביי זייער הויפּט־טעמע און גייען ניט אַראָפּ פון טראַקט און קריכן ניט אַרײַן אין די זײַטיקע פּאָליטישע סעדער, געדטנער צו גאָר פעלדער. לכן, דאָס אַלץ פאָדערט אַ לאַנגן יישוב־הדעת און מ׳קען איינס־און־צוויי ניט געבן קיין ענטפער. עס איז אַ „מלוכה־אַנגעלעגנהייט" פון אַ ניכרדיקן פאַרנעם...

איין מאָל, ווען איך שטיי מיר אַזוי און האַלט מײַן פאָרטראַג אין אונדזער קלוב, — אַ פאָרטראַג, וואָס איז דער אַרײַנפיר אין דער דעבאַטע, וואָס וועט זיך גלייך אַנטוויקלען, — באַמערק איך אַז אויף איינעם פון די שטולן, אין דער צווייטער רײַ, זיצט אַ מאַן וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין אַ גאָר „געהויבענער" ברייטער סיבירער שובע. טראַכט איך: וואָס טוט דאָ ביי אונדז אָט־דער בורזשוי? ער איז היפּש צעוואַקסן אין דער ברייט, רײַך געקליידט. געווייינטלעך קומען ניט צו אונדז, סיי צו די פאָרטראַגן און סיי צו די דעבאַטן, קיין פאַרשטייערס פון קאַפּיטאַליסטן־קלאַס, וואָס האָט אַביסל אויפגעהויבן דעם קאָפּ, בעת נעפּ האָט מתיר געווען ספּעקולירן אין געוויסע באַמען. מײַן פאַרחידושטקייט איז נאָך געוואַקסן פון דעם, וואָס אָט־דער בורזשוי הערט זיך צו צו מײַנע רייד זייער אויפמערקזאַם און ער פאַרנאָטירט זיי פון צייט־צו־צייט אין זײַן נאָטיצביכל. די זאַך איז מיר שוין געוואָרן גאָר אויפפאַלנדיק און אַפילו קשה. ווער קען עס זײַן? איך טראַכט: אַז די דעבאַטע וועט זיך ענדיקן, וועל איך זיך נאָכפרעגן ביי די חברים, צי זיי האָבן אים באַמערקט און אפשר קענען זיי אים. אַ קשיא אויף אַ מעשה, אפשר איז עס איינער פון די פיל, ביי וועמען מיר האָבן אין די „גוטע צייטן" רעקווירירט זײַן ווילע (אָסאָבניאַק).

בעת עס האָט געהאַלטן אין פעריאָד פון פּראַגעס־שטעלן און ווערטער בעטן פון עולם, גיט מיר אַ שעפּטשע אין אויער חבר טראָשינסקי, וואָס איז געווען דער פאָרזיצער פון דער דעבאַטע, אַז ער האָט געקראָגן אַ צעטעלע צוגעשיקט פון טאָוואַרישטש יאַראָסלאַווסקי און ער בעט דאָס וואָרט.

— גיט אים מיט גרויס פאַרגעניגן.

איך נעם נישטערן מיט די אויגן אין זאַל: איך בין זיכער, איך וועל אים דערקענען. ווילאַנג איז עס געווען זינט מיר זײַנען ביידע אַרויסגעטראָטן אין

„קאַלאַיעווס פּאַלקס־הויז" (זע „זכרונות און חשבונות", באַנד ו, ז. 157) ווען ריגאַ איז געפאַלן, דעם 2טן סעפּטעמבער 1917? בסך־הכל פינף יאָר. דע־מאָלט איז ער געווען אַ שלאַנקער, אַ רעוואָלוציאָנער אין אַ רויטער קאָסע־וואָראָטקע מיט אַ רויטן שנירל איבערגעבונדן די דינע „טאַליע".

ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן צו זען, ווען חבר טראַשינסקי האָט אויסגערופן „יעמוד" דער פירער און אינספּירירער פון די גאָטלאָזע, טאָוואַ־רישטש יאַראָסלאַווסקי, אַרויפגיין אויף דער בינע יענעם רונדן פּעסלבייכיקן בורזשוי אין דער רייכער שובע.

איך האָב ניט געגלייבט מיינע אויגן. אַזוי שנעל זיך איבערגעבוירן, אַזש מע קען אים, דעם באָלשעוויק, גאָרניט דערקענען!

ער האָט גערעדט, וואָס דער גאָט פון גאָטלאָזיקייט האָט אים אין מויל אַריינגעלייגט. איך האָב אים געענטפערט; און מיינע רייד האָבן אין זיינע אויערן מסתמא געקלונגען ווי „הויכער פאַרראַט", רייד, וואָס אין מאָסקווע, וואו די מאַכט איז איינגעפעסטיקט, קען מען דולדן מיט גרויס אָנגעשטרענג־טער קאָמוניסטישער טאָלעראַנץ, אָבער דער פּראָווינץ טאָר מען אַזעלכע דיבורים וועגן „זעלבסטגלויבן" ניט לאָזן הערן; עס שטימט ניט מיט דער ליניע, וואָס די פּאַרטיי האָט אויסגעאַרבעט בנוגע רעליגיע, אויסגעאַרבעט טאַקע אונטער זיין פאַרזיץ און השגחה.

עס איז געווען קלאָר, אַז דער צ. ק. האָט עס אים, דעם עקספּערט־סטראַ־טעג אין דעם קריג קעגן גאָט, דעלעגירט צו זען, הערן און געבן זיין מיינונג וועגן די דעבאַטן.

בקיצור, עס איז אין צוויי טעג שפּעטער אָנגעקומען אַן אָפּזאָג: דער צ. ק. האָט אָנגעשריבן „לא" מיט אַ גרויסן אלף.

XXIX

עגאָטיקע

נאָך פיל צושטייעניש מצד זינגען גיב איך אַרויס אַ קליין ביכעלע לידער אין רוסיש מיטן נאָמען „עגאָטיקאַ". „עס איז געהייליקט צו מיינע איכן, זיכן, מיכן. אַרויסגעגעבן פון מחבר, מאָסקווע 1922".

דאָס זיינען לידער וועגן זיך אַליין, און ווען זיי זיינען אַפילו געשריבן וועגן עמיצן אַנדערש, איבערהויפּט ווען זיי זיינען עראָטישע געדיכטן, זיינען זיי נאָך אַלץ איכיש און זיכיש, וואָרעם דער פאַרליבטער שרייבט דאָך וועגן א י ר ווי ע ר זעט ז י. ער מאָלט אָפּ איר געשטאַלט אין זיין אינערלע־כער רעפלעקסיע, וואָס איז אַ טייל פון אים גופא. אַזוי אַרום שרייבט ער, אין תוך גענומען, נאָך אַלץ וועגן זיך, הגם אין אַן אינדירעקטן שטייגער. די זי איז אַ זי־איך, אַ זיך.

דאָס ערשטע ליד פון אָט־דער מאָגערער זאַמלונג האָב איך איבערגע־

זעצט אין יידיש און עס פאַרעפנטלעכט אין בוך „אַ מענטש איז געשטאָרבן" (תש"ד, ז. ט"ז, 1944) אונטערן קעפּל „גרויס פאַרמעגן".

פאַרמאָגט דער פויגל פליגלען צוויי,
דער מלאך שרף — פליגלען זעקס;
שטאָלצירט דער צען־געבאָט מיט „לאַ",
זיך גרויסט עקוואַציע מיט איר עקס.

דעם מזרח האָבן זייטן דריי,
די שוואַנגערן — חדשים ניין.
געפאַנגענעם — דער שפּרוך „ביסט פריי!"
דעם קידוש און הבדלה — וויין.

דעם גאַנג פון טייך פאַרמאָגט דער ברעג,
דעם פרעג „פאַרוואָס? פאַרוועז?" — אַ ווייל.
דעם וואַנדערערס נע ונד — דער וועג,
געשפּאַנטן יעגערס בויגן — פייל.

דעם נביא האָט דאָס זעאונגסוואָרט,
אַ פרומען „אמן" — דאָס געבעט;
די גלות־שיף — דער גאולה־פּאָרט;
דעם שטאָלצן יידן — דער ביטול „עט"...

און וואָס פאַרמאָגסטו, פריינט ר' איך?
— אַ נשמה נאַקעט אָן אַ לבוש,
אַ זעל אַ באָרוועסע אָן שיך,
אַ גאַנצן יש דאָך אָן אַ מהות.

און אָט איז דער אַריינפיר, וואָס גיט מיין קרעדאָ פון פּאָעזיע.
„איך בין ניט געקומען דיך פאַרווילן, איך בין געקומען דיך לערנען" (געטהע).

1. — איך בין ניט געקומען דיך פאַרווילן, איך בין ניט געקומען דיך לערנען. איך בין געקומען זיך פאַרפולקומען.

2. — ביי פּושקינען איז דער דיכטער אַ נאָכקלאַנג, אַן עכאָ.
איך בין אַ דיכטער — אַ פאָרקלאַנג, איך בין די בשורה־טובה פון נייעם מענטשן, דעם אינעווייניקסטן מענטשן.

3. — איך בין ניט קיין איבערמענטש, איך בין ניט קיין „יונגמענטש", איך בין דער א י נ מ ע נ ט ש.

4. — דער אַראָפּזינק פון פּאָעזיע. דער דיכטער האָט אָנגעפּאַנגען ווי אַ נביא און ענדיקט אויף אונדזערע אויגן, ווי אַ מאַרשאַלעק, אַ פּאַיאַץ.
אַ, ווען זיי וואָלטן זיין אָגערס אין סטאָדאָלע. זיי זיינען בלויז קליאַטשעס.

5. — דער מיקראָקאָזם איז דער העכסט וואָרער, דער העכסט עכטער מאַקראָקאָזם.

דער דיכטער איז דאָס אויג, אַ בליק אין דער וועלט אַריין.

6. — דער פּלאַץ פון פילאָזאָפיע וועט פאַרנעמען פסיכאָסאָפיע, עגאָ־סאָפיע.

קאָנקרעטיזיר זיך — דאָס איז מיין דעוויז.

7. — מכשפים, וואָס זוכט איר אוצרות אין דער ווייטקייט פון צייטן און ערטער, און דער אוצר ליגט אין אייך.

8. — ניט קיין צעצווייאונג, ניט קיין אָנגעבראָכנקייט, נייערט אַ כּפלונג פון איכן. אַ צוזאַמענלעבן פון זיכן. אַ פאַראיין פון אַלע מיכן.

9. — ניט קיין גלויבן אין אַ יענזייטיקער וועלט, נאָר אַ וויסן פון אַן אינזייטיקער וועלט.

10. — ניט קיין נייע פאָרם, נייערט אַ נייעם אינהאַלט גיב איך פּאָעזיע.

11. — „פּראָלעטאַרישע" דיכטער, וואָס באַזינגט איר די פאַבריקן און די וואַרשטאַטן, האָבן דען די „בורזשואַזע" דיכטער באַזונגען די באַנקירישע קאַבינעטן און בירזשעס און אז. וו.

אָ, איר רינגעלעך פון רויך פון דער רויכערנדיקער נאַרישקייט־ליולקע אין מויל פון שאַבלאָן. עס וועט אַ בלאָז טאָן אַ ווינטל און עס וועט אייך צעשטרויען.

12. — זאָל זיין מער פרייע צייט, און נאָך מער פרייע צייט און מיר וועלן שאַפן אַן אינערלעכע ציוויליזאַציע.

13. — דאָס ליד פון ליד, דאָס ליד וועגן לידלעכן ענטוזיאַזם, דאָס איז מיין ליד.

14. — איך בין ניט פון דער אויסערלעכער וועלט, איך בין פון דער אינערלעכער וועלט.

15. — באַרבאַרן, פאַרוואָס האָט איר איינגעפּירט אַן ערבות פאַר מיינע איכן. איך בין ניט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די האַנדלונגען פון מיינע אינער־לעכע נאָענטע און ווייטע.

16. — לאָמיר שעכטן דעם אָקס פון קריג אין אונדז און מאַכן אַ סעודה לכבוד דעם שלום.

17. — איך בין אַן אינערלעכער אינטעראינדיווידואַל.

18. — איך טרינק אין איינזאַמקייט, אין ענגן קרייז פון אינערלעכע פריינט, דעם וויין פון אייגענעם אונטערבאַוואוסטזיניקן קעלטער.

19. — עגאָטיק איז דער טריאומף אין זיך, ניט קיין זעלבסט־באַרימעריי.

20. — איך בין אַ קוילנגרעבער פון האַרצן און אַן אַוויאַטאָר פון פאַר־שטאַנד.

13טן נאָוו. 1922. מאָסקווע.

זונטיק אין אָוונט האָב איך געהאַלטן מיין לעקציע ווי דער שטייגער איז געווען. די טעמע דאָס מאָל „מאַקס (שטירנער) קעגן מאַרקסן". דער זאַל איז געווען געפּאַקט. צווישן עולם האָט זיך געפונען איינער, וואָס האָט זיך בראָוו־

אַרויסגעזאָגט פאַר דעם בורזשואַזן איינשטעל קעגן סאָציאַליזם. ער האָט גע־רעדט ערנסט, דורכגעטראַכט. איך האָב באַוואונדערט זיין דרייסט, נאָך מער, וואָס איך בין געווען זיכער אַז ער איז ניט געווען קיין טשעקאַ־אַגענט. אין זאַל איז אויך געווען מאַרק קריניצקי. איך האָב אים געשאָנקען מיין ביכעלע לידער „עגאָטיקאַ".

אַ פּאָר טעג שפּעטער איז געווען אין „איזוועסטיאַ" אונטערן פּאַסיק אַ באַריכט וועגן מיין פּאַרטראַג און אַן אָפּשאַץ וועגן מיינע לידער, וואָס ער האָט זייער שטאַרק געלויבט.

ער האָט אָנגעוויזן אויף דער אייגנאַרטיקייט פון מיין ריידן. ער האָט זיך אַזוי אויסגעדריקט: מאָסקווע פּאַרמאָגט גרעסערע רעדנער פון גאָרדינען, אָבער קיינער קען ניט האַלטן אַן עולם אַזוי געשפּאַנט און אַזוי באַגוועלטיקן זיין אויפמערקזאַמקייט.

איך האָב וועגן דעם אַרטיקל ניט געוואוסט. איך פלעג לייענען בלויז די „פּראַוודאַ", דעם אָפיציעלן אָרגאַן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

איינמאָל האָט מיך געפרעגט מיכאַליעווסקי, אַ רויטער פּראָפעסאָר פון סווערדלאָוו־אוניווערסיטעט, וואָס ס'איז מיין מיינונג וועגן דער „פּראַוודאַ" אַלס אַ ציימונג.

קיין צופיל צוטרוי צו אים האָב איך ניט געהאַט, כאָטש איך האָב גע־האַלטן, אַז ער איז אַ קאָמוניסט לויט זיין איבערצייגונג. ער האָט זיך אי־בערצייגט, אַז עס איז בעסער צו זיין אַ רויטער פּראָפעסאָר אין מאָסקווע, איידער אַ מלמד אין אַ תלמוד־תורה אין מאָהיליאָוו. וואָס ער איז געווען פאַר דער רעוואָלוציע.

איך האָב אים געענטפערט, זיך אַרויסמאַכנדיק פון געבן אַ דירעקטע תשובה, טראַכטנדיק, אַז אפשר וועט ער עס איבערגעבן:

— מיר אורטיילן רעלאַטיוו, ד. ה. פאַרגלייכנדיק איין זאַך מיט דער צווייטער; די „פּראַוודאַ" איז אָבער די איינציקע ציימונג, וואָס איך לייען; איז זי אַן אַבסאָלוט, זי שטייט אויסער פאַרגלייכענישן און, ממילא, איבער יעדן אורטייל.

ווער איז מיכאַליעווסקי? ער איז געווען אַ פּרינציפּאַל פון אַ תלמוד־תורה אין מאָהיליאָוו אויפן דניעפּער און דאָרט, קומענדיק ווי אַ מלחמה־פּליט אין 1915, האָבן מיר זיך באַקענט און באַפריינדעט. די פריינטשאַפט האָט אָנגעהאַלטן פאַר אַ ניט לאַנגער צייט אויך אין מאָסקווע. ער פלעגט מיך באַ־זוכן פון צייט־צו־צייט. אָבער, דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך אים חושד געווען, אַז ער קומט שפּיאָנירן. איינמאָל האָט ער מיך געפרעגט, ווי אַזוי איך האָב געקראָגן די פּערצנטע אויפלאַגע פון „ענציקלאָפּעדיאַ בריטאַניקאַ", געדרוקט אויף דינעם זייד־פּאַפּיר. אויף דעם האָב איך אים ניט געענטפערט, ווייל איך האָב זי איינגעהאַנדלט פאַר הונדערט רובל געצאָלט אין גאָלד, מיט צען צאַ־רישע אימפּעריאַלן, אַנדערש האָט דער בוכהענדלער מיר זי ניט געוואָלט פאַר־קויפן.

מיין חשד האָט געהאַט בלויז אָט־דעם גרונט: זיין ניט מורא האָבן צו

האָבן צו טאָן מיט מיר. מע קען דאָך אים דערפאַר פאַרדעכטיקן אין אפּיקור־סות, וואָס איז אַן אָנשטעקנדיקע קראַנקייט, און ער קען די חולאת פון מיר כאַפּן. איז וויבאַלד ער באַזוכט מיך און שרעקט זיך ניט פאַר די קאָנסעק־ווענצן, איז אַ סימן, אַז עפּעס שטעקט הינטער זיין בראַווקייט.

קומענדיק צו קאָמעניעוון מיט עפּעס אַ שתדלנות, האָט ער מיר באַוויזן מאַרק קריניצקיס אַרטיקל אין „איזוועסטיאַ".

איך האָב אים געזאָגט:

—איצט, אַז איר ווייסט שוין, אַז איך בין אַ דיכטער, איז טרייבט מיך אַרויס פון אייער רעפּובליק, ווי פלאַטאָן האָט אַרויסגעטריבן די פּאָעטן פון זיין קאָמוניסטישער „רעפּובליק".

קאָמעניעוו האָט געענטפערט מיט אַ שמייכל.

XXX

משהקע קומט און אַנטלויפט

1

משהקע קומט

עס איז סוף 1922.

זונטיק אָוונט. איך שטיי און האַלט מיין וועכנטלעכן פאַרטראַג. פאַר־שטייט זיך, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַ קאַרדינאַלן פונקט, אַן עיקר פון דער מאַרקסיסטישער תורה.

דער טיטל פון פאַרטראַג: „פיקציע און רעאַליטעט אין די קלאַסן־פאַר־העלטענישן אין סאָוויעטרוסלאַנד".

אין מיטן ריידן באַמערק איך, ווי אַ גאַנצע כאַפּטע אַמעריקאַנער קומט אַריין און שטעלט זיך אַוועק ניט ווייט פון דער עסטראַדע. וואו צו זיצן איז ניט געווען; אַלע פּלעצער זיינען געווען פאַרנומען.

פונוואַנעט האָב איך געוואוסט אַז זיי זיינען אַמעריקאַנער?

איך האָב זיי דערקענט פון זייערע שפּאַקולן, די גרויסע גלעזער. מיר אין אייראָפּע האָבן געטראָגן, צי אין פּענסנע צי אין שפּאַקולן, קליינע שייבעלעך.

צופיל האָב איך זיך צו זיי ניט צוגעקוקט. קיין צו גרויסן אינטערעס האָבן זיי אין מיר ניט אַרויסגערופן.

איך האָב געענדיקט מיין פאַרטראַג, און דער פראַגן־פעריאָד האָט זיך אָנגעפאַנגען. אייניקע האָבן זיך פאַרשריבן צום וואָרט אָדער צו שטעלן אַ פראַגע אָדער, וואָס איז געווען רעכט, צו אָפּאָנירן, מאַכן אויסזעצונגען, אָבער קורץ צום פונקט; האַלטן גאַנצע קאָנטער־רעפעראַטן איז ניט געווען דער־לאָזבאַר.

איך זע, ווי איינער פון דער אַמעריקאַנער גרופּע טיילט זיך אַרויס פון דעם געזעמל און לאָזט זיך גיין צו דער בינע. אָט באַטרעט ער שוין די ערשטע פּאָר טרעפּלעך. ערשט אַצינדער דערקען איך אים, — עס איז משהקע, מיין יינגסטער ברודער. מיר צעוויטעווען זיך און צעקושן זיך בפני כל עם ועדה...

ווען איז ער געקומען? ווי לאַנג גייט ער בלייבן? איז ער אַ קאָמוניסט? איך קען דאָך אים ניט פרעגן און אויסהערן זיינע ענטפערס, ווען מיר האַלטן אין מיטן די פּראָגעס, וואָס דער עולם שטעלט און איך דאַרף ענטפערן, לכן דאַרף איך דאָך זיי אויסהערן.

וואָס טוט ער אויף דער בינע? ער גייט עס מיר אָפּאָנירן. ער נעמט ריידן; זיין שטים איז פון אַ לייב. ער גרייפט שטאַרק אָן מיין טעזיס. דער עולם נעמט טומלען. ער האַלט, אַז ער איז צו עזותדיק קעגן מיר. עס איז דאָך „אונדזער" עולם; אויב ניט אַלע קיין חברים, זיינען כמעט אַלע סימפּאַטיזירער מיט אונדזערע אידייען. זיי לאָזן אים ניט פאַרזעצן. איך נעם זיך אָן פאַר אים. איך דערקלער זיי, אַז עס איז אַ ברודער געקומען פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון נאָרד־אַמעריקע; ער האָט קיין השגה ניט, וואָס עס קומט דאָ פאָר אין לאַנד. ער האָט זיך מסתמא אָנגעלייענט אַגיטאַציע־שרייבעכצן וועגן אונדזער גן־עדן. איך בעט זיי, זיי זאָלן זיין געדולדיק און לאָזן אים ענדיקן. ער דערלויבט זיך, אפשר, צופיל, אָבער ער האָט דאָך די פּריווילעגיע פון ברודערשאַפט. איך וועל אים ניט בלייבן שולדיק קיין ענטפער.

דער עולם ווערט שטיל. מאָריס גייט אָן מיט זיין אַגיטאַציע־ריידעריי, וואָס האָט זיך געפּאַסט פאַר 1917 ניט אין 1922. אָבער ביי אים, הפנים, איז נאָך אַלץ געווען 1917. און אַזוי האָב איך אים באַצייכנט, „דער 1917־יאָר־באָלשעוויק".

איך בין אומגעדולדיק; איך וויל, די פאַרזאַמלונג זאָל זיך שוין ענדיקן און איך זאָל קענען בלייבן מיט אים אויג־אויף־אויג און כאַפּן אָן אינטימען שמועס.

דער „אָוונט" איז געשלאָסן. איך נעם אים מיט זיך אויף מיין קוואַרטיר. זינע איז געלעגן אַ קראַנקע, געכאַפּט אַ טיפוס. זי איז אַרויסגעפאָרן פון מאָסקווע ערגעץ אין אַ דאָרף אויסצובייטן עטלעכע אַלטע קליידער אויף עסנוואַרג, ווי פּוטער, קעז און אויך מעל.

אין יענע יאָרן האָט מען פון מאָסקווע ניט געטאָרט, פון שטאַנדפּונקט פון געזונט־היטן, אַרויספאָרן, ווייל די באַנען און, איבערהויפּט, די וואָקזאַלן זיינען געווען פאַרפּעסטעט, פאַרלייזיקט. די לייז זיינען עס געווען די טרעגערס פון דער טיפוס־קראַנקייט, פון דער מגפה. אויף די וואָקזאַלן האָבן זיך געוואַלגערט פויערים־פאַמיליעס חדשים לאַנג. זיי פלעגן דאָ שלאָפן אויסגעלייגטע אין שרענגעס אויפן דיל, דאָ האָבן זיי געוואוינט מיט ווייב און קינדער. זיי האָבן געדאַרפט ערגעץ פאָרן, זיך אַריבערציען. די באַנען האָבן פונקציאָנירט בדוחק גדול, אַזוי אַז אָן „קאָמאַנדירונגען" געגעבן פון פאַראַנטוואָרטלעכע אָרגאַניזאַציעס האָט מען קיין בילעט ניט געקענט קריגן. פלעגן

די איבערוואַנדערנדיקע פויערים בלייבן שטעקן אויף די וואָקזאַלן און זיי פאַר־ברודיקן, פאַרוואַנדלען זיי און די סטאַנציעס אין נעסטן פון טיפוס־אַנשטע־קעריי. אפילו די שטאָט־טראַמוואַיען זענען געווען בחזקת סכנה. אויף די פּאַ־סאַזשירן פלעגן אַרומקריכן אָנגעזויפטע מיט בלוט לייז און ווי נאָר איר האָט געכאַפּט פון זיי אַ ביס, זייט איר געווען זיכער קראַנק צו ווערן.

ווי געזאָגט איז זינע געפאָרן איינקויפן שפייז. זי האָט דערפילט איר שליחות בשלימות. אָבער ווי נאָר זי איז געקומען, איז זי גלייך קראַנק גע־וואָרן. זי האָט געהאַט איר קוואַרטיר, אָבער דאָרט איז ניט געווען ווער עס זאָל אויף איר אויפפּאַסן. איז זי געבליבן ביי מיר. זי איז געלעגן אין צימער, ווייל די שפּיטאָלן זיינען געווען איבערגעפּאַקט און עס איז ניט געווען קיין פּלאַץ, וואו צו לייגן די נייע אַריינשטראָמענדיקע פּאַציענטן אַפילו אויפן דיל. די מגפה האָט געפערלעך געבושעוועט און געשניטן לעבנס ווי מע קאָ־שעט היי.

סוף־כל־סוף האָט מען זינען אַריינגענומען אין שפּיטאָל. ווי אַזוי? זי האָט זיך געכאַפּט צו נוצן מיין נאָמען ווי אַ מין שם־המפורש, וואָס דאַרף ווייזן וואונדער. דער הויפּט־דאָקטאָר, דער אָרדינאַטאָר פון איינעם פון די גרעסטע שפּיטאָלן אין מאָסקווע, אַז ער האָט דערהערט מיין נאָמען אַרויס־קומען פון איר מויל, האָט פאַר איר געקראָגן אַ פּלאַץ און גלייך אויף אַן אָרט געבעטן זי, מיר לאָזן וויסן, אַז איך מוז פאַר אים קריגן יאָד. אַפילו אַזאַ אַרטיקל איז ניט געווען אין די שפּיטאָלן.

מיט וועלכן מופת האָב איך עס געקענט קריגן? עס איז געווען איין אַפּטייק, וואָס האָט געהאַט מעדיקאַמענטן און די אַפּטייק האָט זיך געפונען אין קרעמל און האָט באַדינט די עליטע פון אַט־דער מלוכה־פעסטונג. די אויסלענדישע דעלעגאַטן, וואָס פלעגן קומען צו די קאָנגרעסן פון קאָמאינ־טערן, פּראָפאינטערן, פלעגן מיט זיך מיטפירן מעדיקאַמענטן. אויך די דיפּלאָ־מאַטישע קורירן פלעגן איינקויפן פאַרמאַצעווטישע אַרטיקלען אין אויס־לאַנד און זיי ברענגען. פערקוס, אַן אַמעריקאַנער אַנאַרכיסט, איינער פון די פּראָמינענטע חברים פון „פאַראיין פון די רוסישע אַרבעטער" אין די פאַר־איייניקטע שטאַטן, האָט געהערט צו אונדזער גרופּע, און ער האָט געאַרבעט אין דער אַפּטייק. דורך אים האָב איך באַקומען יאָד און אים איבערגעשיקט צום הויפּטדאָקטאָר. איך האָב אים אויך געשיקט צוקערמעל; דאָס איז דע־מאָלט געווען אַ יקר־המציאות. דאָס האָב איך אים געגעבן אַ מתנה פאַר זיין אַכ־טונג געבן אויף זינען און מיען זיך שטעלן זי אויף די פיס. דער דאָקטאָר האָט געהאַט אַ פאַרגעפיל, אַז אַרום אונדז, אַ ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציע, וועט ער זיך „פאַזשיווען", דערפאַר האָט ער פאַר זינען מיט גרויס אַנשטרענג געקראָגן אַ בעטל.

דערווייל האָב איך איבערגעהאַקט דעם סיפור־המעשה.

איך נעם מאַריסן צו זיך. אָבער איך האָב ניט געוואָלט שטערן זינען אין איר שלאָף. בין איך מיט אים געזעסן אין קיך ביי אַ ליכטל. עלעקטרי־שע באַלייכטונג האָט מען געקראָגן בלויז פאַר עטלעכע שעהן אין אָוונט.

איך בין אַפּגעזעסן מיט מאָריסן ביז אויפמאָרגן 8 אינדערפרי. איך האָב אַ גאַנצע נאַכט מיט קיין אויג ניט צוגעמאַכט, דאָס מויל אויך ניט צוגע־מאַכט אויף איין מינוט. איך האָב געטאָן מיין אַרבעט מיט ברידערלעכער איבערגעבנקייט, זיך ניט געשאָנעוועט.

איך האָב זיך געמיט מיט כל הכוחות אים געבן צו פאַרשטיין די לאַגע אין לאַנד און פּרובירט אים איבערצייגן, אַז ער איז געקומען שוין נאָך אַלע־מען. איך האָב אויך געוואָלט, אַז ער זאָל באַגרייפן, אַז די אַריבערגעקומענע אויסלענדער קאָמוניסטן, וואָס לויפן „אויפן בייזן סאָציאַלן וואונדער", זיינען דאָ ניט קיין אַנגעלייגטע געסט; זיי זיינען כמעט אַלע „פּערסאָנאַ נאָן גראַ־טאַ". די רעגירונג וויל וואָס שנעלער פון זיי פּטור ווערן. זי האָט צו זיי ניט קיין צוטרוי.

איך האָב פּשוט מורא געהאַט, אַז אַזאַ פּריץ, אַזאַ נאַאיוון אידעאַליסט, אַ פאַרברענטן קאָמוניסט, וועט מען אַפּשיקן אויף איינעם פון די פראָנטן, און דאָרט וועט מען אים פאַרטיק מאַכן אָן שהיות און אָן מחזקות, אַ האָן וועט ניט אַ קריי טאָן. מי איך זיך אים עפענען די אויגן, ער זאָל תופס־זיין די לאַגע און ניט זיין אַזוי זיכער ביי זיך. ער זאָל זיין פאָרזיכטיק מיט יעדן טראָט און יעדן פינטל פון אויג, ווייל מע גיט אויף זיי אַלעמען דאָ שטאַרק אַכטונג. די טשעקאַ האַלט אַ וואַכזאַם אויג אויף אַט־די אייפערפולע קאָ־מוניסטן.

איך האָב גערעכנט, אַז צו אַ געוויסער מאָס האָב איך דערגרייכט מיין ציל, אַפּגעמאָלן פאַר אים אַ ריכטיקן בילד פון דער לאַגע און קלאָר געמאַכט וואָס ער קען דאָ דערוואַרטן. הכלל איך האָב אים אַנגעשטאָפּט מיט אַזויפיל אינפאָרמאַציע און אויפקלערעניש וויפל עס איז נאָר אין אים אַריין. און מיר האָט אויסגעוויזן, אַז איך האָב אים באַאיינפלוסט און ער וועט מיינע וואָ־רענונגען נעמען אין אַנבאַטראַכט.

אַרום מיטיקצייט קומט צו מיר מיין שוועסטער, רחל גאָרדין (זי איז אומגעקומען מיט איר מאַן און צוויי באַגאַבטע טעכטער אין ריגע פון די הענט פון די נאַצי־רוצחים) און גיט מיר איבער, אַז מאָריס איז ביי איר געווען היינט אינדערפרי און ער האָט איר געזאָגט, אַז איך בין אַזאַ פאַר־האַרטעוועטער קאָנטערעוואָלוציאָנער; אַז ער וואָלט מיך, אָן געוויסן־ביי־סעניש און אָן קווענקלעניש, דערשאָסן מיט די אייגענע הענט. זי איז דאָס ספּעציעל געקומען מיך וואָרענען, איך זאָל זיך מיט אים מער ניט אַריינלאָזן אין קיין הויכע טעאָרעטישע אַנטימאַרקסיסטישע דרכים; ער איז אַ פאַנאַטי־שער קאָמוניסט, און איך זאָל זיך היטן פון אים.

איך ענטפער איר:

— אויב ער איז אַזאַ אָפּגעריסענער נאַר, איז זאָל ער זיך האַלטן מיט זיין קאָמוניזם. מיר וועלן אים לאָזן לויפן און זען, וואוהין און ווי ווייט ער וועט פאַרלויפן.

מער האָב איך אים ניט געוואָלט זען און טרעפן. דורך דער שוועסטער האָב איך געוואוסט בערך וואָס ער טוט.

אין אַ פּאָר טעג שפּעטער בין איך געווען אין מאָסקווער סאָוויעט; גע־קומען מיט עפּעס אַ שתדלנותל זען קאָמעניעוון. אין אויפנאַמזאַל איז גע־שטאַנען אַ גאַנצע טשאַטע קאָמיסאַרן און זייערע ואשר־משרתים. דער סע־קרעטאַר פון מאָסקווער טשעקאַ איז געשטאַנען אין מיטן און געשמועסט מיט זיי. אַז ער האָט מיך דערזען אַריינקומען, איז ער צוגעקומען צו מיר און מיך העפלעך באַגריסט, ניט פאַרגעסן מיך צו טיטולירן „טאָוואַרישטש״. ער איז גלייך צוריק צוגעגאַנגען צו דעם רעדל און זאָגט צו זיי האַלב־שפּאַסיק הויך אויפן קול, וואָס האָט זיך צעהילכט איבערן גאַנצן זאַל און דערגאַנגען צו מיר, וואָס איז געזעסן אין אַ ווינקל ביים סאַמע עק:

— איר ווייסט, איצטער, אַז מע וועט דאַרפן אַרעסטירן טאָוואַרישטש גאַרדין, וועלן מיר עס אַליין מער ניט טאָן. צו וואָס? מיר וועלן שיקן זיין ברודער. זיינער אַ ברודער איז געקומען פון אַמעריקע, איז ער אַ פייערדי־קער קאָמוניסט.

אַלע האָבן אָנגעשטעלט מויל און אויערן. די זאַך איז געווען אַזוי אומ־גלויבלעך. ביי זיי איז דער נאָמען גאַרדין געווען אַ סינאָנים פון אַנאַרכיזם. און זיי האָבן זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז איינער, וואָס טראָגט אָט־דעם נאָמען, זאָל גאָר זיין אַ קאָמוניסט.

מאָריס האָט מיר שפּעטער־צו דערציילט: אויפן דריטן קאָנגרעס פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל האָט מען אויסגערופן זיין נאָמען ווי אַן איבערזע־צער פון ענגליש אין רוסיש און פון רוסיש אין ענגליש. אַז בוכאַרין האָט דערהערט אָט־דעם „פאַרבאָטענעם״ נאָמען, איז ער אויפגעשפּרונגען פון שטול. ער איז געזעסן אין פּרעזידיום. ער האָט זיך באַרואיקט ערשט, ווען מאָריס איז אַרויף אויף דער טריבונע און בוכאַרין האָט אים דערזען און זיך דערקונדיקט, אַז עס איז אַן אַנדערער, ניט איינער פון יענע „ברידער גאַרדין״.

די אייגענע דערפאַרונג האָט ער געהאַט מיט ד. ריאַזאַנאָוון, דעם שעף פון „קאַרל־מאַרקס־אינסטיטוט״.

אַוועק אַ פּאָר חדשים. איך קריג אַ בריוו פון מאָריסן, אַז מען שיקט אים אָפּ אין אוקריינע אויף „ראַזוויאָרסטקע״, פּראָסט גערעדט אַרויסצורייסן דעם לעצטן ביסן ברויט פון די פּויערים. די מיסיע איז געווען פּונקט אַנגעמאָסטן פאַר אים, דעם בעל־החלומות, וואָס האָט אין רוסלאַנד אונטער דעם צאַרישן רעזשים געשריבן רוסישע לידער, אַרומגעגאַנגען גאַנצע נעכט און געקוקט אויף דער לבנה און געווען זיכער, אַז אויף אירע בלייכע שטראַלן וועט ער אַרויפקלעטערן אויפן אָלימפּוס און פאַרנעמען אַ פּלאַץ אַ העכערן פון פּוש־קינען... און אין שיקאַגאָ איז ער געווען אַ סטודענט אין אוניווערסיטעט.

אין מיין ענטפער צו אים האָב איך געשריבן, געבראָוויכנדיק אַ גמרא (קידושין פ״ב): „די וועלט קען זיך ניט באַגיין אָן אַ קאָסמעטיקער און אָן אַ גאַרבער; גוט און וואויל איז דעם, וואָס זיין פאַך איז פּאַרפיומעריי; אַז אָך און וויי איז צו דעם, וואָס זיין אַרבעט איז גאַרבעריי״. „די פּאַרטיי האָט שוין פאַר דיר און דיינע קענטענישן און פעאיקייטן ניט געקענט געפינען קיין אַנדער אַרבעט ווי בלויז אָפּנעמען תבואה ביי די אוקריינער קולאַקעס?!״

געטראַכט האָב איך: אַ חזיר דאַרף מען רייסן ביי די אויערן, אָבער מע מוז זיין אַ כלב צו טאָן עס. זאָל זיין, אַז די אַרבעט דאַרף געטאָן ווערן, אָבער מאָריס איז זיכער ניט דער פּאַסיקער מענטש דערפאַר.

וואָס ער האָט געטראַכט, לייענענדיק מיין בריוו, ווייס איך ניט, אָבער אַ שטיקל שטויס האָט ער פון אים געקראָגן. עס איז אים אַריין אין נאָז. ער איז אָפּגעוווען אין אוקריינע בערך אַ האַלבן יאָר, ער איז אויך געווען אַ קורצע צייט אין אָדעס, וואו ער האָט אַקטואירט ווי אַ „פּראָקוראָר״ — און איז געקומען צוריק קיין מאָסקווע, אויב ניט קיין נייער מענטש, איז אַן אָפּגעקילטער. ער האָט צו זיך שוין געלאָזן ריידן. ער האָט געזען די אכזריות פון די סאַטראַפּן און זייער אויסגעלאַסנקייט, זייערע הוליאַנקעס. אין דער פּראָווינץ האָבן זיי ניט געהאט פאַר וועמען מורא צו האָבן און פאַר וועמען זיך שעמען, האָבן זיי געאַרבעט אויף טיש און אויף בענק, געפּראַוועט אמתע אָרגיעס. מאָריס איז געוואָרן היפּש אַנטוישט און גאַנץ אָפט פלעגט ער קומען צו מיר און אויסגיסן זיין ביטער האַרץ.

עס איז 1923. אין דער פּאַרטיי האָט זיך געשאַפן אַן אָפּאָזיציע. געווען אויך פאַר דעם אָפּאָזיציעס אויף אַ קליינעם מאַסשטאַב און טראָצקי איז אַלע מאָל געווען דער, וואָס האָט געפאָדערט דאָס אָנהאַלטן פון אַ שטרענגער דיסציפּלין אין דער פּאַרטיי אַזוי גוט ווי אין דער אַרמיי. און דאָ האָט טראָצקי אַליין זיך געפונען אין דער אָפּאָזיציע.

די סטודענטן־קאָמוניסטן זיינען אַלע צוגעשטאַנען צו דער טראָצקי־אָפּאָזיציע. מאָריס, האַלטנדיק מיך פאַר אַ מומחה אין די סאָוויעט־רוסלענדישע אַנגעלעגנהייטן, האָט מיך געפרעגט אַן עצה, צי ער זאָל צושטיין צו דער טראָצקי־אָפּאָזיציע.

2

טראָצקי

די ר. ק. פּ. (רוסישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי) האָט ניט דעם ערשטן מאָל צו טאָן מיט אַן אָפּאָזיציע פון אינעווייניק. און יעדן מאָל איז די אָפּאָזיציע געשלאָגן געוואָרן, געכאַפּט אַ פּסק און אַראָפּ פון דער סצענע פאַר אַ לענגערער אָדער קירצערער צייט.

און דער נאָמען, וועלכן מיר האָבן אָוועקגעשטעלט ווי אַ קעפּל, איז עס תמיד געווען דער גרויסער בראַווער, אומברחמנותדיקער „שלעגער״, די שווערע אַרטילעריע, וואָס פלעגט אַראָפּרייסן די פּאַרטן פון די פעסטונגען פון די „אָפּאָזיציאָנערן״.

געווען שליאַפּניקאָוו, קאָלאָנטאַי מיט זייערע גרופּן. ווער האָט קעגן זיי אָנגעפירט אַמביטערסטן די מלחמת־מצווה? ווער האָט געהאַלטן די פּאַרבישטונגס־רעדע קעגן קאָלאָנטאַי אויף דער זיצונג פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל? טראָצקי האָט זי געמאַכט מיט בלאָטע צוגלייך, כמעט באַשולדיקט אין פאַררעטעריי.

ס׳טייטש, האָט ער געטענהט, אין דעם פעריאָד פון דיקטאַטור פון פּראָ־לעטאַריאַט — ווי האָט מען עס די העזה און דעם איינפאַל צו בילדן אַן אָפּאָזיציאָנערע גרופּע אין דער איינאיינציק הערשנדיקער פּאַרטיי, די אָנ־פירערן פון דער גרעאַטענער סאָציאַלער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד! אַזאַ זאַך קען ניט דערלאָזן ווערן און וועט ניט דערלאָזן ווערן.

צייטן בייטן זיך, און די אומשטענדן בייטן זיך. און אפנים אַז מענטשן בייטן זיך אויך.

דעם גרעסטן סורפּריז האָט דער עולם אין סאָוויעטרוסלאַנד געקראָגן, ווען עס איז געוואָרן באַוואוסט, אַז טראָצקי איז אין דער אָפּאָזיציע...

און דער וואונדער איז נאָך גרעסער געוואָרן, ווען מ׳האָט זיך דער־וואוסט, אַז זיין הויפּטפאָדערונג איז „דעמאָקראַטיע אין דער פּאַרטיי״.

דאָס האָט זיך בשום אופן ניט גערומעלט מיט דער פאָרשטעלונג, וואָס רוסלאַנד האָט געהאַט וועגן טראָצקין. און עס איז אַזוי שווער זיך געווען צו צוגעוואוינען צו דעם מאָדנעם געדאַנק:

טראָצקי — אַ „קאָזאַק הנגזל״. און וואָס פאַרלאַנגט ער? פרייהייט.

אַ מער אומפּאַסיקע פּאָזע, אַ מער קאָמישע לאַגע האָט קיינער פאַר אים ניט געקענט אויסטראַכטן.

איך וואָלט ניט זאָגן אַז ער, טראָצקי, איז געווען דער גרעסטער אכזר אין דער פּאַרטיי. עס זיינען געווען פאַרשוינען, וואָס האָבן אים ניט אָפּגע־טראָטן אין דעם פּרט.

איר קענט מסתמא אַלע טראָצקין און זיין אויסזען, אויב ניט פון לעבן איז פון די פּאָרטרעטן, מיט וועלכע מ׳האָט פאַרפלייצט די וועלט.

אַ מיטעלע, אַביסל העכער פון מיטל, פיגור, אַ דינער. אַ בליק וואָס נאָדלט אייך דורך און דורך. אַ שפּיציק בערדל וואָס שטעכט זיך ווי אַ יאַזש. גלייך אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע אין אַ זעלנער־פאָרמע. אין הויכע שטיוול — אָבער פּאַרט עלעגאַנט, שטייף, פאַרשנורעוועט אַזוי ווי אין אַ קאָרסעט. און אין גאַנצן איז ער אַ שאַרף פון אַ שווערד. אָט אַזוי שטייט ער, ניט רירנדיק זיך פון אָרט פאַר שעהן און שעהן אויף דער טריבונע פון קאָנגרעס און דר־נערט מיט זיין שטאַרקער ברייטער שטימע. די שטימע פעסט, גלייך, ניטאָ קיין אַרויף, ניטאָ קיין אַראָפּ. די גלייכקייט, דאָס איז זיין כוח. און עס פילט זיך אַזאַ גאווה, אַזאַ פאַרריסנקייט און זיכערקייט, ווי איינער זאָגט: וואָס זייט איר ווערט! טוט, וואָס מ׳זאָגט אייך, אַ ניט — וועט איר דאָ אויפן אָרט פאַרכאַפּט ווערן; פּה תהא קבורתכם.

טראָצקי האָט געהאַט אַרום זיך אַ מין שטיקנדיקע אַטמאָספערע פון ביסמאַרקן און נאַפּאָלעאָנען... קלענער אין געוויקס און דינער פון ביסמאַרקן, העכער אָבער פון נאַפּאָלעאָנען.

טראָצקי איז דער שלייפער פון דער פראַזע און דער מייסטער פון דער פּאָזע.

אַלץ איז געווען אויסגערעכנט צו מאַכן דעם נייטיקן היפּנאָטיזירנדיקן עפעקט אויפן איינפאַכן צוהערער אָדער צוקוקער.

טראָצקי איז אַ זעקל פול מיט שלאָגווערטער, און זיינע ווערטלעך פלעגן באמת שלאָגן.

„מיט געברענטן אייזן (קאַליאַניש זשעליעזאָם) איבערן רוקן פון אוק־ריינער קולאַק".

„מיר וועלן אַוועקשטעלן אַ גילאָטינע אויפן סאָוויעט־סקווער און הונ־דערטער קעפּ וועלן פאַלן".

און ווער האָט אונטערגעשריבן דעם ערשטן דעקרעט אַז מ'זאָל דער־שיסן יעדן „מיעשאָטשניק"? (דאָס איז אַ פּויער מיט אַ זאַק, אין וועלכן ער פירט ברויט אין שטאָט אָדער אַנדערע עסנוואַרג־פּראָדוקטן) — טראָצקי.

טראָצקי דער פירער פון דער רויטער אַרמיי, — די אויסרופן פלעגן פאַרקלינגען די הויכע סופיטן אין „גרויסן טעאַטער", וואו מ'האַלט אָפּ די אַלרוסישע קאָנגרעסן, ווען טראָצקי פלעגט זיך באַווייזן אויף דער עסטראַדע.

טראָצקי אַלס אַ פיגור האָט זיך, דוכט זיך, געפּאַסט פאַרן דיקטאַטאָר... און דאָ האָט ער גענומען ריידן מיט אַ האַלבן מויל וועגן פרייהייט, גענומען אַרויסוויַיזן חולשה און „ווייבלעכקייט"...

זיינע ווערטער האָבן אויסגעזען מאָדנע אומגלויבלעך. זיי האָבן זיך ניט געשיקט.

טראָצקי האָט גענומען שיסן, מעשה ראַקעטע, קאָמפּלימענטן אויפן חשבון פון דער יונגוואַרג; אַנטקעגן דער „אַלטער גוואַרדיע" האָט ער אַוועק־געשטעלט די יונגע גוואַרדיע. עפּעס אַ מין „ונערים ימשלו בם"...

ער האָט גענומען אייגזען, אַז די פּאַרטיי איז טויב און שטום, איז אַ מין אויטאָמאָט וכדומה אויפטועניש.

כ'לעבן מ'האָט ניט געדאַרפט האָבן אַ קאָלומבוס צו אַנטדעקן די אַמע־ריקעס. טראָצקי האָט פלוצלינג איינגעזען, אַז די וואָלן אַפילו אין פּאַרטיי־אינסטיטוציעס זיינען קיין וואָלן ניט. אַז אַלץ ווערט געטאָן ווי מ'הייסט פון אויבן, אַז די חברים זיינען אָנגעשראָקענע און האָבן קיינמאָל קיין אייגענע מיינונג ניט. אַז זיי קוקן אויף די העכערע און וואַרטן... און ציטערן אין פּחד־פּחדים ווי בלעטער פאַרן ווינט פון פּאַרטיי־סעקרעטאַרס מויל...

בקיצור, טראָצקי איז ווי פלוצלינג זעעוודיק געוואָרן, און ער האָט דער־זען אַזעלכע זאַכן, וואָס אַ דינסטמיידל האָט אויפן ים ניט געזען.

און אַלע האָבן געהאַלטן אין איין פרעגן ביי זיך און ביי אַנדערע: וואו איז טראָצקי פריער געווען? דאָס זיינען דאָך אַלץ זאַכן וואָס גאַנץ רוסלאַנד וויס, און גאַנץ רוסלאַנד האָט וועגן דעם גערעדט. און איין ענטפער איז אַלעמאָל געגעבן געוואָרן אויף די אַלע טענות:

דיקטאַטור!

ווען מ'האָט געזאָגט „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט" — האָט מען גע־האַלטן אין דער ווירקלעכקייט ביי דער דיקטאַטור פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

ווען מ'האָט צוגעגעבן אויף די פּאַרטיי־קאָנפערענצן און מ'האָט עס פאָר־מולירט אָפּן אַלס די „דיקטאַטור פון דער פּאַרטיי" — האָט מען שוין אין

דער רוסישערווירקלעכקייט געהאַלטן ביי דער דיקטאַטור פון דער אָנפירנ־דיקער גרופּע פון דער פּאַרטיי.

דאָס זיינען זאַכן וואָס „קינדער אין די וויגן“ ווייסן אין רוסלאַנד.

און וואָס איז טראָצקי אונדז געקומען לאָזן הערן, וואָס האָט ער דאָ אויפגעטאָן?

די וואַלן זיינען ניט ווי געהעריק. אַ גרויסער חידוש!

די דעמאָלטיקע פירער האָבן געמאַכט פון אים חוזק, דוכט זיך אַז דער וואָרט געהערט קאָמעניעוון: „דאָס איז אַן אָפּאָזיציע אָן אַ פּאָזיציע“.

און ווען זיי האָבן געפאָדערט אַז טראָצקי זאָל באַגרינדן זיין פּאָזיציע, האָט ער אָנגעשריבן אַ גאַנצע סעריע אַרטיקלען, אָבער קיין וויסנשאַפטלעכע באַגרינדונג איז ער ניט בכוח געווען צו געבן. פאַרוואָס? ניט נאָר דערפאַר וואָס טראָצקי איז אַ גאַנץ געשמאַקער, זאַפטיקער פּובליציסט אָבער אַ גאַנץ שיטערער טעאָרעטיק, נאָר מחמת דעם, ווייל אויב מען וויל אַ זאַך „באַגרינדן“ מוז מען עס גענעראַליזירן, פּאַראַלגעמיינערן, אויסברייטן. און דאָ וואָלט זיך טראָצקי גלייך געמוזט אויסגליטשן און רחמנא ליצלן אַריינפאַלן אין דער בלאָטע פון דעמאָקראַטיע. אַן עבירה פאַר וועלכער ער ציטערט ווי אַ רב פאַר חזיר־עסן.

וואַלן און דיקטאַטור! יעדער בר־דעת פאַרשטייט אַז וואַלן, פרייע, אומ־געצוואונגענע קענען זיך ניט איינלעבן מיט אַ דיקטאַטור.

און ווייטער, אַז דאָרטן וואו עס הערשט אַ דיקטאַטור דאַרף מען האָבן אויף כּפּרות די וואַלן.

אלא פאַרוואָס זיינען פאַרט דאָ וואַלן? גלאַט אַזוי, ס׳איז מער אַ שפּיל, ווי אַן ערנסט.

קיינער גייט ניט אַרום נאַקעט, און דיקטאַטור אויך ניט. די וואַלן זיינען אַ מין לבוש, אַ מין צודעק אויפן לייב פון דער יפהפיה דיקטאַטור.

און געוויינטלעך פלייסט מען זיך אַז דאָס קליידל זאָל זיין וואָס קירצער, אַז די דעקאָלטע זאָל זיין וואָס ברייטער.

אַז די וואַלן אין די סאָוויעטן זיינען מער אַ פאַרס, ווי אַ פּאָליטישער אַקט, ווייסן אַלע וואָס קענען רוסלאַנד. וועגן דעם האָט טראָצקי קיין וואָרט ניט געזאָגט.

וואָס עס האָט אים געאַרט — איז די וואַלן אין די פּאַרטיי־אינסטיטו־ציעס. דאָ האָט ער דערזען דעם שפּענדל צווישן די ציין; וועגן דעם באַלקן פון צווישן די אויגן האָט ער זיך געמאַכט ניט זעענדיק.

„די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין רוסלאַנד איז די איינציקע פּאַרטיי וואָס האָט די פּריווילעגיע אָנצופירן לעגאַל איר אַרבעט“ — דאָס איז אַ פראַזע דעפיניציע, וועלכע געהערט זינאָוויעוון. ער האָט זי געשאַפן דעמאָלט ווען ער איז געזעסן שטאַרק אין זאָטל אויפן רויטן פערד...

און מ׳דאַרף צוגעבן, די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין רוסלאַנד איז די איינציקע ביוראָ וואָס שטעלט צו שטעלעס, גוט באַצאָלטע מלוכה־פּאָסטנס.

אין אַזאַ צושטאַנד וואָס קענט איר פּאַרלאַנגען פון דער פּאַרטיי,

יעדערער ווייס אַז געהערן צו דער פּאַרטיי הייסט זיין פאַרזיכערט מיט ברויט, און מיט פּוטער און אַ שנאַפּס אַמאָל, און אַ שיינע דירה און נאָך און נאָך זאַכן. דברים שמרחיבים את דעתו של אדם... און די פּאַרטיי איז אָנגעשוואָלן געוואָרן און פאַרשוואומען געוואָרן מיט צווייפלהאַפטע עלעמענטן.

אַ צען טויזנט מיטגלידער האָט די פּאַרטיי געציילט אַרום אָקטאָבער, בשעת דער רעוואָלוציע, און איצטער איז שוין אַ פּאָר יאָר אַז זי שטייט אויף אַ האַלבן מיליאָן מיטגלידערשאַפט.

און די קליינקייט אין צאָל דערקלערט זיך מיט דעם וואָס מ׳האָט פאַרמאַכט די זאַסטאַוואָקעס, מ׳האָט איינגעפירט אַ קאַנדידאַטן־סיסטעם. דאָס איז אַ מין גיהנום־ריין־ניקונגס־אַרט, דורך וועלכן מ׳לאָזט דורך אין גן־עדן אַריין פון דער פּאַרטיי.

ווען די אינסטיטוציע פון קאַנדידאַטן וואָלט ניט עקזיסטירן וואָלט די פּאַרטיי געציילט אירע מיטגלידער אין די שווערע מיליאָנען.

נאַטירלעך, מענטשן זוכן פרנסה. און דאָ גיט מען גוטע פעטע שטעלעס.

די פּאַרטיי האַלט זיך ביי איר בערך האַלבן מיליאָן, ווייל עס זיינען ניטאָ מער קיין מלוכה־שטעלעס. און עס איז דאָך קיין קונץ ניט אַריינגעמען גלאַט אַזוי מענטשן. מ׳וועט דאָך זיי דאַרפן באַזאָרגן.

אין אַזאַ פּאַרטיי וואָס צאָלט במזומנים פאַר אָנגעהעריקייט, קענט איר אָנווענדן דעמאָקראַטישע מיטלען? זאָגט־זשע אַליין!

מ׳גיט זיי צו „פאַרדינען״ און זיי וועלן נאָך אַ דעה זאָגן... אַ פּנים וואָלט עס געהאַט!

דערפאַר איז שטאַרק און פעסט דורכגעפירט דער פּרינציפּ פון סיניאָריטעט, סטאַזש הייסט עס אין רוסלאַנד. עס ווענדט זיך וויפל יאָר איז דער נפש אין דער פּאַרטיי. מ׳ציילט ניט די שטימעס, נאָר מ׳ציילט די יאָרן פון יענעם וואָס שטימט. וויַיז דיין פּאַרטיי־ביכל: וויפל יאָר, פון וועלכן יאָר אין דער פּאַרטיי? דאָס איז די פראַגע וואָס ווערט געשטעלט.

איר פאַרשטייט אַליין, אַז סיניאָריטעט איז אַן אַריסטאָקראַטישער פּרינציפּ, ניט קיין דעמאָקראַטישער. און וואָס האָט די פּאַרטיי געקענט אַנדערש טאָן?

געוויינטלעך, חברה־זשוליקעס שלאָפן ניט, און זיי ציען אויס זייערע סטאַזשן ווי נאָר מעגלעך. און עס איז דאָ אַ קאָנטראָל־קאָמיסיע, וואָס איז בודק, זוכט עבירות, גיט אַכטונג און רייניקט.

די „רייניקונגען״ זיינען אַלעמאָל געווען פאַלש און אַ מיטל זיך אָפּצורעכענען און פּטור ווערן פון די ניט ווינטשבאַרע עלעמענטן.

קענט איר אָפּוואַשן דעם פּנים פון אַ שוואַרצער האַרבסט־נאַכט? אַזוי קענט איר אָפּרייניקן די פערד־שטאַלן פון ר.ק.פּ.

זי איז פול מיט קאַריעריזם, און עס קען אַנדערש ניט זיין, וויבאַלד זי איז די בת־יחידה אין רוסלאַנד, און עס קומט פאַר דער פאַרמולירטער פון ספּענסערן פּראָצעס: „דער איבערלעב פון די פּעאיקסטע״... פון יענע וואָס ווילן פון קיין זאַך ניט וויסן, חוץ פון זייער „געשעפט״. און די זאַך איז

איינפאַך ווי אַ צעבער: קריג דעם „טויף־צעטל" און דו וועסט זיין דער גליק־לעכסטער מענטש אין דעם גליקלעכסטן לאַנד...

ביי אַזאַ לאַגע — און אַז די לאַגע איז אַזוי ווייסן אַלע וואָס זיינען באַקאַנט מיט דער סטרוקטור פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי — קען ניט זיין קיין רייד וועגן דעמאָקראַטישע פּרינציפּן.

די חברים נעמט מען אויפן וואָג, ניט אויפן צאָל.

ווער איז דער, וואָס זאָגט אַ דעה? וואו איז ער פריער געווען? פון וועלכן לאַגער קומט ער? וועלכע פאַלשע אפיקורסישע געדאַנקען האָט ער מיט זיך מיטגעבראַכט?

און די פּאַרטיי פירט זיך אויף אַן אַריסטאָקראַטישן אופן, און זי קען אַנדערש ניט.

און קאָמעניעוו האָט אַרויסגעזאָגט בהחלט: „עס וועט ניט זיין קיין דעמאָקראַטיע אין דער פּאַרטיי, דאָס איז אַ מענשעוויסטישער געדאַנק".

טראָצקי, ווי אַ גוטער דיאַלעקטיקער, איז אַריבער אין זיין ווידערשפּרוך.

איר ווייסט דאָך אַז ביי די קאָמוניסטן אין רוסלאַנד ווערט אַלץ געטאָן לויט דעם „פּאַרלאַנג" פון דער דיאַלעקטיק פון דער געשיכטע.

אַ שפּיל פון סתירות.

וואָס איז טראָצקי, וואָס איז זיין גרעסטער כוח? וואָס איז זיין שטאַרק־סטע באַגאַבטקייט? זיין כוח הדבור. ער פאַרמאָגט אַן אומגעוויינטלעך אַנט־וויקלטן אָראַטאָר־טאַלאַנט. ער איז דער גרעסטער רעדנער, אַ ווערטער־יור־וועלירער. ער איז דער דעמאָספען פון דער נייער רוסלאַנד.

וואו איז אויסגעוואַקסן שיין־ריידעריי? וואו איז געווען דאָס פאָטערלאַנד פון דעמאָספענען? די פרייע אַטהען. ריידעריי איז אַ פּראָדוקט פון דעמאָ־קראַטיע. די רעדנער שפּילן אַ ראָלע אין פרייע לענדער, וואו מיטן וואָרט קען מען איינווירקן אויף מענטשן, אונטערקויפן זיי מיט דער פראַזע, מיטן שיי־נעם ווערטל, וואו די מענטשן האָבן אַ רעכט צו שטימען ווי זיי ווילן, און שרעקן זיך ניט.

טראָצקי אַליין איז אַ פּראָדוקט פון דעמאָקראַטיע, און זיין שיינע רעד־נער־קראַפט מוז וועלקן דאָרטן, וואו עס הערשט אַ דיקטאַטור.

דיקטאַטור דאַרף ניט קיין רעדנער און טראָצקי איז אַריבער אין זיין ווידערשפּרוך. מ'האָט אים געדאַרפט האָבן אין צייט פון איבערגאַנג, ווען עס איז אַנגעגאַנגען אַ קאַמף פון פּאַרטייען, פון מיינונגען; מ'האָט געדאַרפט היפּנאָטיזירן, באַגייסטערן די מאַסן, זיי פירן צו דער שלאַכט און צום זיג.

איצטער זיינען געקומען אַנדערע צייטן.

אַנדערע צייטן, אַנדערע פייגל, אַנדערע לידער.

די מאַסן שפּילן מער ניט קיין ראָלע; מע הערט זיי ניט, מ'זעט זיי ניט און מ'פרעגט זיי ניט; מ'דאַרף מער ניט די גלענצנדיקע רעדעס. און מ'דאַרף ניט דעם רעדנער.

אַלץ ווערט אָפּגעטאָן און באַשטימט אין אַן ענגן קרייז, צווישן זיך.

די גרויסע פּאָליטיק פון לאַנד, פון פאַרבאַנד, ווערט באַשטימט „אין אַ ווינקל״.

און די הויפּטראָלע שפּילן יענע, וואָס האָבן „פּערזענלעכע פריינט״, מיטהעלפער, סימפּאַטיזירער. טראָצקי האָט ניט פאַרמאָגט קיין פריינט אין צ.ק. ער איז געווען צו שטאָלץ, צו פאַרריסן ביי זיך.

און מיטן אויסלעש פון די לעצטע רעשטלעך פון דעמאָקראַטיע, סיי אין לאַנד און סיי אין דער פּאַרטיי, איז געקומען די צייט פאַר טראָצקיס שטערן אויסצוגיין ווי אַ חלבן ליכטל, וואָס שמעלצט, טריפט, רויכערט — אָבער ווערט פאַרט לסוף פאַרלאָשן. אַ דיקטאַטור קען זיך באַגיין אָן שיינע ווערטער.

איין געזונטן געדאַנק האָט טראָצקי אַרויסגעזאָגט אַלס אָפּאָזיציאָנער: די איבערגעבורט פון די פירער. ער האָט דורכגעפירט אַן אַנאַלאָגיע צווישן דעם צווייטן און דריטן אינטערנאַציאָנאַל און האָט געהאַט די העזה צו פּאָרזי־כערן, אַז די פירער פון דער רוסישער פּאַרטיי און דריטן אינטערנאַציאָנאַל געבאָרן זיך אויס, ווערן קאָנסערוואַטיוו, בשעת די מאַסן בלייבן רעוואָלו־ציאָנער.

דער געדאַנק איז ריכטיק, אָבער ניט פּינקטלעך. ניט די לידערס ווערן „איבערגעבאָרן״ אין דער ר.ק.פּ. נאָר די גאַנצע פּאַרטיי איז היינט אַן אַנ־דערע ווי זי איז געווען, און ממילא מוז זי, די פּאַרטיי, אַרויסרוקן נייע לי־דערס, נייע פירערס וואָס פּאַסן זיך בעסער פאַר דער נייער צייט מיט די נייע אומשטענדן.

מ׳וועט פרעגן: אינגאַנצן אַ זעקס יאָר צייט אַז די רעוואָלוציע איז פאָר־געקומען, ווי קומט עס אַז די פּאַרטיי זאָל אינגאַנצן אַן אַנדערע ווערן, אַז זי זאָל בייטן איר פּסיכאָלאָגיע און שטרעבונגען און שטימונגען?

זעקס יאָר פון אַ רעוואָלוציע־צייט איז מער ווי הונדערט אין אַ געוויינ־לעכער צייט — דאָס איז דער ענטפער.

דער איבערגאַנג, דער שפּרונג פון אַן אומלעגאַלער קליינער גרופּע צו אַ הערשנדיקער פּאַרטיי, איז מאַוימדיק און מוז אומפאַרמיידלעך איבערברעכן די מענטשן מיט זייערע השגות, פאַרלאַנגען און זייערע אָפּשאַץ־מעטאָדן פון פּאָליטישע געשעענישן.

אַ גרופּע, וואָס איז געווען פאַרפאָלגט און איז באַשטאַנען פון היציקע און איינגעעקשנטע פאַנאַטיקער, נעמט די מאַכט אין אַ לאַנד ווי רוסלאַנד. און ניט נאָר די מאַכט, נאָר באַהערשט די עקאָנאָמיק פון לאַנד, פאַרנעמט די בענק, פאַרנעמט די פאַבריקן, מיט איין וואָרט אַלע רייכטימער פון לאַנד, און ווערט בזה האופן אי שטאַרק אי רייך.

רוסלאַנד איז אַן אָרעם לאַנד. יאָ —

אָבער די מלוכה איז די רייכסטע אין דער וועלט. און ר.ק.פּ., וועלכע איז די איינציקע מלוכה־פּאַרטיי, איז די רייכסטע און שטאַרקסטע פּאַרטיי אויף דער וועלט.

דער עקאָנאָמישער באַדן פון די פּאַרטיי־מיטגלידער האָט זיך לגמרי גע־ענדערט און ממילא בייט זיך ביי זיי די אידעאָלאָגיע.

די ווערטער בלייבן די זעלביקע, אַלטע פּראָגראַמען, אַלטע „שמות״.

אָבער דער אינהאַלט וואָס ווערט אַריינגעלייגט אין וואָרט, דער אויסטייטש איז אַ פּליסיקע זאַך, איז אַ לעבעדיקע זאַך און דאָס ענדערט זיך. דער טראָפּ, דער ניגון בייט זיך... און די מעלאָדיע מאַכט דאָך די מוזיק...

די מענטשן זיינען אַנדערע. די פּאַרטיי איז אַן אַנדערע.

דער איבערבראַך איז פאָרגעקומען בשעתן איינפירן נעפּ, די נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק. דער אויסרייד איז געווען, דער פויער וויל אונטערהאַנדלען. דאָס איז אָבער געווען מער ניט ווי אַן אויסרייד. באמת האָט זיך געוואָלט די קאָמוניסטן כאַפּן אונטערהאַנדלען און נעמען אויסנוצן דאָס וואָס זיי האָבן געוואונען בשעת רעוואָלוציע און בירגער־מלחמה.

די פּאַליצעס אין די מלוכה־קראָמען האָבן זיך געבראָכן אונטער דער קאָנפיסקירטער סחורה. ניט־שוין־זשע אַוועקגעבן עס לויט דעם שפּרוך פון עוואַנגעליום: אומזיסט געקראָגן, אומזיסט געגעבן! דער יצר־הרע האָט גענומען שושקען אויפן אויער: פאַרקויפט עס.

און לענין איז אַרויס מיט זיין באַוואוסטער רעדע: לערנט זיך אויס צו האַנדלען.

נאַטירלעך, דאָס איז געווען ניט דער ערשטער פאַל. מ'האָט אָנגעהייבן פּאַוואָלינקע זיך רוקן: פאַר דעם האָט לענין געזאָגט, אַז מ'מעג קויפן די אינטעליגענץ, די עקספּערטן, אַז עס לוינט זיי צו צאָלן טייערער, עס לוינט דעם פּראָלעטאַריאַט. נו, וויבאַלד מ'האָט געקראָגן דעם הכשר, האָט מען געוואוסט וואָס צו טאָן מיט אים. יאָרנלאַנג האָט מען זיך נאָך געשלאָגן, געוואָרפן אַהין און אַהער. פון צייט־צו־צייט פלעגט אַרויס אַ ברום ווי פון אַ לייב: צוריק צו די מאַסן.

און אַ גרויסער טייל פון „אומשולדיקע" מיטגלידער, וואָס זיינען שוין געווען זייער ווייט פון די מאַסן, ווייל זייער געהאַלט איז געווען מכל־וכל ניט קיין מאַסאָווער, פלעגט צוריק אַריינגעוואָרפן ווערן אין שוואַרצן פאַרסאַזשעטן קעסל פון די פאַבריקן.

בדרך־הטבע פלעגן זיי זיך דאַרטן ניט לאַנג פאַרזיצן. די ערשטע כוואַליע פלעגט זיי אַרויפטראָגן און אַוועקשלעפּן ווי ניט־ווילנדיקע, צוריק צו די אַנשטאַלטן, צו די סאָוויעטן. ערטער וואָס באַצאָלן זיך בעסער, איידער פאַבריק־אַרבעט.

אַזעלכע וכדומה קאָנוואולסיעס האָט די פאַרטיי איבערגעלעבט עטלעכע מאָל. אָבער וואָס איז דער פועל־יוצא געווען?

קעגן דער „סאָציאַלער נאַטור" האָבן זיי ניט געקענט גיין.

און די אַלע ריידערייען, אַז די פאָלקס־קאָמיסאַרן דאַרפן לעבן און פאַרלעבן ניט מער ווי אַ געוויינטלעכער אַרבעטער, זיינען באַטראַכט געוואָרן ווי נאַאיווע פראַזן, און ווער ס'האָט זיי איבערגעחזרט מיט אַ מיין, איז געשטעמפּלט געוואָרן אַלס קאָנטררעוואָלוציאָנער.

מ'דאַרף זאָגן דעם אמת, די ר.ק.פּ. האָט זיך געראַנגלט חי אַ פאַרוואונדעטע חיה אַנטקעגן אַלע די וועלטלעכע נסיונות און אויף אַן אייגענעם שטייגער זיי בייגעקומען. ד. ה., פשוט געערדט, נאָכגעגעבן. דאָס איז אויך אַ וועג ביי־צושטיין אַ נסיון...

די פּאַרטיי האָט זיך ניט געקענט העלפן. זי האָט זיך איבערגעבאָרן, אָבער האָט אין זינען, ניט די פירערס אַלס אַזוינע, נאָר די גאַנצע פּאַרטיי.

עס איז גענוג געווען אַ קוק צו טאָן אויף זיי, אויף זייער אַרט לעבן — איינצוזען אַז מ'האָט דאָ צו טאָן מיט אַ נייער פּאַרטיי, נאָר מיט אַן אַלטן נאָמען.

דער זעלביקער זינאָוויעוו. איז ער דען געווען דער זעלביקער? אין סמאָל־ני איז ער געווען דין ווי אַ שטעקל. אין קרעמל, אַלס פּאַרזיצער פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל — ברייטער ווי העכער. די נאָז אויפן בויך, און ניט די נאָז איז ביי אים אַראָפּגעפאַלן, נאָר דער בויך איז ביי אים אַרויפגעשטיגן, אַז ער איז פאַרפאַרן איז נאָז אַריין.

און איז ער דען דער יוצא־מן־הכלל געווען? ער איז געווען דער סימבאָל פון „איבערגעבורט". איז עס זיין שולד געווען? אַ האָר ניט. די פּאַרטיי איז געוואָרן אַן אַנדערע, און ממילא אויך די פירער.

אָבער ווען עס האָט זיך געמאַכט, אַז די פירער זיינען ניט נאָכגעגאַנגען דער פּאַרטיי, דעמאָלט האָט מען זיי פאַרביטן.

[און קאַמעניעוו און זינאָוויעוו האָבן עס פאַרשטאַנען גאַנץ גוט, ווען זיי האָבן פּאָלעמיזירט מיט טראָצקין. נאָכדעם ווי זיי האָבן אויסגעגראָבן די גרוב פאַר טראָצקין און זיינען מיט אים אויף אַמאָל, אַזוי אַז זיי זאָלן האָבן אַ מזומן פון גדולים, אַריינגעפאַלן, האָבן זיי זיך אַרומגעזען, און שלאָגן זיך על־חטא, און ריידן די זעלביקע דיבורים וואָס ער. הגם זיי האָבן אים פריער אויסגעלאַכט].

די פּאַרטיי האָט זיך איבערגעבאָרן. כקטן שנולד דמי. גאָר אַ שפּאָגל נייע. די בורזשואַזע טעמפּע קעפּ האָבן געהאַלטן אין איין חזרן און איבער־חזרן צום נודנע ווערן דאָס אַלטע לידל: „די קאָמוניסטן, גרויסע פאַנאַטיקער, משוגענע אידעאַליסטן", וכדומה נאַרישע רייד.

נאָר איך פרעג אייך: צי דאַרף מען זיין אַ גרויסער אוטאָפּיסט און אי־דעאַליסט צו פאַרנעמען בענק, פאַרכאַפּן קראָמען מיט סחורה און נאָכדעם פאַרקויפן די סחורה פאַר אַ גוטן פּרייז?

פאַרכאַפּן די בענק מיטן אויסרייד, אַז מ'וועט אָפּשאַפן די געלט־סיס־טעם, און נאָכדעם נעמען דרוקן אַליין פּאַפּירן געלט און איינפירן אַ גאָלד־וואַליוטע. נאָר מיט אַ חידוש, אויפן פּאַפּירל איז אָפּגעדרוקט אַ פּויער, אַריינ־געקריצט אַ זעלנער, אַריינגעשטעמפּלט אַ שמיד, וכדומה קונצן און גרויסער „אידעאַליזם".

עס איז אַ פאַקט, די פּאַרטיי האָט זיך איבערגעבאָרן.

וואָס וואָלט איר וועלן האָבן, חבר טראָצקי?! אפשר וואָלט איר זיך ניט פוילן און הייסן קירעווען צוריק, צוריק צו אָקטאָבער, מיט די אָקטאָבער־לאָזונגען? אָפּשאַפן נעפּ מיט דעם געלט־דורשט און רייך־ווערן־זשעדנעריי. אַזוי גאָר?!

אָבער טראָצקי אַליין האָט אויך אַן אַפּעטיט, און ווען ער ווערט ניט אַן דעם קאָפּ אין די אָפּאָזיציע־פּשטלעך, ווייס ער וואָס ער דברט.

ווער האָט אָנגעשריבן די אַרטיקלען וועגן „גאָר ערשטן אָנקלייב" פון דער סאָציאַליסטישער מלוכה? טראָצקי. ער האָט געהאַלטן אין איין טענהן, אַז מען דאַרף רייך ווערן. אויפן חשבון פון וועמען? פשוט, פון אַרבעטער־קלאַס, עקספּלואַטירנדיק אים ווי די בורזשואַזע קלאַסן טוען עס, האָבן עס געטאָן. איז דאָס נאָך ווייניק „איבערגעבאָרן"?

אַלע טענות וואָס די אָפּאָזיציע שטעלט אַרויס האָבן קיין יסוד ניט. זיי, די אָפּאָזיציאָנערן, זיינען ניט אַהער און ניט אַהין, וואַקלען זיך און פּלאָנטערן זיך אין מיטן. דעריבער זיינען זיי אַ דורכפאַל. אַנטוויקלען אַ נייע פּראָגראַם, רופן באמת צו נייע, אַלגעמיינע לאָזונגען, זיינען זיי ניט בכוח, זיי זיינען צעפּרעסן פון אינעווייניק.

3

משהקע אַנטלויפט...

איך האָב מאָריסן געגעבן מיין נעגאַטיווע מיינונג וועגן טראָצקין.

איך האָב זיך אויסגעדריקט שוין אַביסל צו שאַרף: לעאָן טראָצקי איז אַן אייזל, וואָס פּאַראַדירט אין דער פעל פון אַ לייב. בלויז נאַראָנים נעמען אים אָן פאַר אַ לייב.

— האָב מיט זיי ניט וואָס צו טאָן. די אָפּאָזיציע וועט זיכער דורכפאַלן. די ליקווידאַציע פון טראָצקיזם וועט זיין ניט קיין טרוקענע; מע וועט די גאַנצע פראַקציע דערטרינקען אין בלוט.

מאָריס האָט געפאָלגט און זיך געהאַלטן נייטראַל אין דעם אינערלעכן פּאַרטייקריג; ער האָט געוואָלט ווערן אַ רויטער פּראָפעסאָר און אויסבאַהאַלטן זיך פון טומל אין דער שטילקייט פון אַן אוניווערסיטעט.

איצטער, אַז איך בין שוין געווען זיכער מיט אים, ווארעם וואָס שטאַרקער די קריגערייען און צאַנקערייען זיינען געוואָרן, אַלץ אַ שוואַכערער קאָמוניסט איז ער געוואָרן, האָב איך אים געזאָגט איינמאָל בשעת זיינעם אַ באַזוך ביי מיר:

— מאָריס, די זאַך וועט זיך גלאַט ניט ענדיקן; קעפּ וועלן פאַלן. און דו טראָגסט זיך אָפּ באַצייטנס. קיין סודות זיינען ניט פאַראַן. דו וועסט זיך אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט, מיט אַן אָנמערקונג, אַפילו מיט אַ זשעסט — און דיין געביין וועט פאַרפוילט ווערן ערגעץ אין סיביר, אויב דו וועסט זיין מזלדיק און ניט קריגן אַ קויל אין פאַטילניצע פון אַ טשעקאַ־אַגענט אויף ליוביאַנקע נומער 13. איז צי בעסער אָפּ, כל־זמן עס איז ניט צו שפּעט. שרייב אַן אַ „ווידוי פון אַ קאָמוניסט" און פאָר אַהין, פון וואַנען דו ביסט געקומען. דאָס איז דיין איינציקער אויסוועג. און לייג עס ניט אָפּ אין דער לאַנגער באַנק.

מאָריס פאָלגט מיך. ער קומט צוגיין צוויי טעג שפּעטער און ברענגט מיר דעם ערשטן קאַפּיטל פון אָט־דעם פּלאַנירטן בוך. געשריבן איז עס אָבער

אין רוסיש. ער וויל עס פאַר מיר פאַרלייענען. איך זאָג זיך קאַטעגאָריש אָפּ פון הערן אים לייענען. איך זאָג אים, אַז אַזאַ ווידוי קען געשריבן ווערן אין יעדן לשון, אָבער ניט אין רוסיש; אויסער דעם איז געפערלעך עס צו לייענען ביי מיר אין צימער.

אין אַ צווייטן צימער אָפּגעזונדערט פון מיינעם מיט אַ דינער וואַנט, האָט געוואוינט אַ פרוי, אַ דאָקטאָר מעדיצין, אַן אַרמעניערן. און ווער ווייסט, ווער זי איז און ווער ס'זיינען אירע באַזוכערס. אויב זי אַליין איז ניט קיין אַגענטן פון טשעקאַ, האָט זי זיכער איינעם אָדער עטלעכע אַגענטן צווישן אירע פריינט און זי אַליין ווייסט אפשר גאָרניט וועגן דעם. איך בין געווען זיכער, אַז מיין קוואַרטיר איז אונטער אַ וואַכזאַמער שמירה.

מאָריס האָט זיך געריסן לייענען — איך לאָז אים ניט.

ער איז געקומען מיט צוויי טעג שפּעטער און מיר געבראַכט אין ענגליש דאָס ערשטע קאַפּיטל פון דעם בוך, וואָס איז אין 1926 דערשינען אין אַמע־ריקע אונטערן נאָמען „אַן אויטאָפּיע אין קייטן" (אין ענגליש). ער האָט עס פאַרגעלייענט פאַר מיר. איך האָב אים געזאָגט, אַז עס איז אויסגעצייכנט. הכלל, פאַרבאַהאַלטענערהייט האָט ער אָנגעשריבן דאָס גאַנצע בוך, וואו ער שילדערט זיינע דערפאַרונגען מיט די אומגליקלעכע פויערים און קאָמיסאַרן שיכורים און הולטאַיעס. יעדעס קאַפּיטל האָט ער מיר געבראַכט און ביי מיר אין צימער עס פאַרגעלייענט. ער האָט אויך געקראָגן אַ פריילן, וואָס האָט ריזי־קירט מיט איר לעבן און האָט עס אים איבערגעשריבן אויף אַ מאַשינקע אויף „פּאַפּיראָסן־פּאַפּיר". צוויי און צוואַנציק קאַפּיטלעך פון בוך זיינען פאַרטיק.

איך זאָג צו מאָריסן:

— איצטער, ברודערקע־לעב, לויף, אויב דו ווילסט פון דאַנען אַרויס אַ לעבעדיקער.

ער איז אַוועק אין דעפּאַרטאַמענט פון אויסלענדישע פאַרבינדונגען פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל, זיך געווענדט צום סעקרעטאַר, טאָוואַרישטש גראַל־מאַן. מאָריס האָט אים לייכט „פאַרקויפט" דעם טייערן געדאַנק, אַז ער וויל פאָרן קיין אַמעריקע אָנצופירן מיט קאָמוניסטישער אַגיטאַציע און העלפן אויפבויען דאָרט אַ שטאַרקע פּאַרטיי. זיי האָבן אים געגעבן אַן ענגלישן פּאַס מיט פאַרטיקע וויזעס. מאָריס ווערט אייזיק, גאָרדין ווערט ברוין, אַ בריטי־שער בירגער מלדה ומבטן...

טשיקאָווע, פּאַפּירן האָבן זיי אים געגעבן, אָבער פאָרן האָט ער גע־דאַרפט אויף די אייגענע הוצאות. גאָר ווי, להבדיל, ביי גאָט: „נסים וויפל דו ווילסט נאָר אַליין, אָבער ניט קיין געלט..." און מאָריס האָט ניט פאַר־מאָגט קיין צעבראָכענעם שילינג, ניט אַ פּרוטה ביי דער נשמה.

עס איז זומער, חודש יולי 1924. קומט ער צו מיר מיט סאָפּיען; דאָס איז אַ חברה, זיין פריינדן. איך און זינע זיינען געווען אין אַ דערפל ניט וויית פון מאָסקווע, געוואוינט אין אַ פויערשער כאַטע. איך האָב יענעם זו־מער דורכגעשטודירט שעקספּירן פון טאָוול צו טאָוול, אויף אים און אויפן תנ"ך זיך געלערנט ענגליש.

מאָריס איז געקומען מיטיקצייט, פאַרבראַכט ביי אונדז אַ גאַנצן טאָג. ער ווייזט מיר זיין פּאַס. ער מאַכט מיר פאַרשיידענע פאָרשלאָגן: ער וועט מיר געבן זיין רעוואָלווער. אַ קאָמוניסט האָט געהאַט אַ רעכט צו האָבן ביי זיך געווער. זיי זיינען אַלע אַרומגעגאַנגען באַוואָפנטע. [ראַדעק, אַז ער פלעגט ריידן פאַר אַן עולם, פלעגט ער אַוועקלייגן זיין רעוואָלווער אויפן טיש פאַר אים און אַזוי רעדן צו די צוהערער].

איך פיר מאָריסן אַוועק אין וועלדל, ווייז אים, אַז איך האָב צוויי רע־וואָלווערן פאַרבאַהאַלטן אין אַן אויסגעהוילטן בוים, איינעם פאַר זיך, אַ צווייטן פאַר זינען.

ער לייגט מיר פאָר זיין פּאַרטייבילעט. זאָג איך אים:

— צו וואָס קען ער מיר נוצן?!

וואָס מאָריס האָט געוואָלט, האָב איך גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אָבער איך מאַך זיך „ווי געפּגרט". ער האָט, ניט זאָגנדיק עס בפירוש, אָנגעוואונקען, אַז ער דערוואַרט, אַז איך זאָל אים געבן אויף רייזע־הוצאות צו דערפאָרן ביז בערלין און דאָרט האָפט ער צו פאַרקויפן קאַפּיטלעך פון זיין בוך, ווי אַר־טיקלען פאַר אַ צייטונג.

מאָריס רעדט אַ גאַנצן טאָג; ער רעדט אַ גאַנצן אָוונט, און מאָריס האָט געקענט דברן. ער איז געווען אַ וואונדערבאַרער קאָנווערסאַציאָנאַליסט, און איך מאַך זיך ניט וויסנדיק וואוהין ער צילעוועט. מאָריס איז דערשטוינט. וואָס האָט פּאַסירט מיט מיר? איך בין געווען דער ערשטער, וואָס האָט אים געוואָלט עפענען די אויגן; איך האָב אים געגעבן די סוגעסטיע אָנצושרייבן דאָס בוך און דערמוטיקט צו מאַכן אַט־דעם העכסט ריזיקאַלישן שריט און אַז עס איז געקומען צו דעם פונאַנדערבונד פון דער פּאַבול — „בין איך דער־ביי נישטאָ".

עס ווערט שפּעטלעך; בעט איך מאָריסן און זיין פלוניתטע צו בלייבן ביי אונדז נעכטיקן. פּלאַץ איז פאַראַן גענוג.

איך בין געוואוינט אויפצושטיין אַ בליאַסק־אויף־טאָג. מאָריס האָט גע־וואוסט וועגן דער דאָזיקער געוואוינהייט מיינער צו אַרבעטן פאַר פרישטיק גאָר פרי פאַרטאָג, ווען אַלע שלאָפן נאָך. מאָריס, להיפּוך, ווי אַן עכטער רוסישער „אינטעליגענט", איז געווען געוואוינט צו שלאָפן ביז שפּעט. ער פלעגט אויף זיך זאָגן: אַפילו די סאָציאַלע רעוואָלוציע אָדער דאָס בלאָזן שופר של משיח וועט אים נישט אויפהייבן פון בעט פאַר מיטיקצייט.

עס איז 5 פאַרטאָג. איך בין שוין אין גערטנדל, וואָס פאַרן הויז, מיט מיינע שרייב־מכשירים; איך זע, צו מיין דערשטוינונג, מאָריס קומט אַרויס פון שטוב.

— אַזוי פרי?

— ניט געקענט צומאַכן מיט אַן אויג. אַלץ איבערגעטראַכט.

— זי שלאָפט? — „זי" מיינט סאָפיע, זיין פלוניתטע.

— יאָ.

— שיק זי אָפּ אין שטאָט אַזוי גיך ווי זי שטייט אויף און כאַפּט אי־

בער איר פרישטיק. געפין עפּעס אַן אויסרייד און זיי זי משלח, און אַז מיר וועלן בלייבן אויף פיר אויגן, וועט אַלץ דערליידיקט ווערן אין איין אויגנ־בליק, דו וועסט ניט דאַרפן אַזויפיל ריידן, ווי דו האָסט „אַנגעפּלאַפּלט" נעכטן אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצן אָוונט. האָסטו ניט פאַרשטאַנען אַז איך טרוי איר ניט?!

כך הווה. מאַריס האָט זי אַרויסגעפּראַוועט אונטער פאַרשיידענע תירוצים. זי האָט באַגריפן, אַז די ברידער ווילן בלייבן אַליין. זי האָט ניט גע־וואָלט אַוועקפאָרן, אָבער איינשפּאַרן זיך האָט איר ניט געפּאַסט.

איך האָב געהאַלטן צוגעגרייט פאַר אים צוויי הונדערט רובל אין טשער־וואָנצעס, אין סאָוויעטישער עטאַבלירטער וואַליוטע. ווי נאָר זי איז אָפּגע־פאָרן, האָב איך אים געגעבן דאָס געלט און אים געזאָגט, אַז זי זאָל ניט וויסן פון וועמען ער האָט געקראָגן אויף הוצאות־הדרך. און נאָך האָב איך אים געזאָגט:

— דערצייל אין בוך אַלע דיינע איבערלעבונגען ביז דער לעצטער מי־נוט פון דיין אַנטרונען ווערן, אָבער מאַך אַ שווייג וועגן פאַלשן בריטישן פּאַס. ווייל, נאָך אַלעמען, נוצסטו דאָך זייער פּאַס, הייסט עס, אַז ניט ווילנ־דיק האָבן זיי דיר געטאָן אַ טובה. אָן זייער פּאַס וואָלסטו ניט געקענט אַרויס פון רוסלאַנד און ניט אַריין אין קיין אַנדער לאַנד. געדענק, פאַר אַ טובה טוט מען ניט אָפּ קיין רעה.

מאַריס איז אָפּגעפאָרן. דעם בוך זיינעם האָט ער געטראָגן אין זיינע שיך. מען האָט געקענט באַמערקן, אַז ער גייט עפּעס ניט ווי געהעריק. אָבער מע האָט זיך צו אים ניט צוגעקוקט. זיי האָבן געהאַט צו אים פולן צוטרוי.

געקומען קיין בערלין, האָט ער פאַרקויפט די אַרטיקלען, ווי ער האָט דערוואַרט, צו אַן אַמעריקאַנער צייטונג. מאַריס איז שוין אין די פאַראיי־ניקטע שטאַטן.

איך בין געשטאַנען אין אַ טשיקאַווער בריוולעך־אויסטויש־פאַרבינדונג מיט מאַריסן. אים, אויף זיין אייגענעם נאָמען, האָב איך ניט געקענט אַדרע־סירן. מיינע בריוו וואָלטן פון מאָסקווע ניט אַרויס. האָט ער מיר געגעבן אַ צוגעטראַכטן נאָמען. ער מיר האָט דאָך אוודאי ניט געקענט שרייבן, וואָרעם בריוו אַדרעסירט דירעקט צו מיר פון אויסלאַנד וואָלטן איבערגעגעבן געוואָרן אין טשעקאַ און צו מיר וואָלטן זיי קיינמאָל ניט אָנקומען. האָב איך אים געגעבן דעם אַדרעס פון אַ רוסישער פרוי מיטן נאָמען סטעפּאַנטשיקאָוואַ. מיט אַ פיר יאָר צוריק האָט זי געאַרבעט ווי אַ קעכן אין רעסטאָראַן אויף טווערסקאַיאַ 19 און זי איז געווען זינעס אַ גוטע פריינדן. פלעגט זי באַקומען די בריוו פאַר מיר. איז ווי קומט די קאַץ איבערן וואַסער? זי האָט געוואוינט אין איין עק שטאָט און זינע, ניט ווייט פון מיר, אין אַ צווייטן עק שטאָט. די טראַמווייען האָבן ניט קורסירט רעגולאַר. פאָרן אָפּנעמען די בריוו איז געווען פאַרבונדן מיט שוועריקייטן. און פּטרן אַ פאַרעניש אויף בלויז נאָכ־פרעגן זיך, צי עס איז שוין אָנגעקומען אַ בריוו, האָט מען ניט געקענט; ווייל אָפטע וויזיטן צו סטעפּאַנטשיקאָוואַ וואָלטן געקענט אַרויסרופן אַ חשד און

מ׳וואָלט נעמען איר נאָכשפּיאָנירן. קיין טעלעפאָנען האָבן אין פּריוואַטע הייזער נים פונקציאָנירט און אויסער דעם האָט יעדער טעלעפאָן־געשפּרעך געהאַט אַ טשעקאַ־אויער. לכן וואָס איז געבליבן צו טאָן אונטער אַזאַ־די אומשטענדן?

ווי זאָגט אַ ווערטל פון די „מוסרניקעס״? אַז מע קען נים אַריבער מוז מען אַריבער. איך פלעג זען אין חלום דעם בריוו, ווי ער קומט אָן און דער בריוונטרעגער דערלאַנגט אים צו פרוי סטעפאַנטשיקאָווא. אַז דער אַדרעס איז געווען קלאָר, דייטלעך לעזבאַר אַפּגעכתיבהט אויפן קאָנווערט, פלעג איך זאָגן זינען: אַ בריוו איז אָנגעקומען, פאַר צו און נעם אים אָפּ. פלעגט זי טאָן אַזוי און קומען מיטן בריוו.

די חלומות האָבן מיך קיינמאָל נים אַפּגענאַרט. אין גויט טוען אַפילו חלומות זייער שליחות בשלימות.

ידיעות וועגן מאָריסעס „הויכפאַרראַט״ זיינען אָנגעקומען אין מאָסקווע. אגב איז ער געווען דער ערשטער, וואָס האָט געבראַכט מיט זיך און פאַרעפנטלעכט לענינס צוואה. זי איז געווען געווענדט מיט איר שאַרף קעגן סטאַלינען און בפירוש פאַר טראָצקין, וואָס האָט לויט לענינס אויפפאַס געדאַרפט ווערן זיין ממלא־מקום און יורש. קיינער אין אויסלאַנד האָט נים געגלייבט, אַז דער דאָקומענט איז אַן אויטענטישער.

צווישן מאָריסעס געווזענע חברים זיינען די ידיעות וועגן זיין אַנטי־קאָמוניסטישער אַגיטאַציע געווען אַן איבעררּאַשנדיקע סענסאַציע. ביז דער לעצטער מינוט איז ער געווען פאַררעכנט פאַר אַ פאַנאַטיקער־קאָמוניסט, וואָס וואָלט גיין אין פייער און אין וואַסער פאַרן מאַרקסיזם־לענינזים.

איך האָב זיך פאַרטראַכט וועגן גורל פון סאָפיען. זי זאָל אַמאָל נים דאַרפן ליידן פאַר זיינע זינד, עס זאָל נים פאַלן אויף איר אַ חשד, אַז זי האָט געוואוסט וועגן זיין רענעגאַטיזם און האָט נים אויסגעזאָגט. האָב איך צוגעגרייט פאַר איר געלט צו מאַכן „פליטה״ און דערפאַרן ביז פאַריז, וואו זי האָט אַמאָל געוואוינט און געאַרבעט ווי אַ מאָדיסטן. איך בין געווען זיכער, אַז זי וועט די טעג קומען און אויסגיסן איר ביטער האַרץ.

זי איז טאַקע געקומען צו מיר פרי, נאָך פאַר פרישטיקצייט. דאָס געלט איז געווען צוגעגרייט אין טשערוואָנצעס אין דער סומע פון 300 רובל און פאַרשטעקט אין תנ״ך אין אַן ענגלישער איבערזעצונג צווישן די בלעטלעך פון דינעם זיידענעם פאַפּיר.

ווי נאָר זי האָט זיך אַריינגעשטעלט, בין איך צוגעגאַנגען צום ספרים־שראַנק, אַרויסגענומען די ביבל און זי אַוועקגעלייגט אויפן טיש. מיר האָבן איר פאַרגעלייגט פרישטיק. מיר האָבן צוזאַמען אָפּגעגעסן און דאָ רופט זי זיך אָפּ צו מיר און זינען בזה הלשון:

— מאָריס איז אין אַמעריקע; ער פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען קעגן די באָלשעוויקעס. איך ווייס, אַז דער ענגלישער אַטאַשע האָט אים געהאָלפן. מאָריס איז געווען ביי אים עטלעכע מאָל. וועל איך גיין צו דזשערדזשינסקין און אים פאַרמסרן.

אגב, יענער אַטאַשע איז שוין לאַנג צוריקגערופן געוואָרן. עס איז אמת, אַז מאָריס איז ביי אים געווען, אָבער ער האָט פאַר מאָריסן גאָרניט געטאָן. ער האָט אים פשוט ניט געטרויט. און האָט אים געזאָגט בפירוש, אַז ער איז אַן אַקרעדיטירטער פון אַ פרעמדער מאַכט און טאָר ניט אַריינמישן זיך אין אַזאַ אינערלעכער דעליקאַטער אָנגעלעגנהייט. מאָריס האָט עס מיר דערציילט פאַר זיין אַפּפאָרן.

סאָפּיע האָט זיכער געוואוסט וועגן דעם. לכן האָב איך דאָך פאַרשטאַנען, אַז זי סטראַשעט עס מיך פאַרשטעלטערהייט, וואָרעם זי ווייסט גאַנץ גוט, אַז אַ בריטישער אַטאַשע, וואָס איז איצטער אין לאָנדאָן, האָט ווינציק וואָס מורא צו האָבן פאַרן אַלמעכטיקן דזשערדזשינסקין. בין איך אין כעס געוואָרן און זי אַרויסגעטריבן:

—גייט אויפשנעל צו דזשערדזשינסקין, פאַרמסרט מיך. איך בין ניט מחויב אַכטונג צו געבן אויף זיינע קאָמוניסטן. אויב ער ווייסט ניט, וואָס עס טוט זיך אין זיין לאַגער, בין איך פאַרפליכטעט אים צו אינפאָרמירן? ער האָט גענוג אַגענטן, ער גיט אויס אויף זיי גענוג געלט. גייט אויפשנעל צו דזשערדזשינסקין און פאַרמסרט מיך!

איך האָב זי משלח געווען און דאָס געלט אין דער ביבל איז געבליבן אומגערירט.

הפנים, אַז מאָריס האָט מיך ניט געפאָלגט און ער האָט סאָפּיען יאָ אויסגעזאָגט, וואו ער האָט געקראָגן די הוצאות אָוועקצופאָרן. ער האָט מיך אויך ניט געהאַרכט בנוגע דעם פּאַס. ער האָט אים אָפּגעדרוקט אין זיין בוך גלייך פאַרן שער־בלאַט. אַ קאָמוניסט האָט ניט אונדזערע באַגריפן וועגן דעם, וואָס מע מעג און וואָס מע טאָר ניט, וואָס איז פּאַסיק צו טאָן און וואָס ניט. אַז זיי ווערן אויס קאָמוניסטן אידעאָלאָגיש, בלייבן זיי נאָך אַלץ „קאָמוניסטן" פּסיכאָלאָגיש, מאָראַליש. דאָס איז אַ גייסטיקע קראַנקייט, אַזאַ מענטאַליטעט פון וועלכער מע קען זיך אַזוי לייכט ניט אויסקורירן. עס נעמט אַ לאַנגע צייט, ביז עס שטייט זיך אויס.

XXXI

סאָציאָלאָגישע עקאָנאָמיע

ווען איך בין אַלט געווען אַ יאָר זיבעצן־אַכצן, בין איך געווען, ווי ס'רוב פון די ראַדיקאַל־געשטימטע יוגנטלעכע, אַ „מאַרקסיסט". די תורה איז געקומען צו אונדז פון דייטשלאַנד, געשאַפן פון גאָר־גרויסע גדולים. וועל איך, אַ יונג בחורל, האָבן די העזה זי צו אונטערזוכן קריטיש?! ווי דריקט זיך אויס ביאַליק אין איינעם פון זיינע פאָלקסטימלעכע לידער? איך, מלמד אין דאָרף, וועל האָבן די חוצפה צו לייקענען אין השגחה עליונה?!

„דער הויפּטפעלער פון ראַדיקאַליזם אויף דער יידישער גאַס איז דאָס, וואָס ער איז ניט קיין י י ד י ש ע ר ראַדיקאַליזם, נייערט אַ ראַדיקאַליזם ביי

יידן, דאָס הייסט, אַז עפּעס פרעמדס, אַנטליענס האָט מען געבראַכט צושלעפּן. אַ נייער סאָרט „מיסיאָנערן" האָבן געבראַכט אַ נייע תורה. די ראַדיקאַלן האָבן ניט געשאַפן קיין איין יידיש־אָריגינעלן געדאַנק. זיי האָבן, פשוט, נאָכ־געאַבעזיאַנעוועט זייערע שכנים, זייערע „געגאָסן". זיי האָבן נאָכגעזאָגט פרעמדע תורות, ווי געטרייע חוזרס ביי די רביים. ווי גוטע פלאָסטינקעס אויף אַ נייעם גראַמאָפאָן האָבן זיי איבערגעגעבן ניט נאָר די ווערטער פון די פרעמדע זאָגער, נייערט אַפילו יעדן בייג און נייג, יעדע וויבראַציע פון דער שטימע. די ראַדיקאַלן אויף דער יידישער גאַס זיינען עפּעס ווי גע־שטראָפט געוואָרן פון אונדזער אל־קנא־ונוקם און זיי זיינען געווען אָדער עקרס, אָדער סריסים, אָדער גלאַט אַזוי זיך אָן קיין שום כוח גברא. אַזאַ סטעריליטעט, רחמנא ליצלן, האָט מען גאָר קיינמאָל ניט געזען אין דער יידי־שער קולטור־משפחה.

„ווי אומגעלומפּערט באַגרענעצט, נאַאיוו, שטותעוואַטע און היפש טעמ־לאָז און עם־הארצותדיק אונדזערע „פּיעכאָטנע" מגידים זיינען ניט געווען, האָבן זיי פאָרט באַוויזן צו שאַפן אַן אייגענעם נוסח, אַ זאַפטיקן פאַרווירצט מיט אַ ציור, מיט אַ משל און נמשל. ווי אומוויסנדיק, אין הלכות האַרמאָניע, אונדזערע חזנים זיינען ניט געווען, האָבן זיי פאָרט באַוויזן צו שאַפן אַן איי־גענע נגינה, אַן אייגנאַרטיקן קרעכץ און ציקל. ווי אָפּגעשטאַנען, פאַרקנאַ־כערט, פאַרגליווערט אונדזערע רבנים זיינען ניט געווען אין זייער אומלאָגי־שער פּילפּוליסטיק, אין זייער „אויסרייסן בערג און צעמאָלן זיי מיט אַ סברא", האָבן זיי פאָרט געשאַפן אַן אייגנאַרטיקע דיסציפּלין, אַ יידישע קאָפּ־גימנאַסטיק, אַ חריפותדיקן אינטעלעקט־שפּיל און אַן אייגענע געלערזאַמקייט, אַן אייגענע ערודיציע, אַן אייגענעם שאַרפזין — ניט קיין אַנטליענע, ניט גענומענע אויף פראָקאָט ביי דער אַרומיקער סביבה.

„דער ראַדיקאַליזם אויף דער יידישער גאַס האָט ניט, צו אונדזער שאַנד, צו זיין קרעדיט קיין איינאייננציקן אָריגינעלן בייטראָג. ער האָט זיך געגערט מיט איבערזעצונגען אַפילו דעמאָלט, ווען ער האָט כלומרשט פאַרפאַסט איי־גענע ווערק.

„עס איז אַנגעגאַנגען אַ דערעסלעכע פאַרדריסלעכע צום־ברעכן־קערנדיקע מעלה־גרהניש. מ'האָט געהאַלטן אין איין פּאָפּולאַריזירן און וואולגאַריזירן פרעמדע היפּט־פלאָטשיקע אידייען, אויסגעדראָשענע אַנטליענע רעיונות. אַזוי אַז די יידישע מאַסע האָט געקראָגן איבערגעקייטע איבערקייענישן און מיט דעם האָט זי עס געמוזט זיך קוויקן. דער יידישער היסטאָריקער, אויב ער וועט זיין אומפאַרטייאיש, וועט באַצייכענען אָט־די עפּאָכע פון אויפגעבלאָ־זענעם ראַדיקאַליזם אַלס די צייט, ווען די שאַפונג־שכינה האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעטאָן פון דער יידישער אינטעליגענץ, וועלכע איז געוואָרן ניט נאָר גויאַ־זירט, נאָר פאַרטעמפּט, פאַרפאָפּוגאַיעוועט.

„יעדער מיסאורטייל, — וועלכן די אינטעליגענטן האָבן אויפגעכאַפּט מיט קעלבערנער התפּעלות אין דער פרעמד און געבראַכט עס אַהיים און פאַר־שפּרייט עס צווישן די יידישע מאַסן מיט אַזאַ פלייס, מיט מתנגדישן פּעדאַנ־

טיזם און חסידישן פאַנאַטיזם און התלהבות — האָט אונטער די יידישע עקאָנאָמישע באַדינגונגען צוגעקראָגן עקסטרע געוויכט פון אַבסורדיטעט. יעדער טעות, וואָס דער ניט־יידישער ראַדיקאַל האָט געמאַכט, איז אין דער יידישער סביבה פאַרשווערט געוואָרן דורך דעם, וואָס אויב די פאָרמולירונגען. די אויסטייטשונגען האָבן ניט אַנטשפּראָכן די סאָציאַלע אומשטענדן בכלל, האָבן זיי שוין גאָר־אינגאַנצן ניט געפּאַסט צו די יידישע לעבנס־קאָנדיציעס.

„מירן אָנווייזן איין פּרט צווישן פיל אַנדערע.

„זיי האָבן פאַרשפּרייט אַנשויאונגען, וועלכע פאַרדאַמען מסחר, באַצייכענען אַט־די באַשעפטיקונג אַלס אַ פּאַראַזיטישע פונקציע אין דער ווירטשאַפט און אַזוי אַרום האָבן זיי געשעדיקט דעם יידישן זעלבסטרעספּעקט. זיי האָבן איינגערעדט אַ גרויסן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע האָט זיך צוליב געוויסע היסטאָרישע סיבות פאַרנומען מיט האַנדל, אַז ער איז עקאָנאָמיש איבעריק, „זינדיק״, דעגענעראַטיוו. אַזעלכע שטימונגען, אַזעלכע טעאָריעס האָבן געמוזט אָנטאָן שאָדן. זיי האָבן געפירט דערצו, וואָס דער מיטלשטאַנד איז פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן, אַ שטאַנד, וועלכער שטעלט צוזאַמען דעם רוקנביין פון יידישן ציבור, און וועלכן מ׳האָט טיילווייז פאַרסמט מיט דער פאַלשער לערע, אַז ער איז, אַלס אַזעלכער, פאַרדאַמט פון דער געשיכטע צום אונטערגאַנג, אַז ער טראָגט אויף זיך אַ חייב־מיתה. און ניט בלויז אומדירעקט מיט זייערע אַנשויאונגען, אויך דירעקט מיט זייערע האַנדלונגען אַלס ראַדיקאַל־געזעלשאַפטלעכע טוער האָבן זיי היפּש בייגעטראָגן צו דער ווירטשאַפטלעכער רואינירונג פון די יידישע נידעריקע שיכטן. און ווען מ׳האָט זיי אויף דעם אויפמערקזאַם געמאַכט, האָבן זיי געענטפערט מיט דער טראַציקייט און שאַדנפרייד פון בלינדן פאַנאַטיקער: „גאַנץ גוט, זאָל זיך דער גרויס־קאַפּיטאַל אַנטוויקלען אויפן חשבון פון קליין־קאַפּיטאַל״. און מיט דער אַנטוויקלונג פון גרויס־קאַפּיטאַל און דעם פּאַראַלעלן פּראָצעס פון פּראָלעטאַריזאַציע וועט קומען דער סאָציאַלער גואל במהרה בימינו, אָמן!

„מיר דערמאָנען אַלטע זאַכן, חטאות נעורים פון דער יידישער ראַדיקאַלער באַוועגונג, וועלכע עס פּאַסט צו באַגלייטן מיטן שפּרוך: „אויב אייערע זינד וועלן זיין לויט די יאָרן נאָך וועלן זיי ווערן ווייס ווי שניי״...

„אָבער אַ רעכט ביסל פון דעם אידעאָלאָגישן ברוכוואַרג געפינט זיך נאָך אין די קעפּ פון אַ טייל פון אונדזערע ראַדיקאַלן און ווען זיי וואַרפן עס אַרויס אויפן שמיעטניק אָדער באַגראָבן עס ערגעץ מיט אַנדערע שמות וואָלט עס זיין געזינטער הן פאַר זיי און הן פאַר דער יידישער גאַס.

„פון לפנים אומשולדיקן דייטש־רוסישן שטאַט־סאָציאַליזם איז אַרויסגעקומען דער רוסישער קאָמוניזם פון לענין און סטאַלין אין רוסלאַנד און דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם פון היטלערן און זיין חברותא אין דייטשלאַנד. ווען די יידישע גאַס האָט דערזען אַט־דעם עגל, וועלכער איז אַרויסגעקומען פון דער אידייען־צעשמעלצעכץ, וואָס די אַהרנס, די סאָציאַל פּריסטער, האָבן פאַרמישט, האָט זי זיך אַזש אַ טרייסל־געטאָן. די איינציקע, וועלכע זיינען פאַרבליבן אינטעלעקטועל און עמאָציאָנעל אומגעריכט פון אַט־די מאָוימדיקע

איבערשעצונגען פון די שטאַט־סאָציאַליסטישע שאַצן זיינען די „פרייהייט־קאָמוניסטן".

אַט־די צוויי זייטעלעך האָב איך אַנגעשריבן שוין זייענדיק אין אַמעריקע. אָבער דעמאָלט, אין יענע יאָרן פון 1904־06, האָב איך געשלונגען די דייטשע מאַרקסיסטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַטראָוועס און זיך פּאַסמאַקעוועט מיט זיי. וואָס האָט מיר געגעבן אַ שטויס צו נעמען טראַכטן און צווייפלען צי דער מאָדערנער משה, מאַרקס, איז אמת און זיין תורה איז אמת איז ניט בערנשטיינס (1850־1932) ר ע וו י ז י אָ נ י ז ם, מיט וועמען איך בין לחלוטין ניט געווען איינשטימיק, נאָר קויטסקיס פּאַרטיידיקן דעם אָרטאָדאָקסישן מאַרקסיזם. ער האָט עס געטאָן מיט אַזאַ אייפער, מיט אַזאַ קנאות, אַז איך האָב זיך אַזש דערשראָקן. מיט די גייסטאָויגן האָב איך דערזען פאַר זיך אַ מאָדערנע קאַטוילישע קירך מיט דער אינקוויזיציע און ברענען און בראָטן די אפיקורסים. קויטסקי האָט בערנשטיינען שיער אין חרם ניט אַריינגעלייגט, שיער ניט מתיר־דם געווען. אייגנטלעך האָט ער געשריבן וועגן בערנשטיינען ווי לעבין האָט שפּעטער־צו געשריבן וועגן אים, „געמאַכט אים אויסצודרייען" סיי אידעאָלאָגיש און סיי פּאָליטיש.

אַז איך האָב דערזען קויטסקיס קנאות, האָב איך אַ טראַכט געטאָן: אַן אמתע ווויסנשאַפטלעכע לערע דאַרף ניט האָבן אַזאַ פּאַרטיידיקונג און אַזוי ווי מאַרקסיזם קריגט אַזאַ פּאַרטיידיקונג פון מאַרקס אַ תלמיד וותיק, איז עס אַ סימן, אַז מאַרקסיזם איז ניט מער ווי אַ רעליגיעזע דאָגמע, אַ נייע סאָציאַלע אבערגלויבעריי, אַ מין „מאַרקסנטום".

פון דעמאָלט אָן האָב איך זיך גענומען פאַרהאַלטן צום מאַרקסיזם קריטיש. איך בין געגאַנגען לענגעווייז פון דער גאַנצער פראָנט־ליניע ביז איך בין געקומען צו מאַרקס שיטה אין פּאָליטישער עקאָנאָמיע. דאָ האָב איך זיך פאַרהאַלטן אַ היפּש ביסל יאָרן. איך האָב נאָך אַלץ געטראַכט, אַז מאַרקסיזם איז פאַלש ווי עבודה זרה בלויז אין סאָציאָלאָגיע און אין פילאָזאָפיע, אָבער ער איז אמתדיק אין פּאָליטישער עקאָנאָמיע; ער איז גבורהדיק אומבאַזיגבאַר אין זיין ציטאַדעל.

טשיקאַווע איז, וואָס מאַרקס שריפטן האָבן אין זיך דעם יידישן כאַראַקטעריסטישן „עיקר שכחתי". אַלע זיינע טעאָריעס זיינען באַזירט אויף דער קלאַסנטעאָריע; און וואָס איז עס אַזוינס אַ קלאַס האָט ער קיינמאָל ניט אונטערזוכט. אין דריטן באַנד פון זיין ווערק „קאַפּיטאַל", צום סאַמע סוף, איז פאַראַן אַ זייטל און אַ פערטל געשאַנקען אַט־דעם עיקר פון אַלע עיקרים און דאָ ווערט אָנגעגעבן, אַז „דער מאַנוסקריפּט איז איבערגעריסן", ניט פאַרענדיקט.

אָבער ביסלעכווייז האָב איך זיך דערקליבן צו די מאַרקסיסטישע אויסטייטשונגען פון די ווירטשאַפטלעכע דערשיינונגען און איך האָב אויסגעפונען, אַז זיין „פּאָליטישע עקאָנאָמיע" איז אַ „פּאָליטיקאַנישע עקאָנאָמיע". ער האָט מקריב געווען אויפן מזבח פון דעמאַגאָגיע און פּאָליטישער אַגיטאַציע אין ווירטשאַפטלעכן אמת נאָכן אַנדערן. אים איז ניט געגאַנגען זיך צו דערגרונ־

טעוועז צום אמתדיקן אויסטייטש פון די עקאָנאָמישע דערשיינונגען; אַלץ, וואָס ער איז אויסן געווען, איז שאַפן אַ פּלפּול, מיט וועלכן מע וואָלט קענען לייכט אויפהעצן די אַרבעטער קעגן די באַלעבאַטים און אויסאַרבעטן אַזאַ פּלאַן פון איינאָרדענען דיווירטשאַפט, אַז זי זאָל געבן אַ מעגלעכקייט אַ נייעם קלאַס הערשער צו באַהערשן די עקאָנאָמיק און פּאָליטיק.

איך האָב אַליין געוואוסט גאַנץ גוט, און מיכאַליעווסקי און אַנדערע באַקאַנטע רויטע פּראָפעסאָרן האָבן מיר געזאָגט, אַז אַ ווערק, וואָס רירט אָן דעם שוואַרצאַפּל פון מאַרקסיזם, ד. ה., וואָס קריטיקירט זיין עקאָנאָמישע לערע, וועט די סאָוויעטנמאַכט בשום אופן ניט דערלויבן עס צו פאַרעפנט־לעכן. דאָך האָב איך עס פאַרפאַסט אין רוסיש, געמאַכט די ערשטע אָנוואורפן אין די יאָרן 24־1920. איך האָב עס איבערגעאַרבעט אין יידיש אין פיר בי־כער. דריי פון זיי זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן סעריאַל אין די „יידישע שריפטן" (46־1942), וואָס זיינען דערשינען אונטער מיין רעדאַקציע.

XXXII

בוכאַרינס הספד

יאַנואַר 1924.

לענין איז געשטאָרבן. ווי אַ דונער האָט אַ קלאַפּ געטאָן. זיך איבערגע־שראָקן, אָבער די סאָוויעטנמאַכט האָט זיך ניט פאַרלאָרן. ווייל ער איז דאָך קאַרגע צוויי יאָר קראַנק געווען אַזוי, אַז די לייטנדיקע גייסטער פון באָל־שעוויזם האָבן זיך דערוויילע אויסגעלערנט צו פירן אָן אים, אויך דאָס לאַנד האָט זיך צוגעוואוינט צום געדאַנק, אַז מע קען אויסקומען אָן אים.

די פּאַרטיי־פּראָמינענצן האָבן באַשלאָסן אויסצונוצן זיין טויט, מאַכן פון אים אַ „הייליקן" אַזוי, אַז טויטערהייט זאָל ער טאָן פאַר זיי מער דינסט ווי לעבעדיקערהייט.

איך בין געווען אַ דעלעגאַט געשיקט פון אונדזער גרופּע אינטעראינדי־ווידואַליסטן צום אַלרוסישן סאָוויעטקאָנגרעס.

עס בעט זיך געבן אַ בילד פון די קאָנגרעסן, וואָס דאַרפן עס קלאָמ־פערשט אויספילן די פונקציע פון אַן אַרבעטער־פּאַרלאַמענט.

די זיצונגען ווערן אָפּגעהאַלטן אין „גרויסן טעאַטער", וואָס איז דאָס „אָפּעראַ־הויז" אויף דעם „טעאַטער־פּלאַץ", וואָס מע האָט משנה השם געווען צו „סווערדלאָוו־פּלאַץ" און איז סיטואירט אין סאַמע האַרץ פון מאָסקווע. די פאַרזאַמלונגען ציען זיך אַ וואָך אָדער אַ צען טאָג, אויב אַ סך. עס קומט איבער טויזנט דעלעגאַטן און דעלעגאַטנס פון איבערן גאַנצן לאַנד, וואָס ציט זיך איבער אַ שטח פון אַ זעקסטל טייל פון ערדקוגל און פאַרמאָגט אַ הונדערט און צוואַנציק פעלקערשאַפטן.

די געביידע איז באַוואַכט, אַרומגערינגלט מיט טשעקיסטן. די שמירה איז פון אַלע זייטן, פונדרויסן און פונאינעווייניק. דער גאַנצער פּלאַץ פאַר

דער צייט פון דעם צוזאַמענפאַר ווערט געהיט און איזאָלירט. געוויינטלעך גייען פיל טראַמווייען פאַרביי דאָס „אָפּעראַ־הויז" און שטעלן זיך דאָ אָפּ. עס איז אַ וויכטיקער קניפּלפּונקט אין דער מאָסקווער טראַמווייען־נעץ. פאַר אַט־די „ימים נוראים" ווערט אַלץ געענדערט. די טראַמווייען שטעלן זיך אָפּ אויף דער אַנטקעגנדיקער גאַס. אַהער קענען זיי ניט צוקומען. דער פּלאַץ איז אָנגעפילט מיט אַגענטן, פּוסגייער און רייטערס.

מע גייט דורך אַ געדיכטן קאָרדאָן און קיינער ווערט ניט דורכגעלאָזט סיידן זיין דעלעגאַטן־קאַרט איז אָן דער לייכטסטער פּגימה. אַז מע גייט אדורך די ערשטע שמירה, קומט מען צו דעם פּאָרטאַל פון „גרויסן טעאַטער". דאָ שטייט אַ צווייטע וואַך און מ'קוקט דורך אַ צוויטן מאָל אייער דעלעגאַטן־קאַרט. אַז אַלץ איז אין אָרדענונג, לאָזט מען אייך אַריין. אינעווייניק איז מען אַ דריטן מאָל בודק אייער קאַרט און אַז זי האָט אויף זיך ניט קיין שפּרענקעלע, לאָזט מען אייך אַריין אין זאַל, וואו איר קריגט אייער נומערירטן שטול.

אינעווייניק, די קאָרידאָרן, די דורכגאַנגען, זיינען שווער באַוואַכט. חוץ דעם זיינען פאַראַן געננג טשעקיסטן צווישן די דעלעגאַטן; זיי גיבן אַכטונג אויף די פּראָווינציעלע פאָרשטייער פון אַרבעטער־פאָלק; אגב יענע דעלעגאַטן ציטערן טאַקע אין מאָסקווע ווי פיש אין וואַסער. דער פּרעזידיום איז אויסגעזעצט ביי אַ לאַנגן טיש, וואָס שטייט אויף דער טריבונע, וואָס איז גאָר היפּש געראַמיק און איז אָפּגעזונדערט פון דעלעגאַטן עולם. דער צוגאַנג איז באַוואַכט פון ביידע זייטן פון לינקס און פון רעכטס. אַזוי אַז וואָס־וואָס נאָר קיין שמירה זשאַלעוועט מען אייך ניט. אין פּרעזידיום ווערן נאָמינירט און אויסגעקליבן די עליטע פון דער פּאַרטיי מיט אַ צומיש פון „עמך", מיט אַ קליינער צאָל דעלעגאַטן און דעלעגאַטנס פון די האַלבווילדע שבטים און ווייטסטע געגנטן. די דעלעגאַטנס קומען אָנגעטאָן אין זייער נאַציאָנאַלער הלבשה. דערדאָזיקער דעטאַל פון לבוש איז וויכטיק, כדי דער עולם זאָל זען, אַז די גרויסרוסן דאָמינירן ניט. די „עמך"־דעלעגאַטן אין פּרעזידיום שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע. זיי דינען עס פאַרן באַראַמעטער פון דעמאָקראַטישקייט. מען איז מקיים די מצווה פון פאָלקס־דעמאָקראַטיע מיט אַלע פּישטשעווקעס. צו דער אייגענער צייט פאַרלירט מען גאָרניט און מע ריזיקירט מיט גאָרניט. וואָרעם וואָס אומוויסנדיקער דער דעלעגאָט אָדער די דעלעגאַטן איז, אַלץ ווינציקער קען ער אָדער זי אָנטאָן שאָדן, שטערן אין פירן דעם לאָקאָמאָטיוו פון קאָנגרעס איבער די אויסגעלייגטע רעלסן, אין מאַניפּולירן מיט די רעזאָלוציעס. וואָס קען מישטיינס געזאָגט אויפטאָן דאָ אַן אַנאַלפאַבעטן פון אוזבעקיסטאַן אָדער פון ערגעץ אַן אַנדערן העק? זי ווייסט סיי ווי ניט, וואָס דאָ קומט פאָר. אַט־די טשיקאַווע דעלעגאַטן זיצן אין פּרעזידיום פאַר דעקאָראַטיווע און שוישפּילעריש־ספּעקטאַקלישע צוועקן און תכליתים.

די זיצונגען לויפן אָפּ גלאַט, רואיק. די רעדער פון דעם מעכאַניזם זייַנען אָנגעשמירט און זיי דרייען זיך אָן קיין רייבונגען. אַלץ, וואָס די פאָלקס־מאַסן פאָרשטייערס טוען, איז אויסהערן די פאָלקס־קאָמיסאָרן און אַפּלאָדירן,

זיך רייסן דעם גאָרגל און געוואַלדעווען: „לאַנג לעבן זאָל דער פירער פון וועלט־פּראָלעטאַריאַט!" אָדער „לאַנג לעבן זאָל דער פירער פון דער רויטער אַרמיי!"

איך בין אויך געווען אַ דעלעגאַט אויף דעם קאָנגרעס, וואָס האָט גע־דאַרפט גוטהייסן „נעפּ", וואָס איז געווען אַן אויפבראָך אין דער גאַנצער אי־נערלעכער פּאָליטיק פון דער סאָוויעטרעגירונג. ווי נאָר די זיצונג האָט זיך געעפנט, איז אַרויף אויף דער טריבונע אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פראַקציע און ער האָט אַנאָנסירט, אַז די פראַגע איז באַהאַנדלט געוואָרן אין דער פראַקציע און עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער קאָנגרעס זאָל אָננעמען די רעזאָלוציע וואָס הייסט גוט דעם איינפיר פון „נעפּ" אָן קיין שום דע־באַטן — איינשטימיק. און אַזוי האָט פּאַסירט. קיינער האָט דאָס מויל ניט געעפנט. ווער וועט זיך אַנטקעגנשטעלן?! אין די קולואַרן האָבן די דעלע־גאַטן גערעדט צווישן זיך וועגן פאַרשיידענע אומוויכטיקע ענינים, אָבער קיי־נער האָט ניט געוואָגט אַ פּיפּס טאָן וועגן אַזאַ קאַרדינאַלער פראַגע.

די זיצונגען זיינען גיגאַנטישע מאַסנמיטינגען. די דעלעגאַטן פאָרן צום סוף אַהיים און וואָס צו דערציילן וועגן די גדולים, וואָס זיי האָבן זוכה געווען צו זען מיט די אייגענע אויגן און הערן זייערע פאַרטראָגן מיט זייערע אייגענע אויערן. דאָס אַלץ, זיי גיבן אָפּ אַ באַגייסטערטן באַריכט צו די, וואָס האָבן זיי קלאַמפּערשט אויסדערוויילט.

די עפענונג פון קאָנגרעס איז אַלע מאָל געווען זייער אימפּאָזאַנט. דער אָרקעסטער האָט געשפּילט דעם „אינטערנאַציאָנאַל", וואָס איז געווען אין יענער צייט דער הימן פון סאָוויעטרוסלאַנד. דער זאַל איז געווען פאַרפלייצט מיט ליכט. אַלע קאַנדעליאַבערס און לוסטרעס האָבן געברענט. די שטולן זיינען געווען באַצויגן מיט רויטן פּליוש און דערצו נאָך באַגילט. די צאַרישע לאָזשע איז געווען פאַרנומען מיט געהויבענע דיפּלאָמאַטישע געסט.

די אָפּאָזיציע איז באַשטאַנען פון צוויי דעלעגאַטן, פון דאַנען, דעם פי־רער פון די מענשעוויקעס, און פון מיין ווייניקייט, וואָס איז געווען דעלע־גירט פון די אַנאַרכיסטן־אוניווערסאַליסטן־אינדיווידואַליסטן.

דאַן רעדט. ער רעדט מיט גרויס פּאַטאָס. ער פאָדערט פרייהייט פון וואָרט, פרייהייט פון פאַרזאַמלונג. ער ווייזט אָן, ווי אומבאַדינגלעך נויטווענ־דיק ס'איז דעמאָקראַטיזם אין דער סאָציאַליסטישער סכעמע.

די דעלעגאַטן הערן ניט וואָס ער רעדט; זיי אינטערעסירט, וואָס ער זאָגט, ווי דער פאַראַיאַריקער שניי.

זיי האַקן אים איבער און שרייען פון די ערטער:

— דאָס פּעלצל וואָו האָסטו גענומען? (אַ שובקו טאַ גדיע ווזיאַל?).

דאַן איז געווען מאָביליזירט אין דער אַרמיי. ער איז אָנגעטאָן אין אַ שפּאָגל־נייעם האַלב־פּעלצל און ער האָט זיין פוטערל ניט אויסגעטאָן. אַזוי „אָנגעפּעלצט" איז ער געשטאַנען און זיך אַרויסגערעדט די לונגען. מיט התלהבות און מיט אַ הילכיקער שטים האָט ער גערעדט וועגן דער חשיבות פון די דעמאָקראַטישע פרייהייטן. און די רעאַגירונג איז געווען: „וואו האָסטו גענומען דיין פּעלצל?"

טראַכט איך: עס איז נאַריש צו שטיין און ריידן צו זיי. זיי זיינען דאָך טויבשטומע. ווער זיינען זיי? אַלע ביוראָקראַטן, קלענערע און גרעסערע. קיין אַרבעטער־עולם איז דאָך דאָ ניט פאַראַן. סיידן אויף אַ רפואה האָט מען זיי אַריינגעשפּרינקלט. פון עטלעכע קאָנגרעסן, וואָס איך האָב בייגעוווינט, בין איך געווען אַ שטומער עדות, כאָטש קלאַמפּערשט אַ פּולבאַרעכטיקטער דע־לעגאַט.

אגב, עס איז געווען דעמאָלט 1922. איך האָב געדאַרפט אַריינקוקן אין עפּעס אַ בוך, וואָס איז געווען אין רומיאַנצעווס ביבליאָטעק. וויל איך אַריין. ערשט מע שטעלט מיך אָפּ ביים סאַמע אַריינגאַנג. וואָס איז דער מער? מע לאָזט קיינעם ניט אַריין אָן אַ פּאַס. קיין פּאַס האָב איך ניט געהאַט. קיינע אידענטיפיקאַציע־פּאַפּירן האָב איך ניט פאַרמאָגט פאַר דער גאַנצער צייט פון דער רעוואָלוציע ביז מיין מאַכן פּליטה. עס פלעגט אַמאָל טרעפן, אַז שפּעט אין אָוונט האָט אַ פּאַטרול מיך אָפּגעשטעלט. אין אַזאַ פאַל האָב איך געהייסן אָפּרופן אין מאָסקווער סאָוויעט. אַמאָל האָבן זיי טאַקע אָפּגערופן אָבער ס׳רוב איז מיין זיכערדיק האַלטן זיך און מיין פאַררופן זיך אויפן סאָ־וויעט געווען גענוג מע זאָל מיך לאָזן צורו.

איך זאָג צום ביבליאָטעק־שומר, אַז איך האָב ניט קיין פּאַס. רופט ער צו די ביבליאָטעקאַרן און זי זאָגט מיר, אַז אָן אַ פּאַס קען מען ניט אַריין אין ביבליאָטעק, וואו איך בין גענוג מאָל געווען אונטערן אַלטן רעזשים און קיינער האָט קיינמאָל קיין פּאַס ניט געפאָדערט. הכלל, עס איז אַ נייע פאַר־אָרדענונג.

די מעשה איז די, וואָס מע האָט צעגנבעט אַ סך ביכער און ווערטפולע מאַנוסקריפּטן. וואו האָבן די גנבים געקענט אָפּזעצן אַט־די געגנבעטע סחורה? דאָס ווייס איך ניט.

פאַלט מיר איין: איך וועל געברויכן מ׳יין דעלעגאַטן־קאַרט. ניט שוין־זשע וועלן זיי ניט אַריינלאָזן אין ביבליאָטעק אַ דעפּוטאַט פון דעם סאָוויע־טישן אַלמעכטיקן פאַרלאַמענט! זי פאַרלירט זיך און ווייסט ניט ווי צו פּסקענען. ברענגט זי דעם אָרדינאַטאָר, פּראָפעסאָר ווינאָגראַדאָוו. זי ווייזט אים מיין בילעט. ער גיט אַ קוק אויף אַט־דער קאַרט און מיט פאַראַכטונג גיט ער אַ זאָג: „דאָס איז אַ בילעט אין טעאַטער“. און ער האָט ריכטיק דעפינירט דאָס סיסטעם. די קאָנגרעסן זיינען געווען ניט מער ווי אַ טעאַטער־שפּיל, אַן אויפפירונג פון אַ מין פּאָליטישן ספּעקטאַקל.

לעניך איז געשטאָרבן. מאָרגן איז די לויה. דער פראָסט אינדרויסן קנאַקט. מע זאָגט, אַז אייניקע מויערנוועגט האָבן זיך אָנגעשפּאָלטן פון קעלט. אָבער אינעווייניק אין זאַל איז צו פאַרליידן. מיר זיצן אָבער אַלע אין די אויבערמאַנטלען און מיט קאַלאָשן אויף די פיס.

מ׳איז מספּיד לענינען, דעם פירער פון אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט.

עס רעדט קאַלינין, מיכאַאיל איוואַנאָוויטש (1875־1946), דער פּרעזי־דענט־פּויערל, ווען מע האָט באַשטימט פאַר אַ פּרעזידענט נאָך סווערד־לאָוון. דער צוועק דערביי איז געווען, ער זאָל אַרומפאָרן מיט זיין פּלוניתטע

איבערן לאַנד און באַאײַנפֿלוסן, באַרואיקן די אומצופֿרידענע פּויערים און פּויערטעס אין די דערפֿער. מע האָט אים און זי געהאַלטן אין אײן אַרומפֿירן פֿון דאָרף צו דאָרף. פֿאַר דער ראָל האָבן זײ זיך בײדע אויסגעטויגט. ער האָט אויסגעזען װי אַן עכטער פּויערל און זי — װי אַ פּויערטע. אַלץ װאָס אים האָט געפֿעלט איז אָנטאָן אַ פּאָר לאַפּטשעס. דורך אים האָט עס לענין דעמאָנסטרירט דעם חלק, װאָס די פּויערים האָבן קלאָמפּערשט אין דער סאָוויעטנמאַכט.

קאַלינין שטײט און רעדט. ער האַלט זײַן באַראַשקאָווע היטל אין האַנט. אַ טײל פֿון עולם פֿאַרשטײט, אַז דעם הספּד־דרוש האָט מען פֿאַר אים אָנגעשריבן. אין רוסלאַנד איז עס פֿאַררעכנט פֿאַר אַ שװערער זינד. דאָרטן איז ניט געװען אין מאָדע „גײַסטערשרײַבערײַ“. װאָס פֿאַר אַ פּנים װאָלט עס געהאַט, װען פֿאַר די פֿירער, די גרױסע רעדנער װי טראָצקי, קאַמענעװ וכדומה, זאָל גאָר עמיצער אַן אַנדערער אָנשרײַבן זײערע רעדעס!

קאַלינין האַלט די רעדע אַן אויפֿגעשריבענע אין היטל. ער האָט זי אויסגעחזרט אויף אויסװײניק, אָבער ער האָט מורא ער זאָל זיך ניט ספּאָטיקען אײנמיטן דערינען, אָדער גאָר פֿאַרגעסן אַ שטיק. דערהויפּט האָט ער פּחד פֿאַר דעם צו געהויבענעם רוסישן סטיל און די פֿרעמדשפּראַכיקע װערטער, װאָס געפֿינען זיך אין דער רעדע. אין האַלדז האָט זיך אים געשטעלט דאָס װאָרט „זשעני“ (גענִי אין רוסיש); ער האָט ניט געװאוסט, צי דאָס װאָרט איז לשון זכר אָדער לשון נקבה נוצט ער בײדע: „אַ גרויסער זשעני“ און „אַ גרויסע זשעני“ („װעליקי געני“ און „װעליקאַיאַ געני“), באַגראָבט די אויגן אין דער טיף פֿון זײַן היטל און פֿילט זיך אין פֿאַרלעגנהײט. ער ענדיקט, ברוך השם. ער שװיצט װי אַ ביבער, ער רײַבט זיך דעם שטערן און אָטעמט שװער.

בוכאַרין שטעלט זיך רײדן. ער הײבט אויף לענינען איבער אַלע שטאַטסלײַט, װאָס די געשיכטע װײסט פֿון זײ. אָבער דאָס איז ניט גענוג. ער װיל דװקא באַהויפּטן, אַז לענין איז געװען אַ גרויסער געלערנטער און פֿילאָזאָף. הכלל, ער איז אַן אוניװערסאַלער גאון, דער גרעסטער גאון פֿון דער מענטשהײט. װען מע לײגט אַרײַן אַלע עקאָנאָמיסטן, סאָציאָלאָגן און פֿילאָזאָפֿן אין אײן װאָגשאָל און לענינען אין דער צװײטער — װאָלט ער אַלעמען אַריבערגעצויגן. איך הער די איבערגעטריבענע חניפֿות אויפֿן חשבון פֿון טויטן, װאָס װערן געגעבן מיט אײן כּװנה צו כאַפּן אַ גרעסער שטיקל ירושה פֿאַר זיך, און מיך ערגערט עס ניט צופֿיל. אָבער װען ער צערעדט זיך װעגן דעם, װי לענין איז ב אַ ל י ב ט בײ די אַרבעטער, קען איך עס מער ניט פֿאַרטראָגן. יעדעס װאָרט שנײַדט מיך װי מיט מעסערס. אויף װיפֿל איך װײס, איז ער גאָרניט געװען אַזוי באַליבט. װען ער איז געװען פֿאַרװאונדעט פֿון קאַפּלאַן ראַיד (זע „זכרונות און חשבונות“, באַנד אײנס, זז. 37־228) האָבן מיך צענדליקער אַרבעטער אויף די פֿאַבריקן און אין די בעקערײַען־קאָאָפּעראַטיװן געפֿרעגט בזה הלשון: „דער כּלב האָט נאָך ניט קראַפּירט?“

איך אַלײן בין געװען מיט דער מײנונג, אַז לענין איז געװען אַ זעלטער־

נער אַמאַלגאַם פון אַ באַנדיט און אַ טעאָרעטיקער־רעוואָלוציאָנער, אַן אָפּאָר־טוניסט און אַן עקסטרעמיסט.

איך הער בוכאַרינען זינגען לויבגעזאַנגען צו לענינען און עס הייבט מיך ממש פון אָרט. עס שרייט פון מיר שיער ניט אַרויס: „עס איז אַ ליגן! עס איז שקר וכזבֿ!" כמעט אַז מיין מויל עפנט זיך פון זיך אַליין און אָט־די ווערטער נעמען זיך אַרויסרייסן פון קעל־תּפיסה. איך וויל עס ניט טאָן. עפּעס אַ כוח, וואָס איז שטאַרקער פון מיר, וויל עס טאָן דורך מיר.

איך באַגרייף גאַנץ גוט, אַז ווען איך זאָג איין וואָרט קעגן לענינען פאַר אָט־דעם עלעקטריפיצירטן המון, וואָלט מען מיך צעריסן ווי אַ הערינג. און איך מאָביליזיר מיין פולע ווילנסקראַפט. איך קלאַמער זיך מיטביידע הענט אַן שטול, אויף וועלכן איך זיץ, איך זאָל ניט אויפשטיין פון אָרט, מחמת איך פיל, ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט אויסזען, אַז עס הייבט מיך ממש פון אָרט, ווי עמיצער וואָלט מיך שלעפּן און וועלן דווקא אויפהייבן. מיט כל־הכוחות שטשעמע איך איין די ציין, אַז דאָס מויל זאָל זיך ניט קענען עפענען און עס זאָל פון מיר ניט אַרויסגעוואָלדעווען. פון אַנשטרענג וואָס באַשטייט אין איינהאַלטן זיך, קעגנווירקן די אימפּולסן, וואָס אַרבעטן אין מיר קעגן מיין ווילן, פיל איך זיך מיד. עס באַגיסט מיך אַ קאַלטער שווייס. איך האָב ווי ניט ווי זיך קאָנטראָלירט, באַהערשט דעם משונהנעם כוח, וואָס האָט אין מיר געשטורעמט.

דער אָרקעסטער האָט געשפּילט שאָפּענס מאַרש. דער עולם האָט זיך אויפגעשטעלט. איך בין געווען דער איינציקער, וואָס איז געבליבן זיצן. די שכנים האָבן מיך דורכגעשפּיזלט מיט פרעגנדיקע בליקן. איך האָב קוים זיך געהאַלטן אויף די פיס.

אַלץ האָט זיך געענדיקט. איך האָב אין האַרצן געבענטשט גומל.

מע לאָזט זיך צום אַרויסגאַנג. איך באַמערק צווישן עולם אויסלענדער פון דעם קאָרעספּאָנדענטן־געזינטל. צוויי גייען און רעדן דייטש. איך פרעג זיי אין דייטש, פון וואַנעט זיי קומען. עס שטעלט זיך אַרויס, אַז איינער פון זיי איז פון עסטרייך און דער צווייטער אַזש פון אַרגענטינע.

— וואָס פאַר אַן איינדרוק האָט עס אויף אייך געמאַכט? — פרעג איך זיי.

— וואונדערבאַר! איך בין אַנטציקט. איך גיי עס באַשרייבן פאַר מיין צייטונג.

— פאַרשטייט איר רוסיש?

— אַ וואָרט ניט.

— איז ווי אַזוי גייט איר איבערגעבן וואָס דאָ איז פאָרגעקומען?

— אין פּרעסע־ביוראָ גרייט מען פאַר אונדז צו דעם גאַנצן מאַטעריאַל.

— און וואָס די באָלשעוויקעס שרייבן פאַר אייך אָן, דאָס שיקט איר אָפּ אין אייערע צייטונגען?

— יאָ, אַזוי טוען מיר. אַז מיר פאַרשטייען ניט קיין רוסיש איז ווי אַנדערש קענען מיר האַנדלען?!

איך בין אַוועק אַהיים. אויפֿן וועג האָב איך געהאַלטן אין איין פֿונאַנ־דערפֿענען מײַנע פֿינגער און זיי צוריק צענויפֿדריקן אין מײַנע פּוטערנע הענטשקעס, ווען איך באַוועג זיי ניט די גאַנצע צײַט, וואָלט איך זיי אָפּגע־פֿרוירן. אַזאַ מאָוימדיקער פֿראָסט האָט געשרפֿהט.

אויפֿצומאָרגנס איז געווען נאָך קעלטער.

צו דער לוויה האָט מען געפֿירט אין אָפֿענע לאַסט־אויטאָס קינדערלעך פֿון די יתומים־הײַזער, צו מאַכן דעם עולם־גולם גלײַבן, אַז דער „פֿירער" איז געווען באַליבט אויך בײַם קלײנוואַרג, אַז אויך זיי טרויערן אויף זײַן טויט.

פֿיל פֿון זיי זײַנען אויפֿן וועג פֿאַרפֿראָרן געוואָרן — און געשטאָרבן.

צו דער בײַטאָגיקער זיצונג איז געקומען סטאַלין. ער איז געווען אָנגעטאָן איז אַ טוניק און אין אַ זעלנערשן שינעל. דער פֿאָרזיצער האָט אים פֿאָר־געשטעלט ווי דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דער עולם האָט אים אויפֿגענומען גאָר אָן התפּעלות. זײַן נאָמען האָט זיי גאָרניט געזאָגט. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט רעדן צום קאָנגרעס. ער האָט צענויפֿ־געלייגט צוויי פֿינגער פֿון דער רעכטער האַנט, דעם גראָבן און דעם ווייז־פֿינגער, און געמאַכט פֿון זיי אַ מין רינגעלע און די גאַנצע צײַט, אײַנגאַנצן אפֿשר אַ צען מינוט, האָט ער אַזוי געהאַלטן די פֿינגער און אָפּגעזאָגט ווי אַ טשיקאַוון פּזמון די צען געבאָטן, וואָס לענין האָט כּלומרשט אָנגעזאָגט ווי אַ מין צוואה. און נאָך יעדן געבאָט האָט ער צוגעגעבן די ווערטער „קלאַ־ניאַמסיאַ וויפּאָלנים אי עטו זאַפּאָוועד", „מיר שווערן דורכצופֿירן אויך דעם דאָזיקן געבאָט". איינער פֿון די געבאָטן איז געווען צו פֿאַרגרעסערן און פֿאַר־שטאַרקן די רויטע אַרמיי.

גערעדט האָט ער, אויב דאָס הייסט ריידן און ניט כאָרכלען, אין זײַן כאָרכלענדיקער גרוזינישער שטים מיט אַ דיקציע און אינטאָנאַציע פֿון אַ גרוזין רעסטאָראַטאָר, וואָס פֿאַרקויפֿט אײַך שאַשליק. זײַן אַקצענט איז געווען אַזוי שלעכט, אַז דער עולם האָט ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס ער האָט דאָרטן אָנ־געבעבעט. אַ דעלעגאַט פֿון טיף רוסלאַנד, אַ שכן מײַנער, שטורכעט מיר אין זײַט און פֿרעגט מיך בלחש: „וואָס רעדט ער?" (שטאָ אָן האָווארים?").

דאָס איז שוין געווען אײנמאָל אַ ריידעכץ!

די קלאַנגען האָבן זיך עפּעס ווי געבולקעט בײַ אים אין האַלדז. מע האָט געקענט מיינען, ווען מען זעט אים ניט, אַז ער שלינגט לאָקשן אָדער בריט זיך מיט הייסע קאַרטאָפֿל.

אַ גרוזין, אַז ער רעדט רוסיש, קריגט ער זיך מיט דער וואָקאַליזאַציע פֿון דער רוסישער שפּראַך. אויב דער בוכשטאַב איז ווייך, איז ער בײַם גרוזין האַרט. אויב דער בוכשטאַב איז האַרט, וועט אים דער גרוזין, ווי עפּעס אויף־צו־להכעיס, אַרויסריידן ווייך.

אַ קאַפּריז פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע־געשיכטע האָט אַזוי געוואָלט, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, די מענשעוויקעס, זאָלן זײַן אין די האָניק־חדשים שטאַרק פֿאַרטראָטן פֿון גרוזינער. דער ערשטער פֿאָרזיצער פֿון פּעַ־טראָגראַדער סאָוויעט איז געווען טשכעאידזע. דער מיניסטער פֿון טעלע־

גראַף און פּאַסט איז געווען צערעטעלי. זיי האָבן אויך גערעדט מיט אַ שווי־דערלעכן אַקצענט. אָבער זיי האָט מען געקענט פאַרגעבן. זיי זיינען געווען גרויסע רעדנער. סטאַלינען האָט מען ניט געקענט פאַרגעבן, עס איז ניט געווען פאַרוואָס צו פאַרגעבן. ער האָט ניט גערעדט, נייערט אַרויסגעבראַכט קלאַנגען ווי איינער וואָס שווענקט דעם האַלדז אָדער ער כראָקעט, כריפּעט און כריוקעט. אַלע דריי זאַכן אויף אַמאָל.

און אַז איך גיב אַ טראַכט, אַז אָט דער גסיסהדיקער כאָרכלער האָט אומגעבראַכט די פּני פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און צווישן זיי צוויי אַזעלכע ערשטראַנגיקע רעדנער ווי טראָצקי און קאַמעניעוו, קום איך צום שלוס, אַז איין פּאָליטישע אינטריגע און פּאַרטיי־מאַכינאַציע קען פּטרן צען רעדעס מיט די רעדנער צוזאַמען. אָבער דאָס האָט פּאַסירט פיל שפּעטער, ווייט פון 1924 וואו מיר האַלטן אַצינד.

XXXIII

אַ פּאַראַלעל צווישן מאָנאַרכיע און דיקטאַטור

ווי נאָר לענין איז געשטאָרבן, איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז מע טאָר אין לאַנד לענגער ניט בלייבן; אַז עס איז סכנת־נפשות — און מע מוז אַנט־לויפן. אין פאַרשטעל האָב איך געזען פאַר זיך אַ בלאַט אין אַ געשיכטע־בוך. דאָס בלאַט האָט זיך איבערגעקערט, און אַלע, וואָס זיינען אויף אים געזעסן, זיינען אַראָפּגעשלײַדערט געוואָרן. די עפּאָכע האָט געשלאָסן לענינס טויט. אַ באַשטימטער פּעריאָד איז אַוועק. אַצינד וועט אויפשטיין אַ נייער קעניג, וואָס קען ניט די יוספס, וואָס האָבן געקעמפט און געראַטעוועט סאָ־וויעטרוסלאַנד פון די ווייסע גוואַרדייער, די אידעאַליסטן, וואָס האָבן איינ־געשטעלט זייער לעבן, כדי דורכצופירן די אָקטאָבער־איבערקערעניש.

איצטער דאַרף מען זיך ניט בלויז מכין זיין צום אַפּפאָרן, נאָר טאַקע אַ פּ פּ אָ ר ן און אויף גיך; מע קען קיין צייט ניט פאַרלירן. וואוהין? אָדער קיין ענגלאַנד אָדער קיין אַמעריקע. די איבעריקע לענדער אין אייראָפּע קען מען ניט טרויען. מיין געדאַנקענגאַנג האָט זיך אויסגעטראָגן בערך אַזוי:

וואָס איז אַזוינס די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט? וואָס איז פאָרגעקומען אין רוסלאַנד? דאָס מיינט דאָך אַזוי: צוויי קלאַסן האָבן זיך געראַנגלט. איז געקומען אַ דריטער און האָט פאַרכאַפּט דעם אויבנאָן. די אַרבעטער קעמפן קעגן די קאַפּיטאַליסטן. אַז זיי קומען ניט צו קיין שלום־אָפּמאַך־פאַרשטענדעניש, נוצט אויס די פאַרווירעניש אַ דריטער צד. דער קאָמיסאַר דערקלערט זיין דיקטאַטור פון קאָמיסאַריאַט; אַ נייער צאַר מיט אַ כאָפּטע צאַרעלעך פאַרנעמען די אַוואַנסצענע און נעמען געוועלטיקן איבער ביידע זיך צאַנקענדיקע קלאַסן. ווען די פּויערים האָבן באַקעמפט די פּריצים, איז אַריין אַ דריטער צד, וואָס האָט זיך קלאַמפּערשט אַנגענומען פאַר די פּויע־רים און געזען איינצוזוימען די אַפּעטיטן פון די פּריצים. אָבער באמת האָט

ער געהאט אין זינען זיינע אייגענע אינטערעסן; ער האט געשאפן א זעלבסט־הערשונג און האט אונטערדריקט ביידן, — סיי די פויערים און סיי די פריצים. דער אויסרייד איז געווען: דער „צאר פאטערל" קומט באשיצן זיינע עקאנאמיש און פאליטיש באעוולהטע קינדערלעך.

אויב דער פאראלעל איז געשיכטלעך אויסגעהאלטן, איז לייכט צו געבן דעם פראגנאז און פארויסזאגן וועגן דעם איינשטעל פון אט־דער „דיקטאטור פון פראלעטאריאט", דעם „מלכות פון קאמוניזם". דארט, וואו די פויערים און בעלי־מלאכות האבן געמאכט יד אחת מיט די פריצים און האבן ניט דערלאזן עס זאל קומען צו אן אויטאקראטיע, דארט וועלן די ארבעטער קאַלאבארירן מיט זייערע עקספלואטאטארן — און ניט דערלאזן, אז א דריטער צד זאל אויף זייערע רוקנס ארויפקלעטערן צו זעלבסטהערשנדיקער מאכט. אין ענגלאנד האט מען קארל דעם ערשטן אראפגעהאקט דעם קאפ (1649) און געצוואונגען יאהאנען אונטערצושרייבן די גרויסע כארטיע (1225); אין אזא לאנד וועט קיין „דיקטאטור פון פראלעטאריאט" ניט איינגעפירט ווערן, די געשיכטע חזרט זיך איבער. דארטן, וואו עס זענען געווען איינגעפונדעוועטע מאנארכיעס און די שטאנדן האבן זיך געריסן צווישן זיך, געווען אויף מעסערס, דארט וועט זיך, אין אונדזער צייט, איינשטעלן די נייע פארם פון זעלבסטהערשונג, די אזוי גערופענע „דיקטאטור פון פראלעטאריאט", וואס איז באמת א באנייטע פארם פון דער אלטער מאנארכיע.

לכן קען מען זיך אויף דייטשלאנד ניט פארלאזן, אויף פראנקרייך אויך ניט. אבער אויף די סקאנדינאווישע לענדער, בריטישע אינדזלען און אמעריקע, וואס האט צו א געוויסער מאס א בריטישע טראדיציע און האט קיינמאל קיין אייגענע מאנארכיע ניט געהאט, — קען מען זיך יא פארלאזן און זיין זיכער קעגן באלשעוויזם. דא, אז עס וועט קומען צום ענדגילטיקן צוזאמענשטויס פון ארבעט און קאפיטאל, וועט סיי קאפיטאל און סיי ארבעט איינגיין אויף קאמפראמיסן און וועלן ניט לייכטהארציק און טעמפקעפיק זיך איבערגעבן אין דעם רשות פון דעם אויפקומענדיקן הערשער־קלאס.

XXXIV

געקליבן גראשנס — פארברענט דאלארן

מע דארף גלייך געבן איבערשרייבן מיינע מאנוסקריפטן אויף א שרייבמאשינקע, כדי עס זאל אוועק ווייניקער פאפיר און האבן ווייניקער וואג און אומפאנג. דארף מען לאזן זיי איבערשרייבן אויף ביידע זייטן פון פאפיר. עס זאל זיין לייכטער דורכצוטראגן מיינע כתבים דורך דער גרענעץ, וואס מיר וועלן „שווארצן". און ווי אנדערש קען מען ארויס פון אט־דעם לאנד, מיט א דערלויבעניש? דאס איז ווייער פראבלעמאטיש.

ענגליש האב איך גענומען שטודירן נאך אין 1922, ווען לענין איז אראפ פון דער ארענע צוליב זיין קראנקייט. די פראצעדור פון לערנען ענגליש איז

געווען אַן איינפּאַכע. איך בין אַוועק אין אַ בוכגעשעפט און איינגעהאַנדלט אַ ביבל און גענומען לייענען פון בראשית. די לאַטיינישע וואָרצלען זיינען מיר געווען גוט באַקאַנט, די דייטשע ווערטער אוודאי און אוודאי, זענען געבליבן בלויז די אַנגלאָ־זאַקסישע ווערטער און זיי זיינען זייער ווייניק אין צאָל. איך האָב בשום אופן נישט געוואָלט פאַרן אין אַ לאַנד אָן זיין גוט באַקאַנט מיטן לשון פון לאַנד. איך האָב זיך איינגעשאַפט אַ היפשע ענגלישע ביב־ליאָטעק, אין וועלכער עס האָבן געשיינט די ווערק פון לאָק, יוהם, דזשיימס און דיואי.

קריעת־ים־סוף איז ביי מיר געווען ניט אַזוי דאָס פאַרלאָזן רוסלאַנד ווי דאָס אָפּגעבן די רוסישע שפּראַך.

איידער איך גיי אַנטלויפן דאַרף מען אויספּרובירן אַלע לעגאַלע מיט־לען. אפשר קען מען פאָרט קריגן אַ דערלויבעניש און אַרויספאָרן „לייטיש״ מיט אַן אויסלענדישן פּאַס! אַ קשיא אויף אַ מעשה! איך האָב אין דערדאָ־זיקער מעגלעכקייט ניט געגלייבט, אָבער פּרובירן דאַרף מען.

איז זינע אַוועק קריגן עפּעס אַ פּאַפּירל פון פינאַנץ־קאָמיסאַריאַט בנוגע שטייער־אָפּצאָל. מע האָט אונדז געזאָגט, אַז ווען מע דערלאַנגט אַ בקשה וועגן אַרויספאָרן דאַרף מען צושטעלן אַזאַ מין „דאָקומענט״.

דער תירוץ פאַר וו ע ל ן אַרויספאָרן איז געווען מיין קראַנק זיין און דאָס איז שוין גאָרנישט געווען קיין אויסגעטראַכטע זאַך. אַ מאָגן־ספּעציאַ־ליסט האָט מיר געזאָגט, אַז איך האָב אַ קראַנקן מאָגן און איך האָב געדאַרפט פאָרן זיך קורירן אין אויסלאַנד, טרינקען ווישי־וואַסער. דערצו האָב איך געקראָגן רעוומאַטיזם אין דעם קראַנקן און אין געזונטן פוס פון דער קאַל־טער וואוינונג. עס איז דאָך ניט געווען קיין באַהייצונג.

צום אַנטלויפן, איבערהויפּט נאָך דורך סיביר, מאַנדזשוריע און יאַפּאַן, כדי אָנצוקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן דורך דעם פּאַסיפיק, וואָס איז אַ מהלך־רב, — דאַרף מען האָבן געלט. האָבן מיר אָנגעפאַנגען קלייבן גראַשנס. די „גראַשנס״ האָבן געמוזט זיין אָדער אין גאָלד אָדער אין אַמעריקאַנער דאָלאַרן. ווייל דאָס רוסישע געלט, די קערענסקיס און דערנאָך די לענינקעס, האָט די מוראדיקע אינפלאַציע אויפגעפרעסן. די אַמעריקאַנער דאָלאַרן האָט מען געקענט קריגן אויפן שוואַרצן מאַרק, אין אַ טראַנזאַקציע, וואָס איז געווען שטרענג פאַרבאָטן; עס האָט געשמעקט מיט טויטשטראָף ווען מע כאַפּט. נאָכדעם קומט דאָס היטן, פאַרבאַהאַלטן דאָס איינגעהאַנדלטע. מע האָט ניט געטאָרט; ווידער איז די שטראָף געווען טויט־שטראָף, האָבן ביי זיך ניט קיין גאָלד און ניט קיין אויסלענדישע וואַליוטע.

איך זאָג „קלייבן גראַשנס״ און די ביטול־באַציאונג האָט אַ גרונט.

מיר, איך און דער ברודער וו., האָבן פאַרמאָגט הונדערט פופציק טויזנט רובל אין אַסיגנאַציעס פון דער „פּרייהייט־הלוואה״ („זאַיאָם סוואָבאָדי״) אָדער, ווי מע האָט עס גערופן, אין „דומע־געלט״ („דומסקיע דענגי״), ווייל אויף די אַסיגנאַציעס איז געווען אַ בילד פון דער דומע־געביידע. זאָגט צו מיר מיין שוועסטער רחל, וואָס האָט געוואוינט אין מאָסקווע, אַז זי וועט

גיין און אויסבייטן פאַר אונדז דאָס דומע־געלט אויף אַמעריקאַנער דאָלאַרן. איר מאַן, אַ קוזין, דער העברעאישער לערער פון „הבימה״, האָט געגעבן אויך העברעאישע פריוואַטע לעקציעס אין רייכע הייזער, האָט זי געהאַט דורך אים באַקאַנטשאַפט מיט אַזוינע יידן, וואָס האָבן אונטערגעהאַנדלט מיט אַט־דער טריפהער געלט־סחורה. די ראַטע פון אויסטויש איז דעמאָלט געווען, סוף 1918 און אָנהייב 1919 צוויי רובל צום דאָלער.

ענטפער איך מיין שוועסטער:

— מיר האַלטן אין מיטן פון אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע, וועל איך האָבן צו טאָן מיט די נבזהדיקע ספעקוליאַנטן?! און איך האָב זיך אַנטזאָגט איר געבן דאָס געלט אויף אויסבייטן. זי האָט מיר עטלעכע מאָל אין פאַרלויף פון 1919 געמאַכט איר פאָרשלאַג, כמעט צוגעשטאַנען, געטענהט, אַז אַלע, וואָס האָבן געלט, טוען עס. איך האָב זיך געהאַלטן ביי דאָס מייניקע: ניין און ניין! איך וויל מיט די ספעקוליאַנטן און שוואַרצן מאַרק ניט האָבן קיין מגע ומשא.

דאָס געלט האָט באַלאַנגט צום „סאָציאַטעכניקום״ און איך בין דעמאָלט געווען דער „פינאַנצטעכניקער״ און דער „אויסערן־טעכניקער״. וואו האָבן מיר דאָס געלט געהאַלטן פאַרבאַהאַלטן? אין בלעכענע קאַקאַאָ־פושקעס באַגראָבן אין דר׳ערד אין אַ שטעלכל פון האָלץ.

וואָס איז פון דעם געלט געוואָרן? שטויב און אַש. די אינפלאַציע האָט געמאַכט פון דעם אַ תל. שפּעטער־צו פלעגן מיר מיט אַט־דעם מין געלט איינהייצן די קליינינקע בלעכענע אויוועלעך וואָס מיר האָבן געברויכט צו באַהייצן אונדזער צימער.

לכן האָבן מיר אין 1922 גענומען „קלייבן גראָשנס״ כדי צו האָבן מיט וואָס צו אַנטלויפן. איצטער האָב איך זיך שוין דערלויבט צו האָבן צו טאָן מיט די „פאַרפלוכטע ספעקוליאַנטן״. זינע איז געווען די איינקויפערן פון „וואַליוטע״ אויפן שוואַרצן מאַרק. איז וואו פאַרבאַהאַלט מען דאָס ביסל געלט, וואָס מיר האָבן געהאַלטן צוגעגרייט אויף „הוצאות הדרך״? זומער וועלכן מיר האָבן פאַרבראַכט אין אַ דאָרף לעבן מאָסקווע, פלעגן מיר די גאָלד־אימפעריאַלן האַלטן פאַרשטעקט אין מאַך און פאַקליעס, וואָס צווישן די ברעווונעס פון דער פויערשער כאַטע, אין ווינטער, אין וועלכער מיר האָבן געוואוינט. די דאָלאַרן האָבן מיר צענויפגעוויקלט און זיי אַריינגעלייגט אין גלעזערנע טרייבעלעך, וואָס ווערן געברויכט אין כעמישע לאַבאָראַטאָריעס, און זיי פאַררוקט, להבדיל, ווי אויף אַ טשאָלנט אין גרויסן פויערשן אויוון. ער איז געווען אונדזער סייף אין באַנק. אַן אויוון אין אַ פויערשער כאַטע פאַרנעמט כמעט אַ האַלב הויז, אַזוי גרויס און האמעטנע איז ער. אַן אים ווערט קיין זאַך ניט געטאָן, ניט נאָר קאָכט מען אין אים, — דאָס איז אַ קליינע אומוויכטיקע פראַצעדור, וואָס ווערט אָפּגעפּטרט אויף אַ דרייפוס גלייך ביי דער עפענונג פון אויוונס גרויס מויל — נאָר מע באַקט אין אים דאָס ראַזשעווע ברויט, אַ געבעק, וואָס דאַרף סטאַיען אויף וואָכן פאַר דער גאַנצער משפּחה. אָבער דאָס איז נאָך אויך ניט אַלץ. זיין הויפט־פונקציע איז צו דינען אין

דער טאָפּלטער קאַפּאַציטעט פון שלאָפּצימער און בעט. אויף אים שלאָפט, אָדער ווי ביי אונדז פלעגט מען זאָגן „פּאַפט“, די גאַנצע משפחה, אָדער צוויי משפחות, טאַטע, מאַמע, זון, שנור, טאָכטער, איידעם מיט די אייניקלעך, אַלע אויסגעמישט. די פּרשה פון עריות אין ויקרא י״ח איז ניט געשריבן פאַר דידאַזיקע פאַמיליע־איווענס...

מיר האָבן פאַררוקט אין אַש די גלעזערנע „טרובקעס“. דאָס איז געווען תחילת פרילינג. מיר פלעגן גערן אַוועקפאָרן אין דאָרף אַזוי פרי ווי מעגלעך, ווען שניי איז נאָך געלעגן ניט צעגאַנגען אין די גראָבנס, אַבי זיך פאַרשטעקן אין וואַלד און ניט צוזען, וואָס עס טוט זיך אין מאָסקווע. מיר פלעגן קומען צוריק שפּעט אין האַרבסט, אַזוי אַרום אויסמיידן מענטשן און ניט דאַרפן ענטפערן פראַגעס וועגן די פּאַזשאַנדקעס, וועגן די משפטים פון די ס. ר. און אַנדערע שיינע חפצים פון דעם טייערן רעזשים.

מיר זענען אַפּגעווען דעם גאַנצן זומער 1924 אויף דער „דאַטשע“. עס האָט שוין גענומען שטאַרק שמעקן מיט האַרבסט. איך האָב זיך געפילט זייער שלעכט; אויסער מיינע שטענדיקע קראַנקייטן פלעג איך נאָך קריגן „געסטשלאַפקייטן“ ווי ספּאַזמען און קראַמפּן אין בויך. די ווייטיקן פלעג איך לייכטער מאַכן מיט טרינקען היפּשע דאָזעס הייס וואַסער. האָט מען געדאַרפט אויפזידן אַ טשייניק וואַסער. געוויינטלעך פלעגט עס געטאָן ווערן אויף אַ פּרימוס. האָט זיך גראָד געמאַכט, אַז קיין קעראָסין איז ניט געווען אין שטוב, האָט זינע איינגעהייצט דעם אויוון. איך האָב געוואוסט, אַז מיר טאָרן דעם אויוון ניט הייצן, אַז עס איז אַ האַרבער איסור, אָבער דער טעם פאַר דעם פאַרבאָט איז מיר אַרויס פון זינען. אַזוי ווי איך האָב ניט געקענט געבן קיין פּראַקטישע שכלדיקע מאָטיווירונג פון דעם פאַרווערן איינצוהייצן דעם אויוון, האָט זינע ניט גענומען אין אַכט מיינע רייד, און איך בין אַליין ניט געווען שטרענג וועגן דעם.

איך בין אַרומגעגאַנגען אין גערטנדל פאַרן הויז, געלייענט עמערסאָנס אַן עסיי אין ענגליש און אין קאָפּ האָט געזשומעט די פראַגע: טאַקע, פאַרוואָס טאָר מען ניט הייצן דעם אויוון? וואָס איז עס פאַר אַ מין לאָוו, וואָס האָט ניט קיין דערקלערונג? פּלוצלונג האָט מיר געגעבן ווי אַ בליץ אין געהירן. איך לויף אַריין אין קיך און גיב אַ זאָג צו זינען:

— מיר האָבן פאַרגעסן, דאָרט ליגן דאָך די 500 דאָלער, וואָס מיר דאַרפן האָבן אויף רייזע־קאָסטן!

זינע האָט אין איילעניש פאַרלאָשן דאָס פייער. אין די טרייבלעך זיינען געלעגן די דאָלאַרן פאַרברענטע אויף אַש. אָבער אין אַש האָט מען נאָך אַלץ געקענט איבערלייענען די ציפערן פון דער סעריע און אויך די בוכשטאַבן. איך האָב דעמאָלט ניט געוואוסט, אַז ווען איך ברענג מיט זיך דאָס אַש, וואָלט די אַמעריקאַנער שאַצקאַמער אויסגעצאָלט די פולע סומע.

דאָס לעבן איז געווען שווער, מיט יעדן טאָג געוואָרן שווערער. מע איז אַרומגעגאַנגען געבויגן אונטער אַ שווערער לאַסט פון אומזיכערקייט מיט דעם ביסל חיות, מיט פּערזענלעכער פרייהייט. מע האָט זיך געלייגט שלאָפן

און ניט געווען זיכער, צי מע וועט אויפשטיין מאָרגן אין דעם אייגענעם בעט. דאָס האָט געווירקט צערודערנדיק אויף דעם נערוון־סיסטעם.

יעדעס מאָל ווען אַן אויטאָמאָביל איז פאַרבייגעפאָרן אייער פענצטער מיט אַ היפש ביסל טומל, האָט איר שוין דערוואַרט די אמתע געסט, די טשעקאַ־אַגענטן. עס איז געווען אנשטאָט אַ „פּערמאַנענטע רעוואָלוציע" אַ פּערמאַנענטער קאָשמאַר. די קללות פון דער תוכחה מיט אַ סמיטשעק נאָך דערצו האָבן זיך אויסגעגאָסן אויפן לאַנד און זיינע איינוואוינער. „ביי־טאָג האָט מען געוואָרט צו דערלעבן דעם אָוונט, אין אָוונט — ווי דערלעבט מען שוין דעם פרימאָרגן" (דברים כ"ח, ס"ז).

XXXV

קום, לאָמיר ביידע אַנטלויפן

זינע איז אַוועק אין שטייער־אָפּטיילונג. געקראָגן דאָס נישטיקע פּאַ־פּירל, אַז איך בין דער רעגירונג גאָרניט שולדיק. מיטן פּאַפּירל האָט זי מיר געבראַכט די רייד פון איינעם פון די באַאַמטע פון פינאַנץ־קאָמיסאַריאַט. ער האָט איר געזאָגט מיט שנאה:

— גאָרדין קלייבט זיך אַוועקצופאָרן — אַ גוטער שליטוועגס! ער האָט רואינירט רוסלאַנד, זאָל ער פאָרן רואינירן אַ צווייט לאַנד.

אין אַלע רעגירונגס־אנשטאַלטן האָבן געאַרבעט פאַרביסענע קאָנטררע־וואָלוציאָנערן, עכטע שוואַרצמאַהניקעס.

זי גיט מיר איבער נאָך עפּעס: ער האָט געזאָגט:

— „גאָרדין! ער איז דאָך אַ געפערלעכער שיכור, ער קען אויסטרינקען דעם ים".

דאָס האָט מיך געמאַכט צו טראַכטן: פון וואַנעט האָט זיך גענומען ביי די שוואַרצמאַהניקעס אָט־די טשיקאַווע אויסטראַכטעניש? יעדער בלבול מוז דאָך האָבן עפּעס אַ שטיקל יסוד אין דער ווירקלעכקייט. ווי קום איך צו זיין אַ זויפער, אַז אין יענע יאָרן האָב איך אפילו קיין טיי ניט געטרונקען, ווען קאַפע, ווייַן, בראָנפן איז דאָך אָפּגערעדט. איך פלעג ביים טאַטן צום ערשטן סדר פאַרזוכן פון יוצא־וועגן אַביסל מעד. און דאָס בלויז צום ערשטן סדר. צום צווייטן פלעג איך זיך גיט ווייזן. אויפן טאַטנס פראַגע: פאַרוואָס? האָב איך געענטפערט:

— טאַטע, איינמאָל אַ חכמה!

צוויי מאָל אין מיין לעבן בין איך געווען שיכורלעך. דאָס ערשטע מאָל, איך בין בסך־הכל אַלט געווען אַ יאָר פערצן. געווען איז עס אין אַסטראָוו, לאָמזשער גובערניע. דער פאָטער איז געווען דער מרא־דאתרא. כאָטש אַ פאַרברענטער מתנגד פלעגן די חסידים קומען צו אונדז טאַנצן און זינגען און זיך משמח זיין אין סוכה. עס איז געווען „שמחת בית השואבה", ווען אין בית המקדש פלעגט מען גיסן וואַסער, ווי אַ סגולה פאַר אַ יאָר מיט

געווג רעגן, האָבן די חסידים אין מיר געגאָסן ניט קיין וואַסער, נאָר בראָנפן, איין כוסה נאָך אַ צווייטער. איך בין געווען אומשולדיק און האָב ניט געהאַט קיין השגה וועגן די קאָנסעקווענצן. דערנאָך אַז איך האָב דערפילט דעם ריכטיקן קאַפּווייטיק און דאָס איבלען און ברעכן, וואָס קומט מיט שיכור־זיין, האָב איך זיך פאַרשוואָרן קיינמאָל מער קיין בראָנפן נאָענט צום מויל ניט צוצולאָזן. מיין שבועה־נדר קיינמאָל ניט געבראָכן.

דאָס צווייטע מאָל. אין זעלביקן אַסטראַוו. דאָס מאָל איז עס געווען דער יידישער דאָקטאָר פון שטאָט מיטן נאָמען קליאַטשקאָ. ער איז געקומען און געבראַכט צוויי פלעשער כרמל־ווייַן. איך בין שוין געווען אַ יאָר זעכצן. איך האָב אין מיין אומדערפאַרנקייט ניט געוואוסט, אַז אויך פון ווייַן קען מען ווערן שיכור. דער דאָקטאָר איז צוגעשטאַנען, ער איז געווען ביי אונדז אַ בן־בית, דער פאָטער און די מוטער זיינען כסדר געווען חולאים, האָב איך אויסגעטרונקען איין גלאָז נאָך אַ צווייטן. איך בין ווייטער געווען שיער ניט פאַרביי, אַזוי שלעכט האָב איך זיך געפילט. האָב איך זיך אַ נדר געטאָן צו זיין אַ נזיר. און אַביסל שפּעטער־צו האָב איך אויך טיי אַריינגערעכנט צווישן די פאַרבאָטענע משקאות.

איז פון וואַנעט האָט זיך פאַרט גענומען יענע אויסקלערעניש אין דעם קאָפּ פון יענעם ביוראָקראַט, דעם ווייסן גוואַרדייער?

איז דער ענטפער אַ פשוטער, הגם עס האָט מיר גענומען טעג און טעג נאָכצוטראַכטן, ביז איך האָב אים אויסגעפונען. זיי האָבן מיך געזען אין „הויז פון אַנאַרכיע" מיט אַ גלאָז געזאָטן וואַסער אין האַנט. איך האָב עס אָפט געזופט ווי אַ סגולה פאַר מיינע בויכקראַמפן. ווי אַזוי קען זיך פּאַטופּען אין קאָפּ פון אַ רוסישן ווייסן גוואַרדייער, אַז אַ מענטש, אַ בר־דעת, זאָל טרינקען גאָר וואַסער, ווען מ׳קען טרינקען „וואָדקע"? ביידע האָבן דאָך די זעלביקע ווייסע מראה. האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג צווישן די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן מיך פיינט געהאַט שנאת־מוות און פון וועמען איך פלעג באַקומען פיל דראָאונגס־בריוו, אַז זיי קלייבן זיך מיך פאַרברענען אויף דעם רויטן פּלאַץ („קראַסנאַיאַ פּלאָשטשאַד"), אַז איך בין אַ פּיאַניצע, וואָס הערט קיינמאָל נישט אויף צו גיסן אין זיך ווי אין אַ פאַס...

די אונטערשטע שורה איז געווען, אַז קיין פּאַפּירלעך, סיי פון שטייער־אָפּטיילונג און סיי פון די דאָקטוירים, אַז איך בין אַ חולה מסוכן, האָבן ניט געהאָלפן. עס איז אָנגעקומען אַן אָפּזאָג פון קאָמיסאַריאַט פאַר אויסערלעכע אָנגעלעגנהייטן, אַן אָפּזאָג „לא מיט אַ גרויסן אלף". פאַרשטאַנען האָב איך, און ווער וואָלט עס ניט פאַרשטיין, אַז די טשעקאָ וויל מיך ניט אַרויסלאָזן.

צופיל אַנטוישט בין איך ניט געווען, ווייל איך האָב פאַר דעם געוואוסט, אַז איך וועל מוזן אַנטלויפן, זיך אַריבערכאַפּן איבער דער גרענעץ.

וואָס בלייבט צו טאָן? אָפּציען. אָבער מען דאַרף אויספּרובירן דאָס לעצ־טע מיטל, טאָמער, אפשר, „אולי ירחם".

בין איך אַוועק צו מיין „הייליקן באַשיצער און באַשירמער", צו קאַ־מעניעוון, אין מאָסקווער סאָוויעט.

איך בין אַרויסגעפּאָרן מיט אָט דער שפּראַך:

— איר פאַרשטייט גאַנץ גוט, אַז איך בין ניט קיין רוסישער פּאַטריאָט. איך בין אַ רעוואָלוציאָנער; צו לענדער בין איך גלייכגילטיק. ווען אין יאַפּאַן שאַפט זיך אַ רעוואָלוציאָנערע סיטואַציע, וואָלט איך דאָרט געאַרבעט מיט דעם זעלביקן ברען און מסירת־נפש, ווי אין רוסלאַנד.

דאָ האָב איך מער ניט וואָס צו טאָן. די רעוואָלוציע איז אַוועק אין אַ ריכטונג, וואָס איז מיר ניט צום האַרצן. צו קעמפן קעגן אייך מיט דינאַמיט און באָמבעס — האַלט איך, אַז מע טאָר ניט; די ריזיקע איז צו גרויס; די ווייסע גוואַרדייער קענען נאָך קומען צוריק. מיטאַרבעטן מיט אייך — קען איך ניט, עס איז קעגן מיינע פּרינציפּן. אונטער אַזעלכע אומשטענדן איז דאָס בעסטע פאַר מיר צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד. וואָלט איר וועלן קריגן אַ דערלויבעניש אַרויסצופאָרן.

— וואָס וועט איר טאָן אין אויסלאַנד? ווי וועט איר זיך דורכשלאָגן עקאָנאָמיש? — פרעגט ער מיך פּאָטערלעך פאַרזאָרגט.

ענטפער איך אים שפּאַסנדיק:

— וואָס איך וועל טאָן? איך וועל דערציילן מעשיות וועגן אייך.

קאַמעניעוו לאַכט און איך לאַך מיט אים.

— זיכער באַגרייפט איר די לאַגע בעסער פון אונדז; איר דרינגט זי בעסער אַדורך. מיר טוען און איר שטייט און באַאָבאַכט אונדז. מיר קענען זיך ניט באַאָבאַכטן און קריטיקירן. מיר זענען פאַרנומען מיט טאָן זאַכן. זייט ניט אַזוי נעגאַטיוו געשטימט. נעמט אין באַטראַכט די שוועריקייטן, וואָס מיר האָבן: אַ נידעריקער ניוואָ פון קולטור, אַ נידעריקער ניוואָ פון אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג, און אַזאַ צאַלרייכער פּויערטום.

— איך בין געקומען ניט קריטיקירן אָדער טעאָרעטיזירן. איך בין געקומען פרעגן: וועט איר מיר דערלויבן אַרויספאָרן פון לאַנד?

— ניין!

— איז עס קאַטעגאָריש?

— קאַטעגאָריש.

— ליעוו באָריסאָוויטש, קומט, לאָמירביידע אַנטלויפן!

קאַמעניעוו שטעלט אויף מיר אָן זיינע גרויסע קלוגע אויגן. ער איז פאַרבליפט. ער איז דעמאָלט געשטאַנען אין שפּיץ פון דער רעגירונג. ער איז געווען דער פאָרזיצער פון מאָסקווער סאָוויעט, דער פאָרזיצער פון סט״א (ראשי־תיבות פון סאָוויעט פון אַרבעט און שוץ) און פאַרנומען צענדליקער אַנדערע אַמטן, און איך מאַך אים אַ פאָרשלאַג, אַז ער, דער שעף פון דער רעגירונג, זאָל צוזאַמען מיט מיר, — וואָס איז דאָ שיער ניט אויף הפקר, ווען ער שטעלט זיך פאַר מיר ניט איין פון צייט צו צייט, — אַפּציען.

איך דערקלער אים:

— אויב מיר וועלן ביידע אַנטלויפן, וועלן מיר זיך באַגעגענען אין אויסלאַנד ווי צוויי גוטע פריינט; אויב מיר וועלן ביידע בלייבן, וועלן מיר זיך באַגעגענען אָדער פאַרשיקטע אין סיביר אָדער אויף דער תליה.

— אבא לוואָוויטש, — שרייט קאַמעניעוו, — איר ווילצט זיך צו וואָס? (ווי שוטיטיע טשטאָ־לי?).

— ניין, איך מיין עס ערנסט.

איך בין אַרויס פון זיין קאַבינעט. איך האָב אים מער ניט געזען.

עס זיינען אַוועק דרייצן יאָר ביז מיין שלעכטע נבואה איז מקוים געוואָרן. ער איז ניט אַנטלאָפן — און ער איז אומגעקומען.

ווער ווייסט, צי אין די לעצטע שעהן פאַרן דערשאָסן ווערן האָט ער זיך ניט דערמאָנט מיין וואָרענונג־פאַרויסזאָגונג. וואָס האָט אַרויסגעקוועלט פון אַ טיפער פאַרויסשפּירונג, אַז ער איז ניט דער מענטש, וואָס וועט דאָ לאַנג האָבן אַ תקומה...

XXXVI

דאָס טראַגישע און דאָס קאָמישע

צום פאַרשנעלערן דאָס אָפּפאָרן פון מאָסקווע און אַנטלויפן פון סאָוויעטרוסלאַנד האָבן געטריבן טראַגישע ווי אויך קאָמישע געשעענישן.

קודם־כל האָט מען געדאַרפט זען, אַז די טשעקאַ זאָל ניט דערשנאַפּן אַז איך אין מיין קראַנקן צושטאַנד קלייב זיך צו מאַכן אַ „ויברח״. כדי צו פאַרבלענדן די אויגן פון די עטלעכע אַגענטן, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט נאָכשפּיאָנירן מיך, האָב איך פאַרגעזעצט מיין איינקויפן ביכער, ביכער אויף ביכער, פאַר מיין ביבליאָטעק. קויפן פלעג איך זיי אויף אַ היפּשן פאַרנעם. אַוועקפירן פון די פּריוואַטע בוכגעשעפטן, וואָס האָבן נאָך געזשיפעט, אַ פולן שליטן מיט ביכער, ווי להבדיל, האָלץ, צו זיך אויף דער ענגער דירה, וואָס איז באמת באַשטאַנען פון איין צימער. דעם איבערפלוס פון די ביכער פלעג איך אָפּלייגן אין מיינעם אַ גאַר גרויסן שראַנק, וואָס איז געשטאַנען אין קאָרידאָר ביים אַריינגאַנג און אויך אין שאַפעס, וואָס איך האָב געהאַלטן פאַרשלאָסענע אין אונדזער קלוב. מיין שראַנק איז געווען שוין איינמאָל אַ בקי אין פילאָזאָפיע. ער איז געווען אָנגעפאַקט מיט די ווערק פון די גרעסטע דענקער, אַריינגערעכנט די גריכישע קלאַסיקער אין די אָריגינאַלן מיט זייערע לאַטיינישע איבערזעצונגען. אין יענע יאָרן האָב איך געלייענט גריכיש און לאַטיין אָן שוועריקייטן.

דערווייל האָט די טשעקאַ אַרעסטירט חבר טעריאָכין, אַ סטודענט פון דער אַגריקולטורעלער אַקאַדעמיע, אַ שוואָגער פון זיבען. זיין חטא איז געווען שווער אויסצוגעפינען. יעדנפאַלס איז ער ניט אַרעסטירט געוואָרן פאַר זיין אויספּילן די פונקציעס פון „קאָמענדאַנט״ פון אונדזער קלוב. זיין אַמט איז סיי ווי געווען אַ האַלב פוסטער טיטל. ווייל די פּאַקטישע פּאַרוואַלטערן איז געווען זיבע. מע האָט אים אַרעסטירט פאַר אַרויסזאָגן אין אַן ענגער מסיבה פון סטודענטן זיין מיינונג וועגן דער פויערים־פּראַגע, אין אָפּנייג פון דער באַשטימטער סאָוויעטישער ליניע.

מע האָט אים פאַרשיקט אין גאָר ווייטן צפון, אין קאַלטע מקומות, וואָס זענען נאָך דערצו געווען פינצטער אויך. זעקס חדשים חושך. זיין יונג ווייבל וואַליע איז פריייוויליק אַוועקגעפאָרן צו אים צו טיילן זיין חושכדיקן שיקזאַל. איך בין זיך משער, אַז אַן אַמעריקאַנער ווייבל וואָלט עס ניט געטאָן.

זיין פּלאַץ אין אונדזער קלוב האָט פאַרנומען חבר דמיטרי בורוכין.

בורוכין איז געווען אַ בעקער. אַ שטילער, וואוילער מענטש, זייער אַן ערנסטער און פּרינציפּיעל אויסגעהאַלטענער.

אים האָט די טשעקאַ אַרעסטירט און געהאַלטן אין ליוביאַנקע. אין וואָס איז באַשטאַנען זיין פאַרברעכן? אַט אין וואָס: מיר האָבן געהאַלטן, אַז אונדזער קלוב האָט „עקסטראַטעריטאָריעל רעכט״. מיט אַנדערע ווערטער: אונדזער קלוב געפינט זיך יורידיש אין „אַנאַרכיע־לאַנד״. דאָס אייגענע גייט אויך פאַר אונדז, די „אינטעראינדיווידואַליסטן״. מיר באַגייען ניט קיינע פאַרברעכנס קעגן דער סאָוויעטנמאַכט אָבער מיר זיינען ניט אונטערגעוואָרפן אונטער איר יוריסדיקציע. דהיינו עס זענען פאַרגעקומען לעקציעס אין קלוב. אויך פאָרשטעלונגען, דעקלאַמאַציעס. בכלל האָט מען אין מאָסקווע ניט געטאָרט האַלטן קיין פאַרטראַגן אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש, וואָס איז ערשט געגעבן געוואָרן נאָכדעם ווי דער פאַרטראַג איז דורכגעגאַנגען דורך דער צענזור און די צענזור האָט ניט געפונען אין אים קיין שמץ פסול. פון אַלע באַצאָלטע לעקציעס אָדער פאָרשטעלונגען האָט די רעגירונג אויפגעמאָנט אַ באַשטימטן שטייער פּראָפּאָרציאָנעל צום איינטריט־געלט און צו דער איינגאַמע ביי דער קאַסע. לכן האָט געמוזט געפירט ווערן אַ גענויע בוכהאַלטעריע. און די ביכער פלעגן אונטערזוכט ווערן.

פאַרזאַמלונגען האָבן ניט געטאָרט פאַרקומען אָן ספּעציעלע דערלויבענישן.

אַט־די אַלע פאַראָרדענונגען און געזעצן האָבן מיר אינגאַנצן איגנאָרירט. ניט בלויז איך האָב געהאַלטן פאַרטראַגן אָן אַ דערלויבעניש, אויך זינע האָט זיך עס דערלויבט צו טאָן און אויך אַלעקסאַנדער סטרואווע, סיי בנוגע לעקציעס און סיי בנוגע פאָרשטעלונגען און קאָנצערטן.

איינמאָל איז געקומען אַ קאָלעקטאָר קאָנטראָליער פון פינאַנצקאָמיסאַריאַט פון שטייער־אָפּטיילונג און ער איז צוגעשטאַנען צום „קאָמענדאַנט״ פון קלוב וועגן דעם שטייער, וואָס מיר דאַרפן, לויט זיינע השגות, צאָלן פון יעדער לעקציע, קאָנצערט א.א.וו. און האָט פאַרלאַנגט, ער זאָל ווייזן די בוכהאַלטעריע־ביכער, וועלכע מיר האָבן ניט געפירט. עס איז געווען אין אָוונט. איך בין פונקט אָנגעקומען אויף אָט דעם „ניעזשנעם ראַזגאָוואָר״; האָב איך אָט־דעם ביוראָקראַטל פראָסט און פשוט אַרויסגעטריבן און אים אָנגעזאָגט מיטן האַרבן וואָרט, אַז ער זאָל ניט וואָגן אַריבערטרעטן די שוועל פון אונדזער קלוב, ווייל אָט־דאָס הויז שטייט אויסער דער סאָוויעטישער סאָציאַליסטישער רעפּובליק.

אַזוי האָבן מיר געדענקט און אַזוי האָבן מיר זיך געפירט, און אונדזער „עקסטראַטעריטאָריעל״ רעכט איז אָנדערקענט געוואָרן דע פּאַקטאָ.

אונדזער „קאָמענדאַנט" דמיטרי בורוכין האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק געדינט געטריי און בראַוו, מיט אויסצייכענונגען, אין דער רויטער אַרמיי. ער האָט זיך געשלאָגן קעגן די ווייסע גוואַרדייער פון גענעראַל דעניקינס אַרמיי און פון אַנדערע קאָזאַקישע גענעראַלן. ער איז געווען אַן איבערצייגטער אַנאַר־כיסט־אוניווערסאַליסט־אינטעראינדיווידואַליסט. ער האָט אַפילו פאַרפאַסט אַן „עמך"־לידל־אויפרוף „צום אָרגאַניזירטן"; עס איז געווען פאַרעפנטלעכט אין אונדזער זשורנאַל אין אַפּריל־נומער פון 1921.

ער האָט געהאַלטן, ווי מיר אַלע, אַז די געביידע, וואו אונדזער קלוב גע־פינט זיך, איז אונדזערע און ווען די קאָמוניסטן האָבן אַרויפגעקלעפּט ערב דער פייערונג פון גרויסן אָקטאָבער־יום־טוב זייערן אַ פּלאַקאַט מיט די שרייענדיקע לאָזונגען אויף דער דרויסנדיקער וואַנט פון אונדזער קלוב, איז ער אַרויס און האָט דעמאָנסטראַטיוו אַראָפּגעריסן דעם פּלאַקאַט און אָפּגע־וואַשן מיט וואַסער און זייף די רעשטלעך פון דער טומאה.

פאַר אָט־דעם חטא האָט מען אים אַרעסטירט. זייער מעגלעך, אַז די כוונה פון אַרעסט איז געווען, אַזוי האָב איך דעמאָלט געטראַכט, אַז איך זאָל קומען זיך משתדל זיין און זיך פאַרענטפערן פאַרן חבר. דאָס קומען מיט אַ שתדלנות גיט דאָך דער טשעקאַ די מעגלעכקייט אויף אַן איידעלן אופן אַ טאַפּ צו טאָן ביי אייך אין אידעאָלאָגישן וואַגן, זען וואו מ'האַלט מיט אייך.

מיר איז דער ענין שתדלנות שוין געקראָכן פון האַלדז. ביי די באָלשע־וויקעס וואַקסט דער אַפּעטיט מיטן עסן. אַן אַפּרייד איז קיין אָפּרייד ניט, אַן אָפּמאַך איז קיין אָפּמאַך ניט, דאָס באַזיצט וואַלידיטעט פאַר אַ קורצער צייט און שפּעטער אַביסל דאַרפט איר איינגיין אויף נייע ווייטער־גייענדיקע קאָנ־צעסיעס, זיך נייגן און בייגן אַלץ מער צו זייער זייט (מע דאַרף האַלטן אין זינען דאָס יאָר 1924. שפּעטער האָט זיך אַלץ געביטן אַזוי דראַסטיש אויף ערגער, אַז אונדזערע רייד קעגן קלינגען נאַאיוו). איך האָב אָבער גע־וואוסט, אַז ווייטער וועל איך ניט מאַכן קיין איין טראָט. איך האָב גלייך נאָכגעגעבן גאָר אַ סך. ווען אין אונדזערע אַמפּערענישן האָט אַסקאַראָוו מיר עטלעכע מאָל געזאָגט, אַז איך גיב צופיל נאָך; אַז אונדזער לעגאַליזאַציע האָט מען געקענט קריגן, לויט זיין פאַרשטיין נאָך, פאַר אַ ביליקערן פּרייז. האָב איך אים געענטפערט, אַז איך האָב פיינט זיך צו דינגען איבערן מקח. דאָס איז מיין פּאָזיציע; פון דעם פּלאַץ וועל איך זיך ניט רירן. איך גיב דעם מאַקסימום.

אַצינד איז מיר געווען שטאַרק דערווידער זיך גיין אויסטענהן מיט דזשערדזשינסקין און אויספועלן ביי אים די באַפרייאונג פון אונדזער חבר בורוכין. איך האָב געטראַכט: זיי ווייסן, אַז ער איז אַן אַרבעטער; זיי ווייסן אַז ער איז געווען אַ רויטאַרמייער, וועלן זיי אים האַלטן אַ חודש און אים אַרויסלאָזן אָן מיין משתדל־זיין זיך. וואָרעם זיין זינד איז גאָרניט קיין אומ־פאַרגעבלעכע. איך האָב אַלץ געוואַרט, אַז מע זאָל אים באַפרייען. איך האָב ניט אויסגערעכנט, אַז מיין ניט קומען בעטן באַפרייען אַ חבר וועט אויסזען זייער פאַרדעכטיק.

עס איז אַנהייב 1925. עס קומט צו מיר בורוכינס ווייבל, אַ פּשוטע האַרציקע רוסישע פרוי און גיט מיר איבער, אַז מע האָט בורוכינען אָפּגעפירט פון בוטירקע אויפן וואָקזאַל און מע גייט אים פאַרשיקן אין סיביר. זי האָט זיך אָפּגעגאָסן מיט זודיקע טרערן.

— אַזוי גאָר? — איך בין געוועזן אויסער זיך.

איך האָב איר געזאָגט, אַז איך גיי גלייך זען דזשערדזשינסקין.

איך מוז ווערן צוריק אַ שתדלן, ווי אומאַנגענעם די זאַך איז מיר ניט געווען.

איך בין אַוועק אויף ליוביאַנקע נומער 13. צוגעגאַנגען צו איינעם פון די פענצטערלעך, גיב איך אַ זאָג אין פענצטערל אַריין, דער זאָג איז געווען געמיינט פאַר דער באַשעפעניש, וואָס איז דאָרט געזעסן, האַלב־מענטש, גאַנצע חיה־רעה.

— איך וויל זען דעם פאָרזיצער פון דער טשעקאַ.

— פון מאָסקווער?

— פון דער אַלרוסלענדישער.

— ווי איז זיין נאָמען?

— איך דענק, אַז עס איז פעליקס עדמונדאָוויטש דזשערדזשינסקי.

— אייערע פּאַפּירן!

— פּאַפּירן?! איך האָב ניט קיין פּאַפּירן, מיין נאָמען איז גאָרדין.

ווי נאָר איך האָב געזאָגט, אַז איך בין פּאַפּירנלאָז, אַזוי האָט אָט־דער נפש אַ קלונג געטאָן. פון קאָמענדאַנטור איז אַרויסגעלאָפן אַ צעקאָכטער דער קאָמענדאַנט, נאָך אים אַ כאָפּטע באַוואָפנטע טשעקיסטן פון די „ספּעציעלע מיליטערישע אָפּטיילונגען". זיי האָבן מיך אַרומגערינגלט, מיך אַריינגענומען אין אַ באַזונדער צימער און מיך באַטאַפּט, געזוכט געווער.

אין די ערשטע יאָרן נאָך דער אָקטאָבער־איבערקערעניש זיינען די מערסטע פון די אַגענטן ווי אויך דער קאָמענדאַנט אַליין געווען ווערבירט פון אַרבעטער אויף די פאַבריקן. און ס'רוב זיינען זיי געווען מיינע רעוואָלוציאָנערע כאַוואַניקעס. איך האָב זיי געמאַכט פאַר באַוואוסטזיניקע קעמפער. דערנאָך האָבן זיי זיך אַנגעשלאָסן אָן די באָלשעוויקעס, אַזוי אַז ווען איך פלעג קומען אין טשעקאַ האָבן אַ גרויסער טייל פון די אַגענטן אַזוי אויך אין אַנדערע סאָוויעטישע אַנשטאַלטן, מיך געקענט פערזענלעך, און ניט אַנגעבנדיק מיין נאָמען האָבן זיי געוואוסט, ווער איך בין. אַצינד האָבן זיך די קאַדרען געביטן. דערצו האָב איך זיך שוין לאַנג ניט באַוויזן אין טשעקאַ. די אַגענטן — נייע מענטשן.

דער קאָמענדאַנט האָט געמיינט, אַז ער האָט געכאַפּט דעם ריכטיקן העכט. ער קאָכט זיך און היצט זיך.

איך שטיי קאַלטבלוטיק און רעד צו אים:

— מאַכט ניט קיין טומל! פאָלגט מיר און רופט אָפּ דזשערדזשינסקין און זאָגט אים אַז גאָרדין וויל אים זען. ער ווייסט ווער איך בין. און איר וועט זען, וואָס ער וועט ענטפערן.

עס האָט מיר גענומען אַ רעכט ביסל רייד ביז איך האָב אים באַווירקט עס צו טאָן.

ער האָט אָנגעקלונגען. דזשערדזשינסקיס סעקרעטאַר האָט געענטפערט, אַז דזשערדזשינסקי וועט שוין היינט ניט זיין. ער איז געווען און איז אַוועק. ער וועט זיין מאָנטיק. זאָל איך קומען מאָנטיק אינדערפרי, וועט ער מיך אויפנעמען.

דער קאָמענדאַנט שטייט ווי אַן אָפּגעשמיסענער. האָב איך דאָך אים ניט געענטפערט; און אָט־דער „זשידאָק", וואָס גייט אַזוי אָרעם געקליידט און הינקט נאָך דערצו און האָט ניט קיין פאַפּירן צו ווייזן, איז אַזאַ „פּראָמינענץ", אַז ער קען איינס־און־צוויי אָנקומען צו דזשערדזשינסקין, וואָס אין זיינע אויגן איז ער געווען שיער ניט אַ גאָט. איז דאָך טאַקע אַ שרעק, פּחד פּחדים... פאַר זיין שלעכטן באַהאַנדלען מיך זאָל ער אַמאָל גאַרניט כאַפּן אַ מיאוסן פּסק... ווער ווייסט? ווער ווייסט?!

ער האָט זיך אַנטשולדיקט, וואָס ער האָט מיך ניט געקענט און האָט ניט געוואוסט ווער איך בין.

איך טראַכט: דזשערדזשינסקי איז יאָ פאַראַן אויבן, נאָר ער וויל מיך ניט זען, ווייל ער ווייסט דאָך, נאָך וואָס איך בין געקומען. מיר אָפּזאָגן די בקשה וועט אים ניט פּאַסן, וויל ער מיך שטעלן פאַר אַ פאַרענדיקטן פאַקט. ביז מאָנטיק וועט בורוכין שוין זיין ווייט אָפּגעפירן און ברענגען צוריק — איז אַ גאַנצער ענין. עס וועט זיין אַ „בדיעבד", אַ פּאָסט־פאַקטום — און פאַרפאַלן.

בין איך אין אַ פאַרלעגנהייט. וואָס זאָל איך טאָן? פאַלט מיר איין: איך וועל צופאָרן אין צ.ק. נאָך אַלעמען, בורוכין איז אַן אַרבעטער, אַ געוועזענער רוימאַרמייער; קיין פאַרברעכן קעגן די סאָוויעטן איז ער ניט באַגאַנגען. בלויז אַ טאַקטלאָזיקייט. צו דעמאָנסטראַטיוו און אַרויספאָדערנדיק אַראָפּגעריסן אַ פּלאַקאַט, דאַרף מען אים דערפאַר פאַרשיקן?!

איך האָב מורא איך וועל פאַרשפּעטיקן און קיינעם ניט געפינען. קריג איך אַן איזוואָזטשיק און הייס אים ניט שאָנעווען דאָס פערדל.

איך לויף אַריין אַ פאַרסאָפּעטער אין צ.ק. די אייגענע מעשה. עס איז פריייטיק. די פולע „פּני" זענען ניטאָ. זיי וועלן ערשט זיין מאָנטיק. און די האַלבע „פּני" האָבן ניט גענוג אויטאָריטעט מיר צו העלפן ראַטעווען אַן אומשולדיקן קרבן, ווען ער איז אומשולדיק, ווי איך פאַרזיכער זיי.

איך שטיי אין פאַרצווייפלונג, קומט צו מיר צו טאָוואַרישטש יאַראָסלאַווסקי און צעטענהט זיך מיט מיר וועגן אַנאַרכיזם. ער טענהט צו מיר:

— טאָוואַרישטש גאָרדין, פאַרוואָס זייט איר אַזוי קעגן אונדז? מיר זיינען דאָך באמת אויך באַקונינינסטן, ניט בלויז מאַרקסיסטן.

מיר שמועסן אַ ווײַלע וועגן טעאָרעטישע ענינים. דערנאָך האָב איך אים געזאָגט נאָך וואָס איך בין געקומען. איז די זעלביקע מעשה: מאָנטיק וועט מען קענען עפּעס טאָן. אין אַזאַ צייט, אונטער אַזעלכע אומשטענדן מוזן מיספאַרשטענדענישן פאָרקומען. קיינער איז ניטאָ. מע מוז צוואַרטן ביז מאָנטיק.

איך האָב געטראַכט: זיי פאַררייִדן מיר די ציין. איך באַשליס: נאָך היינט נעם איך מיינע כתבים און אַנטלויף.

איך קום צוריק אין מיין צימער אַ צעבראָכענער: איך האָב גאָרניט געקענט אויפטאָן. בורוכינס ווייבל האָט געוואַרט ביז איך בין צוריקגעקומען. זי איז, נעבעך, אַוועק מיט אַ צעבראָכן האַרץ און פאַרוויינטע אויגן.

דאָס איז דאָס טראַגישע.

איצטער קומט דאָס קאָמישע.

מע קלאַפּט אין קיכטיר. איך גיי און עפן. אַ מיליציאַנט. וואָס איז? ער דערלאַנגט מיר אַ שטיקל פּאַפּיר. איך לייען איבער און צעלאַך זיך.

איך האָב באַדאַרפט באַצאָלן דריי רובל, האָב איך ניט באַצאָלט, גיט ער מיר אַ פּאָוויעסטקע, אַן אויפפאָדערונג צו קומען אין געריכט.

— איר האָט געהאַט אַ ברירה. איר האָט געקענט באַצאָלן דריי רובל — און פאַרטיק.

— איך האָב ניט געוואָלט באַצאָלן, ווייל עס קומט זיי פון מיר בלויז זיבן קאָפּיקעס.

— וועט דער געריכט אייך שטראָפירן אויף גאַנצע פינפאונצוואַנציק רובל...

— איך וועל ניט צאָלן!, — און איך לאָך זיך פונאַנדער, — זאָלן זיי שטראָפירן! זיי וועלן עס קיינמאָל ניט אויפמאָנען.

— עס איז ניט מיין זאַך, טוט ווי איר פאַרשטייט.

דער מיליציאַנט איז אַוועק.

וואָס איז עס פאַר אַ „פּאָוויעסטקע“, וואָס איז עס פאַר אַ שטרוי, וואָס אים איז עס באַשערט צו צעברעכן דעם רוקן פון קעמל?

די מעשה איז אַזאַ: איך פאָר אין טראַמוויי. עס איז אַרויס אַ נייע פאַראָרדענונג וועגן איבערבייטן די זאַנעס. מיט איין בילעט האָט מען מער ניט געקענט פאָרן די לאַנגע שטרעקע, וואָס איך בין געוועזן געוואוינט צו פאָרן. עס האָט זיך געפאָדערט אַ צולייגבילעט. און טאָמער איז אַ פּאַסאַזשיר געפאָרן און ניט געקויפט דעם צולייגבילעט און מע פּאַקט אים, דאַרף ער באַצאָלן אַ שטראָף. איך האָב פון די נייע אויפטואונגען ניט געוואוסט. איך זיץ אין טראַמוויי, זיכער מיט מיין בילעט, וואָס איז בכוח מיך צו דערפירן ביז צו מיין געסל. פאַרטראַכטערהייט וויקל איך צענויף מיין בילעט אַזוי אַז עס ווערט פון אים אַ קייקעלע, אַ מין שרעטל. וועגן וואָס צו טראַכטן האָב איך געהאַט די והותר. קיין זאָרגן האָבן ניט געפעלט. ערשט עס קומט אַריין אַ קאָנטראָליער. ער גייט דורך דעם גאַנצן וואַגאָן, ער קומט צו צו מיר, בעט איך זאָל וויַיזן מיין בילעט. איך גיב אים דאָס צענויפגעקייקלטע שטיקל פּאַפּיר. ער וויקלט עס זאָרגפעלטיק פונאַנדער, לייענט עס איבער און זאָגט מיר, אַז איך בין אַריבערגעפאָרן אַ זאָנע. לכתחילה פאַרשטיי איך ניט, וואָס ער רעדט. און אַז ער דערקלערט מיר דעם ענין, פרעג איך אים:

— פונוואַנעט זאָל איך, פּאַסאַזשיר, וויסן וועגן די זאָנעס. דאָס דאַרף

זיין די עובדה פון קאָנדוקטאָר און בילעט־פּאַרקויפער צו פאָדערן פון מיר אַ צוגאָבבילעט און נעמען אַ צוגאָבאָפּצאָל.

ניין, ער איז מיט מיר ניט מסכים; איך דאַרף יאָ וויסן די זאַנעס.

ווער איך נייגעריק און פרעג אים:

— ילמדנו רבינו, אַז איך בין איבערגעפאָרן די זאָנע איז וואָס?

— דאַרפט איר באַצאָלן שטראָף.

— וויפל באַטרעף די שטראָף?

— פופצן קאָפּיקעס.

— אַזוי גאָר? איך בין ניט שולדיק און איך גיי ניט צאָלן קיין שטראָף.

— אַז איר וועט ניט צאָלן, וועל איך רופן אַ מיליציאָנער.

ער פוילט זיך ניט. ער שטעלט אָפּ דעם טראַמוויי, ער גיט אַ שאַרפן פייף. אַ מיליציאָנער קומט צו.

ער הייסט מיר אַראָפּגיין פון וואַגאָן.

איך פאָלג און פרעג:

— וואָס ווילט איר פון מיר?

— איר דאַרפט באַצאָלן פינפאונצוואַנציק קאָפּיקעס.

— פאַרוואָס?

— דערפאַר, וואָס איר האָט ניט געוואָלט באַצאָלן דעם קאָנטראָליער פופצן קאָפּיקעס.

— און אַז איך וועל איצט ווייטער ניט צאָלן?

— וועט מען אייך נעמען אין מיליציע־באַצירק.

— און דאָרט וואָס וועט זיין? — איך בין פשוט געווען נייגעריק.

— מע וועט אָנשרייבן אַ פּראָטאָקאָל.

— דאָס אַלץ? ווער וועט שרייבן?

— דער קאָמיסאַר און ער וועט פאָדערן אַ רובל.

און ער האָט מיך אָפּגעפירט אין אוטשאַסטאָק.

דער מיליציע־קאָמיסאַר האָט מיך אויסגעפרעגט וועגן מיין פאָרן און איבערפאָרן די זאָנע און מיין ניט וועלן צאָלן דאָס קנס־געלט.

איך האָב אים איבערגעגעבן די גרויסע געשעעניש מיט אַלע איינצלהייטן.

ער האָט זיך געזעצט שרייבן. קיין ספרא רבא איז ער ניט געווען, ניט קיין גאָרקי און ניט קיין טשעכאָוו. און איך האָב אים אָנגעדיקטירט אַ פּראָטאָקאָל „ממצרים ועד הנה ושם נאמר". איך האָב אָנגעהייבן אים דערציילן וועגן מיין „טאָג־אַרבעט", וואו איך בין געווען, אין וועלכן בוכגעשעפט, וואָס פאַר אַ בוך איך האָב געקויפט, געגעבן אים אַ קורצן איבערבליק, און וואוהין איך בין געפאָרן צוריקוועגס און אויך וועגן וואָס איך האָב זיך פאַרטראַכט און ניט אַרויסגעשטיגן וואו איך האָב באַדאַרפט, וואו אייגנטלעך איך וואוין. און אַזוי ווי איך האַלט אַז איך בין ניט שולדיק, האָב איך ניט געוואָלט באַצאָלן קיין שטראָפגעלט.

דער קאָמיסאַר האָט געשריבן און געשוויצט. ער האָט זיך ניט געכאַפּט, אַז די גאַנצע זאַך איז קאָמיש.

אז ער האָט דערגרייכט דעם אויסשעפּונג־פּונקט, האָט ער זיך אָפּגע־שטעלט, אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן, אַוועקגעלייגט די פען, מיט וועלכער ער האָט געפּראַצעוועט, ווי זי וואָלט געווען אַ שווערער האַמער.

— עס איז גענוג צו שרייבן.

— אַז איר זייט אויסגעמאַטערט, איז שרייבט ניט מער, עס וועט קלעקן דאָס, וואָס איר האָט אָנגעשריבן. נאָך אַלעמען, וועגן וואָס האַנדלט זיך עס? וועגן אַ צולייגבילעט, וואָס באַטרעפט זיבן קאָפּיקעס.

איך הייב זיך אויף און וויל אַוועקגיין.

רופט ער זיך אָפּ צו מיר:

— בירגער, איר דאַרפט באַצאָלן אַ רובל.

— און אַז איך וועל אים ניט צאָלן?

— וועט מען אייך אָנקלאָגן אין געריכט.

— און דעמאָלט?

— דעמאָלט וועט איר באַשטראָפט ווערן אויף גאַנצע פינפאונצוואַנ־ציק רובל.

— גאָר אַזוי?! — און איך בין אַוועק.

צוויי וואָכן שפּעטער איז געקומען דער מיליציאָנער מאָנען די דריי רובל און איך האָב זיך אָפּגעזאָגט צו צאָלן. און היינט האָט מען עס מיר דערלאַנגט די אויפפאָדערונג צו קומען אין געריכט.

איצטער קומט ווידער דאָס טראַגישע.

איך האָב געוואוינט אין דער „דוקאַט־קאָמונע". „דוקאַט" איז געווען אַ טאַבאַק־פאַבריק און דאָס הויז איז אָפּגעגעבן אין רשות פון די אַרבעטער פון יענער פאַבריק. האָט מען אויסגעקליבן אַ „הויז־קאָמיטעט" פון די פּאָר קאָ־מוניסטן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין הויז דורך דעם מעטאָד פון „קאָמפּאַק־טירונג" אָדער אָנשטאָפּונג. דער קאָמיטעט האָט אויסגעקליבן אַ פּאַרזיצער און ער האָט גענומען באַלעבאַטעווען איבער די איינוואוינער.

איך האָב זיך אַהין געהאַט אַריינגעצויגן נאָך איידער עס איז געוואָרן אַ „קאָמונע" און געבליבן דאָרט וואוינען אומגעשטערט. בלויז פון צייט צו צייט פלעגט מען קומען מעסטן מיין צימער, אויסגעפינען, צי ער איז ניט צו גערױמיק פאַר איין פּערזאָן. דאָס מעסטן האָט געגעבן די פּאַרשטעלטע טשע־קאַ־אַגענטן אַ מעגלעכקייט גוט צו באַקוקן, וואָס עס געפינט זיך ביי מיר אין צימער. דירה־געלט האָב איך געצאָלט בלויז פינף רובל אַ חודש. נעמענ־דיק אין אָנבאַטראַכט די אינפלאַציע, האָט עס געמיינט אַז בסך־הכל צאָל איך ווייניקער ווי פינף קאָפּיקעס. די רעגלען פון הויז זיינען געווען שטרענ־גע. קיינער האָט ביי קיינעם ניט געטאָרט בלייבן נעכטיקן אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש פון פּאַרזיצער פון הויזקאָמיטעט און פון דער מיליציע. אַפילו זיך פּאַרזיצן שפּעט פאַר אַ באַזוכער איז געווען שטרענג פאַרבאָטן.

אין הויז זיינען געבליבן וואוינען מיינע פריערדיקע באַלעבאַטים. לכת־חלילה האָב איך עס געהאַט געדונגען ביי זיי אַ צימער. די באַלעבאָסטע איז גע־שטאָרבן פון טיפוס. איז געבליבן דער מאַן מיט אַ בנאַק און אַ גאָר יונג

טעכטערל.ביידע, טאַטע און זון, זיינען געווען הויך און שטאַרק ווי עכטע דעמבעס. גאַנץ אָפּט, גאָר פאַרפרי, פלעגט אויסברעכן אַ קריגעריי צווישן זון און טאַטן. דער טאַטע איז געווען אַ גבר אַביסל איבער די מיטעלע יאָרן. אָבער דער זון איז אויך ניט געווען קיין חלש. געראָטן אין טאַטן, „ברא כרעיה דאבוהו״, הן אין שטאַטור און הן אין גבורה. די קריגעריי פלעגט אַריבער אין אַ געשלעג. מע האָט זיך געשלאָגן כמו שנאמר, ממש געממיתט, געקאַלערט זיך אויפן דיל אין היץ פון געפעכט, און אַז זיי האָבן זיך קעגנ־זייטיק גוט אָנגעבראָכן די ביינער, פלעגט דער זון, אויפהייבנדיק זיך פון דיל, פרעגן דעם טאַטן:

— און, דו, פאַרוואָס האָסטו מיך געשלאָגן?

פלעגט דער טאַטע, אויפהייבנדיק זיך פון דיל און אָפּשטויבנדיק די בגדים, ענטפערן מיט אַ פראַגע:

— און, דו, פאַרוואָס האָסטו מיך געזידלט?

ביידע פראַגעס פלעגן בלייבן אומפאַרענטפערט. פלעגט דער טאַטע, מיטן זון אין באַגלייט, אַוועקגיין צו אַ פריער מעסע אין דער קאַפּליצע, וואָס איז געשטאַנען אויפן ראָג געסל. ביידע פרומע רעכטגלויביקע. דער טאַטע איז געווען דער גבאי פון דער חנעוודיקער ווינקלדיקער צערקוועלע. אַזוי פלעגט ווערן שטיל ביי אונדז ביז אַ צווייטן אויפברויז, וואָס האָט געהאַט אַלס פאַלגע דאָס געשלעג, וועלכעס פלעגט זיך ענדיקן מיט די צוויי אומגעענטפערטע פראַגעס און מיט אַ תפילה אין דער קאַפּליצע. אַזוי, אַז דידאָזיקע אוממאָטיווירטע צוזאַמענשטויסן זיינען געוואָרן אַ טייל פון דער לעבנס־רוטין. צוקוקנדיק זיך צו זיי, האָב איך געטראַכט:

אַזוי קומען פאַר מלחמות. גאָכן קריג, אַז די ווילדע יוכע שטילט זיך איין, ווייסן ניט די קריגער צוליב וואָס זיי האָבן זיך געשלאָגן.

אין הויז האָט זיך אויך געפונען אַ באָבע, ד. ה. דער פאַרשטאָרבענער פרויס מוטער. זי איז געווען אַן איבעריקע זאַך, פּשוט, אויף אַרויסצוואַרפן: ווער האָט געדאַרפט האָבן אַלטע לייט, ווען אַפילו פאַר די יונגע איז ניט געווען וואָס צו אכלען? די אַלטע האָט מען געהאַט אַזוי גערן ווי אַ שווערן באַגאַזש אויף אַ צוג, וואָס קוים ער האָט כוח זיך צו שלעפּן. די אַלטינקע האָט איינגעשרומפן, איינגעדאַרט פון טאָג צו טאָג. זי איז געווען פאַר־הונגערט. זי פלעגט זיך כסדר מאָדלען און בעטן אויף זיך דעם טויט.

— ווער דאַרף אונדז? קיינער ניט, — פלעגט זי אַליין פרעגן און אַליין ענטפערן.

זי פלעגט כסדר נישטערן אין קיך, געזוכט אַ סקאָרינקע, אַמאָל יאָ גע־פונען און געקייט עס מיט אירע ציינלאָזע יאסלעס. די איינציקע, וואָס האָט אויף איר אויפגעפּאַסט און רחמנות געהאַט, האַלטנדיק זי ווי אַן ערזאַץ־מוטער, איז געווען די יונגע טאָכטער, אַ שולקינד, וואָס מע האָט געשטאָפּט מיט קלאַסנקאַמף און מיט שנאה צו די בורזשואַזע עלטערן, וועלכע מע דאַרף באַכשפּיאָנירן און דערטראָגן וועגן זייער אויפפיר צו דער לערערן, וואָס איז חצי לערערן און חצי טשעקאַ־אַגענטן, אָבער צו אָט־דעם קינד איז אָט־די

באַרבאַרישע תורה ניט צוגעשטאַנען. זי האָט פאַרט ליב געהאַט די באָבען און פלעגט איר צואוואַרפן אַ שטיקל ברויט פון צייט צו צייט, כאָטש זי האָט געוואוסט, אַז איר באבע איז אַמאָל געווען רייך, ד. ה. אַ בורזשויקע, און ליב האָבן זי איז שטרענג פאַרבאָטן.

אַז דער מיליציאַנט איז אַוועק און האָט מיך איבערגעלאָזט מיט דער שלימזלדיקער „פּאָוויעסטקע,‟ וואָס איך האָב שוין עטלעכע מאָל איבערגע־לייענט און זיך אומעטיק פאַרטראַכט וועגן קאָמוניסטישן קליינקעפּלדיקן פּעדאַנטישן ביוראָקראַטיזם, הער איך אַ קלאַפּ אין מיין צימער־טיר. ווער איז עס? די באָבעניו, אַזוי פלעג איך זי רופן („באַבושקאַ‟).

— וואָס האָט פּאַסירט? — פרעג איך פאַרחידושט, ווייל זי האָט מיך קיינמאָל ניט באַאומרואיקט. זי איז אַרומגעגאַנגען אַ צעוויייטיקטע, אַ הונ־געריקע, זי האָט געשעפּטשעט תפילות, אָבער בלחש. זי איז געווען שטיל ווי אַ טויב.

— גייט, קוקט און זעט, וואָס די רעגירונג פון די אַרבעטער און פויע־רים טוט צו אירע אייגענע מענטשן. מילא איך — בין אַלט און אַ בורזשוי־קע. אָבער זיי, זיי זיינען אָרעמע אַרבעטער. גייט, זעט. אַ חרפּה און אַ שאַנד, זיי האָבן ניט קיין שאַנד און ניט קיין געוויסן. אַ וועלט איז הפקר. און דאָס האָט געטאָן דער פּאַרזיצער פון אַ קאָמונע!

זי האָט מיט דער האַנט מיר אָנגעוויזן די ריכטונג דורך דעם פענצטער פון קיך.

איך בין אַרויס און וואָס האָב איך דערזען?

אַ פרוי מיט אַ פּיצל עופעלע ביי דער ברוסט און אַ קינד פון אַ יאָר צוויי אין איר שויס זיצט הינטערן הויז אויפן סאַמע שמיעטניק. לעבן איר בעבעכעס, אַ ביסל בעטגעוואַנט, אַביסל אָרעם געשיר, אַן אָנגעשטשערבעטער טאָפּ, אַ פאַן, אַ צעבראָכן זינגער־מאַשינדל. אין דרויסן האָט געמראַטשעט און האַלב געפּראָשעט מיט שניילעך.

איך האָב ניט געגלייבט מיינע אויגן.

— וואָס טוט זיך דאָ?

איך לויף אַריין צוריק אין הויז. איך נעם פונאַנדערפרעגן די באָבען.

— ער אַרבעט ניט. ער איז געווען קראַנק אַ גאַנצן ווינטער. זי האָט אַביסל געניייט און זיי האָבן ווי־ניט־ווי דורכגעלעבט דעם שווערן ווינטער. ער זעט אויס ווי אַ שאָטן, קוים וואָס ער האַלט זיך אויף די פיס. ער איז אַוועק, אָנגעלענט אויף אַ שטעקן, קלאָפּן אין די טירן, בעטן רחמים, מאָנען יושר. מע האָט זי מיט די קינדער, מיט די ביסל שקריאַבעס אַרויסגעוואָרפן פון דער דירה. זיי האָבן ניט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן דירה־געלט. און דאָס איז אַן אַרבעטער־ און פויערים־רעגירונג, אַ חרפּה און אַ שאַנד! ניטאָ קיין געוויסן! ניטאָ קיין יושר, ניטאָ קיין קריסטלעכקייט, ניטאָ קיין מענטש־לעכקייט!

מע טאָר דאָ אין לאַנד מער ניט זיין! — שרייט אין מיר יעדער בלוט־טראָפּן.

XXXVII

מיר פֿאַרלאָזן מאָסקווע

איך בין אַוועק צו זינגען אויף איר קוואַרטיר, איר איבערגעגעבן די אי־בערלעבונגען פון אַט־דעם טאָג.

— מיר פֿאַרלאָזן היינט אַוונט מאָסקווע.

איך בין אַוועק צוריק אויף מיין קוואַרטיר אייגער אַליין. אין אַ האַל־בער שעה שפּעטער איז זינגע געקומען. מיר האָבן צענויפגעבונדן מיינע כתבים אין אַ פּעקל, אין אַ צווייטן פּעקל — מיינע געדרוקטע ווערק. אין ווינקל אויף אַ שטול זיינען געלעגן אַלע נומערן פון „אַנאַרכיע״, וועכנטלעכער און טעגלעכער. אַ צו גרויסער פּאַק. מיר האָבן עס געמוזט איבערלאָזן. מיר זיי־נען אַרויס פון צימער, געלאָזן יעדע זאַך אויף איר פּלאַץ. אַפילו מיין „רע־מינגטאָן״, די ענגלישע שרייבמאַשינקע, געלאָזן שטיין אויפן טיש אָן אָפּענע. ביי איר אין מויל אַ בויגן פּאַפּיר מיט צוויי שורות שוין אָפּגעקלאַפּטע. אַ בוך אויפן טיש געלאָזן אָפן אַזוי ווי כ׳וואָלט האָבן בדעה קומען באַלד צוריק און פאַרזעצן דאָס לייענען, וואָס איך האָב מפסיק געווען אין סאַמע מיטן.

מיר זיינען אַרויס שטילערהייט דורך דער קיך. אויף דער גאַס האָבן מיר אָפּגעשטעלט אַ פֿאַרבייפאָרנדיקן איזוואָזטשיק.

עס האָט גענומען אונטערשניידן. די נאַכט — אַט־אַט און זי פֿאַלט צו. איך פרעג דעם פורמאַן.

— אויף וועלכן וואָקזאַל קען מען אַצינד קריגן אַ באַן?

ער קוקט מיך אָן פֿאַרוואונדערט: ווי אַזוי ווייסט עס ניט אַ מענטש, וואוהין ער וויל פאָרן? ער קוקט אָן זינגען, וואָס איז געווען מיט אַ צוועלף יאָר יינגער און אויסגעזען מיט אַ צוואַנציק יאָר יינגער. און דער וואונדער פון זיין פּנים פאַרשווינדט, אַלץ ווערט רעכט „הכל אתי שפיר״. איך בין אַנגעטאָן אין אַ האַלב־פּעלצל, אונטערן אָרעם האַלט איך אַ היפּשן „קאָמי־סארישן״ פּאָרטפעל. דער פורמאַן לייגט צענויף צוויי און צוויי און באַקומט די ריכטיקע סומע פון מיין הנהגה. איך בין אַ בגילופינדיקער קאָמיסאַר, וואָס פאָרט ערגעץ אַ הוליע טאָן מיט אַ „קאָמסאָמאָלקע״ (קאָמוניסטישע יוגנט), און עס מאַכט מיר ניט אויס, וואו און וואוהין, אַבי עס איז פֿאַראַן אַ צוג, וואָס גייט אָפּ, אַבי ערגעצוואו אַ באַהעלטעניש.

— אויפן יאַראָסלאַוולן. אָבער מיר דאַרפן זיך צואיילן. דער צוג גייט באַלד אָפּ.

— פאָרט אַזוי שנעל ווי נאָר מעגלעך.

אַריין אין וואָקזאַל. איך גיי צו צו דער קאַסע, בעט צוויי בילעטן. דער פאַרקויפער זאָגט מיר:

— די באַן איז נאָרוואָס אָפּגעגאַנגען קיין יאַראָסלאַוול.

— איז פֿאַראַן אַן אַנדערע באַן?

— עס איז פֿאַראַן אַ באַן, וואָס וועט באַלד אָפּגיין קיין פּיטער (פּעַ־

טראָגראַד האָט שוין געהייסן „לענינגראַד", אָבער דער עולם איז נאָך ניט געווען צוגעוואוינט צום נייעם נאָמען).

— צוויי בילעטן.

ער איז פאַרחידושט. איך האָב נאַרוואָס געוואָלט קויפן צוויי בילעטן אין אַ פּונקט פאַרקערטער ריכטונג. און אויב אַ זאַך איז קשה, דאַרף מען לאָזן וויסן וועגן דעם אין דער סטאַנציע־טשעקאַ. ער שפּיזלט מיך אַדורך; אויפן זעלביקן שפּיזל נעמט ער אַרויף זינען. מיין פאַרטפעל און מיין פוטערל צוזאַמען מיט זינען פאַרענטפערן אַלע קשיות: אַ שיכורער קאָמיסאַר מיט אַ „קאָמסאָמאָלקע" פאָרן... חי געלעבט... אַבי אַוועק פון מאָסקווע, און פון דער אייגענער „ארורה".

איך באַצאָל פאַר צוויי בילעטן קיין לענינגראַד. די פאַרקערטע ריכטונג, אין וועלכער מיר דאַרפן פאָרן.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו שוואַרצן די גרענעץ ערגעץ אין סיביר, לכן דאַרפן מיר זיך רוקן אין יענער ריכטונג. לענינגראַד וועט אונדז דער־ווייטערן פון אונדזער באַשטימונגס־פּלאַץ.

איך האָב מורא געהאַט דורכצושמוגלען זיך דורך אַ מערב־גרענעץ, הגם איך האָב געהאַט פריינט און חברים, וואָס האָבן זיך געפונען אין פאַרשיי־דענע אַמט־קאַפּאַציטעטן נאָענט צו יענע גרענעץ־פּלעצער. איך האָב זיכער געקענט זיך אַנטרויען מיינע פריינט; ווען איך האָב ניט געטרויט, איז די פריינט פון מיינע פריינט, צו ווען זיי וואָלטן באַדאַרפט פאַרטרויען דעם סוד און אָנקומען צו זייערער אַ טובה ביי דורכגנבענען מיך דורך דער גרענעץ.

איך האָב באַשלאָסן בדאַי דורכרייזן האַלב אַרום דער וועלט, אָבער אַן קיינעמס וויסן. בלויז צוויי האָבן געוואוסט וועגן מיין פּליטה־נסיעה: זינע, וואָס איז מיטגעפאָרן, און דער ברודער וו. אַפילו מיין שוועסטער, וואָס האָט געוואוינט אין מאָסקווע, האָב איך ניט אויסגעזאָגט. אַזוי שטרענג איז געווען אונדזער אַנטלויף־קאָנספּיראַציע.

מיר קריכן אַריין אין וואַגאָן. ער איז אַן אָנגעפּראָסטיקטער. די באַנק, אויף וועלכער איך האָב זיך אויסגעצויגן, (דאָס זיצן איז מיר אָנגעקומען שווער צוליבן האַרצן און קראַנקן פוס; אַפילו שרייבן פלעג איך ליגנדיק), איז געווען קאַלט ווי אייז, אַ דורכגעפראָרענע.

דער דורכגעשאָסענער פוס האָט מיר גענומען ציען און נאָגן ווי אַ קראַנ־קער צאָן. איך האָב ניט געקענט איינליגן. ווי שוין דערציילט, האָב איך געוואוינט אין דער „דוקאַט־קאָמונע". אין מיטן ווינטער האָט מען אָפּגע־שטעלט די צענטראַלע באַהייצונג. דאָס איז געווען שוין נאָכדעם ווי מאָסקווע האָט גענומען קומען צו זיך נאָך דעם „חורבן" און מיר האָבן אַרויסגעוואָרפן דאָס בלעכענע אייוועלע. די חברה פון הויזקאָמיטעט האָט בכיוון עפּעס מכולה־געמאַכט אין קעסל אין קעלער, כדי ניט צו ק ע נ ע ן הייצן אַ גאַנצן חודש, בעת דער רעמאָנט איז אָנגעגאַנגען, און ק ע נ ע ן גנבענען די קוילן און פאַרקויפן זיי אויפן שוואַרצן מאַרק. פון דער קעלט און פייכטקייט האָב

איך געקראָגן רעוומאַטיזם אין געזונטן פוס און אין מיין קראַנקן לינקן פוס. „וואו ס'איז דין דאָרטן רייסט זיך עס", זאָגט אַ רוסיש ווערטל.

די באַן שלעפּט זיך ווי אויך זי וואָלט געהאַט קראַנקע רעוומאַטישע פיסרעדער.

מיטאַמאָל און דורך אונדזער וואַגאָן, אין וועלכן קיינער איז ניט געווען אויסער מיר און זינען, לויפט אדורך איין טשעקאַ־אַגענט, נאָך אים אַ צווייטער און אַ דריטער. זיי זיינען פאַרשמאַיעט. זיי שנאַפּן, זיי זוכן, זיי לויפן אַהין און לויפן גלייך צוריק, ווי פאַרסמטע מייז.

איך רוף זיך אָפּ צו זינען:

— מיר פאָרן דאָך סיי ווי אין דער פאַרקערטער ריכטונג, וואָס דערווייטערט אונדז פון אונדזער ציל, און די טשעקיסטן האָבן זיך צעטאַנצט אַרום אונדז ווי די בייזע רוחות; איז לאָמיר אַראָפּקריכן פון באַן ווי גאָר זי וועט פאַרפּאַמעלעכן איר גאַנג און זיך נעמען דערנענטערן צו אַ סטאַנציע.

מיר זיינען אַראָפּ און אַריינגעוואָרפן אונדזערע בילעטן אין אַ קופּע שניי.

מיר לאָזן זיך גיין וואוהין די אויגן טראָגן. איך דערבליק אַ בודקע פון אַ „סטרעלאָטשניק" (דער רעלסן־איבערווקער). איך גיי צו. איך קוק זיך אַרום; קיינער פאָלגט אונדז ניט נאָך. איך שטעל זיך אַריין אין בודקע. איך באַגריס אים. ער ענטפערט פריינטלעך. אין בודקע איז וואַרעם אָנגעהייצט. עס שטייט אַ טשוגון־אייוועלע און עס איז אָנגעגליט. איך בין זיך מחייה. איך פרעג אים, ווי ווייט ס'איז פון דאַנעט דאָס דאָרף און צי ער קען אונדז אַהין צופירן. איך ווינק אָן, אַז איך מיין ניט אים צו באַמיען אומזיסט, ער וועט קריגן שכר הליכה.

ער ווערט העפלעך. ער בעט זיצן. זינע איז געבליבן שטיין אין דרויסן אַביסל אָן אַ זייט פון דער בודקע. איך זאָג אים, אַז איך בין דאָ מיט אַ פריינדן. ער גייט אַרויס און רופט זי אַריין. מיר וועלן דאַרפן צוואַרטן. זיין זון, אַ יונגטלעכער, איז אַוועק אין דאָרף ברענגען פרישטיק. ער קומט באַלד צוריק, וועט ער אונדז דעמאָלט צופירן. ער קען זיין פאַסטן ניט איבערלאָזן.

— ווי הייסט דאָס דאָרף? — פרעג איך אים בתמימות.

— איר ווייסט ניט? — חידושט ער זיך, — דאָס איז דאָך קאַשירקע, די נייע עלעקטרישע סטאַנציע.

— איך ווייס. — ענטפער איך.

צורופּע, דער קאָמיסאַר פון שווערער אינדוסטריע, האָט געוואָלט ווייזן, אַז ער איז אַ גרויסער אויפטוער. האָט ער אויפגעבויט ניט ווייט פון מאָסקווע אַן עלעקטרישע סטאַנציע, וואָס אַרבעט אויף די היגע, דאָ אויסגעגראָבענע, קוילן; די כוונה דערביי איז געווען אַ גוטע: מע זאָל ניט דאַרפן אָנקומען צו אוקריינע, צום דאָנעץ־באַסיין... די היגע קוילן אָבער טויגן אויף אַ גוטער כפרה. הוילער שטויב און אַש.

דער „רעלסן־איבערוועקסלער" האָט אונדז אָנגעבאָטן „קיפּיאַטאָק". מיר

האָבן אים באַדאַנקט העפלעך און זיך אָפּגעזאָגט פון אָנבאָט. מיר האָבן ניט געהאַט קיין צוטרוי צו דער ריינקייט פון די טעפלעך.

דער שגץ איז געקומען מיטן פּרישטיק. דער אַלטער האָט אים אָנפּאַר־טרויט די שליחות און ער איז מיט אונדז אַוועק זייער גערן.

געקומען אין דאָרף, ווען עס האָט גענומען שאַריען אויף טאָג. די הענער האָבן זיך צעקרייט, געשפּילט אויף זייערע כלים מיט כל המינים קולות. אַ דאָרף ווי ס'באַדאַרף צו זיין, אייגענע זייגערס־וועקערס.

XXXVIII

איך ווער אַ „רעוויזאָר"

איך זע אַ מאַן גייט אַרויס און עפנט פונאַנדער גרינגעפאַרבטע לאָדנס פון די פענצטער. מיינע אויגן האָבן זיך צו זיי צוגעכאַפּט. זיי האָבן שוין יאָרן און יאָרן ניט געזען אַזעלכע לאָדנס מיט אויסשניידונגען אַריינצולאָזן אַביסל שיין. פּונקט אַזעלכע לאָדנס זיינען געווען ביים זיידן אין ניסטאַ־נישעק. עס האָט אַ הויך־געטאָן מיט די גאָר פריע קינדעריאָרן. און איך בין גוט אויפגעלייגט, פאַרגעסן אַלע זאָרגן. איך ווער אַן אויפגעלייטערטער און גיב אַ וואָרף דעם אומבאַקאַנטן אַ ברייטן „גוט מאָרגן" און צו דער באַגרי־סונג העקל איך צו אַ פרעג מיט אַ פריינטלעכן שמייכל:

— טיי זיך אָנטרינקען קען מען? (טשאַיקו נאַפּיטסיאַ מאָזשנאָ?).

מיין אויפגעלייטערטקייט שטעקט אים אָן, אַ בריק ווערט אַריבערגע־וואָרפן איבערן תהום פון פולשטענדיקער פרעמדקייט.

— מ'קען, איר זייט פאַרבעטן אין הויז.

אונדזער אונטערפירער, דעם שגץ, גיב איך אַ גריוועניק. ער דאַנקט און גייט אָפּ אין דער ריכטונג, פון וואַנעט מיר זיינען געקומען. ער האָט זיין שליחות אָפּגעטאָן. ער מיינט ער האָט אונדז געבראַכט צו אייגענע.

מיר גייען אַרויף אויף דעם טרעפּלדיקן גאַנעק. נאָך אַ פּאָר טריט גע־מאַכט. ער עפנט ברייט די טיר און ער ווענדט זיך צו זיין פּלונית:

— זיי וועלן טרינקען ביי אונדז טיי.

גייע אורחים.

מיר באַגריסן זי מיט אַ וואַרעמען „גוט מאָרגן!" זי ענטפערט לוסטיק, קאַנטיק, זי איז צופרידן מיט די אומדערוואַרטע געסט, וואָס וועלן זיכער „ניט זיין קיין חזירים"...

איך קוק זיך צו צו אונדזער באַלעבאָסטע. זי איז אַ ברייט־פּלייציק ווייבל, היפּש אָפּגעפּאַשעט. נאָך גאַנץ יונג. אין שטוב דרייען זיך אַרום נאָך גאָר יונגע קינדער, אַ שייגעצל מיט אַ שיקסלקע. פון דער באַלעבאָסטעס באַקן שפּריצט דאָס בלוט. די טאַליע ניט אַזוי לייכט אַרומצונעמען. זי איז געזונט און פריש, אַ געוויקס פון רוסישן דאָרף אויסגעוואַקסן אויפן אייגע־נעם פעטן באָדן; בקיצור אַ באַבע מיט אַלע מעלות, וואָס ווערן אויסגערעכנט

פון די חכמים אין „ספר פראַלניק". זי זעט זיך אָן צו זיין אַ בריה. אין הויז איז ציכטיק. די קינדערלעך ריין אָנגעטאָן, אַרומגעוואַשן. מיט איין וואָרט: אַ דאָרפישע אשת־חיל, שיער ניט אַרויסגעשפּרונגען פון סוף משלי און זיך באַזעצט מיט די פּאַסיקע פּסוקים אין קאַשירקע. וואָס איז דער חידוש? עס איז דאָך אַ קאַפּיטל פון אַלטן טעסטאַמענט און דאָס ספרל איז נאָך אַלץ אַ גאַנגבאַרע סחורה, ניט־געקוקט אויף אַלע דראַקאָנישע געזעצן פון דער גאַטלאָזער מאַכט.

איך פיל זיך עפּעס ווי באַרואיקט. עס טוט הנאה צו זען אַ געזונטן דאָרפישן קערפּער, אין וועלכן עס וואוינט אַ געזונטער שטוב־ווירטשאַפט־לעכער גייסט. געזונטקייט איז אויך אָנשטעקנדיק, כאָטש ווייט ניט אַזוי ווי קראַנקייט.

איך גיב אַ פאַרשערישן קוק אויף אים, אויפן באַלעבאָס אונדזערן. ער איז נאָך גאָר אַ יונגער מאַן, אָבער אויסזען זעט ער אויס — חושך: די באַקן איינגעפאַלן, אין די אויגן אַן אומהיימלעך פייערל; ער האַלט אין איין הוסטן און כראָקען ליחה. די פיזיאָלאָגישע סתירה צווישן די צוויי, מאַן און ווייב, רייסט אויף די אויגן און פאָדערט ממש אַ דערקלערונג.

איך פרעג זי טאַקע, וואָס איז דער מער מיט איר יונגן מאַן, פאַרוואָס זעט זי אים ניט צו; ער זעט דאָך אויס ווי אַ זעקל מיט ביינער.

זי ענטפערט מיר:

— איר ווייסט ניט וואו איר געפינט זיך? עס איז דאָך קאַשירקע. דאָ קען קיינער ניט אויסהאַלטן לענגער פון דריי יאָר. אַלע אַרבעטער שטאַרבן דאָ נאָך דריי יאָר אַרבעטן.

— איז וואו נעמען זיי אַרבעטער?

— עס קומען אַלע מאָל אָן פרישע. דער הונגער, די נויט טרייבן. מיר זיינען דאָ שוין דאָס דריטע יאָר. זעט איר דאָך, ווי מיין מאַן גייט אויס. ער וועט קוים דערציען ביז סוף יאָר.

— דאָס איז דאָך אָן אַרבעטער־רעגירונג. איז וואָס שווייגט איר, פאַר־וואָס שרייט איר ניט? פאַרוואָס שיקט איר ניט קיין אָנקלאָגע אין מאָסקווע, צום עקזעקוטיוו פון די אַלרוסלענדישע סאָוויעטן? צום סאָוונאַרקאָם?

דעם שטיקל שמועס האָבן מיר אַריינגעכאַפּט, בעת דער מאַן איז אַרויס געבן דער קו איר פרישטיק. ער איז גלייך געקומען צוריק.

— מענטש איינער, מע האָט אַלץ געטאָן. עס העלפט ניט. עטלעכע קאָ־מיסיעס זיינען שוין אַראָפּגעקומען פון מאָסקווע. זיי האָבן אויסגעפרעגט די אַרבעטער, אונטערזוכט, צוגעזאָגט עפּעס צו טאָן און אַלץ איז געבליבן ווי געווען, — דערקלערט מיר דער מאַן, — דאָס זיינען ניט קיין קוילן, נייערט גיינציק פראַצענט שטיינקוילן־שטויב. מע ווערט דערשטיקט.

— האָט איר ניט קיין ווענטילאַטאָרס?

— עס איז אַלץ פאַראַן. עס העלפט ניט. פאַרשאָלטענע קוילנגריבער און פאַרשאָלטענע קוילן. זיי דערהרגענען די לונגען.

פאַלט מיר איין: איך וועל שפּילן דעם „רעוויזאָר". איך האָב דעם גאַנצן

פרימאָרגןביים פרישטיק־טיש געבראַכן זיך דעם קאָפּ, וואָס פאַר אַ תירוץ צו זאָגן מיינע באַלעבאַטים אין פאַל זיי פרעגן, ווער מיר זיינען און וואָס מיר טוען דאָ.

איך גיב אים אָנצוהערן, אַז איך בין אַ קאָמיסיע אין איין פערזאָן און זינע איז מיין פרוי און סעקרעטאַרן. איך בין געקומען אינקאָגניטאָ, כדי די באַאַמטע פון דער סטאַנציע זאָלן ניט וויסן, אַז מע איז געקומען אונטער־זוכן זייערע טועכצן דאָ. די סאָוויעטישע רעגירונג וועט ניט דערלאָזן, אַז אַרבעטער זאָלן פאַלן ווי די פליגן. איך וועל שוין זען, וואָס מ׳קען טאָן. אָבער ער זאָל מיט קיין פּיפּס מיך ניט אַרויסגעבן. ער מוז מאַכן אַ שווייג. קיינער טאָר ניט וויסן וועגן מיין זיין דאָ.

דער אויסטראַכט איז אַוועק פאַר גוט געלט. נאָך אַלעמען איז די דער־קלערונג פאַר אונדזער באַוויזן זיך דאָ די לייכטסטע און די פּאַסיקסטע. מע האָט דאָך טאַקע געדאַרפט שיקן אַ געהיימען אונטערזוכער, וואָס וואָלט אָפּ־געבן אַ ריכטיקן באַריכט וועגן דער לאַגע. דידאָזיקע צוטראַכטעניש האָט זיך געלייגט פיל בעסער אויפן שכל ווי דער אמת, אַז אַ מאַן, וואָס דאַרף אָפּ־ציען פון לאַנד, איז גאָר געבליבן שטעקן אין אַ דערפל ניט ווייט פון מאָס־קווע.

גיט מיך דער אַרבעטער אַ פרעג:

— ווען וועט איר גיין באַקוקן די סטאַנציע און די שאַכטן?

— איך וואַרט אויף געגויערע אינסטרוקציעס. זיי וועלן אָנקומען מאָרגן, אַמשפּעטסטנס איבערמאָרגן.

מיך האָט שטאַרק געערגערט, וואָס איך וועק אויף פאַלשע האָפענונגען אין די הערצער פון אָט־די צוויי וואוילע, פּשוטע, אומשולדיקע צולאָזיקע מענטשן.

דערווייל זיינען מיר פאַרטיק געוואָרן מיטן פרישטיק. דווקא אַ גאָר גוטער פרישטיק, הלוואַי אויף גאַנץ רוסלאַנד געזאָגט געוואָרן. שוואַרץ ברויט מיט אייער, פּוטער און קעז פון דער אייגענער קו.

שפּעטער־צו בין איך אַוועק אויף דער סטאַנציע, געקראָגן פאַר די קינ־דער צוקערקעס און אויך ווייס ברויט. סיי ביי די קינדער, סיי ביי די עלטערן איז עס געווען אַן אמתער יום־טוב. שוין לאַנג ניט פאַרזוכט דעם טעם פון ווייסן געבעקס.

אַזוי אין ליידיקגייעריי האָבן מיר פאַרבראַכט ביי אָט־די וואוילע מענטשן צוויי מעת־לעת; אין משך פון די טעג פלעג איך מוזן פאַרשווינדן פאַר לאַנגע שעהן פון הויז, מאַכנדיק דעם אָנשטעל, אַז איך אונטערזוך, גראָב אויס גע־היימענישן, מיסברויכונגען. הכלל אַז איך טו אויף גרויסע זאַכן. דערווייל האָב איך גענומען קנעלן מיט דער באַלעבאָסטע, אַז זי זאָל מיר קריגן אַ פויער מיט אַ שליטן, וואָס זאָל אונדז אָפּפירן צו אַ דערבייאיקער סטאַנציע, וואָס ליגט אויף אַן אַנדער ליניע, מחמת איך וויל ניט, מע זאָל באַמערקן מיין אָפּפאָרן פון דאַנעט. דעריבער קען איך ניט נוצן די באַן דירעקט פון

דער נאָענטער סטאַנציע. איך מוז אַלץ טאָן בסודי־סודות, וואָס איז געווען אמת, אָבער אַנדערש דעם פּשט געלערנט.

דעם באַלעבאָס האָב איך געזאָגט, אַז ער זאָל פאַרבעטן צו זיך אין הויז אַ פּאָר פריינט זיינע, וואָס אַרבעטן מיט אים, און ער זאָל זיך מיט זיי צעשמועסן וועגן דער לאַגע; און איך, ווי אַ זייטיקער, וועל זיי פרעגן פראַגעס גלאַט אַזוי זיך, ווי איינער, וואָס דער גאַנצער ענין אינטערעסירט אים ניט, נאָר פרעגט אַזוי זיך, גלאַט אין דער וועלט אַריין, אויס פּוסטער ניי־געריקייט. ער האָט אַזוי געטאָן.

די אָוונטן האָבן מיר פאַרבראַכט אין שמועסן. דער מצב אויף דער עלעק־טרישער סטאַנציע איז באמת געווען אַ שווידערלעכער. די אַדמיניסטראַציע האָט געהאַלטן אין כסדר אַריינפּאָמפּען פרישׂ בלוט פון יונגע אַרבעטער. די סטאַנציע, ווי אַ בלוטדאַרשטיקער אומגעהייער, פלעגט זיי אַריינכאַפּן, אויס־נאָגן דאָס ביסל חיות, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט, און דערנאָך זיי אויסשפּייען האַלב טויטע, און ווידער אַריינקריגן נייע כוחות, נייע קרבנות. די פּראַצע־דור איז געווען אַ פּשוטע, אַ גרויזאַמע. עס איז דערגאַנגען צו אָפענער אומ־פאַרשעמטער מערדעריי, הריגה און רציחה אונטער דער מאַסקע פון אַרבעט.

XXXIX
אונטערוועגנס

מיט דער הילף פון דער באַלעבאָסטע האָב איך געקראָגן אַ גוי, וואָס האָט זיך אונטערגענומען אונדז אָפּצופירן צו דער באַנסטאַנציע, אַ מהלך פון אַ וויאָרסט צוואַנציק. דער וועג איז געווען שלעכט, ערגער קען גאָר ניט זיין. בייטאָג האָט די זון געוואַרעמט, דער שניי איז ערטערווייז צעגאַנגען און עס האָבן זיך געשאַפן היפּשע לוזשעס, ווי מיניאַטור אָזיערקעס. דער סע־זאָן — ניט זומער און ניט ווינטער און ניט קיין פרילינג. אַ וואָגן אויף רעדער וואָלט ניט טויגן, אָבער אַ שליטן איז אויך ניט געווען צוגעפּאַסט צום וועג־צושטאַנד. אין אַזעלכע ציייטן, אין איבעראַנג פון סעזאָן, זיצן דאָרפס־לייט אין די כאַטעס און רירן זיך ניט פון אָרט.

דער גוי איז ניט געווען קיין פורמאַן, בלויז אַ פּויער, וואָס האָט פאַר־מאָגט אַ האָרעפּאַשנע פערדל. ער האָט געטאָן אַ טובה דער באַלעבאָסטע און אונדז געפירט פאַר גוט באַצאָלט. ער האָט זיך שטאַרק געחידושט, צו וואָס דאַרף איך זיך שלעפּן איבער די האַלב־פאַרפלייצטע וועגן צו אַ וויטער באַנ־סטאַנציע, ווען ממש אונטער דער נאָז איז געלעגן די מאַסקווע־פּעטראָגראַ־דער (לענינגראַד) אייזנבאַן־ליניע.

מיר זיינען געפאָרן מיט אים און געציטערט. ביי זיך האָבן מיר געהאַט אַ היפּשע סומע געלט, לויט פויערשע השגות. אונדזער פּאָרן זעט אויס טשיקאַווע. מיר זיינען מיט אים איינע אַליין, אַרום זעט מען ניט קיין מוטער בן־אדם. קיין פוסגייערס — ניט, קיין דורכפאָרערס — אוודאי ניט. וואָס

טוט מעה, ווען ער דערלאַנגט מיר מיט אַ שטיק אייזן איבערן קאָפּ, מאַכט מיך צורעכט, באַראַבעוועט מיך און זינגען אַדער פאַרגוואַלדיקט זי, און באַ־גראַבט אונדז ביידן אונטערן שניי אַדער וואַרפט אונדז אַריין אין אַ גרוב פול מיט אַ געמיש פון וואַסער און שניי. אַ האַן וואָלט ניט אַ קריי געטאָן. און קיינער וואָלט ניט וויסן, וואו אונדזער געביין איז אַהינגעקומען.

האָב איך געהאַלטן אין איין שמועסן מיט אים. זיין קול, די רואיקע וויבראַציעס, האָבן אָפּגעטריבן די פּחדים. אונדזער פאָרן אין אַזאַ וועטער אין אַזאַ צייט איבער די אומדורכפאַרבאַרע וועגן איז געווען אַ ווילדע זאַך. איך האָב אויך מורא געהאַט, אַז קומענדיק צוריק אין דאָרף זאָל ער ניט פּלאַפּלען וועגן זיינע טשיקאַווע פּאַסאַזשירן, וואָס זייער אויפפיר איז געווען לחלוטין חוץ לשיטה. האָב איך אים געזאָגט, אַז אונדזער פאָרן האָט אַ טיפן מיין. מיר זיינען אויסלענדער. איך האָב טאַקע מיט זינען בכיוון גערעדט ענגליש כדי אים צו ווייזן און איבערצייגן אין אונדזער „אויסלענדישקייט״. און די מעשה איז די: סאָוויעטרוסלאַנד האָט געבעטן אַ הלוואה פון אַמע־ריקע. האָט מען מיך געשיקט אַ קוק טאָן אויף די פעלדער און געבן מיין מיינונג פון אַן עקספּערט אין די ענינים, צי רוסלאַנד וועט האָבן האָאַר אַ גערעטעניש, צי, גאָט באַהיט, אַ הונגער. אויב אַ גערעטעניש — קריגט רוס־לאַנד די הלוואה. דאָס ווינטערקאָרן האָט טאַקע שוין אַרויסגעקוקט מיט היפּ־שע גרעזעלעך־אַרויסשפּראָצונגען פון דער ערד, וואו דער שניי איז געווען צעגאַנגען.

אַ ברירה האָט ער געהאַט, ער האָט מיר געגלייבט, ווייל מיין צוטראַכט איז פאַרט געווען מער וואַרשיינלעך ווי דער אמת. ווי אַנדערש האָט ער זיך געקענט דערקלערן אַזאַ משונה יאַזדע צווישן פעלדער אויף אַ וועג, וואָס מ׳האָט קוים געקענט אונטערשיידן — פון סתם ערד, וואַסער און שניי. בלויז אַ מאַן, וואָס האָט גוט געקענט די געגנט, האָט געקענט באַווייזן ניט צו פאַר־קריכן ערגעץ אין אַ גרוב, אַ זומפּ און בלייבן דאָרט שטעקן.

דער גוי האָט מיך אויסגעפרעגט וועגן דעם לעבן פון די פּויערים אין די „פּאַראייניקטע שטאַטן״. אַלץ וואָס איך האָב געוואוסט פון לייענען וועגן דעם, האָב איך פאַר אים אַרויסגעלייגט, דהיינו, אַז קיין פּויערים בנוסח רוס־לאַנד האָבן ניט די שטאַטן. זיי האָבן פאַרמערס, וואָס לעבן כמעט ווי שטאָ־טישע. אַנדערע זיינען רייך און אַנדערע האָבן בלויז גענוג צו שפּייזן זיך און זייערע פאַמיליעס. קיין נויט ליידט קיינער ניט.

דערפאָרן בשלום צו דער סטאַנציע, וואָס געפינט זיך אַליין אין מיטן אַן אומענדלעכן פליין. די גאַנצע סטאַנציע באַשטייט פון צוויי געביידעס; אין איינער וואוינט דער רעלסן־איבערדרוקער, אין דער צווייטער — דער סטאַנ־ציעמייסטער, וואָס איז אויך געווען אַ טעלעגראַפיסט.

איך באַצאָל דעם גוי. איך גיב אים אויך טרינק־געלט. ער איילט זיך צו פאָרן צוריק, איידער די זון וועט אינגאַנצן צעשמעלצן דעם שניי און פאַר־וואַנדלען דעם וועג אין אַ טייך.

איך בענטש צוויי מאָל גומל. דער וועג איז באמת געווען בחזקת־סכנה

און דאָס פאָרן מיטן גוי איז, אפשר, אויך געווען אַ געפאַר. ווער קען וויסן, וואָס איינעם קען איינפאַלן צו טאָן, ווען דער יצר־הרע פון גניבה און גזילה נעמט צושטיין, נעמט אים צוריידן צו אַ פאַרברעכן, וואָס וואָלט אים, כמעט זיכער, אָפּגיין גלאַט...

מיר גייען אַריין אין „וואָקזאַל". אַ קליין צימערל ד' אויף ד', ניט באַ־הייצט. ער איז אָנגעפּראָרן פון לאַנגן שווערן ווינטער. איך גיב אַ קוק אויפן דיל, — עס ווערט מיר פינצטער אין די אויגן. אַ געוואַלג האָט געמעגט אויספאַרשן די שיכטן. אַזוי פיל בלאָטע און שמוץ, אַז השם ירחם! ניט פאַר קיין וואָקזאַל געדאַכט! ווי עס ווייזט אויס האָט דער דיל קיין בעזעם אויף זיין לעבן ניט אָנגעקוקט.

איך מאַך אַן אָנפראַגע ביים סטאַנציע־מייסטער־טעלעגראַפיסט, ווען עס קומט דאָ אַ צוג.

— בלויז איין צוג אין מעת־לעת און דאָס דריי נאָך האַלבער נאַכט. די איבעריקע באַנען לויפן דאָ פאַרביי און שטעלן זיך ניט אָפּ.

ווי דערלעבט מען שוין יענע מזלדיקע שעה זאָל אָנקומען! וואו נעמט מען אַ וואַרעמען פלאַץ אַריינצוגיין און זיך אָפּרוען?

מיר פאַלט איין, אַז דאָס בעסטע וואָלט זיין, ווען זינע גייט אַריין צו דער פרוי פון „סטרעלאָטשניק" און גיט איר אַ פרעג, צי זי וואָלט אונדז ניט געקענט געבן עפּעס איבערצובייסן און פאַרטרינקען מיט אַ גלאָז טיי. מיר זיינען ניט געווען הונגעריק. אָבער זיצן דאָ אין חזיר־שטעלכל איז גע־ווען אַן אמתע אָפּקומעניש.

הכלל מיין געדאַנק איז געווען אַ פּרוכטבאַרער, אַ פּראַקטישער. די פרוי האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן פאַרשלאַג. זי איז געווען גערן עפּעס צו פאַרדינען אויף דער זייט און, דערהויפּט, קריגן אַ געלעגנהייט צו זען און ריידן מיט אַ פּאָר נייע מענטשן. די סטאַנציע איז אַ פאַרוואָרפענע און אַ פאַרוואָרלאָז־טע. קיין פּאַסאַזשירן ווייזן זיך ניט. ווער ווערט עס וואַרטן אויף אַ צוג, וואָס גייט דורך דריי נאָך האַלבער נאַכט!

זי, איר מאַן און אויך זייער האַלב־דערוואַקסענע טאָכטער, האָבן אונדז אויפגענומען זייער פריינטלעך. זיך ממש דערפרייט מיט אונדז. מיר האָבן געבעטן אונדז אָפּקאָכן אַ פּאָר אייער. און טיי איז געווען אַ פולער סאַמאָ־וואַר. האָבן מיר זיך אונטערגעלעגנט דאָס האַרץ, געזשליאָקעט טיי — און געשמועסט רוסישדיק געמיטלעך. מיר האָבן זיך געקוואַפּעט אויף דער וואַ־רעמקייט און ציכטיקייט פון הויז. מיר וועלן פאַרשפּאָרן אָפּצוקומען אין „ביוזשניק"...

ער האָט זיך געקלאָגט אויף דער סאָוויעטרעגירונג, הלמאַי זי האָט קאָנ־פיסקירט זעקס הונדערט רובל, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט.

— דאָס איז דאָך געווען כשר פאַרדינט געלט מיט די אייגענע הענט, ניט דורך ספּעקולאַציעס. עס איז דאָך געווען אַרבעטערגעלט, אָפּגעשפּאָרטע פון אייגענעם מאָגן. וואָס פאַר אַ רעכט האָט מען געהאַט עס צוצונעמען?!

דאָס איז דאָך ראַבירעריי! זיי רופן זיך אָן „אַרבעטער־רעגירונג“ און דאָ באַ־ראַבעווען זיי אַן אָרנטלעכן האָרעפּאַשנעם אַרבעטער.

איך האָב באמת ניט געוואוסט, וואָס אים צו זאָגן. זיינע טענות זיינען געווען גערעכטע ביי מיין „בית־דין“. איך האָב געטראַכט: זיי האָבן אָפּגע־טאָן ערגערע זאַכן. איך האָב אים אָבער געטרייסט:

— מעגלעך, מע וועט אייך אומקערן דאָס צוגענומענע געלט, ווען איר מאַכט אַן אָנקלאָגע און שיקט זי איבער קיין מאָסקווע צום פּרעזידענט קאַ־לינין.

עס זיינען שוין אַוועק שיינע עטלעכע שעה. איך האָב זיך אָנגעזופּט מיט טיי אַז מער איז שוין אין בויך ניט געקראָכן. ניט בפירוש געזאָגטערהייט לאָזן זיי אונדז שפּירן, אַז זיי וואָלטן גערן האָבן, ווען מיר פאַרלאָזן זיי. ער דאַרף אויפשטיין מאָרגן צו דער אַרבעט אַ בליאַסק אויף טאָג. ער איז ניט באַשעפטיקט דאָ אויף דער סטאַנציע. ער אַרבעט שווער. ער האָט עטלעכע מלאכות. ער האָט זיך אָפּגעזעגנט און אַוועק שלאָפן. איך זע, אַז ביי זיין ווייבל קלעפּן זיך די אויגן. די טאָכטער האָט אונדז אויך פאַרלאָזן. אָבער אַז איך דערמאָן זיך, אַז מיר דאַרפן גיין צוריק אין שמוציקן גיהנום אַריין, ווערט מיר ביטער און פינצטער און איך וויל זיך פון אָרט ניט אויפהייבן. אָבער איך זע דאָך, ווי די באַלעבאָסטע נעמט אויסלעשן דאָס ליכט אומע־טום. פאַרפאַלן, מע שרייט אין די אויערן: „שובו רשעים לשאולה!“ דער שבת איז אַריבער. אָפּגעצאָלט, באַדאַנקט פאַר גאַסטפריינטלעכקייט און זיך געזעגנט. אַוועק צוריק. דער „גיוזשניק“ איז נאָך קעלטער געוואָרן. איך פּרו־ביר ריידן מיטן סטאַנציעמייסטער, פרעג אים אויף אַן איידעלן אָנוואונק־אופן, צי מע קען ערגעץ צוואוואַרטן אין אַ פּריוואַט הויז, ביז דער צוג וועט אָנקומען.

ער כאַפּט ניט דעם אָנלאַקונגס־ווערעמל אויף דער רייד־ווענטקע. הפּנים, אַז מע קען ניט. ניטאָ וואו. און עס איז שוין שפּעט. מענטשן שלאָפן שוין. איך האָב מיט קיין אויג ניט צוגעמאַכט, דאָס אייגענע זינע. מיר זיינען אַרויס אין דרויסן, עס איז חשכת מצרים. אַ קאַלטער ווינט בלאָזט און הוילט ווי אַ הונט, וואָס האָט זיך אָראָפּגעריסן פון קייט.

קוים דורכגעפּטערט די נאַכט. דערלעבט. מיר הערן אַ צוג קומט אָן. די רעדער סקריפּען, קלאַפּן. שטעלן זיך אָפּ. מיט דער הילף פון סטאַנציעמייס־טער, וואָס האָט מיך ממש אַרויפגעשלעפּט אויף די הויכע טרעפּ, בין איך אַריינגעקראָכן אין וואַגאָן. מע האָט זיך געדאַרפט איילן, ווייל דער צוג שטייט דאָ געציילטע צוויי מינוטן. נייע פּאַסאַזשירן זיינען דאָ געווען בלויז צוויי: איך און זינע.

דער צוג איז געגאַנגען קיין יאַראָסלאַוול. אין וואַגאָן איז געווען האַלב פינצטער און שמוציק, אַזוי אַז דער וואָקזאַל האָט ניט געהאַט מיט וואָס זיך איבערצוגעמען לגבי אים. מיר ברעכט דער פּוס אי פון רעוומאַטיזם אי פון קלעטערן אויף די הויכע טרעפּלעך. איך האָב אַ קאַפּווייטיק. די אויגן זיינען מיד. כמעט זיי מאַכן זיך צו ווי פון זיך אַליין. אָבער דאָ אין וואַגאָן

טאָר מען ניט אַ דרעמל טאָן. איין סעקונדע פון היסח־הדעת און מיינע זאַכן, אין דעם פאַל דער פאַרטפעל מיט די כתבים, וועלן ניט ווערן; עס איז רעכט אַז אַפילו די שיך פון די פיס זאָלן פאַרשווינדן. וועגן היטל איז אָפגערעדט — עס וועט גלייך פאַרכאַפּט ווערן. אַ טשיקאַווער עולם פון פאַרערס און פאַרערנס. אַ געשריי, אַ געטומל. פון די קאַשיקעס, וואָס די גויעס האַלטן אין די הענט, קרייען אַרויס הענער, מרוקען אַרויס חזירימלעך, קלאַפּן מיט די פליגלען גענדז און קאַטשקעס. מע פּאַרט הפנים אויף אַ יאַריד. און די מחנה פון פויערשע אַרנטלעכע פאַרערס און פאַרערנס איז אַרומגענומען, ווי אַ בוים מיט אַ קאָרע, מיט אַ רינג פון גנבים, קעשעניקעס, כל המינים זשו־ליקעס. אַלע זיינען אָפּגעריסן־אָפּגעשליסן. ניט געוואַשן פאַר חדשים. אפשר יאָרן. עס שטינקט שווייס. עס פאַרכאַפּט דעם אָטעם. מענער שרייען, פרויען גוואַלדעווען — מע האָט זיי באַגנבעט. אין ענגשאַפט, אין געפּילדער, פאַר־שווינדן קוישן פון אונטער די הענט. זיי ווערן ניט אין אַן אויגנבליק. ווי נאָר אַ פויערל גיט אַ דרעמל — אַזוי צעטראָגט מען אַלץ, וואָס באַלאַנגט צו אים, און מיט דעם רויב גיט מען אַ שפּרונג אַראָפּ פון וואַגאָן. די באַן קוים וואָס זי קריכט, אַזוי אַז אַראָפּשפּרינגען און אַרויפשפּרינגען איז ניט קיין שווערע הלכתא פאַר די חברה־לייט, וואָס זיינען היפּש אַקראָבאַטיש.

עס נעמט שאַריען אויף טאָג. מע דערפּאַרט, ברוך השם, צו אַ סטאַנ־ציע. איך און זינע שטייגן אַרויס. איך בענטש ווידער גומל. אַזאַ מין ערב־רב איז גאָר ניט צו זען אין מאָסקווע אָדער לענינגראַד. אין רוסלאַנד איז דער אונטערשייד צווישן דעם מעטראָפּאָליס־עולם און דעם פּראָווינץ־עולם כמעט ווי אָפּגרונטלעך. זיי ריידן דעם זעלביקן לשון און דאָך זעען זיי אויס עפּעס ווי אַן אַנדער פאָלק. רוסיש איז אַ געבענטשטע שפּראַך, זי האָט ניט קיין דיאַלעקטן. נישט ווי דייטש אָדער יידיש, וואָס פויליש־יידיש און ליטוויש־יידיש זיינען אַזוי פאַרשיידן אין וואָקאַבולאַר, אין זאַצבוי און אַפילו אין עלעמענטאַרער עטימאָלאָגיע, וועגן סינטאַקסיס איז דאָך שוין גאָר אָפּגע־רעדט. פאַר טויזנטער מיילן וועט איר הערן דעם זעלביקן זאַפטיקן קלאַנג־פולן מחיהדיקן רוסישן לשון. אָבער די גרויסשטאָט־לייט און די דאָרפישע באַפעלקערונג זיינען ווי צוויי שבטים.

יעדעס מאָל, וואָס איך בין אַרויסגעפאָרן פון מאָסקווע און זיך געפונען ערגעץ אין אַ העק — האָב איך געפילט, ווי איך האָב פאַר זיך אַן אַנדער פאָלק, הגם עס רעדט דעם ריינעם לשון פון פּושקין און טורגעניעוו.

צוויי פולע וואָכן האָבן מיר „געררייזט", געזיגזאַגעוועט, געקויפט בילעטן און אויסגענוצט בלויז אַ קליינעם טייל פון זיי, און גלייך געביטן באַנען, מאַרשרוטן, ריכטונגען אַזוי, אַז עס זאָל ניט זיין לייכט אונדז נאָכצושפּירן. אַז מיר זיינען אָנגעקומען אין סאַמאַרע, וואָס אויף דער וואָלגע, האָבן מיר פריי אָפּגעאָטעמט. דאָ האָבן מיר געקויפט בילעטן גלייך ביז טשעליאַבינסק, אין סיביר.

XL

קיין סיביר

אַריין אין וואַגאָן, פאַרנומען פלעצער. איך און זינע האָבן גערעדט צווישן זיך ענגליש, כדי צו זיין זיכער, אַז די פּאַסאַזשירן אין וואַגאָן פאַרשטייען ניט, וואָס מיר ריידן. נאָך אונדז איז אַריין אַ כאַפּטע יונגעלייט אַנגעטאָנענע אין נייע זעלנערשע מונדירלעך. זייער אויסזען, הלבשה און האַלטן זיך האָבן עדות געזאָגט, אַז זיי זיינען פאַרבערענטע קאָמוניסטן און אייפערדיקע אַמביציעזע טשעקיסטן. איך הער זיך צו צו זייערע מעשיות. זיי דערציילן געשיכטעס מכוח זייערע אויפטועכצן אין די צייטן פון בירגערקריג אין אוקריינע, בימי דעניקין און פעטליורע. זיי ריידן מיט בראַוואַדור, מיט באַרימעריי. זיי זיינען פול, צום איבערגיסן זיך, מיט איינגעגלייבטקייט, וואָס דערגרייכט צו פולשטענדיקער זיכערקייט, אַז נאָך אַ יאָר, צום לענגסטן אַ פּאָר יאָר און די גאַנצע בורזשואַזע וועלט וועט בייגן איר גרייזגרויען קאָפּ, וואָס טראָגט אַ נאַראַנים־מיצל, פאַר דער סאָוויעטן־רעפּובליק, וועלכע בויט סאָציאַליזם און וועט גאָר אינגיכן איינפירן קאָמוניזם.

אַלע זייערע פאַרציילונגען האָבן איין אומפאַרמיידלעכן סוף, עס ענדיקט זיך מיט דערשיסן און דערשאָסן ווערן.

איינער באַרימט זיך: מ׳האָט געכאַפּט אויפן פראָנט אַ ווייסגוואַרדיישע שפּיאָנקע. מ׳האָט זי פאַרמשפט אָוועקצושטעלן „צום ווענטל״. זי איז אָבער געווען אַזאַ שיינהייט, אַז די מאַנצבילן, רויטאַרמייער אָדער רויטגוואַרדייער, וועמען מע האָט געשיקט זי צו דערשיסן, האָבן זיך אַנטזאָגט דורכצופירן דעם טויטאורטייל. און די, וואָס האָבן זיך אונטערגענומען אויסצופירן דעם היגריכטונג־באַפעל, זיינען געווען אַזוי אויפגערודערט, צעשרויפט, אַז עס האָט זיי געוואָרפן הענט און פיס און זיי האָבן ניט געטראָפן אין ציל, הגם זיי זיינען געשטאַנען גאַנץ נאָענט פון איר. אַזאַ יפת־תואר איז זי געווען. האָט ער זיך אונטערגענומען אויסצופירן דעם פסק־דין. ער איז צוגעגאַנגען מיט אַ שטייפן טראָט און געהאַלטן דעם רעוואָלווער מיט אַ פעסטער האַנט, איינמאָל אויסגעשאָסן און זי אָוועקגעלייגט. ער האָט אָבער געמוזט, בשעתן טאָן עס, האַלטן די אויגן צוגעמאַכט; אַניט וואָלט ער עס ניט געקענט באַווייזן, אַזוי צויבערנדיק־שיין, אַנלאָקנדיק איז זי געווען.

איך האָב גענומען זיי חושד זיין, אַז זיי דערציילן וועגן זייערע העלדנטאָטן איינער דעם אַנדערן לפנים; באמת האָבן זיי גאָר אין זינען מיינע אויערן. איך האָב זיך געמאַכט ניט־הערנדיק, מערקווערטיק, וואָס אומגעאַכט אויף אַלע טשעקיסטישע שטרענגקייטן און פעולהדיקייט און די מיליציאַנטישע ווילדע חומרות האָב איך דאָך באַוויזן, אומאויסגעפּונענהייט, זיך אַריבערצופּעקלען אויף יענער זייט סאַמאַרע, האָבנדיק ביי זיך אַ פאַלשן פּאַס, וואָס איך האָב ניט געברויכט, הלוואי ווייטער.

איך האָב ניט געוואוסט ווי זיך צו האַלטן אין באַצוג צו מיינע אומגעוואונטשטע שכנים אין קופּע פון וואַגאָן.

איך האָב געטראַכט און איבערגעטראַכט אַזוי: אויב מע פאַרהאַלט מיך
אויפן וועג און מע ווייסט ווער איך בין, וועט מען מיך אָפּשיקן צוריק קיין
מאָסקווע, און פון מאָסקווע וועל איך פּרובירן מיין מזל אַ צווייטן מאָל און
אָפּציען. מיין פאַרלאָזן מאָסקווע, גענומען פאַר זיך, איז דאָך ניט קיין פאַר־
ברעכן, הגם מיין כוונה צו מאַכן פּליטה סטאַרטשעט אַרויס פון דעם... און
מחשבה רעה, שלעכטע געדאַנקען און אָפּזיכטן, ווערן פאַררעכנט פון דער
טשעקאַ ווי שלעכטע מעשים. אָבער דאָך האָט מען מיך ניט געכאַפּט באַ־
גייענדיק אַן אַנטיסאָוויעטישע אַקציע. אָבער טאָמער אַרעסטירט מען מיך
סתם ווילקירלעך, ווייל מיין נאָז איז אַ טשעקאַ־אַגענט ניט געפעלן געוואָרן,
דעמאָלט בין איך אַ פאַרלוירענער. דער ווילדער רעזשים פון „דערזשי־מאָר־
דע"־נוסח האָט געבושעוועט און געוואַלדעוועט אין די פּראָווינצשטעט הונ־
דערט מאָל ערגער ווי אין מאָסקווע. אין דער הויפּטשטאָט האָט די קאָמוניס־
טישע פּאַרטיי נאָך פאַרמאָגט אַ צאָל אינטעלעקטואַלן, וואָס האָבן נאָך, לעת־
עתה, ניט אָפּגעטאָן פון זיך, ניט קוקנדיק אויף דער דיקטאַטור־לערע, די
חרפה. זיי האָבן נאָך געטראָגן אויף זיך דעם צלם־אלקים פון אַ רעוואָלוציאָ־
נער, נאָך געהאַט וויפל־ניט־איז אייגזעעניש מיט אַ טעאָרעטיקער, ווען אַפילו
ער געהערט צו אַן אַנטימאַרקסיסטישער ריכטונג. לכן איז בעסער זיך האַלב
אַנטפלעקן און איבערלאָזן דעם רעשט צום שיקזאַל. מיין התגלות דאַרף ניט
זיין קיין פולע, קיין „ויקרא בשם", אויסזאָגן דעם נאָמען, נייערט בלויז אָנ־
צייגן, אַז מע איז ניט איינער פון דער רויער מאַסע, וואָס מע קריגט אַ טוץ
פאַר אַביסל שמוץ, לאָזן זיי זיך אָנשטויסן, אַז איך האָב „פאַרבינדונגען"
מיט די גדולי המלכות, די נייע שררות.

דאָס האָב איך געטאָן. איך בין מיט אַ כיוון אַריינגעטראָטן מיט זיי
אין אַ שמועס, גענומען נאָכפרעגן אויף פּערזאָנען, וואָס זיינען געווען פּראָ־
מינענט אין יענער צייט אין אוקריינע. זיי האָבן זייער גערן באַפרידיקט מיין
נייגעריקייט, און דאָס האָט זיי געגעבן דאָס עטיקעטישע רעכט צו פרעגן מיך
וועגן די גדולים פון מאָסקווע. פון מיינע ענטפערס איז געווען צו פילן, אַז
איך האָב דירעקטע באַקאַנטשאַפטן מיט די גאָר־גאָר־געהויבענע פּירערישע
פיגורן. דאָס האָט געמאַכט אַ רושם אויף מיינע צוהערער און זיי זיינען איצט
געוואָרן פיל איינגעהאַלטענער און צוריקגעצויגענער.

ווער זיי זיינען געווען איז מיר געווען קלאָר: טשעקיסטן. וואָס זיי טוען
אין דעם וואַגאָן — דאָס איז מיר ניט געווען קלאָר. פאַרשיידענע היפּאָטעזן
האָבן זיך געלאָזט פאַרלייגן, און איך האָב זיי, מיט אַ גלייכער באַרעכטיקונג,
געקענט אָננעמען אָדער אָפּוואַרפן. אָבער זאָגן עפּעס דעפיניטיווס — דאָס
האָב איך ניט געקענט. און דאָ האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ קאָמפּליצירט שפּיל
אין טרעפעניש און שרעקעניש. זייער מעגלעך, אַז זיי האָבן מיך אָנגענומען
פאַר אַ „רעוויזאָר", און די הויט האָט אויף זיי געציטערט. זיי האָבן גע־
מיינט, אַז איך בין געשיקט קיין סיביר מיט אַ געהיימער שליחות און מיט
גרויסע באַפולמעכטיקונגען, געשיקט פון די גאָר הויכע אינסטאַנצן מקיים
צו זיין דעם געוויינטלעכן, אין זייערע ביוראָקראַטישע קרייזן, פּסוק „משפּיל

גאים ומגביה שפלים״. צו איבערטאַשירן די הויכע באַאַמטע אין סיביר. לכן טאָרן זיי מיך פון אויג ניט אַרויסלאָזן. זיי דאַרפן מיר נאָכשפּיאָנירן און אויסגעפינען וועמען איך קאָנטאַקטיר.

דאָס קאַץ־און־מויזשפּיל איז געוואָרן אינטענסיוו און פאַרוויקלט, ווייל קיינער ווייסט ניט, ווער ס׳איז דאָ די קאַץ און ווער ס׳איז די מויז... איך היט זיך פון זיי, זיי היטן זיך פון מיר. זיי ווילן ניט, איך זאָל מערקן, אַז זיי קוקן מיר נאָך. איך, ווייטער, האַלט אויף זיי אַ וואַכזאַם אויג. עס ווערט שפּעט. זיי לייגן זיך שלאָפן. אָבער צוויי בלייבן וואַך צו דעזשורעווען. מיר טוען דאָס אייגענע, איך כאַפּ אַ דרעמל, און זינע בלייבט וואַך. אַז איך טשוכע זיך אויס, לאָז איך זי צושפּאַרן זיך און כאַפּן אַ דרעמל, און איך פּילנעווע. אַזוי גייט אַדורך די נאַכט אין אַ קעגנזייטיקער געשפּאַנטקייט. אויף מאָרגן די זעלביקע מעשה, מיר אָבזערווירן און ווערן אָבזערווירט. דאָס אייגענע טוען זיי, ווי מיר וואָלטן זיך שפּיגלען איינע אין די אַנדערע.

מיר קומען אין טשעליאַבינסק, פאַרנאַכט. איך און זינע שטייגן שנעל אַראָפּ. נעמען אַ צימער אין אַ האָטעל, ניט ווייט פון וואָקזאַל, איבערצוגעכ־טיקן און זיך בעסער פאַרמאַסקירן. אַ פערטל שעה שפּעטער, איך גיי אַרויס אין קאָרידאָר, וועמען באַגעגן איך? די זעלביקע חברה־לייט, זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין דעם זעלביקן האָטעל.

האַלבע נאַכט. אין געהיים ציען מיר זיך אַרויס פון האָטעל, נעמען אַן איזוואָזטשיק, פאָרן אַוועק אין שטאָט, נעמען אַ צימער אין אַ האָטעל, וואָס געפינט זיך אין סאַמע צענטער פון שטאָט. איך פאַרשרייב זיך אונטער אַ פרעמדן נאָמען, וואָס איז געווען מיינער אין מיין פאַלשן פּאַס. ביי דער נאַכט וואַש איך זיך אויס דעם קאָפּ מיט פּעראָקסייד און ווער איינגאַנצן בלאָנד. איך לייג זיך שלאָפן מיט דעם געדאַנק, אַז מיר האָבן זיך אַרויסגעדרייט פון די טשעקיסטן.

אויף מאָרגן, אַז איך בין אַרויס אין קאָרידאָר פון האָטעל, זע איך צו מיין באַוואונדערונג, אַז זיי שטייען־איין אין זעלביקן האָטעל. הייסט עס, אַז זיי האָבן אונדז געהיט און געזען, אַז מיר האָבן זיך אַרויסגעצויגן, און זיי זיינען אונדז נאָכגעפאָרן.

זיי קוקן מיך אָן ווי איך בין דורך נאַכט געוואָרן בלאָנד. זיי ווייזן אָבער ניט אַרויס קיין צייכן פון פאַרוואונדערונג. זייערע פּנימער ווי פאַרשטיינערט.

באַשליסן מיר צו פאַרלאָזן דעם האָטעל, זיך אַרויסגנבענען אין איילע־ניש און אַוועק אין אַ רעסטאָראַן און דאָרט וואַרטן, ביז עס וועט זיין צייט צו גיין צום וואָקזאַל און זיך איינשאַפן בילעטן קיין אירקוטסק. מיר פירן אַדורך אונדזער באַשלוס. מיר זיצן און עסן, — ערשט די חברה־לייט קומען אַריין, זעצן זיך ביי אַ טישל ניט ווייט פון אונדז.

עס איז קלאָר, אַז זיי שפּיאָנירן אונדז נאָך. אָבער וואָס זיינען זייערע אינסטרוקציעס? דאָס איז פאַר מיר אַ רעטעניש. איך מאַך זיך, אַז איך זע זיי ניט אָדער איך דערקען זיי ניט. זיי טוען דאָס אייגענע — זיי באַגריסן מיך ניט, ווי מיר וואָלטן זיין ווילד פרעמדע, הגם מיר האָבן פאַרבראַכט

צוויי טעג אין איין וואַגאָן און זיך געמיט אייגער דעם אַנדערן אָפּצופרי־צעווען.

מילא, הייסט עס, אַז זיי זיינען ספּעציעל געפאָרן פון סאַמאַרע מיך צו באַגלייטן... און מע דאַרף דערוואַרטן דעם פונאַנדערבונד פון קניפּל.

זינע איז זיכער, אַז מען וועט אונדז באַלד אַרעסטירן. מאַכט זי מיר אַ פאָרשלאַג, אַז איך זאָל אַרויס און פאַרשווינדן, זי וועט בלייבן אין רעסטאָ־ראַן, ווען די טשעקיסטן זיין זיכער, אַז איך קום באַלד אַריין צוריק און זיי וועלן מיך ניט נאָכפאָלגן. און זי וועט זיך לאָזן אַרעסטירן.

איך וואַרף אָפּ איר פּלאַן. ערשטנס בין איך ניט זיכער, אַז זיי גייען מיך באַלד אַרעסטירן; אויב דאָס איז זייער אָפּזיכט, איז וואָס האָבן זיי גע־וואַרט? זיי האָבן עס געקענט טאָן אויפן וועג פון סאַמאַרע, אָדער גלייך ביים אַרויסשטייגן פון וואַגאָן. ווייטער: אויב זיי וועלן מיך יאָ אַרעסטירן, וועלן זיי ניט וואַגן מיך ליקווידירן דאָ אויפן אָרט; זיי וועלן מיך אָפּשיקן קיין מאָסקווע. און מאָסקווע איז נאָך אַלץ מאָסקווע... מע שעמט זיך אַביסל פאַר לייטן, אַביסל פאַרן אייגענעם געוויסן, איך בין דאָך פאָרט אַן אינוואַליד פון דער אָקטאָבער־איבערקערעניש.

אָט־די געדאַנקען קלינגען נאַריש־נאַאיוו אין ליכט פון די געשעעענישן פון 1936־37, ווען קעפּ פון די פּאַרטייפירער זיינען געסעטקעוועט געוואָרן ווי זיי וואָלטן געווען קעפּלעך קרויט. אָבער מיר האָלטן אין תחילת 1925, און פאַר יענעם פעריאָד זיינען מיינע רעיונות און אויסרעכענונגען געווען גאַנץ רעאַליסטיש.

איצט איז עס אַן אָפענע שפּיל. פּרובירן אויסבאַהאַלטן זיך האָט ניט קיין זינען. זיי וועלן אונדז גלייך געפינען. לכן וועלן מיר גלייך פון דאַנעט נעמען אַן איזוואָזטשיק און פאָרן אויפן וואָקזאַל. און זאָל פּאַסירן, וואָס עס וועט פּאַסירן.

דער וואָקזאַל איז געווען איבערגעפּאַקט מיט פּראָספּעקטיווע פּאַסאַ־זשירן, וואָס ווער ווייסט, ווען זיי וועלן קריגן אַ בילעט ביי דער קאַסע, מיט די גליקלעכע פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן געצאָלט אַ טאָפּלטן פּרייז און האָבן, מעשה נסים, יאָ געקראָגן בילעטן, ווען דער פאַרקויפער ביי דער קאַסע האָט געהאַלטן אין איין פאַרזיכערן, אַז די בילעטן זיינען שוין זינט עטלעכע טעג אויסגעפאַרקויפט; דערצו האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן עטלעכע ציווילע און מיליטערישע פּראָווינציעלע „גרויסע שישקעס".

דער וואָקזאַל האָט אויסגעזען ווי אַן איבערגעפילטער הקדש אָדער אַן הכנסת־אורחים אין אַ קליין שטעטל אין תחום־המושב, הגם דער זאַל איז געווען פון גאָר היפּשע פּראָפּאָרציעס.

פּויערים אין לאַפּטשעס און אין שטיוול מיט זייערע הויזגעזינטן ליגן אויסגעשפּרייטע אויפן דיל, ערטערווייז אויסגעבעט מיט צייטונגען, ערטער־ווייז הויל. עס טראָגן זיך גערוכן פון ווינדעלעך נאַסע פון השתנה. אַלטע לייט, מיטליאָריקע לייט זיצן זיך בהרחבההדיק אויף דער פּאָדלאָגע, זייערע העמדער אויסגעטאָן און לויזן זיך בפני כל עם ועדה. קליינע קינדער באַנעצן

זיך און טוען אָפּ נאָך עפּעס ערנסטערס. מוטערס רייניקן זיי. אַנדערע זיצן מיט צעעפנטע בוזעמס, מע זויגט די עופּעלעך. אייגנטלעך איז דאָ ניט פאַראַן וואו אַ ריר צו טאָן זיך, בלויז אַ שמאָלער דורכגאַנג, אַ שטעג איז אָפּגעראַמט. דער שטעג ציט זיך פון אַריינגאַנג ביז צו דער קאַסע וואָס איז צוגעמאַכט און דער ווײַדל ציט זיך אַרויס פון וואָקזאַל אויף אַ גאַנצן בלאָק אויסערן וואָקזאַל. שטעלן זיך אין ריי האָט ניט קיין זינען, ווייל די קאַסע עפנט זיך אויף אַ ווײַלע און מאַכט זיך גלייך צו און אַן אויפשריפט זאָגט אייך: די בילעטן פאַר היינט אויספאַרקויפט, קומט מאָרגן. און יעדער מאָרגן איז אַ היינט.

געקומען אויפן וואָקזאַל איז צוגעקומען צו מיר אַ „נאָסילשטשיק" (באַגאַזש־טרעגער) און האָט מיר פאַרגעלייגט צוויי בילעטן קיין אירקוטסק, זיי דערקענען זייערע קונדן, פאַר אַן עקסטרא פרייז.

שטייען מיר, איך און זינע, שוין אויף דעם פּעראָן און וואַרטן, דער צוג זאָל אָנקומען. דער צוג וועט אָנקומען מיט אַ פאַרשפּעטיקונג פון אַ היפּשע ביסל שעהן, אָבער ער וועט אָנקומען. ערשט די חברה־לייט זײַנען דאָ. וואו קען מען פון דיר, טשעקאָ, אַנטלויפן, זיך אויסבאַהאַלטן, אַז וואו מען גיט זיך אַ קער זײַנען דײַנע אַגענטן פאַראַן. זי איז אין דער בחינה פון דעם אַלמעכטיקן און אומעטומיקן.

צוויי צוגן קומען אָן אויף אַמאָל. איינער גייט צוריק קיין סאַמאַרע, דער צווייטער אויף דער צווייטער ליניע, גייט קיין אירקוטסק. זיי גייען אַריין אין וואַגאָן, ער נעמט זיך רירן. זיי פאָרן אָפּ מיט עטלעכע מינוטן פריער. איך טראַכט, מסתמא האָבן שוין אַנדערע איבערגענומען זייער מיסיע פון שפּיאָנאַזש. זיי האָבן עס דורכגעפירט צו פאַרטאַטשנע. זיי האָבן זיך ממש געוואָרפן אין די אויגן, ניט אָפּגעלאָזן מיך אויף איין מינוט.

פון טשעליאַבינסק ביז אירקוטסק האָבן מיר געהאַט אַן אינטערעסאַנטע רייזע. עס זײַנען געפאָרן מוזיקער אויף אַ קאָנצערט אין טאָקיאָ. צווישן זיי זענען געווען פּראָפעסאָרן פון פּעטראָגראַדער (לענינגראַדער) קאָנסערוואַטאָריע. מיר האָבן פיל געשמועסט. די מוזיקער פלעגן צוויי מאָל אַ טאָג אַרויס פון די וואַגאָנעס, זיך אַוועקשטעלן אין די דורכגאַנגען צווישן די וואַגאָנעס און זיך איבן, כדי זייערע פינגער זאָלן ניט איינגעשלאָפן ווערן אונטערוועגנס און אויך זייערע אינסטרומענטן זאָלן ניט פאַרראַצט ווערן. זיי זײַנען זיכער געפאָרן מיט שמירה. מע וועט ניט אַרויסלאָזן אַזאַ כנופיה פון קינסטלער אָן טשעקיסטן־באַגלייטער. און אַזוי ווי איך האָב אויך געהאַט טשעקיסטן, האָב איך געטראַכט, זיי זאָלן זיך ניט צעמישן מיט די יוצרות.

אַז איך בין שוין ביז אַהער דערפאָרן, וועל איך שוין מסתמא באַווײַזן דורכצוגנבענען די גרענעץ.

מיר זײַנען אַרומגעפאָרן דעם באַיקאַל. לעגענדאַרע שיינקייט. די סאָפּקעס דוכט זיך שטייען און רויכערן קטורת צו דעם גאָט פון דער זון.

זכות־אבות

געקומען אין אירקוטסק אַ פּאָר טעג פאַר פּסח 1925. געקראָגן אַ צימער אין ניט קיין טייערן האָטעל. איבערגעלאָזן זינען ווי מיין שטיק טרפות. איך האָב נאָך אין מאָסקווע באַשלאָסן, אַז די גרענעץ גיי איך אדורך מיט זכות־אבות, ד. ה. מיט דער הילף פון רבנים. אַ שפּיצל. וואָס דער טשעקאָ וואָלט קיינמאָל ניט איינפאַלן. אין אירקוטסק גיב איך זיך אַ טו אויס פון מיין גאַנצער רעוואָלוציע־פאַרגאַנגענהייט און טו זיך אָן אין מיין „פּאַרצייטיקן" אוואַטאַר. דאָס הייסט, איך ווער אַ בן־הרב, וואָס האָט קלאָמפּערשט ספּעקולירט אין לענינגראַד אויף דער בירזשע, פּשוט, שוואַרצן מאַרק. און איך מוז אַפּציען ניט ווי אַ רעוואָלוציאָנער, וואָס די טשעקאָ רופט קאָנטערעוואָלוציאָנער, נייערט ווי אַ ספּעקולאַנט. אין יענער צייט האָט דזשערדזשינסקי זיך טאַקע אַ נעם געטאָן צו אָט דער געלט־חברותא און האָט געוואָלט אָפּרייניקן פון זיי אי מאָסקווע און אי לענינגראַד. און איך בין איינער פון אָט־דער כנופיה. דאָס איז מיין איינגעחזרטע ראָלע. און אין זכות פון מיין פאָטער זיינען די כלי־קודש בכל אתר ואתר מחויב מיך, אַ בר אבוהן, צו ראַטעווען, וואָס מיינט העלפן מיט ראָט און טאָט. אָבער ניט מיט געלט, איך קען דאָך ניט זיין קיין נצרך, וויבאַלד מיין ראָלע איז פון אַ רייכן ספּעקולאַטאָר.

שטעל איך אָפּ אַ גוי אין גאַס און פרעג אים, וואו ס׳געפינט זיך דאָ ערגעץ אַ יידישע שול. פאַרוואָס שטעל איך אָפּ אַ גוי? ווייל קיין יידן זעט מען ניט אין גאַס. זיי זיינען געווען גאָר אַ קליינער פּראָצענט.

דער ערשטער צוקט מיט די ברייטע אַקסלען: ער הייבט ב־ט אָן צו וויסן, ווי קומט צו אים אַ סינאַגאָגע?! דער צווייטער צעפּירט מיט די הענט ווי פאַרלאָרן, ער ווייסט, וואָס דאָס איז, אָבער ווייסט ניט, וואו דאָס איז. דער דריטער ווייסט יאָ. עס איז פאַראַן אַ באַזונדער כוח אין דרייאיקייט. איך בין געווען זיכער, אַז איך וועל זיך סוף כל סוף דערפרעגן.

איך קום אַריין אין שול. אַ שיינער בנין, רחבותדיק. דער סופּיט אַ הויכער; העַנגלייכטער מיט אַלע שול־סימנים. איך בין שוין אַזויפיל יאָרן ניט געווען אין אַ יידישן מקום קדוש. אָבער אַ גירסא דינקותא ווערט דאָך ניט פאַרגעסן. איך טרעט ווי אַן אייגענער — אַ בן־הרב! ניט קיין קלייניקייט! ס׳איז ערב־פּסח אין שול. מע ראַמט, מע קערט, מע בעזעמט, מע באַרשט, מע רייניקט, מע שייערט די מעשענע לייכטער. עס אַרבעטן, נאַטירלעך, גויעס. אָבער עס גיט אויף זיי אַכטונג אַן אַלטער מאַן מיט אַ גרייז־גרויער באָרד און אַ פּאָר שיינע ליכטיקע אויגן, וואָס האַלטן אין איין שלווהדיק שמייכלען. איך פאַרשטיי, אַז ער איז דער שמש. איך וואָלט שווערן, דאָס איז דער אַלטער תנחום, וואָס האָט מיך, אַ ייִנגל פון אַ יאָר עלף, אָפּגעפירט אין ישיבה אין אַסטראָוו. ער פלעגט כסדר זאָגן טשיקאַווע וויצן און ווערטלעך. אַ פּירוש אויפן ראַ״ש האָט באַטייט אַ פאַרד, ער האָט געגוצט נאָך אַ סך

אַזעלכע לומדישע אָריגינעלע שפּראַכלעכע איינפאַלן. און גרוי איז ער געווען פונקט ווי אַט־דער שמש.

— ר׳ ייד, וואָס זוכט איר? — ווענדט ער זיך צו מיר.

— איך זוך אַ רב.

— מיר האָבן אין שטאָט צוויי רבנים, אַ מתנגדישן און אַ חסידישן; וועלכן דאַרפט איר?

איך טראַכט: וואָס ווייניקער מע דאַרף זיי, אַלץ מער זיינען זיי אין אָנבאָט. אייגנטלעך דאַרף איך אַ רב אַ שמוגלער, אַ קאָנטראַבאַנדיסט, אָבער דאָס וויל איך דאָך אים ניט זאָגן. קלער איך, אַז אפשר פּאַר מיינע עסקים איז חסידות בעסער פון מתנגדות. ווער ווייסט, אַליין בין איך אַ פאַרברענ־טער מתנגד, אָבער די גאולה וועט אפשר גיכער קומען פון אַ חסיד, וואָס זאָגט ויצמח פורקנו ויקרב משיחו.

— דעם חסידישן, — ענטפער איך אַנטשלאָסן.

דער שמש שטויבט זיך אַרום. איך רוק אים אַריין אין יד אַ זילבערנע מטבע און מיר לאָזן זיך גיין.

עס איז ניט ווייט. ער האָט מיך צוגעפירט ביז דער טיר און מיך אי־בערגעלאָזט.

איך קום אַריין. אַ רב כמו שנאמר, מיט אַ לאַנגער שוואַרצער באָרד מיט גרויע פעדים איבערגעפלאָכטן. אַ הויכער שטערן. אַ לאַנגע זשופּיצע. קלוגע אויגן. אַ הדרת־פּנים.

איך זאָג אים, ווער איך בין. יאָ. ער האָט געהערט פון הרב ר׳ יהודה לייב גאָרדין, אַ רב אַ גאון און אַ גרויסער משכיל. אַלץ איז גוט.

איצטער דערצייל איך אים מיין טרויעריקע געשיכטע. איך האָב זיך קוים אַרויסגעריסן פון די טשעקאַ־ציין און נעגל, געראַטעוועט דעם נפש און זיי איבערגעלאָזט דעם רכוש. איצט מוז איך מאַכן פּליטה, שוואַרצן די גרע־נעץ. איך דאַרף אַ יידן אַ שמוגלער, וואָס זאָל מיך דורכפירן. דאָס אַלץ. פאַר זיין טרחה און ריזיקע בין איך גרייט צו באַצאָלן. איך וויל ניט קיין אומ־זיסטע טובות.

— רבי, איך ווייס, אַז איר ווייסט ווער די שמוגלער זיינען דאָ אין דער יידישער געמיינדע. ווען מיין פאָטער איז דאָ מרא דאתרא, וואָלט ער זיי זיכער געקענט; לכן זאָגט מיר ניט, אַז איר ווייסט ניט; אַז איר קענט זיי ניט. און זאָגט מיר אויך ניט, אַז עס איז אַ פאַרברעכן, קרימינאַל. מיין פאָ־טער, כדי אַרויסצוראַטעווען אַ יידן פון גויישקע הענט, איז באַגאַנגען אַ סך אַזעלכע און ענלעכע פאַרברעכנס. מיין פאָטער פלעגט זאָגן: מע האָט נאָך קיין רב קיין סיביר אין קייטן ניט פאַרשיקט, וועט מען מיך אויך ניט פאַר־שיקן.

איך זע, דער רב איז דערשטוינט פון מיין געוואַגטן אַרט ריידן און פון מיין דירעקטן אָנגריף. ער איז אין אַ פאַרלעגנהייט. ער קווענקלט זיך: אָפּ־זאָגן — וויל ער ניט, צוזאָגן — האָט ער מורא.

איך האַלט שמאָל: גיי איך נאָך דרייסטער אָן מיט דער אַטאַקע; איך

לאַז אין גאַנג מיין שאַרף קול־יעקבדיק געווער. איך הייב אָן צו ריידן צו אים העברעאיש.

אַז ער האָט דערהערט מיין העברעאיש, איז דער רב צעגאַנגען פון מתיקות. איצטער איז ער זיכער, אַז איך נאַר אים ניט; און איך בין ניט קיין אונטערגעשיקטער אים מכשיל צו זיין אַזוי, אַז ער זאָל אַריינפאַלן אין טשעקאַ.

— זייט אַזוי גוט, רעדט שטילער; מיין זון קען דערהערן. ער איז אַ קאָמוניסט.

האָב איך מיט אים מיטלייד. מיין טאַטע האָט זיך אויך גענוג אָנגע־ליטן פון זיינע בנים.

גיט איך אַ זאָג אים צו מאַכן פילן בעסער:

— „ואת עמלנו אלו הבנים", — אַ שטיקל פון דער הגדה אַרויס.

דער רב פאַרבעט מיך, איך זאָל קומען צו אים אין קלויז, וואו ער לערנט מיטן עולם אַ פרק משניות.

איך זאָג־צו צו קומען.

מיר האָבן זיך פריינטלעך צעשיידט. עס גייט אויף אַ דרך.

איך טראַכט: איך דאַרף אַראָפּוואַרפן פון זיך מיין קאָמיסאַרן־פּעלצל און זיך אָנטאָן ווי אַ לייטישער מענטש. ביז איצט האָט דאָס פּעלצל געטאָן דינסט, אָבער איצטער גייט עס אַריבער אין זיין ווידערשפּרוך, עס שטערט. אַ פּעלצל אין סאָוויעטרוסלאַנד איז אויך באַהאַוונט אין הלכות דיאַלעקטיק, הגם לענין האָט געזאָגט, אַז אַפילו בוכאַרין האָט ניט געקענט באַהערשן ווי ס׳דאַרף צו זיין אָט־די תורה פון סתירות.

איך בין אויעק און איינגעהאַנדלט אַ פיינעם באַלעבאַטישן מאַנטל. אין דעם מאַנטל בין איך געקומען אין קלויז. אַז ער האָט מיך דערזען אין מיין גייעם לבוש, האָט ער ערשט דערבליקט אויף מיר דעם צלם אלקים. איך האָב אויסגעזען, ווי אַ יידישער לייטישער מענטש.

ער האָט מיך פאַר קיינעם פון זיינע געמיינדע־מיטגלידער, פאַרשטייט זיך, ניט פאַרגעשטעלט. איך האָב זיך צוגעקוקט צום עולם. גענומען אויס־שיילן פון דעם רבים איינצלנע פערזאָנען.

האָבן מיך אַ פאַרפלייץ געטאָן זכרונות פון מיינע קינדעריאָרן. לאַנג פאַרגעסענע בילדער זיינען אַרויפגעשוואומען צו דער אויבערפלאַך פון גע־דעכעניש. אויגוסטאָוו, — מיין טאַטנס צווייטע רבנות. איך — אַ קליין קינד. איך האָב האַלט צו קומען אָפּט אויף אַ באַזוך צו דער שול און דערהויפּט צום שול־הויף. בנוגע דער שול האָט עקזיסטירט ביי מיר אַן אַמביוואַלענץ פון געפילן. די געביידע האָט אימפּאָנירט, צוגעצויגן, אָבער אויך אָנגעשראָקן מיט אירע מתים, וואָס קומען אַהין ביי דער נאַכט און וואָס דער שמש צע־טרייבט אינדערפרי, ווען ער קלאַפּט אָן מיטן שליסל דריי מאָל אין דער מאַסיווער טיר. אַ פּחד־פּחדים האָט אויך אָנגעוואָרפן דאָס שטעלכל, וואו עס איז געשטאַנען די מיטה און דאָס טהרה־ברעט. אָבער דער הויף איז געווען אַ מחיהדיקער; אַ ברייטע לאַנגע לאָנקע באַוואַקסן מיט גראָז ווי אויסגע־

בעט מיט גרינעם סאַמעט. אויפן הויף איז אויך געווען אַ ברונעם, און אַהין פלעגט אין די פריפאַרטאָגן קומען אַ ייד, אַ פּאַטריאַרך, מיט אַ ברייטער, לאַנגער, שיינער זילבערנער באָרד. פון אַט־דעם ברונעם פלעגט ער אָנשעפּן און אָנטרינקען זיין ווייס פערד. דער ייד האָט אויסגעזען ווי אַן אַלטער רב, גאָר פון די פאַרצייטיקע גאונים, אָבער פסח האָט מיר געזאָגט, אַז ער קומט פון סיביר. ער איז געווען אַ פערד־גנב.

קוקנדיק אויף די פאַרזאַמלטע יידן, זיצנדיק אַרום די טישן מיט די אָפענע משניותן פאַר זיי, איז מיר געקומען אויפן געדאַנק אַט־יענער שיינער ייד, וואָס האָט געפּאָיעט זיין פערד דווקא פאַר שחרית אין שולהויף.

און נאָך אַ „סיביריאַק" האָט אַרויפגעטויכט. דאָס איז שוין אין אָס־טראָוו. אויף אים האָבן די ייִנגלעך מיר געזאָגט, אַז ער האָט געהרגעט אַ מענטשן, דערפאַר האָט מען אים פאַרשיקט אין סיביר. ער איז אָפּגעווען זיין לאַנגן טערמין און געקומען צוריק. ער האָט געבראַכט מיט זיך אַ מטמון מיט געלט, „ממון קורח". און ער איז געוואָרן אַ כלל־טוער. מיר, קונדסים, אַז מיר פלעגן זיך רייצן מיט אים, פלעגן מיר אים נאָכשרייען: „הלהרגני אתה אומר כאשר הרגת את המצרי" (שמות ב', י"ד), מיינסטו מיך צו דערהרגענען ווי דו האָסט דערהרגעט דעם מצרי? ער, דער סיביריאַק, פלעגט ווערן פון דעם פסוק אַן אויפגעקאָכטער. ער פלעג טזיך יאָגן נאָך אונדז; האָט ער גע־כאַפּט אַ ייִנגל אַ שטיפער, האָט ער אים שיער ניט דורס געווען.

ער פלעגט געבן היפש צדקה. מיין מוטער פלעגט ביי אים אַרויסקריגן היפשע סומעס אָנזעקצוגעבן גמילות־חסדים פאַר נויטבאַדערפטיקע, פאַר באַ־לעבאַטים, וואָס זיינען, לא עלינו, געוואָרן יורדים. ווען מ'האָט געבויט די נייע ישיבה און מ'האָט געזוכט אַ פּלאַץ, וואו צו שטעלן די בית־הכסאות, און ער איז געווען איינער פון די, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיטן אויספּלאַ־נירן דעם בנין, האָט ער געזאָגט: ניט געזאָרגט; איך ווייס, וואו צו שטעלן די אָפּטרעטן, „עלי ועל צוארי".

אין אַט־די פּנימער האָב איך געזען פאַרצענדליקטע רעפּליקעס פון די פּנימער פון יענע צוויי סיבירער יידן, וואָס איך האָב געקענט אין מיין ייִנגל־שאַפט.

דער רב האָט מיט זיי געדאַוונט מעריב. דערנאָך געלערנט מיט זיי אַ פּרק משניות. זיי האָבן זיך ניט צוגעהערט און, אפשר, פשוט, ניט פאַרשטאַ־נען זיין לשון. צו זיי האָט מען געדאַרפט ריידן דעם יידיש פון „כי תצא למלחמה... וראית בשביה אשת יפת תאר, וחשקת בה ולקחת לך לאשה" (דברים כ"א, י"־א) — אַז דו וועסט וויכאַדיען אין וואָינאַ אַריין און וועסט אוּאוּוידיען אַ זשענשטשינע, אַ קראַסאַוויצע... און דו וועסט האָבן אַ סטראַסט צו איר, זאָלסטו זיך זשעניען אויף איר...

דער רב האָט גערעדט אַ שיינעם רבנישן יידיש, וואָס איז ניט געווען פאַר זייערע אויערן.

זיי האָבן מיך אָנגעקוקט מיט חידוש ווי די מלאכים משהן, ווען ער איז אַרויפגעקראָכן אויפן הימל און געפרעגט: וואָס ס'טוט דאָ צווישן אונדז אַט־

דער ילוד־אשה, דער געבוירענער פון אַ רביצין? איך האָב זיך געפילט אין אַ פאַרלעגנהייט, דער רב האָט זיך געפילט מאָדנע, האַלב פאַרשעמט, וואָס ער איז נעבעך אַ רב ביי אַזאַ עדה יידן, וואָס יעדער פון זיי האָט אַ פּיקאַנטע פאַרברעכערישע פאַרגאַנגענהייט.

אויפן וועג צוריק זאָגט צו מיר דער רב:

— קומט צו מיר מאָרגן.

פאַרשטייט זיך, אַז איך בין געקומען און היפש פרי אויך. איך בין געווען אומגעדולדיק. און געוואָלט וואָס פריער זיך אַרויסכאַפּן פון דעם תפיסה־לאַנד.

הקיצור ער זאָגט צו מיר:

— פון אירקוטסק וואו קענט איר אָנקומען? אין מאָנגאָליע, וועט איר דאָך ווידער אַריינפאַלן צו די באָלשעוויקעס. איז וואָס טויג עס? אַט־די גרע־נעץ־ליניע איז ניט פאַר אייך.

— איז וואָס זאָל איך טאָן, רבי?

— פאָרט פון דאַנעט אָפּ קיין בלאַגאָוויעטשענסק.

— ווי וועל איך דאָרט דורכגיין? איך קען קיינעם ניט.

— איר וועט טאָן וואָס איר האָט דאָ געטאָן, איר׳ט גיין צום רב.

ער האָט מיר געגעבן אַ פּיאַטאַק, אַ גרויסע קופּערנע מטבע, איך זאָל זי אָפּגעבן אַן אָרעמאַן, אַז איך וועל אָנקומען אין אַמעריקע.

— איצטער, — זאָגט ער צו מיר גאַנץ ערנסט, — זייט איר אַ שליח לדבר־מצווה, און „שליחי מצווה אינם ניזוקין לא ביציאתן ולא בחזירתן" (קידושין ל״ט), די, וואָס ווערן געשיקט צו טאָן אַ מצווה, ווערן ניט געשע־דיקט, ניט ווען זיי גייען אַהין און ניט ווען זיי קערן זיך אום צוריק; איר וועט, בעזרת השם יתברך, אָנקומען בשלום; און אָט האָט איר מיין ברכה.

האָב איך דען וואָס מורא צו האָבן פאַר דער טשעקאַ, אַז איך בין פאַר־פאַנצערט מיט אַ בפירושן מאמר חז״ל!

מיר האָבן זיך געזעגנט און איך האָב אים אַריינגערוקט אין האַנט דריי רובל.

— אַז איר וועט זיך אַזוי וואַרפן מיט געלט, וועט איר ניט האָבן גענוג צו דערפאָרן ביז אַמעריקע.

דער רב איז געווען אַ קלוגער. ער האָט געטראָפן. דאָס איז טאַקע גע־ווען דער פאַל. פון שאַנכאַי האָב איך טעלעגראַפירט, מע זאָל אַרויסשיקן געלט מעגלעך צו מאַכן מיין דערפאָרן. אָבער דאָס איז אַן עפּיזאָד, וואָס ליגט מחוץ פון אַט־דעם באַנד.

מיר פאָרן קיין בלאַגאָוויעטשענסק. עס איז אַ היפשער מהלך. בלאַגאָ־וויעטשענסק געפינט זיך אויפן סאַמע גרענעץ פון מאַנדזשוריע; זי איז סי־טואירט אויפן טייך אַמור.

מיר פאָרן מיט דער באַן, וואָס קוים זי רירט זיך, אָבער זי רוקט זיך פאָרט. אינמיטן וועג, — אין דער סאַמע וויסטעניש, וואו מ׳זעט ניט קיין זאַך אויסער זאַמד און זאַמד און אַ קאַלטער ווינט, האַלב שטורעמדיק, בלאָזט

און טראַגט אין זיין פּיסק און אויף זיינע אומזיכטבאַרע פליגלען גאַנצע פלאַכטעס זאַמד און ער צעוואַרפט עס ווי ער וואָלט עס פאַרזייט מיט אַ געוואַי, — גיט זיך דער צוג אַ שטעל־אָפּ. טשעקיסטן נעמען לויפן פון וואַגאָן צו וואַגאָן. מע שטייט אַזוי אָפּ עטלעכע שעה. אַלע זיינען געבליבן זיצן אויף די ערטער, ווי צוגעשמידטע. בלויז די טשעקאַ־אַגענטן לויפן פאַרשמאַיעטע. איך און זינע זיינען זיכער, אַז דאָס מיינט מען אונדז. אָבער דאָ איז דאָך לית ברירה. מען קען ניט אַרויסשטייגן. די וואַגאָנעס זיינען פאַרשלאָסענע, און סיי ווי קען מען דאָ ניט אַראָפּ. עס איז אַ זאַמדיקער מדבר: מע זעט ניט קיין הייזער, קיין פלאַנצן, קיין מוטער בן־אדם און קיין נפש חיה און קיין אָנוואונק אויף אַ יישוב.

זיץ איך און טראַכט: וועט גאָרניט פּאַסירן און אַלץ וועלן מיר איבערקומען בשלום, ווײַל איך זאָגן אַז דעם רבי׳ס „פּיאַטאַק" האָט אונדז געהיט און געראַטעוועט.

דריי שעה אָפּגעשטאַנען. מסתמא האָבן זיי געוואַרט אויף אינסטרוקציעס פון צענטער און, אפשר, ווייסן זיי ניט סתם וואָס זיי טוען. דער צוג נעמט זיך רירן, ברוך השם יתברך. אָט לאָזט ער זיך שוין גיין אַ גאַנג. וואָס זיינען זיי אַרומגעלאָפן אַהין און אַהער, ווי משוגעים, — האָבן זיי מיך געזוכט? האָבן זיי עמעצן אַנדערש געזוכט? האָבן זיי געפונען, וועמען זיי האָבן געזוכט? צוליב וואָס איז מען אָפּגעשטאַנען גאַנצע דריי שעה אין מיטן אַ וויסטעניש — פראַגעס קען איך פרעגן פיל, אָבער איך זע ניט קיין ענטפער.

אָנגעקומען בשלום אין בלאַגאָוויעטשענסק חול־המועד אין אָוונט.

געפונען אַ שול... געפונען אַ יידן אַ שמוגלער. ער האָט געבעטן 75 רובל אין טשערוואָנצעס פאַר מיר און די אייגענע סומע פאַר זינען. דאָס איז געווען אַ היפּשע סומע, אָבער אַזוי ווי איך האָב אויסגעטראַכט, אַז איך האָב געהאַנדלט מיט וואַליוטע, בין איך דאָך אַ רייכער יידל, מעג איך באַצאָלן דעם ריכטיקן פּרייז. אין צוגאָב האָב איך אים אָוועקגעגעבן אויך מיין האַלבן פּעלצל.

דער ייד האָט מיך באַריסן, סיידן ער האָט גענומען פאַר דער ריזיקע, און דאָס איז דאָך אַן עפּעס, וואָס איז ניט אָפּצושאַצן לויט אַ ווירטשאַפטלעכן סטאַנדאַרט.

וואָס האָט דער ייד געטאָן?

ער האָט מיך און זינען איבערגעגעבן צו אַ גוי, וואָס ער האָט עס אונדז געדאַרפט דורכפירן די גרענעץ אויפן אייז. דער טייך אַמור איז נאָך געשטאַנען.

איך האָב באַצאָלט אין פאַרויס 150 רובל אין טשערוואָנצעס. מע האָט געדאַרפט מיך דורכפירן אינמיטן דער נאַכט. אָבער קיינער האָט זיך ניט באַוויזן. איך בין געווען זייער אומרואיק. איך האָב צוגעלאָזן דעם געדאַנק, אַז דער ייד האָט ביי מיר אויסגענאַרט דאָס געלט. ער האָט זיך אָבער באַוויזן אויף מאָרגן אין האָטעל און מיר דערקלערט, אַז עס איז געווען מיין

גליק, וואָס איך בין ניט געגאַנגען יענע נאַכט, אַכט מענטשן האָט מען דער־שאָסן.

איך האָב אַ טראַכט געטאָן: אפשר איז דאָס געווען דער פּלאַן פון דער טשעקאָ: מיר נאָכצושפּירן ביז דער גרענעץ און דערשיסן מיך ביים אַרי־בערגיין. זיי וועלן פּטור ווערן פון מיר, און קיינער וועט ניט זיין שולדיק. דאָס איז ניט קיין פּאָליטישער מאָרד.

דער שמוגלער האָט נאָך דעם טראַגישן דורכפאַל מיט די אכט קרבנות, באַשלאָסן צו בייטן די טאַקטיק. דער פּויער וועט אונדז דורכפירן אינמיטן העלן טאָג, פּונקט צוועלף אַזייגער, ווען די וואַכלייט גייען עסן און ריכטן זיך ניט, אַז עמיצער זאָל שוואַרצן די גרענעץ ווען מען קען אים זען. קומען אונדז נעמען וועט אַ גויע מיט אַ פערד און וואָגן. זי וועט אונדז ברענגען צום ברעג פון טייך. איבערלאָזן אין די קזשאַקעס. דאָרטן וועט אונדז אי־בערנעמען איר מאַן מיט אַ יונגן זון, אַ שייגעצל פון אַ יאָר צוועלף, און זאָל זיין מיט מזל און מיט גליק.

אויף מאָרגן איז די גויע געקומען. מיר האָבן געוואַרט אויף איר. זי האָט אָנגעטריבן. הינטער דער שטאָט האָט זי אונדז אָנגעזאָגט, אַז אין פאַל מען שטעלט אונדז אָפּ און מען פרעגט, וואוהין מיר פאָרן, זאָלן מיר זאָגן, אַז מיר פאָרן זוכן אַ „דאַטשע" פאַר דעם זומער.

איך האָב, פאָרנדיק מיט איר, זיך פונאַנדערגעפרעגט וועגן זייערע שטור־ביקע אָנגעלעגנהייטן, זיי זיינען פּויערים. זיי אַרבעטן שווער. שלאָגן זיך קוים דורך. דאַרפן אָבער צאָלן הויכע „פּאָדאַטקעס". זייערע פאַרדינסטן קלעקן צו שפּייזן בדוחק די עטלעכע מיילער פון זייער הויזגעזינט. וואָס זאָלן זיי, נעבעך, טאָן? פאַרנעמען זיי זיך מיט אריבערפירן מענטשן איבער דער גרע־נעץ און וואָס זיי מאַכן, גיבן זיי אָפּ דער סאָוויעטרעגירונג.

זי האָט מיך און זינען געבראַכט צום ברעג פון טייך אָמור. מיר האָבן זיך פאַרשטעקט אין די קוסטעס. ווי נאָר זי איז אָפּגעפאָרן איז צוגעקומען אַ הויכער גוי אָנגעטאָן אין אַ קאַזשוך ווי אַ פּויער. מיט אים איז געווען אַ שייגעצל.ביידע האָבן געטראָגן טאָרבעס, כדי די זאַך זאָל אויסזען אומ־שולדיק: זיי גייען איינקויפן אָדער פאַרקויפן עפּעס אויף דער מאַנדזשוריער זייט.

די זון האָט געשיינט. דער אייז באַדעקט מיט שניי האָט געפינקלט אונ־טער די פיס מיט טויזנטער בריליאַנטן. דער גוי האָט אונדז געהייסן אים נאָכגיין, שפּרייזן פּאַמעלעך, ביז מיר קומען נאָענט צום מיטן פון טייך, וואו עס גייט אַדורך די גרענעצליניע. ווי מיר זיינען צוגעקומען צום מיטן טייך, האָט ער אַ געשריי געטאָן: ביעזשאַט! (לויפן). ער האָט זיך געלאָזט לויפן ווי אַ וויכער און מיר נאָך אים מיט דער גאַנצער שנעלקייט, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט אין אונדזערע פיס, וואָס זיינען אין דעם מאָמענט, ווען זיי האָבן דערשמעקט די נאָענטקייט פון פריייהייט, עפּעס ווי באַפליגלט געוואָרן.

מיר זיינען צוגעלאָפן צום קעגנזייטיקן ברעג, צו דער מאַנדזשוריער זייט. מאַנדזשוריע האָט שוין דעמאָלט, מיר האָלטן אין 1925, באַלאַנגט צו כינע.

דאָ איז דאָס אייז געווען אָפּגעגאַנגען אין אייניקע פּלעצער. מיר זיינען געבליבן שטיין אין פאַרלעגנהייט און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. די וואַכלייט קענען, נאָכן קומען צוריק, אָנהייבן שיסן. מע דאַרף זיך אָפּטראָגן מיט די ביינער וואָס שנעלער. וואָס טוט מען? דאָס וואַסער איז אפשר ניט טיף אָבער זיכער קאַלט און מיר, די גרויסע העלדן, פון אַזאַ טבילה וואָלטן אַן אַ לונגענאָנטצינדונג ניט אַרויס. וואָס טוט מען?

גרייט דאָך דער אייבערשטער צו די רפואה פאַר דער מכה, שיקט ער אונדז אליהו הנביאן אין דער געשטאַלט פון אַ כינעזישן פורמאַן מיט אַ ליידיקן שליטן. ער שליטלט זיך סתם איבערן טייך. מיר נעמען מאַכן מיט די הענט. ער האָט פאַרשטאַנען, וואָס מיר פאַרלאַנגען פון אים. מיר האָבן זיך אַריינגעזעצט אין זיין רחבותדיקן שליטן און אַריינגעפאָרן אין מאַנדזשוריע. די וואַכלייט אויף דער כינעזישער זייט האָבן אונדז ניט אָפּגעשטעלט. דער פורמאַן האָט עפּעס געבורטשעט. צו מיין אויער האָט זיין ריידן געקלונגען גאָר ניט ווי אַן אַרטיקולירט לשון. אָבער אָט־די גרילצנדיקע טשיקאַווע פאַר קלאַנגען האָבן געעפנט פאַר אונדז דעם טויער — פון אַנטרינונג.

איך בין געווען גליקלעך, איבערגליקלעך. אַנטרונען, זיך געראַטעוועט. איך בין גרייט בוכשטעבלעך צוצופאַלן צו אָט־דער פרעמדער קאַלטער ערד און זי קושן.

זינע האָט געהאַט אַ גאָלדענעם זייגערל. אַ ירושה־זאַך אין איר משפחה. זי האָט עס אויפשנעל אַראָפּגעכאַפּט פון געלענק און עס אָפּגעגעבן דעם גוי, אונדזער דורכפירער. איך האָב אים געגעבן טרינקגעלט אַ טשערוואָנעץ, ד.ה. צען רובל. איך בין געווען כמעט ווי זיכער, אַז דער שמוגלער נעמט פאַר זיך דאָס גאַנצע געלט, און אים, דעם גוי, גיט ער אַ שיבוש. דער גוי האָט מיר געזאָגט, אַז ער גיט אים צו דריי רובל פאַר פּערזאָן.

די זון האָט געשיינט. דער הימל איבערן קאָפּ איז געווען לויטער אַן אַ שפּרענקעלע פון אַ וואָלקנדל. און אין קאָפּ האָבן זיך געטראָגן לויטערע געדאַנקען:

— מיר וועלן איבערגעבן דער אַרבעטערשאַפט דעם ריכטיקן גרויס, אָפּמאָלן דאָס אויטענטישע בילד פון סאָוויעטנלאַנד.

אין מיין נאַאיוויטעט האָב איך געמיינט, אַז די ראַדיקאַלע אינטעליגענץ און די אַרבעטער־פירערס האַלטן אָפּן מויל און אויערן צו הערן, וואָס די ראַדיקאַלן־עמיגראַנטן האָבן צו זאָגן וועגן דעם קאָמוניסטישן רעזשים...

אויסגאַבן ביידער בוך־געמיינשאַפט ביי דער ייִדישער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט

וואַלענטין גאָמעס, 2969 בוענאָס איירעס

פראַנסיסקאָ פעררער — די מאָדערנע שול, 200 זייטן
רודאָלף ראָקער — די ראַציאָנאַליזאַציע פון דערווירטשאַפט און דער אַר־בעטער־קלאַס, 168 זייטן
לואידזשי פאַברי — עררינקאָ מאַלאַטעסטאַ — זיין לעבן און זיינע סאָציאַלע אידעען, 84 זייטן.
א. מילער־לעהנינג — שטאַט און מאַרקסיסזם, 32 זייטן
ע. מאַלאַטעסטאַ — אין קאַפע־הויז, 120 זייטן.
א. י. זאַקוסקי — י. ל. פרץ, 64 זייטן
רודאָלף ראָקער — נאַציאָנאַליזם און קולטור — 744 זייטן.
רודאָלף ראָקער — אין שטורעם, 840 זייטן
יונה גאָראָדיסקי — דוד עדעלשטאַט, 32 זייטן
אבא גאָרדין — זכרונות און חשבונות, 1טער ב., 460 זייטן
אבא גאָרדין — זכרונות און חשבונות, 2טער ב., 464 זייטן
א. אלמי — אין געראַנגל פון אידייען, 226 זייטן

אויסגאַבן פון דער ייִדישער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט

כאָסע אַנטיטש — פראַנסיסקאָ פעררערס פעדאַגאָגיע, 30 זייטן
זשאַן גראַוו — בורזשואַזע און פרייהייטלעכע דערציאונג, 28 זייטן
סעבאַסטיאַן פאָר — ווערטער פון אַ דערציער, 96 זייטן
פ. אוראַלעס — די פרייע שול, 30 זייטן
י. פ. עלסלאַנדער — אַ באַזוך אין אַ מאָדערנער שול, 43 זייטן

¿Qué es el antisemitismo? (Encuesta mundial) 80 págs.
I. N. Steinberg – Lo que hemos perdido, lo que hemos ganado.
I. L. Peretz – Esperanza y temor.
I. A. Merison – El hombre y las circunstancias.
J. Zhitlovsky – ¿Qué es la cultura laica judía?
S. Niger – Literatura y guerra.
Simón Dubnov – Hacia dónde vamos.
Abraham Menes – La idea de la dignidad humana en la tradición judaica.

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA

Copyright by:
ABA GORDIN, New York

Hecho el Depósito que marca la Ley

INDUSTRIA ARGENTINA

Este libro se terminó de imprimir el 15 de octubre de 1957, en los Talleres Gráficos de JULIO KAUFMAN, S.R.L., Corrientes 1976, B. Aires

ABA GORDIN

REMINISCENCIAS Y REFLEXIONES

Editado por:

"Bujguemeinschaft bai der Idischer Razionalistischer Gueselschaft"

BUENOS AIRES — 1957